STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02359

SHLIHES IN MOSKVE

Mordecai Namir

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי נמ ו

שליחות אין מאסקווע

דער האַניק־חודש און די יאָרן פון צאָרן

יידיש: י. צ. שארגעל

001

1973

אַרויסגעגעבן: החברה המאוחדת לפרסומים והדפסה בע"מ

SEP 16 1977

מרדכי נמיר

שליחות במוסקבה

תרגם: י. צ. שרגל

MAY 27 1976

הדפוס: החברה המאוחדת לפרסומים והדפסה בע"מ
תל־אביב, רחוב הרכבת 52

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין פאָטער און לערער
יצחק בן מנחם מענדל נעמיראָווסקי
וואָס איז נפטר געוואָרן אויף זיין וואָנדער־וועג אין די סיבירער וועלדער, אנטלויפנדיק פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, איז דאָרט באַגראָבן געוואָרן און קיינער ווייסט נישט ווו זיין קבר איז.

און דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין מאַמע און דערציערין מיינע,
בתיה בת יהודה לייב באמאר
וואָס איז געשטאָרבן אין כערסאָן,
בעת כ׳האָב שוין געהאַלטן ביים סוף פון די צוגרייטונגען זי ארויפצוברענגען קיין ארץ־ישראל.

דער האַניק־חודש
און די יאָרן פון צאַרן

★

דאָס בוך פון אומאָפּשאַצלעכן ווערט

דאָס דאָזיקע בוך פון מרדכי נמיר איז באַזירט דער עיקר אויף פאַרצייכענונגען און באַריכטן, ווי זיי זענען אין זייער צייט געשריבן געוואָרן, דאָס מיינט אין די ערשטע יאָרן נאָכן אויפקום פון דער מדינה, אין וועלכע ס'איז אויסגעפאַלן דער „האָניק־חודש" פון אונדזערע באַציאונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד און אויך — צו אונדזער באַדויער — דער סוף פון דעם דאָזיקן „חודש", און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קער צו אָפּקילונג פון אַט די באַציאונגען צווישן די צוויי מדינות. דאָס, דוכט זיך, איז די הויפּט־אייגנשאַפט פון אַט דעם בוך — אין וועלכן ס'איז געבליבן פאַרהיט די פרישקייט פון דער איבערלעבונג און דער איינדרוק, אַזוי ווי מיר האָבן זיי דאַן געלעבט און זיך באַאיינדרוקט און נישט ווי א צוריקבליק אויפן סמך פון דערפאַרונג, וואָס קומט ערשט דערנאָך. אויך ווען דאָס בוך וואָלט דערשינען מיט יאָרן צוריק, וואָלט עס אויך דאַן געווען אַ דבר בעתו (און איך האָב טאַקע עטלעכע מאָל צוגערעדט מרדכי נמירן, ער זאָל דאָס טאָן). אָבער אין די איצטיקע טעג, בעת די פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן

אין אַן ערשט־ראַנגיק פּראָבלעם אין מיטעלן מזרח און אין אַן עיקר־שטרויכלונג ביים דערגרייכן דעם שלום, און בעת דער ווילן פון די ראַטנפאַרבאַנדישע יידן עולה צו זיין קיין ישראל קומט עפנטלעך צום אויסדרוק אויף א געוואַגטן און דראַמאַטישן אופן, דורך זיי גופא — פאַרמאָגט אָט דאָס בוך אַן אומאָפּשאַצלעכן ווערט, מיטן איבערגעבן די פּרטים פון אונדזערע ערשטע שריט, ווי פאַרשטייער פון מדינת ישראל אין דער רעזידענץ פון ראַטנפאַרבאַנד.

פאַראַן אין דעם בוך עטלעכע קאַפּיטלען, וואָס באַציען זיך אויך צו מיין חלק אין אָט דער שליחות. ווייל איך נישט איבערחזרן דאָס, וואָס כ׳האָב שוין געזאָגט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן וועגן דער טיפקייט פון דער דאָזיקער איבערלעבונג. אָבער עס ווילט זיך מיר דערמאָנען דעם לייענער די דעמאָלטיקע ווירקלעכקייט, די אַטמאָספער וואָס האָט ארומגענומען אָט די שליחות. מיר זענען אַרויס צו איר מיט געפילן פון אימה און דערוואַרטונג. אין ארץ־ישראל איז דער באַפריי־אונגס־קריג נאָך נישט געווען געענדיקט. די שלאַכטן האָבן זיך געפירט אויף אַלע פראָנטן. אונדזער מדינה, וואָס איז נאָר־וואָס אויפ־געקומען, האָט זיך געגויטיקט אין יעדן ביסעלע סימפּאַטיע, אין יעדן ברעקל שטיצע, הילף. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט דאַן געהאַט אַנגענומען כלפּי אונדז א קלאָרע פּאָזיטיווע שטעלונג און איז געווען אויף אונדזער זייט אין אונ״אָ און אויף אַנדערע אָפּשניטן — פּראַקטישע, דיפּלאָמאַ־טישע און אויפקלערערישע. פון דאַנען אונדזער דערוואַרטונג: ווער ווייסט — אפשר הייבט זיך טאַקע אָן אַ נײַ קאַפּיטל? אפשר איז באמת פאַרגעקומען אַן ענדערונג צום גוטן אין דער שטעלונג פון די סאָוויעטן צום אויפלעב פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל? בעת מיר האָבן זיך געלאָזט קיין מאָסקווע איז שוין דער סאָוויעטישער געזאַנדטער גע־ווען אין ישראל, און זיין עצם קומען האָט אויפגעהויבן אין אונדזער געזעלשאַפט כוואַליעס פון סימפּאַטיע און האָפענונג. פאַר אונדזער אַרויספאַר האָבן זיך צו אונדז געווענדעט ישראלדיקע קולטור־אַנ־שטאַלטן און אונדז געבעטן מיר זאָלן פאַר זייערטוועגן אַנקניפּן באַ־ציאונגען מיט זייערע סאָוויעטישע קאָלעגן: דער פילהאַרמאָנישער אָרקעסטער האָט געבעטן, מיר זאָלן פאַר אים שאַפן נאָטן, מוזיקאַלישע ווערק, גאַסטראָלן פון סאָוויעטישע סאָליסטן; די „הבימה״ האָט גע־בעטן, מיר זאָלן זיך באַמיען, אַז עס זאָלן קומען צו איר עמעץ פון די באַרימטע סאָוויעטישע רעזשיסאָרן, וואָס זאָל דאָ שטעלן עטלעכע פּיעסן... און נאָך, און נאָך. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן די אַלע בקשות און נאָך אַנדערע, אויף טעכנישע און פּראַקטישע געביטן, צוגעשטעלט צו די געהעריקע סאָוויעטישע אַנשטאַלטן, מיר האָבן אָבער פון זיי גאָרנישט נישט באַקומען.

ס׳איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז אונדזער פּחד האָט זיך דער עיקר באַצויגן צו דער פאַרויסגעזעענער באַגעגעניש מיט די ראַטנפאַר־

באַנדישע יידן. מיר האָבן זיך אָן אויפהער געפרעגט: געפינען זיך נאָך דאָרט יידישע יידן? זענען נאָך אַזעלכע יידן געבליבן? כ׳האָב געוווסט, אַז דאָס עיקרדיקע אָרט ווו מיר וועלן זיך טרעפן מיטן יידישן ציבור וועט זיין דאָס בית הכנסת. האָב איך דעריבער פאַרלאַנגט פון אַלע מענער אין אונדזער דעלעגאַציע, זיי זאָלן זיך באַזאָרגן מיט טליתים און תפילין. וועגן גורל פון אָט דער איבערלעבונג וועט דער לייענער דאָ געפינען אַ געטרייע און פּרטימדיקע שילדערונג. איצט ווייסן מיר שוין אַלע, אַז דאָס איז געווען דער אַריינפיר צו אַ נייַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די רוסישע יידן, דערפאַר אויך אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און זיין מדינה, אַ קאַפּיטל, וואָס אויך היינט, מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר שפּעטער, זענען מיר נאָך אַלץ אין זיין אָנהייב און ווייט פון זיין סוף — אָבער היינט איז שוין נישטאָ מער קיין אָרט פאַר דער דאָזיקער שרעק־אָנוואָרפנדיקער פראַגע, וואָס האָט דאַן געבריזט אין אונדזער האָרץ. היינט ווייסן מיר שוין קלאָר, אויסער יעדן ספק, ווי ווייט יידיש עס זענען די יידן אין סאָוויעטישן רוסלאַנד.

איך האָף, אַז מרדכי נמיר וועט מיר מוחל זיין, אויב איך וועל זיך אָפּשטעלן בקיצור אויך אויף זיין פּערזענלעכקייט און אויף דעם באַזונדערן אָרט, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער דאָזיקער שליחות.

איך האָב אים געקענט, פאַרשטייט זיך, שוין אַ סך פריער. כ׳האָב מיט אים געאַרבעט אַ סך יאָרן. אָבער מ׳קען נישט פאַרגלייכן דאָס בשותפותדיקע אַרבעטן מיט דער בשותפותדיקער איבערלעבונג. מענטשן ווערן צוגעבונדן איינער צום צווייטן מיט אַ שטאַרקן צובונד, אפשר אויף אייביק, בעת זיי זענען חברים צו וואָפן, שטייען צוזאַמען אַנטקעגן טויט, אָדער „זיצן” צוזאַמען אין תפיסה. מיר האָבן געהאַט אַ שותפותדיקע איבערלעבונג, וואָס אין איר תוך האָט אַ סך נישט געפעלט פון דעם אַלעם. די ערשטע באַגעגעניש מון די פאַרשטייער פון דער יידישער מדינה מיטן סאָוויעטישן יידנטום איז געווען אַ שטומע. בלויז די אויגן האָבן גערעדט. אָבער די דאָזיקע מינוט, די מינוט פון ווייצער און פרייד, לעבט און וועט לעבן אין מיין האַרץ אַזוי לאַנג איך וועל לעבן, און איך בין זיכער, אַז זי לעבט און וועט לעבן אויך אין נמירס האַרץ. דאַנק איך אים פאַר דעם, וואָס ער האָט דאָס אַלץ אויפגעשריבן.

מרדכי נמיר האָט אָנגעהויבן זיין שליחות אין מאָסקווע ווי אַ ראַטגעבער פון דער געזאַנדשאַפט. און ר׳איז טאַקע געווען איר נאָענטסטער און באַגלייבטסטער ראַטגעבער — נישט נאָר אין פּאָליטישן זין. איך האָב זיך נישט גערירט און נישט געשטעלט קיין איין טראַט אָן צו באַראַטן זיך מיט אים, אָן זיך אַרויסצוהעלפן מיט זיין באַטראַכטונג, זיין עצה און זיין גוטער חברשאַפט. און דאָס, סיי צוליב זיינע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן און סיי צוליב זיין רוסיש קענען, נישט נאָר

די שפּראַך נאָר אויך די רוסישע קולטור און געשיכטע, און אויך דעם כאַראַקטער פון רוסישן פאָלק און זיינע געננ. דערפאר, אַז כ'בין גע־רופן געוואָרן זיך צוריקצוקערן אין לאנד אריין און אַריינטרעטן אין דער רעגירונג, איז ביי מיר נישט געווען קיין ספק, אַז מרדכי נמיר איז דער פּאַסיקסטער מאַן אויפן פּאָסטן פון הויפּט פון אונדזער פאַרשטייערשאפט אין מאָסקווע.

כ'בין זיכער, אַז דאָס דאַזיקע בוך וועט זיך דורכשניידן אַ וועג צו ברייטע קרייזן פון אונדזערע לייענער־מאַסן, וועמענס גרעסטע מער־הייט איז נאָך דאָן נישט געווען אין לאַנד, אויך צו די, וואָס זענען נאָך דאָן נישט געווען אויף דער וועלט, אָדער נאָך נישט געווען רייף בעת עס זענען פאָרגעקומען די דאָזיקע ווייטע און וואונדערלעכע גע־שעענישן, וואָס ווערן דאָ דערציילט. און איך האָף, אַז עס וועט נאָך קומען אַ טאָג — מיר וועלן אים זוכה זיין, נישט געקוקט אויף אַלץ — נישט נאָר פון א פרייער עליה פון די ראטנפארבאנדישע יידן, נאָר אויך פון פריינטלעכע באציאונגען און פון א פארשטענדעניש מיט דער דאָזיקער מעכטיקער מלוכה, וואָס דער גורל פון א גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק איז אַזויפיל דורות פאַרבונדן מיט איר גורל.

גאָלדע מאיר

אַרייַנפֿיר

אין די ערשטע פּאַזן פֿון אָרגאַניזירן דאָס נייַע ישׂראל, ביי בלוטיקע קאַמפֿן פֿאַר דעם אַנהייב פֿון איר קיום, האָב איך זוכה געווען פֿאַררעכנט צו ווערן צו אירע ערשטע דיפּלאָמאַטישע פֿאָרשטייער. און נישט נאָר דאָס, אַ באַזונדערער זכות איז מיר בייגעשטאַנען צו געהערן צו דעם סטעף פֿון אונדזער ערשטער פֿאָרשטייערשאַפֿט אין דער רעזידענץ פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד — פֿריער ווי אַ ראַטגעבער ביי דער ערשטער געזאַנדטער אונדזערער, אונדזער היינטיקער פּרעמיערין פֿרוי גאָלדע מאיר, דערנאָך ווי דער באַפּולמעכטיקטער און איר שטעלפֿאַרטרעטער, און צום סוף, אין משך פֿון אַנדערהאַלבן יאָר, ווי דער געזאַנדטער פֿון ישׂראל — סך הכל זיבנאונצוואַנציק חדשים. דערביי בין איך געווען אַ שותף צו דער זעלטענער אויפֿשטורעמדיקער איבערלעבונג פֿון דער באַגעגעניש פֿון דער ישׂראלדיקער זעלבשטענדיקייט מיט דעם דאָזיקן רייכן אין ליידן און יסורים אָבער אויך רייך אין גלויבן מענטשן־קיבוץ, וואָס זיין נאָמען איז: דאָס סאָוויעטישע יידנטום.

פֿאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז די האַרבקייט פֿון דער טראַגעדיע פֿון אָט דעם יידישן קיבוץ איז אין אַ געוויסער מאָס אַ רעזולטאַט פֿון דער עצם עקזיסטענץ פֿון ישׂראלדיקער זעלבשטענדיקייט, וואָס איר באַנייאונג איז גראָד צוזאַמענגעקומען מיט דער אומפּאַרגעסלעכער אַקטיווער הילף פֿון דער סאָוויעטישער רעגירונג. פֿאַר יעדן פֿאַל, אויב פֿון יאָר צו יאָר פֿאַרשטאַרקן זיך די אָפּקלאַנגען פֿון דעם דאָזיקן יידנ־טומס געראַנגל, ביז צו דעם, אז היינט איז דאָס קול העכער און עס אַלאַרמירט פֿון איין עק וועלט ביזן צווייטן, איז ־אָס אין אַ גאָר גרוי־סער מאָס א דאַנק דעם קיום, געראַנגלענישן און אויסווירקונגען פֿון דער מדינה ישׂראל. דאָס דערשיינען פֿון אַן אָפֿיציעלער אָנערקענטער ישׂראלדיקער פֿאָרשטייערשאַפֿט אין מאָסקווע, אין יאָר 1948, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין לעבעדיקן סימבאָל פֿאַר דעם אָנהייב פֿון דער דאָזיקער אויסווירקונג, און מיר זעגען נאָך ווייט פֿון צו זען אירע לעצטע רעזולטאַטן.

דאָס דאָזיקע בוך איז נישט קיין בוך פֿון זכרונות, אויך נישט פֿון קיין אַריינטראַכטונגען אָדער שטימונגען. דאָס איז אַ דאָקומענטאַר בוך, וואָס נעמט אַרום דעם צייט־אָפּשניט פֿון מיין שליחות אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד, פֿון שפּעט־זומער 1948 ביזן סוף פֿון יאָר 1950 — דאָס ערשטע בוך, און דערווייל דאָס איינציקע, וועגן דער דאָזיקער תּקופֿה. זיין סדר איז נישט געבונדן מיטן קאַלענדאַר פֿון די געשעענישן, ניי־ערט צום תּוכן פֿון די טעמעס. ער איז כמעט אינגאַנצן באַזירט אויף אויטענטיש מאַטעריאַל: בריוו, מעמאָראַנדומס און טעלעגראַמעס וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט צום פֿאַרשטאָרבענעם אויסערן־מיניסטער משה שרת, און צום דירעקטאָר פֿון דער דעמאָלטיקער מזרח־אייראָפּעאישער

אָפּטײלונג בײ אונדזער אויסערן־מיניסטעריום, דער פֿאַרשטאָרבענער שמואל אלישיב (פרידמאַן), און אביסל אויך צום געוועזענעם גענע־ראַל־לײטער פֿון אונדזער אויסערן־מיניסטעריום אין יענער צײט, מר וואַלטער איתן. איך האָב אויך אין אים ארײנגענומען אביסל דאָקו־מענטאַרן מאַטעריאַל, וועלכן מײנע קאָלעגן אין דער געזאַנדשאַפֿט האָבן אין יענער צײט אַרויסגעגעבן, און אויך טײלן פֿון באַריכטן און איבערזיכטן וואָס איך האָב איבערגעגעבן בעת מײנע וויזיטן אין ישראל אין דער תקופֿה פֿון מײן אמטירן, אָדער תיכף נאָך דעם. די זאַכן ווערן דאָ אין זײער מערהײט געבראַכט אַזוי ווי זײ זענען פֿאַקטיש געווען. דאָס מײנט אינעם סטיל ווי זײ זענען דאַן געשריבן און אַרויסגעשיקט געוואָרן, כּמעט אָן ענדערונגען (אויסער אײניקע ענינים וואָס עס איז נאָך נישט געקומען די צײט זײ צו פֿאַרעפֿנטלעכן). און כאָטש איך האַלט זיך נאָך בײ דער עיקרדיקער אָפּשאַצונג און בײ אירע הויפּט־ווערסיעס, איצט ווי דעמאָלט, איז פֿאַרשטײט זיך נישט חל די דאָזיקע שטעלונג לגבי אַלע אײנצלהײטן אין דעם בוך.

בײם צוגרײטן דאָס בוך האָב איך זינען געהאַט צו ברענגען פֿאַרן לײענער־עולם אַ מין געזאַמל פֿון מקורות, וואָס קאָן אין אַ גע־וויסער מאָס העלפֿן באַלײכטן שליסל־קאַפּיטלען אין די באַציִאונגען פֿון ישראל מיט דער קאָמוניסטישער וועלט, אין דער פּאָליטישער אויפֿפֿירונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער „ברענענדיקער פֿראַגע" — די פֿראַגע פֿון סאָוועטישן יידנטום, און זײער געראַנגל פֿאַר דער צוגעהעריקײט צום יידישן פֿאָלק און צו מדינת ישראל. אין אַט דער באַפֿאַרבונג ווײט אפֿשר קאָנען דאָס בוך עפּעס וואָס בײשטײערן צום פֿאַרטיפֿן דאָס באַנעמען דעם דאָזיקן געראַנגל מיט זײן הינטערגרונט, זײנע טרײב־כּוחות און זײנע אויס־זיכטן.

עס איז פֿאַר מיר אַן אָנגענעמער חוב אויסצודריקן אַ דאַנק צו אַלע די מענטשן, וואָס האָבן מיר געהאָלפֿן, ווער מער, ווער ווײני־קער, בײם אויסזיפֿן, אײנסדרן און צוגרײטן דאָס דאָזיקע בוך צום דרוק, און דעם פֿאַרלאַג „עם עובד", וואָס האָט נישט געשפּאָרט קײן מי בײם צוגרײטן עס אין דער געהעריקער פֿאָרם און עס אַרויסגעגעבן אין עברית.

דער מחבר

קאפיטל איינס

סאָנדירונגען אין די קאָמוניסטישע לענדער

א ביסל פרע־היסטאָריע. די שליחות אין פעברואר 1948 אין פראָג: אַ דעקלעראַציע פון זאַפּאָטאָצקין. אין סאָפיע: דער קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען. באַגעגענישן מיט יידן אין פאָלקס־בולגאַריע. דער נייער רעזשים אין רומעניע און זיין באַציאונג צום זעלבשטענדיקייט־קאַמף פון ישראל. ווידער קיין רומעניע, אין יולי 1948. דער הסכם פון די „צען פונקטן" מיט אנא פּאוקער. דער הסכם אין אויספּרווו פון פארווירקלעכונג.

ווי אַ מענטש, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד און איז במילא געווען גוט באַקאַנט מיט דער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור פון דעם לאַנד; ווי אַ ייד, וואָס האָט באַוויזן צו פאַר־ברענגען עטלעכע פון זיינע בעסטע יוגנט־יאָרן אין שאָטן פון סאָוויעט־טישן רעזשים — כאָטש פאַרנעמענדיק זיך מיט „פאַרבאָטענער" אינ־טענסיווער ציוניסטישער טעטיקייט — בין איך אין געבורט־פּעריאָד פון אונדזער מדינה פאַרגעשלאָגן געוואָרן דורך משה שרת, אין רע־זולטאַט פון פריערדיקע געשפּרעכן — ווי אַ מין קאַנדידאַט פאַר אַ שליחות אין די לענדער פון קאָמוניסטישן בלאָק. אין אָנהייב, אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1948 איז דאָס געווען א שליחות פון דער באַ־וועגונג; דערנאָך, אין די זומער־חדשים — אַ פּאָליטישע און אין אַ געוויסער מאָס זיכערהייטלעך־געשעפטלעכע שליחות; נאָך דעם, סוף זומער, האָט דאָס ישראלדיקע אויסערן־מיניסטעריום ארויפגעלייגט אויף מיר די דאָזיקע ערשטע געוואָגטע דיפּלאָמאַטישע שליחות קיין מאָסקווע — וואָס דאָס איז דער עיקר אינהאַלט פון אָט דעם בוך.

אין אָט דעם ערשטן קאַפּיטל וועל איך דערציילן וועגן די שליחותן און קאָנטאַקטן אין וועלכע איך האָב אָנטיילגענומען אין דער תקופה פון איידער עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אונדזער ערשטער דיפּלאָ־מאַטישע פאַרשטייערשאַפט אין ראַטנפאַרבאַנד. זיי האָבן זיך דער

עיקר קאָנצענטרירט אין רומעניע, בולגאַריע און טשעכאָסלאָוואַקיע. און דאָס באַשרייבן זיי אין די ראַמען פון דעם אָ בוך איז אויפן אָרט, נישט גראָד צוליב אויטאָביאָגראַפישע מאָטיוון. דאָס וועט אפשר, לויט מיין מיינונג, צוגעבן נאָך אַ געוויסע דימענסיע צו די הויפּט־ענינים וועלכע איך וויל אין המשך פונעם בוך אויספּרייטן — און ווייניק־סטנס אביסל פון די פאַקטן און איינדרוקן פון יענע טעג, קענען מיט וואָס נישט איז צוהעלפן יעדערן וואָס וויל זיך אָריענטירן אין דער קאָמפּליצירטער און פאַרפלאָנטערטער פרשה פון אונדזערע באַצי־אונגען מיט דער קאָמוניסטישער וועלט.

איך וועל אָנהייבן מיט אַ ביסל „פּרע־היסטאָריע״.

פון זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן ציוניסטישע פּאַר־שטייער געפּרוּווט געפינען אַ וועג צו אַ קאָנטאַקט מיטן לאַגער פון וועלט־קאָמוניזם. אַזעלכע איניציאַטיוון האָבן זיך אַרויסגעוויזן אויך מצד דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט נאָך אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן דעלעגירט קיין מאָסקווע דוד בן־גוריונען, צו עפענען דאָרט אַ הסתדרות־פּאַוויליאָן אויף אַ סאָוויעטישער אויסשטעלונג. אין משך פון דער צייט איז באמת געלונגען דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג דורכצוהאַקן אַ שפּאַלט אין דער טויבער מויער פון דער אַנטי־ציוניסטישער פּאָליטיק פונעם ראַטנ־פאַרבאַנד, און זי איז געווען די, וואָס האָט זיך אָן אויפהער באַמיט צו שפּינען דעם פּאָדעם פון דעם דאָזיקן קאָמפּליצירטן און איידעלן געוועב.

די ערשטע אָפיציעלע שוועלב פון דערנענטערונג מצד מאָסקווע, קען מען דוכט זיך זען אין דעם באַזוך פון צוויי סאָוויעטישע דיפּלאָ־מאַטן, די הערן פּעטרענקאָ און מיכאילאָוו, פון סאָוויעטישן קאָנסולאַט אין אַנקאַראַ. זיי זענען געקומען צו אונדז אין לאַנד סוף 1941, אין שייכות מיטן צוגרייטן אַ צוזאַמענפּאָר פון „ליגאַ ווי״, און ווי דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט פון תל־אביב—יפו, האָב איך זיי אויפ־געטומען אין מיין וווינונג. אין יאָר 1943 האָט באַזוכט דאָס לאַנד בעת אַ טראַנזיט־רייזע, דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט א. מאַיסקי, וואָס האָט זיך דאַן געטראָפן מיט דוד בן־גוריון אין קרית ענבים א.א. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אויך כדאי צו דערמאָנען די קאָנטאַקטן פון די „ליגאַ ווי״־דעלעגאַציעס, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אין די יאָרן 1943־44 קיין טעהעראַן, כדי איבערצוגעבן די אַמבולאַנסן, די מתנה פון „יישוב״ פאַר דער רויטער אַרמיי. די צווייטע דעלעגאַציע פון דער „ליגע״ האָט געציילט זעקס פאַרשטייערס — אַלע הסתדרות־חברים: ד״ר מ. ישי, משה ערעם, י. ריפטין, ציזלינג, אהרון (ראַניא) ראַבינאָוויטש און ד״ר מאַנדלבערג. אונדזער חבר, דער פאַרשטאַרבע־נער ראַניא ראַבינאָוויטש, וואָס איז אויך געווען איינער פון די אָנ־טיילנעמער אין יענער באַגעגעניש מיט די סאָוויעטישע פאַרשטייערס,

וועלכע איז פאָרגעקומען אין מיין וווינונג סוף 1941, האָט נאָך דעם אויסגעפילט אַ וויכטיקע ראָלע אויף דעם קאָנגרעס פון פאַראייניקטן פראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז אויפגעקומען נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג און האָט מיט דער הסכמה פון די רוסן באַשטימט אַ פּרינציפּיעלע פּאָזיטיווע באַציאונג צו אונדזער ענין אין ארץ־ישראל.

אין יענע טעג האָט נאָך געהערשט אין דער ארץ־ישראלדיקער געזעלשאַפטלעכקייט דער וויכוח אַרום דעם בילטמאָר־פּלאַן און דער פאָדערונג אויפצוריכטן ארץ־ישראל ווי אַ יידישע מדינה. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעגאַנגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַר־בעטער־באַוועגונג דער וויכוח וועגן אויפלעבן די אינטערנאַציאָנאַלע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז זינט צענדליקער יאָרן גע־ווען געשפּאָלטן. אויף דעם הינטערגרונט האָבן זיך אָנגעהויבן די צו־גרייטונגען צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן, אין פעברואר 1944 — דאָס הייסט העכער אַ יאָר פאַרן סוף פון דער גרויסער מלחמה. אויך די הסתדרות איז געווען צווישן די קערפּער־שאַפטן, וואָס זענען פאַרבעטן געוואָרן צו דעם צוזאַמענפאָר, און אירע פירערס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויף צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם, וואָס וועט דאָרט זאָגן דער פאָרשטייער פון דער הסתדרות אין דער יידן־פראַגע.

און דאָס זענען די רייד פון דוד בן־גוריון אויף יענער זיצונג, לויטן סטענאָגראַפישן פּראָטאָקאָל:

„אויף דעם דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענקום פון די אַר־בעטער פון דער וועלט מוז דער יידישער אַרבעטער דערשיינען אין זיין גאַנצער הייך, טראַגנדיק מיט שטאָלץ די פאָן פון זיין פאָלק, וואָס רופט צו קיבוץ גלויות און צו פולער זעלבשטענדיקייט אין פאָטער־לאַנד... נישט די אָדער יענע פּראַקציע וועט אויפטרעטן (אויפן צו־זאַמענקום), נאָר די הסתדרות אין גאַנצן גענומען — און די הסתדרות ווי אַ גאַנצע איז מחוייב צו ברענגען דאָס וואָרט פון פאָלק אין זיין אַלץ ארומנעמענדיקן, גאַנצן און פולן אויסדרוק".

פאַקטיש האָט בן־גוריון פאָרגעשלאָגן צו שטיצן די פאָלגנדיקע באַשלוסן ווי אַן אינסטרוקציע וואָס פאַרפליכטעט די הסתדרות־דעלע־גאַציע אויפן צוזאַמענפאָר:

א. וועגן אויפשטעלן די אַלוועלטלעכע אַרבעטער־אייניקייט, וואָס זאָל אין זיך אַרייננעמען די אַרבעטער פון אַלע לענדער, אָן אויסנעם.

ב. וועגן די פאָדערונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָגן:

1. עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר יידישער עליה.

2. איבערגעבן דער יידישער אַגענץ (סוכנות) די מאַכט איבער דער עליה אין לאַנד אַריין און איר געבן די גאַנצע קאָמפּעטענץ וואָס

פאָדערט זיך אויף צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד און זיין אויפבוי, אַריינ־גערעכנט די נישט־באַארבעטע און נישט־באַזעצטע באָדנס.

3. עטאַבלירן ארץ־ישראל ווי אַ יידישע קאָמאַנוועלט, אַן איינגעגלי־דערטע אין דעם נייעם דעמאָקראַטישן געבוי פון דער וועלט.

ג. פאָדערן פון די ארבעטער פון אַלע לענדער און פון זייערע רע־גירונגען א דרינגענדיקע און ענערגישע אַנשטרענגונג צו ראַטעווען אַלע יידן וואָס געפינען זיך אין די לענדער פון נאַצישער אָקופּאַציע.

דאָס איז געווען א דורכדרינגענדיקער וויכוח, וואָס האָט רעזו־מירט די פאַרהאַנדלונגען אין דעם אַ גייסט, מיט א מערהייט פון 24 שטימען קעגן 20, וואָס עס האָט באַקומען דער קעגן־פאַרשלאָג פון ציזלינגן. בן־גוריון האָט צוגעגעבן, אויב עס וועט פאַרן א גרעסערע דעלעגאַציע, איז געוווּנטשן עס זאָל זיך געפינען אין איר אויך אַן אַראַבישער חבר, אַ פאָרשטייער פון „ברית פועלי ארץ־ישראל".

די דאָזיקע טעמע איז פון דעמאָלט אָן דורכגעגאַנגען א סך גלגולים ביז צו דער באַקאַנטער דעקלאַראַציע פון אנדריי גראָמיקאָ און צום אָננעמען דורך די פאַראייניקטע נאַציעס דעם היסטאָרישן באַשלוס אין 29־טן נאָוועמבער 1947. איינצלהייטן, וואָס זענען פאַרגעקומען פריער נאָך, אין שייכות מיט דער ראָל פון דער הסתדרות אין דעם עניין, זענען פאַרשריבן אין די סטענאָגראַפישע פּראָטאָקאָלן פון וועד הפּועל.

איך וויל דאָ ברענגען פון זיי בלויז איינציקע זאַצן. אז דער ענין איז אין אַפּריל 1945 דערגאַנגען צו אַ באַנייטער באַהאַנדלונג אין פּראָ־פעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן זיך דערוועקט וואַקלענישן אפילו צווישן די איבערגעגעבנסטע פריינט אונדזערע, באַזונדער נאָך דעם ווי עס איז געוואָרן באַקאַנט די פּראָ־אַראַבישע שטעלונג פון דער אינדי־שער דעלעגאַציע. האָט וועגן דעם איבערגעגעבן אהרון (ראָניא) ראָ־בינאָוויטש אויף דער זיצונג פון וועד הפועל דעם 8־טן אַפּריל 1945 אָט וואָס: „די זאַכן האָבן זיך פאַרענדערט (פּאָזיטיוו — מ. נ.) נאָך דעם ווי עס איז באקאנט געוואָרן די שטעלונג פון דער רוסישער דעלעגאַ־ציע. מיר האָבן וועגן דעם געוווּסט א טאָג פאַר דער קאָנפערענץ. מיר האָבן אָבער נישט געוווּסט צי מעגן מיר גלייבן אַז אַזוי וועט טאַקע זיין".

און נאָך: אַז די ארץ־ישראלדיקע חברים האָבן געזאָגט דעם רו־סישן פאָרשטייער (קוזניעצאָוו?) אז „דאָס איז פאַר אונדז א געשעעניש פון הויכן גראַד — דאָס ערשטע מאָל פאַר פינף־און־צוואַנציק יאָר ווייזט איר אַרויס אַ פּאָזיטיווע באַציאונג", האָט ער געענטפערט שיער נישט תמימותדיק: „ווי האָט איר געקאָנט צווייפלען צי מיר וועלן שטיצן א פּראָגרעסיווע לייזונג פון דער יידן־פּראַגע. פאַר וואָס זאָלן מיר דאָס פירן כלפּי יידן אַן אַנדערע ליניע, ווי מיר זענען זיך נוהג כלפּי אַנדערע נאַציעס?"

צוזאמען דערמיט האָבן אָבער אויך נישט געפעלט קיין כסדרדיקע אנטפלעקונגען פון אן „אמביוואלענטער" באציאונג מצד דעם קאָמוניזם צום ישראלדיקן פראָבלעם. און דאָס זענען די רייד פון א. ראַבינאָוויטש אין זיין ווייטערדיקן באַריכט אויף דער זעלבער זיצונג:

„איך ווייס נישט ווי צו דערקלערן, פארוואָס האָט דער „דיילי וואָרקער", אָרגאן פון דער ענגלישער קאָמוניסטישער פארטיי פאַרעפנטלעכט דעם ארץ־ישראלדיקן באשלוס אויף אַן אַנזעעוודיק אָרט (מען האָט אפילו ארויסגעלאָזט דעם פאראגראף וועגן אָפּהיטן די רעכט פון די אראבער) און אין דער סאָוויעטישער פרעסע איז נישטאָ קיין זכר דערפון, אויך נישט אין דער „אייניקייט".

אויך אין א יאָר ארום, אינעם באריכט וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דער זיצונג פון ועד הפועל (27.2.46) ווערט געזאָגט:

„אין די אויספירלעכע באריכטן פונעם פאריזער קאָנגרעס וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טרוד", אָרגאַן פון די רוסישע פראָפעסיאָנעלע פאראיינען, ווערן דערמאָנט אלע געסט לויט זייערע לענדער. דער נאָמען ארץ־ישראל ווערט קיין איינמאָל נישט דערמאָנט, נישט ביים אויסרעכענען די לענדער און נישט ביי די רעדעס".

עס האָבן אויך נישט אויסגעפעלט קיין נייע פרוון צו ווירקן אויף די רוסן קעגן אונדז, אָבער די רוסישע דעלעגאציע האָט נישט געוואָלט צולייגן קיין האנט אויף אומצוואוארפן איר אייגענע שטעלונג, וואָס איז באשטימט געוואָרן אויף יענעם אינטערנאציאָנאלן קאָנגרעס אין לאָנדאָן, אין פעברואר 1944.

און דאָ קום איך, מיט מיין פּערזענלעכער דערציילונג, צו דער שליחות וואָס איז אויף מיר ארויפגעלייגט געוואָרן אין פעברואר 1948 דורך דעם וועד הפועל פון דער הסתדרות. צוזאמען מיטן חבר יונה כסה (קאָסאָי), וואָס איז דאַן געווען פון די הויפּט־וואָרטזאָגערס אין דער הסתדרות און אין מפא"י און דערנאָך געווען יאָרנלאנג דעפּוטאט אין דער כנסת און מיטגליד אין דער כנסת־קאָמיסיע פאַר אויסערן־ענינים און זיכערקייט, און א געוויסע צייט אויך — פארטיי־סעקרעטאר, האָבן מיר זיך געלאָזט קיין פראָג און קיין בעלגראַד, קיין סאָפיע*) און קיין בוקארעשט.

אויפן וועג האָט זיך צו אונדז מצטרף געווען ישראל ברזילי, איינער פון די אָנפירערס פון „השומר הצעיר", וואָס האָט דאַן געוויילט

---

*) דאָ איז וויכטיק צו פארצייכענען, אז אין 1944, נאָך פארן אָפיציעלן פאַרענדיקן דעם צווייטן וועלט־קריג, האָט שוין בן־גוריון באזוכט בולגאַריע און דאָס איז געווען דער ערשטער באזוך פון א פירנדיקער פערזענלעכקייט פון יידישן ישוב אין יענער זייט אייזערנעם פאָרהאנג. בולגארישע יידן האָבן פאר אונדז עדות געזאָגט, אז אין זייערע אויגן האָט זיין באזוך אויסגעזען ווי דאָס קומען פון משיחן.

אין אייראָפּע. אַגב אין פּראָג בין איך געווען אויך פריער, אין אָנהייב 1947, אין דער הסתדרות־דעלעגאַציע, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען זלמן רובאשאָוו — דער היינטיקער נשיא שזר — וואָס איז דאַן געווען רעדאַקטאָר פון „דבר" *).

פון סאַמע אָנהייב אָן איז אונדזער רייזע געגאַנגען „מיטן לינקן פוס". מיר זענען אַרויסגעפלויגן פון שדה־דוב אין תל־אביב מיט א קליינעם „פּייפּער" צום פלי־פלאַץ אין לוד, וועלכער האָט זיך שוין געפונען אין אונדזערע הענט. אויפן וועג פון תל־אביב קיין לוד האָבן די אַראַבער געשאָסן אויפן „פּייפּער", נאָר צו אונדזער גליק — נישט געטראָפן. עס האָבן אונדז נישט אויסגעפעלט קיין מאַטערנישן און וואָגלענישן דעם גאַנצן וועג.

בעת אונדזער אַרויספאָר פון ארץ־ישראל האָבן די קאָמוניסטן באַהערשט טשעכאָסלאָוואַקיע. מיר זענען געפלויגן מיט א נאַרוועגישן עראָפּלאַן, וואָס איז זיך געגאַנגען פּאַמעלעך, — די ערשטע נאַכט האָבן מיר גענעכטיקט אין ניקאָסיע, ציפּערן, און די צווייטע נאַכט אין רוים, און אין אָט די צוויי לענדער האָבן מיר דערשפּירט א מין ריח פון מלחמה.

אין ניקאָסיע האָבן מיר דערפילט אין אונדזער אייגן ווינקל דעם עכאָ פון קריג. אַריינקומענדיק אין שטאָט איז אונדז שווער געווען צו קריגן אַ האָטעל. מיר האָבן געפּרוווט דעם ענין אויספאָרשן: וואָס איז געשען אין ציפּערן, אז אין איר הויפּט־שטאָט קריגט מען נישט קיין האָטעל? האָט דער בעל־הבית פונעם האָטעל אין וועלכן אונדזער פלי־געזעלשאַפט האָט אונדז קוים מיט צרות איינגעאָרדנט, אונדז אויפגעקלערט, אז אלע האָטעלן אין ציפּערן זענען פול מיט אַראַבער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון ארץ־ישראל, דערפאַר זענען נישטאָ קיין ערטער פאַר אונדזערע געסט, אויסער ביי נישט־לייכטע באַדינגונגען און פאַר איבערגעטריבענע פּרייזן.

נאָר אויב דאָס איז געווען פאַר אונדז א נייעס, ווי איינס פון די

---

*) אין שליחות פון מיין פּאַרטיי האָב איך ביי דער געלעגנהייט אויך פאַר־בראַכט אין פּוילן. אַהין בין איך געקומען נאָך אַמאָל נאָר אויף געציילטע טעג, אין יאָר 1964, אין פּאָליטישער שליחות, מיט א פּערזענלעכער מיסיע פון דעמאָלטיקן פּרעמיער מר לוי אשכול, און האָב זיך דאָרט באַגעגנט מיט א הויכגעשטעלטער פּערזענלעכקייט פון רעגירונגס־קרייז, וועגן וועלכן עס וועט אפשר דערציילט ווערן, אז די צייט וועט קומען. דאַן וועט אויך דערציילט ווערן וועגן אַן אינטערעסאַנטער שליחות אין אַן אַנדער מזרח־אייראָפּעאיש לאַנד, איך מיין דאָ באַזוך אין יוגאָסלאַוויע, אין אָקטאָבער 1956, ווי דער אַרבעטס־מיניסטער אין שפּיץ פון א כנסת־דעלעגאַציע, ממש ערב דער סיני־אַקציע, בעת מיר זענען געווען די געסט פון מאַרשאַל טיטאָ, אין זיין ווינונג אויפן אינדזל בריאָני.

ספּעקטאַקלען וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף די ראַנדן פֿון דער מלחמה וואָס פֿירט זיך אין אונדזער לאַנד, איז צומאָרגנס, אָנקומענדיק פֿאַרנאַכט קיין רוים, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אין אַ בילד, וואָס האָט אונדז פֿאַרבליפֿט און פֿאַרטויבט. נאָך אַ קורצן געשפּרעך, אויפֿן פֿלי־פּלאַץ, פֿונעם פּילאָט מיט דעם פֿאַרשטייער פֿון זיין געזעלשאַפֿט, האָט ער אונדז געמעלדעט, אַז ער האָט נישט בדעה פֿאַרצוזעצן דאָס פֿליען קיין פּראָג, ווייל קיין שום אַמעריקאַנער פּילאָט, אָדער בריטישער צי פֿון אַן אַנדער נישט מזרח־אייראָפּעאישן לאַנד וועט נישט פֿאָרן אַהין וווּ עס איז נישטאָ קיין שום פֿאַרזיכערונג, אַז ער וועט זוכה זיין פֿון דאָרט אַרויסצופֿליען. אויפֿן פֿלי־פּלאַץ האָט אין דעם אָוונט געהערשט אַן אמתער כאַאָס, ממש אַ געפֿיל פֿון ערבֿ אַ וועלט־קריג. די זאַך האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס עס איז אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן די הכנסת־אורחים וואָס רוים ווייזט תמיד אַרויס צו אירע דורכפֿאָרער. אויב זיי בלייבן ביינאַכט לאָזט מען זיי, ביי אַ געוויסן אויפֿזיכט, אַראָפּגיין פֿון די עראָפּלאַנען און פֿאָרן אין האָטעלן. ערשט בלויז דורך אַ באַזונדערער השתדלות אין רוים האָט מען יונה כּהן און מיר, און אַ פֿרוי מיט אַ קינד, געלאָזט אַראָפּ אין שטאָט אַריין. אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן האָבן געמוזט פֿאַרברענגען די נאַכט, ביז עס איז טאָג געוואָרן, אין עס־זאַל פֿון פֿלי־פּלאַץ, נישט זייענדיק זיכער, אַז זיי וועלן פֿאָרזעצן זייערע רייזעס. צום סוף האָבן מיר געהאַט דאָס גליק צו פֿאַרלאָזן רוים דורך אַן אומגעריכטן צופֿאַל: פֿון פּראָג איז אָנגעקומען אַן ענגליש־רעדנדיקער טשעכישער פּילאָט, און אַז מיר האָבן אים פֿאַרבונדן מיט אונדזער נאָרוועגישן פֿליער, האָט ער אים דערציילט, אַז אין פּראָג הערשט אַן אַבסאָלוטע רויִקייט. נאָך אַ ווייטערדיקער באַראַטונג און דעם דרוק פֿון דער איטאַליענישער מאַכט, וואָס האָט אים געמאָלדן, אַז אויב ער וועט נישט פֿליען מיט אונדז קיין פּראָג וועט ער ווערן געצוווּנגען צו פֿירן די ארץ־ישׂראלדיקע פּאַסאַזשירן קיין סקאַנדינאַוויע און וועט זיי נישט קענען איבערלאָזן אין רוים, האָט ער באַשלאָסן זיך צו לאָזן קיין פּראָג.

בלויז איין נאַכט זענען מיר געווען אין רוים, אָבער פֿון צוויי חברים וואָס האָבן אונדז באַזוכט האָבן מיר באַוויזן צו באַקומען אַ דערדריקנדיקע שילדערונג וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין די די.פּי.־לאַגערן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. דאָס בילד פֿון דעם צושטאַנד אין דער שארית־הפּליטה, וואָס די צוויי חברים האָבן פֿאַר אונדז געשילדערט, האָט אונדז ממש דערשיטערט: אַ בילד פֿון אַבסאָלוטער דעמאָראַליזאַציע אין יידישן זין. אויסערגעוויינלעך לאַנגע רייען ביים פֿאַרשרייבן זיך צו פֿאָרן קיין אַמעריקע און קאַנאַדע. די שווערקייטן פֿון ווערבירן מענטשן פֿאַר דער מאָביליזירטער עליה פֿאַר זיכערקייט צוועקן, ווען עס איז נישט געווען אַזוי גרויס, און דאָס נישט איילן זיך אַפֿילו נאָך דעם ביסל געזעצלעכע סערטיפֿיקאַטן, וואָס די

בריטישע מאַכט פלעגט אויסטיילן אין איר געביט אין בערגען־בעלזען.
— עס איז אונדז געוואָרן קלאָר, אז נישט גראָד די בלוטיקע געשעע־נישן אין לאנד זענען דאָ געוועזן דער גורם, וואָרום אין דעם זין זענען דאָך די מענטשן געוועזן אימונירט פון דער פראַקטיק וואָס זיי זענען דאָ נישט לאנג דורכגעגאנגען, עס האָט אפילו אין זיי געגעסטעט דער פחד אז עס וועט סוף־כל־סוף אויפקומען א דייטשישע מאכט און וועט נישט ברענגען קיין באנייטע גאולה פאר דער שארית הפליטה. אָבער, לויט ווי די חברים האָבן דערציילט, איז אָנגעגאַנגען דאָרט א גרויס רייך־ווערן, באגלייט מיט נעגאטיווע דערשיינונגען פון ליידיקגייערײ און אַ גאַר טיפע אַריינוואָרצלונג אינעם שווארצן מארק — ווי זיי וואָלטן געזען אין דעם אַ „נאַציאָנאַלע פליכט". עס האָט זיך איינגע־בירגערט אַ נייגונג צו לעבן אין די לאַגערן און נישט אויסער זיי, ווייל יעדער באַפרייטער לאגער איז געווען ווי אַ מין יידישע רעפּו־בליק, וואָס אין איר זענען סיי די מאכטהאָבער און סיי די אונטער־טאַנער געווען גלייכווערטיק אין מענטאַליטעט און אין אינטערעסן, און האָבן זיך געפירט לויטן דין „שמור לי ואשמור לך" (טשעפּע נישט מיך וועל איך נישט טשעפּען דיך...).
אוודאי איז אונדז שווער געווען משלים צו זיין מיט אַזאַ שילדע־רונג, אָבער אזוי האָבן די חברים אונדז איבערגעגעבן.
צומאָרגנס, מיטן אָנקומען אויפן פּראַגער פלי־פּלאַץ האָבן זיך טאַקע אויסגעלאָזט די פאַרדאַכטן פונעם נאַרוועגישן פליער, אז מען וועט אונדז נישט לאָזן לאַנדן דאָרט, אָדער נישט דערלויבן ארויס־צוגיין. אָבער אויף אָט דעם עראָדראָם האָט זיך נישט געפונען קיין איין עראָפּלאַן פון די מערב־לענדער; עס האָבן זיך דאָרט בלויז געפו־נען רומענישע און רוסישע עראָפּלאנען, איין סקאַנדינאַווישער און ענלעכע.
דאָ האָב איך געהאט די געלעגנהייט פערזענלעך צו באזוכן, צוזא־מען מיט י. כסה, אין סוף פעברואר 1948, דעם וויצע־פּרעמיער פון דער טשעכאָסלאָוואקישער רעגירונג, און נאָך א געשפּרעך צו באַקו־מען די ווייטערדיקע אָפיציעלע דעקלאַראַציע, וועלכע איז אויפגע־קלעפּט געוואָרן אויפן מעלדונגען־טאָוול אין רעגירונגס־פּאַלאַץ — הראַדשין — און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם אָפיציאַז פון דער טשעכאָסלאָוואקישער רעגירונג (אויך ביי אונדז אין לאנד, זע „דבר" פון 28.3.48).
און אזוי איז געווען די דעקלאַראַציע פאָרמולירט:
„כ׳בעט איבערגעבן אין נאָמען פון די טשעכאָסלאָוואקישע ארבע־טער און אין מיין פּריוואַטן נאָמען האַרציקע גרוסן די ארבעטער פון ארץ־ישראל. די נייע רעגירונג פון טשעכאָסלאָוואקיע (דאָס מיינט, די רעגירונג נאָך דער דאַרטיקער פעברואַר־איבערקערעניש), נישט נאָר וואָס זי וועט פאַרזעצן איר טראַדיציאָנעלע פריינטשאַפט צום ארץ־

ישראלדיקן ענין, נאָר זי גלייבט אויך, אַז די דאָזיקע פרייַנטשאַפט צווישן טשעכאָסלאָוואַקיע און ארץ־ישראל וועט נאָך פאַרשטאַרקט ווערן. די רעגירונג וועט בלייבן געטריי איר פּאָליטיק כלפּי ארץ־ישראל און וועט נישט פאַרווערן קיין שום טשעכישן ייד זיך צו באַטייליקן אין בנין הארץ״.

די דאָזיקע דערקלערונג איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן הער זאפּאָטאָצקי, וואָס איז דערנאָך, אין דער תּקופה פון אורן־פּראָצעס געווען דער פּרעמיער פון טשעכאָסלאָוואַקיע...

פון פּראָג האָבן מיר זיך געלאָזט צו אונדזער אָפיציעלן ציל־אָרט: סאָפיע, די רעזידענץ פון בולגאַריע, די אכסניה פונעם קאָנגרעס פון די פּראָפּעסיאָנעלע פאַראיינען. אויפן וועג קיין בולגאַריע זענען מיר דורכגעפאָרן יוגאָסלאַוויע. מיר האָבן נישט געהאַט קיין טראַנזיט־וויזעס, וואָס אָן זיי קען מען נישט אַרויסגיין אויפן עראָדראָם, אפילו נישט אויף געציילטע מינוטן. אָנקומענדיק קיין בעלגראַד האָט אונדז דער פּילאָט איינגעלאַדן אַרויסצוגיין. מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מיר װעלן נישט אַראָפּגיין ביז וואַנען ער וועט נישט מעלדן דער מאַכט. איז ער צוריקגעקומען און אונדז געמעלדעט, אַז מען דערלויבט אונדז אַראָפּצוגיין. אַראָפּגייענדיק פון עראָפּלאַן האָט אויף אונדז געוואַרט אַן אָנגענעמע איבעראַשונג — פאַרשטייערס פונעם פאַרבאַנד פון די יידישע קהילות אין יוגאָסלאַוויע און פאַרשטייערס פון דער יידישער קהילה אין בעלגראַד, וואָס האָבן צוגעגרייט פאַר אונדז אַ פּרעכטיקן מאָלצייט. דאָרט האָבן מיר אויך געטראָפן ישראל ברזילי פון „השומר הצעיר״, דער דריטער מיטגליד פון אונדזער דעלעגאַציע.

נאָך אַ קורצן אויפהאַלט אין בעלגראַד האָבן מיר פאָרגעזעצט אונדזער רייזע צום קאָנגרעס אין סאָפיע, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַציעס פון פּוילן, אונגאַרן, רומעניע, טשעכיע, בולגאַריע אַלבאַניע, יוגאָסלאַוויע און פון רעוואָלטירנדיקן גריכנ־לאַנד, און נאָך 12 דעלעגאַציעס פון מערבדיקע אָדער „נייטראַלע״ לענדער און צווישן זיי — אונדזער דעלעגאַציע. צו אַלעמענס שטוי־נונג איז נישט געווען קיין רוסישע דעלעגאַציע, הגם עס איז פון ראַטנ־פאַרבאַנד אָנגעקומען אַ זייער שיינע באַגריסונג. דעלעגאַציעס פון איטאַליע און ציפּערן האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן אָנטיילנעמען, נאָר זענען נישט געקומען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזער דעלעגאַציע איז געווען איינע פון די דריי וואָס האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער קאָנפערענץ: די יוגאָסלאַווישע דעלעגאַציע — אין זכות פון דעם אָרעאָל פון איר פאַרטיזאַנישער העלדישקייט און טיטאָס קריג, וואָס איז כמעט געווען איינע פון די גלויבנס־עיקרים פון אַלע סלאַ־ווישע פעלקער און אַ צייכן פאַר זייערע נייע שטרעבונגען; די צוויי־

טע איז געווען די פאַרשטייערשאַפט פון די פראַנצויזישע פּראָפּעסיאָ־
נעלע פאַראיינען; און די דריטע איז געווען אונדזער דעלעגאַציע.

מיר זענען געווען איינער פון די אָביעקטן פאַר די לאַנגדויערנ־
דיקסטע און רוישנדיקסטע אַפּלאָדיסמענטן. נעבן מיר אין פּרעזידיום
איז געזעסן דער בולגאַרישער אינערן־מיניסטער. ער האָט געזען ווי
איך שרייב אַן אַדרעס אויף רוסיש (איך האָב געשריבן אַ בריוו צו
דער מאַמען אין רוסלאַנד — איך האָב געהאָפט, אַז פון בולגאַריע וועט
דער בריוו אָנקומען) האָט ער מיך אַ פרעג־געטון: פאַרוואָס זאָלסטו
נישט רעפערירן אין רוסיש?" האָב איך אים געענטפערט: „איך
האָב רעכט דאָ צו רעדן בולגאַריש אָדער העברעאיש, אָבער נישט
קיין דריטע שפּראַך, ווען אפילו זי זאָל זיין די שפּראַך פונעם פריינט־
לעכסטן פאָלק"... ער האָט מסכים געווען, אַז איך בין גערעכט. אמת,
איך האָב דערנאָך גערעדט רוסיש צו יידן, אָבער אין אַלע אָפיציעלע
ערטער האָב איך גערעדט עברית (מיר האָבן געהאַט אַן איבערזעצער —
אַ קאָמוניסט וואָס האָט געלעבט אַנדערהאַלבן יאָר אין ארץ־ישראל און
געאַרבעט אין חיפה).

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָבן מיר אַרויסגערופן אויף
דער קאָנפערענץ מיט אונדזער דעקלאַראַציע וועגן דעם מעמאָראַנדום,
וואָס בעווין האָט צוגעשיקט דער בולגאַרישער רעגירונג אין וועלכן
ער פּראָטעסטירט פאַר איר העלפן די מעפּילים, אין וועלכער עס איז
פאַראַן אַן „אונטערגראַבן" אונטער דער אויטאָריטעט פון די פאַר־
אייניקטע נאַציעס און דאָס נישט אנטקעגנקומען זייערע פאָדערונגען
מכוח דער אומלעגאַלער עליה. דער דאָזיקער פּונקט האָט אַרויסגע־
רופן באַזונדערע אַפּלאָדיסמענטן. דער צווייטער פּונקט וואָס האָט
אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט איז געווען דאָס שילדערן די ענינים
פון דער הגנה און דעם קאַמף פונעם ישוב..

מיר האָבן נאָכגעפאָלגט דעם קאָנגרעס די גאַנצע צייט פון זיין
צונויפקום. דאָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטע שול און אין אַן אומ־
געוויינלעכער מאָס. כמעט 95 פּראָצענט פון אַלע רעדנערס האָבן גע־
רעדט זייערע רעדעס פון פּאַפּיר אַרויס, אָן אימפּראָוויזאַציעס, און
האָבן דערמיט פאַרשפּאַרט אַ סך דיסקוסיעס. אויף וויפל מיין פאַר־
שטיין בולגאַריש האָט געגרייכט, האָב איך תופס געווען, אַז דער איינ־
ציקער פּרווו פון פרייער דיסקוסיע איז געווען אַרום דער פּראַגע פון
די קאַטעגאָריעס אינעם חברים־אָפּצאָל. עס האָט זיך אויפגעשטעלט
אַ בחור און געטענהט, אַז די פּאַרגעלייגטע גראַדירונג פונעם שטייער
איז נישט קיין פּראָגרעסיווע, און אויפגעקלערט פאַרוואָס דאָס איז
נישט גערעכטיק. באַלד האָט ער געקראָגן אַן ענטפער פון רייקאָ דאַמ־
יאַנאָוו, דעם ראש פון די דאָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס
האָט געפּסלט די אינטערפּעלאַציע, זאָגנדיק, אַז דאָס איז אַ פאַראיינ־
פאַכנדיקער פּראָצעס אויפן וועג פון פּרימיטיווער אויסגלייכונג. דער־

מיט האָט זיך פֿאַרענדיקט די דיסקוסיע, וועלכע איז נישט געווען שריפֿטלעך פֿאָרמולירט.

א געוואלדיקן רושם האָט אויף אונדז געמאכט דער פֿאַקט, אז אויף דער קאָנפֿערענץ, די ערשטע נאָך דער אינערלעכער איבערקערעניש, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין בולגאריע נאָכן באזייטיקן די רעכטע קרייזן, זענען אויף דער געזעלשאפֿטלעכער ארענע אַרויף שיכטן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אָנטיילגענומען אין געזעלשאפֿטלעכן לעבן און האָבן קיינמאָל נישט געחלומט וועגן דעם. ווען עס איז ארויסגעטראָטן א מיידל אין נאָמען פֿון די הויז־ארבעטערינס, האָב איך געהאט דאָס געפֿיל, אז זי איז געגומען געוואָרן צו דער קאָנפֿערענץ גלייך פֿונעם וואַשן די פֿאָדלאָגעס.

אַ שטאַרקן רושם, וואָס האָט דוכט מיר נישט געקאָנט אָפּגאַרן, האָט אויף מיר געמאכט די דעמאָנסטראציע פֿון קרוב צו צוויי הונדערט טויזנט מענטשן, וועלכע איז פֿאַרבייגעגאַנגען פֿארן רעגירונגס־פּאלאַץ. איך בין געשטאַנען אויף דער טעראסע צווישן די פֿירערס פֿון די דעלעגאַציעס, צוזאמען מיט געאָרגי דימיטראָוו און דעם הויפּט־קאָמאנדיר. עס איז נישט געווען קיין געפֿיל, אז עמעץ האָט געצווונגען די מאסן מענטשן אָנטיילצונעמען אין דער דעמאָנסטראציע אין א רעגנדיק וועטער. מיט מיינע אייגענע אויגן האָב איך געזען מוטערס, וואָס האָבן פֿארבייגייענדיק דעם פּאַלאַץ אויפֿגעהויבן זייערע פּיצלעך קינדער אנטקעגן דעם געאכפּערטן דימיטראָוו.

עס איז געווען קאָנטיק, אַז פֿאַר די בולגאַרישע מאַסן, וועלכע האָבן ביים פֿריערדיקן רעזשים נישט געגאָסן פֿון קיין הויכן לעבנס־ניוואָ אָדער פֿון פּאָליטישער פֿרייהייט, איז די נייע אָרדענונג געווען אַן ארויפֿשטייגן אויף א העכערן שטאַפּל. און הגם עס איז נאָך געווען מאטעריעלע נויט און א זייער שטרענגע שפּייז־צוטיילונג (ברויט איז צוגעטיילט געוואָרן אין קליינע פּאָרציעס, פֿלייש האָט מען געטיילט נישט אָפּט, צוקער איז שווער געווען צו קריגן און א שטיקל זייף האָט מען כמעט נישט געזען; און עס איז געווען א שוואַרצער מאַרק, און עס זענען געווען רייען נעבן די רעגירונגס־קראָמען ווו מען האָט געטיילט פּראָדוקטן לויט באַשטימטע פּרייזן), איז נישט געווען קיין געפֿיל פֿון דיסקרימינאציע און באעוולהטקייט — על כל פּנים, לויט ווי עס איז קלאָר געוואָרן בעת אונדזער פּרווו זיך אויסצומישן מיט די מאַסן. דאָס ביסל וואָס איז געווען, איז צעטיילט געוואָרן אין אָרדענונג און מיט פּינקטלעכקייט. און נאָך עפּעס: אינדוסטריע־ארבעטער האָבן געלעבט אויף אַ העכערן ניוואָ ווי אנדערע שיכטן. זיי האָבן געקראָגן בעסערע שפּייז און געגאָסן פֿון די הילף־ווירטשאפֿטן וואָס נעבן די פֿאבריקן.

ביי דער געלעגנהייט האָב איך געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באגעגענען מיט וויכטיקע פּאָליטישע טוערס, איך בין אויך פֿאָרגע־

שטעלט געוואָרן פאַר געאָרגי דימיטראָוו. נאָך דעם ווי ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף פאַרשיידענע איינצלהייטן, האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיך אויפנעמען אויף אַ ספּעציעלער אוידיענץ. ער האָט מיר צוגעזאָגט זיך געבן ענטפער אין צוויי טעג אַרום. ער איז אָבער דערנאָך אַפּגעפלויגן קיין מאָסקווע. עס איז אַ סברה, אַז די יעווסעקציע האָט זיך דאָ אַריינגעלייגט און צונישטגעמאַכט דאָס צושטאַנדקומען פון דער אוידיענץ.

מיר האָבן געהאַט צוויי וויכטיקע געשפּרעכן מיטן פּראָפעסאָר נייטשעוו, וואָס איז דאַן געווען פּרעזידענט פון דער מדינה. מיר האָבן אויך באַזוכט דעם אינערן־מיניסטער כריסטאָפאָוו, וואָס האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט יידיש־ציוניסטישע ענינים און האָט זיך פּראַקטיש פאַרנומען מיט אַן ענין, וואָס איז פאַר אונדז געווען זייער וויכטיק: דאָס פּראָבלעם פון אונדזער יוגנט אין בולגאַריע.

נאָכן פאַרענדיקן די קאָנפערענץ האָט כסה געהאַט די זכיה צו רעדן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון טויזנט קוילנגרעבערס, נאָך זיין באַזוך אין די גרובנס. ער האָט גערעדט העברעאיש און די איבערזעצונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. מיר האָבן באַזוכט פּלאָוו־דיעוו — דער אינדוסטריעלער צענטער פון בולגאַריע. איבער די פאַב־ריקן האָט אונדז דאָרט אַרומגעפירט אַ סימפּאַטישע פרוי, דאָס ווייב פון רייקאַ דאַמיאַנאָוו, פאַרזיצער פון די בולגאַרישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אונדזער איינדרוק איז געווען, אַז אין ארץ־ישראל פאַר־מאָגן מיר גרעסערע און פאַרפאָלקאָמטערע אונטערנעמונגען.

די אָפיציעלע צוזאַמענטרעפן וועלכע מיר האָבן געהאַט מיט יידן, זענען פאָרגעקומען מיט דער הסכמה פון דער מאַכט. די יידישע קאָנ־סיסטאָריע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך קאָמוניסטן, האָט פאַר אונדז איינגעאָרדנט צוויי פּרעכטיקע אויפנאַמעס. דאָרט איז פאָרגע־קומען אַ מין מער אינטימער דורכשמועס וועגן ציוניסטישע ענינים און דערפאַר — אַ וויניקער האַרמאָנישער, אָבער אין אַנגעצומענע ראַ־מען, אין גרענעצן פון העפלעכקייט און אָן אַריינזאָגעכצן. אין סך־הכל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס דערשיינען פון דער הסתדרות־דעלע־גאַציע, די באַציאונג וועלכע עס האָבן צו איר אַרויסגעוויזן די מאַכט־אָרגאַנען און דעם כבוד וואָס זיי האָבן איר אָפּגעגעבן, איז געווען פאַרן בולגאַרישן יידנטום אַן איינציק־אַרטיקע געשעעניש.

נאָך דער קאָנפערענץ האָבן מיר אויך געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו טרעפן מיט די פאַרטייען פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, און דאָס אויך ביי האַלב־עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען — נישט געקוקט אויף די פּרוּוון צו איזאָלירן און אָפּטיילן מצד די יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געהיט אונדזער יעדן שריט.

דאָס זענען געווען סצענעס, וועלכע האָבן אונדז גערירט ביז די טיפענישן פון דער נשמה. מיר האָבן געזען ווי יידן רעאַגירן אויף יעדן

וואָרט וואָס מיר האָבן אַרויסגעזאָגט, וועגן דעם וואָס עס קומט פֿאַר אין לאַנד. מיר האָבן געקענט פֿאַרשטיין, אַז עס איז אמת וואָס עס זאָגן דאָרט ייִדן און נישט־ייִדן, קאָמוניסטן און נישט־קאָמוניסטן: אַז 45 טויזנט בולגאַרישע ייִדן און ווייניקסטנס 300 טויזנט פֿון די 400 טויזנט רומעניש̇ע ייִדן, ווען מען וואָלט זיי אין מיטן טאָג געמאָלדן, אַז אין אַ 5—7 שעה אַרום קענען זיי אַרויף אויף אַ שיף און אָפּפֿאָרן קיין ארץ־ישראל — וואָלטן זיי געלאָזט אַלץ וואָס זיי פֿאַרמאָגן און אַרויסגעפֿאָרן. נאָך אָט די פֿאַרזאַמלונגען איז אונדז צוגענומען געוואָרן דער שלאָף.

די לעכצונג און דער ווילן צו פֿולשטענדיקער אידענטיפֿיצירונג מיט דער ארץ־ישׂראלדיקער פֿראַגע, אין בולגאַריע און דערנאָך אין רומעניע, האָבן ממש דערשיטערט, און דאָס נישט געקוקט וואָס דער ענין ארץ־ישׂראל פֿלעגט דערשיינען אין די צייטונגען פֿון די דאָזיקע לענדער אין אַ באַשטימטן נוסח: די איינציקע ידיעות וואָס זיי האָבן געבראַנגט, האָבן דערציילט וועגן שלאַכטן, אָנפֿאַלן, הרוגים וכדומה. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין לאַנד, האָט מען נישט געקאָנט צווייפֿלען אין דער גרייטקייט פֿון די בולגאַרישע און רומענישע ייִדן תיכף עולה צו זיין.

די ייִדישע קאָמוניסטן, די בולגאַרישע יעווסעקציע, זענען נישט געווען גלייכגילטיק צו אונדזער באַזוך. זיי האָבן, ווי שוין דערמאָנט, אָנגענומען פֿאַרשיידענע שריט, כּדי אונדז צו איזאָלירן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, הגם עס איז זיי דאָס נישט צופֿיל געלונגען. ביי אונדזער אָנקום זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן מיט באַגלייטערס־איבערזעצערס פֿון די יעווסעקישע קרייזן. מיר זענען געבראַכט געוואָרן אין האָטעל „בולגאַריאַ" (לויט די דאָרטיקע באַגריפֿן דאַן, איז דאָס געווען דער פּרעכטיקסטער האָטעל אויף אויפֿצונעמען הויכגעשטעלטע פּערזאָנען, וועלכער איז אויפֿגעבויט געוואָרן נאָך פֿאַר דעם צווייטן וועלט־קריג אויף דער „קעניג [באָריס] גאַס") און די אויפֿזעערס זענען פֿון אונדז נישט אָפּגעטרעטן די גאַנצע צייט. פֿון אַ מער העפֿלעכער באַציאונג האָט גענאָסן בלויז ישׂראל ברזילי, דער מפּ"מניק, ווייזט אויס אין „זכות" פֿון אַ געוויסער אָפּזונדערונג־ליניע, וועלכע עס האָט אין יענער צייט אָנגעהאַלטן מפּ"ם אין איר באַציאונג צו די „רעכטע" ציוניסטישע פּאַרטייען, מפּא"י אַריינגערעכנט. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוהייבן דעם אונטערשייד צווישן אונדז און מפּ"ם אין דער באַציאונג צום קאָמוניזם, צום ראַטנפֿאַרבאַנד און צום סטאַליניסטישן רעזשים. ברזילין איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט פֿון אַביסל מער פֿרייער באַוועגונג, און עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז ער איז נעלם געוואָרן און אַוועק צו באַגעגענישן, וועלכע זענען אין אונדזערע אויגן געווען כּמעט „געהיימנישפֿולע". אויף איינער פֿון אַזעלכע מסיבות האָט ברזילי באַקומען אַ וואָרט און דער תּוכן פֿון זיינע רייד האָט

בולט געמאכט, אז מפ״ם איז גענויגט צו דער קאָמוניסטישער וועלט, אָן, פארשטייט זיך, צו פאַרלאָזן די ציוניסטישע שטעלונג.

די באזונדערע באציאונג צו ברזילין איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין דעם קומענדיקן פאקט. די צייטונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי האָט נאָך דער קאָנפערענץ פאַרעפנטלעכט די רעדעס פון די פאָרשטייערס פון די פארטייען, וואָס זענען געווען געסט פון דער קאָנפערענץ. אויף דער קאָנפערענץ גופא האָט מען מיר אָפּגעגעבן גרויס כבוד, און איך בין געווען דער דריטער פון די געסט, וואָס האָבן געזאָגט זייער וואָרט. בשעת אונדזער ווייַלן אין בולגאַריע האָבן מיר באמערקט, אז די צייטונג, וועלכע האָט בדרך כלל פאַרעפנטלעכט די רעדעס פון די געסט, לויט דער ריי פון זייער אויפטרעטן, האָט איבערגעהיפּערט מיין רעדע. כסה האָט זיך נישט געשעמט און געוואגט צו פרעגן ביי איינעם פון די גאסט־געבערס, פאַרוואָס איז נישטאָ די רעדע פונעם הסתדרות־פאָרשטייער אין דער צייטונג? מען האָט אונדז געענטפערט, אז די רעדע וועט נאָך קומען.

מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון בולגאַריע קיין רומעניע, און דער צוזאָג צו פארעפנטלעכן די רעדע איז נישט געהאלטן געוואָרן. מיר האָבן נישט גערוט, און עטלעכע מאָל טעלעפאָנירט אין רעדאקציע און געפאָדערט זי צו פאַרעפנטלעכן. אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די צייטונג האָט פאַרעפנטלעכט ברזיליס רעדע אויפן באנקעט, און האָט צוליב וועלכע עס איז סיבות געהאט דעם אונטערשריפט: מרדכי נמיר (אָווסקי).

האָט זיך שוין במילא אָפּגעזעצט אין הארצן א פאַרדרוס אויף דעם גאנצן ענין.

צום סוף האָט זיך אונדז איינגעגעבן אויסצומיידן אונדזערע היטערס. נישט נאָר האָבן מיר זיך אין געהיים באגעגנט מיט אונדזערע פאָרשטייערס, אפילו אין האָטעל „בולגאַריא״ גופא, נאָר דורך א פאָרטל מצד צוויי חברים פון אונדזער פארטיי אין בולגאַריע, איז אונדז געלונגען נאָך דער קאָנפערענץ אריינצוגיין צוזאמען מיט זיי אין באַן, וואָס האָט אונדז געפירט אָן באגלייטערס ביז דער רומענישער גרענעץ.

דער שמועס אין באַן האָט געדויערט אַ גאַנצע נאכט, און מיר האָבן נאָך ממשיך געווען אויך מאָרגן אין דער שטאָט רוסא — ביז מיר זענען אָפּגעשווומען מיט א שיף קיין רומעניע.

פאר אונדזער אוועקפאָרן איז אונדז געלונגען אָפּצוהאלטן אין סאָפיע א באגייסטערטע, איינדרוקספולע און אויפשטורעמדיקע פארזאמלונג פון מפא״י־חברים אין זייער קלוב, וואָס איז געווען פול ווי אַן אויג. לויט דער בקשה פון די פאַרזאַמלטע האָב איך גערעדט רוסיש, ווייל די מערהייט האָט נישט פאַרשטאַנען העברעאיש, און יידיש איז דאָך נישט געקומען אין פראגע פאַר א ספרדישן עולם.

די אָ פאַרזאַמלונג איז אײַנגעקריצט געוואָרן אין אונדזערע הער־צער און אין די הערצער פון די פאַרזאַמלטע, ווי די וויכטיקסטע גע־שעעניש אין אונדזער קאָנטאַקט מיטן בולגארישן יידנטום, און שטאַר־קע אָפּקלאַנגען פון איר האָבן מיר נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך דעם גע־הערט אין תל־אביב, פון חברים וואָס האָבן עולה געווען פון סאָפיע.

אָבער דעם עיקר שכר־טירחה פון אָט דער רייזע האָבן מיר געהאַט אין רומעניע, וווהין מיר זענען אָנגעקומען פון בולגאַריע, און אין די פּאַרטיפּטע ציוניסטישע אויפקלערונגען, וואָס האָבן זיך געצויגן טעג און נעכט, מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער דאָרטיקער פּאַרטיי.

די יידן אין בוקאַרעשט — גישט ווי אין בולגאַריע — איז נאָך געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט פון א פרייען און נאָענטן קאָנטאַקט מיט אונדז. דעלעגאַציעס פון אַלע עקן רומעניע, זענען געקומען איינע נאָך דער צווייטער אין האָטעל „אַטינעא״, אָנצוקוקן די שליחים פון לאַנד, וואָס געפינט זיך אין סאַמע ברען פון דער מלחמה אויפצושטעלן די מדינה.

ווען מיר זענען, אין דער באַגלייטונג פון פאָרשטייערס פון אַלע ציוניסטישע פאַרטייען, ארויס צום ערשטן קבלת־פּנים אין קלוב פון „האיחוד״ אין בוקאַרעשט, זענען ביי די זייטן פון וועג און אויף די טראָטוארן געשטאַנען מאַסן יידן און אונדז אויפגענומען מיט אָוואַ־ציעס און מיט אומבאַשרייבלעכער גערירטקייט. ווען מיר זענען אָנגע־קומען אין קלוב האָט מען פאַר אונדז קוים דורכגעשניטן א וועג צו דער בינע און אונדזערע רייד זענען געהערט געוואָרן מיט באַגייס־טערטער אויפבראַוזונג, וואָס איז דערגאַנגען ביז טרערן.

קומענדיק קיין רומעניע האָבן מיר אויסגעפונען, אז אויך ביי די מפא״י־חברים האָט זיך ארויסגעוויזן א נייגונג פון פּאָליטישן צופּאַסן זיך צו דער מאַכט, אמת גישט צוליב אידעאָלאָגישע טעמים, אָבער ווי און אָפּאָרטוניסטישע טענדענץ, וואָס וועט זיי, ווי זיי האָבן געמיינט, דערמעגלעכן א געוויסע עקזיסטענץ מיט דער דערלויבעניש פון דער קאָמוניסטישער מאַכט.

די אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס מיט די חברים פון אונדזער פּאַרטיי אין רומעניע, זענען באַווירקט געוואָרן פון דער באַזונדערער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די פּאַרטיי, ווי די אַנדערע ציוניסטישע פאַרטייען אין דעם רעזשים, וועלכער האָט, וואָס אַן אמת, געדולדעט די עקזיסטענץ פון ציוניסטישע פאַרטייען, עס האָט שוין אָבער אָן ספק אויסגעקלאָרט אַ באַשלוס זיי צו ליקווידירן. אונדזער פּאַרטיי אין רומעניע, וועלנדיק פאַרזיכערן זיך א לעגאַלע עקזיסטענץ, האָט, ווי געזאָגט, געפּרווט אונטערשטרייכן איר אידעאָלאָגישע ווייטקייט פון די אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען, די „רעכטע״, רעכענענדיק, אז די מאַכט וועט צו איר אַרויסווייזן אַ באַזונדערע באַציאונג.

פאַר אונדזער פאַרלאָזן רומעניע, איז פאָרגעקומען א צוזאַמענ־
טרעף אין הויז פונעם פאַרטיי־פירער חבר עסעליזאָן ז״ל. די פאַרטיי־
חברים האָבן געפּרוווט פון אונדז, ווי די פאָרשטייערס פון מפא״י,
ארויסקריגן א הכשר זיך צוצופּאסן אין זייער שטעלונג צו דער מאכט,
אפילו ווען אזא צופּאסן זיך איז נישט אינגאַנצן אין גייסט פון די פּאר־
טיי־ווערטן און איז אפילו אין קעגנזאץ צו איר אידעאָלאָגישער באַ־
ציאונג צו דער קאָמוניסטישער וועלט. אין דער דיסקוסיע, וואָס האָט
זיך געצויגן ביז פּארטאָג, האָבן מיר דערקלערט, אז מיר געמען
נישט אָן אזא אָפּנויג, ווייל לויט אונדזער מיינונג וועט נישט דויערן
לאנג און די קאָמוניסטן וועלן ארויפלייגן זייער האנט אויף די ציוניס־
טישע פּארטייען, נישט מאַכנדיק דערביי קיין אונטערשיידן צווישן די
דינע ניואַנסן און שאַטירונגען אין דער אידעאָלאָגיע.

דער ציל איז — עליה אין לאנד אריין, און אויף דעם דאַרף מען
קאָנצענטרירן אלע כוחות, כל זמן די מאכט דערלאָזט דאָס. מיר האָבן
געזאָגט, אַז מיר זענען זיכער, אז אלע וואָס געפינען זיך דאָ מיט
אונדז וועלן קומען אין לאנד אריין (און זיי האָבן טאַקע עולה געווען)
און עס איז גלייכער, אז מען זאָל ביי אונדז וויסן וועגן זייער שטאָל־
צער ציוניסטיש־סאָציאליסטישער האלטונג אין די שווערע באַדינגונ־
גען פון קאָמוניסטישן רעזשים.

צום סוף פון דער זייער דראַמאַטישער דיסקוסיע זענען די אויס־
פירן רעזומירט געוואָרן ווי מיר האָבן פאָרגעלייגט, און מיר האָבן
זיך געזעגנט מיט די חברים אין אַ גוט געמיט און מיט ווונטשן זיך
צו טרעפן אין לאַנד.

אין צווישן האָבן מיר, פאַר יעדן פאַל, זיך אויך געקאָנט דערוויסן
וועגן דער באַציאונג פון דער רומענישער מאַכט צום ארץ־ישראלדיקן
ענין. אין גרונט איז דאָס געווען אַ פאָזיטיווע באַציאונג, וועלכע איז
נישט געווען אַנדערש ווי די באַציאונג פונעם בולגאַרישן רעזשים.
די דאָזיקע באַציאונג האָט זיך אויסגעדריקט, אָן באַוואָרענישן, נישט
בלויז אויף דעם אַבסטראַקט־אַקאַדעמישן פלאַך, נייערט אין ביז גאָר
ממשותדיקע ענינים, ווי למשל, רעכט אַרויסצופאָרן, וועלכע איז בפי־
רוש געגעבן געוואָרן נאָר יידן און דאָס בתנאי, זיי זאָלן מעלדן וועגן
זייער פאַרלאַנג צו עמיגרירן קיין ארץ־ישראל און נישט אין קיין שום
אַנדער לאַנד אַריין.

אין אַן אַנדער שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען אין בולגאַריע,
האָט אונדז דער מיטשמועסער געזאָגט, אַז זיי האָבן איין באַוואָרעניש
וואָס זיי דאַרפן אָפּהיטן, פאַר אונדזער טובה וועגן, און דאָס איז: טאָן
אַלץ ווי וויט מעגלעך פאַרשטעלט און נישט עפנטלעך, כדי נישט
אויפרעגן ענגלאַנד און אַמעריקע; ווי אַ באַזיגט לאַנד, טעאָרעטיש,
וואָס איז דערווייל נאָך נישט אין אונאָ, זענען די רומענער נישט גע־

ווען פאַראינטערעסירט אַרויסצורופן צאָרן ביי ענגלאַנד אָדער אַמע־ריקע אָן אַ באַזונדערער נויטווענדיקייט.

צוזאַמען דערמיט האָט אונדז אויסגעזען, אַז ווען די באַציאונג צום ציוניזם וואָלט געווען אָפּהענגיק פון נישט־יידישע קאָמוניסטן, וואָלטן מיר דווקא פון דעם נישט געהאַט קיין שאָדן, אָבער דער ענין האָט זיך פאַרפלאָנטערט, אָפּט אין אַ שווערער און געפערלעכער פאָרם, צוליב דעם, וואָס אין יעדן איינעם פון די דריי לענדער — טשעכיע, בולגאַריע און רומעניע — איז שוין די מאַכט איבער דער יידישער עדה געלעגן כמעט אינגאַנצן אין די הענט פון דער יעווסעקציע. און נישט געקוקט דערויף, וואָס אויף יעדער אָפּיציעלער באַגעגעניש — אַזוי איז אויך געווען בעת די געשפּרעכן מיט אונדז — האָבן אויך די יידישע קאָמוניסטן גערעדט מיט פאַרערונג וועגן דעם האַלטן זיך פון ישוב און האָבן זיך באַנוצט מיט אַלע אונדזערע באַגריפן וועגן פאַר־טיידיקונג, וועגן די רעכט פון עליה און אַלץ וואָס איז דערמיט פאַר־בונדן, זענען זיי אָבער פאַקטיש געווען אַנטי־ציוניסטן ווי פריער. זייער שטעלונג איז בלויז געווען אַן עכאָ פון אַן עכאָ פון דער רוסישער שטעלונג, וועלכע איז במילא געוואָרן די שטעלונג פון דער מאַכט אין די אַלע לענדער און געענדערט דעם צוגאַנג פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען דאָרט — לטובה.

די יידישע קאָמוניסטן זענען אַזוי אָרום געווען וויניקער העפ־לעך. אויב קיין איין וויכטיקער פּאָליטיקער פון אָט די לענדער מיט וועמען מיר האָבן זיך געטראָפן, האָט אונדז נישט געשטעלט קיין באַדינגונגען אין אונדזער ענין, האָבן אָבער די יידישע קאָמוניסטן אונדז כסדר דאָקוטשעט מיט פראַגן: וואָס וועט זיין מיט מיקוניסן? וואָס וועט זיין מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל? זי איז דאָך שוין פאַר עליה און פאַרטיידיקונג, איז פאַרוואָס שטייט זי נישט אין שפּיץ פון דער ארץ־ישראלדיקער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אין בולגאַריע און רומעניע?

ס׳איז אָבער אויך געווען אַן אינעווייניקסטער, זייער פּראַקטישער, הינטערגרונט פאַר דער פאַרהעלטנישמעסיקער אָפּגרענעצונג מצד די יעווסעקישע טוערס כלפּי אונדז. די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך גע־שראָקן פאַר צוויי זאַכן: א. אויב זיי שפּילן אויף די הענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָדער ציוניסטישע פאַרטייען, וואָס גע־פינען זיך אויפן אָרט, ווער־זשע דאַרף זיי האָבן? ב. אויב די רייד וועגן אַ פרייער עליה וועלן רעאַליזירט ווערן, בלייבן זיי דאָך אָן פּרנסה. און „זיי" זענען געווען אַ גאַנץ גרויסע ביוראָקראַטישע שיכט. בייזע צינגער האָבן שוין דאַן דערציילט, אַז די מאַכט באַפרייט זיך ביסלעכווייז פון די יידישע קאָמוניסטן, וועלכע פירן אָן מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, און „וואָרפט" זיי צו קאָמוניסטישע טעטיקייט

אויף דער יידישער גאַס בלויז. האָבן זיך טאַקע דאָרט קאָנצענטרירט מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין סימן פון אַ באַגריף אין יידישע ענינים, זיי זענען געווען פולשטענדיק אַסימילירט און האָבן זיך פאַרנומען מיט ענינים פון אַלגעמיינעם קאָמוניזם. ס'איז דאָ, אַלזאָ, געגאַנגען אין דער געזעלשאַפטלעכער און פערזענלעכער צוקונפט פון נישט קיין קליינער ביוראָקראַטיע.

ביים אונטערציען דעם סך־הכל פון אונדזער רייזע, האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, אַז וויניקסטנס לגבי בולגאַריע איז דער עקזיס־טירנדיקער רעזשים נישט געווען אומנאַטירלעך, און אַז ער איז בלי ספק לטובת דעם פאָלק, און די מאַסן פילן דאָס. און נאָך אַ פאַקט, וואָס איז געמיינזאַם פאַר אַלע דריי לענדער, וועלכע מיר האָבן באַזוכט, האָבן מיר געזען אין דעם, וואָס אין זייער שפּיץ שטייען מענטשן, וואָס האָבן פאַר זייערע אויגן בלויז די אידייע. אפשר איז עס אין בולגאַריע נישט געווען אַזוי בולט, אָבער ס'האָט זיך זייער אָנגעזען אין רומעניע, וועלכע איז אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען אַ לאַנד פון קאָרופּציע און טראַדיציאָנעלן אַנטיסעמיטיזם. אויך לויט די רייד פון מענטשן, וואָס האָבן נישט סימפּאַטיזירט מיטן רעזשים (און מיר האָבן זיך געטראָפן מיט יידן פון אַ געוויסן סאָרט, וואָס האָבן אים אָפּגעפרעגט), האָט די נייע אָרדענונג אויפגעהויבן רומעניע אויף הונ־דערט שטאַפּלען העכער, אין מאָראַלישן זין, אין פאַרגלייך מיט דעם לעבנס־שטייגער, וועלכער איז דאָרט פריער געווען אָנגענומען.

אויך דער עצם פאַקט, וואָס די רעוואָלוציע איז אין די לענדער דורכגעפירט געוואָרן לויט אַ דעקרעט פון אויבן, לויט אַ „מעלדונג אין צייטונג", כמעט אָן בלוט־פאַרגיסונג, האָט איר געגעבן אַנער־קענונג מצד די מאַסן. מיליאָנען מענטשן זענען דערהויבן געוואָרן פונעם געזעלשאַפטלעכן דעק ביז צו דער געזעלשאַפטלעכער אָרענע, וואָס ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלטן זיי דערויף געדאַרפט וואַרטן הונדערטער יאָרן. לויט ווי ס'האָט אויסגעזען, איז אויפגעקומען איינ־גאַנצן אַ נייע געזעלשאַפטלעכקייט, אַ יונגע אין יאָרן און אין באַ־גריפן, אָן איבערגעגעבענע און באַגאַבטע, און זייער געטריי דער אידייע. און חוץ דעם — אפשר דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ — ס'איז געווען קאָנטיק, אַז די מאַסן האָבן דאָס געפיל, אַז עס איז אויפגעקו־מען אַ רעזשים, וואָס פאַרמעסט זיך מיט פּראָבלעמען און לייזט זיי.

אין יולי בין איך צום צווייטן מאָל אַרויסגעפאָרן קיין רומעניע, אין שליחות פון די מיניסטעריומס פאַר אויסערן־ענינים, פינאַנס־, האַנדל־ און אינדוסטריע, וועגן ברען־שטאָף. אין פאַרגלייך מיטן מצב וואָס האָט געהערשט אין לאַנד אין באַצוג צום ציוניזם, בעת מיין ערשטן באַזוך, מיט פיר חדשים צוריק, האָב איך איצט געפונען אַ שאַרפע ענדערונג: ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ פולשטענדיקער

פאַרבאַט אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון די ציוניסטישע פאַר־טייען, ס׳איז אַרויס אַ באַפעל פונאַנדערצולאָזן די חלוצישע הכשרות און ס׳איז פאַקטיש פולשטענדיק פאַרבאָטן געוואָרן די עמיגראַציע פון יידן. אויף מיין וועג קיין רומעניע האָט מיך אַנגעיאָגט אַ טעלע־גראַמע פון אונדזער אויסערן־מיניסטער, אין וועלכער ער לייגט אויף מיר אַרויף צו ברענגען אויך דעם ענין פון עליה פאַר דער בוקאַרעש־טער רעגירונג.

נאָך דעם ווי איך האָב געוואָרט העכער אַ וואָך צייט אויף דער אוידיענץ מיט דער באַרימטער אויסערן־מיניסטאָרין פון רומעניע, אַנאַ פּאַוקער (אַ יידישע פרוי) בין איך דורך איר אויפגענומען גע־וואָרן. איך האָב באַדאַרפט בעטן הילף אין דער פראַגע פון ברענ־שטאָף, וועלכן ס׳איז אין די באַדינגונגען פון יענע טעג שווער געווען צו קריגן, ווייל די לאַגע ביי אונדז אין לאַנד האָט געווירקט אויף די פרייזן פון ברען־שטאָף, אויף אַסעקוראַציע און טראַנספּאָרט. איך האָב זיך געגוויטיקט אין פּאָליטישער הילף פון דער רעגירונג, כדי זיי זאָלן מסכים זיין אונדז צו פאַרקויפן ברען־שטאָף פון פאַרשיידענע סאָרטן וואָס מיר האָבן באַשטעלט, אין וועלכע אונדזער מיליטער האָט זיך דאַן געגוויטיקט. אַנאַ פּאַוקער האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפן און אין עטלעכע טעג אַרום אונדז געמאָלדן, אַז דער ענין איז דערליידיקט.

פרוי פּאַוקער איז, וואָס אַן אמת, נישט געווען פעאיק אויפצו־נעמען דעם געדאַנק, אַז מיר זענען מסוגל צו באַזיגן דעם מיליטערישן כוח פון דער אַראַבישער ליגע, זי האָט אָבער מסכים געווען צו דער היפּאָטעזע, אַז וואָס עס זאָל פאַר אונדז נישט זיין דער אויסגאַנג פון דער מלחמה, איז דער מזרח־בלאָק פאַראינטערעסירט צו שטיצן דעם פּראָגרעסיוון כוח אין מיטעלן מזרח. איין פונקציע האָבן מיר שוין, לויט אירע רייד, אויסגעפירט, אין צוזאַמענהאַנג מיטן כוח וואָס ענג־לאַנד דערציט קעגן רוסלאַנד, דערמיט וואָס מיר האָבן דעשיפרירט אַ וויכטיקן ענגלישן סוד: מיר האָבן אין אַ גרויסער מאָס אויפגעדעקט, וואָס עס איז דער אמתער כוח פון דער אַראַבישער ליגע, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן ווי אַן אָפּשרעק־מיטל קעגן מזרח־בלאָק.

כ׳האָב איר געזאָגט, אַז לויט אונדזערע פּלענער האָבן מיר גע־דאַרפט אין די טעג פון פייער־איבערייס פון יוני און יולי, ברענגען אין לאַנד אַריין 10,000 מענטשן, ס׳איז אונדז אָבער געלונגען צו ברענגען בלויז 5,500 מענטשן, ווייל רומעניע איז דאָס איינציקע באַ־פרייטע לאַנד, וואָס האָט פאַרווערט די עליה. אייניקע ענינים זענען געווען פאַר איר ניי, נישט געקוקט אויף איר הויכער בילדונג; זי האָט אויך געפרעגט וויפל יידן עס געפינען זיך אין רומעניע. איך האָב פאַרלאַנגט אַ דערמעגלעכונג פון אַן עליה פון 5,000 מענטשן אַ חודש.

איך האָב פאַר איר אויך פאָרגעשטעלט דאָס פּראָבלעם פון חלו־

צישע הכשרות און איר אויפגעקלערט פאַרוואָס די־אָ ראָם איז אונדז וויכטיק: דאָרט לערנט מען עברית, און דאָס דערמעגלעכט אַ לייכטע און באַקוועמע איינבירגערונג.

איז מען מיר אַנטקעגנגעקומען אין ענין ברען־שטאָף און, אין אַ געוויסער מאָס, אין דער פראַגע פון די הכשרות, אָבער דעם ענין עליה, האָט מען מיר געזאָגט, דאַרף מען באַהאַנדלען אין פּאַרלאַמענט און אין אַנדערע אינסטאַנצן (פּאַרטייאישע). איך האָב געהאַלטן, אַז עס לוינט זיך נישט דערמיט צו באַגנוגענען, און אין גאַנג פון געשפּרעך האָב איך פון איר אַרויסגעקראָגן אַ דערקלערונג, אַז זי וועט פּערזענלעך שטיצן דעם ענין.

די תשובה איז געגעבן געוואָרן אין עלף טעג אַרום. ווייזט אויס, אַז עס זענען פאָרגעקומען אַ סך באַראַטונגען און עס זענען אויך געווען חילוקי־דעות. נאָך דעם ווי כ'האָב געקראָגן אַ האַלב־אָפיציעלע מיטטיילונג, אַז עס איז צו דערוואַרטן אַ פּאָזיטיווע תשובה, בין איך צו איר איינגעלאַדן געוואָרן. זי האָט מיך אויפגענומען פריינטלעך און מיר פּייערלעך דערקלערט (זי האָט גערעדט רוסיש און דייטש), אַז די רעגירונג האָט באַהאַנדלט אונדזער ענין און האָט אָנגענומען אַ פּאָזיטיוון באַשלוס. מיר האָבן רעזומירט די ענינים איינציקווייז. ס'איז באַשטימט געוואָרן אַן עליה פון 5,000 מענטשן אַ חודש. די מענטשן פאָרן אַרויס נישט ווי „עמיגראַנטן‟, נאָר ווי „רעפּאַטריאַנטן‟, וואָס קערן זיך אום אין זייער פאָטערלאַנד. זי האָט אָפן געזאָגט, אַז עס איז איר נישט קלאָר וואָס עס איז באַשלאָסן געוואָרן אין אונ״אַ אין דער פראַגע פון עליה, און אַז זיי זענען נישט פריי גרינגצושעצן די עפנטלעכע מיינונג פון די אונ״אַ־קרייזן.

„אין דער אמתן זענען מיר נישט קעגן אייך, מיר פאַרשטייען אייער קריג און מיר זענען גרייט אייך צו העלפן‟, האָט זי געזאָגט, „אָבער אין דער שטיל. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז מיר זענען אַ באַזיגט לאַנד און מיר דאַרפן דאָס מאַכן געזעצלעך, יעדער עולה וועט באַקומען אַ דאָקומענט, אַז ער איז אַ רעפּאַטריאַנט, וואָס קערט זיך אום אין זיין פאָטערלאַנד‟. זי האָט דאָס דערקלערט יורידיש גענומען און געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן זיך אָנשטויסן אין אונ״אַ־אויפזעערס, וועט נישט גוט זיין, אַז די עולים וועלן פאַרמאָגן דאָקומענטן פון רומענישער בירגערשאַפט, ווייל מ'וועט דאָס קאָנען אויסטייטשן, אַז רומעניע האָט זיי געשיקט קיין ארץ־ישראל ווי פאַרכאַפּערס. זיי זענען פאַראינטערעסירט אָנגענומען צו ווערן אין אונ״אַ, וועלן זיי זיך נישט גיין איינרייסן דאָרט צוליב אַ יידישן ענין. דעריבער פאָדערן זיי, אַז אַלע יידן זאָלן האָבן דאָקומענטן אונטערגעשריבענע פון מדינת ישראל, אַז זיי זענען רעפּאַטריאַנטן. צוליב די זעלבע סיבות האָט זי אויך געבעטן, אַז די עליה זאָל נישט אַרויסגיין פון אַ רומענישן פּאָרט.

מיר האָבן באַשטימט ווי דעם אַרויסגעבער פון וויזעס, דעם די־רעקטאָר פון „ארץ־ישראל־אַמט״; ער וועט אויך באַזאָרגן יעדן עולה מיט אַ רעפּאַטריאַנטן־קאַרטע. און אויפן גרונט פון די דאָזיקע דאָקו־מענטן וועלן געגעבן ווערן די אַרויספאָר־וויזעס, און די מענטשן וועלן קאָנען אַרויספאָרן. פרוי פאוקער האָט אַ ווײַלע געמיינט, אַז איך בין דער ישראלדיקער געזאַנדטער אין רומעניע. זי האָט מיר דערציילט, אַז זיי האָבן שוועריקייטן בײַם צונויפשטעלן זייער געזאַנדשאַפט בײַ אונדז, און דאָס וועט נאָך מוזן דויערן אַ לאַנגע צייט. זיי האָבן נישט קיין פאַסיקע מענטשן, און בכלל פעלן זיי טוערס (כ׳האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז זי מיינט דאָ דאָס פעלן פון נישט־יידישע טוערס). זי האָט געבעטן מיר זאָלן נישט פאַראיבל האָבן, אויב זייער לעגאַציע וועט נישט קומען אַזוי שנעל, ווײַל זיי זענען זייער פאַרנומען. ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך צוריקקערן אין לאַנד, האָט זי געפרעגט ווער עס וועט מיך פאַרטרעטן אין שייכות מיטן אָפּמאַך וועגן עליה. כ׳האָב געפרוווט אָנרופן דעם נאָמען פון איינעם אַ חבר, אַ רומענישן ייד, אָבער זי האָט נישט געוואָלט קיין רומענישן בירגער. האָב איך פאָרגעלייגט משה אַווערבוכן. כ׳האָב איר דערציילט, אַז ער איז מאָ־בילִיזירט און אַז כ׳וועל בעטן דעם אויסערן־מיניסטער ער זאָל אים באַפרייען פאַר דער אויפגאַבע. זי האָט געזאָגט, אַז דער נאָמען איז איר באַקאַנט, גלייך מסכים געווען און געזאָגט, אַז מ׳וועט אים אַרויס־שיקן די וויזע.

דאָ ברענג איך די „10 פונקטן״, וועלכע זענען רעזומירט געוואָרן בעת מיין צווייטן געשפרעך מיט פרוי פאָוקער, אויסערן־מיניסטער פון רומעניע, ווי כ׳האָב זיי אויפגעשריבן אין אַ „נאָטאַציע״ צום אויסערן־מיניסטער, גלייך נאָך דער באַגעגעניש פונעם 23־טן יולי 1948. (איך האַלט דאָס פאַר וויכטיק, אפילו נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, צוליב די „מיספאַרשטענדענישן״, וועלכע האָבן נישט פאַרזאַמט זיך אַרויסצוווייזן ביים רעאַליזירן דעם הסכם מצד די רומענישע מאַכט־אָרגאַנען, בעת ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז אַנאַ פאַוקער לייקנט כלומרשט אָפּ איר הסכמה אויף דער צאָל עולים, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אין דער רעגולאַציע. וועגן דעם האָט מיר געמאָלדן קיין מאָס־קווע ש. אלישיב אין אַ בריוו פון 13.6.1949).

און דאָס זענען די 10 פונקטן:

1. ס׳וועט ווערן דערלויבט דאָס אַרויספאָרן פון 5,000 יידן (בערך) יעדן חודש.

2. די עולים וועלן פאַררעכנט ווערן ווי רעפּאַטריאַנטן, וואָס קערן זיך אום אין זייער פאַטערלאַנד און וועלן באַקומען פאַסיקע דאָקומענטן פון מדינת ישראל.

3. — — —

4. די רעגירונג פון ישראל וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָרגאַניזירן די טראַנספּאָרטאַציאָן, די קאָמוניקאַציע־מיטלען, אַפּראָוויזאַציע און אַלע איבעריקע ענינים, וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן אָרגאַניזירן די עליה, און וועט דעקן די הוצאות.

5. הער אברהם יאַמפּאָלסקי, לייטער פון ארץ־ישראל־אַמט אין בוקאַרעשט, וועט — ביז עס וועט קומען די ישראל־געזאַנדשאַפט קיין רומעניע — צייטווייליק אַמטירן ווי דער ערן־קאָנסול פון מדינת ישראל, כדי אַרויסצוגעבן אַריינפאָר־וויזעס קיין ישראל. ער וועט אויך באַזאָרגן די רעפּאַטריאַנטן מיט דאָקומענטן ווי עס ווערט דער־מאָנט אין פּונקט 2.

6. אויפן סמך פון דער אַריינפאָר־וויזע קיין ישראל און דעם דאָקומענט, וואָס ווערט דערמאָנט אין פּונקט 2, וועט דאָס רומענישע אינערן־מיניסטעריום אַרויסגעבן די אַרויספאָר־וויזעס, ווי עס פאָ־דערט זיך לויטן געזעץ.

7. הער דזשאַנו, וויצע־אינערן־מיניסטער, וועט נאָמינירט ווערן דורך דער רומענישער רעגירונג זיך צו פאַרנעמען מיט די ענינים פון עליה.

8. הער משה אַווערבוך, וואָס האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט זיך באַשעפטיקט מיט די עליה־ענינים פון רומעניע און איז אַן אָפיציר אין דער ישראל־אַרמיי, וועט באַשטימט ווערן דורך דער ישראל־רעגירונג זיך צו פאַרנעמען מיט אַלע ענינים פון דער רעפּאַטריאַציע, מיט איינאָרדענען די טראַנספּאָרטן, צושטעלן די נויטיקע שיפן און אַלע סאָרטן אַפּראָוויזאַציע א. אַנד. און וועט זיין פאַר דעם פאַראַנט־וואָרטלעך, ווי ס'איז אָנגעוויזן אין פּונקט 4. (די אַריינפאָר־וויזע פאַר מ. אַווערבוך וועט אַרויסגעשיקט ווערן צו דער רומענישער געזאַנד־שאַפט אין פּראַג, נאָך דעם ווי כ'וועל מיטטיילן דער פרוי פּאַוקער, אַז ער איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטער. ביזן קומען פון הער אַווער־בוך, וועט אים פאַרטרעטן דער הער ריקו מענדעלסאָן פון בוקאַרעשט — פון „השומר הצעיר״).

9. אויף וויפל דאָס וועט זיין מעגלעך וועלן די רעפּאַטריאַנטן אַרויספאָרן נישט פון קיין רומענישן פּאָרט.

10. די פאַראינטערעסירטע צדדים וועלן, ווי ווייט מעגלעך, אויסמיידן אַרויסצורופן אַן אויסערלעכן טומל און אַ רעשיקע רע־קלאַמע אַרום דער דאָזיקער רעגולאַציע.

צווישן מיין ערשטער אודיענץ מיט פרוי פּאַוקער און דער צווייטער האָב איך געטראַכט, אַז מ'טאָר נישט זיין נאָכלאָזיק אינעם ענין עליה, דעריבער האָב איך זיך געלאָזט, למשל, צום רוסישן געזאַנדטן, צום קריגס־מיניסטער באָדנאַראַש און צום פּאָסט־מיניסטער ; איך האָב

צוגעגרייט דעם באַדן און מיינע באַמיאונגען זענען נישט געווען אומ־זיסט. אגב, ווען כ׳האָב אויפגעקלערט דעם קריגס־מיניסטער באַד־באַראַש, אַז מיר נויטיקן זיך אין נאָך מענטשן, און פון מיינע רייד איז אַרויסגעדרונגען, כאילו מיר זענען נאָך נישט זיכער מיטן זיג, האָט ער מיר דערקלערט, אַז מיר מוזן זיגן, אַז מ׳וועט אונדז העלפן, און וועגן אונדזער מיליטער האָט ער אַ זאָג געטאָן: „זיי וועלן זיך שוין אַן עצה געבן״.

באַדבאַראַש איז געווען פון אַ געמישטן אָפשטאַם, רומעניש־אוק־ראַינישן. האַרט פאַרן סוף פון קריג איז ער דורך די רוסן אַראָפּגע־לאָזט געוואָרן מיט אַ פאַראַשוט אין אַ פאַרטיזאַנער־לאַגער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די ענינים פון רומעניע; מיטן באַפרייען רומעניע איז ער דורך די זיכערהייטס־אַנשטאַלטן באַשטימט געוואָרן פאַר ספּעציעלע אויפגאַבן, און דאַן איז ער געווען טעטיק און זייער פריינט־לעך צו די ענינים פון דער אומלעגאַלער עליה און האָט אַקטיוו צו־געהאָלפן דאָס אָפּשווימען פון די צוויי גרויסע שיפן — די באַרימטע צוויי „פאַן״ען, וואָס האָבן מיט איין מאָל אַריבערגעפירט טויזנטער „אומלעגאַלע״ עולים. דער שמועס מיט אים האָט זייער דערמוטיקט, און כ׳בין פון אים צוריקגעקומען צו די חברים אין אַ געהויבענער שטימונג.

דאָ איז אויך דאָס אָרט אונטערצושטרייכן די באַזונדערע אויפ־גאַבע, וואָס עס האָבן אויסגעפילט עמוס און צפורה מנור, ביידע אָפּ־שטאַמיקע פון טראַנסילוואַניע, גוט באַקאַנט מיט די ענינים פון לאַנד און באַהערשן סיי רומעניש, סיי אונגאַריש; זייער הילף איז געווען פון גרויס וויכטיקייט. עמוסעס קאָנספּיראַטיווער נאָמען איז געווען „אַרטור״ און ער איז געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט „אַרטור דער צווייטער״, דאָס איז אשר בן־נתן (אין אַ צייט אַרום — אונדזער ערשטער אַמבאַסאַדאָר אין דעם פעדעראַלן דייטשלאַנד), וואָס איז געזעסן אין ווין און אָנגעפירט מיט דער „בריחה״ און אומלעגאַלן אַרויספאָר פון די מזרח־לענדער קיין מערב־אייראָפּע און דערנאָך קיין ארץ־ישראל.

אין כ׳ תמוז, בעת ס׳איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער גרויסער שול אין בוקאַרעשט אַן אזכרה־אַקאַדעמיע צו דער יאָרצייט פון הערצל און ביאַליק און אַ יזכור־תפילה נאָך די געפאַלענע זעלנער פון דער ישראל־אַרמיי, בין איך אָפיציעל איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען. איך האָב געשטעלט אַ באַדינג, אַז מיין דערשיינען דאָרט זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דעמאָנסטראַציע.

דער אמת איז, ווען איך וואָלט זיך דערלויבט צו דערשיינען אויף איינער פון די יידישע גאַסן און מ׳וואָלט זיך דערוווּסט, אַז דאָס בין איך, וואָלט די גאַס געוואָרן פול און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גראַנ־

דיעזער ציוניסטישער דעמאָנסטראַציע. דער עצם פאַקט, וואָס איך בין געקומען צו דער אַקאַדעמיע גלייך נאָך דעם ווי כ׳בין אויפגענומען געוואָרן דורך דער פרוי אַנאַ פאַוקער (עס זענען שוין וועגן דעם פאַרעפנטלעכט געוואָרן די ערשטע ידיעות אין ראַדיאָ און אין דער פרעסע), און נאָך דעם ווי ס׳איז באַוווסט געוואָרן, אַז איך האָב באַ־דאַרפט דורכגיין דעם גאַנצן צערעמאָניאַל כמעט פון דעם ערשט־מאַליקן דערשיינען פון אַ געזאַנדטן פאַר אַ נייער מדינה, איז אומ־מעגלעך צו שילדערן וויפל שטאָלץ און דערהויבנקייט דאָס האָט גע־געבן די רומענישע יידן.

גייענדיק צו דער אזכרה אין בית־הכנסת האָב איך אויסגענומען פאַרשיידענע באַדינגונגען: עס זאָל נישט דערמאָנט ווערן מיין נאָ־מען, ס׳זאָל וועגן מיר גאָרנישט נישט געזאָגט ווערן, כ׳וועל בלויז באַ־טהגעגענען זיך מיטן ביי־זיין די צערעמאָניע. פון אָנהייב איז פאַרוערט גע־וואָרן צו האַלטן רעדעס, ס׳זענען אָבער בכלל נישט נויטיק געוועזן קיין רעדעס. דאָס איז פאַקטיש געוועזן בלויז אַ רעליגיעזער צערעמאָניאַל, מיט אַ תפילה לזכר די געפאַלענע צה״ל־זעלנער, אָבער אַ טיפער, אַן אמתדיקער, אויפריכטיקער און פראָכטפולער.

ווער ס׳האָט געהערט דעם „מי שברך״, וואָס אויף צו פאַרפאַסן אים האָבן צוויי רבנים זיך געמיט אַ וואָך צייט — אַ „מי שברך״ פאַר דעם רומענישן פרעמיער, פאַר דעם פרעזידענט פון רומעניע, פאַרן מאַרשאַל סטאַלין, פאַרן ערשטן פרעזידענט פון מדינת ישראל, פּראָפ׳ חיים וויצמאַן און פאַרן „שר פון העלדישן ישראלדיקן מיליטער, מורנו ורבנו דוד בן־גוריון״ — האָט געמוזט אויפגעשטורעמט ווערן ביז די טיפענישן פון זיין נשמה. אויך איך אַזוי. כ׳האָב געזען דעם אויסדרוק פון די פנימער פון טויזנטער מענטשן, און כ׳וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. די אזכרה־תפילה האָט מען געזונגען אין רומעניש. איך האָב מיטגעלעבט מיט זיי אָט די רגעס, כאָטש כ׳האָב ווייניקער פאַרשטאַנען. דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען, ווי ריכטיק די מדינה איז פאַר די יידן אין גלות: זי האָט אויסגעגלייכט זייערע רוקנס און זיי פאַרוואַנדלט אין גלייכע צווישן גלייכע. זיי זענען געוועזן פריי פון אונדזערע שוועריקייטן אין לאַנד און געזען בלויז דאָס לויכטנדיקע — איז דאָס געוועזן פאַר זיי ווי לופט צום אָטעמען.

אגב, אויף ווי ווייט עס האָט געווירקט אויפן רומענישן יידנטום דאָס נייע וואָס אין אונדזער זעלבשטענדיקייט, האָט מען געקענט זען אין ענין „אַלטאַלענאַ״: אַלע האָבן באַרעכטיקט די טאַט (אין אַנדערע לענדער איז נישט אַזוי געווען, נישט אין פאַריז און אפילו נישט אין טשעכאָסלאָוואַקיע). די דאָזיקע יידן, אַז זיי האָבן שוין זוכה געווען צו אַ רעגירונג, האָבן זיי געוואָלט זי זאָל הערשן אויף אַן אמת. דער

ענין „אַלטאַלענאַ“ איז ביי זיי געווען אַ בפירושער אויסדרוק פאַר זעלבשטענדיקייט, נישט ווייניקער ווי דאָס פאַרנעמען לוד, רמלה אָדער נצרת. ס׳האָט זיך צווישן זיי נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל נישט זאָגן: „דאָס איז אַ רעגירונג! אויב ס׳איז דאָ אַ יידישע רעגירונג, טאָר זי נישט זיין קיין שוואַכינקע, וואָס רופט נישט אַרויס צו זיך דרך־ארץ“.

אייניקע טעג נאָך דעם הסכם, וועלכן כ׳האָב דערגרייכט מיט פרוי פאַוקער, האָט מען צו מיר טעלעפאָנירט פון רומענישן אויסערן־מיניסטעריום און מיך איינגעלאַדן אויף אַ באַגעגעניש מיט איר שטעלפאַרטרעטערין, פרוי טאָמאַ. (פרוי פאַוקער איז צייטווייליק אַרויסגעפאָרן אין אויסלאַנד). אין דעם דאָזיקן געשפרעך האָט מיט מיר אָנטיילגענומען הער ריקו מענחעלסאָן, ווי אַן איבערזעצער.

לויטן פאָרשלאַג פון פרוי טאָמאַ, האָב איך פאַר איר דורכגעלייענט די פאַראַגראַפן פון דער איינשטימיקער פאַרשטענדיקונג מיט פרוי פאַוקער אין די ענינים פון רעפאַטריאַציע, ווי זיי זענען דורך מיר פאָרמולירט געוואָרן אין דער נאָטאַציע.

פרוי טאָמאַ האָט מיר געמאָלדן, אַז פאַר דעם אַמט פון פאַרבינדונגס־אָפיציר מיט אונדזער פאָרשטייער פאַר די ענינים פון רעפאַטריאַציע איז שוין באַשטימט געוואָרן אַ הויכע באַאַמטין פון רומענישן אויסערן־מיניסטעריום.

וואָס שייך די פונקטן פון דער פאַרשטענדיקונג, האָט זי אָנגעמערקט אויף דריי זאַכן:

א. יעדער עולה דאַרף וויסן, אַז ער פאַרלירט אויטאָמאַטיש זיין רומענישע בירגערשאַפט;

ב. אונדזערע פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן צוזאַמענשטעל פון די עולים דאַרפן זאָרגן, אַז עס זאָלן נישט פונאַנדערגעטיילט ווערן קיין משפחות — צוזאַמען מיטן עולה זאָלן מיטפאָרן זיינע פאַמיליע־מיטגלידער, וועלכע ער איז מפרנס;

ג. ס׳איז געווונטשן, אַז די שיפן זאָלן גראָד יאָ קומען אין אַ רומענישן פאָרט, כדי נישט דערלאָזן, אַז עס זאָלן זיך מיטכאַפן סתם עמיגראַנטן, וועלכע האָבן נישט בדעה עולה צו זיין קיין ישראל, נאָר אַרויספאָרן אין אַנדערע לענדער.

איך האָב געענטפערט, אַז מיר נעמען אָן אירע פאָרשלאָגן און געבעטן צואיילן די טעכנישע צוגרייטונגען, ווייל מיר, פון אונדזער זייט, זענען גרייט תיכף צו ברענגען די ערשטע שיף. פרוי טאָמאַ האָט דערויף געענטפערט, אַז די איינאָרדענונגען פאָדערן פאַרשיידענע צוגרייטונגען, אַריינגערעכנט אויך די אויפקלערונגען פאַר די פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס (יידישער דעמאָקראַטישער ראַט, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע א. אַנד.). צום סוף איז איינגעשטימט געוואָרן,

אַז מיר דאַרפֿן ריכטן דאָס קומען פֿון דער ערשטער שיף אין קאָנס־טאַנצער פּאָרט אַריין, אויף דער דריטער אָדער פערטער וואָך פֿון חודש אויגוסט.

פּרופֿ׳ טאָמאַ האָט צוגעגעבן און אונטערגעשטראָכן, אַז די חודש־לעכע קוואָטע פֿון 5,000 מענטשן באַציט זיך בלויז צו יידן, וועלכע וועלן איינשטימען מיט זייער פֿרייען ווילן צו פֿאַרלאָזן רומעניע און אַז עס וועט נישט זיין קיין שום צוואַנג. כ׳האָב געענטפֿערט, אַז אַזאַ איז אויך מיין מיינונג.

נאָך דעם ווי כ׳האָב איבערגעגעבן דער פּרופֿ׳ טאָמאַ, אַז לויט מיין דרינגענדיקער בקשה איז שוין דערגרייכט געוואָרן די הסכמה פֿון אונדזער מיליטערישער מאַכט צו באַפרייען מ. אַוּוערבוכן פֿון מיליטער־דינסט, האָט זי מיר צוגעזאָגט תיכּף אַרויסצושיקן פֿאַר אים אַן אַריינ־פֿאָר־וויזע, צו דער רומענישער געזאַנדשאַפֿט אין פּראַג.

צום סוף האָב איך דערציילט דער פּרופֿ׳ טאָמאַ, אַז עס זענען פֿאַ־ראַן ערטער, ווו די פֿאַראָרדענונג פֿון אינערן־מיניסטעריום אויפֿצו־הערן פֿאַרמאַכן די הכשרה־קיבוצים ווערט נאָך דערווייל נישט אויס־געפֿירט (ווי אַ ביישפּיל האָב איך געבראַכט די לאַגע אין טימישאָ־ראַ). פּרופֿ׳ טאָמאַ האָט זיך תיכּף אויפֿן אָרט פֿאַרבונדן טעלעפֿאָניש מיטן אינערן־מיניסטעריום און געענטפֿערט, אַז דאָס זענען בלויז פֿאַלן פֿון מיספֿאַרשטענדענישן און די פֿאַראָרדענונג וועט פֿולשטענ־דיק אויסגעפֿירט ווערן.

פּרוּוון אונטערצוגראָבן אונטער דעם הסכם מיט א. פּאַוּקער, האָבן זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך זיין דערגרייכט ווערן. אין שפּיץ פֿון די אונטערגראָבער איז, פֿאַרשטייט זיך, געשטאַנען די יעווסעקציע. דערפֿאַר האָב איך זיך צוגעאיילט, און תיכּף נאָך דער אודיענץ ביי פּרופֿ׳ טאָמאַ, טעלעגראַפֿירט דעם 10־טן אויגוסט צו משה שערטאָק אַט וואָס:

„1. איך קום דאָ דערמאָנען מכּוח דער טעלעגראַמע צו א. פּאַו־קער. מר א. קאַפּלאַן (דער ערשטער פֿינאַנס־מיניסטער) גיט איבער, אַז די אָפּהאַלטונגען פֿון איינאָרדענען דעם אַקרעדיטיוו וועלן באַזיי־טיקט ווערן און ער וועט, וואַרשיינלעך, געעפֿנט ווערן איבערמאָרגן. מיין מיינונג איז, אַז ביי אַלע באַדינגונגען דאַרף מען מער נישט אויפֿהאַלטן די דאַנק־טעלעגראַמע צו איר, באַזונדער אין שייכות מיט די ידיעות, וועלכע ווערן געבראַכט אין די צוויי קומענדיקע פּונקטן;

2. דער ועד הפּועל פֿון דער הסתדרות האָט באַקומען אַ טעלע־גראַמע פֿון איטאַליע, וואָס גיט איבער די בקשה פֿון די החלוץ־מענ־טשן אין בוקאַרעשט, זיך ווידער צו ווענדן צו פֿריינד וועגן ענין פֿון די הכשרה־קיבוצים, ווייל נאָך מיין פֿאַרלאָזן רומעניע האָט מען אָנ־געהויבן גראָבן „קעגן די איינאָרדענונגען וועלכע איך האָב געמאַכט״.

אין דער טעלעגראַמע איז נישט אָנגעגעבן, צי באַציט זיך דאָס צו אַלע איינאָרדענונגען (עליה, קיבוצים, פאַרטיידיקונגס־קאַמפּיין) צי בלויז צו די הכשרה קיבוצים.

3. אין דער צייטונג „על המשמר" איז היינט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ טעלעגראַמע פון פראג, וועגן דער פּאָליטישער טעטיקייט פון מ. אורן, צווישן אַנדערן ווערט דאָרט געזאָגט, אַז ער האַלט ביים אַרויספאָרן קיין רומעניע, „ווייל עס זענען אָנגעקומען זאָרג־אַרויס־רופנדיקע ידיעות וועגן גורל פון די הכשרה־קיבוצים און וועגן פּרוּוון אונטערצוגראָבן דעם עליה־הסכם, וועלכן עס האָט דערגרייכט דער ישראל־פאָרשטייער, וואָס האָט דאָרט געווײלט מיט אַ קורצער צייט צוריק".

4. כ'מיין, אַז אין דער טעלעגראַמע צו א. פאַוקער איז כדאי אויפצוקלערן אין אַ פאַסיקער פאָרם די געוויסע ענינים פאַר וועלכע איר דאנקט איר און אויבן־אָן — דער ענין עליה. עס קומט אויך אויף די פראַגע (דווקא אין פאַל אויב ס'וועלן זיך באַשטעטיקן די זאָרג־ארויסרופנדיקע ידיעות) צי ס'איז נישט כדאי אויף א פאסיקן אופן צו פאַרעפנטלעכן אייער דאַנק־טעלעגראַמע צו איר — אין פאָרם פון אַ מיטטיילונג פונעם וואָרטזאָגער פון אויסערן־מיניסטעריום, אָדער אויף אַן אַנדער אופן — אַלץ, כדי דאָס זאָל דערגיין צו דער רומענישער רעגירונג און שווערער מאַכן די פּרוּוון פון אונטערגראָבונג..."

פון דער באַגעגעניש פון הער ריקו — דער מענטש, וואָס איז דורך אונדז באַשטימט געוואָרן אויף דורכצופירן דעם הסכם אין בוקאַרעשט — מיט דער רומענישער באַאַמטין, וועלכע איז נאָמינירט געוואָרן פון אויסערן־מיניסטעריום פאַר דעם ענין, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער „יידישער דעמאָקראַטישער קאָמיטעט" וועט דערליידיקן די ענינים פון דער עליה. אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט געפינען זיך קאָמוניסטן, מפא"י־חברים און חברים פון השומר הצעיר. ריקו האָט זיי געמאָלדן, אַז דאָס קאָן אַזוי נישט זיין, ווייל עס זענען פאַראַן נאָך ציוניסטישע פאַרטייען און מיר קאָנען נישט מסכים זיין צו אַזאַ דיסקרימינאַציע. און הגם עס איז מיט מיר צוזאַמען באַשלאָסן געוואָרן, נאָך פאַרשיידענע אויסרעכענונגען, אַז מ'וועט אָנהייבן אַרויספאָרן אין אויגוסט, האָט זיך איצט נישט פאָרגעזען אַזאַ מעגלעכקייט פאַר סעפּטעמבער. דאָס שווערסטע דערביי איז געווען, וואָס צום ערשט האָט דאָס געזאָגט ריקו אַ פאָרשטייער פון קאָמיטעט און אויך זי האָט דאָס איבערגעחזרט, אַז די צאָל אַרויספאָרערס וועט זיין 3000 און נישט 5000. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון אָפיציעלע און נישט־אָפיציעלע געשפּרעכן, האָט דער „קאָמיטעט" געהאַט בדעה צו נעמען אונ־

דזערע עולים אויף אַ חודש אין אַ לאַגער אַריין, דאָרט מאַכן אַ סע־
לעקציע און זיי געבן „דערציאונג".

נאָך מיין צוריקקערן זיך אין לאַנד אַריין, און נאָך דעם ווי כ'האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט, האָט דער אויסערן־מיניסטער געשיקט אַ נישט־קורצע דאַנק־טעלעגראַמע צו פּרוי פּאַוקער, אין וועלכער ער האָט איבערגעחזרט דעם פּאָזיטיוון אויספיר פון מיינע געשפּרעכן מיט איר. און דאָס, כאָטש די טעלעגראַמע איז געווען אַן אָפענע און איז גע־שיקט געוואָרן אין מלחמה־צייט.

אין פאַרלויף פון די יאָרן האָבן זיך די זיג־זאַגן מער־ווייניקער אויסגעגלייכט, הגם עס זענען געווען שטרויכלונגען, אָפּשלעפּונגען, הפסקות, עליות און ירידות — אָבער די עליה פון הונדערטער טויזנ־טער יידן פון רומעניע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. אמת, נישט אין משך פון א פינף אָדער צען יאָר, ווי מיר האָבן אין אָנהייב גערעכנט, נאָר ס'האָט געדויערט צוואָנציק יאָר.

קאַפּיטל צוויי

רוסישער האָניק־חודש

אויפֿן וועג קיין מאָסקווע מיט גאָלדע מאיר. — דער ערשטער טאָג אין מאָסקווע. אין צערעמאָניאַל־אָפּטייל. — ביי מאָלאָטאָוון אין קרעמל. — דאָס איבערגעבן די באַגלויבונגס־פּאַפּירן. — דער רב שליפער. — ערשטער באַזוך אין דער גרויסער שול. — אַ מיידלס עדות־זאָגן. — ערשטע שטימען פֿון די שווייגנדיקע יידן. — אויף אַ גאַס מיט אַ רוסישן מענטש. — ביי זאָרינען. — באַרירונגען מיט באַאַמטע פֿון אויסערן־מיניסטעריום און סאָוויעטישע אינסטיטוציעס. — דאָס זוכן קרובים. — עסיק־טראָפּנס אינעם האָניק־חודש: ערנבורגס אַרטיקל. — אין יידישן טעאַטער: „פֿריילעכס״. — די ישראלדיקע געזאַנדשאַפֿט ביי איר אַרבעט. — ראש השנה אין בית הכנסת. — און אין יום־כיפּור. — אַ צופֿעליקע באַגעגעניש מיט ערנבורגן.

זונטיק, דעם 29־טן אויגוסט 1948 ביינאַכט, האָבן מיר אויפֿן וועג פֿון תל־אביב קיין מאָסקווע, געגעכטיקט אין רוים. אויפֿן פֿלי־פּלאַץ האָבן אונדז אויפֿגענומען עדה סערעני, דער פֿאַרשטאַרבענער יהודה ארזי, אַ מענטש פֿון זיכערקייט־מיניסטעריום יששכר און אַנדערע. נאָכן נאַכטמאָל וואָס ארזי האָט פֿאַר אונדז צוגעגרייט זענען מיר זיך צונויפֿגעקומען אין האָטעל מיט שליחים און פֿאָרשטייערס פֿון דער מדינה און אירע אינסטיטוציעס, אַן ערך פֿינף און צוואַנציק מענטשן און גאָלדע האָט פֿאַר אונדז רעפֿערירט „וועגן מצב״.

אַז מיר זענען מאָנטיק, דעם 30.8 אָנגעקומען קיין פּראָג, זענען מיר, נאָכן דורכשמועסן זיך אויפֿן פֿלי־פּלאַץ מיט אהוד אבריאלן, געקומען צום אויספֿיר, אַז מיר וועלן זיך נישט פֿאַרהאַלטן אויף קיין שום צווישן־סטאַציע (וואַרשע צי בוקאַרעשט), ווייל דער „פּראָטאָקאָל״ איז מחייב צו פֿאָרן גלייך קיין מאָסקווע, אָן שום „אָפּווייכונג״. ס׳איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז דאָס פֿאָרן מיט דער באַן דויערט צו לאַנג און איז נישט באַקוועם. האָבן מיר זיך פֿאַרבונדן מיט דער סאָוויעטישער געזאַנדשאַפֿט אין פּראָג און זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז

פון מאָסקווע זענען שוין געווען עטלעכע אָנפראגן וועגן אונדזער קומען און אַז דאָנערשטיק, דעם 2.9 וועט פון דאנען ארויספליען אַ סאָוויעטישער עראָפּלאַן ספּעציעל אויף אונדז אַריבערצופירן. (אויף אונדזער חשבון: 124 דאָלאר א פּערזאָן). דאָ האָט זיך איבערגעחזרט די פּרשה פון איבעריקע וואַליזעס, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט אין תל־אביב, און מיר זענען געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן אין פּראָג אויף נאָך צוויי טעג די מענטשן פון אונדזער געזאַנדשאַפט — לפּיד, החרמוני און פּרוי שתילי — און מיט זיי א צוויי־דריטל פונעם באַגאַזש.

דינסטיק, דעם 31.8, וואַרטנדיק אויפן עראָפּלאַן, האָט גאָלדע אין דער באַגלייטונג פון אהוד אבריאל און אריה לבבי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביים סאָוויעטישן געזאַנדטן אין פּראָג — סילין. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויפן מצב אין לאנד און וועגן צייטווייליקן פייער־איבעררייס. גאָלדע האָט אים אויספירלעך אינפאָרמירט און ער האָט נישט רעאַגירט און נישט געשטעלט מער קיין פראַגן, אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום איז שוין געווען פאַרענדיקט דער קאַלטער און טרוקענער געשפרעך (פּינקטלעכער געזאָגט: דער מאָנאָלאָג). אונדזערע מענטשן האָבן געמאַכט אַ באַזוך אין אונדזער געזאַנדשאַפט און זענען פארבעטן געוואָרן אויף אַ „קבלת־פּנים" ביי אהוד אבריאלן, אין זיין פּריוואַטער פּרעכטיקער ווילע. גאָלדע און עטלעכע חברים זענען אויך געווען אויף אַ באַזוך אינעם הויז פון הער לעווין, דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין פּראָג.

דאָנערשטיק 8.30 אין דער פרי זענען מיר אָפּגעפלויגן פונעם פּראָגער פלי־פּלאַץ. חוץ אונדז זענען אינעם עראָפּלאַן געווען פיר רוסן — צוויי באַאַמטע, אַ גענעראַל און אַ פרוי, וואָס האָבן אָנגעהאלטן „דיסטאַנץ".

אין דריי שעה ארום זענען מיר געווען אין לעמבערג. אויף דער דאָזיקער ערשטער סטאַציע פון ס.ס.ס.ר.ישער ערד האָבן מיר געוויילט איין שעה. דאָ האָט מען אָפּגעסטעמפּלט אונדזערע פּאַספּאָרטן מיטן אריינגאנג - סטעמפּל פון דער סאָוויעטישער גרענעץ־פּאָליציי און ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אויבנאויפיקע רעוויזיע אין די וואַליזעס פון יענע מיטארבעטער פון אונדזער געזאנדשאַפט — אייגאַ שפּירא, לאה (לו) קהר און זכריה רחבי — וואָס האָבן נישט געבאָסן פון דיפּלאָמאַטישער אומבאַרירלעכקייט.

דערנאָך זענען מיר געפלויגן העכער פינף שעה איבער אַ סטעפּ — אָן אומענדלעכער פליין פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט. א זייגער פינף פאר נאַכט האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פלי־פּאָרט ווּנוקאָוואָ, אַ דרייסיק קילאָמעטער פון דער הויפּט־שטאָט.

בעת דער עראָפּלאַן האָט געלאַנדעט זענען שוין געשטאַנען לעבן אים שטראַם צוויי מונדירטע לייט — דער צערעמאָניאַל־שעף מאָלאָטש־

קאָוו און נאָך איינער פון דער זעלבער אָפּטיילונג בוכאַראָוו, אויך א פאַרשטייער פון „אינטוריסט״, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן איינאָרדענען דעם טראַנספּאָרט און פאַרן האָטעל. דורך דער צייט פונעם באַקאַנטשאַפט־שמועס מיט גאָלדען און מיט אַנדערע מענטשן פון אונדזער געזאַנדשאַפט, פרעגן וועגן דער רייזע, וועטער, דער געזונט־צושטאַנד פון די קינדער א. ד. גל. איז אונדזער באַגאַזש שנעל אָפּגעלאָדן געוואָרן און אין דער באַגלייטונג פון די דריי גאַסט־געבער זענען מיר אָפּגעפאָרן צום האָטעל „מעטראָפּאָל״ אויפן סווערדלאָוו־פּלאַץ וואָס איז אין צענטער שטאָט, א מהלך פון אַ דריי פערטל שעה פון דאַנען.

מיר זענען אָנגעקומען אין צענטער פון שטאָט פונקט אין סאַמע מיט פון דער גרויסער לוויה פונעם מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ זשדאַנאָוו. אייניקע מאָל זענען מיר פאַרהאַלטן געוואָרן דורך געדיכטע טיילן פון די מאַרשירנדיקע, דער עיקר פוסגייער־מיליטער, רייטערס און אַרטילעריסטן. מיט דער הילף פון אונדזערע באַגלייטער פונעם צערעמאָניאַל־אָפּטייל איז דערמעגלעכט געוואָרן אונדזערע מאַשינען זיך דורכצושניידן אין מיטן פונעם מאַרש, שאַפנדיק פאַר אונדז א דורכגאַנג אויסער דער ריי.

נאָכדעם ווי מיר זענען פאַרטיילט געוואָרן לויט די צימערן — אַלע אויפן זעלבן שטאָק אָבער נישט אין נאָענטער שכנות, זענען מיר איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ פיין געדעקטן טיש, באַלאָדן מיט א שפע פון עסנס און געטראַנקען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ברייטער רוסישער האַנט (אויף אונדזער חשבון...).

אונדזער ערשטע באַגעגעניש אין האָטעל (מיינע און לבביס) איז געווען מיט אַ יונגער יידישער פרוי, אַן אַרבעטערין פון „אינטוריסט״, וואָס האָט זיך אונטערגענומען איבערצוגעבן די ערשטע העברעישע טעלעגראַמע (אין לאַטיינישער שריפט) וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט קיין תל־אביב אין דער נאַכט פון אונדזער אָנקום. זי האָט געוווּסט אַז מיר דאַרפן קומען, און זי האָט זיך מיט אונדז זייער געפרייט. זי האָט דערציילט אַז איר זיידע האָט געקענט עברית. זי האָט זיך אינטערעסירט מיט דער לאַגע אין לאַנד און צוגעגעבן, אַז גלייך ווי ס'וועט זיך פאַרענדיקן די מלחמה קומט זי אונדז באַזוכן. מיר, פון אונדזער זייט, האָבן געשוויגן און, בכלל, ווי ווייט מעגלעך ווייניק מיט איר גערעדט. צוריקגעקומען פון פּאָסט האָט זי דערציילט, אַז אין אָנהייב האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף געוויסע שוועריקייטן ביים אָוועקשיקן די טעלעגראַמע. דער באַאַמטער האָט געטענהט, אַז ער פאַרשטייט נישט די שפּראַך מיט וועלכער מען באַנוצט זיך אין דער טעלעגראַמע, צום סוף האָט ער זי אָנגענומען. כדי צו זיין אינגאַנצן זיכער האָבן מיר טעלעגראַפירט אויך צו אהוד אבריאלן.

צומאָרגנס, דעם 3.9, האָבן מיר געלייענט אין דער „איזוועסטיאַ״ און אין דער „פּראַוודאַ״ וועגן קומען פון גאָלדען מיט איר שטאַב און

אַז דער אויבנדערמאָנטער מאַלאָטשקאָוו האָט אונדז אויפגענומען. די ערשטע טעלעפאָן־געשפּרעכן צו גאָלדען, אויך דער ערשטער באַזוך ביי איר זענען געווען פון אויסלענדישע צייטונג־קאָרעספּאָנדענטן, — העגרי שאַפּיראָ פון „יונייטעד פּרעס", דער פאָרשטייער פון דער רויטער־אַגענטור און פון „טעלעגראַף עקספּרעס" (סטייגער?) און ניומאַן פון „העראָלד טריביון".

די ערשטע פּראַקטישע טואונג איז געווען דאָס אַראַנזשירן די געלט־ענינים אין דער רעגירונג־באַנק. דער אָפיציעלער אויסבייט־קורס איז געווען 1 דאָלאר — 5.30 רובל. אָבער פאר פרעמדע געזאַנדשאַפטן *) ווערט געגעבן א הנחה. 1 דאָלאר — 8 רובל. איז דעריבער נייטיק געווען זיך צו ווענדן צו דער צערעמאָניאל־אָפּטיילונג, זי זאָל אַרויסגעבן די געהעריקע פאַראָרדענונג וועגן די רעכט אויף אזא הנחה.

ביי דער געלעגנהייט, דעם 3־טן סעפּטעמבער, אין אן אויספירלעכן געשפּרעך צווישן לבבי, איך און בושויעוו, דער פארטרעטער פונעם צערעמאָניאל־שעף, (מאַלאָטשקאָוו איז נישט געווען אין קאַנצעלאַריע) — זענען אויפגעקלערט געוואָרן נאָך אנדערע איינריכטונג־ענינים. דאָס געשפּרעך וואָס האָט געדויערט העכער א שעה, איז געפירט געוואָרן אין אַ גאָר פריינדלעכן גייסט, אַליין דאָס אריינגיין אונדזערס און דאָס ארויסגיין פון ביוראָ איז געווען כמעט „צערעמאָניאל", בעת באגלייטערס זענען געווען אויסגעשטעלט אין פארשיידענע ווינקלען אין די קאָרידאָרן פונעם מיניסטעריום. און אָט די ענינים זענען אויפגעקלערט געוואָרן:

עס וועט געגעבן ווערן אַ פאַראָרדענונג דער מלוכה־באַנק וועגן עפענען אַ קאָנטע, לויטן באַזונדערן קורס פאר פרעמדע געזאַנדשאַפטן. מיר זענען געבעטן געוואָרן צוצושטעלן ביזן סוף חודש אַ מין אויסגאַב־בודזשעט ביזן סוף יאָר (אַן אלגעמיינע סומע, נישט קיין איינצלהייטן). וואָס אין אָט דער ראַם וועט אונדז דערלויבט זיין אויסצובייטן פרעמדע וואַלוטע לויטן אויבנדערמאָנטן קורס. די סיבה: „ביי אונדז איז א געפּלאַנטעווירטשאַפט, און מיר דאַרפן דעריבער וויסן פון פאָרויס די סכומען".

ס'וועט געגעבן ווערן א פאַראָרדענונג דער פּאָסט וועגן אונדזער רעכט צו באַנוצן זיך מיט א „קאָד" פאר טעלעגראַמעס, און געוויינלעכע טעלעגראַמעס — אין עברית (אין לאַטיינישער שריפט).

מיר וועלן קענען שיקן אונדזערע טעלעגראַמעס דורך ניו־יאָרק, אָדער טאַנזשער, כדי אויסצומיידן קאַיר.

עס וועט געמאָלדן ווערן טעלעפאָניש קיין לעמבערג אַז מען זאָל

*) אין דעם בוך באַנוץ איך צום מייגסט דעם טערמין „געזאַנדטער", אפילו ווען דער טיטל־טרעגער איז געווען „אַמבאַסאַדאָר".

נישט רעווידירן דעם באַגאַזש וואָס איז באַגלייט דורך לפּיד, החר־מוני און שתילי וואָס האָבן געזאָלט קומען קיין מאָסקווע מיט אַ געוויינלעכן סאָוויעטישן עראָפּלאַן, וואָס גייט אויף דער ליניע פּראָג־מאָסקווע. (שבת דעם 4־טן סעפּטעמבער זענען זיי אָנגעקומען בשלום, צוזאַמען מיט באַגאַזש).

אַלע אונדזערע מענטשן פון דיפּלאָמאַטישן סטאַטוס וועלן באַקומען ספּעציעלע קאַרטן. די רעשט מיטאַרבעטער אונדזערע וועלן באַקומען אַ סטעמפּל אויף זייערע פּאַספּאָרטן וואָס אויך דאָס גיט זיי באַשטימטע פּריווילעגיעס, וועלן אַפילו מינדערע אין פאַרגלייך מיט די דיפּלאָמאַ־טישע קאַרטן.

ביים צערעמאָניאַל־אַקט פון איבערגעבן די באַגלויבונגס־פּאַפּירן איז דאָ נישט אָנגענומען אַרויסצוציען פענער, עס ווערן דאָ אויך נישט געשפּילט די נאַציאָנאַלע הימנעס און ס'איז אויך נישט אויסגעשטעלט קיין מיליטערישע ערן־אָפּטיילונג. די אויסערלעכע פאָרעם איז אַ גאַנץ צוריקגעהאַלטענע (זעט אויס, כדי די פרעמדע זאָלן נישט געניסן פון צופיל פּאָפּולאַריטעט), אינעווייניק אינעם זאַל זעען אויס די פּרטים פונעם צערעמאָניאַל ענלעך צו די, ווי מיר האָבן איינגעאָרדנט ביי אונדז פאַר יערשאָוון, דעם ערשטן געזאַנדטן פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין מדינת ישראל. וועגן אַ פּענדל אויף דער מאַשין פון געזאַנדטן זענען נישט פאַראַן קיין פאַראָרדענונגען, יעדע געזאַנדשאַפט קאָן זיך פירן ווי זי וויל.

די פאָן אויף דער געביידע פון דער געזאַנדשאַפט ווערט אַרויפ־געצויגן נאָר אין די נאַציאָנאַלע יום־טובים פון דער געשיקטער מדינה, אין די גרויסע פייערונגען פון דער אויפנעמענדיקער מדינה און אין באַזונדערער פאַלן — אין אַ גרויסן יום־טוב אָדער נאַציאָנאַלער געשע־עניש פון אַ פרעמדער מדינה וואָס האָט דאָ איר געזאַנדשאַפט.

אַ הויז אויף צו וווינען און פאַר די ביוראָען:

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ קענטלעכע צאָל געזאַנדשאַפטן — דער עיקר פון די וואָס האָבן זיך דאָ געעפנט נאָך דער מלחמה, — וווינען נאָך אַלץ אין האָטעלן און עס גייט אַמאָל פאַרביי אַ גאַנץ יאָר ביז זיי באַקומען אַ באַזונדער הויז. אָבער מיר האָבן געהערט אַ קלאַנג, אַז בקרוב וועט מען אונדז געבן אַ קליין הויז, אָבער אַ שיינס, פון אַ 12־13 צימערן. פריער האָט דאָרט געוווינט מאַדאַם לאַקשמי פּאַנדיט, די ערשטע אַמבאַסאַדאָרין פון אינדיע אין ראַטנפאַרבאַנד. (זי איז דאַן געוועזן אויף אורלויב אין אינדיע און האָט זיך געגרייט פון דאָרט אַרויסצופאָרן צו דער פול־פאַרזאַמלונג פון אונ״א). איצט האָט זי דאָ באַקומען אַ גרויס הויז. אויב ס'וועט אונדז געגעבן ווערן דאָס קליינע הויז, וועט דאָס נאָר קאָנען לייזן די פראַגע פון אַ וווינונג פאַר גאָלדען און איר משפּחה, ביוראָען פאַר דער געזאַנדשאַפט, פאַר די מענטשן פון דער אינעווייניקסטער באַדינונג און פאַר נאָך אַ מענטש אָדער צוויי.

אינעם לויף פון געשפּרעך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס האָט געלייגט אַ בשותפותדיקן קראַנץ אויף זשדאַנאָווס קבר. און ווייל מיר זענען נאָך דאַן נישט געווען אין שטאָט, האָבן מיר געפרעגט און מ'האָט אונדז געענטפערט, אַז הגם גאָלדע האָט נאָך נישט איבערגעגעבן אירע פּאַפּירן, וועט דאָס נישט זיין קעגן פּראָטאָקאָל אויב זי וועט שיקן צו מאָלאָטאָוון אַ טרייסט־בריוו (און מיר האָבן טאַקע אַזוי געטון, און צו מאָרגנס האָט גאָלדע דערהאַלטן אַ דאַנק־בריוו). די פּרעסע האָט פאַרעפנטלעכט אַ רשימה פון פיל געזאַנדשאַפטן, פון מזרח און פון מערב, וואָס האָבן געשיקט זייערע טרייסט־בריוו און צווישן זיי — אַלע אַראַבישע לענדער און אויך אונדזער געזאַנדשאַפט. פון די גרויסמאַכטן האָבן געפעלט די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד. די רשימה איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן לויטן א. ב. איז דעריבער אונדזער געזאַנדשאַפט פאַרצייכנט געוואָרן גלייך נאָך דער מצרישער.

מכוח דעם פאָר־באַזוך ביי מאָלאָטאָוון, — פאַרן אַקט פון איבערגעבן די באַגלויבונגס־פּאַפּירן — איז פאָרגעלייגט געוואָרן, אַז גאָלדע זאָל מעלדן טעלעפאָניש אָדער שריפטלעך וועגן איר ווילן אים צו באַזוכן און אים איבערגעבן אַ קאָפּיע פון די פּאַפּירן.

דער מענטש מיט וועמען אונדזער געזאַנדשאַפט דאַרף שטיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט, אויסער אין צערעמאָניאַל־ענינים, איז דער שעף פונעם אָפּטייל פאַרן מיטעלן מזרח אין אויסערן־מיניסטעריום, באַקולין, און זיין שטעלפאַרטרעטער שטשיבאָרין. באַזונדער שטייען אונדזער האַנדלס־אַטאַשע בעזשעראַנאָ און אונדזער מיליטער־אַטאַשע ראַטנער. אין פאַרבינדונג מיט ראַטנערן וועט שטיין גענעראַל סאָראַיעוו, שעף פונעם אָפּטייל פאַר די באַוואָפנטע כוחות ביים אויסערן־מיניסטעריום, און בעזשעראַנאָ וועט שטיין אין פאַרבינדונג מיטן שעף פונעם האַנדלס־אָפּטייל ביים אויסערן־מיניסטעריום — קוזמינסקי.

צוליב שבת און צוליב זונטיק האָט זיך גאָלדע געוואָנדן שריפטלעך צו מאָלאָטאָוון, ערשט מאָנטיק דעם 6־טן סעפּטעמבער. נאָך אין זעלבן טאָג, פאַרנאַכט צו, האָט מען איר טעלעפאָניש מודיע געווען, אַז דער וויזיט ביי מאָלאָטאָוון וועט פאָרקומען מאָרגן, דינסטיק, דעם 7.9 5 נאָך מיטאָג אין קרעמל (נישט אין אויסערן־מיניסטעריום). גאָלדע איז צו אים געפאָרן אליין, צוליבן וויסן פון פריער אַז ער רעדט ענגליש, אָבער ער האָט גערעדט רוסיש בעת לעבן אים האָט זיך געפונען זיין ענגליש־איבערזעצער. די איבערזעצונג אליין איז געווען זייער קאָרעקט.

דער שמועס איז געהאַלטן געוואָרן אין אַן אַבסאָלוט פריינטלעכן טאָן, פול מיט מענטשלעכער פשטות. נאָך די געוויינלעכע פראַגן פון מאָלאָטאָוון וועגן א. אַנד. און נאָך דעם ווי ער האָט גענומען אין זיינע הענט אַריין די אָפּשריפט פון די באַגלויבונג־פּאַפּירן, האָט

ער זיך אויסגעפרעגט אויפן מצב אין לאנד. גאָלדע האָט געדאַנקט, קודם פאַר דער פּאָליטישער הילף וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן, א הילף אין וועלכער מיר וועלן זיך נאָך נייטיקן אין דער נאָענטס־טער צייט. מאַלאַטאָוו האָט געענטפערט, אַז אין דער אַ הילף איז נישט פאַראַן קיין שום אויסערגעוויינלעכס, זי איז בלויז דער פשוטער אויספיר פון דער אַלגעמיינער ליניע פון דער שטיצע וואָס ס.ס.ס.ר. גיט דעם קאַמף פון די פעלקער פאַר זייער זעלבשטענדיקייט ; און זייער שטעלונג אין אונדזער ענין פּאַסט אַבסאָלוט צו די פּאָליטישע טראַ־דיציעס פון די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד און זייער בפירושן ווילן. אויף זיין פראַגע וועגן אונדזערע באַציונגען מיט די אַראַבער האָט גאָלדע אים געזאָגט, אַז אונדזער כוונה איז שלום און אַז מיר האָבן פאָרגעלייגט דירעקטע פאַרהאַנדלונגען, כאָטש מיר האָבן נישט קיין אילוזיעס וועגן זייער מעגלעכן ענטפער. אַז ווען נישט די הילף וואָס די אַראַבישע לענדער באַקומען פון אויסן, וואָלט די מלחמה פון לאַנג שוין געווען געענדיקט. שוין איצט איז פאַראַן דאָ און דאָרט סמנים פון חרטה צווישן די אַראַבער פאַרן פאַרפּלאָנטערן זיך אין דער מלחמה, אָבער זייערע רעגירונגען זענען נישט פריי, דער עיקר צוליב אי־נערלעכע סיבות, צו דערגיין צו נייע פּראַקטישע אויספירן, אָן צו געפינען קודם אַ שעיר־לעזאזל פאַר דער פּאַקטישער לאַגע. ווי מאָד־נע עס זאָל נישט זיין איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין איינעם אַ טאָג וועלן די אַראַבער דערקלערן זייער עיקרדיקער ארויסהעלפערין, ענג־לאַנד, פאַר דער הויפּט־שולדיקער אין זייערע דורכפאַלן. מאָלאָטאָוו האָט אייניקע מאָל צוגעגעבן זיין הסכמה צו אירע רייד. ער האָט געזאָגט אַז אויך צו זיי זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן אַן אָנהייב פון אַן אַנטי־בריטישער אויסניכטערונג צווישן די אַראַבער, דערביי צו־געגעבן אַז די יידישע מדינה איז אַן עקזיסטירנדיקער פּאַקט וואָס מ'קאָן נישט אָפּפרעגן און אַז די רעגירונג פון ישראל איז אַ שטאַנד־האַפטיקע, כאָטש עס וועלן נאָך זיכער זיין גענוג צרות. גאָלדע האָט געזאָגט, אַז עס איז גוט געווען וואָס שטיצנדיק זיך אויף אונדזערע פריינט, און דער עיקר אויף אונדזערע אייגענע כוחות, האָבן מיר געוואָגט אויפצושטעלן די מדינה, נישט געקוקט אויף אַלע גרויסע שוועריקייטן. מאָלאָטאָוו, רעאַגירנדיק מיט א זשעסט פון הסכמה, האָט צוגעגעבן, אַז ער איז זיכער אין אונדזער דערפאָלג און אין דער פריינדשאַפט צווישן אונדז, און אַז זיי, פון זייער זייט, וועלן אויך ווייטער העלפן. דאָ האָט גאָלדע באַמערקט, אַז די דערפאַרונגען פון דער מלחמה באַווייזן די נויטווענדיקייט פון אויסבעסערן די גרענעצן. דערויף האָט מאָלאָטאָוו געענטפערט, „קלאָר אַז עס וועלן זיך נאָך דערוועקן אַ סך פראַגן, און מיר וועלן זיך מוזן מיט זיי פאַרנעמען". דערנאָך האָט ער געפרעגט וועגן בערנאַדאָטן. גאָלדע האָט יענעם שאַרף קריטיקירט פאַר זיין פאָרזען די באַשלוסן פון 29־טן נאָוועמ־

בער, פאַר זיינע פאַרשלאָגן וועגן ירושלים און חיפה, און געזאָגט: „איינס פון די ביידע, אָדער ער פאַרשטייט נישט ס'פּראָבלעם, אָדער ס'איז דאָ פאַראַן אַ גאַנץ אַנדערע סיבה". מאַלאַטאָוו האָט צוגעשמייכלט, ווי אַ צייכן פון הסכמה. דאַן האָט גאָלדע ווייטער אויפגעקלערט די נעגאַטיווע זייטן פון אומבאַגרענעצטן „פּייער־איבעררייס" אָן אַ שלום, וואָס פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן קאָנען זיין פאַראינ־טערעסירט אין דעם. מאָלאָטאָוו האָט מיט איר פולשטענדיק מסכים געווען.

אַז זי איז אויפגעשטאַנען זיך צו געזעגענען האָט ער איר געפרעגט צי האָט זי נישט וואָס צוצוגעבן. גאָלדע האָט דאַן אויף אַ באַשיידענעם אופן באַרירט די פראַגע וועגן אַ הויז פאַר דער געזאַנדשאַפט און האָט אויסגעדריקט איר האָפענונג, אַז עס זענען זיכער פאַראַן מענטשן וואָס זאָרגן דערפאַר. און טאַקע צומאָרגנס, אַז איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו מאָלאָטשקאָוון, דעם ממונה איבערן צערעמאָניאַל, אַרומ־צורעדן וועגן פאַרשיידענע ענינים פון דער צערעמאָניע און פּראָ־טאָקאָל, האָב איך זיך דערוווסט, אַז עס איז שוין באַשלאָסן געוואָרן צו שטעלן אין אונדזער רשות דאָס פּריוואַטע הויז פון מאַדאַם פּאַנדיט. (שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף זיכער, אַז אָט דאָס הויז איז נאָך פאַר אונדזער קומען באַשטימט געוואָרן פאַר אונדז). אין קרייזן פון די געזאַנדשאַפטן האָט די זאַך אַרויסגערופן אַ ביסל פאַרוווּנדערונג, ווייל האָבן געזען אין דעם אַ פאַוואָריזירן ישראל. וואָרום אַנדערע געזאַנדשאַפטן, עלטערע פון אונדז, וווינען נאָך אַלץ אין האָ־טעלן. און אין דעם ליכט איז אויך געזען געוואָרן דאָס צואיילן זיך מיטן אָננעמען אונדזערע באַגלויבונגס־פּאַפּירן.

ביים סוף פון דער אוידיענץ האָט מאָלאָטאָוו צוגעגעבן, אַז וועגן טאָג פונעם איבערגעבן די פּאַפּירן וועט מען אונדז באַזונדער מעלדן.

צו מאָרגנס, מיטוואָך דעם 8.9 בין איך, ווי דערמאָנט, איינגעלאַדן געוואָרן צו מאָלאָטשקאָוון ווו ער האָט געמאָלדן, אַז דער אַקט פונעם איבערגעבן די באַגלויבונגס פּאַפּירן וועט פאָרקומען מאָרגן, פרייטיק, דעם 10.9, 1 אַ זייגער נאָך מיטאָג. און אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געמיט אויפצוקלערן אַלע מינדסטע פּרטים פונעם צערעמאָניאַל. און ווייל שווערניק (דער פּרעזידענט פון ראַטנפאַרבאַנד) איז אַרויס אויף אורלויב, קומט אויף זיין אָרט דער פּרעזידענט פון דער רוסישער רעפּובליק, מיטגליד אין פּרעזידיום פון ראַטנפאַרבאַנד, וולאַסאָוו, וואָס איז דער שטענדיקער שטעל־פאַרטרעטער פון שווערניקן. עס זענען פאַראַן נאָך אייניקע שטעל־פאַרטרעטערס, פּרעזידענטן פון קלע־נערע מדינות. פיל געזאַנדטע האָבן איבערגעגעבן זייערע באַגלוי־בונג־פּאַפּירן צו פאַרשיידענע שטעל־פאַרטרעטערס.

אַ קליינער דעטאַל: מאַלאַטשקאָוו האָט אין דעם שמועס געזאָגט,

אַז דער אדרעס וואָס געפּינט זיך אויף די באגלויבונג־פּאַפּירן איז נישט אין אָרדענונג. ביי זיי ווענדט מען זיך נישט צו דעם וואָס שטייט אין שפּיץ פון דער מדינה, נאָר צום גאנצן פּרעזידיום ווי אַ קאָלעק־טיווע קערפּערשאַפט. פון דאַנען, אז דער נוסח פון דער ווענדונג אין אָט דעם בריוו דאַרף זיין געשריבן אין לשון רבים און נישט אין לשון יחיד. מאַלאָטשקאָוו האָט צוגעגעבן, אז זיי זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם, ווייל בעצם האָבן זיי געזאָלט פאַרלאַנגען אַ פאַר־בעסערטן נוסח, ווי עס פאָדערט זיך. אָבער רעכענענדיק זיך מיט די טעכנישע שוועריקייטן וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן און כדי אויס־צומיידן דאָס אָפּלייגן צו דערלאַנגען די שריפט — האָבן זיי באַשלאָסן מוותר צו זיין...

פון אונדז איז פארלאנגט געוואָרן צו דערשיינען אין פּראַק און צילינדער, נאָר אויב מיר האָבן דאָס נישט — איז אין שווארצע אנצוגן. אגב, לויטן רוסישן פּראָטאָקאָל באַטייליקט זיך נישט דער אויסערן־מיניסטער אין דער צערעמאָניע פון איבערגעבן באגלויבונגס־פּאַפּירן. זיין אויפגאָב איז אויפצונעמען דעם בייעם געזאַנדטן אויף אַן אוידיענץ פאר דעם צערעמאָניאַל. איינער פון זיינע שטעל־פארטרע־טערס פאַרטרעט דעם אויסערן־מיניסטער בעת דער צערעמאָניע. על פּי רוב איז דאָס זאָרין אָדער גוסעקאָוו.

דעם 9.9 האָב איך אָפּגעהאלטן נאָך א שמועס מיט מאָלאָטשקאָוון וועגן אָט די ענינים. דער דאָנערשטיק איז אונדז אדורך אויף פארשיי־דענע צוגרייטונגען נישט אָן צערודערונג. צומאָרגנס, 12.45, איז מאָ־לאָטשקאָוו אָנגעקומען צו אונדזער האָטעל אין דער מאשין פון מלוכה־פּרעזידענט, אַן אָנגעטוענער אין אַ בלויעם גאַלאַ־מונדיר, באַהאָנגען מיט מעדאלן און אויסצייכענונגען. ער איז ארויף אין צימער פון גאָלדען, וואָס איז שוין געווען אָנגעטון אין א מלכותדיק שווארץ לאנג קלייד. דאָ האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז די רעשט מיטגלידער פונעם דיפּ־לאָמאַטישן קאָרפּוס אונדזערן: ראַטנער אין זיין בלויעם אוניפארם, בעזשעראנאָ און איך אין פּראקן. לפּיד אין סמאָקינג, אלע אויסגע־שטאַט אין ווייסע הענטשקעס. צילינדערס האָבן געטראָגן בלויז איך און בעזשעראנאָ, וואָס מיר האָבן באַקומען פון פּראָג נישט מיט ווייניק שוועריקייטן. לבבי און לפּיד האָבן געטראָגן שווארצע קאַפּעליושן.

לויטן פאָרשלאָג פון מאָלאָטשקאָוון איז אויסגעארבעט געוואָרן דער פּלאַן פון גיין און זיך אויסשטעלן פאר די באַדערפעניִשן פונעם צערעמאָניאַל, לויט פאָלגנדיקן סדר: נאָך גאָלדען — מאָלאָטשקאָוו, איך, ראטנער, לבבי, לפּיד און בעזשעראַנאָ. און אזוי האָבן זיך אריינ־געזעצט אין דער מאַשין פונעם מלוכה־פּרעזידענט גאָלדע און מאָלאָטש־קאָוו, און די איבעריקע — אין די „מאשינען פון דער געזאנדשאפט״, דאָס הייסט, אין געדונגענע מאַשינען, לא עלינו. פארשטייט זיך, אז

מיר האָבן געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון נייגעריקע, סיי פון די מענטשן פונעם האָטעל און סיי פונעם עולם אויף דער גאַס. ווען אונדזער קאראוואַן האָט זיך דערנענטערט צום טויער פון קרעמל (דער הויפּט־טויער — באָראָוועצקיע וואָראָטאַ, לעבן דער שטיינערנע בריק׳ — „קאַמיענני מאָסט״) האָט אונדז אויפגענומען דער וויצע־קאָ־מענדאנט פון קרעמל און נאָך אַן אָפיציר אין דער לינקער זייט און צוויי זעלנער פון דער רעכטער זייט; אלע האָבן סאַליוטירט. פריער פאר דער מאַשין פון דער געזאנדטער, דערנאָך פאר די צוויי אנדערע מאשינען (נישט עפּענענדיק זייערע טירלעך). נאָך דעם האָבן די צוויי אָפיצירן זיך אריינגעזעצט אין אַ מאַשין וואָס האָט געוואַרט ביים טויער, אין דרויסן, און האָבן אונדז אריינגעפירט אינעווייניק אין דער פעסטונג אריין. די גאנצע צייט פון אונדזער פאָרן, פונעם טויער ביזן הויז פון דער רעגירונג, — אַ שפּאָר שטיקל וועג — האָט זיך געהערט א געקלאנג פון קליינע גלאָקן פון אַלע זייטן, מעגלעך אַז דאָס איז אַן אלגעמיינער סימן, אז מיר קומען אָן און אז מ׳דארף סאלוטירן, וואָס די וואַך, אויף דער גאנצער לענג פונעם וועג, האָבן דאָס אויס־געפירט אין פולער איבערגעגעבנקייט, שטראמע ווי ליניעס.

ביי די אריינגאנג־טרעפּ פון רעגירונגס־הויז האָט אונדז אויפ־גענומען דער הויז־קאָמענדאנט, צוערשט מיט סאַליוטירן, דערנאָך — מיט האנט־דריקן. דאָ איז אויסגעוואָקסן דער ערשטער פאָטאָגראַף. גאָלדע און מאָלאָטשקאָוו זענען ארויף מיט א ווינדע אויפן 3־טן שטאָק, בעת די איבעריקע, אין דער באַגלייטונג פון צוויי אָפיצירן, האָבן דעם זעלבן וועג דורכגעמאכט צו פוס (נאָך אייערנעכטן האָט מאָלאָטש־קאָוו געזאָרגט אונדז צו וואָרענען, אז אזוי וועט זיין, און אז אזוי פירט מען זיך דאָ תמיד, און אז מיר זאָלן אין דעם נישט זען קיין פּגיעת הכבוד, ווייל די ווינדע איז א קליינע און זייער אַן ענגע.) אין דער הייך האָט זיך די גאנצע געזעלשאַפט פונדאָסניי פאראייניקט, בעת דער פארטרעטער פונעם צערעמאָניע־מייסטער, קאַטשאַטקאָוו, וואָס האָט דאָרט געוואַרט, האָט אונדז געפירט דורך א זייער לאנגן קאָ־רידאָר צום וואַרט־זאַל פונעם פּרעזידענט. דאָ האָבן מיר געטראָפן קוז־ניעצאָוו, שעף פון דער פּרעזידענט־קאַנצעלאריע, אויך באַקולין, שעף פון דעם אָפּטייל פאַרן נאָענטן מזרח ביים אויסערן־מיניסטעריום, און נאָך עטלעכע מונדירטע. די געזעלשאפט וואָס איז אינצווישן געוואקסן איז פון דאַנען איבערגעגאנגען צום אויפנאם־זאל. נאָך דעם ווי קוזניעצאָוו האָט אונדז פריער געהאט פארלאָזט, איז אריין אין זאל און איז פון דאָרט ארויסגעקומען און אונדז איינגעלאדן אריינצוגיין.

אין דעם שיינעם און גאָר גרויסן זאַל, אין צווייטן עק קעגנאיבער דעם אריינגאנג, איז געשטאַנען אַ דריילינג — וואָלאָסאָוו, שטעל־פאר־טרעטער פונעם פּרעזידענט פון ס.ס.ס.ר., לינקס פון אים — וויצע־

אויסערן־מיניסטער זאָרין (אין אוניפאָרם) און פון רעכטס — דער סעקרעטאַר פון פּרעזידיום פון דער מדינה, גאָרקין. אַלע דריי אָנגעשפּאַנטע אין דער העכסטער מאָס. גאָלדע (לינקס פון איר מאַלאַטשקאָוו), נאָך איר די רעשט אונדזערע מענטשן, אין איין ריי אייגער נאָכן אנדערן, האָט זיך דערנענטערט ביז צו אַ מרחק פון א צוויי טריט פון וואָלאָסאָוון. מאַלאַטשקאָוו האָט זי פאָרגעשטעלט ביי איר נאָמען און פולן טיטל. זי האָט זיך לייכט פארנייגט און געלאָזט הערן איר קורצע רעדע אין עברית. און אזוי איז געווען דאָס לשון פון דער ערשטער העברעאישער רעדע, וואָס איז געהערט געוואָרן צווישן די ווענט פון קרעמל:

„הער פּרעזידענט! דערמיט האָב איך דעם כבוד אייך איבערצוגעבן די באגלויבונג־שריפט פון דער ישׂראל־רעגירונג, וואָס האָט מיך באַשטימט ווי אַ ספּעציעלן דעלעגירטן און באַפולמעכטיקטן געזאַנדטן צום פּרעזידיום פון אייבערשטן ראָט פון ראַטנפארבאנד. כ׳בין באַפולמעכטיקט געוואָרן איבערצוגעבן אייך, דער רעגירונג פון ראַטנפארבאַנד און זיינע פעלקער, דעם איבערגעגעבנסטן ווונטש פון דער רעגירונג פון ישראל און פון דעם פאָלק ישראל וואָס האָפן, אז די פריינטשאַפט־באַציונגען צווישן אונדז וועלן אָנגיין און זיך פארשטאַרקן פארן וווילזיין פוןביידע מדינות און פארן שלום פון דער גאנצער וועלט.

איך בעט אייך דעריבער צו שענקען מיר אייער צוטרוי, אין יעדער זאך וואָס איך וועל האָבן דעם כבוד צו ברענגען פאר אייך אין נאָמען פון מיין רעגירונג".

מאַלאַטשקאָוו האָט געלייענט די רוסישע איבערזעצונג, וועלכע מיר האָבן פאר אים צוגעגרייט, בעת גאָלדע גיט־איבער אין די הענט פונעם פּרעזידענט וואָלאָסאָוו די באַגלויבונג־פּאַפּירן. וואָלאָסאָוו ענטפערט מיט נישט קיין צוגעגרייטער רעדע. ער דריקט אויס זיין פרייד וואָס ער באַקומט אין זיינע הענט אריין די באגלויבונגס־שריפט פון דער פרוי מאירסאָן. ער איז איבערצייגט, אז פרוי מאירסאָן און איר רעגירונג וועלן ווירקן מיט דערפאָלג אויף דער אנטוויקלונג פון די פריינטשאפטלעכע פארבינדונגען צווישן אונדזערע מדינות. די רעגירונג פון ראטנפארבאנד וועט העלפן דער פרוי מאירסאָן אויספילן די דאָזיקע אויפגאבע. דאָס פארשטאַרקן די פריינטשאפט צווישן אונדז וועט זיין לטובת אונדזערע פעלקער און לטובה פאר ביידע מדינות.

לבבי האָט דאָס איבערגעזעצט אויף עברית. אַ זיבן־אַכט פאָטאָגראַפיסטן פאראייביקן דעם צערעמאָניאל.

דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן די פּרשה איבערזעצונג אין עברית. אין די פריערדיקע געשפּרעכן מיט מאַלאַטשקאָוון האָט ער מיר געזאָגט, אַז דער כלל איז, און מען איז אים ביז אַהער נאָך נישט

איבערגעשריטן, אז דער איבערזעצערביים צערמאַניאל ווערט באַ־ שטימט דורך זיי און פון זיי. נאָר צוליב דעם ספק צי ס׳וועט זיך אָפּגעפינען אַן איבערזעצער אויף עברית האָט מאַלאַטשקאָוו געפּרוווט פאַרלייגן אַז מ׳זאָל זיך באַניצן מיט ענגליש. איך האָב דאָס אָפּגע־ וואָרפן. איז דאַן באַשטימט געוואָרן אַזוי: מאַלאַטשקאָוו וועט לייענען פון פּאַפּיר די רוסישע איבערזעצונג פון גאָלדעס רעדע און וואָס שייך וולאַסאָווס ענטפער, איז אויב מ׳וועט געפינען אַ העברעאישן איבערזע־ צער איז גוט, אויב נישט וועט מען זיך באַמיען צו קריגן דעם אָפּשריפט פון זיין רעדע פאַרן אָנהייב (מאַלאַטשקאָוו האָט אָבער גע־ זאָגט, אַז וולאַסאָוו איז זיך נוהג צו ענטפערן עקספּראָמט, אימפּראָ־ וויזירט אויפן אָרט). מיר וועלן די העברעישע איבערזעצונג אָנשרייבן מיט לאַטיינישער שריפט און מאַלאַטשקאָוו וואָס מיר וועלן אים אויס־ לערנען די פּאַנעטישע כללים מיט אַרויסרייד, וועט דאָס לאָזן הערן די קלאַנגען פון עברית צווישן די ווענט פון קרעמל, חוץ גאָלדע.

אין צווייטן געשפּרעך האָט מיר מאַלאַטשקאָוו אָנגעזאָגט די בשורה אַז ענדלעך האָט ער אַנטדעקט אַן איבערזעצער, אָבער כדי אים אַרויס־ צונעמען פון טעות האָב איך אים אויפגעקלערט: עס גייט דאָ אין עברית און נישט אין יידיש, און אין דער ספרדישער אויסשפּראַך (אין ענין אויסשפּראַך איז ער שוין אינגאַנצן געווען צעטומלט). נאָך דעם ווי ער האָט אונדז שוין גאַרנישט געזאָגט וועגן דעם, האָבן מיר גע־ מיינט אַז ער האָט שוין אַן איבערזעצער. אָבער בעתן צערמאָניאל, ממש אַ מינוט פאַרן אַריינגיין אין אָפּענעם־זאַל, האָט מיר מאַלאַטש־ קאָוו גאָר שטיל און צעטומלט אַריינגעשושקט אין אויער, אַז צוליב אַן אומפאַרשטענדלעכער פאַר אים סיבה איז זיין איבערזעצער נישט געקומען. איך האָב גאָלדען איבערגעזעצט וואָס ער זאָגט, און אַז ער האָט דערזען דעם זויערן אויסדרוק אויף אונדזערע פּנימער, האָט ער צוגעגעבן, אַז וולאַסאָווס ענטפער וועט ווערן איבערגעזעצט אויף ענג־ ליש, אָדער... „איקערס אַ מענטש וועט וואָס איבערזעצן אויף העברעיש״. ס׳איז במילא פאַרשטענדלעך וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן. י. לבבי איז געבעטן געוואָרן איבערצוזעצן, אַזוי אַרום איז באַנייט געוואָרן אין קרעמל אַ טאָפּלטער חידוש: אַז רעדן עברית און אַז אַן איבער־ זעצער וואָס איז נישט קיין „זייעריקער״.

נאָך דעם ווי איינער דעם אַנדערן האָט געדריקט די האַנט, האָט וולאַסאָוו איינגעלאַדן גאָלדען צו זיך אין קאַנצעלאַריע אויף אַ שמועס. אין דעם שמועס וואָס האָט זיך געפירט מיט דער הילף פון אַן ענגלישן איבערזעצער, איז אויך אָנוועזנד געווען זאָרין. וולאַסאָוו האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע פון די פּליטים. גאָלדע האָט אים דערציילט, אַז די אַראַבער זענען אַליין אַנטלאָפן, און אַז ענגלאַנד איז פאַראינטערעסירט צוצוגעבן אַ הומאַניטאַרן כאַראַקטער צו דעם

פּאָליטישן ענין. אויך צוליבן אָפּוועגדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פראַגע פון יידישע פּליטים. אין לויף פון געשפּרעך האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז וואָלאַסאָוו האָט זיך גראָד מתכוון געווען צו יידישע פּליטים, דאָן האָט גאָלדע אים דערציילט די פּרשה ציפּערן, וועגן דער עליה פון די דייטשע לאַגערן (וועגן דעם פאַרבאָט וואָס די אַמעריקאַנער האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער עליה פון מענטשן אין מיליטער־עלטער פון דייטשלאַנד, זענען מיר ערשט געוווירגעוואָרן, נאָך דעם געשפּרעך, פון דעם „ניו־יאָרק הערעלד טריביון" וואָס קומט אָן צו אונדז דורך העברי שאַפּירא, פאַרשטייער פון „יו.פּי"). אויף זיין פראַגע וועגן אויס־זיכטן אויף נייער קאָלאָניזאַציע, האָט גאָלדע אָנגעוויזן אויף דעם נגב. ער האָט באַמערקט: „דאָרט איז דאָך אָבער נישטאָ קיין וואַסער". האָט זי אים אויפגעקלערט, אַז מיר האָבן שוין געפונען א וועג אויף צו באַזאָרגן אָ געוויסן מינימום וואַסער און אַז עס איז פאַראַן א גרויסער פּלאַן פאַר באוואַסערונג נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה (לאָור־דערמילק־פּראָיעקט). אויף זיין פראַגע וועגן היי־יאַריקער געדעטע־ניש האָט גאָלדע געענטפערט, אַז ס'איז צופרידנשטעלנדיק, אָבער אין ווייץ פון אויסלאַנד נייטיקן מיר זיך סיי ווי און מיר האָפן אויך צו קויפן ביי זיי. ווייזט זיך אַרויס, אַז די זאַך איז אים באַקאַנט.

צום סוף האָט ער געפרעגט צי ס'איז פאַראַן ביי אונדז א געשריי־בענע קאָנסטיטוציע. גאָלדע האָט אים דערויף דערציילט, אַז אָ גע־זעצן־פּראָיעקט איז שוין פאַרפאַסט געוואָרן, ער ווערט איצט באַהאַנדלט אין דער רעגירונג און וועט דאַרפן באשטעטיקט ווערן דורך דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וואָס וועט אויסגעוויילט ווערן אין אָ דריי חדשים אַרום.

דערווייל איז אינעם אויפנאַם־זאַל פאָרגעקומען א פרייער און פריינטלעכער שמועס צווישן אלע אָנוועזנדיקע אַרום די פראַגן פון אונדזער לאַנד: די לאַנדווירטשאַפט, דער קלימאַט, דער צוזאַמענשטעל פונעם יישוב, די קינדער, די אינדוסטריע, און די אומגאַנג־שפּראַך.

נאָך זייער געשפּרעך זענען וואָלאַסאָוו, גאָלדע און זאָרין צוריק געקומען אין אויפנאַם־זאַל און ס'איז געמאַכט געוואָרן אָן אַלגעמיין פאָטאָגראַפיש בילד, די געסט־געבער מיט די געסט אויסגעמישט. מאָ־לאָטשקאָוו האָט געזאָגט אַז דער פילם וועט געוויזן ווערן אין די קינאָ־זאַלן און די פאָטאָ־בילדער וועט מען אונדז צושטעלן וואָס שנעלער.

צום סוף האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דריקן די הענט מיט גרויס וואַרעמקייט און בעתן אָוועקגיין זענען צוריק איינגעשטעלט געוואָרן די זעלבע סדרים ווי ביים אָנקומען; ווידער האָבן געקלונגען די גלאָקן און ווידער האָבן די וואַכן סאַליוטירט. צוריקקומענדיק אין האָטעל אין דער באַגלייטונג פון מאַלאָטשקאָוון האָט אונדז גאָלדע פאַרבעטן צו זיך אין צימער אויף אַ לייכטן מאָלצייט (מיט וואָדקאָ), מאַלאָטשקאָוו

האָט אונדז געליבט און געזאָגט, אַז מיר האָבן זיך אויפגעפירט ווי אַלט־דערפאַרענע, אַז אונדזער דערשיינען איז געווען ־אַן אַ פגם און האָט זיך זייער אנטשולדיקט פאר זיין דורכפאל מיטן ענין איבערזעצער: „ס׳וועט נאָך פאָרקומען אַן אויספאָרשונג וועגן דעם ענין״.

צו מאָרגנס, שבת דעם 11־טן סעפּטעמבער, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַלע צייטונגען, אויף דער ערשטער זייט, אַן אָפיציעלע מיטטיילונג מיט אַלע פרטים וועגן דעם צערעמאָניאַל־אַקט, אין וועלכער ס׳איז געווען אויסגערעכנט די נעמען און די ראַנגעס פון אַלע בייוועזנדיקע, — פון ביידע צדדים.

נאָך דעם זעלבן פרייטיק נאָך מיטאָג האָב איך זיך געטראָפן מיטן רב הראשי פון די מאָסקווער יידן און פרעזעס פון זייער קהילה, הרב שלמה שליפער, אין זיין ביוראָ לעבן דער גרויסער שול. (קיין הויפּט־ראַבינער פון אַלע סאָוויעטישע יידן איז דאַן נישט געווען און ס׳איז היינט אויך נישטאָ. און דער פריערדיקער פרעזעס פון דער קהילה הער טשאָבראָצקי, האָט שוין צוויי יאָר נישט פאַרנומען אָט דעם אמט. פונעם שמועס איז מיר נישט קלאָר געוואָרן ווו ער געפינט זיך און וואָס איז די סיבה פון זיין פאַרלאָזן אָדער — באַזייטיקונג). די ביוראָ איז באַשטאַנען פון אַ קליין צימערל, אַן אָנגעפּראָפּט מיט ספרי־תורה, ש״ס־בענדער, משניותן וכדומה. כמעט אַלע ספרים זענען, ווייזט אויס, געדרוקט געוואָרן נאָך פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג. זייערע בלעטער זענען אין פאַרלויף פון די יאָרן פאַרגעלט און פאַרפוילט געוואָרן, די ראַנדן אויסגעריבן פון צו פיל נוצן, זייער פאַרב — ווי די פאַרב פון פאַלנדיקע בלעטער אין האַרבסט (אָדער טאַקע ווי זייער כאַראַקטעריסטישער רוסישער נאָמען איז — „ליסטאָפּאַד״), וואָס פאלן אראָפּ פון די ביימער אין די גערטנער און אין די הערלעכע מאָסקווער פּאַרקן. ווינציקע ספרים וואָס זענען ווייניקער אָפּגעניצט — דאָס זענען די תנ״ך־ביכער פון דער ענגלישער „מיסיאָן״ און אַ צאָל סידורים און מחזורים מיט דייטשישער אָדער ענגלישער איבערזעצונג וואָס האָבן זיך אהער פאַרוואַלגערט פון די מערב־לענדער.

דער רב שליפער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר זעכציק און מער, מיט אַ גרוי־ווייסווערנדיקער באָרד, מיטלוווקסיק, אויף זיין קאָפּ, — אַן אויסגעפּרעסטע יאַרמולקע פון שוואַרץ־גלאַנצעדיקן זייד, צוגעשניטן אין דער פאָרם פון אַן איבערגעקערט שיפל. דער אויסזען פון זיין פּנים — עטוואָס אַסקעטיש אָבער אָפן. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט לעבנס־חכמה, גוטהאַרציקייט און טרויער און אין גאַנצן גענומען איז ער וואַכיק און אייגהערעוודיק. אַ מענטש וואָס זיינע רעאַגירונגען זענען רואיקע אָבער געשיקטע. דער אַלגעמיינער אויסערלעכער רושם איז, — א ייד א „געוויינלעכער״ פון יענע יאָרן, א בכבודיקער „בעל הבית״, א מענטש מיט מאַניערן און גוטמוטיק צו מענטשן. אַ משכיל וואָס היט

דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער, קען אָבער אויך די שפּראַך פון לאַנד און זיינע מנהגים, אַ מין פאַרזיצער פון אַ ציוניסטישן „קאָמיטעט" אין אַ קליינער פּראָווינץ־שטאָט אין אוקראַינע פון יענע לאַנגסטיקע יאָרן.

לעבן אים איז געזעסן דער סעקרעטאַר פון דער קהילה ישׂשכר־בער דאַווידאָוו (האָט זיך פאָרגעשטעלט: בן דויד) פון א נידעריקן וווקס מיט אַן אָפּגעגאָלטער באָרד, אַ פּופּציק — פינף און פופציק יעריקער. זיין אויסערלעכקייט האָט צוליב עפּעס־וואָס דערמאָנט טיפּן, ווי אַ „טשאַסטני פּאָווערני"*), אָדער אַ „פּראָשעניע־שרייבער**), אַ פרעמד־שפּראַכיקער אַדרעסן־שרייבער, פון דעם סאָרט וואָס פלעגן זיך תמיד דרייען אין די קאָרידאָרן פון די רעגירונג־אַמטן אין די צייטן פון צאַר. קודם־כל האָט דער רב געמאַכט אַ „שהחיינו". ביידע האָבן גע־רעדט העברעיש, מיט דער אשכנזישער אויסשפּראַך, פאַרשטייט זיך, און די גאנצע צייט פון דעם לאַנגן געשפּרעך האָבן זיי זיך באמיט נישט אריבערצוגיין אויף רוסיש אָדער יידיש. אין נאָמען פון גאָלדען האָב איך איבערגעגעבן אים און זיין קהילה גרוסן און ווונטשן פונעם פּרעמיער פון דער ישׂראל־רעגירונג, פונעם אויסערן־מיניסטער, פון דער רעגי־רונג אין גאנצן גענומען, אויך פונעם הויפּט־ראַבינאַט אין תל־אביב, צוזאמען מיט אַן אַלגעמיינעם גרוס פונעם יישוב און פונעם מיליטער. אינצווישן איז אריינגעקומען דער פאַרטרעטער פונעם פּרעזעס פון דער קהילה אליעזער קרופּיצקי, וואָס איז געווען דער הויפּט־גבאי פון שול — אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק. אלע אין דרייען האָבן נישט געשוויגן אפילו קיין איין רגע אין משך פון די גאנצע צוויי שעה, זענען אַריין איינער אין צווייטנס רייד, שטעלנדיק אומאויפהערלעך פראגן וועגן יישוב, מיליטער, פייער־איבעררייס, אומגאנג־שפּראַך, ווע־גן די רבנים הערצאָג, עוזיאל און עמיאל ז"ל, און נאָך און נאָך. נאָר איבערגעשטיגן אַלע האָט קרופּיצקי, וואָס האָט געגאָסן טרערן אָן אויפהער. ער האָט געפרעגט אין גרויס שפּאַנונג ווי אלט עס איז משה שערטאָק, צי איז ער נישט א פופציק יעריקער, און אז דער ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער איז ער אויפגעשפּרונגען און געשריגן צום רב: „ובכן, דאָס איז ער, אָן ספק, פון כערסאָן", און אַז מ'האָט אים דאָס אויך באשטעטיקט איז ער נאָך מער געריהרט געוואָרן און האָט דערציילט, אַז ער אליין איז א כערסאָנער און אין 1919 איז ער אין אָדעס אַרויף אויף אַ שיף וואָס איז געגאַנגען קיין ארץ ישׂראל, נאָר צוליב עפּעס אַ פּאַטאַלן פאַרפאַל איז ער אַראָפּ פון שיף און דאָ געבליבן. דאָס אלץ איז דערציילט געוואָרן דורך ביטער געוויין און היסטעריש געפּליסטער.

*) „פּריוואַטער נאַמן" — אַ מין אומדיפּלאָמירטער אַדוואָקאַט.

**) אַ שרייבער פון בקשות

צופעליק האָט אין ביורא פון רב דער שמועס זיך דערקייקלט ביז דער שטאָט אַלעקסאַנדריא (כערסאָנער גובערניע), וואָס פון דאָרט איז דער רב געקומען קיין מאָסקווע (זעט אויס, א רבס א זון) און כ'האָב אים אָפּגעגעבן א גרוס פון זיין בן־עיר מאיר גראַבאָווסקי (ארגוב ז״ל). דער רב, וואָס האָט אים גוט געקאָנט, האָט ממש געשלונגען יעדעס וואָרט וועגן דעם סעקרעטאַר פון פתח־תקוהער ארבעטער־ראַט, דער מאַן פון דער בריגאַדע, דער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פונעם נאַציאָנאַלן־ראַט און איצט — מיטגליד אין מלוכה־ראַט. דערביי האָב איך אים אַביסל געמאַכט באַקאַנט מיט דער הסתדרות, מיט די מאַראַנצן־פּלאַנטאַציעס אין לאַנד, דער אויפטו פון ראַטעוועז יידן פון די מחנות אַרויס פון איטאַליע, עסטרייך און דייטשלאַנד דורך דער בריגאַדע, און דער געזעץ־געבערישער געבוי פון דער מדינה. די דאָזיקע רירנדיקע סצענעס האָבן זיך איבערגעחזרט בעת איך האָב אים דערציילט, אַז מיר האָבן געבראַכט אַתרוגים און א ספר־תורה פון תל־אביבער שול, וואָס וועלן איבערגעגעבן ווערן אין זיין רשות נאָך דעם ווי מיר וועלן זיך באַקענען מיט די אָרטיקע באַדינגונגען און זיך פריער קלאָר מאַכן וואָס איז דאָ דערלויבט און וואָס איז פאַרבאָטן די געזאַנדטע פון א פרעמדער מדינה אין אַזעלכע ענינים, און אין באַרירונג מיט געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן בכלל. און כאָטש ער האָט גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז אונדזער פאָרזיכטיקייט געפעלט אים. צוזאַמען דערמיט האָט ער דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן שוין מאָרגן (שבת) קומען צום דאַווענען, אַלע, אַלע, סיי מענער סיי פרויען. אויף גאָלדען האָבן זיי אַלע געפרעגט אָן אויפהער. דער רב האָט געזאָגט: „זי איז דאָך אונדזער דבורה הנביאה״, און פון איר זענען מיר געקומען צום נאָמען ראַטנער, און פון דאַנען צו דער הגנה און דער מלחמה פון אונדזערע מיליטער־איינהייטן. ער האָט צוגעגעבן: „קינדער פון יהודה המכבי אונדזערע״. ער האָט אויך דערמאָנט, אַז מיט א 25 יאָר צוריק האָט בן־גוריון באַזוכט מאָסקווע. דערנאָך האָבן מיר זיך אַביסל פאַרנומען מיט טעכנישן איינאָרדענען אונדזער מאָרגנדיקן באַזוך — זיץ־פּלעצער און ענלעכע ענינים. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די אומפאַרגעסלעכע באַגעגעניש.

אין לאַנד האָבן מיר געהאַט געהערט אַביסל באַזאָרגנדיקע מיינונגען וועגן דעם רב שליפער און וועגן זיין אַמט אַלס ראש וראשון פון די יידן אין מאָסקווע. אין דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים האָבן מיר נישט געפונען קיין שום אָנהאַלט פאַר אַזא איינדרוק, נאָר מעגלעך, אַז דער אויסברוך פון די מענטשלעכע און יידישע געפילן האָבן פאַרטושט די אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן.

שבת אין דער פרי, דעם 11־טן סעפּטעמבער, זענען מיר אַלע געגאַנגען אין דער גרויסער שול אַריין. ביים אַריינגאַנג, אויפן טראָ־

טואַר, האָבן אונדז מקבל־פּנים געווען צוויי מענער, דאַווידאָוו און קרופּיצקי. זיי האָבן ארויפגעפירט גאָלדען און אירע באַגלייטערינס אין דער עזרת נשים, אין צוויי באַזונדערע לאָזשעס. די מענער האָט מען אויסגעזעצט אויף דער בינע, פון ביידע זייטן ארון קודש, נעבן דעם רב. אונדזערע אויגן און אונדזערע הערצער האָבן אונדז נישט גע־נאַרט, בעת מיר האָבן דערפילט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם גייט־דורך די שורות פון די מתפּללים, און דאָס איז טאַקע געקומען צום אויסדרוק אויף א ספּאָנטאַנעם אופן ביים פאַרענדיקן דאָס דאַווענען. די שול, וואָס צייכנט זיך נישט אויס מיט איר אויסערלעכקייט, אַן אריינגעקוועטשטע אין א ריי הויכע און אלטע הייזער אויף אַן ענגער גאַס, איז גוט אויפגעהיטן אין אירע אינעווייניקסטע באַשיידענע אָבער שיינע איינאָרדענונגען. העכער טויזנט זיץ־פּלעצער: די מענער אין „פּאַרטער", די פרויען אויף אַ באַלקאָן, וואָס רינגלט אַרום דעם רוים פון זאל, אין דער פאָרם פון אַ פּאָדקאָווע, צעטיילט אין לאָזשעס. אין זאַל, אינעווייניק, אויפן אָנזעעוודיקסטן אָרט, זענען געהאָנגען צוויי גרויסע טאָוולען בלוי געפארבט, מיט גאָלדענע אותיות. אויף איינעם איז געווען אָנגעשריבן: „עם ישראל חי" און אויפן צווייטן (אין רוסיש): „דעם 14־טן מאַי 1948 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה".

א חזן, אין דער באַגלייטונג פון א כאָר, האָט אויסגעפירט דאָס דאַווענען אין יידיש־אוקראַינישן נוסח. בעזשעראַנאָ, ראַטנער (אין מיליטערישן אוניפאָרם) און לבבי זענען אויפגערופן געוואָרן צו דער תורה, לפידן האָט מען מכבד געווען מיטן עפענען דעם ארון קודש און איך האָב געלייענט די הפטורה. דער קהל האָט זיך שווייגנ־דיק צוגעהערט צו דער ספרדישער אויסשפּראַך, און דער רב האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אין דעם אַ „צייכן", וואָרעם די הפטרה (ישעיהו נ"א 12, נ"ב 12) הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אנכי, אנכי הוא מנחמכם" — „איך, איך בין אייער טרייסטער", און איר אלגע־מיינער אינהאלט זענען רייד פון דערמונטערונג און טרייסט. אָבער דאָס וואָס האָט גערוישט אין הארץ האָט אויסגעבראָכן ביים פאַר־ענדיקן די תפילות. דער עולם וואָס האָט אָנגעפולט דעם זאל, אין זייער מערהייט עלטערע מענטשן און אין דער מינדערהייט — 25—35־יאָרי־קע (מיר האָבן געזען דאָרט בלויז איין קינד), צווישן זיי אויך זעלנער און טייל אפילו מיט מעדאלן, האָט נישט פאַרלאָזט דעם בנין ביז גאָלדע איז אַראָפּגעקומען. אראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, אין דער ריכטונג פון רב, כדי זיך מיט אים צו באַקענען, האָט אויסגעבראָכן א שטורעם פון אפּלאָדיסמענטן און „הורא"־געשרייען און „שלום" (אין עברית) וואָס האָט נישט אויפגעהערט ביז מיר זענען ארויס אויף דער גאַס. ווייבער האָבן געוויינט, האָבן ארומגענומען גאָלדען און די אנדערע פרויען אונדזערע, האָבן געקושט אירע הענט און די

זוימען פון איר קלייד. מיט גרויס שוועריקייט איז מיר געלונגען
דורכצושניידן פאַר איר א וועג צו דער בינע, אזוי איז אויך געשען
מיט אַלע מענטשן פון דער געזאַנדשאַפט, בעת מיר האָבן זיך געלאָזט
צו דער ארויסגאַנגס־טיר. איינער פון די, וואָס האָבן אפּלאָדירט האָט
עטלעכע מאָל געפרווווט אָנהייבן זינגען די „התקוה". עס איז אים
אָבער נישט געלונגען מיטצורייסן דעם עולם צו אן אלגעמיין געזאַנג.
אָבער אויך אויפֿן גאַס האָט אָנגעהאַלטן דאָס זאַמלען זיך ארום אונדז.
דער עולם האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשיידן, און טייל האָבן זיך נישט
באַגנוגנט און האָבן אונדז באַגלייט ביז ממש דעם אריינגאַנג פון
האָטעל, כאָטש מיר האָבן געטון אַלץ כדי זיך ארויסצודרייען פון זיי.
מידע פון דער אָנגעשפּאַנטקייט זענען מיר אריין אין אונדזערע צי־
מערן מיט געמישטע געפילן. מיט דער גאַנצער פרייד וואָס דאָס גליק
האָט אונדז צוגעשפּילט און מיר האָבן זוכה געווען צו אַזאַ ברידער־
לעכער באַגעגעניש, איז אונדז אָבער אויך געבליבן א קלעמעניש
אין הארץ: טאָמער איז מיט דער דאָזיקער אָפענער אויפפירונג דער
עולם אריבערגעגאַנגען די דערלויבטע גרענעצן פון די אָרטיקע באַדינ־
גונגען. און אויך צוליב דעם באַוווסטזיין, אז אין גרונט גענומען זענען
מיר געווען שותפים צו א זייער טראַגישער געשעעניש.

דאָ איז דאָס אָרט און די געלעגנהייט צו באַלויכטן דעם פּאַטע־
טישן מאָמענט, ווי ער האָט זיך איינגעקריצט ביי אַ יונגער ישראלדי־
קער מיידל, מיין טאָכטער יעל, וואָס איז דאַן אלט געווען 15 יאָר
און דאָס איז איר געווען דער ערשטער ארויספאָר פון די גרענעצן
פון ארץ־ישראל, און אין משך פון דער גאַנצער מאָסקווער תקופה
אונדזער האָט זי געפירט איר אייגענעם „טאָג־בוך". איך ברענג, דער־
ריבער, איר באַגלויבט עדות־זאָגן, וואָס זי האָט פאַרצייכנט נאָך אָט־
דעם ערשטן באַזוך אין דער מאָסקווער שול. און אָט ווי זי האָט
געשריבן:

„שבת זענען מיר אלע געגאַנגען אין בית הכנסת. פאַרשטייט
זיך, אַז מיר האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט און ס'איז
געווען אַ גרויסע אויפברויזונג. די מערהייט פון אונדז האָבן געוויינט,
שוין נישט רעדנדיק וועגן זיי, סיי מענער סיי פרויען, זיי האָבן זיך
צעכליפּעט פון גרויס געריהרטקייט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס
שבתדיקע דאַוונען. דערנאָך זענען די מענער אויפגערופן געוואָרן
צו דער תורה און פאַרשטייט זיך אז ס'איז געוואָרן אַ טיפע שטיל־
קייט. מיטן פאַרענדיקן דאָס דאַוונען האָט דער רב זיך געוואָלט באַ־
קאָנען מיט גאָלדען און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע צערו־
דערונג. דער טאַטע, וואָס איז איר געקומען נעמען, איז מיט גרויס
שוועריקייט דורכגעגאַנגען דורכן עולם. ווייל אַלע האָבן זיך גע־
שטופּט צו דריקן אים די האַנט, און נישטאָ וואָס צו רעדן אַז ס'איז
שווער געווען דורכצוגיין און ער איז צוריקגעקומען מיט גאָלדען

צום רב. דאָס איז געווען אומבאַשרייבלעך ווי אַזוי יעדער מאַן און יעדער פֿרוי האָבן אונדז געדריקט די הענט, האָבן אונדז באַשאָנקן מיט טויזנטער ברכות און געזאָגט „מזל טובֿ”, און יעדער ייִד האָט שטיל און שעפּטשענדיק געמאַכט אַ „שהחיינו”, און טרערן און געוויין האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון מײַנע אויגן און פֿון אַלעמענס הערצער. איך בין געגאַנגען מיט דער קליינער יהודית (בעזשעראַנאַ) און פֿאַרשטענדלעך אַז דער אויסזען פֿון דעם חנעוודיקן מיידעלע האָט נאָך מער אויפֿגעוועקט די וואַרעמע געפֿילן. דערווײַל איז געלדע נאָך פֿיל מי צוגעקומען צום רב, און דאָ איז די אויפֿרודערונג איבערגעגאַנגען אַלע גרענעצן. אַלע האָבן אויסגעבראָכן מיט אַפּלאָדיסמענטן לכּבֿוד איר און לכּבֿוד אונדז און אויסגעשריגן: „עם ישׂראל חי!” און אַ „הוראַ” האָט זיך געריסן פֿון אַלעמענס מײַלער.

ס'איז געווען 12 בײַטאָג. אין דער שעה ווערט די אַרבעט איבערגעריסן. ס'איז אָנגעקומען אַ שטראָם יונגע ייִדן אין בית הכּנסת אַרײַן און די התלהבֿות האָט זיך פֿאַרשטאַרקט מיט זייער באַטייליקונג. זייערע אויגן האָבן געברענט אין דער דאָזיקער שעה. קלאָר, אַז זיי האָבן איבערגעשריטן די גרענעץ, און זיי אַליין האָבן ווייַזט אויס געוווסט אַז זיי שטעלן זיך אין סכּנה, אָבער אין דער מינוט האָט זיך אַרויסגעריסן אַלץ וואָס איז געווען באַהאַלטן אין משך פֿון אַלע זייערע גלות־יאָרן דאָ, און זיי האָבן ווי געזאָגט: ,זאָל זײַן וואָס עס וויל זײַן'. און אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסגיין פֿון בית הכּנסת, זיי האָבן אָבער אונדז נישט אָפּגעלאָזט און מיר זענען אַרויס אין גאַס בעת דאָס גאַנצע קהל מתפּללים גייט נאָך אונדז און אַרום אונדז, דער עיקר פֿאַרשטייט זיך, האָבן זיי זיך געזאַמלט אַרום געלדען. דאָס האָט אַרויסגערופֿן גרויס אויפֿמערקזאַמקייט אין גאַס, וואָס איז פֿאַר אונדז נישט געווען באַקוועם און, פֿאַרשטענדלעך, נישט פֿאַר זייער טובֿה וועגן. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן זיך פֿונאַנדערצוגיין, נישט גיין קאָנצענטרירט, כּדי עס זאָלן נישט נאָכגיין נאָך אונדז אַזויפֿיל מאַסן מענטשן. טאַקע ביסלעכווײַז איז אונדז געלונגען צו מאַכן שיטערער און ווייניקער דעם עולם, אָבער באמת לאַנגזאַם. אָבער די וואָס האָבן זיך צונויפֿגעדריקט אַרום געלדען האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט, כאָטש זי האָט זיי וועגן דעם אָנגעדייט, און האָבן זי באַגלייט ביזן האָטעל. אַוועקגייענדיק האָבן זיי אונדז געגריסט מיט העברעיִשן „שלום” און אַזוי בערך איז פֿאַרענדיקט געוואָרן אונדזער באַזוך אין דער גרויסער שול. מיר זענען דעם גאַנצן טאָג געווען שטאַרק גערירט און ס'איז אונדז שווער געווען צו רעדן”.

די סכּנה קוים ווערן מיר מיטגעריסן בלויז מיט סענטימענטאַלע געפֿילן און נישט זען די צווייטע זײַט פֿון דער פּראַזאַישער ווירקלעכקייט, איז פֿון אונדז פֿאַרמיטן געוואָרן באַלד אין אָנהייב, צוליב

אָפנהאַרציקע געשפּרעכן מיט איינצלנע יידן. א ריי געשפּרעכן האָב איך געהאַט — און אויך אַנדערע מיטגלידער פון אונדזער געזאַנדשאַפט — מיט איינצלנע יידן וואָס האָבן געוואגט און געקומען גלייך אין האָטעל אריין, וואָס די אויפזיכט אויף די וואָס קומען אריין און וואָס גייען ארויס, איז אין אים געווען סטאַביל און איינגעאָרדנט ווי מ׳דאַרף.

ס׳איז אָבער כדאי צו דערציילן א מעשה וואָס האָט ביי אונדז פאַרלאָפן מיט א רוס, אין שטאָט־גאָרטן וואָס לעבן אונדזער האָטעל, אין א זונטיק, 3 טעג נאָך אונדזער קומען אין מאָסקווע. בעזשעראַנאַ מיט זיין פרוי און קינד, און מיט זיי — איך און מיין טאָכטער, האָבן שפּאַצירט אין דעם גאָרטן און באַמערקט ווי אַן אלטיטשקער רוס לאָזט זיך גיין גלייך אנטקעגן אונדז: אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, אַ קאָפּ באַקריינט מיט לאַנגע האָר און באָרד, ווייס ווי שימערירנדיקער שניי — אַ מעכטיקע און מאָדנע געשטאַלט, וואָס איז וווּנדערלעך־ענלעך צו דער געשטאַלט פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, אָדער צו די פאָלקס־צייכענונג פונעם לעגענדאַרן „דיעדושקאַ מאָראָז״*).

מיט אַ הויך געלעכטער און מיט א פרייען און ברייטן האַנטבאַוועג האָט ער אונדז פאַרשטעלט דעם וועג, זיך אראָפּגעבויגן צו בעזשעראַנאַס קליינעם מיידעלע און געפרעגט: „ווי הייסטו, מיין קינדז״ האָב איך אים געזאָגט, אז נישט זי און נישט די אלע איריקע וואָס שפּאַצירן דאָ פאַרשטייען רוסיש. „אויב אזוי, וועלן מיר מיט איר רעדן פראַנצויזיש״, האָט דער אַלטער געזאָגט און נישט אָפּגעטרעטן פון איר. אז עס איז אים, צו זיין פאַרוווּנדערונג, קלאָר געוואָרן, אז דעם מיידלס שפּראַך איז עברית, האָט ער א פרעג געטון: „איז אפשר זענט איר דאָס די געזאַנדטע פון דער יידישער מדינה, וואָס וועגן איר האָט מען געשריבן אין די בלעטער?״ דערנאָך האָט ער צוגעגעבן, אז בעתן לייענען די ידיעה וועגן אונדזער קומען, האָט ער גענומען די ענציקלאָפּעדיע, אריינגעקוקט אינעם וואָרט „יידן״ און ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אז נישט נאָר איצט האָבן זיך יידישע קעמפער אַנטפּלעקט ווי העלדן, מיליטער־לייט, נאָר אויך צוריק מיט 1900 יאר, אין זייערע מלחמות פאַר ירושלים. און אין לויף פון זיין רעדן האָט פּלוצים אויפגעטויכט אַן אנדער ענין: „איך מוז אייך זאָגן, אז איר פאַרמאָגט אַן אויסערן־מיניסטער וואָס איז א קלוגער מענטש („אומני טשעלאָוויעק״), איך האָב געלייענט זיינע רעדעס נישט איין מאָל״. מיר זענען נאָך נישט געקומען צו זיך פון דער איבערראַשונג צו הערן זיינע רייד וואָס זענען ארויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ קלאָרער שטים, מיט טיפּיש רוסישער ברייטקייט, מיט טעאַטראַלער זשעסטיקולאַציע — און שוין איז ארום אונדז פאַרזאַמלט אַן עולם

*) זיידע פראָסט.

פון העכער הונדערט מאַן, דאָס רוב שטודירנדיקע יוגנט, וואָס האָבן מיט פאַרוווּנדערונג אויסגעהערט קאַפּיטלען יידישע פאַרגאַנגענהייט און איצטיקייט אין סאַמע מיט פון זייער שפּאַציר אין אַ יום־טובֿ־טאָג אין דער סלאַווישער הויפּטשטאָט. דער עולם האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און ס׳איז פאַרצוימט געוואָרן דער וועג פאַר די שפּאַצירערס. ס׳איז אונדז באַפאַלן אַ ציטערניש, קוים באַוויזן זיך דאָ צום סוף אַ פּאָליציימאַן און ער וועט פאַרענדיקן דעם גאַנצן פאַרלויף, צוליב דער אָרדענונג, אויף אַ גאָר נישט־דיפּלאָמאַטישן אופן. דערווייל האָט דער אויסטערלישער אַל־טיטשקער פאַרגעזעצט זיינס: „איך קען זיך איצט נישט דערמאַנען דעם נאָמען פון יענעם דיכטער, וואָס איז געווען אַזוי באַקאַנט אין מיינע יוגנט־יאָרן, און ער האָט דאָך דאָס בשעתו געשריבן, אַז די ציון־טעכטער זענען געווען די שענסטע מיידלעך. מסתמא איז אויך איצט אַזוי״. דער ענטפער, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ פריילעך געלעכטער ביים עולם איז געווען, אַז מיר זענען נישט קאָמפּעטענט עדות צו זאָגן ווי עס האָט אויסגעזען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, אָבער היינט צו טאָג איז די לאַגע אין בעסטן אָרדענונג. ענדלעך האָט זיך די פּרשה פאַרענדיקט. דער אַלטער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אויף צו גע־געזעגענען זיך און פלינק סאַלוטירט ווי אַ סאָלדאַט: „און מיין נאָמען איז וואַגנער, אַן אַלט־אַלטער באָלשעוויק״.

לויטן רעגולאַמין פון פּראָטאָקאָל האָבן געדאַרפט דער געזאַנד־טער און דער ראַטגעבער, יעדערער באַזונדער, אָדערביידע צוזאַמען, אַ טאָג־צוויי נאָכן איבערגעבן די באַגלויבונגס־פּאַפּירן, באַזוכן ווי־שינסקין, זאָרינען, גוסעיעוון (אַלע דריי מאָלאָטאָווס שטעל־פאַרטרע־טערס) און באַקולינען, דעם דירעקטאָר פונעם אָפּטייל פאַרן מיטעלן מזרח. לגבי נאָך דריי האָט מען זיך געקענט באַגנוגענען מיט שיקן וויזיט־קאַרטעס: 1. דירעקטאָר פון דעם קאָנסולאַר־דעפּאַרטאַמענט, 2. דירעקטאָר פון דער יורידישער אָפּטיילונג און 3. אָנפירער פון פּרע־סע־דעפּאַרטאַמענט. ווישינסקי איז אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז אין ענין פון די איטאַליענישע קאָלאָניעס און מיר האָבן אים נישט געזען.

זאָרין, וואָס איז בייגעווען בעת דער אויפנעם־צערעמאָניע, האָט אויפגענומען גאַלדען און מיך אין הויז פון אויסערן־מיניסטעריום. גאָל־דע האָט גערעדט עברית און איך האָב איבערגעזעצט אויף רוסיש. אין אָנהייב זענען, פאַרשטייט זיך, געווען פראַגן וועגן וועטער, אונדזער באַאיינדרוקן זיך פון מאָסקווע און ענלעכע. ווען זאָרין האָט באַמערקט, אַז ער ווייסט, אַז גאָלדע איז געבוירן געוואָרן אין קיעוו, זי געדענקט אָבער זיכער גאָרנישט פון אירע קינדער־יאָרן, האָט גאָלדע צוגעגעבן: „ריכטיק, אויסער דאָס ריכטן זיך אויף אַ פּאָגראָם״.
דער שמועס האָט זיך אָנגעהאַלטן אַן דעם פּונקט און איז אַריבער

צו דער פראַגע פון דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק און מדינה. זאָרינס באַמערקונגען אין אָט דעם ווערטער־אויסטויש האָבן אויסגעפירט, אַז די יידן־פראַגע עקזיסטירט און וועט עקזיסטירן נאָר אין לענדער, וואָס שפאַנען נישט פאָרויס צום סאָציאַליזם. פון זיי וועט קומען די עליה, און די אויפגאַבע פון דער מדינה ישראל איז זיי אויפצונעמען.

די פראַגע איז, ווי גרויס איז דער אויפנעם־כוח פון אַ קליינער מדינה. אויך נאָך אַ גרויסער עליה וועלן נאָך זיכער בלייבן אַ סך יידן אין די קאַפיטאַליסטישע לענדער, און פאַר זייער זיכערקייט וועגן מוז מען קעמפן נישט נאָר פאַר דער מדינה, נאָר אויך פאַר אַ דעמאָקראַטיזאַציע אין יעדן אָרט. אין יעדן לאַנד זענען פאַראַן אַקטיווע פּראָגרעסיווע כוחות, און דאָס עצם שאַפן די מדינה ישראל איז נישט מער ווי אַן אויסדרוק פון דער השפּעה פון די דאָזיקע כוחות. ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס די דעמאָקראַטישע מדינות זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אונדז אָנערקענט. ער האָפט אַז מדינת ישראל וועט גיין אויפן וועג פון פּראָגרעס.

גאָלדע האָט אין איר ענטפער אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַר דער שטעלונג פון סאָוויעטישן פאָרשטייער, נישט נאָר אין דער פראַגע פון אָנערקענען די מדינה, נאָר אויך פאַר דער ראָל וואָס די סאָוויעטן האָבן אויסגעפילט אויך אין די פריערדיקע פאַזעס. ס׳איז נישטאָ קיין סתירה צווישן דער עליה פון מאַסן יידן אין לאַנד אַריין און צווישן דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע. פאַרקערט: דאָס בויען אונדזער לאַנד און דער קיום פון יידישן פאָלק זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער וועלט פון שלום, פּראָגרעס און פרייהייט. אמת, מיר זענען געקומען אין לאַנד אַריין, כדי צו לייזן אונדזער נאַציאָנאַלע פראַגע, אָבער פון שטאַנדפּונקט פון אונדזער מדינה, איר זיכערקייט און אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן, איז לעבנסוויכטיק צו ווירקן אויף דער וועלט, וועלכע רינגלט אונדז אַרום, אין גייסט פון פאָרשריט און קעמפן פאַרן שלום צווישן די פעלקער פון גאָר דער וועלט. וואָס שייך דער אויפנעם־פעיקייט, איז אוודאי שטח אַ זייער וויכטיקע זאַך, אָבער מיר האָבן שוין אַרויסגעוויזן אונדזער פעאיקייט ביי אינטענסיווער געדיכטער התישבות. דערווייל איז אָבער די צרה וואָס נישט פון אַלע לענדער לאָזט מען אַרויס און עס שטערן אויך די באַגרענעצונגען פונעם פייער־איבערייס. מיר האָפן אויף דער הילף פון ראַטנפאַרבאַנד אין דעם ענין און אויך אין אַנדערע ענינים, וועלכע קענען אַרויפשווימען אויפן טאָג־אָרדענונג ביים אונ״אָ־פּלענום אין פּאַריז. זאָרין האָט צוגעשטימט, אַז די עליה אין לאַנד און אַ דעמאָקראַטישער רעזשים אין דער וועלט דערגאַנצן איינס דאָס צווייטע ביים לייזן די יידן־פראַגע. וואָס שייך פּאַריז — איז די שטעלונג פון ס. ס. ס. ר. אַ קלאָרע: זיי האָבן אונדז געשטיצט אין דער פאַרגאַנגענהייט, שטיצן אונדז איצט, און אויך אין דער צוקונפט וועט זיך אָט די שטעלונג נישט ענדערן.

מיט זאַרינס צושטימונג האָט גאָלדע פֿאַר אים געגוי רעפּערירט וועגן די פֿראַגן, וועלכע קענען זיך דערוועקן אויף דעם נאָענטסטן אוב״אַ־פּלענום — גרענעצן, זעלבשטענדיקייט און עליה, אַראַבישע פּליטים, ירושלים—חיפה. און דאָס איז דער תמצית פֿון אירע רייד:

גרענעצן: בערנאַרדאָטס פֿאָרשלאָגן זענען אויסן צו פֿאַרשמעלערן אונדזער אָנהאַלט אין נגב — צי צוליב די אויסזיכטן אויף געפֿינען נאַפֿט, צי צוליב דעם פּלאַן אַוועקצוגעבן נאָך שטחים צו עבר־הירדן. מיר קאָנען נישט איינשטימען מיט דעם צוגאַנג, אַז בלויז פֿרעמדע זענען באַרופֿן צו באַהערשן נאַפֿט־קוואַלן, אויב זיי געפֿינען זיך טאַקע אין די טיפֿענישן פֿון אונדזער ערד; מיר וואָגן צו טראַכטן, אַז מיר האָבן פֿאָר־רעכט. ס׳איז איבעריק אויפֿצוקלערן פֿאַר וואָס דער נגב דאַרף נישט געהערן אַבדאַלאַן, וואָס פֿאַרמאָגט גרויסע שטחים, האָט אַ קליינע באַפֿעלקערונג און זיין זעלבשטענדיקייט איז אַ פֿיקטיווע, ווייל פּאַקטיש הערשן איבער אים די ענגלענדער; בפֿרט נאָך, אַז דער נגב איז פֿאַר אונדז לעבנסנויטיק ווי אַ שטח פֿאַר זידלונגען. פֿון דער אַנדערער זייט, נאָך דעם אַלעם וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין די חדשים פֿון מלחמה, קען מען נישט באַרעכטיקן אַזאַ גרענעץ־ליניע ווי אין צפֿון. מיר זענען שווער באַעוולט געוואָרן אין מערבדיקן גליל. מיר האָבן מיט דעם שלום געמאַכט, אַרויסגייענדיק פֿון דער הנחה אַז אין צווייטן טייל פֿון ארץ־ישראל וועט אויפֿקומען אַן אַראַבישע מדינה, און ס׳וועלן פֿאַרווירקלעכט ווערן אַלע איבעריקע באַדינגונגען וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט דער צעטיילונג פֿון לאַנד. איצט עקזיסטירט כּלל נישט דער דאָזיקער פֿאַקטאָר. אויך דאַן איז מען נישט געווען גערעכט כּלפּי אונדז, אַז מ׳האָט אונדז געלאָזט אָן אַ פּיצל באַרג־געביט. די מלחמה האָט דערוויזן די נייטיקייט פֿון אַן ענדערונג לטובֿת אונדזער פֿאַרטיידיקונג. דערווייל איז דער שטח פֿאַרנומען געוואָרן דורך אונדזער מיליטער און וואָס פֿאַר אַ זין האָט עס אים אומצוקערן, און וועמען?

אויך פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון אַ קאָנטאַקט מיט לבֿנון, דאָס איינציקע שכנותדיקע לאַנד אין וועלכן ס׳איז אפֿשר דאָ אַן אויסזיכט אַז עס וועלן דאָרט אין דער צוקונפֿט קומען צו דער מאַכט אינערלעכע פּראָגרעסיווע כּוחות — איז וויכטיק אַ בשותּפֿותדיקע גרענעץ, סיי פֿאַר אונדז, סיי פֿאַר זיי און סיי פֿאַרן אַלגעמיינעם שלום אין דעם ווינקל וועלט.

זעלבשטענדיקייט און עליה: יעדער פּרווו אַרויפֿצוצווינגען אויף אונדז פֿון דרויסן אַזאַ אָדער אַנדערע פּאָליטיק אין דער פֿראַגע פֿון עליה, רירט אָן נישט נאָר די עליה און אַלץ וואָס איז מיט איר פֿאַרבונדן, נייערט די עצם מלוכהשע זעלבשטענדיקייט אונדזערע. מיר וועלן נישט אָננעמען בערנאַרדאָטס פֿאָרשלאָג זיך צו רעכענען מיט

די אַראַבישע מדינות אין די פראַגן פון עליה. מיר האָבן, אמת, אַ קליי־נינקע מדינה, אָבער איר זעלבשטענדיקע קאָמפּעטענץ אין דעם ענין איז נישט קלענער פון יעדער אַנדערער מדינה. דער פייער־איבערייס טראָגט אין זיך אַ סך סכנות, אָבער די גרעסטע פון זיי איז דאָס באַ־גרענעצן די עליה פאַר מענטשן אין מיליטער־עלטער, ווייל דאָס קען זיין אַ פּרעצעדענס פאַר אויסערלעכער אַריינמישונג אויך אין שלום־צייט.

אַראַבישע פליטים: מיר האָבן זיי נישט אַרויסגעטריבן. 300—350 טויזנט אַראַבער האָבן זיך אונטערגעגעבן דער אַגיטאַציע פון מופתי און אַנטלאָפן, אַן וועלכן ס'איז דרוק פון אונדזער זייט. דאָס ווייזט אויך אויף אַ שוואַכער צוגעבונדנקייט זייערע צום באָדן פון לאַנד. איצט ווילן נישט די אַראַבישע מדינות אויסטראָגן די רעזולטאַטן פון זייער אייגענער פּאָליטיק, און ווילן אַז מיר זאָלן זיי צוריקברענגען אין סאַמע מיט פון דער מלחמה און פייער־איבערייס. דאָס אויפבלאָזן די פּליטים־פּראַגע, דער עיקר דורך די באַמיונגען פון ענגלאַנד, האָט נישט קיין הומאַניטאַרע צילן, ווייל די אַראַבישע הערשער, ווען זיי וואָלטן נאָר געוואָלט, האָבן זיי גרויסע מעגלעכקייטן אויף צו צוהעלפן. דער ציל איז אַ פּאָליטישער און אַ מיליטערישער, און די פּליטים זענען בלויז אַ געצייג אים צו דערגרייכן, אַ פינפטע קאָלאָנע. און בכלל — ווען אפילו אַן אַ צוזאַמענהאַנג מיט מיליטערישע אויסרע־כענונגען — אויב ס'איז שוין אַזוי געשען, אַז די אַראַבער זענען אַוועק און אין מדינת ישראל האָט זיך געשאַפן אַ מער האָמאָגענע באַפעל־קערונג, האָט דען אַ זין זיי צוריק אַריינזעצן דווקא אין די גרענעצן פון אונדזער מדינה און דורך דעם פונדאַסנײַ קינסטלעך שאַפן אַ קאָמ־פּליצירטע פּראָבלעם? סוף כל סוף געפינען זיי זיך דאָך איצט אין די גרענעצן פון אַראַבישע מדינות, וועלכע פאַרמאָגן ריזיקע באָדן־שטחים, ליידיקע, נישט באַזעצטע. ס'איז דאָך אַ סך לאָגישער, זיי זאָלן זיך דאָרטן באַזעצן אויף שטענדיק, און אויב ס'וועט הערשן שלום צווישן אונדז, וועלן מיר זיין גרייט זיי צוצוהעלפן טעכניש, מיט וויסנשאַפט א. ד. גל. אין ליכט פון די פּרוּוון, נאָך צוויי וועלט־מלחמות, צו טראַנספערירן באַפעלקערונגען, דאַרף מען דאָס נישט אויסשליסן אויך אין אונדזער פאַל.

חיפה און ירושלים: דער פּלאַן אויפצושטעלן אין חיפה אַן אינ־טערנאַציאָנאַלע זאָנע (דער פּאָרט און די ראַפינעריעס) איז נאָר כדי צו פאַרמאַסקירן ספּעציפישע ענגלישע אינטערעסן מיט אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלער מאַסקע. אונדזער מדינה וועט זיך קאָנען אַליין פאַרנעמען מיטן פּאָרט און די ראַפינעריעס, און זי וועט אָן ספק אַנטקעגנקומען דער אומ״אָ אין יעדן גערעכטן ענין, וואָס איז נוגע אַנדערע מדינות אויף דעם געביט. אין ירושלים זענען מיר אין משך פון אַ לאַנגער תקופה

געוועז אַן אַבסאָלוטע מערהייט, און איצט איז די נייע שטאָט איינגאַנצן יידיש. מיט זיין פאָרשלאַג איבערצוגעבן ירושלים די אַראַבער, האָט בערנאַדאָט צו־נישט־געמאַכט אויך דעם געדאַנק וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער לייזונג. איז נישט באַרעכטיקט אָפּצופרעגן אונדזער רעכט אויף ירושלים, באַזונדער נאָך דער ביטערער דערפאַרונג פון דער מלחמה, און אויב מ׳וועט וועלן באַשטימען באַזונדערע רעגולאַציעס אויף צו פאַרזיכערן די הייליקע ערטער אין דער אַלט־שטאָט — וועלן מיר נישט האָבן דאַקעגן.

זאָרין האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. פאַראַן זאַכן וואָס זענען פאַר אים געווען ווי אַ נייעס. ער וועט איבערגעבן אַ באַריכט זיין רעגירונג און זייער דעלעגאַציע אין פאַריז. ער האָט נישט קיין שום ספק, אַז דאָס וועט זיי צוהעלפן ביים באַשטימען זייער האַלטונג, בפרט אַז אין דער פראַגע פון גרענעצן און ירושלים פאַרפליכטן אונדזערע פאָרשלאַגן צו אַן ענדערונג אין די באַשלוסן פון 29־טן נאָוועמבער. „מיר זענען זייער פאַראינטערעסירט געגנוי צו וויסן די שטעלונג פון דער ישראל־רעגירונג", האָט זאָרין געענדיקט. „ווי באַוווסט, זענען מיר נישט קיין פאַסיווע אָבסערוואַטאָרן ביי די אונ"אָ־פאַרהאַנדלונגען".

דער שמועס האָט געדויערט מער ווי אַ שעה.

דעם 15־טן סעפּטעמבער האָבן גאָלדע און איך געמאַכט אַ וויזיט ביי באַקולינען, דירעקטאָר פון אָפּטייל פאַרן נאָענטן מזרח ביים אויסערן־מיניסטעריום. אויך דאָ האָט דער געשפּרעך געדויערט אַ גאַנצע שעה, און דער מענטש האָט אַרויסגעוויזן גאַנץ באַדייטנדיקע בקיאות אין אונדזערע ענינים. אינעם לויף פון די פראַגעס און ענטפערס אין די ראַמען פון העפלעכקייט און באַקאַנטשאַפט מאַכן, האָט זיך, למשל, אַרויסגעוויזן אַז ער ווייסט, אַז עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן דער אשכנזישער און ספרדישער אויסשפּראַך (ווי אַן אילוסטראַציע האָט ער אַרויסגערעדט צוויי העברעישע ווערטער). דער עיקר האָט זיך דער שמועס קאָנצענטרירט אויף פראַגן פון קליטה און אויף רעזערוואַרן פון עליה. דאָס מאָל האָט גאָלדע געלייגט דעם טראָפּ אויף דער עליה, ווי אַ באַדינג פאַרן בויען די מדינה און זי פאַרפעסטיקן. זי האָט דערציילט וועגן אַרויספאָר־באַגרענעצונגען אין פאַרשידענע לענדער, אַריינגערעכנט דעם פאַרבאָט אויף עליה פון מאָביליזירטע פון דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד. דערביי באַגרינדעט די נייטיקייט צו דערלויבן עולה צו זיין יעדן ייד, וואָס וויל נאָר דאָס. באַקולין האָט אין דעם געשפּרעך אַרויסגעוויזן די זעלבע מאָס פריינטלעכקייט, וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן זאָרין, אָבער זיין טאָן איז געווען פרייער און לעבעדיקער, ווייניקער אָפיציעל. אויך ער האָט געזאָגט, אַז די שטעלונג פון זיין רעגירונג צו אונדזערע ענינים איז

די זעלבע ווי געוועזן, האָט איבערגעחזרט אַז די יידן ווערן געשטויסן צו עליה נאָר „פון נישט־דעמאָקראַטישע לענדער", און צוגעגעבן, אַז ער האָט נישט קיין מורא אַז עס וועט אויספעלן עולים. זיין מיינונג איז געוועזן, אַז — די פּליטים אין די לאַגערן און אַ גרויסער טייל פון די גערודפטע און דיסקרימינירטע יידן אין פאַרשידענע לענדער וועלן באַפרידיקן די באַדערפענישן, אויב מ׳זאָל נעמען אין אַכט, אַז אונדזערע אויפנעם־מעגלעכקייטן זענען נישט אומבאַגרענעצט. אפילו די באַגרענעצונגען אין דער אַמעריקאַנער זאָנע זענען אַ צייטווייליקע דערשיינונג און וועלן אָפּגעשאַפט ווערן, נאָך דעם ווי אונדזער ענין וועט ענדגילטיק דערלידיקט ווערן אין או״אַ.

גאָלדע האָט באמערקט, אז מ׳קען נישט מעסטן אונדזער אויפנעם־כוח און געזאָגט, אז מיר האָבן בדעה אויפצונעמען א מיליאָן עולים אין פארלויף פון די ערשטע פינף יאָר; חוץ די יידן פון די אראבישע לענדער, וועמען עס דראָט אַ לעבנסגעפאַר. „אויב אַזוי", האָט געזאָגט באַקולין, „וועט די עליה אַליין נישט קענען לייזן די גאַנצע יידן־פראגע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אויב דער ערשטער מיליאָן וועט דארפן ווארטן גאַנצע פינף יאָר ביז ער וועט אינגאנצן אבסאָרבירט ווערן און דערנאָך ערשט וועט אין דעם זעלבן טעמפּאָ קומען דער צווייטער מיליאָן — צי וועלן די יידן, וואָס ליידן פון רדיפות און דיסקרימינאציעס, וועמענס צאָל ס׳איז א סך א גרעסערע, קענען געדולדיק ווארטן אזא לאנגע צייט? דאָס מיינט, אז פון איין זייט איז דאָ א גענוגנדיקער רעזערוו פון עולים פאר די באַדערפענישן פון דער מדינה, אָבער פון דער אנדערער זייט קאָן די עליה נישט ליקווידירן אינגאנצן די יידן־פראגע. א סך וועלן בלייבן אין די גלות־לענדער און נאָר די אינערלעכע געראנגלען אין פארשידענע לענדער פאר דעמאָקראַטיע און סאָציאליזם וועלן קענען ענדגילטיק לייזן זייער פּראָבלעם ווי אין ראטנפארבאנד".

אין איר געגנזיעם ענטפער האָט גאָלדע געזאָגט:

מיר האָבן קיינמאָל נישט געזען קיין סתירה צווישן אונדזער מלוכהשער ווידעראויפלעבונג אין לאנד און צווישן קאמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אין דער וועלט און פארן איבערענדערן די וועלט אין דער ריכטונג פון פרייהייט און פּראָגרעס. נאָך מער, אונדזערע ערשטע חלוצים האָבן שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק געגעבן דעם פּראָצעס פון בויען אונדזער לאנד א טענדענץ פון סאָציאליסטישער באַנייאונג, דורכן שאפן קאָלעקטיווע און קאָאָפּעראַטיווע לעבנס־פאָרמען אין דער לאנדווירטשאפט, אינדוסטריע, קאָמוניקאציע א. אַ. דער פּראָצעס פון קליטה איז נישט געגאנגען ביי אונדז מיטן געוויינלעכן אריטמעטישן וועג. יעדע כוואַליע פון עליה, נאָך דעם ווי זי האָט זיך נאָר איינגעוואָרצלט אין לאנד, האָט געצויגן נאָך זיך נאָך גרע־

סערע כוואַליעס און אין א סך קורצערן צייט־אָפּשניט. אַזוי וועט אויך זיין אין דער צוקונפט. די פראַגע פון ערשטן מיליאָן, חוץ דעם, וואָס דאָס איז א מינימום־פּראָגראַם — „און ס'איז דאָ ביי אונדז אַן ערנסטע שול פון מאַקסימאַליסטן, צו וועלכער אויך איך געהער״ — באַדייט אָבער בשום אופן נישט, אז דאָס אבסאָרבירן דעם צווייטן מיליאָן וועט מוזן נעמען פונקט אזויפיל צייט. דאָס גאַנצע לאַנד געפינט זיך דערווייל אין אָנהייב פון דער אנטוויקלונג, סיי פונעם שטאַנדפּונקט פון דער לאַנדווירטשאַפט און סיי פון דער אינדוסטריע. ווען עס וועלן זיך אָנהייבן פאַרווירקלעכן אונדזערע גרויסע פּלענער אין דער ריכטונג פון אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט, ביים שאַפן וואַסער־רע־זערוון, אין דער אינדוסטריע — וועלכע שטיצן זיך אויך אויף הלוואות פון אינטערנאַציאָנאַלע מקורות — דעמאָלט וועט אָן שום ספק מעגלעך זיין אויפצונעמען 3־4 מיליאָן עולים אין א קורצער צייט. צו דעם אַלעם דאַרף צוגעגעבן ווערן דער ווילן פון פאָלק און זיין התלהבות. ביז איצט האָבן מיר זיך אויף דעם געביט נישט אנטוישט. צום ביי־שפּיל: דער אָנהייב פון אונדזער טעטיקייט אין די נגב־וויסטענישן, וואָס אגב אויך איר טאָכטער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט. אין אָנהייב זענען אַרויס אויף התישבות דאָרט א 3־4 קליינע גרופּעס, אָבער נאָך 3 יאָר פון עקספּערימענטן און וואַ־סער־זוכענישן איז שוין געווען א מעגלעכקייט אויפצושטעלן אויף איין מאָל פינף מאָל אזויפיל ישובים. היינט זענען שוין דאָרט פאַראַן דריי צענדליק ישובים, און ווען נישט די מלחמה וואָלט די התישבות דאָרט גאָר שנעל געוואַקסן. דאָ האָט באַקולין באַמערקט מיט גרויס אויפהייטערונג, אז דער ווילן פון פאָלק איז א ריזיקער שעפערישער פאַקטאָר און האָט דערציילט וועגן א וואַסער־קאַנאַל פון 110 קילאָ־מעטער לאַנג, וואָס איז דורכגעגראָבן געוואָרן דורך איין קאָלכאָז אין מיטל־אזיע („דער קלימאַט איז ענלעך צו דעם, וואָס אין נגב״) אין משך פון 11 טעג. גאָלדע האָט אונטערגעהאַלטן זיינע רייד מיטן דער־ציילן וועגן בורמאַ־וועג און די וואַסער־רער קיין ירושלים.

דאָס געשפּרעך האָט זיך פאַרענדיקט מיט דאַנקען פאַר די אויפ־קלערונגען און מיט דער מעלדונג, אז ער וועט דאָס אַלץ איבערגעבן זיין רעגירונג און זייער דעלעגאַציע אין אונ״אָ.

דעם 17־טן סעפּטעמבער האָבן מיר, גאָלדע און איך, געמאַכט א באַקאַנטשאַפט־וויזיט ביי גוסעיעוון (אויך ער איז געווען פון מאָלאָ־טאָווס שטעלפאַרטרעטערס). דאָ האָט דער שמועס געדויערט א האַלבע שעה און איז אין גרונט נישט געווען קיין פּאָליטישער, אויסער דער אינפאָרמאַציע, וועלכע גאָלדע האָט איבערגעגעבן וועגן דער לאַגע אין לאַנד, וועגן אונדזערע פּראָבלעמען אויפן אונ״אָ־פּלענום, וואָס דאַרף זיך עפענען אין פּאַריז און וועגן אונדזער האָפענונג אויף דער

ווייטערדיקער שטיצע פון ראטנפארבאנד. זיינע רעאגירונגען זענען געווען ווייניקע אָבער פריינטלעכע, ער האָט איבערגעחזרט זאָרינס רייד, אז די שטעלונג פון זיין רעגירונג קומט צום אויסדרוק אויף א גאנץ קלאָרן אופן און לויט איר וועלן זיי אויך האנדלען אין דער צוקונפט.

דעם זעלבן טאָג האָב איך געהאט א באזוך ביי מאַלאַטשקאָוון, כדי אויפצוקלערן עטלעכע לויפנדיקע ענינים. צווישן אַנדערע איז קלאָר געוואָרן, אז דער אינסטיטוט פאר קולטור־פאַרבינדונגען (דאָקטוירים, טעאטער, ליטעראטור־אויסטויש און אנדערע) מיט וועלכן מיר דארפן זיך פאַרשטענדיקן איז „וואָק״ס״ — אַן אַל־סאָוויעטישע אינסטיטוציע, וועלכע קאָנצענטרירט די קולטור־פארבינדונגען מיט אויסלאנד. דער ענין פון זוכן קרובים געהערט צום שעף פון דער קאָנסולאטן־אָפטיילונג. וואָס שייך קאָנטאקטן מיט אנשטאלטן פון געזעלשאפטלעך־פּאָליטישן כאראקטער, ווי למשל, דער יידישער אנטי־פאשיסטישער קאָמיטעט (וועלכער האָט זיך צו אונדז ביז היינט נאָך נישט געווענדעט) דארפן מיר אָנהאלטן דורך דער פארמיטלונג פון באַקולינען אָדער מיט זיין הסכמה, אָדער לויט ווי ער וועט דאָס אראנזשירן. לויט די ידיעות פון ארום אונדז, ווייזט זיך ארויס, אז די געזאנדשאפטן האָבן נישט מיט די בירגער פון לאנד קיין שום באַרירונג. ביז מיט א יאָר צוריק האָט מען דערויף ווייניקער מקפיד געווען, אָבער דעם 16.12.1947 זענען פארעפנטלעכט געוואָרן נייע רעגירונגס־פאראָרדע־נונגען און מ'האָט זיך אָנגעהויבן באציען שטרענגער. די דאָזיקע פאראָרדענונגען זענען נאָך אין דער סטאַדיע צו אונדז נישט דער־גאנגען, עס איז אָבער געווען קלאָר, אז זיי דארפן פארצאמען די מעג־לעכקייטן פון קאָנטאקטן. אין דעם דאָזיקן געשפרעך איז אויך באַ־שטימט געוואָרן, אז עס איז נישטאָ קיין פאָרמעלער אָפּהאלט ארויפ־צולייגן די ראָל פון א פרעסע־אטאשע אויף איינעם פון אונדזער גע־זאנדשאפטס־באאמטע (געמיינט א. לבבי), די געזאנדשאפט וועט בלויז דארפן מעלדן אָפיציעל וועגן דעם דירעקטאָר פון פרעסע־דעפּאר־טאמענט אין אויסערן־מיניסטעריום.

אין איינקלאנג מיט דער פראָצעדור האָט גאָלדע געמאכט באַ־קאנטשאפט־באזוכן אין אלע געזאנדשאפטן און די געזאנדטע האָבן זיך איר רעוואנזשירט. אין גאָלדעס פוסטריט בין אויך איך פארפליכטעט געוואָרן צו „לויפן״. מיין ערשטער באזוך איז געווען ביים ראטגעבער אין דער געזאנדשאפט פון נאַציאָנאליסטישן כינע, טשאן־דין (אַ מין עלטסטער ראטגעבער), א געבילדעטער און אָנגענעמער מענטש, אַן אלטער דיפּלאָמאט, וואָס האָט אמאָל אויך באזוכט ירושלים. ער האָט זיך צוגעאיילט אָפּצוצאָלן דעם חוב און האָט מיך רעוויזיטירט

אין האָטעל און האָט מיך אויך אינסטרואירט אין פאַרשידענע ענינים פון פּראָטאָקאָל און פּראָצעדור.

לויט מאָלאָטשקאָווס עצה האָב איך דעם 23־סטן סעפּטעמבער באַזוכט די דירעקציע פון „וואָק״ס״. איך בין אויפגענומען געוואָרן דורך פּרוי קיסילאָוו און דורך נאָך א פּרוי, ווייזט אויס א סעקרע־טאַרין. אין שמועס, וועלכער האָט געדויערט א שעה צייט, האָב איך איבערגעגעבן א גרוס פונעם צענטער פון דער „ליגע ווי״ און דער ציילט וועגן איר טעטיקייט און צווישן אנדערס פאַרגעלייגט אן אויס־טויש פון אויסשטעלונגען, לויטן ביישפּיל פון דער רוסישער אויס־שטעלונג, וואָס איז ביי אונדז אמאָל איינגעאָרדנט געוואָרן (דאָס אלץ — אין איינקלאנג מיט די רייד, וואָס מיר האָבן געהערט בעת דער געזעגענונגס־מסיבה, וואָס די „ליגע ווי״ האָט פאר אונדז איינגע־אָרדנט).
פּרוי קיסילאָוו האָט געזאָגט, אז שוין א לאנגע צייט (אַ יאָר ?) ווי ס׳איז צו זיי נישט דערגאנגען קיין ידיעות פון דער ליגע. צום פאַרשלאָג מכוח אויסשטעלונגען באַציט זי זיך אליין פּאָזיטיוו, אָבער דאָס, ווי אויך יעדן אנדערן ענין מוז מען ברענגען אויף א זיצונג פון דער אָנפירונג, נאָך דעם ווי עס וועט קומען אן אָפיציעלע ווענדונג פון דער ליגע, אָדער פון אונדזער געזאנדשאפט דאָ — אין נאָמען פון דער ליגע. דער איינדרוק איז געווען, אז אפילו אויב זיי וועלן אָננע־מען א פּאָזיטיוון באשלוס (און עס איז נאָך גאָר נישט אַזוי זיכער) וועט דאָס פאַרנעמען זיך דערמיט לאנג געדויערן.

דאָס געשפּרעך האָט באַרירט פראגן פון קאָנטאקטן אין ענינים פון ווויסנשאפט, טעאטער, ספּאָרט. מ׳האָט געקאָנט פאַרשטיין, אז די קאָמפּעטענצן פון זייער אינסטיטוציע זענען נישט גאָר קיין ברייטע — זיי נעמען אריין בלויז ענינים פון אויסגעשפּראָכענע קולטור־פאַרבינ־דונגען. יעדע פראגע, וואָס פאַרמאָגט דעם מינדסטן סימן פון פּאָלי־טיק — אויך יעדער ענין, וואָס איז פאַרבונדן מיט אויסלענדער — איז אויסער זייערע קאָמפּעטענצן. אויך זייער אפּאראט איז א באַ־גרענעצטער האָט אויפגעדעקט פּרוי קיסילאָוו.
און אזוי איז רעזומירט געוואָרן דאָס געשפּרעך: 1. ביי אונדז בלייבט די איניציאַטיוו זיי פאָרצולייגן דעם ענין אויסשטעלונגען; 2. זיי זענען גרייט צו באנייען די קאָנטאקטן מיט דער „ליגע ווי״; 3. זיי וועלן ברענגען צו א באהאנדלונג די פראגע פון איינלאַדן א רע־זשיסאָר פון מאָסקווע אויף צו רעזשיסירן אין אונדזערע טעאטערס, נאָך דעם ווי מיר וועלן דערלאנגען קאָנקרעטע פאָרשלאגן (בשעתו האָט מיך גנעסין פון „הבימה״ געבעטן זיך צו פארנעמען דערמיט, און אויך דער „אוהל״ איז ווייזט אויס געווען פאראינטערעסירט אין

א רעזשיסאָר); 4. מיט פאַרגעניגן וועלן זיי זיך פאַרנעמען מיטן שאַפן פאַרבינדונגען צווישן אונדזער דאַקטוירים־פּאַראיין מיט פּאַראַלעלע קערפּערשאַפטן ביי זיי.

דאַקעגן א ספּאָרט־באַזוך, זייערער ביי אונדז און להיפך, — איז — לויט אירע רייד — א מער קאָמפּליצירטער ענין און וועגן דעם דאַרפן מיר זיך פאַרשטענדיקן מיטן אויסערן־מיניסטעריום (באַקולין); און אוודאי און אוודאי — וועגן פאַרבינדונגען מיטן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

אַזוי שמועסנדיק האָט קיסילאָוואַ דערציילט, מיט א טאָן פון צער, וועגן טויט פון מיכאָעלסן, וועמען אלע קרייזן דאָ האָבן זייער געשעצט. זי האָט אויך דערמאָנט איציק פעפערן, אָבער נישט געוווּסט וועגער ס׳איז דוד בערגעלסאָן אָדער דוד האָפשטיין. ווען עס איז דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען „הבימה״ האָט זי מיט בולטער צופרידנקייט געזאָגט: „דער דאָזיקער טעאַטער איז געגרינדעט געוואָרן דאָ אין מאָסקווע און אָנגעפירט געוואָרן דורך סטאַניסלאַווסקין און וואַכטאַנגאָוון״. וועגן „אוהל״ און אַנדערע טעאַטערס ביי אונדז האָט זי געהערט צום ערשטן מאָל איצט פון מיר. דאָס געשפּרעך וואָס האָט אויך באַריִרט פראַגן פון דער לאַגע אין לאַנד, באַזונדער וועגן עברית ווי א רעד־שפּראַך און א שפּראַך פון קינדער־דערציִאונג, האָט זיך געענדיקט מיטן אויסדריקן די האָפענונג, אַז אין דער צוקונפט וועלן פאָרקומען נאָך געשפּרעכן.

פריער נאָך, דעם 21־סטן סעפּטעמבער, האָב איך באַזוכט קאָנזשוכאָוון, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון קאָנסולאַרן אָפּטייל אין אויסערן־מיניסטעריום. ער איז אַלט געווען א יאָר 36־37, העפלעך און א גוטער מיטשמועסער. ער האָט א סך אויסגעפרעגט וועגן לאַנד, זיין צושטאַנד און מנהגים און דער עיקר וועגן לעבנסשטייגער און איז דערגאַנגען ביז צו פראַגן פון כשרות און טריפות ביי יידן און מוסולמענער. דער ציל פון באַזוך איז געווען אויפצוקלערן, צי מיר וועלן קענען האָבן פרייע הענט ביים זוכן קרובים, דורך דירעקטע ווענדונגען צו סאָוויעטישע בירגער, וואָס קערן זיך אָן דערמיט. עס איז אים געגעבן געוואָרן א גענויע אויפקלערונג וועגן דער ספּעציפישקייט פון זוכן קרובים ביי אונדז אין ישוב, וואָס א גרויסער טייל זיינער שטאַמט פון רוסלאַנד — נאָך דעם ווי בעת דער מלחמה זענען פאַרלוירן געגאַנגען מיליאָנען מענטשן און נישט געלאָזן נאָך זיך קיין שפּורן. איך האָב אים אויך דערציילט וועגן דעם באַזונדערן אמט, וואָס האָט זיך פאַרנומען דערמיט זייט עטלעכע יאָר, אין די ראַמען פון דער סוכנות און וועט אפשר איבערגיין צו דער רעגירונג; וועגן די קאָנטאַקטן, וואָס זענען בשעתו געווען אין די ענינים מיט זייער געזאַנדשאַפט אין לבנון; וועגן אונדזערע דירעקטע ווענדונגען צו די

אַרטיקע סאָוויעטן און וועגן די ענטפערס וואָס זענען פון זיי פון צייט צו צייט געקומען.

אין אָנהייב האָט ער געענטפערט, אַז לויט די געזעצן פון זייער לאַנד דאַרפן ישראל־איינוווינער, וואָס זוכן דאָ זייערע קרובים, זיך ווענדן צו דער רוסישער געזאַנדשאַפט אין תל־אביב און זי וועט שוין דאָס אַריבערפירן צו די געהעריקע אמטן אויף צו פאַרנעמען זיך דערמיט. אָבער נאָך דעם ווי איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז צוליב דעם גרויסן פאַרנעם פון אָט דעם פּראָבלעם, איז נישט אָנצונעמען, אַז דער אפּאַראַט פון זייער געזאַנדשאַפט וועט זיין מסוגל מיט דעם זיך צו פאַרנעמען, בעת ביי אונדז מוז זיך מיט דעם פאַרנעמען אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע, — האָט ער מסכים געווען, אַז אונדזער געזאַנדשאַפט אין מאָסקווע זאָל צונויפזאַמלען דאָס גאַנצע מאַטעריאַל, וואָס קומט אָן פון לאַנד און וועט עס פון צייט צו צייט חלקים־וויַיז אַריבערפירן צו אים אין זיין דעפּאַרטאַמענט און זיי וועלן זיך שוין פאַרנעמען מיטן זוכן און אונדז איבערגעבן די רעזולטאַטן.

עס איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז מיר זענען נישט געווען פאַראינטערעסירט אין אַזאַ רעגולאַציע. מיר האָבן דאָס אָבער גע־מוזט אָננעמען ווי דאָס קלענערע שלעכטס, מיט דער האָפענונג, אַז אין פאַרלויף פון דער צייט וועלן מיר אפשר קענען פּרוּוון־שטופּן דעם ענין לויט אונדזערע טענדענצן, בפרט אויב מיר וועלן אויף דעם קאָנסולאַר־אָפּטייל אַרויפלייגן אַ סך אַרבעט, אַז עס וועט זיי נמאס ווערן. כ׳האָב דעריבער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט, אין מיין ער־שטן סך־הכּל־איבערזיכט צו אונדזער אויסערן־מיניסטעריום, אויף דער נויטיקייט צו שיקן צו אונדז וואָס מער אָנפראַגעס און מען זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען אָן אָפּלייג און אָן איבעררייס.

וואָס שייך איינוווינער פון ס. ס. ס. ר. וואָס זוכן זייערע קרובים ביי אונדז, האָט קאָזשוכאָוו געזאָגט, דאָס זיי ווייסן, אַז זיי דאַרפן זיך ווענדן „אויפן אָנגענומענעם וועג״, צו די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַ־נען. פון זיינע רייד איז אָבער גאַנץ קלאָר געוואָרן, אַז עס זענען פאַ־ראַן „פאַרברעכער״, וואָס ווענדן זיך אין אַזעלכע ענינים דירעקט צו די געזאַנדשאַפטן. און באמת, נאָך אין דער אָ סטאַדיע האָט זיך שוין אָנגעצייכנט די מעגלעכקייט, אַז נאָך דעם ווי מיר וועלן אַריבערגיין אין אונדזער הויז און ס׳וועט אויף אים אָנגעקלאַפּט ווערן די שילד פון אונדזער געזאַנדשאַפט (די צייטונגען אין מאָסקווע זענען זיך נישט נוהג צו פאַרעפנטלעכן די אַדרעסן פון געזאַנדשאַפטן) וועלן שוין קומען צו אונדז קליענטן, וועמענס ערשטע שוואַלבן האָבן זיך שוין גע־פעדערט און אונדז באַזוכט אין האָטעל, נישט געקוקט אויף די אומ־באַקוועמלעכקייטן, וועלכע זענען דערמיט געווען פאַר זיי פאַרבונדן

— צוליב דער אויפזיכט פון די פאַרטיערס און באַדינערשאַפט ביים אריינגאַנג און אויף יעדן שטאָק באַזונדער.

צום סוף האָט ער אונדז קלאָר געמאַכט דעם סדר פון איבער־שיקן די דיפּלאָמאַטישע פּאָסט. די באַאַמטין פון דער געזאַנדשאַפט, אייגע שאַפּירא, וואָס האָט געזאָלט אַרויספאָרן קיין שטאָקהאָלם אין פאַרשידענע ענינים פון ווירטשאַפט פון דער געזאַנדשאַפט, וועט מיט זיך נעמען אונדזער דיפּלאָמאַטישע פּאָסט־„וואַליזע" און וועט טראָגן ביי זיך דעם „לויף־בויגן" — דעם קוריער־דאָקומענט — נומער „א" פון אונדזער געזאַנדשאַפט און אויף איר פּאַספּאָרט וועלן זיין די אַרויספאָר־ און אַריינפאָר־וויזעס פון ראַטנפאַרבאַנד און אַ ספּעציעלער סטעמפּל פון אויסערן־מיניסטעריום אויף אַ באַזונדערן „בויגן" (אויף רוסיש: ליסט). אינצווישן האָט די זעלבע קאָנסולאַר־אָפּטיילונג געדאַרפט אָנקומען צו אונדז. דעם 27־סטן סעפּטעמבער האָבן מיר באַקומען אַ שריפטלעכע בקשה פון אויסערן ־ מיניסטעריום, אַרויסצוגעבן אַן אַריינפאָר־וויזע קיין ישראל — די ערשטע קאָנסולאַרע טעטיקייט פון אונדזער געזאַנדשאַפט — דעם פאָטאָגראַפיסט פון פילם־מאַגאַזינען וולאַדימיר סעמיאָנאָוויטש יעשורין (מיר האָבן חושד געווען, אַז ער איז אַ ייד). פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָס געטאָן מיט גרויס פאַר־געניגן.

ס'האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט דער חודש סעפּטעמ־בער, דער האָניק־חודש פון דער אָפיציעלער רעפּרעזענטאַנץ פון מדינת ישראל אין דער סאָוויעטישער רעזידענץ, אַ חודש, וואָס איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט פריינטשאַפט, פאַרשטענדעניש און גוטן ווילן — און שוין האָבן זיך באַוויזן סימנים פון גאַנץ אַנדערע מיינונגען ביי די הויכע אינסטאַנצן פון דער סאָוויעטישער מאַכט און ביי זייערע האַלב־אָפיציעלע וואָרט־זאָגערס.

אין די פריינטלעכע רייד, וועלכע מיר האָבן געהערט פון די הערן זאָרין און גוסיעוו, מאַלאָטאָווס שטעל־פאַרטרעטערס, און אויך פון באַקולינען, שעף פון דער אָפּטיילונג פאַרן נאָענטן מזרח אין סאָוויע־טישן אויסערן־מיניסטעריום, האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן — ווי ס'איז פריער דערציילט געוואָרן — אויך באַמערקונגען, וואָס האָבן געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן, אַז דאָס פּראָבלעם פון עליה פון יידן קיין ישראל, עקזיסטירט כאילו נאָר אין די לענדער, וואָס זענען אויסער דעם „מזרח"־בלאָק און דערפאַר, אַזוי ווי אונדזער קליינע מדינה וועט במילא נישט קענען אויפנעמען אַ סך מיליאָנען יידן פון די לענדער פון זייער צעשפּרייטקייט, איז דער חוב פון די יידן צו קעמפן אין יעדן לאַנד פאַרן סאָציאַליזם.

באַזונדערס באַאומרואיקנדיק איז געווען אַן אַרטיקל, פאַרעפנט־לעכט אין „פּראַוודאַ", דעם 21־סטן סעפּטעמבער, פון דעם באַרימטן

יידיש־רוסישן שרייבער איליא ערענבורג. דאָס איז געווען אַן אויס־געשפּראָכן פּאָליטיש אַרטיקל, אַן אַגרעסיווער און אָפּפּסקנדיקער אין זיין פאָרמולירונג, וועלכער האָט פאַקטיש אויסגעפּאָרעמט אַ שטעלונג — אַ פּראָ־ישראלדיקע און אַנטי־ציוניסטישע*). דער אַרטיקל, וועגן וועלכן כ׳האָב ראַפּאָרטירט דעם 23־סטן סעפּטעמבער דעם אויסערן־מיניסטער משה שרת — האָט נעגירט די עליה פון יידן פון ס. ס. ס. ר. פון בולגאַריע און פון די אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און — שטי־צנדיק זיך אויף ציטאַטן פון מיקוניסעס רייד אין מדינה־ראַט געטענהט, אַז אין ישראל הערשט אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג און נישט קיין אַרבעטער־פאָרשטייערס שטייען אין איר שפּיץ.

מיר האָבן פאַרשטאַנען — פון די געשפּרעכן מיט די פאָרשטייערס פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום און מיטן פּוילישן געזאַנדטן — אַז זיי גלייבן אין אונדזער אַנטי־ענגלישער שטעלונג, אָבער נישט אין אונדזער פעאיקייט אָפּצוהיטן דאָס נישט־אָפּהענגיק זיין פון אַמעריקע.

פאַרשידענע מיינונגען זענען אַרומגעגאַנגען וועגן די סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ערענבורגס אַרטיקל. ס׳איז געווען אַ השערה, אַז דאָס איז אַ פּריוואַטע מיינונג, וואָס דרינגט אַרויס פון אַ פאַלש באַ־גרייפן די יידן־פּראָגע און פון דער פלייסיקייט פון אַ געשוווירענעם אַסימילאַטאָר. אַ טייל אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן האָבן אָבער געהאַלטן, אַז ער האָט אויסגעדריקט די אָפיציעלע ליניע, און ער איז געצוווּנגען געוואָרן צו שרייבן וואָס ער האָט געשריבן, אין קעגנזאַץ צו זיין ווילן און מיינונגען, אָדער נייגונגען.

אָבער שוין אין יענער סטאַדיע איז אין זאַך געווען אויסער יעדן ספק: די יידישע טראַגעדיע אין די מלחמה־יאָרן, דאָס אויפריכטן מדינת ישראל און איר מלחמה, און צום סוף — דאָס עפּענען אונדזער געזאַנדשאַפט אין מאָסקווע, האָבן גורם געווען צו אַ קאָלאָסאַלער אויפרודערונג אין סאָוויעטישן יידנטום. פון די טיפענישן פון דער נשמה זענען אויפגעקומען זכרונות און פאַרבאָרגענע באַגערן און אַ באַהאַלטענער וווּנדער־חלום, וואָס זענען אָפּגעשטופּט און אונטער־דריקט געוואָרן אין משך פון אַ האַלבן יובל יאָרן, נישט נאָר ביי על־טערע מענטשן און זקנים. לויט אַלע ידיעות, שמועות און אָנצוהערע־נישן, האָבן די אַלע זאַכן ממש אָנגעמאַכט אַן איבערקערעניש אין די נשמות פון יונגן דור „אשר לא ידע את יוסף״ — וואָס האָט וועגן יידישקייט גאָרנישט געוווּסט.

די אָפיציעלע שטיצע פונעם ראַטנפאַרבאַנד פאַר ישראל האָט פאַרלייכטערט און צוגעהאָלפן דעם פּראָצעס פון דער גייסטיקער ווידעראויפלעבונג פון רוסישן יידנטום. מיט אונדזער קומען קיין

---

*) דעם פולן נוסח פון אַרטיקל, זע אין אַכטן קאַפּיטל.

מאָסקווע האָבן זיך די אַלע געפילן קאָנצענטרירט ארום דעם „לעבע־
דיקן טרעגער” פון דער וויזיע אין איר פאַרווירקלעכונג און דער־
גאַנגען צו זייער הויכפּונקט. די עצם פיזישע עקזיסטענץ פון אונדזער
געזאַנדשאַפט, אין אירע פאַרשידענע אַנפּלעקונגען, איז געווען א מין
פּערמאַנענטע ציוניסטישע „פּראָוואָקאַציע” אַ רוף און אַן אָנזאָג פאַר
יידן אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד.

אָביעקטיוו גענומען האָט די עקזיסטענץ פון דער ישראל־געזאַנד־
שאַפט אין מאָסקווע אוועקגעשטעלט אויפן טאָג־אָרדענונג דאָס פּראָב־
לעם פון רוסישן יידנטום: צי אויפלעבן די באַציאונגען מיט ישראל,
ווי א דערגאַנצנדיקן און העלפנדיקן פאַקטאָר פאַר דער אויסערן־
פּאָליטיק — דאָס מיינט אויפבינדן די קייטן און אראָפּנעמען דעם
חרם פונעם ציוניזם, אָדער להיפך — זען אין ישראל א פריינטלעכע
מדינה (ווייניקסטנס אין דעם־אָ פּעריאָד) אָבער א פרעמדע פאַר
די יידן פון רוסלאַנד, ווי פאַר אירע אַנדערע איינוווינער, און אויך
אויף ווייטער פאַרווערן דעם קאָנטאַקט „מיטן דרויסן” און אפשר
נאָך מיט מער שאַרפקייט. קיין שום צווישן־לאַגע האָט זיך נישט גע־
קענט צוזאַמענפּאָרן מיטן כאַראַקטער און מהות פון דעם רעזשים,
וועלכער האַלט בכלל, און אין יעדן ענין באַזונדער גענומען, נאָר פון
איין אַבסאָלוטן אמת, אפילו ווען דער „אמת” זאָל זיך אַמאָל ענדערן
פון עק צו עק — ער איז אָבער בשום אופן נישט קיין האַלבער
אמת.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום פאַקטן וואָס זאָלן עדות זאָגן, אז
די סאָוויעטישע מאַכט אָדער דער קאָמינפאָרם פאַרנעמען זיך מיט דעם
פּראָבלעם. פאַר יעדן פאַל איז נאָך געווען פרי אָנצונעמען, אַז עס איז
עפּעס וואָס וועגן דעם באַשלאָסן געוואָרן. דער אונטערשייד וואָס
עס איז געווען אין די דאָזיקע טעג אין דער עליה־פּאָליטיק צווישן
בולגאַריע — וווּ ס׳איז כמעט קיינמאָל נישט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם
און איז גרייט געווען צו עליה מצד אַלע אירע יידישע בירגער —
און רומעניע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר טראַדיציאָנעלן
יידן־האַס און האָט געשטערט דער עליה — האָט עדות געזאָגט, אז
עס איז דערווייל נאָך נישט געווען קיין אַלגעמיינע דעציזיע. דערי־
בער האָבן מיר זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז ערענבורג און זיין אַרטיקל,
איינציקע באַטיצן אין דער „איינציקייט”, די באַנייטע און פאַרשטאַרקטע
רעקלאַמע פאַר דער „יידישער מלוכהשקייט” אין ביראָבידזשאַן
וכדומה — זאָגן אָן וועגן „יעווסעקישע” טענדענצן אין זייער מהות,
צו לענקען דאָס דענקען פון די הערשערס אין דער ריכטונג פון אַ
לייזונג פון אבסאָלוטער פונאַנדערשיידונג צווישן מדינת־ישראל און
צווישן ציוניסטישער אפיקורסות.

ווען איך בין אַלזאָ דעם 27־טן סעפּטעמבער געקומען אין אוי־

סערן־מיניסטעריום אויף אַ געשפּרעך מיט שטשיבאָרינען, באַקולינס פּאַרטרעטער בעת דער לעצטער איז געווען אויף אורלויב, איז דער ציל פון מיין באַזוך געווען אויפצוקלערן די מעגלעכקייט פון אַ קאָנטאַקט מיטן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט (וועלכער האָט ביז דאַן, צו אונדזער פאַרווונדערונג, צו אונדז אינגאַנצן זיך נישט געוואָנדן) און וועגן פאַרבינדונגען מיט ספּאָרט־קלובן. אָבער דער עיקר — אים אַריינגעצויגן אין אַ שמועס וועגן ערענבורגס אַרטיקל. צו אונדזער באַדויערן איז עס אונדז נישט געלונגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שטשיבאָרין האָט ערשט איצט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף זיין אַמט, נאָך דעם ווי ער האָט אייניקע יאָר געאַרבעט אין אויסלאַנד, און לויט זיינע רייד נאָך, איז ער כלל נישט באַהאַוונט אין די ענינים וועלכע זענען איצט פאַר אים געבראַכט געוואָרן און וועט דאַרפן פרעגן ביי העכערע פון זיך. ער האָט זיך פאַרשריבן דעם ענין פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און די פראַגע פון ספּאָרט־פאַרבינדונגען און צוגעזאָגט פון דאָס ביי זיך מיט אונדז פאַרבינדן. אין אַ געוויסער סטאַדיע פון געשפּרעך האָב איך באַרירט ערענבורגס אַרטיקל, אָבער שטשיבאָרין האָט אַביסל געשטאַמלט, אַריבער אויף אַנדערע טעמעס און ס'איז זיך שווער געווען צו באַפרייען פון דעם מאָדנעם איינדרוק, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט בכלל נישט געלייענט דאָס אַרטיקל, וואָס איז באַלד נאָכן דערשיינען געוואָרן די טעמע פאַר געשפּרעכן ביי די מענטשן פון אַלע פרעמדע געזאַנדשאַפטן מיט וועמען ס'איז אונדז אויסגעקומען זיך צו טרעפן. אין האַרבסט 1945 האָט שטשיבאָרין געוויילט עטלעכע טעג אין ירושלים, אויפן וועג פון קאַיר קיין לאָנדאָן. ער האָט אויך געקענט קערשאָוון און פיעדאָרינען, וואָס זענען געוואָרן סאָוויעטישע פאָרשטייערס אין תּל־אָביב. האָט ער זיך געפרייט זיי צו זען פאָטאָגראַפירט אין „דבר השבוע" מיט חברים פון „אהל", וואָס כ'האָב געהאַט ביי זיך.

אין דער דריטער וואָך פון אונדזער וווינען דאָ, דינסטיק, האָט זיך אונדזער גאַנצע סוויטע אַוועקגעלאָזט אין יידישן מלוכה־טעאַטער. מיר זענען געקומען און זיך געזעצט ווי געוויינלעכע צוקוקערס, צווישן עולם. מיר האָבן נישט געזען קיינעם פון די פאָרשטייערס פון טעאַטער, כאָטש זיי האָבן נישט געקאָנט נישט וויסן וועגן אונדזער אַנוועזנהייט. בעת דער הפסקה האָט זיך געפילט אַ באַוועגונג צווישן עולם וואָס האָט נישט געוווּסט אויף זיכער ווער מיר זענען און געוואָלט טרעפן. נאָר אין פאָיע האָט עמעץ סוף־כל־סוף אויפגעדעקט דעם סוד, און גלייך האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדונגען און פראַגעס פון איינצלנע וואָס האָבן אויסגעדריקט פרייד און גליק. די הפסקה איז געווען אַ קורצע און מיר האָבן זיך צוריק אומגעקערט צו אונדזערע ערטער. דערווייל האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט און

נאָכן ענדיקן די פאָרשטעלונג, בעת מיר זענען נאָר ארויס צום גאר־דעראָב, האָבן מיר זיך שוין געפונען געפאַנגען פון עולם, וואָס האָט זיך געקאָכט ווי אין א בינשטאָק. צו אונדזער גליק האָבן זיך אלע אויפגעפירט מיט גרויס צוריקגעהאלטנקייט און זיך אָפּגעהאלטן פון וועלכן ס׳איז דעמאָנסטראַטיוון אויסדרוק. מיר זענען פארפלייצט געוואָרן מיט פראַגן, אויסדרוקן פון אַנטציקונג פאַרן לאַנד, פאַר דער געזאנדשאפט, וועגן דער מלחמה, וועגן דער העברעאישער שפראך און באָך, דאָ און דאָרט האָבן זיך אָפּגעפונען מענטשן וואָס האָבן געהאט קרובים אין לאנד.

מיר האָבן געפילט אז היינט איז פאר זיי א גרויסער יום־טוב, און זיי האָבן דאָס אונדז אויך געזאָגט, ווער אָפּן אויפן קול און ווער — פליסטערנדיק: „איר ווייסט גאָרנישט וויפל גליק און יידישן שטאָלץ איר האָט אונדז געבראַכט״. „למען השם, נעמט אויך אונדז אין לאַנד אריין, פארלאָזט אונדז נישט״. גאָלדע איז בלייך געוואָרן, ווען זי האָט דערהערט פון א יונגן מענטש וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון איר און זיך געווענדעט צו אן עלטערער פרוי אין עברית, אין דער ספרדישער אויסשפראַך: „מאַמע, דאָס איז זי״ — געזאָגט, און גלייך זענען ביידע פארשוווּנדן אינעם צונויפגעדרעגנטן עולם. מיר זענען געווען געפּלעפּט, שיכור און נישט פון וויין, און מיט גרויסע שוועריקייטן איז אונדז געלונגען צו באקומען אונדזערע מאנטלען פון דער גארדעראָבע.

אז מיר זענען ארויס פון דעם טעאטער־בנין צו „אונדזערע״ אויטאָס, האָבן מיר געפונען אז דאָס גאַנצע גרויסע פּובליקום שטייט אין דרויסן און וואַרט אונדז אָפּ אין געשפּאַנטער שטילקייט. געשטאַנען, און נישט אראָפּגעלאָזט די אויגן פון יעדער באוועגונג אונדזערער, זיך אָנגעשטרענגט צו הערן די העברעאישע ווערטער וואָס אונדזערע מענטשן האָבן ארויסגערעדט צווישן זיך. און אזוי האָבן אונדזערע מאַשינען לאנגזאם געריַרט און זיך דורכגעשניטן א וועג צווישן צוויי שורות אויפגעברויזטע און שווייגנדיקע ברידער, וואָס זענען ביס־לעכווייז פארשווּונדן פון אונדזערע אויגן אין דער פינצטערניש פון דער נאכט.

למען האמת זאָל אויך פארצייכנט ווערן אז אונדזער חבר לבבי האָט דערציילט, אז ער האָט געהערט אויך א קורץ באקלאָגן זיך פון איינעם צווישן עולם: „אָט זענען זיי געקומען און דרייען זיך ארום דאָ אין אונדזערע מאשינעס״ — ער איז אָבער באלד אנטשוויגן געוואָרן און מער גאָרנישט צוגעגעבן.

א לאנגע צייט נאָך אונדזער צוריקקומען אין האָטעל האָבן מיר זיך נישט געקענט בארויקן פון גרויס גליקזעליקייט, פרייד און צערוּ־דערונג — און אומענדלעכן טרויער.

באלערנדיקע פרטים, וועלכע מיר האָבן געקאָנט זיך מערקן בעת דער פאָרשטעלונג:

צווישן זיך האָט דאָס פובליקום גערעדט רוסיש. אויך די שפּ־טשענדיקע רעאַגירונגען אויף דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער בינע, זענען געווען אין רוסיש. אויך די דינערשאַפט, די אָרדנערס, די געדרוקטע פּראָגראַמקעס, די בילעטן, פּלאַקאַטן — דאָס אַלץ איז געווען בלויז אין רוסיש.

די פאָרשטעלונג אַליין — „פרייליעכס״ פון ז. שניייער — איז געווען אַ פאָלקלאָריסטיש־פאָטאָגראַפיש בילד פון אַ יידישער חתונה אין אַ יידיש שטעטל פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט דער טענדענץ אויפצוּוועקן דעם גלויבן, אַז אויך דאָ, און נאָך דער גרויסער שחיטה, איז נאָך מעגלעך אַ גוט לעבן פאַר יידן. די פאָרם פון דער אויפפירונג: אַ מין פּראַכטפולע רעוויו־בופאַנאַדע מיט וויציקע גראַמען און יידישע פאָלקסלידער מיט פאָלקס־טענץ (ס'האָבן נישט געפעלט קיין קאָסטיומען אויך אין ווייס־בלויע פאַרבן, און צוויי העברעאישע אויפשריפטן אויף דער ‚עקאָראַציע „קול חתן״ און „קול כלה״). דאָס ספּעקטאַקל האָט נישט אויסגעזען צו זיין פון די סאַמע געהויבנסטע, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס מ'האָט דעמאָלט דערציילט וועגן אַנדערע פאָרשטעלונגען פון אָט דעם אויס־געצייכנטן טעאַטער, ווי „די מכשפה״, „צוויי הונדערט טויזנט״, „מסעות בנימין השלישי״, אויך נישט אין פאַרגלייך מיט אונדזערע טעאַטערס „הבימה״, „אוהל״ און „קאַמערי״.

דעם 26־סטן סעפּטעמבער האָט דער צווייטער סעקרעטאַר פון אונדזער געזאַנדשאַפט, מר א. לפיד, באַזוכט דעם רב שליפער. ער האָט אים איבערגעגעבן אַ מתנה — זעקס אתרוגים פון ארץ־ישראל — און דערביי באַרירט די פראַגע פון איבערגעבן די ספר־תורה וועלכע מיר האָבן געבראַכט מיט זיך, ווי אַ מתנה פון דער גרויסער שול אין תל־אביב.

די אתרוגים זענען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד און דער רב מיט זיין סעקרעטאַר האָבן זיי באַטאַפּט מיט גרויס התפעלות. לויט ווי דער רב האָט דערציילט פלעגן אָנקומען אתרוגים פון קאַוו־קאַז, אָבער דאָס יאָר איז געווען אַ מורא, אַז צוליב די פרעסט וואָס עס זענען געווען אין יענער געגנט, וועלן זיי נישט אָנקומען.

אַמאָל פלעגן פיל יידן באַקומען אתרוגים פון ארץ־ישראל. ביי דער געלעגנהייט האָט דער רב אונטערגעשטראָכן, אַז שוין ביי אַ דריי חדשים ווי עס קומען נישט אָן קיין רוסלאַנד קיין פּאָסט־פּאַקעטן פון לאַנד, ווי זיי פלעגן קומען פריער.

דאָס איבערגעבן די ספר־תורה האָט די יידישע קהילה געוואָלט אָפּצייכענען דורך אַ גרויסער רעליגיעזער פייערונג. דאָס איז געווען

אן אַנגענומענע זאַך, און אויב יעדע איינפירונג פון א ספר־תורה איז תמיד א געשעעניש, איז דאָך דאָס איינפירן א ספר־תורה פון ארץ־ישראל וואָס איז געבראַנגט געוואָרן דורך אונדזער געזאַנדטן — אוודאי און אוודאי. איז דאַן נאָך נישט באַשטימט געוואָרן דער גענויער טערמין פון דער צערעמאָניע, ס׳האָט אָבער אויסגעזען, אז זיי ווילן דאָס דורכפירן סוף סוכות.

דאָס געשפּרעך אין ביורא פון רב איז ווידער געפירט געוואָרן אין עברית, נישט באַניצנדיק זיך מיט אנדערע שפּראַכן. ביי דער געלעגנהייט האָט דער סעקרעטאר זיך נאָכגעפרעגט אויף א. א. קאַבאַק ז״ל, דערביי זענען דערמאָנט געוואָרן די נעמען פון דער משפחה טשערנאָוויץ און פון יוסף רוכל (אבידר); דער סעקרעטאַר דאַווידאָוו (בן־דויד) האָט געזאָגט אַז ער איז זייגער א קרוב און א יוגנט־פריינד. ער האָט זייער געוואָלט וויסן וועגן יוסף אבידרס ראָל אין מיליטער. אין ביורא איז געהאָנגען אַ בילד פון דער כותל המערבי.

נאָך דעם ווי ס׳איז ארומגערעדט געוואָרן וועגן אָנטייל פון די געזאַנדשאַפט ־ מענטשן אינעם דאַוונען אין די יום טוב טעג, האָט דער שמועס באַרירט די מיליטערישע געשעענישן אין לאַנד. דאָס געזעגענען זיך איז לויט ווי לפיד גיט איבער געווען זייער האַרציק.

ווי עס זאָל נישט אויסזען מאָדנע, זענען מיר אלע גאָר גיך אריין אין אַ שנעלן טעמפּאָ פון אַרבעט: וויזיטן אין אויסערן־מיניסטעריום, אין די געזאַנדשאַפטן, רעוואַנזש־באַזוכן ביי אונדז, באַזוכן פון אונדזערע אַטאַשעס אין די זיי אָנגעהעריקע אינסטיטוציעס, אַן אָנהייב פון בריוו ־ אויסטויש מיטן לאַנד, די ערשטע טעלעפאָן־געשפּרעכן מיט אויסלאַנד (מיט ניו־יאָרק, בוקארעשט, פּראָג און מיט מ. שערטאָק אין פּאַריז), אַריין־און־אַרויסגייענדיקע טעלעגראַמעס און די גאַנצע מי וואָס איז פארבונדן מיטן דעשיפרירן זיי, דאָס איינאָרדענען ס׳הויז וואָס איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן, באַזוכן פון יידן ביי אונדז אין האָטעל, ווירטשאַפט און בוכהאַלטעריע, לייענען די אַרטיקלען פּרעסע, פארצייכענען די געשפּרעכן און די צוזאַמענטרעפענישן און גאָר נישט ווייניק דרוק־ארבעטן, באַזונדער אין עברית. בדרך כלל זענען דאָס געווען פולע ארבעט־טעג.

אַ באַזונדערע באַפרידיקונג האָבן מיר געהאַט אין די צוויי טעג ערב ראש השנה:

א. עס זענען אָנגעקומען באַגריסונג־בריוו פון בן־גוריונען און רמזן אין שייכות מיטן עפענען א דירעקטע ראַדיא־טעלעפאָנישע פאַרבינדונג מיט מאָסקווע; ב. דער דירעקטאָר פון „כלי־עבעקספּאָרט״ האָט געמאָלדן דעם הער בעזשעראַנאָ, אַז עס איז באַשלאָסן געוואָרן פארקויפן צו ישראל ווייץ און גערשטן אין די קוואַנטומס וועלכע מיר האָבן געוואָלט פאר שטערלינגס (אַ גרויסער איינשפּאָר אין פּרייז!)

און זיי זענען אויך גרייט אָפּצודינגען פאַר אונדזערט וועגן אַ שיף אין אויסלאַנד. ג. דעם הער ראַטנער האָט מען טעלעפאָנירט, אַז ער איז איינגעלאַדן אויף אַ געשפּרעך מיט אַ גאָר הויכגעשטעלטער פּערזענלעכקייט אין אַלפאַרבאַנדישן גענעראַל־שטאַב — אַ פאַל וואָס איז בישט אַזוי שטאַרק פּראַקטיצירט געוואָרן לגבי מיליטערישע אַטאַשעס פון אַנדערע גענאַנדשאַפטן. ד. און צום סוף — ס׳זענען צו אונדז אָנגעקומען אָפיציעלע שריפטלעכע בקשות פון אויסערן־מיניסטעריום, ארויסצוגעבן די ערשטע עליה־וויזעס קיין ישראל, פאַר פיר יידן סאָוויעטישע בירגער. דאָס מיניסטעריום האָט מאָטיווירט זיין בקשה דערמיט וואָס די מענטשן פאָרן צו זייערע קרובים, וואָס ווינען אין לאַנד. די פיר פּאַספּאָרטן וועלכע זענען בייגעלייגט געווען, זענען געווען פאַרזען מיט סטעמפּלען פון אויסערן־מיניסטעריום, וואָס באַשטעטיקן זייער רעכט אויף ארויסצופאָרן. צוזאַמען דערמיט האָבן מיר געלייגט אכט אויף פאָלגנדיקע פאַקטן: אַז די דערלויבענישן זענען געווען דאַטירט נאָך פון פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה; אַז איינער פון די פיר עולים, אַ 45 יאָריקער, וואָס האָט זיך אָנגעשטרענגט און געפאָרן צו אונדז אַ וואָך צייט פון פערגאַנע וואָס אין מיטל־אַזיע, איז אַן אינוואַליד, וועמען עס פעלט דער לינקער פוס; צוויי זענען געווען געבוירענע אין ליטע — אַ פרוי פון 61 יאָר און דער מאַן אירער 65 יאָר אַלט; די פערטע איז געווען אַ 70 יאָריקע פרוי געבוירן אין דייטשלאַנד.

אָבער די סאַמע רירנדיקסטע איבערלעבונג האָבן מיר געהאַט דעם ערשטן טאָג ראש השנה, בעת מיר זענען אַלע געגאַנגען אין שול אריין. מיר האָבן, פאַרשטענדלעך, דערוואַרט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט — אָבער דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען איז געווען אַ סך מער ווי דאָס וואָס מיר האָבן זיך געקאָנט פאָרשטעלן. אַז מיר זענען אָנגעקומען צו דער גאַס וווּ עס געפינט זיך די שול, האָבן מיר דאָרט געפונען (אַ גאַס, וואָס איר לענג איז ווי דער מהלך פון מוגראַבי־פּלאַץ ביז דער ברענער אָדער באַלפור־גאַס אין תל־אביב) טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן באַלאַגערט די אריינגאַנג. ווי נאָר זיי האָבן אונדז באַמערקט, זענען אויסגעבראָכן שטורמישע בראַוואָ־פּאַטשערייען און אויסרופן (אין עברית) „שלום" און „הידד", וואָס האָבן זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. מיט געוואַלדיק גרויסע שוועריקייטן איז באַפרייט געוואָרן אַ שמאָלער שטעג צווישן די געדיכט שטייענדיקע מאַסן און מיר זענען קוים דורכגעגאַנגען דעם וועג ביז צום טויער פון בית הכנסת. אין שול גופא, וואָס איז געווען פול ווי אַן אייג מיט מתפללים פון פאַרשיידענעם עלטער, צווישן זיי אויך יונגעלייט (20—30 יעריקע), האָבן מיר ווידער דערפילט, ווי בעתן פריערדיקן ערשטן באַזוך, די שטומע, נאָענטע, וואַרעמע ביי דאַוונען באַריר...

טויזנטער אויגן, וואָס האָבן געברענט מיטן פייער פון טיפער יידישער עמאָציע און גרויסער ברידער־ליבע, אויגן וואָס האָבן גאַנצע פיר שעה נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף אונדז. ווידער זענען אונדזערע חברים אויפגערופן געוואָרן צו דער תורה און ווידער האָט מען מיך אויפגערופן צו מפטיר און געלייענט די הפטורה. מיר האָבן באַמערקט, אז די צוויי טאָוולען מיט די אויפשריפטן („עם ישראל חי״ און לכבוד דאָס עטאַבלירן די מדינה) וועלכע מיר האָבן דאָ געפונען ביי יענעם ערשטן באַזוך, זענען מער נישטאָ. מיר האָבן נישט געפרעגט וועגן דער סיבה. מעגלעך אז זיי זענען דאַן אויפגעהאָנגען געוואָרן ספּעציעל לכבוד אונדזער ערשטן באזוך. מיר האָבן געזען אויף דער בימה דריי שיינע מאַרמאָר ־ פּלאַטן לזכר דעם נדבן פּאָליאַקאָוו (גרינדער פון דער קהילה און בויער פונעם בית הכנסת), לזכר הרב מינור און הרב מזא״ה. אַלע זענען געווען געשריבן אין עברית און זייער אינהאלט — ליבּ און אָפּשאַץ־ווערטער פאר דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט פון די דריי פארשטאָרבענע.

נאָכן דאַווענען איז גאָלדע געווען צווישן די ערשטע וואָס זענען ארויס אויפן גאַס און ביז מיר האָבן אַלע באַוויזן צו פארלאָזן די שול איז זי שוין געווען אַרומגערינגלט פון דעם ריזיקן עולם, וואָס האָט געשטורעמט און גערוישט מיט אויסרופן „הידד״, „שלום״, „בשנה הבאה בירושלים״ און אנדערע ליבשאפט ־ ווערטער. אונדזער גרופּע איז זיך צעפאלן אויף גרופּקעלעך וואָס זענען ארומגענומען געוואָרן דורך מאסן מענטשן, וועלכע זענען ארויס פון די כלים און ממש נישט געוווסט ווי אזוי אויסצודריקן זייער ליבשאַפט צו אונדז, און זייער שטאָלץ וואָס מיר זענען מיט זיי. די גאַס איז געווען געפּאַקט מיט אָנצאָליקע מענטשן, טויזנטער, צענער־טויזנטער, האָבן זיי זיך צום סוף צוזאַמענגענומען אין א ריזיקער דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער נאָענטער הויפּט־גאַס „קיטאַיסקי פּראָיעזד״ — ד. ה. „דער כינעזישער דורכפאָר״. די באַגייסטערונג פונעם המון איז שווער געווען צו באשרייבן. אייניקע לאַסט־אויטאָס וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער גאס האָבן יידישע בחורים און מיידלעך פארכאפּט, זענען ארויף אויף זיי, פון דאָרטן גערופן אויסרופן און געפּאטשט מיט די הענט, און אזוי האָט מען אויך געטאָן פון אַלע פענצטערס און באַלקאָנען. אין דער דאָזיקער מהומה זענען מיטגעריסן געוואָרן אויך נישט־יידישע פארבייגייערס און אָנטייל גענומען אין דער שמחה. ווי צו פארגרעסערן די „נקמה אין די גויים״, האָבן זיך צו דעם אַלעם געמוזט צוקוקן אויך דייטשישע געפאנגענע, וואָס האָבן געארבעט ביי גראָב־ארבעט נישט ווייט פון אָט דער גאַס. נישט איינמאָל איז גאָלדע געווען צונויפגעדריקט און צונויפגעדרענגט מיט מאַסן ביז סכנות נפשות, נישט געקוקט דערויף וואָס אַ גרופּע יוגנטלעכע, אין דער אָנפירונג פון א מיידל, האָט איר ארומגענומען ווי

מיט א שוץ־קאָרדאָן און זי אזוי באגלייט דעם גאנצן וועג. ערשט ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער הויפּט־גאַס, ווו די באוועגונג פון די טראַמווייען איז דערווייל געשטערט געוואָרן, איז אונדז געלונגען, ממש ווי דורך א נס, זיך אַרויסצובאַקומען פון די רייען. די בחורים־באַגלייטערס האָבן געכאַפּט אַ טעקסי, וועלכע איז גראָד פאַרביי־געפאָרן, שנעל אין איר אריינגעזעצט גאָלדען און נאָך אייניקע פון אונדזער געזאנדשאפט און דער שאָפער — אַ ייד — האָט גיך פאַרלאָזן דאָס אָרט. אַ ייד פון אַ יאָר 45, אַ סאַראַטאָווער, האָט אונדז געזאָגט: „דאָס איז אַן ענטפער ערענבורגן פון די מאָסקווער יידן״!

פאַר יעדן פאַל איז כדאי אונטערצושטרייכן, אז דאָס איז געווען די ערשטע ספּאָנטאַנע מאַסן־דעמאָנסטראַציע זייט א סך יאָרן, אַן אומגעריכטע און דערשטוינענדיקע אין סאָוויעטישן שטייגער בכלל.

אין די צוויי טעג ראש־השנה איז דאָס ערשטע מאָל אויפגעהאָנגען געוואָרן די ישראל־פאָן אויפן טויער פון „מעטראָפּאָל״.

יום־כיפּור צו כל־נדרי און מאָרגן זענען מיר ווידער געגאנגען, די גאנצע גרופּע אונדזערע, אין שול אריין. כדי אויסצומיידן דעמאָנס־טראַטיווע מעשים פון עולם ערב יום־כיפּור זענען מיר אָנגעקומען לויט אַ געהיימער איינאָרדענונג. מיט דער הילף פון אַ מיליציאָנער־וואַך זענען מיר אריינגעפירט געוואָרן אינעם הויף פון בית הכנסת און פון דאָרט — דורך א זייטיקער טיר אריין אינעווייניק. כדי צו דער־מעגלעכן די פרויען ארויפצוגיין צו זייערע לאָזשעס, האָבן זיי געמוזט דורכגיין דורך דער גאנצער לענג פון דער מענער־שול. אַ פּאָליציי־אָפיציר און עטלעכע מיליציאָנערן האָבן זיך דערמיט פאַרנומען מיט העפלעכקייט און געמאכט א דורכגאנג אין מיטן זאל, וועלכער איז געווען איבערפולט.

דער גאנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט און אין אומגעוויינ־לעכער געשפּאַנטקייט נאָכגעפאָלגט נאָך יעדן ריר פון אונדזער סוויטע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטורמישע פּרוּוון פון אַפּלאָדיסמענטן און פון אויסרופן „ברוכים הבאים״ און „לשנה הבאה בירושלים״ א. אַ. וואָס האָבן זיך אָבער נישט פאַרוואַנדלט אין אַן אלגעמיינער דעמאָנס־טראַציע, אדאנק די תחנונים אין יידיש און אין רוסיש פון גבאי און די שמשים, וואָס האָבן געבעטן צו געדענקען, אז דאָ איז א מקום קדוש און אז היינט איז א הייליקער טאָג. אונדזערע חברים האָט מען מכבד געווען מיטן ארויסנעמען די ספר־תורהס פונעם ארון קודש און זיי האלטן בעתן זאָגן „כל נדרי״.

אז עס האָט זיך פאַרענדיקט דאָס דאווענען, האָבן מיר באשלאָסן זיך צו פאַרהאַלטן און איבערוואַרטן ביז דער עולם וועט זיך צעגיין, ווייל צום אַרויסגיין האָבן אונדזערע פרויען ווידער געדאַרפט דורכגיין די לענג פון שול, כדי צו קומען צום הויף. דאָס מאָל אָבער האָבן

נישט געהאַלפן די ביטעס פון די אָנפירערס פון בית הכנסת. און קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן א לאַנגע צייט און בלית ברירה האָט דער זעלבער אָפיציר און זיינע געהילפן געמוזט טון דאָס זעלבע וואָס פריער: אראָפּגעפירט גאָלדען און די אי־בעריקע פון די טרעפּ, ווידער זיי דורכגעפירט דורכן גאַנצן זאַל, בעת זיי ווערן באַגלייט מיט ברכות פון גאַנצן עולם — מענער, פרויען און יונגוואַרג, וואָס האָבן זיך געפונען אין פולשטענדיקן צעפלאַמטן עק־סטאַז. כדי אויסצומיידן דעם גרויסן עולם, וואָס האָט אונדז אָפּגע־וואַרט אין דרויסן, וויסנדיק, אַז יום־כיפור ביינאַכט וועלן מיר זיך זיכער אומקערן צופוס, האָבן אונדז די מיליציאָנערן אַרויסגעפירט דורך א קאָרידאָר פון א פריוואַט־הויז, וועמענס אריינגאַנג־טיר פירט צו דער עק גאַס. צום סוף האָט דאָס פּאַרטל אויך נישט געהאָלפן. מען האָט זיך דערוווּסט דעם סוד און אַ מאַסע פון עטלעכע הונדערט מענ־טשן האָט אונדז באַגלייט, אין דער שפּעטער נאַכט־שעה, צו דער שטוינונג פון די פאַרבייגייערס און זענען מיטגעגאַנגען ביז צום האָטעל, נישט האַרכנדיק די מיליציאָנערן, וואָס האָבן פון זיי געפּאָ־דערט זיך צוצעגיין. אין צענטער שטאָט, נעבן האָטעל „מעטראָפּאָל" גופא, — „מאַלי טעאַטער", „באָלשאָי טעאַטער", רעכטס — דאָס הויז פון מיניסטאָרן־ראַט און לינקס — דער לעניך־מאַוזאָליי און דער קרע־מל, — זענען זיי געשטאַנען און זיך נישט גערירט א לאַנגע צייט, צוגע־שמידט צו דער ריזיקער גלעזערנער טיר, ווי פאַרכישופטע. אַ פּאָליציי־וואַך האָט אונדז באַגלייט דעם גאַנצן וועג פון שול ביזן האָטעל און געהיט, עס זאָל אונדז נישט, חלילה, געשען קיין שום שלעכטס...

אויף מאָרגן איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די פּאָליציי־וואַך און זי האָט איינגעשטעלט א מוסטערהאַפטע אָרדענונג. די שמאָלע און לאַנגע גאַס פון בית הכנסת איז געווען פול פון עק ביז עק פון טויזנטער מענטשן, אַזוי ווי ראש השנה, אָבער ווי נאָר מיר האָבן זיך באַוויזן — מיר זענען געגאַנגען צופוס, פאַרשטייט זיך — האָט זיך דער עולם, ווי דורך א צויבער־שטעקעלע, זיך צעטיילט אין צווייען, עס האָט זיך געשאַפן א שמאָלער שטעג, און מיר זענען אַלע דורכגעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן, באַגלייט מיט יראת הכבוד און מיט ברכות פון די יידן, וואָס אין ביידע זייטן, ביז צום הויפּט־אריינגאַנג פון שול.

בשעת מזכיר נשמות־זיין, האָט נאָך דער אזכרה „פאַר די מיליאָ־נען יידן, קרבנות פון פאַשיזם", דער כאָר געמאַכט א באַזונדערע אזכרה פאַר די געפאַלענע ישראל־זעלנער. איר נוסח איז פון פריער אויסגע־שטעלט געוואָרן דורכן רב באַראַטנדיק זיך מיט מיר: „אין הייליקן אָנדענק פון די העלדישע קעמפער פון ישראל־מיליטער, וואָס זענען געפאַלן פאַר דער פרייהייט פון פאָלק און פון לאַנד". מיט שטיל־

שווייגעניש און אויפציטערניש, אויפגערודערט און אויפגעטרייסלט, האָט דער עולם מיט טרערן אין די אויגן זיך צוגעקוקט צום סאַלוטירן פון בריגאַדיר ראַטנער, אונדזער מיליטער־אַטאַשע, אָן אָנגעטועגער אין מונדיר.

נאָך „נעילה״ זענען אַ סך אַ סך צו אונדז צוגעקומען אונדז וויג־טשעווען מיט דריקן די הענט. עס זענען אויך פאַרלאָפן קורצע גע־שפּרעכן, זיך נאָכגעפרעגט אויף קרובים און נאָך — איינער האָט דערציילט, אַז עס איז שוין נישטאָ צו קריגן דעם נומער „אָגאָניאָק״, אין וועלכן עס איז געווען אָפּגעדרוקט אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם צע־רעמאָניאַל אין קרעמל, ווייל די יידן האָבן אים מאַסנווייז אויסגע־כאַפּט. אויף אַן אומלעגאַלן אופן ווערן פאַרקויפט פון האַנט צו האַנט פאָטאָ־בילדער פון גאָלדען, בעת דער גאַסן־דעמאָנסטראַציע ראש השנה. צוויי פון זיי זענען דערגאַנגען צו אונדז און זענען אָפּגעשיקט גע־וואָרן קיין תל־אביב. איינער, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו דער בימה און האָט פון מיר נישט אראָפּגענומען קיין אויג, האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן ווי מיינער אַ שטעטלשער און מיינער אַ יוגנט־חבר, — נתן זאַסלאַווסקי. מיר האָבן זיך צעשיידט אין עלטער פון 12־13 יאָר און פון דעמאָלט זיך מער נישט געטראָפן. ציטערנדיק אײנגאַנצן און ווייס ווי קאַלך, האָט ער געפרעגט, צי און ווען מ׳קען קומען אין דער געזאַנדשאַפט. ער האָט צוגעזאָגט צו קומען מאָרגן. ער האָט אָבער נישט געהאַלטן וואָרט.

עפּעס ענלעכס צו דעם האָט פּאַסירט אין עטלעכע טעג אַרום מיט טשובראַצקין, וואָס איז געווען, לויט ווי ער דערציילט, פאָרזיצער פון קאָמיטעט פון רוסישע יידן און פּרעזעס פון דער יידישער קהילה אין מאָסקווע. ער האָט טעלעפאָנירט און געבעטן זיך טרעפן מיט מיר. העכער אַ שעה האָט ער געווײלט ביי מיר און דערציילט, אַז אין צייט פון דער מלחמה האָט ער אין טאַשקענט און אין קויבישעוו געטאָן הילף־אַרבעט פאַר פּליטים, געזוכט קרובים, געשטאַנען אין שריפט־לעכער פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער יידישער וועלט, געשטיצט פּער־זענלעך מיט געלט און מיט אַנדערע מיטלען דעם רב מ. נוראָק ז״ל פון לעטלאַנד (אַ חבר אין ציוניסטישן אַקציאָנס ־ קאָמיטעט און שפּעטער אויך דעפּוטאַט אין כנסת) בעת ער האָט אין מאָסקווע זיך געפונען אין נויט. לויט זיינע רייד, איז זיין אינסטיטוציע ליקווידירט געוואָרן נאָך דער מלחמה און זיין גרויסער אַרכיוו איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם סאָוויעטישן רויטן קרייץ. דאַן איז אויך ליקווידירט געוואָרן די לאַנד־ראַם פאַר דער רעפּרעזענטאַנץ אין פ. ס. ס. ר. און עס זענען בלויז דאָ און דאָרט געבליבן באַזונדערע אָרטיקע רעליגיעזע קהילות. ער האָט אונדז זייער צוגערעדט, אַז מיר זאָלן מסכים זיין צו

קומען צו אים אהיים אויף א נאכטמאָל. מיר האָבן אים צוגעזאָגט צו געבן מאָרגן תשובה און מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אז ער וועט צו אונדז טעלעפאָנירן. מיר האָבן טאקע באשלאָסן אָנצונעמען זיין איינלאדונג. ס׳זענען אָבער פארביי וואָכן און חדשים און ער האָט זיך מער נישט געווענדעט.

אויך אַן אנדערער, גאָלדעס א קרוב, וואָס איז געקומען פון פינסק קיין מאָסקווע זיך צו זען מיט איר, האָט געוויילט דאָ עטלעכע שעה און צוגעזאָגט צו באשטעטיקן דורך א בריוו זיין צוריקקומען אהיים — און מיר האָבן פון אים שוין מער נישט געהערט.

די טשעכן האָבן איינגעאָרדנט אַ גרויסן באַל לכבוד דרייסיק יאָר פון זייער אומאָפּהענגיקייט. עס זענען געקומען ביי א טויזנט מענטשן. פון אונדז האָבן זיך באטייליקט גאָלדע, בעזשעראַנאָ, לבבי און ראַט־נער מיט זייערע פרויען. אויסער דעם דיפּלאָמאטישן קאָרפּוס און די פרויען פון אויסערן־מיניסטעריום, זענען געווען נאָך א סך רוסן — מיליטער־לייט, שרייבערס, עסקנים, קינסטלערס. אויך מאָלאָטאָוו האָט דאָרט געוויילט א קורצע צייט.

פאַרקער, אַן ענגלישער קאָרעספּאָנדענט, וואָס שטייט נאָענט צו קאָמוניזם, פון דער „טעלפּרעס״־אגענטור, וואָס האָט אמאָל איין א שמועס מיט גאָלדען געהערט קריטישע באמערקונגען אויף ערענבורגס אַרטיקל, האָט פאַרגעלייגט זי צונויפצופירן מיט ערענבורגן. גאָלדע האָט מיט פאַרגעניגן מסכים געווען און אָט דאָ, אויפן טשעכישן באַל, האָט פאַרקער געהאָט די געלעגנהייט דאָס דורכצופירן. האָט ער אים טאַקע פאָרגעשטעלט פאר גאָלדען און לבבין (פאַרקער האָט פון פאָר־אויס געמאָלדן, אַז ערענבורג וועט נישט באַרירן קיין פּאָליטישע פראַגן). ער — פון מיטעלן וווקס, ברייט, דיק, אַ טונקל אָנגעדראָלטן פנים, אַ גלייכגילטיקער בליק, פארטראכט, שווער און מגושמדיק, גאָר נישט קיין גייסטיק געשטאַלט — איז מיט א קורצער צייט צוריק באערט געוואָרן מיטן סטאַלין־פּרייז, דאָס באטייט — אַ סומע פון הונדערט טויזנט רובל, פאַר זיין בוך „דער שטורעם״.

ערענבורג איז געווען בגילופין, און ווי נאָר ער איז פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַר גאָלדען, נאָך איידער זי האָט ארויסגערעדט א וואָרט, איז ער ארויס מיט אַ לאַנגער אגרעסיווער רעדע קעגן דער ענגלישער שפּראַך און קעגן די וואָס רעדן ענגליש; יידן, האָט ער געזאָגט, טאָרן אוודאי נישט רעדן קיין ענגליש. גאָלדע האָט זיך אָנגערופן, אז מען קען רעדן יידיש. האָט ער געענטפערט, אז צו זיין באדויערן קאָן ער נישט קיין יידיש. הגם אויך יידיש איז נישט מער ווי האַלב־דייטש און דייטש פאַרטראָגט ער נישט פון לאנג, כאָטש ער האָט ליב היינען

(און אויך שעקספּירן). ער האָט געהערט, אַז אונדזער רעגירונג באַנוצט זיך מיט ענגליש. דאָס איז אים תיכּף אָפּגעלייקנט געוואָרן און גאָלדע האָט אים פֿאַרגעלייגט צו באַזוכן אונדזער לאַנד, אָבער אומזיסט גערעדט. פּאַרקער און העברי שאַפּיראָ פֿון יו. פּי., וואָס זענען דערביי געשטאַנען האָבן געפּרוווט „פֿאַרמיטלען" און שאַפֿן אַ וועלכן עס איז קאָנטאַקט פֿאַר אַ שמועס, עס איז זיי אָבער נישט געלונגען, און נאָך אַ צען מינוט שרייענדיקע רייד וועגן דער פּראַגע ענגליש, האָט זיך ערענבורג אָפּגעטראָגן. אויף אונדזער גרופּע האָט ער געמאַכט אַ שווערן איינדרוק, פֿון איינעם וואָס מיידט אויס בכּוונה צו רעדן אויף יידישע טעמעס — וואָס איז געווען באַזונדער בולט דערמיט וואָס ער איז געווען שיכּור (גאָלדע און איך האָבן אים אין אַ וואָך אַרום געזען אויף אַ דערעפֿענונג פֿון אַ פּוילישער אויסשטעלונג, אָבער פּאַקטיש האָבן מיר זיך דאָרטן נישט צונויפֿגעטראָפֿן).

דעם זעלבן אָוונט זענען צו אונדזערע מענטשן צוגעקומען פֿיר אַנדערע קינסטלערס: דאָנסקאָי, קאָפּאַלין, קריטשעווסקי און מיכאַלקאָוו.

דאָנסקאָי — אַ ייִד, אַ באַרימטער פֿילם־רעזשיסער, אויך ער אַ „לאַורעאַט", און נישט איין מאָל נאָר אַ דריי־פּאַכער, וואָרום ער האָט דריי מאָל באַקומען גרויסע געלט־פּרעמיעס פֿאַרן אויפֿפֿירן וואַנדאַ וואַסילעווסקיס „רעגנבויגן" און „די דאָרפֿישע לערערין" און נאָך אַ פֿילם. ער האָט גלייך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפֿטיקן האַרציקן שמועס אין ייִדיש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער קאָן ראָווינאַן און מעס־קינען, און האָט זיך באַגייסטערט פֿונעם געדאַנק צו רעזשיסירן אַ ישׂראל־פֿילם אין אַ לאַנד וואָס איז אַזוי רייך אין רייצנדיקע קינאָ־עלעמענטן: אויסטריקענען זומפּן, באַהערשן וויסטעניש, ישובֿים פֿון „מויער און טורעם", דער קאַמף קעגן די ענגלענדער, די מלחמה מיט די אַראַבער — ממש אַ שפֿע! ער איז גרייט אַרויסצופֿאָרן אין לאַנד אויף אַ יאָר און צוגרייטן אַזאַ פֿילם, אָבער... אין די ענינים דאַרף מען זיך ווענדן צום אויסערן־מיניסטעריום. דאָנסקאָי איז געווען זייער געריכט פֿון דער באַגעגעניש, און פֿולן קעגנזאַץ צו ערענבורגן האָט ער אויך געבראַכט זיינע באַקאַנטע און זיי דערמוטיקט צו שמועסן. ער האָט אויך פֿאָרגעשטעלט זיין פֿרוי, נישט קיין ייִדישע, און דערציילט, אַז די אַ „שיקסע" האָט זיך ביי אים אויסגעלערנט רעדן נישט קיין שלעכטן ייִדיש.

קאָפּאַלין —אַ נישט־ייִד, רעזשיסער פֿון דאָקומענטאַלע פֿילמען, וואָס האָט רעזשיסירט פֿילמען אין טשעכיע און אין אַלבאַניע און באַקומען דאָרט אויסצייכענונגען — אויך ער איז אַ „פּרייז־טרעגער" — האָט זיך אינטערעסירט מיט מעגלעכקייטן צו פֿילמירן ביי אונדז.

וו. מיכאלקאָוו — א נישט־ייד, אַ דיכטער וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ מיליטער־קאָרעספאָנדענט אין דער מלחמה און דאָ נישט לאנג געפייערט זיין צוואנציק־יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ, האָט אויך צוזאמען מיט נאָך איינעם פאַרפאַסט דעם נייעם סאָוויעטישן הימן — האָט מיט צופרידנקייט דערציילט, אז ער האָט איבערגעזעצט פון פויליש לידער פון יוליאַן טוווים און ל. קוויטקאס לידער פון יידיש, ער וואָלט אויך געוואָלט איבערזעצן קינדער־לידער פון העברעאיש.

קריטשעווסקי — אַ ייד, אַ קינאָ־ספעציאַליסט — איז געשטאַנען אַ זייט און געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט לבבין, אַז ער האָט נישט גערעדט נישט נאָר דערפאַר ווייל ער האָט נישט קיין געמיינזאמע שפּראַך, נאָר אויך ווייל גאָלדע האָט אים דערמאָנט זיין מאַמע, און ער האָט זיך געשטיקט פון טרערן.

מאַלאַטאַוווס שטעלפאַרטרעטערס — גוסעיעוו און זאָרין — זענען צוגעקומען צו גאָלדען און מיט איר געשמועסט, און ראַטנער האָט דערביי געשמועסט מיטן העברען גענעראַל אַנטאָנאָוו.

קאַפּיטל דריי

לערן־חדשים...

רוטינירטער אָנהייב, אָדער דער אָנהייב פון רוטין. סאָוויעטישע מיליטערישע הילף? מיטן גענעראַל בעדל סמיט, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר. באַקאַנטשאַפט־באַגעגענישן מיטן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. יום־טוב פון דער רעוואָלוציע. א מסיבה אין מאַלאַטאָוום הויז. דער 29־טער נאָוועמבער: מיט דאַנסקאָי און איליא ערענבורג אויף „אַלבאַנישער טעריטאָריע". עפּילאָג אין פּראָג אין יאָר 1964.

דעם 20.10 האָבן איך און גאָלדע אָפּגעשטאַט א וויזיט ביי שטשיבאַרינען, דעם שטעלפאַרטרעטער פון באַקולין וואָס איז איצט אויף אורלויב. דער ענין וואָס איז געשטאַנען צו באַטראַכטן איז געווען די בקשה פון אונדזער רעגירונג צו שטיצן דאָס אָננעמען ישראל אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָסט־פאַרבאַנד. אין שייכות מיט די אָנווייזונגען פון תל־אביב, האָבן מיר זיי געבעטן זיי זאָלן מעלדן וועגן דעם דעם „פאַרבאַנד" דורך דער פאַרמיטלונג פון דער שווייצאַרישער רעגירונג, שפּעטסטנס ביזן 29.10. די דאָזיקע בקשה איז אויך געווען געווענדעט צו אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, און שטשיבאַרין האָט פאַרזיכערט זי איבערצוגעבן אָן אָפּהאַלט צו די העכערע אינסטאַנצן. און באמת, דעם 26.10 איז אונדז טעלעפאָניש געמאָלדן געוואָרן פונעם אויסערן־מיניסטעריום, אַז זייער שטיצע איז שוין אריבערגעפירט געוואָרן קיין בערן.

אין אָט דעם שמועס האָט גאָלדע איבערגעגעבן אַ געוויע אינפאָרמאַציע וועגן אייניקע ענינים, וואָס געפינען זיך אין די טעלעגראַמעס פון וואַלטער איתן:*)

א) דעם מופתיס רעגירונג אין עזה, די שאַרפע קעגנערשאַפט פון אבדאללאַן און זיינע דראָאונגען וועגן ג׳יהאַד־מיליטער, און די שטע־

---

*) אין יענער צייט — גענעראַל־דירעקטאָר פון ישראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום.

לונגען פון מצרים און איראַק צו דער דאָזיקער מחלוקת; ב) דער פּלאַן פון לבנון צו פאַרכאַפּן פאַר זיך דעם גליל, אַ פּלאַן וואָס וועט צוגעבן עטלעכע צענדליק טויזנט מוסולמענער צו דער צאָל וואָס געפינען זיך שוין דאָרט און איר הסכמה צו געבן וואָל־רעכט די לבנונער אין אויסלאַנד, וואָס זענען בעיקר קריסטן, כדי אביסל צו־פרידן צו שטעלן דעם קריסטלעכן טייל אין לבנון און אויסוועפּן זיי־נע פאַרדאַכטן; ג) א פּלאַן וואָס שטאַמט פון די קרייזן פון דער וואָפנ־שטילשטאַנד־קאָמיסיע צו ברענגען באַוואָפנטע כוחות פון אַמעריקע, בעלגיע און פראַנקרייך קיין ירושלים, כדי דורכצופירן די אינטערנאַ־ציאָנאַליזירונג פון ירושלים. גאָלדע האָט געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז עס איז דאָ אין דעם אַן איבעריקער באַווייז, אַז פאַקטיש מיינט אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעזשים נישט עפּעס אַנדערש, ווי א באַוואָפנטע אָקופּאַציע מצד געוויסע מדינות וואָס געהערן דער אונ״אָ.

אויף זיין נאָכפרעג האָט אים גאָלדע דערציילט וועגן סטראַטע־גישן מצב אין נגב, דאָס פאַרמיידן דעם דורכגאַנג פאַר אונדזערע קאַראַוואַנען, אונדזער פירן אַפּראָוויזאַציע מיט דער הילף פון א „לופט־בריק", די דירעקטע פאַקטאָרן פאַרן פונאַנדערפלאַקערן די שלאַכטן, אונדזער מיליטערישער דערפאָלג קעגן די מצרים, אונדזער גרייטקייט איבערצורייסן דאָס פייער פאַרן פרייז פון אונ״אָ־גאַראַנטיעס, אַז אונדזערע קאַראַוואַנען וועלן דורכגיין אומגעשטערט, און נאָך — אַלץ לויט דער גענויער טעלעגראַמע פון משה שערטאָק פון פּאַריז.

שטשיבאָרין, וואָס איז געווען, ווי באַקאַנט, אַ נייער אויף זיין אַמט און האָט געוואַרט יעדן טאָג אויפן צוריקקום פונעם שעף פון דער אָפּטיילונג, באַקולין — האָט געשטעלט דאָ און דאָרט קורצע פראַגן (צווישן זיי: צי שרעקן מיר זיך פאַר א מעגלעכן דערפאָלג פון די לבנונער, אין שייכות מיט זייער פּלאַן וועגן גליל). ער האָט אַלץ פאַרצייכנט און האָט געדאַנקט פאַר דער אינפאָרמאַציע, וועלכע ער וועט איבערגעבן צו די, וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט.

צום סוף פונעם שמועס האָט שטשיבאָרין איבערגעגעבן צוויי בריוו פאַר אונדזער געזאַנדשאַפט (איינער פונעם 29.6 און דער צווייטער פון 12.7.48), פון צוויי גרופּעס יידן אין כאַרבין — 82 נפשות — פּליטים פון די היטלער־רדיפות, דער רוב פון זיי זענען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד און די רעשט פון פּוילן, וואָס זענען דאָרט שטעקן געבליבן אין דער מלחמה־צייט און זיי ווילן עולה זיין אין לאַנד אריין, און זיי בעטן ביי אונדזער געזאַנדשאַפט זי זאָל זיי אַרויסגעבן איינ־רייזע־דערלויבענישן, און אז מיר זאָלן זיך מיען ביי דער סאָוויעטישער רעגירונג זי זאָל זיי דערלויבן דאָס אַדורכפאָרן דעם ראַטנפאַרבאַנד אויפן וועג קיין ישראל. די דאָזיקע בריוו זענען איבערגעשיקט גע־

וואָרן דעם סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום דורכן סאָוויעטישן קאָנ־סול אין כאַרבין.

מיר האָבן זיך נישט ארײַנגעלאָזט מיט שטשיבאָרינען אין אַ שמועס דירעקט וועגן דעם ענין, נאָר צוליב דער „אַסאָציאַציע" האָט גאָלדע באַמערקט, אז עס קען זײַן אז אין דער צוקונפט וועלן מיר דאַרפן בעטן פון דער סאָוויעטישער רעגירונג טראַנזיט־וויזעס פאַר עולים, אײַנוווינער פון איראַן, אָדער יידן־פּליטים פון איראַק, וואָס ווערן פאַרפאָלגט אין זייער לאַנד און וועלן אפשר קאָנען זיך ארײַנ־שמוגלען, דורך באַזונדערע וועגן, קיין איראַן.

דעם 21.10 האָב איך אָפּגעשטאַט א וויזיט ביי וואָלאָסאָוון, דער נײַער שעף פון דער קאָנסולאַר־אָפּטיילונג (נישט צו פארבײַטן אים מיטן שטעלפארטרעטער פון שוּוערניקן). נאָכן געוויינלעכן ארײַנפיר ביי געשפרעכן מיט פאַרשטייערס פון אויסערן־מיניסטעריום, מכוח באַלעט, וועטער און ענלעכע זאַכן, האָב איך געברענגט פאַר אים דריי ענינים:

א) א ביטע אָנצווייזן די געהעריקע רעגירונג־אמטן, זיי זאָלן געבן ארויספאָר־דערלויבענישן פאַר דריי ישראל־בירגער, וואָס זענען געקומען אהער אין די יאָרן 1937־1938 און האָבן נישט געקאָנט צו־ריקקערן זיך אין לאַנד אריין צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה. איי־נער פון זיי, פּינחס חפץ, א געבוירענער אין ירושלים, פון די וואָ־לאָנטערן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, וואָס די אומשטענדן פון זײַן קומען אהער זענען אונדז נישט באַוווּסט, נאָר איז איצט דאָ געבליבן שטעקן אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל. די צוויי אַנ־דערע — די פרוי און א טאָכטער פון איינעם ז. סופר, פון די אָנגע־שטעלטע ביים „כופר היישוב" אין תל־אביב, זיי זענען געקומען באַזוכן זייערע קרובים אין מאָלדאַוויע, זענען זיי פאַרוואָרפן געוואָרן דורך די מלחמה־געשעענישן און אלע אירע גרוילן, און איצט וווינען זיי אייַנזאמע אין דער שטאָט בענדערי (מאָלדאַווישע רעפּובליק), ווייל אלע זייערע קרובים זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן. אלע דריי האָבן זיך געוואָנדן צו אונדז מיט שריפטלעכע בקשות.

ב) ווי אזוי זאָלן מיר אנטדעקן אנדערע אונדזערע בירגער — אויב עס זענען אזעלכע פאַראַן — באַזונדערס די, וואָס האָבן גע־ווילט ערב דער מלחמה אין געביטן וואָס זענען ערשט שפּעטער אָנ־געשלאָסן געוואָרן צום ראטנפארבאנד? איך האָב אים דערציילט, אז די סאָוויעטישע געזאנדשאפט אין ישראל האָט אויסגעקליבן זיך דעם וועג פון ווענדן צו סאָוויעטישע בירגער דורך דער פּרעסע. איך האָב אים געוויזן אַן עקזעמפּליאַר פון דער צייטונג „הארץ" פון חודש סעפּטעמבער, און דאָרט האָט זיך געפונען אזא אנאָנס אין רוסיש און אין עברית. די פראַגע איז: וועלכער איז דער פאסיקסטער וועג אויף אויסצוגעפינען אזעלכע בירגער פון ישראל, וואָס זענען מעגלעך

פארשטעקט ערגעץ אין פארשיידענע עקן פון דער מדינה און זיי ווייסן אפילו נישט אונדזער אדרעס, נאָך דעם ווי די דאָרטיקע פרעסע איז זיך נישט נוהג אָנצוגעבן די אדרעסן פון די געזאנדשאפטן. וולאַ־סאָוו האָט זיך ארומגעפּאָרעט מיט דער צייטונג, גלייך און מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט שווערקייט האָט ער שלום געמאכט מיטן פאקט, אז אין איר איז אלץ געשריבן פון רעכטס אויף לינקס. צוערשט האָט ער געפּרווט זאָגן, אז אלע איינוווינער פון דעם לאנד האָבן געהערט אין ראַדיאָ, אָדער געלייענט אין דער פּרעסע, וועגן קומען פון דער יש־ראל־געזאנדשאַפט קיין מאָסקווע. און וואָס שייך דעם אדרעס — גענוג אז מען וועט שרייבן סתם „צו דער געזאנדשאַפט פון ישראל״, וואָרום די פּאָסט ווייסט דאָך וויל, אז אונדזער ווין־אָרט איז אין האָטעל „מעטראָפּאָל״. אָבער נאָך דעם ווי איך האָב קעגן־געטענהט, אַז אויף אזעלכע היפּאָטעזן טאָר מען זיך נישט תמיד פאַרלאָזן, און דאָ רעדט זיך דאָך וועגן דערשלאָגענע און דערדריקטע מענטשן, האָט ער מסכים געווען, אַז די זאַך פּאָדערט באטראכטונג און פאָרגעלייגט מיר זאָלן זיך ווענדן אָפיציעל און שריפטלעך.

ג) איך האָב דערציילט וועגן 82 פּליטים אין כאַרבין, וועמען מיר זענען גרייט צו געבן איינרייזע־דערלויבענישן, אָבער אָן אַ טראנזיט־דערלויבעניש פון ראטנפארבאנד האָבן אונדזערע וויזעס קיין שום האַפּט נישט, ווייל דאָס פאָרן דורכן ים איז פאר זיי געשלאָסן ביים סועץ־קאַנאַל.

וועגן אלע די ענינים האָבן מיר דערנאָך געשיקט קורצע מעמאָ־ראנדומס („ווערבאלנאיא נאָטא״) צום מיניסטעריום. דער ציל פון דעם שמועס איז געווען צו געבן פריער די דאָזיקע פראגן א וואָרט־לעכע גענויע אויפקלערונג.

דערווייל איז אָנגעקומען איין משפחה פון די כאַרבינער פּליטים, עסטרייכישע אונטערטאנער, וואָס קערן זיך אום קיין ווין און גרייטן זיך צו פאָרן פון דאָרט קיין ישראל. עס האָט אויסגעזען, אַז אויב מען וועט זיי נישט דערלויבן דאָ דורכצופאָרן, וועלן מיר מוזן ארויסגעבן פאַר אָט די פּליטים פון כאַרבין צייטווייליקע באשטעטיקונגען פון אונדזער געזאנדשאפט — אַ מין פּאספּאָרטן — ווייל א טייל פון זיי זענען געווען אָן שום בירגערשאפט.

אויפן פּאָן פון שותפותדיקע אינטערעסן וואָס האָבן זיך געפּילט אין די דאָזיקע טעג סיי אין מאָסקווע און סיי אין תל־אביב און ירו־שלים איז געווען פון באזונדערער וויכטיקייט דער קאָמפּלעט קאָנ־טאקטן וואָס אונדזער מיליטער־אטאשע אלוף ראָטנער האָט אָנגעבונדן.

איינער פון די הויך־פּונקטן אין די אָ קאָנטאקטן איז געווען, דאָס געשפּרעך פון אנדערטהאלבן שעה, וואָס ער האָט געהאט דעם 5־טן אָקטאָבער מיטן העכערן גענעראל אנטאָנאָוו, וואָס איז דאַן געווען

מאַרשאַל וואַסילעווסקיס שטעל־פֿאַרטרעטער. אַזאַ געשפּרעך איז געווען דורכאויס אומגעוויינלעך פֿאַר מיליטער־אַטאַשעס, און ראַטנער איז געבעטן געוואָרן נישט איבערגעבן וועגן דעם קיין שום אנדערן מיליטער־אַטאַשע. אין דעם שמועס איז ארומגערעדט געוואָרן דער גאנג פון די שלאַכטן, די מיליטערן פון דער אראבישער ליגע (באַזונדערס איראק), נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין נאָענטן מזרח, די קוואַליטעט פון די קאָמאַנדירנדיקע כוחות און די מיליטערישע אויסשטאַטונג אונדזערע, מעגלעכקייטן פון באַנייען די שלאַכטן, דער ווערט פונעם נגב און פון ירושלים. ס'איז דערוועקט געוואָרן די פראגע פון זייער הילף פאַר אונדז, און ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן: א. דאָס שנעלע אָדער לענגער־דויערנדיקע אויסשולן קאָמאַנדירן; ב. ליפערן געווער פונעם פארכאפטן ביי די דייטשן; ג. באזעס פאר לופט אָדער ים־טראנספּאָרטן.

לויט דעם סדר האָבן מיר געזאָלט ברענגען די דאָזיקע פראגן פארן סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום צו זיין דעצידירונג. אין העכער א חודש ארום האָבן גאָלדע און בריגאדיר ראטנער אָפּגעשטאַט א וויזיט ביי באקולינען, נאָך דעם ווי זיי האָבן דערהאלטן פון לאַנד דעם ענטפער פונעם זיכערהייטס־מיניסטעריום וועגן די פראגן וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אינעם געשפּרעך צווישן ראטנערן און גענעראל אנטאָנאָוו.

אין דעם דאָזיקן ענטפער זענען דעטאַליזירט געוואָרן די באַדערפענישן פון צה״ל, לויט דעם ווי אונדזערע זאַך־קענער האָבן פאַרמולירט און ס'איז דאָ אַן אינטערעס זיי היינט אויסצורעכענען לויט די טערמינען פון יענע טעג:

פארן טאַנקן־מיליטער:

45 טאַנקען פונעם סאָרט 34, מיט א הארמאט פון 105 און 75 מ״מ, און דאָס רעשט געווער וואָס איז פארבונדן מיט די דאָזיקע טאַנקען. אמוניציע: 1500 שראפּנעלן צו יעדן הארמאט, 30.000 קוילן צו יעדער מאשין־געווער. פארבייט־טיילן און רעזערוו־מאָטאָרן, א קאָמפּלעט מכשירים פאר ראדיאָ־טעלעגראף. 25 לייכטע און גיכע טאַנקען. 150 הארמאטן, 37 מ״מ, אויסגעשטאַטע אויף פאנצער־מאַשינען, אָדער הארמאטן פון 2 פונטיקן מוסטער. צו די אָ הארמאטן — פאנצער־אמוניציע 90%.

פארן ארטילעריע־מיליטער:

א. 24 מאָטאָריזירטע טאַנקען, 75 מ״מ.

ב. 180 מיטעלע אנטי־לופט הארמאטן פונעם סאָרט „באָפאָרס״ אָדער ענלעכע צו זיי, פון א ווירקזאמער ציל־ווייט 10.000 פוס, צו יעדן הארמאט 1000 שראפּנעלן.

ג. 72 שווערע אנטי־לופט הארמאטן, 88 מ״מ, אָדער 3.7 זייערס

גלייכן מיט א ווירקזאמער ציל־ווייט 30.000 פוס, צו יעדער כלי 600 שראפנעלן.

ד. 80 אַנטי־טאַנק־האַרמאַטן, 47 ביז 50 מ"מ, ווירקזאַמע ציל־ווייט 600 מעטער, צו יעדער כלי 800 שראפנעלן.

ה. 110 פעלד־הארמאטן, 75 מ"מ, אָדער 25 פונטיקע, צי ענלעכע צו זיי. צו יעדער כלי 600 שראפנעלן.

ו. 110 פעלד־הארמאטן 75 מ"מ און 25 פונטיקע אָדער ענלעכע צו זיי. צו יעדער כלי 3000 שראפנעלן און 24 האָביצערס.

ז. די 24 האָביצערס 6 אינטשיקע, אָדער האַרמאַטנדיקע פינף און אַ האַלב אינטשיקע. צו יעדער כלי 100 שראַפנעלן.

פארן לופט־מיליטער:

50 קאמף־עראָפּלאנען פונעם טיפּ „ספיטפייר", „מאָסטינג", אָדער ענלעכע צו זיי אין פייער־קראפט מאַנעווער. ס'איז נייטיק צו זאָרגן אז זיי זאָלן אויך האָבן פארבייט־טיילן, לויט דער אויסרעכענונג פון אויסהאַלטן די עראָפּלאַנען אַ יאָר צייט און נאָך צו 1 מאָטאָר פאַר יעדן עראָפּלאן. ס'איז נייטיק צו זאָרגן פאר א געהעריקן קוואנטום פון איילן, ספעציעלע פליסיקייטן וואָס פאסן פאר דעם מין פלי־מאַשינען, וואָס וועט געקויפט ווערן אין פאל ווען די זענען נישט לויט די ספעציפיקאציעס פון די מערבדיקע ברען־שטאָף־קאמפאניעס. אמוניציע לויט 20.000 קוילן פאר איין מאשין־ביקס און 15.000 פאר איין הארמאט. פאטראָנען־לענטעס און פאטראָן־טאַשן צוגעפאסטע צום געווער און צו דער אַמוניציע. 24 לייכטע באָמבאַרדירערס, צוויי מאָטאָרדיקע, פון טיפּ „באָפייטער", „מאָסקיטאָ", 20 „באָסטאָן", 25 „מיטשל" אָדער פון אַן ענלעכן טיפּ צו די פריער־דערמאָנטע — אין מאנעווער און אין טראנספּאָרטירונג. ס'איז נייטיק צו באַקומען הונ־דערטער פאסיקע באָמבעס און פולע אויסשטאטונג פון ריכטונג־מכשי־רים און ראדיאָ־טעלעגראף. פארבייט־טיילן פאר געווער־הייבער ווי אין פאראגראף 1. ס'ווערט נישט פארענדיקט קיין שום קניה אָן ספע־ציאליסטן וואָס וועלן פעסטשטעלן אלע דעטאַלן. זעט־עראָפּלאנען, רעקטאָל, ראקעטן־לופעס צו עראָפּלאנען.

און אזוי טאקע האָט אָנגעהויבן גאָלדע און האָט געזאָגט צו באַ־קולינען:

„מיר זענען דאָס מאָל געקומען מכוח א וואָגיקן ענין. ס'איז נישט קיין סוד אז מיר מאטערן זיך זייער אין די ענינים פון אפראָוויזאציע. אונדזער לאגע האָט זיך זייער פיל פארבעסערט אין פארגלייך מיט דעם וואָס ס'איז געווען, אָבער דאָס וואָס אונדז פעלט איז נאָך גענוג גרויס. מ'קען אפשר אויבנאויפיק זאָגן, אז עס איז אביסל אָפּגעטעמפּט געוואָרן די שארפקייט פון די פראָבלעמען און דער קריג דערנענטערט זיך כאילו צו זיין סוף, ס'איז אָבער נישטאָ קיין גרעסערע סכנה, ווי דאָס צוגיין צו די אָ פראַגן אויף אזא אופן. ביז איצט זענען אונד־

זערע מיליטערישע דערפאָלגן און דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון אונדזערע כוחות געקומען דער עיקר פון דעם, וואָס מיר זענען נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון קיין איינרעדענישן און זיך נישט פאַרלאָזט אויף קיין נסים. איצט — אוודאי און אוודאי נישט. די ידיעות וועגן בריטישע פארשטארקונגען, דאָס קומען פון יוגאָסלאווישע נאציס און נאָך, זע־נען אוודאי מחייב דאָס שטיין געשפאנטע אויף דער וואַך. נאָך דעם ווי איר האָט אונדז געהאָלפן אויפן פּאָליטישן געביט וועלן מיר זיך איצטער צו אייך מיט א בקשה פון אַן אנדער מין. אין איינקלאנג מיטן געשפרעך וואָס מיר האָבן אין זיין צייט געהאט מיט אנטאָנאָוון, האָבן מיר זיך געוואָנדן צו דוד בן־גוריון און איצט איז די רשימה אין אונדזערע הענט.

„ראטנער האָט איבערגעגעבן וועגן זיין געשפרעך מיט אנטאָ־נאָוון. ער האָט באזירט די באַדערפענישן און האָט אונטערגעשטראָכן, אז אונדזער כּוונה איז נישט דווקא ווי עס איז דאָ געגנוי אויסגערעכנט, נאָר צו אַ טיפּ, וואָס איז ענלעך צו די נויטיקע סחורות. אויך איז אונדז באוווסט, פון אונדזערס א מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די ענינים אין אַן אנדער לאַנד, אַז אין די סאָוויעטישע הענט אין אויס־לאנד געפינען זיך פאסיקע דייטשישע מאַטעריאלן, אָבער אָן אַן אָנ־ווייזונג פון דאַנען זענען זיי נישט באַפולמעכטיקט צו פאַרקויפן. אויך אין דעם וואָס עס איז אָנגעקומען צו אונדז ביז איצט איז דער חלק פון דער דייטשישער אינדוסטריע גאנץ גרויס, עס איז אָבער אריינ־געפאלן אין אונדזערע הענט אריין אויך ענגלישע אויסארבעטונג. דייטשישע אויסשטאַטונג געפינט זיך אויך אין אייניקע לענדער פו־נעם מזרח־בלאָק. זיי האָבן דאָס באקומען נאָך בעת זיי זענען געווען נאצישע סאַטעליטן, און איצט איז זיי דאָס מער נישט נויטיק, ווייל זיי גייען דאָך איבער צו נייע אויסשטאַטונג־קוואַלן. מען קען פאָר־אויסזען, אז די צווייטע פאזע פון דער מלחמה, אויב זי וועט זיך באַ־נייען, וועט ארויף אויף א סך גרעסערער טעכנישער הויך. די מלחמה אין דער לופט, למשל, איז צוערשט געווען אַן איינזייטיקע, בלויז פונעם שונאס זייט; דערנאָך איז דערשינען אויך א יידישע אוויאציע. אזוי וועט אויך זיין אין דער צוקונפט, און נישט בלויז ביי אונדז. אויך דער שונא פרווט זיכער זיך אָפּלערנען פונעם עבר און וועט זיך באַמיען פארבעסערן זיין פעאיקייט. ערשט נאָך דעם צווייטן פייער־איבערייס זענען פאָרגעקומען שלאכטן אויף א פערמאנענטן און ברייטן שטח ווי עס איז דער נגב. די שלאכט־פליגען וואקסן אויס און ווערן גרעסער, זיי דערמעגלעכן און פאַרפליכטן מער מעכאני־זירונג, לופט־אויסקוק און בעסער־אויסגעשטאַט געווער. שלאָגנדיק זיך פאַרן נגב, זענען מיר נישט אויף אזוי ווייט נאַאיוו, מיר זאָלן זיך פאַרלאָזן בלויז אויף די באשלוסן פון אונ״אָ וועגן ענין גרענעצן; עס איז נויטיק צו זאָרגן פאַר גענוגנדיקער מיליטערישער קענטשאפט

כדי דעם נגב צו האלטן, און דאָס איז אָפּהענגיק פון דער קוואַליטעט און קוואנטיטעט פון דער אויסשטאַטונג וואָס וועט זיין אין אונדזער רשות״.

באקולין האָט פארשריבן און צוגעזאָגט דעם ענין איבערפירן ווייטער. נאָר ער, אליין און פאר זיך, זעט אַ באַדאַרף צו וואָרענען וועגן דער הארבקייט דערפון. די באציאונג פון ראטנפארבאנד צו די ענינים פון ישראל איז באַוווסט. ער פאַרשטייט אויך, אַז מיר האָבן שוועריקייטן. מען דאַרף אָבער געדענקען, אז עס איז פאַראַן אַן אונ״אָ און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרווערן דאָס צושטעלן מלחמה־אַפּראָוויזאַציע צוביידע צדדים. „אמת, די אנדערע ברעכן יאָ דעם באַשלוס, ענגלישע אָפיצירן אינסטרואירן די אראבישע חיילות, איך וועל נישט זיין איבעראַשט אויב עס וועלן אַנטדעקט ווערן אויך אַמעריקאַנער אָפיצירן. אָבער אונדזער צושטעלעכטס אויב זי וועט ווערן אַנטפּלעקט — וועט מען אויפשטורעמען וועלטן. שוין איצט, כאָטש נישטאָ אין דעם קיין מינדסטער אָנשפּאַר, איז פאַראַן ווער עס מיט זיך צו פארשפּרייטן קלאַנגען, אז אייערע נצחונות האָט איר אָפּגעהאלטן מיט דער הילף פון סאָוויעטישע אָפיצירן און פּילאָטן. אויב עס וועט זיך שאַפן אזא סיטואציע אויף אַן אמת — האָב איך מורא, אַז נישט נאָר די זאך וועט אונדז באַשווערן, נאָר דאָס וועט נאָך מאַכן שווערער אייער לאגע. די פרייַנט פון די אראבער האָבן אַ געאָגראפישע איבערוואָג, זיי האָבן מאַגאַזינען אין דער נאָענט א.א. און זיי וועלן דאַן קאָנען טאָן עפנטלעך אוז מיט א ברייטער האנט, וואָס זיי זענען איצט געצוואונגען צו טאָן געהיים און באַגרענעצט״.

אויף דעם האָט אים גאָלדע געענטפערט: „מיר ווייסן ווי אָפּצושאַצן די פולמאכטן פון אונ״אָ און דער חוב וואָס ליגט אויף זיינע מיטגלידער. מיר אליין באַמיען זיך אָנגענומען צו ווערן אין דער דאָזיקער אָרגאניזאציע, און נישט כדי מיר זאָל איר ווידערשפּעניקן. אָבער וואָס זאָלן מיר טון ווען בכבודיקע מיטגלידער פון אונ״אָ מאכן צו נישט אירע באַשלוסן? איז דען נישט לייכט זיך פאָרצושטעלן ווי מיר וואָלטן אויסגעזען, ווען מיר וואָלטן געבליבן אַליין — נאָר מיר אַליין — אָן וועלכער עס איז הילף און אַפּראָוויזאַציע. צו אונדזער גוטן מזל האָט זיך כאָטש געפונען איין מדינה, וואָס האָט זיך גערעכנט מיט אונדזער לאַגע אַזוי ווי זי איז און האָט פון דעם אַרויסגעצויגן פּראַקטישע מסקנות. אין דער סאָוויעטישער הילף אויפן פּאָליטישן געביט, האָבן מיר תמיד אָפּגעשאַצט דעם פאַקט, וואָס אין איר יסוד איז אויך דאָ דאָס פאַרשטיין אונדזערע אינטערעסן. וואָס שייך דער מורא, אַז די קוואַלן פון דער צושטעלונג וועלן עפנטלעך אויפגעדעקט ווערן — איז, ווי געזאָגט, אונדזער כוונה נישט דווקא צו אַרטיקער פּראָדוקציע, נאָר צו ענלעכע סחורות פון דעם פאַרנומענעם געווער פון די דייטשן״.

באַקולין האָט געענטפערט, אַז ער וועט אלץ איבערגעבן. און אז

מען האָט אים געפרעגט צי מען זאָל אים איבערלאָזן אַ „קאַטאַלאָג״, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז נישט נויטיק ביז וואַנען עס וועט זיין אַ פּרינציפּיעלער באַשלוס. כדי אונטערצושטרייכן, אַז עס איז געווונטשן אַ וואָס־שנעלערער ענטפער, האָבן מיר אים געזאָגט, אַז גאָלדע האַלט ביי ארויספאָרן אין די נאָענטסטע טעג קיין פּאריז זיך צו זען מיט אונדזער אויסערן־מיניסטער.

דעם 10.11 האָב איך באזוכט קאָנזשוכאָוון, וולאַסאָווס וויצע אין קאָנסולאַרן אָפּטייל. דער ענטפער פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום וועגן דערלויבן דעם דורכפאָר פאַר די פּליטים פון כאַרבין, איז נאָך נישט געקומען. אָבער אינצווישן האָט זיך אנטפּלעקט די נויטווענדיקייט קלאָר צו מאכן פריער נאָך צי וועט דער ראטנפארבאנד אָנערקענען צייטווייליקע פּאספּאָרטן פון אונדזער געזאַנדשאפט פאַר אַ טייל פון אָט די פּליטים — וואָרום דער רוב זייערער האָט נישט קיין שום בירגערשאַפט — און מיר זענען גרייט זיי אזעלכע צו געבן, אויב עס וועט געפּנט ווערן פאר זיי דער וועג עולה צו זיין אין לאַנד אריין (דורך אַ טראַנזיט־דערלויבעניש קיין פּראָג אָדער אָדעס). קאָנזשוכאָוו האָט אויסגעפרעגט וועגן אַלע טעכנישע איינצלהייטן וואָס זענען דערמיט פארבונדן און צוגעזאָגט אַ שנעלן ענטפער.

אין דער ראַם פון גאָלדעס באַקאַנטשאַפט־וויזיטן ביי געזאנדטע פון פאַרשיידענע מדינות (וואָס האָבן איר צוריקגעקערט וויזיטן לויטן פּראָטאָקאָל), האָבן זיך אויך אריינגעוועבט געשפּרעכן אויף פּאָליטישע און אלגעמיינע טעמעס.

מיטן אמעריקאַנער געזאנדטן גענעראל בעדל סמידט, דער געהילף פון אייזענהאָוערן אין די יאָרן פון קריג, איז די באַגעגעניש געווען זייער אַ פריינטלעכע, ווי פון לאַנגיאָריקע באַקאַנטע. ער האָט געדענקט בן־גוריונען מיט סימפּאַטיע נאָך פון זיין באַזוך אין די דייטשישע לאַגערן, האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט און געבעטן אים איבערגעבן זיינע ווונטשן. מיט אַנטוישונג האָט ער דערציילט וועגן זיין דערפאַרונג אין זיינע טעטיקייטן דאָ, האָט זיך באַקלאָגט אויפן מינהג פון „אָפּשלעפּעניש״ וואָס איז דאָ איינגעפירט, און האָט אונדז געוואָרנט נישט צו איילן זיך צו מאכן אָפּטימיסטישע אויספירן פון דעם שיינעם אויפנעמען אונדז דורך דער אָרטיקער מאכט, אין דער ערשטער תקופה פון אונדזער קומען אַהער. „דאָס איז דער האָניק־חודש״ — האָט ער געזאָגט, דערנאָך קומט אַ צייט ווען אלע פרעמדע, די פון מזרח־בלאָק איינגעשלאָסן, געניסן פולשטענדיק פון א גלייכער מאָס גלייכגילטיקייט און קאַלטקייט, בעת די אָפיציעלע און זעלטענע באַרירונגען. וואָס שייך דער אָפּשאַצונג פון דער באַציאונג פון די סאָוויעטן צו אונדז — פון פּאָלי־

טישן קוק־ווינקל, — איז זיין מיינונג, אז אין זייער שטיצן אונדז מיינען זיי אונדז ארונטערצונעמען אונטער זייער השפּעה, אָבער ער אַליין גלייבט און האָפט, אַז עס וועט זיי דאָס נישט געלינגען. אין מיטן דעם געשפּרעך איז אַריין אין צימער עריק דזשאָנסטאָן, דער „מלך פון די פילמען" אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ער האָט דאָ געוויילט אַ קורצע צייט אין פאַך־אָנגעלעגנהייטן. ער האָט באַזוכט ארץ־ישראל, און פאַרן פאַרלאָזן ניו־יאָרק אויף זיין וועג קיין מאָסקווע, האָט ער געהאַלטן אַ רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פאַראייניקטן מגבית־קאַמפּיין צוזאַמען מיט משה דיין. מען האָט אויך גערעדט מיט בעדל סמידט וועגן דעם שנעלן אויפשפּראָצן פון יידישן מיליטער און אויף זיינע דערגרייכונגען, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס עס איז געשטאַנען אין זיין רשות אין אָנהייב מלחמה. בעדל סמידט האָט פאַרגעלייגט זיין הילף אונדזער געזאַנדשאַפט מיט וואָס נאָר עס וועט אונדז נויטיק זיין, באַזונדער האָט ער צוגעזאָגט אַדורכצופירן אונדזער דיפּלאָמאַטישע פּאָסט דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין דיפּלאָמאַטישן קוריער.

אגב, דער דאָזיקער צוזאָג זיינער האָט גאָרנישט אויפגעטאָן, מחמת ער אַליין איז צייטווייליק אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז און ניו־יאָרק, און אַז זיינע באַאַמטע האָבן זיך באַמיט און אויף גיך אָנגעפרעגט וועגן דעם אין סטייט־דעפּאַרטאַמענט איז פון דאָרט אָנגעקומען טעלעגראַפיש אַ נעגאַטיווער ענטפער מיטן אונטערשריפט פונעם געהילף פון אויסערן־מיניסטער מר׳ לאָוועט. דער תירוץ: מען קאָן נישט פאַוואָריזירן איין געזאַנדשאַפט איבער אַלע אנדערע.

אין מיטן אָקטאָבער איז בעדל סמידט צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, ער האָט גלייך רע־וויזיטירט ביי גאָלדען און איבעם שמועס מיט איר נאָך אַמאָל איבערגעחזרט זיין פּערזענלעכע סימפּאַטיע פאַר ישראל, אַז ער גלייבט אין איר שנעלן וואַקסן, אין איר אַנטוויקלונג און אין איר דערפאָלג. אין ענגלאַנד און ביי אים אין לאַנד, האָט ער געזאָגט, האָט מען אויף אַן אמת מורא, אַז דורך אונדז וועט די סאָוויעטן געלינגען אריינצודרינגען אין נאָענטן מזרח, א זאַך וואָס זיי האָבן נישט דערגרייכט מיט דער הילף פון די אַראַבער. ער באַטייליקט זיך נישט אין אָט דעם פּחד, ער גלייבט, אַז מען וועט אונדז נישט באַהערשן. ער פרעגט שטרענג אָפּ די פּאָליטיק פון זיין רעגירונג אינעם נאָענטן מזרח. אויף די אַראַבער קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן, די ביטערע דערפאַרונג פון די מלחמה־יאָרן באַווייזט דאָס. אין מצרים האָט זיך איינגעוואָרצלט א שלעכטע באַציאונג צו די ענגלענדער וואָס וועט נישט אַזוי גיך פאַרבייגיין. די אַראַבער פאַרשטייען גוט, אז זיי וועלן אונדז נישט בייקומען און עס וועט זיך זיי נישט איינגעבן מיט אונדז צו קאָנקורירן. ער קען די קוואַליטעט פון אונדזערע מענטשן, אויך די פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד, און ער

צווייפלט נישט, אז אויב מען וועט אונדז נאָר לאָזן בויען, וועלן מיר גיך פאַראויסגיין און צום סוף פאַרפעסטיקן אונדזער באַשטאַנד.

אריבערגייענדיק צו די פאָרשלאגן פון גראַף בערנאַדאָט, וואָס זענען דאַן געשטאַנען אין צענטער פון די פאָליטישע פאַרהאַנדלונגען אין די פראַגן פון אונדזער ראַיאָן, האָט ער געזאָגט, אַז די לאַגע איז אַ שווערע, צוליב דעם וואָס קיין איינער פון די צדדים וויל נישט איינגיין אויף אַ פשרה. דאָ האָט גאָלדע באַמערקט — און בעדל סמידט האָט מיט איר מסכים געווען — אז די פשרה איז געווען דעם 29־טן נאָוועמבער און אז עס איז דאָ אַ געוויסע גערעכטיקייט אין די טענות פון אונדזערע עקסטרעמיסטן, אַז מיר פאַרשפּילן טיילמאָל צוליב אונדזער מעסיקייט, בעת די אַראַבער געווינען צוליב זייער זאָגן אַן אלגעמיינעם און אומאויפהערלעכן ניין.

גאָלדע האָט צוגעגעבן, אַז זיין רעגירונג איז דאָס די פאראַנטוואָרטלעכע פאַרן גאַנג פון אונדזערע ענינים אין פאריז, און אלץ הענגט אָפּ פון דער פראַגע, צי וועט זיין לאנד זיך מיטשלעפּן מיט ענגלאנד, צי ניין. זיין ענטפער איז געווען, אז ער האָט נישט באַוויזן זיך צו פאַרנעמען מיט אונדזערע ענינים זייענדיק אין אמעריקע (דער רושם פון זיינע רייד איז געווען גראָד אַן אנדערער) אָבער די באַציאונג פון אמעריקע צו ענגלאנד, דאָס איז גאָר אַן איידעלער ענין: פאַר אונדז שטייט אַ גביר וואָס קומט אָפּ פון זיין עשירות און דער צוגאנג צו אים מצד א פריינטלעכער מדינה ווי אַמעריקע איז מחייב פילבארקייט און איידלקייט. ווידער איז ער צוריקגעקומען צום ענין בערנאַדאָט און געבעטן אַן אויפקלערונג, פאַרוואָס האָט ער פאָרגעלייגט דאָס וואָס ער האָט פאָרגעלייגט. ער האָט פערזענלעך געקענט בערנאַדאָטן וואָס האָט טאַקע נישט דערגרייכט קיין אינטעלעקטועלע הויך, ער איז אָבער געווען א זייער אָרנטלעכער מענטש, און ער נעמט נישט אָן, אַז ער זאָל האָבן געדינט ענגלאנד.

גאָלדע האָט געענטפערט, אַז ביי אונדזערע מענטשן האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַן איינדרוק, אַז ער איז נישט זעלבשטענדיק, און דער פאַקט איז, אַז זיינע פאָרשלאַגן פאַסן דער בריטישער טענדענץ. דאָ האָט בעדל סמידט געפרעגט צי עס איז ריכטיק די מיינונג, אז אין דער שטערן־גרופּע ווירקט אַ רוסישער איינפלוס. גאָלדע האָט געענטפערט, אז מען קאָן נישט וויסן וואָס ביי זיי טוט זיך, אָבער אלעמען איז באַקאַנט די נעגאטיווע באַציאונג פון די רוסן צום דערמאָרדן בערנאדאָטן, און זייער אָפענע טענה, אז ענגלאנד האָט אין דעם אַ האַנט. געזעגענענדיק זיך האָט ער נאָך אמאָל אויסגעדריקט זיין פערזענלעכע סימפּאַטיע און געזאָגט, אַז נאָכן דינסט פאר זיין לאנד וואָלט ער „געלייגט זיין קאָרט" אויף דער דינסט פאַר אונדזער מדינה. סוף יאָר פאַרלאָזט ער מאָסקווע. צום ערשט איז ער געקומען אהער אויף צוויי יאָר, אָבער ער איז

אנטקעגנגעקומען דאָס בעטן אים און ער איז געבליבן אויף נאָך אַ יאָר. ער איז אנטוישט פון זיין טעטיקייט דאָ הי. פאַר יעדן פאַל, זאָגט ער, קאָן ער נישט מער פאָרזעצן דעם דאָזיקן דינסט, נאָך דעם ווי ער איז דאָ אַרומגעכאַפּט פון אַן אַלגעמיינעם פאַרדאַכט בנוגע אַלץ וואָס קומט דאָ פאָר ארום אים. צוזאמען דערמיט וואָלט ער געוואָלט גלייבן, אַז די רוסן וועלן פאַרשטיין, אַז מיט זייער אויפפירונג זענען זיי דערגאנגען ביזן סוף פון דער גרענעץ.

ווי א ביישפּיל האָט ער דערציילט, נישט אָן צאָרן, וועגן דער אָנגעווייטיקטער „מלחמה" מיט אונטערהער־אפּאראטן אין די וווינ־ ערטער און ביוראָען פון דער אמעריקאנער געזאנדשאַפט און אירע מענטשן. נישטאָ קיין ווינקל און נישט פאַראַן די שעה, אין וועלכע עס זאָלן נישט פאַרקומען קיין סאָוויעטישע אונטערהערונגען. אַז עס זע־ נען אנטדעקט געוואָרן די ערשטע סאָוויעטישע אונטערהער־אפּאראטן, האָט דער אמבאסאדאָר איינגעלאַדן טעכניקער פון אמעריקע זיי זאָלן אונטערזוכן די געביידע און פּרוּוון אויסרוימען דאָס אַנטשפּע־ ניש. די טעכניקער האָבן געארבעט א שפּאַר שטיקל צייט, האָבן אויפ־ געדעקט צענדליקער אזעלכע מכשירים, נאָר צום סוף האָבן זיי זיך מיאש געווען און האָבן אויפגעהערט די אַרבעט. פון דאַן אָן, האָט ער געזאָגט, איז דערווייל נישט פאראַן קיין מעגלעכקייט אָפּצוהאלטן א טעלעפאָן־געשפּרעך, וועמען דער סאָוויעטישער מיקראָפאָן זאָל נישט אויפכאַפּן, חוץ אין הויף פון דער אמבאסאדע אָדער אין גאַס, בעת אַ שפּאַציר, ווייל אויך אין דער אמטלעכער מאַשין איז נישטאָ קיין שום פארזיכערונג קעגן דעם אָדער אַנדערן מיטל פון סאָוויעטי־ שער אונטערהערונג.

דאָ איז וויכטיק צוצוגעבן, אַז שוין אין דער סטאַדיע האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן — אין געשפּרעכן מיט מענטשן פון געזאנדשאפטן — אויף אייניקע וואָס האָבן נישט מותר געווען דורך פאַרזיכטיקע און פאַרמאַסקירטע פּרוּוון, צו באַקומען פּאָליטישע אָדער מיליטערישע אינפאָרמאַציעס, פאַר זיך אָדער אויף איבערצוגעבן זייערס אַ פריינט־ לעכער מדינה. אויך פלעגט מען איבערגעבן, טיילמאָל ווי אומגערן, ידיעות וועגן גאַנץ זייטיקע ענינים, ארויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז דורך דעם וועג וועלן די זאכן דערגרייכן צו די, וועמען זיי זענען נוגע. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז דער קעגנזייטיקער באַריר צווישן די געזאנדשאַפטן איז נישט פריי פון א פּערמאַנענטן, דירעקטן און אומ־ דירעקטן, עלעמענט פון שפּיאָנירונג.

בעת גאָלדע האָט זיך באַגעגנט מיטן שטעל־פאַרטרעטער פונעם בריטישן געזאנדטן, מיטן הער האַריסאָן, אין זיין הויז (אין דער אָפּ־ וועזנהייט פונעם געזאנדטן, וואָס איז דאַן געווען אויסער רוסלאנד), האָט ער גלייך אויסגעדריקט זיין צער וואָס ער קאָן זי נישט אויפ־ נעמען אָפּיציעל. אָבער ער פרייט זיך זייער מיט אָט דער פּערזענלע־

כער פֿאַרבינדונג. דאָס געשפּרעך איז נישט געווען קיין פּאָליטישס און עס זענען אוועק נישט ווייניק טעג און ער האָט קיין רע־וויזיט נישט אָפּגעגעבן.

עס איז אפשר כדאי צו דערציילן וועגן א קליינעם כאַראַקטעריס־טישן פּרט. דער פּראָטאָקאָל פֿאַרלאַנגט, אַז נאָך א באַקאַנטשאַפֿט־וויזיט בייטן זיך די געזאַנדשאַפֿטן מיט די וויזיט־קאַרטן פֿון אַלע זייערע דיפּלאָמאַטישע מיטאַרבעטערס. פֿון אונדזער זייט זענען צו אים געשיקט געוואָרן אַלע וויזיט־קאַרטן, ווי עס איז אָנגענומען. האַריסאָן האָט צו אונדז נישט געשיקט זיינע מיטאַרבעטערס וויזיט־קאַרטן. ער איז אָבער נעבעך געווען געצוווּנגען א סך זיך אָנצושטרענגען כדי אויסצוגעפֿינען קונציקע איינפֿאַלן, ווי אַזוי מקיים צו זיין די פֿליכט פֿון העפֿלעכקייט — פֿון איין זייט — און חלילה נישט גע־שטרויכלט צו ווערן אין אַ וועלכער עס איז נישט איז „אָנערקענונג" פֿון ישראל — פֿון דער צווייטער זייט. האָט ער צום סוף באַשלאָסן זיך צו באַגרענעצן און שיקן איין קאַרטע — זיינע אַליין. אָבער אויך דאָ זענען אויפֿגעקומען גאַנצע צוויי שטערונגען: א. אויף זיין וויזיט־קאַרטע איז דאָך, ווי דער שטייגער איז, אָפּגעדרוקט זיין אָפֿיציעלער טיטל און דיפּלאָמאַטישער ראַנג; ב. מען דאַרף דאָך אויפֿשרייבן דעם נאָמען און טיטל פֿון דעם צו וועמען די וויזיט־קאַרטע ווערט אַדרע־סירט — דאָס מיינט: גאָלדעס — האָסטו דאָך דאָ אומדירעקט א מין „אָנערקענונג". נאָך לאַנגע מאַטערנישן איז צו אונדז אָנגעקומען דאָס דאָזיקע „קעלבל": אַ וויזיט־קאַרטע פֿון זיין ווייב (פֿאַרשטייט זיך, וואָס פֿאַרמאָגט נישט אויף זיך קיין שום דיפּלאָמאַטישן טיטל און ראַנג) ווו דאָס אות „S" פֿונעם וואָרט Mrs. איז אויסגעמעקט, עס זאָל אויסקומען נישט „זי" נאָר ער אַליין, בכבודו ובעצמו — אָבער נישט דער געזאַנדטער פֿון גרויס־בריטאַניע, נאָר סתם איינער א מיסטער האַריסאָן. אָבער די טעכנישע אויספֿירונג פֿונעם באַאַרבעטן די קאַרטע איז געווען זייער נאַכלאַזיק. מען האָט אויף דער קאַרטע נאָך געקאָנט זען גאָלדעס טיטל (ווייזט אויס, די געוווינהייט־טואונג פֿון איינעם פֿון זיינע נאַאיווע באַאַמטע) וואָס איז געווען אָפּגעמעקט מיט אַ מעקער.

דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז, וואָס דאָס גאַנצע איבערקליגלען זיך האָט אים געהאָלפֿן צו דערגרייכן דעם ציל נאָר טיילווייז, ווייל דער שליח זיינער האָט אויפֿן קאָנווערט אויף וועלכן עס האָט זיך גע־גרייסט דער מלכותדיקער עמבלעם פֿון גרויס־בריטאַניע, נישט נאָר אָנגעשריבן גאָלדעס נאָמען, נאָר אויך צוגעשריבן "Israeli Legation,,...

דער געזאַנדטער פֿון לוקסעמבורג, רענע בלום, איז געווען אַ ליב־האָבער פֿון יידן און א באַגייסטערטער פֿריינט פֿון ישראל. געוועזע־נער פֿאַרזיצער פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין די יאָרן פֿון דער מלחמה האָט דער דאָזיקער מענטש געטון אין זיין לאַנד גאָר

פיל אויף צו ראטעווען טויזנטער יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די היטלער־נעגל. איצט איז ער געווען אַנטישט פונעם סאָציאַליזם, כאָטש אין דער אויסערן־פּאָליטיק איז ער געווען געניגט צו געבן גערעכט די רוסן אין זייער אויפפירונג. ער האָט געזעדט מיט האַרבקייט און מיט גרויס אויפרודערונג קעגן ענגלאַנד, באַזונדערס קעגן בעווינען פּערזענלעך. ער האָט דערציילט, אַז בעת דער באַגעגעניש פון די מי־ניסטאָרן פון די גרויסמאַכטן, וואָס זענען זיך אין זייער צייט צונויפגע־קומען אין מאָסקווע, האָט בעווין ארויסגערופן איבל מיט זיין גראָ־בער אויפפירונג און עס האָט אויך געטראָפן, אַז ער איז דערשינגען צו די זיצונגען טויט־שיכור

די זאַך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סקאַנדאַל און אַריינ־געפאַלן אין יעדערנס מויל אַריין. קעגנאיבער אים האָט ער פאַרגלייכט דעם כבוד און די ליבשאַפט וואָס וו. טשערטשיל האָט אין זיין צייט געגאָסן אין מאָסקווע — אין די מלחמה־טעג — און אויף דער באגייסטערונג וואָס אַ ריזיקער עולם האָט צו אים ארויסגעוויזן אָן א גרענעץ, בעת דעם אויפנעם וואָס איז פאר אים איינגעאָרדנט געוואָרן אין „באָלשאָי טעאַטער".

מיט היטלערס אינוואַזיע איז בלום געווען געצווונגען צו אַנט־לויפן קיין פראנקרייך און מיט דער הילף פון יידן האָט ער זיך ארויס־געראַטעוועט פון די דייטשישע הענט, וואָס האָבן זיך נאָך אים געיאָגט אויך דאָרט. ער איז געווען באַגייסטערט פון דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה און פון דערשיינען דאָ פון אונדזער געזאַנדשאַפט. און פאַקטיש, עטלעכע שעה נאָכן דערהאַלטן אונדזער אָפיציעלע מעל־דונג וועגן אונדזער קומען קיין מאָסקווע איז אַנגעקומען זיין באַ־גריסונגס־בריוו — דער ערשטער בריוו וואָס אונדזער געזאַנדשאַפט האָט בכלל דערהאַלטן. אין זיין רע־וויזיט ביי גאָלדען, האָט ער אויס־געדריקט טיפן צער אויף דעם וואָס דער פאַרשטייער פון ישראַלדיקן אויסערן־מיניסטעריום, וואָס האָט דאָ נישט לאַנג באַזוכט בעלגיע, האָט נישט אָפּגעטרעטן אויך אין לוקסעמבורג. ער האָט געבעטן, אַז דאָס זאָל פאַרריכט ווערן דורך אַן עקסטרע באַזוך ביי זיין פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער — און וואָס פריער — אפילו ווען אין דעם זאָל נאָך נישט זיין דער אויסזיכט אויף באַלדיקער אַנערקענונג. ער האָט אויך געבעטן, אַז ביי דער געלעגנהייט פון אַזאַ באַזוך זאָלן פאַר־עפנטלעכט ווערן אין דער פרעסע געוויסע לויב־ווערטער צו זיין מדינה, פאַר אירע אָנשטרענגונגען, וואָס זי האָט געמאכט אויף צו ראַטעווען יידן. בלום איז געווען א קריסט, אָבער רעדנדיק וועגן די היטלער־רדיפות פלעגט ער זיך איבערנעמען ביז טרערן.

דער פראַנצויזישער געזאַנדטער, הער י. שאַטאַניאַ, איז געווען פון בכבודיקן אַגזען אינעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס און אויך געווען געשעצט דורך די רוסן. אין צייט פון דער מלחמה האָט ער זיך געפּר־

נען אין ביירוט ווי דער פאָרשטייער פון דעם פרייען פראַנקרייך, האָט געקענט ארץ־ישראל, איז געווען געניט אין אראַבישע ענינים, האָט גוט געוווּסט וועגן דער געשיכטע פון אונדזער קאָלאָניזאַציע און וועגן דעם ווערק פון באַראָן ראָטשילד, אויך וועגן די טעטיקייטן פון דוד הכהן אין יענע טעג און האָט געקענט אונדזער מאָריס פישער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אלס ישראל־געזאַנדטער אין פאַריז. אין דער פאַרגאַנגענהייט איז ער געווען גאָווערנער פון אַלזשיר, און אין דער באַגעגעניש מיט אונדז האָט ער אַרויסגעוויזן אַ שאַרפע נעגאַטיווע באַציאונג צו אראַבער און אויסגעדריקט זיין זיכערקייט, אַז די ענגלענדער וועלן נאָך דערשפּירן ביי זיי דעם טעם, וועלכן די פראַנצויזן האָבן שוין געפּילט.

דער געזאַנדטער פון שוועדן אין מאָסקווע, ראַלף סאָהלמאַן, אַז מיר האָבן אים באַזוכט איידער מען האָט דערמאָרדעט בערנאַדאָטן, האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס געניטשאַפט אין אונדזערע ענינים, ווייל ער איז געווען אין לייק־סאַקסעס אין 1947, אין די טעג פון דער אנטשיידונג. ער האָט זיך אויסגעפרעגט איינצלהייטן און גענויערע פּרטים אין עניין גרענעצן, מיליטער און ענלעכע, און האָט געגעבן אָנצוצוהערן, אַז בערנאַדאָט האָט נישט אָנגעפרעגט זיין רעגירונג וועגן זיינע פאָרשלאָגן.

נאָכן מאָרד האָט גאָלדע געמאַכט טרייסטונג־באַזוכן ביים פראַנצויזישן געזאַנדטן און ביים שטעל־פאַרטרעטער פונעם שוועדישן. דער ערשטער האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און אונטערגעשטראָכענע פריינטשאַפט, דער צווייטער האָט אויסגעזען צאָרנדיק, געהערט און כמעט ווי נישט רעאַגירט.

האָלאַנדס געזאַנדטער, הער ק. וויסער, איז אין דער מלחמה־צייט געווען געזאַנדטער אין טערקיי. געווען איז דאָס אַ מענטש אַ וואַכער, פריילעך און וויציק. לויט זיינע רייד האָט ער פיל געהאָלפן אונדזערע מענטשן אין רעטונג־ווערק. ער האָט געקענט דעם רב הערצאָג פון זיין באַזוך אין טערקיי, האָט זיך אויך פיל אינטערעסירט אין די פּרטים פון בערנאַדאָטס פאָרשלאָגן און אונדזער מיינונג וועגן זיי. ווי אַ סך אַנדערע אין משך פון די צוויי וואָכן, האָט אויך ער זיך געפרעגט וועגן דער באַדייטונג פון ערענבורגס אַרטיקל און וואָס מיר זאָגן וועגן דעם. ער האָט אויך געטענהט, אַז עס איז נישט מעגלעך גאָלדע זאָל נישט האָבן קיין אָפיציעלן דיפּלאָמאַטישן אוניפאָרם און צוגעזאָגט צו שיקן איר אזא מאָדעל...

דער איטאַליענישער געזאַנדטער, באַראָן מאַנליאָ בראָזיאָ*) האָט אונדז אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט און אויסגעדריקט צער פאַר־

---

*) שפעטער געוואָרן גענעראַל־דירעקטאָר פון נאַט״אָ און האַלט דעם אַמט ביז היינט

וואָס זיין מדינה האָט אונדז נאָך נישט אָנערקענט. א מיטגליד אין דער רעפּובליקאנישער פּארטיי, האָט ער דערציילט געניי וועגן די פּארטייאישע מחלוקתן אין זיין לאנד און האָט אויסגעדריקט זיין שטאַרקע זאָרג פאר דער צוקונפט. פון דעסטוועגן, אז אין זיין געזאנדשאפט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט געווידמעט דעם זעלבשטענדיקייט־טאָג פון איטאַליע, האָבן מיר קיין איינלאדונגען נישט באַקומען. מיר האָבן געהאלטן, אז אין דעם שטעקט אפשר בריטישע השפּעה.

דער געזאנדטער פון בולגאריע, נאוגען ניקאָלאָוו, איז געווען א פאָלקס־משכיל לויטן סטיל פון די רוסישע ליבעראלן פונעם אלטן דור. אַ נאאיווער און ליבער מענטש. ער האָט צוריקגעגעבן גאָלדען א וויזיט צוזאמען מיט זיין פרוי. ווי א פולער פריינט פון אונדזער זאַך האָט ער לאנג זיך באמיט צו באווייזן, אַז עס איז נישט דאָ קיין שלעכטס אין ערענבורגס ארטיקל — ער איז געפלאסטערט דורך און דורך רק מיט גוטע כוונות. לויט ווי ער האָט אונדז דערציילט גרייט זיך זיין רעגירונג צו דערלויבן נאָך 14000 יידן — נאָך די 10 טויזנט, וואָס האָבן שוין עולה געווען — ארויסצופאָרן קיין ישראל.

„עס איז פאראן אַ געפאר, אַז מיר וועלן בלייבן אינגאנצן אָן יידן", האָט ער געזאָגט, „דערפאר אָבער וועלן מיר האָבן א שטאַרקע בולגארישע קאָלאָניע ביי אייך".

צום זיבעטן און אכטן נאָוועמבער — די יום־טוב־טעג פון דער רעוואָלוציע זענען פאָרגעקומען פיל צוגרייטונגען: אַ גרינטלעכע רייניקונג פון די גאַסן, רעמאָנטן פון הייזער, אַ רייכערער אויסוואל פון שפייזן אין די געשעפטן, אויפשטעלן בינעס אויף שטאָטישע פלעצער, אויספוצונגען מיט פארביקע דעקאָראציעס, טויזנטער, טויזנטער פענער, באלויכטונגען וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג און בילדער — בילדער פונעם מנהיג און זיינע באַהעלפער, בילדער גרויסע און גאָר גרויסע, און נאָך גרעסערע, ווו דו זאָלסט זיך נישט ווענדן — אויף די הייזער, אויף די פלויטן, אויף די טראמווייען, טראָלייבוסן און קיאָסקן, אינעווייניק און אויסנווייניק, אָן סוף און אָן צאָל. אויך אונדזער האָטעל איז געוואָרן אויסגעצירט ווי עס באַדאַרף צו זיין און האָט זוכה געווען צו אַ גרונט־רייניקונג, אויך צו אן אלגעמיינער איבערבייטונג פון די טעפּיכער וואָס זייער פרייז איז, לויט ווי עס זאָגט די אָנפירערין פון האָטעל — אַ פאַרמעגן.

אויף דער נאַכט צום 7־טן נאָוועמבער איז גאָלדע איינגעלאַדן געוואָרן צו דער טראדיציאָנעלער פייערלעכער זיצונג פונעם מאָסקווער סאָוויעט, ווו מאָלאָטאָוו האָט געהאַלטן אַ רעדע פון בערך אַ צוויי שעה וועגן אינערלעכן און אינטערנאציאָנאלן מצב. דער וויכטיקסטער פּאָליטישער זאץ: א בפירושע צופרידנקייט פון אויסוויילן טרומאנען, ווי אַ באַוויז פאַר דער קעגנערשאפט פון דער אמערי־

קאַנער געזעלשאַפט צו דער אָפענער רעאַקציע און צו דער טיפער שנאה צו די סאָוויעטן מצד די רעפּובליקאַנער. דער צווייטער וויכטיקער זאַך — וועגן יוגאָסלאַוויע: אַ באַפרידיקונג וואָס זיי גייען אין שפּאַן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אַן אָפּפרעגונג פון די אומגליקלעכע וועגן פון דער יוגאָסלאַווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין איר אינערן־פּאָליטיק, און אַן אויסדריקן די האָפענונג, אַז עס וועט קומען אַ טאָג און זיי וועלן ענדערן זייער וועג און צוריקקומען אַהין פון וואַנען זיי קומען אַרויס.

צומאָרגנס איז אויפן רויטן פּלאַץ פּאָרגעקומען אַ באמת מעכטיקער אויפמאַרש פון מיליטער פון יבשה, ים און לופט (עס זענען געפלויגן ביי אַ 300 עראָפּלאַנען, צווישן זיי זשעטן וואָס זענען פּאַרביי מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט), אַ שלל פון מינים און סאָרטן לייכטע און גאָר שווערע מיליטערישע אויסשטאַטונג, מאָטאָריזירטע איינהייטן, האַרמאַטן, טאַנקען און נאָך און נאָך אַלץ אין אַ וווּנדערלעכער אָרדענונג. מיר האָבן געזען און מקנא געווען, און דערביי מהרהר געווען: וואָלט כאָטש אַ טייל פון אָט דער מאַסע געווען אין די הענט פון אונדזערע בחורים, וואָלטן מיר פונאַנדערגעטריבן אונדזערע שונאים אין אַלע זייטן אַריין. נאָכן מיליטער — צענער און צענער טויזנטער אָרגאַניזירטע יוגנט, אַרבעטער און אַרבעטערינס, יונגע און אַלטע, און אַ געדיכטער וואַלד פּענער, פּלאַקאַטן און בילדער פון מנהיגים, אַ שטראָם וואָס האָט נישט אויפגעהערט אין משך פון דריי גאַנצע שעה.

פון אונדזער געזאַנדשאַפט זענען בייגעווען: גאָלדע און איך אויף דער בינע פון די דיפּלאָמאַטן, און ראַטנער — אויף דער בינע פון די מיליטער־אַטאַשעס. דאָרט האָט גערעדט מיט אים — נאָר מיט אים אויסשליסלעך — גענעראַל סלאַווין, אַנטאָנאָווס אַדיוטאַנט. מיר האָבן אויך דערהאַלטן איינלאַדונגען צו דער דעפּילאַדע פאַר גאָלדעס און מיינע טעכטער און פאַר פרוי ראַטנער מיט זייערע קינדער.

אָבער דער רעקאָרד פונעם טאָג איז געווען אָנגעגרייט פאַר אונדז ערשט אויפן אָוונט, ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער אָפיציעלער אויפנאַמע וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַרן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס ביי מאָלאָטאָוון.

אַרויסגייענדיק פון האָטעל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן ביים טויער אָן עטלעכע יידן וואָס זענען געקומען אָנקוקן די ישׂראל־פאָן, וועלכע איז אַרויפגעצויגן געוואָרן לכבוד דעם יום־טוב. זיי האָבן זיך גלייך געכאַפּט ווער מיר זענען און האָבן אונדז באַגריסט מיט „שלום עליכם”.

ביי דעם אַריינגאַנג אין מאָלאָטאָווס הויז, האָט ער און זיין פרוי און נאָך איניקע אויפגענומען די געסט. אויף דעם אָוונט זענען געווען ביי אַ 400 מענטשן, צווישן זיי באַאַמטע פון אויסערן ־ מיניסטעריום,

אייניקע מיניסטאָרן, מאַרשאַלן (אויך דער באַרימטער מאַרשאַל פון דער רויטער קאַוואַלעריע בודיאָני), פּאַרטיי־לייט און אָנפירער פון אינסטיטוציעס, אַ ביסל רוסישע קינסטלערס און שרייבערס און אויס־לענדישע זשורנאַליסטן. צווישן די מערב־פּאַרשטייערס זענען אַ טייל געווען אָנגעטון אין דיפּלאָמאַטישע אוניפאָרמען אין סטיל פון וויק־טאָריאַס צייטן, אָבער קיינער האָט זיך נישט געקאָנט גלייכן צום דענישן מיליטער־אַטאַשע מיט זיין דערשטוינענדיקן אוניפאָרם ממש פון דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה. די רוסן זענען געווען אין אוניפאָרמען, די רעשט — אין פראַקן.

אין איינעם פון די זאַלן האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער און מ׳האָט דאָרט געטאַנצט. אין צענטער פון לעצטן זאַל, לויטן סדר פון די זאַלן, איז געשטאַנען מאָלאָטאָוו אַרומגערינגלט מיט הויכגעשטעלטע רוסן, מיליטער־לייט און פון אויסערן־מיניסטעריום. פאַמעלעך, פאַמעלעך האָבן זיך דאָרט קאָנצענטרירט די הויפּט־לייט פון די געזאַנדשאַפטן (די ראַט־געבערס איז דערלויבט געווען אריינצוגיין אין אַט דעם זאַל ערשט אין אַ פערטל שעה ארום און די פּאַרשטייערס פון דער פּרעסע — ערשט אין אנדערטהאלבן שעה ארום), וואָס זענען צוגעגאנגען אים באַגריסן. אז גאָלדע איז אריינגעקומען האָט מאָלאָטאָוו זי צוגערופן צו זיין קרייז און איר געפרעגט צי זי וועט מסכים זיין מיט אים צו טרינקען אַ גלעזל „וואָדקאַ״. דאָס איז פּאַרגעקומען גראָד אין מיט פון זיין שמועס מיטן אמעריקאנער אמבאַסאַדאָר, וואָס האָט אַ ווייל זיך צוגעהערט און איז אוועק. גאָלדע האָט אים באַגריסט צום יום־טוב, האָט געלויבט דעם אויפמארש און צוגעגעבן: „הלוואי וואָלטן מיר געהאַט כאָטש אַ טייל פון אַט דער אויסשטאַטונג וואָס מיר האָבן געזען אויפן רויטן פּלאַץ״. מאָלאָטאָווס רעאַגירונג איז געווען: „נישט געדאגהט, איר וועט זיכער האָבן. אויך מיר האָבן אָנגעהויבן מיט קליינס און מיר האָבן דערגרייכט צו דעם וואָס מיר האָבן דערגרייכט״.

אָבער אַ יידיש־מענטשלעכע באַגעגעניש, וואָס האָט געמאַכט אויפציטערן דאָס האַרץ, איז געווען מיט מאָלאָטאָווס פרוי, אַ יידישקע פון אַ יאָר פופציק, וועמענס אָפיציעלער נאָמען איז זשעמטשוזשינא, נידעריקער פון מיטעלן וווקס, מיט אַן עכט יידיש פּנים. אז גאָלדע האָט פאַרענדיקט איר געשפּרעך מיט מאָלאָטאָוון איז זיין פרוי צוגע־גאַנגען צו גאָלדען, זי אַוועקגענומען אַן א זייט און מיט אָפענער פרייד איר געזאָגט: „און איך האָב אייך געזוכט די גאַנצע צייט!״ איינער פון די באַאַמטע פון אויסערן־מיניסטעריום האָט איבערגע־זעצט פון ענגליש אויף רוסיש. דערווייל בין איך צוגעקומען אויף זיין אָרט און גאָלדע איז איבערגעגאַנגען אויף עברית. אין דעם דאָזיקן שמועס וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט פראַגן וועגן לאַנד, מדינה און יישוב און מיט דורכגאַנאַנדיקע שנעלע איבערגענג פון

איין טעמע אויף אַ צווייטער, האָבן מיר איבערגעלעבט אַ כמעט ענלעכע איבערלעבעניש ווי ביי אונדזערע ערשטע באַגעגענישן מיט די מאָסקווער יידן. באַזונדערס האָבן זיך אויפגעפּראַלט די הערצער נאָך דעם ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מ׳קען רעדן יידיש. דער עניין האָט זיך לאַנג געצויגן, די פרוי איז אַרויס פון די ראַמען, זי האָט אָנגעבאַרגט פראַגן איבער פראַגן און האָט געהאַלטן אין איין רעאַגירן מיט פרייד, זי האָט צוגערופן פארשידענע פרויען, פּאַרטיי־ און רעגירונג־טוערינס, און מיט אָפענעם שטאָלץ פאָרגעשטעלט פאַר זיי די געזאַנדטע פון ישראל. צווישן אַנדערס האָט זי געזאָגט אין אַ פליסיקן ליטווישן יידיש: „מ׳האָט מיר דערציילט אַז איר גייט דאָ אין שול. זייער שיין. גייט, גייט, יידן ווילן אייך זען״. דערווייל ריידנדיק האָט זי זיך דערוווּסט, אַז שרה און יעל, גאָלדעס טאָכטער און מיין טאָכטער, געפינען זיך דאָ, נאָר אין אַן אַנדער זאַל. אויף איר פאָדערונג זענען מיר געגאַנגען אַלע אינאיינעם זיי זוכן, און ווידער האָבן זיך איבערגעחזרט אירע התפעלותדיקע אויסרופן און אַנטפלעקונגען פון יידישער ליבשאַפט וואָס האָבן געוועקט די אויפמערקזאַמקייט פון די וואָס זענען געשטאַנען אַרום.

אויף גאָלדעס פראַגע, פון וואַנען קומט צו איר אַזאַ גוטער יידיש, האָט זי געענטפערט און דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל: „איך בין דאָך אַ יידישע טאָכטער!״ אויף שרהן האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט אַ פּנים פון אַן אמתער יידישער טאָכטער מיט אַלע פּרטים; וואָס שייך יעל, דאָ האָט זי אַ ביסל אונטערגעצווייפלט. שרה האָט געדינט ווי אַ לעבעדיקער ביישפּיל אויף צו קאָנען רעדן וועגן נגב און וועגן קיבוץ, אָבער אַז מ׳האָט באַרירט דעם סיסטעם פון אַבסאָלוטער גלייכהייט און פולער שותפות אין דער ארבעט און אין לעבן, האָט זי געזאָגט אַז דאָס לייגט זיך איר נישט אויפן שכל, עס געפעלט איר נישט אויך צוליב דעם וואָס: „ביי אַזעלכע באַדינגונגען וועלן נישט אַלע יידן מסכים זיין פאָרן צו אייך״. זי האָט צוגערעדט די טעכטער אונדזערע זיי זאָלן זיך לערנען רוסיש, זיי זאָלן פלייסיק שטודירן סטאַלינס לערע און דאָס וועט זיי גוטס טון. זי האָט זיך געזעגנט מיט ווערטער וואָס גייען ארויס פונעם הארץ, בעת טרערן האָבן געפינקלט אין אירע אויגן: „איך ווינטש אייך ס׳זאָל אייך דאָרט זיין גוט, דאַן וועט אלע יידן גוט זיין״.

דער בולגאַרישער געזאנדטער איז צוגעגאנגען צו גאָלדען און אויסגעדריקט זיין פרייד וואָס זי, און די גרופּע פון אונדזער געזאַנדשאַפט בכלל גענומען, זענען געווען „אין צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאמקייט״ אויף דעם דאָזיקן אויפנעם. צומאָרגנס האָט דאָס זעלבע געזאָגט דער אמעריקאנער בעדל סמיט צו הענרי שאַפּיראָ פון „יו. פּי״.

פון די אלע אנדערע באַגעגענישן אויף דעם דאָזיקן אָוונט איז ווערט געווען צו באַצייכענען דאָס געשפּרעך מיט פּאָפּאָוואַ, די סעקרעטאַרין אין דער צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן און פאָרזיצערין פון דער אַנטי־פאַשיסטישער פרויען־אָרגאַניזאַציע. זי האָט זיך פאַראינטערעסירט מכוח דער ארבעטערינס־באַוועגונג אין לאַנד און האָט זיך נאָכגעפרעגט צי מיר וועלן זיך באַטייליקן אין וועלט־קאָנגרעס פון דער אויבנדערמאָנטער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט פאָר־קומען דעם 1־טן דעצעמבער אין בודאַפּעשט. מיר האָבן איר געענט־פערט, אַז אויב מען האָט אונדז געשיקט אַן איינלאַדונג וועלן מיר זיך זיכער באַטייליקן. מיר האָבן איר דערציילט וועגן דעם זשורנאַל „דבר הפועלת" און וועגן דער רעדאַקטאָרין וואָס פאַרשטייט אויך רוסיש (רחל שזר־כצנלסון). פּאָפּאָווא איז פאַראַיאָרן געווען אויפן ראַט פון פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל און איך קען זי פון דאָרט. מיט איר איז אויך געווען קאָזלאָוואַ, די וויצע־פאָרזיצערין פון אָט דער אָרגאַ־ניזאַציע און אויך די פּאַרטיי־סעקרעטאַרין פאַר דעם מאָסקווער ראַיאָן, וואָס איר נאָמען איז אונדז נישט באַקאַנט געוואָרן. מיר האָבן זיך אויך באַגעגנט מיט קיסלאָוואַ פון „וואָקס", מיטן דיכטער מיכאַלקאָוו, וואָס האָט נאָך אַמאָל געבעטן מיר זאָלן אים שיקן העברעאישע קינדער־לידער (מיר האָבן אים דערנאָך געשיקט די איינציקע קליינע און האַרציקע זאַמלונג וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט ביי זיך „שירי ערש" (וויג־לידער) אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „דבר"). עס זענען אונדז אויך פאָרבייגעגאַנגען ערענבורג און זיין פרוי. ער האָט גאָלדען דער־לאַנגט די האַנט און זיך גלייך אָפּגעטראָגן, נישט אַרויסרעדנדיק קיין איין וואָרט. אויף דעם אָוונט איז אויך געווען גראָמיקאָ, אָבער מיר האָבן אים נישט באַמערקט, ערשט צומאָרגנס האָבן מיר זיך וועגן דעם דערוווּסט. אין אייניקע טעג אַרום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע, אַז עס איז אים צוגעטיילט געוואָרן אַ גרויסע סאָוויע־טישע אויסצייכענונג און גאָלדע האָט אים געשיקט אַ באַגריסונגס־בריוו.

עס האָט זיך אָנגעזען דאָס פעלן פון די פּאָליטיקער ווי ליטווינאָוו און מאַיסקי *). דער מעמד פון ליטווינאָוון איז שטאַרק געפאַלן. אינעם ערשטן באַנד פון „דיפּלאָמאַטישן ווערטער־בוך" וואָס איז אין יענע טעג דערשינען, איז זיין נאָמען נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דער רשימה פון די מחברים, וואָס זייער צאָל איז געווען אַריבער 60. דאָ־קעגן אין דער בראָשור „די פעלשער פון דער היסטאָריע", אַן אָפּי־

---

*) גאָלדע, וואָס איז איינגעלאַדן געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אָנפירער פון די געזאַנדשאַפטן אויפן יובל־אָוונט פונעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער, האָט אים דאָרטן געזען פון דער ווייטנס.

ציעלע אויסגאבע פונעם אויסערן־מיניסטעריום וואָס איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן קעגנאיבער דעם אנגלאָ־זאקסישן דאָקומענטן־בוך וועגן דער תקופה פון דעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו פאקט, געפינט זיך שווארץ אויף ווייס, אַ זאַץ וואָס איז דערשיטערנדיק מיט זיין פאַרשעמונג. עס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז עס איז נישט אמת, אז ליטווינאָוו איז דאַן פארביטן געוואָרן דורך מאָלאָטאָוו צוליב מיינונגס־פארשיידנקייטן אין ענינים פון אויסערן־פּאָליטיק, נאָר: „אין די פאַרפלאָנטערטע אומ־שטענדן פון דער פאַשיסטישער אַנגרייפערישער צוגרייטונג צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ענגלאנד און פראַנקרייך האָבן געהאָלפן און געשטופּט די אַנגרייפערס צו דער מלחמה קעגן ס.ס.ס.ר. און הינ־טער זייערע פּלייצעס זענען געשטאַנען די פאראייניקטע שטאַטן, איז געווען נויטיק, אַז אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע, ווי פאָלקס־קאָמי־סאַר פאר אויסערן־ענינים, זאָל האַלטן אַ מער דערפאַרענער פּאָליטיקער און אַ מער פּאָפּולערער אין לאנד ווי מ. מ. ליטווינאָוו (מיין קורסיוו — מ. נ.).

די באַגריסונגס־טעלעגראַמע פון דוד בן־גוריון צו י. סטאַלין איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינגאנצן און אויף אַן אָנגעזעען אָרט, ווי די באַגריסונגען פון אנדערע מדינות, פון מזרח און פון מערב. פון ענג־לאנד און פון די פאראייניקטע שטאַטן זענען קיין באגריסונגען נישט געווען. אינעם אינהאלט און אויך אין דער צאָל שורות איז בן־גוריונס באגריסונג פּונקט אין מיטן צווישן דעם קורצן נוסח, דעם אָפיציעלן און טרוקענעם פון די מערבדיקע טעלעגראַמעס און די אראבישע און צווישן די לאַנגע תשבחות און לויבערייען פונעם מזרח־בלאָק. צו מאָרגנס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, צווישן די באַגריסונגען פון די קאָמוניסטישע פארטייען אין דער וועלט, אויך די באגריסונג פון דער „המפלגה הקומוניסטית העברית בישראל" אונטערגעשריבן פרע־מינגער און זאבארי. אונדז האָט געוווּנדערט הלמאי האָבן דאָס זוכה געווען דווקא די „טראָצקיסטן" און נישט מיקוניס...

א טאָג, אַן אַנגעפּראַפּטער מיט איינדרוקן, איז געווען פאַר אונדז דער 29־טער נאָוועמבער, און דאָס דער עיקר צוליב די אויפנאַמעס וואָס זענען פאָרגעקומען בייטאָג און אין אָוונט.

די ערשטע איז פאָרגעקומען ביי די יוגאָסלאוון צוליבן טאָג פון זייער זעלבשטענדיקייט־יום־טוב. צוליב דעם אויפרייס אין די באַצי־אונגען צווישן מאָסקווע און טיטאָ זענען בייגעווען די פאַרשטייערס פון אַלע געזאַנדשאַפטן, אַן אויסנאַם, די רוסן דאקעגן האָבן זיך באַ־גנוגנט מיט זייער אַן אָרעמער פאַרשטייערשאַפט; אַן אָרעמקייט אַ דעמאָנסטראַטיווע: עס זענען געקומען בלויז דער צערעמאָניאַל־מי־ניסטער מאָלאָטשקאָוו, קיסילאָווא פון „וואָקס", אַ נידעריקער באאַמ־טער פון אויסערן־מיניסטעריום און קוזמינסקי דער צערעמאָניאַל־

מייסטער פונעם מיניסטעריום פארן אויסערן האנדל. יאָ, אין מאָסקווע האָט שוין די מחיצה צווישן מזרח און מערב געהאלטן אין איין פאַרברייטערן זיך און פאַרטיפן אויך אין פערזענלעכן קאָנטאַקט און ביי געזעלשאפטלעכע באַגעגענישן: באלד נאָכן באַגריסן זיך און דריקן די הענט איז דאָס גאַנצע בינטל זיך פונאַנדערגעפאַלן אויף קליינע גרופּעס — די מערב־מענטשן שמועסן צווישן זיך און דאָס זעלבע די מענטשן פון מזרח. אַן אויסנאַם זענען געווען די פינלענדער, די יוגאָסלאַוון און אונדזער געזאנדשאַפט, אביסל אויך די סקאַנדינאַוון — זיי זענען געווען גרייט צו טרעפן זיך מיט אַלעמען, אַן אויסנאַם זענען געווען די רוסן, וואָס זענען געווען „ברוגז" מיט די פינלענדער און יוגאָסלאַוון, און די איסלאַם־לענדער — מיט אונדז.

אין פאַרלויף פונעם אָוונט זענען מיר געקומען צו דער זעלבשטענדיקייט־פייערונג פון די אַלבאַנער: איך און יעל און ראַטנער מיט זיין פרוי. דאָ איז געווען אַן עולם פון עטלעכע הונדערט מענטשן, אָבער נאָר פאָרשטייערס פונעם מזרח־בלאָק און א סך רוסן פון אויסערן־מיניסטעריום און פון מיניסטעריום פאר האנדל מיט אויסלאנד, וואָק"ס, מיליטער־לייט און באַרימטע פערזענלעכקייטן פון די וויסנשאַפט־קרייזן, ליטעראַטור־ און קונסט־קרייזן, צווישן זיי זאָרין, מאָלאַטאָווס שטעל־פאַרטרעטער און ערענבורג. פונעם מערב־צד איז נאָר געווען, ווי ווייט מיר האָבן געקאָנט באַמערקן, איין מענטש, דער פראנצויזישער מיליטער־אטאשע, מעגלעך אז ער איז געשיקט געוואָרן אהער אין נאָמען פון אלע אָפּוועזנדיקע, נישט כדי אָנצוטאָן כבוד די אלבאנער נאָר וועגן צוקוקן זיך און אינפאָרמאַציע. עס איז געווען קלאָר, אַז אַ טייל פון די געזאנדשאפטן זענען בכוונה נישט איינגעלאדן געוואָרן, מחמת עס זענען געווען פיל מדינות וואָס האָבן נישט אָנערקענט אלבאניע, עס זענען אָבער אויך נישט געקומען, עס זעט אויס — אָרגאניזירט, די פון די געזאנדטע וואָס זענען יאָ איינגעלאדן געוואָרן. אויך אָן אַראַבער און אינדיער האָבן מיר זיך נישט אָנגעשטויסן. עס איז, אויב אזוי, געווען אין דער אָ מסיבה א טאָפּלטע דיפּלאָמאַטישע דעמאָנסטראציע, וועלכע האָט בולט געמאכט דעם אונטערשייד מיט דער יוגאָסלאווישער מסיבה, וואָס איז פאָרגעקומען אַביסל פריער. אַ רייכע באַטייליקונג פון הויכגעשטעלטע רוסן און אַן אבסאָלוטער באָיקאָט פון די מערב־לענדער. און ווידער זענען מיר ישראלים געווען אין דער מיטן און אין צווייערליי באדייטן: קיינער פון די מערבדיקע האָט נישט געפּרוווט אונדז אריינעמען אינעם בונד פון די באָיקאָטירער קעגן די אלבאנער, פּונקט ווי אין א צווייטן פאַל האָט מען אונדז נישט איינגעלאדן צו א מצומצמדיקער מסיבה פונעם סאָוויעטישן בלאָק, פאַר וועמען עס איז געמאכט געוואָרן גרויס רעקלאַמע אין דער פּרעסע (א קבלת־פּנים פאר א פראָמינענטער האנדלס־

דעלעגאציע פון פוילן, צו וועלכן עס זענען איינגעלאדן געוואָרן רוסן, רומענער, בולגארן, אלבאנער, טשעכאָסלאָוואקן און עס זענען נישט איינגעלאדן געוואָרן די יוגאָסלאַוון און די פינלענדער).

שוין אין אָנהויב פון דער מסיבה האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אין פילם־רעזשיסער מ. דאַנסקוי, וואָס איז גלייך צו אונדז צוגעקלעפּט געוואָרן מיט יידישער התלהבות און האָט אונדז נישט אָפּגעלאָזט אפילו נישט אויף איין מינוט, אין משך פון גאַנצע פינף שעה. ער האָט א סך געפרעגט און א סך גערעדט, ער האָט זיך זייער פאראינטערעסירט צי איז טאקע בן־גוריון א געוועזענער „פועלי ציוניק" און צי איז אויף אָן אמת אזוי קליין דער כוח פון די קאָמוניסטן ביי אונדז. די ענטפערס, וואָס ר'האָט באקומען האָבן אים, זעט אויס, ניט שטארק מצער געוועזן. אין זיין קינדהייט האָט ער געלערנט אין „חדר", ער געדענקט נאָך חומש מיט רש"י און זיין אמתער נאָמען איז נישט מאַרק סאָמ־סאָנאָוויטש, נאָר „מרדכי בן שמשון — שמשון הגבור" (!). צייטנ־ווייז האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אונדזערס אַ מענטש: דאָס הארץ גייט אים אויס צו באזוכן דאָס לאנד, ער איז זיכער, אז ער וואָלט מצליח געוועזן צו שאַפן אַן „אקטועלן" און אויסגעצייכנטן פילם ווען מען וואָלט אים נאָר דערמעגלעכט צו טאָן אין דעם. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט באַלשאַקאָוון, דעם מיניסטער פאר קינאָמאטאָגראַ־פיע (אָן סוף זענען די צאָלן פון די מיניסטעריומס אין ראטנפארבאנד — א סך צענדליקער, לויט די צווייגן פון באַזונדערע טעטיקייטן). דעם מיניסטערס ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער, אויב עס וועט קומען א פרינציפיעלע הסכמה פון אויסערן־מיניסטעריום. דאַנסקוי האָט גע־זאָגט, אז ער וועט זיך נויטיקן אין א 3־4 געהילפן פון רוסלאנד. איך האָב אים צוגעזאָגט צו בעטן גאָלדען, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויף דער אונ"אָ־פארזאמלונג אין פאריז, זי זאָל באַהאַנדלען די פראַ־גע מיט די, וואָס באַשעפטיקן זיך דערמיט אין לאנד און נאָך דעם וועלן מיר זיך קאָנען ווענדן צום אויסערן־מיניסטעריום דאָ מיט דער פאסיקער בקשה — און מיר האָבן ווירקלעך געשיקט אַ טעלעגראמע צו גאָלדען קיין פאריז וועגן דעם ענין. קומענדיק צוריק אין האָטעל איז צופעליק געוועזן אָנגעקומען דער „דבר השבוע" און אין אים איז געווען אַן אַרטיקל וועגן דאַנסקוין מיט זיין בילד. מיר האָבן געשיקט צו אים אהיים דעם זשורנאל צוזאמען מיט נאָך אילוסטרירטע מאַטע ריאלן. צווישן אנדערן האָט דאַנסקוי דערציילט, אז רוזוועלט האָט אמאָל געזען זיינע פילמען און איז געווען באגייסטערט פון זיין ארבעט, און עס איז צווישן זיי פאָרגעקומען א בריוו־אויסטויש.

אין משך פון שמועס האָט דאַנסקוי געפרעגט פארוואָס מיר האָבן נאָך נישט איינגעאָרדנט קיין שום מסיבה אין אונדזער געזאנדשאפט, דאָס וואָלט דאָך דערמעגלעכט נאָך אמאָל זיך צו טרעפן מיט געזעל־

שאפטלעכע מענטשן און אפשר באזונדערס דאָס איינלאדן פון יידישע פערזענלעכקייטן. ער לייגט פאָר, צווישן אַנדערע, דוד דראַגונסקי, גווארדיע־פּאָלקאָווניק, וואָס איז צוויי מאָל באלוינט געוואָרן מיטן טיטל העלד פון ראטנפארבאנד און עס שטאָלצירן מיט אים אלע יידן פון רוסלאנד, ער איז א מיטגליד אין אנטי־פאשיסטישן קאָמיטעט — מיר זאָלן נישט פארגעסן אים איינצולאדן. וועגן דעם דאָזיקן אָפיציר האָט אין זיין צייט דערציילט אין לאַנד דער דיכטער סוצקעווער *). אין דעם ליטעראַרישן זאמלבוך „היימלאנד״ (ארויסגעגעבן דורך דער „אייניקייט״) וואָס איז דאָ דערשינען, זענען געוועז אָפּגעדרוקט אביסל זכרונות זיינע וועגן דאָס איינגעמען בערלין. די זכרונות פאַרמאָגן נישט אין זיך קיין שום באזונדערס, זיי זענען געשריבן אין געוויינלעכן נוסח פון סאָוויעטישע קריגס־פארצייכענונגען. צווישן אנדערן איז דאָרט דערציילט: „איך בין שווער פארוואונדעט געוואָרן. איך בין געשטאַנען אין שפּיץ פון אַ טאַנק־בריגאַדע, וואָס אויף איר פאָן האָבן זיך געפונען דריי אויסצייכענונגען, קראסנאָזנאמיעני, סוואָראָוו און... באָגדאַן כמיעלניצקי״.

דאָנסקוי האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט צי מיר וועלן אמאָל דעמאָנסטרירן אַ ישראל־פילם (די אלבאנער האָבן דעמאָנסטרירט פאַר די מיטגלידער פון די געזאנדשאַפטן דעם פילם „דאָס נייע אלבאניע״, רעזשיסירט דורך קאָפּאַלין). נאָך דעם ווי מיר האָבן אים צוגעזאָגט, אַז בקרוב „וועט אַלץ זיין״, — אי אַ מסיבה און אי אַ פילם — אַז

---

*) צו דעם דאָזיקן אנטי־פאשיסטישן קאָמיטעט האָבן זיך אָנגעקערט נאָך אייניקע העלדישע יידישע מיליטער־לייט; דער מאַיאָר קאַץ, דער פּאָלקאָווניק ראוועלסקי און דער גענעראל קרייזער. ראוועלסקי וואָס האָט געהערט צו דעם שטאַב פון מאַרשאַל טשערניכאָווסקי, האָט זיך אויסגעצייכנט אין יידישע ענינים, באזונדערס אין די באלטישע לענדער. גלייך נאָכן פאַרנעמען מזרח־פּרייסן האָט ער זיך אינגאנצן אָפּגעגעבן מיט ראטעווען יידישע קינדער פון דער שארית הפליטה. דורך זיין איניציאטיוו זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אינטערנאטן און ער האָט זיך באמיט וועגן זייער אפּראָוויזאציע דורכן אַריבערפירן גרויסע טראנספּאָרטן מיט דייטשישע בהמות און ענלעכעס קיין ווילנע. וואָס שייך דעם גענעראל קרייזער — האָט אמאָל ראטנערן געטראָפן, אז איינער אַ יונגערמאן איז צו אים צוגעגאנגען אין גאַס, גייענדיק אין שפּעטער שעה ביינאכט פון טעאטער און האָט אים געזאָגט, אז ער האָט ראַטנערן געזען אין שול און אז גענעראל קרייזער, וואָס ווילט איצט אין מאָסקווע וואָלט געוואָלט מיט אים רעדן. ראַטנער האָט אויסגעמיטן צו געבן אַ באַלדיקן ענטפער אויפן אָרט און זיך אָפּגעשמועסט מיטן יונגנמאן ער זאָל קומען מאָרגן אין אַ באַשטימטער שעה אין האָטעל „מעטראָפּאָל״. דער בחור איז נישט געקומען.

מירן נאָך אריבער אין אונדזער סטאַבילער וווינונג, האָט עס אים צו־פרידנגעשטעלט.

אַז מיר האָבן זיך שוין געגרייט אוועקצוגיין און שוין גרייט געווען זיך צו געזעגענען מיט די גאַסט־געבערס, האָט דאַנסקוי באַמערקט ערענבורגן, שטייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע מענטשן און מיט אַ גלעזל אין דער האַנט. איז ער צו צו אים, אים עפּעס געזאָגט און האָט צוגערופן מיך מיט יעלן, מיר זאָלן זיך מצטרף זיין צו זייער געזעלשאַפט (איך האָב באַדויערט וואָס ראַטנער מיט זיין פרוי זענען אינצווישן אַוועק אהיים; עס איז וויכטיק געווען ער זאָל זען מיט זיינע אייגענע אויגן אונדזערס א מיליטער־מאַן) עס זענען דאָ געווען דער אַלבאַנישער געזאַנדטער, דער בולגאַרישער, איינער פון דער פּוילישער געזאַנדשאַפט און נאָך עטלעכע אַלבאַנער, אַלע רוסיש־רעדנדיקע. נאָכן אויסטרינקען אַ טאָסט לכבוד אַלבאַניע, האָט מיך ערענבורג געפרעגט וואָס איז געווען מיין מוטער־שפּראַך און וואָס — יעלס. דער ענטפער איז געווען: מיין — יידיש, איר מוטערשפּראַך — עברית. יעל האָט אים דערציילט, אַז זי האָט געלייענט זיין בוך „דער שטורעם" אין עברית. ערענבורג, וואָס געוויינלעך איז זיין בליק ווי אַביסל פאַרשלאָפן, ווי ער וואָלט נישט גענוג גוט באַמערקט זיינע מיט־שמועסער׳ס, האָט זיך אויפגעוועקט און געזאָגט מיט א טאָן פון פאַרקלאָגן זיך: „ביז איצט האָט מען מיך נישט מזכה געווען אפילו מיטן שיקן מיר מיין אייגן בוך. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך וועל באַשטעלן אין לאַנד און וועל עס אים באַזאָרגן. ביי דער געלעגנהייט איז דער שמועס אַרויף צום „עצם פּראָבלעם".

פאַקטיש האָט אָנגעהויבן דאַנסקוי, וואָס האָט געזאָגט: „קוק, חבר ערענבורג, איך האָב היינט געהערט פון נמירס מויל, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע עליה פון יידן קיין ישראל און אַז אַלע שאַנסן זענען דערפאַר, אַז זי וועט כסדר זיך פאַרשטאַרקן. אָבער וואָס וועט זיין, אַז די יידישע אימיגראַנטן דאָרט וועלן זיין בלויז פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער? צי זענען מיר פאַראינטערעסירט, אַז די באַפעלקערונג פון דעם דאָזיקן נייעם לאַנד זאָל באַשטיין בלויז פון די, וואָס האָבן באַקומען א בורזשואזע דערציאונג און דער עיקר אַן אנגלאָ־זאַקסישע? איז דאָס אין איינקלאַנג מיט אונדזערע אינטערעסן? (לויטן נוסח פון אָט די רייד האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז דאָס איז אַ טייל פון אַ וויכוח, וואָס זיין אָנהויב איז געווען ערגעץ אַנדערש ווו).

ערענבורג האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין: ראַטנפאַרבאַנד מישט זיך נישט אריין אין די אינעווייניקסטע ענינים פון פרעמדע, און זי האָט אויך נישט קיין באַדערפעניש דערצו. איר עצם עקזיסטענץ אויף דעם ערד־קיילעך איז גענוג אויף צו פאַרזיכערן איר השפּעה, פּונקט ווי דער גאַלפשטראָם האָט נישט קיין באַדערפעניש זיך

„אריינצומישן״ אין די קאַלטע וואַסערן — זיין עצם עקזיסטענץ דערוואַרעמט זיי שוין. די יידישע מדינה וועט קאָנצענטרירן יידישע פּליטים פון די לאַגערן, פון דייטשלאַנד און פון אַנדערע ערטער, און גענוג. דערווייל איילן זיך אויך נישט די אַמעריקאַנער יידן עולה צו זיין, זיי באַגנוגענען זיך מיטן געבן דאָלאַרן. „איך בין דאָרט געווען, און די זאַכן זענען מיר קלאָר״. אמת, די יידן האָבן פאַרטריבן די ענגלענדער פון פּאַלעסטינע, און עס קומט זיי מיט פולע רעכט סימפּאַטיע, כאָטש דער אמת פאַרפליכטעט נישט צו פאַרגעסן, אַז מיט זייער כוח אליין איז א ספק צי זיי וואָלטן מצליח געווען. ווען נישט דער עגאָאיסטישער חשבון פון די אַמעריקאַנער, וואָס עס איז זיי באַקוועם דאָס באַזייטיקן די ענגלענדער פון דעם ווינקל אין מזרח, וואָלטן זיי געפונען אַ וועג דאָס צו פאַרמיידן, און ווער ווייסט צי די יידן וואָלטן דאַן געווען געקאָנט אויסשטיין דעם פּרוּוו.

דאָנסקוי, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד — ווי אַלע אַנדערע אין אָט דער געזעלשאַפט — מיט העכסטן רעספּעקט און אפילו מיט הסכמה־שמייכלען וואָס פאַרמאָגן אין זיך אַ קאַפּעלע חניפה, גלייך ווי עס וואָלט דאָס מאָל זיך געשיט פּערל פון ערענבורגס מויל, האָט פונדעסטוועגן געוואגט אריינצופלעכטן אַ קעגן־באַמערקונג, ווען אפילו מיט ווייכע שמן־זיתדיקע רייד און מיט א צידקותדיק קול: „אמת, אמת, איליא גריגאָריעוויטש, אַ קליין פאָלק, קליין אויף אַן אמת, אָבער... האָסט דאָך אַמאָל געזאָגט, אַז נישט אַלע קליינע פעלקער זענען פאַקטיש קליין, האָסט געזאָגט: ס׳איז פאַראַן אמאָל אַ קליין פאָלק, וואָס איז גרויס (וועליקי נאַראָד)״. ערענבורגס ענטפער איז נישט געווען אינגאַנצן לויט דער לאָגישער ליניע פון געשפּרעך, זאָגנדיק: „מסכים, מסכים. אין אַלגעמיין איז מיר לייכטער מיט קליינע ציפערן. איך האָב זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט אין חשבון, און נאָך אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע בין איך דורכגעפאַלן אין מאַטעמאַטיק. אָבער אויב דו ווילסט וויסן מיין שטעלונג וועל איך דיר זאָגן אָפן: איך בין, בעצם, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, און דער גאַנצער ענין פעלקער, קליינע ווי גרויסע, פאַראינטערעסירט מיך כלל נישט״.

אויף מיין באַמערקונג, אַז עס איז נישטאָ קיין שום געמיינזאַמעס צווישן אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס זיין עיקר איז סאָלידאַריטעט צווישן פעלקער, און צווישן קאָסמאָפּאָליטיזם (אין דער סאָוויעטישער פּובליציסטיק איז נישט געווען קיין ערגערער פּסול ווי קאָסמאָפּאָליטיזם), האָט ער דערויף רעאַגירט אויף אַ משונהדיקן אופן: „הערט, מיינע פריינט״, האָט ער א זאָג געטון, „עס איז געווען אַמאָל אין שפּאַניע פעדראָ דער גרויזאַמער. האָט געטראָפן, אַז ער האָט זיך אַמאָל אָנגעשטויסן אָן א זייער פאַרפּלאָנטערטער פראַגע און נישט געוווּסט איר באַשייד האָט ער זיך געוואָנדן צו צוויי פון זיינע ראַטגעבערס און פאַרלאַנגט פון זיי, זיי זאָלן אים העלפן. איינער פון זיי אַ קריסט,

מאַרקיז דע סאַנטיאַגאָ, דער צווייטער א ייד — רבי שם־טוב". ערענ־בורג האָט אָנגעהויבן דעקלאַמירן אין פּערזן, אין שפּאַניש, די ענט־פערס פון די עצה־געבערס, דערנאָך האָט ער געלייענט די איבער־זעצונג אין רוסיש, ווידער אין פּערזן, און אַלץ באריכות.

שווער צו געדענקען דעם סיפּור המעשה און אוודאי איז נישט לייכט צו ציטירן ערענבורגן, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז רבי שם־טוב האָט מנצח געווען און פּעדראָ דער גרויזאַמער האָט אָנגענומען די עצה פונעם ייד. אַלע ארומיקע זענען געווען איבעראַשט פון דער גרויסער קענטשאַפט פונעם פּאָרערטן שרייבער און האָבן אויסגע־דריקט זייער התפּעלות. נאָר איך האָב זיך געפילט נעבעכדיקער פון אַלע, ווייל איך בין נישט מסוגל געווען צו באַנעמען די טיפקייט פונעם ענין און פון דער אומפּעאיקייט דאָס צו באַגרייפן איז מיר נישט קלאָר געוואָרן דער צוזאַמענהאַנג. מעגלעך, אַז ער איז אויסן געווען פּעדראָס אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס האָט גיכער אָנגענומען די עצה פונעם ייד, ווי די עצה פונעם קריסט. און אפשר האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן די גרויסקייט פונעם רבין פון א „קליין פאָלק". איי־בערן מארקיז דעם זון פון א „גרויס פאָלק", און אפשר האָט ער גע־וואָלט סתם דערציילן א מעשה מיט א ייד און דערמיט באווייזן זיין קענטשאפט איז היסטאָריע און אין ליטעראַטור?

און מעגלעך, און דאָס איז דער עיקר, ער האָט בכוונה געוואָלט אַריבערלויפן, פאַר יעדן פּרייז, אויף אַ יידישער טעמע, אַ נישט ציור־ניסטישע. וואָס פאַרמאָגט אָבער אַ דערהויבונג? — איין גאָט ווייסט דעם אמת.

איך האָב נישט באַשטרייט און נישט אָפּגעפרעגט, כדי נישט קאַ־ליע צו מאכן די שטימונג. דאַקעגן האָב איך אים איינגעלאַדן ער זאָל באַזוכן דאָס לאַנד, ווו ער האָט דאָרט א סך לייענערס און פאַרערערס און עס איז אים פאַרזיכערט א האַרציקע הכנסת אורחים — און עס איז אויך דאָ וואָס צו זען. ערענבורג האָט אביסל אויפגעדעקט זיינע קאָרטן: „איך וועל באַזוכן, זיכער וועל איך באַזוכן, אָבער נישט איצט. היינט וואָלט אַזאַ באַזוך אויסגעזען ווי א פּאָליטישער אַקט". איך האָב נאָך יישט באַוויזן צו פרעגן. וווהין צילן זיינע רייד און ער איז אינגאַנצן שוין ווייטער מיט זיינס — אויבנאויפיק רואיק, עס האָט זיך אָבער אויך געמערקט אַן איינגעהאַלטענער פאַרדראָס. ער האָט געלייענט וועגן די אַלע אַרטיקלען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן קעגן אים אין לאַנד: מען רופט אים דאָרט „אסימילאַטאָר", „פאַרעטער פון יידישן פאָלק" א. אַנד. איך האָב מיט פעסטקייט באַמערקט, אַז איך גלייב נישט מען זאָל האָבן געשריבן והעגן אים „פאַרעטער", האָט ערענבורג זיך פאַריכט און געזאָגט: „מעגלעך, אז דאָס זענען נישט די גענויע ווערטער. אָבער דאָס איז זייער אומדירעקטער באַדייט". ער אָבער האָט קיינמאָל נישט באַהאַלטן זיין יידישקייט „נישט פאַר

פאַשיסטן און נישט פאר ציוניסטן" (אזוי אָ, אין איין אָטעם...). דווקא פון די אָ אַרטיקלען זענען אים קלאָר געוואָרן ביידע זאכן, ווי, למשל, אז די מדינה ישראל איז גענויגט זיך צו זען ווי דער „צוציאונגס־פונקט" פאַרן גאַנצן וועלט־יידנטום, איינשליסלעך אויך די יידן פון ס.ס.ס.ר., און אז דער וואָס איז נישט קיין ציוניסט און האלט נישט פון א מיליאָנען־איינוואנדערונג כדי אויפצולייזן דאָס גלות, ווערט פאַררעכנט פאַר אַ פיינט, א.אַ.וו. עס איז נישטאָ קיין האַרבערער גרייז ווי אזא פעלערהאפטע אויפפאסונג, האָט ער געזאָגט. די סאָוויעטישע יידן האָבן געקעמפט קעגן היטלערן נישט צוליב זיין אנטיסעמיטישקייט, נאָר זיי האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט כדי צו פארטיידיקן דאָס דאָזיקע לאַנד און זיין רעזשים, צו וועלכן זיי זענען איבערגעגעבן בלב ונפש און קיינמאָל וועלן זיי נישט מוותר זיין אויף זייער סאָוויעטישער בירגערשאַפט. אויב די מדינה ישראל וועט נישט פארשטיין, אז דאָ עקזיסטירט נישט מער קיין שום יידן־פראגע און אז זי דאַרף צורו לאָזן די יידן פון ס.ס.ס.ר. און אויפהערן יעדן פרווו זיי איבערצורעדן פארן ציוניזם און עליה, וועט דאָס אויפוועקן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט סיי ביי דער מאַכט און ביי די יידן און די יידישע מדינה וועט דערפון נאָר היזק האָבן. ער איז נישט קיין דיפּלאָמאַט און ער פאַרנעמט אויך נישט קיין פּאָליטישן אמט, אָבער דאָס איז זיין פריינטלעכע עצה (ער האָט דאָס איבערגעחזרט צוויי מאָל).

דערויף האָב איך באמערקט, אַז דער יידישער מדינה פאלט גאָר נישט איין אזא זאך ווי אָנצורירן מיט וואָס עס איז די אינעווייניקסטע ענינים פון א פריינטלעכער מדינה ווי ראטנפארבאנד, אָבער די ציוניסטישע אויפפאסונג און דער גערעאנגל פאר באנייען יידישע שטאַטלעכקייט ווי אַן אקטועלע הילף בלויז פאַר גערודפטע און נאָר ווי א רעזולטאט פון אַנטיסעמיטיזם — אזא באנעמונג איז זייער ווייט פון אויסשעפּן דאָס פּראָבלעם. והא ראיה: קיין סאָוויעטיש ארמעניע ציען זיך רעפּאטריאנטן אויך פון די לענדער אין וועלכע זיי האָבן נישט געוווּסט פון קיין ליידן און דיסקרימינאציעס, אפילו אויך פון דער גרויסער אַרמענישער קאָלאָניע, וואָס אין קאָמוניסטישן בוקארעשט. און וואָס שייך דער יידן־פראגע, איז זי דאָך אָן פאַרגלייך מער פאַרפּלאָנטערט און פארוויקלט.

ערענבורג האָט קיין וואָרט נישט ארויסגעברענגט וועגן די כוונות פון ישראל לגבי די יידן פון רוסלאנד, נאָר סתם אזוי געצויגן מיט די אקסלען, אַ באַוועג וואָס איך בין געוועזן גענויגט אויסצוטייטשן ווי אַן אויסדרוק פון ספק און אומגלויבן. און אין ענין אַרמעניע — האָט ער געזאָגט, פארזעענדיק אינגאנצן די דערשיינונג, אז דאָס וואנדערן אויס ארמענער פון דער דעמאָקראטישער רומעניע — דער משל איז נישט גלייך צום נמשל. די ארמענער קערן זיך אום קיין ארמעניע נישט

דערפאַר ווייל זי איז ארמעניש, נאָר אין זכות פון איר זיין דעמאָקראַטיש און סאָוויעטיש.

דאָס געשפרעך וואָס האָט קאָנצענטרירט אויפמערקשאפט און א ביסל עולם, האָט זיך געצויגן אריבער א שעה און האָט שוין געהאלטן ביים פאַרענדיקן זיך, נאָר אָט וועגדעט זיך ערענבורג מיט א צוגאָב־פראַגע וועגן פּאָליטישן רעזשים, וואָס הערשט אין ישראל. איך האָב אים אין קורצן אויפגעקלערט די יסודות פון אונדזער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע. ערענבורג האָט געפרעגט, וואָס איז די זיכערקייט, אַז עס וועט נישט ארייַנדרינגען צו אונדז דער מנהג פון פאַרדאַרבענע וואלן, וואָס אים האָט ער באוויזן גוט צו דערקענען אין אמעריקע, און נישט ווארטנדיק אויף קיין תשובה, בעת דאָס פּנים איז אים ממש געל געוואָרן פון פּיין־אויסדרוק, האָט ער א זאָג געטאָן אָט וואָס: „אַך, פארוואָס האָט איר אייך אויסגעקליבן אַזאַ אומגליקלעך געאָגראפיש ווינקל? איר זענט דאָך ארייַנגעקוועטשט אין אַן אבסאָלוטער אנגלאָ־זאַקסישער ווירקונגס־ספערע און אייער געאָ־פּאָליטישער מצב וועט אייך קיינמאָל נישט דערלויבן אַ פולע סאָלידאַרישקייט מיט ס.ס.ס.ר.! ווער ווייסט, עס איז דאָך לגמרי נישט אויסגעשלאָסן אַז אין צייט פון א קריזיס זאָלן מיר זיך געפינען פון ביידע זייטן פראָנט ווי פיינטלעכע מחנות. און נאָך אמאָל: געדענקט די עצה פון א פרייַנט אין ענין רוסישע יידן". אויף מיין פראַגע צי ער זעט אזוי די לאַגע אויך בנוגע די יידן פון די נאָענטע לענדער פונעם „בלאָק", האָט ער געענטפערט: „אלץ וואָס איך האָב געזאָגט באַציט זיך נאָר צו די יידן פון ס.ס.ס.ר.".

זיין אנטי־ציוניזם וואָס איז גרינטלעך און טיף טיף אייַנגעוואָרצלט, איז געווען ריין פון דער בונדישער ירושה און פון איר פאַרביטערטקייט, זי האָט מיר אָבער נישט אויסגעזוען ווייניקער געפערלעך דערמיט, וואָס זי איז פריי געווען אויך פונעם „פּינטעלע ייד" וואָס אין יענער ירושה.

דער לעצטער טייל פון אונדזער געשפרעך, צוזאמען מיט דער כסדר זיך איבערחזרנדיקער אונטערשטרייכונג וועגן די יידן אין ס.ס.ר., האָבן אין מיר אויפגעברענגט א געדאנק פון דאגה, צי איז נישט אין זיינע רייד געווען אַן אָפקלאַנג פון באַהאַנדלונגען און שטימונגען אין די הויכע פענצטער. עס האָט זיך מיר געדאכט, אז אייניקע טענער און אַ טייל פון זיינע פאָרמולירונגען זענען געווען שוין אביסעלע „צו קלאָר" פאַר אַ מענטש, וואָס געפינט זיך דאָס רוב פון זיין צייט אין דער געזעלשאַפט פון דיכטערס, שרייבערס און קינסטלערס. דאָס דאָזיקע געפיל און אויך דאָס ביי־זיין פון פיל צוהערער אַרום האָבן מיך באַוויגן שטאַרק זיך אייַנצוהאַלטן אין געשפרעך, און אזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז איך האָב צוגעלאָזט די מעגלעכקייט ער זאָל קלאָר מאַכן זיינע אָנשויאונגען ווי עס דאַרף צו זיין, קעגן זיין נאַטיר־

לעכן דראַנג זיך „צו פאַרמעסטן" אין דיסקוסיעס, ובפרט נאָך, אז דער שאַנס אים „מגייר" צו זיין פאַרן ציוניזם אין איין אויגן־בליק, האָט אין די ראמען פון טאַנץ־אָוונט אויסגעזוען פולשטענדיק צווייפלהאפט.

דער שטורמישער שמועס מיט אליא ערענבורג האָט געהאט אַ מין עפילאָג, בעת איך בין אין 16 יאָר ארום געווען שטאַט־פרעזידענט פון תל־אביב. דאָס איז געווען אין סעפטעמבער 1964. און א שותפטע צו דעם איז געווען מיין פרוי אורה. און וועגן דעם וועל איך דאָ ברענגען איר עדות זאָגן:

„מיר זענען אָנגעקומען מיט א ישראל־עראָפּלאן אויפן פלי־פּלאַץ אָרלי אין פאריז. אונדזער צווייטער ציל איז געווען פראַג, די הויפּט־שטאָט פון טשעכאָסלאָוואקיע, וווהין מיר פליען אויף א צוויי־טאָגיקן באזוך אויף אונדזער וועג צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאמענפאָר פון שטאָט־פרעזידענטן, וואָס וועט פאָרקומען אין וואַרשע. קיין פראַג האָבן מיר געדאַרפט קומען מיט אַן עראָפּלאַן פון אַ טשעכישער פלי־געזעלשאַפט. נמיר — וואָס פון איין זייט איז ער געווען באַהאַוונט אין לעבנסשטייגער פון יענער זייט אייזערנעם פאָרהאַנג און פון דער אַנדערער זייט האָט ער אויך געקענט מיין „סאברישן" כאראקטער, וואָס דריקט־אויס אויפן הויכן קול יעדע רעאַגירונג און יעדן געדאַנק וואָס קומט אויף אין מיין מוח — האָט מיך געוואָרנט, אז פון דער רגע וואָס מיר וועלן אריין אין טשעכישן עראָפּלאן, וועלן מיר מוזן שטרענג היטן יעדעס וואָרט וואָס מיר ברענגען פאַרן מויל; זען, זיך באַאיינדרוקן, איינהאלטן זיך און — שווייגן. איינדרוקן און רעאַגירן דאַרף מען אָנשרייבן אויף אַ צעטעלע און דערנאָך דאָס צעטעלע פאַרניכטן.

זענען מיר גערופן געוואָרן ארויפצוגיין אויפן עראָפּלאן. איך בין געווען איינגאנצן אויפגעברויזט אַנטקעגן דעם קאָנטאַקט און דאָס באַקאַנט ווערן מיט אַ וועלט וואָס מיינע פיס וועלן איצט דאָס ערשטע מאָל זי באַטרעטן, אַ וועלט, וואָס איז פול מיט מיסטעריע אויסגעמישט מיט דערשלאָגנקייט און שרעק. וועגן וועלכער איך האָב געלערנט פון לייענען און פון דעם וואָס מענטשן, וואָס זענען דאָ געווען, האָבן דערציילט. אינעם עראָפּלאן, אַ געגוג פאַרעלטערטער אין פאַרגלייך מיט די פאסאזשיר־עראָפּלאנען אין די מערב־לענדער, האָבן זיך גע־פונען געציילטע פאַרערס, עס איז געקומען די צייט פון אַפּפלי. א שיינע סטיוארדין, אָנגעטאָן פעדאנט, האָט פאַרלאַנגט צו פאַרלייגן די גאַרטלען און האָט פאַרטיילט צוקערקעס. איר בליק איז געווען קאַלט, געפרוירן. די ערשטע אַנזעעוודיקע אַנדערשקייט צווישן דער וועלט ווו איך האָב זיך באַוויגן ביז איצט און דער וועלט וואָס איך גיי איצט באַזוכן. אין איינקלאַנג מיט די אָנווייזונגען האָב איך די גאנצע צייט פון פלי געשוויגן און זיך באַמיט צו באַקענען מיט די פאַרשיידענע טיילן פון זיך־פלאַץ, מיט דער מעניו פונעם עסן, מיטן אופן ווי דאָס ווערט דערלאַנגט, די באַדינונג־צימערלעך, די צוריקגעהאלטנקייט

פון דער סטיואַרדין צו אירע רייזנדער, דאָס אַלץ אין פאַרגלייך מיט דעם ווי עס זעט אויס ביי אונדז.

נאָך אַן אַנדערהאַלבן שעה פליען האָבן מיר געלאַנדעט אין פּראָג. דאָס פלי־פּלאַץ איז געווען אויסגעפּוצט מיט הונדערטער רויטע פענער. דער באַפּולמעכטיקטער פון ישראל, וואָס האָט אונדז אויפגענומען אויפן פלי־פּלאַץ, האָט אונדז אויפגעקלערט, אַז מיט א צוויי שעה צו־ריק האָט דאָ געלאַנדעט כרושטשאָוו, וואָס איז געקומען אויף אַ באַזוך אין פּראָג. דאָס פלי־פּלאַץ און די גאַנצע שטאָט זענען אויסגעפּוצט און דעקאָרירט געוואָרן לכבוד אים.

און ווידער שוויגט מען. דאָס מאָל אין דער מאַשין. דורך די פענצטערלעך פון דער מאַשין קוק איך זיך צו מיט התפּעלות צו דער שיינקייט פון דער שטאָט און צו איר צויבער. דער טייך וואָלטאַוואַ וואָס שניידט דורך די שטאָט, די סטיל־פולע בריקן וואָס איבער אים, די קאַטעדראַלעס, די פּאַלעצער, די סטאַטועס וואָס דערציילן די דער־ציילונג פון דער שטאָט און פון אירע העלדן, און באַזונדערס די רויטע דעכער פון די הייזער וואָס זענען געבויט ווי צוגעקלעפּטע איינע צו די אַנדערע אויף די ריפּן פון די היגלען, אַלץ אַזוי סטיליסטיש, אַזוי אַנדערש פון אַנדערע שטעט. אַ שטאָט, וואָס איז פול שטימונג און כאַראַקטער.

די מאַשין פאַרהאַלט זיך פאַר דעם אַריינגאַנג פון א האָטעל, וואָס איבער אים הענגט דער נאָמען „אַלקאַראָן". נמיר דערקלערט מיר, אַז דאָס איז דער גרעסטער און דער סאַמע פּראַכטפולסטער האָטעל פון פּראָג. א דערדריקנדיק שוויַגן הערשט אינעם אויפנעם־זאַל. פון הינ־טערן קאַנטאָר־טיש — דער אויפנעם ־ באַאַמטער, וואָס דערלאַנגט צענדליקער בויגנס צום אויספילן און חתמענען. נאָך א דויערנדיק אויספילן די פאַרשיידענע פּאַפּירן פירט מען אונדז צו אונדזער צימער, וואָס אויפן צווייטן שטאָק; די טיר פונעם אַריינגאַנג סקריפּעט, אין באָד־צימער רינט דער קראַן, וואָס לאָזט הערן דאָס קול פון די קלאַפּנ־דיקע טראָפּנס אין דער וואַש־שיסל, אָפּגעבליאַקעוועטע פירהאַנגען, אָראָפּגעלאָזטע לאָדנס, פאַרעלטערט מעבל און אַ ראַדיאָ וואָס איז נישט טעטיק. דאָס צימער איז פול מיט צען מאָס אומעט. ווידער רעדט מען נישט אויס קיין וואָרט.

צו נאַכטמאָל גייען מיר צו אונדזער באַפּולמעכטיקטן. צוליב דעם קורצן ווײַלן אין פּראָג, האָב איך געלאָזט די וואַליזעס פאַרפּאַקטע, און לויט ווי איך פיר זיך אין אַנדערע האָטעלן, האָב איך זיי פאַרשלאָסן פאַרן אוועקגיין. טוענדיק דאָס האָט מיר נמיר באַמערקט: „דאָ פאַר־שליסט מען נישט קיין וואַליזעס. דאָ לאָזט מען אַלץ אָפן, ווייל סיי ווי וועט מען זיי עפענען און אין זיי נישטערן"...

דער ערשטער פרימאָרגן הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג. דער קען־צייכן — א דריקנדיקע שוויַגעניש און אַן אויסמיידן צו רעאַגירן

און צו טיילן זיך מיט איינדרוקן אויפן קול. מען גיין אראָפ אין עס־זאַל צו פרישטיק. אין קעגנזאץ צו דער וויסטעניש וואָס האָט נעכטן דאָ געהערשט בעת אונדזער אָנקום פון פלי־פלאץ, איז דער עס־זאַל פול. קעלנערס דרייען זיך און באַדינען דעם עולם מיט אַ סטאַנדארטן פרישטיק, וואָס ווערט אַלעמען דערלאַנגט. מיר עסן און שווייגן, פון צייט צו צייט וואַרפן מיר אַ בליק און באַטראַכטן די, וואָס זיצן ארום אונדז. נמיר רוימט מיר איין שטילערהייט, אַז אויב איך וועל אויסדרייען דעם קאָפ וועל איך ביי אַ נאָענט טישל זען איליא ערענבורגן. א גרויסע איבעראשונג האָט מיך ארומגענומען. איך האָב זיך דערמאָנט די פאָפולאריטעט פון זיינע ביכער צווישן די שילערס פון מיין עלטער אין פאָלקס־שול, באַזונדער „די דרייצן ליולקעס” — ווי פלעגן מיר דאָס ציטירן יעדע דערציילונג און יעדן העלד. עס איז דאַן געווען די תקופה פון גרויסער נאָסטאַלגיע צו רוסלאנד, צו איר ליד און צו אירע שרייבערס, אין צייט פון דער מלחמה און נאָך איר. ערענבורגס נאָמען איז דאַן געווען אין אלעמענס מויל.

מיר האָבן זיך צוגעאיילט, פאַרענדיקט דעם פרישטיק און אריינגעגאַנגען אין דערבייאיקן גאַסט־צימער. אויך נמיר איז געווען אַביסל צעשטרייט. ער האָט נאָך גוט געדענקט די לאַנגע און ביטערע וויכוחים מיט ערענבורגן אין מאָסקווע, בעת ער איז דאָרט געווען. מיר זענען געשטאַנען און געוואַרט אויף ערענבורגס ארויסקומען פונעם עס־זאַל. אַז ער איז אריין אינעם גאַסט־צימער איז נמיר צו אים צוגעגאַנגען, זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים און אים געפרעגט צי געדענקט ער אים פון דער תקופה פון זיין דינען ווי אַ געזאַנדטער אין מאָסקווע. אַ שווערן און אנטוישנדיקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער אויסדרוק פון זיין פנים. אן עלטערער מענטש, מיט אַן איינגעשרומפטן געזיכט, אָן פאַרב און אָן אויסדרוק. אַ ווײלע האָט ער אויסגעזען ווי אַ וואַקס־סטאַטוע אין מוזעאום פון מאַדאַם טיסאָ. נמיר האָט ממשיך געווען דאָס רעדן צו אים און אים דערמאָנט אין זיינע באַגעגענישן אין מאָסקווע, און ער — קיין רעאגירונג, קיין באַוועגונג מיט אַ ברעם, אָן אַ פיצל זכרון אָדער זשעסט פון העפלעכקייט. דעמאָנסטרירטע גלייכגילטיקייט און פעלן פון אינטערעס. אז נמיר האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים אין אַ שפראַך וואָס איז מיר נישט געווען פאַרשטענדלעך די גאַנצע צייט פון זייער רעדן, אים דערציילט, אַז איך בין אַ געבוירענע אין לאַנד פון א מוטער, וואָס שטאַמט פון רוסלאַנד, און אז מיינע עלטערן זענען געקומען קיין ישראל ווי חלוצים, האָבן זיך באַזעצט אין אַ קאָלאָניע און באַשעפטיקן זיך מיט לאַנדווירטשאַפט, און אז איך האָב געדינט אין צה״ל — האָט זיך אין איין אויגנבליק פאַרענדערט דער אויסדרוק פון זיין פנים. זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן און ער האָט אָנגעהויבן באַשיטן מיט פראַגן וועגן די געבוירענע אין לאַנד, וועגן דער קאָלאָניע, וועגן ישראלדיקן פויער,

וועגן זעלנערינס. פלוצים האָט ער אָנגעהויבן אויסזען ווי א פארווירט און אויפגעשטורעמט קינד, וואָס האָט מיט אמאָל אנטדעקט א זאך, וואָס איז אים אזוי נאָענט.

באַזונדער האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע פון דער רעד־שפּראַך. ער האָט געפאָרשט און מיך געפרעגט אויב איך קאָן נאָך אַ שפּראַך — יידיש, רוסיש למשל. איך האָב געענטפערט, אז מיין צווייטע שפּראַך איז ענגליש, אָבער נאָר ווי אַ פרעמדע שפּראַך. ער האָט זיך צוגעהערט מיט געשפּאַנטער איינהערונג צו די קלאַנגען פון מיין עברית, וואָס נמיר האָט פאַר אים איבערגעזעצט אויף רוסיש און מיט געשפּאַנטער נייגעריקייט האָט ער געקוקט אויף דער פאַר־שטייערין פון ישראל, וואָס איז, זעט אויס, געווען פאַר אים א נישט־געוויינלעכע דערשיינונג, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע יידן, וואָס ער איז געווינט צו זען.

מאָדנע און טרויעריק איז געווען צו זען ערענבורגן אַן אָנגעצוני־דענעם און צעברויזטן, עס הייסט, ערענבורגן ווי א ייד. אָבער דאָס האָט נישט געדויערט מער ווי געציילטע מינוטן. דער מענטש האָט זיך נישט דערלויבט קיין פולע אויסלאָדונג און אַרויסווייזן הנאה פון דער באַגעגעניש. ער איז צוריק אריין אין זיין זויערן און געפרווי־רענעם פנים־אויסדרוק, געבעטן אַנטשולדיקונג און אַוועק.

דאָס איז אפשר געווען די טרויעריקסטע און טיפסטע איבערלע־בונג אין מיינע ווינציקע קאָנטאַקטן מיט דער וועלט פון הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאנג".

קאפיטל פיר

פארוואָרצלונג

מיט א טשעכאָסלאָוואקישן דיפּלאָמאַט. א רומענישע מסיבה. שבת־חנוכה אין שול. באַקולין ווערט געפּרעגט און פּרעגט. מיט גאָלדען ביי ווישינסקין. אַ קער אין דער טאַקטיק פון מערב, און וואָס מען לערנט דערפון. אַ יוגאָסלאַווישע ווידוי. דער ערשטער רוגז. גאָלדע ווערט אַרויסגערופן קיין ירושלים. דער פּערזאָנען־אומבייט אין דער סאָוויעטישער היעראַרכיע. דער דורשט נאָך וויסן אין מאָסקווע. גאָלדע געזעגנט זיך מיט ווישינסקין. אַ געשפּרעך מיט זאָרינען אויף דער פייערונג פון זעלבשטענדיקייטס־טאָג אין אונדזער געזאַנדשאַפט. עס זענען אנטדעקט געוואָרן ישראלדיקע בירגער.

קרנאָ איז געווען ערשטער סעקרעטאַר אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער געזאנדשאַפט. אין זיין צייט, בעת ער איז געווען שטעל־פאַרטרעטער פונעם געזאנדטן, האָב איך אים באַזוכט, און אין 28.12 האָט ער מיר צוריקגעקערט אַ באַזוך. דער עיקר האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן קולטור־לעבן ביי אונדז אין לאנד. אינעם לויף פון געשפּרעך האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז א טשעכישער פּאָעט, וואָס האָט שוין פאַרעפנטלעכט לידער און אויך איבערגעזעצט אויף טשעכיש אַ זאַמלונג לידער פון א סאָוויעטישן אַזערביידזשאַנער (אָדער ארמענישער) דיכטער. ער האָט זיך אין דעם ארויסגעהאָלפן דורך אַ פריינט, וואָס האָט אים איבערגעזעצט די מזרח־פּאָעזיע שורה ביי שורה. ער איז געווען זיכער, אַז ער וואָלט געקאָנט איבערזעצן אויך פון דער העברעאישער פּאָעזיע, אויב איך וואָלט מסכים געווען אים צוצוהעלפן. (זיין כוונה איז געווען נתן אַלטערמאַן, פונעם בוך „הטור השביעי” — „די זיבעטע קאָלאָנע”, וואָס איך האָב אים געוויזן). ער וועט נאָך אמאָל מיך באַזוכן וועגן דעם דאָזיקן ענין. זעענדיק אַן אלבאָם מיט אייניקע מאָדערנע בילדער פון אונדזערע מאָלערס, האָט ער מיט אָפענער צופרידנקייט זיך ארויסגעכאפּט, אז אין זיין לאַנד איז נאָך נישט פאראַן די פליכט צו קעמפן קעגן „פאָרמאַליזם” און קעגן אלע אַנדערע מאָדערניסטישע דערשיינונגען פונעם מערב, וועלכע זענען דורכאויס טריף דאָ אין מאָסקווע.

נאָך זיין באַזוך איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין „דבר" דעם בריוו פון ש. שלום וועגן דעם פאַרבאָט וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אין פּראָג אויפן דרוקן אַן איבערזעצונג פון זיינע לידער אין טשעכיש. דערווייל האָט די פּרעסע דאָ אָנגעהויבן פאַרמעלעך באַקאַנט צו מאַכן וועגן א „באַוועגונג" וואָס וועקט זיך און פאַרשטאַרקט זיך צווישן די קולטור־טוער אין פוילן, רומעניע א. א. צום קאַמף קעגן מערבדיקייט, מאָדערניזם און „בייגן דעם קאָפּ" פאר פרעמדע אויף דאָרט: ווייזט אויס אַז דער טשעך האָט שוין אַ ביסעלע פארשפּעטיקט און זיין מי וועט זיין אַרויסגעוואָרפן — די איבערזעצונג זיינע פון עברית וועט נישט דערזען די ליכטיקע שיין פון זיין לאנד, צוליב „ציוניסטישע" און „סאָציאַליסטישע" טעמים אינאיינעם גענומען.

דעם 30־סטן דעצעמבער זענען מיר געקומען אויף אַן אויפנעם ביי די רומענער לכבוד זייער נאציאָנאַלן יום־טוב. חוץ מענטשן פון די געזאַנדשאַפטן (פון ביידע בלאָקן) איז דאָרט געווען א שפּאַרע גרופּע רומענישע סטודענטן וואָס האָבן געלערנט אין פארשידענע שולן אין רוסלאנד. אַלע אין פאַרביקער רומעניש ־ נאַציאָנאַלער קליידונג. צווישן זיי אויך די טאָכטער פון אַנאַ פּאַוקער, וואָס האָט שטודירט אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין מאָסקווע. איך האָב מיט איר גערעדט, איר דערציילט וועגן מיין באַזוך ביי איר מוטער און זי געבעטן איבערגעבן אַ גרוס.

לאַנדסמאַן, דער שטעל־פאַרטרעטער פונעם בעלגישן געזאנדטן (וואָס איז צו יענער צייט געווען אויך שטעל־פארטרעטער פונעם לוקסעמבורגער געזאנדטן, וואָס איז ארויס אויף א קראנקהייט־אורלויב קיין דרום־פראנקרייך), האָט דערציילט, אַז אין דער בריטישער געזאנדשאַפט ווערט דעמאָנסטרירט אַ שאַרפער אנטי־ישראלדיקער פילם־זשורנאַל, וואָס שטעלט־פאַר די ליידן פון די אַראַבישע פליטים און די יידישע אכזריות כלפי זיי. לויט זיינע רייד איז דאָס געווען א זייער שווערע גרויל־פּראָפּאגאַנדע. כ׳האָב זיך געמאַכט גלייכגילטיק און אפילו אַ ביסל „העלדיש" און געזאָגט, אז דאָס אַלץ וועט בעווינען נישט העלפן: סוף כל סוף וועט ער זיין געצווונגען שלום צו מאַכן מיט אונדזער עקזיסטענץ און אונדז אנערקענען. לאַנדסמאַן האָט געצווייפלט און באַמערקט, אז מ׳דארף נישט איגנאָרירן די ווירקונג פון דער בריטישער פּראָפּאגאַנדע. ביי מיר אין האַרצן האָב איך אינגאנצן מיט אים מסכים געווען אָבער איך האָב געהאַלטן אין איין טענהן אז עס וועלן נאָך אויך זיין אנדערע ענגלישע פילם־זשורנאַלן וועגן מדינת ישראל. דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב דעם עגיפּטישן געזאנדטן, וואָס איז צוגעקומען און דערלאנגט זיין האַנט אויך מיר — צו מיין פולער

פאַרוווּנדערונג — נאָך דעם ווי אַלע זענען געווען געוווינט צו זען ווי די אַראַבישע געזאַנדטע אַנטלויפן פון אונדזערע מענטשן ווי פייל אויסן בויגן.

כ'האָב זיך דאָרט באַגעגנט מיט נאַשקאָווסקין, דעם פּוילישן געזאַנדטן, און זאַמבראָוויטשן, דעם פּוילישן ראַט-געבער, וואָס האָבן מיר געדאַנקט פאַרן בריוו וואָס כ'האָב צו זיי געשיקט מיט עט־לעכע טעג צוריק, לכבוד דעם הונדערט־ און פופציק־יאָריקן געבוירן־טאָג פון אַדאַם מיצקעוויטש, דערביי אונטערשטרייכנדיק דעם „יידישן" מאָמענט אין זיינע שאַפונגען. גרויס רעקלאַמע איז דאַן געמאַכט געוואָרן אין מאָסקווע וועגן דעם יובילייַ, אין דער פּרעסע און אויף אַנדערע אופנים. ס'איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט, אָבער בלויז מיט דער באַטייליקונג פון די געזאַנדטע פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס (דאָס מיינט, אויך אַן יוגאָסלאַוויע). דעריבער האָב איך אויפגעהאַלטן דאָס שיקן דעם בריוו ביז נאָך דער פייערונג. צומאַרגנס נאָך אונדזער געשפּרעך איז אין אונדזער געזאַנדשאַפט דערהאַלטן געוואָרן אַ וואַרעמער דאַנק-בריוו פון די פּאָלאַקן.

כמעט אַן ענלעכער פאַל איז פאָרגעקומען אויך ביי די בולגאַרן. אין יאַנואַר איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט ס'איז געבוירן געוואָרן כריסטאָ באָטיעוו, זייער נאַציאָנאַלער פּאָעט און העלד פון דעם בולגאַרישן באַפרייאונגס-קריג. די אַרטיקע רעגירונגס־אַנשטאַלטן און די געזעלשאַפט „וואָקס" האָבן איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט דער בולגאַרישער געזאַנדשאַפט אַ גרויסע פייערונג און ווידער — נאָר מיט דער באַטייליקונג פון די פאָלק - דעמאָקראַטיעס אַליין.

פאַלן פון דיפּלאָמאַטישע מסיבות בלויז פאַר דעם דאָזיקן באַגרע־נעצטן קרייז אַליין — עפנטלעכע דיסקרימינאַציעס צווישן די און אַנדערע געזאַנדשאַפטן — האָבן זיך געהאַלטן אין איין מערן און שטופּנווייז אויסגעברייטערט דעם פּאָליטישן קריזיס אויך אויף ענינים פון צערמאָניאַל און אויסערלעכער העפלעכקייט. די אַטמאָספערע פון די אַלגעמיינע באַציאונגען איז געוואָרן אַלץ מער אָנגעכמורעטער, און די זעלטענע געלעגנהייטן פון באַגעגענישן, וואָס זענען געווען אָרעם אין אינהאַלט, צווישן די פאָרשטייערס פון ביידע טיילן געשפּאָלטענער וועלט, זענען געקומען בלויז אונטערצושטרייכן און באַשטעטיקן די שווערע און האַרבע לאַגע.

דעם אָוונט האָב איך דאָרט געזען דעם שטעל-פאַרטרעטער פון קאַנאַדישן געזאַנדטן. איך האָב אים געדאַנקט פאַרן אָנערקענען אונדזער מדינה און אויסגעדריקט די האָפענונג אַז אין גיכן וועט די אָנערקענונג זיין אַ פולע און אַ גאַנצע. ער האָט געענטפערט: „די מילן מאָלן פּאַמעלעך, אָבער זיי מאָלן".

אויך האָב איך געשמועסט מיט קאָהליערן, דעם אַמעריקאַנישן

ראַט־געבער, וואָס איז נאָך אמאָל אריבער אויפן אַמט פון שטעל־פאַרטרעטער פונעם געזאנדטן, נאָך דעם ווי בעדל סמיט האָט אין יענע טעג פאַרלאָזט מאָסקווע. לויט קאַהליערן איז אַ גרויסער ספק צי בעדל סמיט וועט זיך אומקערן צו זיין אַמט, אויב אָבער יאָ וועט דאָס זיין ערשט אין א 2—3 חדשים ארום. (דאָס פאָרן פון די געזאנדטע אין זייערע לענדער אריין איז דאן געוועזן א מין „מכת מדינה". זייער א סך פון זיי זענען געוועזן אוועק אויף לאַנגע חדשים, געקומען און ווידער אַוועק. מעגלעך אויך אז די אַרעמקייט פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין מאָסקווע האָט זיי דערצו געשטויסן. דעריבער איז געווען אזוי גרויס די צאָל פון צייטווייליקע שטעל־פאַרטרעטערס).

הער בעזשעראַנאָ האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר „זיינע מענטשן" פונעם סאָוויעטישן מיניסטעריום פאַר אויסערן־האַנדל, וואָס זענען געווען אויף דער מסיבה — פיאַנאָוו, איליושטשענקאָ, מאַרקאָוו און נאָך. די גדולים פון ס.ס.ס.ר. זענען צוליב עפּעס־וואָס נישט געקומען. עס זענען אפילו געווען א צוויי־דריי מיניסטאָרן, אָבער נישט פונעם אויסערן־מיניסטעריום. ס'איז אויך געווען אַ גרויסע גרופּע הויכע רוסישע אָפיצערן. מיליטערישע אַטאַשעס פון פרעמדע געזאנדשאַפטן זענען נישט איינגעלאַדן געוואָרן.

נאָ (Neau), דער קאָרעספּאָנדענט פון „פראַנס־פרעס", מאָסקווער איינוווינער מיט איבעררייסן ביי אַ צוואנציק יאָר, און זיין רוסלאַנדישע יידישע פרוי, געבוירענע אין אָדעס, האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן צו באַזוכן אונדז אין די פרייטיק צו נאַכטסן, וואָס זענען ביי אונדז געווען באַשטימט אויף פרייע באַזוכן פאַר א צאָל באַקאַנטע פון פרעמדע געזאנדשאַפטן, קאָרעספּאָנדענטן און פרעמדע האנדלס־לייט — אין זייער מערהייט יידן. דער פאָטער פון דער מאַדאַם נאָ איז געווען א באדייטנדיקער מוזיקער און זיין נאָמען איז געווען טשערנעצקי, וואָס איז דאַן געשטאַנען אין שפּיץ פון אַלע מיליטערישע אָרקעסטערס אין לאַנד, אין ראַנג פון גענעראַל־מאַיאָר. לויט אירע רייד האָט איר חתונה האָבן מיט אַ פראַנצויזישן בירגער („געמישטע" חתונות מיט פרעמדע, זענען אין רוסלאַנד געווען פאַרבונדן מיט גרויסע צרות, ביז היינט צו טאָג), נישט גורם געווען קיין שום קאָמפּליקאַציעס אָדער שוועריקייטן, נישט איר און נישט די מענטשן פון איר משפחה, שוין באַלד צוואַנציק יאָר. פאַר דער מלחמה האָט זי אַ צוויי־דריי יאָר געוויילט ביי איר מאַנס עלטערן. די לעצטע יאָרן האָט זי נישט געפּרוווט בעטן אַ דערלויבעניש אויף צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

שבת־חנוכה, דעם 1־טן יאַנואַר 1949, אין טאָג פון די אָפיציעלע פאָלקס־פייערונגען אַרום דעם „ניטל־בוים", אין די גאַסן פון שטאָט, זענען מיר — לבבי, לפּיד און איך — געווען אין בית הכנסת. ווי

געוויינלעך, זענען מיר געזעסן אויף דער בינע, מ׳האָט אונדז אויפגערופן צו דער תורה, און איך האָב געזאָגט די הפטרה. ווי ווייט ס׳איז מעגלעך געווען צו באַמערקן, האָט נישט געפעלט קיינער פון די עלטסטע פון דער שול, וואָס זענען אונדז באַקאַנט. ס׳האָט זיך געפילט אַז מען באַמיט זיך אויסצומיידן אַ צו נאָענטן קאָנטאַקט מיט אונדז. אַרויסגייענדיק האָב איך זיך געגריסט צום רב און אים געזאָגט, אַז גאָלדע איז איצט אין לאַנד און זי האַלט ביים קומען אַהער אין אַ וואָך אַרום.

איך האָב אים דאָס איבערגעגעבן אָן שום באַזונדערער כוונה, אָבער אין אַ צייט אַרום, נאָכדעם ווי גאָלדע איז שוין געווען געקומען, האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז עמעץ האָט געזאָרגט צו פאַרשפּרייטן צווישן די יידן פון דער הויפּט־שטאָט א משונהדיקע ווערסיע, אַז אונדזער רעגירונג האָט צוריקגערופן גאָלדען, ווייל זי איז נישט צופרידן פון... די באַזוכן וואָס גאָלדע און די מענטשן פון דער געזאַנדשאַפט מאַכן אין בית הכנסת, ווייל די באַזוכן האָבן אויפגעוועקט צווישן די יידן געפילן, וואָס זענען נישט געוווּנטשן דער סאָוויעטישער מאַכט. די דאָזיקע ווערסיע האָט אויך באַוויזן גאָלדען צו באַזוכן נאָך א מאָל דאָס יידישע טעאַטער, בכדי אָפּצולייקענען מיט איר פּערזענלעכער אָנוועזנהייט די דאָזיקע אויסטראַכטעניש, כאָטש די פאָרשטעלונגען פון דעם טעאַטער האָבן נישט קיין שום צוציאונגסקראַפט און מיט גרויס שוועריקייט פילט דער עולם אָן קוים א האַלבן זאַל.

דעם אַכטן טאָג חנוכה האָבן מיר איינגעאָרדנט א קליינע, אומאָפיציעלע יידישע פייערונג, מיט דער באַטייליקונג פון פינף און צוואַנציק געסט — דאָס רוב יידן פון אויסלאַנד, וואָס ווייַלן דאָ, אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, עטלעכע יידישע באַאַמטע אין געזאַנדשאַפטן. ראַטנערס יינגעלע האָט אָנגעצונדן דאָס חנוכה־לעמפּל און געבענטשט איבער די ליכטלעך. ס׳איז געווען אַ הערלעכע שטימונג און אַלץ איז געווען שיין און געראָטן. די מסיבה האָט זוכה געווען צו א סך לויב־רייד פון אַלע איינגעלאַדענע און געהאַט א גוטן אָפּקלאַנג אין פאַרשידענע געזאַנדשאַפטן.

דעם 19־טן יאַנואַר 1949, העכער א וואָך ווי גאָלדע איז צוריקגעקומען פון לאַנד (מיט אַ לאַנגן און צעצויגענעם לופט־וועג, פול מיט קאָפּ־דרייעניש: לוד, רוים, זאַגרעב, בודאַפּעשט, פּראָג, מאָסקווע), זענען מיר געקומען מיט א העפלעכקייט־וויזיט צו באַקולינען, אין סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום. איך האָב זי באַגלייט און געווען דער איבערזעצער. גאָלדע האָט דערציילט וועגן איר רייזע: אירע שטאַרקע איינדרוקן פון דער גרויסער עליה, וואָס שטאָמט פון פאַרשידענע לענדער — פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד און איטאַליע, פון

צפון־אפריקע, פון בולגאריע, רומעניע, פראנקרייך און א ביסל אויך פון אַמעריקע; די געלט־הילף פון די אַמעריקאנישע יידן; די פּלענער פון באַזעצונג אין גליל און אין נגב און אויפן וועג יפו—ירושלים; די פּלענער פון באַוואָסערונג; דאָס נייטיקן זיך אין זייער אַ סך געלט, אין דער ערשטער ריי אויף צו בויען הייזער פאר די נייע עולים; דער אָנהייב פון די געשפּרעכן מיט מצרים און ענגלאַנדס ראָל פון אינ־טריגע און אויפרייץ, וואָס אויף איר הויערט אויך די שולד פון פאר־מיידן דעם שלום אין נאָענטן מזרח און זי איז די, וואָס שטערט די מעגלעכקייט פון צונויפרעדן זיך מיט עבר־הירדן און לבנון; דער פאַרשריט אינעם אייגענעם פּראָדוצירן אייניקע סאָרטן געווער און דאָס נייטיקן זיך אין שווער געווער פון אויסלאַנד (דער ציל איז געווען אים אריינצוציען אין א וועלכער עס איז מיטטיילונג וועגן גורל פון אונדזער ביטע, וועלכע מיר האָבן זיי דערלאַנגט מיט א לאַנגער צייט צוריק, ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט), ווייל אויך אין שלום־צייט וועלן מיר מוזן אָנקומען צו א ממשותדיקן מיליטערישן כוח אויף צו היטן דעם שלום; וועגן איר באַגעגעניש מיט יערשאָוון און מוכינען אין תל־אביב און נאָך.

באקולין האָט געפרעגט וועגן די אויסזיכטן פון די פאַרהאַנדלונ־גען אין ראַדאָס. אין דער אמתן האָבן מיר נישט פאַרמאָגט קיין שום ידיעות וועגן דעם. גאָלדע האָט געזאָגט, אז דערווייל, ווי עס זעט אויס, גייען זיך די ענינים דאָרט ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער מ׳קען נישט איבערטרייבן אין אָפּטימיזם, ווייל עס וועלן ווידער אויפקומען נייע שווערע פּראָבלעמען ווי דאָס אָפּרוימען די עזה־געגנט א. אַ. וו. ווי באַוווּסט, טענהט אונדזער רעגירונג, אז די מצרים דאַרפן פאַרלאָזן יעדן שטח אין ארץ־ישראל און נישט נאָר אין מדינת ישראל אליין.

צוליב עפּעס א שווערקייט ביים איבערזעצן א געוויסן טערמין, האָט באקולין געפרעגט צי מיר באַגעגענען זיך דאָ מיט יידן און אין וואָס פאר א שפּראַך רעדן מיר מיט זיי. גאָלדע האָט געענטפערט אַז די באַגעגענישן זענען זייער זעלטענע, מ׳רעדט יידיש, מחמת דעם, וואָס די מאָסקווער יידן באַנוצן זיך מיט עברית נאָר צום דאַווענען, און אויך דאַן איז דאָס נישט אין דער ספרדישער אויסשפּראַך, ווי ס׳איז אָנגענומען ביי אונדז. באקולין האָט באמערקט, אז ער קען נאָר איין זאַץ א יידישן: „אַז אָך און וויי", דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט ביי אַ יידישער פריינדין זיינער אין אוניווערסיטעט. נאָך דעם האָט ער אונדז אנטפּלעקט, אז ער קען אויך דעם גוטן טעם פון געפילטע פיש — און ווידער פון זיין דערפאַרונג ביי דער משפחה פון אָט דער פריינדין. גאָלדע האָט אים צוגעזאָגט אַמאָל איינצולאַדן אין אונדזער נייער געזאַנדשאַפט־דירה אויף א יידיש מאָלצייט. ער האָט אָבער נישט געענטפערט צי ער וועט אזא איינלאַדונג אָננעמען.

אין די טריט פון די פראגן, וואָס ער האָט געשטעלט, זענען אים אויפגעקלערט געוואָרן אויספירלעך אייניקע פרינציפּן פון אונדזער באַדן־פּאָליטיק, די פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער לאַנדווירטשאַפט, די פרינציפּן פון אליין־ארבעט און אנדערע. פרעגנדיק צי מיר שטייען פאר נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן, האָט גאָלדע געענט־פערט, אַז אין די אַ פראגן ווי אויך אין פראגן פון שטייערן־סיסטעם וועט די גרינדונג־פאַרזאַמלונג באַהאַנדלען, מעגלעך אָבער, אַז מען וועט אויסוויילן צו גיין דער עיקר דעם וועג פון קאָנצענטרירן די באָ־דנס אין די הענט פון קרן קיימת, ווייל אויף אַזאַ אופן וועט מעגלעך זיין צו זאַמלען געלט ביי יידן אין דער וועלט צו הילף די נייע עולים. וואָרום אנדערש איז אַ גרויסער ספק צי אַן אַמעריקאַנער ייד און זיינס גלייכן וועט שפּענדן געלט פאר דער ישראל־רעגירונג. און נאָך עפּעס: אַז עס וועט דערגרייכט ווערן אַ וועלכער ס׳איז הסכם אויף אַ שלום מיט די אַראַבער און מיר וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַ־קומען אין אונדזער רשות באָדנס פון פריערדיקע אראבישע פריוואַטע באַזיצערס — איז אַנצונעמען, אַז מיר וועלן אָט די באָדן־באַזיצערס דארפן באַצאָלן אנטשעדיקונגען.

איז טאקע א פראגע צי דאָס וועט זיין לויט דער מעגלעכקייט פון דעם רעגירונגס ־ בודזשעט, וועלכער ווערט געגערט פון שטייערן און פון ענלעכע אנדערע הכנסות, און וואָס וועט זיין באַלאַסטעט מיט דאגות און מיט אנדערע נישט ווייניקער לעבנסנוויטיקע אויפגאבן. וועט אפשר אויך פון דער זייט קלאָר ווערן, אז דאָס פארמיידן פריוואטע אייגנטום־רעכט אויף די באָדנס, דורכן קאָנצענטרירן זיי אין די הענט פון קרן קיימת, וועט זיין די בעסטע שיטה. און וואָס שייך ווער ס׳איז דער אייגנטימער פון קרן קיימת — ביז איצט האָט די דעצידירנדיקע רעכט געהערט דער יידישער אגענץ (סוכנות) און אין דער צוקונפט וועט זיכער זיך אָפּגעפינען אַ וועג צו באשטימען דעם פאַרבינד־רינג צו דער רעגירונג פון ישראל. אָבער, ווי געזאָגט — אַלץ איז אין די הענט פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג.

אין ענטפער אויף אונדזערע פראגן האָט באַקולין געזאָגט, אז א ישראלדיקער פילם (מיר האָבן דאָ צוויי נישט־גרויסע פילמען) קאָן מען דעמאָנסטרירן פאר די פרעמדע געזאנדשאַפטן און פאר איינגע־לאַדענע פון דער היגער רעגירונג, און אז דער מענטש, וואָס איז אין דעם באהאוזנט איז מאַלאָטשקאָוו פון צערעמאָניאל־אָפּטייל. וואָס שייך דעם באזוך פון סאָוויעטישע קינסטלערס אין ישראל — מיט דעם פאַר־נעמט זיך וואָק״ס, אָבער ער צווייפלט צי פראקטיש וועט דאָס ווערן דערמעגלעכט: אין סעזאָן־צייט זענען די מענטשן פאַרנומען, אין דער צייט פון די זומער־אורלויבן איז דאָס דער פריוואטער ענין פון די קינסטלערס. מ׳דאַרף אויך נעמען אין אכט, אז לויט די באַגריפן וואָס

הערשן דאָ, געפינט זיך נאָך ישראל אין א צושטאנד פון קריג־שפאנונג, וועלכע איז עלול זיך צו באנייען יעדע רגע, וועלן פיל מורא האָבן צו פאָרן.

ס׳איז נישט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אז קינסטלער־באזוכן (שוין אָפגערעדט פון אויסבייט־באזוכן) זענען נישט אין דער לאגע פון נאָענטסטער מעגלעכקייט. און פאקטיש, בערך א צוויי וואָכן נאָך דעם אויבנדערמאָנטן געשפּרעך, האָט זיך סוף כל סוף די אָנפירונג פון וואָק״ס מטריח געווען אונדז מיטצוטיילן, — אין א 3—4 חדשים ארום נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך צו זיי געוואָנדן — אז עס וועט נישט זיין קיין מעגלעכקייט צו שיקן צו אונדז קיין קינסטלערס. צוזאמען דערמיט האָבן זיי אונדז געשיקט עטלעכע פארטיטורן פאר אונדזער פילהארמאָנישן אָרקעסטער.

אין דער צייט פון אונדזער ווייַלן אין מאָסקווע ביז צו אָט דער פאזע זענען דאָ צושטאנדגעקומען ממשותדיקע קולטור־פארבינדונגען נאָר מיט די לענדער פון די פאָלקס־דעמאָקראטיעס — קעגנזייטיקע באַציאונגען דורך שרייבערס און קינסטלערס, דעלעגאציעס, אויסשטעלונגען א. א. אַ יוצא מן הכלל איז געווען — אַ דעלעגאציע פון קולטור־לייט פון דענעמארק, וואָס האָט דאָ וויזיטירט, א דעלעגאציע פון סאָוויעטישע שרייבערס, וואָס האָט באזוכט עסטרייך (אין דער סאָוויעטישער זאָנע?) און אַ ספּאָרט־דעלעגאַציע, וואָס איז דאַן אַרויסגעפאָרן קיין נאָרוועגיע.

דעם 20־סטן יאנואר איז גאָלדע אויפגענומען געוואָרן אויף א באקענונגס־אוידיענץ ביים נייעם אויסערן־מיניסטער, הער ווישינסקי. ווי געוויינלעך האָב איך זי באגלייט און איבערגעזעצט. איינער פון די באַאַמטע האָט פאַרצייכנט דאָס געשפּרעך.

ווישינסקי איז געווען העפלעך און פריינטלעך. גאָלדע האָט אָנגעהויבן מיט אויסדריקן איר מיטגעפיל צוליבן טויט פונעם שרייבער סעראפימאָוויטש, אן אלטיטשקער שרייבער, פון מאקסים גאָרקיס חברים. אויף זיין פראגע וועגן מצב אין לאנד האָט גאָלדע דערציילט, אז בעת איר לעצטן באזוך אין לאנד איז זי געוואָרן באַאיינדרוקט פון דריי זאַכן: א. אַ ווילן צו פאַרענדיקן די מלחמה; ב. אַ מאַסן־עליה; ג. נישטאָ קיין ענגלענדער — א מאָדנע דערשיינונג פאר אן אלטן תושב פון ארץ־ישראל. ווישינסקי האָט שמייכלענדיק באַמערקט: „אָבער זיי געפינען זיך ערגעץ־ווו אין דער נאָענט". גאָלדע האָט מסכים געווען און צוגעגעבן, אז דאָס איז ווייט נישט קיין מינדערוועטיקע זאָרג. אונדזער רעגירונג און דאָס גאנצע פאָלק שטרייכן שטענדיק אונטער מיט אָנערקענונג די קאָנסעקווענטע שטעלונג פון ס. ס. ס. ר. אין אונדזער ענין. אָבער דער אמת איז, אז אויך די ענגלענדער האָבן א

קאָנסעקווענטע שטעלונג, אָבער — אַ נעגאַטיווע. ווישינסקי האָט גע־מאַכט א שנעלע באַוועגונג מיט די פינגער און א זאָג געטאָן: „אָ יאָ, דאָס קאָנען זיי, לאַווירן (לאַוויראַוואַט!).

גאָלדע, יואָס האָט געוואָלט ארויפפירן אויף א שמועס וועגן ענין עליה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פאריז צווישן אים און משה שער־טאָק, האָט אים געזאָגט, ווען עס וואָלט אים אויסגעקומען איצט צו באזוכן דאָס לאַנד און ער וואָלט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן די פרייד פון די מאסן בעתן קומען פון נייע עולים און די פולע גרייטקייט צו פארלייכטערן זייער איינבירגערן זיך, וואָלט אים צוגעקומען נאָך אן ארגומענט אויף צו באַרעכטיקן זייער יסודותדיקע שטעלונג כלפי יש־ראל. ווישינסקי האָט צוגעגעבן, אז ער האָט, וואָס אן אמת דאָס טאַקע נישט געזען. ער האָט אָבער וועגן דעם א סך געהערט. „און דער אָ אר־גומענט איז פריער אויך געווען". עס איז נישט קלאָר געווען צי איז פאראן א באַזונדערע באַדייטונג אין אָט דעם זאָג, ווייל באלד נאָך דעם, בעת גאָלדע האָט אויסדריקלעך געזאָגט, אז דאָס פראָבלעם איז אים זיכער באקאנט פון זיין געשפּרעך מיט מ. שערטאָקן אין פאריז, האָט ער זיך פון דער טעמע ארויסגעדרייט (אזוי איז געווען אונדזער איינדרוק) מיט א קורצער פראזע: „יאָ, מיר האָבן געשמועסט מיטן הער שערטאָק אייניקע מאָל".

גאָלדע האָט אים דערציילט אין קורצן וועגן די פּלענער פון אונ־דזער לאַנדווירטשאַפטלעכער זידלונג און ער איז געווען פאראינטערע־סירט צו וויסן וועלכע עס זענען די שיטות פון בויען די הייזער ביי אונדז פאר נייע עולים. ס'איז אים געגעבן געוואָרן א קורצע שילדערונג וועגן דעם אופן פון בויען, די סאָרטן פון די הייזער (איין משפחהדיקע און שותפותדיקע) אין שטאָט און אין דאָרף און באַזונדערס מכוח די וועגן פון אויפנעם אין די קיבוצים. אז מ'איז דערגאַנגען צום ענין „קיבוץ" האָט ער ווידעראַמאָל געפרעגט, צי לעבן זיי דאָרט טאַקע אויף אן אמת אין קאָמונעס. פלוצים האָט ער זיך אַ ווענד־געטאָן צום סעקרעטאַר זיינעם און מיט געלעכטער אים געפרעגט: „פארשטייסט דאָס לשון?" ס'איז אונדז נישט קלאָר געוואָרן הלמאי ער האָט געפרעגט וועגן דעם, אויסער דער השערה, אז עס קאָן זיין אז דער סעקרעטאַר פארשטייט עברית, אָדער גאָר אַז ער איז מאחינו בני ישראל, אָבער זיין אויסערלעכער אויסזע איז געווען ווי פון אַ גוי גמור.

אַז די אודיענץ האָט זיך דערנענטערט צו איר סוף האָט גאָלדע אויף אַ באַשיידענעם אופן דערוועקט די פראַגע וועגן דערלויבעניש ארויסצופאָרן פון דאַנען אין פאַלן פון באַזונדערע שווערע משפחה־לאַגעס: אַלטע טאַטע־מאַמע וואָס אַלע זייערע קינדער זענען אין לאַנד, קינדער וואָס זענען געבליבן דאָ שטעקן צוליב מלחמה־באַדינ־

גונגען און זייערע עלטערן האָט אָפּגעגליקט צו ראַטעווען דאָס לעבן און געפינען זיך ביי אונדז אין לאַנד, און איצט, אָן די קינדער, איז זייער לעבן קיין לעבן נישט. ווישינסקי האָט געענטפערט אַז אָט דער ענין איז זייער קאָמפּליצירט: א. מ׳דאַרף באַהאַנדלען יעדן פאַל באַזונדער. ב. דאָס איז נישט אין דער קאָמפּעטענץ פון דעם אויסערן־מיניסטעריום, נאָר פון די „געהעריקע אינסטיטוציעס״*) ג. אַז עס ווערט געגעבן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן אויף שטענדיק פאַרפּליכטעט דאָך דאָס זיך אָפּצוזאָגן פון סאָוויעטישער בירגער־שאַפט; ד. דאָס אַרויסגעבן א דערלויבעניש אָפּצוזאָגן זיך פון דער בירגערשאַפט געהערט נישט די פולמאַכטן פון קיין שום מיניסטעריום נאָר איז אויסשליסלעך אין דער פולמאַכט פון פּרעזידענט פונעם מיניסטאָרן־ראַט.

צוויי מאָל האָט ער איבערגעחזרט: „אַ זייער פּאַרצויגענע פּראָ־צעדור״. אויפשטייענדיק צו געזעגענען זיך האָט ער אַ זאָג געטאָן: „כ׳וועל זיין גרייט אייך צו דינען ווען איר וועט זיך נאָר ווענדן צו מיר״.

דעם 2־טן פעברואַר האָט גאָלדע, אין מיין באַגלייטונג, באַזוכט באַקולינען און אים איבערגעגעבן וועגן די געשפּרעכן וואָס אונדזערע מענטשן האָבן געפירט מיט אבדאללאַן, אין רעזולטאַט פון אַ טעלע־גראַמע, וואָס איז אָנגעקומען פון מ. שרתן. באַקולין איז געווען פאַר־אינטערעסירט אינעם גאַנג פון די געשפּרעכן אין ראַדאָס, צו אונדזער באַדויערן האָבן מיר גאָרנישט געוווסט, אויסער דעם אז עס זענען פאַראַן שוועריקייטן אין דער פראַגע פון אָפּליידיקן דעם ראַיאָן פון ים־ברעג און אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן. גאָלדע האָט אים דער־ציילט, אז עס באַשטעטיקט זיך וואָס זי האָט אים געהאַט געזאָגט אין אָט דעם ענין ווי א השערה, אין אַ פריערדיקן שמועס (זע אויבן). דאַן האָט באַקולין צוגעגעבן און געפרעגט מיט זאָרג, צי ס׳איז אמת, „ווי מ׳שרייבט דאָס אין דער אויסלענדישער פּרעסע״ אַז די ישראל־רעגירונג איז גענייגט נאָכצוגעבן אין דער פראַגע פון נגב. גאָלדע האָט מיט פעסטקייט דאָס אָפּגעלייקנט און געזאָגט אַז זי ווייסט גענוי אונדזער פעסטע שטעלונג וועגן אילת, איז אויב וועגן די ווייטסטע פונקטן פון אונדזער גרענעץ איז אַזוי די שטעלונג, לייגט זיך ממילא נישט אויפן געדאַנק אַז מיר וועלן מוותר זיין אויף נענטערע שטחים.

אין דעם געשפּרעך איז אים אויך איבערגעגעבן געוואָרן קלאָר־מאַכנדיקע פּרטים וועגן די רעזולטאַטן פון די וואַלן צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. די ידיעות און די אָפּשאַצונגען וואָס זענען אים איצט איבערגעגעבן געוואָרן, האָבן זיך מיט גאָרנישט נישט געפּאַסט צו די אָפּנאַרערישע טעלעגראַמעס פון מיקוניסן — וואָס זענען דאָ פאַר־

---

*) געמיינט דאָס אינערן־מיניסטעריום.

עפנטלעכט געוואָרן מיט אַ טאָג־צוויי צוריק — וועגן פארמיידן וואַל־רעכט פון גרויסע מאַסן, וועגן דער „בורזשואַז ־ ציוניסטישער״ פּאַרטיי מפא״י וכדומה. ער האָט זיך אינטערעסירט צי ס'וועט זיין אַ פּרע־זידענט, און וואָס וועלן זיין זיינע פולמאכטן.

צום סוף האָבן מיר געפרעגט צי ס'איז מעגלעך צוצואיילן די דער־לויבעניש אויף איינצואָרדענען אַ זענדער אין אונדזער געזאנדשאַפט, לויט אונדזער ביטע וואָס מיר האָבן זיי איבערגעגעבן דורך אַ בריוו, מיט א דריי וואָכן פאר דעם איצטיקן באַזוך. אין דעם בריוו האָבן מיר אויסגעדריקט אונדזער גרייטקייט צו דערמעגלעכן אויך זייער געזאנדשאַפט אין תל־אביב דאָס זעלבע. באַקולין האָט געמאַכט אן ערנסט פּנים און געזאָגט: „מיר באַטראַכטן נאָך די פראגע, מירן אייך זיכער ענטפערן בקרוב״.

אונדזער איינדרוק איז ווייט נישט געווען קיין פּאָזיטיווער.

דעם 27־טן יאַנואַר האָט אונדז אָפּגעשטאַט אַ וויזיט קאָהליער, דער ראט־געבער און שטעל ־ פארטרעטער פונעם אמעריקאנער גע־זאַנדטן, און געווײלט ביי אונדז העכער אַ שעה. ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן פון פאַרשיידענע זייטן, אַז ער גראוויטירט צו די ענגלענדער. אינעם פאל פונעם אַראָפּשיסן די בריטישע עראָפּלאַנען, זאָל ער זיך האָבן ארויסגעזאָגט אין א געשפרעך מיט איינעם א דיפּלאָמאט, אז דער אַפּעטיט פון ישראל גייט צו ווייט, זי דערלויבט זיך אויך ארייַנ־צודרינגען קיין מצרים, זי וואגט אָנצוגרייפן די בריטישע אוויאציע א. א. פון וואַנען האָט ער זיך איינגעשאַפט אַזאַ צוגאַנג — איז דאָס זיינער אַ פערזענלעכער און אייגענער קוק, צי די בריטישע געזאנד־שאַפט באַאיינפלוסט אים אזוי, צי גאָר איז דאָס אן אינסטרוקציע פונעם סטייט־דעפּארטאמענט אָדער אלץ צוזאמען — איז אונדז נישט קלאָר געוואָרן.

ער האָט געפרעגט וועגן דער באַדייטונג פון די וואַלן צו דער כנסת און אויף די אויסזיכטן פון אַ קאָאַליציע, און צי אויך מפ״ם וועט זיין אינעווייניק. זעט אויס אז די שטעלונג פון אונדזער פּאַרטיי איז אים געווען קלאָר. ער האָט אויך געפרעגט וועגן די פארהאַנדלונגען מיט מצרים און וואָס זענען די אויסזיכטן לגבי לבנון און אַבדאַללאַן. (אין דער פרעסע דאָ האָט מען אים גערופן אַבדולא — אַ נאָמען וועמענס פּאָנעטישער אויסקלאַנג אין רוסיש איז אַ ביסל חוזקדיק. אַ געוויסער ראַדיאָ־ספּיקער אין מאָסקווע האָט סוף 1948 געזונגען אַן אָפּלאכנדיקן סאטירישן קופּלעט אויף אים און אויף דער מפּלה, וואָס ער האָט געליטן פון יידישן מיליטער. אויך אין אָרטיקן צירק האָב איך געהערט אַ דיאַלאָג פון צוויי קלאָונס פול מיט ליצנות און חוזק אויף דער אראבישער ליגע און אויף „אַבדולאַן״, אין שייכות מיט זייער מלחמה מיט ישראל).

מכוח דער קאַאַליציע האָב איך אים געזאָגט, אז מ׳וועט אוודאי פאָרזעצן דעם פריערדיקן צוזאַמענשטעל, אויב מפ״ם און די אנדערע פארטייען וועלן ארויסציִען מסקנות פונעם זיג פון מפא״י און פון איר אויפשטייג אויף זייער חשבון. קאָהליער האָט זיך געחידושט אויף דעם קליינעם כוח פון די קאָמוניסטן. האָב איך אים געזאָגט, אז מיר האָבן דאָס געקענט פאָרויסזען און אז זיין איבערראַשונג שטאַמט פון פאַלשער בריטישער אינפאָרמאַציע. וואָס שייך די פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבער, — אויב עס וועלן נאָר נישט זיין קיין זייטיקע שטע־רונגען, גלייבן מיר אַז מיר וועלן קומען מיט זיי צו אַן אויסגלייך. אויף זיין פראגע, וואָס זענען אונדזערע טעריטאָריאַלע פאָדערונגען, האָב איך געענטפערט: די מאפּע פונעם 29־סטן נאָוועמבער, אריינ־רעכענענדיק די שטחים וואָס מיר האָבן איינגענומען, אויך דער טייל פון ירושלים וואָס געפינט זיך אין אונדזערע הענט ממילא, מיט א הסכמהדיקער אינטערנאַציאָנאַלער רעגולירונג וועגן די הייליקע ער־טער אין דער ירושלימער אַלט־שטאָט. קאָהליער האָט באַמערקט: „צי מיינט דאָס נישט אז אייערע פאָדערונגען שטייגן? און וואָס איז וועגן די רוסן? זיי באַשטייען דאָך בלויז אויף די גרענעצן פון 29־סטן נאָוועמבער. און ווי אזוי וועט איר דורכקומען מיט אַבדאַלאַן? די רוסן זענען דאָך נאָך אלץ פאר א זעלבשטענדיקער אראבישער מדינה אין דער צווייטער טייל פון לאנד״.

אין דער פראגע פון גרענעצן האָב איך זיך צוריקגעקערט צו אונדזער געוויינלעכער אויפקלערונג, אז מיר האָבן מסכים געווען צו די גרענעצן פון 29־סטן נאָוועמבער ווי אַ פשרה פאר א שלומדיקער רעגולירונג. אָבער דאָס איז נישט צושטאַנד געקומען. וואָס שייך דער רוסישער שטעלונג — די ליניע וואָס מיר האָבן אָנגענומען אין אונ־דזער אויסערן־פּאָליטיק דרינגט ארויס פון באַשיצן אונדזערע לעבנס־וויכטיקע ענינים ווי מיר זעען זיי, און איז נישט איינגעשפּאַנט אין קיין שום בלאָק פון די בלאָקן. איז שוין ממילא מעגלעך, אז אַמאָל וועט דער צד און אַמאָל אַן אנדערער צד, אויך פון די פריינטלעכע גרויסמאַכטן, נישט זיין צופרידן פון אונדזער אויפפירונג, אָבער מיר האָבן נישט קיין ברירה. כ׳בין אויך נישט זיכער, אז די סאָוויעטן וועלן זיך איינשפּאַרן דווקא ארום א דאָגמאַטישער שטעלונג וועגן די גרענעצן. קאָהליער האָט ווייטער געפרעגט צי אין די אַנטי־ציוניסטישע רעאַגירונגען וואָס באַווייזן זיך אין דער סאָוויעטישער פרעסע, איז נישט צו זען סימנים פון אָפּשוואַכונג אין דער פריינטשאַפט צו מדינת ישראל, ר׳האָט אויך געפרעגט וועגן מצב פון דער עליה פון די לענדער פון מזרח־בלאָק. כ׳האָב געענטפערט אז די אנטי־ציוניסטישע נאָטיצן זענען אליין און פאר זיך נישט אָנגענעם, אָבער לויט דער טראַדיציאָ־נעלער סאָוויעטישער אויפפאַסונג האָט דאָס נישט קיין שייכות צום שטיצן ישראל, און דאָס אפילו לויט דער מיינונג פון אַזאַ עקסטרעמען

אַנטי־ציוניסט ווי איליאַ ערענבורג. כ'האָב דערציילט וועגן דער מאַסן־אויסוואַנדערונג פון בולגאַריע און יוגאָסלאַוויע און וועגן די שוועריקייטן אין רומעניע. דאָ האָט קאַהליער באַמערקט: „אָבער פון דאַנעט וועט מען נישט דערלויבן קיין עליה. אַפילו ווען די מאַכט וואָלט געווען גענייגט דערצו ווי צו אַ לעזונג פון דער יידן־פראַגע, וואָלטן די סאָוויעטן נישט געקאָנט באַשטימען קיין אויסנאַם־רעכט אויף אַרויסצופאָרן פאַר איין באַזונדערן סאָרט בירגער. עס געפינען זיך דאָ אַ צאָל אַמעריקאַנישע בירגער, אַלטע סאָוויעטישע איינוווינער, און מיר קאָנען זיי נישט אַרויסנעמען; אַ פשיטא שוין אַ היגן בירגער. קלאָר, אויב מ'וואָלט די יידן געגעבן דאָס רעכט אַרויסצופאָרן וואָלטן זיי אַרויס מאַסנווייז.

אין ענטפער אויף פאַרשיידענע פראַגן וואָס איך האָב געפרעגט האָט קאַהליער געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין שום גרונט פאַר די קלאַנגען וועגן אַ נאָענטן אַמעריקאַניש־רוסישן אָפּמאַך. די אַמעריקאַנער וועלן נישט מסכים זיין אויף טיילווייזע אָפּמאַכן אין דער צייט ווען די געביטן וואָס וועגן זיי גייט אָן דער שטרייט האַלטן זיך אין איין פאַרמערן: בערלין, צפון־קאָרעאָ און נאָך. דער מקור פאַר די קלאַנגען איז אַ סאָוויעטישער, און צו דעם זענען דאָ צוויי טעמים: א. קעגן אויסלאַנד איז באַקוועם פאַר רוסלאַנד צו דערשייַנען ווי אַ שלום־ליבנדיקע און איר אַגיטאַציע אין אויסלאַנד איז דערצו צוגעפּאַסט; ב. פאַר דער אינערן־פּאָליטיק איז זי געצוווּנגען זיך צו מאַכן אויסזען שטאַרק אָנגרייפעריש און ריין פון וועלכער ס'איז נאָכגעבונג אין איר פּאָליטיק. דעריבער דעמאָנסטרירן זיי אין אויסלאַנד פיל זשעסטן פאַרן שלום כביכול, בעת ביי זיך אין לאַנד איז אַזוי גרויס די העצע פאַר מלחמה אין דער רוסישער פּרעסע, וואָס פאַרהוילט פון אירע לייענער יעדן דורכפאַל פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק, אַפילו דעם קלענסטן. די לאַגע אין כינע איז געוואַלדיק שלעכט און ס'איז אַ ספק צי זי וועט זיך אַרויסדרייען פון אַ קאָמוניסטישער הערשאַפט איבער אַלע אירע שטחים. דער כינעזישער קאָמוניזם איז פול קאָמפּראָמיסן אין אינערלעכע ענינים און איז נישט ענלעך צום סאָוויעטישן, אָבער פון שטאַנדפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק מיינט דאָס סאָוויעטיזאַציע. פון דעסטוועגן דאַרף מען נישט איבערטרייבן אין דער חשיבות פון דורכפאַל אין כינע לגבי דעם באַלאַנס פון די כוחות אין דער וועלט אין דער נאָענטער תקופה, ווייל דערוויַיל זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין אַנדערע ערטער *) „איך זאָג נישט אַז די מלחמה דערנענטערט זיך, און אפשר וועט זי אינגאַנצן נישט קומען, אָבער אויך דער שלום איז נישט נאָענט".

---

*) ס'איז אָנצונעמען, אַז ער האָט דערמיט געמיינט יאַפּאַן.

פון דעם שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די אַמעריקאַנישע גע־זאַנדשאַפט פאַרמאָגט נישט קיין זענדער. די רוסן זענען דאָ נישט שולדיק, וואָרעם די אַמעריקאַנער האָבן נישט דערלויבט די רוסן אַריינצופירן אַזאַ זענדער ביי זיי אין וואַשינגטאָן. קאָהליער מיינט אַז עס זענען דערביי נישט געווען קיין פּאָליטישע סיבות וואָס די אַמע־ריקאַנער האָבן דאָס נישט געוואָלט דערלויבן, נאָר דער כאַראַקטער פונעם אָפּהאַלט איז געווען פון אַ האַנדל־ און פרייז־ענין און איז געווען פאַרבונדן מיט מיינונג ־ פאַרשיידנהייטן פון ראַדיאָ־געזעל־שאַפטן וואָס זייערע פּרטים זענען אים נישט באַקאַנט. עס זענען דאָ זענדערס ביי די פראַנצויזן, ביי די ענגלענדער און ביי די טשעכן. ער מיינט אַז אונדז וועלן זיי דערלויבן איינצואָרדענען אַ זענדער.

ס'איז פאַראַן אַן אָרט אויף צו באַמערקן, אַז חוץ דעם ווילן צו דערהאַלטן ידיעות וועגן פאַרשיידענע ענינים דורך געשפּרעכן, און לאָזן הערן זאַכן וואָס עס איז גוט זיי זאָלן אָנקומען צו אַ דריטן צד, און אַז אין ביידע פאַלן מיען זיך וועגן דעם אַלע דיפּלאָמאַטן — קלאָרט זיך אויס אין מיר אַן איינדרוק, אַז אין אויפּפּאַסן די באַציונגען צווישן אונדז און דעם ראַטנפאַרבאַנד איז ביי די מענטשן פון מערב פאָרגעקומען אַן ענדערונג. בעת פריער האָבן זיי אונדז חושד געווען און געזען אונדז ווי אַ מדינה וואָס שלעפּט זיך נאָך דעם ראַטנפאַר־באַנד און דעם קאָמוניזם. אָדער זיי זענען פּשוט געווען פאַראינטער־רעסירט אין דעם ליכט אונדז פאָרצושטעלן, כדי צו פּסלען אונדזער כשרות אין די אויגן פון אוּנ"א און אין די אויגן פון דער מערבדיקער עפנטלעכער מיינונג, צילט איצט זייער מאַנעווער (אָדער זייער אויפ־פאַסונג) צו אַנטדעקן קעגנזאַצן צווישן אונדז און די רוסן, סיי זיי עקזיסטירן טאַקע סיי זיי זענען עלול אויפצוטויכן אין פאַרלויף פון דער צייט. עס האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם אייניקע צופעליקע אָדער נישט־צופעליקע באַמערקונגען בעת באַגעגענישן מיט פאָרשטייערס פון מערבדיקן בלאָק. די וואַלן צו דער ערשטער כנסת האָבן אַ סוף גע־מאַכט צו דער לעגענדע וועגן קאָמוניזם, אָבער פון איצט אָן האָט מען געדאַרפט נעמען אין חשבון די טענדענץ פונעם מערב צו אינטריגירן צווישן ישראל און רוסלאַנד. מעגלעכקייטן און וועגן דערצו זענען געווען איבער גענוג. די פרייהייט פון פּאָליטישן אויסוואַל, ווען אפילו ער איז זייער רעלאַטיוו און שטאַרק באַגרענעצט, גיט דאָך צו די שוואַכע פעלקער אַ ביסל כוח און פאַרוואַנדלט זיי, ביי געוויסע אומשטענדן, אין אַ פּאָליטישן אינטערנאַציאָנאַלן פאַקטאָר וואָס פאַר־פליכטעט דעם צווייטן אַ ביסל זיך מיט זיי צו רעכענען.

די נייע אַנטוויקלונג האָט, ווייזט אויס, אונדז מחייב געווען צו אַ טאָפּלטער וואַכזאַמקייט פול מיט חשדים כלפּי דער „זאָרג" פון מערב פאַר דעם וווּיל פון אונדזערע באַציונגען מיט די סאָוויעטן. מיר האָבן נישט געקאָנט וויסן ווי לאַנג נאָך וועלן מיר קאָנען אָנהאַלטן די זעלבע

אויסערן ־ פּאָליטיק וועלכע מיר האָבן אָנגעוואָנדן אין אָנהייב פון אונדזער זעלבשטענדיקייט, וואָס האָט אַרויסגעדרונגען נישט נאָר פון אונדזער זיין אָפּהענגיק אין דער צעטיילטער יידישער וועלט נאָר אויך דערפאַר וואָס זי אַליין האָט געהאַט איר צוועק מיטן הייבן אונדזער כוח און ווערט אין די אויגן פון ביידע בלאָקן. און ס'איז געווען קלאָר אַז עס וועט זיך שטאַרקן איבער אונדז דער דרוק פונעם מערב מיר זאָלן פאַרלאָזן אונדזער פּאָזיציע וואָס צווישן די צוויי בלאָקן און אַריבערגיין צו זיי. נאָך דעם ווי ס'איז זיי געלונגען נישט צוצו־לאָזן רוסלאַנד אַנטייל צו נעמען אין דער אונ"א־עקספּעדיציע קיין ארץ־ישראל, איז דאָך אין דעם פאַרערגערן די באַציאונגען פון ישראל מיט ס.ס.ס.ר. געווען זייער לעצטע האָפענונג — אָדער די האָפע־נונג פון אַ טייל פון זיי — צו באַזייטיקן די רוסן אַבסאָלוט פונעם ארץ־ישראלדיקן שאַך־ברעט, וואָס אין רעזולטאַט דערפון וואָלטן מיר געבליבן פנים אל פנים מיטן מערב אַליין, נישט בלויז אין לאַנד, נאָר אויך אין אונ"א.

לויט מיין מיינונג, ווי כ'האָב דאָס פאָרמולירט אין מיין איבער־זיכט צום אויסערן ־ מיניסטער, האָבן זיך פון דעם אויבנגעזאָגטן באַקו־מען אייניקע אויספירן:

אין אונדזערע קאָנטאַקטן מיטן מערב דאַרפן מיר אויפהערן זיך גערעכטפאַרטיקן, אַז מיר זענען נישט קיין סאָוויעטישע מיטלויפערס. וואָרעם די שיטה פון אַזאַ אויפקלערונג טראָגט מיט זיך די סכנה אַז נישט ווילנדיק וועלן מיר אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַ לאַגע פון אַרויסווייזן אַ ביסעלע אָפּפרעמדונג אָדער אַנטיפּאַטיע צו די סאָ־וויעטן. בעסער געזאָגט: אין יענער צייט איז, אַזאַ רעכטפאַרטיקן זיך געווען נייטיק; היינט איז דאָס אינגאַנצן איבעריק.

ב. מ'דאַרף אויסמיידן יעדן שריט וואָס קאָן קאַליע מאַכן די אַט־מאָספערע פון די באַציונגען מיטן רוסישן בלאָק, אויסער אין אויסער־געוויינלעכע פאַר אונדז לעבנסוויכטיקע ענינים, און מ'דאַרף אויסשעפּן אַלע מעגלעכקייטן פאַר פריינטלעכע פאַרהאַנדלונגען אַפילו אין זאַכן אַרום וועלכע עס זענען פאַראַן מיינונג־פאַרשיידנקייטן.

ג. מ'דאַרף איינחזרן מיט די רוסן אַז באַזונדער איז ענגלאַנד צו־פרידן פון זייערע אָנגריפן אויפן ציוניזם, ווייל זי איז פאַראינטערע־סירט אונדז צו צעקריגן און קוקט אויס אַז די פריינטשאַפט צווישן אונדז זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן.

ד. כלפּי אינעווייניק דאַרף פאַרגרעסערט ווערן די אויפקלערונג אַז דאָס פאַרדאַכטיקן אונדזער פּאָליטיק אין אָפּפרעמדונג צום ראַטנ־פאַרבאַנד קאָן קאַליע מאַכן די באַציונגען; מ'דאַרף סטעמפּלען די אַגיטאַציע פון אונדזערע „לינקע" ווי אַזאַ וואָס העלפט דעם מערב, אין קעגנזאַץ צום געמיינזאַמען סאָוויעטישן און ישראלדיקן אינטע־רעס".

אין די אלע ואַכן האָב איך נישט געזען קיין שום סתירה צום פאָרשלאָג וואָס כ'האָב אין זיין צייט פארגעברענגט פאר אונדזער אויסערן־מיניסטעריום, אז ער זאָל עפענען אַ ספעציעל בוך פאר א גענויער פארצייכענונג פון יעדער עוולה וואָס וועט באַגאַנגען ווערן מצד ס.ס.ס.ר. און איר געזאנדשאפט אין תל־אביב כלפי אונדזערע ענינים אויפן פּאָליטישן געביט און אין דיפּלאָמאַטישן פּראָטאָקאָל, בעל פה צי אין דרוק ובפרט אין מעשים וואָס טראָגן מיט זיך אן אָפענע אָדער פארשטעלטע אריינמישונג אין אונדזער אינערן־פּאָליטיק. אויך צום פארערגערן די באַציונגען, האָב איך געהאלטן, דאַרף מען זיך צוגרייטן...

דעם 31־סטן יאַנואר איז גאָלדע געקומען צוריקגעבן א וויזיט דעם יוגאָסלאַווישן געזאנדטן, וואָס האָט זי וויזיטירט נאָך דעם ווי ער איז געקומען אהער פארבייטן זיין פאָרגייער.

דער וויזיט און דאָס געשפרעך וואָס האָט זיך אנטוויקלט זענען גלייך ארויס פון דער קאָנווענציאָנעלער ראַם און דער יוגאָסלאווישער געזאַנדטער, גענעראל קאָרלאָ מראזאָוויטש, האָט אויסגענוצט דעם באַזוך צו געבן אויסדרוק דעם גאַנצן צאָרן וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן. דער איינדרוק איז געווען אז זיינע רייד האָבן נישט געצילט צו ווערן הינטנארום פארשפרייט, נאָר פשוט זייענדיק אין איינגעריסענע באַציונגען מיטן מזרח־בלאָק און ווייט פון פריינטשאַפט מיטן מערב, האָט ער געפונען אין דער ישראל־געזאנדשאַפט עמעצן וואָס קאָן פאַרשטיין זיין געמיט, עמעץ וואָס איז נייטראַל.

אין אָנהייב פון זיינע רייד האָט ער דערמאָנט די באַגייסטערונג וואָס הערשט אין זיין מדינה, די פולע אייניקייט צווישן די פארשיידענע פעלקער, דאָס קאָנצענטרירן זיך פון גאנצן ציבור ארום דער בויאונג און דער רעקאָנסטרוקציע און ארום דער פירונג און דער פאראייניקטער „פּאַרטיי". אָבער דאָס איז געווען נאָר ווי א מין אריינפיר צו די אויפקלערונגען וואָס זענען געקומען נאָך גאָלדעס פרעגן וועגן פאָן פונעם סכסוך צווישן יוגאָסלאוויע און דעם ראַטנפארבאנד און מיט די לענדער פון די פּאָלק־דעמאָקראַטיעס.

לויט אים נאָך, חזרט מען מער נישט איבער די באשולדיקונג וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן אין דער דעקלאראציע פון קאָמינפאָרם פון צוריק מיט 7 חדשים. אין די דאָזיקע באַשולדיקונגען האָבן זיך געפונען פיל סתירות, ווי למשל, — פון איין זייט הערשן, כאילו, „קולאַקעס" אין דער מדינה, און פון דער צווייטער זייט — אַז דער גאנג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע איז געווען א צו גיכער. איינע פון די הויפּט ־ באַשולדיקונגען איז געווען אז כאילו א „כנופיה" האָט באַהערשט די פּאַרטיי, מענטשן וואָס זענען נישט אויסגעוויילט געוואָרן, כאילו אויפן אָרט פון וואָלן איז אין יוגאָסלאַוויע אָנגעווענדט געוואָרן בלויז די שיטה פון צו קאָאָפּטירן.

מ׳דאַרף אָבער פאַרשטיין אַז די מענטשן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אונטערערדישער באַוועגונג און מיט דער מלחמה מיט די דייטשישע אַריינדרינגלער, האָבן נישט פאַרלאָזט ס׳לאַנד, זענען נישט געגאַנגען אין די טריט פון די פאַרשיידענע עמיגראַנטן, נאָר האָבן געקעמפט אויפן אָרט. דער פאַרלוסטן־פּראָצענט פון צווישן דער פּאַרטיי – אָנפירערשאַפט און צווישן אַלע אירע אַקטיוויסטן איז געווען גאָר גרויס, און אין דער מלחמה איז אוממעגלעך געווען צו קאָאָפּטירן צו דער אָנפירונג עמעצן אויסער פון די אַקטיווע און די פעיקע. די זעלבע זאַך האָט געטראָפן אויך די אויספיר־ראַטן פון די פאַרשיידענע לענדער אין דער פעדע־ראַטיווער מדינה. אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי נאָך דער מלחמה איז געגעבן געוואָרן אַ פולע באַשטעטיקונג דעם וועג פון דער פּאַרטיי און איר פּראָגראַם און אויך איר אָנפירונג, איינשליסנדיק די אַלע וואָס זענען קאָאָפּטירט געוואָרן פון זינט דעם ערשטן צוזאַמענפאָר.

אין דער דאָזיקער מלחמה האָט יוגאָסלאַוויע געליטן מער ווי דאָס רוב לענדער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. ווו געפינען זיך קברים פון זעלנער פון דער רויטער אַרמיי — אין יוגאָסלאַוויע, צי ביי יעדן דאָרף אין אונגאַרן, אין רומעניע און אין די אַנדערע לענדער פון די פאָלקס דעמאָקראַטיעס? אין יוגאָסלאַוויע איז אוממעגלעך, אַז אַ באַשע־פעניש, ווי למשל, „פאַרבאַנד פון געוועזענע קריגסגעפאַנגענע" וואָס עקזיסטירט אין אונגאַרן. נאָך מער, ביז הייַנט ברענגט מען נאָך צוריק פון רוסלאַנד געפאַנגענע אונגאַרישע סאָלדאַטן, דאָרט האָבן מלחמה געהאַלטן 600 טויזנט אונגאַרישע זעלנערס.

אין יאָר 1942 האָט זיך צוויי דריטל שטח פון יוגאָסלאַוויע געפונען אין די הענט פון די פּאַרטיזאַנער, 30 ביז 40 דייטשישע דיוויזיעס זענען געווען צוגעשמידט אין יוגאָסלאַוויע. און ווי אַזוי האָבן די יוגאָסלאַוון מלחמה געהאַלטן? זיי האָבן נישט פאַרמאָגט קיין עראָפּלאַנען אויף צו פירן פאַרוווּנדעטע און זענען געווען גע־צווונגען צו טראָגן די פאַרוווּנדעטע אויף די פּלייצעס ווייטע מרחקים און אַמאָל צו באַהאַלטן זיי אין טיף־אויסגעגראָבענע היילן אין דער ערד. ביז 1944 האָבן זיי נישט געהאַט קיין איין קויל פון אייגענער אויסאַרבעטונג. דאָס גאַנצע געווער און די אַמוניציע און די אויס־שטאַטונג זענען זיי געווען געצוווּנגען אַרויסצובאַקומען פונעם שונא, ממש מיט די הענט און נעגל. מראַזאָוויטש אַליין האָט אויף 4 ביקסן אויפגעשטעלט אַ גאַנצע דיוויזיע. ער ווייזט אונדז זיינע ווונדן: ביידע הענט, דער קאָפּ און דער בויך. טויזנטער קילאָמעטערס האָט ער דורכ־געמאַכט צופוס אין אָט דער אַכזריותדיקער מלחמה קעגן אַריינ־דרינגלער.

און די דאָזיקע מלחמה האָט אין אירע טריט געבערענגט די נייע אָרדענונג. עס זענען באַזייטיקט געוואָרן מאָנאַרכיסטישע אינסטיטו־

ציעס, קאָלאַבאָראַנטן און מאָנאַרכיסטישע זשאַנדאַרמעריע זענען זייער אָפט צעשאָסן געוואָרן. ער האָט גערעדט מיט א חשובן מענטש פון א שכנותדיק לאַנד, האָט אים יענער, אין דעם שמועס, צו נישט געמאַכט דעם ווערט פון דעם פּאַרטיזאַנישן קריג אין יוגאָסלאַוויע, כאילו נאָך דעם ווי די דייטשישע פּאַראַשוטיסטן האָבן געפּרוווט כאַפּן אין געפאנגענשאַפט טיטאָס שטאַב, איז די גאַנצע טעטיקייט און פעיקייט זייערע געשטרויכלט געוואָרן. מראַזאָוויטש ווי אַ קעמפער האָט אין די דאָזיקע רייד געזען א פערזענלעכע באַליידיקונג, וואָס קיין שווערערע פון איר איז שוין נישטאָ.

קלאָר אז רוסלאַנד האָט געדינט ווי אַ קוואַל פון שטאָלץ און באַגייסטערונג. דאָס אָפּשטויסן די דייטשן פון מאָסקווע אין 1941 און דער העלדן־קריג פון סטאַלינגראַד האָבן געגעבן דערמונטערונג די יוגאָסלאַווישע קעמפערס. זיי האָבן דערפילט אז זיי זענען נישט אַליין אין דעם דאָזיקן קאַמף, אז הינטער זיי קעמפט דאָס רוסישע פאָלק און אז דער זיג איז געזיכערט. אין דעם אָ גייסט פון פארערונג צו רוסלאַנד און צו איר מיליטער זענען דערצויגן געוואָרן אונדזערע סאָלדאַטן. אין 1944 איז אויך געקומען הילף פון רוסלאַנד, די אויסשטאַטונג און די טאַנקען האָבן אונדז דערמעגלעכט אָנצוקומען קיין טריעסט אין צייט.

אָבער מ׳דאַרף געדענקען, אז נישט די רוסן האָבן באפרייט יוגאָסלאַוויע, ווי זיי האָבן באפרייט די איבעריקע מדינות פון דער פאָלקס דעמאָקראַטיע. פון די פינף מדינות פון דער פעדעראַציע זענען די רוסן אריין נאָר קיין סערביע, און דאָס אויך נאָר נאָך דעם ווי זיי האָבן גענומען דערלויבעניש פון דער יוגאָסלאַווישער רעגירונג. פאַקטיש האָבן די סאָוויעטישע קאָרפוסן געוואַרט אויף דער אנדערער זייט טייך און האָבן אפילו נישט געשאַפן קיין קאָנטאַקט מיטן יוגאָסלאַווישן מיליטער. דער מאָטיוו פארן פארלאַנגען די דערלויבעניש איז געווען, צו דערמעגלעכן דאָס ארומרינגלען די דייטשישע כוחות אין אונגארן. די דערלויבעניש איז זיי געגעבן געוואָרן מיטן קלאָרן באַדינג , אז דאָס סאָוויעטישע מיליטער וועט פארלאָזן דעם שטח תיכף מיטן פארענדיקן די מיליטערישע אקציעס. די יוגאָסלאַוון האָט מען נישט באַדאַרפט באַפרייען...

היינט דריקן דער עיקר די ווירטשאפטלעכע שוועריקייטן פון דער מדינה נאָך דעם וואָס זי איז אלץ אדורכגעגאנגען — די ווירטשאַפטלעכע סאַנקציעס וואָס עס האָבן אויף איר ארויפגעלייגט דער ראַטנפארבאַנד און די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע שעדיקן אונדזער מדינה און זיי באַליידיקן און דערנידעריקן.

אז פוילן שרייבט ־ אונטער א האנדלס־אָפּמאַך מיט ענגלאַנד איז עס כשר וישר און רופט נישט ארויס קיין שום קריטיק, אָבער אז

יוגאָסלאַוויע איז געצוווּנגען צו האַנדלען מיט אַנדערע מדינות און מאַכט מיט זיי האַנדלס־אָפּמאַכן, הייבן זיך אויף געשרייען קעגן אַזאַ פאַרברעך. ראַקאָשין איז דערלויבט געווען זיך צו ווענדן קיין אַמע־ריקע מיט אַ ביטע וועגן אַ הלוואה, אויך די טשעכן איז דאָס געווען דערלויבט. די יוגאָסלאַוון האָבן אַפילו נישט געפּרוווט בעטן אַזאַ הלוואה און פון דעסטוועגן האָט מען זיי פאַרשוואַרצט ס׳פּנים. אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע מדינות האָבן צוריקבאַקומען די סומעס וואָס זענען געווען פאַרפרוירן און דאָס גאָלד וואָס איז פאַרבליבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אַז יוגאָסלאַוויע פּרוווט אַרויסבאַקומען אַ טייל פון איר גאָלד, באַצייט מען זיך צו דעם ווי צו אַ פאַרברעך. „אמת איז אַז די יוגאָסלאַוון זענען שוואַכע האַנדלס־לייט״, אָבער באַרעכטיקט דען דאָס אַ צוגאַנג פון ווירטשאַפטלעכן אויסנוץ, נישט־אָרנטלעכע האַנדלס־שיטות וואָס גרענעצן זיך מיט קאַפּיטאַליסטישן אויסנוץ פונעם ערגסטן סאָרט, מיט פאַקטישער גניבה — און דאָס גראָד אין די האַנדלס־באַציִונגען וואָס יוגאָסלאַוויע האָט געהאַט מיט אירע „שוועסטער״ פונעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן בלאָק?

אָט אַ שטייגער, ס׳איז געווען אַ פאַל פון אַ פאַרהאַנדלונג מיט אונגאַרן, וואָס אויך ער, מראַזאָוויטש, האָט זיך באַטייליקט. די יוגאָס־לאַוון האָבן געוואָלט אַז די אונגאַרן זאָלן זיי העלפן אויפשטעלן אַ פאַבריק פון טראַקטאָרן. האָבן יענע געזאָגט: „וואָס דאַרפט איר אַזאַ פאַבריק, איר קענט דאָך קויפן ביי אונדז״. אין אונגאַרן איז פאַראַן אַ נישט־גרויסע פאַבריק פון טראַקטאָרן. האָבן די יוגאָסלאַוון זיי גע־פרעגט: „צי זענט איר פאַראינטערעסירט ווי מיר אין מעכאַניזירן די לאַנדווירטשאַפט? צי וועט איר קאָנען אונדז צושטעלן 15.000 טראַקטאָרן?״ די אונגאַרן האָבן אַפילו נישט — געחלומט וועגן אַ מעגלעכקייט צוצושטעלן אַזאַ קוואַנטום. „גוט״ האָבן די יוגאָסלאַוון געזאָגט, „בויט פאַר אונדז אַ פאַבריק און מיר וועלן פּראָדוצירן אויך פאַר אייך, אין פריינטשאַפט און גלייכהייט״.

אָבער, ווייזט אויס אַז די אַנדערע מדינות זענען נאָך נישט גרייט צוצוזען די אינדוסטריאַליזירונג פון יוגאָסלאַוויע. עס לוינט זיך זיי בעסער אָנצוגיין מיט דער עגאָאיסטישער שיטה פון פאַרשטאַרקן זייער אייגענע פּראָדוקציע און פון יוגאָסלאַוויע צו נעמען בלויז דעם רוי־שטאָף אַליין.

און נאָך אַ פאַל: יוגאָסלאַוויע פאַרמאָגט פיל רוי־שטאָפן, מעטאַלן א. א. אייזן־אַרץ ווערט עקספּאָרטירט קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און מען באַקומט פאַר דעם נישטיקע סומעס. אָבער פאַרן אויסגעפאַרטיקטן אַרטיקל פאַרלאַנגען די טשעכן אַ סכום וואָס איז צען מאָל גרעסער ווי דער ווערט פון רוי־שטאָף. צי זענען באַרעכטיקט, פרעגט מראַזאָ־וויטש, אַזעלכע ריזן־רווחים אויפן חשבון פון יוגאָסלאַוויע, צי ס׳וואָלט

געוועז גאָר א סך נאַטירלעכער איינצופירן דעם סיסטעם פון אָרנט־לעכע פראָפיטן פאַרביידע צדדים צוגלייך. און מיט וואָס שיידט זיך אונטער דער ווירטשאפטלעך ־ מסחרדיקער סיסטעם פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער פון די נעגאַטיוועסטע דערשיינונגען פון מלוכהש ־ נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם? די יוגאָסלאַוון זענען שלעכטע סוחרים, זיי וועלן אָבער נישט מסכים זיין צו שיטות פון אויסנוץ, אָדער פון גניבה, לויט די רייד פון געזאַנדטן.

דאָקעגן, שטרייכט אונטער דער געזאַנדטער, האָבן די יוגאָסלאַוון אינוועסטירט א סך געלט, פון די וויניקע רעסורסן וואָס זיי האָבן פארמאָגט, אינעם אנטוויקלען אלבאניע. ווי א דאנק דערפאר האָבן זיי באַקומען נאָר פארשעמונגען.

און טראָץ די אלע פארשעמונגען און נגישות, און נישט געקוקט אויף דעם אלעמען וועט יוגאָסלאַוויע פאר קיין פאל נישט מוותר זיין אויף איר פריינטשאַפט צו ראטנפארבאנד און וועט אים נישט פאראטן, און וועט פאַרזעצן איר קאמף פארן סאָציאליזם וואָס עס זאָל זיין. זי איז זיכער אז סוף כל סוף וועט זיך ענדערן די אומגערעכטע באציאונג. אויב די יוגאָסלאַוון וועלן נישט באַקומען קיין צעמענט פון פאָלקס־דעמאָקראטישע לענדער, וועט זייער אייגן בלוט זיי זיין דער צע־מענט אויף צו בויען דעם סאָציאליזם אין זייער מדינה. מעגלעך אז עס באַקומט זיך פאַטעטיש, אָבער אזוי פילן די יוגאָסלאַוון און אזוי טראכטן זיי.

נאָך דעם ווי גאָלדע האָט געדאנקט דעם געזאַנדטן פאַר דער באַציונג וואָס די יוגאָסלאַוון האָבן ארויסגעוויזן אויף פארשיידענע אופנים צו די יידישע שטרעבונגען, און פאר זייער ממשותדיקער הילף, נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן וואָס עס זענען דורכגעגאנגען סיי די מדינה און סיי דאָס יוגאָסלאַווישע פאָלק, און נאָכן איבערגעבן אירע ווונטשן פארן יוגאָסלאַווישן פאָלק — איז פארענדיקט געוואָרן דער אינטערעסאַנטער און האַרציקער שמועס מיטן געזאַנדטן פון יוגאָסלאַוויע אין מאָסקווע.

דעם 7־טן פעברואר 1949 האָט מען טעלעפאָנירט פונעם אויסערן־מיניסטעריום און פארבעטן גאָלדען אויף אַ געשפרעך מיט זאָרינען. איך בין מיט איר מיטגעגאַנגען.

נישט ווי געוויינלעך, אָן שום פאָר־רעדעס וועגן וועטער אדג״ל האָט זאָרין געזאָגט, אַז ער האָט אונדז איבערצוגעבן א „מעלדונג״ (זאיאוולעניע״) אין נאָמען פון אויסערן־מיניסטעריום. פון אויף אַ שרייב־מאשין אָפּגעדרוקט פאפיר האָט ער געלייענט, צו אונדזער ביטערער איבערראשונג, די פאָלגנדיקע ווערטער (דאָ ווערט געבראַנגט נישט דער גענויער נוסח נאָר אַן איבערזעצונג פון זיינע רייד, לויט ווי איך האָב זיי פאַרצייכנט פון זיין מויל):

א. ס׳איז באוווסט געוואָרן דעם אויסערן־מיניסטעריום פון ס.ס.ס.ר.,

אז די געזאנדשאפט פון ישראל אין מאָסקווע פאַרנעמט זיך מיט שיקן בריוו צו בירגער פונעם ראַטנפאַרבאַנד וואָס שטאַמען פון יידישער נאַציאָנאַליטעט, און זי דערמוטיקט זיי צו פאַרלאָזן די שטחים פון דער מדינה, זאָגנדיק זיי דערביי, אז זי וועט זיי געבן אריינפאָר־דערלויבענישן. די דאָזיקע טעטיקייט איז אומגעזעצלעך און שטימט נישט מיטן שטאַנד פון א דיפּלאָמאַטישער געזאַנדשאַפט. דאָס אויסערן־מיניסטעריום פון ס.ס.ס.ר. לייגט פאָר דער געזאנדשאפט פון ישראל זי זאָל אויפהערן די דאָזיקע טעטיקייט;

ב. די געזאַנדשאַפט פון ישראל אין מאָסקווע גיט ארויס אָן איבערמאַטיוון ביולעטין אין דער רוסישער שפּראַך. דער דאָזיקער בלאַט ווערט פאַרשפּרייט צווישן פאַרשיידענע רעגירונגס־אינסטיטוציעס, יידישע רעליגיעזע קהילות און יידישע קאָלכאָזן. קאָנטאַקט (אָדער פאַרבינדונג?) מיט סאָוויעטישע בירגער אָן דער פאַרמיטלונג פונעם אויסערן־מיניסטעריום איז נישט אין די פולמאַכטן פון דיפּלאָמאַטישע געזאנדשאַפטן און שטרייט־איבער די גרענעץ פון זייער רעכט, און דאָס אויסערן־מיניסטעריום שטייט דערויף („נאַסטאַיעוואַיעט״) אז די פאַרשפּרייטונג פון אָט דעם בלאַט צווישן די בירגער פון ס.ס.ס.ר. זאָל אויפהערן.

גלייך נאָכן פאַרענדיקן דאָס לייענען, נישט וואַרטנדיק איך זאָל דאָס איבערזעצן אין עברית — ווי עס פירט זיך ביי אלע אונדזערע געשפּרעכן מיט די מענטשן פונעם אויסערן־מיניסטעריום — האָט אַ באַאַמטער וואָס איז געזעסן נעבן זאָרינען, אָנגעהויבן איבערזעצן אין ענגליש, און אויך דאָס פון א פּאַפּיר ארויס.

איז שוין פאַרשטענדלעך ווי דערשטוינט מיר זענען געוואָרן דערהערנדיק די אָ מעלדונג. כאָטש אויסערלעך האָבן מיר ארויסגעוויזן אבסאָלוטע קאָלטבלוטיקייט. גאָלדע האָט באַמערקט, אז זי האָט וואָס צו זאָגן און דערקלערט מיט געלאַסנקייט:

„איך מיין, אז עס איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אז אונדזער געזאַנדשאַפט האָט נישט און האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין שום כוונה פּוגע צו זיין מיט עפּעס וואָס די געזעצן פון דער מדינה און אירע מינהגים. מעגלעך, אז די מעלדונג וואָס איך האָב דאָ געהערט וועט מיך פאַרפליכטן אונטערצוזוכן געוויסע פּרטים אין אונדזער ביוראָ, אָבער שוין איצט קען איך פעסטשטעלן מיט פולער זיכערקייט, אז אונדזער געזאַנדשאפט האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרנומען, נישט דורך שריפט און נישט בעל־פּה אונטערצוזאָגן סאָוויעטישע יידן זיי זאָלן פאַרלאָזן די מדינה. מיר זענען באַקאַנט נאָר צוויי פאַלן: א. עס זענען געווען איינצלנע פאַלן פון יידן, וואָס האָבן קרובים אין ישראל און האָבן געבעטן מיר זאָלן זיי געבן אריינפאָר־דערלויבענישן אין לאַנד אריין. ב. אין עטוואָס מערערע פאַלן, האָבן איינוווינער פון ישראל, קרובים פון סאָוויעטישע בירגער, געבעטן אריינפאָר־דערלויבע

נישן פאר זייערע קרובים. אין ביידע פאלן האָט אונדזער געזאנדשאפט שריפטלעך געענטפערט די פאראינטערעסירטע, אז די יידישע מדינה איז גרייט צו געבן אריינפאָר־דערלויבענישן נאָר די, וואָס וועלן שוין האָבן צוגעשטעלט ווי עס פאָדערט זיך אן ארויספאָר־באַשטעטיקונג (געמיינט אַן אויסלענדישן פּאַס). אינעם לעצטן פאַל האָבן מיר געשיקט אַזעלכע מעלדונגען אויך צו די קרובים אין ישראל.

„ווי ווייט מיר זענען מקפּיד אויף דער אָנגענומענער פּראָצעדור דאָ־הי אין ענינים פון דעם מין קאָן באַווייזן דער ענין פון זוכן קרובים. אין איינקלאַנג מיט די אינסטרוקציעס פון דעם באַשטימטן איבער די קאָנסולאַרע ענינים, גיבן מיר אייך איבער יעדן אדרעס און וואַרטן אויף אייער ענטפער (ביז דעם־אָ געשפּרעך האָבן מיר נאָך נישט געהאַט דערהאַלטן קיין שום ענטפער — מ. ג.).

„וואָס שייך דעם ביולעטין — מעגלעך אז איך וועל דאַרפן נאָכפאָרשן די פּרטים, אָבער איך נעם אָן, אַז דער סעקרעטאַריאַט פון אונדזער געזאַנדשאַפט האָט זיך באַנוצט מיט אַן אַלטער אדרעסן־ליסטע פון דער יידישער אַגענץ, וואָס האָט אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן געשיקט אַהער אינפאָרמאַטיוו מאַטעריאַל.

„נאָך דעם ווי לויט דער מעלדונג וואָס איר האָט דאָ פאָרגעלייענט איז פאַראַן אין אָט דער טעטיקייט עפּעס־וואָס, וואָס גייט ארויס פון די ראַמען פון געזעץ— וועלן מיר זיי, פאַרשטענדלעך, אויפהערן, עס דאַרף אָבער ווערן קלאָר, אז מיר האָבן געטאָן דאָס וואָס מיר האָבן געטאָן נאָר צוליב נישט וויסן און צוליבן אויספעלן גענוג דערפאַרונג, ווייל מיר זענען אַ נייע געזאנדשאַפט".

דאָ האָט זאָרין אַ זאָג געטאָן: „אָבער איצט איז שוין אַלץ קלאָר".

גאָלדע האָט נאָך צוגעגעבן, אז בעת איר באַזוך אין לאַנד האָבן מענטשן, וואָס ווילן פון דאַנען ברענגען זייערע קרובים געוואַלדיק געדריקט אויף איר, אָבער צוליב פאָרזיכטיקייט האָט זי געפונען פאר נויטיק זיי צו ענטפערן, אַז אונדזער געזאַנדשאַפט קען נישט נעמען אויף זיך אַזאַ אויפגאַב.

אויף גאָלדעס פראַגע, צו וועמען, אויב אַזוי, מעג מען יאָ שיקן דעם ביולעטין, האָט זאָרין געענטפערט: „צום דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס". און אז איך האָב צוגעבלעך געפרעגט: „און צו אייער אויסערן־מיניסטעריום?" האָט ער געענטפערט: „יאָ, אויב עס איז אייך געוווּנטשן".

ביים פאַרענדיקן דעם באַזוך האָב איך געפרעגט צי זייער מעלדונג וועט אונדז שריפטלעך איבערגעגעבן ווערן דאָ, צי זי וועט אונדז צוגעשיקט ווערן, האָט זאָרין געענטפערט: „ניין, דאָס איז נישט קיין „נאָטע" נאָר אַ „מעלדונג".

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס „געשפּרעך" וואָס איז געוועזן קאָרעקט אין דער פאָרם און זייער אָנגרייפעריש אין די פאָרמולירונגען, אַ באַגעגעניש אָן אַ שמייכל, אָן שום זשעסטן פון פריינטשאַפט,

קאַלט און טרוקן, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז פּיין און דער־דריקונג.

צו דעם דאָזיקן קאַפּיטל איז כדאי צוצוגעבן און קלאָר מאַכן:

אין די ערשטע 5 חדשים זייט אונדזער געזאַנדשאַפט עקזיסטירט דאָ האָבן מיר געשיקט מעלדונגען צו א 30—40 יידן, אז מיר זענען גרייט זיי צו געבן אריינפאָר־דערלויבענישן, אונטערשטרייכנדיק, אז דאָס טוען מיר אויף דער בקשה פון זייערע קרובים און מיטן תנאי, אז זיי וועלן אונדז צושטעלן „פּאַסיקע דאָקומענטן". דעם דאָזיקן נוסח האָבן מיר באַשטימט נאָך דעם ווי עס איז דעם הער לבבין באַוווסט געוואָרן דורכן ערשטן סעקרעטאַר פון דער בריטישער געזאַנדשאַפט דאָ, אַז זיי האָבן זיך אַזוי געפירט אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין געציילטע פאַלן;

פון די פיר אינפאָרמאַטיווע איבערזיכטן וועלכע מיר האָבן פאַר־עפנטלעכט דאַרף מען זען בלויז דעם פּערטן ווי אַ „ביולעטין". דעם האָבן מיר אָפּגעדרוקט אויף סטענסיל אין ביוראָ פון דער אמעריקאַנער געזאַנדשאַפט, אין 150 עקזעמפּלאַרן, וואָס א דריטל דערפון איז פאַר־שפּרייט געוואָרן צווישן די געזאַנדשאַפטן און די איבעריקע זענען געשיקט געוואָרן, אין זייער איבערוועגנדיקער מערהייט, צו די ציי־טונגס־רעדאַקציעס, צו צענטראַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס, ביב־ליאָטעקן און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, בלויז געציילטע עקזעמ־פּלאַרן זענען געשיקט געוואָרן צו עטלעכע גרויסע יידישע קהילות און צו איינעם אָדער צוויי יידישע קאָלכאָזן (קען זיין, אַז פּאַקטיש זענען זיי דורך דעם וועג אָנגעקומען צו נישט ווייניק יידן. און מיר האָבן טאַקע דערהאַלטן עטלעכע בריוו וואָס באַשטעטיקן דאָס);

פון צייט צו צייט פלעגט אונדזער געזאַנדשאַפט דערהאַלטן פאַר־שיידענע דרוק־זאַכן פון פאַרשיידענע געזאַנדשאַפטן, באַזונדערס פון עם מזרח־בלאָק. די פאָרם פון זייער געדרוקט זיין (סטענסיל אָדער דרוק) האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שום ספק, אַז זיי זענען באַ־שטימט פאַרשפּרייט צו ווערן און זענען פּאַקטיש פאַרשפּרייט געוואָרן און נישט נאָר צווישן די פרעמדע געזאַנדשאַפטן;

אין א געשפּרעך וואָס הער לבבי האָט געהאַט אין אָקטאָבער פון פאַרגאַנגענעם יאָר מיטן אָנפירער פון דער אינפאָרמאַציע־ביוראָ ביים אָרטיקן אויסערן־מיניסטעריום, האָט הער לבבי אים געזאָגט, אז דער ביולעטין וועט געשיקט ווערן אויך צו סאָוויעטישע אינסטיטוציעס און צו איינציקע פּערזענלעכקייטן. דער דאָזיקער דירעקטאָר האָט נישט געמאַכט קיין שום באַמערקונג, נישט פאַר און נישט קעגן. איז דאָ געווען, אויב אַזוי, אַ פאַרשטרענגערונג לגבי אונדזער געזאַנדשאַפט, פאַר יעדן פאַל אין פאַרגלייך מיט די געזאַנדשאַפטן פון מזרח־בלאָק.

אַזוי צי אַזוי — עס איז קלאָר, אַז אין אויסערן־מיניסטעריום איז פאַר אונדז געעפנט געוואָרן אַ באַזונדערע טעקע".

איך בין נאָך מער געשטאַרקט געוואָרן אין מיין פּילן, אַז — „צוליב דער אָרדענונג" — דאַרף אונדזער אויסערן־מיניסטעריום איינפירן אַ גענויע רעגיסטראַציע פון אַלע עבירות וואָס עס וועט באַגיין ביי אונדז די סאָוויעטישע געזאַנדשאַפט אין ענינים פון געזעץ, צערע־מאָניאַל, אויפפירונג, העפלעכקייט, אריינשטעקן די נאָז אין אינערלע־כע ענינים אין אונדזער מדינה א.א.וו. — אָנהייבנדיק פון דעם ערשטן טאָג אָן וואָס זיי זענען צו אונדז געקומען.

ביז וואָס־ווען, און מיטן קאָנסטרואירן די ערשטע אויסגעוויילטע רעגירונג פון ישראל, האָבן דוד בן־גוריון, דער פּרעמיער־מיניסטער, און משה שרת, דער אויסערן־מיניסטער גענומען פאָדערן, אַז גאָלדע זאָל זיך אומקערן פון איר דינסט אין מאָסקווע און איבערנעמען דעם אמט פון אַרבעטס־מיניסטער אין דער רעגירונג. בן־גוריון האָט קאַטע־גאָריש געפאָדערט. אַז אויך איך זאָל מיך אומקערן, כדי איך זאָל פאַרנעמען אַ מלוכהשן פּאָסטן אין לאַנד, אָבער גראָד אין דעם פּונקט האָט שרת געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער איך זאָל פאַרבלייבן אין מאָסקווע, און דאָס איז אויך געווען מיין ווילן. דאָס איז אויך גע־ווען די פּריוואַטע עצה פון ז. שרף — דאַן רעגירונגס־סעקרעטאַר, וואָס האָט מיר אַזוי געראַטן.

דעם 3.2.49 האָט משה שרת אַזוי טעלעגראַפירט צו גאָלדען:

„אונדזער אויסגעוואַקסענער כּוח אין רעזולטאַט פון די וואַלן, האָט אין מיינע אויגן פון דער ערשטער רגע אָן באַשטימט דאָס אריינ־נעמען דיך אין דער רעגירונג. איך האָב באַדויערט וואָס בן־גוריונס טעלעגראַמע איז געשיקט געוואָרן אָן מיין וויסן און אָן צוצוגעבן מיין נאָמען. איך צווייפל נישט אין דיין הסכמה און נעם אָן, אַז דו וועסט צוריקקומען אין מערץ אָדער פריער נאָך, אויב דו וועסט גע־פינען אַ מעגלעכקייט. נמיר וועט בלייבן ווי אַ באַפולמעכטיקטער אי־בער די ענינים פון דער געזאַנדשאַפט („שאַרזשע") און מיר וועלן צוזאַמען באַטראַכטן וועגן אַ סטאַבילער נאָמינירונג, בעת דו וועסט צוריקקומען. טייל מיר תיכף מיט דיינע פּלענער.

משה"

דעם 8־טן אין זעלבן חודש האָט אים גאָלדע אַזוי געענטפערט:

„איך דאַנק פאַר דיין טעלעגראַמע. בין מסכים צוריקצוקומען, אָבער צוליב אונדזער אריינציען זיך אין אַ הויז און דער נויטיקייט איינצואָרדענען עטלעכע אויפנאַמעס איז געוווּנטשן איך זאָל בלייבן ווי מעגלעך לענגער. מיין מיינונג — נמיר איז דער פּאַסיקער קאַנדי־דאַט".

אין עטלעכע טעג אַרום איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז גאָלדע וועט ווידער אַרויספאָרן אין לאַנד אריין איבערלאָזנדיק מיך אין דער ראָל

פון „באַפולמעכטיקטער” איבער די ענינים פון דער געזאַנדשאַפט און וועט דערנאָך צוריקקומען. זי איז צוריקגעקומען אין אפריל בלויז אויף עטלעכע טעג, נאָך דעם ווי זי האָט אָנטיילגענומען אין אונדזער דעלעגאַציע אויפן אונ״אָ־פּלענום — כדי צו דערליידיקן די אָפיציעלע איינאָרדענונגען און זיך געזעגענען מיט רעגירונגס־פּערזענלעכקייטן, מיטן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס און מיטן סטעף פון אונדזער געזאַנדשאַפט.

ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, זענען אין דער תקופה פון דער „צווישן־הערשאפט” אין אונדזער געזאנדשאַפט פאָרגעקומען פּערסאָנעלע ענדערונגען אין שפּיץ פון דער סאָוויעטישער מאכט, און דער עיקר אין דער אויסערן־פּאָליטיק. מאָלאָטאָוו איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער, און אויף זיין אָרט אלס אויסערן־מיניסטער איז געקומען ווישינסקי. די ענדערונגען האָבן ארויסגערופן צערודערונג, זאָרג און א סך שטױנונג אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזן אין מאָסקווע און אין די אויסערן־מיניסטעריומס אין דער וועלט.

דעם 15־טן מערץ האָב איך גענוצט פאר זיך די מעגלעכקייט צו שיקן צו אונדזער אויסערן־מיניסטעריום די אָ אויפקלערונגס־ווערסיע:

„אין המשך צו מיין טעלעגראַמע איז דערגאַנגען צו מיר אָ ווערסיע וואָס אויבנאויפיק איז זי אַ קאָמפּליצירטע, אָבער אין מיינע אויגן איז זי די איינציק לאָגישע. די ענדערונגען אין דער היגער מאַכט דייטן נישט אָן אויף א ווענדונג אין דער אויסערן־פּאָליטיק, כאָטש זיי וועלן פארלייכטערן אַן איבערענדערונג, אויב מען וועט אויסגעפינען, אַז זי איז נויטיק. די אָ ווערסיע זאָגט, אז די ענדערונגען זענען געמאכט געוואָרן כדי צו באזייטיקן דעפעקטן אינעם געבוי פון פּאָליט־ביוראָ, וועלכע זענען א רעזולטאט פון די מלחמה־יאָרן. עס איז א כלל, אז די חברים פון פּאָליט־ביוראָ, וואָס זייער צאָל איז 14, דאַרפן נישט זיין קיין מיניסטאָרן, כדי פולשטענדיק אונטערצושיידן צווישן דעם באַזיצער פונעם העכסטן פּאָליטישן פארשטאַנד, וואָס קאָן אַלץ, וואָס גרייזט נישט און פאלט נישט דורך, און צווישן די מיניסטאָרן וואָס זייער שטאנד איז א סך א נידעריקערער און זייער אויפגאָב איז די אויספירונג, און ווי יעדער בשר ודם קענען זיי באגיין פעלערן און געשטרויכלט ווערן. און האָט אזא מיניסטער דערפאָלג — ווערט זיין דערפאָלג פארערכנט אויף דער קאָנטאָ פונעם פּאָליט־ביוראָ און זיין קלוגשאַפט, אויב אָבער אַ מיניסטער פאַלט דורך — ווערט דער דורכפאל צוגעשריבן אים אליין, מיט דער טענה, אז ער האָט נישט ריכטיק אויסגעטייטשט די כוונות פון פּאָליטביוראָ, אָדער ער האָט בייזוויליק געזינדיקט. מאָלאָטאָוו און מיקאָיאַן זענען די איינציקע אין פּאָליטביוראָ וואָס זענען אויך געווען מיניסטאָרן. און ביידע — אין דער אויסערן־פּאָליטיק. איז פון איין זייט — די מפּלות, וועלכע די אָ האָט געראָד אין דער לעצטער צייט געליטן און די שוועריקייטן, וואָס ווערן פאָרגעזען פאר דער צוקונפט, און פון דער צווייטער זייט

— די זאָרג פאַר זייער גוטן נאָמען ביים פאָלק און דער עיקר מאָלאָ־טאָווס, האָבן געצוווּנגען זיי צו באַפרייען פון די אויספיר־אַמטן, כדי זיי זאָלן ניט זיין אויסגעשטעלט אויף נייע דורכפאַלן, וועלכע קענען נאָך צוגעשריבן ווערן דעם פאָליטביוראָ און אַנדערע זיין פּרעסטיזש. פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען זען דאָס באַפרייען זיי פון די מי־ניסטעריומס און דאָס איבערלאָזן זיי בלויז אין פאָליטביוראָ, אפילו ווי אַ מין פּערזענלעך שטייגן אויף די שטאַפּלען פון געזעלשאַפטלעכן לייטער. אויף אַזאַ אופן זענען אַלע מיטגלידער פון פאָליטביוראָ, אָן אויסנאַם, אַרויס פון דער געפאַר אַז זייער העכערקייט זאָל ווען עס איז אַנגערירט ווערן, בעת אפילו די אויסערן־מיניסטעריומס זענען איבערגעגעבן געוואָרן מענטשן, וועמענס שטאַנד דערלויבט מען זאָל זיי צושרייבן, ווען עס וועט זיין נויטיק, פעלערן און חטאים״.

דעם זעלבן טאָג האָב איך באַזוכט, ווי אַ „שאַרזשע ד׳אַפער״, ווי־שינסקין און אים באַגריסט לכבוד זיין נייער נאָמינאַציע מיט פאָלגנ־דיקע ווערטער:

„מיין רעגירונג אין גאַנצן גענומען און באַזונדער דער אויסערן־מיניסטער משה שרת האָבן אויף מיר אַרויפגעלייגט די חשובע און אָנגענעמע מיסיע אייך איבערצוגעבן זייער האַרציקע ברכה צו אייער איבערנעמען דעם נייעם הויכן און פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט, ווי אַ פאָרזעצונג פון אייער פרייערדיקער טעטיקייט אויפן שטח פון אינטער־נאַציאָנאַלער פאָליטיק, און זייערע איבערגעגעבענע ווונטשן צום אויספילן די גרויסע אויפגאַבע פון פאַרזיכערן דעם שלום פון דער וועלט, און פריינטלעכער צוזאַמענאַרבעט צווישן אַלע פרייהייטס־און שלום־ליבנדיקע פעלקער. די רעגירונג פון ישראל און דאָס פאָלק פון ישראל שאַצן שטאַרק אָפּ און וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן די גרויסע ראָל וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אויסגעפילט אין אונדזער געראַנגל אין אוו״אָ פאַר אונדזער רעכט אויף מלוכהשער ווידער־אויפלעבונג, מיט איר סימפּאַטיע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אונדזער קיום און מיט איר שטיצן דאָס פאַרזיכערן אונדזער זעלבשטענדיקייט. אונדזער שטרעבונג און האָפענונג איז, אַז אין דער תקופה פון אייער אַמטירן אויף דעם נייעם אַמט זאָלן ווייטער אָנהאַלטן די פריינט־שאַפט־באַציאונגען און זיי זאָלן זיך נאָך מער פאַרטיפן, פאַרן בשות־פותדיקן וויל פון ביידע מדינות און זייערע פעלקער און לטובת דער גאַנצער וועלט. איך פריי זיך אייך איבערצוגעבן די ווונטשן פון פּרוי מאירסאָן, וואָס ווײַלט איצט אין פאָטערלאַנד און אויך מצרף צו זיין מיין פערזענלעכע ברכה״.

ווישינסקי האָט האַרציק געדאַנקט פאַר די ברכות. ער האָט גע־בעטן איבערגעבן דער ישראל־רעגירונג, און שרתן פערזענלעך, זיין טיפן דאַנק און זיין אָפּשאַצונג פאַר דעם כבוד וואָס מען האָט אים אָפּגעגעבן מיט די באַגריסונגס־רייד און ווונטשן און צוגעגעבן, אַז

מיר האָבן א בשותפותדיקן ענין (אין רוסיש: „או נאָס אָבשטשאָיע דיעלאָ"). די שטיצע פון ס.ס.ס.ר. פאַר דער פאָדערונג פון ישראל אויף נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט איז נישט געקומען צופעליק. אָט די שטעלונג ליגט אין די גרונט־פּרינציפּן פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, לויט ווי לענין האָט דעקלארירט נאָך מיט 31 יאָר צוריק און ווי זיי זענען דערנאָך פאַרגעזעצט און אנט־וויקלט געוואָרן דורכן גענעראַליסימוס סטאַלין אין משך פון די אַלע יאָרן ביז היינט צו טאָג. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געשטיצט די גע־רעכטע פאָדערונגען פון יידישן פאָלק און די שטרעבונג פון מדינת ישראל צו פארזיכערן איר אומאָפּהענגיקייט נאָך פון סאַמע אָנהויב אָן פון דעם ענין, ווען די לאַגע איז נאָך געווען זייער א שווערע. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט דאָס געטאָן און טוט דאָס מיטביידע הענט (אויף רוסיש: „אָביעימי רוקאַמי") און מיט זיין גאַנצן האַרץ האָפט ווישינסקי, אַז די פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן אונדזערע מדינות וועלן אָנהאַלטן ווי פריער און זיך פאַרשטאַרקן פאַר זייער קעגנזייטיקן נוצן און פאַרן אַלגעמיינעם נוצן.

ביים געזעגענען זיך האָט ווישינסקי געזאָגט: „איך האָף, אז מיר וועלן נאָך האָבן צוזאַמענטרעפונגען". אין דעם שמועס האָט ווישינסקי ארויסגעוויזן פריינטלעכקייט און א גאַר וואַרעמע באַציאונג, וועלכע מען האָט געקאָנט צוגלייכן נאָר צו די ערשטע טעג פון אונדזער קומען אהער.

אָט דער צייט־אָפּשניט פון צווישן־מלוכהשקייט איז אויך געשטאַ־נען אונטערן צייכן פון פאַרשטאַרקטער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַטי־שער אַקטיוויטעט צוליב שווער־וואַגיקע געשעענישן, וואָס זענען פאָר־געקומען סיי אויף דער מיליטערישער און סיי פּאָליטישע ארענעס — אויפן דרום־פראָנט פון ארץ־ישראל, אויפן אינדזל ראָדאָס, און אין די הויפּטשטעט פון מערב.

אזוי, צום ביישפּיל, האָט דער אויסערן־מיניסטער מיר געקאָנט טעלעגראַפירן דעם 13.2.49, וועגן אַ געשפּרעך פון גאָר גרויסער באַ־דייטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַשינגטאָן, לויט דער סאָוויע־טישער איניציאַטיוו:

„דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן פּאַניושקין האָט איינגעלאַדן א. אילתן אויף אַ מיטאָג אונטער פיר אויגן און האָט מיט אים אומאָפיציעל געשמועסט וועגן די ידיעות, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער פּרעסע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועגן דער מעגלעכקייט, אַז ישראל זאָל צושטיין צום מאַרשאַל־פּלאַן. אין לויף פון געשפּרעך האָט ער געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט בדעה צו פאָדערן פון אונדז זיך אָנצושליסן אין זייער בלאָק, ווייל זיי ווייסן, אַז די גרויסע מערהייט פון די ישראל־בירגער זענען נישט קיין קאָמוניסטן. זייער ווונטש איז בלויז מיר זאָלן בלייבן לחלוטין אומאָפּהענגיק פון פרעמדער

השפּעה און אונטערטעניקייט. אילת האָט אָפּגעלייקנט דעם ענין מאַרשאַל־פּלאַן און אים פאַרזיכערט, אַז ביי אונדז איז פעסט באַשלאָסן צו שיצן אונדזער זעלבשטענדיקייט, און אונדזער ווילן איז אָפּצוהיטן די פּריינטשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד. לויט ווי אילת האָט זיך באַאיינדרוקט, האָט דער אַמבאַסאַדאָר געקראָגן אינסטרוקציעס פון מאָסקווע אויפצוקלערן דעם דאָזיקן ענין".

אין עטלעכע טעג אַרום, דעם 18.2, האָב איך פון מיין זייט געקאָנט איבערגעבן דאָס ווייטערדיקע, פון מאָסקווער קוק־ווינקל:

„אין אַן איבערזיכט אין „איזוועסטיאַ" מכוח דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, געווידמעט טערקיי, ווערט געזאָגט, אַז מ'גרייט צו אַן אַגרעסיוון מיליטערישן פּלאַן, אויפצושטעלן אַ פיליע פון נאַט"אָ אין מיטללענדישן ים. צווישן אַנדערע איז אויך אַריינגעפּלאָנטן אַ ציטאַטע פון איטאַליענישן „מעסאַדזשעראָ", לויט וועלכער די פיליע וועט אַריינעמען ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, גריכנלאַנד, ישראל, מצרים און שפּאַניע".

דעם 28־טן אין דעם חודש האָב איך אין דער באַגלייטונג פון בריגאַדיר ראַטנער אָפּגעשטאַט אַ וויזיט באַקולינען און איבערגעגעבן פאַר אים דעם קאָמוניקאַט פון משה שרת וועגן וואָפנשטילשטאַנד מיט מצרים און דעם נוסח פון דער „פאַלקאָר"־אַגענטור וועגן הסכם מיט מצרים, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין ראָדאָס. ראַטנער האָט אויפגעקלערט איינצלהייטן אויף דער מאַפּע, דערביי האָט זיך באַקולין פאַראינטערעסירט מיט געאָגראַפישע פּרטים, געשטעלט פראַגן און צווישן זיי: צי געפינט זיך אונדזער מיליטער אין מזרח פון נגב, צווישן ביר־אַסלודזש און עקבה, און ווו. מיר האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע.

דעם 12־טן מערץ האָב איך געקראָגן אַ דערפרייענדיקע טעלעגראַמע פון וו. איתן, גענעראַל־דירעקטאָר פון אויסערן־מיניסטעריום:

„זיי אינפאָרמירט: אונדזערע כוחות האַלטן איצט דעם גאַנצן דרומדיקן נגב און האָבן אַרויפגעצויגן די ישראל־פאָן אויף אום־ראַש־ראַש ביים אילת־איינגוס. די גאַנצע אָפּעראַציע איז אויסגעפירט געוואָרן אָן איין טראָפּן בלוט".

אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע געשעענישן, וועלכע האָבן גראָד נישט אַרויסגערופן קיין אומצופרידנקייט ביי די סאָוויעטן, האָט דער גענעראַל סאַראַיעוו, פון סאָוויעטישן פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום, אין אַ געשפּרעך מיטן בריגאַדיר ראַטנער, אַרויסגעוויזן פאַראינטערעסירונג אין מיליטערישע און פּאָליטישע ענינים וועגן פאַקט פון נאָענטן מזרח, זיך באַזונדער אויסגעפרעגט וועגן מעגלעכקייטן פאַרן מיליטער זיך צו באַוועגן אין באַרגיקן דרום־נגב, וועגן דער שליטה פון די ענגלענדער אויף דער באַן־ליניע עקבה—מעאַן און צפונדיקער,

וועלכע פֿאַרבינדט מיט מזרח־אַפֿריקע, אויפֿן פֿאַל פֿון פֿאַרמאַכן דעם סועץ־קאַנאַל, און מכוח אונדזער קוק אויף עבר הירדן. אַ רוסישער שטאַב־אָפֿיציר האָט געפֿרעגט פֿון אַ בראַשור אַרויס וועגן אָפּטיילן די פּאָליציי פֿון אינערן־מיניסטעריום, וועגן דער „הגנה״, פּלמ״ח, פּאַרטייאישע שטרעמונגען און דער נייער התיישבות אין די גרענעץ־געביטן און וועגן אַנדערע העברעאישע טערמינען. ס׳איז געווען קענט־לעך, אַז זיי קענען ראַטנערס ביאָגראַפֿיע און וויסן, אַז ער איז געווען דער פֿירער פֿון דער „הגנה״, האָט אַנטיילגענומען אין אָרגאַניזירן דעם פּלמ״ח, און ווי אַן אַרכיטעקט — אויפֿגעשטעלט בנינים פֿאַר פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס. מיט אַ טייל פֿראַגן זענען זיי אויסן געווען מיר זאָלן אויפֿקלערן, צי מיר האָבן בדעה צו באַזייטיקן לינקע איינפֿלוסן פֿון מיליטער. ראַטנער איז געבעטן געוואָרן צוצוגרייטן אַן איבערזיכט וועגן אונדזער דערפֿאַרונג אין קריג מיט די אראַ־בער. ס׳איז אונדז געווען קלאָר, אַז די רוסן באַקומען ביי אונדז אין לאַנד אַ סך מאַטעריאַל פֿון פֿאַרלאָזלעכע אַגענטן.

די פֿראַגן זענען געווען אויך אַזוי ווייט „זאַכלעכע״, אַז סוף אַפּריל האָט בריגאַדיר ראַטנער אַפֿילו באַקומען פֿון גענעראַל סאַ־ראַיעוו אַ פֿרעג־בויגן, וואָס האָט פֿאַרמאָגט מיליטעריש־פּאָליטישע פֿראַגעס וועגן כוחות־פֿאַרהעלטענישן, פֿאַרלויף פֿון די קאַמפֿן און די רעזולטאַטן אין אַלע סטאַדיעס פֿון דער מלחמה אין לאַנד, פֿון זינט דער אַנטשטייאונג פֿון דער מדינה. עס זענען אויך געווען פֿראַגעס וועגן דער ווירקונג פֿון קלימאַט אויף מענטשן און בהמות, דאָס אויס־פֿעלן וואַסער און די שטחים פֿון וואַנען עס ווערט צוגעשטעלט, פֿער־זענלעכע אויסשטאַטונג, דאָס שיצן זיך קעגן היץ און מאָסקיטן, כללים פֿון טאַנקען־גאַנג אין הייסן קלימאַט, דאָס אָפּהיטן געווער, קאָמוניקאַ־ציע־מיטלען און עראָפּלאַנען פֿון זאַמד און שטויב; טראַנשייען און פֿאַרטיפֿיקאַציעס, פּלאַסטערן שאָסייען, פּראַקטיקע שפּיטעלער אין סטעפּ און אין מדבר, פּראָוויזיע און איר צוגרייטונג, טרוקענע פּאַר־ציעס אויך אויף די בערג. ראַטנער האָט געענטפֿערט מיט אַן איבער־זיכט, וואָס האָט פֿאַרמאָגט בלויז ידיעות, וועלכע זענען שוין פֿריער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דרוק, און נישט לויטן איינקלאַנג מיט דער אַנקעטע, און אַן אַן אונטערשריפֿט.

דער אלוף ראַטנער האָט, אגב, אין יענער תקופֿה געגאַסן פֿון אָפֿי־ציעלער פֿרייַנטלעכקייט, אַ סך מער ווי ס׳איז אָנגענומען. אַזוי, צום ביישפּיל, בעת ער האָט אין פֿעברואַר אָנטיילגענומען אין אַ מסיבה פֿון אַטאַשעס, אין טאָג פֿון דער רויטער אַרמיי, ביים שעף פֿון גענע־ראַל־שטאַב מאַרשאַל שטעמענקאָ, וואָס איז דאַן נאָמינירט געוואָרן אויפֿן אָרט פֿון מאַרשאַל וואַסילעווסקי, זענען 40 פֿון די 300 געסט — און ראַטנער צווישן זיי — פֿאַרבעטן געוואָרן אַריינצוגיין אויף אַ

צוזאַמענטרעף אין שטעמענקאָס צימער, און די מערהייט פון זיי איז געווען פונעם מזרח־בלאָק.

אין חודש אַפּריל — עטלעכע טעג נאָכדעם ווי גאָלדע האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע אויף אַ קורצער צייט, אַ צוריקקומען כדי זיך צו געזעגענען — איז פאָרגעקומען איר געזעגענונגס־מסיבה אין הויז פון אונדזער געזאַנדשאַפט.

פון אַלע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייערס, וואָס זענען איינגעלאַדן געוואָרן, זענען דער ענגלישער און דער טערקישער געווען די איינ־ציקע, וואָס האָבן אויף דער איינלאַדונג זיך נישט אָפּגערופן. עס זענען אויך נישט געקומען קיין אָרטיקע קינסטלערס און שרייבערס, וועמען מיר האָבן איינגעלאַדן. מיר האָבן געוווּסט פון פאָרויס, אַז זיי קומען נאָר צו די מזרח־געזאַנדשאַפטן. פונדעסטוועגן האָבן מיר גע־שיקט איינלאַדונגען לויט אַ רשימה פון וואָק״ס אויך צו זיי, ווייל אַזוי האָבן זיך אויך געפירט אַנדערע געזאַנדשאַפטן פון מערב. די צאָל און דער פּערזאָנען־צוזאַמענשטעל פון די סאָוויעטישע פאָרשטייערס איז געווען גרעסער ווי זיי זענען זיך נוהג כלפּי די מערבדיקע.

באַקולין, אַן אויפגעלייגטער נאָכן אויסטרינקען עטלעכע גלעזלעך, האָט דאָרט פון זיין אייגענער איניציאַטיוו געלאָזט הערן זיינע מיי־נונגען וועגן ציוניזם און עליה. לויט זיין מיינונג האָט נישט מדינת ישראל קיין שום צוציאונגס־קראַפט לגבי די יידן פון רוסלאַנד, וועמען עס לעבט זיך דאָ זייער גוט. אַלע אַרבעט־צווייגן זענען פאַר זיי אָפן בהרחבה, אָבער זיי האָבן ליבער געאָגראַפישע צעשפּרייטקייט און לייכטע אַרבעטן, און אויב זיי ווילן נישט פאָרן קיין בירא־בידזשאַן, וועלן זיי קיין ישראל אוודאי נישט וועלן, חוץ אַ ביסל זקנים, וואָס זענען אין זייערע זכרונות פאַרבונדן מיט ציון. ער האָט אויך אָנגע־מערקט, אַז פּאַקטיש ווילן מיר נישט, אַז ביי אונדז זאָלן זיין אַראַ־בער, און פון שטאַנדפּונקט פון ווייט־זעעוודיקער פּאָליטיק איז עס אין גרונט אַ פאַלשער חשבון.

דעם ערשטן טאָג פּסח, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם 14־טן אַפּריל, זענען מיר ווידער געגאַנגען אין שול אַריין. גאָלדע און איך האָבן פאַרלאָזט גלייך נאָכן לייענען די תורה, ווייל מיר האָבן זיך געאיילט צו גאָלדעס געזעגענונגס־וויזיט ביי ווישינסקין, וואָס איז געווען באַ־שטימט אויף איינס אַזייגער נאָך מיטאָג.

בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס, איז געווען אַ ביסל אומקלאָר בנוגע די שפּראַכן. ווישינסקי האָט אָנגעהויבן אין רוסיש און שמייכלענדיק געזאָגט:

„מ׳זאָגט, הייסט עס, אַז איר פאַרלאָזט אונדז״...

פּאָספּייעוו, סעקרעטאַר פון זיין קאַנצעלאַריע, וואָס איז געזעסן לעבן אים, האָט זיך געאיילט איבערצוזעצן אויף ענגליש און מיר

איז געווען פּאַרויסצוזען פולע אַרבעטלאָזיקייט. אָבער גאָלדע האָט געענטפערט אין עברית און איך האָב איבערגעזעצט אויף רוסיש. דערנאָך, ביים ווייטערדיקן ווערטער־אויסטויש, האָט זיך ווידער איי־בערגעחזרט די זעלבע פרשה פון אַ רעבוס־איבערזעצונג. אין אַ פינף מינוט אַרום האָט גאָלדע געפרעגט ווישינסקין, צי ער קען ענגליש, דאַן וועט מען זיך בכלל נישט נויטיקן אין קיין איבערזעצונגען. ווי־שינסקי האָט געענטפערט, אַז ער קען אַ ביסל, ער וויל אָבער בעסער רעדן רוסיש און האָט פאַרגעלייגט זיין איבערזעצער איבערצורייסן און מיך געבעטן צו פאַרבינדן צווישן רוסיש און עברית. און וויצ־לענדיק זיך צוגעגעבן, אַז זיין סעקרעטאַר וועט נאָכפאָלגן מיין איי־בערזעצן...

די פליכט צו רעדן רוסיש מצד די סאָוויעטישע פאַרשטייערס איז אָפּגעהיטן געוואָרן ביי אַלע אָן אויסנאַם אָפיציעלע געשפּרעכן און צוזאַמענטרעפן, וועלכע מיר האָבן געהאַט. ווי אַ בולטער ביישפּיל האָט געדינט אונדז וולאַסאָוו, דירעקטאָר פון קאָנסולאַרן דעפּאַרטאַ־מענט, וואָס האָט — בעת מיר זענען דעם 9־טן אַפּריל געקומען צום עפנטלעכן קבלת־פּנים — גערעדט מיט גאָלדען אַבסאָלוט פריי אין ענגליש. אָבער אַז גאָלדע און איך האָבן אין עטלעכע טעג אַרום אים באַזוכט אין זיין ביוראָ, האָט ער זיך באַנוצט בלויז מיט רוסיש.

נאָך אַ ביסל אַלגעמיינע העפלעכקייט־ווערטער, איינגעשלאָסן פּראַגעס וועגן גאָלדעס אויפגאַבעס ווי דער אַרבעט־מיניסטער, איז פאַרגעקומען ביי ווישינסקין פאָלגנדיקער ווערטער־אויסטויש:

גאָלדע: מיטן קומען זיך געזעגענען מיט אייך, נוץ איך אויס די דאָזיקע געלעגנהייט כדי אייך איבערצוגעבן אין נאָמען פון מיין רעגירונג, וועלכע איז קאָנסטרואירט געוואָרן נאָך די וואַלן, אַז עס איז ביי אונדז פעסט באַשלאָסן געוואָרן צו פירן אַ נייטראַלע אויי־סערן־פּאָליטיק, נישט נאָכשלעפּן זיך נאָך קיין שום בלאָק און נישט אַריינגיין אין קיין שום קאָנסטעלאַציע פון מדינות, וואָס איז געווענ־דעט קעגן דעם אָדער יענעם וועלט־פאַקטאָר, צי באַזונדערס קעגן ראַ־טנפאַרבאַנד. ערשט איצט, בעת מיין וויילן אין לאַנד, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אין באַהאַנדלונגען פון דער רעגי־רונג, און איך קאָן אייך אַבסאָלוט פאַרזיכערן, אַז אונדזער באַשלוס אָפּצוהיטן נייטראַליטעט, דריקט אויס דעם ווילן און די טענדענצן פון אַלע פאַקטאָרן, וואָס זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פירן אונדזער מדינה. מיר זענען פאַראינטערעסירט אונטערצושטרייכן נאָך אַמאָל אָט דעם ענין, צו אייער וויסן און צום וויסן פון אייער רעגירונג.

איצט קען איך אייך מיט א לייכטערן געמיט ווי פריער זאָגן — נאָך דעם ווי מיר האָבן אַריינגעשטעלט אַ פוס אין עקבה און מיר באַזיצן אויך דעם גאַנצן נגב — אַז עס איז פעסט אונדזער באַשלוס אָפּצוהיטן

אונדזער אומאָפּהענגיקייט און נישט געבן אויף אונדזערע שטחים קיין שום מיליטערישע באַזעס, נישט צו ענגלאַנד און נישט צו עמיצן אַנדערש.

ווישינסקי: צי פאַרשטיי איך ריכטיק, אַז עס איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן ביידע טיילן פון אייער מעלדונג — וועגן נייטראַליטעט אין דער אויסערן־פּאָליטיק און וועגן פאַרמיידן דאָס אויפשטעלן פרעמדע מיליטערישע באַזעס אין אייער לאַנד?

גאָלדע: פּונקט אַזוי. איך קאָן נאָך צוגעבן: ס'איז נישט קיין סוד, אַז מיר זענען בלויז אַ קליין אינדזעלע צווישן גרויסע און שטאַרקבאַפּעלקערטע אַראַבישע מדינות. מיר האָבן אַ שטאַרקן ווילן און אַ לעבנסנויטיקן אינטערעס צו קומען מיט זיי צו אַן אויסגלייך אין די שטרייט־פראַגן, און צו דערגיין מיט זיי צו אַ שלום און פריינטלעכער שכנהשאַפט, נישט געקוקט אויף זייערע רעאַקציאָנערע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע רעזשימען, וועלכע ענדערן זיך נישט אויך נאָך די „רעוואָלוציעס", אמתע אָדער כלומרשטע. אָבער אויך צוליב דעם אָ שלום־ציל, וועלכער איז אונדז זייער וויכטיק, וועלן מיר נישט אָפּווייכן פון די פּרינציפּן פון אונדזער אויסערן־פּאָליטיק און דאָס זענען — נישט אָנשליסן זיך אין קיין שום קאָנסטעלאַציע, וואָס איז געווענדעט קעגן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס די פריינטשאַפט מיט אים איז פאַר אונדז אַ גרונט־פּרינציפּ.

ווישינסקי: ס'האָט מיך זייער געפרייט צו הערן אייערע קלאָרע רייד, וואָס אַנטשפּרעכן געוויס אונדזערע כוונות און ווילן.

גאָלדע: איך בין גליקלעך וואָס כ'וועל קאָנען דיר־אָ מעלדונג אייערע איבערגעבן מיין רעגירונג... און איצט, דערלויבט מיר צוצוגעבן אַן אָפנהאַרציקע באַמערקונג וועגן דעם זעלבן ענין. נאָך דער וועלט־מלחמה און נאָך דער גרויסער שחיטה איבער די אייראָפּעאישע יידן, אַז מיר קומען אונטערציען אַ סך־הכל פון דעם „יידישן אינווענטאַר", ווייזט זיך אַרויס, אַז דער גרעסטער יידישער ישוב, אַ ישוב פון מיליאָנען, לעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ס'איז איבעריק צו דערקלערן מיט וויפל אָן־צאָליקע שטאַרקע פעדעם מיר זענען פאַרבונדן מיט די יידן פון אַמעריקע. מיר זענען זייער פאַראינטערעסירט אין דעם וווילשטאַנד זייערן און אין נאָרמאַלע פריינטלעכע באַציאונגען מיט זייער רעגירונג. אויך דאָס איז אַ גרונטיקע ליניע אין אונדזער אויסערן־פּאָליטיק. אָבער ווי שטאַרק מיר זאָלן זיין דורכגעדרונגען מיטן ווילן אָנצוהאַלטן פעסטע פאַרבינדונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלן מיר נישט מסכים זיין צו קיין שום אויסערלעכער אַריינמישונג אין אונדזערע אינערלעכע ענינים און אַבסאָלוט אָפּהיטן אונדזער אומאָפּהענגיקייט און נייטראַליטעט. מיר זענען גענוג רעאַל און אונדזער אמתע לאַגע איז אונדז גוט באַקאַנט,

און הגם מיר זענען נישט קיין דאָקטרינערן, אָבער פאַראַן פעסטע פּרינציפּיעלע יסודות פון וועלכע מיר וועלן זיך נישט אָוועקרירן.

וווישינסקי: מדינת ישראל איז אַ יונגע מדינה, און גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר האָט זיך באַשטימט פעסטע פּרינציפּיעלע יסודות. אויך מיר זענען אַמאָל געווען זייער שוואַך און מיר וואָלטן נישט דערגאַנגען צו דעם, וואָס מיר זענען דערגאַנגען, ווען מיר וואָלטן זיך נישט געהאַלטן אָן־פשרהדיק ביי געוויסע גרונט־פּרינציפּן, וואָס דאָס האַלטן זיך ביי זיי האָט אונדז אָפּגעקאָסט אַ סך בלוט. ס׳איז אונדז פולשטענדיק פאַרשטענדלעך, אַז אין אייער פּאָליטיק כלפּי אַמעריקע דאַרפט איר מאַכן אַ רעאַליסטישן ניכטערן חשבון. אויך מיר שטרעבן צו אַ שלום מיט אַמעריקע און דעריבער קעמפן מיר קעגן מלחמה־העצונג, אָבער אפילו קעגן די לעצטע באַמיען מיר זיך צו זיין טאָלעראַנט. ס׳איז נישטאָ קיין שום סתירה צווישן פריינטשאַפט מיט אונדז און פריינטשאַפט מיט אַמעריקע. מיר זענען קיין מאָל נישט געווען קיין סעקטאַנטן און מיר פאַרשטייען גוט די נויטיקייט פון פּאָליטישער עלאַסטישקייט, אָבער דאָס אַלץ — אָן מוותר צו זיין אויף גרונט־פּרינציפּן. אויך אונדזער שטיצע פאַרן אויפשטעלן די מדינה ישראל דרינגט אַרויס פון די גרונט־פּרינציפּן פון אונדזער פּאָליטיק, וואָס איז ריין פון יעדער פרעמדער כוונה פון אייגננוצן.

גאָלדע: אַזוי און נישט אַנדערש האָט אונדזער פאָלק געזען אייער באַציאונג פונעם ערשטן טאָג אָן, ווען איר האָט דעקלאַרירט אייער שטעלונג אין אונדזערע ענינים. אונדזער פאָלק האָט אַרויסגעוויזן זיין ליבשאַפט און זיין באַגייסטערטע אָנערקענונג פאַרן ראַטנפאַר־באַנד. ס׳וועט אפשר זיין אַ חוצפה פון מיין זייט אויב כ׳וועל זאָגן, אַז עס זענען פאַראַן אייניקע שטריכן פון ענלעכקייט צווישן דעם ריזיקן ראַטנפאַרבאַנד און צווישן אונדזער קליינטשיקער מדינה, אין די פּראָבלעמען פון זייער עקזיסטענץ און אין געראַנגל פאַר זייער גורל. אונדזער רעגירונג איז אַ קאָאַליציע־רעגירונג, און הגם עס זענען פאַראַן אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס געפינען זיך אויסער איר, איז אָבער אין דער רעגירונג דאָ אַ מערהייט פון אַרבעטער, און זייער טענדענץ איז צו בויען ישראל ווי אַ סאָציאַליסטישע מדינה.

וווישינסקי: ריכטיק, ס׳זענען פאַראַן טעלעכע ענלעכע שטריכן. איך דאַנק אייך זייער פאַר אייערע רייד.

גאָלדע: איך וויל אַריבערגיין צו צוויי ענינים פון אַן אַנדער כאַראַקטער.

בשעתו האָבן מיר זיך געווענדעט, דורך דער פאַרמיטלונג פון אונדזער מיליטער־אַטאַשע, צום העכערן גענעראַל אַנטאָנאָוו, מיט אַ בקשה וועגן אַ געוויסער מיליטערישער אויסשטאַטונג און וועגן קלאָר מאַכן די מעגלעכקייט פון מיליטערישער אויסשולונג פאַר עטלעכע

אונדזערע אָפיצערן. מעגלעך, אַז מיר טרעטן אַריין אין אַ תקופה פון שלום מיט אונדזערע שכנים, אָבער אונדזער פליכט איז צו שטיין אויף דער וואַך פון אונדזער זיכערקייט. מיר דאַרפן זיך באַמיען צו פאַרשטאַרקן און פאַרפולקאָמען אונדזער קליינע אַרמיי. די פראַגע פון געווער איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן דעם הער באַקולין. איך וואָלט געבעטן, אַז איר זאָלט זיך מיט דעם פאַראינטערעסירן.

אין די חדשים, וואָס אונדזער געזאַנדשאַפט איז דאָ טעטיק, האָבן מיר איינגעפעדעמט אַן אָנהייב פון האַנדלס־באַציאונגען. לויט אונדזערע מאַסשטאַבן האָבן מיר דאָ געקויפט נישט ווייניק, מער ווי אין דער תקופה פון אַ סך יאָרן פאַר דער איצטיקער. מיר האָבן גענאָסן פון אַ פיינער באַציאונג מצד די אַנשטאַלטן פונעם אויסערן־האַנדל. אָבער מיר באַגנוגענען זיך נישט מיטן פאַרנעם פון די באַשטייענדיקע האַנדלס־באַציאונגען. מיר וואָלטן וועלן זיי אויסברייטערן און אין אַ גרויסער מאָס. אָבער עס זענען פאַראַן גרענעצן פאַר אונדזערע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן אויף צו קויפן פאַר מזומן. מיר נויטיקן זיך אין אַ באַדייטנדיקן קרעדיט אויף לאַנגע טערמינען. ווי ס'איז אייך באַוווסט, האָבן מיר באַקומען אַ הלוואה אין אַמעריקע. מיר האָבן זי געקראָגן אויף א געשעפטלעכן באזיס, אָן קיין שום פאָליטישע באַדינגונגען. אָבער מיר ווילן זיך נישט באַגרענעצן בלויז צו אַמעריקע, נאָר אָנהאַלטן אויך אַן אינטענסיוון האַנדל מיטן ראַטנפאַרבאַנד — אָבער אויך דאָס, פאַרשטייט זיך, אויפן גרונט פון לאַנגטערמיניקע קרעדיטן.

ווישינסקי: וואָס שייך מיליטערישער אויסשטאַטונג, בין איך אין דעם ענין נישט באַהאַוונט, ווייל כ'האָב אַ לאַנגע צייט זיך אַרומגעדרייט אין אייראָפּע. ווי עס ווייזט אויס, האָט מען זיך מיט דעם פאַרנומען אין אונדזערע מיליטערישע אינסטיטוציעס. איך וועל זיך באַמיען נאָכצופרעגן. ס'איז אָבער במילא פאַרשטענדלעך, אַז דער ענין פאַרמאָגט קאָמפליצירטע און געפאַרפולע זייטן. ס'איז גענוג מיר זאָלן אייך געבן אַ קליינעם רעוואָלווער און מ'וועט גלייך זאָגן, אַז מיר האָבן אייך איבערגעגעבן אַן אַטאָם־באָמבע. נאָך מער, מ'וועט נאָך מאַכן אַ סך פירושים וועגן דער ספעציפישער זייט פון אַזאַ אָפּמאַך: אַ בונד צווישן די סאָוויעטן און דער מדינה ישראל, וועלכע פאַרמאָגן איין בשותפותדיקן קרוב — קאַרל מאַרקס, דער סאָציאַליסט און ייד; אַ בונד וואָס איז אָנגעגרייט צו באַפאַלן די וועלט און זי אומקערן צו תוהו ובוהו. מיר האָבן שוין געהערט פרעכטיקע רייד וועגן קאַרל מאַרקס פון מעקנילן און בעווינען, און איך מיין, אַז דער לעצטער האָט ערשט פון אונדז אין פאַריז זיך דערוווסט וועגן דעם שוידערלעכן פאַקט, אַז דער קבר און די מצבה פון אָט דעם קאַרל מאַרקס געפינען זיך אין זיין רעזידענץ, לאָנדאָן. ער האָט זיך אָבער

זיכער באַרואיקט, וואָרום סוף־כל־סוף גייט דאָך דאָ די רייד וועגן טויטן מאַרקס.

גאָלדע: ס'איז כלל נישט זיכער, צי בעווין אָריענטירט זיך אײַ־בערהויפּט אין דער קאָמפּליצירטער פראַגע פון מאַרקסן.

ווישינסקי: יאָ, עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע מיניסטאָרן, צווישן זיי אויך חסר־דעהניקעס ווי פּאָרעסטאַל, ווי ס'האָט זיך איצט אַרויס־געוויזן. כאָטש דערווייל האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז באמת אַ פולשטענדיקער רעפּובליקאַנער, ווײַל ער האָט נישט געהאַט קיין „מלך אין קאָפּ" („ניעט או ניעווא צאַריאַ וו גאָלאָוויע") *). איך קער זיך אום צום מיליטערישן ענין: איך וועל זיך באַמיען צו דערוויסן. וואָס שייך האַנדלס־באַציאונגען: מיר זענען גרייט נישט נאָר פאַרקויפן, נאָר אויך קויפן. וועגן אָט דער פראַגע וועל איך כאַפּן אַ שמועס מיט מענשיקאָוון. **)

גאָלדע: צום סוף דערלויבט מיר אײַך צו באַלעסטיקן מיט נאָך אַ באַזונדערן ענין. ער האָט נישט קיין דירעקטע שייכות צו אײַער רעגירונג, אָבער מיר זוכן אויף דעם געביט פאַרשיידענע וועגן פון הילף און וואַגן זיך אויך צו ווענדן צו אײַך: איך מיין דאָ די פראַגע פון עליה פון די יידן פון רומעניע און אונגאַרן. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט טיפע פרײַנטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט אָט די לענדער און מיר בעטן פון אײַך אַ פרײַנטלעכע ווירקונג אין ענין פון עליה. אונ־דזער מדינה איז אויפגעקומען פאַר דער עליה וועגן און זי וועט לעבן און באַשטיין נאָר אויב ס'וועט זײַן אַ גרויסע און גיכע עליה. צוזאַמען מיט דער גאַנצער וויכטיקייט און דרינגעוודיקייט פון אַרויפברענגען די יידן פון מאַראָקאָ, טוניס און אַלזשיריע, וועלן מיר נישט קאָנען אויפשטעלן אונדזער געבוי בלויז מיט אָט די עולים. אויב מיר וועלן נישט שנעל געשטאַרקט ווערן מיט אַ צופלוס פון באַפעלקערונג און נישט באַזעצן די ליידיקע שטחים — וועט זיך דער שלום פון אונדז דערווײַטערן. אין די צוויי דערמאָנטע לענדער געפינט זיך אַ האַלבער מיליאָן יידן. אַ טייל פון זיי (ספּעציאַליסטן) זענען זיכער נויטיק פאַר אָט די לענדערס ווירטשאַפטלעכן לעבן, וועט מען זיי איבערלאָזן. אַ טייל ווילן נישט אַוועק; וועלן זיי בלײַבן. ס'איז לײַכט צו פאַר־שטיין, אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסע אומבאַקוועמקייט אין אָנהאַלטן אָן אומאויפהערלעכן פּראָצעס פון אויסוואַנדערונג. ביטע, זאָל באַ־שטימט ווערן אַ מאַקסימאַלער טערמין, און ווער ס'וועט ביז דאַן נישט אויסוואַנדערן — וועט בלײַבן. אָבער די וואָס ווילן און זענען נישט

*) אַ רוסיש פאָלקס־ווערטל יועגו אַ נאַר.

**) דער נײַער מיניסטער פאַרן אויסערן־האַנדל. וואָס איז נאָמינירט געוואָרן אויך מיקאָיאַנס אָרט.

אומבאַדינגט נויטיק פאַרן קיום פון די מדינות, זאָל זיי דערלויבט ווערן אַרויסצופאָרן אין פאַרלויף פון אַ באַשטימטער צייט.

ווישינסקי: איר האָט באַרירט אַ זייער שווערן און קאָמפּליצירטן ענין. איך האָב וועגן דעם גאָר אויספירלעך גערעדט מיט שרתן אין פּאַריז. דאָס איז געווען אין איינעם אַ זונטיק. מיר זענען ביידע געווען פריי פון אַנדערע ארבעטן און געקאָנט ווידמען דעם אַ פּראָבלעם גענוג צייט. איך האָב דאַן אויפגעקלערט דעם הער שרת פאַרוואָס מיר קאָנען זיך נישט אַריינמישן. איך פאַרשטיי גוט די באַדערפעניש פון ישראל אין אַ גרויסער עליה. דאָס איז אַ נאַטירלעכער באַדאַרף. אָבער זייט וויסן אַז אויך רומעניע און אונגאַרן זענען יונגע מדינות, און בעצם געפינען זיי זיך אין פּראָצעס פון ניי געבוירן ווערן. אויך דאָרט איז יעדע ארבעטס־האַנט מיט גאָלד צוגלייך. ריכטיק, אין פאַרגלייך מיט ישראל זענען זיי גרויסע און מעכטיקע מדינות מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג. עס איז אייך אָבער זיכער באַקאַנט דאָס גלייכוואָרט: „דער גביר זשאַלעוועט זיין פּיעטאַטשאָק *) מער ווי דער קבצן דעם רובל״. אָבער דאָס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון ציפערן, נייערט אַ וויכטיק פּאָליטיש פּראָבלעם. רומעניע און אונגאַרן קעמפן נאָך דערווייל פאַר זייער עקזיסטענץ. קעגן דער היימישער זייער שטאַרקער רעאַקציע. די יידישע באַפעלקערונג שטייגט איבער אַלע איבעריקע מיט איר געטריישאַפט צו די נייע רעזשימען. דער דאָזיקער ציבור האָט שווער געליטן פון האָרטין. אַנטאָנעסקו בראַטיאַנו און זייערס גלייכן. און זיי זענען בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דערפאָלג פון דער נייער דעמאָקראַטישער אָרדענונג. אַ האַלבער מיליאָן געטרייע בירגער איז נישט אַבי וואָס. איך זאָג נישט אַז מען דאַרף אינגאַנצן און אָן אונטערשיידן פאַרווערן די יידן אַרויסצופאָרן פון דאָרט. און איך זאָג אויך נישט דאָס אַלץ אין נאָמען פון מיין רעגירונג. איך האָב אָבער געהאַלטן פאַר נויטיק איבערצוחזרן די אָ אַרגומענטן וועלכע איך האָב אויפגעקלערט דעם הער שרת. וואָס זעען מיר אויס צו זיין ריכטיק אויך איצט פאַר יעדן פאַל — דער ענין זעט מיר אויס שווער און זייער קאָמפּליצירט. מיר האָבן גערעדט אָפנהאַרציק און אויף אַ נישט־דיפּלאָמאַטישן אופן, און איך האָב געוואָלט אויפקלערן די שוועריקייטן

גאָלדע: עס בלייבט מיר בלויז אייך צו בעטן נאָך אַמאָל דורכצוטראַכטן דעם ענין.

איך זאָג אייך „שלום״ (אין עברית) און ווינטש אייך אַלדאָס גוטס. עס פעלן מיר ווערטער אויסצודריקן מיין דאַנק פאַר דער פיינער אויפנאַמע און פאַר דער פריינטשאַפט וואָס איך האָב דאָ אָנגעטראָפן אויף יעדן שריט. אין דער תקופה פון מיין ווײַלן אין מאָסקווע

*) אַ מטבע פון 5 קאָפּיקעס. 1 רובל — 100 קאָפּיקעס.

ווער איך שטענדיק זען אַ באַזונדערן זכות צו וועלכן איך האָב זוכה געווען, ווי אַ מין קאָמפּענסאַציע פֿאַר אַט דער שווערער אַרבעט וואָס דערוואַרט מיך אומקערנדיק זיך אַהיים.

ווישינסקי: איך דאַנק אייך פֿאַר אייערע גוטע רייד און בעט אייך איבערגעבן אַ פּערזענלעכן גרוס דעם הער שרת. איצט זענען מיר אַלע דריי מיניסטאָרן און הער שרת איז אונדזער בשותפֿותדי־קער באַקאַנטער, איר וועט עס אויך קענען טאָן ווי אַ געוועזענער גע־זאַנדטער פֿאַר אייער געוועזענעם מיניסטער. אייער וויילן דאָ האָט אונדז פֿאַרשאַפֿט גרויס פֿאַרגעניגן און איך פֿריי זיך דאָס אונטערצו־שטרייכן.

אַרויסגייענדיק פֿון דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף, וואָס איז געווען פֿול מיט העפֿלעכקייט און פֿריינטלעכקייט, איז מיר שווער געווען זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אָט דער האַרציקער מיטשמועסער אונדזערער איז דאָס געווען דער טייוולאָנישער פּראָקוראָר אין די טרויעריק־באַרימ־טע מאָסקווער פּראָצעסן, וואָס האָבן געפּסקנט אומצוברענגען קאַמיע־ניעוון, זינאָוויעוון, ריקאָוון, בוכאַרינען און זייערס גלייכן פֿאַרהאַס־טע דורך סטאַלינען.

מיר האָבן געהאַט אַ ביסל פֿאַרדאַכטן, דער עיקר צוליב דער תּקופֿה פֿון „צווישן־הערשאַפֿט", וואָס האָט זיך געשאַפֿן מיט גאָלדעס פֿאַרלאָזן און איידער ס'וועט קומען די נאָמינירונג פֿון אַ נייעם גע־זאַנדטן. פֿאַר יעדן פֿאַל, באַהאַוונטע מענטשן האָבן געזאָגט, אַז אַ סך געזאַנדטע, וואָס טראָגן די ראַנגע פֿון אַ מיניסטער און העכער, וועלן זיך אָפּהאַלטן פֿון קומען באַערן אַ געוויינלעכן „באַפּולמעכטיקטן" און אַזאַ איז דאָ דער מנהג און מ'דאַרף אין דעם נישט זען קיין שום באַ־ליידיקונג. מיר האָבן אויך געמיינט, אַז די רוסן וועלן זיך באַנוגענען מיטן שיקן אַ פֿאָרשטייער פֿונעם צערעמאָניאַל־דעפּאַרטאַמענט, ווי זיי פֿירן זיך לגבי מסיבות פֿון די „מערבדיקע". די דאָזיקע סיבות האָבן אונדז באַוויגן צו באַשטימען די ערשטע פֿייערונג פֿון אונדזער יום העצמאות אין מאָסקווע, נישט אין דער פֿאָרם פֿון אַ באַל אין אָוונט, מיט אַן אָרקעסטער און טענץ, ווי ס'איז אָנגענומען אין מאָסק־ווע ביי די פֿרעמדע פֿאָרשטייערשאַפֿן בעת זייערע אומאָפּהענגיקייט־פֿייערונגען, אָבער אויך נישט אין פֿאָרם פֿון אַ פּשוטער „קאָקטייל־פּאַרטי" צווישן מנחה און מעריב — נאָר עפּעס צווישן דעם און יע־נעם: אַ קבלת־פּנים צווישן 6.30 און 9 אין אָוונט. אַזוי האָט אונדז אויך געראָטן אונדזער פֿריינד ה' בלום פֿון לוקסעמבורג, דער עלטס־טער פֿון די געזאַנדטע (אָבער נישט דער עלטסטער פֿונעם גאַנצן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס).

אָבער אַלע פֿאַרדאַכטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר נישט־ריכטיקע. דאָס אָפּרופֿן זיך אויף די איינלאַדונגען איז געווען אַן אַלגעמיינס

און פולס, כמעט אַן אויסנאַמען. עס זענען געקומען אַלע וואָס זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון זייערע געזאַנדשאַפטן, די ראַטגעבערס און די מיליטער־ און האַנדל־אַטאַשעס, אַ סך סאָוויעטישע פאָרשטייערס און אין זייער שפּיץ — דער שטעלפאַרטרעטער פונעם אויסערן־מי־ניסטער זאָרין, „אונדזער" יערשאָוו, סאָוויעטישער געזאַנדטער ביי אונדז, וואָס איז גראָד געווען אויף אורלויב אין מאָסקווע; גענעראַל סאַראַיעוו און זיין וויצע פון מיניסטעריום באַר די באַוואָפנטע כוחות, און נאָך אַנדערע פונעם מיניסטעריום פאַר אויסערן־האַנדל און פון „ראַזנאָ עקספּאָרט", דער הויפּט פון דער אַדמיניסטראַציע פון דער באַדינונג פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, פּאַנאָמאַריעוו, פּרוי קיסלאָוואַ און דיעקאַריעוו *) פון דער וואָקס־אַנפירונג. ס'רוב געסט, אויך זאָרין, זענען געקומען מיט זייערע פרויען און אין אָפיציעלער יום־טובדי־קער קליידונג, און אַלע מיליטער־אַטאַשעס און פאָרשטייערס פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום — אין זייערע אוניפאָרמען.

איצט זענען דאָס ערשטע מאָל געקומען די ענגלענדער און די טערקן, וואָס האָבן פריער אויסגעמיטן דאָס האָבן מיט אונדז אָפי־ציעלע קאָנטאַקטן צוליב פּאָליטישע סיבות. אויך איז געקומען דער געזאַנדטער פון סיאַם, וואָס איז נישט געקומען צו דער געזעגענונגס־מסיבה פאַר גאָלדען צוליב עפּעס אַ צופעליקער סיבה. פון די ענג־לענדער זענען געקומען עטלעכע, און אין זייער שפּיץ — דער באַ־פולמעכטיקטער האַריסאָן (האָט איבערגעגעבן אין נאָמען פון זייער געזאַנדטן, פּיטערסאָן, ווינטשן און פאַרענטפערונג פאַרן נישט קע־נען קומען, ווייל ער האָט געהאַלטן ביי פאַרלאָזן מאָסקווע צומאָרגנס און איז שוין געזעסן אויף די וואַליזעס) און דער ראַטגעבער באַרקער; זיי זענען געקומען מיט די פרויען.

און דאָס זענען די מדינות, וועלכע זענען געווען פאַרטראָטן אויף דער מסיבה: אויסטראַליע, אַלבאַניע, אַרגענטינע, בעלגיע, בולגאַריע, ענגלאַנד, אונגאַרן, גריכנלאַנד, דענעמאַרק, איסלאַנד, איטאַליע, קאַ־נאַדע, כינע, לוקסעמבורג, טשעכאָסלאָוואַקיע, מעקסיקאָ, מאָנגאָליע האָלאַנד, ניו־זעלאַנד, נאָרוועגיע, פּוילן, רומעניע, סיאַם, פאַראייניקטע שטאַטן, טערקיי, פינלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ, שוועדן, יוגאָסלאַוויע, עסטרייך, ס.ס.ס.ר.

נישט געקומען: די פאָרשטייערס פון אינדיע, אַביסיניע און ווע־נעזועלא. די פאָרשטייערס פון אינדיע און אַביסיניע האָבן געפעלט

---

*) מעגלעך, אַז דאָס איז דער זעלבער דיעקאַריעוו, וואָס איז אין אַ צייט אַרום געווען סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין בורמע, וועמען דוד הכהן שיל־דערט אין אַ סימפּאַטיש ליכט (זע: יומן בורמה, עמ' 46).

צוליב צופעליקע סיבות, וואָרוםביידע זענען געווען אויף דער געזעגענונגס־מסיבה פאַר גאָלדען.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט געשיקט קיין איינלאַדונגען צו די אַראַבער און נישט צום אַפגאַניסטאַנער און איראַנער, וואָס האָבן נאָך ביז דאַן נישט געהאַט געענטפערט אויף די בריוו, וואָס גאָלדע האָט צו זיי געשיקט גלייך ווי אונדזער געזאַנדשאַפט איז געקומען אַהער.

עס זענען אויך געקומען אַ סך פרעמדע זשורנאַליסטן און צוזאַמען זענען געווען אַנוועזנד ביי אַ 250 מענטשן.

ווישינסקי האָט געשיקט אַ באַגריסונגס־קאַרטע.

ווי ס׳איז דאָ אָנגענומען, האָב איך, נאָך דער רונדע פון די באַקאַנטשאַפטן, פאַרבעטן זאָרינען מיט זיין פרוי און יערשאָוון אין איינעם פון די צימערן אַריין און זיי געזעצט אַרום אַ קליין טישל. גלייך האָבן זיך באַוויזן — אויך דאָס איז דאָ אָנגענומען — די געזאַנדטע פון רומעניע, פוילן און בולגאַריע און זיך אויך צוגעזעצט. נאָך אַן אַלגעמיינעם ווערטער־אויסטויש האָט זאָרין זיך נאָכגעפרעגט אויף דער לאַגע אין לאַנד. נאָך דעם ווי איך האָב זיך געווענדעט צו יערשאָוון ער זאָל ענטפערן, „ווייל אים זענען די ענינים קלאָרער" און אַלע האָבן זיך הויך צעלאַכט — האָב איך אַ ביסל דערציילט וועגן דער רעדע פונעם פרעמיער, וואָס מיר האָבן מיט אַן אָוונט פריער געהערט אין „קול ישראל". זאָרין, וואָס האָט אונדז איבעראַשט מיט זיין פריילעכער שטימונג און מיט זיין פרייער און אָפענער אויפפירונג, איז פּלוצים מיר אַריין אין די רייד און אַליין אָנגעהויבן רעפערירן בערך אַזוי — בקיצור:

„אין משך פון איין יאָר האָט איר באַוויזן זייער אַ סך אויפצוטאָן. איר האָט אַרויסגעטריבן די ענגלענדער, איר האָט אויפגעשטעלט די מדינה, האָט באַזיגט די אַראַבער אויפן שלאַכט־פעלד, האָט זיי געצוווּנגען אָנצוהייבן אונטערהאַנדלונגען אין ראָדאָס, אין אייערע הענט געפינען זיך אַלע אייערע שטחים און מער נאָך — וואָס איז דאָ צו זאָרגן? אמת, די ענגלענדער זיצן לעבן אייער גרענעץ פון אילת, און דאָך. מיין איך, אַז עס דראָט אייך נישט קיין געפאַר פון זייער זייט. זיי וועלן אייך נישט קענען אָנגרייפן אָן אַ לאָגישן אויסרייד און אַזעלכע אויסריידן זענען נישטאָ, און אויף אַן אָפענעם אָנגריף וועלן זיי זיך נישט איינשטעלן — ס׳איז דאָ אַן אונ"אָ. ס׳איז פאַראַן אַן עפנטלעכע מיינונג. ס׳איז געווען אַ זייער פּרוכטבאַר יאָר, און מ׳קען זיך דערמיט גרויסן".

מיינע באַמערקונגען צו זיינע רייד האָבן אויסן געווען צו זאָגן, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט זיך צו טרייסטן מיט אָפּטימיסטישע אָפּשאַצונגען וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. דערווייל איז נאָך נישטאָ

קיין ממשותדיקער שלום מיט די אַראַבער. די אמתע כוונות פון די ענגלענדער זענען נאָך נישט קלאָר, און אַ באַווייז איז זייער אויפֿפירן זיך אין דער פֿראַגע פון אַריינגעמען אונדז אין אונ״אָ; עס זענען פֿאַראַן שווערע פּראָבלעמען ביים בויען די מדינה, דאָס שנעלע באַפֿעלקערן זי, דאָס אַבסאָרבירן די עליה, און נאָך — דאָס אַלץ שטייט נאָך פֿאַר אונדז. ס׳איז נישטאָ קיין גלייכן צו די שוועריקייטן פון אונדזערע פּראָבלעמען. און עס לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז נאָך אַ לאַנגע צייט וועלן מיר דאַרפֿן אָנקומען צו דער שטיצע פון פריינד אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום, נישט ווייניקער ווי עס האָבן אונדז געגעבן ביז איצט דער ראַטנפֿאַרבאַנד און אַנדערע.

זאַרינס רעאַגירונג איז געווען (און די געזאַנדטע פונעם בלאָק, וואָס האָבן זיך געפֿונען אַרום אים האָבן אויסגעדריקט זייער הסכמה): „אויב איר וועט ווייטער אָנהאַלטן די ריכטיקע פּאָליטישע ליניע, וועט אויך די שטיצע פֿאַרגעזעצט ווערן״.

כ׳האָב זיך איינגעהאַלטן און אים נישט געפֿרעגט וואָס ער איז געגנוי אויסן, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט, אַז ער קאָן לאָזן הערן פֿאַר די אַרום־זיצנדיקע אַ ווייניקער סימפּאַטישן פּירוש, ווי די אַלגעבראַישע פֿאָרמולע.

פון די אַנדערע זאַכן אין אָט דעם שמועס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז פון זיין אייגענער איניציאַטיוו האָט זאָרין דערציילט, אויף אַ הויכן קול, מיט ביטול און מיט שאַרפֿן שפּאָט, אַז אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין יערשאָווס אורלויב־רייזע, פֿאַרבונדן זי מיט גאָלדעס פֿאַרלאָזן מאָסקווע, געמאַכט פוןביידע איין געקעכץ און אַריינגעלייגט אין דעם כלערליי כלומרשטע פּאָליטישע כוונות, בעת אין די אַלע ידיעות איז נישטאָ קיין איין טראָפּן אמת. וועגן יערשאָווס אורלויב האָט זאָרין צוגעגעבן, אַז דער אורלויב קומט אים אויך פֿאַר דער תקופֿה, וואָס ער איז געווען אין טערקיי.

ביים סוף פונעם שמועס און פונעם טרינקען אין דער „מזרחדיקער״ קאָמפּאַניע, האָט זיך זאָרין פייערלעך אויפֿגעשטעלט, אויך אַלע אַרומיקע האָבן זיך אויפֿגעשטעלט, האָט אויפֿגעהויבן אַ כוס לכבוד דעם יום־טוב, האָט באַגריסט מדינת ישראל צו איר אויפֿקומען און איר געוווּנטשן דערפֿאָלג אין אַלע אירע מעשים. איך האָב אים געענטפֿערט מיט דאַנק־רייד פֿאַר דער פּאָליטישער און מאָראַלישער שטיצע פון דעם ראַטנפֿאַרבאַנד לטובת אונדזערע ענינים און אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז די קעגנזייטיקע פריינטשאַפֿטלעכע באַציאונגען וועלן נאָך מער זיך פֿאַרשטאַרקן און פֿאַרפֿעסטיקן.

אויך דאָס מאָל, ווי צו דער געזעגענונגס־מסיבה פֿאַר גאָלדען, האָבן מיר לויט אַ רשימה פון וואָק״ס געשיקט איינלאַדונגען צו

שרייבערס, קינסטלערס און אַנדערע — הגם מיר האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז זיי וועלן נישט קומען. אָבער אויך אין דעם פֿאַל האָבן מיר זיך געפֿירט לויט דער עצה פֿון עלטסטן פֿונעם קאָרפּוס. דער איינציקער פֿון די־אָ פֿאַרבעטענע, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו טעלעפֿאָנירן און זיך אַנטשולדיקן, ווייל ער פֿאָרט קיין לענינגראַד, איז געווען דער מאָלער גראַסימאָוו — פּרעזידענט פֿון דער מאָלעריי־אַקאַדעמיע אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

אונדזער פֿאָן איז אויפֿגעהאָנגען געוואָרן אויפֿן הויז ערב יום־טוב, דינסטיק אין אָוונט, און האָט געפֿלאַטערט, צו דעם אָפֿענעם פֿאַרגעניגן פֿון די בכוונה פֿאַרבייגייענדיקע יידן — דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג. פֿאַרנאַכט זענען אַלע דערבייאיקע גאַסן פֿול געוואָרן מיט אויטאָס, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די עמבלעמען פֿון די פֿאַרשיידענע געזאַנדשאַפֿטן, וועלכע זענען געקומען צו אונדזער מסיבה. ערב יום־טוב האָבן מיר געהאַט די זכיה זיך מתייחד צו זיין ביי אַ צוויי שעה מיט תל־אביב, אַדאַנק „קול ישראל". די איבערגעבונג איז דאָס מאָל געווען זייער אַ קלאָרע און מיר האָבן גוט געהערט בן־גוריונס רעדע, די איינצלהייטן פֿון דער פֿייערלעכער זיצונג פֿון כנסת (די באַגריסונג פֿונעם נשיא און די רייד פֿון י. שפּרינצאַק, צוזאַמען מיט זיין איבערגענומענער ווענדונג צו די כנסת־דעפּוטאַטן אַרויסצוגיין אין די גאַסן און נעמען אָנטייל אין דער פֿרייד פֿון פֿאָלק), דערנאָך דאָס שפּילן פֿון אָרקעסטער און דעם רעש פֿון די פֿריידיקע שטימען פֿונעם פֿאָלק, וואָס האָט געטאַנצט און זיך געפֿרייט אויפֿן פֿייערונג־פּלאַץ.

ווי אַ צוגאָב צו דער שמחה האָט אונדז דאָס היגע אויסערן־מיניסטעריום צוגעשיקט. פּונקט ערב יום־טוב, צוויי אָנגענעמע מעלדונגען, אמת, טאָקע אין קליינע ענינים, אָבער פֿאַר אונדז זייער וויכטיקע: א. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אונדז איבערצוגעבן דאָס הויז, בשכנות מיט דער געזאַנדשאַפֿט, אויף צוצוטיילן וווינונגען פֿאַר די, וואָס האָבן זיך נאָך געפֿונען אין האָטעל „מעטראָפּאָל" (10 צימערן און אַ גאַראַזש), און אַ גאָרטן וועט פֿאַראייניקן ביידע געביידעס אין איין רחבותדיקן איינס; ב. עס זענען באַפֿרייט געוואָרן פֿון צאָל־אָמט אַלע אונדזערע באַגאַזשן, וואָס זענען דאָרט פֿאַרהאַלטן געוואָרן צוליב שווערע פֿאָרמעלע פּלאָנטערס, וועלכע האָבן אונדז גורם געווען נישט ווייניק עגמת־נפֿש.

דעם זעלבן טאָג, עטלעכע שעה פֿאַר דער אויפֿנאַמע, איז אין דער געזאַנדשאַפֿט אַריינגעקומען אַ יידישע פֿרוי פֿון אַ יאָר זעכציק, האָט באַגריסט אויף רוסיש „צו אונדזער יום־טוב" און געבעטן מ'זאָל איר דערלויבן צו בלייבן דאָ ביז די געסט וועלן אָנהייבן קומען, כדי צו זען מיט די אייגענע אויגן די פֿייערונג.

כ׳האָב איר געדאַנקט פאַרן ווינטשעווען און איר געזאָגט, אַז היינט קומען בלויז פרעמדע דיפּלאָמאַטן. אויב ס׳וועט באַשטימט ווערן אַ פייערונג פאַר יידן, וועלן מיר געפינען אַ וועג וועגן דעם צוּוויסן צו געבן...

די פרוי האָט ווידער אָנגעוווינטשעוועט לכבוד דעם יום־טוב, האָט שווער אָפּגעזיפצט, האָט מיך גוט־גוט אָנגעקוקט צי כ׳זאָג איר דעם גאַנצן אמת צי ניין, האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון שטול און אַוועקגעגאַנגען.

בערך אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אונדז אָפּגעפונען פיר ישׂראלדיקע בירגער: 1. פרוי סופר, אין בעסאַראַביע; 2. איר טאָכ־טער; 3. הער חפץ, אַ געבוירענער אין ירושלים, פון די פרייוויליקע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע; 4. אַלגאַ קאָ־גאַן־שאַץ, וואָס האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד אין די 20־ער יאָרן, בעת די אויפרודערונגען אין „גדוד עבודה״.

מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט די ערשטע צוויי בירגערינס, וואָס האָבן אונדז געבעטן זיי צו העלפן אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש צוריקצופאָרן אין לאַנד אַריין, אָבער דאָס סאָוויעטישע אויסערן־מי־ניסטעריום האָט געענטפערט, אַז לויט די אָרטיקע געזעצן זענען זיי שוין פון לאַנג סאָוויעטישע בירגערינס. וואָס שייך פרוי סופר — איז בלי ספק גערעכט דאָס אויסערן־מיניסטעריום, ווייל זי האָט בשעתו חתונה געהאַט מיט אַ בעסאַראַבישן תושב, און בעסאַראַביע איז אַנעקסירט געוואָרן צום ראַטנפאַרבאַנד. לויט אונדזער מיינונג זענען זיי נישט געווען גערעכט בנוגע דער טאָכטער, ווייל איר פאָ־טער האָט זיך געפונען אין תל־אביב. פאַקטיש האָט זיך די לאַגע מכוח רעכט אויף אַרויסצופאָרן נישט געענדערט, ווייל עס זענען אונדז געווען באַקאַנט נישט ווייניק פאַלן פון אָפּזאָגן אַרויסצוגעבן אַרויספאָר־דערלויבענישן אויף מענטשן, וואָס זייער פרעמדע ביר־גערשאַפט איז נישט אונטערגעליגן קיין שום צווייפל — אויב זיי האָבן געוווינט אַ לאַנגע צייט אין ראַטנפאַרבאַנד. אַזוי האָבן זיי זיך אויך געפירט לגבי בירגער פון מזרח־בלאָק. ממש אין אָט די טעג איז צו אונדז דערגאַנגען אַ האַרצרייסנדיקער בריוו פון אַ יידישן דאָקטאָר — אַ טובערקולאָז־קראַנקער — אַ טשעכישער בירגער, און אין אים איז דערציילט געוואָרן, אַז די נויט און זיין קראַנקהייט האָבן אים דערפירט ביז צו בעטלעריי (פשוט און פראָסט) און מ׳לאָזט אים נישט אַרויס, נישט געקוקט וואָס די טשעכאָסלאָוואַקישע אַמבאַסאַדע שטעלט זיך פאַר אים שטאַרק איין. עס זענען געווען ענלעכע פאַלן מיט אַמעריקאַנישע און דענישע בירגער, אַפילו די ענגלישע אַמבאַ־

סאַדע, נאָך אין דער תקופה פון מאַנדאַט, האָט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך אַריינצולאָזן אין אַ יורידישן וויכוח מיטן סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום וועגן דער זעלבער פּרוי סופר און איר טאָכטער, און פון פאַרמעלן שטאַנדפּונקט איז דער ענין געבליבן הענגען אין דער לופט צווישןביידע צדדים. אויך איז אונדז באַוווסט, אַז בערל לאַ־קערס אַ קרוב, אַ פּוילישער בירגער, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון אַ געפאַנגען־לאַגער און האָט אויך באַזוכט אונדזער געזאַנד־שאַפט — האָט נישט באַקומען קיין אַרויספאָר־דערלויבעניש קיין פּוילן און אַרבעט איצט ווי אַ קוילן־גרעבער אין דאָנער ראַיאָן. אַ בריוו, וואָס איז פון אים אָנגעקומען, האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן, אַז אין דעם אָרט און צו דער־אַ אַרבעט איז ער אָנגעקומען נישט מיט זיין גוטן ווילן.

פון דער אַנדערער זייט איז אין די לעצטע טעג געווען אַ פאַל מיט אַ ייד, אַ פּוילישער בירגער, וואָס האָט געבעטן מ׳זאָל אים דער־לויבן אַרויסצופאָרן קיין פּוילן. עטלעכע מאָל האָט מען אים אָפּגעזאָגט און לסוף האָט ער אַזאַ דערלויבעניש באַקומען.

דער יורידישער מצב פון חפץ און קאַגאַן־שאַץ איז געווען אַ קלאָרער. ביידע האָבן געהאַט ארץ־ישראלדיקע פּאַספּאָרטן פון דער מאַנדאַט־תקופה, וועלכע זענען אויפסניי באַשטעטיקט געוואָרן מיט אַ סטעמפּל פון אונדזער געזאַנדשאַפט. נישט געקוקט דערויף האָט מען זיי נישט דערלויבט אַרויסצופאָרן — אָן אָנצוגעבן מאָטיווירונ־גען.

חפץ האָט אונדז באַזוכט, געשמועסט מיט גאָלדען און געבעטן מ׳זאָל אים העלפן זיך צוריקקערן. צווישן אַנדערן האָט ער דער־ציילט, אַז נאָך זיין ערשטן באַזוך ביי אונדז, מיט אַ צוויי־דריי חד־שים צוריק, ווען ער איז צוריקגעקומען אין זיין שטאָט אַריין און אין אינוואַלידן־היים (ער איז געווען אַ האַלבער אינוואַליד), ווו ער האָט געוווינט און געאַרבעט ביי עפּעס אַ טיילווייזער אַרבעט אין דער ווירטשאַפט — האָט מען אים גערופן צו דער מאַכט, אים געמאַכט אַ פאַרוווּרף פאַרן פאַרלאָזן דאָס אָרט אָן אַ דערלויבעניש און אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט דאָך נאָך אַמאָל טאָן, וועט ער קריגן צוויי יאָר אַרעסט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן, זיך איינגעשטעלט און ווידער צו אונדז געקומען. פאַרשטייט זיך, אַז אָן אַ „קאָמאַנדיראָווקע״ *). ער האָט זייער געוואָלט בלייבן ביי אונדז נעכטיקן, ווייל קומענדיק קיין מאָסקווע, האָט ער זיך נישט איינגע־מאָלדן אין דער פּאָליציי. ווי עס פאָדערט דאָס געזעץ, און אָן אָן דעם קריגט מען נישט קיין צימער, נישט אין אַ האָטעל און נישט אין אַ

*) פאַר־באַפעל.

פּריוואַטן הויז. צוליב דער זעלבער סיבה האָבן אויך מיר געמוזט זיין שטרענג צו אים — און ס'איז נישט נויטיק צו דערציילן ווי מיר האָבן זיך דערביי געפילט — נישט האָבנדיק קיין ברירה. ער האָט געמוזט נעכטיקן אויפן וואָקזאַל.

גאָלדע און איך האָבן דערווייל (דעם 11.4.49) באַזוכט וואָלאָסאָוון, דעם דירעקטאָר פון קאָנסולאַרן דעפּאַרטמענט, וועגן ענין חפץ (און אויך וועגן ענין קאַגאַן־שאַץ), האָבן אויפגעקלערט די איינצלהייטן און געפאָדערט צו דערלויבן זיי אַרויסצופאָרן. וואָלאָסאָוו האָט צוגעזאָגט זיך צו פאַרנעמען וואָס גיכער מיטן אויפקלערן די סיבות צוליב וועלכע עס איז זיי נישט געגעבן געוואָרן די דערלויבניש.

צומאָרגנס איז חפץ ווידער געקומען צו אונדז — הערן וואָלאָסאָווס ענטפער — און דערציילט, אַז נעכטן, נאָך דעם ווי ער איז אַרויס פון דער געזאַנדשאַפט, האָט אים אין „מעטראָ" פאַרהאַלטן אַ פּאָליציי־מאַן (מיטן אויסרייד, אַז ער, חפץ, זעט אויס שיכור), אים פאַררופן אין דער נאָענטסטער פּאָליציי־סטאַציע, קאָנטראָלירט זיינע דאָקומענטן און אים אָפּגעלאָזט. פאַקטיש האָט איינער פון די מיט־אַרבעטער אין דער געזאַנדשאַפט געזען נעכטן דורכן פענצטער אַז ווי נאָר חפץ איז אַרויס, האָט איינער פון די פּאָליציי־לייט, פון די שטענדיקע וואַך־לייט איבער אונדזער און אַלע אַנדערע געזאַנדשאַפטן, זיך געאיילט צום טעלעפאָן־ביידל...

דער סיפּור־המעשה וועט נישט זיין גאַנץ, אויב כ'וועל נישט צוגעבן, אַז אין די געשעענישן פון 1929 איז חפץ געווען טעטיק צוזאַמען מיט די ירושלימער קאָמוניסטן, צווישן די אַראַבער קעגן דעם יידישן ישוב, און אין איינעם אַ טאָג פון שווערער אַראַביש־יידישער שפּאַנונג, בעת ער איז צוזאַמען מיט זיינע חברים געגאַנגען פאַרשפּרייטן אַנטי־ציוניסטישע אויפרופן צווישן די אַראַבער אין דער אַלטשטאָט, זענען זיי באַפאַלן געוואָרן דורך אַראַבער און איינער פון די קאָמוניסטישע בחורים איז דערהרגעט געוואָרן. חפץ אַליין איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַ האַנט און צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר זיינעם זענען זיי אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון טויט דורך אַ גרופּע „הגנה"־חברים, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך אין איינעם פון די געסלעך. איינער פון די פאַרטיידיקער, וואָס האָט אויף זיינע אייגענע הענט געטראָגן חפצן אין שפּיטאָל אַריין, איז געווען יאַשאַ קעסלמאַן, איינער פון אונדזער געזאַנדשאַפט. ביידע האָבן זיך איצט באַגעגנט און זיך דערקענט דאָ אין הויז פון אונדזער געזאַנדשאַפט.

לויט חפצס רייד, האָט ער בשעתו פאַרלאָזן די קאָמוניסטן, אָדער אָפיציעל זיי נישט אָנערקענט מער — אָבער די ארץ־ישראלדיקע פּאָליציי האָט אים פאַרפאָלגט און אויך איינמאָל אים אַרעסטירט. אין יאָרן אַרום, בעת עס איז אויסגעבראָכן געוואָרן דער בירגער־

קריג אין שפּאַניע, האָט ער זיך פרייוויליק מאָביליזירט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, געקעמפט און פאַרוואונדעט געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט זיך אומצוקערן אין לאַנד אַריין און אויף אַזאַ אופן געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָ איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין אַן אינוואַלידן־היים און געפינט זיך שוין דאָרט ביי אַ 10 יאָר. ער האָט נישט געהאַט קיין טענות קעגן דאָס פאַרנעמען זיך מיט אים אָדער וועגן אַ שלעכטער באַציאונג צו אים. ער האָט פשוט געוואָלט זיך אומקערן אַהיים, און בפרט ווען ס׳איז אויפגע־ריכט געוואָרן די מדינה. ער האָט געהאַט אין לאַנד אַ מוטער און אַנדערע קרובים.

אָלגאַ קאַגאַן־שאַץ, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ לערערין אין אַ קאָלכאָז אין צענטראַל־רוסלאַנד, האָט אַ לאַנגע צייט נאָך דעם ווי זי האָט אונדז באַזוכט, טעלעגראַפירט, אַז זי האָט באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער אויף איר בקשה אַרויסצופאָרן. זי איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט און געפינט זיך אין אַ פאַרצווייפלטן צו־שטאַנד. ווי דערמאָנט האָבן מיר אויך איר ענין באַרירט בעתן גע־שפרעך מיט ווישינסקי.

דעם 22.4.49 האָט זי זיך ווידער באַוויזן ביי אונדז אין געזאַנד־שאַפט, כדי צו פרעגן, אפשר האָט זיך עפעס געריררט אין ענין פון אונדזער ביטע צום אויסערן־מיניסטעריום צו דערלויבן איר אַרויס־צופאָרן. פון אירע רייד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אָפּזאָגן איר פון פּאָסטן האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו איר בקשה אַרויסצו־פאָרן. מ׳האָט איר פאַרגעלייגט אַן אַנדער אַרבעט, און זי האָט זיך נישט געזאָרגט וועגן דער מאַטעריעלער לאַגע. אויך איר שטימונג איז נישט געווען קיין שלעכטע און איז מיט גאָרנישט נישט ענלעך געווען צו דער מרה־שחורה אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען חפץ.

אין די זעלבע טעג האָט זיך באַוויזן ביי אונדז מאיר באַראַווסקי, אַ מלחמה־אינוואַליד, אַ באַלוינטער מיט אַ מעדאַל (פון מיטעלן ראַנג), דער לינקער פוס אַמפּוטירט — וואָס האָט נאָך פאַראַיאָרן אָקטאָבער באַקומען, לויט דער בקשה פון סאָוויעטישן אינערן־מי־ניסטעריום, אונדזערס אַן אַריינפאַר־וויזע — און אָט שיינט ער פון פרייד און גליק: ענדלעך האָט ער באַקומען אַן אַרויספאַר־דערלוי־בעניש, אַ רייזע־בילעט און זיין פענסיע (לויט אונדזערע באַגריפן — זייער אַ קליינע: 250 רובל אַ חודש, ד. ה. 7½ פונט שטערלינג) און נאָך. דער ענין האָט זיך געצויגן זעקס חדשים. ער איז געקומען פון פערגאַנאַ, וואָס אין אוזבעקיסטאַן. ס׳זענען דאָרט געווען ביי אַ צוויי הונדערט יידישע משפחות, צווישן זיי אַ פּופציק פון דער

ספרדישער עדה. לויט ווי ער דערציילט, איז די גאַנצע יידישע קהילה אין פערגאַנאַ געגאַנגען אויף רעדער: מ׳גלויבט קוים אין דעם גרויסן נס, און מ׳זעט אין אים דעם ערשטן פּיאָנער פון זייער אייגענער עליה. אויך נישט־יידן זענען זיך געקומען מיט אים געזעגענען און האָבן אים אָפּן מקנא געווען.

מיר האָבן טעלעפאָניש געמאָלדן קיין פּראַג און געבעטן אים העלפן אין אַלץ וואָס ער וועט זיך נויטיקן צו דער נסיעה אין לאַנד אַריין.

קאַפּיטל פינף

באַפּולמעכטיקטער געזאַנדטער

די נאָמינאַציע. דער בריוו צו בן־גוריונען. דאָס איבערגעבן די באַגלויבונג־פּאַפּירן. „באַלאַנס פון קרעדיט און דעבעט". דער ראַטנ־פאַרבאַנד העלפט צו אונדז אָנצונעמען אין אונ"אָ. וועט גראָמיקאָ קומען באַזוכן ישראל? מיט אַנדריי ווישינסקין. פאַלשקייטן אין דער שטעלונג פון מאָסקווע אין דער פראַגע ירושלים, און איר „קירכ־לעכער" באַשטאַנד אין דער הויפּטשטאָט פון ישראל. „אַמעריקאַנער ראַטגעבערס" און נאָך אויסטראַכטענישן. די ערשטע סימנים פון אַ „פאַרקערטער אָפּציע" אין מיטעלן מזרח. האָבן מיר פאַרשפּע־טיקט דעם אויטאָבוס קיין פּעקין? אַ פאָלקס־כינעזישער דיפּלאָמאַט באַזוכט אונדזער געזאַנדשאַפט. קאָנטאַקטן מיטן אַפגאַניסטאַנער אַמ־באַסאַדאָר. פאַרסירונגען אויפן וועג קיין קאַראַטשי. נאָך אַ האַלב־יאָריקער סך־הכל. אָפּהאַלטונגען אין די האַנדלס־באַציאונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד. איזאָלאַציע און דערדריקטקייט אין דיפּלאָמאַטישן לעבן אין מאָסקווע.

מיין גרייטקייט אָנצונעמען די נאָמינאַציע פון ישראל־געזאַנדטן אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָכן צוריקקערן זיך פון פרוי מאיירסאָן (מאיר) קיין ישראל, האָב איך אויסגעדריקט אין קומענדיקן בריוו צו הער משה שרת:

„איך דריק אייך אויס מיין דאַנק פאַרן צוטרוי מיט וועלכן איר האָט מיך באַשאָנקען, איבערגעבנדיק מיר די אָנפירונג פון אונדזער געזאַנדשאַפט אין ס.ס.ס.ר. איך וועל זיך באַמיען, אויף וויפל איך וועל נאָר קענען, אויסצופירן די פאַראַנטוואָרטלעכע און בכבודיקע שליחות. אמת, איך בין שוין אַ שטיקל „בן־בית" אין מאָסקווע, איך בין אָבער בכלל נישט געניגט גרינגצושעצן די גרויסע אחריות וואָס ליגט אויף מיר, באַזונדערס נאָך דער הויכער פּאָזיציע און גרויסער ליבשאַפט צו וועלכער עס האָט זיך דאָ דערדינט פרוי מאיירסאָן. אין מיין אַרבעט וועל איך זיך אוודאי נויטיקן אין אַ סך רחמים, באַזונדערס אין אָנבליק פון די אַלגעמיינע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען וואָס פאַרפלאָנטערן און פאַרשאַרפן זיך. וואַרט איך אויף אייערע אָנווייזונגען און הילף".

טעלעגע וואָכן נאָך מיין אָפיציעל איבערנעמען דעם נייעם אַמט, האָב איך באַקומען אַ באַגריסונג־בריוו פון פּרעמיער הער דוד בן־גוריון. איך ברענג דאָ זיין פולן טעקסט.

הקריה, כ״ג אייר תש״ט.

25.5.49

דעם ח׳ מ. נמיר — שלום וברכה.

קודם־כל נעם אָן מיין באַגריסונג צו דיין באַמינירט ווערן ווי אונדזער אַמבאַסאַדאָר אין ראַטנפאַרבאַנד. איך ווייס נישט צי דו האָסט וועגן דעם געחלומט איידער דו ביסט געקומען אין לאַנד אריין. — אָבער נישט איין מאָל קומען פאָר אין דער ווירקלעכקייט זאַכן, וואָס זענען אַ סך וווּנדערלעכער ווי אין דער וויזיאָנערישער פאַנטאַזיע. מיין האָפענונג איז, אַז עס וועט דיר געלינגען אָנצוהאַלטן די פריינטשאַפט צווישן ישראל און דעם ראַטנפאַרבאַנד, און צוריק אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיטן יידנטום.

אמת, איך האָב דיך געוואָלט איינלאַדן צו אַן אַנדערער אַרבעט, דאָ־הי, כ׳האָב זיך אָבער אונטערגעגעבן דער נויטיקייט, און איך ווינטש דיר פון גאַנצן האַרצן דערפאָלג אין דיין שליחות אין מאָסקווע.

די ביכער האָב איך באַקומען — נאָך אַלע אַוואַנטורעס, און איך דאַנק דיר האַרציק. באַזונדערס פריי איך זיך מיט לענינס ווערק און וואַרט אויף די איבעריקע. זענען פאַראַן וויכטיקע פאַרש־ביכער וועגן בודהיזם און זיין געשיכטע?

ביטע, גיב איבער מיין גרוס פאַר אַלע מיטאַרבעטער פון אונדזער געזאַנדשאַפט.

מיט אָנערקענונג און גרוס

ד. בן־גוריון״

די דאָזיקע ווערטער פון הער בן־גוריון האָבן מיך באַוויגן אים צו ענטפערן דאָס פאָלגנדיקע:

„טייערער חבר בן־גוריון,

ערשט איצטער, מער ווי אין אַ חודש אַרום, איז צו מיר אָנגעקומען אייער בריוו פון כ״ג אייר ה. י. וועלכער האָט זיך צופעליק פאַרהאַלטן אַ לאַנגע צייט, צוזאַמען מיט אַנדערע בריוו, אין פּראַג. איך שיק אייך מיין טיפסטן דאַנק פאַר אייער וואַרעמער באַגריסונג און האַרציקע ווערטער צו מיין איבערנעמען דעם נייעם אַמט אין ראַטנפאַרבאַנד, און באַזונדערס פאַרן צוטרוי וועלכן ס׳האָט מיר

אַרויסגעוויזן אייער רעגירונג, איבערגעבנדיק מיר אַזאַ הויכע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע שליחות, ביי די היגע אויסנעמלעכע באַדינגונגען.

אוודאי און אוודאי האָב איך פֿאַר מיין עולה זיין אין לאַנד אַריין נישט געחלומט, אַז נאָך ביי מיין לעבן וועט אויפֿגעריכט ווערן די מדינה ישראל, מיט איר מיליטער, מלוכהשע אַנשטאַלטן און פֿאָר־שטייערשאַפֿטן ביי פֿעלקער, און נאָך מער האָב איך זיך נישט פֿאָר־געשטעלט, אַז אויך איך פֿערזענלעך וועל זוכה זיין דורכצופֿירן אַ שליחות פֿון דער מדינה און דווקא אין דער הויפּטשטאָט פֿון אָט דעם לאַנד. כ׳וועל אָבער נישט פֿאַרלייקענען, אַז פֿון זינט די ערשטע טעג פֿון די געשעענישן אין תרצ״ו האָב איך אָנגעהויבן — פּונקט ווי אייניקע אַנדערע חברים — נישט נאָר צו טראַכטן, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער אַקטועלער וועג, ווי אַ באַלדיקע מדינה (פֿאַרן פּרייז פֿון צעטיילונג), נאָר אויך צו גלייבן, אַז דאָס איז מעגלעך. אַדאַנק יוסף אירליכט איז ביי מיר דאָ אויפֿגעהיט אַ סטענאָגראַמע פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען אין צ. ק. פֿון דער פּאַרטיי, אין יענע טעג אין ,רויטן הויז׳, וואָס האָט אויף אַ סך זיצונגען זיך פֿאַרנומען מיט דער פֿראַגע וועגן אַ מעגלעכקייט פֿון אַ הסכם מיט די אַראַבער, און אין דעם דאָזיקן וויכוח, אין וועלכן כ׳האָב געהאַט דעם כבוד אָנטייל־צונעמען (אַ סך גאָר טייערע חברים, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין יענע זיצונגען, זענען שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע), האָב איך אויך געהאַט די געלעגנהייט עפּעס צו זאָגן אין דער ריכטונג.

און פֿונדעסטוועגן איז געקומען די ווירקלעכקייט — דאָס מיינט, דער ריכטיקער היסטאָרישער חוש און דער מוט און די האַנדלונג פֿון יחידי סגולה, צוזאַמען מיט דער העלדישקייט און דרייסטקייט פֿון אַ סך — און שטייגט איבער אַלע חלומות.

וואָס שייך מיין שליחות דאָ, ביי די זייער קאָמפּליצירטע באַדינ־גונגען פֿון צייט און אָרט, נייטיק איך זיך אין אַ סך תּפֿילות, און הלוואי זאָלן אייערע גוטע ווונטשן אינגאַנצן מקוים ווערן.

איך פֿריי מיך זייער, וואָס די צוויי וויכטיקסטע ביכער־טראַנס־פּאָרטן זענען סוף כל סוף צו אייך אָנגעקומען. מיט מיין טאָכטער יעל, וואָס איז געפֿאָרן אַהיים, האָב איך מיטגעשיקט פֿאַר אייך דריי ביכער, אָבער איר באַגאַזש איז נאָך נישט אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, און ווען ער וועט אָנקומען, וועט זי זיי אייך אָפּברענגען אין שטוב אַריין.

איך שיק אייך איצטער, מיט דער פּאָסט, איין בוך דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון ש. פֿרידמאַנס אָפּטיילונג אין אויסערן־מיניסטעריום.

די ביכער וואָס פֿעלן פֿון אַלע ווערק פֿון מאַרקס־ענגעלס וועל איך ווייטער זוכן און אויך עפּעס וועגן בודהאַן — אפשר אויך אין לענינגראַד.

איך ווינטש אייך געזונט און לאַנגע יאָרן און פֿולן דערפֿאָלג אין

דער גאַנצער גרויסער און הייליקער אַרבעט וואָס לאַסטעט אויף אייך. אַלדאָס גוטס פֿאַר פֿאַליען און פֿאַרן גאַנצן בני־בית.

אַלע מיטאַרבעטער פֿון דער געזאַנדשאַפֿט זענען מצרף זייערע ברכות און זייערע האַרציקע ווונטשן".

נאָך אַ טייערער בריוו פֿול גוטע ווונטשן, וועלכן כ׳האָב אין יענע טעג געקראָגן פֿון לאַנד, איז געווען פֿון אַן אַלטן און געאַכפּערטן חבר, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער צווייטער פּרעזידענט פֿון מדינת ישראל, דאָס איז יצחק בן־צבי. און אַזוי לייענט זיך דער בריוו:

„כ׳האָב זיך דערפֿרייט מיט דער אָפֿיציעלער ידיעה, אַז דו ביסט נאָמינירט געוואָרן ווי דער געזאַנדטער פֿון ישראל אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ביטע, נעם צו דערמיט מיינע ברכות און די בעסטע ווונטשן צו דיין וויכטיקן אַמט.

מיר האָבן זוכה געווען צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַ דורות־לאַנגן חלום, אָבער מיר שטייען ערשט אויף דער שוועל פֿון דער נייער תקופֿה, און איך ווייס ווי שווער ס׳איז די אחריות וואָס ליגט אין אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן אָרט אין וועלכן דו געפֿינסט זיך.

איך ווינטש דיר דערפֿאָלג אין דיין שליחות. גיי מיט דעם אַ כּוח דיינעם און אין זכות פֿון ישראל.

טו און זיי מצליח!"

דעם 6־טן יולי איז געקומען די צייט איבערצוגעבן מיינע באַ־גלויבונגס־פּאַפּירן דעם פּאַרזיצער פֿון אויבער־סאָוויעט פֿון ס.ס.ס.ר.

ווידער האָב געהילכט די קלאַנגען פֿון העברעאישן לשון צווישן די קרעמל־ווענט און אַ באַאַמטער פֿון סאָוועט־פּרעזידיום האָט גע־לייענט די איבערזעצונג אין דער רוסישער שפּראַך.

„די רעגירונג און דאָס פֿאָלק אין דער מדינה ישראל", האָב איך אַרויסגעלייענט פֿונעם פֿאַרמעט אינעם צערעמאָניע־זאַל, „שאַצן אָפּ אויפֿן אויפֿריכטיקסטן אופֿן, די פֿריינטלעכע באַציאונגען פֿון דער ראַטנפֿאַרבאַנדישער רעגירונג און אירע פֿאַרשטייערס אין אונ"אַ כּלפּי אונדזער קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט. ס׳איז פֿעסט זייער גלויבן, אַז דאָס אַנטוויקלען און פֿאַרשטאַרקן די פֿריינטשאַפֿט צווישן אונדז וועט ברענגען נוצן ביידע לענדער און וועט זיין לטובת דעם שלום אין דער וועלט".

מיט טיפֿן ערנסט האָט הער שווערניק, פּרעזידענט פֿון ס.ס.ס.ר., געלאָזט הערן זיין תשובה און געזאָגט, אַז זיין לאַנד איז דאָס געווען טאַקע די ערשטע וועלט־מאַכט וואָס האָט אָנערקענט מדינת ישראל דע יורע; דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז פֿאַראינטערעסירט אין דער ווייטערדי־קער אַנטוויקלונג פֿון די באַציאונגען צווישן די ביידע מדינות, כּדי זיי זאָלן קאָנען דינען ווי אַ יסוד פֿאַר קעגנזייטיקער פֿריינטשאַפֿט; דעם הער נמיר וועט געגעבן ווערן יעדע מעגלעכע געלעגנהייט אויס־צופֿירן די אויפֿגאַבן פֿון דער ישראל־געזאַנדשאַפֿט אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

פאָטאָגראַפיסטן פון דריי קינאָ־פילמען און פון זעקס סאָוויעטישע צייטונגען האָבן געבליצט מיט זייערע ליכטער. אַלע שמייכלען: דער פרעזידענט שווערניק, אַנדריי גראָמיקאָ, אונדזער אַלטער באַקאַנטער איוואַן באַקולין און, פאַרשטייט זיך, אויך מיר.

דערנאָך הייבט מען אויף די גלעזלעך און מען פירט אַ פּריוואַט־לעכן שמועס. דער פאַרזיצער פון העכסטן סאָוויעט ווייזט אַרויס אַ באַזונדערע פאַראינטערעסירונג אין פראַגן פון אַנטוויקלען און באַ־זעצן דעם נגב, פרעגט זיך נאָך אויף דער אַלגעמיינער לאַגע אין ישראל. גראָמיקאָ האָט דערבײַ אַ גוטע געלעגנהייט אונדז אלעמען איבעראַשן מיט זיין גרויסער בקיאות אין פּראָבלעמען מיט וועלכע מיר ראַנגלען זיך.

מיטן פאַרענדיקן די צערעמאָניע, בעתן צוריקקערן זיך אין דער געזאַנדשאַפט אין דער באַגלייטונג פון א סאָוויעטישער ערן־וואַך — האָב איך נישט געקאָנט נישט געבן אַביסל אַ סקעפּטישן אריינטראַכט: „יאָ, ווען אונדזערע באַציאונגען מיט די סאָוויעטן וואָלטן זיך באמת געפירט אין אַן אטמאָספערע פון איבערגעבן באַגלויבונגס־פּאַפּירן"...

אין צען יאָר אַרום האָט מיר דאָס סאָוויעטישע אויסערן־מיניס־טעריום צוגעשיקט אויף מיין בקשה אַ קאָפּיע פון דעם קינאָ־פילם, וואָס איז ביי יענער געלעגנהייט פאָטאָגראַפירט געוואָרן (איז אָבער קיין מאָל נישט דעמאָנסטרירט געוואָרן אין קיין שום סאָוויעטישן קינאָ־זאַל).

צום אָנהייבן אַמטירן ווי דער געזאַנדטער האָבן מיר געפונען פאַר ריכטיק אונטערצוציען אַ מין סטאַטיסטישן סך־הכל פון דעם קרעדיט און דעבעט אין דעם באַלאַנס פון די קאָנטאַקטן פון דער גע־זאַנדשאַפט מיט דעם סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום — פון סעפּ־טעמבער 1948 ביז אַפּריל 1949. אין אָט דעם „סטאַטיסטישן" דאָקו־מענט איז אפשר געווען פאַרמעסט אָבער באַזונדערע דערמוטיקונג — פאַר קיין שום פאַל נישט.

ענינים אין וועלכע אונדזער געזאַנדשאַפט האָט זיך געווענדעט צום סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום

אפּראָוויזאַציע און מיליטערישע אויסשולונג. — נישטאָ קיין ענטפער.

א דערלויבעניש צו אינסטאַלירן א ראַדיאָ־זענדער (טייל גע־זאַנדשאַפטן דאָ האָבן אַזעלכע) — נישטאָ קיין ענטפער.

אַן אילוסטרירטע צייטונג (אַזוי ווי עס גיבן אַרויס די אמבאַסאַ־דעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד) — נישטאָ קיין ענטפער.

א ביולעטין — נישט געקוקט אויף דער הסכמה וואָס איז מינדלעך

געגעבן געוואָרן, האָט דאָס אָפּדרוקן און אונדזער קוים־קוימדיקע פאַרשפּרייטונג, געבראַכט צו אַ פּראָטעסט מצד זאַרינען. קלאָר, אַז די אַמבאַסאַדעס פונעם מזרח־בלאָק גיבן אַרויס ביולעטינען, וועלכע ווערן ברייט פאַרשפּרייט.

אַרויספאָר־דערלויבענישן פאַר ישראל־בירגער — מ׳איז אונדז נישט אַנטקעגנגעקומען אין די אַלע פיר פאַלן אין וועלכע מיר האָבן זיך געוואָנדן (קאַגאַן־שאַק, חפץ, פּנינה סופר און איר מוטער). אויף וויפל ס׳איז אונדז באַקאַנט עקזיסטירט דאָ אַזאַ נעגאַטיווער מנהג, אויך כלפּי בירגער פון אַנדערע לענדער.

די קרוב צו אכציק באַשטעטיקונגען וואָס אונדזער געזאַנדשאַפט האָט אַרויסגעגעבן צו סאָוויעטישע בירגער, אַז אויב זיי וועלן צו־שטעלן אַרויספאָר־באַשטעטיקונגען זענען מיר גרייט זיי צו געבן אַריינפאָר־דערלויבענישן — האָבן געבראַכט צו זאַרינס פּראָטעסטירן. עס זעט אָבער אויס, אַז אַזעלכע פּראָטעסטן זענען נישט געמאַכט גע־וואָרן דער אַמעריקאַנער און ענגלישער געזאַנדשאַפטן, וואָס זענען זיך נוהג צו שיקן איינצלנע אַזעלכע באַשטעטיקונגען. אמת, קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן זענען דאָרט אויך נישט געווען.

4 בקשות וועגן עליה פון יונגע קינדער, וועמענס עלטערן עס געפינען זיך אין לאַנד — נישטאָ קיין ענטפער.

זוכן קרובים — נאָכן איבערגעבן עטלעכע רשימות, אין איינ־קלאַנג מיט דעם וואָס עס איז מינדלעך באַשטימט געוואָרן צוזאַמען מיט דער קאָנסולאַרער אָפּטיילונג, האָבן מיר געקראָגן אַ מעלדונג, אַז דאָס דאַרף דערליידיקט ווערן דירעקט צווישן דעם ישראלדיקן „רויטן מגן־דוד" און סאָוויעטישן „רויטן קרייץ".

עולים פון כאַרבין — נאָך פאַרהאַנדלונגען און רמזים אויף טייל־ווייזע צוזאָגן, האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז די פּליטים זאָלן, יעדערער באַזונדער, זיך ווענדן צום סאָוויעטישן קאָנסול אין כאַרבין מיט בקשות וועגן אַ דורכפאָר־דערלויבעניש דורך ס.ס.ס.ר. אויפן וועג קיין ישראל, און ער וועט דאָרט ווערט באַשליסן.

פאַרשיידענע דאָקומענטן פאַר ישראל־איינוווינער (מעטריקעס, שול־אַרויסלאָז אַטעסטאַטן א. אנד.) — מיר האָבן געשיקט 10 בקשות. אין 3 פאַלן זענען די בקשות דערפילט געוואָרן; אין 4 פאַלן האָט מען געענטפערט, אַז די דאָקומענטן זענען נישט געפונען געוואָרן; אין 3 פאַלן זענען קיין ענטפערס נישט געקומען.

מיר האָבן אָנגעפרעגט וועגן יורידישן מצב פון יידישן פאַרמעגן אין מזרח־דייטשלאַנד, וואָס געהערט צו תושבים פון ישראל — נישטאָ קיין ענטפער.

א ישראל־איינוווינער, וואָס האָט פריער געוווינט אין בעסאַראַ־ביע, מאָנט זיך אַנטשעדיקונג פאַר זיין פאַרמעגן וואָס איז פאַרניכ־

טעט געוואָרן בעת דער רומענישער אינוואַזיע (סאָוויעטישע דאָקו־מענטן) — נישטאָ קיין ענטפער.

אַן אַנדערער ישראל־תושב האָט געבעטן אַן אריינפאָר־וויזע כדי צו געבן זיין זון, וואָס איז בלינד געוואָרן, אַ ספּעציעלע קוראַציע — אַ נעגאַטיווער ענטפער אין דער פאָרם פון אַ פאָרשלאָג, אַז מען איז גרייט אַריבערצושיקן היילונג ־ אַנווייזונגען קיין תל־אביב צו אַ ישראלדיקן דאָקטער.

בקשות צו דערלויבן די עליה פון אַלטע עלטערן (4 זענען אָנגע־געבן געוואָרן אין מערץ 1949) — דער ענטפער איז געווען, אַז זיי דאַרפן זיך ווענדן צו די מיליציע־אַנשטאַלטן אין זייערע וווין־ערטער.

אין פינף פאַלן האָט אונדזער געזאַנדשאַפט, אויף דער בקשה פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום, אַרויסגעגעבן אריינפאָר־וויזעס קיין ישראל פאַר קרובים. איין פּאַספּאָרט איז צו אונדז געשיקט גע־וואָרן נאָך אַמאָל אויף צו פאַרלענגערן די וויזע. פיר פון זיי זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, וועגן פינפטן זענען נישטאָ קיין ידיעות.

א ישראל־איינוווינער האָט געבעטן מען זאָל אים אויסצאָלן דעם ווערט פאַר אַ סאָוויעטישער מלחמה־אָבליגאַציע — דער ענטפער איז געווען, אַז די אָבליגאַציע איז אַנטווערטעט געוואָרן.

מיר האָבן געבעטן דעם רעגולאָמין פונעם סאָוויעטישן קאָנסור־לאַרן דינסט — מען האָט געענטפערט (טעלעפאָניש), אז דאָס מאַ־טעריאַל געפינט זיך אין דער אַלגעמיינער זאַמלונג פון די מדינה־געזעצן.

בעת איר געזעגענונגס־וויזיט ביי באַקולינען, האָט פרוי גאָלדע מאיר געבעטן איר געבן די מעגלעכקייט צו באַזוכן אַ פאַבריק, וואָס פאַרמאָגט אַ טאָג־היים פאַר די קינדער פון די ארבעטערינס. באַקולין האָט זיך ארויסגעדרייט און פאָרגעלייגט זיך צו ווענדן צום צערע־מאָניאַל־אָפּטייל.

מיר האָבן איבערגעשיקט דעם היגן פּאָסט־מיניסטער די באַגריי־סונג פון קאָמוניקאַציע־מיניסטער ד. רמז צוליב דעם איינשטעלן אַ ראַדיאָ־טעלעפאָנישע פאַרבינדונג צווישן תל־אביב און מאָסקווע — האָט אונדזער געזאַנדשאַפט נישט באַקומען קיין ענטפער, און אויך פון לאַנד האָבן מיר נישט געקראָגן קיין ידיעה וועגן אַ וועלכער עס איז תשובה.

ווענדונגען צום וואָק״ס

איינלאַדן דיריגענטן, מוזיקער און רעזשיסאָרן קיין ישראל — אַ מינדלעכע נעגאַטיווע תשובה (פאַרנומען).

א ישראלדיקע מאַלערין, אסתר לוריא, האָט געבעטן אירע שאַ־

פונגען, וועלכע געפינען זיך, לויט אירע ידיעות, אין ליטע; אין אַ צייט אַרום איז אָנגעקומען 1 בילד — אַ טינט־צייכענונג.

אַ באַזוך פון אַ סאָוויעטישער ספּאָרט־דעלעגאַציע אין ישראל — נישטאָ קיין ענטפער.

די בקשה פונעם דירעקטאָר פון „אוהל"־טעאַטער, משה הלוי, וועגן אָרטאָפּעדישער קוראַציע פאַר זיין טאָכטער, אַ זעלנערין וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן — אַ זיך אַרויסדרייענדיקע נעגאַטיווע תשובה.

נאָטן פאַרן אָרקעסטער — באַקומען.

מיר האָבן געבעטן פונעם יידישן טעאַטער־אַרכיוו אלתר קאַציז־נעס אַ פּיעסע — מען האָט געענטפערט, אַז די פּיעסע געפינט זיך נישט.

מיר האָבן פאָרגעלייגט אַן אויסטויש פון וויסנשאַפטלעכער ליטע־ראַטור וועגן געאָדעזיע און געאָגראַפישע אויסמעסטונגען — נישטאָ קיין ענטפער.

מיר האָבן געבעטן דעם סטאַטוט פון „רויטן קרייץ" — מען האָט געענטפערט, אַז מען דאַרף זיך ווענדן דירעקט צום „רויטן קרייץ".

מיר האָבן איבערגעגעבן פאַרטיטורעס פון הער קראָנפעלד פון תל־אביב און זיין ביטע וועגן אַ קאָמפּעטענטער מוזיקאַלישער אָפּשאַ־צונג פון זיינע קאָמפּאָזיציעס — מיר האָבן באַקומען אַ געגנויעם ענט־פער אין נאָמען פונעם אַלטן יידישן קאָמפּאָזיטאָר אַלעקסאַנדער קריין.

מיר האָבן געבעטן רוסישע לעקסיקאָגראַפישע מקורות אין טעכ־נאָלאָגיע פאַרן ועד הלשון — מען האָט געענטפערט, אַז אַזעלכע מקורות זענען נישט פאַראַן.

מיר האָבן איבערגעוויזן וויסנשאַפטלעכע בראָשורן פון לאַנד־ווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט אין רחובות און פון טעכניקום און פאַר־געלייגט אַן אויסטויש — מען האָט געענטפערט, אַז מען איז פאַר־אינטערעסירט אין אַן אויסטויש און איבערגעוויזן די ווענדונג צו דער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן.

מיר האָבן געבעטן פאַרן הער בן־חיים פון דעם העברעאישן אוני־ווערסיטעט פאָטאָגראַפיעס אָדער קאָפּיעס פון אייניקע שומרונער כתב־ידן — נישטאָ קיין ענטפער.

פון דער אַנדערער זייט, זענען די ערשטע טעג פון מיין נייעם אַמטירן געשטאַנען אונטער דעם פריידיקן צייכן פון אָנגעמען מדינת ישראל אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, מיט דער אַקטיווער אונטערשטיצונג פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע.

וועגן דער געשעעניש גופא האָב איך זיך דערוווּסט, צווישן אַנ־דערן, דורך אַ קורץ און רירנדיק בריוול, וועלכן עס האָט מיר צוגע־שיקט דוד רמז געשריבן מיט דער האַנט.

„צו מ. נמיר,
געזאַנדשאַפט פון ישראל אין מאָסקווע.
מזל טוב!
מיר זענען סוף כל סוף אָנגענומען געוואָרן אין דער משפחה פון די נאַציעס.
א ברכה אייך אַלע.

ד. רמז

הקריה, (רעזידענץ) אין טאָג פון דער בשורה וועגן באַשלוס.

דעם 13־טן מאַי, אויף מאָרגן נאָך דער אָפּשטימונג אין אונ״אָ, וועלכע איז געווען, פון אינטערנאַציאָנאַלן יורידישן שטאַנדפּונקט, א דערגאַנצונג פון אַ טאַט, וואָס איר אָנהייב איז געווען דער היסטאָרישער באַשלוס אויפן פּלענום פון די פאַראייניקטע נאַציעס, דעם 29־טן נאָוועמבער 1947, בין איך געקומען צום הער באַקולין, שעף פון אָפּטייל פאַרן מיטעלן מזרח אין סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום, כדי אים אָפיציעל צו דאנקען פאַר דער שטיצע פון זיין רעגירונג אונדז אָנצונעמען אין אונ״אָ.

באַקולין האָט מיך באַגריסט, פאַרשריבן מיינע רייד, און געזאָגט, אז ער וועט זיי איבערגעבן דעם מיניסטער. צוזאַמען מיט ווייניק וויכטיקע פראַגן וועגן דער לאַגע אין לאַנד, האָט ער זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע. ס'איז אָנצונעמען, אַז אין דעם טאָג איז זיין פראַגע געווען פאַרבונדן מיט דער טעלעגראַמע פון טא״ס וועגן אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטסלאָזע עולים אין חיפה. די אָ טעלעגראַמע, וועלכע איז אריין אין איינער פון די טעגלעכע סעריעס פון די טא״ס־טעלעגראַמעס (טייל קאָרעספּאָנדענטן באַקומען זיי ווי אַן אויסטויש אויף טעלעגראַמעס פון זייערע אגענטורן), איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע. אַ טייל פון די טא״ס־טעלעגראַמעס זענען נישט זוכה פאַרעפנטלעכט צו ווערן אין די סאָוויעטישע צייטונגען; טייל ווערן פאַרעפנטלעכט אין ראַדיאָ אָדער איבערגעגעבן אין אויסלאַנד, און טייל קומען אָן צו פּערזאָנען און רעגירונגס־אינסטיטוציעס, בלויז פאַר אינערלעכער אינפאָרמאַציע. אזוי זענען אוודאי די ידיעות אָנגעקומען צו באַקולינען.

איך האָב באַקולינען דערקלערט, אַז אין דעם לעצטן יאָר האָבן מיר אויפגענומען צוויי הונדערט טויזנט נייע עולים און, אז אין דער צייט פון דער מלחמה איז געוואקסן דער יקרות און דאָס בוי־וועזן איז געווען הינטערשטעליק, פון דעסטוועגן זענען 80 פּראָצענט פון די עולים אַבסאָרבירט געוואָרן, סיי אין וווינונגען און סיי ביי אַרבעט; די רעשט זענען געבליבן קאָנצענטרירט אין די איבערגאנגס־לאַגערן ווי א צייטווייליקע „פאַרשטאָפּונג". אין דער רעגירונג איז אויפגעשטעלט געוואָרן א ספּעציעל מיניסטעריום אויף צו קעמפן מיטן

יקרות און צו נאָרמאַליזירן די עקאָנאָמישע פּראָצעסן, אויך אַ באַזונדער מיניסטעריום פאַר פּלאַנירונג, און מיט זייער הילף האָפן מיר, נישט נאָר צו לייזן דאָס טיילווייזע פּראָבלעם, וואָס האַלט איצט אָן, נאָר אויך פאַרזיכערן אַ גרויסע אבסאָרבציע אין דער צוקונפט. די פראַגע פון אַ שנעלער פאַרגרעסערונג פונעם ישוב, אַ שנעל באַפעלקערן די פרייע שטחים, און באַזונדערס אין נגב, וועט זיין אונדזער צענטראַלע אויפגאַבע, סיי צוליב די באַדערפענישן פון די יידן אין גלות און סיי צוליב די פּאָליטישע, זיכערהייטלעכע און עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון דער מדינה ישראל.

באַקולין האָט עטלעכע מאָל באַמערקט, אַז מען דאַרף זיך נישט ווונדערן אויף די פאַרשיידענע שטרויכלונגען אויפן עקאָנאָמישן געביט נאָך אַ מלחמה, וואָס פאַראָרעמט געוויינלעך די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט און ליידיקט אויס די קאַסע, איך מיין אָבער, אז אין זייערע באַמערקונגען זענען נישטאָ קיין גאַראַנטיעס קעגן פאַרעפנטלעכן שלעכטע נייעס פון ישראל, וואָס אין זייער קלענערן טייל שטאַמען זיי טאַקע פון דער עקזיסטירנדיקער ווירקלעכקייט, אָבער אין זייער גרעסטן טייל זענען זיי באַוווירקט פון אונדזער לינקער „אָפּאָזיציע".
איך האָב אים געפרעגט צי יערשאָוו, דער סאָוויעטישער געזאַנדטער אין תל־אביב, געפינט זיך אין מאָסקווע, ווייל עס וואָלט אונדז זייער געפרייט אים צו פאַרבעטן אויף אַ מיטאָג, איידער ער קערט זיך אום אהיים. באַקולין האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט און מען דאַרף זיך פאַרבינדן מיטן „פּראָטאָקאָל".

אלזאָ, אויפן פאָן פון אונדזער פאַרפעסטיקטער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָזיציע פון איין זייט, און דאָס אויסקריסטאַליזירן אונדזערע מיליטערישע און פּאָליטישע דערגרייכונגען אין די וואָפנשטילשטאַנדאָפּמאַכן מיט די שכנותדיקע מדינות (אָפּמאַכן, אין וועלכע א סך האָבן דאָן געזען א קורצן פאַרבייגייענדיקן עטאַפּ אויפן וועג צו ענדגילטיקע שלום־אָפּמאַכן) — פון דער צווייטער זייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן די נויטיקייט פון פאַרפעסטיקן די באַציאונגען מיט די סאָוויעטן, און אויף א ווי ווייט מעגלעכן העכסטן שטאַפּל. סוף יוני איז אין אונדזער אויסערן־מיניסטעריום רייף געוואָרן אַ באַשלוס, איינצולאַדן אנדריי גראָמיקאָ אויף אַן אָפיציעלן באַזוך אין ישראל. די מאָטיוון וועלכע זענען מיר אָנגעגעבן געוואָרן אויף צו באַפעסטיקן אָט די איינלאַדונג, זענען אויסגערעכנט געוואָרן — אין אַ טעלעגראַמע וואָס עס האָט מיר געשיקט דער אויסערן־מיניסטער — אויף אזא אופן:
„א. זיין פּערזאָן איז זייער פּאָפּולער, ווייל ער האָט געהאַלטן די היסטאָרישע רעדע אין 1947 און איז זייט דאַן געשטאַנען אויף דער וואַך פון אונדזערע אינטערעסן אין אונ"אָ, און זיין באַזוך וועט צוהעלפן פאַרפעסטיקן די פריינטשאַפט־באַציאונגען.

ב. מיר וועלן קאָנען אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט כדי אויפֿצוקלערן אויפֿן אָרט, און אין ליכט פֿון די פֿאַקטן, די פּראָבלעמען וואָס וועלן שטיין אויפֿן האַרבסט־פּלענום פֿון אונ״אָ.

ג. איר וועט קאָנען צוגעבן, לויט אייער איינזען, דעם פֿאַקט, אַז עס קומען געסט פֿון ענגלאַנד און אַמעריקע, און פֿון מזרח נישט.

און ביים סוף פֿון דער טעלעגראַמע האָט הער שרת צוגעגעבן:

„אויב די עושטע רעגירונג וועט זיין, אַז זיי זענען גרייט דעם ענין צו באַטראַכטן, נאָר עס איז אַ ספק צי גראָמיקאָ וועט זיך קאָנען באַפֿרייען, זאָגט זיי, אַז מיר וועלן אויפֿנעמען מיט דער גרעסטער פֿריינטלעכקייט יעדן וואָס וועט קומען, אָבער גערנער גראָמיקאָן, צוליב די אויבנדערמאָנטע סיבות״

דעריבער האָב איך געבעטן אַ דרינגענדיקע אַודיענץ ביים אויסערן־מיניסטער ווישינסקי, און מ׳איז מיר אַנטקעגנגעקומען.

דער סאָוויעטישער מיניסטער האָט מיך אויפֿגענומען מיט פֿריינטלעכקייט און איז, ווי אין די פֿריערדיקע געשפּרעכן, געווען ליבלעך און זייער האַרציק. דער שמועס האָט זיך געפֿירט ווי אַ רעבוס פֿון זיינע פֿראַגן און מיינע ענטפֿערס. פֿריער האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט אויף גאָלדען און אירע אויפֿגאַבן. ווען מיין אויפֿקלערונג איז דערגאַנגען צום פּונקט: שיכון פֿאַר נייע עולים, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער נויטיקייט צו ריכטן די עליה צו אַלע טיילן פֿון לאַנד, און באַזונדער אין נגב אריין, וועלכער קען נאָך וועקן דעם אַפּעטיט ביי פֿרעמדע מדינות. כל זמן ער איז נאָך וויסט. ווישינסקי האָט באַמערקט, אַז אין נגב וועט מען דאַרפֿן גרויסע קאַפּיטאַלן, כדי אים צו באַוואַסערן. איך האָב דערציילט, אַז די יידן אין דער וועלט העלפֿן אַ סך און אויך די מדינה אַליין מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען דורך פּראָגרעסיווע שטייערן, ס׳איז אָבער אומבאַדינגט נויטיק די הילף פֿון די פֿריינטלעכע פֿעלקער דורך הלוואות. דאָ האָב איך איבערגעחזרט גאָלדעס בקשה מכוח אַנטוויקלען ברייטע האַנדלס־באַציאונגען אויפֿן יסוד פֿון קרעדיטן — ווישינסקי האָט צוגעזאָגט צו באַטראַכטן די פֿראַגע. די אַנדערע פֿראַגעס זענען געווען וועגן סיריע און משמר־הירדן, ירושלים און די לאַגע אין לאָזאַן. איך האָב גענוי אויפֿגעקלערט אונדזער שטעלונג אין דער פֿראַגע פֿון די אַראַבישע פּליטים. דאָ האָט ווישינסקי אַ זאָג געטון כמעט דאָס זעלבע וואָס זאָרין אָנהייב מאַי, אַז מיר ווייזן אַרויס אַ נישט־באַרעכטיקטע באַשיידנקייט ביים אָפּשאַצן אונדזערע דערגרייכונגען, אַז אונדזער לאַגע איז אַ גוטע און ס׳איז נישטאָ קיין אָרט פֿאַר זאָרג. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז עס איז אונדז אָנגענעם די פֿרייד פֿון אונדזערע פֿריינט, אָבער זיי זעען אונדזער אַקטועלע לאַגע אין אַ סך ראָזעוון ליכט, ווי מיר אויפֿן אָרט. דערווייל איז קיין שלום נישטאָ און פֿאַראַן זענען דראָאונגען וועגן

רעוואנזש; ס׳איז דעריבער אונדזער פליכט צו זאָרגן פאַרן ווּקס פון אונדזער כוח אויף אַלע געביטן לטובת דעם שלום און דער זיכערקייט.

צום סוף פון אונדזער שמועס האָב איך פירגעבראכט העד שרתס איינלאדונג פאַר גראָמיקאָן, צוגעבנדיק זיינע מאָטיווירונגען. ווישינסקי האָט געדאַנקט פאַרן כבוד און צוגעגעבן, אַז ער דאַרף דאָס איבערגעבן צום באַהאַנדלען. אָבער ריין פערזענלעך שטרייכט ער אונטער, אַז דער ראטנפארבאנד איז זיך נישט נוהג צו שיקן אָפיציעלע מלוכה־שליחים אין די ראמען פון העפלעכקייט־ אָדער פריינטשאפט־וויזיטן, אלא אין יעדן פאַל בלויז צוליב אַ קאָנקרעטן פראַקטישן טעם, ווי אַ האַנדלס־אָפמאַך וכדומה. פון דעם כלל האָבן זיי צייטווייליק אָפגענויגט בלויז אין די מלחמה־יאָרן, בעת ספעציעלע מלוכהשע שליחים האָבן באזוכט די פאַרבינדעטע. ער צווייפלט צי זיין רעגירונג וועט מסכים זיין צו מאַכן אַ נייעם פרעצעדענס, אפילו כלפי אַזאַ בכבודיקער איינלאַדונג ווי אונדזערע. מעגלעך, אַז זיי וועלן נישט קענען אנטקעגנקומען, אָבער מיר דאַרפן נישט חס וחלילה זען אין דעם א גרינגשאצן אונדזער איינלאדונג. נאָר בלויז אַן אָפהיטן אַ באַשטימטן מנהג. דאַקעגן טרעפט, אַז די געזעלשאַפט וואָקס שיקט קיין אויסלאנד פאָרשטייער פון געזעלשאַפט, קולטור און קונסט, אָבער נישט אין נאָמען פון דער רעגירונג.

בעת מיין באזוך ביי גראָמיקאָן גופא, דעם 12.7, נאָך דער צערעמאָניע פון איבערגעבן מיינע באַגלויבונגס־פאפירן דעם פרעזידענט פון ראַטנפאַרבאַנד, האָב איך ביים סוף פון געשפרעך דערמאָנט די איינלאַדונג צו באַזוכן ישראל, וועלכע איז אָנגעגעבן געוואָרן דורך דער פארמיטלונג פון ווישינסקין — גראָמיקאָ האָט געדאַנקט מיט איבערגענומענקייט און האָט צוויי מאָל איבערגעחזרט, אַז ער איז טיף גערירט. אָבער זיין רעגירונג האָט נאָך נישט באַשלאָסן וועגן דעם ענין.

פראַקטיש געזען איז דערמיט באַגראָבן געוואָרן די פראַגע פון איינלאדן גראָמיקאן אויף אַ באַזוך אין מדינת ישראל, וואָס צו איר אויפשטעלן האָט ער בשעתו אין שליחות פון זיין רעגירונג בייגעשטייערט — א ביישטייער וואָס איז זייער ווערט פאַרגעדענקט צו ווערן.

איינע פון די צענטראלסטע פראָבלעמען וואָס זענען אין יענע יאָרן געשטאַנען אין שפיץ פון אונדזער פאָליטיש לעבן, איז געווען די פראַגע ירושלים. די באַזונדערע וואָג פון אָט דעם פראָבלעם, דאָס צענטראַלע אָרט, האָט זיך אויך אָפגעשפיגלט אין די לויפנדיקע טעטיקייטן פון אונדזער געזאנדשאַפט אין מאָסקווע.

די שטעלונג פון מאָסקווע אין אָט דער פראַגע, איז פון סאַמע אָנהייב אָן נישט געווען איינדייטיק און קריסטאליזירט. זי איז אין אַ

געוויסער מאָס, און נישט שטענדיק אין דער זעלבער, ארונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון מאַנעווורירנדיקע אויסרעכענונגען אינעם תחום פון איר „גרויס־דיפּלאָמאַטיע" און אויך אין די ראַמען פון אַגיטאַציע, א געווענדטע צו די אַראַביש־רעדנדיקע לענדער, ס'איז אָבער געווען איננאנצן קלאָר, אַז עס ווירקן דאָ אויך אויסרעכענונגען, וואָס געהערן צו דער גרויסמאכט־סטראַטעגיע פון ראטנפארבאנד אין מיטעלן מזרח, ווי אויך אינטערעסן וואָס זענען פאַרבונדן מיטן באנייען דעם שטאַנד פון דער מאָסקווער־פּראַוואָסלאַווער קירכע.

ביי די געלעגנהייטן פון די וויזיטן, וועלכע זענען אין סעפּטעמבער אָפּגעשטעקט געוואָרן ביי די הערן גראָמיקאָ און באַקולין, האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן קלאָר צו מאַכן זיך די שטעלונג פון ראטנפארבאנד אין דער פראַגע ירושלים. דאָס האָט געלאָזט אַן אָרט פאַר השערות און פאַרדאַכטן, וואָס האָבן זיך טאַקע שפּעטער באַשטעטיקט. צוזאַמען דערמיט האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט נישט געדאַרפט איבערטרייבן די וויכטיקייט פון דער סאָוויעטישער שטרעבונג צו געווינען נאָך א דיפּלאָמאַטישע ווירקונג־פּאָזיציע אין ארץ ישראל, דורך אונטעראָרדענען ירושלים דעם אפּוטרופּסות־ראַט פון אונ"אָ, אין וועלכן דער ראטנפארבאנד באַטייליקט זיך. די פירערס פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק האָבן אין דעם געזען אַ פּאָזיציע, וואָס האָט דער עיקר אַ פּראָפּאַגאַנדע־ווערט, ווייל ווען עס וואָלט אויפגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַל ירושלים, וואָלט זיך אין אפּוטרופּסות־ראַט געשאַפן אַ פעסטע מערהייט אויף נישט צוצולאָזן דעם ראטנפאַרבאַנד צו קיין שום אַדמיניסטראַטיווער ווירקונג. דער סאָוויעטישער פאָרשטייער וואָלט דאַן פּאַקטיש געשטיצט די טענדענצן פון דער דעמאָקראַטיע און זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין שטאָט און געריכטעט דעם „צאָרן פון דער באַפעלקערונג" קעגן די פּאַקטישע דערשיינונגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער מאַכט, וואָס האָט זיך גאָר ווייניק מאַסקירט, זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אימפּעריאַליסטישער מאַכט.

אַ ריכטיקער מאָטיוו, אָבער אויך ער בלויז פון צווייט־ראַנגיקער באַדייטונג, איז אפשר געווען דער וואָס איז אָפט אָנגעגעבן געוואָרן דורך די סאָוויעטישע פאָרשטייערס: זייער פאָרשלאָג איננאַנצן צו באַזייטיקן די ענגלישע השפעה אין מערבדיקן ארץ־ישראל, דורך ארויסשטופּן דעם קעניג פון עבר הירדן, וואָס וויל באַהערשן א טייל ירושלים. אַ געוויסע ראָל איז, ווייזט אויס, שוין אין יענער פאַזע באַשטימט געווען די פּראָפּאַגאַנדע־באַדערפענישן פון די אראבישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, און דער אָפּציע פון שאַרן זיך צו אַנדערע אַראַבישע עלעמענטן, וועלכע קענען זיין גרייט מיטצואַרבעטן מיט דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אין מיטעלן מזרח.

ווען דער סאָוויעטישער פאָרשטייער האָט טאַקע געשטימט אויפן אונ"אָ־פּלענום אין הארבסט 1949 פאַר דער אינטערנאַציאָנאַליזירונג

פון ירושלים, האָט דער ראַטנפאַרבאַנד דערמיט פאַרנומען אַ פּאָזיציע, וואָס האָט געקאָנט העלפן צונישט צו מאַכן די טענות, אַז דער קאָמוניזם און ציוניזם זענען פאַרבינדעטע, וועלכע גראָבן צוזאַמען קעגן די אַראַבישע אינטערעסן.

דער צוגאַנג וועלכן מיר האָבן אַנטוויקלט אין אַנבליק פון דעם דאָזיקן „אָפּנייג" אין דער סאָוויעטישער ליניע, איז געווען געווענדעט אַנצונעמען די ווערסיע פון די סאָוויעטישע פאָרשטייערס, אַז זייער אָפּשטימונג אין דער פראַגע פון ירושלים דאַרף נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן ענדערונג אין זייער באַציאונג צו ישראל. מיר האָבן געהאַלטן, אַז די וויכטיקסטע סיבה פאַר דער סאָוויעטישער אָפּשטימונג לטובת דער אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון ירושלים, איז פשוט געווען דער היפוך פון דער יסודותדיקער פּרינציפּיעלער סיבה פאַר דער קאַלטער באַציאונג, וועלכע עס האָבן אַרויסגעוויזן די אַנגלאָזאַקסישע גרויסמאַכטן כלפּי אַט דעם פאָרשלאַג: נישט די מורא פאַר אַ צו־גרויסער פאַרשטאַרקונג פון ישראל האָט באַוויגן די סאָוויעטן, נייערט דער פּחד פאַר אַ פּאָליטישער סטאַביליזירונג פונעם מיטעלן מזרח. פון סאָוויעטישן קוק־ווינקל וואָלט די סטאַביליזאַציע פונעם ראַיאָן אים צוגעגרייט, אין דער ערשטער ריי, צו זיין אַ פּאָליטיש־מיליטעריש־געזעלשאַפטלעכער פּלאַץ ד'אַרם קעגן ראַטנפאַרבאַנד. און די דאָזיקע אויסרעכענונגען, האָבן מיר דאַן געהאַלטן, האָבן באַווירקט די אַלגעמיינע באַציאונג פון ראַטנפאַרבאַנד צו מדינת ישראל: אַ פּאָזיטיווע באַציאונג און שטיצע, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון דער אָפּשאַצונג, אַז דער עצם קיום פון ישראל באַשווערט די סטאַביליזירונג, קאָנסאָלידירונג און פאַראיינהייטלעכונג פונעם מיטעלן מזרח דורך די מערב־גרויסמאַכטן, אין גייסט פון זייער אַנטי־סאָוויעטישער פּאָליטיק.

אויף יעדן פאַל. ווייזט זיך אַרויס, אַז די וואָג וואָס עס האָבן צוגעשריבן אַלע אין דעם פאַראינטערעסירטע גורמים, און ישראל אוודאי און אוודאי, דער שטעלונג פון מאָסקווע אין דעם־אָ ענין, האָט איר צוגעהאָלפן צו פאַרפעסטיקן איר „קירכלעכע" פּאָזיציע אין ישראלדיקן טייל פון דער שטאָט און אין די גרענעצן פון ישראל בכלל.

נאָך אין אויגוסט 1948 איז געגעבן געוואָרן אַ ישראלדיקע אריינפאָר־וויזע דעם אַרכימאַנדריט לעאָניד לובאַטשעוו, וואָס איז אַרויסגעפאָרן מיט אַ דיפּלאָמאַטישן פּאַספּאָרט, איבערצונעמען די אָנפירונג פון דער פּראָוואָסלאַוונער רעליגיעזער דעלעגאַציע אין ישראל. באַלד נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ משא ומתן וועגן אַריבערפירן דאָס רוסיש־צאַרישע פאַרמעגן אין סאָוויעטישן באַזיץ, און אין עטלעכע חדשים אַרום זענען טאַקע איבערגעשריבן געוואָרן אין די ישראלדיקע טאַבו־ביכער אַ טייל פון די אומבאַוועגלעכע גיטער אויפן נאָמען פון די סאָוויעטיש־קירכלעכע אָרגאַנען.

וועגן איין עפּיזאָד אויפן ראַנד פון די אונטערהאַנדלונגען וואָס האָבן זיך געפירט וועגן די אָ ענינים, ווי אויך אויפן ראַנד פון די דיפּלאָמאַטישע טעטיקייטן אַרום דער פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַליזאַציע, איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן אין א טעלעגראַמע פון שמואל פרידמאַן (אלישיב), שעף פון דעם אָפּטייל פאַר מזרח־אייראָפּע אין אונדזער אויסערן־מיניסטעריום. דאָס איז געווען אַן עפּיזאָד אַ ספק אויפרעגנדיקער און ספק לוסטיקמאַכנדיקער אָבער — נישט קיין אומכאַראַקטעריסטישער.

דעם 6־טן נאָוועמבער האָט דער אַרכימאַנדריט אין ירושלים אויפגעהאָנגען א גרויסע סאָוויעטישע פאָן אויפן בנין פון העכסטן געריכט. דאָס האָט פאַרבליפט די ירושלימער איינוווינער און אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. דאָס העכסטע געריכט האָט זיך דאַן געפונען אין אַ בנין וואָס האָט אָנגעהערט דעם „רוסישן פּלאַץ". דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז אויפגעהאָנגען געוואָרן נישט נאָר איין פאָן אין צענטער פון בנין, וואָס זעט זיך גוט אָן פון דער זייט פון שטאָט, נאָר אויך פענער אין די ווינקלען פונעם בנין, דערביי האָבן זיי נאָך אַוועקגעשטעלט פּראָזשעקטאָרס זיי זאָלן באַלייכטן די פאָן אין אָוונט. נאָך אַ באַראַטונג האָבן מיר באַשלאָסן צו מעלדן דעם גוווערנער פון ירושלים ער זאָל נישט באַפעלן אַראָפּצונעמען די פאָן און אים געבעטן ער זאָל איבערגעבן דעם אַרכימאַנדריט, אַז מיר לייגן זיי פאָר זיי זאָלן אַראָפּנעמען די פאָן פון דער געביידע אין וועלכער עס געפינט זיך אונדזער העכסטער געריכט, אויב נישט וועלן מיר דאָס זען מיט גרויסער אומצופרידנקייט. דער ענטפער פון אַרכימאַנדריט איז געווען: „דער בנין איז מיין און וואָס איך וועל וועלן וועל איך אויפהענגען — אַז איך וועל וועלן קאָן איך אויך אויפהענגען אַ רעקלאַמע פאַר צאָן־קרעם". („אַ תשובה וואָס פּאַסט זייער דעם פאָרשטייער פון אַ קירכע, וואָס געפינט זיך דאָ אין שטאַנד פון א דיפּלאָמאַט", האָט ש. פרידמאַן צוגעגעבן). נאָכן ווענדן זיך צו דער סאָוויעטישער געזאַנדשאַפט, איז אַראָפּגענומען געוואָרן, ווייניקסטנס די גרויסע פאָן.

אין ווייטערדיקע קאָנטאַקטן, אין מאָסקווע ווי אין ירושלים, האָבן די סאָוויעטן געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן, און אין אַן אומגעדולדיקן טאָן, זייער רעכט אויפן צאַרישן קירכלעכן פאַרמעגן. מיר האָבן אָנגעוויזן אויפן געזעץ וואָס איז אינצווישן אָנגענומען געוואָרן אין דער כנסת, ווי אויך אַ געזעצלעכער ראַם צו רעאַליזירן דאָס דאָזיקע רעכט זייערס און געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַטאָנען, אַז אין פאַל (אין טעאָרעטישן בלויז) פון אויפשטעלן אַן אינטערנאַציאָנאַלע מאַכט אין ירושלים, קאָנען די אַנטי־סאָוויעטישע כוחות ווידעראַמאָל קוועסטיאָנירן דעם „נאַטירלעכן" צובונד פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע אין לאַנד מיט דער מוטער־קירכע אין ראַטנפאַרבאַנד.

די זאַכן זענען אַפילו דערגאַנגען ביז צו אַ קעגנאַנאַנדערשטעלונג אויף אַ הויכן ראַנג, אין אַ פריינטלעכן אָבער שאַרפן געשפּרעך, וואָס עס האָט געפירט הער שרת אין פּאַריז, בעתן אונ״אָ־פּלענום, מיטן הער סעמיאָן צאַראַפּקין, סאָוויעטישער וויצע אויסערן־מיניסטער. אין אָט דעם געשפּרעך האָט הער שרת בפירוש באַטאָנט, אַז ווען עס וואָלט צושטאַנדגעקומען די אינטערנאַציאָנאַליזירונג, וואָלטן די סאָוויעטן בכלל נישט באַקומען דאָס פאַרמעגן וואָס געהערט זיי אין ירושלים. זיין מיטשמועסער האָט געפּרוּווט מינימיזירן דעם ווערט פון אָט דער דערגרייכונג און געטענהט, אַז פון תמיד אָן געהערט דאָס פאַרמעגן דער רוסישער קירכע. שרת האָט געזען אין דעם „אַ משונהדיקע פאַרזעאונג פון פאַקטן״ און אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס דאָזיקע פאַרמעגן, געפינענדיק זיך איצטער אין סאָוויעטישע הענט, איז זייער איינציקע פּוס־אריינשטעלונג אין מזרח, און אַ דאַנק איר פלאַטערט זייער פאָן אין צענטער פון ירושלים. זיי וואָלטן דאָס פון אַן אונ״אָ־פאָרשטייער בשום אופן נישט זוכה געווען. צאַראַפּקין האָט געפּרוּווט פּרינציפּיעל זיך האַלטן ביי די באַשלוסן פון אונ״אָ און זיך באַקלאָגן אויף אונדזער נישט רעכענען זיך מיט זיי. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעצויגן און דערקלערט, אַז זיי שטעלן זיך נישט קעגן די גרענעצן און נעמען בכלל נישט אָן קיין קעגנערישע שטעלונג צו אונדז, נאָר זייער עיקר כוונה איז צו נעגירן אַבדאַללאַס מאַכט, וואָס איז אַ בריטישע מאַכט. הער שרת האָט געענטפערט, אַז אינטערנאַציאָנאַליזאַציע באַדייט די מאַכט פון די ענגלענדער, אַמעריקאַנער און וואַטיקאַן אין גאַנץ ירושלים. די ברירה איז צווישן אויסברייטערן די מאַכט פון די ענגלענדער אָדער זי פאַרשמעלערן — מיר פאַרשמעלערן זי און זיי ברייטערן זי אויס. צאַראַפּקין האָט געטענהט, אַז די אינטערנאַציאָנאַליזאַציע מוז זיין אונטערגעאָרדנט דעם אַפּוטרופּסות־ראַט. הער שרת האָט דערויף געענטפערט, אַז עס איז כלל נישטאָ אזא זיכערקייט, ווייל די מערהייט קאָן באַשליסן אַנדערש, און ווען אפילו יאָ — וועלן זיי אין דעם ראַט האָבן בלויז איין שטימע.

אַן אינטערעסאַנטע טעטיקייט האָט ארויסגעוויזן די איטאַליענישע אמבאסאדע אין מאָסקווע, לויט דער אָנווייזונג פון רוים, אין אירע קאָנטאַקטן מיט אונדז אין סוף 1949, ארום דעם זעלבן פּראָבלעם. ווייזט אויס, לויט אַן אומדירעקטער אינספּיראַציע פונעם וואַטיקאַן. בעת איינער אזא ווענדונג, אין חודש אָקטאָבער, איז דער ראַטגעבער פון דער איטאַליענישער געזאַנדשאַפט געקומען זיך דערוויסן „צי עס איז אמת, אז מיר האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די סאָוויעטן וועגן איבערגעבן דאָס פאַרמעגן פאַרן פּרייז פון דערלויבן די עליה פון די רוסישע יידן״...

כאָטש דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געשטימט פאַרן אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים, איז נישט שוואַכער געוואָרן אונדזער דרוק אויף

מאָסקווע צו ענדערן איר שטעלונג. דער אַ דרוק, און מסתמא אויך אַ באַטראַכטן פון דאָס ניי די חשבונות פון די אייגענע אינטערעסן, האָבן דערפירט דערצו, אַז דעם 22.4.50 האָט די „איזוויעסטיא" גע־קאָנט מעלדן אירע לייענערס דאָס פאָלגנדיקע:

„מיטטיילונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג

אין דער פראַגע ירושלים"

ניו־יאָרק, אפריל 20 (טא"ס). אַ פאָרשטייער פון ס.ס.ס.ר האָט איבערגעגעבן, דעם 17־טן אפריל, לויט די אָנווייזונגען פון דער סאָוויעטישער רעגירונג, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, הער טריגווע לי, אַ מעלדונג אין דער פראַגע פונעם מעמד פון ירושלים, אין שייכות מיט די באַהאַנדלונגען וואָס פירן זיך אין זיכערהייטס־ראַט אין אָט דער פראַגע.

ווי באַקאַנט האָט די פול־פאַרזאַמלונג אָנגענומען אין יאָר 1947 אַ באַשלוס אין די פּראָבלעמען פון ארץ־ישראל, וווּ זי האָט צווישן אַנדערן גענומען אין חשבון דאָס אויפשטעלן אַן אינטערנאַציאָנאַלע מאַכט אין ירושלים. דער דאָזיקער באַשלוס אין דער פראַגע פון ארץ־ישראל איז טיילווייז אויסגעפירט געוואָרן. וואָס שייך ירושלים איז נאָך דאָס פּראָבלעם נישט געלייזט געוואָרן, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער באַשלוס וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1947 איז שוין שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן".

אין דער מעלדונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג פון 17־טן אַפּריל אין דער פראַגע פון ירושלים ווערט אַזוי געזאָגט:

„איצט איז קלאָר געוואָרן, אַז דער באַשלוס פון דער פול־פאַרזאַמלונג באַפרידיקט נישט נישט די אַראַבישע איינוווינער פון ירושלים און פון ארץ־ישראל בכלל און נישט די יידישע. ביי די אַ באַדינגונגען זעט נישט די רעגירונג פון ס.ס.ס.ר. פאַר זיך קיין מעגלעכקייט צו שטיצן אויך ווייטער דעם דאָזיקן באַשלוס פון דער פול־פאַרזאַמלונג. צוזאַמען אָבער דערמיט דריקט אויס די סאָוויעטישע רעגירונג איר זיכערקייט, אַז די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס וועט קאָנען לייזן דאָס ירושלים־פּראָבלעם אין אַ פאָרם וואָס וועט באַפרידיקן סיי די אַראַבישע סיי די יידישע איינוווינער פון דער דאָזיקער שטאָט".

אויף דער בקשה פון י. א. מאַליק האָט טריגווע לי געבראַכט די דאָזיקע מעלדונג צו דעם וויסן פון די מדינות, וואָס געהערן דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס.

א טאָג פאַר אָט דער פאַרעפנטלעכונג האָט אונדז ש. אלישיב טעלעגראַפירט פון ירושלים אין אַ צופרידנשטעלנדיקן טאָן:

„איך האָב איבערגעגעבן דער סאָוויעטישער געזאַנדשאַפט אונד־זער צופרידנקייט פון זייער מעלדונג וועגן דער פראַגע פון אינטער־נאַציאָנאַליזאַציע און פון זייערע מאָטיווירונגען, אַז זיי רעכענען זיך מיט דער מיינונג פון דער באַפעלקערונג״.

ווי געזאָגט, האָבן מיר נישט געקאָנט די אַ גאַנצע צייט פאַרזען די שייכות צווישן דער מאַנעווורירנדיקער שטעלונג פון די רוסן אין דער פראַגע פון דער אינטערנאַציאָנאַליזאַציע און צווישן זייערע גרויסמאַכט־חשבונות אין מיטעלן מזרח און אינטערעסן־אויסרעכע־נונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַראַבער.

שוין אין 25.12.48 האָט ש. אלישיב געצויגן אונדזער אויפמערק־זאַמקייט דערויף, אַז אין די סאָוויעטישע ראַדיאָ־אויסזענדונגען אין דער אַראַבישער שפּראַך, הערט זיך „בדרך כלל אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַ־גאַנדע״. נאָך פריער האָבן מיר געקאָנט פאַרצייכענען אַז, למשל, דעם 8.8 איז אין לייט־אַרטיקל פון דער נייער בראַשור „וואָפּראָסי אי־סטאָרי״ צווישן אַנדערן געזאָגט דאָרט: „די סאָוויעטישע אָריענטאַ־ליסטן קאָנען צוהעלפן די פּראָגרעסיווע כוחות אין מזרח, אויב זיי וועלן אומבארחמנותדיק פאַראורטיילן דעם גאַנדיזם, קאַמאַליזם און ציוניזם, וואָס זענען קאָנטר־רעוואָלוציאָנער״.

אַ ביסל שפּעטער האָב איך געקאָנט פאַרסכהכלען און באַריכטן, אַז פון צווישן אַלע אַראַבישע מדינות, וואָס ווערן אין דער סאָוויע־טישער פּרעסע צוגערעכנט דעם רעאַקציאָנערן לאַגער, ווערט תימן אויסגעטיילט צום גוטן, ווי אַ כמעט „פּראָגרעסיווע״. עס זענען אָפּ־געצייכנט געוואָרן עטלעכע אָפּשטימונגען פון דער תימנער דעלע־גאַציע אין או״אַ מיטן סאָוויעטישן בלאָק, איר קעגנערשאַפט צום אַנגלאָ־זאַקסישן אימפּעריאַליזם א. אַ. (אגב, דאָס אויבנגעזאָגטע בנוגע תימן איז אויך חל געווען — און אין אַ נאָך גרעסערער מאָס — אויף עטיאָפּיע).

ס׳איז אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן, אַז דאָס האָט נישט געשטערט דעם סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטער ווישינסקי, צו זאָגן סוף אָקטאָבער אין אַ געשפּרעך מיט אַ פאָרשטייער פון אַ מצרישער צייטונג, וואָס וועגן דעם האָט מען אונדז געגעבן אינפאָרמירט, אַז: א. „ס׳איז נישט ריכטיק״, אַז די סאָוויעטן האָבן אָפּגעוואָרפן אונ־דזער ביטע וועגן אַ הלוואה. אַ דרוק פון דרויסן וועט זיי נישט אָפּ־האַלטן פון זי צו געבן אונדז, פאַר גאַראַנטיעס און ביי פּאַסיקע באַ־דינגונגען. מען רעכנט וועגן א הלוואה אויף דער זעלבער צייט־אויסרעכענונג ווי די אַמעריקאַנישע. מיר זענען אין זייערע אויגן די אמתע דעמאָקראַטיע אין מזרח. ב. ער האָפט, אַז מיר פאַרשטייען אַז אַמעריקע שניידט זיך צו אַ מלחמה, און אַז מיר וועלן שטיצן אמתע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. ג. זייער האָפענונג איז, אַז מיר וועלן

אָפּוואַרפן די אַמעריקאַנער באַמיאונגען צו קריגן ביי אונדז באַזעס. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז מיר טוען פאַר די ענגליש־אַמעריקאַנישע אינטערעסן, וועלן זיי זען אין אונדז אַ נישט־דעמאָקראַטישע מדינה, וואָס קאָן נישט געניסן פון זייער סימפּאַטיע. ד. ישראל וועט נישט פאַרניכטעט ווערן דורך די אַראַבישע אַרמייען. די שוואַכקייט פון די אַראַבער איז אַ רעזולטאַט פון זייערע דעספּאָטישע און פעאָדאַלע רעזשימען.

איינע פון די עיקרדיקע זאָרגן פון די סאָוויעטן אין ראַיאָן פון מיטעלן מזרח האָט אין יענער תקופה אַרויסגעדרונגען פון די אָנשטרענגונגען פון די מערב־גרויסמאכטן, זיך דאָרט סטראַטעגיש צו פאַרפעסטיקן — צי דורך שאַפן אַן אַראַבישן אָדער סתם געגנטלעכן פאַרטיידיקונגס־בונד, צי דורך פאַרשטאַרקן זייער מיליטערישע השפּעה אין איינצלנע מדינות, אַריינגערעכנט אַפילו ישראל.

אויף דעם פאָן האָבן דאַן די סאָוויעטן זיך נוהג געווען פון צייט צו צייט צו פאַרשפּרייטן „קלאַנגען", אַז דאָס ישראל־מיליטער רעאָרגאַניזירט זיך אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער, געפינט זיך אונטער דער קאָמאַנדע פון אמעריקאַנער אָפיצירן און „ראטגעבערס" און ענלעכע זאכן. דערנאָך פלעגן זיי זיך ווענדן מיט „אויפקלער־פראַגעס" אין שייכות מיט אָט די קלאַנגען. ביי איינער אזא געלעגנהייט, אין אָקטאָבער 1949, האָב איך געקראָגן א פאַראָרדענונג איבערצוגעבן דורך באַקולינען אַזאַ דעטאַליזירטע און מאָטיווירטע אויפקלערונג:

„א. די מיינונג, אַז אונדזער מיליטער וועט זיך אָרגאַניזירן לויטן אַמעריקאַנער מוסטער האָט אַרויסגערופן שטוינונג אין אונדזער גענעראַל־שטאַב, וואָרום דאָס קאָן נישט קומען אין באַטראַכט שוין צוליב פראַקטישע סיבות בלויז, אין אָנבליק פון די געוואַלדיקע אונטערשיידן פון פאַרנעם און די צילן פון דער פאַרטיידיקונג. ב. ביים בויען אונדזער מיליטער העלפן מיר זיך נישט אַרויס מיט פאַרטיקע שטאַנצן, אויסגעבאָרגטע ביי אַנדערע נאַציעס, נאָר מיר גייען אונדזער וועג, אַ צוגעפּאַסטן צו אונדזערע ספּעציפישע באַדערפענישן און אונדזערע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן. דאָס פאַרבינדן לאַנדווירטשאַפטלעך־חלוצישע אַרבעט מיט מיליטערישער אויסשולונג און דאָס צוגרייטן צענטראַלע שטורעם־כוחות מיט שאַפן גרענעץ־גאַרטלען פון פאַרטיידיקונג־ישובים, זאָגן עדות וועגן דער אָריגינעלקייט פון אונדזער צוגאַנג ביים לייזן דאָס פּראָבלעם. ג. עס איז ממילא פאַרשטענדלעך, אַז אַ יונגע מדינה און א נישט־דערפאַרן מיליטער, ווי אונדזערס, זענען געוואַלדיק פאַראינטערעסירט זיך ארויסצוהעלפן מיט דער דערפאַרונג און מיט דעם גרויסן וויסן פון אַלטע און פאָרגעשריטענע מדינות ביים אָרגאַניזירן דאָס מיליטער ווי אין אדמיניסטראַציע, יוריסדיקציע, באַדינונגען, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג און וועגן אַלע אַנדערע מלוכהשע טעטיקייט־צווייגן. דערפאַר טאַקע האָבן מיר זיך

געווענדעט צו ס.ס.ס.ר. און געבעטן דערמעגלעכן אונדז צו שיקן פּע־איקע אָפּיצירן, אויף צו לערנען געוויסע פֿאַכן אין דער הויך־שול פֿון דער רויטער אַרמײ. ד. ביז איצט האָבן מיר געקראָגן הילף נאָר אַ דאַנק דער באַלדיקער און גערנווילליקער פרייוויליקייט פון יידן פון פאַרשיידענע לענדער, וואָס זענען געקומען און פאַרגעלייגט זייער הילף, צווישן זיי — ווירטשאַפט־ספּעציאַליסטן, וויסנשאַפטלער, דאָק־טוירים, הערפּאַרענע באַאַמטע און אַנדערע. כמעט אַלע זענען געקומען ווי עולים, מיט דער כוונה זיך צו באַזעצן, אַנדערע — בלויז אויף צייטווייליקער הילף. די דאָזיקע הילף איז באַזונדער געווען וויכטיק — סיי אין צאָל און סיי אין קוואַליטעט — פֿאַר אונדזער מיליטער, וואָס נעמט אין זיך אַריין פרייוויליקע פון 55 לענדער, צווישן זיי וויכטיקע ספּעציאַליסטן, וואָס שפּילן א גרויסוועריטקע ראָל אין דער אָרגאַניזירונג און טעכנישער אויסשולונג; ווי פּילאָטן און אוויאַ־ציע־אינזשיניערן פון דרום־אַפריקע, פלאַט ־ לייט און דערפאַרענע שטאַב־אָפּיצירן פון ענגלאַנד און אַמעריקע. עס זענען אויך פאַראַן מומחים פאַר טאַנקן פון טשעכאָסלאָוואַקיע און דערפאַרענע שטאַב־לייט פון פוילן. די אַלע זענען יידן, און צי זיי זענען געקומען ווי עולים, צי בלויז אויף אַ ווייל — די מאָטיווירונג איז געווען בלויז און נאָר זייער גרייטקייט צום ענין מדינת ישראל. ו. אויב זייער פראַגע דרינגט ארויס פון דער פּובליקאַציע אין „קול העם" וועגן אַן אַמערי־קאַנער גענעראַל וואָס פירט כאילו אָן מיט אונדזער שטאַב, איז אזא גענעראַל נישט געווען און איז נישטאָ. עס איז געווען דער קאָלאָנעל מאַרקוס, אַ וווערטפולע אמעריקאַנישער אָפיציר, וואָס איז געקומען ווי אַ ייד און לויט זיין אייגענעם ווילן".

אין דעם גייסט אין דאַן אויפגעקלערט געוואָרן דער ענין פון די „אמעריקאַנער אינסטרוקטאָרן" אויף דעם סאָוויעטישן באַפּולמעכ־טיקטן אין ישראל, הער מוכין, אין אַ געשפרעך וואָס איז פאָרגעקומען לויט דער איינלאַדונג פון הער שרת, און האָט זיך געדרייט דער עיקר אַרום די פלענער פון א סיריש־איראַקישער פאַראייניקונג, וועלכע האָבן אין יענע טעג אַרומגעשוועבט אין דער לופטן פונעם ראַיאָן. הער שרת האָט אויפגעקלערט די געפאַרן וואָס קאָנען אַרויסקומען פון אזא פאַראייניקונג און איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון זיינע געשפרעכן וועגן דעם זעלבן ענין מיט די אמבאַסאַדאָרן פון אמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך; וועגן זיין אויפמערקזאַם מאַכן די אַמערי־קאַנער, אַז אַזאַ פאַראייניקונג וועט צעשטערן דאָס גלייכגעוויכט צו וועלכן זיי שטרעבן, און די ענגלענדער — אַז זיי האָבן די מעג־לעכקייט דאָס צו פאַרמיידן און זיי וועלן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכ־קיין אויב דאָס וועט צושטאַנדקומען. אין דער פראַגע פון ירושלים האָט מוכין באַמערקט, אַז זייער דעלעגאַציע האָט זיך אַנטקעגנגע־

שטעלט דאָס אויפשטעלן די איבערבעטונגס־קאָמיסיע און געווען פאר דירעקטע אונטערהאנדלונגען צווישן די צדדים, אָן פאַרמיטלערס, צוגעגעבן, אז עס וואָלט געווען גלייכער, אַז דער ענין זאָל נישט באַהאַנדלט ווערן אויפן איצטיקן אונ״אָ־פלענום און די צייט וועט דער־ווייל טאָן דאָס אירקע.

נאָך אַן אויסדרוק פון דער קעגנערישער שטעלונג פון ישראל צו דער איניציאַטיוו פון אַן „אַראַבישן זיכערקייט־בונד״ האָט פאַוועל יערשאָוו, דער סאָוויעטישער געזאַנדטער אין תל־אביב, געהערט פון נעם הער שרת דעם 18.11.49, ערב איינער פון זיינע נסיעות קיין מאָסקווע. אַזאַ בונד, האָט אים געזאָגט שרת, „וועט געריכטעט ווערן קעגן אונדזערע פריינט, די סאָוויעטן, און אונטער דעם צודעק אויך קעגן אונדז״.

קורץ נאָך דעם, בעת א באזוך פון ש. אלישיב אין דער סאָוויעטישער געזאַנדשאַפט אין תל־אביב, האָט יערשאָוו געפרעגט — און דאָס אין דער עצם געשפּאַנטקייט פון די באַציאונגען צוליב דער שטעלונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין דער פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים — „ווען דאַרפן מיר אַריבער קיין ירושלים?״ — דאָס הייסט, יוען וועט פאַסיק זיין דער סאָוויעטישער געזאַנדשאַפט זיך אַריבערצוציען אין דער שטאָט, וועלכע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אָפיציעל ווי די הויפּט־שטאָט פון דער מדינה.

אָבער א דיאַלעקטיק פון א באַזונדערן מין, וואָס איז נישט ווייניק כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אויסערן־פּאָליטיק פון יעדער מדינה, און ספּעציעל, דוכט זיך, פאַר דער סאָוויעטישער, האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן גראָד צוזאַמען מיט מאָסקועס צוריקציען זיך פון איר הסכמה צו אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים — וואָס האָט, ווייניקסטנס אויסערלעך, אויסגעדריקט דאָס צוריקקערן זיך צו א קאָנסעקווענטער פּראָ־ישראַלישער ליניע.

דעם 17־טן אַפּריל 1950, האָט, ווי עס ווערט פריער דערמאָנט, דער מאָליק געמאָלדן אין נאָמען פון ראַטנפאַרבאַנד דעם אונ״אָ־סעקרעטאַר וועגן זייער צוריקציען זיך פון שטיצן דעם פאָרשלאָג פאַר אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים אונטער דער אויפזיכט פונעם אפּוטרופּסות־ראַט פון אונ״אָ. און צומאַרגנס האָבן שוין די צייטונגען געמאָלדן, אז אין דמשק איז פאָרגעקומען א געשפּרעך צווישן דעם סאָוויעטישן געזאַנדטן און דעם סירישן ווירטשאַפטס־מיניסטער, וועגן באַנייען די עקזיסטירנדיקע האַנדלס־אָפּמאַכן צווישן סיריע און די סאָוויעטן און אַז די לבנונער רעגירונג האָט באַשטעטיקט א נייעם סאָוויעטישן געזאַנדטן דעם גרוזינער טפּאַבזע, במקום סאָלאָדן, וואָס האָט אַמטירט ביי זיי און אין סיריע פון זינט זייער אומאָפּהענגיקייט.

פון אַן אַנדער קוועלע האָבן מיר געקראָגן א ידיעה, אַז דעם

16־טן אפריל האָט זיך ווישינסקי געטראָפן מיטן מצרישן געזאנדטן און דערנאָך אויך באזוכט די מצרישע געזאנדשאַפט אין מאָסקווע.

אז איך בין דעם 19־טן אפריל געקומען אין סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום אויף אַ געשפרעך מיטן הער שטשיבאָרין — פאַרטרע־טער פונעם שעף פון אָפטייל פארן מיטעלן מזרח — האָט ער אין פאַרלויף פון געשפרעך וואָס האָט געדויערט א שעה מיט א פערטל, מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט מאַליקס בריוו צום אונ״אָ־סעק־רעטאר טריגווע לי אין ענין ירושלים (די דאָזיקע נייעס איז מיר באַוווסט געוואָרן פון ראַדיאָ, עטלעכע שעה נאָכן געשפרעך), און דאָס — נישט געקוקט וואָס איינער פון די עיקר פונקטן אין דעם אָ געשפרעך איז געווען, אַן איינלאַדונג פון הער שרת פאַר סעמיאָן צאַראַפקין אויף אַ באַזוך אין ירושלים, גלויבנדיק, אַז „דאָס זען מיט די אייגענע אויגן וועט ברענגען צו א געענדערטער שטעלונג, וועט דערווייטערן אַבסטראַקטע פלענער און וועט העלפן פאַרשטיין ממשות־דיק דאָס פראָבלעם ירושלים״.

נישט געקוקט דערויף, וואָס בערך אין יענע טעג, ווי עס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון א זיכערן מקור, האָט מאַרשאַל וואָראָשילאָוו פעסטגעשטעלט אין דער מיליטערישער קאָמיסיע פון קאָמינפאָרם, אַז פערסיע, טערקיי, גריכנלאַנד און יוגאָסלאַוויע זענען פאַררעכנט ווי אַנגריף־באַזעס אין מזרח, און ווערן געשטיצט דורך מצרים, סיריע און איראַק, און אַז דער וויכטיקסטער מיליטערישער פאַקטאָר אין ראַיאָן, ישראל, וועט זיך באַמיען אָפּצוהיטן די נייטראַליטעט, און ענגלאנד איז נישט גענייגט זי אויסצונוצן ווי אַ באַזע, ווייל ווי אַ רעגי־רונג דערויף וועט קומען אַן אַראַבישע סאַבאָטירונג פון איר פאָליטיק — האָבן זיך אָבער צוזאַמען דערמיט, געמערט די סימנים פון אַ ווייכער, עלאַסט־שער און מער פאָזיטיווער שטעלונג מצד מאָסקווע כלפי אַראַבישע מדינות און באַזונדער כלפי סיריע. אָנהייב סעפּטעמ־בער 1950 זענען אריינגענומען געוואָרן פאַרשטייערס פון אוזבעקיס־טאַן און קאַזאַכסטאַן אין דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע אין אונ״אָ, און דאָס איז גלייך אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ זשעסט פון פריינט־שאַפט און פראָפּאַגאַנדע כלפי אזיע אין כלל גענומען, נאָר טאַקע באַ־זונדער כלפי די אַראַבישע מוסולמענישע מדינות.

אין אַ שעהדיקן געשפרעך וואָס איך האָב געהאַט אין מיטן סעפּ־טעמבער מיטן אַמבאַסאַדאָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין מאָס־קווע, אַדמיראַל קערק, האָט ער אויסגעדריקט איבעראַשונג און באַ־זאָרגעוודיקייט אין אָנבליק פון דעם אָ שריט, און איז גענויגט געווען צו זען אין דעם „אַן ערנסטן פרווו אַריינצושטעקן אַ באָלשעוויסטישן קלין אין דער מוסולמענישער וועלט״.

רעכענענדיק זיך מיט דער פּאָליטישער באַדייטונג וואָס אין ראטנפארבאנד דאַרף צוגעשריבן ווערן צו דערשיינונגען, וועלכע גע־

ניסן ביי אַנדערע רעזשימען פון מער „אויטאָנאָמיע", דאַרף אין דעם קאָנטעקסט אויך אָפּגעצייכנט ווערן, ווי אַזוי עס ווערט פאָרמולירט דער באַגריף „אזיע" אין ערשטן באַנד פון דער גרויסער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז אין יענע טעג דערשינען אין אַ נייער אויפלאַגע. אין דעם באַגריף וואָס פאַרנעמט דאָרט פערציק זייטן, זענען פאַר ארץ ישראל אָפּגעגעבן אַ צוואַנציק שורות. זייער אינהאַלט איז געווען, אַז נאָך דעם באַשלוס פון אונ"אָ וועגן דער צעטיילונג, האָבן די יידן פּראָקלאַמירט די מדינה, נאָר ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן נישט דערלאָזט, אַז די פעלקער פונעם לאַנד זאָלן דערגיין צו אמתער זעלבשטענדיקייט, און די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן האָבן זיך באַנוצט מיט די רעאַקציאָנערע הערשנדיקע קרייזן פון דער בורזשואַזיע אין מדינת ישראל כּדי צו פאַרשטאַרקן זייער השפּעה אויפן חשבון פון ענגלאַנד.

צוזאַמען דערמיט האָבן מיר באַמערקט, אַז די אַראַבישע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייערס האָבן אָנגעהויבן זיך באַמיען צו דערציילן יעדן איינעם פון די מערב־דיפּלאָמאַטן וואָס איז נאָר גרייט געווען צו הערן, אַז די אַראַבישע עפנטלעכע מיינונג און זיי אַליין טאַקע אויך זענען זיך מתיאש פון מערב, אַז עס שטאַרקט זיך זייער סימפּאַטיע צו רוסלאַנד, כּאילו זיי האָבן שוין נישט וואָס צו פאַרלירן, און אַז אין זייערע לענדער פאַרשפּרייט זיך אַן איינגעווייניקסטער קאָמוניזם — און דאָס אַלץ ווייל די מערבדיקע זענען אויף דער זייט פון ישראל. ביי פאַרשיידענע קרייזן האָט זיך איינגעשאַפן די מיינונג, אַז מען דאַרף נישט גרינגשעצן זייערע אויפקלערונגען, ווייל די בלינדע שנאה צו רוסלאַנד און דער פּחד פאַר איר אין מערבדיקן לאַגער, אויפן פאָן פון קאָרעאַ־קריג, שאַפן אַ גינסטיקן מאַרק אויך פאַר אַזאַ „סחורה".

אַזוי האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אויך דאָס באַדייטונגספולע בילד, וואָס האָט זיך אָנגעצייכנט בעתן לייענען אין דער סאָוויעטישער פּרעסע די באַריכטן פונעם אונ"אָ־פּלענום, וועלכער איז זיך צוזאַמענגעקומען אין האַרבסט 1950. די באַריכטן האָבן זיך באַמיט אונטערצושטרייכן די נאָענטקייט צווישן דער שטעלונג פון די אַראַבער, באַזונדערס פון סיריע און לבנון, און דער סאָוויעטישער שטעלונג אין פּראַגן פון שלום און מלחמה און אין טייל אַנדערע פּראַגן. צייטנווייז האָט מען אויך לייכט קריטיקירט דעם אָדער אַנדערן פּרט אין די אַראַבישע אַרויסטריטן, אָבער על פּי רוב זענען זייערע רייד איבערגעגעבן געוואָרן מיט סימפּאַטיע, הגם מיט איינגעהאַלטענער. אויך האָט זיך באַמערקט, אַז זינט עס זענען אין דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע אַריינגענומען געוואָרן פאָרשטייערס פון אוזבעקיסטאַן און קאַזאַכסטאַן, האָט אין דער פּרעסע זיך געמערט דאָס שילדערן די דערגרייכונגען און די מעלות פון די מוסולמענער אין ראַטנפאַרבאַנד. דער אילוסטרירטער וואָכן־זשורנאַל „אָגאָניאָק" האָט אָפּגעגעבן זייער אַ סך אָרט פאַר

אַרטיקלען און בילדער פונעם לעבן פון די מוסולמענישע קהילות. ממילא האָט זיך באַקומען דער איינדרוק פון אַ פּראָ - מוסולמענישער אַקציע אין גרויסן פאַרנעם, וואָס זיינע אָפּצווייגן זענען געריכטעט אויך צו יענער זייט גרענעץ.

מאַכנדיק אַן איבערבליק אויף צוריק קען מען און מ׳קען פאַר־שטייט זיך, דערקענען אַ בהדרגהדיקע פאַרזיכטיקע אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון דער „פּאַרקערטער אָפּציע„ אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק כלפּי דעם מיטעלן מזרח. אין דער זעלבער שטילער כסדר־דיקער צוגרייטונג פון געגעבענע פאַרן ענדערן די טאַקטיק אין ישראל - אַראַבישן קאָנפליקט. קאָן מען זען די סימנים פאַרן פולן איבערקער וואָס איז פאַרגעקומען אין דער סאָוויעטישער פּאָליטישער סטראַטעגיע אין אונדזער ראַיאָן אין געציילטע יאָרן אַרום, וועלכער איז דערגאַנגען צו זיין הויכפּונקט אין דער אַנטקעגנשטעלונג צו וועלכער מיר זענען עדות פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר.

איינע פון די פּראָבלעמען וואָס האָבן אונדז באַשעפטיקט די גאַנצע צייט פון אונדזער שליחות אין מאָסקווע, און וועלכע האָבן זיך אין מאָסקווע געפּילט שאַרפער ווי אין ס׳רוב אַנדערע הויפּט־שטעט, איז געווען די פראַגע פון דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט איינינקע „פּראָב־לעמאַטישע„ מדינות. פון דאַנען, למשל, שטאַמט די „אַקטיוויטעט„ וועלכע ס׳האָט אַרויסגעוויזן אונדזער געזאַנדשאַפט אין ענין אָנער־קענען דורך אונדז פאָלקס־כינע. נאָך דעם ווי ס׳איז דאָרט פאַרגע־קומען די קאָמוניסטישע איבערקערעניש, און עד היום עקבערט אין מיר דאָס געפיל, אַז עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז מיר האָבן דורכגע־לאָזט אַ זיך נישט איבערחזרנדיקע געלעגנהייט, וואָס זייענדיק איינע פון די ערשטע מדינות וועלכע האָבן פאָרמעל אָנערקענט דעם נייעם רעזשים, האָבן מיר זיך באַגנוגנט מיט בלויזן איינשטעלן כמו־באַ־ציונגען נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון דער פאָלקס־כינעזישער אַמ־באַסאַדע אין מאָסקווע.

דאָס זעלבע בנוגע מזרח־דייטשלאַנד. אמת, דאָס פּראָבלעם איז געווען ווייניקער אַקטועל ווייל אויך דער ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך אין אָנהייב אָפּגעהאַלטן פון אַן איילוק און דעצידירנדיק פאַרנעמען זיך מיטן פּראָבלעם פון צוויי דייטשלאַנדס. דערפאַר האָט ער אָנגע־נומען, ביים אָנקומען פון דעם דיפּלאָמאַטישן פאָרשטייער פון מזרח־דייטשלאַנד אין מאָסקווע (אַפּפאַלט) אַ פאַרזיכטיקע און צוריקגע־האַלטענע ליניע און אים באַשטימט אַ נישט קלאָרן שטאַנד פון בלויז אַ „פאָרשטייער„. אָבער פון יידישן שטאַנדפּונקט האָב איך גע־האַלטן, אַז דווקא די פּאָליטישע שוואַכקייט פון מזרח־דייטשלאַנד גראָד זי דערמעגלעכט און פאַרפליכטעט אַפילו אַ דרייסטערע אַקטיוויטעט כדי אַריינצושלאָגן אַ פלאָקן אין דעם טייל דייטשלאַנד, נישט געקוקט

אויף — און אפשר טאַקע צוליב — דער פּראָבלעמאַטישקייט אין זין פון „שלח לחמך״...

אין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז אַ זשעסט פון אַ געוויסער דערנענטערונג כלפּי דעם פּאַריתומטן פאָרשטייער, וואָס האָט אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען אין דער סאָוויעטישער רעזידענץ אונדז אָפּגעקלאַפּט די טירן, קען אויף א ווייטער מעטע ברענגען נוצן דער מדינה ישראל. איך האָב אָבער דאָס אָפּגעלאָזט, נאָך דעם ווי כ׳האָב זיך אָנגעטראָפן אויף אַ בפירושער נעגאַטיווער רעאַגירונג מצד דעם אויסערן־מיניסטער־יום אין תל־אביב.

אָבער אַ זאַך וואָס האָט מיך אונטערגעטראָגן און כ׳האָב עס בכלל נישט געקענט פאַרשטיין, איז געווען די פראַגע פון אונדזערע באַציונגען מיט פראַנקאָס שפּאַניע. כ׳האָב בשום אופן נישט פאַרשטאַנען און נישט געקאָנט מסכים זיין מיט דער שטעלונג, וועלכע עס האָט אין אונדזער נאָמען אנגענומען ש. אלישיב אין אונ״א, אין 1949, אויסדריקנדיק אַ שאַרפע קעגנערשאפט צו אָנערקענען שפּאַניע, צוליב איר זיין אונטער פראַנקאָס הערשונג. נישט נאָר האָב איך געזען אין דעם אַן אָפּנייג פונעם פּרינציפּ וועלכן מיר האָבן זיך באַשטימט, נישט צונויפצומישן דעם ענין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיטן כאַראַקטער פון די אינערלעכע רעזשימען פון נישט ־ דעמאָקראַטישע מדינות, נאָר כ׳האָב אויך געזען אין אָט דער האַנדלונג אפשר אַן אומפאַררעכטלעכן פעלער פון פּראַקטיש ־ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט לגבי אַ פרומער קאַטוילישער מדינה, וועלכע האָט פון איין זייט געהאַט א גרויסע השפּעה אין וואַטיקאַן, און פון דער צווייטער זייט האָט מען געדאַרפט ווי ווייט מעגלעך פאַרמיידן דאָס שטויסן זי אין די אָרעמס פון די אראַבער, וואָס זענען מיט איר געווען פעסט פאַרבונדן סיי היסטאָריש, סיי געאָגראַפיש — און וואָס נאָך מער, וואָס אין פראַנקאָס באַציונג צו די ייִדישע פּליטים, פאַרפאָלגטע דורך די נאַציס, זענען געלעגן בפירושע אויסדרוקן פון ברייטהאַרציקייט און רחמים. די אָ שטעלונג מיינע האָב איך אויפגעדעקט פאַר ש. אלישיב בעת זיין באַזוך אין מאָסקווע, און מ. שרתן — בעת אונדזער באַגעגעניש ביי מיין ערשטן באַזוך אין פאַטערלאַנד. און כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז עס איז מיר געלונגען אַרויסצורופן ביי אים א ניי נאָכטראַכטן אין אָט דעם ענין. ובפרט נאָך אַז לויט די ידיעות וועלכע זענען צו מיר דערגאַנגען אין מאָסקווע (אמת, בלויז שמועות) זענען אין דעם ענין געווען זיך איבערחזרנדיקע איניציאַטיוון מצד די קאָנסולאַרע פאַרשטייערס פון שפּאַניע אין ירושלים — איניציאַטיוון וואָס האָבן נישט זוכה געווען פון אונדזער זייט צו קיין פּאָזיטיווער רעאַגירונג.

נאָך מער: אפילו לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד גופא, וואָס זיין דעקלאַרירטע קעגנערשאַפט צום פאַשיסטישן שפּאַניע איז געווען איינער

פון די פּרינציפּן פון זיין דיפּלאָמאַטישער איבערצייגונג, האָב איך זיך דערלויבט אַן אפּיקורסישן צווייפל, צי די דאָזיקע קעגנערשאַפט וועט אָנהאַלטן אָן אַ סוף, אפילו אז עס וועט נישט קומען קיין ענ־דערונג אין זיין אינערלעכן רעזשים. (צו אָט דער טעמע האָב איך זיך אומגעקערט אייניקע מאָל אויך נאָך מיין אמטירן אין מאָסקווע, בעת כ׳בין געווען א מיטגליד אין דער אויסערן־ און זיכערקייט־קאָמיסיע פון דער כנסת).

צוליב דער פּאַסיווער אָדער אַקטיווער ראָל, וואָס כינע האָט גע־שפּילט אין די ענינים פון מיטעלן מזרח, באַזונדערס נאָך דער באַנ־דאָנג־קאָנפערענץ (1955) און נאָך מער זינט איר ריס מיטן ראַטנ־פאַרבאַנד, וועט אפשר נישט זיין איבעריק צו ברענגען עטלעכע טעלע־גראַמעס וועלכע זענען געשיקט געוואָרן פון דער קריה צו אונדזער געזאַנדשאַפט אין מאָסקווע און צוריק אין פאַרלויף פון יאָר 1950, זינט עס האָט זיך געעפנט די אמבאַסאַדע פון פאָלקס־כינע אין מאָסקווע.

דעם 31.1.50 האָט אונדז דאָס אויסערן־מיניסטעריום פאַראָרדנט אז „היות מיר האָבן נישט בדעה צו עפענען א געזאַנדשאַפט אין פּעקין", זאָלן מיר פאַרלייגן דער כינעזישער געזאַנדשאַפט, אז מיר וועלן זיך דערווייל באַנוצן מיט אונדזער פאָרשטייערשאַפט אין מאָס־קווע, ווי פאַרמיטלער פאַר דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען.

אין פעברואַר 1950 האָב איך טעלעגראַפירט דעם גענעראַל־דירעקטאָר פון אונדזער אויסערן ־ מיניסטעריום אַז:

„לויט דער מאָסקווער פּרעסע, האָט כינע געענטפערט אין פאַר־שידענע נוסחאות די מדינות וועלכע האָבן זי אָנערקענט: צו ישראל, פינלאַנד, שווייץ אַפגאַניסטאַן און פּאַקיסטאַן האָט זי געענטפערט מיט באַגריסונגען; ענגלאַנד, אינדיע און ציילאָן האָט זי פאָרגעלייגט זיי זאָלן שיקן פאָרשטייערס קיין פּעקין, אויף פון פאָרויסדיקע אונטער־האַנדלונגען וועגן רעגולירן די באַציונגען; נאָרוועגיע, דענעמאַרק און שוועדן זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן זיי זאָלן קודם איבעררייסן זייע־רע באַציונגען מיט פאָרמאָזע.

דער שכל און דער פּראָטאָקאָל זענען מחייב, אז דער נייער כינעזישער געזאַנדטער זאָל אונדז איצטער אָפיציעל מיטטיילן וועגן זיין נאָמינירונג און מאַכן ביי מיר א באַזוך. ביז איצט האָט ער זיך צו מיר נישט געווענדעט און אויך נישט צו אַלע איבעריקע. אפשר איז ער נאָך פאַרנומען מיט זיין פּרעמיער וואָס ווײַלט דאָ הי. דע־ריבער האָב איך בדעה א געוויסע צייט צוצוואַרטן און אויב ער וועט נאָך אַלץ שווייגן, וועל איך זיך צו אים ווענדן און בעטן אים איבערצוגעבן זיין רעגירונג דעם פאָרשלאַג" *.

דער ענטפער פון הער וואַלטער איתן, וואָס איז געקומען דעם 6.2.50 איז געווען אַזאַ:

°) געמיינט זעם פאָרשלאָג פון 31סטן יאַנואַר

„ס'איז אָנצונעמען, אַז דער נוסח פֿון דער כינעזישער תשובה איז צוגעפּאַסט געוואָרן אין יעדן פֿאַל צו דער מעלדונג וועלכער איז אָנגע־קומען וועגן אָנערקענען. אין אונדזער טעלעגראַמע האָבן מיר נישט דערמאָנט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציונגען און דעריבער האָבן זיי עס נישט דערמאָנט אין זייער ענטפֿער. ס'איז נישטאָ קיין סיבה זיך צו אײַלן, און ד'ערפֿאַר וועט איר קענען וואַרטן, ווי איר זאָגט, מיט אײַער ווענדונג צום געזאַנדטן".

עס זענען אַדורך מער ווי צוויי חדשים און ס'האָט זיך גאָרנישט געריירט, נישט מצד דעם פֿאָלקס־כינעזישן געזאַנדטן און נישט פֿון זײַנע קאָלעגן, וואָס האָבן אָנערקענט זיין רעזשים. און אַזוי האָב איך טעלעגראַפֿירט צום הער איתן אין 16־טן אַפּריל:

„דער כינעזישער געזאַנדטער האָט אָנגענומען אַ מאָדנע פּירונג. אין קעגנזאַץ צום אָרטיקן פּראָטאָקאָל, האָט ער זיך נישט געווענדט צו קיין שום געזאַנדשאַפֿט פֿון די מדינות וואָס האָבן אָנערקענט זיין רע־גירונג, און ארויסגערופֿן (דערמיט) אַלגעמיינעם פֿאַרדראָס. ביים פֿינלענדישן געזאַנדטן וואָס וווינט אין שכנות מיט אונדז, האָט גע־פּלאַצט דאָס געדולד און ער האָט צו אים טעלעפֿאָנירט. מ'האָט געענט־פֿערט אַז ער איז נישטאָ אין דער היים. פֿון דאַן זענען פֿאַרביי אַ סך וואָכן. מיר, פֿון אונדזער זייט האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט פֿון אַ מסיבה פֿאַר מיליטערישע אַטאַשעס ביי ברנע און איינגעלאַדן אויך דעם כינעזישן אַטאַשע. ער איז דער איינציקער פֿון די מזרחדיקע וואָס האָט די איינלאַדונג נישט אָנגענומען. פֿון דעסטוועגן האָבן מיר איינגעלאַדן דעם געזאַנדטן מיט זיינע מענטשן צו אונדזער יום העצ־מאות. אויב ער וועט נישט קומען וועל איך אייך מעלדן און מיר וועלן באַטראַכטן ווי צו האַנדלען. אויב אָבער ס'וועט זיין נייטיק אַ קאָנקרעטער ענין, וועל איך, נישט געקוקט אויף אַלעם זיך צו אים ווענדן".

אָן ענטפֿער. וואָס איז אין אַ געוויסן זין געווען אַ מין פּאָרויסזען די צוקונפֿט, האָט מיר הער איתן געשיקט, קורץ נאָך דעם, אין 19־טן אַפּריל 1950:

„מיר זענען ביי דער מיינונג, אַז עס איז מעגלעך, אַז מאָסקווע איז נישט דאָס פּאַסיקסטע אָרט וואָס זאָל דינען ווי אַ פֿאַרבינ־דונג מיט כינע. אויב מיר וועלן האַנדלען דורך אייער פֿאַרמיט־לונג, וועלן מיר אויסזען כאילו מיר אײַלן זיך אונטערצושטרייכן דעם פּאָליטישן בונד צווישן רוסלאַנד און כינע, וואָס אויב ער איז אפֿילו אַ שטאַרקער דריקט ער נאָך נישט אויס (און וועט אפֿשר קיין מאָל נישט אויסדריקן) אַן אַבסאָלוטע אידענטיפֿיצירונג, ווי צווישן רוס־לאַנד און אירע סאַטעליטן אין אייראָפּע. מעגלעך אַז עס איז בעסער זיך צו באַנוצן מיט לאָנדאָן. נאָך דעם ווי עס וועט דאָרט אויפֿגעעפֿנט ווערן אַ כינעזישע געזאַנדשאַפֿט. דעריבער קומט דערווייל נישט צום

כינעזישן געזאַנדטן מיט דעם פאַרשלאַג, וועלכן מיר האָבן אין אָנהייב ארויפגעבראכט".

אין אַ צוויי חדשים ארום איז פאַרגעקומען א קלייניקע אַנט־וויקלונג און וועגן איר האָט הער א. לבבי טעלעגראַפירט דעם 20־סטן יוני, אין די טעג ווען איך אליין בין געווען אויף א באזוך אין ישראל

„עס האָט מיך באַזוכט דער צייטווייליק נאָמינירטער איבער די ענינים פון דער פאָלקס־כינעזישער געזאַנדשאַפט. ער האָט געפרעגט, לויט די אָנווייזונגען פון זיין רעגירונג, צי ישראל האָט בדעה אויפ־צושטעלן ביי זיי א דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייערשאַפט. איך האָב גע־ענטפערט אז די לאַגע איז מיר נישט קלאָר באַוווסט. מיט עטלעכע חדשים צוריק איז דוכט מיר געווען די טענדענץ פון אונדזער רעגי־רונג, בלויז צוליב מאַטעריעלע סיבות, אָנצוהאַלטן און אנטוויקלען דעם קעגנזייטיקן קאָנטאַקט מיט דער הילף פון דער פאַרשטייער־שאַפט אין מאָסקווע. אַזוי ווי ער ברענגט פאַר מיר א פראגע פון זיין רעגירונג, וועל איך זיך פאַרבינדן מיט מיין רעגירונג און אים מיט־טיילן איר ענטפער. כ'האָב אים פארשיט מיט אַן אַ שיעור רייד פון ליבע און העפלעכקייט כלפּי כינע און שטאַרק אונטערגעשטראָכן אונדזער שטרעבן צו פריינטלעכע און פעסטע באַציונגען מיט איר. איך האָב באַצייכנט אז זי איז די גרעסטע אַזיאַטישע מדינה און אז ער ווייסט וועגן אונדזער קאמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט. אַזוי האָבן מיר פאַרגעזעצט דעם שמועס אפשר א האלבע שעה וועגן שפּראַך און קולטור, וועגן אונדזער שטימען פאַר איינלאַדן זייערס אַ פאַרשטייער צום צוזאַמענקום פאַר טעכנישער הילף, וועגן עליה א. א. צום סוף האָט ער ווידער געבעטן איך זאָל אים מיטטיילן דעם ענטפער פון מיין רעגירונג, ווען אזא וועט אָנקומען. איך האָב דאָס צוגעזאָגט און אויף דאָס ניי אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס איז בלויז א פינאַנסיעלע פראַגע, און אז מיר ווילן זייער שטאַרק א פעסטע פאַרבינדונג מיט פאָלקס־כינע. ער האָט געזאָגט אַז דאָס איז אים פארשטענדלעך, און צוגעגעבן אז ביי זיי געפינען זיך שוין פאַר־שטייערשאַפטן פון ראַטנפאַרבאַנד, אינדיע, קאָרעע, מאָנגאָליע. די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס האָבן שוין נאָמינירט זייערע פאַרשטייערס, אָבער זיי זענען נאָך נישט ארויסגעפאָרן קיין פעקין. מיר האָבן נאָך דערווייל נישט געהערט צי די כינעזער האָבן זיך געווענדט הי צו אנ־דערע געזאַנדשאַפטן אין דעם ענין. איך בעט אינסטרוקציעס".

דעם 30־סטן יוני האָט מען פון דער קריה געענטפערט קורץ און קלאָר:

„די רעגירונג האָט באַשלאָסן פּרינציפּיעל אָנצוקניפּן דיפּלאָמאַ־טישע באַציונגען מיט פאָלקס־כינע, אָבער קיין זאַך וועט נישט געטאָן ווערן אין דער ריכטונג, ביז עס וועט קלאָר ווערן די לאַגע אין ווייטן מזרח.

דאָס ווערט געזאָגט בלויז צו אייער קענטעניש און טוט גאָרנישט ביז איר וועט הערן פון דאַנען".

דאָס לעצטע מאָל וואָס כ'האָב באַרירט דעם דאָזיקן ענין בעת מיין אָפיציעלן אמטירן, האָט זיך אויסגעדריקט אין א טייל פון א טעלע־גראמע, וואָס כ'האָב געשיקט אין דער קריה אָנהייב אָקטאָבער:

„איך בין געווען אויף א קבלת־פנים ביי די כינעזער אין טאָג פון זייער יום־טוב. חוץ די מזרחדיקע זענען אויך געווען פון שוועדן, אינדיע, פינלאַנד, דענעמאַרק און אַפגאַניסטאַן. ענגלאַנד, באַרוועגיע און האָלאנד זענען נישט איינגעלאדן געוואָרן. די סיבה פון דער אָפּ־וועזנהייט פון אַנדערע מדינות, וואָס האָבן אָנערקענט כינע — איז מיר נישט באַוווסט".

דער באזונדערער לעבנסשטייגער פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס אין מאָסקווע, און די ספּעציפישע ניואנסירונג פון זיין צוזאַמענשטעל, האָבן אונדז דערמעגלעכט אזעלכע וועגן קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען, וועלכע זענען נישט געשטאַנען צו אונדזער דיספּאָזיציע אין אנדערע צענטערס — על כל פנים אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער רעגירונג. איינער פון די אינטערעסאנטסטע קאָנטאַקטן פון דעם סאָרט, וועלכן כ'האָב געהאט די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען אין פולער קאָארדינאַציע מיט אונדזער אויסערן ־ מיניסטעריום, איז געווען דער קאָנטאַקט מיט דער פאָרשטייערשאַפט פון מוסולמענישן אַפגאַ־ניסטאן

דאָס ערשטע מאָל האָב איך באזוכט דעם אַפגאַנישן געזאנדטן דעם 1־טן סעפּטעמבער 1949 און ער האָט מיך אויפגענומען מיט אוי־סערגעוויינלעכער פריינטלעכקייט. אַן ארומנעמענדיקערע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין צוועלפטן יאָר אָנהייב נאָוועמבער, און וועגן איר האָב איך באריכטעט צו משה שרת אזוי צו זאָגן:

„בעת דער באַגעגעניש מיטן אַפגאַניסטאַנישן געזאַנדטן מוכאַמעד נורוז־כאן (היינט דער עלטסטער פון דיפּלאָמאטישן קאָרפּוס) האָב איך באַרירט די פראַגע פון אָנערקענונג. צווישן אַנדערס האָב איך אים געזאָגט, אַז דאָס מוסולמענישע אַפגאַניסטאַן, וואָס איז ווייט פון ארץ־ישראלדיקן קאָנפליקט און איז פאַראינטערעסירט אין דער סטאַ־ביליזירונג פון פּאָליטישן מצב אין מיטעלן מזרח, דאַרף העלפן די אראבישע מדינות ווי באַפרייען פון דער נאַרישער שטרויספויגל־פּאָ־ליטיק כלפי דעם פאקט פון אונדזער זיין און פון קליינלעכע פרעס־טיזש־חשבונות, און ווירקן אויף זיי אין דער ריכטונג פון פּאָליטישן רעאַליזם. דאָס ציאיילז די אָנערקענונג, לויטן מוסטער פון דער מו־סולמענישער טערקיי, איז איינער פון די וועגן צו דערגרייכן אָט דעם ציל.

דער אפגאנער. וואָס האָט ארויסגעוויזן קענטעניש אין אָט דער פראַגע. האָט געענטפערט, אז זיין רעגירונג האָט גאָרנישט קעגן יש־

ראַל און איז פריי פון וועלכע עס איז עגאָאיסטישע אינטערעסן, אָבער
די פאַנאַטישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, וועלכע איז דורכגעדרונגען
מיט אַ געפיל פון רעליגיעזער סאָלידאַריטעט צו די אַראַבער איז נאָך
נישט רייף פאַר אַזאַ ווענדונג. עס איז נאָך נויטיק צייט אָדער אַ נייער
פּאָזיטיווער שריט. חוץ דעם וואָפנשטילשטאַנד, אין דעם רעגולירן די
באַציאונגען מיט די אַראַבישע מדינות — און די אַנערקענונג מצד
אַפגאַניסטאַן וועט קומען".

וועגן אַ געשפרעך אין אַן ענלעכער ריכטונג האָט הער א. לבבי
געקאַנט שוין באַריכטן אין מיטן חודש יוני 1950 אין אַזאַ פאָרמולירונג:
„דער צייטווייליקער נאָמינירטער איבער דער אינדישער געזאַנד-
שאַפט מיט וועמען איך באַגעגן זיך אין געזעלשאַפט שוין באַלד אַ
יאָר, האָט מיך באַזוכט און געווײַלט א שעה צייט. ער האָט דערציילט,
אַז מצרים האָט זיך געווענדעט צו אינדיע און געבעטן איר שטיצע
פאַר אַן ענערגישער אקציע אין דער פראַגע פון ארץ-ישראל וואָס
מצרים וויל אונטערנעמען אין אונ"אָ, ווייזט אויס אויפן נאָענטסטן
פלענום. די אינדישע רעגירונג האָט געמאָלדן מצרים, אַז עס איז
זייער מאָדנע צו פאַרלאַנגען שטיצע אַן אויפצוקלערן די איינצלהייטן
פונעם פּראָבלעם. אינדיע איז געווינט צו באַטראַכטן די ענינים ווי זיי
זענען און נישט זיך פאַרבינדן מיט בלאָקן אָדער זיך פאַרפליכטן צו
געבן שטיצע אויפן גרונט פון אָפּמאַכן „גיב מיר — וועל איך געבן
דיר". אויף דער ביטע פון דעם אינדיער און ווי אַן ענטפער אויף זיינע
פראַגעס, האָב איך אַנאַליזירט דאָס ארץ-ישראל-פּראָבלעם, די לאַגע
אין דער אַראַבישער ליגע און אין מצרים, די לאַגע אין מיטעלן מזרח,
אין ליכט פון קאָנפליקט צווישן מזרח און מערב. דער אינדיער האָט
אונטערגעשטראָכן, אַז זיין רעגירונג האָט אונדז נישט אַנערקענט צו-
ליב איר מורא פאַר פאַקיסטאַן, און אַז זיי זעען אונדז ווי א מדינה,
וואָס איז אויפגעקומען אין רעזולטאַט פון אַ געראַנגל פאַר אומאָפּהענגי-
קייט ווי אינדיע אַליין. ער האָט אונטערגעשטראָכן די נאָענטקייט וואָס
צווישן אונדז, אויפן פאָן פון אַ פּראָגרעסיווער דעמאָקראַטישער
שטעלונג און אויפן הינטערגרונט פון נישט-אידענטיפיצירן זיך מיט
די בלאָקן. ער איז, ווייזט אויס, געקומען אויף דער פאָראָרדענונג פון
זיין רעגירונג".

און וואָס שייך די סימנים פון א מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען באַ-
ציאונגען מיט פאַקיסטאַן, גראַד אין יענע „בתולה-יאָרן", האַלט איך
פאַר כדאי צו ברענגען דאָ דעם עיקר נוסח פון צוויי טעלעגראַמעס.
די ערשטע איז פון משה שרת צו מיר, אין סוף אָקטאָבער 1949:
„אויסטראַליע קען גריילעך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בריקן-
קאָפּ פאַר אונדז, פאַר פאַרבינדונגען מיט דרום-אזיע. דאָס אויסטראַ-
לישע אויסערן-מיניסטעריום האָט מיט אייגענער איניציאַטיוו אויסגע-
דריקט גרייטקייט צוצוהעלפן, אַז פאַקיסטאַן זאָל אונדז אַנערקענען.

אינטערעסאַנט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן ביי פּאַקיסטאַן און נישט ביי אינדיע. קלאָר, אַז זיי זענען פאַראינטערעסירט צוצושמידן די קייט, וואָס פאַרבינדט זיי מיטן מערב. גלייכצייטיק האָט אונדז אבן געמאָלדן, אַז דער פּאַקיסטאַנער פאַרשטייער אין אונ״אָ פּלאַנעוועט צו געבן אַ קלאַפּ אינדיע דורך דערפירן צו דעם, אַז זיין רעגירונג זאָל אונדז אָנערקענען איידער איר קאָנקורענטין וועט דאָס טאָן. פון אילתס שמועס מיט נעהרון ווערט קלאָר, אַז דאָס רעכענען זיך מיט די געפילן פון די מוסולמענער ווערט ביי זיי שוואַכער, אָבער עס ווירקט נאָך. דעריבער וועט דאָס אָנערקענען אונדז מצד פּאַקיסטאַן דעצידירן. איצט מעלדעט לעווין, אַז לויט די ריד פון אויסטראַלישן פאַרשטייער אין קאַראַטשי, איז דער פּאַקיסטאַנער אויסערן־מיניסטער דורכאויס פאַר אָנערקענען, אָבער די שטעלונג פון פּרעמיער איז נאָך נישט באַשטימט געוואָרן און פּאַקיסטאַן איז זיכער אין עפּעס אָפּהענגיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד; איז כדאי צו בעטן באַקולינען, אַז זיי זאָלן אָנדייטן דעם פּאַקיסטאַנער פירער זייער שטיינונג צוליבן נישט אָנערקענען ישראל, אין וועלכן זיי זעען פאַנאַטיזם, וואָס פּאַסט נישט פאַר אַ פּראָגרעסיוון רעזשים. מען דאַרף געבן צו פאַרשטיין, אַז אונדז איז וויכטיק די פאַרבינדונג מיט ווייטע שכנים אין אַזיע, וואָס וועט איזאָלירן די נאָענטע און זיי לסוף דערפירן צו א שלום. טו עס נישט, אויב לויט דיין באַטראַכטונג קאָן אַזאַ רמז אונדז אויסשטעלן אין די אויגן פון פּאַקיסטאַן ווי פאַרקויפטע צו די סאָוויעטן, אָבער דער שכל איז מחייב אַז אַ געמיינזאַמער דרוק פון אויסטראַליע און ס.ס.ס.ר. וועט דינען ווי אַ באַווייז פון אַ קאָנקורירן צווישן זיך פון מזרח און מערב פאַר אונדזער פריינטשאַפט. וועט דעמאָנסטרירן אונדזער וויכטיקייט פאַר ביידן, וועט העכערן אונדזער פּרעסטיזש און וועט צואיילן דעם פאַרשלאַג״.

די צווייטע טעלעגראַמע אין דעם ענין איז געווען פון מיר צום הער שרת, אין נאָוועמבער 1949:

„כ׳האָב נעכטן באַזוכט מאַקסימאָוון *), דעם פאַרטרעטער פון באַקולין — — — האָב געפּרוווט פאַרבייגייענדיק באַרירן דעם ענין פּאַקיסטאַן, ווי אין דיין טעלעגראַמע... ער האָט צוגעזאָגט דאָס פאַרצערברענגען פאַר די העכער־שטייענדיקע, אָבער איז אריין אין שמועס. ער האָט אויסגעדריקט זיינע פּערזענלעכע ספקות, צי זייער פאַרנעמען זיך וועט ברענגען פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. ערשטנס — זיי האָבן נאָך נישט קיין נאָרמאַלן דיפּלאָמאַטישן קאָנטאַקט מיט פּאַקיסטאַן, און אַז

---

*) אפשר איז דאָס דער מאַקסימאָוו, וואָס האָט אין 1943 איבערגענומען אין טעהעראַן פון די פאַרשטייערס פון דער „ליגע ווי״ אין ארץ ישראל די אמבולאַנסן — אַ מתנה פונעם יידישן ישוב, צוהילף דער סאָוויעטישער אַרמיי.

עס וועט קומען דער געזאנדטער, וועלן בלויז געמאַכט ווערן די ערשטע פאָרמעלע שריט. צווייטנס — פּאַקיסטאַן שטעלט מיט זיך פאַר דעם וויכטיקסטן יסוד פאַר אויפשטעלן אַ ברייטע מוסולמענישע ליגע אַנ־שטאָט דער היינטיקער אַראַבישער ליגע, און עס איז א ספק צי זי וועט זיין גרייט זיך צוצואיילן צו אָנערקענען ישראל און דערמיט אויפרייצן די אַראַבישע מדינות, אָדער א טייל פון זיי. דריטנס — מעגלעך, אַז גראָד דער פּרווו פון די סאָוויעטן צו ווירקן אין דעם ענין וועט נישט ברענגען קיין נוצן ישראל, ווייל פּאַקיסטאַן קאָן חושד זיין, אַז דאָ איז נישטאָ קיין זאָרג צו פאַרפעסטיקן דעם שלום אין נאָענטן מזרח און אפילו נישט קיין ווילן צו העלפן ישראל, נאָר מען באַנוצט זיך מיט ישראל ווי מיט נאָך איינעם פון די סאָוויעטישע פּאָרטלען קעגן דעם פּלאַן פון א מוסולמענישער ליגע, און נישט מער. כדי אויסצומיידן א טעות: די אלע פאָרמולירונגען זענען מיינע און נישט מאַקסימאָווס; ער האָט גערעדט מיט אָפּגעריסענע און שטאַמ־לענדיקע זאצן, דאָ און דאָרט פאַרשטעלטע, אָבער אזוי האָב איך פאַרשטאַנען זייער זין. בכלל איז אין זיינע רייד געווען אַ נעגאַטיווער טאָן כלפּי פּאַקיסטאַן, אַ טאָן וואָס איז אין פולשטענדיקער סתירה צו דער אָפיציעלער מעלדונג, וועלכע איז אינעם זעלבן טאָג פאַרעפנט־לעכט געוואָרן וועגן אַ סאָוויעטישער דעלעגאַציע צו דער קאָנפערענץ פון די פּאַקיסטאַנער זשורנאַליסטן, אַ דעלעגאַציע אין וועלכער עס נעמט אויך אָנטייל טורסון זאדעה, אַ באַקאַנטער דיכטער פון מוסולמע־נישן טאַדזשיקיסטאַן, אַ שריט וואָס איז נישט שכיח לגבי לענדער, וואָס געהערן נישט דעם סאָוויעטישן בלאָק. מאַקסימאָוו האָט נישט אָפּגעלייקנט און נישט באַשטעטיקט די ידיעות וועגן באַזוך פון פּאַקיס־טאַנער פּרעזידענט אָדער פּרעמיער. אין מיינע ענטפערס בין איך גע־ווען זייער שטאַרק פאָרזיכטיק, ווייל דעם דריטן מאָטיוו דאַרף מען אליין און פאַר זיך נישט גרינגשעצן, אַפילו מען זאָל אָננעמען, אַז מאַקסימאָווס מאָטיווירונגען זענען נישט קיין אויפריכטיקע, און אין דיין אויבנדערמאָנטער טעלעגראַמע איז אויך געווען אַזאַ אָנשטויסן זיך.

דעריבער האָב איך געלויבט זיין אַנאַליז און זיין אַרומנעמענדיקן בליק און געזאָגט, אַז זיינע מאָטיווירונגען זענען זייער וויכטיקע און מען דאַרף באמת פריער גרינטלעך באטראכטן דעם ענין, כדי מיר זאָלן נישט ארויס פאַרשפּילטע אָנשטאָט צו געניסן. דערנאָך — ווי מאָטיוון פאַר — האָב איך אין מיינע באַמערקונגען געבראַכט עטלעכע ביי־שפּילן, וואָס באַווייזן אַז צווישן די איסלאַם־מדינות זענען פאראַן פאַרשיידענע טענדענצן און אינטערעסן און אַז עס איז נישטאָ קיין פולע איינהייטלעכקייט און מרמז געווען, אָן אויסצוטייטשן, אַז לויט אונדזער אינפאָרמאציע איז אין דער פּאַקיסטאַנער רעגירונג פאַראַן אויך אַ מיינונג וואָס איז פאַר אָנערקענען. איך האָב פאַרענדיקט מיטן

אויסדריקן די זיכערקייט, אז זיי וועלן גוט-גוט איבערלייגן די אַלע זייטן פון פאַר און קעגן און וועלן זיכער נישט טאָן קיין שום זאַך וואָס קאָן אונדז ברענגען שאָדן. ווי געזאָגט, ער האָט באַלד אין אָנהייב צוגעזאָגט פאַרציבערענגען דעם ענין פאַר די העכערע פון אים, און די ספיקות האָט ער אויסגעדריקט בלויז ווי פריוואטע נאָכטראַכטענישן.

נאָך א פרווו זיך צו באַנוצן מיט מאָסקווע און אירע פאַרבינדונ־גען, ווי מיט אַן אומדירעקטער בריק האָבן מיר געמאַכט אין דער ריכטונג פון עטיאָפּיע, וועלכע האָט אין יענע טעג נאָך נישט געהאַט אָנערקענט ישראל און האָט זיך אַפילו צייטנווייז אידענטיפיצירט אין אונ״אָ מיטן אַראַבישן בלאָק, אָננעמענדיק א קעגנערישע שטעלונג צו אונדז. דער נייער עטיאָפּישער געזאַנדטער שלאַטע טרעפּיע שומיע, וואָס איז געקומען קיין מאָסקווע אין האַרבסט 1949, האָט אויסגע־דריקט זיין פולע גרייטקייט זיך צו מיען צו דערגרייכן עטיאָפּיעס אָנערקענונג און זיך צו ווענדן אין דעם ענין איבערן קאָפּ פון זיין אויסערן־מיניסטער. דירעקט צום קייסער, וואָס איז לויט זיינע רייד געווען זיין פריינט. דער מענטש האָט אונדז אויסגעזען באמת צו זיין אויפריכטיק פאַראינטערעסירט, האָט זיך אפילו דערמיט פאַר־נומען, ווי ער האָט צוגעזאָגט, בעת זיין באַזוך אין זיין פאָטערלאַנד. אָבער די רעזולטאַטן האָבן זיך נאָך נישט געזען.

מיטן אוועקגיין פון יאָר 1949, האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מען דאַרף צונויפשטעלן אַ מין צווייטן סך־הכל פון די ענינים וועגן וועל־כע מיר האָבן פאַרלאַנגט אַן אָפיציעל פאַרנעמען זיך מיט זיי אין מאָסקווע, אין די חדשים מאי־דעצעמבער. דער צווייטער סך־הכל איז נישט געווען מער דערפרייענדיקער ווי דער ערשטער.

ענינים וועלכע אונדזער געזאַנדשאַפט האָט געבעטן ביים סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטער צו דערליידיקן מאי 1949 — דעצעמבער 1949

עס זענען דערהאַלטן געוואָרן ענטפערס אויף דריי פון אונדזערע פיר בקשות צו דערלויבן ארויספאָרן יונגע קינדער, וועמענס עלטערן געפינען זיך אין לאַנד. אין צוויי פאַלן איז דער ענטפער געווען, אַז זיי זענען נישט קיין סאָוויעטישע בירגער, אין דריטן פאַל האָט מען צום ערשט געענטפערט, אַז זי איז לויטן אַדרעס נישט געפונען גע־וואָרן, און נאָך אַ צווייטער „נאָטע״ האָט מען געענטפערט, אז זי איז אַ סאָוויעטישע בירגערין; וואָס שייך דעם פערטן פאַל — נישטאָ קיין ענטפער.

די 4 ישראל־בירגער: וועגן צוויי האָט מען געענטפערט, אז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן סאָוויעטישע בירגער. מיר האָבן אַפּעלירט און ווידער געקראָגן די זעלבע תשובה. וועגן די אַנדערע צוויי איז די

תשובה געוועז, אַז „די באַרופענע סאָוויעטישע אינסטאַנצן" האָבן אי־בערגעגעבן זייערע ענטפערס דירעקט צו די פאַראינטערעסירטע פערזאָנען.

ביטעס וועגן דאָקומענטן (מעטריקעס, שול־פאַרענדיקן א.א.): מיר האָבן דערלאַנגט 19 בקשות. אין צוויי פאַלן האָבן מיר באַקומען די דאָקומענטן, קעגן אַן אָפּצאָל פון 22.50 רובל יעדער; אין צוויי פאַלן האָט מען געענטפערט, אַז די דאָקומענטן זענען נישט געפונען געוואָרן; אין דריי פאַלן האָט מען פאַרלאַנגט נאָך פּרטים; אין צוועלף פאַלן איז נאָך דערווייל קיין ענטפער נישטאָ.

מיר האָבן געבעטן דעם לערן־פּלאַן פון פאַקולטעט פאַר מעכאַניק — מען האָט געענטפערט, אַז עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט די בקשה צו דערפילן.

מיר האָבן געבעטן פּרטים וועגן דער לערן־צייט פון פאַרמאַצעווטיק אין קאַזאַנער אוניווערסיטעט — מיר האָבן געקראָגן די נויטיקע פּרטים.

מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַ מעגלעכקייט צו קויפן חיות פאַרן זאָאָלאָגישן גאָרטן אין תל־אביב — מיר האָבן געקראָגן די נויטיקע פּרטים.

מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט מכוח די באַדינגונגען פון לערנען צאָן־דאָקטאָריי אין פּאָלטאַווע — נישטאָ קיין ענטפער.

מיר האָבן געבעטן אַן ארויספאָר־דערלויבעניש פאַר א קינד, וועמענס מוטער עס געפינט זיך אין לאַנד — מען האָט געענטפערט, אַז ער איז אַ סאָוויעטישער בירגער.

אונדזער האַנדלס־אַטאַשע, הער ביזשעראַנאָ, האָט געבעטן א דערלויבעניש צו באַזוכן אַ טאַבאַק־פאַבריק און אַ טעקסטיל־פאַבריק — עס איז קיין ענטפער נישט געקומען.

הער ביזשעראַנאָ האָט געבעטן אַ דערלויבעניש אויף צו פאָרן קיין סטאַלינגראַד מיט אַ שיף אויפן טייך — מען האָט געענטפערט, אַז מען קען פאָרן נאָר מיט דער באַן אָדער עראָפּלאַן. לעצטנס איז צייטווייליק אָפּגעשאַפן געוואָרן די דערלויבעניש צו פאָרן בכלל קיין סטאַלינגראַד.

פעטערזייל, פון אונדזער געזאַנדשאַפט אין וואַרשע, האָט דורך אונדזער פאַרמיטלונג, געבעטן אַ דערלויבעניש אַריינצופאָרן כדי צו היילן זיין זון, וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין באַפרייאונגס־קריג. מען האָט געענטפערט, אַז די מעדיצינישע ספּעציאַליסטן האָבן געפונען, אַז לויט די דאָקומענטן וואָס מיר האָבן צוגעשטעלט, איז נישטאָ קיין אויסזיכט אויסצוהיילן די האַנט, וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן (אזא איז אויך געוועזן די מיינונג פון די דאָקטוירים אין וואַרשע).

מיר האָבן געבעטן אַן אַריינפאָר־דערלויבעניש פאַר אַ ישראלדיק קינד, קראַנק אויף לעוקעמיע (אין דער באַגלייטונג פון זיין מוטער)

— אין ועקס וואָכן אָרום האָט מען געענטפערט, אַז זיי וועלן קאָנען באַשליסן ערשט נאָך דעם ווי מען וועט זיי צושטעלן גענויע דאָקומענטן. דערווייל איז דאָס קינד געשטאָרבן.

דער פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן איז איינ־געלאַדן געוואָרן צו דער דערעפענונג פונעם ווייצמאַן־אינסטיטוט — עס איז אָנגעקומען אַ באַגריסונגס־בריוו מיט אַ מעלדונג, אַז ער קאָן איצט נישט פאַרלאָזן מאָסקווע.

מיר האָבן געבעטן אַ ספּעציאַליסט פאַר באַוואַלדיקונג, ווי אַ ראַטגעבער פון פּרעמיער — קיין ענטפער איז נישטאָ.

מיר האָבן געבעטן קאַרטאָפל־זריעה („מאַלוס פּראָניפאַריאַ") — מען האָט געענטפערט, אַז אַזאַ זריעה איז נישט צו קריגן.

מיר האָבן געבעטן פאָטאָ־קאָפּיעס פון עטלעכע אַלטע העברעאישע כתב־ידן פאַר דער געזעלשאַפט „מקיצי נרדמים" — נישטאָ קיין תשובה.

מיר האָבן איבערגעוויזן אַ בקשה פון אַ ישראל־איינוווינער, מכוח צאָלן אַ פּענסיע פאַר זיין זון, „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד", וואָס איז געפאַלן אין קריג — דער ענטפער פון 2־טן פעברואַר 1950: דאָס געזעץ גיט נישט קיין רעכט אויף פּענסיע מענטשן, וואָס וווינען אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד.

אין געשפּרעך מיט ווישינסקין און דערנאָך מיט גראָמיקאָן האָב איך איבערגעגעבן די איינלאַדונג פון אויסערן־מיניסטער אויף גראָמי־קאָס באַזוך אין לאַנד — נישטאָ קיין ענטפער.

מיר האָבן געבעטן צוויי ספּעציאַליסטן פון מעדיצין זאָלן באַזוכן דאָס לאַנד אויף דער איינלאַדונג פון געזונטהייטס־מיניסטעריום — קיין ענטפער איז נישט געקומען.

בעת גאָלדע מאירסאָנס געזעגענונגס־באַזוך ביי ווישינסקין, און נאָך דעם אין מיינע געשפּרעכן מיט ווישינסקין און גראָמיקאָן, ווי אויך מ. ביזשעווּאָנאָס אין מיניסטעריום פאַר אויסערן־האַנדל, האָבן מיר געבעטן קרעדיט אויף צו קויפן סחורות אין ס.ס.ס.ר. — נישט גע־קומען קיין תשובה.

י. ברנע און פּרופ׳ זענען געפאָרן אויף אַ דרייטאָגיקן וויזיט אין אָדעס און אונדזער מיטטיילונג צום אויסערן־מיניסטעריום האָבן מיר געשריבן, אַז פּרופ׳ ברנע האָט אויך בדעה צו באַזוכן אירע אַלטע על־טערן, וואָס וווינען דאָרט. זיי האָבן באַזוכט די עלטערן, ערשט נאָכדעם ווי עס איז פּריער געמאָלדן געוואָרן וועגן דעם אין אַרטיקן „אינטור־ריסט".

די עליה פון די כאַרבינער יידן איז צושטאַנד געקומען פון אַ כינעזישן פּאַרט.

מיר האָבן מינדלעך געבעטן שטיצע פאַר אונדזער אָנגענומען ווערן אין אינטערנאַציאָנאַלן פּאָסט־פאַרבאַנד — די שטיצע איז גע־געבן געוואָרן.

מיר האָבן געבעטן שטיצע אין דער פראַגע פון „מגן דוד אדום"־אָפּצייכן — די שטיצע איז געגעבן געוואָרן, נאָך עטלעכע וואַקלונגען אין אָנהייב.

ווענדונגען צו וואַ"קס

1. מיר האָבן געשיקט העברעאישע איבערזעצונגען פון טאָלסטאָיס ווערק פאַרן טאָלסטאָי־מוזיי — מען האָט באַשטעטיקט דאָס דערהאַלטן און אונדז געמאָלדן, אַז די ביכער זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין טאָלסטאָי־הויז אין מאָסקווע.

2. מיר האָבן געבעטן מאַטעריאַל וועגן יידישע קאָמפּאָזיטאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרן הער שליטא פון תל־יוסף, וואָס פאַרנעמט זיך מיט צוגרייטן אַ בוך אויף דער טעמע — קיין ענטפער נישטאָ.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז מיר האָבן אַ סך מער נחת געשעפּט אויף דעם ספּעציפישן געביט פון האַנדלס־באַציאונגען, וואָס זענען, פון אונדזער זייט, ביז האַרבסט 1949 געלעגן אין די הענט פון אונדזער האַנדלס־אַטאַשע הער ביזשעראַנאָ און דערנאָך זענען זיי במשך פון אַ לאַנגער צייט געבליבן אינגאַנצן „אָן אַ טאַטן". אָבער מען קאָן זאָגן דעם אמת, אַז אויף דעם געביט זענען די אַנטוישונגען טיילווייז געווען די פּרוכט פון ישראלדיקער „איניציאַטיוו", אַ רעזולטאַט פון אומאָרגאַניזאַציע און אומדערפאַרונג, וואָס האָבן געגעבן זייערע שטרויכלענדיקע סימנים אין נאָך אַנדערע טעטיקייט־געביטן פון מדינת ישראל אין אירע ערשטע יאָרן.

שוין אין אָנהייב טעטיקייט פון אונדזער געזאַנדשאַפט, סוף אָקטאָבער 1948, האָט פרוי מאיר געהאַלטן פאַר נויטיק טעלעגראַפירן צום הער שרת די פאָלגנדיקע ווערטער:

„...ביזשעראַנאָס אַרבעט ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אוממעגלעך צוליבן פעלן פון קאָאָפּעראַציע אין זייערע ענינים מיט אונדזערע רעגירונגס־אַמטן, דאָס פעלן פון אַ קאָנקרעטן ענטפער אויף זייערע אָנפראַגעס... אַזאַ לאַגע קאָן אָנרירן דעם אַלגעמיינעם פּרעסטיזש פון אונדזער געזאַנדשאַפט און שטעלן אונטער אַ צווייפל דעם ווערט פון די געשפּרעכן מיט אירע פאָרשטייערס. אין לעצטן געשפּרעך האָט דער דירעקטאָר פון „נעפט־עקספּאָרט" געזאָגט ביזשעראַנאָן, אַז אויב מיר וועלן נישט שליסן קיין פערבער־אָפּמאַך *) וועלן זיי פאַרקויפן דעם ברען־שטאָף צו סיריע, וועלכע דריקט אויף זיי".

די האַנדלס־באַציאונגען האָבן זיך פאַקטיש איבערגעריסן אין דער ערשטער וואָך פון חודש מערץ 1949, און דאָס צוליב דריי סיבות: א. דאָס פעלן פון אויסלענדישער וואַלוטע; ב. אונדזער אָנשליסן זיך

---

*) א פּריוואַט־אָפּמאַך פון איינקויפן ברען־שטאָף.

אין אינטערנאַציאָנאַלן ווייק־אָפּמאַך, וואָס דערמעגלעכט אַ ביליקערן פּרייז; ג. דער סיכסוך וועלכן עס האָט גורם געווען דער פּרווו פונעם פינאַנס־מיניסטעריום — אַ פּרווו וואָס איז נישט געלונגען, ווי עס איז געווען פּאָראויסצוזען, און איז געווען אין קעגנזאַץ צו אונדזערע כסדרדיקע וואָרענונגען, אָבער ער איז געווען געבויט אויף אַביסל קאַליע צו מאַכן די באַציאונגען — חרטה צו האָבן אויף אַן אָפּמאַך, וועלכן עס האָט געשלאָסן און אונטערגעשריבן הער ביזשעראַנאָ. עס איז אונדז אויך פאָרגעלייגט געוואָרן צו קויפן קוקורודזע און צוקער.

עס איז דעריבער אַ ספק צי דאָס פּראָבלעם פון האַנדלען מיטן ראַטנפאַרבאַנד, די מעגלעכקייטן און די עקאָנאָמישע כדאיקייט, איז ביי אונדז גענוג אויסגעפאָרשט געוואָרן דורך זאַכקענערס, אויך פון אַ ברייטערן און ווייטזעעוודיקערן קוק־ווינקל. פאַר יעדן פאַל איז כמעט זיכער, אַז עס איז נישט געווען קיין גענוגנדיקע אויסרעכענונג בנוגע דער אויסערן־פּאָליטישער זייט פון דעם ענין.

דעריבער האָב איך דאָס געפּאָזערט פון דער קריה, און געראַטן נישט פאַרנאַכלעסיקן דאָס באַהאַנדלען און דאָס פאַרנעמען זיך מיט אָט דעם ענין און מאַכן עס וואָס שנעלער. עס איז כמעט אַן צווייפל, אַז די ערשטע האַנדלס־אויפאַקערונגען זענען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן און האָבן באַוויזן פאַרוואַקסן צו ווערן מיט ווילד־גראָז. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז עס וועלן זיך פאָדערן אָנשטרענגונגען כדי זיי אויסצורייסן.

ווי מען געדענקט האָב איך באַרירט די פראַגע פון אויסברייטערן די עקאָנאָמישע באַציאונגען, און מיר האָבן געבעטן אַ פּרינציפּיעלע הסכמה פאַר א הלוואה (בערך, לויטן מוסטער פון דער אמעריקאנער) ביי א. ווישינסקין, וועלכער האָט צוגעזאָגט איבערצורעדן וועגן דעם מיט מענשיקאָוון. הער ביזשעראַנאָ האָט בשעתו פון זיין זייט אויפגעהויבן די פראַגע ביי סלאַדקאָווסקין, איינער פון די דירעקטאָרן פון „וונעשטאָרג". מען האָט העררוויל נישט געקאָנט פאָראויסזען וואָס עס וועט זיין זייער ענטפער, אָבער דאָס איבערייסן די האנדלס־פאַרבינדונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן און זענען אין פאַרלויף פון דער צייט דערגאַנגען צו אַ פאַרהעלטנישמעסיק אָנגעזעענעם פאַרנעם, האָבן זיכער נישט געקענט צוהעלפן אין קיין שום זין.

אין יולי 1949 האָט אויף אַ ווייל אויסגעזען, אַז עס איז צו דערוואַרטן אַ פריילינג איז אונדזערע האַנדלס־באַציאונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד. הער ביזשעראַנאָ האָט זיך צוויי מאָל געטראָפן מיטן הער סלאַדקאָווסקי, פון די וויכטיקסטע פערזאָנען אין סאָוויעטישן מיניסטעריום פאַרן אויסערן־האנדל, און עס איז אויף אַ גאַר אלגעמיינעם אופן אַרומגערעדט געוואָרן מכוח קויפן סחורות אויף אַ קרעדיט פון פינף יאָר, אויף א סכום פון הונדערט מיליאָן דאָלאַר, דעקנדיק דערביי אַ צוואַנציק ביז פינף און צוואַנציק פראָצענט מיט אונדזערע סחורות.

סלאַדקאָווסקי האָט זיך באַמיט בלויז אויפצוקלערן די אַלגעמיינע ראַם פונעם פּראָבלעם און, אַן אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג, צוגעזאָגט דאָס צו דערפירן צו אַ פּרינציפּיעלן באַשלוס פונעם מיניסטער, און ענטפערן ווי צום שנעלסטן.

אָבער דעם 3־טן מאַי בין איך געווען געצוווּנגען, אין פאָרם פון אַן אָנקלאָג, צו באַריכטן דעם אויסערן־מיניסטער:

ס'איז שוין דער פינפטער חודש ווי עס איז נישטאָ הי קיין האַנדלס־אַטאַשע, און אַ דריי פערטל יאָר ווי מיר האָבן דאָ גאָרנישט געקויפט.

פון שטאַנדפּונקט פון דאַטעס קומט אויס, אַז מיר האָבן דאָ אויפ־געהערט יעדע האַנדלס־טעטיקייט בערך פון יענעם טאָג אָן, ווען מיר האָבן אָפיציעל איבערגעגעבן ווישינסקין אונדזער בקשה וועגן האַנדלס־קרעדיט. דערווייל איז נישטאָ קיין שום סימן, אַז עס איז צו דער־וואַרטן אין דער גאָענטסטער צייט צו באַקומען אַזאַ קרעדיט. פון דעסטוועגן איז מיר קלאָר, אַז דאָס אויפהערן דאָ אַבסאָלוט צו קויפן, איז פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט נישט באַרעכטיקט, ווען אַפילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז פון ריין עקאָנאָמישן קוק־ווינקל איז עס נישט כדאי (אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט מען געדאַרפט יעדעס מאָל באַזונדער קעמפן מיטן פינאַנס־מיניסטעריום כדי אַרויסצוקריגן זיין הסכמה אויף עפּעס וואָס דאָ צו קויפן, אָבער נאָכן קויפן האָט זיך תמיד אַרויסגעוויזן, אַז די מורא פאַר פאַרלוסטן איז געווען אַן איבער־ריקע). אַ האַנדלס־פּאָליטיק כלפּי דעם ראַטנפאַרבאַנד לויט דער שיטה פון „אָדער גאָר, אָדער גאָרנישט״ וועט נישט זיין לטובת אונדז, פּונקט ווי עס האָט נישט קיין זין אַזאַ שיטה אין פּאָליטישן לעבן בכלל.

זינט דער ביוּשעראַנאַ איז פון דאַנען אַוועקגעפאָרן, איז פון לאַנד אונדז אַפילו קיין איין מאָל נישט פאַרגעלייגט געוואָרן צו פּרוּוון דורכפירן אַ וועלכע עס איז האַנדלס־אָפּעראַציע. דער רוסישער אויס־סערן־האַנדל קאָן נאָך ווי עס איז זיך באַגיין אָן אונדז. מען קאָן באַ־דויערן אַזאַ לאַגע. מיר קאָנען זי אָבער נישט ענדערן, פּונקט ווי נישט אַזוי גיך וועט לחלוטין פאַרביי די נויטיקייט צו זוכן שטיצע ביי די רוסן אין דעם אָדער אַנדערן ענין. אַ פולשטענדיקער זערע אין פּאַראַ־גראַף ס. ס. ו. אין אונדזער האַנדלס־באַלאַנס וועט אונדז נישט שטאַרקן.

דאָס הויז פון דער געזאַנדשאַפט, אַן אַלט פּראַכטפול הויז פון אַריסטאָקראַטן פון די צאַרישע צייטן אויף גלאַזאָווסקי־גאַס, און אויך דאָס דערביַיאיקע הויז, וואָס איז אין משך פון דער צייט געשטעלט געוואָרן צו אונדזער רשות אויף צו באַזעצן דאָרט אַ טייל פון אונדזע־רע מענטשן — איז געוואָרן אַ מין קליינע ישראלדיקע קאָלאָניע אין צענטער פון דער סאָוויעטישער רעזידענץ, אַ קאָלאָניע, וואָס האָט געציילט ביי אַ צוואַנציק נפשות (פון זיי אַן 11—12 פאַקטישע אָנגע־שטעלטע פון דער געזאַנדשאַפט) און צוזאַמען מיט די רוסישע אַר־

בעטער — צוויי שאָפּערן, זעקס הויז־באַדינערינס, און אויך איינעם וואָס מען רופט רעָ אויוון־הייצער, וואָס האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד אין די בנינים פון דער געזאַנדשאַפט — האָבן מיר געציילט בײַ א 30 פּערזאָן.

אונדזערע רוסישע ארבעטער, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן אין אונדזער רשות אַ דאַנק דער העפלעכקייט פון די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען, פּונקט ווי אַנדערע אָרטיקע איינוווינער פון אַלע אַנדערע פרעמדע פאַרשטייערשאַפטן הי, האָבן געארבעט ביי באַדינגונגען וואָס האָבן זיכער געקאָנט אַרויסרופן קנאה ביי דער מערהייט חברים זייערע און קרובים, אָבער עפּעס האָבן זיי זיך ביי אונדז נישט געהאַלטן צו לאַנג. נאָך אין דער צייט פון מיין אמטירן, למשל, איז פּלוצים בײַ אונדז צוגענומען געוואָרן אַ רוסישע דינסט מיטן נאָמען „קאַפּאַ" און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין סיביר. די דאָזיקע ענינים זענען געוואָרן אלץ האַרבער און אויסטערלישער, וואָס מער עס האָט זיך פאַרשאַרפט דער קאַלטער קריג. אויף אַ כאַראַקטע־ריסטישן אופן האָט מיר וועגן דעם דערציילט מיין פריינט הער אריה ארוך, אין אַ בריוו, וועלכן ער האָט מיר געשיקט פון מאָסקווע, אַ קורצע צייט נאָך מיין פאָרענדיקן דעם דיפּלאָמאַטישן אמט דאָרט, אַז:

„דאָס קאַפּיטל „באַדינונג" ווערט דאָ שווערער פון טאָג צו טאָג: און נישט דווקא בלויז אין אונדזער געזאַנדשאַפט. אין אלע פאַרשטייערשאַפטן ווערן אין דער לעצטער צייט „נעלם" דינסטן און שאָפערן און גייען דעם זעלבן וועג, וועלכן עס איז אין איר צייט געגאַנגען „קאַפּאַ"...

אזוי האָבן מיר אַנגעוווירן גאַליאַן און מיט בערך אַ חודש צוריק... דעם קליינעם פּאַוועל. אויך ער האָט אין איינעם טאָג געמאָלדן מיט אַ טראַגיש און געהיימנישפול פּנים, אַז ער דאַרף אונדז תיכף פאַרלאָזן און — פרעגט נישט! אַז איך בין געווען מיט אים אליין אין גאַס און ווייט פון דער געזאַנדשאַפט, און געפּרוווט אויף אים ווירקן ער זאָל בלייבן וויניקסטנס ביז מיר וועלן קריגן אַ נייעם שאָפער, האָט ער מיר געזאָגט: „הער ארוך, נישט שוין פאַרשטייט איר נישט וואָס דאָ געשעט? איר זייט דאָך נישט קיין קינד! און צו באַקומען אַ נייעם אַרבעטער איז כמעט אוממעגלעך. אין אַנדערע פאַרשטייער־שאַפטן וואַרט מען שוין חדשים און מען קריגט נישט. מיר האָבן געקראָגן אַ נייעם שאָפער נאָך באַמיאונגען פון עטלעכע וואָכן און נאָכן אינטערווענירן און וויזיטן ביי די שעפן פון פּראָטאָקאָל, וואָס האָבן צוגעזאָגט און זיך געשווירן".

מען דאַרף דאָס פאַרשטייט זיך, זען אויך אויפן פאָן פון דער שטענדיקער דערווייטערונג צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג און פרעמדע בכלל — און פון דיפּלאָמאַטן בפרט. אַ פאַרפּליכטנדיקע,

געזעצלעכע און דראָענדיקע האַפט האָט מען דער דערווייטערונג געגעבן בערך אין 1947, מיטן אָנהייבן זיך פונעם קאַלטן קריג צווישן „מזרח” און „מערב”. דער נייער נוסח פונעם געזעץ וועגן אָפיציעלע סודות האָט אריינגענומען אין זיך אלץ און קיין שום זאַך נישט דורכגעלאָזט. אפילו מלוכהשע אינסטיטוציעס האָבן נישט געהאט קיין רעכט זיך צו פאַרבינדן מיט פרעמדע געזאנדשאַפטן, נאָר אויסשליסלעך דורך דער פאַרמיטלונג פונעם אויסערן־מיניסטעריום. דאָס אַלץ האָט פונדעסטוועגן נישט פאַרפליכטעט די געזאנדשאַפטן, ווייל אַ מענטש פון אַ געזאנדשאַפט האָט געקאָנט אריינגיין אין אַ פריוואט רוסיש הויז, אויב יענער האָט עס געוואָלט. אָבער די פראַגע צי איז דאָס אָנגענעם דעם בעל־הבית פון דער דירה איז בכלל קיין פראַגע נישט געווען, וואָרום עס איז געווען קלאָר, אַז עס איז אים נישט אָנגענעם (אין דעם זין, ווי אין נאָך אַנדערע, זענען מיר, די ישראלדיקע, געווען אין אַ געוויסער מאָס אַן אויסנאם. מיר האָבן מיט די דאָרטיקע איינוווינער געהאַט אַ ברייטערן קאָנטאַקט ווי די אַנדערע געזאנדשאפטן).

צו דער דריקעניש פון איזאָלאציע און פאַרדאַכט איז נאָך צוגעקומען די שוועריקייט מיט וועלכער עס איז געווען פארבונדן דאָס קריגן די מינדעסטע באַדינונג. יעדע אַזאַ באַדינונג האָט געפאָדערט אַ פון פאָראויסיקע ווענדונג — און על פי רוב נישט נאָר איינע — צו דער באַדינונגס־ביוראָ פאר דיפלאָמאַטן ביים אויסערן־מיניסטעריום. אויב עס איז קאַליע געוואָרן די עלעקטריע ביי איינעם פון אונדזערע מענטשן, האָבן מיר טעלעפאָנירט צו דער דאָזיקער ביוראָ. און זיי פלעגן אונדז פאָרלייגן מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, צו שיקן אַ „נאָטע” צום אויסערן־מיניסטעריום. נאָכן שיקן די „נאָטע” זענען דורך טעג אויף טעג און אַמאָל האָט מען געדאַרפט שיקן נאָך אַ „נאָטע” ביז דער עלעקטראָטעכניקער איז געקומען. דאָס זעלבע אויב אין איינער פון די טירן איז אַ שלאָס קאַליע געוואָרן, און ענלעכע זאַכן. עס איז איבעריק צו דערציילן, אַז דאָס דערליידיקן ענינים פון פאָסט אָדער צאָל איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרשווענדן צייט און מיט דענערווירונגען. מען פלעגט אַמאָל פאַרשווענדן אַן אַרבעטס־טאָג אויף אָפּצונעמען אַ קליין פעקל, וואָס איז אונדז אָנגעקומען פון לאַנד אָדער אויף אַוועקצושיקן אַ וועלכן עס איז פאַקעטל פון מאָסקווע אין לאנד אריין.

קאפיטל זעקס

אין דער געזעלשאפט פון דיפלאמאטן

די דיפלאמאטישע „בירזשע" אין סטאלינס רעזידענץ. אן אמעריקאנער דיפלאמאט. דארזשע, פראנצויזישער ראטגעבער. פאלקס־דעמאקראטישע ראט״עבערס און אנדערע. א מסיבה ביי די אונגארן. ביים פויל־ישן געזאנדטן. דער אלבאנישער באפולמעכטיקטער און די יידן־פראגע... ביי מאגליא בראסיא. א סכסוך אין די „הויכע פענצטער". דעם מלכס געבוירנטאג. בלום דער לוקסעמבורגער, דער עלטסטער פון די געזאנדטע. סער דייוויד קעלי, נייער בריטישער אמבאסאדאר. וואלווארט בארבור. אינדיע, כינע און אינדא־כינע. סקאנדינאווישע פערספעקט־יוון. „נישט־דיפלאמאטישע" באציאונגען. קאנטאקטן און זייערע פאר׳וואנדלונגען.

צווישן די מיטגלידער פון דיפלאמאטישן קארפוס אין מאסקווע האט אנגעהאלטן א זייער פעסטער קאנטאקט. נישט געקוקט אויף דער פארשטארקנדיקער דערווייטערונג מצד די מענטשן פון די פאלקס ־ דעמאקראטישע פארשטייערשאפטן, האבן מיר נאך פון דעסטוועגן געהאט א סך מעגלעכקייטן זיך צו טרעפן מיט זיי אויף מסיבות און ענלעכע און סיי אין די קאנצעלאריעס צוליב געוויסע ענינים. מיר האבן אנגעהאלטן ענגע געזעלשאפטלעכע באציאונגען מיט די באאמטע פון די אנדערע פרעמדע געזאנדשאפטן, אריינגע־רעכנט אויך דיפלאמאטן פון לענדער וועלכע האבן אונדז נאך נישט געהאט אנערקענט (אן אויסנאם זענען געווען די אראבער, מיט וועמען מיר האבן נישט געהאט קיין שום קאנטאקט). אט דער פעסטער קאנטאקט צווישן דעם דיפלאמאטישן קארפוס, וואס האט נישט געהאט צו זיך קיין גלייכן אין קיין שום אנדערער הויפטשטאט אין דער וועלט, האט געהאט א וויכטיקע באדייטונג. ער האט אונדז דערמעגלעכט צו שאפן א באציאונג פון סימפאטיע צו ישראל ביי א סך מענטשן, וואס אדאנק זייער פאך אדער געזעלשאפטלעכן מעמד האבן געקאנט משפיע זיין אויף די פאליטישע שטימונגען אין זייערע לענדער — סיי אין דער תקופה פון זייער דיפלאמאטישן דינסט אין ראטנפארבאנד, סיי אויך אין דער צוקונפט בעת זיי וועלן פארנעמען אנדערע אמטן און אויף אנדערע ערטער — און על פי רוב וויכטיקערע אמטן. מיר האבן

אויך געהאַט די מעגלעכקייטן איבערצוגעבן פאַרשידענע ווענדונגען, אָפיציעלע צי האַלב־אָפיציעלע, דורך דיפּלאָמאַטישע קאַנאַלן און אין אַ פאָרם וואָס האָט בדרך כלל פאַרזיכערט אַז זיי וועלן געניסן פון אויפמערקזאַמקייט אָדער באַטראַכטונג.

אויסער דעם האָט דער קאָנטאַקט אינעם קאָרפּוס, בפרט אין זיינע ווייניקער אָפיציעלע פאָרמען, געגעבן פיל געלעגנהייטן זיך צו דערוויסן די מיינונגען פון אַ סך דיפּלאָמאַטן פון פאַרשידענע לענדער. דער אויסטויש פון ווערטער און דאָס צוהערן זיך צו געשפּרעכן האָבן מיטגעהאָלפן זיך קלאָר צו מאַכן די פאַרשידענע פּאָליטישע פּראָבלעמען וואָס שווימען אַרויף אויפן טאָג־אָרדענונג — דער עיקר אין שייכות מיטן ראַטנפאַרבאַנד, אָבער אויך אויף אַנדערע געביטן פון דער וועלט־פּאָליטיק. צייטנווייז האָבן זיך אויף אַזאַ אופן דורכגעשמוגלט צו אונדז וויכטיקע ידיעות, וועלכע ס'איז נישט אַזוי לייכט זיי צו באַקומען אויף אַן אַנדערן וועג.

פאַרשטייט זיך, אַז אין די קרייזן פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, האָבן מיר געמוזט זיין געהיט אין אויסדריקן און זיך אויפפירן אַזוי, אַז עס זאָל אַרויסרופן סימפּאַטיע.

דער לעבנסוויכטיקער קאָנטאַקט אינעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס אין מאָסקווע, און די פּאָזיציע פון מאָסקווע ווי אַ וועלט־צענטער, האָבן געשאַפן געלעגנהייטן פאַר ספּעציעלער באַהאַנדלונג פון ענינים וואָס זענען אַריבער די ראַמען פון ראַטנפאַרבאַנד. עס זענען דאַן געווען אין מאָסקווע קרוב צו דרייסיק דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייערשאַפטן וועלכע האָבן צוזאַמען — די באַאַמטע מיט זייערע משפחות — געציילט ביי אַ טויזנט נפשות. חוץ זיי זענען געווען אַנדערע פרעמדע, — אַ ביסל סוחרים, וואָס טייל פון זיי האָבן געוווינט סטאַביל און טייל פון זיי וואָט זענען געקומען אויף אַ באַשטימטער צייט. עס האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט אין שטאָט ווייניקער ווי צען מערבדיקע קאָרעספּאָנדענטן און אַלע ווי איינער האָבן עדות געזאָגט, אַז דער קאָנטאַקט מיט אָרטיקע איינוווינער, וואָס איז אויך פריער געווען אַ גאַנץ באַגרענעצטער, האָט זיך אינמיטן 1947 אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. אויך פּאַרקער, אַן ענגלענדער, פאָרשטייער פון „טעלפּרעס", אַ פּראָ־קאָמוניסטישע נייעס־אַגענטור, וואָס איר אָפיציעלע ביוראָ האָט זיך געפונען אין לאָנדאָן און איר פּאָליטישער צענטער — אין פּו אַג, האָט דאָס באַשטעטיקט. ער אַליין האָט פאַר דעם געאַרבעט אין „טיימס", דערנאָך איז ער געוואָרן לינק, און בעצם איז ער געוואָרן כמעט אַ פולשטענדיקער קאָמוניסט. פון אים האָבן מיר געהערט, אַז ער האָט נישט קיין מעגלעכקייטן זיך צו טרעפן מיט זיינע סאַמע נאָענטסטע רוסישע פריינד, אַז מענטשן וואָס זענען שולדיק אין פאַרבינדונגען מיט פרעמדע אָדער מ'איז זיי אין דעם חושד, טרעפט אַז זיי ווערן פלוצים פאַרשווונדן פון זייערע היימען אויף אַ וואָך און

מערער. די מערהייט קערן זיך דערנאָך צוריק געזונט און שטאַרק, נאָך דעם ווי זיי ווערן אויסגעפּאָרשט וועגן מהות פון די פאַרבינדונגען.

די אַמעריקאַנער און ענגלישע געזאַנדשאַפטן דעמאָנסטרירן אין זייערע וווינונגען איין מאָל אין וואָך פילמען. דער אריינגאַנג איז פריי, אָבער פאַקטיש קומען נאָר מיטאַרבעטער פון די געזאַנדשאַפטן און אַנדערע פרעמדע בירגער. אויך אונדזערע מענטשן פלעגן דאָרט פון צייט צו צייט באַזוכן.

קורץ נאָך אונדזער אָנקומען קיין מאָסקווע האָב איך אָנגעהויבן אָפּשאַצן — און קאָנספּעקטירן באַמערקונגען וועגן פאַרשידענע פּאָליטישע און אַלגעמיינע ענינים, וועלכע פלעגן זיך אַריינפלעכטן אין די באַקאַנטשאַפט־געשפּרעכן, וועלכע כ׳פלעג פירן מיט פּערזענלעכקייטן פון די פאַרשידענע געזאַנדשאַפטן:

אַן אמעריקאַנער דיפּלאָמאַט, וואָס איז אקרעדיטירט אין מאָסקווע אַ גאַנץ לאנגע צייט, פלעגט לייענען אביסל רוסיש און זיך האלטן פאַר באַהאַוונט אין די אָרטיקע ענינים, האָט אין אונדזער ערשטן געשפּרעך א סך זיך אָנדערציילט — אין משך פון א צוויי שעה — וועגן רעזשים און לעבנסשטייגער דאָרט, אַ מין אינפאָרמאַציע־פאָרטראָג פאַר אַ נייעם עולה. לויט זיינע רייד, פאַרנעמט זיך אַ באַזונדערע אָפּטיילונג אין זייער געזאַנדשאַפט מיט אַ כסדרדיקער ווירטשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער פאָרשונג, און זיי האָבן אַ גענויע אַנונג וועגן דער לאַגע אזוי ווי זי איז. די שפע פון סחורות אין די קראָמען, וואָס מיר זעען אין מאָסקווע — באַזונדערס שפּייז — שפּיגלט נישט אָפּ די לאַגע אין לאַנד, אפילו נישט אין מאָסקווע גופא. עס וווינען דאָ ביי אַ 7—8 מיליאָן מענטשן, וואָס באַקומען זייערע הצטרכותן אין אַ קליינער צאָל גרויסע מלוכה־קראָמען, נישט מער ווי אַ 3—4 הונדערט, און דאָס איז דאָך אַ גאָרנישט מיט נישט אין פאַרגלייך מיט דער האנדלס־באַדינונג און דעם פאַרשיידנארטיקן סחורות־אויסוואַל, פון וועלכן עס געניסן די איינוווינער אפילו אין אַ מיטלמעסיקער שטאָט אין דער פאַראָרעמטער מערב־אייראָפּע פון יענע טעג. דער געדרענג אין די געוועלבן שאַפט אַ פאַלשן רושם וועגן דער קויף־קראַפט פונעם פשוטן מענטש. די קליינע צאָל קלייטן איז גורם צו אַן ענגשאַפט און שאַפט די אילוזיע פון א בליענדיקן האַנדל, אין דער צייט ווען דער קרייז קונים איז פאַרהעלטנישמעסיק אַ באַגרענעצטער — ער איז דער עיקר פון דער נייער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז דאָ אין פאַרלויף פון יאָרן אויסגעוואקסן: מיליטער־אָפיצירן, הויכע רעגירונגס־באאמטע, דירעקטאָרן פון האנדלס־אונטערנעמונגען און פון פאבריקן, „סטאַכאַנאָווצעס", וועמענס איינציקע אויפגאבע איז אונטערצוטראָגן און סטימולירן זייערע חברים ביי דער ארבעט צו א גרעסערן אָנשטרענג און דערפאר באַקומען זיי אויסצייכענונגען, פרעמיעס און פעטע הוספות צו זייער געהאלט, נישט פאַר זייער אייגענער ארבעט, נאָר פארן

אונטעריאָגן און אכטונג געבן אויף אנדערע. אויסער מאָסקווע איז די לאַגע נאָך ערגער. און נישט בלויז אין פּראָווינץ־שטעט, נאָר אויך אין לענינגראַד קאָן אַ משפּחה, וואָס באשטייט פון ווייניקער ווי דריי ארבעטנדיקע, נישט פֿאַרדינען גענוג אויף אַן אָנשטענדיקער אויסקומעניש. אָפט אַרבעט איין מענטש אויף עטלעכע פּאָסטנס. דער מיטעלער אַרבעט־לוין פאַר אַן אַרבעטער איז 500—700 רובל אַ חודש, דאָס מיינט אזוי פיל וויפל עס איז די פּרייז פון איין פּאָר שיך, נישט פון בעסטן סאָרט. און וואָס זאָגט מען צו די מאַסן אויף דער צוקונפט? לויט דעם 5־יאָר־פּלאַן — וואָס עס ווערט איצט אויסגעאיבט אַן אומגעהויערער דרוק מען זאָל אים דורכפירן אין פיר יאָר — אויב דער פּלאַן זאָל איינגאַנצן אויסגעפילט ווערן, וועט פאַר יעדן ארבעטער פארזיכערט ווערן אַ מינימום פון 500 רובל אַ חודש מיט אַ גאַנץ באַשיידענעם צוגאָב פון סאָציאלער פאַרזיכערונג. איז שוין דאָס אליין אַ היגטנארומיקער באַווייז וועגן דעם נידעריקן לעבנס־סטאנדארט — אויב מיט אזא קליינער שכירות, ווען דער יקרות איז אזוי גרויס, בעת צוואנציק יובל געגוגענען קוים אויף א גאָר באשיידענער טאָג־באַשפּייזונג פאר איין פּערזאָן — אז דאָס ווערט דערלאנגט ווי אַ ציל, וואָס כדי אים צו דערגרייכן, פאָדערן זיך די העכסטע אָנשטרענגונגען.

אָבער דאָס אלץ איז ווי גאָרנישט מיט נישט אַנטקעגן דער אונטערדריקונג און די שטיקעניש אויפן גייסטיקן געביט. אָט ארבעטן ביי אונדז אין געזאנדשאַפט — האָט דער דיפּלאָמאט ווייטער ממשיך געווען — צוואנציק רוסישע בירגער ווי איבערזעצערס אין דער פּרעסע־אָפּטיילונג א.א. זייער לוין ביי אונדז איז צוויי דריי מאָל אזויפיל ווי אין רוסישע רעגירונגס־אמטן. מיר זענען צופרידן פון זייער אַרבעט און אין מאַטעריעלן זין זענען זיי זיך גליקלעכע. אָבער איך האָב נאָך נישט געזען קיין שמייכל אויף זייערע פּנימער: תמיד זענען זיי פינצטער און פאַרזאָרגט. און מען קען זיי פארשטיין. עס איז פאראַן אַ פולער גרונט אָנצונעמען, אז יעדער איינער פון זיי געפינט זיך אונטער אַ באַזונדערער אויפזיכט און איז שטענדיק מחויב צו באַריכטן די מאכט־אָרגאַנען געגוי וועגן אלץ. פון צייט צו צייט ווערט איינער פון זיי נעלם און מען ווייסט נישט וווהין. ס'הייסט, ער קומט פשוט נישט צו דער ארבעט און געענדיקט; קיינער קומט נישט זיך פרעגן אויף אים, און זיינע חברים ביי דער ארבעט מיידן אויס צו דערמאָנען זיין נאָמען. די דאָזיקע אומגליקלעכע לעבן מיטן באַוווסטזיין, אַז מיט יעדן איינעם פון זיי קאָן טרעפן דאָס זעלבע, ובפרט אויב זיי זענען געשטרויכלט געוואָרן מיט עטוואָס בעסערע באציאונגען ווי עס איז זיי דערלויבט מיט די אַמעריקאַנישע געזאנדשאפטלער.

די דאָזיקע לאַגע האָט זיך פאַרערגערט באַזונדערס אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט 1947. ביז דעמאָלט זענען נאָך געווען, למשל, אַביסל מעגלעכקייטן פאַר מענטשן פון געזאנדשאַפטן צו קו־

מען אין באַריר מיט אַ קלענערן קרייז פון די אָרטיקע איינוווינער, דער עיקר מיט סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן וואָס האָבן אַמאָל געדינט אין אויסלאַנד, מיט זינגערס, שרייבערס, מאָלערס און וויסנשאַפטלערס. שוין מער ווי אַ יאָר, אַז עס איז איבערגעריסן געוואָרן יעדער קאָנטאַקט מיט זיי, אפילו דער מינדסטער. אין דער אַמעריקאַנער געזאַנדשאַפט געפינט זיך אַ גרויסע און זייער שיינע ביבליאָטעק, און אין איר — די בעסטע רוסישע און פרעמד־שפּראַכיקע ביכער און צייטונגען, נישט פּאָליטישע, אין אַלע לשונות. די ביבליאָטעק איז אָפן פאַרן ברייטן עולם און זי פאַרמאָגט אַ העפלעכע באַדינונג און באַקוועמע לייען־באַדינגונגען. אַמאָל פלעגן זי באַזוכן אויך אָרטיקע איינוווינער, דער עיקר פון די אינטעליגענטע קרייזן. אין לעצטן יאָר טרעט קיינער פון זיי נישט אַריבער די שוועל פון דעם דאָזיקן הויז. אמת, אַזאַ פאַרבאָט אין נאָמען פון געזעץ איז קיינמאָל נישט אַרויפגעלייגט געוואָרן עס איז אויך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דעם אין קיין שום צייטונג, נישט אָפן און נישט פאַרשטעלט, און פונדעסטוועגן האָבן די באַזוכן לחלוטין אויפגעהערט. (אַזאַ ענלעכע דערציילונג האָבן מיר אויך געהערט פון איינער אַן ענגלענדערין פון דער בריטישער געזאַנדשאַפט — וועגן זייער ביבליאָטעק, וואָס צום סוף איז זי געשלאָסן געוואָרן צוליבן אויספעלן באַזוכער. איינער פון די אויסלענדער האָט דערציילט, אַז עס האָט אויפגעהערט יעדע מעגלעכקייט צו האָבן אַ געשפּרעך אפילו מיט מענטשן ווי מאַיסקי און ליטווינאָוו, וואָס צוליב זייערע פאַרבינדונגען אין אויסלאַנד האָבן זיי פיל באַקאַנטע און פריינד צווישן די מענטשן אין די הי אַקרעדיטירטע געזאַנדשאַפטן) מיט פלייס און איינגעשפּאַרטקייט אַנטוויקלט מען דאָ אַן אַלגעמיין פאַרדעכטיקן יעדן פרעמדן און אַ שנאה צו יעדער זאַך וואָס איז פרעמד בכלל. דאָס משונהדיקע דערביי איז, אַז אין טאָג־טעגלעכן לעבן געניסן אויך נישט די מענטשן פונעם סלאַווישן בלאָק פון אַן אַנדערער באַציאונג, כאָטש עס זענען פאַראַן פיל בולטע אַנטפּלעקונגען פון אָפיציעלער פריינטשאַפט צו זיי. ווי: פייערלעכע מסיבות, איינגעאָרדנטע דורך דער מאַכט ביי פּאַסיקע געלעגנהייטן (אויפנאַמעס פאַר האַנדלס־דעלעגאַציעס, דאָס איינלאַדן קינסטלערס אָדער ספּאָרטלערס פון זייערע לענדער, דאָס איינאָרדענען אויסשטעלונגען) און דאָסגלייכן. אָבער אין אַלע אַנדערע באַדייטן געפינען זיך אויך זיי אויף דער אַנדערער זייט פון דער באַריערע. צי צוליב דעם, אַז עס זאָל נישט קאָנען אויפשווימען די טענה פון דיסקרימינאַציע אָדער טאַקע צוליב נישט האָבן קיין צוטרוי אויך צו זיי.

אַזוי, למשל, איז אויך זיי, ווי אַלע אַנדערע דיפּלאָמאַטן און פרעמדע בכלל, פאַרווערט אַרויסצופאָרן פון מאָסקווע, ווייטער ווי 50—60 קילאָמעטער אַן אויסנאַם פון דעם כלל זענען — לענינגראַד, אָדער, סטאַלינגראַד און איינצלנע הייל־פּלעצער אין קאַווקאַז, און

דאָס מיטן באַדינג פון א דירעקט פאָרן אָן איבערייס און מיט אַ צו־געגרייטער דערלויבעניש פון אויסערן־מיניסטעריום, וואָס בדרך כלל זאָגט מען נישט אָפּ זי צו געבן. פון געזעצלעך פאָרמעלן שטאַנדפונקט איז גלייך ווי אזא פאַרבאָט וואָלט נישט עקזיסטירט, אָבער תמיד גע־פינט זיך שוין דער ריכטיקער אויסרייד: דער שאָסיי איז נישט אין אָרדענונג, נישטאָ קיין אָרט אין באַן, דער „אינטוריסט" ענטפערט, אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט אינעם האָטעל פון דער שטאָט וווהין דו ווילסט קומען, און איבער אלץ — אויב די געזאנדשאַפט פאַרמאָגט אַן אייגענע מאַשין — קריגן פרעמדע בענזין נאָר אין מאָסקווע און בלויז אויף אַ מרחק פון 100 ק"מ, במילא מוז מען דאָך פון 50 קילאָ־מעטער אָן צוריקפאָרן. די אַמעריקאַנער געזאנדשאַפט האָט זיך אין דעם ענין געוואָנדן שריפטלעך צום אויסערן־מיניסטעריום, אָבער קיין ענטפער האָט זי נישט באַקומען. עס איז געווען א פרווו פון קאָלעקטי־ווער ווענדונג מצד דעם דיפּלאָמאטישן קאָרפּוס, נאָר צוליב דעם וואָס די געזאנדשאַפטן פונעם מזרח־בלאָק האָבן נישט געוואָלט זיך באַ־טייליקן, איז דאָס נישט צושטאַנד געקומען. (אינצווישן, אין א צוויי וואָכן ארום נאָך דעם אויבנדערמאָנטן געשפּרעך, איז אָנגעקומען צו אונדז ווי צו אַלע אנדערע געזאנדשאַפטן, אַ צירקולאַר פונעם אויסערן־מיניסטעריום וואָס פאַרבאָט אָפיציעל יעדע באַוועגונג, וואָס איז אי־בער דעם תחום פון 50 ק"מ ארום מאָסקווע, חוץ דעם נאָך געוויסע ישובים אין דעם דאָזיקן ראַיאָן, וואָס אויך אין זיי איז פאַרבאָטן אריינ־צוקומען. די דאָזיקע נייע אינסטרוקציע שפּארט זיך אָן אויף דעם באַפעל וואָס איז בשעתו פאַרעפנטלעכט געוואָרן, בעתן אויסברוך פון דער מלחמה מיט דייטשלאנד, נישט מער וואָס די שטחים, וואָס זענען פאַרווערט פאַר פרעמדע זענען איצט אַ סך מער אויסגעברייטערט געוואָרן. דערביי איז דערלויבט דאָס פאָרן קיין לענינגראַד און קיין אָדעס).

די גאנצע באשולדיקונג, וואָס איז אויבן געברענגט געוואָרן אין קורצן, האָט דער אַמעריקאַנער ארויפגעברענגט מיט זיינע רייד, אָן שום „פּראָוואָקאַציע" פון מיין זייט, פון זיין אייגענער פרייער איני־ציאַטיוו. אמת, די רייד זענען געזאָגט געוואָרן כאילו פון זיך אליין, דרך אגב, אַריינפלעכטנדיק יעדעס מאָל אַ באַמערקונג: „ס'האָט נישט קיין זין דיך צו שטאָפּן מיט אלגעמיינע אָפּשאַצונגען, בעסער זאָלסט אליין זען די פאַקטן אזוי ווי זיי זענען און זאָלסט זיי שטודירן" — עס האָט זיך אָבער גאנץ גוט ארויסגעזען די טענדענץ, נישט ארויס־צולאָזן די באקוועמע געלעגנהייט ארויפצופירן אויפן דרך הישר אָט דעם גרינעם דיפּלאָמאט, ער זאָל נישט זיין ווי איינער וואָס בלאָנ־דזשעט ארום אויף די וועגן פון מאָסקווע.

פונדעסטוועגן האָט דער אָ שווערגעמיטיקער באַשולדיקער אונ־טערגעשטראָכן דעם דעצידירנדיקן פאקט, אז מיליאָנען מענטשן פון

דער סאמע אונטערשטער שיכט פון דער פעאָדאלער געזעלשאפט, זע־
נען דערגאנגען צו דער אָנפירונג פון דער גרעסטער גרויסמאכט אין
דער וועלט; און נישט געקוקט אויף דער טריבער ווירקלעכקייט אין
וועלכער די פאָלקס־מאַסן לעבן, לויט זיין שילדערונג, גלייבט האָך די
גרעסטע מערהייט תמימותדיק און אויף אַן אמת, אַז זיי זענען די בעלי־
בתים פון זייער מדינה, און עס איז אויסער יעדן ספק, אַז דאָס איז
זייער סוביעקטיוו געפיל; מיליאָנען יוגנטלעכע, קינדער פון ארבע־
טער און פויערים פון די פארוואָרפנסטע ווינקלען, קינדער פון שבטים,
וואָס זענען געווען האלב־ווילד נאָך אין דער גאָר נאָענטער פאַר־
גאַנגענהייט, געניסן פון מלוכהשער אָרגאַניזירטער זאָרג פאַר זייער
גורל און צוקונפט, געניסן פון אלגעמיינער בילדונג און פאַך־אויס־
שולונג, זענען פעסט אין זייער אינערלעך מאָראליש געפיל, זענען
זיכער אין זייער העכערקייט איבער דער יוגנט פון די „מערב"־לענ־
דער, זענען ממש פאַרליבט אין זייער לאנד, אין זייער מדינה און אין
זייער רעגירונג, און באזונדער זענען זיי שטאָלץ מיט זייער נצחון אין
דער מלחמה. ער האָט אויך דערציילט, אַז אייניקע מלוכהשע פאָלקס־
באַדינונגען, ווי א שטייגער טראַמוויי־ און באַן־בילעטן, צייטונגען א.א.
קאָסטן דאָ זייער ביליק און אַז די באַדערפענישן פונעם פרט, אויב
אפילו זיי שטייען היינט אויף אַ נידעריקער מדרגה, שטייגן אָבער אי־
בער מיט אַ סך דאָס, וואָס עס איז געווען אין 1945—1946 און האלטן
אין איין אייליקן שטייגן פון טאָג צו טאָג, סיי אין שפּייז־באַזאָרגונג
און קליידונג און סיי אין בויען נייע וווינונגס־הייזער, באַנייען די
מעבלירונג אין די דירות, די באַשטאַנדיקייט פון דער וואַלוטע, דאָס
פולקאָמע אָפּשאפן דעם גאנצן קאַרטן־סיסטעם מיט די צוגעטיילטע
„ראציעס" א.א.

צום סוף פונעם שמועס האָט ער אויך באַרירט, פאַרשטייט זיך,
דעם עניין ערענבורגס ארטיקל, וואָס איז כמעט געוואָרן אַ מין „ריטו־
אל" אין אלע געשפרעכן מיט אונדזערע מענטשן, און זיך נאָכגע־
פרעגט אויף דער באַדייטונג דערפון. נישט אריינגייענדיק אין פיל
פרטים פון אָט דעם עניין, האָב איך אויסגעדריקט מיין ספק צי מען
דאַרף זען אין דעם אַרטיקל אַ סימן פון אַן ענדערונג אין דער סאָוויע־
טישער פאָליטיק כלפּי אונדזערע ענינים, דאַקעגן איז מעגלעך, אַז עס
איז אין דעם פאַראַן אַן אויסדרוק פון אַ באַהאַלטענעם פחד פון אַ ייד
אַן אסימילאַטאָר, פאַר דער באַנייאונג פון יידישער מלוכהשקייט;
פאַר יעדן פאַל, האָב איך געזאָגט, איז מאָדנע און טרויעריק, אַז אַזאַ
גרויסער און טאַלאַנטפולער שרייבער און מיט וועלט־רום, זאָל זיך
באַנוצן מיט אַזעלכע אויסגעבלאָזענע „פאקטן" ווי: אין דער ישראל־
רעגירונג זענען נישטאָ קיין אַרבעטער, מען לייגט נישט ארויף קיין
שטייער אויף קאַפּיטאַליסטן א.א אמת, עס זענען נישטאָ קיין קאָמו־
ניסטן אין אונדזער רעגירונג, אָבער דער פרעמיער אליין איז געווען

אַן ערד־אַרבעטער. און ער איז נישט דער איינציקער אַרבעטער אין דער קאָאַליציע־רעגירונג; עס איז אויך פאראן ביי אונדז פרייוואַטע ווירטשאַפטלעכע איניציאַטיוו, עס איז אָבער אויך פאראן אַ פּראָגרעסיווער שטייער־סיסטעם פאַר די, וואָס קאָנען צאָלן. מיין מיטשמועסער האָט באַמערקט: „לויט מיין מיינונג נאָך דאַרפט איר זיך נישט באַקלאָגן אויף אַזאַ ליבעראַל אַרטיקל ווי עס איז ערענבורגס. מיר פלאַצן זיבן און זיבעציק מאָל אַ טאָג לייענענדיק די העצע און דאָס אָנרייצן קעגן אַמעריקע, מיט וועלכע די סאָוויעטישע פּרעסע שטאָפט אירע לייענער'ס טאָג־טעגלעך אָן אויפהער".

ער האָט אויך געפרעגט אויף מיין פאכמענישער פאַרגאַנגענהייט און ווי אַזוי ווײַלט־אויס אונדזער אויסערן־מיניסטער זיין דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. איך האָב אים געזאָגט, אַז די מענטשן קומען פון דער סוכנות, פון דער לאַנדווירטשאַפט, פון דער הסתדרות, פון צווישן די מיליטער־לייט, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אויף די פראָנטן, און אויך דורך צוגרייטן אַ יונגן קאַדר אין אַ ספּעציעלער שול. ער האָט מיט באַגייסטערונג געלויבט דעם נייעם גאַנג אויף דעם געביט, אויף וועלכן עס ליידן, לויט זיין מיינונג, די אַנגלאָ־זאַקסישע מדינות, און באַזונדער ענגלאַנד, פון אַ ביוראָקראַטיש קאָנסערוואַטיווער פאַך־פוילעניש.

דאָרזשע, דער פראַנצויזישער ראַטגעבער, איז געקומען קיין מאָסקווע עטלעכע חדשים פאַר מיר. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אוניווערסאַלער בילדונג, וואָס האָט אַ סך אַרומגערייזט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, אַריינגערעכנט אינדיע, כינע און יאַפּאַן, האָט געקענט אַ סך שפּראַכן, אויך כינעזיש, און איצט לערנט ער רוסיש. אין אָנהייב שמועס מיט מיר האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ באַגלויבטער פריינט פון יידן און ציוניזם, דער עיקר צוליב הומאַניטאַרע טעמים, וועלכע פאַרפליכטן צו פאַרגיטיקן דעם פאָלק וואָס האָט אַזוי שווער געליטן אין די יאָרן פון קריג. לויט זיינע רייד האָט ער אין זיין געזאַנדשאַפט נישט געהאַט קיין שותפים צו דער דאָזיקער שטעלונג און אויך נישט צו זיינע ליבקע אָנשויאונגען אין כלל גענומען: ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס באַהאַוונטקייט אין די איינצלהייטן פון אונדזער פּראָבלעם. ער האָט מיך ממש פאַרפלייצט מיט פאַרשיידנערליי פראַגן: דאָס קאַפּיטל עטאַבלירן די מדינה, דאָס אויפשטעלן ס'מיליטער, די פערזענלעכקייטן אין דער רעגירונג, די פּאַרטייען, די אוניווערסיטעט, די אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך, די קוואַלן פון דער עליה, די טעראָריסטן און דאָס דערמאָרדן בערנאַדאָטן, די פראַגע פון די גרענעצן. באַזונדערס האָט ער זיך פאַראינטערעסירט וועגן די גרענעצן, און דערביי אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג ווי אַזוי מיר האָבן געקאָנט מסכים זיין צו אַזאַ משונהדיקער צעטיילונג, וואָס וועגן איר איז באַשלאָסן געוואָרן אין לייק־סאַקסעס.

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז דעם 29־טן נאָוועמבער האָבן מיר מסכים געווען אויף דעם אָ שטח וואָס איז צעהאַקט און צעשניטן אויף דריי טיילן, מיטן תנאי עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ זעלבשטענדיקע אַראַבישע מדינה אינעם צווייטן טייל, מיט אַ צאָל־אָפּמאַך א.א. ווי אַ לייזונג אויף אַ פרידלעכן אופן. די אַלע באַדינגונגען עקזיסטירן איצט נישט מער, און דער נייער מצב פאַרפליכטעט און באַרעכטיקט טעריטאָריאַלע ענדערונגען לטובת אונדז, און אונדזערע מיליטערישע דעראָבערונגען אין קריג, וואָס איז אויף אונדז ארויפגעצוווּנגען געוואָרן, ביים שטילשווייגן פון אונ״אָ, העלפן אונדז אין דעם צו.

דאַרזשע האָט געפרעגט וועגן דער באַגלויבטקייט פון אַ באַקאַנטן שרייבער, אַ ייד, און זיין בוך אין ענגליש וועגן דער אונטערערדישער באַוועגונג ביי אונדז. איך האָב אויסגעדריקט מיין אָפּגרענעצונג. דאַרזשע האָט מיך איבערגעריסן און דערציילט מיט אַ באַזונדערער אויפגעהייטערטקייט, אַז אין זיין פיל ארומרייזן אין די „עקזאָטישע״ לענדער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ באַציאונג פון גרויסער פאַרביטערונג מצד דער אָרטיקער אינטעליגענץ כלפּי אַ געוויסן סאָרט פרעמדע שרייבער — צווישן זיי אפילו אויך סימפּאַטיזירערס — וואָס קומען אויף א ווייל, זוכן אויף אויסנעמלעכע געשעענישן, רייצנדיקע סענסאַציעס, בלישטשענדיקע וויזיעס, „אָריגינעלע״ פאַרקומעניש; די דאָזיקע פאַרוואַנדלען דאָס אומוויכטיקע אין אַן עיקר און דערלאַנגען דערנאָך דעם ווייטן און פרעמדן לייענער אַ שאַרף און רייצנדיק געקעכטס אין הער פאָרם פון בייכיקע ראָמאַנען, וואָס ברענגען זיי אריין אַן אַ שיעור געלט, און צום סוף זענען זיי נישט מער ווי אַ שעדלעכע פעלשונג און אַ ברענענדיקע פאַרשעמונג פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק פון וועמענס נאַאיווער העפלעכקייט און פראָווינציעלן שיינעם אויפנעמען די דאָזיקע געסט האָבן דאָרט גענאָסן אָן שום באַרעכטיקונג.

אינעם המשך פון געשפרעך האָב איך באַרירט די פראַגע פון אָנערקענונג דורך זיין מדינה. דער ישוב אין לאַנד פאַרמאָגט נישט קיין אַנטי־פראַנצויזישע „קאָמפּלעקסן״. פאַרקערט, עס ווערט אָפּגעשאַצט די באַציאונג פון פראַנצויזישן פאָלק, באַזונדערס פון די קירכעס, צו די אַנטרינענע פון היטלערן, אויך ווייזט אויס, אַז פראַנקרייך האָט זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן אויף אונדזער באַציאונג און אונדזער שטעלונג בעת אירע שווערע טעג אין סיריע און אין לבנון. אויב אזוי, קען זיין אַ רעכענונג פאַר אַ שטאַרקער מדינה ביים מיטללענדישן ים, זי זאָל דווקא זיין פון די לעצטע צו דער אָנערקענונג, וואָס וועט סיי ווי קומען אין איינעם אָ טאָג? זיין ענטפער איז געווען, אַז ער קאָן נאָר געבן זיין פולע הסכמה צו אָט די רייד. די הייִנטיקע שטעלונג שטאַמט פון אַ פאַלשער אויפפאַסונג, לויט זיין מיינונג, פון רעכענען זיך מיט די

אַראַבער פון צפון־אַפריקע, און נישט ווייניקער ציט זי איר יניקה פון די קעגנערישע שטימונגען צו אונדז מצד די קאַטוילישע קרייזן. עס איז אָבער נישט פאַראַן בלויז איין פראַנקרייך ; פאַראַן אויך אַ צווייטע, און זי וועט צום סוף מנצח זיין אויף אַלע געביטן פון דער פּאָליטיק, זי וועט דורכפירן אַ פּאָזיטיווע ענדערונג אויך בנוגע אונדזער ענין. נישט געקוקט דערויף וואָס דער שמועס איז געווען קלאָר און אָפן (וואָס עס איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דער אויסגעצייכנטער פראַנצויזישער איבערזעצונג פון פּרופ׳ ל. קדר), איז נישט מעגלעך געווען אַרויסצוציען פון אים וועלכן עס איז קלאָרן אויספיר צו וועלכער „צווייטע פראַנקרייך״ איז ער זיך מתכוון, וואָרום כאָטש דער מענטש האָט גע־מאכט אַן איינדרוק פון אַ לינקן, דאַרף מען פון דעם חשבון אַרויסנעמען די קאָמוניסטן.

אין זיין צוריק־וויזיט ביי מיר האָב איך אים געגעבן, אויף זיין ביטע, אַ גענויעם אויפקלער אויף דער מאַפּע, וועגן דעם גאַנג פון די ענינים אין נגב. דאָס מאָל האָט ער אַרויסגעוויזן אַביסל נייגעריקייט און געוואָלט זיך דערוויסן די אַלגעמיינע צאָל פון אונדזער מיליטער. איך האָב אים געזאָגט : „אין מלחמה־צייט איז מען זיך נישט נוהג אויפצודעקן אזא זאַך, אָבער אויך מיר וויסן נישט וועגן דעם גענוי... עס זענען פאַראַן מאָביליזירונגען און שלאַכטן און פאַרלוסטן. די צאָל איז אפשר הונדערט־טויזנט און אפשר אַ סך ווייניקער אָדער מער״. אין עטלעכע טעג ארום האָט דאַרזשע זיך באַגעגנט מיטן הער ראַטנער אויף אַן אָוונט ביי די טשעכן און האָט אים אַן קווענקלעדיקן גע־פרעגט : „איז אמת, אז וואָך ביי וואָך גייט אָפּ פון דאַנען צו אייך אַן עראָפּלאַן מיט רוסישע אָפיצירן ?״

דער רומענישער ראַטגעבער, ביניוק, איצטיקער שטעל־פאַרטרע־טער פון געזאַנדטן וואָס איז אַוועק אויף אורלויב (מען זאָגט קיין קרים, צו אַן אַלגעמיינער באַראַטונג פון די שפּיצן פונעם מזרח־בלאָק מיט די רוסן, אין שייכות מיט דער פאַרזאַמלונג פון אונ״אָ אין פּאַריז), איז דאָ געזעסן ווי אַ פּאָליטישער פליט אַלע יאָרן פון דער מלחמה.

איך האָב אים דערציילט וועגן מיין באַזוך אין רומעניע און וועגן דעם הסכם אויף אַן עליה פון דאָרט און מכוח די אָפּהאַלטונגען וואָס זענען דערנאָך פאַרגעקומען. ער האָט געזאָגט אַז עס לייגט זיך נישט אויף זיין געדאַנק אַז אַנאַ פּאַוקער וועט ענדערן איר וואָרט, באַזונדער נאָך דעם ווי די דאָזיקע פראַגע איז פריער באַהאַנדלט און באַטראַכט געוואָרן : ס׳קען אָבער מעגלעך זיין אַז די אינער־לעכע מחלוקתן „צווישן יידן מיט יידן״ איז גורם קאָמפּליקאַציעס דעם אינערן־מיניסטעריום. ער שטייט פאַר אַ באַזוך אין בוקאַרעשט, באַלד ווי דער געזאַנדטער וועט צוריקקומען. וועט ער זיך דאָרט פאַראינטערעסירן דערמיט. לויט אים נאָך זענען די אויפגאַבן אין

מאַסקווער אויסערן־מיניסטעריום פאַרטיילט אויף אזא אופן: ווישינסקי — הויך־פּאָליטיק, די אונ״א־פאַרזאַמלונג. זאָרין — דער מזרח־בלאָק (לויט א קלאַנג האָט ער געווײלט אין פּראָג אין צייט פון דער לעצטער פּאָליטישער איבערקערעניש וואָס האָט דערפירט צו דער דעמיסיע פון בענעשן א. דגל. און האָט דאָרט אָנגעפירט מיטן אָרגאַניזירן דעם נייעם רעזשים); גוסיעוו — ענינים פון מערב. ביניוקן איז שווער געווען צו טרעפן ווײַל ער איז געווען אויסגעפאָרן. די דריי אונטערליגט באַקולין, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די ענינים פונעם נאָענטן מזרח. ביניוקס פרוי איז א ייִדישע, פון דייטשלאַנד.

קאָליעוו — דער בולגארישער ראַטגעבער, אַ מאַן פון העכער פופציק, איז דאָ געזעסן אין דער מלחמה־צייט ווי אַ פּאָליטישער פּליט. אונדזער שמועס האָט זיך געדרייט ארום דער פראגע פון עליה פון זיין לאַנד, וועגן דער מלחמה ביי אונדז, און באַזונדערס וועגן ירושלים. ער האָט געהאַלטן פאר נייטיק אונדז צו ראָטן מיר זאָלן נישט מוותר זיין אויף ירושלים. נאָך דעם ווי בערנאַדאָט האָט זי פאָרגעלייגט פאר די אַראַבער — זיכער נישט אָן דעם וויסן פון די פּאָליטיקער פון דער קריסטלעכער קירך — געפינט זיך איצט אין אונדזערע הענט אַ שטאַרקע קאָרט אין דעם „מאָראַלישן דיספּוט״ איבער די הייליקע ערטער. זיין פרוי איז א ייִדישע טאָכטער פון לעטלאַנד. מיר האָבן זי געטראָפן אויפן באַנקעט ביי מאָלאָטאָוון דעם 7־טן נאָוועמבער און זי האָט גערעדט מיט גאָלדען ייִדיש, אונטערשטרייכנדיק איר גרייסן זיך מיט איר ייִדישקייט און געטאַדלט די פאָסטנס ־ האַלטנדיקע ייִדן וואָס פאַרהוילן זייער אָפּשטאַם — אַ דערשיינונג וואָס איז, לויט איר נאָך, געווען מער אַלגעמיין פאַרן קריג און איז געוואָרן ווייניקער נאָכן קריג.

זאַמבראָוויטש — דער פוילישער ראַטגעבער, ביי אַ 35 יאָר אַלט. האָט אַ ייִדישע פרוי פון פוילן. אין דער פוילישער געזאַנדשאַפט, וואָס באַשעפטיקט אַ גרויסן שטאַב באַאַמטע, איז מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרענדיקט געוואָרן דאָס פאַרנעמען זיך מיטן רעפּאַטריאירן די פוילישע פּליטים אין זייער לאַנד אריין. 99 פּראָצענט פון די פוילישע ייִדן וואָס זענען אַהער אַנטרינען אין דער צייט פון דער מלחמה זענען צוריקגעפאָרן. פון זייער אייגענעם ווילן זענען דאָ געבליבן זייער ווייניק (און צוגאָבלעך צו זיי — אַ נישט קלאָרע צאָל פון פּאָליטישע אַרעסטאַנטן — ציוניסטן און סתם כלל־טוערס — און אנדערע פאַראורטיילטע וואָס האָבן זיך געפונען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערס אין ווייטע מקומות. ביי די איצטיקע באַדינגונגען איז נישטאָ קיין אויסזיכט מ׳זאָל זיי לאָזן צוריקפאָרן).

אין איין פאַל פון א פוילישן ייִד, וואָס איז אָפּגעקומען זיין שטראָף (פאַר שפּעקולאַציע) דריי מיט אַ האַלב יאָר קאַטאָרגע־אַרבעט אין

קאזאכסטאַן, איז באפרייט געוואָרן און געקומען קיין מאָסקווע צו דער פוילישער געזאנדשאַפט. האָט אויך באַזוכט אונדזער געזאנדשאַפט. האָט די מאַכט אים אָפּגעזאָגט צו געבן אַן ארויספאָר־דערלויבעניש. אַ ייד, אַ באַאַמטער אין דער פוילישער געזאנדשאַפט האָט דערציילט, אז עס ארבעטן דאָרט נאָך יידן, און צווישן זיי אַזעלכע וואָס זענען בלב ונפש איבערגעגעבן דעם ציוניזם. אין מלחמה־צייט זענען 60% פון דער באאמטנשאַפט פון דער געזאנדשאַפט געווען יידן, איצט האַלט סיי דער פּראָצענט סיי די צאָל אין איין פאלן.

די ערשטע וואָך פון נאָוועמבער איז דאָ געעפנט געוואָרן אַ שיינע און נישט־גרויסע אויסשטעלונג פון פוילישע קונסט־ווערק. די אויסשטעלונג איז אָרגאניזירט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט פאר פויליש־סאָוויעטישער פריינטשאַפט (אַ מין „ליגע ווי״ ביי אונדז). די אויספיר־קערפּערשאַפט — די אָנפירערשאַפט פון וואָק״ס, האָט אויך איינגעלאַדן גאַלדען און מיך צו דער אָפיציעלער דערע־פענונג. אָן ספק אז מיר זענען בכוח דאָ צו עפענען אַזאַ אויסשטעלונג אָדער אַן ענלעכע צו איר, אויף דער זעלבער פּאַכמענישער הייך און אפשר נאָך העכער פון איר. עס זענען אָבער נאָך נישט רייף געוואָרן די פּאָליטישע באַדינגונגען דערצו. אָבער ס׳זעט אויס, אז מ׳דאַרף זיך אָנהייבן פארנעמען מיטן צוגרייטן אזא פּלאַן וואָס פריער.

גווידאָ באַוהאַריני, — סעקרעטאַר פון דער איטאַליענישער גע־זאנדשאַפט האָט ערב דעם אויסברוך פון דער מלחמה געארבעט אין איטאַליענישן קאָנסולאט אין כאַלעב, סיריע, האָט באַזוכט אונדזער לאנד. זיין פרוי איז א יידישע פון אונגארן, וועמענס אַלע קרובים עס זענען אומגעקומען אין אָשוויענטשים. אין דעם איצטיקן געשפּרעך ווי אויך ביי א פריערדיקער באַגעגעניש, האָט ער דערציילט אַז ער האָט מיט איר חתונה געהאט נאָך דער מלחמה, נישט געקוקט אויף די עצות פון זיינע פריינד וואָס האָבן געוואָלט פון אים פארמיידן די קאָמפּליצירונג פון א חתונה מיט א יידישער פרוי.

אויף א מיטאָג פאר א קליינער צאָל מענטשן ביים פינלענדישן געזאנדטן (עס זענען בייגעווען די געזאנדטע פון ענגלאנד, פוילן, האָלאנד און לוקסעמבורג, דער פראנצויזישער ראטגעבער, זיי און זייערע פרויען, גאָלדע און איך) האָט דער איטאַליענער נישט אויפגעהערט זיך מתלהב צו זיין פון אונדזער מיליטער און זיינע דערגרייכונגען אין אָרגאניזירונג און אויפן פראָנט. ער האָט זיך שטאַרק געקלאָגט אויף דער נידעריקער ווירטשאַפטלעכער לאָגע אין זיין לאנד, אויף דער טייערקייט דאָ־הי און אויף די מענטשן פון היגן אויסערן ־ מיניסטעריום וואָס מ׳קאָן מיט זיי נישט שמועסן, היטן זיך פון צו לאָזן הערן אַ וואָרט, פאַרשרייבן און זאָגן צו העפלעך צו באַטראַכטן און על פי רוב ענטפערן זיי גאָרנישט.

קיער — דער דענישער ראַטגעבער, ביי אַ 50 יאָר אַלט געבוי־רענער אין רוסלאנד, אַ דערצויגלינג פון אַ לענינגראדער גימנאזיע, אַרבעט אין דיפּלאָמאַטישן דינסט שוין באַלד אַ פערטל יאָרהונדערט אין פאַרשיידענע לענדער, איינגעשלאָסן פראַנקרייך אין דער תקופה פון דער ווישי־רעגירונג. פון צופיל דערפאַרונג איז ער געוואָרן אַ ציניקער, און אין יעדער זאַך האָט ער געזען דאָס נעגאַטיווע און דאָס לעכערלעכע, זיך פאַרקלאָגט און אָפּגעחוזקט אין אַ גלייכער מאָס פון די פראַנצויזן, דייטשן און רוסן, און א ביסל אויך פון זיין אייגן לאַנד. איך האָב אים באַזוכט אין דעם זעלבן טאָג ווען ס׳איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן דאָס געשפרעך פון סטאַלינען מיטן קאָרעספּאָנדענט פון „פּראַוודאַ״ וועגן „די אַנגלאָ־זאַקסן די מלחמה־העצערס״. קיער האָט גערעדט וועגן דעם מיט ביטול און געזאָגט: „ס׳וועט נישט זיין קיין שום מלחמה, ס׳זענען פוסטע רייד, אַ שווערדן־פוצן און אַ פסיכאָ־לאָגישע פחד־אָנוואַרפעניש מצד ביידע לאַגערן״. דערנאָך האָט ער גערעדט אומעטיק וועגן דעם ביטערן מזל פון די קליינע פעלקער, די איינציקע וואָס זענען באמת פאַראינטערעסירט אין א צווישנפעלק־לעכן שלום און וואָס ליידן צוממיינסטן פון די רייסערייען צווישן די גרויסע — ס׳איז אָבער נישטאָ דער טאַלאַנט אויף צו פאַראייניקן די כוחות. נעמט אויבנאויפיק, וואָס שטערט דען אַ פאַראייניקטע סקאַנ־דינאַווישע טעטיקייט פון פעלקער וואָס זענען זיך נאָענט אין קולטור און אין טעריטאָריע ווי דענעמאַרק, נאָרוועגיע, שוועדן און איסלאַנד? דער פאַקט איז אָבער, אַז זיי קאָנען נישט קומען צו קיין פאַרשטענ־דיקונג. אויך צווישן די קליינע זענען דאָ „גרויסע״ וואָס ווילן זיך אַרויסזען און באַהערשן, ווי למשל דאָס רייכע שוועדן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען גיבן אויך זייערע צייכנס די ביטערע זכרונות פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. מיין קליין פאָלק, וואָס איז אַ שלום־ליבנדי־קער ביישפּיל, געדענקט פון דעסטוועגן אַז נאָך אין די צייטן פון נאַפּאָלעאָנען האָט שוועדן געוואָלט איינשלינגען נאָרוועגיע, וועלכע איז דעמלט געווען אַ פּראָווינץ אין קעניגרייך דענעמאַרק. דאָס אַנעקסירן האָט זיך די שוועדן נישט איינגעגעבן, אָבער דענעמאַרק האָט פאַרשפּילט, ווייל נאָרוועגיע האָט זיך אָפּגעריסן און איז געוואָרן אַ מדינה פאַר זיך. אויך אין דער לעצטער מלחמה האָט אַזאַ קליין אינדזעלע ווי איסלאַנד אויסגענוצט די גרויסע מהומה און בעת דענע־מאַרק איז געלעגן אין די לאַפּעס פון די דייטשן, האָט זיך אויך דאָס אינדזעלע אָפּגעריסן און האָט שוין היינט דאָ־הי אַן אייגענע געזאַנד־שאַפט. „אמת טאַקע, מיר וויינען נישט נאָך דעם דאָזיקן אינדזל, מיר זענען פּטור געוואָרן פון דעם עול צו דעקן זיינע דעפיציטן; בלויז אונדזער קעניג האָט פאַרלוירן איין וואָרט אין זיין אָפיציעלן טיטול און דאָס איז אַלץ... און אָט די דריי מלכים, אויך זיי באַשווערן

די פאראייניקונג פון די סקאנדינאוויער, ווייל וועלכע וועלן זיין די צוויי וואָס וועלן מסכים זיין צו פאַרציכטן אויף א קיניגלעכן הויף און אויף דער קרוין ?״

צווישן אנדערס האָט ער דערציילט אז זיי האָבן דאָ דענישע בירגער, וואָס זענען פארשפּאַרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערס — דייטשישע נאַציס פון דעניש־שלעזיע וואָס זענען פרייוויליק אריינגעטרעטן אין היטלערס ארמייען און ארייגעפאלן אין געפאנגענשאַפט צו די רוסן. מיט צופרידנקייט האָט ער אויך דערציילט וועגן די באַמיונגען פון זיין פאָלק און רעגירונג, ווי אויך פון די שוועדן, צו ראטעווען יידן.

קאָפּענהאַגען דינט ווי אַ צענטער פון אַפּראָוויזאַציע פאַר די פרעמדע געזאַנדשאַפטן וואָס זענען דאָ אַקרעדיטירט. דער עיקר — שפּייז־אַרטיקלען, ערשט־קלאַסיקע פּראָדוקציע און פאַרהעלטנישמעסיק נישט טייער.

דעם 1־טן פעברואר 1949 זענען מיר געגאַנגען — גאָלדע, ראָטנער, ביזשעראַנאָ מיט זייערע פרויען, און איך — אויף אַן אָוונט ביי די אונגארן לכבוד זייער נאַציאָנאַלן יום־טוב. עס זענען אויך געווען פאָרשטייערס פונעם מערב, כמעט אַלע. די אמעריקאנער זענען געקומען אויף אַ קורצער ווייל און זענען גלייך אַוועק. (די סיבה איז געווען, דער פּראָצעס וואָס האָט זיך אין די אַ טעג געפירט אין בודאַפּעשט קעגן קאַרדינאַל מינדסענטי). אין שפּיץ פון די רוסישע געסט איז געווען זאָרין. ביים טיש קעגנאיבער אונדז זענען געזעסן דער טערקישער געזאַנדטער און דער ענגלישער, אָבער מיר האָבן אויסגעמיטן יעדן באַריר מיט זיי. (בשעתו האָט דער טערקישער געזאַנדטער נישט געענטפערט אויפן באַקאָנטמאַכונג־בריוו וועגן אונדזער קומען. דער בריטישער געזאנדטער איז נישט געווען דאַן אין מאָסקווע און ער קען נישט גאָלדען, און דער שטעלפארטרעטער זיינער, דער ראַט־געבער וועמען גאָלדע האָט באַזוכט האָט קיין צוריק־וויזיט נישט אָפּגעגעבן און האָט זיך נאָך געקליגט און געשיקט זיין וויבס וויזיט־קארטע, ווי עס איז פריער דערציילט געוואָרן. איצט, נאָך דער אָנערקענונג, האָט דער דאָזיקער ראַטגעבער ארויסגעוויזן א באזונדערע אונטערגעשטראָכענע פריינטלעכקייט, און נאָך מערער פון אים — אנדערע מערב־פאָרשטייערס וואָס דאָס אָנערקענען אונדז דורך זייערע מדינות האָט זיי סוף כל סוף אויסגעלייזט פון די פאַרשיידענע און אומבאַקוועמע קאָמפּלעקסן פון „פּראָטאָקאָל״).

פון די קורצע געשפּרעכן וואָס זענען דאָרט צושטאַנדגעקומען איז כדאי אונטערצושטרייכן די נעגאַטיווע מיינונג וואָס עס האָט אויסגע־

דריקט דער פראַנצויזישער ראַט־געבער דאַרזשע *) אין אַ שמועס מיט גאָלדן וועגן דעם אומווילן פון טרומאַנען צו פאַרהאַנדלען מיט סטאַלינען. פונקט אַזאַ מיינונג האָב איך אויך געהערט פון אַ זייער אינטעליגענטן מיטאַרבעטער אין דער פּרעסע ־ אָפּטיילונג פון דער אַמעריקאַנער געזאַנדשאַפט — טאַקער, וואָס וווינט צוזאַמען מיט אונדז אין „מעטראָפּאָל". אַז ר'האָט געפרעגט מיין מיינונג, האָב איך אים געזאָגט אַז אזעלכע מענטשן ווי מיר קאָנען נישט משפטן „ווער איז גערעכט" פונקט און גענוי, ווייל ביידע צדדים רייסן זיך ארום האַלטנדיק זיך ביי די אָפּמאַכן פון יאַלטע און פּאָטסדאַם וואָס זענען טאַקע פאַרהווילן פאַרן אויג, אָבער פון שטאַנדפּונקט פון טאַק־טיק און פון דעם איינדרוק וואָס דאָס מאַכט אויף דער עפנטלעכער אומאָפּהענגיקער מיינונג אין דער וועלט, קומט מיר אויס אַז אין לעצטן שאַך־מאַט גאַנג ביי די פראַגן און ענטפערס צום אַמעריקאַנער קאָ־רעספּאָנדענט, האָט סטאַלין געוואונען, ווייל ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו שלום און מ'האָט זי אים אָפּגעשטויסן.

טאַקער האָט צוגעגעבן, אַז דער טעות איז אַ דאָפּלטער, וואָרעם ביים גאַנצן פאַרהאַנדלען אין „קאַלטן קריג" איז נייטיק צו נעמען אין אַכט די ווירקונג פון די ענינים אויפן ברייטן עולם אינעווייניק אין רוסלאַנד, און געדענקען אַז דאָס אומהעפלעכע אָפּוואַרפן סטאַלינס כלומרשט איבערבעטנדיקע פאַרשלאָגן צעהייצט און צעפלאַקערט די נאַציאָנאַליסטישע געמיטער אין רוסישן פאָלק, אין וועמענס אויגן סטאַלין איז במילא אַן אַלמעכטיקער אָפּגאָט און דאָס מאָל — אויך אַ צדיק גמור.

דער ענגלישער קאָרעספּאָנדענט פּאַרקער, דער פאַרשטייער פון „טעל־פּרעס" האָט זיך באַקלאָגט אויף אַן אַנטי־סאָוויעטיש אַרטיקל אין „דזשואיש קראָניקל" וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד. ער האָט מיר דעם אַרטיקל צוגעשיקט און ווי עס ווייזט זיך ארויס זענען גאַרנישט ווייניק די פאַלשקייטן דאָרט. די וויכטיקסטע פאַלש־קייט סטאַרטשעט גלייך ארויס: אַ לחלוטין ליגנערישע טענה, אַז כאילו אין די מלחמה־טעג האָט די היגע מאַכט זיך באַמיט אַריבערצופירן יידן אין די מזרח־געביטן, נישט כדי צו ראַטעווען זיי פון אַ זיכערן טויט, נאָר ווייל זי איז געווען פאַראינטערעסירט אין אינטעליגענטע כוחות א. אַ. וו. דאָס איז אַ לעכערלעכע מיינונג און אַ באַליידיקנדיקע, ווייל קיינער וועט נישט קאָנען אויפקלערן וואָס פאַר אַ נוצן האָט מען געקאָנט האָבן מיטן אַריבערפירן זקנים, דורך אַן אַ שיעור מי און אָנ־שטרענגונג, צייטנווייז ביי אומוועגן פון טויזנטער קילאָמעטערס, פון

---

*) אינצווישן איז די פראַנצויזן צוגעקומען נאָך אַ ראַטגעבער, אַ העכערער אין ראַנג (מיניסטער), מיטן נאָמען פראַנקפורט.

די מלחמה־געביטן צו זיכערע ערטער. דערביי האָבן מיר באַמערקט דעם פּראָ־קאָמוניסט פּארקער, אז די מלאכה פון פעלשונגען איז נישט דער מאָנאָפּאָל פון בלויז איין צייטונג. והא ראיה: דאָס העפט פון גענין, וואָס טראַכט אויף אונדז אויס א בלבול פון אראָפּטרייבן אראבער פון זייערע באָדנס, וואָס שטעלט פּאָר „תנובה" אלס קאַפּיטאַליסטן־טראָסט, און נאָך פּערל פון אָט דעם מין.

איינזאם און כמעט פארשטויסן אויפן באנקעט ווי אין טאָג־טעגלעכן לעבן, איז געווען דער נייער געזאנדטער פון יוגאָסלאוויע מראזאָוויטש. ער האָט זיך א ביסל דערוואַרעמט לעבן אונדז, פּונקט ווי דער מיליטער־אטאשע זיינער, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פון ראַטנערן. זייער לאגע דאָ איז זייער א שווערע: פון מזרח זענען זיי פארטריבן געוואָרן „אָן באזונדערע צערעמאָניעס" און צום מערב ווילן זיי זיך נישט דערנענטערן.

אויף א נאכטמאָל ביי נאשקאָווסקין, דעם פּוילישן געזאנדטן, וואָס איז אין מאָסקווע געווען פאררעכנט ווי דער וויכטיקסטער צווישן די דיפּלאָמאטישע פאָרשטייערשאפטן פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. צווי־שן די געסט — די געזאנדטע פון בעלגיע און אלבאניע און זייערע פרויען. דער דענישער געזאנדטער (א נישט־פארהייראטער פון א יאָר פופציק), דער פוילישער מיליטער־אטאשע פרוס־וועגצקאָווסקי, דער טשעכישער מיליטער־אטאשע און נאָך א פוילישער אטאשע און צוויי פרויען פון זייער געזאנדשאפט.

גאנצע צוויי שעה האָב איך באדארפט, לויט זייער שטארקן צו־שטיין, איינצוקנעלן מיט זיי, מיט די צוויי מיליטער־אטאשעס: וועגן דעם יידישן פאָלק, וועגן לאַנד — איר היסטאָריע און אירע אייגנ־שאפטן, די ציוניסטישע באוועגונג, דאָס קאפּיטל קאמף קעגן „ווייסן בוך", די מלחמה מיט די אראבישע מדינות, די עליה, די לאנד־ווירט־שאפטן. כ'האָב נאָך דאָ נישט געזען אזא דורשט אונדז צו דערקענען. זיי האָבן נישט נאָכגעלאָזט און פארלאנגט נאָך און נאָך. עס איז פּיינלעך אונטערצושטרייכן, אז אלץ איז פאר זיי געווען אבסאָלוט ניי. צו זייער התפעלות פאר דעם ספּעציפישן פון אונדזערע פּראָבלעמען, אונדזערע טעטיקייטן און די פאָרמען פון אונדזער לעבן איז נישט געווען קיין סוף. בלויז איין זאך האָט דער פוילישער גענעראל נישט געקאָנט פארשטיין: ווי איז מעגלעך אז מענטשן זאָלן לעבן א פול קאָמונע־לעבן און נישט בלויז נישט נאָכגיין דער קאָמוניסטישער פּארטיי, נאָר זאָלן אויך געהערן צו נישט־קאָמוניסטישע פּארטייען און אפילו צו פּאָליטיש־רעליגיעזע אָרגאניזאציעס.

דאקעגן האָט דער טשעכישער אטאשע ארויסגעוויזן א העכערע אינטעליגענץ און א שנעלערע באנעמונג. ביידע סימפּאטיזירן אונדז, און

דער פּאָלאַק האָט דערציילט א טיף געריטעטער וועגן דאָס אומברענגען די יידן אין פּוילן, וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, זייענדיק אין אונטערגרונט, דערביי האָט ער נישט פארשוויגן וועגן דער גלייכגילטיקער באציאונג פון א גרויסן טייל פון זיין פּאָלק צו די מעשים פון די נאציס.

דער פּוילישער געזאנדטער (וואָס האָט א יידישע פרוי), וואָס נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען מיט אים זיך צו באגעגענען, האָט געמאכט אַן איינדרוק פון א הארטן מענטש, פול מיט טיפּיש פּוילישן „האָנאָר", אויב כ'האָב קיין טעות נישט — איז געווען פיינטלעך צום ציוניזם.

נאָך פיל וואָכן איז סוף כל סוף אָנגעקומען דער פּאָזיטיווער ענטפער פון תל־אביב אויף דעם פאָרשלאג פון בולגאריע איינצואָרדענען א ראדיאָ־טעלעגראפישע פארבינדונג מיט ישראל. עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז שוין מיט א לאנגער צייט צוריק האָט מען מיר געקאָנט מיטטיילן דעם ענטפער און ער איז אָפּגעהאלטן געוואָרן אין לאנד אין קאָמוניקאציע־מיניסטעריום אָן א באַרעכטיקונג.

אדאנק דעם איז מיר דערמעגלעכט געוואָרן אָפּצושטאטן א צוריקבאַזוך דעם בולגאַרישן ראַטגעבער צאַרבולאַנאָוו דעם 29.4.49, אַ זאַך וואָס איך בין געווען געצוווּנגען אָפּצושטופּן וואָכן לאנג צוליב אָט דער סיבה טאקע.

דער שמועס איז געווען א סתם וואָכעדיקער. נאָר איין זאך איז ווערט געווען צו פאַרצייכענען: צאַרבולאַנאָוו האָט דערציילט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום פאָרט ער קיין סווערדלאָווסק (געווען: יעקאַטערינבאַרג), א צענטראלע פאבריק־שטאָט אין אוראל. פאראַן דאָרט סטודענטן, בולגארן, וואָס לערנען אין א הויכשול און ער פאָרט ארויס זיי באזוכן. די דיפּלאָמאטן איז שטרענג פארווערט צו באזוכן אָט די געגנט, און בלויז צוליב אומפאָרזיכטיקייט האָט ער מיר אנטדעקט, אז זיין געזאנדשאפט איז אויסנאמלעך באהאנדלט געוואָרן צו גוטן. נאָך זיין באזוך דאָרט האָב איך אים געטראָפן אויף א מסיבה און ער האָט מיט באגייסטערונג גערעדט וועגן דער גרויס פון דעם אינדוסטריע־קאָמבינאט אין יענער געגנט. דעם איינציקן חסרון וואָס ער האָט דאָרט געפונען זענען די „קאָסמאָפּאָליטישע" געביידעס, וואָס עס איז ממש נישט צו פארטראָגן זייערע ארכיטעקטאָנישע פאָרמען, אָנגעפּראָפּטע מיט „קעסטלעך", מיט קאפּריזנע ווינקלען, פּירקאנטיקע לעכער און דעסטגלייכן.

געמיינט די ריזן־בנינים, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן פאר דער מלחמה, לויט די כללים פון מאָדערניסטישער ארכיטעקטור, וואָס איז דאַן געווען דאָס לעצטע וואָרט פון דער היגער אָפיציעלער מאָדע. אינצווישן

האָט די מאכט חרטה באַקומען — און נישט בלויז אין דער פּראַגע אַ־
ליין — פון איר שטיצן די ריכטונגען פון די „באַנייערס״, וואָס זענען
אַלע דערקלערט געוואָרן אַלס „מערבדיקע״, קאָסמאָפּאָליטישע און
אַנטי־פּאַטריאָטישע און האָט באַשלאָסן, אַז נאָר די רוסישע בויאונג,
וואָס ווערט געמאַכט „פּאָ סטאַראָמו״ (אויפן אַלטן שטייגער), נאָר
זי איז די כשרע, די פאָלקסטימלעכע און די „פּראָגרעסיווסטע״ און
איז אין גייסט פונעם „סאָציאַליסטישן רעאַליזם״.

דער עסטעטיש פערזענלעכער געשמאַק פונעם בולגאַרישן ראַטגע־
בער, האָט דאַן, אויב אַזוי, געפּאַסט גענוי און פּינקטלעך מיט דער טע־
אָריע פונעם אָפיציעלן געשמאַק, וואָס איז אין יענער צייט געווען
אָנגענומען איבערן מזרח־בלאָק.

אויפן באַנקעט ביים האָלענדישן געזאַנדטן, דעם 30־סטן אַפּריל
1949, צום ערשטן יאָרטאָג פונעם אַרויפגיין פון דער יונגער האָלענדי־
שער קעניגין אויפן טראָן, האָבן די גאַסטגעבער פאַרגעשטעלט פאַר די
געסט, די „קאָלאָניע״ זייערע אין מאָסקווע, וואָס איז געשטאַנען עטוואָס
פון ווייטנס אין א האַלבן קרייז: צוויי האַנדלס־דעלעגאַציעס, איינע
קויפט האָלץ, די צווייטע — פאַרקויפט שיפן. אין שפּיץ פוןביידע
דעלעגאַציעס — יידן, וואָס האָבן שוין באַזוכט מאָסקווע א סך מאָל
און זענען געווען באַקאַנט מיט די וועגן פון היגן האַנדל. איינער וואָס
פאַרנעמט זיך מיט ים־ענינים קען אבא חושין פון זיין באַזוך אין
האָלאַנד אין ענינים פון שיפס־וועזן.

כ׳האָב דער עיקר געשמועסט מיט פּוילישע, דעם באַמבירחן אַי־
בער די ענינים פון דער פינלענדישער אַמבאַסאַדע. דער אַמבאַסאַדאָר
אַליין איז געווען אַוועק קיין בוקאַרעשט, דאָרט איבערצוגעבן זיינע
פאַרטרויאונגס־פּאַפּירן, ווייל ער איז אויך באַשטימט געוואָרן אַלס
געזאַנדטער אין רומעניע. זיי האָבן שוין באַקומען א וווינונג פאַר זייער
געזאַנדשאַפט, אָבער קיין אַרבעטער האָבן זיי נאָך נישט, אויסער
איין שומר. כדי איינצושפּאָרן הוצאות זענען זיי געקומען צו א הסכם
מיט די רומענער, בולגאַרן און אונגאַרן וועגן פאַראייניקן די פאַרשטיי־
ערשאַפטן: איין געזאַנדטן פאַר צוויי מדינות. אויף אַזא אופן זענען
די געזאַנדטע פון רומעניע, בולגאַריע און אונגאַרן אין מאָסקווע באַ־
שטימט געוואָרן אויך אַלס געזאַנדטע פון זייערע לענדער אין העלסינ־
קי. און זיי באַזוכן דאָרט פון צייט צו צייט. אַזוי אַרום איז סובדסטרעם,
דער פינלענדישער געזאַנדטער אין מאָסקווע, באַשטימט געוואָרן אויך
ווי דער געזאַנדטער אין בוקאַרעשט.

אויפן אָרט פונעם רומענישן ראַטגעבער ביניוק — א רומענישער
שרייבער, וואָס איז צוריקגעפאָרן אין זיין לאַנד אַריין און איז דאָרט
נאָמינירט געוואָרן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם שרייבער־

פאַראיין — איז געקומען בראַטעסקו און האָט אָפּגעשטאַט ביי מיר אַ באַקאַנטשאַפט־וויזיט. דעם 9.5.49 האָב איך אים צוריק אָפּגעגעבן אַ וויזיט. בעת מיין באַזוך פאַראיאָרן אין רומעניע האָט בראַטעסקו גע־דינט אַלס סעקרעטאַר פון אַנאַ פּאַוקערס קאַנצעלאַריע, און מיר קענען זיך פון זינט מיין באַזוך ביי איר. כ'האָב אים אין יענער צייט געוויזן די קאָפּיעס פון די טעלעגראַמעס, וועלכע כ'האָב געשיקט פון בוקאַ־רעשט צו אונדזער אויסערן־מיניסטעריום וועגן דעם געניויעם און קלאָרן אָפּמאַך וועגן עליה מיט זיין בעל־הביתטע און האָב געטענהט, אַז זיי צעשטערן אַן אָפּמאַך אין פולן זין פון וואָרט. ער האָט דאַן גע־זאָגט, אַז „יידן אליין האָבן קאַליע געמאַכט דאָס געשעפט", אָבער ער נעמט אָן, אַז „בקרוב וועט זיך געפינען אַ וועלכע ס'איז קאָמפּראָ־מיסלעכע לייזונג". מיר איז קלאָר צו וועלכע יידן ער האָט זיך מתכוון געווען — דאָס זענען די לייט פון דער „יעווו־סעקציע", די יידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין זיין לאַנד — עס איז מיר אָבער נישט קלאָר, וואָס פאַר אַ קאָמפּראָמיס דאָס דאַרף זיין.

איצט שטייט ער פאַר אַ קורצן ארויספאָר צו זיך אין לאַנד און זאָגט, אַז ער וועט אַ טאָפּ טאָן, וואָס זעט זיך פאָר אין די ענינים פון עליה און וועט דערציילן צוריקקומענדיק. צווישן אַנדערן האָט ער געלאָזט הערן אַ ביסל שטאַמלענדיקע רייד וועגן דאָס אויסקלייבן און באַשטימען די פּערזאָן פון זייער געזאַנדטן ביי אונדז, בערך אויף אַזאַ אופן: „די הסכמה אונדזערע האָט זיך פאַרהאַלטן מחמת עס איז געווען אַ געדאַנק צו באַמינירן אַ ייד, אינצווישן האָט זיך פונאַנדערגעפּלאַ־קערט דער קאַמף אין דער פראַגע פון ציוניזם אין רומעניע, און מען צווייפלט, צי עס איז כדאי צו באַשטימען אַ ייד, וואָס וועט זיכער זיין אַן אַנטי־ציוניסט און וועט אפשר באַשווערן די באַציאונגען".

צו מעמילען, דעם באַמינירטן איבער די ענינים פון דער אַלבאַני־שער אַמבאַסאַדע, בין איך געגאַנגען דעם 10.5.49, אין שייכות מיט דער ביטע, וואָס עס האָבן אָנגעגעבן יידן אין זיין לאַנד (150 נפשות, אָדער משפחות ?) מען זאָל זיי דערלויבן ארויסצופאָרן קיין ישראל. בשעתו האָט אונדז וועגן דעם געשריבן ש. פרידמאַן און מיר האָבן אויך באַ־קומען אַ שריפטלעכע בקשה פון טיראַנאַ דורך זשאַק מיטאָלי, אין נאָמען פון „הונדערט און פופציק יידן".

דער שמועס איז געווען זייער אַ לאַנגער און כ'האָב אים באַקאַנט געמאַכט מיט אייניקע באַגריפן וועגן אונדזער לאַנד און אונדזערע פּראָבלעמען. כ'האָב געבערעגט מיט זיך אַן עקזעמפּלאַר פון דער צייטונג „הארץ" אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די טעלעגראַמע פון זיין פּרעמיער ענווער כאָדזשאַ צו אונדזער אויסערן־מיניסטער, וועגן זייער אָנערקענען ישראל. אויף זיין פאַרלאַנג האָב איך אים אי־

בערגעלאָזט די עקזאָטישע צייטונג, כדי זי איבערצושיקן צו זיך אין לאַנד אַריין. און וועגן געבן דערלויבענישן די יידן אַרויסצופאָרן — האָט ער זיך פאַרשריבן אַלע פּרטים און צוגעזאָגט צו טעלעפאָנירן קיין טיראַנאַ. האָב איך טעלעגראַפירט צו וויטאַלין און יענער האָט מיר גלייך געענטפערט אויך טעלעגראַפיש, אַז זיי וואַרטן אויף די רע־זולטאַטן „אָן קיין שום געדולד". און פון דאַן אָן איז נישטאָ קיין שום ידיעות.

נאָך בעת גאָלדע איז דאָ געווען, האַרט פאַר איר אַרויספאָרן, האָט אין מאָסקווע געוויילט אַ גרויסע אַלבאַנישע דעלעגאַציע און אין איר שפּיץ — ענווער כאָדזשאַ, אַ יונגער מענטש, הויך, פעסט געבויט און אַ גאָר שיינער. גרויס כבוד איז אָפּגעגעבן געוואָרן אָט דער דע־לעגאַציע: אַן אויפנאַם אין הויז פון ווישינסקין. אַ מיטאָג ביי סטאַלי־נען און נאָך. צו ווישינסקין אין הויז זענען איינגעלאַדן געוואָרן גאָל־דע, ביזשעראַנאָ און איך. אין דער לעצטער רגע איז ווישינסקי קראַנק געוואָרן און עס האָט אים פאַרטרעטן זאָרין. מיר זענען אויך געווען אויפן אָוונט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער אַלבאַנישער געזאַנדשאַפט און ווען זיי זענען אוועקגעפאָרן, איז גאָלדע געפאָרן צום פלי־פעלד זיי צו באַגלייטן, ווי עס פירט זיך.

וועגן ענווער כאָדזשאַ האָט מען דאָ דערציילט צווישן די דיפּלאָ־מאַטן, אַז בעת זיין אַרויפקומען צו דער מאַכט האָט מען געשריבן וועגן אים אין בעלגישע צייטונגען, אַז ער איז אַן עם הארץ, אַ גראָבער יונג. כאָדזשאַ, וואָס איז געווען אַ סטודענט אויפן בריסעלער אוניווער־סיטעט, האָט רעאַגירט אויף אַזאַ אופן: „אַבסאָלוט ריכטיק! ווייל וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פון בעלגישער בילדונג?"

מאַנליאָ בראָזיאָ, דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדאָר, איז אַרויס־געפאָרן אויף אַ צוויי־חדשימדיקן אורלויב צו זיך אין פאָטערלאַנד. אין שייכות דערמיט האָט זיין אַמבאַסאַדע איינגעאָרדנט אַ באַשיידענע „קאָקטייל־מסיבה", לויט דער דאָ אָנגענומענער פּראָצעדור לגבי האלב־אָפיציעלע געשעענישן. אַזוי ווי די איטאַליענער זיצן נאָך אַלץ אין האָטעלן איז אויך די אויפנאַמע פאָרגעקומען אין „גראַנד־האָטעל" (11.5.49). נאָך דריי יאָר זיצן אין האָטעלן האָבן זיי ענדלעך געקראָגן אַ הויז, אָבער דער רעמאָנט וועט זיך נאָך גאַנץ לאַנג ציען און אויך נאָך דעם וועלן דאָרט איינגעאָרדנט ווערן בלויז די ביוראָען און די פאַמיליע פונעם אַמבאַסאַדאָר.

בראָזיאָ, אַ מאַן פון אַ יאָר 50—55, אין פאַרגאַנגענהייט — מיניס־טער פאַר מיליטער־ענינים אין דער איטאַליענישער רעגירונג, ווערט הי פאַררעכנט פאַר איינעם פון די חשובסטע און דערפאַרנסטע דיפּלאָ־מאַטן. אויף זיין איצטיקן אַמט דינט ער זינט מערץ 1947.

אויב אורטיילן לויט די רייד פון נאוואריני (ערשטער סעקרע־טאר) איז בראַזיאַ א געוויסע צייט געווען נאָמינירטער איבער די ענ־ינים פון דער אמבאסאדע. אינצווישן, צוריק מיט עטלעכע חדשים, איז אָנגעקומען אַהער דער ראַטגעבער זאַמבאַני (אַן אַלטער בחור, אַ לאנגיאָריקער באאמטער אין אויסערן־מיניסטעריום האָט געדינט אין עטלעכע פאַרשטייערשאַפטן אין פארשידענע הויפטשטעט אין אייראָ־פע). די איטאליענער זענען זייער בייז אויפן פארלויף פון זייערע קאָ־לאָניע־ענינים. זיי כעסן אויף די ענגלענדער, פאר זייער עגאָאיזם, פאלשקייט, פארן שטעלן זיך העכער איבערן צווייטן און פאר זייער פאַררעטערישקייט — עס איז אומגעפער ווי אונדזער מיינונג איבער די ענגלענדער. זיי זענען אויך בייז אויף די רוסן, וואָס צום ערשט האָבן זיי פאַרגעלייגט צוריקצוגעבן איטאליע אלע אירע קאָלאָניעס, דערנאָך האָבן זיי חרטה געהאט און פארלאנגען איצט אן אינטערנאַ־ציאָנאלן מאנדאט. די ענדערונג אין רוסלאנדס שטעלונג פארענטפערט נאוואריני מיט זייער חשק ארייננצוזעצן זייער נאָז אין אפריקע. צום ערשט האָבן זיי געמיינט, אז די שטארקע קאָמוניסטישע פארטיי אין איטאליע און די פארטיי פון פיעטראָ נעני (די „איטאליענישע מפ"ם") וועלן אָנטיילנעמען אין דער רעגירונג און דאן וועט אדאנק זיי פארזיכערט ווערן דער סאָוויעטישער איינפלוס דורך אן איטאליעני־שן מאנדאט אויף די קאָלאָניעס. נאָך דעם ווי די פראָ־סאָוויעטישע לינקע זענען באזייטיקט געוואָרן פון דער רעגירונג, און נאָך די נייע וואלן צום פארלאמענט, האָבן די רוסן פארוואָרפן דעם געדאנק וועגן אן איטאליענישן מאנדאט און זענען געוואָרן הייסע אָנהענגער פון א רעזשים פון אן אינטערנאַציאָנאלן פראָטעקטאָראט. און ווייל זיי באטיי־ליקן זיך אינעם פראָטעקטאָרן־ראט מיינען זיי אויף אזא אופן צו בא־קומען אויך פאר זיך אַ פאָרשטייערשאפט. וועגן אראָפּנעמען די בא־לאגערונג פון בערלין האָט ער ארויסגעברענגט זיין מיינונג, אז דאָס האָט נישט קיין שום באדייטונג; די גרויסע ענינים וועלן באהאנדלט ווערן אין פאריז און דאָרט וועט צו קיין הסכם נישט קומען.

דערביי האָט נאוואריני דערציילט, אז נאָך פארן נאָמינירן בראַ־זיאַן (רעפּובליקאנישער ליבעראל) פאר אמבאסאדאָר אין מאָסקווע האָבן די סאָוויעטן בפירוש פארלאנגט נישט צו נאָמינירן קיין איטא־ליענישן קאָמוניסט אויף דעם אמט (דעמאָלט האָבן די קאָמוניסטן זיך נאָך באטייליקט אין דער רעגירונג). איך האָב נאווארינען דערציילט, אז ביי אונדז איז דער ענין פאָרגעקומען א סך איידעלער: זיי האָבן אונדז מרמז געווען, אז עס איז געווונטשן א פאָרשטייער פון דער פארטיי צו וועלכער עס געהערט דער אויסערן־מיניסטער.

נאָך האָט נאַוואַריני דערציילט, אז דאָס סאָוויעטישע אויסערן־מי־ניסטעריום האָט די טעג אויפגעלייזט די זעלבשטענדיקייט פון דער

קליינער קאַטוילישער קירך, וואָס איז אַ סך יאָרן געווען אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע. בשעתו איז די קירך פאַרדונגען געוואָרן דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע און זי, צו־זאַמען מיט דער איטאַליענישער און מיט נאָך קאַטוילישע געזאַנד־שאַפטן, האָבן געדעקט די אַדמיניסטראַציע־אויסגאַבן, איינשליסנדיק דאָס אויסהאַלטן אַ קאַטוילישן גייסטלעכן, אַ פראַנצויז (וואָס דער־שיינט, אַגב, אין זיין רעליגיעזער קליידונג אויף די מערסטע דיפּלאָ־מאַטישע מסיבות). האָבן די סאָוויעטן געמאָלדן, אַז פון איצט אָן ווערט בטל דער פאַרדינגונגס־אָפּמאַך: די תּפילות פאַר די דיפּלאָמאַטן וועלן דאָרט ווייטער אָפּגעריכט ווערן, אָבער דורך אַ סאָוויעטישן קאַטוילישן גייסטלעכן.

אויף דער דאָזיקער מסיבה זענען צו מיר צוגעקומען די מיליטערי־שע אַטאַשעס פון פּוילן (גענעראַל פּרוס־ווענצקאָווסקי), טשעכאָסלאָ־וואַקיע (פּולקאָווניק ד. נועמיט) און אונגאַרן (פּולקאָווניק מ. שמאָל־דאַס) אויסצודריקן זייער באַדויער פאַרן נישט באַוויזן זיך צו גע־זעגענען מיט י. ראַטנערן. אַלע דריי זענען געקומען גאַנץ פרי אין פולער אָפיציעלער אוניפאָרם צום פלי־פּלאַץ אָבער נישט צוליב זייער שולד האָבן זיי פאַרשפּעטיקט, וואָרום דער עראָפּלאַן איז אָפּגעפלויגן מיט אַ וועלכע צוואַנציק מינוט פריער, פאַר דער באַשטימטער צייט. באַלד אויפן אָרט האָבן זיי טעלעפאָניש איבערגעגעבן זייער בקשה צום לייטער פון פּראָגער פלי־פּלאַץ ער זאָל זיך אין זייער נאָמען אַנט־שולדיקן פאַר ראַטנערן, ווי נאָר עס וועט אָנקומען דער עראָפּלאַן. זיי זענען אָבער נישט זיכער צי זייער ווונטש איז מקוים געוואָרן און בעטן דעריבער, אַז איך זאָל דאָס ראַטנערן מיטטיילן.

דערביי האָבן זיך אַלע דריי זייער פאַראינטערעסירט, — יעדער איינער באַזונדער, צי עס וועט באַשטימט ווערן אַן אַנדערער אַטאַשע אויף ראַטנערס אָרט. כ׳האָב זיי געענטפערט פּאָזיטיוו. מיין איינדרוק איז געווען, אַז די אָרטיקע מאַכט האָט זיי געבעטן אַ פרעג טאָן וועגן דעם.

צומאָרגנס, דעם 12.5.49, בין איך געווען אויף נאָך אַן איטאַליעני־שער מסיבה, — דאָס מאָל אין האָטעל „נאַציאָנאַל", איינגעאָרדנט דורך זייער האַנדלס־ראַטגעבער מאַנטשיני, — אַ מענטש מיט אַ נישקשהדיקן בויך און באַרימט אַלס טרינקער און עסער פון אַ הויכער מדרגה. איי־דערפרי האָבן מיר געהערט אין ראַדיאָ וועגן דעם פּאָזיטיוון באַשלוס אָנצונעמען אונדז אין אונ״אָ. דאָס האָט מיך זייער דערפרייט. בין איך געגאַנגען צו דער מסיבה מיט אַ זיכערער גרייטקייט אויפצונעמען אַ סך גראַטולאַציעס און אַזוי איז עס טאַקע געווען. עס זענען דאָרט געווען די זעלבע געסט, וואָס זענען נעכטן בייגעווען אויפן באַנקעט פונעם אַמבאַסאַדאָר. די איטאַליענער האָבן נישט פאַרשטעלט זייער קנאה:

„אין פאַרלויף פון איין יאָר, וואָס פאַרא איבערוועגנדיקע איבערקערע־נישן און דערגרייכונגען! ווונדער איבער ווונדער! און מיר, ווער ווייסט, ווען מיר וועלן זוכה זיין אָנגענומען צו ווערן. די רוסן וועלן אונדז נישט לאָזן אריינגעמען, אויב עס וועלן נישט אין דער זעלבער צייט אריינגענומען ווערן אין אונ״אָ אויך איינע אָדער צוויי פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס״.

אן אנדערע מיינונג האָט געהאַט בלום, דער געזאַנדטער פון לוקסעמבורג. ער האַלט, אז גראָד איצט וועלן מיר שטיין פאר נייע צרות: צי זאָלן מיר שטימען, ווען און ווי אזוי? לויט זיינע רייד, האַלט זייער פאָרשטייערשאַפט אין איין ארומשפּאַצירן איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, כדי אויסצומיידן די קאָמפּליצירונגען ביים שטימען. אָבער די דאָזיקע רעצעפּט העלפט אויך נישט קיין סך. ער פאַרשטייט און איז מסכים, אז אונדזער אָנגעהערן דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער איז פאר אונדז וויכטיק שוין צוליב דעם, וואָס די אראַבער זענען דאָרט פאַרטרעטן, אָבער „צרות וועלן נישט פעלן״.

איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט כדי צו זאָגן קאָהליערן (דעם אַמעריקאַנער נאָמינירטן) און וואָטקינסן (דעם קאַנאַדער) דאַנק־ווערטער פאר זייער שטיצע. די געזאַנדטע פונעם מזרח־בלאָק, וואָס זענען נעכטן בייגעווען דעם באַנקעט פונעם אמבאַסאַדאָר, צוזאמען מיט א ניי־דעריקן באאמטן פון סאָוויעטישן צערעמאָניאַל־אָפּטייל, זענען היינט נישט געווען דאָ. עס זענען בלויז געווען דער פּוילישער האַנדלס־ראַט־געבער און עטלעכע באאמטע פון „וועניעשטאָרג״ (מיניסטעריום פאר אויסערן־האַנדל).

מיט יאָדהאַלן, דירעקטאָר פון פּרעסע־אָפּטייל ביים שוועדישן אויסערן־מיניסטעריום, וואָס איז דאָ געווען אויף באַזוך, האָב איך זיך באַגעגנט דעם 18.5 אין הויז פון העברי שאַפּיראָ, קאָרעספּאָנדענט פון „יו. פּי.״ עס זענען דאָרט אויך געווען דער שוועדישער געזאַנדטער, דער נאָמינירטער איבער די ענינים פון דער אמעריקאַנישער אמבאַסאַדע. קאָהליער, נאָך באַאַמטע פון די מערבדיקע געזאַנדשאַפטן און עטלעכע פּרעמדע קאָרעספּאָנדענטן סך־הכל ביי אַ צוואַנציק מענטשן. אַריינגערעכנט די פרויען פון די געסט. פון אונדזער געזאַנדשאַפט איז אויך געווען הער לבבי. אין דעם זעלבן טאָג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אז איך בין נאָמינירט געוואָרן אלס געזאַנדטער. בעת יאָדהאַל האָט מיך באַגריסט צו דער נאָמינאַציע, האָט דאָס געשפּרעך אונדזערס אויך באַרירט דעם ענין פון אונדזער אָנגענומען ווערן אין אונ״אָ. ער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן, הלמאי זייער דעלעגאַציע האָט אונדז נישט געשטיצט, אָבער — זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט נישט רעאגירן אויפן דערמאָרדן בערנא־

דאָטן. איך האָב זיך קעגנגעשטעלט דער דאָזיקער באַמערקונג. איך האָב אים דערציילט, אַז אפילו אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט פּערזענלעך זיך איבערצוצייגן, אַז נישט בלויז די רעגירונג, נאָר דער גאַנצער ישוב האָט געזען אין דעם אַ שווערן ישׂראל־אומגליק, און עס איז קיינער נישט שולדיק אַז אונדזער האַנט האָט נישט געגרייכט צו כאַפּן די שולדיקע און זיי ברענגען צום משפּט. דאָס איז די איבערוואָג פון טעראָריסטן, וואָס בלויז אין ווינציקע פאַלן געלינגט דער מאַכט צו אַנטדעקן זייער קאָנספּיראַטיווע נעץ. מיר האָבן זיך געזען באַרעכטיקטע צו האָפן, אַז שוועדן וואָס איז נישט פאַרוויקלט אין עגאָאיסטישע אינטערעסן אינעם נאָענטן מזרח און איז באַקאַנט מיט איר סימפּאַטיזירנדיקער באַציאונג און מיט איר ברייטהאַרציקער הילף דעם יידישן פאָלק אין זיינע ליידן, וועט וויסן פונאַנדערצושיידן צווישן אונדזער עפנטלעכער מיינונג און אויך די שטעלונג פון אונדזער רעגירונג און — צווישן גרופּן פון הפקר־לייט וואָס טוען אָפּ זייערע מעשׂים אין דער פינצטער.

יאָדהאַל וואָס האָט געוווּסט וועגן דעם באַזוך פון מאָריס פישער אין שטאָקהאָלם און וועגן דעם מעמאָראַנדום וועלכן ער האָט דאָרט איבערגעגעבן און בכלל האָט ער אַרויסגעוויזן געניטשאַפט אין דעם גאַנצן ענין, האָט געענטפערט, אַז איך בין זיך טועה אין איין פּרינציפּיעלער זאַך: זיי זענען נישט בייז אויף דעם, וואָס מיר קאָנען נישט אַנטדעקן די שולדיקע, נאָר אויף דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט פאַרן מאָרד; וואָך ביי וואָך האָט זיך געפירט אין די צייטונגען און אויף פאַרזאַמלונגען אַ פּערזענלעכע העץ־קאַמפּאַניע קעגן בערנאַדאָטן, ביי אַן אַבסאָלוטער טאָלעראַנץ מצד דער מאַכט.

צו מיין באַדויערן האָט זיך דאָ איבערגעריסן דאָס געשפּרעך, ווייל פּונקט איצט האָט דער שוועדישער געזאַנדטער זיך אויפגעהויבן אוועקגיין און יאָדהאַל האָט, לויטן פּראָטאָקאָל, געדאַרפט אוועקגיין צוזאַמען מיט אים.

אויף אָט דער באַגעגעניש בין איך געוועזן אַן עדות צו אַ שווערן אינצידענט וואָס איז פאָרגעקומען צווישן קאָהליערן דעם אַמעריקאַנער און שאַמפּאַנוּאַ וואָס איז דאַן געווען קאָרעספּאָנדענט פון זשורנאַל „טריביון דע נאַסיאָן" און פאַר דעם — פאָרשטייער פון דער „פראַנס פּרעס"־אַגענטור. מיר זענען געשטאַנען אַלע דריי און קאָהליער האָט דערציילט אַז מיטן אָנקומען פונעם ביי־עם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר פאַרלאָזט ער מאָסקווע און וועט אַרבעטן ביים קאָנצענטרירן די זענדונגען פון סטייט־דעפּאַרטאַמענט קיין אויסלאַנד, דאָ איז ער איבערגעגאַנגען צו דער ראַדיאָ־מלחמה וואָס דער ראטנפאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן קעגן די אַמעריקאַנישע טראַנסלאַציעס אין רוסיש און ער האָט אָנגערופן אַ פאַנטאַסטישע צאָל וועלן, וועלכע

זיי האָבן געלאָזט אין באַוועגונג, כדי זיך צו שטאַרקן איבער די שטערונגען. די אַמעריקאַנער האַלטן נישט פאַר כדאי אָנצונעמען קעגנמיטלען קעגן די סאָוויעטישע זענדונגען אין ענגליש, וואָרום דער אַמעריקאַנער צוהערער איז תמיד געוווינט צו הערן פאַרשיידענע מיינונגען; דעריבער איז די געפאַר פון די מאָסקווער איבערגעבונגען קיין אמעריקע אַ סך קלענער ווי עס איז די געפאַר פון די אַמעריקאַנער איבערגעבונגען צו די רוסישע ראַדיאָ־צוהערער, וואָס זענען להוט צו הערן „דאָס קול פון אַמעריקע". דאָ האָט שאַמפּאַנואַ רואיק און געלאַסן באַמערקט, אז די רוסן זענען גערעכט מיט זייער שטערן, ווייל די אַמעריקאַנער זענדונגען זענען נישט אַנדערש ווי „אָפּיום פאַרן פאָלק" עס איז נישט צו באַשרייבן ווי שאַרף עס איז געווען די רעאַגירונג פון קאָהליערן: ער האָט שאַמפּאַנואַן אָפּגעשיט מיט זידלערייען, און נאָך איידער יענער האָט באַוויזן צו רעאַגירן האָט ער געמאָלדן, אַז עס איז נישט פאר זיין כבוד זיך צו געפינען מער אין דער געזעלשאַפט פון שאַמפּאַנואַ און איז אַוועק.

מען קאָן נישט זאָגן אַז שאַמפּאַנואַ האָט אַרויסגעוויזן מינימאַלן טאַקט, און קאָהליער האָט געהאַט רעכט זיך צו פילן באַליידיקט אין אַזאַ פאַל. קאָהליער איז אָנגעזאַפּט מיט דער שווערסטער פיינטשאַפט צום ראַטנפאַרבאַנד און ער פאַרדעקט כלל נישט זיין מיינונג. לויט זיינע רייד איז ער געקומען קיין מאָסקווע גראָד מיט אַ פון פאָראויס באַשטימטער מיינונג פין פריינטשאפט און בדרך כלל מיט אַ „לינקן" געדאנקען־גאַנג. ער האָט אָבער געענדערט זיין באַציאונג אין אָנבליק פון דער ווירקלעכקייט, לויט ווי זי האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. פון דאַן אָן לאָזט ער נישט דורך קיין שום געלעגנהייט כדי צו קריטיקירן. נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק, בעתן פאַרעפנטלעכן די באַקאַנטע „פראַגן און ענטפערס" פון סטאַלינען צום אַמעריקאַנער שרייבער וועגן זיין ווילן זיך צו באַגעגענען מיט טרומאַנען, האָט מיר קאָהליער געזאָגט, בעת מיר האָבן זיך געטראָפן אין א שעה אַרום נאָך דער זענדונג: „אַגיטאַציע. און נישט מער. מיט גלאַטיקע ריידעלעך וועלן זיי אונדזער האַרץ נישט געווינען, נאָר מיט פאַקטישע מעשים. און צו דעם זענען זיי נאָך נישט גרייט". אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום איז געקומען עטשיסאָנס נעגאַטיווער ענטפער. אין די לעצטע טעג, אין שייכות מיט חער באַראַטונג פון די פיר אין פאַריז, האָט קאָהליער געזאָגט, אַז צוערשט האָט ער טאַקע געמיינט, אַז אין ווישינסקיס וואַליזע געפינט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן דערנענטערן אַן אָפּמאַך; איצט אָבער איז אים קלאָר, אַז די געשפּרעכן האָבן נישט קיין ווערט. ער, קאָהליער אַליין, איז געווען צופרידן פון דעם, ווייל עס איז גלייכער וואָס פריער אַראָפּצונעמען יעדע פאַרנעפּלטקייט פון די באַשטייענדיקע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען און זיי פאָרשטעלן פאַר דער וועלט אין זייער פולן און אמתן „ליכט".

די הויפּט־קאַרט וואָס אין די הענט פון די אמעריקאנער איז — דאָס אויפלעבן דעם כוח פון דייטשלאַנד אין דער ראַם פון דער מערבדיקער השפעה.

פרוי שטיפאַן, די ווייב פונעם היגן טשעכישן ראַטגעבער, אַ געביל־דעטע פרוי און אַן איבערגעגעבענע קאָמוניסטין, האָט אין יענע טעג (אָנהייב יוני) געזאָגט צו מ. ביזשעראַנאָ, אַז זי פאַרשטייט בכלל נישט די רוסן און זייער דייטשישע פּאָליטיק: זיי טוען אַלץ כדי צו באַנייען דייטשלאַנדס קראַפט און צו פאַרפעסטיקן איר מאַכטיקייט ווי זי איז געווען אין פאַרגאַנגענהייט. נאָר זי, ווי אַ טאָכטער פון טשעכישן פאָלק, ווייסט אויסגעצייכנט וואָס אזוינס עס זענען די דייטשן און וואָס פאַר אַן אומגליק זיי וועלן פון דאָס ניי אַרויפוואַרפן אויף דער גאַרער וועלט, און אפשר צום אַלעם ערשטן אויף ס.ס.ס.ר. זייער איצ־טיקע גוטס־טועריי, אַז זיי וועלן נאָר באַווייזן צו זיך צו קומען און זיך שטעלן אויף די פיס.

אויף איינעם אַ מיטאָג בין איך געווען פאַרבעטן צו וואָטקינסן, דעם שטעל־פאַרטרעטער פון קאַנאַדישן געזאַנדטן. זיי האָבן דאָ בכלל נישט קיין געזאַנדטן און זיין ראָל ווי אַ „נאָמינירטער" איז אַ סטאַ־בילע. די איינגעלאַדענע האָבן געציילט ביי אַ פופצן פערזאָן, צווישן זיי די געזאַנדטע פון דענעמאַרק, פינלאַנד און לוקסעמבורג, דער בריטישער אוויאַציע־אַטאַשע און איינער פון די פרעמדע קאָרעס־פּאָנדענטן. דער פינישער געזאַנדטער סונדסטרעם איז איצט צוריק געקומען פון בוקאַרעשט, וווּ עס איז פאָרגעקומען דער אַקט פון אי־בערגעבן זיינע אַקרעדיטיר־פּאַפּירן, נאָך דעם ווי עס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן פאַרצושטעלן זיין לאַנד אויך אין רומעניע. ער האָט נאָך דאָרט נישט קיין אָנגעשטעלטע און מיינט צו האַלטן דאָרט בלויז אַ קאָנסולאַר־באַאַמטן, ער האָט שוין אָבער באַקומען אַ סטאַ־בילע וווינונג. ער האָט באַוויזן זיך צו באַקענען מיט אונדזער גע־זאַנדטן. ער איז דאָרט געווען אין טאָג פון אונדזער זעלבשטענדיקייט־פייערונג, האָט ער צווישן אַנדערן דערציילט וועגן אַ קליינעם „דיפּ־לאָמאַטישן אינצידענט" וואָס האָט געטראָפן מיט די ענגלענדער, וואָס האָבן אין מיטן פאַרלאָזט די פייערונג אַלס פּראָטעסט פאַרן מאַכן אַן אויסנאַם לטובת דעם סאָוויעטישן געזאַנדטן, וואָס נאָר ער אַליין איז אריינגעפירט געוואָרן אין אַ סעפּאַראַטן צימער צוזאַמען מיט די רו־מענישע מיניסטאָרן. סונדסטרעם האַלט נישט, אַז די ענגלענדער זענען גערעכט, וואָרים זיי נעמען נישט אין אַכט די שטאַרקע אָנגע־שפּאַנטקייט וואָס הערשט צווישן די געזאַנדשאַפטן פוןביידע בלאָקן אין בוקאַרעשט. אָבער וואָס שייך צום עצם דיפּלאָמאַטישן פּראָטאָקאָל איז ער פאַר אַ שטרענג מקפּיד זיין אויף אַבסאָלוטער גלייכקייט לגבי אַלע געזאַנדשאַפטן, אויסער אפשר אמאָל לגבי די פאַרשטייערס

פֿון דער אַרטיקער מאַכט וואָס מען דאַרף אַמאָל פּאַוואָריזירן, כאָטש עס איז געוווּנטשן ווי ווייט מעגלעך אויך דאָס אויסצומיידן.

בעת אָט־דעם געשפּרעך האָט ער געפֿרעגט, ווען וועט שוין באַשטימט ווערן דאָס אויסטוישן פֿאָרשטייערס צווישן אונדזער לאַנד און זייַנס. ער האָט איבערגעחזרט פֿון פֿאָלקקינען, זייַן ראַטגעבער, בעת דער פֿריערדיקער טרעפֿונג, אַז זיי האָבן נישט קיין אַנדערע מעגלעכקייט, צוליב געלט־אייַנשפּאָרונגען, ווי נאָר צו פֿאַראייניקן זייערע פֿאָרשטייערשאַפֿטן אין אויסלאַנד, ווייַניקסטנס איין פֿאָרשטייער פֿאַר צוויי לענדער, לויט דער דאָזיקער טענדענץ זענען זיי געקומען צו אַ הסכם מיט די אונגאַרן, בולגאַרן און רומענער, אַז ער, סונדסטרעם, וועט אַמטירן אַלס פֿאָרשטייער אויך אין רומעניע (אונגאַרן און בולגאַריע וועלן צוקאָפּטירט ווערן צו אַנדערע פֿינישע געזאַנדשאַפֿטן) בעת די פֿאָרשטייערס פֿון די דריי דערמאָנטע לענדער אין מאָסקווע וועלן אויך זייַן אַקרעדיטירט אין פֿינלאַנד. און טאַקע — אין אַנהייב יאַנוואַר האָט זיך ביקאָלאָוו דער בולגאַרישער געזאַנדטער אין מאָסקווע, צוריקגעקערט פֿון העלסינקי, פֿון דער דערעפֿענונג־צערעמאָניע פֿון זייער געזאַנדשאַפֿט דאָרטן.

צומאָרגנס, דעם 20־טן מאַי בין איך פֿאַרבעטן געוואָרן אויף מיטאָג צו פֿאָלקקינען, דעם פֿינישן ראַטגעבער. עס איז דאָרט אויך געווען זייער אַטאַשע פֿאַר קולטור־באַציאונגען, וואָס דינט אויך ווי דער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער אָפֿיציעלער טעלעגראַפֿן־אַגענטור, און פֿון אים האָב איך געהערט די באַקאַנטע דערציילונג, אַז ביז האַרבסט 1947 האָבן פֿרעמדע דאָ גענאָסן מער־ווייניקער פֿון פֿרייַען קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג, באַזונדערס מיט מענטשן פֿון גייסט. זייט דעמאָלט איז מיט איינמאָל און אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט. מיטן פֿאַרעפֿנטלעכן דאָס אויסגעבעסערטע געזעץ וועגן „היטן מלוכהשע סודות”, וואָס לאָזט בעצם נישט איבער קיין שום זאַך אויסער דער באַצייכענונג פֿון „סוד”. עס זענען אויך פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן נייַע האַרבע פֿאַראָרדענונגען, וועלכע פֿאַרבאָטן אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטן און זייערע אָנגעשטעלטע צו קומען אין קאָנטאַקט מיט פֿרעמדע פֿאָרשטייערשאַפֿטן אָן דער פֿאַרמיטלונג פֿונעם אויסערן־מיניסטעריום. עס איז איבעריק אויפֿצוקלערן, אַז אין ראַטנפֿאַרבאַנד, און גאָר באַזונדער אין מאָסקווע, וועט זייער שווער זייַן צו געפֿינען אַנשטאַלטן וואָס זענען נישט קיין מלוכהשע און בירגער, וואָס אַרבעטן נישט ביי דער מלוכה אין אַזאַ אָדער אַנדער פֿאָרם. דער פֿאַרבאָט איז נישט חל אויף פּאָסט און טעלעגראַף, אויף געוועלבער, טעאַטער קאַסעס, ביבליאָטעקן, פֿייערלעשערס און גיכע הילף. (אין ביישפּיל וואָס רייסט די אויגן: אַ דאַנק אַ מיטטיילונג אין דער פּרעסע האָבן מיר זיך אַבאָנירט אויף אַ פּעריאָדישער זאַמלונג, אַ מין אַלבאָם וואָס זאַמלט־אויף אויסצוגן פֿון דער סאָוויעטישער

פּרעסע אין ענינים פון פּאָליטיק און קולטור. מיר האָבן אַריינגעשיקט דעם פאַרלאַנגטן באַטרעף, אַלץ ווי עס האָט זיך געפאָדערט. אין פינף חדשים אַרום האָבן מיר צוריקבאַקומען דאָס געלט צוזאַמען מיט אַ בריוו פון אויסערן־מיניסטעריום, וואָס דערציילט אונדז, אַז אין פאַרלאַג געפינט זיך נישט מער אַפילו קיין איין עקזעמפּלאַר פון אָט דער זאַמלונג...). די אויפגאַבן פון פינלאַנדישן אַטאַשע פאַר קולטור־פאַרבינדונגען שרומפּן איצט דעריבער איין ביז צו דער מדרגה פון אַריינשיקן אין וואָק״ס צופעליקע בקשות וועגן וויסנשאַפט אָדער קונסט־ענינים. די ביטעס בלייבן על פּי רוב אָן רעזולטאַטן און גאַנץ אָפט — אָן שום ענטפער.

איך האָב פאַרקירצט מיין ווײַלן ביי פאָלקקינענען, ווייל איך האָב זיך געאיילט אָנצוקומען צו דער טשעכישער געזאַנדשאַפט, צו דער לויה פון אילמעניצקין אַ טשעכישער שרייבער, אַ קאָמוניסט, אַלט אַ יאָר 50, וואָס איז פּלוצים געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. איך האָב אים געקענט פּערזענלעך פון מיינע באַזוכן אין זייער געזאַנדשאַפט און פון זיין וויזיט ביי אונדז אין טאָג פון אונדזער זעלבשטענדיקייט.

דעם 21־טן מאַי האָב איך זיך באַטייליקט אין דער אָפיציעלער דערעפענונג פון דער אונגאַרישער אינדוסטריע־אויסשטעלונג. עס זענען דאָרט נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכע זאַכן, אָבער עס איז געווען אַ בולטער איינדרוק פון אַ ווירטשאַפט, וואָס קומט צוריק צו די כוחות ברייטערט אויס אירע גרענעצן און שטרעבט צו נייע דערגרייכונגען — אין דער ראַם פון דעם נייעם פּאָליטישגעזעלשאַפטלעכן רעזשים, וואָס דערנענטערט זיך אין גאַייל צו אַ פולער סאָוויעטיזאַציע.

א שיינע מסיבה האָט די ענגלישע געזאַנדשאַפט איינגעאָרדנט אין זייער קעניגס געבורטס־טאָג (9.6.49), אינעם גאָרטן פון זייער הויז. נאָכדעם ווי די ענגלענדער האָבן אונדז באַזוכט אין אונדזער זעלבשטענדיקייטס־טאָג און האָבן געשיקט וויזיט־קאַרטן אויף קעגנזייטיקן אויסבייט האָבן מיר זיך איבערגעבעטן, און די באַציאונגען מיט זיי זענען איצט אַזוי ווי מיט אַנדערע געזאַנדשאַפטן. איך בין געווען אויף זייער באַנקעט צוזאַמען מיט ביזשעראַנאָן. עס זענען געווען אַנוועזנדיק עפּעס ווייניקער פון צוויי הונדערט געסט, אויך פונעם מזרח־בלאָק. פון אויסערן־מיניסטעריום זענען געווען דער שטעלפאַרטרעטער פונעם אויסערן מיניסטער גוסייעוו, דער צערעמאָניאַל־מיניסטער מאָלאָטשקאָוו און אייניקער פון זיינע געהילפן, און נאָך צוויי פונעם מיניסטעריום פאַרן אויסערן־האַנדל. די מענטשן פונעם בריטישן דיפּלאָמאַטיש, קאָרפּוס האָבן זיך מיט די געסט זייער פיין באַנומען און עס איז געווען אַן אַלגעמיין גוטע שטימונג.

האַריסאָן, דער שטעלפאַרטרעטער פונעם געזאַנדטן האָט מיר געזאָגט אביסל באַרימעריש, אַז ער קען אונדזער פּרעזידענט נאָך פון

לאָנדאָן, נאָך פון יענע „קריזיס־טעג״. איך האָב נישט פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל מיר אויסטייטשן. איך פאַרשטיי אָבער אַז זיין כוונה איז זיכער געווען וועגן איינער פון יענע פאַזעס אינעם פעריאָד פון ווייסן בוך. האַריסאָן האָט צוגעגעבן, אַז ער פרייט זיך צו לייענען וועגן העלמס קומען צו אונדז, וואָס לויט אַלע ידיעות, האָט ער געהאַט ביי אונדז אַ שיינע און בכבודיקע אויפנאַמע. אונדזער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב דעם אריינקום פון נייעם נאָרוועגישן געזאנדטן, העלגעבי, וואָס איז זיך געקומען פאָרשטעלן פאַרן גאַסט־געבער, נאָך דעם ווי ער האָט געהאט איבערגעגעבן שווערניקן זיינע קרעדענצן. ער איז אַלט ביי אַ זעכציק יאָר און איז געווען אָנפירער פון דער נאָרוועגישער מיליטערישער דעלעגאַציע אין דייטשלאַנד. איך האָב מיט אים געשמועסט און ער, העלגעבי, האָט זיך געוויצלט, אַז לויט איר עלטער איז אונדזער מדינה אַ זויגלינג אין פאַרגלייך מיט דער אַלטער נאָרוועגיע. אָבער ער לגבי מיר דעם אלטן מאָסקוויטש איז נאָך גאָר אַ יונגינקער. ער איז געקומען בלויז דערלאַנגען זיינע פאַרטרויאונגס־פּאַפּירן כדי דאָס אָרט זאָל נישט זיין ליידיק אַ לאַנגע צייט, און אין א צוויי וואָכן ארום פאָרט ער צוריק אין זיין לאַנד אריין אויף זומער־אורלויב.

פון קאַסטעלאַן, ערשטער סעקרעטאר אין דער ניוזעלאנדישער געזאנדשאַפט, (אין מלחמה־צייט איז ער געווען ביי אונדז אין לאַנד און אין טראַנס־יאָרדאַניע, ווי אַ ניוזעלאַנדישער מיליטער־מאַן. ער קען א סך שפּראכן און צווישן זיי קען ער אויך אויסגעצייכנט די רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור, און דאָ נישט לאַנג האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך וועגן דער נייער רוסישער פּאָעזיע), איך האָב זיך דערוווסט, אז זיין געזאנדטער, באָזוויל, פאַרלאָזט בקרוב דעם אַמט און קערט זיך צוריק אהיים. עס זעט אויס, אַז עס וועט נישט נאָמינירט ווערן קיין נייער געזאנדטער ביז ערשט נאָך די נייע וואַלן, וואָס דאַרפן איצט פאָרקומען. זיי האָבן נישט קיין סטאַבילן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, ווייל בלויז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן זיי אָנגעהויבן אליין זיך צו רעפּרעזענטירן אין די הויפּטשטעט, און נישט דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם בריטישן אויסערן־מיניסטעריום. מענטשן צו דיפּלאָמאטישער טעטיקייט ווערן איצט וווערבירט נאָר פון צווישן די געזעלשאפטלעכע טוערס און פון די מיט וועמען דער אויסערן־מיניסטער איז פערזענלעך פאַרבונדן. דעריבער, צוליבן דערוואַרטן אינערלעכע ענדערונגען אין דער מאַכט, וויל נישט דער ניו־זעלאנדישער אויסערן־מיניסטער באַשטימען אויף דערווייל „זיינס״ אַ געזאנדטן אין מאָסקווע, וואָס וועט אפשר נישט קענען קאָאָפּערירן מיטן נייעם אויסערן־מיניסטער.

דעם 25.5.49, אין טאָג פון אַרגענטינער נאַציאָנאַלן יום־טוב, בין איך געווען אויף אַ באַנקעט ביים שטעלפאַרטרעטער פונעם אַר־

גענטינישן געזאַנדטן, בראַווא, און דאָרט זיך באַגעגנט מיט מאָלאָטש־
קאָוון. ער האָט געפּרעגט הלמאי ווערט אזוי לאַנג אָפּגעהאַלטן דאָס
איבערגעבן די פּאָרטרויאונגס־פּאַפּירן. „זאָל אייער מיניסטער נישט
מורא האָבן", האָט ער געזאָגט „עס וועט נישט זיין קיין שום פּגם אין
צערעמאָניאַל, כאָטש פּונקט אַזעלכע פּרעצעדענסן האָבן מיר נאָך
נישט געהאַט, עס איז אָבער יאָ געווען אַ פּרעצעדענס פון דערהייבן
אַ געזאַנדטן צום ראַנג פון אמבאַסאַדאָר, און מיר וועלן זיך פירן לויט
אים. עס וועט אייך איבערנעמען דער ערשטער פאַרטרעטער פונעם
אויסערן־מיניסטער, — גראָמיקאָ". ער איז נאָך אַמאָל צוריקגעקומען
צום זעלבן ענין און אונטערגעשטראָכן, אַז גראָמיקאָ איז ערשטער
פאַרטרעטער — דאָס הייסט, נישט אַ סך ווייניקער ווי ווישינסקי
אליין.

איך האָב צוריקגעקערט אַ באַזוך (24.5.49) לאַטינאָוויטשן, דעם
יוגאָסלאווישן ראַטגעבער, איצט שטעלפאַרטרעטער פון געזאַנדטן. ער
איז אָפּגעזונדערט און דערשלאָגן. זייענדיק דאָ אַ ביי־ער, האָט ער ווי
אַלע ביי־ע אויך געפּרעגט נאָאיווע פראַגן. איך האָב אים מדריך געווען
אין די ענינים פון די מאָסקווער געגנג און מנהגים לויט ווי איך האָב
געקאָנט. דער פּסיכאָלאָגישער אָנגריף פון די סאָוויעטן אויף יוגאָ־
סלאַוויע ווערט שטאַרקער און שאַרפער ביז גאָר. לאַטינאָוויטש גלייבט,
אַז נישט געקוקט אויפן איזאָלירן זיי פונעם מזרח וועט זיי דאָך גע־
לינגען אויפצובויען זייער ווירטשאַפטלעכע, פּאָליטישע און סאָציאַ־
ליסטישע זעלבשטענדיקייט אינעם „פאָלקס־דעמאָקראַטישן" נוסח, אָ־
בער — נישט צו זיין געבונדן צום קאָמינפאָרם און צו מאָסקווע, און
נישט זיך אַריינקייקלען אין די אָרעמס פון מערב. נאָר עס קאָן גרייד־
לעך זיין, אַז גראָד דאָס ווילן נישט די רוסן, און עס איז דאָ אַן איינ־
דרוק, אַז זיי וואָלטן בעסער געוואָלט יוגאָסלאַוויע זאָל צוריקגיין צו
אַן אָרטיקער בורזשואַזער אָרדענונג, איידער עס זאָל זיך שאַפן אַ
פּרעצעדענס פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג, ווען אפילו אַן ענלעכ־
כער צו דער סאָוויעטישער, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפן זייער
איבערהערשאַפט. דער קאָמינפאָרם איז פאַראינטערעסירט צו באַ־
ווייזן, אַז עס איז נאָר דאָ אַן אָרט פאַר קאַפּיטאַליזם (אַלץ וואָס איז
מחוץ דעם מזרח־בלאָק) און פאַר סאָציאַליזם (אַלץ וואָס איז אין דעם
בלאָק) אָבער נישט פאַר סאָציאַליזם וואָס איז אויסער דער ראַם פון
זיין הערשאַפט.

וואָס שייך אויסערן־פּאָליטיק — נישט דער כאַראַקטער פונעם
אינערלעכן רעזשים דעצידירט וועגן שליסן פאַרבינדונגס־אָפּמאַכן
אָדער וועגן פיינטלעכע באַציאונגען.

אין דעם זעלבן טאָג בין איך געווען אויף דער דערעפענונגס־
זיצונג פונעם אויבערשטן ראַט (פּאַרלאַמענט) פון ר.ס.פ.ס.ר. (רוסישע
רעפּובליק). נישט געווען דאָרט קיין שום זאַך וואָס איז ווערט אונ־

טערצוּשטרייכן, אויסער דעם באַקאַנטן פאַקט, אַז עס איז נישטאָ קיין
שום פאַרגלייך צווישן אָט דער אינסטיטוציע און די פּאַרלאַמענטן פון
אייראָפּע אָדער פון יענער זייט ים. זיין צוזאַמענשטעל, דער אופן פון
אויסוויילן אים זיינע אויפגאַבן און צילן — זענען לחלוטין אַנדערע
און אַרויסגייענדיק פון די אַלע שטאַנדפּונקטן איז דאָס באַנוצן זיך
מיטן באַגריף „פּאַרלאַמענט", לויט ווי ער ווערט ביי אונדז פאַר־
שטאַנען, עלול נאָר אָפּצונאַרן.

בראוניאַס, דער עסטרייכישער ראַטגעבער, האָט אָפּגעשטאַט ביי
מיר אַ וויזיט (8.6.49). ער איז געווען אַ ספּעץ אין יוריספּרודענץ און
האָט אַרויסגעגעבן אַ יסודותדיק בוך וועגן דער גזעצגעבונג אין זיין
לאַנד; און נאָכן אָפּזיין אין מאָסקווע העכער דריי יאָר, האַלט ער איצט
ביים צוריקקערן זיך אין זיין לאַנד אריין. ווען ער איז געקומען אַהער
איז ער געווען פאַרבונדן מיט אָרטיקע מענטשן, באַזונדערס מיט אוני־
ווערסיטעט־קרייזן און האָט אפילו אמאָל אויף זייערער אַ פאַרבע־
טונג רעפערירט אויף א יורידישער טעמע. אָבער אין די לעצטע אַנ־
דערהאַלבן יאָר זענען איבערגעריסן געוואָרן אַלע פאַרבינדונגען. זיי
האָבן געהאט אין ס.ס.ס.ר. ביי א פינף הונדערט און פופציק עסטריי־
כישע בירגער, אין זייער איבערוועגנדיקער מערהייט — יידישע פּלי־
טים, וואָס זענען בשעתו געבראַנגט געוואָרן דורך די נאַציס צו דער
רוסישער גרענעץ און מיט געוואַלד זיי די גרענעץ אַריבערגעשטויסן.
דאָ זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן ווי אומלעגאַלע איינוואַנדערער און
אין זייער גרעסטן טייל פאַרוואָרפן געוואָרן אין לאַגערן פאַר צוואַנגס־
אַרבעט אין מיטל אזיע. מיטן עפענען דאָ די עסטרייכישע פאָרשטייער־
שאַפט (זיי האָבן נאָך נישט דאָ קיין אָפיציעל אָנערקענטע געזאַנד־
שאַפט ווי עס דאַרף צו זיין, און זייער פּאָזיציע איז ווי די פּאָזיציע
פון אונדזערע פאָרשטייערשאַפטן אין לענדער איידער זיי האָבן אָנער־
קענט ישראל) האָבן זיי אָנגעהויבן רעפּאַטריאירן זייערע בירגער און
אָן גרויסע שוועריקייטן אַריבערגעפירט קיין עסטרייך העכער 450
מענטשן. מיט אַ יאָר אָנדערהאַלבן צוריק, מיטן פאַרשאַרפערן זיך פון
די באַציאונגען צווישן די בלאָקן, האָבן די רוסן אויפגעהערט געבן
אויסרייזע־דערלויבענישן אָן שום אַרגומענטן, נאָר פשוט דורך אומ־
ענדלעכע אָפּשלעפּונגען און אָפּשטויסונגען. היינט צו טאָג געפינען
זיך דאָ ביי אַ זיבעציק עסטרייכישע בירגער, די מערהייט עלטערע יידן,
אָן פאַכן, וואָס ליידן דאָ זייער פיל. בראַוניאַס דערציילט, אַז זייער
געזאַנדשאַפט האָט נישט קיין בודזשעט אויף זיי אויסצוהאַלטן און אז,
כאילו, עס איז געווען אַ ווענדונג אין ווין צום דאָרטיקן דזשאָינט און
מען האָט זיי נישט געענטפערט. ער און זיין געזאַנדטער העלפן טייל־
מאָל צו מיט געלט, פון זייער פּריוואַטן געהאַלט, די וואָס בייטיקן זיך
צוממייסט. דאָס ווייניקע רעגירונגס־געלט וואָס איז באַשטימט אויף

אַז העלפֿן די פּליטים היטן זיי אויף צו באַצאָלן די הוצאות הדרך, 500 רובל פֿאַר אַ פּערזאָן, ווען מען וועט זיי דערלויבן ארויסצופֿאָרן.

אויך אין כאַ־בין, האָט ער דערציילט, האָבן די עסטרייכער 25 בירגער, פֿון זיי — זעקס קאַטוילישע גייסטלעכע און די איבעריקע — יידישע פּליטים. זיי האָבן אַרויסגעשיקט דורכפֿאַר־דאָקומענטן — ווי מיר — אָבער ביז איצט האָבן זיי נישט באַקומען די דערלויבעניש דורכצופֿאָרן ס.ס.ס.ר. לויט זיינע רייד איז זייער געזאַנדשאַפֿט אומגע־הויער שווער אײַפֿגעקומען צו ווערן אויף אַ געשפּרעך אין אויסערן־מיניסטעריום. אפֿילו צו דעם אָנפֿירער פֿון זייער אָפּטיילונג דאָרט סמירנאָוו (אַ מין „באַקולין פֿאַר די ענינים פֿון עסטרייך") קאָנען זיי אויך נישט אָנקומען, נאָר צו אַ נידעריקן באַאַמטן וועמענס אויפֿגאַבע עס איז צו פֿאַרצייכענען זייערע רייד און צוזאָגן „איבערצוגעבן צו די, וואָס זענען ממונה איבער אים". בישאָף, דער עסטרייכישער פֿאַר־שטייער, איז אויפֿגענומען געוואָרן דורך ווישינסקין בלויז איין מאָל, בעת ווישינסקי איז נאָך געווען מאָלאָטאָווס וויצע. ער האָט אויך דער־ציילט, אַז זיי שלאָגן זיך אָן אין שוועריקייטן ביים וועלן ברענגען אַרבעטער פֿאַר זייער פֿאַרשטייערשאַפֿט, ווייל די רוסן גיבן נישט קיין אַריינפֿאַר־דערלויבענישן — און דאָס דורך אָפּשטופּן פֿון היינט אויף מאָרגן. ער אַליין, בראַוניאַס, וואַרט שוין אויף זיין שטעל־פֿאַרטרעטער אַ דריי חדשים און ער איז נאָך נישט געקומען, ווייל ער האָט נאָך נישט די אַיינרייזע־וויזע.

בראַוניאַס האָט מיר איבערגעלאָזט אַ ווינער אילוסטרירטע צייַ־טונג וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, און דאָרט איז געווען אַ פֿאָטאָ־בילד פֿון הערצלס מצבה אויפֿן יידישן בית־הקברות, אָן אַרומגערינגל־טע מיט יידן אין אונדזער זעלבשטענדיקייטס־טאָג.

א. לבבי האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביי דעם לוקסעמבורגער בלום, דעם סעניאָר פֿון די געזאַנדטע, אויפֿצוקלערן עטלעכע ענינים, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט מיין נאָמינירט ווערן אלס געזאַנדטער. אין לויף פֿונעם שמועס האָט בלום דערציילט וועגן זיינע פּערזענלעכע אָנ־שטרענגונגען וואָס ער האָט געמאַכט זייענדיק אין אויסלאַנד, ביי זיין אויסערן־מיניסטער ביאַך כדי אים צו באַוועגן אונטערצושטיצן דאָס אָננעמען אונדז אין אונ"אָ, ווען אַפֿילו ספּאַק, וואָס הערשט אין „בע־נעלוקס" זאָל דאָס נישט שטיצן. צום סוף האָט ער דערפֿירט זיין מי־ניסטער ער זאָל אים פֿייערלעך שווערן, אַז ער וועט שטיצן, וואָס עס זאָל נישט זיין. און פּאַקטיש האָט ער זיין צוזאָג געהאַלטן. איך האָב וועגן דעם טעלעגראַפֿירט צו מ. שרת און מיט זיין הסכמה האָב איך געשיקט צו בלומען אַ הייסן דאַנק־בריוו אין נאָמען פֿונעם אויסערן־מיניסטער.

אויף דער איינלאַדונג פֿונעם צערעמאָניאַל־אָפּטייל בין איך ביי־

געוועזן אויף דער גראַנדיעזער פייערלעכער זיצונג אינעם גרויסן מלוכה־טעאַטער, געווידמעט דעם יובילײ פון פּושקינען. די דיפּלאָמאַטן זענען אויסגעזעצט געוואָרן אין גאָר בכבודיקע לאָזשעס, דאָס מאָל אויסגעמישט מזרח מיט מערב צוזאַמען. אין אונדזער לאָזשע זענען אויך געזעסן דער אַלבאַנישער געזאַנדטער, דער פאָרשטייער פון עסטרייך, דער שטעלפאַרטרעטער פונעם אַמעריקאַנער געזאַנדטן און דער שטעלפאַרטרעטער פונעם כינעזישן געזאַנדטן. די געסט האָט אויפגענומען מאַראַטשקאָוו. דער פייערלעכער אָוונט — אַ שאָד נאָר וואָס ער האָט זיך געצויגן צו לאַנג — איז אויספירלעך באַשריבן געוואָרן אין די צייטונגען. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ האָט נישט אויסגעפעלט דער שאַרפער אַנטי־אַמעריקאַנער עלעמענט, ווי עס איז איצט אָנגענומען ביי יעדער געלעגנהייט, און באַזונדער אין קאָנסטאַנטין סימאָנאָווס אויספירלעכן רעפעראַט. קאָהליער, דער אַמעריקאַנער, און זיין פרוי האָבן פאַרלאָזט אונדזער לאָזשע גלייך נאָכן רעפעראַט, ווייזט אויס אַלס צייכן פון פּראָטעסט.

צוליב מיין נאָמינירט ווערן אַלס געזאַנדטער און מיין אַריינטרעטן אין נייעם אַמט, בין איך געקומען אויף אַ פּריינטשאַפטס־באַזוך (25.7.49) צום געזאַנדטן פון לוקסעמבורג רענע בלום, אַ ייִדן־פריינט, אונדזער נאָענטסטער פריינט צווישן דעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס און אַ מענטש, וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין גאַנצן לייב־און־לעבן מיט די ענינים פון מדינת ישראל און מיט די מענטשן פון אונדזער געזאַנדשאַפט. אין דער פאַרגאַנגענהייט איז ער אין משך פון 30 יאָר געווען אַדוואָקאַט אין דער הויפּטשטאָט פון זיין מדינה און 20 יאָר געווען מיטגליד אין פּאַרלאַמענט. פון די אָנפירער פון אַנטי־קלעריקאַלן לינק־סאָציאַליסטישן פליגל. אין די טעג פון דער גרויסער מלחמה איז ער בדרך נס, מיט דער הילף פון ייִדן, אַנטרינען פון די נאַצישע לאַפּעס, וואָס האָבן אויף אים געלויערט פאַר זיין געוואַגטער הילף צו ראַטעווען ייִדן, וואָס לויפן פון דער היטלער־געפאַר, און איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָרט איז ער דאָס ערשטע מאָל אַריין אין דיפּלאָמאַטישע ראָלן. האָט פאַרגעשטעלט זיין לאַנד אין קאַנאַדע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין ענגלאַנד. נאָך דער מלחמה האָט ער באַשלאָסן זיך צוריקצוקערן צו זיין היימלאַנד, כדי אויפצובויען פון דאָס ניי זיין הויז, וואָס איז אינגאַנצן צעשטערט און אויסגערויבט געוואָרן דורך די נאַציס. אָבער נאָכקומענדיק דער בקשה פון דער גרויספירשטין שאַרלאָטע, וואָס האָט געוואָלט שיקן קיין מאָסקווע אַ פּראָגרעסיוון מענטש. וואָס גלויבט אין אַ מעגלעכקייט פון אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן מזרח און מערב. האָט ער אָנגענומען די נאָמינאַציע.

זיין פערזענלעכע שטעלונג אין פּאָליטיש־אַקטועלע פראַגן גייט ווייט אַרויס פון דער אָנגענומענער מערב־ליניע, זי שפּיגלט נישט אָפּ די אָפיציעלע פּאָליטיק פון זיין מדינה און אוודאי אידענטיפיצירט זי

זיך נישט מיט די טענדענצן פון „בענעלוקס”. שווער צו פארשטיין ווי אזוי ער פירט אויס זיין אָפיציעלע שליחות.

אויפן אינטערנאציאָנאלן האָריזאָנט זעט ער א זייער שוואַרצע זעאונג. דייטשלאנד גייט שנעל פאָראויס — דורך א פלייסיקער דערנעבנטערונג פון ביידע זייטן, אָבער דער עיקר מצד דעם מערב־בלאָק — צו דער באנייאונג פון איר פאקטישן כוח און איר טראַדיציאָנעלן געדאנקען־גאַנג, דעם רעאַקציאָנערן, מיליטאַריסטישן און אַנטיסעמיטישן. דער אמתער און אויסגעטראכטער פחד פאר ס.ס.ס.ר. פירט אַראָפּ פון זין נישט בלויז אַזעלכע, וואָס זענען טעמפּ און קאָנסערוואַטיוו פון זייער נאַטור אויס ווי בעווין, נאָר אויך אַזאַ חכמדיקן פּאָליטיקער ווי טשערטשיל. אַלע פאַרגעסן אָדער מאַכן פאַרגעסן די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט און יאָגן זיך וואָס שנעלער צו דעם מטורפדיקן וועט־לויף אויף צו געווינען דאָס האַרץ פון די דייטשן, וועלכע וועלן צום סוף זיין די ערשטע צו פּראָפּיטירן דערפון, אויב נישט די איינציקע. און פראנקרייך, די צעטומלטע און פּראַקטיקע, וואָס עס געלינגט איר נישט פאַר קיין שום פאַל צו פאַרפעסטיקן און סטאַביליזירן איר אינערלעכע מאַכט, בלאָנדזשעט ארום אַן איבערגעשראָקענע — גייט איין טריט פאָראויס און צוויי צוריק אין איר אינערלעכער פּאָליטיק ווי אין איר אויסערלעכער. דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע לאנד וועט ווידער זיין די ערשטע צו טרינקען דעם סם פון דער דייטשישער אגרעסיע. ווייל וואָס קאָן שוין ברענגען פאַר פראַנקרייך אַזאַ מענטש ווי שומאַן, דער פרומער קאַטאָליק, וואָס קיין שום זאַך, אויסער דעם פחד פאַרן רוסישן ריז, דרינגט נישט אריין אין קרייז פון זיין זען, דער זעלבער שומאַן וועמען בלום האָט געקענט פערזענלעך נאָך פון דעם ערשטן וועלט־קריג, בעת שומאַן איז געווען אַן אָפיציר אין דער דייטשישער אַרמיי, ווי איינער פון די ווערבירטע אין עלזאַס־לאָטערינגען. און לעאָן בלום, דער אַלטיטשקער, וואָס אין דער פאַרגאַנגענהייט איז ער געווען דער קלאָרער פאַרשטאַנד און דאָס געוויסן פון דער סאָציאליסטישער אייראָפּע, איז אויף דער עלטער פאַרזונקען געוואָרן אין דער אויסגעשפּראָכענער זאָרג פאַר אַ סאָציאַליזם וואָס זאָל זיין אומרעאל און דורכאויס „הומאניסטיש”, בעת זיין פארטיי ליגט אַ געפאַנגענע אין די הענט פון דער קאטוילישער פאַרטיי — דער הערשנדיקער שותף. און איז דען נאָך עפּעס וואָס געבליבן ממשותדיקס פון די גרויסע ווערטן פון דער מיט־לויב־באַרימטער פרייהייט, איינגעשלאָסן די אנטשיידנדיקע החלטה צו באַפרייען דאָס לאַנד פון די קייטן פון דער קאַטוילישער קירך? אז א קאטוילישע פאַרטיי האַלט דעם רעגירונגס־רודער פון אַ וועלטלעכער מדינה, בלייבט נישט קיין זאך פון אַלע אירע פרייהייטן, אַ חוץ די אויסערלעכע שאָל, פאַרעלטערטע געוווינהייטן פון אַ פאָרמאליסטישער דעמאָקראַטיע און אויסגעבלאָזענע פּראָגרעסיווע פראַזעאָלאָגיע. די

װעלט, אין איר בלינדקייט און אין אירע טעמפּע שנאהס, גייט אנט־קעגן אַ דריטן װעלט־קריג און נאָר אַ נס קאָן אונדז נאָך ראַטעװען פון דעם אומגליק.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז בלומס טעטיקייט, װאָס דורך אויס־שטעלן זיך פּערזענלעך אויף די גרעסטע סכנות, האָט ער געראַטעװעט יידן, װאָס זענען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד און פאַרװאַלגערט געװאָרן קיין לוקסעמבורג. זיין אנטלויפן צום װישי־געביט אין פראַנקרייך, דאָס נאָכיאָגן זיך נאָך אים פון די נאַציס און זיין ארויסדרייען זיך פון זייערע נעגל ממש אין דער לעצטער מינוט, מיט דער הילף פון יידן. רעדנדיק אַזוי מיט אים איז מיר איינגעפאלן אַ געדאַנק אים פאָרלייגן ער זאָל די דאָזיקע זכרונות אויפשרייבן בכדי זיי צו פאַר־עפנטלעכן אין „דבר“, אין װאָס פאַר אַ פאָרם עס װעט אים געפעלן. בלום האָט מיין פאָרשלאג אָנגענומען און צוגעזאָגט צו טאָן אין דעם ביי א פאסיקער געלעגנהייט.

צום סוף האָט ער מיך איינגעלאַדן צו באַזוכן זיין קליין לאַנד, און מיר פאַרזיכערט, אז איך װעל זיך דאָרט פילן „װי ביי זיך אין דער היים“.

ביי א צען טעג פאַר מיין װיזיט ביי אים זענען אויף א פּרייטיק־צו־נאַכטסדיקער סעודה געזעסן ארום אונדזער טיש אין דער גע־זאנדשאַפט, בלום מיט זיין פרוי (װי אויך דער נאַמינירטער איבער דער פינלאנדישער געזאנדשאפט פאָלקקינען מיט זיין פרוי און אויך פרוי אַסטאָר, די פּריװאַט־סעקרעטאַרין פונעם פראנצויזישן געזאנד־טן). צו אונדזער איבעראשונג האָט בעת דער סעודה בלום געבעטן אַ װאָרט און גענומען רעדן באַגייסטערטע לויב־רייד װעגן דעם אלטן יידישן פאָלק און האַרציקע װונטשן צו זיין מלוכהשער װידער־אויפ־לעבונג, װי אויך פערזענלעכע באַגריסונגס־װערטער צו מיין נאָמינא־ציע.

לעצטנס, װען עס איז געמאָלדן געװאָרן װעגן דער אנטװערטונג פונעם פונט שטערלינג אויף אַן אָװנט־מאָל ביים הער טשאַן (באַ־פולמעכטיקטער געזאנדטער), דער נאָמינירטער איבער דער כינעזי־שער אַמבאַסאַדע, בעת איך בין געזעסן צװישן דעם פינלאַנדישן גע־זאַנדטן סונדסטרעם און צװישן ר. בלום — האָבן ביידע געטענהט מיט צאָרן קעגן די ענגלענדער, הלמאי זיי באַגייען זיך װידער מיט פאלש־קייטן כלפּי זייערע פריינט: נאָר־װאָס אויפן „אייראָפּעאישן ראַט“ האָבן זיי אָפּגעלייקנט, אז זייער ציל איז צו אנטװערטן דעם שטער־לינג, און גלייך אָן בושה איבערגעקערט די שיסל — שאַפנדיק אַ „פאַרענדיקטן פאקט“ האָבן זיי גורם געװען צו א מאָנעטארער איבער־קערעניש אין גאַנץ אייראָפּע.

סער דייװיד קעלי, ביי א זעכציק יאָר אלט, נייער בריטישער

אמבאסאדאָר, וואָס איז דאן געקומען קיין מאָסקווע, האָט פון 1946 אמטירט אלס אמבאסאדאָר אין טערקיי און פריער, אין 1937, געווען ראטגעבער אין קאַיר (אין ראנג פון באפולמעכטיקטער געזאנדטער), אין דער תקופה פון אמבאסאדאָרשאפט פון לאָרד קילראן. העכער 30 יאָר איז ער געווען טעטיק אין דיפּלאָמאטישן דינסט, דער עיקר אין דרום - אַמעריקע. זיין אויפפירונג איז געווען א פשוטע און א זייער אָנגענעמע און זיין הארציקער אופן פון רעדן האָט אים געמאַכט באַליבט ביי אַלע זיינע צוהערער. ער איז געווען אַ פולקומער קעגנזאץ פון זיין פאָרגייער, פּיטערסאָן, וואָס איז דאָ געווען באקאנט ווי אן אָפּגעזונדערטער, פארשלאָסענער און שווער־געמיטיקער מענטש.

אונדזער געשפּרעך איז פאָרגעקומען בעת א וויזיט פון באקענען זיך מיט אים, דעם 29.7.49. ער האָט אונטערגעשטראָכן מיט א שטארקער אקצענטירונג זיין צופרידנקייט פון אונדזער באזוך און זיין ווילן זיך צו דערוויסן וועגן די ענינים פון ישראל פון אן אוממיטלבארן ישראלדיקן קוואל. דאָס געשפּרעך האָט באריִרט א סך ענינים, אָבער דאָס וויכטיקסטע: א. אונדזער שטעלונג אין דער פראגע אראבישע פּליטים, סיי צו דער פראגע אליין און סיי אין שייכות מיט די לאָזאנער געשפּרעכן. ב. ווי אזוי ווערט אויפגענומען און אבסאָרבירט די עליה אין לאנד.

איך האָב אים איבערגעגעבן און מאָטיווירט אונדזער שטעלונג צו יעדן פּרט און האָב באזונדער אונטערגעשטראָכן, אז עס איז נישטאָ אין דער וועלט נאָך אזא פאַלק ווי אונדזערס, וועמענס הארץ עס זאָל זיין אָפן — צוליב זיין ביטערער דערפאַרונג — צו פארשטיין די מענטשלעכע טראגעדיע, וואָס שטרייכט אונטער די דאָזיקע פראגע, און ווען מיר וואָלטן דערגאנגען צו א סטאבילן שלום, וואָלטן מיר זיך מיטבאטייליקט אין פארלייכטערן די לייזונג, כאָטש עס איז קלאָר, אז די־אָ פראגע דארף און קאָן געלייזט ווערן, אויסער די גרענעצן פון ישראל. דער אומווילן פון די אראבישע לענדער צו פארהאנדלען אין לאָזאן וועגן שלום, און זייער פּרווו צו ספּעקולירן מיטן אומגליק פון זייער קרבן, דרינגט ארויס פון דער פאלשער השערה, אז אויף דעם וועג וועט זיי געלינגען אויסצופּרעסן פון ישראל דאָס, וואָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן צו באקומען מיטן כוח פון דער שווערד. אָט די זעלבע השערה האָט ארויפגעפירט די לאָזאנער געשפּרעכן אויף א זאמד־באנק. איצט באגייען זיך די געשפּרעכן ווידער; אז אויב זייערע דעלעגאציעס וועלן ברענגען מיט זיך ממשותדיקע אָנווייזונגען צו טאָן פארן שלום, וועלן זיי פון אונדזער זייט זיך אָנטרעפן אויף א ווילן צו גוטער שכנותשאפט און אויף א גרייטקייט צו אן אמתן שלום. און אויב נישט — וועלן מיר אָנשטרענגען אלע אונדזערע כוחות כדי ביי־צושטיין און זיך אנטוויקלען אויך אָן שלום, פונקט אזוי ווי מיר

זענען בײגעשטאַנען בעת דער מלחמה. כ׳האָב אויך צוגעגעבן װעגן דעם גורל פֿון די ייִדן אין אַראַבישע לענדער, איבער װעלכן מיר װעלן נישט אַריבערגײן בעתן הסכם װעגן די שלום־באַדינגונגען.

קעלי האָט זיך צוגעהערט מיט גרױס אינטערעס, כמעט װי אין שפּאַנונג. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער געשטעלט אַ פֿראַגע קלאָר צו מאַכן פֿאַרשידענע פּונקטן. און דאָס איז דער תּמצית פֿון זײַן רעאַגירן: דאָס ערשטע מאָל קומט אים אױס צו הערן אַ ישׂראל־אױפֿקלערונג פֿון ערשטן מקור און ער איז דאַנקבאַר דער געלעגנהײט, װאָס איז אים געגעבן געװאָרן צו הערן אַן אױסשעפּנדיקע און אָפֿנבאַרע פֿאַרלײגונג, אין אַ ליכט, װאָס איז אינגאַנצן נײַ פֿאַר אים.

אין דער תּקופֿה פֿון זײַן דינסט אין מזרח (פֿון זײַנע רײד האָט זיך באַקומען דער אײַנדרוק, אַז ער האָט זיך נישט פֿאַרנומען מיט ארץ ישׂראל־ענינים), האָט ער שטענדיק געהערט, און דאָס נישט נאָר פֿון די מצרים, װאָס זענען אַ פֿאַראינטערעסירטער צד, נײַערט אױך פֿון בריטישע פֿאַרשטײערס אין מזרח, אַ גאַנץ אַנדערע טעאָריע — אַ טעאָריע, אַ פּראָ־אַראַבישע, און דאָס זעלבע אױך אינעם פּראָבלעם פֿון די אַראַבישע פּליטים.

דאָ האָב איך אים איבערגעשלאָגן און געזאָגט, אַז עס איז מעגלעך, אַז די אײנזײַטיקע אינפֿאָרמאַציע פֿון דעם מין, װאָס האָט זיך געצױגן יאָרן לאַנג אָן אױפֿהער און איז אָנגענומען געװאָרן אָן קריטיק, אַז זי האָט עס אױסגעפּירט די פּאָטאַלע מיסיע צו שאַפֿן דעם ריס צװישן אונדז און ענגלאַנד.

קעלי האָט מסכּים געװען בעת כ׳האָב געזאָגט, אַז דאָס מעסטל איז פֿול געװאָרן װען אין די טעג פֿון קריג האָט מען פֿאַרמיטן פֿון אונדז דאָס ראַטעװען מענער, פֿרױען און קינדער, װאָס נאָר דורך נסים האָט זיך זײ אײַנגעגעבן צו אַנטלױפֿן פֿונעם היטלעריסטישן טױטנהױז. מיר װאָלן נישט ראױ געװען אַז די ערד פֿון ישׂראל זאָל אונדז טראָגן אױב מיר װאָלטן נישט רעװאָלטירט קעגן דער דאָזיקער בריטישער פּאָליטיק. די „אָרטיקע״ בריטן זענען אין זײער מערהײט נישט אַראָפּ צו דער טיפֿקײט פֿון דער ספּעציפֿישער באַזונדערקײט פֿון דער ייִדישער פֿראַגע. אפֿשר גראָד צוליב די סטאַנדאַרטע געװױנהײטן פֿון דעם „אָרטיקן מענטש״ אין דער אַראַבישער סבֿיבֿה. אַ פֿאַקט איז, אַז מענטשן פֿון העכערן שטאַנד, װי די מיטגלידער פֿון דער „פּיל־קאָמיסיע״, װאָס זענען געקומען פֿון דער װײַט און אָן פֿאָראורטײלן, האָבן פֿאַרשטאַנען צו פֿאַרטיפֿן זײער פֿאַרשונג אין אונדזערע פּראָבלעמען אָן ערך מער װי די אײַנגעזעסענע בריטישע הערשער אין מזרח.

קעלי האָט געענטפֿערט, אַז מעגלעך דאָס די טענדענץ פֿון די דאָזיקע שטענדיק־ענגלישע פֿאַרשטײערס איז געװען, אַז ענגלאַנד דאַרף נישט דעצידירן עקסטרעם, פֿאַר דעם צד אָדער פֿאַר יענעם.

אומזיסט האָבן זיי געפּרווּווט זוכן און אַנהאַלט־פּונקט וואָס האָט זיי אויס־געזען ווי דאָס שטיין אין דער מיט, און צום סוף זענען זיי אַליין אַריינ־געפאַלן אין דעם אָפּגרונט, וואָס האָט זיך געעפנט צווישן די צוויי צדדים. אמת טאַקע, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט זיך געשאַפן אַן אייב־דרוק, אַז ענגלאַנד איז פייַנטלעך צו יידן. ער, קעלי, ווי אַן ענג־לענדער, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין די ענינים פון זיין פאָלק און קען גוט די גייסטיקע קאָנסטעלאַציע פונעם ענגלישן מענטש, קאָן זאָגן מיט אַ רואיק געוויסן, אַז דאָס איז אַ פאַלשער איינדרוק. די שוים און דער רויש פון די געשעענישן האָבן ארויפגעבראַכט אויך נישט אנגענעמע דערשיינונגען, עס האָט זיך אָבער גאָרנישט געענדערט, נישט בלויז אין דער גרונט־באַציאונג צו די יידן אין ענגלאַנד, ווי בירגער פון גלייכע רעכט און גלייכן ווערט, נאָר אפילו נישט אין שייכות מיט דער באַזונדערער ליבשאַפט צום יידישן פאָלק. ער האָפט אַז נאָך דעם אַלעם וואָס איז פאָריבער, איז איצט פאַראַן אַ האָפע־נונג צו אָרדענען די באַציאונגען און צו באַנייען די קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און פריינטשאַפט. ער לייגט גרויסע האָפענונגען אויף העלם, וואָס האָט געאַרבעט „ביי אים" אין טערקיי ווי אַ ראַטגעבער פון דער אמבאַסאדע. „פון איצט אָן זיצט צווישן אייך אונדזער פאָר־שטייער, ער וועט הערן די זאַכן פון דעם ערשטן קוואַל און וועט אוודאי טאָן אַלץ צו נאָרמאַליזירן די באַציאונגען".

דאָ איז קעלי אַריבערגעגאַנגען צו פראַגן וועגן העלם, דעם ערשטן געזאַנדטן וואָס גרויס־בריטאַניע האָט געשיקט קיין ישראל, האָט אויסגעדריקט זיין פרייד פאַרן פיינעם קבלת פנים אין תל־אביב, און האָט אָנגעוווּנקען אַז ער האָט נאָך נישט קיין דירה און זיצט אין אַ האָטעל: „סיי נישט באַקוועם און אי עס קאָסט טייער". אין איינער פון די באַגעגענישן האָט מיר דאָס זעלבע געזאָגט וועגן דער דירה האַריסאָן, דער ערשטער בריטישער ראַטגעבער (באַפולמעכטיקטער געזאַנדטער) און ס'איז אָן ספק אַז זיי האָבן דאָס געטאָן בכוונה, כדי אַזוי אַרום זאָל זייער זאָרג אָנקומען אויפן ריכטיקן אָרט ביי אונדז. האָב איך וועגן דעם טעלעגראַפירט צום אויסערן־מיניסטער.

קעלי האָט געפרעגט וועגן דער עליה און וועגן טעמפּאָ פון אויפ־נעמען. כ'האָב אָנגעגעבן ציפערן און אונטערגעשטראָכן די ווינונגס־שוועריקייטן. דאַן האָט ער געפרעגט צי מיר האָבן בדעה פאַרצווזעצן דאָס ברענגען עולים אויך אין דער צוקונפט. כ'האָב געענטפערט, אַז ווען נישט די נויטווענדיקייט אויפצונעמען די יידן פון גלות, איז אַ ספק צי מיר וואָלטן געוועזן אַריינגעלייגט אַזויפיל מי און בלוט אויף צו דערגרייכן אַ שפּילצייג־מדינה פאַר אַ האַלבן מיליאָן יידן אין ארץ ישראל. צוליב קעליס אָנגענעמער און איבערבעטנדיקער באַציאונג אין אַט דעם געשפּרעך — וואָס בעצם איז דאָס געווען דער ערשטער

מענטשלעכער שמועס צווישן אונדז און די ענגלענדער דאָ, נאָך דעם ווי ווען מיר זענען געקומען אַהער האָבן זיי געפּרוווט „נישט אָנער־קענען אונדז״ — האָב איך געהאַלטן אַז כ׳האָב נישט קיין רעכט אָנצוּוואַרפן מיט איין מאָל טענות אויף טענות, און האָב אויסגעמיטן אָנצורירן די פראַגע פון אַראָפּנעמען דעם „עמבאַרגאָ״ און אַנדערע ענינים.

קעלי האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל באַזוכט ארץ־ישראל, איז געווען אין ירושלים, נצרת, בית לחם און יריחו „אָבער קיין תל־אביב האָב איך נישט דערגרייכט״. ער האָט צוויי זין און איין טאָכטער, אַלע דערוואָקסענע. איינער פון די זין געפינט זיך דאָ צייטווייליק. די טאָכטער אַרבעט ווי אַ באַאַמטן אין בריטישן קאָנסולאַט אין בריסעל. אַלע דריי זענען „אינטערנאַציאָנאַלע קינדער״, דאָס הייסט, געבוירן און זיך אויפגעהאָדעוועט בעתן וואַנדערן פון איין לאַנד אין צווייטן, צוזאַמען מיט די עלטערן. אָבער דער עיקר איז זיי אייגן דאָס שפּאַנישע לשון, די שפּראַך, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן אין דרום־אַמעריקע. דערפאַר פלעגן מיר זיי שיקן אין אַנקאַראַ צי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איינקויפן אויפן מאַרק, ווייל זיי האָבן געקענט רעדן פריי דאָרט מיט די ספרדישע יידן, האָט דערציילט דער אַמבאַסאַדאָר.

ביים סוף פונעם שמועס האָט ער פאָרגעלייגט, אַז מיר זאָלן זיך ווענדן צו אים אין יעדער זאַך, וואָס אונדזער געזאַנדשאַפט וועט זיך בייטיקן אין זייער הילף.

ווי באַוווסט, איז קעלי אויפגענומען געוואָרן דורך סטאַלינען, וואָס פירט זיך אויפצונעמען נאָר פרעמיערס פון רעגירונגען, אָדער די, וואָס שטייען אין שפּיץ פון גאָר וויכטיקע פּאָליטישע דעלעגאַציעס. דער באַזוך זיינער ביי סטאַלינען האָט געדינט ווי אַ טעמע פאַר געשפּרעכן, אָנשטויסונגען און פאַר פאַרשידענע אויסטייטשונגען. די בריטישע ווערסיע איז געווען, אַז קעלי האָט געבעטן אַ „פּראָטאָקאָלאַרע״ באַגע־געניש אויף צו באַקענען זיך, און אַז זיי האָבן נישט באַרירט קיין שום פּאָליטישן ענין. די פאַרדעכטלעכע האָבן חושד געווען, פאַרשטייט זיך.

מיין מיינונג איז געווען אז דאָס געשפּרעך איז נישט אַרויס־געגאַנגען פון די ראַמען פון אַלגעמיינער העפלעכקייט: עס האָט געדויערט עפּעס ווייניקער פון אַ האַלבער שעה און אויב מ׳זאָל נע־מען אין אַכט, אַז מ׳האָט עס איבערגעזעצט אויף רוסיש און פאַר־קערט, און אַז די רוסישע שפּראַך איז „לענגער״ פון דער ענגלישער און אַז סטאַלין האָט גערעדט ווי געוויינלעך, זייער לאַנגזאַם, מיט הפסקות צווישן איין וואָרט און דעם צווייטן — האָט במילא דער גאַנצער געשפּרעך נישט געדויערט מער ווי א 12—13 מינוט. ס׳איז א גרויסער ספק צי די דאָזיקע געציילטע רגעס זענען געווען גענוג פאַר א פּאָליטישן שמועס אינעם פלאָנטער פון יענע טעג. דאַקעגן

אָבער איז געווען קלאָר, אַז אין דער זעלבער צייט, בעת צווישן די אמעריקאַנער און ענגלענדער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אַ „שוואַרצע קאַץ“, זענען סיי די רוסן, סיי די ענגלענדער געווען פּאַראינטערעסירט, יעדער איינער לויט זיינע סיבות, אויפצוּוועקן איבעם האַרץ פון די אמעריקאַנער אַ ביסעלע זאָרג. זעט אויס אַז עפּעס פון דעם ווילן איז דערגרייכט געוואָרן, שוין דורכן עצם פאַקט וואָס אַזאַ אוידיענץ איז צושטאַנדגעקומען.

קעלי האָט געזאָגט אַז ער איז שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פון סטאַלינס פּערזענלעכקייט.

קעלי מיט זיין פרוי, צוזאַמען מיטן ראַטגעבער באַרקער און זיין פרוי (דער ערשטער ראַטגעבער, האַריסאָן, האָט אינצווישן פאַרענדיקט זיין דינסט אין מאָסקווע), האָבן אָנגענומען מיין איינלאַדונג אויף אַ „קאָקטייל־פּאַרטי“ וואָס כ'האָב איינגעאָרדנט לכּבוד דעם באַזוך פון ש. אלישיב (22.9.49). ווידער האָבן מיר פון אים געהערט רייד פון פריינטשאַפט און ס'איז דעריבער כמעט קיין ספק נישט, אַז עס איז פאָראַן אַזאַ אָנווייזונג פון לאָנדאָן. זיין ראַטגעבער, באַרקער, וואָס באַזיצט גרינטלעכע רוסישע בילדונג, האָט מיר געזאָגט אין שייכות מיטן עקזעמפּלאַר פון „פּאַלעסטיין פּאָסט“ אין וועלכן ס'איז דערשינען אַן ארטיקל וועגן טענדענצן פון זיין לאַנד זיך איבערצובעטן מיט אונדז, אַז אַלע סימנים זאָגן עדות וועגן אַ גרינטלעכן קער צו גוטן. מיט פרייד האָט ער מסכים געווען מיט מיר, בעת כ'האָב אים געזאָגט איין רוסיש וואָרט: „פּאָראַ“ (שוין די העכסטע צייט). דעם אמבאַסאַדאָרס פרוי, אַ שיינע פראַנצויזין, איז אַלט בערך די העלפט פון איר מאַן, האָט פאַרזוכט אונדזער מאַראַנצן־זאַפט און האָט זיך נישט געשעמט צו בעטן מיר זאָלן איר „פאַרקויפן“ אַ ביסל פון דעם דאָזיקן געטראַנק און האָט אויך נישט באַהאַלטן איר פרייד בעת כ'האָב איר צוגעזאָגט אריינצושיקן אַן געצאָלט עטלעכע פּושקעס זאַפט.

הער וואַילוואָרט באַרבור, וואָס אַמטירט שוין איינצקע יאָר אַלס אמבאַסאַדאָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין ישראל, אויך ער איז דערשינען אויף אונדזער האַריזאָנט צום ערשטן מאָל — גראָד אין מאָסקווע...

שפּעט זומער 1949 האָבן אין דער אמעריקאַנער אמבאַסאַדע אין ראַטנפאַרבאַנד זיך געביטן דער אַמבאַסאַדאָר, דער ראַטגעבער קאָהליער און צוויי פון די וויכטיקסטע וואָס טראָגן דעם טיטל „ערשטער סעקרעטאַר“. איינער פון די רעזולטאַטן דערפון איז געווען, אַז עס זענען אַ ביסל לויזער געוואָרן אונדזערע באַקאַנטשאַפט־קאָנטאַקטן מיט די מענטשן פון דער דאָזיקער געזאַנדשאַפט. די דאָזיקע לאַגע האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס פאַרבעסערט דורך די באַציונגען פון

פארשטענדעניש און קעגנזייטיקע אינטערעסן וואָס האָבן זיך באַצייכנט אויסגעוועבט צווישן הער א. לבבי און מיר און צווישן דעם נייעם געזאַנדטן־ראַטגעבער אין דער אַמבאַסאַדע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, הער וו. באַרבור.

נאָך איידער עו אי׳ז געקומען קיין מאָסקווע האָט הער באַרבור זיך איינגעשאַפן געניטשאַפט און דערפאַרונג אין די ענינים פון באַלקאַן און אין די פראַגן פון קאָמוניזם. פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג האָט ער געדינט אין סאָפיע, די הויפּטשטאָט פון בולגאַריע, און מיטן באַפרײַען גריכנלאַנד דורך די פאַראייניקטע אַרמייען איז ער געקומען קיין אַטען. ווי איינער פון דער באַלקאַן - אָפּטיילונג ביים סטייט־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן. ער איז געווען טעטיק אין גריכנלאַנד בעת די שלאַכטן מיטן קאָמוניסטישן אונטערגרונט. אין געשפּרעכן מיט אים האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז נישט ווייניק צייט האָט ער געוויילט אין מיטעלן מזרח, האָט אַמטירט אין באַגדאַד און אין די יאָרן 1942 - 1944 אין קאַיר. ווייזט אויס אַז בלויז צופעליק האָט ער אין אָט די יאָרן נישט אַמטירט אין ירושלים.

דעם 24.1.50 איז א. לבבי געווען אויף אַ נאַכט־מאָל ביים בריטישן ראַטגעבער הער באַרקער. אינעם געשפּרעך אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט הער סערוויס (אַן אַמעריקאַנישער סעקרעטאַר וואָס האָט געדינט 25 יאָר אין כינע) און הער קאַפּור, אינדישער ערשטער סעקרעטאַר, איז צווישן אַנדערס געזאָגט געוואָרן, אַז מיר גייען אַריין אין אַ תּקופה פון פאַרשטאַרקטער סאָוועטיש־קאָמוניסטישער אַקטיוויטעט, דער עיקר אין אַזיע, אָבער אויך אין אייראָפּע. די סימנים אין אייראָפּע: דאָס אַרויסשיקן דעם אַמעריקאַנישן געזאַנדטן פון בולגאַריע, דאָס באַשווערן די באַוועגונג קיין בערלין. אין אַזיע — פאָלקס־כינעס אַנערקענען די רעגירונג פון האָ־טשי־מין. די כינעזישע נאָטע צו פראַנקרייך וועגן דעם וואָס דאָס פראַנצויזישע מיליטער טוט אָן צרות די כינעזער אין אינדאָ־כינע, די כינעזישע וואָרענונג נישט אָנצונעמען קיין דעלעגאַציעס פון טיבעט, ווייל דאָס וועט געזען ווערן ווי שעדיקערײַ קעגן כינע.

דער אינדיער האָט אונטערגעשטראָכן אַז די רעגירונג פון בורמע הערשט נישט מער ווי נאָר אין דער הויפּט־שטאָט ראַנגון אַליין און אַז די בורמישע מדינה איז זיך איינגאַנצן פונאַנדערגעפאַלן. לויט זיינע רייד קויפן די כינעזער אויס דעם גרעסטן חלק רייז פון סיאַם מיט דער כוונה גורם צו זיין אַ מאַנגל אין אינדיע, וואָס נייטיקט זיך שטאַרק אין אָט דער רייז. אינדאָנעזיע שטייט פאַר שווערע פּראָבלעמען און ביי באַשטימטע אומשטענדן איז זי עלול צו דערגיין צו דער זעלבער לאַגע וואָס בורמע. אַלע סימנים זאָגן עדות אַז דער ראַטנפאַרבאַנד האָט באַשלאָסן נישט שלום צו מאַכן

מיט דעם פּאַקיסטאַן צושטאַנד אין וועלכן עס געפינט זיך אינדאָנעזיע און מיט דער רעגירונג פון האַטאַ.

באַרקער און סטעוויס האָבן געפּרוווט טענהן, אַז אין פאָלקס־כינע זענען שוין אויפגעקומען קאָנטיקע שוועריקייטן: דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, דאָס פעלן פון אַ קלאָרער און אויספירבאַרער פּאָליטיק כלפּי דעם פּויערים־קלאַס, די גרויסע איבערמידקייט פון די מלחמות, די קליינע צאָל פון דיסציפּלינירטע און אויפגעכאָוועטע כוחות אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס זאָל קאָנען אָרגאַניזירן די מעכטיקע מדינה, פון דאַנען די מעגלעכקייט אַז כינע וועט שטרעבן נישט אויפצוגעבן אין גאַנצן די וויכטיקע האַנדלס־באַציונגען מיטן מערב.

פון דער אַנדערער זייט זענען אַלע געווען איינשטימיק אַז עס איז אוממעגלעך עס זאָל אין דער נאָענטסטער צוקונפט אויפקומען אַן אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין כינע און אַז עס וועט אויך נישט פאָרקומען קיין ערנסטער ריס צווישן ראַטנפאַרבאַנד און כינע אין דער זעלבער נאָענטסטער צייט.

קאַפור האָט געפּרוווט טענהן אַז ראַטנפאַרבאַנד איז עלול אונטערצוואַרעמען די כינעזער צו אַן אָנגרייפערישער פּאָליטיק אין דער דרומדיקער ריכטונג, צוליב דער טענדענץ צו באַשעפטיקן די כינעזער און פאַרשטאַרקן זייער נייטיקן זיך אין רוסישער הילף. (קעגן זיי אַלע האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געטענהט דער פראַנצויזישער מיליטער־אַטאַשע בעלואַר, וועמען אינדאָ־כינע איז אוודאי געווען נאָענט צום האַרץ, אַז דאָס נייע כינע וועט זיין אַ צוימענדיקער פאַקטאָר לגבי דער פּאָליטיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד).

וועגן דער שווערער ווירטשאַפטלעך ־ געזעלשאַפטלעכער לאַגע פון אינדיע האָט זיך דאַן, אין אַפּריל 1950, אַרויסגעזאָגט דער נייער ראַטגעבער פון דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע הער דע־לימעראַק וואָס איז אַריבערגעפירט געוואָרן פון אינדיע קיין מאָסקווע.

לויט זיין מיינונג, ווי מיר האָבן אַרויסגעלערנט פון זיינע אינהאַלטרייכע שמועסן וואָס ער האָט מיט אונדז געפירט, האָט דאָס אַרויפקומען פון די קאָמוניסטן צו דער מאַכט אין כינע, נישט געקאָנט האָבן קיין גרויסע השפעה אויף די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן אין אינדיע. די פאָלקס־מאַסן זענען גלייכגילטיק. וואָס שייך דער הערשנדיקער שיכט איז אַ ספק צי זי וועט פאַרשטיין אָפּצושאַצן די פולע היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם קער אין כינע.

לויט זיינע רייד, האָט אין מערב־פּאַקיסטאַן זיך גיך פאָרמירט אַ נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, ווען אפילו עס זאָלן גערעכט זיין די טענות פון די אינדיער קעגן אַ פּאָליטישער פונאַנדערטיילונג פון דעם „סוב־קאָנטינענט" לויט רעליגיעזער אָנגעהעריקייט. ווי באַקאַנט איז אין אינדיע נישטאָ קיין געמיינזאַמקייט צווישן רעליגיעזער אָנ־

געהעריקייט מיט שפּראַכלעכער. אַזוי למשל, איז דער פּאַטער פון דעם גרינדער און אַפּוטרופּוס פון פּאַקיסטאַן, וואָס איז פריער געווען דער פירער פון דער „מוסולמענישער ליגע״, דזשינאַך, אַ הינדוס, אַ רייכער סוחר וואָס האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין געלט־ענינים און איבערגעגאַנגען צום איסלאַם נאָך דעם ווי דער מוסולמענישער סוחר־רים־פאַרבאַנד פון זיין שטאָט האָט אים פאַרגעלייגט פינאַנסיעלע הילף בתנאי ער זאָל זיך איסלאַמיזירן...

אויך וועגן דער לאַגע אין וויעטנאַם האָט דע־לימעראַק גערעדט דעפּרעסיוו. האָ־טשי מינס כוחות אַנטוויקלען אַן ענערגישע אָנגריי־פערישע טעטיקייט, און זיי האָבן דערפאָלגן. גאַנץ מעגלעך אַז עס שטראַמט כינעזיש ־ קאָמוניסטישע הילף דורך דער צפון־גרענעץ פון אינדאָ־כינע. די אויפשטענדלער זענען פאַרפעסטיקט אין די באַרג־געביטן, בעת די פראַנצויזן הערשן איבער דער מערהייט שטחים פון די רייז־פּלאַנטאַציעס פון דער צווייטער זייט, מיינט דע־לימעראַק, אַז עס זעט זיך אָן א געוויסע פּאָליטישע סטאַביליזירונג פון באַאָ־דאַיס רעגירונג.

סאָהלמאַן, דער שוועדישער אַמבאַסאַדאָר, פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פונעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, א מיטגליד אין דער רעלעגאַציע פון זיין לאַנד צום אונ״אָ, איז געקומען צו מיר אויף א געשפּרעך אין איינעם פון די אַפּריל־טעג 1950. אויף דער לעצטער סעסיע פון אונ״א האָט ער זיך באַזונדערס פאַרנומען מיט דער פראַגע ירושלים, און לויט זיינע רייד האָט ער משפיע געווען אויף זיין דעלעגאַציע זי זאָל פּרווון זוכן א פּשרה צווישן אינטערנאַציאָנאַ־ליזירונג און צווישן דער שטעלונג פון ישראל. אין דער צוקונפט וועט אין דער פראַגע ירושלים זיך באַשעפטיקן אין זייער דעלע־גאַציע — זייער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן. פון סאָהלמאַנען איז ווייזט אויס, פאַרלאַנגט געוואָרן אויסצושפּירן אונדזער שטעלונג און האָט געבעטן אויפקלערונגען וועגן די סיבות פאַר דער ענדערונג אין דער רוסישער שטעלונג. דער תמצית פון מיין ענטפער: דאָס אינטערנאַציאָנאַליזירן איז אַוועק פון דער וועלט נאָך פאַר מאַליקס בדיוו, שוין אָפּגערעדט אַז נאָך אים. די רוסן זענען רעאַליסטן, און ווען זיי האָבן איינגעזען אַז זייער פריערדיקע שטעלונג האָט נישט קיין האָפט האָבן זיי זי פאַרלאָזט אָן וואַקלענישן און האָבן זיך אין דעם־אָ ענין דערנענטערט צו די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער, נישט געקוקט אויף דער גרויסער מיינונג־פאַרשיידנהייט צווישן זיי. אויב די אונ״א־פאַרזאַמלונג וועט נישט אַריינגעדרייט ווערן אין נייע אויסגעבלאָ־זיטאָריעלע) ווי מיר האָבן פאַרגעלייגט, באַפרידיקן די באַדערפע־נישן פון די פּלענער, אין וועט נישט אַריינגעשלעפּט ווערן אין אינטריגעס פון עגאָאיסטישע אינטערעסאַנטן, נאָר וועט זאָרגן אויף אן אמת פאַר

די הייליקע ערטער, וועט א פונקציאנעלע אויפזיכט (נישט קיין טע נישן און זיך לאָזן דורכפירן.

פאר זיך אליין האָב איך געטראכט, אז מאַליקס בריוו איז וויכטיק נישט נאָר ווי אַ קלאַפּ דער אינטערנאַציאָנאַליזירונג, נייערט אויך ווי אַ געצילטער פּאַטש אין פּנים דער אַראַבישער ליגע, כאָטש זי האָט נישט איבערגעריסן די בריקן פון די רוסישע טענדענצן צו זוכן א פּאָליטישן אָנהאַלט צווישן די אראבער. גראד פון דעם אַ שטאַנדפּונקט האָב איך א ביסל געציטערט פאר מאַליקס מאָטיווירונג, וועלכע האָט איבערגעלאָזט א מעגלעכקייט צו נעגירן אויך אונדזער לייענונג מיטן ארגומענט אז זי האָט נישט די הסכמה פון די אראבער „אין ירושלים און אין גאַנצן לאַנד", פּונקט ווי אויך דאָס באַניצן זיך מיט עטנאָגראַפישע טערמינען „יידן און אַראַבער" איז זיכער נישט קיין צופאל.

סאָהלמאַן איז אויך געווען געזאַנדטער פאַר אַפגאַניסטאַן. כ'האָב אים דעריבער דערציילט וועגן דער יידישער נויט דאָרט און וועגן דאָס פארווערן זיי צו פארלאָזן דאָס לאנד. ער האָט צוגעזאָגט מיט דעם זיך צו פארנעמען בעת ער וועט זיין אין קאבול און אויך ביים היגן אַפגאַנישן פאָרשטייער. ער האָט דערציילט, אַז די אַפגאַנער האָבן באַקומען אַ הלוואה פון אַמעריקע און איצטער פאַרלאַנגען זיי נאָך, און געראטן דאָס אויסצוניצן.

אין צוזאמענהאנג מיט די אָנפאלן פון דער סאָוויעטישער פרעסע אויף זיין לאַנד האָט סאָהלמאַן אונטערגעשטראָכן, אַז רוסלאַנד האָט קיינמאָל נישט תופס געווען די אייראָפּעאישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג און נישט פאַרשטאַנען דעם גייסט פונעם מערבדיקן מענטש. אנשטאט מאַכן פּאָזיטיווע אָנשטרענגונגען צו געווינען זייער סימפּאַטיע ווענדט זי אָן אויפרעגנדיקע סיסטעמען פון חושד זיין, פון פעלשונגען און אָנשרעקענישן. דער סוף איז, אַז זי דערגרייכט דאָס פאַרקערטע פון דעם וואָס זי האָט געוואָלט. מ'דאַרף נישט דערפון ארויסדרינגען וועגן איר אמתער באַציאונג צו נייטראַלע מדינות, בפרט נאָך צו אַזעלכע לענדער ווו ס'איז נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכטן זיי צו פאַרוואַנדלען אין סאַטעליטן און באַזונדער — אויב זיי פאַרמאָגן ממשותדיקן כוח. שוועדן, וואָס איז פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדעם מיטן מערב און איז גייסטיק נישט נייטראַל, האָט אבער באַשלאָסן אָנצוהאַלטן נייטראַליטעט אין פאַל פון א מלחמה. דאָס שטיצן אַזאַ פּאָליטיק קאָסט געוואַלדיק אַ סך, ווייל דאָס איז מחייב אַ שטענדיקע און זיך־פאַרשטאַרקנדיקע באַוואָפענונג. זי רופט אויך ארויס פון צייט צו צייט אומצופרידנקייט ביי ביידע בלאָקן, ס'איז אָבער נישטאָ קיין ברירה.

אין אַ געשפּרעך מיט באַרקערן, דעם ענגלישן ראַטגעבער, אין

אָקטאָבער 1950, האָבן מיר געהערט ביטערע טענות קעגן דער אמעריקאנישער פּאָליטיק לגבי כינע. אן אינערלעכע דעמאַגאָגישע קאָנקורענץ צוליב דער „קללה פון וואַלן", וואָס הערט דאָרט קיינמאָל נישט אויף, פאַרמיידט פון אמעריקע א גלייכגעוויכטיקע און ווייטזעעוודיקע אויסערן־פּאָליטיק. ס׳איז פאַראַן א שטאַרקער גרונט פאַר דער האָפענונג, אַז מאַאָ־צע־טונג וועט נישט נאָכגיין בלינד נאָך סטאַלינען, אויב נאָר דער מערב אליין וועט אים נישט שטויסן צו דעם. ארויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט האָט אמעריקע שוין אָנגעטאָן פיל שאָדן, לויט זיין מיינונג נאָך, דאָך דאַרף מען דערוואַרטן אַז נאָך דער פּרשה קאָרעאָ וועט פאָרקומען אן ענדערונג און זי וועט מסכים זיין אריינצונעמען פאָלקס־כינע אין אונ״א און וועט מעלדן וועגן א געוואַגטער קאָנסטרוקטיווער ווענדונג. בריטאַניע האָט מצליח געווען און איז געשטאַרקט געוואָרן מיט באפרייען אינדיע, און אין די באָענטסטע יאָרן וועט דאָס זיין איר פּאָליטיק אויך לגבי דעם רוב אנדערע אירע קאָלאָניעס. וואָס שייך די נאָכלויפערס פון די סאָוויעטן אין מזרח־אייראָפּע, דאָ דאַרפן די מערבדיקע מלוכות לענקען זייער פּאָליטיק נישט אין דער ריכטונג פון א בלוטיקער אנטיקאָמוניסטישער מלחמה, נייערט מוטיקן זייער אינערלעכע באפרייאונג פון די קייטן פון קאָמאינפאָרם, לויטן מוסטער פון יוגאָסלאַוויע, אַרויסווייזנדיק טאָלעראַנץ צו זייער היימישן קאָמוניסטישן רעזשים; דאָס איז דער געווונטשנסטער וועג אויף צו שאַפן א נייע גלייכגעוויכט אין אייראָפּע. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער היגער בריטישער אַמבאַסאַדאָר פאָרגעשלאָגן זיין רעגירונג אַזאַ פּאָליטיק. איך האָב געהאָט דעם איינדרוק, אַז די ענגלענדער האָבן געמיינט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט זיך לאָזן אויפשטעלן אַ מין נייער „דריטער כוח" אין אייראָפּע, וואָס קאָן אין משך פון דער צייט, צוזאמען מיט די סקאַנדינאַווישע מדינות, זיך פאַרוואַנדלען אין א ווערטפולן פאַקטאָר וואָס וועט אביסל אָפּשוואַכן דאָס אַבסאָלוטע אָפּהענגיק זיין אין אַמעריקע און פון אירע קאַפּיטאַליסטישע פאַרבינדעטע אויפן קאָנטינענט און אַזוי אַרום וועט צוריקגעקערט ווערן צו בריטאַניע עפּעס־וואָס פון איר אַלטער בכורהשאַפט אין אייראָפּע.

הערגעל, דער בייער דענישער געזאַנדטער, האָט מיר איבערגעגעבן פון זיינע געשפּרעכן אין יענע טעג מיט אמעריקאַנער און מיט אַנדערע מערבדיקע, אַז זיי זענען זיכער, אַז רוסלאַנד וועט נישט אַרויס אין אַ מלחמה פאַר קאָרעאָ ווען אַפילו מעק־אַרטור זאָל אַריבערגיין דעם 38־טן פּאַראַלעל, און וועט לאַנגזאַם אָנגיין מיט אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן צוריקגאַנג. דאָס איז די שטעלונג פון דעם דענער אליין. לויט מיין מיינונג זענען זיי פאַרכאַפּט פון אַן איבערפליסיקן אָפּטימיזם און זייער פאַרזען איז צו אייליק.

בריאַנוואַל, דער פראַנצויזישער באַפולמעכטיקטער, אַ ספּעץ אין
פּראָבלעמען פון ווייטן מזרח, האָט געזאָגט אז זייער היגע אמבאַ־
און זי זאָל אויך זיין קעגן אריבערגיין דעם 38־טן פּאַראַלעל אין
קאָרעאָ דורך די מיליטערן פון אונ״א. כינע איז מיד פון מלחמות,
סאדע האָט געראטן זיין רעגירונג זי זאָל אָנערקענען פאָלקס־כינע
זי וויל ווידעראויפבויאונג און איז נישט גענייגט אין הורט זיך
באַכצושלעפּן נאָך מאָסקווע, וועלכע איז פאראינטערעסירט עס זאָל
זיך ווייטער ציען דאָס ברויזן און קאָכן אין אזיע און פלאַנעוועט דורכ־
צופירן אירע אינטריגעס דורך אָרטיקע אזיאטישע פאקטאָרן, און אין
דער ערשטער ריי דורך כינע, בעת זי אליין, רוסלאנד, וויל זיך
ארויסדרייען פון א דירעקטן ארייננמישן זיך. א דורכפאל אין קאָרעאָ
קאָן צעטרייסלען דעם מעמד פון די רוסן און אויך די השפעה אירע
צווישן די מיטלויפערס, אויב עס וועט די מערבדיקע געלינגען צו
וועקן ביי זיי צוטרוי. אַן אָרנטלעכער צוגאנג כלפי כינע קאָן ארויס־
רופן דעם אָנהייב פון דער ווענדונג. צוליב דעם זעלבן מאָטיוו איז
געוווּנטשן מ׳זאָל פּרווון פארענדיקן די מפּלה פון צפון־קאָרעאָ אויף
א דיפּלאָמאטישן וועג און נישט מיטן כוח פון געווער; וואָרעם אויב
נישט, וועט רוסלאנד דאָס אויסניצן לטובת זיך און וועט אונטער־
העצן כינע זי זאָל זיך ארייננמישן. וואָס שייך וויעטנאם, האָט ער
געזאָגט, צו דער פראגע איז נישטאָ קיין לייזונג אויסער א מיליטע־
רישע דעצידירונג. צו דעם צוועק דארף מען ארגאניזירן און אויס־
שטאַטן ווי עס באדארף צו זיין די ארמייען פון באַאָ־דאַי, און ביז
דאַן דאַרף פראנקרייך דאָרט האַלטן אירע קרעפטן, כאָטש זי וואָלט
גערן געוואָלט פטור ווערן, און וואָס פריער, פון דער דאָזיקער
רעגירונג. אין א געוויסער פאזע האָבן די פראנצויזן זיך געוואָנדן
צו אינדיע, דורך איר היגן אמבאסאדאָר, און געבעטן איר פאַרמיט־
לונג, אָבער אינצווישן האָבן אַמעריקע און ענגלאַנד אָנערקענט באַאָ־
דאַיען און אינדיע האָט געענטפערט, אז אין אזא מצב האָט זי נישט
מיט וואָס זיך צו ווענדן צו האָ־טשי־מינען.

דער „אָפּגעשלאָסענער” לעבנס־שטייגער פון א דיפּלאָמאַטישער
קאָלאָניע און בפרט אין א סאָוויעטישן רעזשים, איז אמאָל אויך גורם
צו אַן אויפשפּראַץ פון באַציאונגען צווישן פאָרשטייערס פון פאַר־
שיידענע מדינות, וואָס זענען נישט פון ריין־דיפּלאָמאַטישן כאראק־
טער. אין מיין פאַל האָט זיך דאָס באשטעטיקט אין די פארבינדונגען
וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט צווישן מיר און דעם הער איוו שאַטאַניאָ,
דאַן פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר אין ראַטנפאַרבאַנד, און אויך צווישן
מיר און דעם הער וו. בלום, געזאַנדטער פון לוקסעמבורג. אויסצוגן
פון בריוו וואָס כ׳וועל דאָ ברענגען וועלן דאָס בעסער אילוסטרירן.
און צו ערשט פון אַ בריוו פון שאַטאַניאָ פונעם 1־טן אויגוסט 1949.

„גרויס אינטערעס האָב איך געפֿונען אין דער שילדערונג וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט וועגן דער קעניגין כאהנה.

פֿון מיין זייט וועל איך אייך איבערגעבן איינצלהייטן, וועלכע עס ברענגען די היסטאָריקער איבן־חילדון, ביאן, איבן־אל־את׳יר און גאָטיע וועגן דער דאָזיקער פּרינצעסין.

די דאָזיקע בערבערישע פּרינצעסין, די ערשטע, וואָס ווערט פֿארצייכנט אין דער געשיכטע, האָט געהערט צום יידישן שטאָם פֿון די בני־ג׳ראוה, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין מזרח פֿון די אָרעס־בערג און האָט זיך גערופֿן מיט א נאָמען, וואָס איז אייגנצייטיק סיי העברעאיש, סיי פּוניש און סיי אַראַביש: כאהנה, אָ כוהנטע. אין זיבעטן יאָרהונדערט האָט זיך אין די אָרעס־בערג געפֿונען נאָך א יידישער שבט, די בני־נפֿוסה, וואָס האָט אָנטיילגענומען אינעם גרויסן אויפֿשטאנד, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער צייט פֿון רוימישן קיסר טראָיאַנוס, בעת די יידישע שווערד האָט פֿארשניטן דאָס גריכישע קירענאיקא. דער נאָמען פֿון דער פּירשטין כאהנה האָט זיך דאן געטראָגן פֿון די אָרעס־בערג ביז סודאן און דער עיקר ביז אל־סוק, וואָס אינעם אָאזיס פֿון די בני־איפֿורה, צווישן די טאָרעג־שבטים. איבן חילדון האָט געשריבן אז זי האָט זיך פֿארשטאַנען אויף פֿארהוילעניש.

אַז די בערבערן פֿון דער פּירשטין קוציילא זענען געשלאָגן געוואָרן אין קירואן אין יאָר 686, דורך די אראבער אונטער דער אָנפֿירערשאפֿט פֿון זוהייר, איז דער יידישער שבט, קעמל־טרייבער פֿון די בני ג׳ראוה, געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פֿונעם בערבערישן ווידערשטאַנד אויפֿן פּלאַץ פֿון די בני עוריבה, וואָס זענען געוואָרן קריסטן און „לאַטיינער״. די קעניגין פֿונעם שבט, די פּרינצעסין כאהנה, זי האָט קאָמאַנדירט״...

פֿון דאנען האָט דער פֿראנצויזישער אמבאסאדאָר געצויגן ווייטער די פּרטים פֿון אירע מלחמות, אירע העלדישקייטן און די מפּלה פֿון אל־כאהנה, ווי ער האָט געפֿונען אין די שריפֿטן פֿון די גרויסע היסטאָריקער, אויף וועלכע ער האָט זיך פֿאַררופֿן...

מיט נאָך פֿריערדיקער אלטערטימלעכער געשיכטע פֿארנעמט זיך מיין בריוו פֿונעם 24־סטן מערץ 1950, צום הער רלום, דעם געזאנדטן פֿון לוקסעמבורג:

„כ׳האָב דעם כבוד אייך צו דאַנקען פֿון טיפֿן האַרצן פֿאַרן אויספֿירלעכן ארטיקל, וואָס איר האָט באַוויליקט מיר צוצושיקן, וועגן דער פֿאָרלעזונג פֿונעם פּריסטער ד״ר נ. שניידער, דער לוקסעמבורגער פּראָפֿעסאָר און מיטגליד פֿון דער פלעמישער קעניגלעכער אקאדעמיע אין בעלגיע.

מיט גרויס אינטערעס האָב איך געלייענט דאָס ארטיקל אין „לוק־

סעמבורגער וואָרט" פון דעם 28.2.1950 וועגן „אור כשדים" און די מיינונגען פונעם פּריסטער אין דער דאָזיקער טעמע.

מעגלעך אז אייך, מיין טייערער פריינט און געזאנדטער, וועט זיין אינטערעסאנט צו הערן, אז כאָטש לויט דער מיינונג פון וויסנשאפט־לער טיילן אָפּ 5000 היסטאָריע ־ יאָרן צווישן אונדז און אָט דער אלטער עפּאָכע, ווייסט אָבער יעדעס קינד ביי אונדז אין די שולן זייער גוט דאָס קאפּיטל אור כשדים. אונדזערע קינדער לערנען דעם תנ"ך דורך און דורך ביזן ענדיקן די מיטל־שול, און אלע זענען באהאוונט ווי עס דארף צו זיין אין דעם צוזאמענהאנג פון אברהם, דעם פאָטער פון די עברים, מיט אור כשדים (בראשית יא' 28, 31, טו" 7; נחמיה ט' 7).

איך נעם אָן אז די אינטערעסאנטע פאָרשונג פונעם פּריסטער שניי־דער איז באקאנט אונדזערע געלערנטע פון דער העברעאישער אוני־ווערסיטעט אין ירושלים, וואָס פיל פון זיי פארנעמען זיך מיט ארכע־אָלאָגישער פאָרשונג און מיטן פאָרשן דעם תנ"ך.

דערלויבט מיר אייך אָנרופן דעם נאָמען פון פּראָפ. א. ל. סוקעניק (ידין), באַרימטער ארכעאָלאָג, דער פאָטער פון אונדזער שעף פונעם גענעראל־שטאב, וואָס אויך ער איז אן ארכעאָלאָג.

אויך אונדזע׳ קאָמוניקאציע ־ מיניסטער, הער דוד רמז, פארנעמט זיך ווי אַ ליבהאָבער מיט לערנען אַרכעאָלאָגיע און תנ"כישע פּי־לאָלאָגיע.

נאָך א מאָל אדאנק אייך פאר אייער פריינטלעכקייט וואָס איר האָט ארויסגעוויזן מיטן צושיקן מיר דאָס אינטערעסאנטע ארטיקל".

די פאַרבינדונגען, וואָס מיר האָבן אָנגעהאַלטן און געפלעגט אין מאָסקווע האָבן געהאט זייערע פאָרזעצונגען אויך שפּעטער נאָך מיין פארלאָזן ד' דיפּלאָמאַטישע דינסט, אין לאנד און אויף אנדערע ערטער. מ׳מעג אָנעמען, אַז די דאָזיקע פאַרבינדונגען האָבן אויפגע־וועקט אינטערעס און א באזונדערע באַציאונג צו אונדזער לאנד. אַ דאַנק זיי האָבן פאַרשיידענע פערזענלעכקייטן געפונען אינטערעס צו וויילן אין לאַנד אָדער וויזיטן צו באזוכן.

אזוי, למשל, האָבן געדינט אויף דיפּלאָמאַטישע פּאָסטנס אין לאנד וויזיטן זעקס פערזענלעכקייטן וואָס האָבן פריער געדינט אינעם עלטערן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס אין מאָסקווע אין דער תקופה פון מיין זיין דאָרט. איינער פון זיי איז הער באַרבור, דער אמעריקאנישער אמבאסאַדאָר, וואָס איז געווען אקרעדיטירט אין מאָסקווע, אין ראנג פון אַ געזאַנדטן, לעבן דעם אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר. דאָס זעלבע הער ניקאָלס, וואָס איז געווען בריטישער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל, און ער מיט זיין גריכישער פרוי זענען געווען פון די אריינגייערס

אין אונדזער אמבאסאדע אין מאָסקווע. הוגאָ הערגעל וואָס איז געווען אַקרעדיטירט אין מאָסקווע אַלס דעניִשער געזאַנדטער, און שפּעטער אין טערקיי, איז אין 1955 נאָמינירט געוואָרן אַלס געזאַנדטער פון זיין לאַנד אין ישׂראל. פּער וועגעמא, וואָס איז געווען אַקרעדיטירט אין ישׂראל ווי נאָרוועגישער געזאַנדטער, איז געווען ערשטער סעקרעטאַר פון דער נאָרוועגישער געזאַנדשאַפט אין מאָסקווע. טשאַרלס באַלאַרד, וואָס איז געווען אויסטראַלישער פאַרשטייער אין ישׂראל אין די יאָרן 1955—1960, האָט אין „מיין צייט" געדינט ווי אַ ראַטגעבער אין דער אויסטראַלישער פאַרשטייערשאַפט אין מאָסקווע, און דער אמבאַסאַדאָר וואָס איז געקומען ביי אונדז אויף זיין אָרט אין 1960, הער דזשאַן מעק־מילאַן, האָט אַמטירט ווי דער נאָמינירטער איבער דער אויסטראַלישער אמבאַסאַדע אין מאָסקווע אין די יאָרן 1951—1953.

די פּריינטשאַפטלעכע באַציאונגען, וואָס עס האָבן אַלע יאָרן אַנגעהאַלטן מיט אונדזער געזאַנדשאַפט העגרי שאַפּירא, דער קאָרעספּאָנדענט פון י. פּי. און זיין פרוי לודמילא, די אויסלאַנד־קאָרעספּאָנדענטין פאַר פּראַגן פון קריסטלעכע קירכן אין דער וועלט, האָבן אין אַ געוויסער פאַזע דערוועקט אין זיי א שטרעבונג צו אַ שטענדיקער פאַרבינדונג מיט ישׂראל. לויט אַן איינלאַדונג פון תּל־אביבער אוניווערסיטעט האָט העגרי שאַפּירא געזאָלט נאָמינירט ווערן אַלס אָנפירער פון פאַקולטעט פאַר זשורנאַליסטיק, וואָס די אוניווערסיטעט האָט דעמאָלט געעפנט. צוליב פאַרשיידענע סיבות איז דער פּלאַן נישט דורכגעפירט געוואָרן אָבער אין צווישן האָבן העגרי און לודמילא געוויילט אין לאַנד עטלעכע וואָכן, האָבן באַזוכט מלוכה־לייט און פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פּערזענלעכקייטן און האָבן דורכגעשפּאַנט דאָס לאַנד פון מטולה ביז אילת. און אויך נאָך דעם האָבן זיי זיך באַמיט אָנצוהאַלטן קאָנטאַקטן סיי פון מאָסקווע, סיי פון ניו־יאָרק, וווּ עס האָט דאָרט חתונה געהאַט זייער טאָכטער פאַר אַן אַמעריקאַנער.

אין מיטן פון די זעכציקער יאָרן איז די פאַרבינדונג צווישן ישׂראל מיטן ראַטנפאַרבאַנד אַריבער די ראַמען פון דיפּלאָמאַטישער שטופּע און עס האָבן זיך אויך אַנטוויקלט גאַנץ לעבעדיקע קולטור־באַציאונגען, אין רעזולטאַט דערפון האָבן אָנגעהויבן זיך ווייזן אין ישׂראל פאַרשיידענע רוסישע קינסטלערס, באַזונדער אויפן שטח פון מוזיק. איינער פון די ערשטע איז געווען איגאָר אויסטראַך, דער זון פון דעם וועלט־באַרימטן פידלער דוד אויסטראַך.

און אָט האָט געטראָפן אַז נישט ווילנדיק זענען מיר געווען, איך און מיין טאָכטער יעל, אין יאָר 1949 אויף אַ ספּעציעלן קאָנצערט פון די קאָנסערוואַטאָריע־אַביטוריענטן אין מאָסקווע. אויף אָט דעם קאָנצערט האָט געשפּילט איגאָר אויסטראַך, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אין אַ פאַרענדיקונגס־עקזאַמען פון זיין העכער מוזיקאַלישער ביל־

דונג, אין דער אַנוועזנהייט פון זיין לערער און פּראָפעסאָר, דער באַ־קאַנטער סאָוויעטישער קאָמפּאָזיטאָר קאָוואַלעווסקי. זיך צוהערנדיק צום קאָנצערט האָבן מיר געשפּירט הינטער אונדזערע פּלייצעס אַ באַוועגונג פון אומאויפהערלעכער שפּאַנונג און נערוועזיטעט. אַז מיר האָבן אויסגעדרייט אונדזערע קעפּ אויף אַ הינטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען דוד אויסטראַך און זיין פרוי — איגאָרס עלטערן.

נאָך דעם האָט דוד אויסטראַך אליין באַזוכט ס׳לאַנד, און דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון רעקאָרד אין די קולטור־פאַרבינדונגען, צו וועלכע מיר זענען דערגאַנגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד אין יענער צייט איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אים אויפצונעמען אלס גאַסט אין מיין פּריוואַטער די רה, אויף דער אינטימער און האַרציקער מסי־בה איז ער געווען שטאַרק גערירט און האָט נישט גערוט און נישט געשוויגן דעם גאַנצן אָוונט, ביז אין די שפּעטע שעהן נאָך האַלבער נאַכט. צווישן אנדערס האָט ער דערציילט וועגן קרובים, וואָס ער האָט אָפּגעפונען אין פּתח־תקוה, און באַלאָדן מיט אלבאָמען און מתנות אונדזערע האָט ער זיך געזעגנט מיט אונדז מיט טיפסטער וואַרעמקייט.

מיט דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן באַציאונגען אויך אויפן מוניציפּאַלן געביט. נאָך מיין באַזוך אין קאָוועטרי, אין ענגלאַנד. און אין ווארשע האָבן זיך אויך אָנגעהויבן וועבן באַזונדערע באַציאונגען מיט סמירנאָוו, פּרעזידענט פון לענינגראַדער שטאָט־ראַט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרנעמען זיך מיטן פּלאַן צו שליסן א צווילינג־בונד צווישן תל־אביב און לענינגראַד. עס איז פאָרגעקומען א בר־ווּר־אויסטויש. אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן מצד די סאָוויעטן אַן אָפּשלעפּעניש אָפּלייגונגען און ארויסדרייענישן און צום סוף איז דער ענין אויסגעגאַנגען און נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ יולא־באַראַטונג (אינטערנאַציאָנאַלע מוניציפּאַליטעטן אָרגאַניזאַציע) אין תל־אביב, בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַן אָפּגעבנדיקן באַזוך דורך אייניקע שטאָט־פּרעזידענטן פון אַזיע. די פאַרהאַנדלונגען מיט סמירנאָוו וועגן דעם צווילינג־אָפּמאַך זענען נאָך געווען אין פולן גאַנג. האָב איך דעריבער באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט און פאָרן קיין אינדיע דורך ס.ס.ס.ר. כדי פאַרצוזעצן און אונטעראיילן דעם „צווילינג־בונד”. איך האָב דער־האַלטן די וויזעס כדת וכדין אין דער סאָוויעטישער אמבאַסאַדע אין רמת־גן און נישט געהאַט קיין שום פאַרדאַכט, אַז מיין באַזוך דאָרט איז נישט געוונטשן, נאָר וועט זיכער דורכגעפירט ווערן. אָבער אין דער לעצטער רגע איז פאָרגעקומען די אַנטוישנדיקסטע איבערראַשונג. עטלעכע טעג פאַר דער רייזע איז דער סעקרעטאַר פון שטאָט געבעטן געוואָרן צו ברענגען אונדזערע פּעסער אין ביוראָ פון דער סאָוויעטישער אמבאַסאַדע, און דאָרט האָט אים אַ באַאַמטער פון דער אמבאַסאַ־

דע געמאָלדן, אַז זיי האָבן דערהאַלטן אַן אָנווייזונג מבטל צו מאַכן די וויזעס, וועלכע זענען שוין געווען אָפּגעסטעמפּלט אויף אונדזערע פּאַספּאָרטן (מיינע און מיין פרוי׳ אורהס), אָן שהיות האָט ער אָפּגעקלאַפּט א פּאַרטיק; שיפּן סטעמפּל אויף ביידע וויזעס, אויפן גאַנצן זייטל „אַננוליראָוואַנאָ״ — די וויזעס זענען אַנולירט. דעם דאָזיקן פּאַספּאָרט היט איך ביז היינט.

דערנאָך איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין לאַנד דער ערשטער באַזוך פון אַ סאָוויעטישן באַקאַנטן שרייבער קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, לויט דער איינלאַדונג פונעם העברעאישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל. זיין ערשטן וויזיט האָט ער געמאַכט ביי מיר, אין מיין ביוראָ אין שטאָט־ראַט, אַהין איז ער געקומען גלייך פון לודער פלי־פלאַץ, און מיט אים — דער סעקרעטאַר פון שרייבער־פאַראיין מר ד. חאָמסקי. איך האָב סימאָנאָוון מיט זיין פרוי׳ אויפגענומען אויך ביי מיר אין הויז אין דער אָנוועזנהייט פון עטלעכע קינסטלערס און שרייבערס און צווישן זיי — אברהם שלאָנסקי, וואָס איז אויף דער באַגעגעניש געווען דער ראש־המדברים און געפירט אַ פאַרצויגענעם שמועס אויף טעמעס פון ליטעראַטור און קולטור. מען האָט געפירט אויך א מתנות־אויסבייט: די געסט האָבן פון מיר באַקומען א ריזן־טעלער פון קעראַמיק, דאָס ווערק פון אַ ישראלדיקן קינסטלער, און איך האָב זוכה געווען צו באַקומען צום אָנדענק א מיניאַטור־„סאמאָוואר״, אַ קאָפּיע פון לעוו טאָלסטאָיס בייכיקן סאַמאָוואַר, וועלכער ווערט אָפּגעהיטן אין „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ״, זיין דאָרפיש גוט וואָס איך האָב באַזוכט אין 1949.

צו די אויסדרוקן פון דער „מאָסקווער ירושה״ דאַרף מען אויך צוגעבן דעם נאָמען מיכאָעלס ז״ל. אז עס זענען געוואָרן צען יאָר נאָך זיין דערמאָרדעט ווערן איז פאָרגעקומען אין „היכל התרבות״ אין תל־אביב אַ מאַסנהאַפטע אָנדענק־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער איך האָב דאָס ערשטע מאָל עפנטלעך געלייענט די „דערציילונגען וועגן אתרוג״ וואָס ווערט געבראַנגט אין א ווייטערדיקן קאַפּיטל. דעם זעלבן טאָג האָט דער שטאָט־ראַט דורכגעפירט די צערעמאָניע פון אָנרופן אַ פּלאַץ אויפן נאָמען פון שלמה מיכאָעלס, נעבן קינאָ „מקסים״ און עס איז אויך צוגעקלאַפּט געוואָרן אַ שילדל אויף אַ גאַס, נאָענט פון דעם פּלאַץ, צום זכר פון צוויי העברעאישע שרייבערס פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו זען דאָס לאַנד — חיים לענסקי און אלישע ראָדין (דער נאָמען פון דער גאַס איז איצט — חיים ואלישע; פריער האָט די גאַס געהייסן מוריה).

קאפיטל זיבן

פראגמענטן פון סאָוויעטישער אַנאַטאָמיע

די באַדייטונג פון אַמאָליקע באַאָבאַכטונגען. מאָסקווער נוסח פון „איבער אַלעם". סוואָראָוו ווי אַ הומאַניסט. אַ באַזוך אין זאַגאָרסק. רוויטע „כלי קודש". די אַרבעטנדיקע פרוי. די איבערגעשטאַלטונג פון „מוזשיק". נישטאָ קיין בעסערע ווי „תוצרת הארץ". לענינגראַד און יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. אין טביליסי, די הויפּטשטאָט פון גרוזיע. באַזוכן אין כאַרקאָוו און אָדעס. אַ רייזע קיין סטאַלינגראַד. אַ באַזוך אין קאָלכאָז „לוטש". אַ שילדערונג פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום. דער סטיל איז דער דיפּלאָמאַט. טראַנספּירן באַפעלקערונגען ווי אַ שיטה. אַ דערלויבעניש צו באַזוכן די מאַמע. ענערגישע נאָכשפּירונג אויפן שיף־דעק. דער פּחד. כערסאָן: צוריקקער און לעצטע געזעגענונג. סטאַלין.

אויסער די גרענעצן פונעם ראַטנפאַרבאַנד זענען פאַראַן אָנצאָליקע פאַרש־אַרבעטן, באַשרייבונגען און אַנאַליזן, וואָס זענען פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן פאַרשיידענע געביטן פון דער סאָוויעטישער „אַנאַטאָמיע": וועגן געבוי פון רעזשים אָדער וועגן דער ווירטשאַפט אין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן דער פּאָליטישער אָדער מיליטערישער סטראַטעגיע פון דער אָנפירונג, וועגן לעבנס־פירונג פון די מענטשן אין דער אויסגעשפּרייטסטער מדינה אין דער וועלט. און אין דעם אַלעם — וועגן דעם לעבנסשטייגער פון דער יידישער מינדערהייט.

צו אָט דעם אומגעהויערן פאַרמעג וויל איך בלויז צוגעבן אַביסל פון מיינע באַאָבאַכטונגען, וועלכע איך האָב געמאַכט אין דער צייט פון מיין אַמטירן, אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק־דערווייטערטער תקופה, וואָס אויב זיי זענען אפילו אין זייער צייט געווען טרעפלעכע, האָבן זיי אָבער אָן שום ספק שוין אַביסל פאַרלוירן פון זייער באַדייטונג. פון דעסטוועגן, ווי אַ מענטש וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו אָבסערווירן פון דער נאָענט דאָס וואָס עס קומט פאָר אין ראַטנפאַרבאַנד, און ווי איינער וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַינע און מען קען זאָגן אַז ער האָט אויף זיין אייגענער הויט געפילט דעם אָנהייב פון דעם אויסשאַלטן זיך און דאָס פאַרפעסטיקן זיך פון דעם סאָוויעטישן

רעזשים, האָב איך דאָס געפּיל, אַז אין זייער מהות האָבן זיך די זאַכן נישט געענדערט פון 1950 ביז 1970, פאַרקערט, דאָ און דאָרט קאָן גראָד דאָס קוק־ווינקל פון 1950 העלפן פאַרשטיין די סאָוויעטישע ווירקלעכקייט ווי זי זעט אויס אין 1970.

אין דער תקופה פון מיין אמטירן אין מאָסקווע ווי דער געזאַנדטער פון ישראל איז דער „קאַלטער קריג" צווישן מזרח און מערב דערגאַנגען צו נייע רעקאָרדן פון פאַרשאַרפונג. אויף אָט דעם פאָן האָט מען זיך דאַן נוהג געווען צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן די אמתע און כלומרשטע דערגרייכונגען פון ראַטנפאַרבאַנד — אין דער קעגנוואַרט, פאַרגאַנגענהייט און אפילו פון דער ווייטער צוקונפט — און דערגיין ממש ביז צו אבסורד אין דער שנאה צום „דרויסן" און אין באַשמוצן אים.

אַזוי, למשל, האָט מען דערוויזן אַז די ערשטע ראָוועראָן זענען דערפונדן געוואָרן נאָך אין צאַרישן רוסלאַנד, און אויך די ראַדיאָ און דעסטגלייכן. אין אונדזערע אויגן איז דאָס געווען לעכערלעך, ס'איז אָבער קלאָר געווען, אַז מ'קען נישט פּרוּוון מעסטן מיטן מאַסשטאַב פון אונדזער אָפּפילונג, דאָס אָפּפילן פונעם סאָוויעטישן פאָלק, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף אַזאַ מין אויפקלערונג און פרעסע וואָס גייט אַרויס אין רוסלאַנד. וויכטיק איז געווען צו זען, ווי אַזוי דאָס רוסישע פאָלק נעמט דאָס אַלץ אויף. לגבי דעם דור וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער רעוואָלוציע, איז לגמרי נישט געווען וויכטיק די פראַגע, צי ער איז אין דער פּאַרטיי צי נישט. דאָס איז ענלעך געווען צו אַ פרומען ייד, וואָס האָט זיך דערצויגן אין אַ רעליגיעזער היים, אָבער זעט זיך נישט ווי אַ חבר אין דער „מזרחי" ־ פּאַרטיי. ער האָט זיך געזען ווי אַ געבוירענער אין דער דאָזיקער ראַם. די יוגנט וואָס איז געוואַקסן אין שויס פון דער רעוואָלוציע „נעמט נישט אָן" און האָט נישט „אָנגענומען" דווקא די קאָמוניסטישע וועלטאָנשויאונגען, נאָר זי גלייבט אין איר ווי מ'גלייבט אין רעליגיעזע ווערטן וועגן וועלכע מ'דאַרף נישט נאָכטראַכטן, אויב אפילו זיי זענען גורם אומבאַקוועמלעכקייטן. איך וויל נישט זאָגן, אַז זיי ווייסן נישט אַז עס ווערט פון זיי אַוועקגענומען די פּערזענלעכע גייסטיקע און פּאָליטישע פרייהייט, אין דעם זין ווי ס'איז אָנגענומען ביי אונדז; זיי ווייסן עס גוט. זיי האָבן אָבער אין דעם נישט געפילט קיין דיסקרימינאַציע, קעגן וועלכער מ'דאַרף רעוואָלטירן און קעמפן.

דאַקעגן אין יענע סטאַליניסטישע „גלאַנץ"־יאָרן האָט זיך געפילט, אַז עס איז פאַראַן ביי זיי אַן אינערלעכע שלוה און אַ פולע זיכערקייט, אַז די העכסטע חכמה און השגחה עליונה געפינט זיך אין אַ

געוויסן אָרט, און דאָס אָרט איז באוווסט *). דאָרט זאָגט מען נישט צו דעם גן־עדן אויף אַן אומבאַשטימטער דאַטע, נאָר ס׳שטייט דאָך בפירוש געשריבן, אַז עס זענען נאָך נייטיק אַ דריי־פיר פינף־יאָר־פּלענער. וואָס יעדן פון זיי קען מען ביי אַ געוויסן אָנשטרענג פאַרקירצן ביז פיר יאָר — און דאַן וועט דער גן־עדן אליין קומען אויף דער ערד. דאָס איז געווען באַגלייט מיט אַ שאָוויניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן. מען אַנטוויקלט דאָס געפיל פון אַ העכערקייט קעגנאיבער דער אויסערלעכער וועלט און דאָס העכער שטיין פון די רוסן איבער אַלע אַנדערע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד.

איין ביישפּיל: עס זענען אין ראַטנפאַרבאַנד פאַראַן וויניקסטנס זעכציק פעלקער פאַר וועלכע מ׳האָט איינגעפירט אַן אַלף־בית, ווייל ביז דאַן זענען זיי געווען האַלב־ווילד, און דער ראַטנפאַרבאַנד האָט זיי פאַרוואַנדלט אין ראַסן מיט אַ וועלכער ס׳איז קולטור. אין דער גרעסטער מערהייט פאַלן איז דער אַלף־בית וועלכן מ׳האָט פאַר זיי איינגעפירט געווען געבויט אויפן לאַטייניש׳ן אות, און אַ ביסל אויך אויף דער אַראַבישער שריפט, דאָס דער עיקר אין די לענדער פון מיטל־אַזיע. אין דער תקופה פון מיין אַמטירן אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען אָט די אַלע שפּראַכן אַריבערגעפירט אויף דער רוסישער, קירילישער, שריפט. דאָס זענען זאַכן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן נישט דירעקט, עס זענען אָבער געווען זאַכן, וועגן וועלכע מ׳האָט געגעבן שריפטלעכע פאַראָרדענונגען: נישטאָ קיין סאָוויעטישער פּאַטריאָט וואָס איז נישט מודה און אַנערקענט נישט די העכערקייט פון דער גרויס־רוסישער ראַסע איבער אַלע אַנדערע פעלקער; דאָס איז דאָס פאָלק וואָס האָט געבראַכט די רעוואָלוציע.

פון צייט צו צייט האָט מען זיך נוהג געווען אַרויסצונעמען די פאַר זיי נייטיקע ציטאַטע פון סטאַלינס בוך. פון זינט 1949 איז געווען פאַרשפּרייט דער פּאַסוס, אַז ווען נישט דאָס גרויס־רוסישע פאָלק וואָלט קיינמאָל נישט פאָרגעקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און דאָס איינציקע פאָלק וואָס האָט אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די רעוואָלוציע, זי געראַטעוועט און באַפרייט רוסלאַנד פון דער פּלאָג פון טראָצקיסטן און כל־ערליי אַנדערע עלעמענטן — איז נאָר דאָס גרויס־רוסישע פאָלק.

---

*) אַ פּאַטעטישער אויסדרוק דערפאַר געפינט זיך, למשל, אין אַ ליד פון אַ נייער זאַמלונג, וועלכער ק. סימאָנאָוו האָט אַרויסגעגעבן אין 1950, אין אָט די ווערטער: „און דערפאַר אפשר, איז אַזאַ שפּעטע די שעה, אין וועלכער ס׳לייכט אַרויס דאָס ליכט פון קרעמל יעדע נאַכט״...

און אזוי האָב איך באַריכטעט צום אויסערן־מיניסטעריום, אין דער קריה אין תל־אביב, סוף יאר 1949 :

איינס פון די יסודותדיקע זאכן, וואָס האָבן זיך אינגאנצן נישט געענדערט אין דער פּאָליטישער אויפירונג פונעם רעזשים, איז די פאמיליארע באַציונג צו דער געשיכטע: אויב מ׳דארף זי ענדערן, טוט מען דאָס אָז וואַקלעניש — אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אז... „דור הולך ודור בא״ — איין דור גייט אַוועק און אַ צווייטער קומט. און דער דור וואָס קומט ווייסט נישט וואָס עס האָט געוווּסט דער פריערדיקער דור. און אויב עס איז פאראן א סתירה — עקזיסטירט זי און מען לעבט מיט איר.

אַזוי, למשל, האָט געטראָפן בעת מיר זענען געגאַנגען זיך איינ־שאפן די רוסישע ענציקלאָפּעדיע, וואָס אָן איר איז דאָס לעבן אין רוסלאנד קיין לעבן נישט האָבן מיר געקראגן די נייע ענציקלאָ־פּעדיע, יועלכע מ׳האָט אָנגעהויבן צונויפשטעלן אין 1927 און זי פארענדיקט בערך אין צוואַנציק יאר ארום.

אין געשעפט אין וועלכן מיר זענען אריינגעקומען האָבן מיר געזען נאָך אַן ענציקלאָפּעדיע, און דאָס איז געווען די ערשטע אויפ־לאַגע וואָס איז פארענדיקט געוואָרן אין 1926. כ׳האָב זי געגומען דורכצוקוקן און זיך דערמאָנט אין דער צייט פון מיין לערנען אין גימנאזיע, ווו מ׳האָט אויף די אָפיציעלע לעקציעס נישט דערציילט דעם אמת וועגן סיוואַראָוון. וועלכער איז דאן פארעכנט געוואָרן פאר א גרויסן קריגס־פירער אָבער אין די קאָרידאָרן האָט מען וועגן אים גערעדט ווי וועגן „תלין פון פראגע״ (אַ פאַרשטאָט פון ווארשע) ; מ׳האָט אים אזוי גערופן ווייל ער האָט באפוילן אויסצושחטן אַלע איינוווינער פון אָט דעו פאַרשטאָט. אין דער נייער ענציקלאָפּעדיע ווערט עס נישט דערמאָנט. אָבער אין דער ענציקלאָפּעדיע וואָס איז דערשינען מיט צוואַנציק יאר פריער, ווערט ער געשילדערט ווי א תלין. אזוי ווי סוּוואָראָוו ווערט היינט פאררעכנט פאר דעם גרעסטן קריגס־פירער פון רוסלאנד, איז אויסגעמעקט געוואָרן דאָס גאנצע קאַפּיטל פראגע און פארקערט. ס׳איז געשריבן דער פולער היפך דערפון: נישט בלויז א גרויסער קריגס־פירער איז ער געווען, נייערט אויך א גרויסער הומאַניסט ; ער האָט דאָס געראַטעוועט די איינוווינער פון ווארשע פון די הענט פון זיינע זעלנער, וואָס זענען מיט רעכט בייז געווען אויף די פּאָליאַקן, און נישט געלאָזט זיי טאָן די פּאָליאַקן קיין שום שלעכטס.

כ׳האָב אויך קאָנטראָלירט דאָס געשריבענע וועגן באָגדאַן כמעל־ניצקי. אין דער ענציקלאָפּעדיע פון דער אויפלאגע פון 1947 איז גע־

שריבן וועגן באָגדאַן כמעלניצקי, אַז ער איז די פאַרקערפּערונג פון פּראָגרעס וואָס האָט געקעמפט קעגן די פּאָליאַקן, הגם פון דער געשיכטע איז באַוווסט, אַז ער האָט אַמאָל צוויי געמאַכט יד אחת מיט די פּאָליאַקן קעגן רוסלאַנד, און אין דער פריערדיקער ענציקלאָפּעדיע שטייט געשריבן, אַז עס איז נישט געווען קיין שוואַרצערער און פאַררעטערישער רעאַקציאָנער פון אים.

איוואַן דער גרויזאַמער האָט פאַרמאָגט אַ באַרימטע פּאָליציי, אַ פּייניקונג־פּאָליציי, וועלכע מ׳האָט אין רוסלאַנד אָנגערופן „אָפּריטשנינאַ". (אגב, אין 16־טן יאָר־הונדערט, אין זיין דעראָבערונג־מאַרש קיין פּוילן, האָט מען אויפן באַפעל פון איוואַן דעם גרויזאַמען דערטרונקען אין פּאָלאָצקער טייך, 300 יידן פון שטאָט, מענער, פרויען און קינדער וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט שמדן). אין דער אַלטער אויפלאַגע פון דער ענציקלאָפּעדיע ווערט בפירוש געזאָגט וואָס מ׳דאַרף זאָגן וועגן אַזאַ פּאָליציי. אָבער סוף 1949 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל פון אַ היסטאָריקער (אַ ייד), און נישט גענוג וואָס ער רירט נישט אָן דעם כבוד פון דער „אָפּריטשנינאַ", שילדערט ער זי נאָך ווי אַ סימבאָל און מוסטער פון אַן אַלטערטימלעך מיליטער פון יענער תקופה, אין וועלכן עס זענען געווען אַלע יסודות פון פּראָגרעס, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט געשאָנקען דער מענטשלעכער קולטור.

דאָס זענען ביישפּילן פון דער דערציערישער שיטה וואָס איז אָנגענומען אין רוסלאַנד לגבי דער געשיכטע. די דאָזיקע שיטה גיט איר פּרוכט, די יוגנט גלייבט אין איר, און נישט אָן אַ גרונט: מ׳האָט איר צוגעזאָגט אַז מ׳וועט נישט דערלאָזן דעם שונא פאַרכאַפּן דאָס לאַנד — מ׳האָט נישט דערלאָזט. פרעמדע מדינות האָבן אין אָנהייב פון זיין עקזיסטענץ אָנגעגריפן דעם ראַטנפאַרבאַנד — און ס׳האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן אים אונטערטעניק צו מאַכן. די ליידן וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט יענע רוסן וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט זענען נישט צו באַשרייבן, און מ׳קען זיי פאַרגלייכן נאָר מיט די ליידן פון די יידן. דער פיינד איז שוין געווען אין האַרץ, און ווייטער נאָך, פונעם ראַטנפאַרבאַנד. די רוסן ווייסן, אַז ווען מ׳האָט שוין פון מאָסקווע נישט געקאָנט אַרויס און די שטאָט האָט שוין געהאַלטן ביי פאַלן, — האָט זי סטאַלין נישט פאַרלאָזן, ער איז געזעסן אין זיין שעלטער אין איינעם פון די טונעלן פון דער אונטערגרונט־באַן, און דעם רוסישן פאָלק האָט מען דערציילט אין וועלכן זאַל ער איז געזעסן, און ער האָט דאָס געראַטעוועט מאָסקווע. דאָס רוסישע פאָלק האָט אין אים געגלייבט און ס׳איז בכלל נישט געווען קיין שום אָפּפרעגונג אין דער באַציונג צו אים.

אַ געוויסן ווערט האָבן געהאַט די אוממיטלבאַרע איינדרוקן, וועלכע איך האָב איינגעזאַפּט פון סאָוויעטישן לעבן אין די ווייניקע עקסקורסיעס וועלכע כ'האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו מאַכן אויסער מאָסקווע, אין קרייז פון די דיפּלאָמאַטישע קאָקטיילן, חוץ דער רוטין פון די אָפיציעלע און האַלב־אָפיציעלע קאָנטאַקטן.

איינעם אַזאַ באַזוך האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכן אין מאַי 1949, אין דער באַרימטער פּראַוואָסלאַוונער שטאָט זאַגאָרסק (אָדער: טראָיצקאָ סערגיעווסקאַיאַ לאַווראַ), אַן אָרט וווּ די מויערן אַרום מאָנאַסטיר — פון זינט מ'האָט אים אָנגעהויבן בויען אין 14־טן יאָר־הונדערט ביזן סוף פון 17־טן — האָבן נישט איין מאָל געדינט ווי אַ שטאַרקע מיליטערישע פעסטונג, וועלכע איז בייגעשטאַנען אָנגריפן סיי פון מערב און סיי פון מזרח. אין פאַרלויף פון דורות האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט ווערטפולע אוצרות פון רוסישע רעליגיעזע קונסט־מתנות פון מלכים און פירשטן. דאָ געפינט זיך דער משפחה־קבר פון באָריס גאָדונאָוו און זיינע בני־בית. איוואַן דער גרויזאַמער און פּיאָטער דער גרויסער פלעגן זיך נוהג זיין דאָ אָפּצוריכטן תפילות און אָפּהאַלטן דאָ פּאָליטישע און מיליטערישע באַראַטונגען. די צאָל צערקוועס וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין פאַרשיידענע תקופות און געבויט אין פאַרשיידענע סטילן, אילוסטרירן די דערגרייכונגען פון דער אַרכיטעקטור פון אַלטערטימלעכן רוסלאַנד. אין 1920 איז דאָ, אין די „וווינונגען פון פּאַטריאַרך", געגרינדעט געוואָרן אַ וויכטיקער מוזיי פאַר אַלטערטימלעכקייטן, פאַר בילדער פון הייליקע, געצייכנטע דורך די באַרימטע קלויסטער־מאָלערס רובליאָוו און אושאַקאָוו, ריטואַל־כלים פון גאָלד און פון זילבער, באַפּוצטע מיט איידל־שטיינער, גייסטלעכע דינסט־קליידער אויסגענייטע מיט זייד, גאָלד און זילבער און אַנדערע ווערט־זאַכן. אין די לעצטע יאָרן איז צוגעקומען אַ פאַרשיידנאַרטיקע אויסשטעלונג פון עקספּאָנאַטן פון פאָלקסטימלעכער קינסטלערישער האַנט־אַרבעט, העפטערייען און צייכענונגען אויף שטאָף, און דער עיקר — האָלץ־שפּילעכלעך, וווּנדערלעך אין זייער פּראַקטיקער אויסאַרבעטונג און אין דער איידלקייט פון זייער אויסשניצונג — איינע פון די גאָר אַלטע אינדוסטריעס אין זאַגאָרסק און אין נאָך עטלעכע שכנותדיקע יישובים.

כאָטש אָט דער אַלטער מאָנאַסטיר איז אַ זייער אינטערעסאַנטער קינסטלערישער מאָנומענט, דערגרייכן נישט זיין שיינקייט און רייכקייט אַפילו נישט צו די קנעכל פונעם קרעמל, מיט זיינע פּרעכטיקע זאַלן, קונסט־אוצרות וואָס אין זיי, און באַזונדער אין דער באַרימטער „געווער־קאַמער" (מיר האָבן דאָרט באַזוכט צוזאַמען מיט גאָלדען, קורץ פאַר איר אַרויספאָרן פון דאַנען, לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. ווייל אין יענער תקופה איז דער קרעמל געווען געשלאָסן פאַר פרעמדע באַזוכערס).

אַ יונגע רוסישע פֿרוי, אַ נידעריקע, מיט בלויע אויגן און מיט אַ צאָפּ וואָס דערגרייכט ביי איר ביז די קני, זעט אויס אַן אַבסאָל־וועטין פֿון אַ קונסט־הויכשול, האָט אונדז אין זאַגאָרסק אַרומגעפֿירט במשך קנאַפּע דריי שעה און באַגלייט אונדזער באַזוך מיט אַ קלאָרער און אויספֿירלעכער, וויסנשאַפֿטלעכער אויפֿקלערונג, אַרויסווייזנדיק גרויס בקיאות אין דער געשיכטע פֿון איר פֿאָלק און זיין קונסט, און ליבע צו דער טעמע פֿון איר פֿאָרטראַג. מען דאַרף נישט פֿאַרמישן דעם מוזיי מיט די צערקוועס: די לעצטע באַדינען די דאַוועגערס און זענען אָפֿן פֿאַר גאָטעס־דינסט. אין איינער פֿון זיי האָבן מיר ביי־געוווינט אַ תּפֿילה, בעת אויף די טרעפּ זענען געווען אויסגעלייגט אַ סך בעטלערס, מענער און פֿרויען, אַלטע און יונגע און קינדער, קאַלי־קעס און געזונטע (אויך ביי דער שוועל פֿון דער גרויסער ייִדישער שול אין מאָסקווע האָבן מיר ביי יעדן באַזוך באַגעגנט, אויך אין די שבתים און אין ימים־טובֿים, אַ סך בעטלערס, ס׳רובֿ שווער־פֿאַרקרי־פּלטע, קרעאַציעס וואָס זענען ווי אַראָפּ אַהער גלייך פֿונעם קבצנים־טאַנץ אין „דיבוק״). דאָס איבעראַשנדיקע, כמעט אויסטערלישע, איז געווען דאָס: מתפּללים און מאָנאַכן און „כּלי־קודש״ אין יונגן עלטער, וואָס אין זייער אויסזען און אויפֿפֿירונג זענען זיי נישט געווען אַ סך אַנדערש פֿון סאָוויעטישע סטודענטן אין דער רעזידענץ. צווישן די מויערן געפֿינען זיך אויך צוויי זייער גרויסע ציווילע געביידעס: איינע — וווינונגען פֿאַר מאָלערס און סקולפּטאָרן, וואָס זענען פֿאַר־אַנטוואָרטלעך פֿאַרן אָפּהיטן די קונסט־אוצרות און פֿאַרנעמען זיך מיט כּל־ערליי רעקאָנסטרוקציע ־ אַרבעטן, אין זייער מערהייט זענען דאָס מאָנאַכן און „כּלי־קודש״; די צווייטע — „די מאָסקווער רעליגיעזע אַקאַדעמיע״ אַן אוניווערסיטעט פֿאַר פּראַוואָסלאַווע גייסטלעכע, און אין איר — פּראָפֿעסאָרן און לעקטאָרן פֿון אַלע סאָרטן, עקזאַמענס, אויסטיילן צייגנישן און וויסנשאַפֿטלעכע טיטלען, און אַלע אַנ־דערע אַטריבוטן פֿון אַ הויך־שול. די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט זיך פֿריִער געפֿונען אין מאָסקווע, ערשט אין אַ צייט אַרום איז זי אַרי־בערגעפֿירט געוואָרן אַהער. עס זענען פֿאַראַן אין מאָסקווע און אין אַנדערע ערטער אויך מיטל־שולן אויף צוצוגרייטן גייסטלעכע — „סעמינאַריעס״.

ווי מאָדנע עס זאָל נישט זיין דער פֿאַקט לגבי אָט דעם הייליקן פּראַוואָסלאַווענעם מקום האָבן מיר זיך אויך דאָ אָנגעשטויסן אויפֿן „פֿינטעלע ייִד״: צווישן די פֿאַרשיידענע טייערע חפֿצים האָט זיך אַרויסגעצייכנט אַ גאָלדענער טעלער, מיט גרויסן קינסטלערישן גע־שמאַק אויסגעאַרבעט, וועמענס רעליעפֿן פֿון די צייכענונגען שטעלן פֿאָר אויף אַן אָפּשפּעטערישן קאַריקאַטור ־ אופֿן דעם פּויפּסט מיט זיין סוויטע. די רוסישע וועג־ווייזערין האָט געוווּסט צו דערציילן, אַז דעם טעלער האָבן די ייִדן פֿון פּאָרטוגאַל אין מיטל־אַלטער געגעבן

א מתנה דעם צאר, דורך דער פארמיטלונג פון רוסישן געזאנדטן אין ליסאבאן, און ער האט אים איבערגעגעבן דעם מאנאסטיר.

זאגארסק — א גרויס שטעטל וואס איין־איינציקער שאסיי שניידט עס דורך דורך דער לענג. און ער איז אויך די הויפט־גאס, און טראַטואַרן — איז אין איר אויסערלעכקייט, מיט די בנינים און קראמען ענלעך צו פתח־תקוה אין די צוואנציקער יארן. דאס שטעטל געפינט זיך 75 קילאמעטער צפון־מערבדיק פון מאסקווע און איז אויסער דעם תחום וואס איז דערלויבט אויסלענדישע דיפלאמאטן זיך פריי צו באוועגן (דער ראדיוס איז — 50 ק״מ פון צענטער אין מאסקווע), אבער דער מוזיי איז אויסער דעם פארבאט און מ׳האט געמעגט אים באזוכן, נאכן מיטטיילן טעלעפאניש דעם פראטאקאל - אפטייל און אנגעבן די גענויע נעמען פון די, וואס פארן אהין. אין טאג פון אונדזער באזוך האט מען פונקט איבער דער לענג פון וועג פארריכט דעם שאסיי — און אלע וואס האבן דארט געארבעט זענען געווען פרויען, יונגע און אלטע.ביים גראבן, ביים פלאסטערן, צוגרייטן דעם זשוויר, טראנספארט, ביים פרעסן און דעקן. אין אלגעמיין ווערן אויך אין מאסקווע א סך ארבעטן פון דעם מין „שווארצע״ און שווערסטע, ווי רייניקן די גאסן, אפראמען דעם שניי און אים אנלאדן אויף אויטאס, פארריכטן שאסייען און די פלאסטערן, טרעגעריי אויף בנינים, טיילן פון טינק־ארבעט און ענלעכע וואס ווערן געמאכט אויף רוסטאוואניעס — דאס אלץ ווערט אויסגעפירט בלויז דורך פרויען. גאר ווייניק מענער מאכן די־א ארבעטן ווייניקסטנס אין יענע טעג זענען די מענער געווען אנפירערס און אויפזעערס.

אין דער וועלט־מלחמה זענען געפאלן א סך מענער, פיל פון זיי דינען אין מיליטער, איז קאנטיק געווען דער דוחק אין ארבעטסהענט. בלויז אויף איין אפשניט האבן געארבעט מענער — דייטשישע געפאנגענע, וואס האבן גוט געשוויצט און געקוקט מיט געפלעפטקייט אויף דער ישראל־פאן, וואס האט געפלאטערט אויף אונדזער מאשין.

אגב: מ׳דארף דערפון נישט מאכן קיין אויספיר, אז די סאוויעטישע פרוי איז נישט זוכה צו פאכמענישע ארבעטן. ס׳איז כמעט נישטא קיין פאך אן פרויען: פירן אויטאס, טראמווייען און אונטערגרונט־באנען, די גאנצע צעטיילונג פון פאסט און טעלעגראמעס, אנפירונג פון פאבריקן, פירערשאפט פון קאלכאזן. אבער די גלייכווערטיקייט ביי ארבעט נעמט אויך אריין אין זיך די שווערסטע פיזישע ארבעטן. די אויסמאטערנדיקסטע און געפערלעכסטע, ווי דאס גראבן שטיינקוילן אונטער דער ערד. אמת, עס איז נישטא קיין פרוי אין דער העכסטער אינסטיטוציע וואס פירט אן פאקטיש מיט דער מדינה, ווי צווישן די 14 חברים פון דער פאליט־ביורא, ס׳איז אויך נישטא קיין פרוי צווישן די סאוויעטישע אמבאסאדארן (נאך

פרוי קאָלאָנטאַי, — די ערשטע פרוי־דיפּלאָמאַט אין דער וועלט — וואָס איז באַזייטיקט געוואָרן פון איר אמט), אויך אין דער הויך־שול פאַר דיפּלאָמאַטן ביים אויסערן־מיניסטעריום ווערן פרויען נישט אָנגענומען, לויט א בפירושן פאַרבאָט (אויך יידן ווערט פאַקטיש נישט אָנגענומען אין אָט דער שול).

דער שאָסיי איז דורכגעגאַנגען דורך לאַנדווירטשאַפטלעכע יישו־בים אָנגעפּראָפּטע איינער לעבן צווייטן — קאָלכאָזן. אין זייער אויס־סערלעכן אויסזען זענען זיי נישט געווען א סך אַנדערש פון די דער־פער אינעם גרויסן רוסלאַנד וואָס פאַר דער מלחמה. דאָס רוב בנינים — קליינע, גרויע, האַלצערנע הייזקעס, פענצטער אַרומגענומענע מיט האַלץ־באַפּוצונגען אין אַלטן סלאַווישן סטיל. דאָ און דאָרט אַ ווייס פאַרהענגל, בלומען־טעפּ לעבן יעדן הויז (צווישן זיי — שטאַרק אָפּ־געלאָזענע בנינים פון בעלקעס מיט שטרויענע דעכער) — צוויי קליינע הייפלעך, יעדער איינער איז כמעט פינף מאָל גרעסער פון־נעם הויז־שטח. איינער דער הויף פון הויז, און דער צווייטער — אַ קליינער גרינס־גאָרטן א זייער גוט געפלעגטער, דאָס איז די פּריוואַטע ווירטשאַפט וואָס איז דערלויבט לויט די געזעצן פונעם קאָל־כאָז, ס׳איז מאָדנע וואָס מיר האָבן נישט באַמערקט (און אפשר איז עס בלויז א צופאַל?) קיין איין גרויסע נייע געזעלשאַפטלעכע געביידע, אויסער שולן וואָס מאַכן אויסערלעך א גוטן און גאַנץ רח־בותדיקן איינדרוק, און צערקוועס וואָס זענען אָפן פאַר מתפללים אין יעדן גרויסן ז׳אָרף. די צערקוועס האָבן געבלאַנקט פון ריינקייט און פון זייער גוט־געפלעגטער אויסערלעכקייט: די געביידע, דער פּלויט, די שיינע גערטנדלעך אַרום זיי — אָבער אין דעם אויסערלעכן אויס־זען פון די דערפער האָבן זיך נישט געזען קיין סימנים וואָס זאָלן עדות זאָגן אויף געזעלשאַפטלעכע, ווירטשאַפטלעכע און טעכנישע ענ־דערונגען וואָס זענען אין זיי פאָרגעקומען פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר; דאַקעגן דאָס אָנטועכץ און די שיך פון א גרויסן טייל פּויערים און פּויערטעס וואָס מיר האָבן באַגעגנט, האָט זיך געענדערט צום גוטן. דאָ און דאָרט האָבן, דער עיקר די זקנים, דערמאָנט דעם נע־בעכדיקן אויסזע פון רוסישן פּויער פון יענע צייטן — אָפּגעריסענע בגדים, „לאַפּטשעס" אויף די פיס, אַ צעקנאָדערט היטל — אָבער זיי זענען נישט געווען א סך. פיל מענער און פרויען, און דער עיקר קינ־דער, זענען געווען סאָליד אָנגעטאָן, אין באַשיידענע אָבער גאַנצע און ריינע בגדים, און דער יונגער דור — שוין אפילו א ביסל אויס־געפּוצט ווי שטאָטישע. ס׳איז כדאי אונטערצושטרייכן, אז די טראַדי־ציאָנעלע רוסישע „רובאַשקע" האָט געהאַלטן ביים שנעלן פאַר־שווינדן: אין מאָסקווע האָט מען זי געזען בלויז אויף די טעאַטער־בינעס, א ראָמאַנטישער זכר פאַר פאַרגאַנגענע טעג; אויך אין יענע דערפער, וועלכע מיר זענען פאַרבייגעפאָרן, האָבן מיר זי ווייניק

וואָס געזען. דאָס ריינע אָנטועכץ נאָך דער ארבעט איז געווען א געוויינלעכער אייראָפּעאישער קאָסטיום, א העמד און א בינדע. בלויז דאָס געניי און דער שניט האָבן זיך נישט געהאט מיט וואָס פאַר־צושטעלן — זיי זענען געווען זייער מגושמדיק. ס׳איז געווען שבת, א געוויינלעכער ארבעט־טאָג ביי די רוסן. און ס׳איז נישט אָנצונעמען, אז אפשר זענען זיי געווען אזוי אָנגעטאָן לכבוד א יום־טוב. נאָך מער, אויב מ׳האָט געקאָנט עפּעס לערנען פונעם אויסזען פון די דאָרפסלייט, האָט זיך געדאכט אז עס פארשווינדט און אין גיכן וועט אינגאנצן פארשווונדן ווערן אָט דער דערדריקטער, אָנגעשראָקענער, דערנידע־ריקטער פויער, מיט זיין איינגעבויגענעם רוקן, וואָס וואַלגערט זיך אין שטויב פון זיין פיין וועלכער איז געווען דער גרונטפעסטיקער יסוד פונעם גרויס־רוסישן פאָלק. אויף זיין אָרט איז געקומען א נייער דאָרפסמאַן, א יונגערמאַן, וואָס איז ענלעכער מער צום רוסישן שטאָ־טישן ארבעטער פון פאַר דער רעוואָלוציע — דער „מאַסטיעראוואָי״. ס׳האָט זיך אפשר אויך עפּעס געענדערט אין דער אויפפירונג פון די מענטשן: די פריילעכע, אַביסל הפקרדיקע, לייכטזיניקייט פון דעם רוסישן „שגץ״ און „שיקסע״ האָט זיך אין א געוויסער מאָס פאַר־וואנדלט אין א ביסל א שווערן, געמאָסטענעם און לאנגזאמען גאנג, אפילו א גלייכגילטיק־לאנגווייליקן.

אויף אונדזער וועג צוריק, א 2—3 קילאָמעטער פון זאגאָרסק, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי דער זייט פון שאָסיי אויף אַ קורצן אָפּרו, כדי עפּעס־וואָס איבערצובייסן. ס׳איז נישט פארביי קיין האַלבע שעה און ס׳איז אָנגעקומען צו אונדז צו פוס א מיליציאָנער פון זאגאָרסק. א ביסל שעמעוודיק האָט ער געפרעגט, צי מיר האָבן א רייזע־דערלויבעניש. אונדזער ענטפער אז מ׳דארף נישט קיין דער־לויבעניש און ס׳איז גענוג אויב מיר האָבן וועגן דעם געמאָלדן טעלע־פאָניש דעם אויסערן־מיניסטעריום, האָט אים נישט באפרידיקט. ער האָט געטענהט אז עס איז א „פארבאָטענער שטח״. נאָך א ווייטערדיקן ווערטער־אויסטויש האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז טאקע געווען גערעכט. זיין כוונה איז געווען אונדז צו זאָגן, אז פאָרן באזוכן די שטאָט זאגאָרסק מעגן מיר, כאָטש זי געפינט זיך אויסער דעם תחום פון די פופציק קילאָמעטער, אָבער מיר טאָרן זיך נישט אָפּשטעלן אויפן וועג וואָס צווישן מאָסקווע און זאגאָרסק.

מיר זענען אריין אין אונדזערע מאשינען און זיך א לאָז געטאָן פון אָרט. אין דער אָ צייט איז אונדז אנטקעגן געקומען א לאסט־אויטא אָנגעפילט מיט רוסישע מיידלעך, ווייזט אויס ארבעטערינס וואָס קערן זיך אום פון דער ארבעט. אונדזער עלעגאנטע בלויע „לינ־קאָלן״־מאַשין האָט געצויגן זייער אויפמערקזאמקייט און זיי האָבן אונדז באגלייט מיט פריילעכע אויסרופן: „ווי פּרעכטיק איז אונדזער

נייער „מאָסקוויטש״ז״ די סיבה פון זייער שמחה איז געווען די ידיעה וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דעם ארויסלאָז פון אַ נייער לייכטער רוסישער מאשין מיטן נאָמען „מאָסקוויטש״. די אָפיציעלע אויפקלערונג וואָס ווערט געמאַכט אויף טויזנטער און טויזנטער פּראָפּאַגאַנדע - אופנים, וועגן דער רוסישער העכער־שטייגונג אין דער ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט און טעכניק, העכער איבער אַלע פעלקער אין דער וועלט, האָט דאָס מאָל פול־שטענדיק דערגרייכט איר ציל: אזוי ווי אונדזער אויטאָ איז באמת אַ שיינער, איז זיי במילא „קלאָר״, אז ער איז פון „סאָוויעטישער פּראָדוקציע״.

קורץ נאָך אונדזער באַזוך אין זאַגאָרסק איז אונדז דערמעגלעכט געוואָרן נאָך עטלעכע „אויספלוגן״, צווישן זיי — איינער קיין לענינ־גראַד און אַ צווייטער אין אַ נאָענטערן אָרט — אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, דער גוט פונעם טויטן ריז לעוו טאָלסטאָי, דער גרעסטער רוסישער שרייבער.

אין לענינגראַד האָבן מיר באַזוכט די „צארסקאָיע סיעלאָ״ וואָס הייסט איצט „דיעטסקאָיע סיעלאָ״ — דאָס הייסט קינדער־דאָרף. אַ גרויסער פּאַרק פול מיט סקולפּטורן געפּלאַנצט אין העכסטן פראַנ־צויזישן סטיל אַ מין קאָפּיע פון ווערסאַיל. ווי עס איז אונדז דער־ציילט געוואָרן איז ער פון אָנהייב אָן פּלאַנירט געוואָרן דורך געוועזע־נערס פון פראַנקרייך. דאָס אָרט איז געווען כמעט אינגאַנצן רעסטאַוו־רירט נאָכן פולשטענדיקן חורבן וואָס עס האָבן דאָ אָנגעמאַכט די דייטשישע באָמבאַרדירונגען.

מיר האָבן אויך באַזוכט דעם קונסט־מוזיי „ערמיטאַזש״ (פריער דער צאַרישער „ווינטער פּאַלאַץ״) באַרימט מיט די מאָלערייען פון וואַן דייק, רעמבראַנדט און טיציאַן און אַנדערע גלוסטיקע געמעלן פון דער מערבדיקער קונסט וואָס אין אים. אמת נישט אַלץ איז געווען געעפנט פאַר באַזוכער וואָרום אין דער צייט פון דער מלחמה זענען די אוצרות אַריבערגעפירט געוואָרן אין הינטערלאַנד און אַ טייל פון זיי איז נאָך געווען פאַרפּאַקט אין קאַסטנס — אָבער אויך דאָס וואָס מיר האָבן געזען איז געווען גענוג עס זאָל איבערלאָזן אַן אומפאַר־געסלעכן רושם.

מיר זענען אַראָפּ אין די קעלערס וואָס ווערן זייער שטרענג אָפּ־געהיט און זענען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, צו די אוצרות פון די סקיטן, אַן אַלטע פּרע־סלאַווישע דרום־מזרחדיקע ראַסע, אוצרות וואָס זענען נישט אָפּצושאַצן — גאָלדנצירונג אין וואונדערלעכער קונסט־אויסאַרבעטונג; די צאָל פון די עקספּאָנאַטן — אָן אַ סוף און אָן אַן ענד. ווי געזאָגט זענען די קעלערן מיט דעם אַ אוצר פאַרמאַכט מיט שווערע שלעסער, באַוואָפנטע וועכטער שטייען אַרום און ביי

יעדן באַזוך, וואָס האָט געפּאָדערט יעדעס מאָל אַ באַזונדערע דערלויבעניש, האָבן זיך די שלעסער געעפנט און זיך גלייך פאַרמאַכט אין דער דרויסן־זייט ביזן סוף באַזוך.

דאָ איז כדאַי צו באַמערקן, אַז נאָך אין אָנהייב פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, אין די צייטן פון לענין און טראָצקי, איז דאָס אָפּהיטן נאַטור־קאָנסערוואַטן און קונסט־אוצרות געוואָרן ממש אַ קולט. אין סאַמע ברען פונעם בירגער־קריג, מיט זיינע גרויזאַמסטע דערשיינונגען, האָט די מאַכט געטאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך געווען כדי אָפּצוהיטן די דאָזיקע אוצרות און זיי אויפהאַלטן — אייגעשלאָסן היסטאָרישע און רעליגיעזע מאָנומענטן. עפּעס פון די דאָזיקע זאָרג־אַרויסווייזונגען האָבן מיר געזען אויך אין ערמיטאַזש, און שפּעטער אויך אין קרעמל און אין די קונסט־מוזייען אין מאָסקווע, זאַגאָרסק, און אין „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ", דער דאָרפישער גוט פון לעוו טאָלסטאָי. אָט די קולטור־עלע און דערציערישע ווערטן האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט אין באַוווסטזיין פון דער ברייטער געזעלשאַפטלעכקייט און געוואָרן אייגן יעדן סאָוועטישן בירגער אומעטום, און עס איז נישט אָפּצושאַצן די ראָל וואָס עס האָט אויף דעם געביט אויסגעשפּילט דער ערשטער בילדונגס־מיניסטער — לונאַטשאַרסקי.

(אַגב, רכילות־טרייבער האָבן דערציילט, אַז נאָך דער מלחמה זענען אַהער געבראַכט געוואָרן קונסט־אוצרות אויך פון דער באַפרייטער אייראָפּע, דער עיקר פון מזרח־דייטשלאַנד).

אין אָוונט האָבן מיר באַזוכט די אָפּערע „מאַריאַינסקי", ס'איז אויך געווען אַ באַלעט אויף אַ הויכן קלאַסישן ניוואָ, ווי געוויינלעך אין רוסלאַנד, און די פירערין פון „אינטוריסט" וואָס האָט אונדז געפירט האָט באַמערקט צווישן אַנדערן, אַז „אויך אולאַנאָוואַ (די באַרימטע באַלעט־קינסטלערין), איז בעצם אַן אונדזעריקע, אַ לענינגראַדערין, נאָר מאָסקווע האָט זי פון אונדז אַוועקגעשלעפּט".

מיר האָבן אויך באַזוכט דעם איינדרוקספולן מוזיי פאַר דער געשיכטע פון דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט קעגן דער דייטשישער סאָלדאַטעסקע.

מיר האָבן אויך באַזוכט דעם „סמאָלני"־פּאַלאַץ — דער געוועזענער דערציאונגס־צענטער פאַר אַריסטאָקראַטישע מיידלעך, וואָס איז געווען ספּעציעל באַשטימט נאָר פאַר די שפּיצן פון דער אַריסטאָקראַטיע פון פאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

מיר האָבן אויך געמאַכט אַ באַזוך אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, די היסטאָרישע טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע (ס'רוב לעבנסלענגלעכע) אין דער צאַרישער עפּאָכע, און אין קראָנשטאָט — אין דער פעסטונג פונעם מאַטראָסן־אויפשטאַנד — און מיר האָבן אויך געזען די באַרימטע „אַדמיראַליטעט־פייל", וועלכע זעט זיך פון וויטן און פון אַלע זייטן.

א קורצן באַזוך, צו אונדזער באַדויערן, האָבן מיר געמאַכט אין דער מלוכה־ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. דאָ אין איר ווערט אָפּגעהיט די „פירקאָוויטש־זאַמלונג" — דער אומגעהויערער אוצר. אפשר דער איינציקער אויף דער וועלט מיט זיין פאַרנעם און ווערט פאַר דער יידישער געשיכטע און קולטור; דאָס איז אַ זאַמלונג פון זעלטענע כתב־ידן, אַ טייל אוניקומס, צוזאַמען ביי אַ פערטל מיליאָן עקזעמפּלאַרן; די זאַמלונג איז אויפגעקליבן געוואָרן דורך אברהם פירקאָוויטש, וואָס האָט געלעבט אין 19־טן יאָרהונדערט, אַ קאַראימישער רב און פאָרשער פון אַלטערטימלעכקייטן. עס זענען אין אים פאַראַן מצרישע פּאַפּירוסן פון פאַר דריי־פיר טויזנט יאָר צוריק און העכער. די זאַמלונג ווערט אָפּגעהיט אין הונדערטער שאַפעס און די מערהייט פון זיי זענען נאָך נישט סאָרטירט געוואָרן, אָבער, ווי געזאָגט, עס איז אונדז נישט געלונגען זי צו זען.

מיר זענען אָנגעקומען אין לענינגראַד אין סעזאָן פון די „ווייסע נעכט". אין וועלכע עס שפּיגלט זיך דאָ אָפּ דאָס ליכט פון צפון־פּאָל, און דאָס איז, פאַר שטייט זיך, געווען אַ באַזונדערע איבערלעבונג.

און נאָך איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער פון דער צפונדיקער הויפּט־שטאָט, וועלכע האָט זינט זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך פּעטער דעם גרויסן אין יאָר 1703 געדינט ווי אַ „פענצטער צו אייראָפּע" — האָבן מיר געפילט עפּעס מער פרייקייט, ווייניקער געבונדנקייט, און ווייניקער מאַכט־פילונג.

„יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ". וואָס ליגט קנאַפּע 100 ק"מ פון מאָסקווע, איז אַ היסטאָריש אָרט וואָס ווערט גוט אָפּגעהיט און שטאַרק געפלעגט. דאָ האָט מען אונדז געוויזן דאָס הויז פון אינעווייניק, די געביידעס פון דערווירטשאַפט און באַדינונג, דאָס צימער אין וועלכן טאָלסטאָי איז געבוירן געוואָרן, אַנדערע מעבלירטע צימערן אין געשמאַק פון דעם רוסישן אדל אין מיטן פאָריקן יאָרהונדערט, ווי אויך די צימערן וועלכע ער האָט באַוווינט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. וואָס צייכענען זיך אויס מיט עקסטרעמער פשטות, כמעט מיט אָרעמקייט. ביים אריינגאַנג האָט מען אונדז געהייסן אויסטאָן די שיך און מען האָט אונדז געגעבן פילץ־שיך פאַר דער צייט פונעם באַזוך.

זיין אַרבעטס־צימער די ביבליאָטעק, מאַנוסקריפּטן, קאָריקטורן, בגדים — אַלץ איז אויסערגעוויינלעך פאַרהיט און רעסטאַוורירט, אַזוי ווי זיי זענען געווען ביי זיין לעבן. אין מוזיי־אָפּטייל זענען קאָנצענטרירט אַלע זיינע כתבים, די איבערזעצונגען אויף צענדליקער שפּראַכן. אפשר אין די הונדערטער, און צווישן זיי אַ תנ"ך אין העברעאיש. ווי עס איז אונדז דערקלערט געוואָרן, האָט ער אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געלערנט די העברעאישע שפּראַך ביים מאָסקווער רב

מינאָר, כדי צו לייענען דעם תנ״ך אין אָריגינאַל, און האָט זיך אַ סך פאַרטיפט אין די פילצאָליקע פירושים זיינע.

די פירערין, אַ געבילדעטע מיידל, האָט אַ סך דערציילט וועגן זיין נאָענטקייט צו די פאָלקס־מאַסן און באַזונדער צו די ערד־אַרבעטער, וועגן די וויכוחים וואָס ער האָט געפירט מיט פאַרשיידענע אָפיציעלע גייסטלעכע, וועגן זיין אידענטיפיצירן זיך מיטן פשוטן, אָרעמען און אונטערדריקטן אַרבעטער־פאָלק.

מיר האָבן צוגעזאָגט דער הויז־דירעקציע צוצושיקן אַן עקזעמ־פלאַר פון זיינע ווערק אין עברית, און האָבן טאַקע אין אַ קורצער צייט אַרום דאָס אויסגעפירט.

אויפן וועג קיין „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ״ זענען מיר דורכגעפאָרן די באַרימטע שטאָט טולאַ, מיט צוויי סאָרטן פּראָדוקציע: געווער, ספּע־ציעל ביקסן, און — סאַמאָוואַרן.

דאָס איז געווען אין דער צווייטער וואָך פון אָקטאָבער, אין 1949. די פאָרערס זענען געווען זכריה רחבי, לוי קדר, און איך. לויטן פּלאַן האָבן מיר געזאָלט פליען פון מאָסקווע קיין טביליסי (טיפליס) און צוריק מיט דער באַן. עס איז געווען אָנצונעמען, אַז אין די זעקס טעג פון דער רייזע וועט זיין מעגלעך צו זען גרויסע טיילן פון רוסלאַנד, שמועסן מיט מענטשן אין באַן און אַז. וו.

אין מאָסקווע האָבן מיר באַקומען אַ דערלויבעניש צו פליען קיין טביליסי, עס איז אונדז אָבער איבערגעגעבן געוואָרן, אַז די רייזע אויף צוריק וועט איינגעאָרדנט ווערן אין טביליסי. „אינטוריסט״ איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויפנעם, פּראָגראַם און ענלעכס.

אויפן פלי־פּלאַץ אין טביליסי האָט אונדז אויפגענומען אַ גאַסט־געבערין און אונדז אין אַ מאַשין אָפּגעפירט אין אַ האָטעל, וואָס איז באַשטימט פאַר אויסלענדער. זי האָט גערעדט רוסיש, אָבער זייער הנאה געהאַט צו הערן, אַז פרוי קדר רעדט פראַנצויזיש, אַ שפּראַך וואָס זי האָט געקענט און געווען פאַראינטערעסירט זי צו באַנוצן. אויף אונדזער פראַגע, צי עס זענען פאַראַן אַ סך פרעמדע געסט אין שטאָט, האָט זי געענטפערט, אַז דאָס מאָל זענען מיר די איינציקע.

עס איז געווען אָוונט־צייט. עס איז אונדז געגעבן געוואָרן אַ „פאַראָרדענונג״ זיך איינצואָרדענען אין די פאַר אונדז באַשטימטע צימערן, עסן נאַכטמאָל, און גיין זען אַ באַלעט. זי האָט ביי אונדז גע־בעטן געלט אויף צו קויפן בילעטן און דערקלערט, אַז זי ווערט אויך אַריינגערעכנט אין דער קאָמפּאַניע. די צימערן פון לוי און זכריה זענען געווען טונקעלע און אָפּשטויסנדיקע. עס האָבן זיך דאָרט גע־פונען בלויז בעטן.

דער אָרקעסטער אין רעסטאָראַן האָט צום ערשט געשפּילט קאַווּ־קאַזער ניגונים, אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום אָנגעהויבן שפּילן

יידישע לידער, און עס איז געווען קלאר, אז דאס איז לכבוד אונדז. מיר האבן דעמאנסטרירט אונדזער צופרידנקייט מיט אויפהייבן אנטקעגן זיי אונדזערע גלעזלעך. מיר זענען, פארשטייט זיך, געווען איבערגענומען.

דער באלעט איז געווען אן אויסגעצייכנטער, כאטש זיין טעמע איז געווען א „פאליטישע". אן אויפשטאנד פון קנעכט אין א גוט פון רייכע, נאכדעם ווי דער גוט־באזיצער האט שטענדיק אויסגענוצט זיין „רעכט" אויף דער חתונה־נאכט מיט די יונגע כלות פון זיינע פויערים.

די פירערין איז געזעסן נעבן אונדז. בעת דעם איבערייס זענען מיר ארויס אין פאיע, ווו דער עולם איז ארומגעגאנגען, ווי עס פירט זיך אין די מאסקווער טעאטערס. דארט האבן מיר באגעגנט עטלעכע פארלעך פון דיפלאמאטן, וואס זענען אקרעדירט אין מאסקווע, און צווישן זיי אונדזערע אמעריקאנישע פריינט באב און זשעניע טאקער. עס איז פאר אונדז געווען א גרויסע איבערראשונג, ווייל זיי האבן אונדז נישט צוגעזאגט, אז זיי פארן קיין טביליסי, כאטש מיר האבן זיך אין מאסקווע אפט געטראפן. (זשעניע, א האלב־יידישע, איז געווען א סאוויעטישע בירגערין וואס האט חתונה געהאט מיט באבן אין מאסקווע און נישט געקענט באקומען א דערלויבעניש אויף ארויסצופארן מיט אים אין די פאראייניקטע שטאטן, ביז סטאלין איז געשטארבן און כרושטשאוו האט געירשנט זיין ארט). עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי האבן שוין גאר לאנג געבעטן א דערלויבעניש צו פארן קיין טביליסי אזש ביז זיי האבן זיך שוין דערפון מתיאש געווען, האבן זיי די דערלויבעניש באקומען אומגעריכט און האבן וועגן דעם נישט געקאנט צוזוויסן טאן זייערע פריינט. זיי האבן געבעטן מען זאל זיי לאזן פליען מיט אן עראפלאן הין און צוריק, ס'איז זיי אבער באשטעטיקט געווארן די רייזע אין ביידע ריכטונגען נאר מיט דער באן.

דאס וויילן אין טביליסי איז געווען אנגענעם און אינטערעסאנט. די בערג ארום זענען שיין אין הארבסט, אביסל ענלעך צו די הייכן פון ירושלים. א קליינע און ריינע שטאט. אירע איינוווינער זענען ווייניקער אפגעלאזן ווי אין מאסקווע. די קלייטן כמעט ליידיק. אין די גאסן האט מען געזען מער בילדער פון בעריא ווי פון סטאלינען.

מיר האבן באזוכט דעם נאציאנאלן מוזיי פון גרוזיע, מען האט אונדז אויך געפירט ווייזן דעם געפלעגטן בית־הקברות ווו עס רוט סטאלינס מוטער, און ווידער געגאנגען צו א באלעט — אויך דער א פאליטישער, נאר באגלייט מיט זייער שיינע טענץ.

א באזונדערער שטריך אינעם לעבנס־שטייגער — אין די פריע מארגן־שעהן זענען אפן אלע רעסטאראנען, און די ארבעטער, אויפן וועג צו דער ארבעט, כאפן זיך אריין א טרונק צו טאן א גלאז גרר־

זינישן וויין. מיט פאַרגעניגן האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן צו אָט דעם שיינעם מינהג.

נאָך לאַנגע צווייפלענישן האָט אונדז די וועג־ווייזערין געפירט אין בית הכנסת אריין, א פיינער בנין, גוט אויפגעהאלטן נאָך פוסט און ליידיק, ווייל עס איז געווען אַ וואָכעדיקער טאָג. נאָך אַ קורצער ווײַלע איז אָנגעקומען אַ ייד, וואָס האָט געהאט עפּעס צו טאָן אין שול. איך האָב מיט אים לאַנג געשמועסט. אין אָנהייב האָט ער נישט אויסגעזען צו זיין גליקלעך פון דער באַגעגעניש, אָבער דאָך איז ער געווען איבערגענומען פון טרעפן זיך דאָס ערשטע מאָל מיט ישראל־יידן. ער האָט איבערגעגעבן פּרטים וועגן דער יידישער קהילה אין שטאָט און אין דער סביבה, לויט אים נאָך איז אַלץ אין בעסטן אָרדע־נונג און „עס זענען נישטאָ קיין אָנקלאַגעס". אגב, ער האָט אויך דער־ציילט וועגן איינעם וואָס האָט עולה געווען קיין ישראל און איז צו־ריקגעקומען קיין טביליסי.

אין טביליסי האָב איך געהאט א באזונדערן אינטערעס צו זען דעם יידישן עטנאָגראַפישן מוזיי, וואָס וועגן זיין עקזיסטענץ, ווי דעם איינציקן איבערבלייב פון יידישער קולטור אין ראטנפאַר־באַנד, איך האָב געהערט אין מאָסקווע. ס'איז מיר אויך אויסגעקומען צו לייענען וועגן אים אין איינער פון די פּובליקאַציעס פון דער סאָוויעטישער וויסנשאפטן ־ אקאדעמיע. איך האָב געהאלטן אין איין פאָדערן פון דער וועג־ווייזערין זי זאָל אונדז איינאָרדענען א באַזוך אין מוזיי. צו מיין אנטוישונג האָט זי מיר געענטפערט, אז זי ווייסט בכלל נישט וועגן דער עקזיסטענץ פון אזא מוזיי. איך האָב דעם תירוץ נישט אָנגענומען און געהאלטן אין איין פאָדערן, אָבער אָן דערפאָלג. זי האָט זיך דערפון ארויסגעדרייט מיט פארשיידענע אויס־רייד. אָבער „פטור בלא כלום" איז דאָך אויך נישט מעגלעך, זענען מיר צום סוף דערגאַנגען צום „פּינטעלע ייד" אויף אַן אנדערן וועג.

אין אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן מוזיי, וועלכן מיר האָבן, ווי געזאָגט, באַזוכט, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף ברוכשטיקער פון א מצבה מיט אַן אראמישער אויפשריפט אין העברעאישע אותיות. דער מדריך, אַן ארכעאָלאָג פון פאַך, האָט אונדז דערציילט אז עס איז אים שווער צו דעשיפרירן די אַראַמישע אויפשריפט און געפרעגט צי מיר וואָלטן אים געקאָנט העלפן. און ס'איז באמת געלונגען זכריה רחבין, א ביסל מיט מיין הילף, צו דערגיין צום פירוש פון די ווערטער און די אויפ־קלערונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד דורכן ארכעאָ־לאָג וואָס האָט אונדז באַגלייט.

אויך האָבן מיר באַזוכט דאָס קבר פון רוסישן קלאסיקער א. גריבאָיעדעוו (1795—1829), וואָס איז צווישן אנדערן באַרימט גע־וואָרן אויך מיט זיין דועל אויפן ראָמאַנטישן באָדן. צוזאמען מיט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט ער אויך א געוויסע צייט אמטירט

אין דער רוסישער אמבאַסאַדע אין איראַן. אין דער צייט פון זיין דיפּלאָמאַטישן דינסט, און אין שייכות דערמיט האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט ארכעאָלאָגישער פאָרשונג און געלערנט מזרח־שפּראַכן.

מיר האָבן אויך באַזוכט מעצכאַטי, די הויפּט־שטאָט פון דער אַלטערטימלעכער גרוזיע. כ׳בין געווען אין צוויי אַלטע קירכעס און אויך אין ראַיאָן פון די באַרימטע ארכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען, מיר האָבן אָבער דאָרט געווילט א קורצע צייט.

נאָך מיין צוריקקומען קיין מאָסקווע פון טביליסי, האָט מיר איינער פון די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן דערציילט, אז אויפן וועג וואָס איז צווישן טביליסי און מעצכאַטי געפינט זיך א יידישער קאָלכאָז און ער האָט אים באַזוכט, האָט אבער נישט געוווּסט מיט וואָס זיך צו פאַראינטערעסירן און וואָס זיי צו פרעגן. די וועג־ווייזערין וואָס האָט אונדז ארומגעפירט האָט וועגן דעם גאר נישט נישט דערציילט.

אין גאָרי, ווו סטאַלין איז געבוירן געוואָרן, איז אונדז צוליב עפּעס וואָס נישט דערלויבט געוואָרן אָפּצוטרעטן, פונקט ווי ס׳איז אונדז נישט דערמעגלעכט געוואָרן דאָס צוריקפאָרן מיט דער באַן — אויך אָן אַ לאָגישער סיבה.

די נאַרישע ענטפערס פון דער פירערין אויף די אָפטע פראַגעס פון לוי וועגן דעם ענין האָבן איר ארויסגעפירט עטלעכע מאָל פון געדולד. ערשט נאָכדעם ווי די וועג־ווייזערין איז דערפירט געוואָרן ביז טרערן, איז זי געווען געצוווּנגען מודה צו זיין, אז זי מוז אזוי האַנדלען, קעגן איר ווילן.

ווי געזאָגט, זענען מיר אין גאָרי נישט געווען און קיין מאָסקווע זענען מיר צוריקגעקומען מיט אן עראָפּלאַן, נאָכן ווילן א נאַכט אויפן לופט־פעלד אין ראָסטאָוו אויפן דאָן כדי צו נעמען ברען־שטאָף און פאַרריכטונגען. די שטאָט איז געווען אויסערן תחום פאַר אויסלענדער, און די דערלויבעניש צו באַזוכן דאָס אָרט ווו ס׳האָט געלערנט און געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט מיין פאַרשטאָרבענע פרוי דאָראַ ז״ל איז נישט באַשטעטיקט געוואָרן. דער רעסטאָראַן אויפן לופט־פלאַץ איז געווען איבערמאַסיק שמוציק, דאָס שלאָף־צימער וואָס האָט געדארפט זיין פאַר אונדז אלע דריי, איז געווען זייער קאַלט. עס זענען געווען בעטן, אָבער קאָלדרעס האָט מען אונדז געגעבן ערשט נאָך דעם ווי כ׳האָב געמאַכט א קליינעם סקאַנדאַל.

מיטן צוריקקומען קיין מאָסקווע האָבן מיר דערפילט א געוויסע דערלייכטערונג, הגם די רייזע אליין איז געווען אָנגענעם, אינטערעסאַנט און דערפרישנדיק.

אין אָקטאָבער 1950 האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן כאַרקאָוו. זענען געפאָרן הער ארוך, זיין פרוי און איך (פאַר ארוכן

האָט די רייזע געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג: כאַרקאָוו איז זיין געבוירנשטאָט). און הגם אונדזער עיקר־ציל איז געווען צו זען די יידן פון דער ראָזיקער שטאָט, האָבן מיר זיך נישט געמאַכט קיין גרויסע אילוזיעס. בלויז אַנדערטהאַלבן טעג זענען געווען צו אונדזער דיספּאָזיציע, און פון אונדזער מאָסקווער דערפאַרונג האָבן מיר געוווּסט, אַז אויב מיר וועלן אפילו באַגעגענען אַ ייד, וועלן מיר מיט אים נישט קאָנען רעדן, און אויב מיר וועלן מיט אים יאָ רעדן — וועלן מיר אָבער נישט קאָנען פירן מיט אים אַ פרייען שמועס. און נאָך עפּעס, פון די דיפּלאָמאַטן וואָס האָבן באַזוכט כאַרקאָוו האָבן מיר געוווּסט, אַז דאָס נאָכשפּיאָנירן און דאָס נאָכגיין איז דאָרט אַ סך שטרענגער ווי אין מאָסקווע. פון דעסטוועגן האָבן מיר געהאָפט, אַז מיר וועלן אפשר קאָנען איבערקליגן אונדזערע „באַגלייטערס" און זיך אַרויסדרייען פון זייער השגחה, אָבער שוין אין אַ שעה אַרום נאָך אונדזער אָנקומען איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז אַ פאַלשע האָפענונג.

אַז הער אַרוך איז אין אַ שלאָקס־רעגן אַרויס אַליין פון האָטעל, איז אים באַלד נאָכגעגאַנגען אַ „באַגלייטער", וואָס האָט, נישט לויטן מאָסקווער נוסח, נישט געפּרוווט אפילו זיך האַלטן פאַרשטעלט. ס'האָבן נישט געהאָלפן הער אַרוכס קיין שום איבערכיטרעווען אים, דער מרחק צווישן זיי איז אויף קיין איין רגע נישט געווען ווייניקער ווי אַ צוויי־דריי מעטער. ער איז אים נאָכגעגאַנגען אין יעדן אַריינגאַנג און אין יעדער קראָם, און ס'איז אַרוכן קלאָר געוואָרן אַז ער וועט שוין פון אים נישט פּטור ווערן. אַרוך האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל אַריין און זיין איינציקע טרייסט איז געווען דער נעבעכדיקער אויסזען פון זיין „באַגלייטער", ווייל ער האָט געהאַלטן אַז יענער איז מערער דורכגעווייקט געוואָרן ווי ער.

פון דעסטוועגן איז אונדז געשען אַ „נס".

מיר האָבן געבעטן די אָנפירערין פון „אינטוריסט" אין האָטעל, זי זאָל באַשטעלן פאַר אונדז אַ טעקסי צו מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. די העפלעכע באַאַמטין האָט אונדז אויפגעקלערט, אַז עס וועט אונדז אויסקומען צו וואַרטן, ווייל אין אַ רעגנדיקן טאָג איז שווער צו קריגן אַ ליידיקע מאַשין. אַז איך בין צו איר צוגעשטאַנען און איר אויפגעוויזן אַז אונדזער צייט איז באַגרענעצט, האָט זי צוגעזאָגט זיך צו באַמיען, זי האָט זיך אויך דערמאָנט אַז זי האָט שוין עמעצן פון די האָטעל־איינשטייער צוגעזאָגט אַ טעקסי אויף דריי אַ זייגער, וועט זי פּרוּוון איצט טעלעפאָנירן און בעטן צוויי טעקסיס במקום איינער.

זי האָט אָנגעקלונגען און מ'האָט איר געענטפערט אַז די מאַשין פאַר אונדז וועט מעגלעך קומען נאָך דריי אַ זייגער. אַזוי ווי ס'איז שוין געווען דריי האָבן מיר געוואַרט ביים אַריינגאַנג פון האָטעל.

אז עס איז אָנגעקומען די ערשטע מאַשין, האָבן מיר געפרעגט דעם שאָפער צי ער איז געקומען לויט דער באַשטעלונג פון „אינטוריסט״ און אז דער ענטפער איז געווען א פּאָזיטיווער האָבן מיר זיך אריינגעזעצט אין דער טעקסי. אז נאָך עטלעכע מינוט פאָרן, האָבן מיר זיך דערוווסט אז דער שאָפער איז א ייד... האָבן מיר פארשטאַנען אז די טעקסי איז געווען באַשטעלט נישט פאר אונדז.

ס׳איז געווען אַן „אידעאַלע לאגע״: מיר זענען געווען אליין אין דער געזעלשאפט פון אַ ייד, און הגם עס איז אונדז די גאנצע צייט נאָכגעפאָרן א „שווארצע מאַשין״, האָבן אָבער די וואָס זענען אין איר געזעסן נישט געקאָנט הערן, וואָס עס האָט אונדז דערציילט דער יידישער שאָפער אין משך פון די דריי שעה פאָרן.

געווען איז עס א קלוגער און איבערגערעכנטער מיטשמועסער, א געבוירענער אין א שטעטל פון קיעווער קרייז, א מאן פון א גויאישער פרוי און א טאַטע פון צוויי קינדער. נאָך אונדזערע ערשטע פראגעס וועגן כאַרקאָוו און וועגן די ערטער „וואָס עס איז כדאי צו זען אין שטאָט״, און נאָך זיינע ערשטע פראגן וועגן ארץ־ישראל, האָט ער זיך פאר אונדז פאָרגעשטעלט (אויף א גאָר קלאָרן אופן) אלס קאָמוניסט — אָרגאַניזירטער פארטיי־חבר. און דאָך, אין אַ קורצער ווײַלע ארום, האָט זיך אנטוויקלט צווישן אונדז א פריינדלעכער שמועס, און „ס׳האָט זיך געעפנט זיין יידיש הארץ״.

ער האָט דערציילט אז עס זענען שוין ווידער פאראן א סך יידן אין אָט דער שטאָט. ווידער — ווייל כארקאָוו האָט געדינט ווי א צענטער פאר אויסראָטן די אוקראַינער יידן, אין די טעג פון דער נאַצישער אָקופּאַציע. דער אויסראָטונגס־לאַגער איז געווען די גרויסע מאַשינען־פאַבריק הינטער כארקאָוו. אַהין זענען געבראכט געוואָרן אַלע יידן פון שטאָט, — אויסער די פארמעגלעכע און די איינפלוסרייכע וועמען ס׳איז געלונגען צו אנטרינען, — און די יידן פון די דערבייאיקע שטעטלעך. לויט ד׳ער השערה פון די אָרטיקע זענען אין דעם אָרט אומגעבראכט געוואָרן הונדערטער ־ טויזנטער יידן. ער האָט דערציילט וועגן אוקראַינער וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און זיי איבערגעשטיגן אין אכזריות, און אז ער איז איבערגעגאנגען צו דער קעגנווארט, האָט ער, כאָטש ער האָט זיך נישט באנוצט מיטן וואָרט אנטיסעמיטיזם, דערציילט וועגן געשפּאַנטע באַציונגען צווישן די גויים און יידן אין אוקראַינע — און וועגן דיסקרימינאציעס לגבי יידן אויף אלע געביטן פונעם לעבן.

די צאָל יידן וואָס פארנעמען וויכטיקע אַמטן אינעם מלוכה־אפּאראט ווערט, לויט זיינע רייד, אלץ קלענער, און דער פּראָצענט ארבעטלאָזע צווישן יידן איז א סך גרעסער ווי צווישן גויים. לויט אים נאָך פילט זיך ביי די ארטיקע יידן פאר די לעצטע צוויי—דריי יאר, א באנייטע רעליגיעזע דערוואַכונג. די צאָל באזוכער אין שול

איז שטאַרק געוואַקסן. אין די וויכטיקע יום־טובים האָט דאָס בית־הכנסת נישט געקאָנט ארייננעמען אלע מתפללים, און מאסן יידן האָבן פארבראכט די יום טוב טעג אויפן גאס, לעבן דער שול, וועלכע איז געווען די איינציקע אין שטאָט. אויך די „כאָר־שול" אין מאָרד־ווינאָוו־געסל איז היי־יאר געשלאָסן געוואָרן, צוליב א נישט באַוווסטער פאר אים סיבה. אין דער לעצטער צייט האָבן די יידן ווידער אָנגעהויבן מל צו זיין זייערע יינגלעך און אפילו פארטיי־מיטגלידער טוען דאָס שטילערהייט.

אין דעם יאר האָט מען אין די יום־טובים און יום־כיפור געדאַוונט אין קליינע מניינים אין פריוואטע הייזער (לויט זיינע רייד — אין געהיים).

דער עיקר באשעפטיקונג פון די יידן זענען מלאכות: שניידעריי, שטעפעריי, שוסטעריי, אויך פריזירעריי און זייגערמאכעריי. ביי זיין פאַך — שאָפעריי — זענען אינגאנצן באשעפטיקט 4 יידן פון א 40—50 טעקסי־שאָפערן, דאקעגן צווישן די שאָפערן פון שווערע מאַשינען זענען קיין יידן בכלל נישטאָ.

ער האָט אונדז דערציילט אז זיינע קינדער — כאָטש זייער מאמע איז א „גויע" און ער האָט זיי נישט געגעבן קיין שום יידישע דערציונג — זענען יידן. אין זיינע פראגעס האָט ער ארויסגעוויזן באזונדערן אינטערעס וועגן דער לאגע פון געמישטע פאָרלעך אין ישראל, און צי ס'איז פאראן דיסקרימינאציעס לגבי נישט־יידן וואָס האָבן חתונה געהאט מיט יידן. אין פארלויף פון דער נסיעה האָט ער אלץ מער און מער אויפגעעפנט זיין הארץ און צום סוף נישט פארשטעלט זיין איבערגענומענקייט און מיט אן עכט יידישן קרעכץ א זאָג־געטאָן: „ווען מ'וואָלט געלאָזט די יידן פון דאַנען פאָרן קיין ישראל — וואָלט קיין איינער דאָ נישט געבליבן".

אין אָוונט האָבן מיר באזוכט, אויף דער רעקאָמאַנדאַציע פון „אינטוריסט", די אוקראַינישע אָפּערעטע. מיר זענען אריין אין זאַל, האלטנדיק אין די הענט, לויט אונדזער פון לאנג שוין אויסגעפרוווּון „רעצעפּט", העברעאישע צייטונגען. ווי נאָר מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אונדזערע פלעצער האָט שוין מיין שכן פון רעכטס מיך געפרעגט אויף יידיש: „אַ יידישע צייטונג? מיין פרוי האָט עס באַלד באַמערקט". ער איז געווען אין דער געזעלשאפט פון זיין פרוי און טעכטערל... און הינטער אונדזערע פלייצעס, אין דער ריי וואָס הינטער אונדז זענען שוין געזעסן אונדזערע צוויי באַגלייטערס. פון איצט אָן און ווייטער האָט זיך שוין דער שמועס צווישן מיין שכן און מיר געפירט מיט דער הילף פון דער „פראָגראמע". מיר האָבן הויך גערעדט רוסיש, יעדער זאָל הערן, אָנווייזנדיק אויף די בילדער אין דער פּראָגראַמקע און אויף די מענטשן אויף דער בינע, נאָר צווישן איין זאץ און צווייטן האָבן מיר ארייגעכאַפּט שנעלע שעפּטשנדיקע זאַצן

אין יידיש. מאָדנע, ווי שנעל מיר האָבן דאָסביידע זיך צוגעפּאַסט צו אָט דער געהיימער אָפּערעטן־אַרטיקער שפּראַך. באַזונדער האָבן אונדז געהאָלפן די אַפּלאָדיסמענטן פונעם פּובליקום, וועלכע האָבן באַגלייט יעדן אויפטריט פון אַן אַקטריסע, צום סוף פון יעדער אַריע אָדער טאַנץ.

דער מאַן — אַ שטעפּער פון פאַך און שוין עטלעכע חדשים ארבעטסלאָז — האָט דערציילט, אַז זיין מאַטעריעלע לאַגע איז זייער אַ שלעכטע. אין זיין דערציילן האָט ער איבערגעחזרט דאָס רוב זאַכן וועלכע מיר האָבן געהערט פונעם שאָפער. ער האָט דערציילט, אַז צוליב דעם שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם אין די קליינע שטעטלעך איז פאַראַן אַ גרויסער שטראָם פון אויסוואַנדערנדיקע שטעטלשע יידן אין די גרויסע שטעט אַריין, און אויך קיין כאַרקאָוו. הערייבער פאַרגרעסערט זיך די צאָל יידן אין כאַרקאָוו פון וואָך צו וואָך, און דערפאַר זענען אויך פאַראַן אַזויפיל אַרבעטסלאָזע.

ער האָט געזאָגט, אַז די יידן אין די שטעטלעך ווייסן נישט אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין כאַרקאָוו איז נישט קלענער ווי ביי זיי, און על פּי רוב קאָן דאָ אַ ייד נישט געפינען קיין אַרבעטס־פּלאַץ בלויז און נאָר צוליב זיין יידישקייט.

לויט זיינע רייד זענען געווען יידן וואָס האָבן נאָך באַקומען בריוו און אויך געלט פון קרובים אין אויסלאַנד. ער האָט געוווּסט, אַז פון די הונדערטער בריוו קומען אָן צו די אַדרעסאַטן בלויז איינציקע, האָט ער מיר דערפאַר געזאָגט: „זאָגט זיי זיי זאָלן שיקן טויזנטער" (ד. ה. טויזנטער בריוו).

בערך אין דער זעלבער תקופה האָב איך אויך געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן אָדעס, וועלכע האָט דאַן געציילט ביי אַ 700 טויזנט איינוווינער, פון זיי — אַ דריטל יידן. צוזאַמען דערמיט האָבן זיך די יידן אין גאַס אָנגעזען אַ סך מער ווי זייער „דעמאָגראַפיש געוויכט", און איך האָב זיך זייער שטאַרק באַאיינדרוקט פון זייער ברויזנדיקער וויטאַליטעט און רירעוודיקייט, וואָס האָט אפילו אויך געהאַט אין זיך עפּעס וואָס פון חוצפּהדיקער תּקיפות, לויטן נוסח פון די מאָלדעוואַנקער יידן פון יענע צייטן, וועמען שרייבער ווי איסאַק באַבעל האָבן בשעתו אַזוי פיין באַשריבן.

ביי א 30 פּראָצענט דאַן פון די אָדעסער יידן זענען געווען תושבים פון שטאָט נאָך פון פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג, און די איבעריקע זענען געווען פּליטים, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגענומען פון אַנדערע געגנטן, באַזונדערס פון די שטעטלעך און דערפער פון דרום־רוסלאַנד, ווען דער אַנטיסעמיטיזם און די מורא פאַר דער איינזאַמקייט האָט כמעט איינגאַנצן אויסגעליידיקט פון יידן. אויך אין שטאָט גופא האָט געהערשט א געשפּאַנטקייט אין די באַציונגען מיט נישט־

יידן, אָבער די גרויסע צאָל יידן, צוזאמען מיט די געדעמפטע זכרונות וועגן א טראדיציאָנאַלער יידישער גבורה אין אַט דעם אָרט, און אויך דער פאקט וואָס די מאטעריעלע לאגע איז דאָ געווען א ביסל בעסער ווי אין אנדערע ערטער — דאָס אַלץ האָט פארשטאַרקט דאָס זיכערקייט־געפיל ביי די יידן אין שטאָט און געשאפן א שטאַרקן צוציאונגס־כוח.

און דאָך איז קאָנטיק געווען ביי די יידן, מיט וועמען ס׳איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן, אז זייער שטימונג איז א געדריקטע און זייערע דאגות זענען שווערע. כאָטש ס׳איז שוואכער געוואָרן די העצע קעגן „קאָסמאָפאָליטיזם”, האָט מען אויך ווייטער באַזייטיקט יידן פון מאַכט־פאָזיציעס און ס׳איז געווען אַ זיכער געפיל אַז דאָס זענען אָנווייזונגען פון „אויבן”. דער בנין פון דער גרויסער בראָדער שול איז פארוואַנדלט געוואָרן אין א מלוכה־ארכיוו. ס׳איז געבליבן בלויז איין קליינע שול אויף דער פושקין־גאַס, אָבער די מאכט־אָרגאנען האָבן שוין געמאָלדן וועגן זייער כוונה זי אריבערצופירן אין א נעבעכדיקן בנין אין א פארוואָרפענעם געסל, — צו דעם ווייטיק פון די מתפללים. ס׳האָט זיך אויך אויפגעהערט דער בית־הקברות. פון אנדערע יידישע אינסטיטוציעס איז גאָרנישט געבליבן.

גרויס איז געווען די מורא פון די יידן פאר יעדן קאָנטאַקט מיט ציוניזם און ישׂראל. נאָר א סך האָבן זיך גראד צוגעהערט צו די איבערגעבונגען פון „קול ציון לגולה”. ס׳האָט געהערשט א גרויסע ציטערניש פאר דער צוקונפט און פארן גורל פון ישראל, אין פאַל פון א נייער וועלט־מלחמה.

מיט גרויסע אָנשטרענגונגען און מיט א סך פאָרטלען איז אונ־דזערן א מענטש געלונגען זיך צו טרעפן מיט זיינער א באַקאנטער, וואָס האָט דאַן געוווינט אין אָדעס, א געבילדעטע פרוי, פאַרערט דורך אַלע אירע באַקאַנטע. אירע רייד זענען געווען באַלערנדיקע, דער עיקר ווייל אין זיי האָט זיך געצייכנט א יוצא־דופנדיקער קוק אויף דער לאַגע פון די יידן.

לויט אירע רייד איז נישט געווען קיין גרונט פאר די טענות, אז יידן ווערן דיסקרימינירט, אָדער מען באַזייטיקט זיי פון זייערע ארבעט־פּלעצער. ס׳איז זייער גרויס די צאָל פון יידן וואָס פארנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אויף אַלע געביטן פון לעבן אין אָדעס. זיי לעבט זיך איצטער גוט, ביי זיי דרייט זיך דער גראַשן אין קעשענע און פיל פון זיי שאפן זיך איין ניי מעבל און אנדערע שטוב־זאכן, קליידן זיך שיין, פאָרן אין אָפּרו־הייזער אויף אייגענעם חשבון און האָבן בכלל הנאה פונעם לעבן. זי געדענקט נישט קיין תקופה ווען די יידן אין אדעס האָט זיך געלעבט בעסער. די קלאַנגען וועגן אנטיסעמיטיזם שטאַמען דער עיקר פון יידישער איבערטרייבונג. יעדער פאַל פון אָפּזאָגן פון ארבעט צוליב נאַכלאַזיקייט, דעפרוידאַציע און פאר עגלעכע

ענינים ווערט אויסגעשטייטשט ווי אן אנטיסעמיטישע טאַט, יע־דער ארעסט פון א ייד צוליב שוחד אָדער אן אנדער פארברעך ווערט קודם כל צוגעשריבן דער כלומרשט אנטיסעמיטישער ליניע. וועגן הונדערטער פאלן פון אָפּזאָגן נישט־יידן הערט מען גאָר נישט, און מען אליארמירט נישט וועגן זיי, אָבער אז א ייד ווערט אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט — גלייך ווייסט וועגן דעם די גאנצע שטאָט.

זי זאָגט נישט אז דער אנטיסעמיטיזם איז אויסגעראָטן געוואָרן, און זיכער וועלן נאָך טרעפן דאָ און דאָרט האנדלונגען וואָס טראָגן אן אנטיסעמיטישן כאראקטער, זי קאָן אָבער מיט זיכערקייט זאָגן אז אנטיסעמיטיזם ווי א שיטה עקזיסטירט נישט און אין די לעצטע יאָרן זענען אנטיסעמיטישע דערשיינונגען זייער זעלטן.

זי אליין און אויך אירע יידישע באקאנטע און פריינד האָבן זיך נישט אָנגעטראָפן אָן אנטיסעמיטישע מעשים. גראד אין לעצטן יאר האָט זי זיך באמיט אויסצופאָרשן די לאָגע אויף פארשידענע געביטן און האָט זיך איבערצייגט, אז אין אָט די קלאנגען איז פאראן א סך גוזמא.

בערך אין יענער צייט איז אונדז דערלויבט געוואָרן צו פליען אויף א באַזוך אין סטאַלינגראד — אין דער פארגאנגענהייט צאַריצין, און איצט וואָלגאגראד — די שטאָט וועלכע האָט סימבאָליזירט דעם הע־ראישן ווידערשטאַנד פון די סאָוויעטישע פעלקער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און דאָס ברעכן דעם שוווּנג פון דער נאצישער אי־ריינדרינגונג.

אויפן וועג פון אונדזער לופט־רייזע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין וואָראָניעזש, כדי צו באזארגן דעם עראָפּלאַן מיט ברענשטאָף און אריינגעכאפּט אן אייליקן באזוך אין שטאָט, א טיפּיש רוסישע גו־בערניע־שטאָט, א דורכלענדיקע און לאנגווייליקע. אָבער א פאר־גיטיקונג פאר איר לאנגווייליקייט האָבן מיר געפונען אין א שמועס וואָס מיר האָבן דערנאָך געפירט מיט א נייעם פּאַסאַזשיר, אן על־טערער מענטש, וואָס איז איינגעשטיגן אין וואָראָניעזש און געפלויגן מיט אונדז צוזאַמען.

הגם זיין אויסערלעכער אויסזען האָט אויף דעם נישט אָנגע־דייט, האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער איז א ייד. ער האָט נישט ארויס־געוויזן קיין שום איבעררעאַשונג אָדער באזונדערע נייגעריקייט בעת ער האָט פון אונדז געהערט, ווער מיר זענען און וואָס עס איז דער ציל פון אונדזער רייזע: באזוכן די בארימטע העלדן־שטאָט. דער מענטש האָט פאַרמאָגט העכערע בילדונג, פון פאך אן אינזשיניער, נישט קיין פארטיי־מיטגליד פון די באאמטע אין „גלאוואָסנאַב" — צענטראַלע מלו־כהשע אינסטיטוציע פאר אפּראָוויזאַציע. דער שמועס מיט אים איז געווען פריי פון וועלכער עס איז פּראָפּאגאנדע־טענדענץ און אין זיין

עיקר א רואיקער און זאכלעכער. דעריבער האָבן מיר געפונען אין אים א טאָפּלטן אינטערעס און באַדייטונג.

עס זענען טאַקע, לויט אים נאָך, געווען שווערע פעלערן און הינטערשטעליקייטן אין דערווירטשאַפט און עקאָנאָמיע, דער עיקרביים צושטעלן מלבושים, שפּייז און אנדערע פאבריקאַטן פון דער לייכטער אינדוסטריע. די מערב־מענטשן זענען, לויט זיין מיינונג, זייער צעפּיעשטשעט און פאַרמאָגן די שלעכטע געוווינהייטן פון שפע אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אָבער די סאָוויעטישע מענטשן קאָנען ליידן און זענען געדולדיק אָן א גרענעץ און אויב מ׳וועט מוזן וועלן זיי קענען — בלויז זיי אליין — אויסהאַלטן די פּיינען פון אן אטאָמישער אָדער וואסערשטאָף־באָמבע. די דרייסיק יאָר, וואָס זענען פאַרביי זינט דער רעוואָלוציע האָבן דורכגעפירט א יסודותדיקע און טיפע ענדערונג אינעם כאַראַקטער פון פאָלק און גאָר באזונדער איינגעפלאַנצט אין אים די זיכערקייט, אַז עס איז נישטאָ אזא פּלאַן, וואָס דאָס סאָוויעטישע פאָלק זאָל נישט קאָנען פאַרווירקלעכן, אויב עס איז נאָר באַשלאָסן געוואָרן אים צו פאַרווירקלעכן. אין מערב האָט מען נישט קיין פולן אנונג וועגן דעם טעכנישן פאָרשריט אין ראַטנפאַרבאַנד און נישט וועגן זיינע בוי־אונטערנעמונגען, אויך דערפאַר, וואָס נישט אַלץ ווערט פאַרעפנטלעכט. מיטן כוח פון דער אַטאָם־ענערגיע — און ער האָט גערעדט וועגן דעם מיט אזא זיכערקייט, כאילו זי וואָלט שוין אָן ספק געווען אין זייער רשות — וועלן זיי אויפרייסן גאַנצע בערג, אויסהאַקן די סיבירער וועלדער, אויסטריקענען זומפּן און זיי פאַרוואַנדלען אין נייע ערד־פלאַכן, וואָס וועלן פאַרענדערן דעם האָריזאָנט פון עק צו עק.

די סאָוויעטן אַרבעטן אין א פּלאַנירטער און ראַציאָנעלער ווירטשאַפט, און עס איז נישטאָ אזא זאַך, וואָס זאָל זיך קאָנען אנטקעגנשטעלן די וויסנשאַפטלעכע מעגלעכקייטן, וועלכע זענען אומבאַגרענעצט. אויף אַ לאַנגער מעטע וועלן דורכגעפירט גיגאַנטישע פּלענער כאילו שגעונותדיקע, וואָס דער דניעפּערסטראָי איז אין פאַרגלייך מיט זיי א קינדערשפּיל. בלויז דער פאַקט, וואָס רוסלאַנד מישט זיך נישט אריין אין קאָרעער קריג דערמעגלעכט די אַמעריקאַנער פאַרויסצוגיין, דער אמת אָבער איז אַז דאָס סאָוויעטישע מיליטער איז דאָס שטאַרקסטע און עפעקטיווסטע פון אַלע אַרמייען אין דער וועלט. אַ דריטע וועלט־מלחמה איז אומפאַרמיידלעך, און זיי וועלן זיגן — מיטן כוח פון כוח...

מיין מיטשמועסער האָט נישט פאַרגעסן קיין שום פּערספּעקטיוו פאַר איבערבעטן זיך צי פאַר א מאָדוס וויוועדנדי מיטן מערב. אַז כ׳האָב אים אָנגעוויזן, אַז סטאַלינס טעאָריע זעט פאָר א מעגלעכקייט און א מוז פון א „קאָעקזיסטענץ" אויף א לאַנגער תקופה צווישן די פאַרשידענע רעזשימען — האָט ער געענטפערט: „יעדע זאַך האָט זיך

איר צוועק — דאָס געזאָגטע באַזונדער און די מעשים באַזונדער".

הגם אין געוויסע געביטן הערשט גרויס דחקות, האָט ער געזאָגט, און נישט אַלץ קלאַפּט ווי עס דאַרף צו זיין, באַזונדערס ווייל די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען האַנדלען אָפּט נישט לויט די פּאַראָרדענונגען פון דער צענטראַלער רעגירונג, זענען דאָס אָבער בלויז פאַרבייגייענ־דיקע דערשיינונגען. ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק ווי דאָס סאָוויע־טישע, וואָס זאָל קאָנען אויסהאַלטן דחקות און נסיונות פון ליידן און קלעם.

וועגן דער לאַגע אין ישראל האָט ער זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט — אָבער אַן סימנים פון וועלכער ס'איז איבערראַשט־קייט, ווי ער וואָלט כלל קיין ייד נישט געווען. ער האָט אויסגעפונען אַ סך ענלעכקייטן צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין זיין לאַנד, אין פּיאָנערישער געוואַגטקייט, אינעם טעמפּאָ פון בוי, אין פאַרוואַנדלען „לופט־מענטשן" אין אַן אַרבעטנדיק פאָלק, אין דער גרייטקייט אויפ־צוהאַלטן אַ שטאַרקן און דרייסטן כוח פון מיליטערישער פאַרטיידיקונג א. אַנד. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס עס ווערט אין זייער פּרעסע געשריבן וועגן אָרעמקייט און דחקות אין ישראל — איז איין זאַך און דער אמת — איז אַ צווייטע זאַך. ער האָט אויך מסכים געווען, אַז דער וועג פון ישראל נישט אַנצושליסן זיך אַן איינעם פון די בלאָקן אין דער גלאָבאַלער פּאָליטיק איז אַ בלית־ברירהדיקע נויט־ווענדיקייט און איז פּאָזיטיוו אויך פון שטאַנדפּונקט פונעם סאָ־וויעטישן אינטערעס, האָט אָבער שטאַרק געצווייפלט, צי די באַדינ־גונגען וועלן דערמעגלעכן דער מדינת ישראל אַנצוהאַלטן ביזן סוף די אָ טענדענץ.

כאָטש אין זיין אויסערלעכן אויסזען זענען, ווי דערמאַנט, נישט געווען קיין סימנים פון זיין יידישקייט, האָבן מיר געהאַט דעם איינ־דרוק, אַז דעם מאָנאָלאָג האָט ער בכוונה געדעדט אויפן הויכן טאָן, כדי זיין שמועס מיט אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן זאָל פאַר זיינע רוסי־שע שכנים אויסזען אינגאַנצן „כשר"...

אין סטאַלינגראַד האָבן מיר דאָן נאָך געפונען, ביי אַן אַכט יאָר נאָך די היסטאָרישע קאַמפן, סימנים פון צעשטערונג און חורבן, פון האַריזאָנט צו האַריזאָנט. די נייע בויונג איז געווען פאַרהעלטנישמע־סיק קליין; דער עיקר זענען געבויט געוואָרן געזעלשאַפטלעכע גע־ביידעס — שולן, רעגירונגס־ביוראָען, קלובן, ס'זענען אויך צוריק אויפגעבויט געוואָרן פאַבריקן, קינדער־הייזער און ענלעכע. נייע וווינ־הייזער האָט מען כמעט נישט געזען; דאָקעגן איז געווען אַן אומענדלע־כער וואַלד פון באַראַקן. די גאַנצע שטאָט איז שוין געווען אָפּגערוי־ניקט פון די רואינען, וואָס זענען מיט פלייס באַזייטיקט געוואָרן, און די גאַסן האָבן אויסגעזען ריין, אָבער פוסט.

מיר האָבן באַזוכט דאָס הויז און דעם קעלער, וווּ ס׳איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און דאָרט געהאַלטן געוואָרן, דער פעלד־מאַרשאַל פאָן פּאַולוס, דער דייטשישער הויפּט־קאָמאַנדיר פון סטאַלינגראַדער פראָנט. מ׳האָט אונדז געוויזן די ערטער וווּ די דייטשן האָבן דורכגעריסן די רוסישע ליניעס און דערגאַנגען ממש צו דער וואָלגע. אויך דאָ האָבן דער עיקר געווירקט די גרעסערע אויסהאַלט־כוחות פונעם רוסישן זעלנער אין די באַדינגונגען פון די אומבאַרח־מנותדיקע סיבירער קעלטן.

לויט די רייד פון די דערקלערערס, האָבן די רוסן, נישט געקוקט אויף זייער הינטערשטעליקייט אין אַנדערע געביטן, געהאַט בעסערע און וואַרעמערע בגדים ווי די דייטשן, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך איבערבגדים פון שלעכטער ערזאַץ־פּראָדוקציע, נישט צוגעפּאַסטע צו די באַדינגונגען פונעם היגן אכזריותדיקן ווינטער. מען האָט אונדז געוויזן ריזיקע דייטשישע שיך, וועלכע די דייטשן האָבן גענוצט פאַר אַן איבערדעק איבער די געוויינלעכע שיך זייערע. מיר האָבן אויך באַזוכט דעם מוזיי פון דער גבורה, אַרעם אין פאַרנעם און אין איינהאַלט, אָבער מיר האָבן דאָרט געזען עטלעכע וויכטיקע זאַכן, צווישן זיי: אַ שווערד, באַפּוצט מיט גאָלד און טייערע שטיינער — אַ מתנה פון ענגלישן קעניג, און אַ מלוכה־קרוין פון אַביסינישער אויסאַר־בעטונג — אַ מתנה פון נעגוס. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האַלט אַן פריינטשאַפט־באַציאונגען מיט דער ענגלישער שטאָט קאַווענטרי, וועל־כע איז אויך כמעט אין גאַנצן חרוב געוואָרן פון די דייטשישע באָמ־באַרדירונגען און בייגעשטאַנען דעם נסיון מיט העכסטער העלדישקייט.

אין אָוונט האָבן מיר באַזוכט דאָס אָרטיקע טעאַטער, און ס׳איז געבליבן אַן איינדרוק פון אַ קונסט־ווערק, וואָס שטייט אויף אַ גאַנץ פּראָווינציאַנעלן ניוואָ. אַזוי האָט זיך פאַר אונדז געענדיקט די פּרשה סטאַלינגראַד, ווי מיר האָבן זי געזען אין יענע טעג.

אַ געוויסן אינטערעס קאָן אויך האָבן דאָס אַרויפּברענגען איינ־דרוקן פון מיינעם אַ באַזוך, אין אָקטאָבער 1950, אין אַ קאָלכאָז, 40 ק״מ פון מאָסקווע. בפרט אַז די ענדערונגען אין דער לאַנדווירט־שאַפט, וועלכע זענען פון דאַן אָן פאָרגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, זענען קלענערע ווי אין יעדן אַנדערן געביט.

לוטש, דער קאָלכאָז, וועלכער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין 1929, האָט אַרומגענומען 5 דערפער, וועמענס באַפעלקערונג ס׳האָט באַטראָפן ביי אַ 400 משפחות. די משפחות האָבן געוווינט אין טראַ־דיציאָנעלע הילצערנע כאַטעס, וואָס כאַטש זיי זענען געווען פּרימי־טיווע, זענען זיי אָבער בדרך כלל געווען ריין.

דער קאָלכאָז האָט זיך באַשעפטיקט מיט האָדעווען רינדער און

הינער, און אויך מיט גערטנעריי — דאָס לעצטע אין אַ גרויסן פאַר־נעם. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ בהמות־סטאַדע, וואָס האָט געציילט 300 קי, פון זיי 150 מעלקעדיקע. דאָס האָדעווען חזרים איז, ווייזט אויס, געווען דאָס סאַמע רענטאַבילסטע. אָבער אין די חזרים־שטאַלן זענען נישט געווען קיין שום סימנים פון נייסטער מעכאַניק. די צאָל הינער איז דערגאַנגען צו 1000, אַ קליינע צאָל אין פאַרגלייך מיט דער גרויס פון קאָלכאָז. זיי האָבן פאַרמאָגט 80 פערד.

די אינטענסיווע באַאַרבעטונג פון דער גערטנעריי האָט אין זיך אַריינגענומען גרינס־צוכט, צוויי מאָל אין יאָר אין ספּעקטן. דער שטח פון די ספּעקטן איז געווען בערך 30×200 מעטער. מ׳האָט אונדז דאָרט דערציילט, אַז בסך־הכל האָט מען פאַרלייגט 16 ק״מ רערן צום וואַרעמען. מיר האָבן זיך נישט באַאיינדרוקט, אַז דער סיסטעם פון אינטענסיווער באַאַרבעטונג זאָל שטיין אויף אַ הויכן ניוואָ, אין פאַרגלייך מיט אייראָפּע און ישראל, כאָטש ס׳איז געווען אַ פאַרשריט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס כ׳האָב געזען אין רוסלאַנד אין מיין יוגנט.

דער פאַרזיצער פון קאָלכאָז האָט אונדז דערקלערט, אַז דער אַר־בעטס־לוין איז באַזירט אויף טאָג־אַרבעט, ווי ס׳איז איינגעפירט אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד. די נאָרמע איז 250 אַרבעטס־טעג אַ יאָר. אָבער אַ געווינלעכער סטאַכאַנאָוויעץ האָט אַוודאי געקאָנט אויסאַרבעטן 850 אַרבעטס־טעג. פון דאַנען איז צו זען, אַז די אונטערשיידן אין אַרבעטס־לוין ביי אַ וועלכער ס׳איז גרופּע אַרבעטער, איז געווען אַ סך גרעסער, ווי ביי אַן ענלעכער גרופּע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין אַנטוויקלטע לענדער. דער אַרבעטס־לוין פון אַ פּויער אין קאָלכאָז איז געווען 12 רובל אַ טאָג *, פון דעם — 6 רובל אין געלט און 6 רובל אין פּראָדוקטן. די נאָרמע פון פאַרזיצער פון קאָלכאָז איז געווען ביי אַ 1300 אַרבעטס־טעג אַ יאָר. אויב דער קאָלכאָז האָט דערפּאָלגט, ווערט די הכנסה פונעם פאַרזיצער אויסגערעכנט אויף 2600 אַרבעטס־טעג.

די לייטונג איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די בנינים אין קאָלכאָז און פאַר זיין פּראָדוקציע. יעדע משפּחה, אַן אונטערשייד פון דער צאָל נפשות אין איר, האָט רעכט אויף באָדן, וואָס זיין שטח איז אַ ביסל ווייניקער פון אַ דריטל העקטאַר. דער דאָזיקער באָדן, אויסער דעם שטח, אויף וועלכן עס שטייט דאָס הויז, איז באַשטימט פאַר תבואה און אַנדערע באַאַרבעטונגען, לויטן ווילן פון דער משפּחה. דערצו קאָן

---

* דער קורס איז דאַן געווען: 32 רובל + 35 קאָפּיקעס = 1 פונט שטערלינג, 1 פ״ש = 2 דאָלאַר + 80 סענט.

אויך די משפחה האַדעוועו איין חזירטע, איין קו און הינער. אַז די חזירטע געבערט חזירים, מעג מען פאַר זיך איבערלאָזן די זכרים, אָבער די נקבות דאַרף מען אָפּגעבן דער רעגירונג.

די גערעטעניש־נאַרמע ווערט דירעקט אָפּגעגעבן דעם רעגירונגס־צענטער און ס׳ווערט פאַר איר באַצאָלט לויט באַשטימטע פּרייזן. די פּראָדוקטן, וואָס די מיטגלידער פון קאָלכאָז באַקומען ווי אַרבעט־לויז, מעג מען פאַרקויפט ווערן אויפן פרייען מאַרק. פאַקטיש באַקומען די פּויערים אַ געוויסע הילף ביים פאַרקויפן זייער פּראָדוקציע, און מען זאָרגט אויך פאַר איר טראַנספּאָרטירונג.

אויסער דעם כסדרדיקן דרוק אויף צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע און דעם געלט־צוגאָב, וואָס דער אַרבעטער באַקומט אַלס פּרייז, עקזיסטירט אין דער געזעלשאַפט דער יסוד פון פאַרמעסט אין אַלע אירע פאָזן. און די זעקס „בריגאַדעס" (אונטערנעמונג־גרופּעס), וועלכע בילדן די אַדמיניסטראַטיווע באַזע פונעם קאָלכאָז — האָט זיך יעדע בריגאַדע פאַרמאָסטן מיט דער אַנדערער; יעדע אָפּטיילונג אין דער בריגאַדע האָט זיך פאַרמאָסטן מיט די אַנדערע אָפּטיילונגען אין דער זעלבער בריגאַדע, און יעדע גרופּע וואָס האָט געציילט 10 פּערזאָן, איז פאַר זיך אַליין געווען אַ פאַרמעסט־איינהייט, און יעדער מיטגליד אין איר האָט זיך געפלייסט איבערצושטייגן דעם אַנדערן.

עס איז נישט געווען און ס׳איז נישטאָ קיין פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפט צו באַשעפטיקן אַרבעטער פון דרויסן. אָבער אין דער פּראַקטיק מאַכט מען אַלע אָנשטרענגונגען דאָס אויסצומיידן, ווייל דאָס פאַרקלענערט די ריווחים פון די קאָלכאָז־מיטגלידער, דעריבער באַמיען זיך די קאָלכאָזניקעס צו פאַרענדיקן וואָס מער פאַרגרייטונג־אַרבעטן צום שניט, און אַזוי אַרום, אַז עס קומט די צייט פון אַראָפּנעמען דאָס גערעטעניש, קאָנען זיי זיך פאַרנעמען בלויז מיטן אַראָפּנעם.

דער קאָלכאָז פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע שווערע מאַשינען. אַלץ וואָס איז נייטיק — אַ טראַקטאָר, אַ קאָמביין, שנייד־מאַשינען און צונויפנעם־מאַשינען — קריגט מען אין דער רעגירונגס־סטאַציע פאַר מאַשינען און אויסשטאַטונג. דער רעזולטאַט פון אַזאַ סיסטעם איז, אַז די דירעקטאָרן פון די מאַשין־ און טראַקטאָר־סטאַציעס הערשן איבער די קאָלכאָזן, וועלכע זיי באַדינען. זעט אויס, אַז די סטאַציע באַשליסט ווען און וועלכע מאַשינען מען וועט קאָנען צושטעלן, און אין דער זעלבער מאָס באַשטימט זי די צייט פון פאַרזיי און פון שניט. דערפון דרינגט אַרויס, אַז אויב עס איז אָפיציעל נישטאָ קיין אויפזיכט, האָט אָבער פאַקטיש די סטאַציע אַ באַדייטנדיקן אויפזע־כוח.

מ׳האָט מיך מיט מיינע באַגלייטערס נישט אַריינגעלאָזט אין קיין איין פּריוואַטער וווינונג, דעריבער איז מיר כמעט ווי נישט מעגלעך

געוועזן זיך איינצושאַפן אַ בילד פון די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען אָדער פון גייסטיקן מצב פון די אַרבעטער. אָבער דער איינדרוק איז געוועזן, אַז די קאָלכאָזניקעס זענען גאַנץ צופרידן פון זייער דאָליע.

כ׳האָב געהערט, אַז אַ קאָלכאָזניק האָט רעכט צו פאַרלאָזן, אָבער פּאַקטיש איז דאָס אין דער קאָמפּעטענץ פון דער לייטונג צו באַשטעטיקן זיין ביטע, איידער ער פאַרלאָזט לויט זיין אייגענעם ווילן. ס׳איז מיר אויך נישט געוועזן קלאָר צי דערפון איז געדרונגען, אַז אויך אַ גוטן אַרבעטער דערלויבט מען פּאַקטיש צו פאַרלאָזן דעם קאָלכאָז. ביים אָנשליסן זיך אין קאָלכאָז, באַקומט דער נייער מיטגליד אַ שטיצע אין דער פאָרם פון אַ הלוואה אויפן חשבון פון זיינע פאַרדינסטן אין דער צוקונפט, מ׳העלפט אים אויך זיך אויפבויען אַ הויז (אויך גיט מען אים זיין חלק באָדן). דער קאָלכאָז האָט, ווייזט אויס, נישט געצאָלט קיין הכנסה־שטייער, כאָטש יעדער איינער איז פערזענלעך מחייב צו צאָלן הכנסה־שטייער פון אַלץ וואָס גייט איבער די 250 גרונטיקע אַרבעטס־טעג. ס׳האָט אונדז נישט איינגעגעבן זיך צו דערוויסן די גרויס פונעם הכנסה־שטייער.

מיר האָבן געזען אַ טאָג־היים פאַר זויגלינגען — 20 קינדער ביז צוויי יאָר אַלט. די עלטערן האָבן באַדאַרפט צאָלן פאַר זייערע קינדער, וואָס געפינען זיך דאָרט.

אגב, קאָן זיין, אַז נישט אָן כוונה האָט מען אונדז געבראַכט אַהער אין אָט דעם קאָלכאָז, ווו — אַזוי האָבן מיר אויסגעפונען — דריי פון זיינע פיר דירעקטאָרן זענען געוועזן יידן, און איינער פון זיי האָט אפילו גערעדט העברעאיש, וואָס ער האָט קינדווייז געלערנט און האָט גוט געדענקט זיין יוגנט־חבר — אברהם שלאָנסקי...

און סך־הכל האָט עס מיר אויסגעזען, אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ פּאָזיטיוון פאַרגלייך צווישן אַ קאָלכאָז און צווישן דעם, וואָס מען זעט אין אייראָפּע אָדער אין ישראל, נישט אין זין פון אָרגאַניזאַציע און נישט פון שטאַנדפּונקט פון די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט. די קיבוצים אין מדינת ישראל זענען געוועזן בעסער אויסגעשטאַט אין טעכנישן זין און האָבן איינגעפירט מער וויסנשאַפטלעכע שיטות אין דער לאַנדווירטשאַפט און די וווין־הייזער זענען אין פאַרגלייך מיט די הייזער אין קאָלכאָז — פּאַלאַצן. צוזאַמען דערמיט איז געוועזן קלאָר, אַז דער קאָלכאָז איז געוועזן אַ גרויסע דערגרייכונג פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, אויב מ׳זאָל זיך רעכענען מיט די באַדינגונגען פון פאַר דער רעוואָלוציע און מיטן געדאַנקען־גאַנג און מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט פונעם פויער.

ענלעכע איינדרוקן צו אונדזערע האָבן מיר אויך געפונען אין מעמאָראַנדום פון סער דייוויד קעלי, ענגלישער געזאַנדטער, וועגן דעם רושם פון אַ באַזוך וואָס ער האָט געמאַכט אין אַ קאָלעקטיווער

ווירטשאַפט. מיר האָבן צווישן זיך אויסגעטוישט אונדזערע איינדרוקן — פון פאַרשיידענע ווירטשאַפטן, פאַרשטייט זיך — און זיי זענען בדרך כלל געווען ענלעך.

ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז וועגן דעם סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום, מיט וועמען כ'בין פאַקטיש מחויב געווען צו שטיין אין אַן אומאיבעררייסלעכן קאָנטאַקט, כ'זאָל וועגן אים האָבן דעם סאַמע ברייטסטן באַגריף. דעריבער האַלט איך פאַר ריכטיק דאָ צו ברענגען די „מאָרפאָלאָגישע" שילדערונג, וועלכע מיר האָבן געשיקט דעם אויסערן־מיניסטער מ. שרת אין 1950.

דאָס ראַטנפאַרבאַנדישע אויסערן־מיניסטעריום איז געווען פונאַנדערגעטיילט אין זיין געבוי אין איינקלאַנג מיט זיינע אויפגאַבן (אַ פונקציאָנאַלע פונאַנדערטיילונג) און דער ראַיאָנען־צעטיילונג פון דער וועלט (אַ געאָגראַפישע פונאַנדערטיילונג).

אין שפיץ פון דעם אויסערן־מיניסטעריום איז געשטאַנען אַנדריי יאַנואַראָוויטש ווישינסקי, נישט קיין מיטגליד אין פאָליט־ביוראָ. זיינע געהילפן, אין ראַנג פון וויצע־מיניסטאָרן, זענען געווען לויטן סטאַזש:

אַנדריי אַנדרייעוויטש גראָמיקאָ;
וואַלעריאַן אַלעקסאַנדראָוויטש זאָרין;
פיאָדאָר טאַראַסיעוויטש גוסייעוו.

פון די פונקציאָנאַלע אָפּטיילונגען וועלכע זענען מיר געווען באַקאַנט, דאַרף מען אָפּצייכענען פאָלגנדיקע:

די קאָנסולאַרע אָפּטיילונג;
אָפּטיילונג פאַר אָפּמאַכן און יוריספּרודענץ;
פרעסע־אָפּטיילונג;
צערעמאָניאַל אָפּטיילונג;
גענעראַל־סעקרעטאַר.

פון די געאָגראַפישע אָפּטיילן דאַרף מען דערמאָנען דעם דעפּאַרטאַמענט פאַרן מיטעלן מזרח, דעם אָפּטייל פאַר דרום־אַמעריקע, ווייניקסטנס צוויי אייראָפּעאישע דעפּאַרטאַמענטן, און, ווייזט אויס, נאָך געגנטלעכע אָפּטיילן. די אָנגעשטעלטע פונעם אויסערן־מיניסטעריום טראָגן ספּעציעלע אוניפאָרמען און באַקומען הויכע שכירות, צוגעפּאַסטע צו די שכירות פון די פאַרשטייערס אין אויסלאַנד.

פיליעס פונעם אויסערן־מיניסטעריום זענען געווען:

די קאַנצעלאַריע פאַר באַדינען דעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. דאָס ביוראָ פאַר באַדינען דעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס („ביוראָבין") קאָן מען זען ווי אַ פיליע פון אויסערן־מיניסטעריום. דאָס ביוראָ האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע באַדערפענישן פון דער דיפּלאָמאַטן־קאָלאָניע אין מאָסקווע. זי האָט צוגעשטעלט קאָמוניקאַציע־מיטלען באַזאָרגט

פלי־בילעטן, צוגעשטעלט אַרבעטער, איבערגעגעבן דירות, בנינים און גאַראַזשן, אויסגעהאַלטן אַ ספּעציעלע אַמבולאַטאָריע, געזאָרגט פאַר אַלע בייטיקע אַרבעטן, זיך פאַרנומען מיט עניינים פון צאָל־אַמט און מיטן אַרויסנעמען באַגאַזשן, געשיקט באַגאַזש אויפן פאַרלאַנג פון די געזאַנדשאַפטן. מ׳קאָן זאָגן, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט פאַרנר־מען דאָס צענטראַלע אָרט אין די געשפּרעכן פון די דיפּלאָמאַטן אין מאָסקווע, און אַרום איר האָט זיך קאָנצענטרירט אַ באַדייטנדיקער טייל פון די אַרבעטן פון די פאַרשיידענע געזאַנדשאַפטן.

דאָס ביוראָ פאַר באַדינען די דיפּלאָמאַטן איז געווען אַ גאַנץ פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע און האָט געהאַט אַ סך אָנגעשטעלטע.

וואָק״ס. די געזעלשאַפט פאַר קולטור־פאַרבינדונגען (וואָק״ס) געפינט זיך אין ענגן קאָנטאַקט מיטן אויסערן־מיניסטעריום, הגם אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זין איז די אָנגעהעריקייט נישט קיין אָפענע.

מיניסטעריום פאַר אויסערן־האַנדל. אויף וויפל מיר איז באַוווסט, איז אין די ראַמען פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום נישטאָ קיין באַזונדערע ווירטשאַפטלעכע אָפּטיילונג; די עניינים פון מסחר זענען געווען קאָנצענטרירט אין מיניסטעריום פאַר אויסערן־האַנדל, וואָס אויך אין אים, ווי אין אויסערן־מיניסטעריום, איז פאַראַן אַ פונקציאָ־נאַלע און רעגיאָנאַלע צעטיילונג. ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע צערעמאָניאַל־אָפּטיילונג א.ד.גל.

מיליטער־ און האַנדל־אַטאַשעס. די מיליטער־אַטאַשעס זענען אין אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט זייער אַרבעט געווען אונטערגע־אָרדנט דער אָפּטיילונג פאַר אויסערן־באַציאונגען ביים מיניסטעריום פאַר די באַוואָפנטע כוחות. די האַנדל־אַטאַשעס זענען געווען, אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו זייער אַרבעט, פאַרבונדן מיטן מיניסטעריום פאַר אויסערן־האַנדל, דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם צערעמאָניאַל־אָפּטייל פונעם מיניסטעריום. זייערע דאָקומענטן, וויזעס און אַנדערע טאָג־טעגלעכע עניינים זענען דערליידיקט געוואָרן דורכן אויסערן־מיניסטעריום, ווי פאַר אַלע מיטגלידער פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. פון דער אַנדערער זייט האָט דער מיליטערישער אַטאַשע געדאַרפט מעלדן וועגן רייזעס אין דער מדינה גופא, דער אָפּטיילונג פאַר אויי־סערן־באַציאונגען פון מיניסטעריום פאַר די באַוואָפנטע כוחות. אין פאַל פון אַרויספאָרן אויסער די גרענעצן פון לאַנד, האָבן די אַטאַשעס זיך נוהג געווען צו מעלדן די מיניסטעריומס מיט וועלכע זיי זענען געווען פאַרבונדן, חוץ אַ בקשה וועגן אַן אַרויספאָר־וויזע, וואָס האָט געדאַרפט געשיקט ווערן צום אויסערן־מיניסטעריום.

שטאָט, אויפן וואָראָווסקי־פּלאַץ. אין דרויסן זעט זיך נישט קיין וואַך.

ווי אַזוי ווערט מען אויפגענומען אויף אַן אוידיענץ אין אויסערן־מיניסטעריום. דאָס אויסערן־מיניסטעריום געפינט זיך אין צענטער

לעבן בנין פון אינערן־מיניסטעריום, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דאָרטן, זענען געווען וועכטער, באַוואָפנטע מיט באַגנעטירטע ביקסן. אויסער אין דער עקספּעדיציע, איז נישט מעגלעך געווען אַרייַנ־צוגיין אין אויסערן־מיניסטעריום אָן אַ ספּעציעלער אַרייַנגאַנג־דער־לויבעניש, און פאַר דעם צוועק איז געווען אַ באַזונדערע ביוראָ. די ביוראָ איז נישט געווען באַשטימט פאַרן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. אַן אוידיענץ האָט מען, געוויינלעך, באַשטעלט טעלעפאָניש. דאָס מיינט אויך אוידיענצן מיטן אויסערן־מיניסטער אַליין, אָדער מיט איינעם פון זיינע פאַרטרעטערס. געוויינלעך פלעגט מען צוזאָגן צו געבן תשובה, אָדער — מ׳האָט געבעטן אָנקלינגען נאָך אַמאָל אין אויסערן־מיניסטעריום. חוץ אוידיענצן מיט דירעקטאָרן אָדער מיט אָנגעשטעל־טע פון די פונקציאָנאַלע דעפּאַרטאַמענטן, זענען די אוידיענצן באַ־שטימט געוואָרן צוזאַמען מיט דער „פּראָטאָקאָל״־אָפּטיילונג. נאָך דעם ווי דער טערמין פון דער אוידיענץ איז באַשטימט געוואָרן, האָט מען אויך מיטגעטיילט דעם נומער פון אַרייַנגאַנג (עס זענען געווען אַ סך אַרייַנגענג). אַז דער איינגעלאַדענער איז אַרייַן, האָט אים אויפגע־נומען אַן אָפיציר (אַמאָל אויך אַ זעלנער), סאַלוטירט פאַר אים און געפרעגט זיין נאָמען. דער מיליטערמאַן האָט שוין פון פאָרויס גע־ווּסט וועגן באַזוך, און לעבן דער ווינדע אין קאָרידאָר האָט אים שוין אָפּגעוואַרט אַ באַאַמטער, וואָס האָט דעם גאַסט אַרויפגעפירט אין וואַרט־צימער און פון דאָרט אין אָפּאַרטאַמענט פון דעם, צו וועמען דער פרעמדער פאַרשטייער איז איינגעלאַדן געוואָרן. נאָכן געשפּרעך האָט די זעלבע באַאַמטין באַגלייט דעם באַזוכער אין טרעפּן־צימער. דער אָפיציר סאַלוטירט דעם באַזוכער איידער ער פאַרלאָזט דאָס אַרייַנגאַנג־צימער.

ס׳איז זייער בולט דער אונטערשייד אין סטיל צווישן די סאָוויע־טישע און מערבדיקע דיפּלאָמאַטן. דער אונטערשייד קומט צום אויס־דרוק אויך אין היכגעשטעלטע פאַלן, אָבער צום שטאַרקסטן איז ער אינעם געביט פון רוטינירטער פּראַקטיק. די אונטערשיידן אינעם סטיל זענען, פאַרשטייט זיך, נישט קיין צופעליקע, נאָר אַן אומבאַ־דינגטער רעזולטאַט פון געבוי פון דער סאָוויעטישער מדינה און איר אויסערן־דינסט. די אייגנטימלעכקייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע טעטיקייט־צווייגן פון סאָוויעטישן אויסערן־דינסט כלפּי דעם מזרח ווי כלפּי דעם מערב.

די השפּעה פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטער אויף דער אויס־סערן־פּאָליטיק פון זיין לאַנד — אין יענער צייט, א. ווישינסקי — איז, פּרינציפּיעל, אָן ספק געווען אַ סך קלענערע ווי פון די, וואָס זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער פאַכמענערישער באַאַמטנשאַפט

אין די אויסערן־מיניסטעריומס פון אַזעלכע מדינות ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך צי איטאַליע. ער איז נישט געווען קיין מיטגליד פון פּאַליט־ביוראָ, און ס׳איז נאָך אַ ספק צי ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע באַהאַנדלונגען פון דער אויסערן־פּאָליטיק. מעגלעך, אַז אויך אין ליטווינאָווס צייטן איז די לאַגע געווען אַן ענלעכע, אָבער פון זינט יענער תקופה זענען, ווייזט אויס, פאָרגעקומען גרונטיקע ענדערונגען אין דער מאַכט־פּראָצעדור פון ראַטנפאַרבאַנד. אין משך פון דער מערסטער צייט פון מאָלאָטאָווס אַמטירן איז דער ראַטנפאַרבאַנד געשטאַנען אין קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן היטלער־דייטשלאַנד. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז איינע פון די סיבות פאַר מאָלאָטאָווס פאַרלאָזן דעם אַמט פון אויסערן־מיניסטער איז געווען די, וואָס לויט דער מיינונג פון די סאָוויעטישע פּאָליטיקער, זענען שוין מער נישט געווען קיין אויסזיכטן פאַר אַ וויכטיקער פּערזענלעכער טעטיקייט פונעם מענטש, וואָס טראָגט דעם טיטל פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטער; ס׳איז דעריבער געווען אַ שאָד, אַז אַ מענטש ווי מאָלאָטאָוו זאָל פאַרשווענדן אַ טייל פון זיין טייערער צייט אויף רוטינירטע טואונגען, ווי ענינים פון רעפּרעזענטאַנץ, נישט וויכטיקע נסיעות וכדומה. ס׳איז געווען אַ מיינונג, וואָס לייגט זיך אויפן שכל, אַז פאַרשיידענע מיטגלידער פון דער פּאָליט־ביוראָ האַלטן אַן אויג אויף פאַרשיידענע געביטן פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק און אַז מאָלאָטאָוו לייגט אויך ווייטער באַזונדער אַכט אויף דער אויסערן־פּאָליטיק און אויף דעם אויסערן־מיניסטער ווישינסקי. לויט אָט דער אויפפאַסונג איז דאָס פּאָליט־ביוראָ אין ראַטנפאַרבאַנד געווען זייער ענלעך צום מערבדיקן „קאַבינעט”. אָבער אויך אין דער באַגרענעצטער אינערלעכער קערפּערשאַפט האָט זיכער סטאַלין גענאָסן פון אַ לגמרי באַזונדערן מעמד, וואָס איז נישט געווען ענלעך צו דער פּאָזיציע פון אַ פּרעמיער אין אַ פּאַרלאַמענטאַרישער מלוכה אין זיין רעגירונג און צווישן אירע מיטגלידער, ווען אפילו זיי זענען אַלע געווען חברים פון זיין פּאַרטיי.

דער סטעפּ אונטערגעאָרדנטע פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטער איז געווען אָרגאַניזירט לויט די פּרינציפּן פון מיליטערישער היעראַרכיע. יעדער באַאַמטער פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום, צי זיין אַרבעט־פּלאַץ איז געווען אין לאַנד, צי אין אויסלאַנד, האָט געהאַט אַ באַשטימטן טיטל, וועלכער איז נישט געווען פאַרבונדן מיטן איצטיקן אַמט וואָס ער פאַרנעמט. דעם טיטל קאָן מען נישט פאַרגלייכן, למשל, צו דעם ראַנג פון אַ באַאַמטן אין אַמעריקאַנישן אויסערן־דינסט, ווו דער ראַנג באַשטימט אין דער ערשטער ריי דאָס געהאַלט פונעם אַנגעשטעלטן. דער טיטל געפינט זיך אויף זיינע וויזיט־קאַרטן. דער טרעגער פון דעם טיטל דערמאָנט אים, בעת ער שטעלט זיך פאַר עמעצן פאַר און באַקענט זיך מיט וועמען. די טרע־

גער פון די פֿאַרשיידענע טיטולן טראָגן אַנטשפּרעכנדיקע צייכנס פון זייער ראַנג אויף די אַפּאָלעטן פון זייערע מונדירן. דאָס באַנוצן זיך מיטן טיטל כלפּי חוץ איז ענלעך אין אַלץ צו מיליטערישער פירונג (אויסער דער פליכט פון סאַלוטירן) און ס׳איז פֿאַראַן אַ פולער גרונט צו מיינען, אַז די אינערלעכע פונקציע פון די טיטולן איז אויך שטאַרק ענלעך. מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס סאָוויעטישע מיליטער צייכנט זיך אויס מיט זיין אייזערנער דיסציפּלין: „דער באַפעל פון דעם העכער־שטייענדיקן איז אַ געזעץ פאַר די אים אונטערגעאָרדנטע", און נישט ווי אין מערב, ווו אין די רעגולאַמינס ווערט געזאָגט: אַז עס איז אַ פליכט „אויסצופירן די געזעצלעכע באַפעלן פון די קאָמאַנ־דירן". פון דעם קאָן מען שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ קליינעם ווערט עס האָט דער פּערזענלעכער פאַקטאָר אויך אין דעם סאָוויעטישן דיפּ־לאָמאַטישן דינסט. אין שייכות דערמיט איז כדאַי צו געדענקען, אַז צווישן די סאָוויעטישע פאָרשטייערס אין אונ"אָ זענען פאַראַן אַזעל־כע, וועמענס פּערזענלעכע ראַנגען זענען נישט קיין איבעריק הויכע. מאַליק און צאַראַפּקין זענען ביידע געווען אין דער ראַנג פון געזאַנד־טע אָדער נידעריקער דערפון, בעת די העכערע ראַנגען זענען: אַמבאַ־סאַדאָר (צווייטע שטופע), אַמבאַסאַדאָר — ערשטע שטופע, שטעל־פאַרטרעטער פון אויסערן־מיניסטער, ערשטער פאַרטרעטער פון אוי־סערן־מיניסטער.

די טענדענץ צו באַזייטיקן דעם פּערזענלעכן פאַקטאָר פון דער טעטיקייט פונעם סאָוויעטישן אויסערן־דינסט האָט אָן ספק געפונען איר אויסדרוק אין דער דערציאונג פון די סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן. זיי חזרן יעדעס מאָל איבער טראַפאַרעטע און מעכאַנישע פאָרמולעס, ווי „כ׳וועל, פאַרשטייט זיך, איבערגעבן די דאָזיקע רייד צו די העכער־שטייענדיקע", „מיר באַהאַנדלען דעם ענין", „אונדזערע פאָדערונגען אין דעם ענין זענען אַבסאָלוט באַרעכטיקטע און ס׳איז נישט מעגלעך זיי אָפּצופרעגן", און ענלעכע. מען דאַרף אָבער מודה זיין, אַז אָט די פאָרמולעס זענען באַקוועמע, נוצלעכע און ווירקנדיקע. דאָס איז אפשר נאָך מער ריכטיק לגבי דער פאָרמולע, וואָס איז נאָך מערער אָנגענו־מען ביי די סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן, און דאָס איז: שווייגן.

די „נאָטע" איז באַזונדערס אָנגענומען ביים סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום, לויט ווי עס דערציילן די מערבדיקע דיפּלאָמאַטן, אַ סך מער ווי אין יעדער אַנדערער רעזידענץ. די אַנאָנימע געשטאַלט פון דער „נאָטע" פּאַסט זייער גוט דעם סאָוויעטישן דיפּלאָמאַטישן סטיל.

עס דאַרף אויך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דאָס סאָוויעטישע אויסערן־מיניסטעריום באַמיט זיך, אויף ווי ווייט מעגלעך, אויסצו־מיידן דאָס געבן זיינע ענטפערס שריפטלעך (אין פאַלן ווען ער ענטפערט בכלל) אין פּאָליטישע פראַגן און אין אַנדערע, און וויל

גיכער איבערגעבן מעלדונגען מינדלעך; אויך דאַן ווען זיי ווערן, צוליב זייער וויכטיקייט, אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַפּיר. די שריפטלעכע ענטפערס — העפלעכע, טרוקענע און זייער קורצע — ווערן געגעבן אין טעכנישע און קאָנסולאַרע נישט־וויכטיקע ענינים.

ס׳איז אויך אַ פעסטער כלל, אַז עס גייט אַוועק אַ זייער לאַנגע צייט (פון אַ חודש ביז אַ האַלב יאָר, בערך) ביז מ׳גיט אַן ענטפער.

קלאָר אַז דאָס איז נישט קיין סתם ביוראָקראַטישע אָפּשלעפּעניש, נייערט אַ באַשטימטע שיטה — אַ שיטה, וואָס איז אַ סך יאָרן אויסגעפּרוווט געוואָרן און, ווייזט אויס, זיך אַרויסגעוויזן צו זיין עפעקטיוו.

אויך אַ מינדלעכער שמועס איז על פּי רוב געוואַלדיק אָרעם אין פּערזענלעכן אינהאַלט. אין אַ באַגעגעניש פון אַ וועלכן עס איז פּאָליטישן ווערט, נעמט נישט אויף דער סאָוויעטישער פאָרשטייער דעם פרעמדן דיפּלאָמאַט איינער אַליין. די רייד פון פרעמדן דיפּלאָמאַט ווערן פאַרשריבן, און אַזוי ווי ער קריגט כמעט קיינמאָל נישט קיין ענטפער וועגן דעם עצם ענין אויפן אָרט, ווערט במילא זיין קומען פאַרוואַנדלט אין אַ מין דערלאַנגען אַ נאָטע.

די „נאָטע" פאַרמאָגט ברייטע מאַרגינעסן, און ס׳איז דאָ אַ זיכערער גרונט אָנצונעמען, אַז די דאָזיקע ברייטע מאַרגינעסן ווערן אויסגעפילט מיט פאַרשיידענע באַמערקונגען, בעת די נאָטע וואַנדערט אַרום אין סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום און גייט איבער פון האַנט צו האַנט. ביז מען פאָרמולירט דעם ענטפער דאַרף זי דערגיין צו גאַנץ הויכע פענצטער. ווייל אפילו אויף אַ באַשטעטיקונג, וואָס באַפרייט אַ דיפּלאָמאַט פון צאָל־קאָנטראָל, דאַרף זיין אונטערגעשריבן דער וויצע־אויסערן־מיניסטער בכבודו ובעצמו.

אָפטמאָל איז די אַנאָנימע נאָטע זוכה צו אַ נאָך מער אַנאָנימער תשובה: שווייגן.

די כללים פון סאָוויעטישן צערעמאָניאַל זענען באַאַרבעט און פעסטגעשטעלט ביז אַלע פּרטים. אויך דאָס פאַרשטאַרקט אָט די אַנאָנימע, נישט־פּערזענלעכע און אַ ביסל מעכאַנישע באַאַרבונג פון דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַטישער טעטיקייט. דער פרעמדער פאָרשטייער קומט, ער ווערט אויפגענומען אויף אַן אודיענץ, ער גיט איבער זיינע אַקרעדיטיר־פּאַפּירן, נעמט אָנטייל אין איינער פון די פייערלעכע צערעמאָניעס פון דער מדינה, ער פייערט זיין נאַציאָנאַלן יום־טוב, נעמט אָנטייל אין אויפנעמען אַ מיניסטער אָדער אַ פּרעמיער פון אַ פריינטלעכער מדינה און אַזוי ווייטער. יעדער דעטאַל איז פון פאָרויס באַשטימט, די פאָרם פון דער פּובליקאַציע אין דער פּרעסע איז אַ פעסטגעשטעלטע. די פאָרמען פון פאַוואָריזירן פאַר־

בינדעטע איבער די איבעריקע מדינות זענען אויך פון פּאַרויס באַ־
שטימט אין אַלע זייערע איינצלהייטן.

עס זעט אויס, אַז אויך אַ טייל געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, כלו־
מרשט ספּאָנטאַנע, זענען אויך זאַכן וועגן וועלכע מ׳באַשליסט פּאָרויס
און נישט קיין רעזולטאַט פון אַ פּראַגמאַטישער און פּערזענלעכער
איניציאַטיוו.

דער ענין פּרויען פון די סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן איז זייער אַן
אינטערעסאַנטער און איז ווערט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. אין
טייל פאַלן האָט זיך כמעט אויף זיכער אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען
נישט באַהאַוונט אין געוויסע כללים פון קאָנטאַקטן מיט פרעמדע דיפּ־
לאָמאַטן, זיי זענען אַ סך נאַטירלעכער און מענטשלעכער פון זייערע
מענער. פון דער אַנדערער זייט, זענען פאַראַן שטרענגע כללים לגבי
דעם עצם קאָנטאַקט צווישן פרויען פון באַאַמטע פון סאָוויעטישן אוי־
סערן־דינסט און צווישן פרעמדע דיפּלאָמאַטן. צו געוויסע מסיבות
קומען די מענער מיט זייערע פרויען, און צו מסיבות פון אַן אַנדער
סאָרט — אָן זיי. מיר האָבן נישט זוכה געווען צו זען די וויזיט־קאַרטן
פון די פרויען פון אַנגעשטעלטע אין אויסערן־מיניסטעריום, וואָס זע־
נען נידעריקער פון ראַנג פון אַ וויצע־מיניסטער.

אין צוויי לאַנגע געשפּרעכן אין 1949 האָב איך געהאַט די גע־
לעגנהייט צו הערן פון באַפולמעכטיקטן איבער דער גריכישער גע־
זאַנדשאַפט, סגאָרדאַנאָס, וועגן דעם מאַסן־גירוש פון אַ 17,000 גריכן,
צווישן זיי זקנים און פּיצלעך קינדער, אויך בירגער פון זיין מדינה,
צוזאַמען מיט אַ 500 טערקן און, ווייזט אויס, אויך אַ ביסל אַרמענער,
פון די דרום־גרענעצן פון קאַווקאַז, קיין מיטל־אַזיע, אין זומער 1948.
זיינע ידיעות האָט ער, לויט זיינע רייד, געשעפּט פון ערשטן קוואַל
פון עטלעכע געשפּרעכן מיט גריכישע בירגער, וואָס ווינען אין
מאָסקווע און האָבן באַקאַנטע און קרובים צווישן די אַרויסגעטריבע־
נע. איינצלנע מענטשן פון זיי איז געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין
הויז פון דער געזאַנדשאַפט און אויסגיסן זייער ביטער האַרץ, כאָטש
פון יענעם טאָג אָן ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די גירושים לאָזט דער
פּאָליציי־מאַן, וואָס שטייט ביי דער אַריינגאַנג־טיר, קיין אָרטיקע
איינוווינער נישט איבערטרעטן די שוועל פונעם הויז.

אייניקע בריוו פאַרמאָגן גענויע שילדערונגען פון דעם גירוש
(די גאַנצע אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן אין משך פון צוויי שעה,
פאַר זון־אויפגאַנג), און פון די לעבנס־באַדינגונגען פון די „פליטים״
אין זייערע נייע ערטער. לויט אים נאָך, דאַרף מען זיך באַציען מיט
פולן צוטרוי צום דערציילטן אין די בריוו, ווייל זיי באַהאַלטן נישט
אויך קיין פּאָזיטיווע אַנטפּלעקונגען מצד דער מאַכט; ווי: אַן אָפּי־

ציעלער צוזאָג זיי צו באַזעצן, אויפן חשבון פון דער רעגירונג, אויפן באָדן פון דער נייער געגנט, זיי באַזאָרגן אין דער צוקונפט מיט אָנשטענדיקע וווינונגען, זאָרגן פאַר דער דערציאונג פון די קינדער וכדומה. דערווייל זענען די באַדינגונגען שוידערלעכע, ס׳רוב מענטשן וואַלגערן זיך אַרום איןביידלעך, אין גריבער — אַ מין היילן — וועלכע זיי האָבן זיך אויסגעגראָבן אין די ריפּן פון די געציילטע היגלען, אָדער סתם אונטערן פרייען הימל, נאַקעט און הויל.

אין זייער געזאַנדשאַפט אַרבעט אַן אָרטיק מיידל, אַ גריכישע בירגערין, וואָס איז אין צייט פון קריג אָדער פריער נאָך פאַרשפּאַרט געווען אויף עטלעכע יאָר אין אַ גרויסן אַרבעט־לאַגער פאַר פאַרשיקטע, איז באַפרייט געוואָרן נאָכן ענדיקן דעם טערמין, וועלכער איז איר באַשטימט געוואָרן, איז צוריקגעקומען קיין מאָסקווע און איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ הויז־דינערין אין דער געזאַנדשאַפט. אויך דאָס מיידל האָט, ווייזט אויס, אַ וועלכע ס׳איז פאַרבינדונג מיט די אָרטיקע מענטשן.

נאָך האָט סגאָרדאַנאָס דערציילט, אַז ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די מאַכט־אָרגאַנען דערמעגלעכט יעדן גריכישן בירגער פריי אַרויסצופאָרן, אויב ער האָט זיך געוואָלט אומקערן אין זיין פאָטערלאַנד. עס זענען אפילו געווען סימנים, אַז די סאָוויעטן זענען כמעט פאַראינטערעסירט צו פאַרשנעלערן זייער אַרויספאָר, נאָר די גריכן אַליין האָבן זיך דאַן נישט געיאָגט נאָך דעם. מען שאַצט אָפּ די אַלגעמיינע צאָל פון גריכישע בירגער אין ראַטנפאַרבאַנד אין בערך 40 טויזנט נפשות. פון זיי, אַ סך געבוירענע אין רוסלאַנד, קינדער און אייניקלעך פון דאָ געבוירענע, וואָס האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט אין רוסישן „גלות” און האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון אָפּרייסן זיך פונעם רוסישן באָדן, הגם זיי האָבן נישט מוותר געווען אויף זייער גריכישער בירגערשאַפט. אויך די עקאָנאָמישע לאַגע אין גריכנלאַנד האָט נישט געהאַט קיין צוציאונגס־קראַפט, אין דער צייט ווען גראָד אין רוסלאַנד זענען די יאָרן 1935—40 געווען יאָרן פון אויפשטייג און פאַרבעסערונג פון די לעבנס־באַדינגונגען. אין צווישן איז דאָך אויסגעבראָכן די מלחמה און עס זענען איבערגעריסן געוואָרן די קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן און אין אַ שטיקל צייט אַרום נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן די סאָוויעטן כמעט אין גאַנצן אויפגעהערט צו געבן אַרויספאָר־דערלויבענישן (לויט אונדזער קלייִנער דערפאַרונג מיט אונדזערע פיר בירגער, דוכט מיר אַז לויט דעם נייעם סאָוויעטישן בירגערשאַפט־געזעץ, ווערן געבוירענע אין ראַטנפאַרבאַנד אויטאָמאַטיש סאָוויעטישע בירגער).

לויט אַ פאַראָרדענונג פון זיין רעגירונג, האָט סגאָרדאַנאָס באַ־

זוכט באַקולינען אין אויסערן־מיניסטעריום און אים דערלאַנגט אַ „נאָטע" וועגן די גריכישע בירגער. באַקולין האָט נישט אָפּגעלייקנט און נישט באַשטעטיקט די דעפּאָרטאַציעס, געזאָגט אַז ער האָט וועגן דעם גאָרנישט געהערט, צוגעזאָגט זיך קלאָר מאַכן דעם ענין און ענט־פערן. אין אַ צייט אַרום האָט סגאַרדאַנאַס געשיקט אַ „דערמאָנונג". קיין שום תשובה איז נישט אָנגעקומען.

צום דערגאַנצן דאָס קאַפּיטל דאַרף מען צוגעבן, אַז געקער, דער נייער טערקישער געזאַנדטער, בעת ער האָט מיך באַזוכט אין אַ לאַנ־גער צייט אַרום נאָך דעם גריכישן, האָט אַרויסגעוויזן אַ זייער רואיקן, כמעט אָלימפּישן צוגאַנג צו דעם גאַנצן ענין פון די פאַרשיקונגען. לויט אים נאָך, איז שווער צו האָבן טענות קעגן אַזעלכע האַנדלונגען, האַרבע פאַר זיך אַליין, וואָס זייער סיבה און ציל איז נישט ראַסן־אָדער רעליגיעזע דיסקרימינאַציעס, נייערט אַ באַרעכטיקטער מיטל אין אַזאַ עמפּינדלעכן זיכערקייט־ראַיאָן, ווי די רוסישע נאַפט־שטחים אין דרום, כלפּי אַ באַפעלקערונג, וואָס מ'האָט נישט קיין אַבסאָלוטע זיכערקייט אין איר געטריישאַפט אין פאַל פון אַן ערנסטן נסיון. אין בולגאַריע, למשל, האָט געזאָגט דער אַמבאַסאַדאָר, איז די גאַנצע באַ־פעלקערונג אַרויסגעפירט געוואָרן פון געוויסע געגנטן, וואָס גרענעצן זיך מיט טערקיי, פון אַ פּאַס וואָס איז קרוב צו 30 ק"מ ברייט.

לויט די אָנווייזונגען פון זיין רעגירונג האָט ער פּאַקטיש אין זיין ערשטער באַגעגעניש מיט גראָמיקאָן באַרירט די פראַגע פון פאַר־טרייבן די טערקישע בירגער און געבעטן אַ דערלויבעניש צו באַזוכן דעם פריערדיקן וווין־געביט פון די טערקן. ס'איז אים צוגעזאָגט גע־וואָרן צו געבן אים אַן ענטפער.

אַ ביז גאָר אומעטלבאַר באַקענען זיך מיט די פּירעכצן אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון די סאָוויעטישע איינוווינער אין אַ נישט־גרויסער שטאָט, איז מיר דערמעגלעכט געוואָרן האַרט פאַר מיין פאַרענדיקן מיין אַמטירן, בעת ס'איז מיר דערלויבט געוואָרן צו מאַכן אַ באַזוך, פול מיט שווערע איבערלעבונגען, ביי מיין מוטער, וואָס האָט נאָך דאַן געלעבט אין מיין געבוירן־שטאָט כערסאָן, אין אוקראַינע.

דער בריוו־אויסטויש צווישן מיר מיט מיין מאַמען איז איבערגע־ריסן געוואָרן אין יאָר 1941, מיט דעם דייטשן אַריינמאַרש אין ראַטנ־פאַרבאַנד. פון סאַמע אָנהייב־אָן פון מיין שליחות אין מאָסקווע, האָב איך זי געזוכט, סיי דורכן ענגלישן רויטן קרייץ, סיי דורכן דזשאָינט און סיי דורכן סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום — און אירע שפּורן האָבן זיך נישט אָפּגעפונען.

זי אַליין האָט זיך מיט דער צייט דערוווסט, אַז איר זון מ. נעמי־ראָווסקי, איז דאָס דער מ. נמיר, דער ישראל־געזאַנדטער אין ראַטנ־

פאַרבאַנד. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין מוט מיך צו זוכן, זיך דערקענען צו מיר. ערשט אין אַ סך אַ שפּעטערער סטאַדיע פון מיין אַמטירן האָב איך זיך דערוווסט, אַז זי האָט זיך צוריקגעקערט צו איר שטאָט כערסאָן, און דעם אַדרעס אירן האָב איך גאָר באַקומען פון לאַנד, פון אַ חבר אין איינעם אַ קיבוץ, וואָס האָט דעם אַדרעס געקראָגן אין אַ בריוו פון זיינעם אַ קרוב אין כערסאָן.

אין דעם געזעגענונג־געשפּרעך מיט גראָמיקאָ, וואָס איז דאַן גע־ווען דער ערשטער וויצע פונעם סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטער, האָב איך אַרויפגעברענגט דעם ענין פון מיין אַלטער מוטער, און געבעטן דערמעגלעכן מיר זי צו באַזוכן אין כערסאָן איידער איך פאַרלאָז דעם ראַטנפאַרבאַנד, און דאָס מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש.

צו מיין גרויסער איבעראַשונג האָט זיך גראָמיקאָ באַצויגן פּאָזי־טיוו צו מיין ביטע. אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פונעם צערעמאָניאַל־מייסטער פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום, אַז עס איז געגעבן געוואָרן אַ דערלויבעניש מיר און דעם הער ז. ארגמן, ראַטגעבער פון אונדזער געזאַנדשאַפט, צו באַזוכן כערסאָן, און עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן געהעריקע פאַראָרדע־נונגען וועגן דעם דעם „אינטוריסט״. אין יענער צייט, אַ צייט פון האַרבע באַגרענעצונגען אויף דיפּלאָמאַטן און פרעמדע, אַ תקופה פון באַוווסטזיין לגבי מאַקסימאַלער „וואַכזאַמקייט״, איז דאָס אפשר געווען דער ערשטער און אייגציקער פאַל פון געבן אַ דערלויבעניש צו באַ־זוכן אַ פאַרבאָטענעם ראַיאָן — וואָרום די שטאָט כערסאָן איז געווען „אויסערן תחום״ פאַר דיפּלאָמאַטן.

די עצם באַשרייבונג פון דעם באַזוך ביי מיין מאַמען, האָב איך רעסטאַווירט לויט די פאַרשריבענע נאָטיצן, וואָס עס האָט געמאַכט מיין ראַטגעבער און באַגלייטער, אַדוואָקאַט ז. ארגמן, און דאָס גיט דעם ענין אַ דימענסיע פון זיך צוקוקן פון דער זייט.

דעם 3־טן נאָוועמבער 1950 זענען מיר אַרויסגעפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן קיין אָדעס. פון דאָרט האָט מען געקאָנט אָנקומען קיין כער־סאָן מיט אַ יבשה־וועג אָדער דורכן ים. מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז צו־ליב די רעגנס און די בלאָטעס איז דער יבשה־וועג זייער נישט קיין גוטער, און ס׳איז נישטאָ קיין זיכערקייט, אַז עס וועט מעגלעך זיין אָנצוקומען אַהין צו דער צייט. האָבן מיר דעריבער אויסגעקליבן דעם ים־וועג. צומאָרגנס נאָך אונדזער אָנקום קיין אָדעס זענען מיר אַראָפּ צו דער ברעג־דאַמבע פונעם אינערלעכן פּאָרט און דאָרט געפונען עטלעכע הונדערט מענער און פרויען, וואָס ליגן אויף זייערע פּעק, איינגעפּאַקטע אין זעק, און וואַרטן אויף אַ מעלדונג אַרויפצוגיין אויף דער שיף, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביי דער דאַמבע. דאָס זענען

געוועז מענטשן אָרעם־געקליידעטע, דער עיקר אין וואַטענע קורט־קעס, און זייער רוב האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון דאַרפסלייט.

אַרום 8.30 בערך זענען מיר די ערשטע אַרויף אויף דער שיף, אַ דאַמף־שיף פון אַלטן טיפּ, פון דעם סאָרט שיפן, וואָס פירן מענטשן און קליינעם פראַכט צווישן די ברעגעס.

מ׳האָט אונדז צוגעטיילט אַ קאַבינע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען צוויי בעטן, אַ שאַפע, אַ טיש און צוויי שטולן. דאָס איז געוועז איינע פון די 8 קאַבינעס, וואָס זענען געווען אין דער שיף, און זי האָט זיך געפונען אין דער רעכטער זייט פון די טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ צו דער קאַבינען־אָפּטיילונג. די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן פאַרנומען ערטער אויפן מיטלסטן דעק, אַ כמעט אינגאַנצן פאַרמאַכ־טער און באַשיצטער פון רעגן און ווינט. ביים אַרויפגיין אויף דער שיף האָבן מיר באַמערקט, אַז מיר געפינען זיך אין דער געזעלשאַפט פון צוויי באַגלייטערס, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ קאַבינע, וואָס פונקט אַנטקעגן אונדז. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אונדזער קאַבינע, זענען מיר אַרויף אויפן דעק, כדי צו אָבסער־ווירן די לאַנדשאַפט און די פּאַסאַזשירן. נאָך איידער מיר האָבן באַ־וויזן צו פאַרמאַכן די טיר פון אונדזער קאַבינע, זענען שוין די באַ־גלייטערס אַרויס פון זייער קאַבינע און אונדז באַגלייט אויפן דעק, און אין קעגנזאַץ צו זייערע קאָלעגן אין מאָסקווע, האָבן זיי אפילו נישט געפּרוווט מאַסקירן זייער ציל און זיך ממש צוגעקלעפּט צו אונדז, ווו מיר האָבן זיך נאָר געווענדט. אַז מיר האָבן געפּרוווט פאַר־בינדן אַ שמועס מיט די פּאַסאַזשירן — האָבן זיי זיך געשטעלט ווי אַ מחיצה צווישן אונדז און די מיטשמועסער.

מיר האָבן געזען, אַז ס׳האָט נישט קיין זין ביי אַזעלכע באַדינגונ־גען צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ וועלכן עס איז פּאַסאַזשיר און נאָך אַ האַלבער שעה האָבן מיר זיך אומגעקערט אין אונדזער קאַבינע, בעת אונדזערע באַגלייטערס גייען אונדז נאָך פוס־טריט, און גייען אַריין אין זייערער — ערשט נאָך דעם ווי זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז מיר זענען שוין אינעווייניק. אפילו אַז איינער פון אונדז איז אַרויס אין טואַלעט־צימער, האָט זיך איינער פון זיי געפונען לעבן אונדזער טיר און אַן קיין שום בושה אים באַגלייט ביז צו דער טיר פון די באַקוועמלעכקייטן.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין כערסאָן, בערך 3 אַזייגער נאָך מיטאָג. אויפן ברעג זענען געשטאַנען ביי אַ הונדערט מענטשן, צווישן זיי האָב איך דערקענט אַ פרוי, מיינע אַ קרובה, אָבער גלייך נאָך אונדזער אַראָפּגיין איז זי שנעל פאַרשוווּנדן און צו אונדז נישט צוגעגאַנגען.

אַז מיר זענען אַראָפּ אויפן ברעג זענען, ״ו אונדזער שטוינונג,

אונדזערע באַגלייטערס אַוועק און פֿאַרשוווּנדן. מיר האָבן נישט גע־זען און נישט געפֿילט קיין פּאַרטרעטערס. 4 אַזייגער זענען מיר אָנגע־קומען אין האָטעל. די פֿאַרוואַלטערין, אַן עלטערע פֿרוי מיט גרויע האָר, האָט אונדז באַהאַנדלט מיט איינגעהאַלטענער העפֿלעכקייט און גענוי געוווּסט ווער מיר זענען, אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן, אַז זי ווייסט אויך דעם ציל פֿון אונדזער קומען. אַז מיר האָבן געבעטן זי זאָל אונדז דערקלערן ווי אַזוי צו קומען צו דער גאַס און צום הויז פֿון מיין מוטער, האָט זי אונדז פֿאַרגעלייגט צו באַשטעלן אַ טעקסי.

דערווייל איז דער טאָג פֿאַרגאַנגען. נאָכן עסן איז פּאַר אונדז באַשטעלט געוואָרן אַ טעקסי. איך האָב געבראַכט מיט זיך אַ פֿול־גע־פּאַקטע וואַליזע מיט בגדים, וועש און שיך פֿאַר מיין מאַמען און פֿאַר דער קרובה. ווען מיר זענען פֿאַרבייגעגאַנגען לעבן דער האָטעל־פֿאַר־וואַלטערין, האָט מען אין אַנהייב געזען אויף איר פּנים סימנים פֿון פֿאַרוווּנדערונג, בעתן זען די וואַליזע. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס שוין אַ סך יאָרן האָבן קיין פֿרעמדע נישט באַזוכט די־אָ שטאָט, האָט די פֿאַרוואַלטערין אין די שמועסן מיט אונדז נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פֿון נייגעריקייט.

צוליב פֿאָרזיכטיקייט, און כּדי נישט צו געבן צופֿיל רעקלאַמע דעם וויזיט פֿון די „פֿרעמדע" ביי דער מאַמען, האָב איך געהאַלטן פֿאַר ריכטיק נישט אָנצוגעבן דעם שאָפֿער דעם ריכטיקן נומער פֿון הויז. די טעקסי האָט אונדז געבראַכט צו דער גאַס און נאָענט פֿונעם הויז, וועלכעס מיר האָבן באַדאַרפֿט. דאָס וועטער איז געווען אַ רע־גנדיקס און די גאַס — נישקשהדיק בלאָטיק. ס'איז נישט אַזוי לייכט געווען צוצוקומען צו דער מאַמעס דירה, ווייל זי האָט זיך געפֿונען אין אַ פֿינצטערן הויף. בעצם איז עס געווען מער אַ כאַטע ווי אַ הויז (ס'איז נישט געווען דאָס אַלטע הויז פֿון עטלעכע צימערן, ווו ס'האָט געוווינט מיין משפּחה ביז צום גרויסן אַנטלויפֿן. אַלע באַמיאונגען צוריקצובאַקומען די דירה, נאָך דעם ווי מ'האָט שוין געהאַט אַרויסגע־יאָגט דעם דייטש, האָבן נישט געהאָלפֿן). אין אָט דער הייזקע האָבן געוווינט צוויי משפּחות: איינע — מיין מאַמע מיט נאָך משפּחה־מיט־גלידער, און די צווייטע — אַן אוקראַיִנישע משפּחה.

הגם מיין מאַמע האָט פֿון פֿאָרויס געוווּסט וועגן מיין קומען, איז די באַגעגעניש געווען אַ רירנדיקע און שטורמישע ביז גאָר. סוף כּל סוף זענען דאָך פֿאַרט פֿאַרביי 26 יאָר זייט מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזעגנט. האָבן מיר זיך געהאַלדזט און געקושט, אַריינגעקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן. פֿון גרויס גערירטקייט האָט אונדז אַפּגענומען ס'לשון און מיר האָבן לאַנגע מינוטן נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ס'האָט אויסגעזען ווי מיר וואָלטן נישט געגלייבט, אַז עס

אין דיווירקלעכקייט און נישט קיין חלום. די מאַמע איז נישט פאַר־גאַנגען אין געוויין, כאָטש עס האָבן זיך איר געגאָסן די טרערן. זי האָט פון מיר נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג און כסדר איבערגעחזרט: „מאַטיע!" נישט געקוקט אויף דער צעטראָגנקייט האָט זי נישט פאַר־געסן, אַז עס זענען דאָ שכנים און געבעטן רעדן גאָר שטיל, כדי עס זאָל זיך צו זיי נישט דערטראָגן די נייעס וועגן דעם באַזוך. בעסער די „גויים" זאָלן וועגן דעם נישט וויסן.

ערשט ווען כ'האָב זיך ענדלעך מיט איר באַגעגנט פּנים אל פּנים האָב איך פון איר געהערט וואָס עס איז געשען מיט מיינע עלטערן אין די טעג פון דער גרויסער מלחמה. זי און מיין פאָטער און מיין שוועסטער זענען אַנטלאָפן — נישט אָן דער הילף פון דער מאַכט — פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָבן געוואַנדערט הונדערטער קילאָ־מעטערס קיין מזרח־רוסלאַנד, אויף יענער זייט וואָלגע, ביז אין איי־נעם אַ וואַלד איז מיין פאָטער צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן, געפאַלן און אויסגעהויכט זיין נשמה. מיין מאַמע און די שוועסטער מיינע האָבן אים אויסגעגראָבן אַ קבר און מיט די אייגענע הענט אים מקבר גע־ווען דאָרטן אין וואַלד, אין אַן אומבאַקאַנט אָרט און אַזוי איז זיין געביין פאַרלוירן געגאַנגען.

פון דאַן־אָן און ווייטער איז דער שמועס צווישן מיר און מיין מוטער געפירט געוואָרן אין דער שטיל. זי האָט דערציילט וועגן די ליידן אין דער צייט פון דער מלחמה, און וועגן דער שחיטה וואָס מ'האָט דורכגעפירט אין שטאָט: פון אַ יידישן ישוב פון 75,000 נפשות זענען, לויט איר אָפּשאַצונג, געבליבן בלויז 15 טויזנט.

וועגן טויט פון טאַטן דערציילט די מאַמע מיט געשפּאַנטער רו־איקייט, און אירע אויגן זענען טרוקן.

די יידן דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע ערטער אינעם ראַטנפאַרבאַנד, זענען אַנגעשטעלטע אין מלוכהשן האַנדל־סעקטאָר, ביי פרייע פּראָ־פעסיעס, אַ טייל פאַרנעמען זיך מיט מלאכה אין די ראַמען פון קאָ־אָפּעראַטיוון און אַנדערע זענען אָנגעשטעלט אין מלוכהשער אַדמי־ניסטראַציע. ס'איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל יידן פאַרטיי־חברים, כאָטש נישט קיין סך פון זיי פאַרנעמען אין איר וויכטיקע פּאָסטנס. דער אַנטיסעמיטיזם פילט זיך אין אַלע געביטן פון לעבן, באַזונדער ביים פּשוטן המון, וואָס באַהאַלט גאָרנישט זיין פיינטלעכע באַציאונג צו יידן. בדרך כלל באַמיען זיך די יידן — אויף וויפל ס'איז נאָר מעג־לעך, און אויב זייער אויסערלעכער אויסזען מסרט נישט זייער אָפּ־שטאַם — נישט אַרויסצווייזן זייער יידישקייט. אין כערסאָן איז נישטאָ קיין בית־כנסת און די מאַמע האָט נישט געוווסט, צי ריכט מען דאָרט אָפּ תפילות אין שבתים און יום־טובים און ווו.

אַזוי־אָ שמועסנדיק איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז אפשר

וועט מיין קרובה קאָנען מיטפֿאָרן מיט אונדז קיין אָדעס. מיר האָבן דאָס דורכגעטראַכט, נעמענדיק אין אַכט, אַז דער באַזוך איז אַן אָפּיציעלער, מיטן וויסן פֿון די „זיכערקייט״־פֿאַקטאָרן און מיט זייער הסכּמה, און אַז דער ציל איז סיי־ווי באַקאַנט די מאַכט־אָרגאַנען, איז דעריבער נישטאָ אין דעם קיין שום געפֿאַר, אויב מיין קרובה וועט מיך באַגלייטן פֿון כערסאָן קיין אָדעס. מיר האָבן אָפּגעשמועסט, אַז מיר וועלן זיך דערפֿרעגן ביי דער פֿאַרוואַלטערין פֿון האָטעל וועגן דער מעגלעכקייט צו באַקומען אַ בילעט, און איר בפֿירוש זאָגן, אַז די כּוונה איז אַז מיין קרובה זאָל מיט מיר מיטפֿאָרן. מיר האָבן דאָרט פֿאַרבראַכט כּמעט ביז האַלבער נאַכט און אָפּגערעדט, אַז איך וועל זיי באַזוכן נאָך אַמאָל, מאָרגן פֿאַר מיטאָג.

נאָך אין זעלבן אָוונט האָבן מיר גערעדט מיט דער האָטעל־פֿאַרוואַלטערין וועגן קריגן אַ בילעט פֿאַר מיין קרובה. מיר האָבן איר דערקלערט פֿאַר וועמען דער בילעט איז און צו וועלכן צוועק. עס האָט אונדז אויסגעזען, אַז זי זעט אין אָט דער נסיעה אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. זי האָט צוגעזאָגט מאָרגן אויפֿצוקלערן דעם ענין. אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָט זי אונדז טאַקע געמאָלדן, אַז עס לאָזט זיך מאַכן.

אין די פֿרימאָרגן־שעהן האָבן מיר צופֿוס דורכשפּאַצירט די שטאָט, וועלכע האָט אויף אונדז געמאַכט אַ דערדריקנדיקן און נעבעכדיקן איינדרוק. די גאַסן אויסברוקירטע מיט שטיינער זענען אין זייער מערהייט געווען צעשטערט, און אין אַ סך ערטער זענען געווען לעכער און גריבער. ס׳איז געווען קענטיק, אַז אַ סך יאָרן האָט קיינער נישט געזאָרגט זיי צו פֿאַריכטן. די באַוועגונג איז געווען זייער אַ שוואַכע, און חוץ געציילטע טעקסיס האָט מען נישט געזען קיין פּאַסאַזשיר־אויטאָס. דאָ און דאָרט זענען פֿאַרביי־געפֿאָרן לאַסט־אויטאָס. ווי קאָמוניקאַציע־מיטלען האָבן נאָך אַלץ געדינט אין זייער מערהייט פֿערד און וועגענער. די הייזער זענען געווען אָפּגעלאָזן און טייל אינגאַנצן צעשטערט. מיר האָבן נישט באַמערקט קיין שום רעמאָנט־אַרבעטן, און אוודאי נישט קיין נייע הייזער. די גאַנצע שטאָט, וועלכע האָט דאַן געציילט העכער 150 טויזנט נפֿשות, האָט אויסגעזען ווי אַ גרויס אָפּגעלאָזן נעבעכדיק דאָרף.

כ׳בין צוגעקומען צו דער מאַמען און איר דערציילט וועגן דער מעגלעכקייט, אַז מיין קרובה זאָל מיט אונדז מיטפֿאָרן. אָבער, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיט אַן אָוונט פֿריער האָט זי זיך באַגייסטערט פֿון אָט דעם געדאַנק, האָט זי נאָכן איבערלייגן זיך געזאָגט, אַז עס איז גלייכער זי זאָל דאָס נישט טאָן.

נאָך נעכטן, בעת מיר זענען אָנגעקומען צו דער מאַמעס וווינונג, האָבן מיר באַמערקט, אַז אַ מאַנצביל פֿון אַ יאָר 45—50 איז פֿון דאָרט

אַרויס און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פֿינצטערניש. מ׳האָט אונדז אויפֿגעקלערט, אַז דאָס איז אַ קוואַרטיראַנט, אַן אַלטער יידישער קאָ־מוניסט, וואָס האָט נישט געוואָלט זיין אין שטוב אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַ פֿרעמדן דיפּלאָמאַט. און דער מענטש איז טאַקע נישט געווען אין שטוב די גאַנצע צייט פֿון אונדזער באַזוך און זיך אומגעקערט אין צימער ערשט נאָך דעם ווי מיר זענען אַוועק.

ז. ארגמן איז געבליבן אין דער פּרי אין האָטעל און איך האָב פֿאַרבראַכט ביי דער מאַמען עטלעכע שעה. אַז איך האָב זיך שוין געגרייט צו געזעגענען, האָט זיך פּלוצים אויפֿגעמאַכט די טיר, ס׳איז אַריין דער קוואַרטיראַנט און נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, גענומען דעם ביכער־אַלבאָם, וועלכן מיר האָבן געבראַכט מיט זיך און אים געלאָזט „איבערנעכטיקן" ביי דער מאַמען. דער מענטש האָט גענומען שנעל און נערוועז בלעטערן, געעפֿנט זיין מויל און אָנגעהויבן שטעלן פֿאַרשיידענע פֿראַגעס, ווי ער וואָלט מיך פֿאַרשן, צי די בילדער ווייזן טאַקע ישראל אַזוי ווי זי איז.

אַלץ וואָס כ׳האָב אים געזאָגט האָט ער אויפֿגענומען מיט פֿאַר־וווּנדערונג און מיט אַ קאַפּעלע ספק. באַזונדערס האָט ער נישט אָפּגע־לאָזט צוויי פֿאָטאָ־בילדער — עולים פֿון קורדיסטאַן, מיט לאַנגע פּי־אות, האַקן שטיינער אין ירושלים, פֿון צה״ל־זעלנערקעס אויף די גאַסן פֿון תּל־אָביב. עס איז אים שווער געווען צו גלייבן דאָס וואָס זיינע אויגן זעען. ער האָט געבלעטערט די בילדער אַהין און צוריק, ביז פּלוצים איז ער אויפֿגעשטאַנען, זיך איינגעבויגן און אַ קוש געטאָן דעם אַלבאָם. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר, מיר אַ שטאַרקן קוש געגעבן אויפֿן שטערן, זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און איז אַרויס.

מיין מאַמע האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין שאַרך פֿון איר מויל אין משך פֿון די דאָזיקע רגעס פֿון שווייגעניש און געשפּאַנטקייט.

צום סוף האָט זי מיך געבעטן כ׳זאָל מיטנעמען מיט זיך דעם אַל־באָם און נישט איבערלאָזן קיין שפּורן...

נאָך דעם ווי כ׳האָב זיך צום לעצטן מאָל געזעגנט מיט מיין מאַמען אין די פֿריע נאָכמיטאָג־שעהן, זענען מיר אַרויף אויף דער שיף, כדי זיך צוריקקערן קיין אָדעס. מיר זענען געווען די ערשטע און באַ־מערקט, אַז לעבן דעם שיף־בריקל זענען פֿוןביידע זייטן געשטאַנען אונדזערע באַקאַנטע, די באַגלייטערס אונדזערע אויף אונדזער וועג קיין כערסאָן. בעת מיר זענען צוגעקומען צום בריקל, אַרום וועלכן עס האָבן זיך צונויפֿגעשטופּט די פּאַסאַזשירן, האָבן דיביידע געמאַכט פֿאַר אונדז אַ וועג, און ערשט נאָך דעם האָט מען דערלויבט די איבע־ריקע פֿאַרערס אַרויפֿצוגיין. אָבער יעדער איינער פֿון די פּאַסאַזשירן האָט זיך געמוזט לעגיטימירן — אַ זאַך, וואָס מ׳האָט נישט געפֿאָדערט

בעתן אַרויפגיין אויף דער שיף אין אָדעס. די קאָנטראָל איז געווען אַ שטרענגע און האָט געדויערט אַ גאַנץ לאַנגע צייט. אויך נאָך דעם ווי דאָס בריקל איז אויפגעהויבן געוואָרן האָבן די באַגלייטערס נאָכ־געפאָרשט מיט די אויגן דעם דעק, קאָנטראָלירט די קאַבינעס און געזוכט. מיין קרובה איז געקומען צום ברעג און דאָס מאָל געוואָגט אונדז צו באַגלייטן מיט אַ האַנט־באַוועג און מיט אַ לופט־קוש. אויך אויפן צוריקוועג האָבן אונדזערע באַגלייטערס פון אונדז נישט אָפגע־טראָטן און אונדז געהיטן מיט טויזנט אויגן.

מיין באַזוך ביי דער מאַמען איז צושטאַנדגעקומען אַ קורצע צייט נאָך דעם, ווי אין ישראל האָט אויסגעבראָכן אַ רעגירונגס־קריזיס. מיין מאַמע האָט געוואָלט וויסן, קודם־כל, מיט וואָס דער קריזיס האָט זיך פאַרענדיקט. איר פראַגע איז געווען באַגלייט מיט טיפער זאָרג פאַרן עצם קיום פון דער יונגער מדינה. וואָרום אין אירע אויגן איז די מדינה און די רעגירונג געווען איינס און דאָס זעלבע, און דאָס נישט־זיין פון אַ רעגירונג איז לויט אירע באַגריפן געווען אַ דערשיינונג, וואָס לייגט זיך נישט אויפן שכל. האָט זי אָפגעזיפצט מיט דערלייכ־טערונג, אַז כ׳האָב איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דוד בן־גוריון וועט אויך ווייטער זיין פרעמיער. איר רעאַגירונג איז געווען: „נו, ברוך השם, ווידער בן־גוריון!"

אין דער ערשטער העלפט פון 1951, ביי דער געלעגנהייט פון אַ שמועס מיטן סאָוויעטישן געזאַנדטן אין ישראל, אויף אַ קבלת־פנים אין דער טשעכישער געזאַנדשאַפט, האָב איך זיך געוואָנדן צו אים מיט דער פראַגע און בקשה וועגן ברענגען מיין אַלטע מאַמע קיין ישראל. ער האָט מיר געראָטן זיך צו ווענדן צו אים שריפטלעך און צוגעזאָגט זיין פולע הילף. האָב איך זיך טאַקע געוואָנדן צו אים אָפיציעל, מיט אַ גענויער אויפקלערונג פון מיין מאַמעס מאַטעריעלער און פאַמיליען־לאַגע אין כערסאָן. נאָך אָט דער ווענדונג האָב איך געשריבן צו מיין מוטער און איר געראָטן זי זאָל אָנגעבן אַן אָפיציעלע בקשה צו די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען אין איר שטאָט און בעטן אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש, דערביי אָנגעבן מיין פאַרפליכטונג צו דעקן די רייזע־הוצאות און מיין גאַראַנטיע זי אויסצוהאַלטן אין ישראל.

נישט געקוקט אויף מיינע פילצאָליקע ווענדונגען און בקשות צו איר, האָב איך פון איר נישט באַקומען קיין שום ענטפער זינט מיין באַזוך ביי איר אין כערסאָן.

אין איינעם אַ טאָג איז צו מיר דערגאַנגען אַ ידיעה פון כערסאָן, דורך באַקאַנטע פון ישראל, אַז מיין מוטער, בתיה בת יהודה־לייב, איז נפטר געוואָרן אין ז׳ באלול תשי״ב (28.8.52). און אַזוי האָט זיך געענדיקט די פרשה

דערדריקטע און צערודערטע האָבן מיר זיך אויף מאָרגן, דעם 6.11.50 צוריקגעקערט פון אָדעס קיין מאָסקווע. מאָרגן, דעם 7־טן נאָוועמבער — דער טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — בעת מיר זענען געזעסן אויף בכבודיקע ערטער, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַרן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, האָבן מיר זיך צוגעקוקט צום רויטן פּלאַץ, נאָענט פון דער טריבונע, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען דער אויסלייזער פון דער מענטשהייט און איר באַפרייער, יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין, — און געזען דעם גרויסן אויפמאַרש, וועלכער סימבאַליזירט דאָס אַרויסגיין פון מענטש פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, און צייכנט אָפּ די פרייקייט פון מענטש אינעם לאַנד פון דעם זיך־פאַרווירקלעכנדיקן סאָציאַליזם.

מיר זענען געשטאַנען אין אַ מרחק פון בלויז איין מעטער פון סטאַלינען. קיינמאָל זענען מיר נאָך נישט געווען אַזוי נאָענט פון אים אין פיזישן זין. נישט ווילנדיק זענען אויפגעשווומען ווידער און ווידער נאָכטראַכטונגען וועגן אַ פראַגע וואָס האָט זיך ביי אונדז נישט איין מאָל דערוועקט, נאָך אין דער תקופה פון פרוי מאיר׳ס אַמטירן, צי איז מעגלעך און צי איז בכלל כדאי צוצוקומען צו אַ פערזענלעכן שמועס מיט אים.

אַלע דיפּלאָמאַטן פון צווישן אונדזערע געטרייע פריינד, מיט וועלכע מיר האָבן זיך ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן באַראַטן, האָבן לחלוטין נעגירט יעדע אויסזיכט אויפגענומען צו ווערן ביי אים אויף אַן אוידיענץ, און אונדז געראַטן כלל נישט צו פרווון. פונדעסטוועגן האָט זיך די פראַגע, אין דער צייט פון מיין אַמטירן, ווידער דערוועקט. ווייל, דערווייל האָט סטאַלין אויפגענומען צוויי פרעמדע אַמבאַסאַדאָרן — דעם אינדישן און דעם בריטישן. אָבער נאָך אַן איבערלייגן זיך האָבן מיר ווידער נעגירט יעדן אַזאַ פרווו, מורא האָבנדיק, אַז אין פאַל פון אַן אָפּזאָג אונדז אויפצונעמען, וועט עס האָבן אַ ווייטגייענדיקע נעגאַטיווע ווירקונג, סיי פון שטאַנדפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און סיי פון אינערלעך־יידישן. מיר האָבן דעריבער אויסגעקליבן דאָס אויסמיידן די איינשטעלונג פון אַ כמעט זיכערן באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער און מוותר געווען אויף אַ גאָר קלייבער אויסזיכט צו באַקומען אַ פּאָזיטיווע תשובה.

קאַפּיטל אַכט

די ברענענדיקע פראַגע

ייִדישע דערוואַכונג. די פראַגע פון דער דיכטערין אַליגער און אַז „ענטפער" דערצו. די מומחים פון דער יעווסעקציע האָבן אַנטוישט. איליאַ ערענבורג: „מכוח איינעם אַ ברייוו". „איינזיקייט" דערשיינט נישט מער. אַ באַריכט צו משה שרת. די פרשה לינאַ שטערן. די דער ציילונג פון פרוי סטרענג. דער קאַמף „קעגן דעם קאָסמאָפּאָליטיזם". אַ צייטווייליקער איבעררייס. אַ דראַסטישע אָפּשאַצונג. אַ יזכור די געפאַלענע צה"ל־זעלנער אין מאָסקווער בית הכנסת. אַ גאַסט פון ביראָבידזשאַן. אַ דערוויילעקער סך־הכל פון מיין אַרבעט. אַרויסזאָגונגען וועגן ציוניזם און וועגן ייִדן. אויפקלערונג אויפן שוועל פון די פופציקער יאָרן. די פראַגע ברענט. זיך באַפרייען פון ייִדן. אַ טיר פון האָפענונג?

ווען עס זענען אָנגעקומען די פאָרשטייערס פון מדינת ישראל קיין מאָסקווע, האָבן די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי ס'איז אונדז געזאָגט געוואָרן, געציילט עפּעס ווייניקער פון צוויי מיליאָן נפשות, אַ העלפט פון זיי — אין די נייע גרענעצן פונעם ראַטנפאַרבאַנד צוגעקומענע מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ העלפט פון די סאָוויעטישע ייִדן זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אָדער געפאַלן אין דער צייט פונעם קריג.

אויב מ'זאָל מיך פרעגן, וואָס איז געווען אונדזער עיקר־באַשעפטיקונג אויף דעם אָפּשניט, וועל איך גרייט זיין אַזוי צו ענטפערן: מיר האָבן זיך צוגעקוקט, געזען און געפּרוווט פעסטשטעלן וואָס עס קומט פאָר אַרום אונדז — נאָר אונדזערע אויגן זענען אונדז אַרויסגעקראָכן צוליב דער פליכט פון שווייגן. מיר האָבן דאָ געלעבט געניי אַזוי און מיט דעם זעלבן געפיל, מיט וועלכן עס האָבן געלעבט די טויזנטער ייִדן וואָס האָבן אויף אונדז געקוקט און אונדז נאָכגעפאָרשט פון קאָפּ ביז פיס אין שרעקלעכער שטום־שווייגעניש, אַ שווייגן, וואָס שרייט ביזן הימל אַריין, ווען מיר זענען געשטאַנען אויפן באַלעמער פון דער גרויסער שול אין מאָסקווע, בעת זיי פאַרברענען אונדז ממש מיט זייערע הייסע בליקן און די אויגן זייערע קריכן זיי אַרויס פונעם קאָפּ.

ס׳איז נישט פֿאַראַן אַ געזעץ דאָ, וואָס פֿאַרווערט די בירגער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד צו רעדן מיט פֿרעמדע בכלל, און מיט פֿרעמדע דיפּ־לאָמאַטן בפֿרט. עס איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז די סאָוויעטישע בירגער האָבן זיך געהיט און היטן זיך נישט צו קומען אין באַריר מיט אַ פֿרעמדן מענטש, און אוודאי נישט מיט אַ פֿרעמדן דיפּלאָמאַט. אין די ערשטע דריי יאָר נאָכן סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די איזאָלאַציע פֿון פֿרעמדע געוואָרן כמעט אַ פֿולשטענדיקע.

אָבער פֿון אַלע מענטשן פֿון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס אין מאָסקווע זענען די ישׂראלדיקע געווען די איינציקע, וואָס האָבן אפֿילו אָן אַ כּוונה דורכגעבראָכן די כּללים, די פֿירונגען און די באַגריפֿן, וועלכע האָבן געהאַלטן אַרומגענומען די באַרירונגען פֿון צווישן אַ פֿרעמדער געזאַנדשאַפֿט און די אָרטיקע איינוווינער. מיר האָבן זיי דורכגע־בראָכן, ווייל מיר זענען געווען די איינציקע געזאַנדשאַפֿט, וואָס האָט פֿאַרמאָגט העכער צוויי מיליאָן סאָוויעטישע בירגער, וואָס פֿילן צו איר אַ באַזונדער געפֿיל.

מיר זענען געווען אַ מאָדנע געזאַנדשאַפֿט. ס׳איז גענוג געווען, למשל, אַז אונדזערער אַ מענטש זאָל פֿאָרן אין מעטראָ אָדער אין אויטאָבוס, צי אין דער באַן, און צופֿעליק אָדער נישט צופֿעליק, זאָל פֿון זיין קעשענע אַרויסקוקן אַ „דבר השבוע", צי דער „הארץ", אָדער וועלכער ס׳איז אַנדערער סימן פֿון אַ העברעאיש פּירקאַנטיק אות, אַז כמעט שטענדיק זאָל זיך אַזאַ נסיעה פֿאַרענדיקן אויף איינער פֿון די סטאַציעס מיט אַ ייִד, ווען די־אַ אותיות האָבן צוגעצויגן ווי מיט צויבער־פֿעדעם. אַזאַ זאַך האָט נישט געקאָנט טרעפֿן מיט קיין ענג־לענדער, ניו־זעלאַנדער אָדער שוועד — נאָר און בלויז מיט אַ מענטש פֿון דער ישׂראל־געזאַנדשאַפֿט. מער נאָך, אונדזער געזאַנדשאַפֿט האָט אויך געהאַט אָרטיקע באַזוכער, הגם אין צווייטן יאָר זענען זיי שוין געווען ווייניקער ווי אין יאָר 1948 און אין דריטן — האָבן זיי כמעט אינגאַנצן אויפֿגעהערט. אָבער נישט ווי די אַנדערע געזאַנדשאַפֿטן, וואָס אַ סאָוויעטישן בירגער איז אפֿילו נישט איינגעפֿאַלן אַריבערצו־טרעטן זייער שוועל, זענען צו אונדז געקומען נישט ווייניק ייִדן, וואָס האָבן דאָך געוואַגט. ס׳פֿלעגט איינער מורא האָבן, זיך וואַקלען, אָבער צום סוף זיך דורכרייסן און פֿאַרבייגיין דעם פּאָליציסט, וואָס שטייט ביי דער אַריינגאַנג־טיר פֿיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, אָנ־קלינגען און — אַריינגיין. אַריינגעגאַנגען, כּדי צו זען און צו הערן און אויסצוגיסן זיין האַרץ, נישט ווערנדיק פֿון קיינעם געבעטן דערצו.

יעדער אַזאַ באַזוך איז נישט נאָר געווען אַ טיפֿע פּערזענלעכע איבערלעבונג פֿאַרן גאַסט און פֿאַר אונדז, נאָר אויך און דער עיקר אַ גרויס פֿאַר אַ סך טויזנטער ייִדן. די עצם „אַנוועזנהייט" פֿון אונדזער געזאַנדשאַפֿט — דאָס הויז, דער אויטאָ, די פֿאָן, די מיטאַרבעטער, די

שפראַך — זענען געווען אַ טיפע יידישע רעגונג. אויך יענע פון צווישן אונדז, וואָס האָבן זיך פּאַרוויגט מיט ראָזע חלומות פאַר אונדזער אַרויספאָרן קיין רוסלאַנד, האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס אויפקומען פון דער מדינה, און דאָס עצם קומען אונדזערס אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלן גורם זיין אַזאַ טיפע און אַרומנעמענדיקע יידי־שע דערוואַכונג, פּונקט ווי מיר האָבן זיך נישט געקאָנט אויסמאָלן די האַרבע רעזולטאַטן וואָס אָט די אויפוואַכונג האָט גורם געווען צו אַ נישט־באַשטימטער צאָל יידן.

דאָ איז דאָס אָרט צו ברענגען צוויי ציטאַטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם „איידעלן" פּונקט אין דער קאָנסטעלאַציע פון באַציאונגען און געפילן צווישן ישראל און דעם סאָוועטישן יידנטום. דער ער־שטער איז פון בוך „בין הפטיש והמגל" (צווישן האַמער און סערפּ), 1965, פון בן־עמי (ליאָווע אליאב):

„יעדער באַשמוצונג־אַרטיקל אויף יידן אָדער אויף ישראל, וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער צענטראַלער סאָוויעטישער פּרע־סע, איז גורם אַ האַרץ־קלאַפּונג ביי הונדערטער טויזנטער יידישע לייענערס — אפילו ווען זיי ווייסן גאָר נישט, אָדער כמעט גאָרנישט, וועגן יידישקייט און ישראל". (זייט 196).

אין דער צווייטער ציטאַט וועלכן כ'וועל דאָ ברענגען, איז פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט דרייצן יאָר פריער, פאַר דעם דערמאָנטן ציטאַט, אין אַ וויכוח מיט די לינקע פּאַרטייען אין כנסת, אין 1952, אין שייכות מיט די פּראַגער משפטים און דעם „דאָקטוירים־בלבול":

„...ס'איז באַקאַנט די שיטה פון פּובליקירן אין אָט די לענדער אין שייכות מיט דעם וואָס עס קומט פאָר אין מערב. די פּובליקיר־שיטה איז כמעט שטענדיק „ציטאַטן". וועגן ישראל, למשל, ציטירט מען דאָרט דעם „קול העם" און דעם „על המשמר". איך ווייס נישט צי איר האָט אַמאָל אַ טראַכט געטאָן מכוח דעם, וויפל שלאָפלאָזע נעכט איר האָט גורם געווען אַן אַ שיעור יידן אין יענע געגנטן...

ווייסט איר וויפל שווערדן־שטעך, וויפל שפּיזן איר האָט אריינגע־שטאָכן אין האַרץ פון פיל יידן, וואָס הינטער יענעם פאַרהאַנג, באַשמוצנ־דיק זייער האַרצן־ליבשאַפט? ווי אזוי איר האָט געשענדעט זייערע ריינס טע, הייליקסטע געפילן — בעת זיי זענען געווען געצווונגען צו שעפּן די סאָוויעטישע אינפאָרמאַציע וועגן ווונדער וואָס איז אויפגעקומען אין אונדזער ווינקעלע, פון צייטונגען וואָס טראָגן העברעאישע נע־מען? איר האָט זיי נישט איין מאָל פאַרפינצטערט די וועלט, און די־אָ זינד וועט מען אייך נישט מוחל זיין".

דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען ממש פאַר אונדזערע אויגן איז געווען אַ סך־הכל פון פּראָצעסן אין דער נשמה פון די יידן, פּראָצעסן וועלכע האָבן געוירט אַ לאַנגע צייט, פון זינט עס האָט זיך אָנגע־

הויבן די מלחמה פון די דייטשן קעגן רוסלאַנד. אויפן גרונט פון געשפּרעכן, ווי אויך אויפן גרונט פון אָפּשאַצונגען און לאָגישע אויספירן האָט זיך ביי מיר אויסגעקריסטאַליזירט דער רושם, אַז די יידישע יוגנט, וואָס איז אויסגעוואַקסן נאָך דער רעוואָלוציע, דערצויגן געוואָרן דורך איר און זיך נישט געפילט דיסקרימינירט — נאָך דעם ווי זיי האָבן אָנגעטאָן מיליטער־מונדירן און אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן, האָבן זיי צום ערשטן מאָל אין לעבן בפועל ממש זיך אָנגעטראָפן מיט דער רעאַליטעט פון דער יידן־פראַגע. און דאָס, גראָד נישט ביים צוריקצוג פון די רוסישע אַרמייען פון מערב ביז דער וואָלגע, נאָר ערשט נאָך סטאַלינגראַד, ווען דאָס סאָוויעטישע מיליטער (דאַן איז שוין דער נאָמען „רויטע אַרמיי״ בטל געוואָרן) האָט אָנגעהויבן צוריקטרייבן די דייטשן קיין מערב. דער יידישער בחור, וואָס האָט געקעמפט אין די רייען פון דער סאָוויעטישער ארמיי, אז ער איז אַריין אין אַ שטעטל אָדער דאָרף צוזאַמען מיט זיין אוקראַאינישן, לעטישן, ליטווישן, אוזבעקישן, גרויסרוסישן חבר, האָט דערזען, אַז זיין „גויאישער״ חבר האָט על־פּי־רוב געפונען זיין הויז — געפונען כאָטש עפּעס, די אַלטע קרובים, רעשטן פון דער ווירטשאַפט. אָבער ער, דער יידישער יונגערמאַן, האָט געפונען (אויב ער האָט געפונען) בלויז די קברים פון זיינע עלטערן און אַלע זיינע היימישע יידן אויפן בית־עלמין, אין די פאַלן אויב דער בית־עלמין איז בכלל געבליבן. און דאָ האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט דאָס שרעקלעכסטע פון קוקפונקט פון זיינע געפילן: עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אויסראָטן די יידן האָבן זיך מיט גרויס פלייס פאַרנומען אויך זיינע חברים, סאָוויעטישע בירגער, און אָפטמאָל אויך זיינע חברים פון זעלבן ישוב וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, מיט וועמען ער איז צוזאַמען געוואַקסן, צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען געקעמפט.

הונדערטער באַווייזן זענען געווען דערצו. בלויז ביי מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן זייער אַ סך דאָקומענטן וועגן דער עקזיסטענץ פון אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, דאָס רוב אין רוסישע אָריגינאַלן. צום כאַראַקטעריסטישסטן זענען געווען צוויי דאָקומענטן, וואָס זענען אין דער פינצטערניש פון אַ נאַכט בגנבה אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ קעשענע פון איינעם פון אונדזערע געזאַנדשאַפט־באַאַמטע, אויף דער רוישיקער טווערסקאַיאַ־גאַס און ווייזט אויס, אַז דער ייד וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען אין גאַס און דערקענט דעם באַאַמטן פון אונדזער געזאַנדשאַפט, וועמען ער האָט וואַרשיינלעך געזען אין בית הכנסת צי ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, איז אים נאָכגעגאַנגען כדי אים דאָס איבערצוגעבן. דאָס זענען צוויי רוסישע לידער, אונטערערד־לידער, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די מאָסקווער יידן — צוגערעכנט צו צוויי באַרימטע שרייבערס — איין ליד האָט מען צוגע־

שריבן צו מאַרגאַריטאַ אַליגער און דאָס צווייטע — צו איליאַ ערענ־בורגן.

די לידער זענען אין העברעאיש צוויי מאָל איבערגעזעצט גע־וואָרן. איין מאָל דורך שלמה אבן־שושן און פאַרעפנטלעכט אינעם העברעאישן אָריגינאַל פון אָט דעם בוך אונדזערן, און פריער נאָך (אין „למרחב" פון 26.7.57), אין אַכט יאָר אַרום נאָך דעם ווי איך האָב זיי איבערגעשיקט אין לאַנד אַריין אין אָריגינאַל צו מ. שרתן און האָבן אַרויסגערופן אַ טיפע אויפרודערונג ביי אים און ביי יעדן איינעם אין ישראל, צו וועמען זיי זענען דערגאַנגען.

דאָס ליד פון אַליגער, געשריבן אין פאָרם פון אַ „פראַגע" צו באַרימטע יידן (צווישן זיי — ערענבורג): „מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט?", איז געגאַנגען אין געהיים צווישן יידן פון האַנט צו האַנט, כאָטש טיילן דערפון, וועלכע זענען, וואָס אַן אמת, נישט געענ־ענלעך צום געהיימען נוסח, זענען נאָך אין יאָר 1946 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער ליטעראַרישער צייטשריפט „זנאַמיאַ".

דאָס אַנאָנימע ענטפער־ליד, וואָס מ'האָט צוגעשריבן צו ערענ־בורגן (איך אַליין, נאָך אַ גענויעם אַריינטראַכטן זיך אין די נוסחאות, בין געניגט צוצושרייבן עס דעם דיכטער פּאַוועל אַנטאָקאָלסקי), איז אין ראַטנפאַרבאַנד בכלל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָבער אין דער געהיימער פאַרשפּרייטונג זענען די לידער געגאַנגען איינס לעבן צווייטן — דאָס ערשטע ליד אונטערן בפירושן נאָמען מ. אַליגער, און דאָס צווייטע — אַנאָנים.

די פראַגע פון אויטענטישקייט פון די צוויי לידער, צי זיי געהערן טאַקע דעם אָדער יענעם שרייבער, איז, פאַרשטייט זיך, פון קלענערער באַדייטונג אין פאַרגלייך מיטן פאַקט, אַז דער נוסח און נישט קיין אַנדערער, האָט געהיים צירקולירט צווישן די דאָרטיקע יידן — און אַזוי איז ער געקומען צו אונדז. (מיר ברענגען זיי דאָ אין ווערטלעכער איבערזעצונג פונעם אָריגינאַל):

מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט?

אין אַ פרעמדער וווינונג, וואַרעמענדיק די הענט,
האָב איך געוואָגט צו פרעגן: „ווער־זשע זענען מיר דאָס אַזעלכע?"
„יידן זענען מיר!
ווי האָסטו געמעגט דאָס פאַרגעסן? ווי?"

ווי כ'האָב געוואָגט? — איך ווייס דאָס אַליין נישט.
אַלץ אַרום איז געווען נישט פאַרוואָלקנט.

אין מיין קינדהייט כ׳בין געווען שטאַרק אַזוי פאַרנומען
און נישט באַוויזן וועגן דעם גאָר צו קלערן.

אַ מענטש, בעת ער הייבט אָן אָטעמען און זען,
קלייבט נישט אויס זיך אַליין קיין פאָטערלאַנד.
אַ פאָטערלאַנד אין לעבן קריגט מען,
ווי מען קריגט אַ מוטער און אַ פאָטער.

די טעג זענען געשטאַנען אין שיקלדיקער גרויקייט
און אין דרויסן האָט געוואָיעט אַ וויוגע.
איך בין אין האַרבסט אין רוסלאַנד געבוירן
און רוסלאַנד האָט מיך אין זיך אַריינגענומען.

כ׳האָב ליב דעם זיך קייקלענדיקן שטורעם,
דעם סקריפּנדיקן, אַלץ־אַרומנעמענדיקן פראָסט.
די פליסנדיקע סאָקן, ווי טרערן,
פון די ווייסע בלענדנדיקע בעריאָזעס.

דאָס שלענגלען זיך פון טייכלעך אומרואיקע,
די אָוונטיקע פעלדער, די שטילע;
צו דיר איך שטרעק אויס מיינע הענט,
מיין גרויס, רחבותדיק היימלאַנד.

די לאָרעליי, דאָס מיידל פון קעלן,
אין ריטמישן דרעמל ביים גרינעם וואָסערלויף.
היינריך היינע, וואָס האָבן מיר שלעכטס געטאָן?
מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט, מענדעלסאָן?

איך וויל פרעגן ביי מאַרקסן, ביי אַלבערט איינשטיין,
די רייכע אין וויסן און גרויס אין פאַרשטאַנד —
אפשר וויסן זיי, אפשר איז קלאָר זיי דער סוד
פון אונדזער שולד פאַר יעדן לאַנד און לאַנד?

ביי די לייוונטן די ליבע פון לעוויטאַן,
מיט זייער צויבערדיקן שיין פון בעריאָזעס,
ביי טשאַרלי טשאַפּלינס ווייסן עקראַן —
גיט איר אויף מיין פראַגע אַן ענטפער.

האָבן מיר דען נישט אונדזער רייכקייט, פאַרמעגנס

צעטיילט אַלץ און אַלעמען לרוב?
מיט וואָס־זשע זענען מיר פאַר דער וועלט אַזוי זינדיק —
ערענבורג, וואַריצקי, סווערדלאָוו?

מיר האָבן געלעבט ברייט, נישט קאַרגנדיק טאַלאַנט,
נישט שוינענדיק די כוחות אונדזערע בעסטע, שענסטע,
וויל איך פרעגן דאָקטוירים און מוזיקער פון לאַנד,
כ'וועל פרעגן מי־לייט קלענסטע און גרעסטע,

און די אייניקלעך פון די שטאָלצע מכבייער,
די זין, געטרייע זייערע אבות,
כ'וועל פרעגן די טויזנטער קעמפנדיקע יידן —
די דרייסטע קאָמאַנדירן און אַרמייער.

ענטפערט, אָ איר, אין נאָמען פון דער ערע
פון אין משך פון דורות אויסגעריסענעם שטאַם.
יינגלעך אומגעקומענע, נישט געלאָזט נאָך זיך אַ שפור,
יינגלעך אומגעקומענע אין די שלאַכטן.

דער גערוף פון דורותדיקער דערנידעריקונג,
די קינות פון די מאַמעס און די ווייבער.
אין די טויטן־ און פאַרניכטנדיקע לאַגערס
ווו אונדזער פאָלק געוואָרן איז פאַרברענט.

קינדער געדורסטע דורך טאַנקען,
די שפּאָט־נעמען „יודע" און „זשיד", —
מיר זענען כמעט נישטאָ שוין אויף דער ערד,
אונדז וועט לעבעדיק קיינער שוין נישט מאַכן.

„מיר יידן!" — וויפל ביטערקייט איז אין וואָרט אָט דעם פאַראַנען,
וויפל פּינצטערע יאָרן, וויפל הארבע,
איך ווייס נישט צי בלוט האָט אַ שטים,
איך ווייס אָבער, אַז בלוט האָט אַ פאַרב.

אַן ענטפער דעם ליד פון אַליגער

אויף אייער פראַגע בין איך נישט קלוג גענוג צו ענטפערן.
כ'וויל בלויז זאָגן, אַז צרות זענען תמיד אונדז באַשערט.

מיר זענען שולדיק מיט דעם וואָס מיר זענען יידן,
שולדיק — וואָס מיר זענען קלוגע אויף דער ערד.

מיר זענען שולדיק אין דעם וואָס אונדזערע קינדער
שטרעבן צו וויסן און צו לעבעדיקן פאַרשטאַנד,
און אין דעם וואָס איבער דער וועלט מיר זענען צעזייט
און האָבן נישט קיין איין־און־איינציק פאָטערלאַנד.

הונדערטער טויזנטער פון אונדז, וואָס זענען ראוי צו ווערן לעגענדעס,
האָבן צום קאַמף זיך געריסן און געוואָרן פאַרלענדט,
כדי מיר דערנאָך זאָלן הערן: „ווער זענען זיי דאָס? יידן?
זיי האָבן אין הינטערלאנד געקעמפט פאר טאשקענט!"

און איצט, נאָך די מאַטערנישן און פייַנען פון אַשוויענטשים —
ווער ס'איז צופעליק געוואָרן דאָרט פאַרגעסן;
ווער די נאָענטסטע און ליבסטע האָט פאַרלוירן,
קאָן ווידער איצטער הערן: — „מ'האָט אייך ווייניק געהרגעט, זשידעס!"

מ'האָט אונדז נישט ליב דערפאַר ווייל מיר זענען יידן,
ווייל פון אונדזער גלויבן שטאַמען־אָפּ אַלע גלויבנס.
אָבער איך בין שטאָלץ און וויל נישט באַדויערן
וואָס איך בין אַ ייד, טאָוואַרישטש אַליגער!

מיר וויינען אָפּט און זיפצן איינאיינעם און אינטים,
נאָר אונדזער פאָלק אין פייערן געלייטערט.
נישט אומזיסט איז „זשיד" שטענדיק אַ סינאָנים
מיטן גרויסן וואָרט, מיטן וואָרט „קאָמוניסט".

נישט אומזיסט האָבן אונדז, ווי די סאַמע פאַרהאַסטע,
די נידערטרעכטיקע שטיינהאַרציקע עס־עס־לייט,
געשליידערט אין מיידאַנעק צום טויט,
אונדז — „זשידעס" און קאָמוניסטן.

מ'האָט געפרווט אונדז דערשטיקן אין געטאָס מיט שמוץ,
לאָזן פוילן אין גריבער, דערטרינקען אין טייכן.
נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם, טאָוואַרישטש אַליגער,
מיר לעבן און וועלן ווייטער אויך לעבן.

מיר וועלן לעבן און וועלן נאָך קאָנען

מיט בלענדנדיקער פּעאיקייט באַווייזן,
אַז אונדזער פֿאָלק, די אָרעמע יידן,
האָט רעכט צו לעבן און בליען.

דאָס פֿאָלק איז אומשטערבלעך. נייע מכבייער
וועלן ווערן געבוירן, ווי אַ וווּנדערלעך ליכט פֿאַר דער צוקונפֿט.
יאָ, כ׳בין שטאָלץ, טאָוואַרישטש אַליגער,
און האָב נישט קיין פֿאַרדראָס וואָס כ׳בין אַ ייד!

אגב, איז טאַקע מאַרגאַריטאַ אַליגערן נישט בייגעשטאַנען דער זכות, וואָס זי איז נאָך דער מלחמה באַלוינט געוואָרן מיטן סטאַלין־פּרייז פֿאַר איר גרויסער פּאָעמע וועגן זאָיאַ קאָסמאָדעמיאַנסקאַיאַ, דאָס רוסישע מיידל, די העלדין פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, איבער וועמען די דייטשן האָבן אויסגעפֿירט א טויט־אורטייל. אין די טעג פֿון דער אקציע קעגן „קאָסמאָפּאָליטיזם” האָט מען זי „אָפּגעגאָסן מיט הייסן” אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ” (נ. גריבאַטשאָוו, דעם 16.2.49) צוליב „אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פֿעלערן אין איר פּאָעזיע”, מיט אַ צוגאָב נאָך פֿון אַ באַשולדיקונג וועגן איר ליטעראַרישער דעזערטירונג צום לירישן אינדיווידואַליזם אין דער סאַמע מלחמה־צייט קעגן היטלערן. דער ווייטערדיקער ציטאַט קאָן באַווייזן דעם פּאָגראָם־נוסח פֿון דער קריטיק.

נ. גריבאַטשאָוו ברענגט אַ פראַגמענט פֿון אירס אַ ליד, אַן אומעטיק, ליריש ליד, און זאָגט: „וואָס זענען די דאָזיקע לידער? די דיכטערין זיצט אין קאַזאַן *, ווייט פֿון פראָנט און שרייבט ביים שיין פֿון אַ נאַפֿט־לעמפּל... די דאַטע פֿון שרייבן אָ די לידער איז 1941. אַ טויט־סכּנה הענגט איבערן פֿאָטערלאַנד. אַרבעטער, פּראָפֿעסאָרן, קינסטלערס נעמען אָנטייל אין דער פֿאָלקס־מאָביליזאַציע צו פֿאַרטיידיקן מאָסקווע און אין אָט דער שעה — גריבלט זיך די דיכטערין, וואָס האָט פֿאַרגעסן דאָס פֿאָלק, דאָס פֿאָטערלאַנד און אַלץ וואָס איז הייליק דעם סאָוויעטישן מענטש — אין איר קליינינקער נשמהלע”.

---

* קאַזאַן, אַן אַלטע אוניווערסיטעט־שטאָט, רעזידענץ פֿון דער טאַטאַרישער רעפּובליק אויפֿן לינקן ברעג פֿון דער וואָלגע. אַז מאַרגאַריטא אַליגער, ווי אַ יידישע, איז געלאָפֿן אָדער אַריבערגעפֿירט געוואָרן אַהין דורך דער מאַכט, צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער אַנדערע יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פֿון די בלוטדורשטיקע דייטשן. עס זענען אָבער נישט פֿאַרביי קיין סך יאָרן און אַ צענטראַלע סאָוויעטישע צייטונג האָט זיך דערלויבט צו פֿאַררעכענען דאָס אומגליק פֿון איר זיצן אין הינטערלאַנד צוליב איר נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט. אַלס אַנטי־פּאַטריאָטישע זינד.

אוודאי מוז אויך גריבאַטשאָוו זאָגן עטלעכע ליב־ווערטער וועגן אַליגערס בכבודיקער פאַרגאַנגענהייט, און ער דריקט אפילו אויס זאָרג פאַר איר ליטעראַרישער צוקונפט: „וואָס שנעלער מ. אַליגער וועט דערקענען די טיפקייט פון אירע פעלערן און וועט זיי ליקווידירן — אַלץ בעסער וועט זיין". אָבער פאַקטיש האָט זיך זייער גוט צונויפגעפאַסט דאָס באַשולדיקן מ. אַליגער אין פאָרמאַליזם־קאָסמאָפאָליטיזם מיט אירע געהיימע פערזן אויף דער יידישער טעמע (וועלכע זענען אָן ספק פאַרפאַסט געוואָרן מיט אַ לאַנגער צייט פריער) אין איין גאַנצן קאָמפלעט — אַ קאָמפלעט פון יידישער אויסניכטערונג, א געשלאָגענע פון אכזריותדיקער געפלעפטקייט, צוזאַמען מיט שפּראָצונגען פון אינסטינקטיווער פאַרנעפלטער און אויסגאַנגלאָזער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג.

נאָך אַן עניין, וואָס האָט אַרויסגערופן אויפרודערונג אין דער נשמה פון דער יידיש־סאָוויעטישער יוגנט, איז געווען דער קאַמף קעגן ענגלאַנד אין ארץ־ישראל, איידער דער עטאַבלירונג פון דער מדינה. די סאָוויעטישע פרעסע פלעגט אָפט פאַרעפנטלעכן אין אַ פריינדלעכער פאָרם קאַפּיטלען פון אונדזער קאַמף, עס זענען אויך ציטירט געוואָרן ראַדיאָ־אוידיציעס פון „קול ישראל" און איבערגעבונגען פון דער אונטערערד. אין באַוווסטזיין פון דער יוגנט, וואָס איז נאָך פאַר דעם אויפגעטרייסלט געוואָרן צוזעענדיק די יידישע טראַגעדיע, האָבן זיך דערמיט געעפנט נייע האָריזאָנטן און עס האָבן זיך ביי איר געשאַפן פאַנטאַסטישע באַגריפן וועגן מדינת ישראל און איר מיליטער, באַגריפן וואָס זענען געווען ווייט פון דערווירקלעכקייט.

נאָך דרייסיק יאָר פון פלאַנירטן סאָוויעטישן רעזשים האָט די מאַכט מיטאַמאָל דערזען, אַז די יידן־פראַגע איז נישט געלייזט געוואָרן, און די ספעצן פון דער יעווסעקציע — וועלכע האָבן זיך באַמיט זי איבערצוצייגן, אַז עס עקזיסטירט שוין מער נישט קיין יידן־פראַגע, באַזונדער נאָך דעם ווי ס'איז בשעתו באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן עפעס אין ביראָבידזשאַן און געבן אַן אויסלאָדונג דער שטרעבונג צו טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע — זיי און זייערע סברות האָבן באַנקראָטירט אין די אויגן פון דער מאַכט. דאָס האָט זיך אַנטפלעקט פאַר יעדערן אין די גאַסן פון מאָסקווע דורך דער באַרימטער יידישער דעמאָנסטראַציע פון ראש־השנה 1948, אַ דערשיינונג, וואָס האָט נישט געהאַט אירס גלייכן אין ראַטנפאַרבאַנד אין האַרץ פון דער הויפטשטאָט, וועלכע די מאַכט־אָרגאַנען האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט אָרגאַניזירט, נישט געוווסט וועגן איר און זי אפשר אויך נישט פאָרויסגעזען. איצט איז קלאָר, אַז דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די וויכטיקסטע סיבות כדי צו ליקווידירן די יידישע אינסטיטוציעס,

חוץ דעם פֿאַרדראָס פֿון דער מאַכט וועגן דעם עצם אויפֿקומען פֿון דאָס ניי פֿון דער ייִדן־פֿראַגע, ווי דאָס איינציקע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס איז געבליבן אָן אַ לייזונג.

נאָך אַ כסדרדיקן אָבסערווירן, בין איך געקומען צום אויספֿיר, אַז אין זין פֿון געטריי־זיין דעם רעזשים זענען די רוסישע בירגער אין יענער תּקופֿה געווען פֿאַרטיילט בערך אין פֿיר טיילן. אין דער ערשטער ריי פֿון יחוס און פּאַטריאָטיזם איז געשטאַנען דער וועליקאָרוס (גרויסרוס). דאָס איז געווען דער איינציקער לאַנד־טייל, ווו עס זענען נישט געווען קיין באַזונדערע קאָמפּליקאַציעס פֿון זינט דער רעזשים האָט זיך סטאַביליזירט. די צווייטע אין זין פֿון געטרייִשאַפֿט האָט זיך גערעכנט די גרופּע פֿון די מאָנגאָלישע פֿעלקערשאַפֿטן, צווישן זיי אייניקע אָפּגעשטאַנענע אַזיאַטישע שבֿטים, און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה — אויך אוקראַיִנע. אויפֿן דריטן שטאַפּל האָבן זיך געפֿונען די סאָוויעטישע מוסולמענישע רעפּובליקן, וועמענס געטריישאַפֿט איז נישט געווען אין גאַנצן קיין זיכערע, וואָרום זייער רעליגיעזער צענטער האָט זיך געפֿונען אויסער דעם ראַטנפֿאַרבאַנד, אין מעקאַ, און זייער קולטור ציט איר יניקה פֿון פּערסיע און פֿון די אַראַבישע לענדער, בפֿרט אַז אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מינדעסטנס צוויי מוסולמענישע פֿעלקערשאַפֿטן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן — איינע (די טשעטשענצעס) אין קאַווקאַז און די צווייטע (טאַטאַרן) אין קרים. אָט די צוויי פֿעלקערשאַפֿטן זענען, ווי באַוווסט, אינגאַנצן אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון זייער באָדן צוזאַמען מיט זייערע קאָמוניסטן. אין דער לעצטער ריי, אין זין פֿון געטריישאַפֿט, זענען אין די אויגן פֿון דער מאַכט געשטאַנען די גריכן, די טערקן און די ייִדן. וואָס שייך די ייִדן, איז אין יענע טעג בולט געווען אַ זייער וויכטיקער פֿאַקט, וועלכן מ׳קאָן נישט אויסמעקן פֿון דער געשיכטע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון דער געשיכטע פֿון די ייִדן, און פֿון דעם באַוווסטזיין און דער פֿילבאַרקייט פֿון דער מאַכט: פֿון דעם גרויסן ייִדישן קיבוץ, 150—200 טויזנט ייִדן פֿון פּוילן, ליטע און די אַנדערע באַלטישע לענדער, וואָס האָבן געפֿונען זייער רעטונג פֿון פֿיזישער פֿאַרניכטונג אויפֿן באָדן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופֿן, און האָבן אין משך פֿון עטלעכע יאָר געלעבט און געאַרבעט אין ראַטנפֿאַרבאַנד — אַז עס איז זיי נאָר געגעבן געוואָרן דער פֿרייער אויסוואַל אַרויסצופֿאָרן קיין פּוילן, אַדאַנק דעם רעפּאַטריאַציע־אָפּמאַך מיט דער פּוילישער רעגירונג, איז פֿון זיי אין ראַטנפֿאַרבאַנד נישט געבליבן קיין רעשטל אפֿילו. זיי האָבן אויסגעקליבן צו פֿאָרן קיין פּוילן, צום בית־הקבֿרות פֿון ייִדישן פֿאָלק (אין זייער גרעסטער מערהייט האָבן זיי, פּאַקטיש, ממשיך געווען פֿון דאָרט קיין ארץ־ישׂראל). דערפֿון איז קלאָר געוואָרן דער מאַכט, אַז דער איינ־

ציקער פרווו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָך דריי און דרייסיק יאָר זינט עס באַשטייט אָט דער רעזשים, אין ענין פון פרייען אַרויספאָר, האָט באַוויזן די לויזע צוזעבונדנקייט פון די יידן; איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אַז די רעגירונג האָט אויסגעשפּרייט אירע מסקנות פון מורא און פאַרדאַכט אויף אַלע סאָוויעטישע יידן.

אויף דעם פאַן איז זייער שנעל קאָנטיק געוואָרן, אַז די מאַכט שטרעבט צו אַ קלאָרער און באַטאָנטער פונאַנדערטיילונג צווישן איר באַציאונג צו מדינת ישראל און דער באַציאונג צו יענע אונטערער־דישע שטראָמען אין דעם סאָוויעטישן יידנטום, וועלכע אידענטיפי־צירן זיך מיט דער זעלבער מדינת ישראל און מיט אירע גרעאַנגלען, און זענען געניגט צו זען אין איר אַ לייזונג פאַרן אַלגעמיינעם פּראָב־לעם פון די סאָוויעטישע יידן.

דער ערשטער „טעאָרעטישער" און „אָפיציעלער" אויסדרוק פאַר אָט דער פונאַנדערטיילונג איז געגעבן געוואָרן אינעם באַרימטן אַר־טיקל פון איליאַ ערענבורג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אונטער אַ תמימותדיקער איבערשריפט „וועגן איינעם אַ בריוו", שוין אין 21־טן סעפּטעמבער 1948, אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ". און הגם איך האָב שוין באַרירט אָט דעם מאמר אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, האַלט איך אָבער פאַר בייטיק, צוליב זיין באַזונדערער וויכטיקייט אין אונדזער קאָנטעקסט, צו ברענגען דאָ זיין פולע איבערזעצונג.

וועגן איינעם אַ בריוו

„איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מינכען פון אַלעקסאַנדער ר. ער שרייבט: „איר וועט זיך אפשר וואונדערן אויף מיין ווענדונג, אָבער איך האָב געלייענט עטלעכע ביכער אייערע און איך ווענד זיך צו אייך ווי צו אַ שרייבער מיט דער ביטע צו העלפן מיר אויפקלערן אַ פּראָבלעם וואָס גיט מיר נישט קיין רו. איך בין אַ דייטשער ייד, פאַרשטייט זיך אַן אַנטי־פאַשיסט, אַ סטודענט פון מעדיצין. אין 1938 איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן קיין פראַנקרייך; ווען דאָס דייטשע מיליטער האָט זיך אַהין אַריינגעריסן, האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן, דערנאָך בין איך געווען צוויי יאָר אין „מאַקי" — כ'האָב געקעמפט אין פאַרטיזאַנער־באַטאַליאָן „גבריאל פּריי". נאָכן זיג האָב איך זיך צוריקגעקערט אין מינכען.

איך בין זיך מודה — כ'בין געווען נאַיוו און האָב געמיינט, אַז דער פאַשיזם איז אין גאַנצן פאַרטיליקט געוואָרן. אָבער איצט בין איך אויסגעשטעלט טאָג־טעגלעך אויף דערנידעריקונגען. בעת די מאַכט איז געווען אין היטלערס הענט, האָב איך

געגלייבט, אַז דאָס איז בלויז אַ צייטווייליקע פֿאַרפֿינצטערונג. כ׳בין געווען זיכער, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז איינער פֿון די קענצייכנס פֿון דער „ברוינער פּעסט". אָבער פֿאַרוואָס דאַרף איך איצט לייענען עקלהאַפֿטע אויפֿשריפֿטן אויף די ווענט? פֿאַרוואָס דאַרף איך הערן ווי די סטודענטן שרייען צו מיר: „גיי דיר קיין ארץ־ישראל!"? פֿאַרוואָס האָט מיין פֿריינד נישט באַקומען די פּראָפֿעסור און מ׳האָט אים אָפּנהאַרציק געזאָגט: „דאָ איז נישטאָ קיין אָרט פֿאַר קיין ייִדן!"? איר קאָנט זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן ווי שווער עס איז איבערצוטראָגן די דאָזיקע דערנידעריקונגען. מיין איינציקע שטרעבונג איז צו אַ גאָר פּשוטער זאַך — זוכה צו זיין צו לעבן אָן אַ קין־צייכן אויפֿן שטערן. די נאַציס האָבן אונדז געצוווּנגען צו טראָגן די געלע לאַטע אויף דער ברוסט. איצטער איז אַלץ ראַפֿינירטער, אָבער פֿאַקטיש האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אונטערן פּראָטעקטאָראַט פֿון די אַמעריקאַנער פֿאַרנעמען די זעלבע נאַציס פֿאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס. דאָס איז אייך זיכער באַוווּסט און איך שרייב עס נישט כּדי זיך צו באַקלאָגן אָדער אייך צו דערציילן וועגן דעם. איך וויל וויסן ווי אַזוי מען באַציט זיך אין ראַטנפֿאַרבאַנד צו דער מדינה ישׂראל. צי קען מען אין איר זען אַ לייזונג צו דער אַזוי־גערופֿענער „ייִדן־פֿראַגע"? פֿאַר מיר איז דאָס נישט קיין ענין פֿון אַבסטראַקטע נאָכטראַכטענישן, נאָר אַ לעבנספֿראַגע. אין אייער ראָמאַן „דער שטורעם" לייען איך שווי־דערלעכע באַשרייבונגען וועגן אויסמאָרדן די ייִדן אין אַשוויענטשים און אין אַנדערע ערטער. וואָס דאַרף מען טאָן, אַז אָט דער גרויל זאָל זיך מער נישט איבערחזרן? נעכטן האָב איך געהערט ווי איינער פֿון מיינע באַקאַנטע האָט געזאָגט הויך אויפֿן קול: „מ׳דאַרף אומברענגען די ייִדן ביזן סוף". איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין ציוניסט, איך הייב אָבער אָן גלייבן אין דער אידייע פֿון אַ ייִדישער מדינה. איך וואַרט אויף אייער ענטפֿער, וואָרום איר זענט אַ שרייבער אין אַ לאַנד, אין וועלכן איך גלייב באמונה שלמה".

איך מיין, אַז די פֿראַגע, וועלכע עס האָט באַרירט דער בריוו־שרייבער, וועלכער איז מיר נישט באַקאַנט, האָט אַן אינטערעס נישט נאָר פֿאַר אים, אויך נישט בלויז פֿאַר ייִדן, נייערט פֿאַר יעדן איינעם וואָס פֿאַרמאָגט געוויסן און פֿאַרשטאַנד. האָב איך באַשלאָסן צו ענט־פֿערן נישט מיט קיין פּריוואַטן בריוו, נאָר מיט אַן אַרטיקל אין צייטונג.

אַלעקסאַנדער ר. פֿרעגט ווי אַזוי באַציט מען זיך אין ראַטנפֿאַר־באַנד צו דער מדינה ישׂראל? אויף אָט דער פֿראַגע קאָן מען ענט־פֿערן קורץ: די סאָוועטישע רעגירונג איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אָנערקענט די נייע מדינה, האָט אויפֿגעהויבן די שטים פֿון ענער־גישן פּראָטעסט קעגן די אַגרעסאָרס און אַז די ישׂראלדיקע פּאַרטיי־

דיקונגס־אַרמיי (צ.ה.ל.) האָט פאַרטיידיקט איר לאַנד קעגן אַראַבישן
לעגיאָן, מיט וועלכן ס׳האָבן אָנגעפירט ענגלישע קאָמאַנדירן, זענען
אַלע סאָוויעטישע מענטשן געווען אויף דער זייט פון די אָנגעגריפענע
און נישט אויף דער זייט פון די אָנגרייפערס. דאָס איז אַ נאַטירלעכע
זאַך, פונקט ווי ס׳איז נאַטירלעך, אַז די סימפּאַטיע פון די סאָוויעטישע
מענטשן איז אויף דער זייט פון די וויעטנאַמער פּאַטריאָטן און נישט
פון די פראַנצויזישע אונטערדריקער; פאַר די פּאַטריאָטן פון אינדאָ־
נעזיע און נישט פאַר די שטראָף־גרופּן פון די האָלענדער.

אָבער אויף דער ערשטער פראַגע פון אלכסנדר ר. קאָן מען אויך
ענטפערן ברייטער. די פאָרשטייערס פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן געזאָגט
אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, אַז אונדזער פאָלק
פאַרשטייט די געפילן פון די יידן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ
שווערע טראַגעדיע און האָבן ענדלעך איצט באַקומען די רעכט צו
עקזיסטירן אויף זייער ערד. צוזאַמען מיטן ווינטשן דערפאָלג די אַר־
בעטנדיקע פון ישראל, פאַרזעען נישט די סאָוויעטישע מענטשן די
שוועריקייטן, וועלכע עס שטייען פאַר די אַלע אָרנטלעכע מענטשן
אין דער יונגער מדינה. אויסער דער אינוואַזיע פון די ענגליש־אַראַ־
בישע אַרמייען, שטייט די מדינה ישראל פאַר אַן אַנדערער אינוואַ־
זיע, אַ ווייניקער רעשנדיקע, אָבער אַ נישט ווייניקער געפערלעכע.
אַן אינוואַזיע פון אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל. פאַר די אימפּעריאַ־
ליסטן איז ישראל אין דער ערשטער ריי — נאַפט. די קאָנקורענץ
צווישן די רויבער — „סטאַנדאַרד אויל” פון איין זייט און פון דער
צווייטער זייט די „אַנגלאָ־איראַנער נאַפט־געזעלשאַפט” און „שעל”
— ווייזט אַרויס אירע סימנים אין לעבן פון דער מדינה, וועלכע האָט
נאָך נישט באַוויזן זיך צו שטעלן אויף די פיס. די אינטערעסן פון דער
ארץ־ישראלדיקער פּאָטאַש־געזעלשאַפט, דאָס פּראָבלעם פון דער
נאַפט־רער חיפה—כרכוך, די אַמעריקאַנער פּלענער אַרויסצובאַקומען
קאָנצעסיעס און מיליטערישע באַזעס — דאָס איז די געפאַר, וועלכע
באַדראָט ישראל גייענדיק אין די פוס־טריט פון קעניג אַבדאָללאַס
פּאָגראָמשטשיקעס. אין שפּיץ פון מדינת ישראל שטייען נישט די
פאָרשטייערס פון די אַרבעטנדיקע. מיר האָבן אַלע געזען ווי די בור־
זשואַזיע פון די אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע זענען רייך אין טראַ־
דיציע און געשולט אין שטאַטלעכקייט, האָט פאַראַטן די נאַציאָנאַלע
אינטערעסן פאַרן דאָלאַר. צי קאָנען די סאָוויעטישע מענטשן אָננעמען,
אַז דער ישראלדיקער בורזשוי וועט זיין אָנשטענדיקער און ווייט־
זעעוודיקער פונעם בורזשוי אין פראַנקרייך אָדער אין איטאַליע? איך
צווייפל. מיר גלייבן די פעלקער, אָבער אויב אין ישראל קעמפט דאָס
פאָלק און קעמפט העלדיש, הייסט עס נאָך נישט, אַז דאָס פאָלק
הערשט דאָרט.

אין מדינת ישראל איז די צאָל פון די ארבעטער אין שטאָט און אין דאָרף נישט קיין קליינע. אויף זיי פאַלט דער עיקר עול פון פאַרטיידיקן זאָט לאנד. לעצטנס האָט דער סעקרעטאר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ישראל, מיקוניס, געזאָגט: „ביי אונדז איז נישטאָ קיין פאָרמעגן־שטייער און נישט קיין הכנסה־שטייער, און אונדזערע אינדוסטריעלער האָבן פאַרגרעסערט זייערע רווחים אָן קיין שום בושה". אין אזא פאַל מוזן די ארבעטנדיקע קעמפן נישט נאָר קעגן די אָקופּאַנטן, נאָר אויך קעגן דעם רווחים־לוסט פון דער בורזשואזיע אין ישראל, וואָס פאַר איר, ווי פאַר יעדער אנדער בורזשואזיע, איז א מלחמה אין דער ערשטער ריי א קוואַל פון באַרייכערונג".

איך גלייב, אַז די פּראָגרעסיווע מענטשן אין ישראל און אירע ארבעטנדיקע, וועלן געפינען דעם ריכטיקן וועג אין די שווערע באַדינגונגען אין וועלכע זיי געפינען זיך. איך בין איבערצייגט, אַז דער סאָציאַליזם וועט זיגן אין דער גאנצער וועלט און וועט אויך זיגן אין ישראל.

אָבער אויב איך גלייב אין דער צוקונפט פון ישראל, מוז איך אויף דער צווייטער פראגע פון דעם בריוו־שרייבער וואָס פרעגט, צי דאָס אויפקומען פון דער מדינה לייזט דאָס וואָס מען רופט „די יידן פראגע" — ענטפערן נעגאַטיוו.

איך האָב תמיד געהאלטן און האַלט אויך איצט, אז די „יידן־פראגע" וועט געלייזט ווערן אין יעדן אָרט באַזונדער אין רע־זולטאַט פון אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן פּראָגרעס. די דאָזיקע פראגע וועט נישט קריגן איר תיקון נישט דורך מיסטיקער און אויך נישט דורך דיפּלאָמאַטן, נייערט דורך גבורה פון די ישראל־קעמפערס ביים צוריקשטויסן די אָנגריפן פון די אָנגעדונגענע צו ענגלאַנד, אָבער איך ווייס אַז דאָס לייזן די „יידן־פראגע" איז נישט אָפּהענגיק פון די מיליטערישע דערפאָלגן אין ישראל, נאָר פונעם זיג פון סאָציאַליזם איבער דעם קאַפּיטאַליזם, פון די אינטערנאַציאָנאַלע דערהויבענע פּרינציפּן איבערן שאָוויניזם, פאַשיזם און ראַסיזם.

פון שטענדיק אָן האָבן רעאַקציאָנערן אויסגעטראַכט אַלערליי ליגנס, כדי פאַרצושטעלן די יידן ווי עפּעס אויסטערלישע באַשעפע־נישן, וואָס זענען נישט ענלעך צו די מענטשן וואָס ארום זיי. די רעאַקציאָנערן האָבן געזאָגט, אַז די יידן לעבן אָפּגעזונדערט און אָפּגעשלאָסן און נעמען נישט אָנטייל אין די פריידן און ליידן פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן; די רעאַקציאָנערן האָבן גע־טענהט, אז דער ייד איז כאילו א מענטש וואָס פאַרמאָגט נישט קיין חוש פאַר א פאָטערלאַנד אָ מין אייביקער וואנדערער; די רעאַקציאָ־נערן האָבן געשוווירן אַז די יידן פון פארשיידענע לענדער זענען פאַרבונדן צווישן זיך מיט א געהיימען בונד. די אַלע אויסטראַכטענישן

האָבן געפונען זייער עקסטרעמען אויסדרוק אין דעם אומווערדיקן בוך פון אַדאָלף היטלער „מיין קאַמף״, און זענען איבערגעחזרט געוואָרן דורך די ס.ס.־לייט. וואָס האָבן באַגראָבן לעבעדיקערהייט אַלטע יידן און געוואָרפן פּיצלעך קינדער אין די פייער־אויוונס.

יאָ, די יידן האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט און אָפּגעשלאָסן, ווען מ׳האָט זיי געצווונגען צו דעם: דעם געטאָ האָבן אויסגעטראַכט נישט די יידישע מיסטיקער נאָר די קאַטוילישע טיראַנען. אין יענע טעג, ווען אַ רעליגיעזער געפּל האָט פאַרשטעלט די אויגן פון די מענטשן, זענען אויך צווישן די יידן געווען פאַנאַטיקער, פּונקט ווי זיי זענען געווען צווישן די קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, פּראַוואָסלאַווגע און מוסולמענער, אָבער ווי נאָר די טויערן פונעם געטאָ האָבן זיך געעפנט און דער געפּל פון מיטלאַלטער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָבן זיך די יידן פון די פאַרשיידענע לענדער אריינגעפלאָכטן אינעם לעבן פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי זענען געזעסן.

ריכטיק, אַ סך יידן פלעגן פאַרלאָזן זייערע היים־לענדער און עמיגרירט קיין אַמעריקע. אָבער זיי האָבן עמיגרירט נישט דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט ליב געהאַט זייער לאַנד, נייערט דערפאַר וואָס געוואַלד־טאַטן און דערנידעריקונגען האָבן נישט געלאָזט זיי לעבן אין דעם פון זיי געליבטן לאַנד. און האָבן דען בלויז יידן געזוכט דערלייכטערונג און רעטונג אין אַנדערע לענדער? האָבן דען נישט אַזוי געטאָן איטאַליענער, אירלענדער, סלאַוון, אין די לענדער וווּ ס׳האָט געשווערט אויף זיי דער עול פון די טערקן, אָדער דייטשן? און דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן די אַרמענער און די רוסישע סעקטאַנטן. די יידישע אַרבעטנדיקע זענען פּונקט ווי די אַנדערע פעסט צוגעבונדן צו דעם באָדן, אויף וועלכן זיי זענען געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן.

די יידן לעבן אין אַ סך לענדער, אַ גרויסער טייל אין לענדער וווהין זייערע עלטערן האָבן איינגעוואַנדערט נאָך אין די אוראַלטע צייטן. די ערשטע יידישע מצבות אין טוניס, אין גרוזיע, אין איטאַליע שטאַמען פון דעם גאָר ווייטן עבר. די רעאַקציאָנערן טענהן, אַז עס איז פאַראַן אַ מיסטישער צוזאַמענבונד צווישן אַלע יידן אין דער וועלט. אָבער פאַקטיש איז דאָ ווייניק שותּפותדיקס צווישן דעם ייד אין טוניס און דעם ייד וואָס לעבט אין שיקאַגאָ און רעדט אַמעריקאַניש און דענקט אויך אַמעריקאַניש. אויב עס איז דאָ צווישן זיי אַ פאַרבינדונג, איז זי בכלל נישט קיין מיסטישע. די פאַרבינדונג איז אַ רעזולטאַט פון אַנטיסעמיטיזם. ווען עס זאָל זיך מאָרגן געפינען אַ משוגענער וואָס זאָל דערקלערן, אַז מען דאַרף פאַרפאָלגן אַלע רויט־האָריקע, אָדער אַלע די וואָס האָבן פלאַטשיקע נעז, וואָלטן מיר געקאָנט זען ווי עס שאַפט זיך אַ נאַטירלעכער צוזאַמענבונד צווישן אַלע רויט־האָריקע אָדער פלאַך־נאָזיקע. די אכזריותדיקע מעשים פון

די דייטשישע פאַשיסטן זייער פראָקלאמירן די לחלוטנדיקע אויסראָטונג פון די יידן, וואָס איז אין א טייל לענדער דורכגעפירט געוואָרן, די ראַסן־העצע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט באליידיקונגען און זיך געענדיקט מיט די קרעמאַטאָריעס פון מיידאַנעק — דאָס אלץ האָט ארויסגערופן ביי די יידן א טיף געפיל פון צוגעבונדנקייט. דאָס איז די סאָלידארישקייט פון באליידיקטע און פארביטערטע.

אין די מלחמה־יאָרן האָט דער גרויסער פוילישער דיכטער יוליאַן טווים אָנגעשריבן אַ מאמר: „מיר, די פוילישע יידן!" ער האָט דאָרט געשריבן וועגן זיין פּאַטריאָטיש געפיל„ איך בין אַ פּאָליאַק, ווייל אזוי האָט מען מיר געזאָגט אין פוילישן לשון ביי מיין פאָטער אין שטוב. א פּאָליאַק ווייל פון קינדווייז אָן האָט מען מיך געשפייזט מיט דער פוילישער שפראַך, ווייל מיין מאמע האָט מיך געלערנט פוילישע לידער און ניגונים; ווייל ווען עס האָט צום ערשטן מאָל מיך פארכאפּט די פּאָעטישע וויברירונג האָט זי פון מיר זיך ארויסגעריסן אין דער פוילישער שפראַך; אַ פּאָליאַק, ווייל אין דער פוילישער שפראַך האָב איך דערקענט די פארבאָרגענישן פון מיין הארץ, וואָס וועלן צעריסן אין שטורעם פון דער ערשטער ליבע, און אין דער פוילישער שפראַך האָב איך אַרויסגעשעפּטשעט די געפילן פון גליק.

איך בין א פּאָליאַק אויך דערפאר ווייל דעם טאָפּאָל און די ווערבע האָב איך ליבער ווי די פּאַלמע און דעם ציפּריס, און מיצקעוויטש און שאָפּען זענען מיר טייערער, צוליב סיבות וועלכע איך קאָן נישט דערקלערן, ווי שעקספּיר און בעטהאָווען; אַ פּאָליאַק, ווייל איך בין געבוירן געוואָרן און געוואקסן אין פוילן, ווייל אין פוילן בין איך געווען גליקלעך און אויך אומגליקלעך, ווייל פון דעם לאַנד אין וועלכן כ'בין ארייַנגעטריבן געוואָרן, וועל איך זיך צוריקקערן בלויז און נאָר קיין פוילן, אפילו ווען מ'וואָלט מיר ערגעץ ווו, אין אַן אנדער אָרט אין דער וועלט, צוגעזאָגט דעם גן־עדן אויף דער ערד; אַ פּאָליאַק, ווייל איך וויל, אז נאָך מיין טויט זאָל מיך ארייַנעמען די פוילישע ערד און נישט קיין אנדערע. ווייטער דערקלערט יוליאַן טווים אין זיין ארטיקל, דעם מהות פון דער פארבינדונג צווישן אים און די יידן: עס זענען פאראַן צוויי סאָרטן בלוט, איינער וואָס פליסט אין די אָדערן און איינער — פון די אָדערן. די בלוט־פּראָבע פונעם ערשטן מין איז די זאך פון דער פיזיאָלאָגיע. ווער אָבער עס שרייבט צו דעם בלוט חוץ פיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן אויך אַנדערע וועלכע ס'איז אייגנשאפטן, ווי עפּעס א פארבאָרגענעם כוח, דער פארברענט שטעט און פארטיליקט מענטשן, ווי מיר זעען דאָס איצט, און וועט לסוף, ווי מיר וועלן דאָס זוכה זיין בקרוב צו זען, דערפירן זיין אייגן פאָלק צו אונטערגאנג. דאָס בלוט פון אַן אנדער מין, איז דאָס בלוט וואָס דער אינטערנאַציאָנאלער פאשיזם זייגט

פון די אַדערן פון דער מענטשהייט, כדי צו דערווייזן די העכערקייט פון זיין בלוט איבער מיין בלוט; דאָס איז ס'בלוט פון מיליאָנען מענטשן וועלכע זענען אומשולדיק אומגעקומען, דאָס איז ס'בלוט פון די יידן און נישט „יידיש בלוט", איז פאַרוואָס זאָג איך „מיר די יידן"? — צוליבן בלוט".

קלאָר אַז עס זענען פאַראַן צווישן יידן שאָוויניסטן און מיס־טיקער. זיי האָבן דאָס געשאַפן דעם ציוניסטישן פּראָגראַם, אָבער נישט א דאַנק זיי איז ישראל אָנגעפילט געוואָרן מיט יידן. די יידן זענען געקומען קיין ישראל צוליב די פּרעדיקער פון מענטשן־האַס, צוליב די אָנהענגער פון ראַסיזם, צוליב אָט די זעלבע אַנטי־סעמיטן וואָס האָבן אַרויסגעריסן מענטשן פון זייערע וווין־ערטער און זיי געצוווּנגען צו זוכן — נישט גליק, נייערט רעכט אויף מענטש־לעכן כבוד — הינטער די הרי חושך. אַלע געדענקען מיר דעם פאַר־לויף מיט דער שיף „עקזאָדוס", וועלכע האָט געפירט קיין ארץ ישראל פּליטים פון מערב־דייטשלאַנד, מענטשן וואָס האָבן זיך צופעליק געראַטעוועט פון די אוישוויצער קרעמאַטאָריעס און זענען אַריינגע־פאַלן אינעם פייער פון די ענגלישע סאָלדאַטן. די מדינה ישראל איז ענלעך צו אָט דער שיף, צו נחס תיבה, צו אַ טראַטווע אָן וועלכער עס האַלטן זיך אָן מענטשן וואָס זענען צעשמעטערט געוואָרן אין בלוטיקן מבול פון פאַשיזם און ראַסיזם.

פאַרוואָס איז אַלעקסאַנדער ר. גרייט צו זען אין ישראל א רע־מונגס־אַנקער? דערפאַר ווייל מענטשן וואָס האָבן ביי אים צוגערויבט זיין פאָטערלאַנד הערשן ווייטער אין בייערן, ווייל די דייטשישע ראַסיסטן האָבן געפונען פאַר זיך אָנגעזעענע באַשיצערס — ראַסיסטן פון ניו־דזשוירסי און אַלאַבאַמאַ; דערפאַר ווייל פאַר אַ ייד פון בייערן איז דער היטלעריזם נישט בלויז א גרויל־אָנדענק, נאָר אַ זאַך וואָס לעבט נאָך, וואָס מען באַשיצט זי און מען פלעגט זי. מעגלעך אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז פאַר אַלעקסאַנדער ר. נישט געבליבן עפּעס אַנדערש ווי דורכצוריסן די פאַרצווימונגען, וועלכע זענען אויפ־געשטעלט געוואָרן דורך פאַרשיידענע „אויפזעערס" און זיך אַריינ־באַקומען קיין ישראל. אָבער, אויב דאָס וועט אפילו זיין א לייזונג פאַר אַלעקסאַנדער ר.ס פערזענלעכער טראַגעדיע, קען עס אָבער נישט זיין קיין לייזונג פאַר דער טראַגעדיע פון די יידן, וואָס לעבן אין פאַרשיידענע לענדער, אין וועלכע עס הערשן געלט, שקר און פאָראורטיילן.

דער דעפּוטאַט פון פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, דער קאָמוניסט אלי מיניו, ענטפערט דער ציוניסטישער צייטונג „הארץ": „בלויז ציוי־ניסטישע רעאַקציאָנערע קרייזן קאָנען אָננעמען, אַז מדינת ישראל וועט זיין אַ צופלוכטס־כוח פאַר אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט. די פראַנצויזישע יידן זענען פראַנצויזישע בירגער, זיי זענען

פארבונדן מיטן פראנצויזישן פאָלק, זיי האָבן צוזאמען געקעמפט און צוזאַמען געארבעט. זייער צוקונפט, ווי די צוקונפט פון אַלע פראנצויזן, ליגט אינעם זיג איבער די רעשטן פונעם פאשיזם, איבער דעם פאַרראַט, דער אומגערעכטיקייט און עקספּלואַטאַציע".

די מערהייט יידן לעבן אין די פאראייניקטע שטאַטן. בעת כ׳בין געווען אין אַמעריקע האָב איך געזען ווי אזוי די ראסיסטן פון יענער זייט אָקעאן פארשוועכן דעם כבוד פון די יידן, כינעזער, איטאליענער. אַלע פארשטייען אז די יידן פון אמעריקע זענען באדראָט פונעם ראסיזם וועלכער האַלט אין איין פארשפרייטן זיך אין די פאראייניקטע שטאַטן, און אלע ווייסן אז די אמעריקאנער יידן וועט ראטעווען, נישט מדינת ישראל וואָס קאָן נישט ארייננעמען אפילו א קליינעם טייל פון זיי, נייערט דער זיג פון דער פראגרעסיווער אמעריקע איבער דער ראסיסטישער אמעריקע.

די ציוניסטן טענהן אז דער חורבן וואָס איז געקומען אויף די יידן פון אייראפּע אין די לעצטע יארן, איז ארויפגעפאלן אויף זיי דערפאר, ווייל די יידן זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט צווישן אנדערע פעלקער. אָבער לאָמיר נאָר געדענקען: אין הארבסט 1942 האָבן די היטלער־ארמייען זיך ארייגעריסן אין מצרים. זיי זענען נישט געווען ווייט פון ארץ ישראל. ווען אפילו עס וואָלט דאַן געווען א זעלבשטענדיקע ישראל־מדינה וואָלט זי נישט געווען בכוח אָפּצוהאלטן דעם אַנגריף פון היטלערס געפאנצערטע דעוויזיעס. וואָס זשע האָט געראטעוועט די יידן פון ארץ־ישראל? — סטאלינגראד, דער זיג פון די סאָוויעטישע מענטשן איבער די פאשיסטן, וואָרעם במקום ארויפגיין אויף ירושלים, איז היטלער געווען געצוווּנגען זיך צו פארנעמען מיט אויפשטעלן פארטיפיקאציעס.

אין גורלדיקן צוויי־קאמף האָט דאָס סאָוויעטישע פאָלק נידערגעשלאָגן דעם פיינט פון די פעלקער, דעם בלוטיקן דייטשישן פאַשיזם. דורך דעם האָט דאָס סאָוויעטישע פאָלק געראטעוועט די פרייהייט פון אייראפּע און עס האָט אויך געראטעוועט דאָס לעבן פון מיליאָנען יידן. מיט א קורצער צייט צוריק בין איך געווען אין ווראָצלאַוו. די באַר־וואָס געקומענע יידן האָבן צו זיך איינגעלאַדן די אנטיילנעמער אינעם וועלט־קאָנגרעס פון קולטור־טוער. עס זענען אויך געקומען געלערנטע פון פוילן, נעגערישע שרייבערס, בראזיליאַנישע און טשעכישע. א מיידעלע פון דער סקויטן־אָרגאניזאציע האָט זיך געווענדט צום סאָוויעטישן געזאַנדטן מיט די פאָלגנדיקע רייד: „זאָגט ביטע די סאָוויעטישע מענטשן, אז מיר יידישע קינדער פון ווראצלאוו ברענגען בלומען צו אונדזערע לאנדסלייט, וואָס ליגן דאָ אין אייביקער רו אינעם ברודער־קבר. זאָגט די סאָוויעטישע מענטשן אז מיר ווייסן ווער ס׳האָט אונדז געראטעוועט פון פארלענדונג".

יא, ס׳איז דאָ בלויז איין לייזונג פאר דער „יידן־פראגע" — דער

זיג פון די פּראָגרעסיווע כוחות פון דער מענטשהייט. אויב מ׳זאָל אויף א רגע בלויז אָננעמען די מעגלעכקייט פון א זיג פון דער וועלט־רעאַקציע, וואָלט מען געקאָנט מיט זיכערקייט זאָגן, אז מדינת ישראל וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין א נייעם מיידאַנעק צי אַשוויענטשים.

אין פאַרשיידענע לענדער פון מזרח און דרום־מזרח איירפּע האָט ביז דער מלחמה געהערשט פאַשיזם. אין די דאָזיקע לענדער זענען די יידן פאַרפאָלגט געוואָרן — געגנוג צו דערמאָנען די „איי־זערנע גוואַרדיע״ אָדער די פּאָגראָמען אין פריערדיקן פּוילן. זענען געקומען די היטלעריסטן. זיי האָבן דערמוטיקט די פּאָגראָמשטשיקעס פונעם אָפּפאַל פון צווישן די איינוווינער, זיי האָבן אָרגאַניזירט דעם מאַסן־מאָרד פון יידן. אָבער אונטערן דרוק פון די פעלקער און מיט דער הילף פון סאָוויעטישן מיליטער זענען פאַרטיליקט גע־וואָרן די פאַשיסטישע הערשערס, עס זענען אַנטלאָפן איבער ימען די הערן וואָס האָבן געחלומט וועגן אויפלעבן דעם פאַר־מלחמהדיקן רעזשים, די אַלע האַלבע ליבעראַלן און האַלבע פּאָגראָמשטשיקעס. די מאַכט איז אַריבער אין די הענט פון די אַרבעטנדיקע. און איך האָב געזען מיט וואָס פאַר א פלייס, מיט וואָס פאַר א פּאַטריאָטיש געפיל די יידן אין די לענדער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס בויען צוריק אויף די חרובֿ־געוואָרענע שטעט, אַרבעטן, לערנען, שרייבן ביכער, פלאַנצן ביימער אין פּוילן, ווו די פּילסודסקי־לייט האָבן פאַר דער מלחמה געפּייניקט די יידן, איז איצט נישטאָ אפילו קיין איין שטאָט ווו עס זאָל נישט זיין א גאַס אויפן נאָמען פון די געטאָ־גבורים; ווייל דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק איז שטאָלץ מיט דער העלדישער מלחמה פון די וואַרשעווער יידן קעגן די אָקופּאַנטן. ווען דאָס פאַשיסטישע אָפּפאַל האָט אין קעלץ מיט עטלעכע יאָר צוריק געפּרוווט מאַכן א פּאָגראָם אויף יידן, האָט די פאָלקס־רעגירונג געזען אין זיי שונאים פון פּוילן און זיי באַשטראָפט. דעם בולגאַרישן פאָלק האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען די בולגאַרישע יידן פון אַרויסגעשיקט צו ווערן אין די טויט־לאַגערן, נאָכן 9־טן סעפּטעמבער האָבן די פאָלקס־געריכטן געמשפּט די בולגאַרישע פאַשיסטן וואָס האָבן פאַרגאָסן יידיש בלוט. און איצט בויען די בול־גאַרישע יידן, און צווישן זיי א סך געוועזענע פּאַרטיזאַנער, צוזאַמען מיטן גאַנצן בולגאַרישן פאָלק, זייער נייע דעמאָקראַטישע מדינה. זייער צוקונפט איז נישט אויף יענער זייט ים נייערט אין סאָפיא, פּלאָוודעוו צי אין רוסע.

אין צאַרישן רוסלאַנד האָט די רעגירנדיקע קליקע, וואָס האָט זיך געוואָלט שיצן קעגן צאָרן פונעם פאָלק, פאַרגעשטעלט די יידן ווי די שולדיקע אין דער אָרעמקייט, אין דער אינערלעכער צעקריגט־קייט, אין דעם תוהו ובוהו. די שוואַרצמאַהניקעס האָבן געמאַכט אויף יידן בלוטיקע פּאָגראָמען. די הערשער האָבן אויסגעקלערט פאַר־

שיידענע באַגרענעצונגען, אָבער אויך דאַן האָט דאָס רוסישע פאָלק נישט געהאַט קיין שייכות צו די אַלע פאַרברעכנס. מאַקסים גאָרקי האָט אין זיין אַרטיקל „וועגן אַנטיסעמיטיזם" ריכטיק אָנגעוויזן, אַז די שרעקלעכע פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נישט פונאַנדערגעשפּרייט צווישן די איינפאַכע רוסישע מענטשן. די בעסטע פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָבן געלאָזט הערן זייער קול קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. לאָמיר געדענקען דעם „איך קאָן נישט שווייגן" פון לעוו טאָלסטאָי, דעם סאַרקאַזם פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, די נאָבעלע רעדע פון פּיראָגאָוון, די האַרציקע ווערטער פון קאָראָלענקאָ. מיט אייפער און אָן פּשרות האָט געקעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם מאַקסים גאָרקי, וואָס האָט אים אָנגערופן „אומווירדיקע געמיינהייט". אַ געזעץ־פּראָיעקט וואָס זאָל פאַרזיכערן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער מלוכהשער „דומע" דורך די פאָרשטייערס פונעם אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד.

די צאַרישע רעגירונג האָט אויף אַ קינסטלעכן אופן פונאַנדערגעטיילט די יידישע אַרבעטער פון זייערע רוסישע חברים. אָבער די מי, דער געראַנגל און דאָס בלוט פון די שטרייקערס און דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך מתגבר געווען איבער אַלע פאַרבאָטן און פאָראורטיילן. די פאָרשטייערס פון דער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענץ האָבן מיטגעלעבט דאָס לעבן פון רוסלאַנד, האָבן אַנטיילגענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָבן געגעבן זייער צושטייער צו דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור פון דער מדינה. אויך אין יענע ביטערע און שווערע צייטן, איז דאָס פאָטערלאַנד געווען זייער פאָטערלאַנד: זיי האָבן ליב געהאַט זייערע שטעט און שטעטלעך, דאָס גרינע ווייס־רוסלאַנד, דעם אויפגיי פון דניעפּער, דאָס גאַנצע גרויסע און ווונדערלעכע לאַנד אונדזערס.

דער גרינדער פון אונדזער מדינה, וו. א. לענין, האָט אין זיינע צאָרניקע אַרטיקלען נישט איין מאָל פאַראורטיילט דעם אַנטיסעמיטיזם און געזען אין אים אַ חרפה. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיט זיך פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע בירגער פון דער סאָוועטישער מדינה און צווישן זיי אויך פאַר יידן. אַ טייל פון זיי זענען אין דער רוסישער שפּראַך זייער מוטערשפּראַך, אַנדערע — אין דער אוקראַאינישער, און עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס זייער מוטער־שפּראַך איז יידיש, אָבער אַלע זעען אין ראַטנלאַנד זייער פאָטערלאַנד, און אַלע זענען שטאָלץ, וואָס זיי זענען בירגער פון אַ מדינה אין וועלכער ס'איז מער נישטאָ קיין אויסנוצן פון איין מענטש דורכן צווייטן. אין 1931, ווען אויף אייראָפּע האָט זיך אָנגערוקט אַ שרעקלעכע פינצטערע כמאַרע — צוויי יאָר איידער היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט — האָט סטאַלין, פאַרזעענדיק די פאַרברעכנס פון די מענטשנפרעסערס געזאָגט: „דער נאַציאָ־

נאַליסטישער און ראַסיסטישער שאָוויניזם איז אַן איבערבלייב פון מענטשן־שנאה, וועלכע איז אייגנאַרטיק דער תקופה פון קאַניבאַליזם. דער אַנטיסעמיטיזם, אַט די עקסטרעמע פאָרעם פון ראַסיסטישן שאָוויניזם, איז דער געפערלעכסטער נאָכוווקס פון קאַניבאַליזם", בעת די מענטשנפרעסערס האָבן געפרוווט פאַרצוקן אייראָפּע, האָט דאָס סאָוויעטישע פאָלק, מיט סטאַלינען בראש, זיי נידערגעשלאָגן. די סאָוויעטישע יידן, צוזאַמען מיט די אַנדערע פעלקער, האָבן מיט מסירות־נפש פאַרטיידיקט די דערהויבנסטע פרינציפּן פון אונדזער געזעלשאַפט, פאַרטיידיקט די ערד פון זייער פאָטערלאַנד. פון די געטאָס פון ווילנע און מינסק האָבן זיך אַרויסגעריסן מיידלעך, יונגעלייט און זקנים און אַריין אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּן. דער חן פון דער פאָטערלענדישער ערד איז נאָך מער געשטיגן אין די אויגן פון סאָוויעטישן ייד: ער געדענקט די אומשולדיקע אומגעקומענע דורכן פאַשיזם, ער געדענקט די שווערע שלאַכטן, די העלדן וואָס זענען געפאַלן, ער איז פאַרבונדן מיט אַ שלאַכט־ברידערלעכקייט צו יעדן סאָוויעטישן מענטש, טייערע אייגענע בינדן אים צו צו יעדן שפּאַן פון סאָוויעטישער ערד.

דאַרף דער שרייבער פונעם בריוו, אַלעקסאַנדער ר. זיך פאַרטראַכטן וועגן די געשעענישן פונעם לעצטן יאָר־צענדליק און דאַן ערשט וועט ער פאַרשטיין, אַז די „יידן פּראַגע" קאָן מען לייזן בלויז אויף איין וועג: דורכן ליקווידירן די „יידן־פּראַגע".

מיר באַציִען זיך מיט סימפּאַטיע צום געראַנגל פון די אַרבעטנדיקע אין ישׂראל. נישט נאָר די סימפּאַטיע פון די סאָוויעטישע יידן ווערט זיי געגעבן, נאָר אויך פון אַלע סאָוויעטישע מענטשן — עס זענען צווישן אונדז נישטאָ קיין אָנהענגער פון גלאַבּ־פּאַשאַ. אָבער יעדער סאָוויעטישער בירגער פאַרשטייט אַז דאָס פּראָבלעם איז נישט אינעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער מדינה, נאָר אויך אין סאָציאַלן רעזשים וואָס הערשט אין איר. דער בירגער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זעט אין די מענטשן פון אַ בורזשואַזער מדינה — די מענטשן פון מדינת ישׂראל אַריינגערעכנט, — וואַנדערער וואָס האָבן נאָך נישט געפונען זייער וועג אַרויס פונעם פינצטערן וואַלד. אַ בירגער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט קיין מאָל נישט מקנא זיין דעם גורל פון די מענטשן וואָס טראָגן דעם עול פון קאַפּיטאַליסטישער אויסנוצונג.

דער גורל פון די יידישע אַרבעטנדיקע אין אַלע לענדער, איז פאַרבונדן מיטן גורל פון פּראָגרעס, מיטן גורל פון סאָציאַליזם. צוזאַמען מיט אַלע סאָוויעטישע מענטשן פאַרטיידיקן די סאָוויעטישע יידן זייער סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד. זיי וועלן נישט זייערע אויגן צום גאָענעם מזרח: זיי ווענדן זייערע אויגן צו דער צוקונפט.

איך מיין, אַז די אַרבעטנדיקע פון מדינת ישׂראל, וואָס זענען ווייט

פון דער ציוניסטישער מיסטיק און שטרעבן צו גערעכטיקייט, אויך זיי וועגדן זייערע אויגן קיין צפון, צום ראטנפארבאנד, וועלכער שפאנט איז שפיץ פון דער מענטשהייט צו א בעסערער צוקונפט".

אין דער סאוויעטישערווירקלעכקייט פון יענע יארן האט אזא ארטיקל ווי ערענבורגס געהאט אזא באדייטונג, וואס א מענטש פון א נישט - קאמוניסטיש לאנד קאן זיך דאס ריכטיק נישט פארשטעלן. מיר, פון אונדזער זייט, האבן זייער שנעל פארשטאנען, וואס דאס איז מבשר. ובפרט נאך, אז עס האבן נישט געפעלט קיין אנדערע סימנים פאר אזא גאנג אין דער אפיציעלער פאליטיק, סימנים וואס האבן זיך געהאלטן אין איין מערן און האבן „נישט אומזיסט גערעדט"...

צוויי טעג בלויז נאכן באווייזן זיך פון אט דעם ארטיקל האב איך געקאנט טעלעגראפירן צו מיין אויסערן - מיניסטער משה שרת אזעלכע ווערטער:

„זיי וויסן, מיט דער גאנצער אפשאצונג פאר די כסדרדיקע מעלדונגען פון דער מאכט מכוח זייער שטארקן אונטערשטיצן ישראל און די בולטע אויסדרוקן פון זייער פריינטלעכער באציונג צו דער געזאנדשאפט, דארף מען נישט איגנארירן פאלגנדיקע פאקטן: אין די פריינטלעכע רייד פון זארין, גוסייעוו (מאלאטאווס פארטרעטערס) און באקולין האבן זיך אויך דורכגעפלאכטן באמערקונגען וועלכע מען קאן אויסטייטשן, אז דאס פראבלעם פון עליה איז גילטיק אין לענדער וואס אויסער זייער בלאק, און ס'איז א ספק צי אונדזער מדינה וועט צוליב איר קליינעם שטח קאנען אין זיך ארייננעמען אפילו די מיליאנען פון דעם רעשט לענדער. לויט די א רייד, איז פאר די יידן אומבאדינגט נייטיק דער קאמף פאר סאציאליזם אין יעדן לאנד".

די צייכנס וואס מיר האבן געזען ארום זיך אין דעם אינטענסיוון באהאנדלען די יידן־פראגע, זענען — ווי ס'איז שוין אויבן דער־מאנט געווארן -- דערגאנגען צו א נייעם הויכפונקט, אין נא־וועמבער 1948, ווען עס זענען מיט איין מאל און אן אפענע מיט־טיילונגען ליקווידירט געווארן אלע סימנים פון אן עקזיסטענץ פון א סאוויעטיש יידנטום ווי א באזונדערע געמיינשאפט, אויסער ביראַ־בידזשאן, דאס בית הכנסת און דאס יידישע טעאטער.

אנהייב דעצעמבער האב איך טעלעגראפירט צו אונדזער אויסערן־מיניסטעריום:

מ'האט אראפגענומען די שילד פון יידישן אנטי־פאשיסטישן קא־מיטעט. איך מיין, אז די אינסטיטוציע האט זיך ליקווידירט.

און ברייטער און אויספירלעכער האב איך גלייך ראפארטירט צו משה שרתן דאס פאלגנדיקע:

„שוין די דריטע וואָך ווי די „איינקייט״ (דער אָרגאַן אין יידיש פונעם יידישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט) דערשיינט נישט מער. אין אָנהייב האָבן מיר דערויף נישט געלייגט קיין אכט, אָבער אז עמעץ פון אונדזער געזאַנדשאַפט האָט זיך געווענדט צו „סאָיוז־פּיעטשאַט״ און געוואָלט, צוזאַמען מיטן אַבאָנירן אנדערע צייטונגען אויפן יאָר 1949, אַבאָנירן אויך די יידישע צייטונג (וועלכע פלעגט דערשיינען דריי מאָל אין וואָך), האָט מען אים גאַנץ פשוט געענט־פערט, אַז זי האָט אויפגעהערט צו דערשיינען און מ׳קאָן זי נישט מער אַבאָנירן. צומאָרגנס האָבן מיר זיך דערוווּסט פון הענרי שאַפּירא (קאָרעספּאָנדענט פון יו. פּי.), וואָס וווינט אין נאָענטער שכנות מיטן יידישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, אז די שילד וואָס איז אַלע יאָרן געהאָנגען אויף דער אריינגאנג ־ טיר, איז פלוצים פארשוווּנדן. א צווייטער אָרטיקער ייד, דערציילט, אין נאָמען פון זיינעם א חבר וואָס שטייט נאָענט צו די קרייזן פון קאָמיטעט, אז עס איז אויך געשלאָסן געוואָרן דער פאַרלאַג „עמעס״, דערביי גיט ער צו אז עס איז דאָ א קלאנג, אז איציק פעפער איז ארעסטירט פאַר נייגונגען... צום ציוניזם. אן אנדערער ייד, א מיטגליד אין דער פוילישער האנדלס־דעלעגאציע וועלכע ווײלט דאָ הי, דערציילט, אז די ליקווידאַציע איז געקומען צוליב עפּעס א באַגריסונג־טעלעגראַמע וואָס דער קאָמיטעט זאָל כאילו האָבן געשיקט, אָדער געוואָלט שיקן, צו חיים וויצמאַנען אָדער צו דוד בן־גוריונען לכבוד ראש השנה. מען קאָן נישט וויסן אויף וויפל די אלע קלאַנגען זענען ריכטיק, ס׳איז אָבער א זיכערער פאַקט, אז עס זענען געשלאָסן געוואָרן דער קאָמיטעט, זיין צייטונג און זיין פארלאג — אייגנטלעך, כמעט אלע אָפיציעלע סימנים פאַר דער עקזיסטענץ פון רוסישן יידנטום ווי א קאָלעקטיווע קערפּערשאַפט, אויסער דאָס טעאַטער, דער בית־הכנסת און ביראָבידזשאַן.

פון דאַנען און ווייטער — השערות און אָנשטויסונגען. ס׳איז אויסער יעדן ספק אז פון יידישן קוקפּונקט האָבן מיר דאָ פאַר זיך אן ערנסטע ערשטראַנגיקע געשעעניש, כאָטש די „איינקייט״ און דער גאנצער קאָמיטעט זענען נישט באַליבט ביי די היגע יידן און האָבן נישט קיין חשיבות אין זייערע אויגן.

די ווערסיע וועגן אַ שטראָף פאַר נייגונגען צום ציוניזם וכדומה לייגט זיך נישט אויפן שכל. אין זין פון באַציונג צו אונדזער באַ־וועגונג איז אָט די צייטונג קיין מאָל נישט ארויס פון די ראַמען פון דער אָפיציעלער סימפּאַטיע צו מדינת ישראל, גענוי און פּינקט־לעך, אין דער זעלבער מאָס און פאָרמולירונג, ווי זי קומט צום אויס־דרוק אין דער אַלגעמיינער פּרעסע — אלא בלויז אין א יידישער איבערזעצונג. מיט דעם איינציקן אונטערשייד — לרעה דעם ציוניזם:

פון צייט צו צייט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל אָדער אַ כראָניק־נאָטיץ קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און אירע פּערזענלעכקייטן, דער עיקר די אַמעריקאַנישע.

א סך לאָגישער איז די השערה, אז דאָס אנטפּלעקן זיך פון א ספּאָנטאַנעם ציוניסטישן געפיל אין שייכות מיטן קומען פון אונדזער געזאַנדשאַפט, האָט פולשטענדיק איבערראַשט די הערשער, וואָס האָבן זיך געשפּייזט מיט דער אינפאָרמאַציע פון זייער „אָטשאַני יעווריי" (מומחה אין יידישע ענינים) און האָבן אָנגענומען די מיינונג אַז די רוסישע יידן האָבן זיך שוין פולשטענדיק אָפּגעטרייסלט פון זייער ציוניסטישער פאַרגאַנגענהייט — ווי א פאַקט אין וועלכן מ'טאָר נישט צווייפלען. און לויט דעם האָבן זיי געפירט זייער פּאָליטיק. די געשעענישן פאַר די לעצטע חדשים האָבן אומגעוואָרפן די אָנגענומענע באַגריפן און דער יעווסעקישער „מלך" האָט נאָך דרייסיק יאָר פון ברוטאַלן הערשן אויף דער יידישער גאַס, זיך אַרויסגעוויזן אַ נאַקעטער. די אויפפּאַסונג, פאַר וועלכער די „אייניקייט" האָט פאַנאַטיש געקעמפט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד עקזיסטירט שוין נישט קיין יידן־פּראָבלעם, האָט געקאָנט דערפירן צו דער מסכנה, אַז די רוסישע יידן נייטיקן זיך נישט, נישט נאָר אין קיין יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, נאָר אויך נישט אין קיין יידישן קאָמיטעט אין מאָסקווע.

דער ענין פון פאַרמאַכן די יידישע אינסטיטוציעס ווערט באַגלייט מיט פאַרשיידענע אָנשטויסונגען. און מיט פאַרשיידענע „פּסוקים" פון סטאַלינס אָדער לענינס א בוך, צוגעפּאַסטע צום געגעבענעם מאָמענט. דער באַנד פון לענינס ווערק וואָס דערשיינט אין חודש דעצעמבער — זיין אינהאַלט איז נישט קיין צופעליקער, און אַזוי פירט מען זיך דאָ לגבי יעדער אַנדערער תקופה. דער אינהאַלט איז בדרך כלל געטריי דעם אָריגינאַל; מעגלעך אַז מ'נעמט עפּעס אַרויס פון אים, אַזוינס וואָס איז צו האַרב אָדער נישט באַקוועם פאַרן געגעבענעם מאָמענט, אָבער דער אויסקלייב פונעם מאַטעריאַל איז קיינמאָל נישט קיין צופעליקער. ער דאַרף פּאַסן די באַדערפענישן פון פאַרלאַג און דער צייט ווען דאָס בוך דערשיינט. און אָט איז דערשינען דער עלפטער צי צוועלפטער באַנד פון סטאַלינס ווערק, און איינער פון די צענטראַלע פּונקטן אינעם בוך, וואָס איז געווידמעט אינגאַנצן דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם פון ראַטנפאַרבאַנד, איז דאָרט גראָד געווען דאָס פּראָבלעם פון „בונד". אין דעם אָ בוך זענען אַריין די אַרטיקלען פונעם אַלטן בוך און אויך אַנדערע. אַז עס דערשיינט אַזאַ בוך פאַרעפנטלעכן תיכף אַלע צייטונגען פראַגמענטן פון אים, און וועגן אים. אַזעלכע פראַגמענטן ווערן פאַרעפנטלעכט טאָג־טעגלעך, ביז צום דערשיינען פונעם קומענדיקן באַנד. מ'נעמט אַרויס פונעם בוך אַקטועלע ענינים, וואָס פּאַסן זיך צו דער צייט. אַזוי אַרום האָט זיך פּלוצים די אַמאָליקע פּרשה פון סטאַלינס קאַמף קעגן „בונד" געפונען

אין צענטער פון דער פרעסע במשך פון א חודש אָדער אנדער־האלבן. דער „בונד״ האָט נישט געהאלטן פון א פאָלק וואָס לעבט אויף אן אייגענער טעריטאָריע, בעת די קען־צייכנס פון אן איבער־געגעבענעם באַלשעוויק נעמען אריין טעריטאָריע ווי אן אומבאַדינגטן צייכן, די בונדיסטן האָבן גערעדט וועגן דער עקזיסטענץ פון א משונהדיק פאָלק אינעם גאַנצן ראטנפארבאנד, וואָס יעדער איינער פון אָט דעם פאָלק טראָגט מיט זיך זיין נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט. אזא זאך ווערט פאררעכנט פאר שאָוויניזם און לענין האָט דאָס בשעתו נעגירט. דאַקעגן איז דער „בונד״ שולדיק דערמיט וואָס ער איז געווען געניגט איינצושרומפן די רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט און באַגרענעצן זי בלויז צו קולטור, ארויסלאָזנדיק די אנדערע אַט־ריבוטן — דעריבער איז ער פסול.

אין שייכות דערמיט איז כדאי אונטערצושטרייכן נאָך אַ פאַקט, וועלכער איז נישט קיין נייעס פארן סאָוועטישן ייִד. אין פּאַספּאָרט פון יעדן ייִד שטייט געשריבן, אז ער איז אַ „יעווריי״ און דאָס הענגט אָפּ פון זיין געבוירנשאַפט און נישט פון זיין דעקלאַרירונג. ער איז דער איינציקער מענטש פון צווישן אלע וואָס געהערן צו די אָנצאָ־ליקע פארשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, ביי וועמען אין פּאַספּאָרט ס׳איז פארשריבן נישט נאָר זיין בירגערלעכע אָנגעהעריקייט צו דער געגע־בענער רעפובליק אין וועלכער ער געפינט זיך, נאָר אויך זיין נאַציאָ־נאַליטעט. ביי אן אוקראַינער, למשל, אז ער איז אן „אוקראַינער״ לויט זיין בירגערשאַפט (לויט זיין טעריטאָריעלער אָנגעהעריקייט) איז ער במילא אויך אַן אוקראַינער לויט דער נאַציאָנאַליטעט, אָבער ביי א ייִד ווערט פארשריבן בלויז „ייִד״. איי וואָס ער איז דאָך געבוירן געוואָרן אין אוקראַינע, אָבער עס ווערט אים נישט פארשריבן אין זיין פּאַספּאָרט אז ער איז דערפאר אַן אוקראַינער, אָדער אַן אוזבעק ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין אוזבעקיסטאַן — נאָר אז ער איז אַ ייִד.

און נאָך עפּעס: אויף וויפל דאָס זאָל נישט אויסזען מאָדנע, איז דאָ פאַראַן אן אומאָפּפרעגלעכער כלל, אז אן אָרטיקע צייטונג פון א רעפּובליק אָדער פון אן אויטאָנאָמער געגנט, צי גאָר פון א געוויסער שטאָט, ווערט נישט פארקויפט אויסער די גרענעצן פון דעם אָרט אין וועלכן זי דערשיינט. אַן אויסנאַם זענען בלויז די צענט־ראַלע צייטונגען פון די פארבאנד אינסטאַנצן, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו באַדינען דעם גאַנצן פארבאנד, ווי די „פּראַוודאַ״, „איז־וועסטיאַ״, „טרוד״ און ענלעכע. זיי קאָן מען באַקומען אומעטום. אוי־סער זיי קאָן מען בשום אופן נישט קריגן אין מאָסקווע א צייטונג וואָס גייט ארויס, למשל, אין אָדעס, קיעוו, באַקו צי אנדערש ווו, נישט אין קיאָסקן און נישט דורך אַבאָנירן. אזוי האָט מען זיך אָפּ־געזאָגט אָנצונעמען ביי אונדז אן אַבאָנאַמענט אויף דער ייִדישער

צייטונג וואָס גייט אַרויס אין ביראָבידזשאַן און ווערט אַפּט דערמאָנט אין דער „אייניקייט". דאָס הייסט: יעדע צייטונג איז צוגעהעריק נאָר און בלויז צו איר פֿאָלק, צו זיין שפּראַך און זיינע טעריטאָריאַלע שטחים. עס זענען נישט פֿאַראַן קיין „עקסטעריטאָריאַלע" צייטונגען. ס'איז נישט קלאָר צי דאָס איז אַ מלוכה־געזעץ, אָבער אַזאַ איז די פּאַקט־שע לאַגע, פּונקט ווי עס זענען בכלל נישטאָ קיין עקסטעריטאָריאַלע אינסטיטוציעס, נישט קיין פּאָליטישע, נישט קיין עקאָנאָמישע און נישט קיין קולטורעלע — אויסער די צענטראַלע אַנשטאַלטן פֿון דעם גאַנצן פֿאַרבאַנד.

פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט דאַרף מען זען די יידישע „אויטאָנאָמיע" — אַפילו אין איר אַרומגעשניטענעם און גראָטעסקן גלגול פֿון אַ יידישן קאָמיטעט, אַ יידישע צייטונג און אַ יידיש בוך (די „עקסטעריטאָריאַלע") — ווי אַ רעזולטאַט פֿון בונדישער אידעאָלאָגיע און ווי אַן אַבסאָלוטע סתירה צו די גרונט־יסודות פֿון דער סאָוויעטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אַזאַ איז די לאַגע לויט דער קאָמוניסטישער טעאָריע, און די פּרשה פֿון דער ליקווידאַציע אין די לעצטע טעג שטימט גוט מיט אָט דער טעאָריע. די געזעצלעכע עקזיסטענץ פֿון די נעבעכדיקע יידישע נישטיקייטן ביז איצט, קאָן מען אפשר פֿאַרענטפֿערן ווי אַ פּראַקטיציסטישער אָפּאָרטוניזם פֿאַרן צוועק פֿון קאַמף קעגן ציוניזם און פֿאַר ספּעציפֿישע פֿאַרבייגייענדיקע באַדערפֿענישן, ווי געווינען די הערצער פֿון די אַמעריקאַנער יידן, בעת עס זענען געווען אויסזיכטן פֿאַר נאָרמאַלע באַציונגען צווישן ס.ס.ס.ר. און אַמעריקע בכלל, אָדער זאַמלען געלט פֿאַר ביראָבידזשאַן (אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אויך פֿאַרן חלום פֿון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים) און דעסטגלייכן.

דער ערשטער ציל איז דורכגעפֿאַלן; מיט די אַנדערע אויפֿגאַבן קאָן מען זיך נישט פֿאַרנעמען ביים איצטיקן אינטערנאַציאָנאַלן מצב; בלייבט אויב אַזוי איבער אַ זאַך וואָס פֿון טעאָרעטישן קוקפּונקט איז עס „בונדישער" אַנאַכראָניזם, און פּראַקטיש ברענגט עס נישט קיין שום נוצן.

די גורלדיקע פֿראַגע איז, וואָס וועט קומען „במקום"? צי אַ נייער סוראָגאַט, נאָך דער רעאָרגאַניזאַציע און דעם פּערזאָנען־איבערבייט, בעתן ממשיך זיין די פֿריערדיקע ליניע, צי אַ ליידיקער חלל, צי גאָר אַ דעקלאַרירן אַ נייע ליניע אין די יידישע נאַציאָנאַלע אָנגעלעגנהייטן, און אויב אַ נייע — איז עס צום גוטן אָדער צום שלעכטן? דאָ איז אַלץ מעגלעך. דאָ קאָן אָן גוזמה זיין אַ זאַך און דאָס פֿאַרקערטע דערפֿון אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פֿון אַהין און אַהער וועט דאָ אויך נישט פֿעלן. פֿאַר יעדן פֿאַל, אַפילו די מענטשן פֿון אונדזער היגער געזאַנדשאַפֿט וואָס האָבן זיך שוין צוגעווינט זיך אויפֿצובויען באַגריפֿן וועגן דעם וואָס עס רינגלט זיי דאָ אַרום

און „תופס צו זיין אן ענין" פון אן ארייגעכאפטן שמועס, פון א ווונק פון פיצלעך און ברעקלעך פון בליץ־שנעלע איינדרוקן און פון נאָך אזעלכע „אימפּאָנדעראַבּיליעס" און פון אויספילן וואָס עס פעלט דורך אומבאגרינדעטער אינטואיציע — האָבן דאָס מאָל נישט געקאָנט גאר־נישט נישט זיך אָנשטויסן, וואָרעם עס האָט געפעלט די מינדסטע אינפאָרמאציע.

אַ פאַקט איז אז ביז היינט צו טאָג איז אין ראטנפארבאנד נישט פארעפנטלעכט געוואָרן קיין איין וואָרט וועגן דעם, אז די איינציקע יידישע צייטונג איבערן גאנצן לאנד (אויסער בירָאבידזשאן) איז אויסגעגאנגען און מיט איר איז פארשטומט געוואָרן די גאנצע קליינע גרופּע יידיש ־ אינטעלעקטואַלן — און אזוי וועט אויך זיין אויב זי וועט פלוצים צוריק אויפשטיין — פונקט ווי די גרויליקע ערד־ציטערניש וואָס האָט מיט א צוויי חדשים צוריק צעשטערט ביזן גרונט די הויפּט־שטאָט פון טורקמעניסטאן אשכאַבאַד און אומ־געבראַכט טויזנטער מענטשן, האָט זי זוכה געווען צו צוויי נישט־גרויסע, טרוקענע קאָמוניקאטן, מיט א צוגאָב פון א פּאָר פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכע נאָטיצן וועגן ווולקאנען און זייערע צעשטערערישע אייגנשאַפטן; פונקט ווי די מלוכהשע עקזיסטענץ פון א גאנצער אויטאָנאָמער געגנט אין סיביר (אַ מין „קאַנדידאט" אויף א זעלבשטענ־דיקער רעפּובליק), ווערט ליקווידירט דורך א מעלדונג פון פיר שורות אין סוף פונעם בויגן פון די „וויעדאָמאָסטי" (רעגירונג ־ אינפאָר־מאציעס) וואָס עס גיט ארויס דער מיניסטארן־ראט.

ס'איז דאָ, אלזא, נישט געווען קיין „דיסקרימינאציע" לגבי יידן אָדער, חלילה, א גרינגשאצן יידן...

וואָס שייך די אויספירונגען לגבי אונדזער צענטראלן פּראָבלעם, די פראגע פון אויסזיכטן אויף דערלויבן דאָ א פרייע עליה, איז — ווען אונדזער פּאָליטישע פּאָזיציע אין אונ"א וואָלט שוין געווען ענד־גילטיק סטאביליזירט און מיר וואָלטן נישט גערארפט אזוי צו ציטערן פאר יעדער שטימע פון פאר אָדער קעגן — וואָלט אפשר איצט געווען די צייט פאר א „פראָנט־אָנגריף" אין דער פאָרם פון א גרינטלעכן און דירעקטן משא ומתן. אָבער אזוי ווי אין אפריל וועט פאָרקומען דער המשך פון די פארהאנדלונגען, דארף מען זייער גוט וועגן און מעסטן צי ס'איז אונדז כדאי שוין איצט אַוועקצושטעלן א קאָמפּלי־צירטן יידישן פּראָבלעם, וואָס האָט א שייכות אויך צו דער סאָוויע־טישער אינערן־פּאָליטיק, אויף דער וואָגשאָל פון די אויסרעכע־נונגען פון דער רוסישער דיפּלאָמאַטיע, זי זאָל חלילה נישט שווערער מאַכן דער אויסערן־פּאָליטיק פון מדינת ישראל. אָבער איר, צוזאַמען מיט גאָלדען, זעט אפשר די ענינים אַ סך בעסער*).

*) פרוי מאיר איז דאן געווען אויף א קורצן באַזוך אין ישראל.

אין די לעצטע וואָכן האָבן זיך ארומגעדרייט ידיעות, אָפּטע און נישט קלאָרע, אז כאילו די דעמאָנסטראַציעס פון די מתפללים אינעם בית הכנסת איז די יום טוב טעג זאָל האָבן גורם געווען צו אַ טייל פון די קהילה־פירערס א „סך צרות". מיר האָבן דעם ענין נאָכגעפאָרשט פון פאַרשידענע זייטן און דער אויספיר איז אז די ידיעות זענען נישט קיין פּינקטלעכע. עס ווייזט זיך ארויס אז עמעץ פון דער מאכט האָט באזוכט דעם רב און האָט פאַרווערט דער קהילה צו קומען מיט אונדז אין אַ בריוו־קאָנטאַקט. און באמת, די גבאים פון שול האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַר אונדזער שליח, פאַרן נישט קענען נעמען ביי אים אַן אילוסטרירטן לוח פון „קרן היסוד" מיט א באגלייט־בריוו, וואָס עס האָט צו זיי געשיקט אונדזער געזאנדשאפט. דערפאַר זעט אויס, איז אויך נישט אָנגעקומען צו אונדז דער שיינער דאנק־בריוו (אין עברית) וועלכן מ'האָט פאר אונדז געלייענט בעת דער אינערלעכער צערעמאָניע פון איבערגעבן זיי די ספר־תורה, וועלכער האָט לויט די רייד פון קהילה־סעקרעטאַר געדאַרפט צו אונדז ארויסגעשיקט ווערן, כדי מיר זאָל אים איבערגעבן דער לייטונג פון גרויסן בית הכנסת אין תל־אביב".

אַ טעלעגראַפישע רעאגירונג פון אויסערן־מיניסטער האָב איך באקומען דעם 5־טן נאָוועמבער 1948 בזו הלשון:

„צו מירן. מיין רייזע און קראנקהייט האָבן אָפּגעהאַלטן מיין באשטעטיקונג און דאנק פאַרן באריכט וועלכן כ'האָב מיט אלע זיינע ביילאגעס געלייענט איז איין אָטעם, ווי א שפּאַנענדיקע דערציילונג. איך האָב צוזאַמען מיט אייך אלעמען דורכגעלעבט די איבערלעבונג פון דער באַגעגעניש מיט דער יידישער סביבה — א דער־פרישנדיקע אין איר אָנזאָג און א דערשיטערנדיקע אין איר טראַגיק. זייט געשטאַרקט. שערטאָק".

אויף וויפל די לאַגע איז שוין דאן געווען שארף וועט אפשר אילוסטרירן איין ענין, וואָס איז פארבונדן מיט איינער פון די וווּנדערלעכסטע געשטאַלטן צווישן די וויסנשאפט־לייט אין ראטנפארבאנד — דאָס איז פּראָפעסאָר לינא שטערן, וואָס איז דעמלט געווען די איינציקע יידישע פרוי אין דער רוסישער וויסנשאפטן־אקאדעמיע. זי איז געווען אַן אַמעריקאַנער יידישע פרוי, וואָס האָט צוליב אידעיש־אידעאַליסטישער ניגונג צום סאָוועטישן רעזשים פארלאָזט איר היים אין די 30־ער יאָרן און זיך באַזעצט אין ראַטנפאַרבאַנד ווו זי איז געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פון אַ גאָר־פּערפעקטן פאָרש־אינסטיטוט, וועלכע האָט באשעפטיקט ביי א 250 וויסנשאפטלעכע מיטארבעטער. איר וויסנשאפטלעכע גרויסקייט — וועלכע האָט זוכה געווען צו אַן אָפיציעלער באגייסטערטער אָנערקענונג פון דער מאכט

— איז געקומען א דאַנק אירע אנטדעקונגען ביים היילן קינדער־פּאַראַליזש. זי איז אויך געווען א מיטגליד אין יידישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

און אָט, בעת כ׳האָב אין 1.12.48 באַזוכט דעם הער לאַנדסמאַן, שטעל־פארטרעטער פונעם בעלגישן אמבאסאדאר, האָב איך זיך פון אים דערוווסט אז פּראָפ׳ לינא שטערן איז זיינע א באַקאנטע און גוטע פריינדין. לאַנדסמאַן פלעגט ביי איר אָפט וויזיטירן און זי פלעגט אויך אים באַזוכן די פאַרבינדונג צווישן זיי האָט זיך איינגעשטעלט אַ דאַנק אירס א וויסנשאַפטלעך בוך, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פלעמיש און איז דערשינען אין בעלגיע. אין דער לעצטער צייט איז דער אָנזען פון אָט דער אויסערגעוויינלעכער פרוי געפאַלן, צוליב דעם ביטערן און דורכדרינגלעכן וויכוח, אין שייכות מיט דעם אָפיציעלן קאַמף קעגן די השפּעות פון דער מערבדיקער וויסנשאַפט בכלל, און אין דער ביאָלאָגיע־פאָרשונג בפרט.

בדרך כלל פלעגן זיך אַזעלכע וויכוחים פאַרענדיקן דערמיט, וואָס די פאַרשיידענע אָפּנייגלער האָבן זיך מתוודה געווען און זיך עפנטלעך געשלאָגן על חטא. נישט אַזוי איז אָבער געווען מיט לינאַ שטערן, וואָס אויף דער זיצונג פון דער מעדיצינישער מלוכה־אַקאַדעמיע איז זי באַשטאַנען אויף דאָס איריקע. זי האָט נישט געוואָלט חרטה האָבן, און דער ענין איז עפנטלעך פאַראורטיילט געוואָרן אין דער פּרעסע.

דאָס איז געווען די אָפענע זייט פונעם ענין, אָבער לאַנדסמאַנס דערציילונג האָט באַרירט דאָס וואָס עס טוט זיך אָפּ הינטער די קוליסן. לויט זיין דערציילן, האָט אים פּראָפ׳ שטערן דערציילט בסוד, אַז זי האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן סכסוך אויף אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישן הינטערגרונט. אין איינעם אַ טאָג איז זי איינגעלאַדן געוואָרן צום סעקרעטאַר פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי, מאַלענקאָוו, און געבעטן געוואָרן צוצושטעלן די רשימה פון די מיטאַרבעטער. נאָך פראַגן און ענטפערס און נאָך אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש איז זי אויפגעפאָדערט געוואָרן אומצובייטן עטלעכע פון די מיטאַרבעטער, ווייל — דער פּראָצענט פון יידן אין אינסטיטוט גייט איבער יעדע גרענעץ. זי האָט זיך קעגנגעשטעלט קעגן אָט דעם זאַג, געענטפערט אַז זי האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט וועגן דער ראַסע־אָנגעהעריקייט פון אירע געהילפן בעתן אָננעמען זיי צו דער אַרבעט, נאָר זיי אויסגעקליבן אויפן סמך פון זייערע קוואַליפיקאַציעס, און זי האָט נישט בדעה אָנצונעמען אָט די פאָדערונג. ל. שטערן האָט זיך נישט באַגנוגנט דערמיט, נאָר דערגאַנגען ביז צו סטאַלינען און אים דערציילט די געשיכטע. און דאַן איז מאַלענקאָוו גערופן געוואָרן צו סטאַלינען און די פאַראָרדענונג איז אַנולירט געוואָרן.

ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג און לינאַ שטערן איז אַרעסטירט

געוואָרן און דערנאָך געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צוזאַמען מיט די יידישע שרייבערס, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן צום משפט. זי איז אָפּגעזעסן איר שטראָף און באַפרייט געוואָרן בעת דער „ליי־בעראַליזאַציע" נאָך סטאַלינס טויט. זי איז געשטאָרבן אין 1968.

אגב: אויף דער ערשטער אַנפּלעקונג פון אַנטיסעמיטיזם האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן בעת אונדזערע קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט רוסישע קינדער, וואָס האָבן געוווינט אינעם זעלבן האָטעל. מיכה, דער קלענערער יינגל פון גענעראַל ראַטנער, האָט אין איינעם אַ טאָג דער־ציילט, אַז בעת אַ קריגעריי מיט אַ רוסיש יינגל אין די קאָרידאָרן פון האָטעל, האָט אים דער רוסישער אַ זאָג געטאָן „זשיד!". ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון אָט דעם וואָרט און געפרעגט די עלטערן. אַז מ'האָט אים דערקלערט די באַדייטונג פון דעם אויסדרוק, האָט ער נישט לאַנג געוואַרט און אויף מאָרגן געפּאַקט דאָס יאַטל און אים גוט־גוט אָנגעשלאָגן. אין טעג אַרום האָט דער קליינער „גוי" געבעטן אַנטשולדיקונג אָן באַדינגונגען.

אָנהייב יאַנואַר 1949 האָב איך מיטגעטיילט:

„עס מערן זיך די קלאַנגען, אַז זוסקין, דער יורש פון מיכאָעלסן ווי הויפּט־אַרטיסט און לייטער פון טעאַטער, איז אַרעסטירט געוואָרן. צוזאַמען מיט איציק פעפער און דוד האָפשטיין, וואָס זענען לויט אַ פריערדיקער שמועה, אויך אַרעסטירט געוואָרן".

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך צוגעגעבן:

„אַ ידיעה פון אַ פּריוואַטער קוועלע, וועלכע איז נישט קאָנטראָ־לירט געוואָרן, זאָגט, אַז עס האָבן זיך באַנייט אַרעסטן אין שייכות מיט ציוניזם".

ערשט אין אָנהייב פעברואַר האָב איך געקאָנט ברייט שילדערן די אַנטוויקלונגען אין פאַרבינדונג דערמיט, אין רעזולטאַט פונעם עדות זאָגן פון אַ לינקער אַמעריקאַנער שרייבערין. און דאָס איז דער קיצור פון איר דערציילן:

צוזאַמען מיט אונדז, אין אונדזער מאַשין, איז געפאָרן צום באַל פון די אונגאַרן די אַמעריקאַנער שרייבערין אַנאַ לואיזאַ סטראָנג, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט געגעסן נאַכטמאָל מיט אונדז צוזאַמען ביי גאָלדען. דאָס איז אַן עלטערע פרוי, וואָס וווינט — מיט לאַנגע אינטערוואַלן — שוין העכער צוואַנציק יאָר אין רוסלאַנד, אַ סך אַרומ־גערייזט אין כינע, האָט געשריבן וועגן איר ביכער און ווערט געזען ווי אַ באַהאַוונטע אויף דעם געביט. אין 1935 איז זי געווען אין ביראָ־בידזשאַן, אָבער אַ סך דאָרט נישט געזען. מיט עטלעכע טעג צוריק

האָט זי זיך געטראָפן מיט גאָלדען אויף אַ מאָלצייט ביי ניומאַנען, פאָרשטייער פון „ניו־יאָרק העראַלד טריביון" און צווישן אַנדערס דערציילט, אַז אין די רעגירונגס־קרייזן איז טאַקע דאָ אַ בפירושע טענדענץ צו פאַרקלענערן דעם אָנטייל פון די יידן אין אינטעלעקטועלן לעבן. זיי פאַרנעמען דאָרט וויכטיקע „סטראַטעגישע פונקטן" (ליטעראַטור, ליטעראַטור־קריטיק, מעדיצינישע וויסנשאַפט, יוריסטיק, קונסט) — זאָגט פרוי סטראַנג — איבער יעדער פראָפּאָרץ און פאַרשפאַרן דעם וועג פאַר אויפשטייג פון נייע כוחות, באַזונדער פון צווישן די צוריקגעשטאַנענע מזרח־פעלקער, וואָס שטעלן איצט זייערע ערשטע שריט אויף דער אַרענע פון גייסטיקער קולטור מיט דער הילף און דערמוטיקונג פון דער מאַכט. וועגן די עצם פאַקטן פון אַרויסשטויסן יידן פון הויכע פאָזיציעס, וועגן שוועריקייטן ביים אָנקומען אין די אוניווערסיטעטן און ענלעכע ענינים — גיט זי איבער אין נאָמען פון אַ סך רוסישע און יידישע וויסנשאַפטלער. ס'איז, לויט איר, אין דעם נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם אָדער עפּעס ענלעכס; דער ראַטנפאַרבאַנד, ווי אַ נאַציאָנאַליטעטן־מדינה, קען נישט, לויט סטראַנגס מיינונג, גלייכגילטיק צוזען, ווי פאַכן און גאַנצע לעבנסוויכטיקע צווייגן, וואָס זענען אין דער זעלביקער מאָס וויכטיק פאַר אַלע פעלקער פונעם פאַרבאַנד, קאָנצענטרירן זיך אין די הענט פון איין פאָלק — אפילו ווען דאָס וואָלטן געווען גרויסרוסן *.

די זעלבע מיינונגען האָב איך אויך געהערט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט פון נאָ, פאָרשטייער פון פראַנס־פּרעס, וואָס האָט געהאַלטן,

* דער סוף פון פרוי סטראַנג — וועגן וועלכער ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן פון פעקין אין מערץ 1970, אַז זי איז דאָרטן געשטאָרבן — איז געווען אַ מאָדנער און אַ גאַנץ טרויעריקער. אין פעברואַר 1949 האָבן מיר באַגלייט גאָלדען צום פלי־פּלאַן, „ווּנוקאָוואָ" און זיצנדיק אינעם ספּעציעלן זאַל פאַר וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכער האָט געטראָגן אַן אויפשריפט „בלויז פאַר גענעראַלן און מיניסטאָרן", האָבן מיר געלייענט אַן איבעראַשנדיקע ידיעה, אַז אָט די פרוי סטראַנג איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געהיים־פּאָליציי און באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש ווי אַן אַמעריקאַנער אַגענטין און איז צום סוף אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ראַטנפאַרבאַנד. אירע לעצטע יאָרן האָט זי, ווי עס ווייזט זיך איצט אַרויס, פאַרבראַכט אין פאָלקס־כינע. פרוי סטראַנג איז, ווי געזאָגט, געווען אַן אַלטע פריינדין פון דעם ראַטנפאַרבאַנדישן רעזשים, און האָט געוווינט אין רוסלאַנד ביי אַ 20 יאָר. לויט אַ ווערסיע וואָס זעט אויס צו זיין אמת, האָט זי זיך פאַרזינדיקט דערמיט, וואָס פאַר איר באַזוכן כינע איז זי געווען ביים מאַרשאַל טיטאָ און האָט אַרויסגערופן צו זיך אַ חשד אין איניציאירן אַ פאַרבינדונג צווישן טיטאָן און די כינעזישע קאָמוניסטן, הינטער די פּלייצעס פון די סאָוויעטן.

אַז אין די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון סאָוויעטישן רוסלאַנד און זייער וועג ביים לייזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע, קאָן מען נישט אָננעמען דעם כּלל פֿון פּערזענלעכער גלייכקייט צווישן אַלע בירגער, ווי אַן איין־און־איינציקן כּלל. נאָר „מ׳דאַרף אויך זאָרגן פֿאַר נאַציאָנאַלער גלייכקייט צווישן די פֿעלקער".

דאָס איז, אַלזאָ, די „טעאָריע" פֿון אידעאָלאָגישן קוק־פּונקט. אָבער אין דער אמתן איז די לאַגע אומפֿאַרגלייכלעך קאָמפּליצירטער און באַזאָרגעוודיקער. וויפֿל מיר זאָלן זיך באַמיען צו זען די ענינים אָביעקטיוו. דאָס מיינט לאו דווקא „יידישלעך" און אוודאי נישט „אַנטי־סאָוויעטיש" — און מיר דאָ באַמיען זיך דאָס צו טאָן אויפֿריכטיק און מיט איינגעשפּאַרטקייט — וועלן מיר פֿאַרלייקענען דעם אכזריותדיקן אמת, אויב מיר וועלן פֿאַרזען, אַז אין די לעצטע חדשים האָט דער באָדן ממש גענומען ברענען אונטער די פֿיס פֿון דער גרויסער שיכט יידישע אינטעלעקטואַלן — טאַקע באַזונדער יידישע, און כּמעט נאָר זיי — ווי „פּאַספּאָרטנלאָזע אַנטי־פּאַטריאָטן", „פֿאָטערלאַנדלאָזע קאָסמאָפּאָליטן" און „אינערלעכע פֿיינט פֿון היימלאַנד". פֿאַרקריפּלער פֿון גייסטיקן געשטאַלט פֿונעם סאָוויעטישן פֿאָלק, באַשמוצער פֿון זיין קולטור און פֿאַרדאַרבער פֿון זיין געשמאַק, און נאָך און נאָך. פֿאַר יעדן פֿאַל, צווישן די צענדליקער נעמען פֿון שרייבערס און קינסטלערס, וואָס ווערן אויף די שפּאַלטן פֿון דער פּרעסע שוין וואָכן־לאַנג צוגענאָגלט צום שאַנד־סלופּ מיט אַזאַ ווילדן גרימצאָרן, וואָס זיין גלייכן איז נישט געווען שוין זינט די גרויסע „ריינײ־קונגען" אין די דרייסיקער יאָרן, ווערט מען זעלטן געפֿינען נישט־יידישע נעמען.

די אָפֿיציעלע עיקר־באַשולדיקונגען זענען: א. פּובליקאַציע, אָדער פּרוּוו צו פּובליקירן נעגאַטיווע קריטיק, אַ בפֿירושע אָדער מיט רמזים, קעגן אַ צאָל פּיעסעס און בילדער, אָדער אַ באַציאונג פֿון פֿאַרשווייגונג און גלייכגילטיקייט צו די ווערק פֿון אייניקע גאָר יונגע שרייבערס און קינסטלערס, אין זייער גרעסטער מערהייט רוסן, געבוירענע נאָך דער רעוואָלוציע, וואָס האָבן זייער עיקר לעבנסוועג דורכגעמאַכט אין די יאָרן פֿון דער מלחמה אָדער האַרט נאָך איר; ב. זייער שענדלעכע חוצפּה אויסצוגעפֿינען פּונקטן פֿון מערבֿדיקער השפּעה אין דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור פֿונעם ניינצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; ג. נאַציאָנאַלע אויסגעוואָרצלטקייט, אינטעליגענטישע געדאַנקען־אימפּאָטענץ, אומפֿעאיקייט צו פֿאַרשטיין די נשמה פֿון סאָוויעטישן בירגער, צו פֿילן זיין נאַציאָנאַלן שטאָלץ און אים לויבן; אומגעטריישאַפֿט צום פֿאָטערלאַנד, פֿרעמדקייט צו די נאַציאָנאַלע קול־

טור־ווערטן פון סאָוויעטישן רוסלאַנד, קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס איז בלויז און נאָר די צווייטע זייט פון דער מטבע וואָס איר נאָמען איז בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישקייט (פון אַן אַנדער פאָלק, נישט סאָוויעטישן); ד. כיטרע, גרויסהאַלטערישע און צוויי־פּנימדיקע באַהערשונג פון די וויכטיקסטע אַרטעריעס פון דעם אינטימסטן רוסישן גייסטיקן לעבן, אין טייל פאַלן — אויך באַקומענדיק (אָדער כדי צו באַקומען) מאַטעריעלן נוצן אויף אַ קאָרומפּירטן אופן, ווי איבערגעטריבענעם געהאַלט, טאָפּלטע שטעלעס א. אַנד.

און אויב אַ טייל יידן האָבן פון לאַנג־אָן פּסעוודאָנימען מיט אַ רוסישן אויסקלאַנג, קומען די פאַראורטיילער און שטעלן אַרויס מיט כוונה און אָן רחמנות פאַר דער עפנטלעכקייט זייערע יידישע נעמען: יאַקאָוולעוו — האָלצמאַן; מעלניקאָוו — מעלמאַן; כאָלאָדאָוו — מאַיראָוויטש. פון אַלגעמיינעם יידישן קוקפּונקט שטייען מיר דאָ אפשר ערב אַ נייער אַרומנעמענדיקער און ווייטגייענדיקער געשעעניש, פול מיט ענדערונגען און מיט זייער ערנסטע רעזולטאַטן, וועלכע מען טאָר נישט גרינגשעצן. דאָס גרויסע טרומייטערן אין אַלע פאַנפאַרן פון דער אָפיציעלער אַגיטאַציע קעגן „פאָרמאַליזם", „עסטעטיזם" און „מאָדערניזם", וועמענס טרעגערס עס זענען די מענטשן פון אָט דער „אַנטי־פּאַטריאָטישער גרופּע", לאָזט הערן קלאַנגען און אָנדייטונגען — און לעצטנס: קלאָרע און בפירושע — קעגן דעם ייד אינעם גייסטיקן לעבן אין ברייטסטן זין פון אָט דעם באַגריף און אויך קעגן דער יידישער „אַלוועלטלעכקייט" און קעגן יעדן גייסטיקן און קולטורעלן צובונד צו מדינת ישראל.

און אַזוי ווערט געזאָגט אינעם „יידישן אָפּזאַץ" אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" (אין שייכות מיט אַ פאָרשלאַג פאַר אַ פּלאַן פון אַ ליטעראַרישן לעקסיקאָן):

די קאָסמאָפּאָליטישע אָביעקטיוויסטישע אָנשויאונגען פון די מחברים פון דעם דאָזיקן לעקסיקאָן האָבן זיך אויפגעדעקט אין זייער זען די יידישע ליטעראַטור און אין די נעמען, וועלכע זיי האָבן אַריינגענומען אין דער דאָזיקער רובריק. די מחברים האָבן געמאַכט אַן „אינטערעסאַנטע" באַמערקונג: „דער דאָזיקער לעקסיקאָן נעמט אַרום די גאַנצע יידישע ליטעראַטור". די היינטצייטיקע יידישע ליטעראַטור פאַרנעמט אין אָט דעם בוך אַזאַ אָרט ווי עס פאַרנעמען די אוזבעקישע, קאַזאַכישע און גרוזינישע ליטעראַטורן צוזאַמענגענומען. די מחברים איזדיעקעווען זיך איבערן פּרינציפּ פון פּאַרטייאישקייט. איבערן גע־פיל פון פּאַרטייאישן פּאַטריאָטיזם. זיי נעמען אַריין צוזאַמען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, אָן אונטערצושיידן צווישן לאַנד און לאַנד, צווישן רעזשימס און רעזשימס, און הייבן דערמיט אַרויס אַ קאָסמאָפּאָליטיש,

בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטיש „געדאַנקעלע״ („אידייקאַ״), וואָס העלפט די פיינט פון אונדזער פאָטערלאַנד, וועגן אַן עקזיסטענץ פון אַ כלומרשטער „אַלוועלטלעכער״ יידישער ליטעראַטור. אין דער רשימה געפינען זיך סאָוויעטישע שרייבער זייט ביי זייט מיט פאַרברענטע היינטצייטיקע ביזנעסלייט פון אַמעריקע, פאַלעסטינע און אַנדערע לענדער. עס איז נישטאָ קיין אַנדערער נאָמען פאַר אַזאַ „קאָנצעפּציע״ ווי נאָר קעלנערישע קריכערישקייט פאַר די בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע אונדז פיינטלעכע טעאָריעס״. י. (יעווגעניע) קאָוואַלטשוק, 12.2.49.

ס'איז זייער מעגלעך, אַז דאָס גראָבע אונטערשטרייכן די „טאָפּעלע געטריישאַפט״ וועט דער ראַטנפאַרבאַנד קאָנסעקווענט פאָרזעצן.

אָן ספק, אַז די היגע יידישע מאַסן, און אויך די מיליאָנען לייענערס פון דער פּרעסע בכלל, פאָלגן נאָך מיט געשפּאַנטקייט — ווער מיט זאָרג און ווער מיט שטוינונג — דער דאָזיקער דראַמאַטישער אַנטוויקלונג, וואָס איז פאַרן סאָוויעטישן לייענער אַ פולשטענדיקע נייעס מיט אירע אידעאָלאָגישע פאָרמולירונגען, און זי רופט אַרויס פון די טיפענישן פינצטערע אַסאָציאַציעס פון די פאַרגאַנגענע יאָרן.

מעגלעך אַז די, וואָס פירן דורך די אַרבעט, טרייבן איבער און גליטשן זיך אַראָפּ צו וולגאַריטעט אין קעגנזאַץ צום ווילן פון זייערע רבים. אויב דאָס איז אַזוי — קענען זיי נאָך אין אַ ליאַדן טאָג הערן אַ שאַרפן אָנשריי: „צוריק!״ דערווייל אָבער איז די כוואַליע געגנוג מוטנע. און אויב איך בין זיך נישט טועה, איז זי נאָך ווייט פון איר הויכפונקט. ביז איצט האָט מען נאָך נישט געהערט אינעם אָנגרייפּערכאָר קיין איין שטים פון וועלכן ס'איז „כשרן״ שרייבער, וואָס שטאַמט פון יידן, הגם זיי זענען דאָ ווייער אַ סך. איז במילא פאַרשטענדלעך, אַז קיינער גייט נישט אַרויס פאַרטיידיקן די באַפאַלענע.

אַנהייב אַפּריל 1949 האָבן מיר געמאָלדן דער קריה, אַז זייט דאַן — מ'קען זאָגן געגנוי: פון 1־טן אַפּריל — האָט פּלוצים אויפגעהערט אין דער פּרעסע דער אַגרעסיווער אַנטי־יידישער טאָן אין דער דיסקוסיע מיט די „קאָסמאָפּאָליטן״ ס'איז געווען אַ קלאַנג, אַז מען האָט זיך משתדל געווען ביי סטאַלינען און פון דער הויך איז געגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג מ'זאָל אויפהערן דערמיט. דער וויכוח „אַרום דעם עניין״ איז ווייטער אָנגעגאַנגען, אָבער אַ ביסל אין אַן אַנדערן נוסח.

ס'האָט אויפגעהערט דאָס בייזוויליקע טאַדלען די מיט בפירושע יידישע נעמען ווי „פּאָספּאַרטלאָזע״ און ענלעכס, און דאָס דעשיפרירן די פּסעוודאָנימען פון יידישע גייסט־מענטשן — אַ זאַך וואָס האָט געדויערט אַריבער דריי חדשים און כמעט אַריינגעוואָרפן די דאָרטיקע יידן אין אַ צושטאַנד פון פּאַניק.

דאָס רייניקן זיך פון „קאָסמאָפּאָליטן" (פּאַקטיש: יידן) איז אויך ווייטער אָנגעגאַנגען, אויך די אָפּענסיווע אין דער פּרעסע. זייער שפּיץ איז איצט געווענדעט געוואָרן קעגן אַמעריקע און צווישן די פּאַרשי־דענע טאַדלונגען און פּאַרווורפן, צו וועלכע זי האָט זוכה געווען, אַריינגערעכנט ראַסן־דיסקרימינאַציע, איז אַריינגעפּלאָכטן געוואָרן, אַזוי אומדירעקט, אויך אַ טאַדלונג קעגן איר אַנטיסעמיטיזם. מ'האָט צו דעם צוועק ממש צונויפגעקליבן און פּאַרעפנטלעכט אַלטע אַנטי־אַמעריקע־אַרטיקלען פון מאַקסים גאָרקי, אין וועלכע ער האָט אויך פּאַראורטיילט דעם מערבדיקן אַנטיסעמיטיזם.

צווישן דער מחנה אָנגרייפערס און על־חטא־קלאַפּערס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן יידן. אַ צוויי־דריי יידן האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך באַלד אין אָנהייב צו די באַפאַלערס (דער שרייבער באָריס פּאָלעוואָי און אונדזער באַקאַנטער רעזשיסאָר מ. דאָנסקאָי) *, אָבער פאַר די לייענערס זענען זיי געבליבן נישט־יידן, וואָרום זייערע ליטעראַרישע פּסעוודאָנימען — אין קעגנזאַץ צו דעם שענדלעכן מנהג לגבי די אָנ־געגריפענע יידן — זענען נישט דעשיפרירט געוואָרן. אַ קורצע צייט פאַר דעם איז פאָרגעקומען דער ערשטער פאַל, וואָס אַ ייד האָט זיך מודה געווען אין דער זינד פון קאָסמאָפּאָליטיזם און מ'האָט אָפּיציעל מוחל געווען: מאַרגאַריטאַ אַליגער האָט זיך מודה געווען אין עסטע־טיזם, ליריזם און דאָס גלייכן, און חרטה געהאַט. צום סוף איז אין „קראָקאָדיל" (10.4.49) דערשינען אַ מאמר קעגן דער „קאָסמאָפּאָלי־טישער און אַנטי־פּאַטריאָטישער פּליי־נעסט" פון די „יוזאָפּסקיס און גורעוויטשעס" געשריבן פון באַוווסטן ד. זאַסלאַווסקי — אַן אומווירדיק אַרטיקל אין זין פון נישט אָפּהיטן דעם עלעמענטאַרסטן יידישן אייגן־כבוד און פון אומגעצוימטן באַנוצן זיך מיט שאָוויניסטישע טער־מינען, וואָס דער אַנטי־יידישער ריח פילט זיך פון זיי אויף מיילן ווייט.

אַזוי אַרום האָט זיך באַשטעטיקט מיין מיינונג, אַז אויב מען וועט אין די הויכע פּענצטער אויסגעפינען, אַז מ'דאַרף אַ ביסל צוימען אָדער פּאַרטושן דעם אַנטי־יידישן יצר, וועט עס געטאָן ווערן דורכן מאָביליזירן אין די רייען פון די אָנפאַלערס שרייבער, וואָס זייער יידישער אָפּשטאַם איז באַוווסט.

אויף אַ פּאַרזאַמלונג פון שרייבערס, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום דער זעלבער צייט, האָט מען זיך נאָך ווידער פּאַרנומען מיט די „קאָס־מאָפּאָליטן". אָבער די גיפטיקייט פון דער קריטיק איז שוין געווען

---

* זיי ביידע האָבן מעגלעך געהאַט אַ פּערזענלעכן גרונט צו באַפאַלן עט־לעכע פון די באַזייטיקטע קריטיקערס, ווייל יענע האָבן אין זייער צייט פּאַר־עפנטלעכט נעגאַטיווע אָפּשאַצונגען איבער די שאַפונגען פון די צוויי.

אַן אָפּגעשוואַכטע און האָט געטראָגן אַ מער „זאַכלעכן" ראַראַקטער. אויך דאָ זענען די מערהייט שרייבערס, וואָס האָבן זוכה געווען צו אַ נעגאַטיווער קריטיק, געווען יידן (ביאַליק, מאַטיליאָווע, יורי גערמאַן, קאַזאַקעוויטש, מעלניקאָוו, איסבאַך), אָבער צום ערשטן מאָל זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער ענין האָט מען נישט דערמאָנט די יידישע נעמען פון מעלניקאָוון (מעלמאַן) און פון איסבאַכן (איסאַק באַכראַך). און די עצם קריטיק קעגן איסבאַכן איז גאָר פאָרמולירט געוואָרן ווי כאילו אַ פאַרטיידיקן דאָס יידישע פאָלק קעגן זיין לשון־הרע... אויף אָט דער פאַרזאַמלונג האָט צום ערשטן מאָל גערעדט קעגן די „אַנטי־פאַטריאָטן" דער טאַלאַנטירטער שרייבער ב. גאָרבאַטאָוו, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט חדשים־לאַנג אָנגענומען אַ פול מויל וואַסער. די קריטיק פון יענע טעג קעגן דעם קאָסמאָפּאָליטיזם אין דער געשיכטע־פאָרשונג האָט דאָס מאָל אויך זיך געפירט אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק איינגעהאַלטענערן טאָן און סטיל כלפי די אָנגעגריפענע — אין זייער גרעסטער מערהייט יידן.

עס דאַרף באַזונדער אָפּגעצייכנט ווערן דאָס אַריינגעמען איליאַ ערענבורגן אין דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע צום שלום־קאָנגרעס אין פאַריז, גראָד אין דער צייט ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף זיינע ווערק, און נישט קוקנדיק דערויף וואָס ער האָט ביז דאַן נישט אָנטיילגענומען אין דער פאָלעמיק (אויף יעדן פאַל, איז קיין זאַך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זיין נאָמען). ס'איז אָן אַ ספק, אַז דאָס אַריינגעמען אַן איין און איינציקן ייד, אָבער אַ זייער באַרימטן, איז געמאַכט געוואָרן צוליב אויסערלעכע דעמאָנסטראַטיווע באַדערפענישן, כדי צו צעמישן די קאָרטן ביי אייניקע מערב־מענטשן, וואָס האָבן אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן אָנגרייפן דעם ראַטנפאַרבאַנד אויך אין דער „יידישער פראַגע" (אָט איז קיין איין ייד נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע צום שלום־קאָנגרעס אין אַמעריקע, און אויך נישט אינעם צוגרייטונג־קאָמיטעט צום שלום־צוזאַמענפאָר אין פאַריז, און אויך נישט ביי די צוזאַמענקומען פון די „פריינטשאַפט־ליגעס" אין בולגאַריע און אין בעלגיע). דערווייל אָבער איז אפשר געווען אין דעם אַ מין דעקלאַראַציע פאַר אינעווייניק, אַז מען דאַרף נישט פסלען יעדן ייד, אָן אונטערשייד.

אין אויספיר, וועלכן כ'בין געווען גרייט צו מאַכן פון אָט דעם גאַנצן פראָצעס, האָב איך שריפטלעך פאָרמולירט אין אַ מעמאָראַנדום, אין אָנהייב אַפריל 1949, צו מ. שרת, אין אָט די ווערטער:

„די סאָוויעטן זענען בכוח, מיט דער הילף פון זייערע פערפעקטע אָרגאַניזאַציע־ און פראָפּאַגאַנדע־מיטלען, אויפצוועקן אַ מין אינער־

לעבע באַוועגונג פון די רוסישע יידן און איר צוגעבן דעם כאַראַקטער פון אַ פּאָזיטיווער אונטערנעמונג, ווייניקסטנס אויבנאויפיק. די סאָוויעטישע מאַכט — אויב זי וועט נאָר זען אין דעם אַ נויטווענדיקייט און אַ וויכטיקע מלוכהשע אויפגאַבע — איז מסוגל זיך צו באַנוצן מיט אַלע שיטות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג (ווי חלוציזם, יידיש פּאַטערלאַנד, דאָס גייען אין דאָרף, פיזישע אַרבעט, אוניווערסיטעט, אויפלעבן די יידישע קולטור א. אַנד.) לטובת ביראָבידזשאַן, זיי קענען דערגייען אפילו ביז צום אָרגאַניזירן אַן עליה פון די לענדער וואָס געהערן צום מזרח־בלאָק, אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן לגבי די אַרמענער. די אַלץ וואַקסנדיקע שטערונגען לגבי דעם אַרויספאָרן קיין ישראל פון יענע לענדער, קאָן מען אפשר פאַרענטפערן נישט בלויז מיט די באַדערפענישן פון דער ווירטשאַפט און אויך נישט נאָר מיט די שמד־שטיק פון דער יעווסעקציע. דאָס שאַפן אַ יידיש־סאָוויעטישע זעלבשטענדיקע נאַציע פון אַ 2—3 מיליאָן, קאָן זיי נישט נאָר באַפרייען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, פון אַ האַרבן אינערלעכן פּראָבלעם, נאָר אויך אויספילן, ביי געוויסע באַדינגונגען, אַ וויכטיקע אויסערן־פּאָליטישע מיסיע. פון סאָוויעטישן פּאָליטישן קוק־ווינקל איז די געאָגראַפישע ווייטקייט פון ביראָבידזשאַן נישט קיין חסרון, נאָר אַ מעלה, ווייל אין דעם טייל וועלט (כינע, יאַפּאַן, אינדיע) געפינען זיך נישט קיין יידן און אין פאַל פון אַ מלחמה וועלן די יידן פון ביראָבידזשאַן נישט דאַרפן שטיין פנים אל פנים איין ייד קעגן אַנדערן פון ביידע זייטן גרענעץ. די באַנייטע אויפוואַכונג פון פּראָ־ציוניסטישע געפילן אין ס. ס. ס. ר. וועט זיכער דערמיט ליקווידירט ווערן.

ס'איז אויך כדאי צוצוגעבן, אַז אַ גיכע עקאָנאָמישע און טעכנישע אַנטוויקלונג פון דעם ראַיאָן איז — פאַר זיך אַליין — אַ וויכטיקער סאָוויעטישער ענין. עס זענען נישטאָ קיין גענוגנדיקע ידיעות וועגן מהות פון דער ברויזנדיקער אינדוסטריעלער טעטיקייט און נייע קאָלאָניזאַציע־אויפטואונגען אין מיטל־אַזיע און מזרחדיקער פון איר, ביז צו די ברעגן פון ים, אָבער עס זענען דאָ אַלע סימנים וועגן שיקן מאַסן נייע באַזעצערס אין אָט די אָפּגעשטאַנענע ראַיאָנען, אַריינגערעכנט דאָס מאָביליזירן צענער־טויזנטער יוגנטלעכע, טעכניקער און אַנדערע פאַכלייט, דורך אַ פרייוויליקער מאָביליזירונג — און דאָס, מיט אַלע מיטלען: פּראָפּאַגאַנדע, פּאַרטייאישע דיסציפּלין, מלוכהשער פּאַטריאָטיזם, ווירטשאַפטלעכע לאָקונגען, סאָציאַלע וויזיע, מיט צוזאָגן אינדיווידועלע וווינונגען און נאָך, און נאָך.

און אויב אפילו מ'וועט דאַרפן דורכפירן דאָס פּראָגראַם מיט צוואַנג־מיטלען, וועט מען זיך אויך נישט אָפּהאַלטן, אויב מ'וועט נאָר אויסגעפינען, אַז דאָס איז נייטיק. פאַר יעדן פאַל, ביי אַנדערע אומשטענדן (די טאַטאַרישע רעפּובליק אין קרים, דער דייטשער אויטאָ־

נאָמער געביט אויף דער וואַלגע און נאָך, און אין אַ ווייטערער פאַר־גאַנגענהייט — הונדערטער טויזנטער „קולאַקן” מיט זייערע משפחות) האָט מען זיך נישט געקווענקלט און מ'האָט אַריבערגעוואָרפן מאַסן אין ווייטע מרחקים מיט איין האַנט־באַוועג. ווי געזאָגט, מיין איך, אַז עס וועט בכלל נישט זיין נייטיק אָנצונעמען דירקעטע און גראָבע צוואַנג־מיטלען. עס זענען פאַראַנען גענוג און גענוג אומדירעקטע וועגן, און דאָס אַרויסשטויסן די יידן פון די לייכטע פאַכן צו וועלכע זיי זענען צוגעווינט, איז איינער פון זיי.

איך וואָלט זיך נישט פאַרנומען מיט דעם ענין און אוודאי וואָלט איך נישט באַשעפטיקט אַנדערע דערמיט, ווען איך וואָלט נישט גע־פילט פאַר מיין חוב צו וואָרענען קעגן אַזאַ האַרבער מעגלעכקייט פון שפּאַלטן דאָס יידישע פאָלק אויף צוויי באַזונדערע נאַציעס — שפּראַכלעכע, פּאָליטישע און טעריטאָריעלע, און ביי געוויסע באַדינ־גונגען — נישט דווקא פריינטלעכע — אויך אין שייכות מיט אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן לגבי די באַציאונגען צווישן ראַטנפאַר־באַנד און מדינת ישראל. ס'איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז דאָס מיינט נישט, אַז עס מוז געשען דווקא אַזוי, און ווען ס'וואָלט פאָרגע־קומען אַ פאַרבעסערונג אין די באַציאונגען צווישן מזרח און מערב און ס'וואָלט אומגעפאַלן אָט די בלינדע הויכע וואַנט פון קעגנזייטיקער שנאה און אָפּגעפרעמדקייט, וועלכע מען פלעגט מיט אַזאַ ריזיקן כוח, וואָלט אפשר פאַר די יידן זיך געעפנט אַ וועלכע ס'איז טיר אויף אָנצוהאַלטן אַ וואָסערן ס'איז קאָנטאַקט מיט זייערע ברידער אין אויס־לאַנד און מ'וואָלט אָנערקענט די „אַלוועלטלעכקייט” פון יידישן פאָלק און זיין קולטור, אַריינגערעכנט נאָך אַנדערע מיט דעם פאַרבונדענע אויספירן. אָבער אַזוי לאַנג ווי די אַנטוויקלונג איז אַ פאַרקערטע, דאַרף מען זען ניכטער די שווערע ווזיע פון אַן אַלץ פאַרשטאַרקטע־רער צעשיידונג, ביז אַבסאָלוטער איזאָלאַציע פון רוסישן יידנטום (און אפשר אויך פון דער שארית הפליטה, וואָס געפינט זיך אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער) נישט נאָר פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָר אויך פונעם גאַנצן יידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט.

כ'וויל זאָגן: די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיש־מיליטערישע סיטו־אַציע, וואָס זי אַליין איז מעגלעך אַ פאַרבייגייענדיקע און קאָן זיך אין פאַרלויף פון דער צייט ענדערן צום גוטן, קאָן דערוויל ברענגען צו גרינטלעכע ענדערונגען אינעם גורל פון יידנטום, וואָס זענען עלול גורם צו זיין אַ געוויין אויף דורות לאַנג. דאָ און דאָרט זעען זיך סימנים פאַר אַזאַ געפאַר און זי מוז שטיין פאַר אונדזערע אויגן שוין היינט, אויך ווען מיר זענען נישט בכוח זי צו פאַרמיידן”.

אַז די הערן לבבי, לפיד, בעזשעראַנאָ, קעסלמאַן און איך זענען

געקומען דעם צווייטן טאָג שבועות אין דער מאָסקווער גרויסער שול אַריין, האָבן מיר אַלע געהאַט דאָס געפיל פון אַ ביסל אַ בעסערער שטימונג ביי די דאַווענערס און פאַרוואַלטערס פון שול און אַ בולטע באַציאונג פון פריינטשאַפט, אין פאַרגלייך מיט דער נידערגעשלאָגנ־קייט, אומעט און צוריקגעהאַלטנקייט, וועלכע מיר האָבן דאָ געפילט פסח. מיר זענען אַלע אויפגערופן געוואָרן צו דער תורה, ווי אין די פריערדיקע פאַלן, און מיך האָט מען מכבד געווען מיט „מפטיר", אויך ווי דאַן. דאָס מאָל זענען ווידער געווען פרוון מצד דער גרויסער צאָל מתפללים, וואָס האָבן אויסגעפילט דעם בית־הכנסת, זיך צוצושטופּן נענטער צו אונדז, צו אונדזערע זיך־פּלעצער אויפן באַלעמער. אָבער די שמשים האָבן גוט באַהערשט די לאַגע און זיי נישט צוגעלאָזט. דער רב שליפער האָט זיך אפילו פאַרקלאָגט פאַר לפידן, אַז אונדזער געזאַנדשאַפט האָט אים די לעצטע צייט פאַרנאַכלעסיקט, און געבעטן דעם „דבר השבוע", דאָס בוך פון הרב י. פישמאַן (מימון) לזכר דעם הרב ריינעס, וואָס איז צו אים דורך אונדז געשיקט געוואָרן, און אויך — גאָר באַזונדער — געבעטן מיר זאָלן זאָרגן, אַז זיי זאָלן האָבן אתרוגים אויף סוכות.

ווידער האָבן מיר, און דער עולם, דורכגעלעבט מינוטן פון צערור־דערונג בעתן הזכרן די ספּעציעלע הזכרה פאַר אונדזערע געפאַלענע זעלנער בזו הלשון:

„יזכור ה' את נשמות אחינו בני ישראל שנפלו חלל על שדה־המלחמה על אדמת־הקודש ובעד חירות העם ועצמאותו".

דער־אָ נוסח איז געווען אביסל אַנדערש פונעם נוסח פון דער הזכרה, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן מיט מיין באַטייליקונג פאַר די ימים־נוראים, אַביסל ווייניקער „פּאָליטיש" און נעמט אין זיך אריין אַ רעליגיעזן פּונקט — „אדמת הקודש" — (די הייליקע ערד) וואָס איז דאַן נישט געווען, אָבער דער ספּעציפישער ישראלדיקער יסוד איז אינגאַנצן פאַרהיטן געוואָרן. אויך דאָס וואַגן, אַז וועלכער עס איז איניציאַטיוו מצד אונדז, איבערצוחזרן די עפנטלעכע צערעמאָניע, האָט עדות געזאָגט וועגן אַ געוויסער פאַרבעסערונג און אָפּפרישונג אין דער שטימונג. נאָר צי דאָס איז געווען בלויז א צופאַל, צי דאָס האָט אָפּגעשפּיגלט די אַלגעמיינע שטימונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג נאָך דעם ווי עס איז אביסל אַוועק די שפּאַנונג פונעם קאַמף קעגן די „קאָסמאָפּאָליטן" (לייען: יידן), אָדער מען האָט זיך פשוט באַוויזן צו־צוגעוווינען צו דער נייער לאַגע און ווייטער ממשיך זיין — דאָס איז שווער געווען צו וויסן.

אויף יעדן פאַל, בעת אונדזער אַרויסגיין פון שול דורך דער הינטער־טיר, כדי אויסצומיידן דאָס פאַרזאַמלען זיך פון נייגעריקע, האָט אונדז באַגלייט אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, וואָס האָט אריינ־געשעפּטשעט לבבין אין אויער אריין צוויי מאָל: צי ווייסט איר

אונדזער אמתע לאגע, צי ניין? מען דערשטיקט יעדע מעגלעכקייט פון געבן אויסדרוק אונדזערע געפילן, און מיר זענען שטום געצוווּנ־גענערהייט. ער האָט דאָס איבערגעחזרט און אונדז נישט צורו געלאָזט, ביז ער האָט געקראָגן אַן ענטפער, אַז זייער לאַגע איז אונדז גוט באַוווּסט.

ווען דער אלגעמיינער צאָל שולן אין ראַטנפאַרבאַנד אין 1949—1950 האָבן די רעגירונגס־קוועלן אָנגעגעבן פאַרשיידענע, קעגנזעצ־לעכע ציפערן. פון צייט צו צייט פלעגט מען געסט פון אויסלאַנד אָנ־געבן פאַרשיידענערליי ציפערן אָנהייבנדיק פון 150 און ענדיקנדיק ביי 500. עס איז נישט געווען קיין באַגרינדונג פאַר אָט די ציפערן. ווייטער קומט אַ באַמערקנסווערטע רשימה פון די בתי כנסת, וועלכע מיר האָבן זיך דערוווּסט אויף זיכער וועגן זייער קיום.

אין מיטן מאַי 1949 האָט מיך באַזוכט, צום דריטן מאָל שוין, אַ ייד, וואָס איז געווען אַ טעכנישער אַרבעטער אין מאָסקווער מוזיי. ער האָט איבערגעחזרט די באַקאַנטע דערציילונג, וועגן דעם קלאַנג וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די יידן, אַז בשעתו (נאָך ביי איר ערשטן ארויספאָר אין לאַנד אריין) איז גאָלדע צוריקגערופן געוואָרן, כאילו אויף דער פאָדערונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג, נאָכדעם ווי זי האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל דערלויבן אַ יידישע עליה פון דאַנען. ער האָט צוגעגעבן אַז דערווייל האָט זיך די שמועה נישט באַשטעטיקט, ווייל גראָד פון דער פּרעסע איז באַקאַנט געוואָרן, אַז זי איז אריין אין דער רעגירונג און זי האָט דאָך פאַרלאָזט מאָסקווע אַ דריי חדשים נאָך די־אַ קלאַנגען. אויך ווייסן די יידן, אַז זי איז פסח געווען אין שול און האָט באַזוכט דעם יידישן טעאַטער. לויט זיינע רייד האָט ביי די יידן געהערשט אַ געדריקטע שטימונג, דער עיקר צוליב דעם לאַנג־דויערנדיקן גיפטיקן אָנגריף אויף די „קאָסמאָפּאָליטן", צוליב די קלאַנ־גען וועגן ארעסטירן די יידישע שרייבערס און אַ טייל פונעם יידישן טעאַטער, און אויך ווייל עס זעט זיך נישט קיין מעגלעכקייט פון אַן עליה אין לאַנד אריין. ער האָט אַנגעגעבן אַ צאָל פון 200 ארעסטירטע — דאָס אַלץ לויט די קלאַנגען קיינער ווייסט דאָס אָבער נישט אויף זיכער. ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז עס איז אריינגעטרעטן אַ געוויסע דערלייכטערונג אין דער שטימונג פון די יידן נאָכדעם ווי עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די ידיעה, אַז איליא ערענבורג איז ארייגגע־נומען געוואָרן אין דער דעלעגאַציע צו דער שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז.

כמעט אין דער זעלבער צייט איז געקומען אין אונדזער געזאַנד־שאַפט אַן איינוווינער פון בּיראָבּידזשאַן. איך קאָן זיך נישט מוחל זיין וואָס איך בין גראָד דעמאָלט נישט געווען אין הויז. אויפן ערשטן ייד

פון בירָאבידזשאַן האָב איך געוואַרט לאַנגע חדשים און — אים פאַרפאַסט. בירָאבידזשאַן איז איצט געבליבן דער איינציקער אינדזל אינעם ראַטנפאַרבאַנד, וווּ מען זעט אַ געדרוקט יידיש אות. נישט אין מאָסקווע און נישט אין לענינגראַד איז נישט צו געפינען קיין זכר פון אַ צייטונג, בוך, אָדער העפטל אין יידיש, אויסער שריים וואָס וואַלגערן זיך אַרום דאָ און דאָרט אין אַ בוקיניסטישער קראָם פון אַ וועלכער עס איז אויסגאַבע פון „עמעס"־פאַרלאַג. פון איידער עס איז געשלאָסן געוואָרן די „איינִיקייט". עס זענען געווען עטלעכע געלעגנהייטן, ווען דער שכל האָט מחייב געווען דאָס אויסשטעלן אַ יידיש בוך — און עס איז נישט אויסגעשטעלט געוואָרן. לכבוד 10 יאָר זינט עס איז דערשינען דער „קורצער קורס פון דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי" (פון י. סטאַלין) זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ סך פּראַקטיקע אויסשטעלונגען, צווישן זיי אויך אויסשטעלונגען פון אָט דעם בוך, וועלכער איז דערשינען דאָ אין די אַלע צענדליקער שפּראַכן. אַזוי איז אויך געווען דער פאַל, כמעט אין דער זעלבער צייט, בעת די פייערונגען פון פּושקין־יוביליי. די איינציקע שפּראַך וואָס האָט געפעלט, איז געווען יידיש. דער „קורצער קורס", למשל, איז דאָך בשעתו דערשינען אויך אין יידיש. איך האָב אים נישט איין מאָל אַליין געזען ביי בוקיניסטן — און ער איז נישט אויסגעשטעלט געוואָרן...

נישט געקוקט אויף דעם נאַטירלעכן אינערלעכן נישט וועלן גלייבן אין דעם, אַז עס איז פאַראַן אַ בפירושע טענדענץ אויסצומעקן יעדן זכר פון יידישער קולטור (אין יידיש) איז נישט מעגלעך געווען צו איגנאָרירן די ממשותדיקע פאַקטן, אַז מען קאָן דערפאַר נישט געפינען קיין אַנדער לאָגישן אויסטייטש. לעצטנס האָט מען געוויזן אין מאָסקווע דעם פּוילישן פילם וועגן אוישוויץ („דער לעצטער וועג", געוויזן אויך איז לאָנדאָן). די צייטונגען האָבן באַגלייט דעם פילם מיט אויספירלעכע רעצענזיעס, ווען עס האָט געוואָלט אויפקלערן די ראָל פון דער רוסישער קראַנקן־שוועסטער ווי די היטלער־העלדין און ווייזן דאָס פירן די באַנען צו די גאַז־קאַמערן — באַנען אָנגעפּראָפּטע מיט „רוסן, פּאָליאַקן, יוגאָסלאַוון, סלאָוואַקן, פראַנצויזן, האָלענדער, בעלגיער און אַנדערע". קיין איין איינציק וואָרט נישט וועגן יידן איך ביי געווען זיכער, אַז די פּוילישע פילמירער האָבן דאָס פאַרשוועכט דעם אָנדענק פון די אויסגעמאָרדעטע מיליאָנען יידן, און זיי אויסגעמעקט פון דעם נאַציסטן פאַרפייניקונג־בוך. ביז איך בין געגאַנגען זען דעם פילם און זיך איבערצייגט, אַז בלויז די סאָוויעטישע רעצענזענטן זענען שולדיק אין דער פעלשונג. דער פּוילישער פילם האָט כלל נישט פאַרמישט דאָס אָרט און דעם גורל פון די יידן, ווי דעם עיקרדיקן און באַזונדערן אָביעקט פאַר דער נאַצישער אכזריות.

פיל אַרעסטאַנטן זענען דערשינען מיטן „מגן דוד" אויף די אַרבל,

און די הויפּט־העלדין, די אָרגאַניזירערין פֿונעם אויפֿשטאַנד — איז נישט די רוסישע פֿרוי נאָר מאַרטאַ — וואָס דערשייַנט אינעם פֿילם אַלס ייִדישע און איר נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט ווערט בפירוש אָנ־געגעבן. אמת, עס איז דאָרט נישט געוויזן געוואָרן קיין שום „ציוניס־טישער” מאָמענט, אָבער די ספּעציפֿיש־ייִדישע זייט פֿונעם אומגליק איז געגנוג אונטערגעשטראָכן געוואָרן און ער איז דאָס געווען דער צענטראַל־פּונקט פֿונעם פֿילם.

און נאָך אַ פּרט פֿון אַ סך ענלעכע פּרטים: אין טאָג פֿון דער סאָ־וויעטישער אַרמיי — דעם 23־טן פֿעברואַר 1950 — איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן סטאַלינס אַן אַרטיקל און אין אים ווערט געזאָגט, אַז דער ערשטער ראַקעטן־עראָפּלאַן איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ בשותּפֿותדיקער קאָנסטרוקציע פֿון צוויי עראָפּלאַן־בויערס, איינער — מיקאָיאַן און דער צווייטער — גורעוויטש. אָבער אין דער געדרוקטער פּראָגראַמקע לכּבֿוד דעם דאָזיקן טאָג ווי אויך אין די מעלדונגען פֿון ראַדיאָ און אין די באַריכטן אין דער פּרעסע צומאָרגנס, איז שוין גורעוויטשס נאָמען נישט דערמאָנט געוואָרן...

מיט דער מלאָכה פֿון אויסמעקן יעדן זכר פֿון ייִדן און ייִדישקייט, האָט מען זיך, אַלזאָ, פֿאַרנומען אין מאָסקווע אָן אַן אָפּהאַלט און אָן קיין שום בושה.

אַביסל אַן אַנדערער פֿאַרלויף איז פֿאָרגעקומען אין שייכות מיטן באַרימטן נעגער־זינגער פּאָל ראָבסאָן, וואָס האָט געוויילט אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד אין פֿרילינג 1949 און איז אַרויסגעטרעטן מיט קאָנצערטן, וועלכע האָבן צוגעצויגן אַ ריזיקן עולם. אויף זיין ערשטן קאָנצערט, וועלכער איז אויך טראַנסלירט געוואָרן דורכן דאָרטיקן ראַדיאָ האָט ער געזונגען אויף ייִדיש — „דאָס ליד פֿון געטאָ”. עס איז נישט צו באַשרייבן דעם שטורעם פֿון די אַפּלאָדיסמענטן מיט וועלכע דער עולם האָט אים באַשענקט. וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט אַ לאַנגע צייט — אַ סך אַ סך מער, ווי דאָס בראַוואָ־פּאַטשערייַ פֿאַר אַנדערע טיילן פֿו־נעם פּראָגראַם. דאָס גאַנצע לאַנד האָט, אויב אַזוי, געהערט, וואָס עס האָט זיך געטון אין קאָנצערט־זאַל. אָבער אין די גענויע איבערזיכטן וואָס זענען צומאָרגנס פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אַלע צייטונגען, איז געווען געשריבן, אַז ראָבסאָן האָט געזונגען „סאָוויעטישע, נעגע־רישע, ענגלישע, כינעזישע, שפּאַנישע, פֿראַנצויזישע און אַנדערע לידער”. אַזוי אַ — גענוי אַזוי — אין אַלע צייטונגען. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז לגבי דעם צווייטן קאָנצערט איז שוין געווען אַביסל אַנדערש, אויך אין דעם האָט ער געזונגען אין ייִדיש, נאָר דאָס מאָל האָט שוין די פּרעסע צוגעגעבן אויך דאָס וואָרט „ייִדישע”. אויפֿן

דריטן קאָנצערט, אויף וועלכן איך און נאָך עטלעכע מענטשן פֿון אונדזער געזאַנגשאַפֿט זענען בייגעווען, האָבן מיר שוין נישט זוכה געווען צו הערן אים זינגען אין יידיש; ער האָט בלויז געזונגען אין רוסיש און אין ענגליש

דוכט זיך, אַז דאָס דעמאָנסטרירן דעם פּוילישן פֿילם און דאָס דערשיינען פֿון פּאָל ראָבסאָנען האָבן אונדז דאַ־הי געגעבן די ערשטע מעגלעכקייט צו הערן אין ראַדיאָ וועגן יידישן פֿאָלק און זיין עקזיסטענץ (אויסער ענינים וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיט מדינת ישראל) — אין ביידע פֿאַלן מיט אַ פּאָזיטיווער טענדענץ און אַ דאַנק פֿרעמדע, און נישט אַן אַ פּרוּוו פֿון די אָרטיקע צו פֿאַרטושן די דאָזיקע זייט פֿון זייער דערשיינען.

אין סעפּטעמבער 1949, אַ יאָר נאָך מיין וויילן אין מאָסקווע, האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט גענוג פּרטים אויף צונויפֿצושטעלן אַ צייטווייליקן סך־הכּל — אַ נאָמענטלעכן, אַ סטאַטיסטישן און אַ וועזנטלעכן — וועגן דער ווילדער אַנטיסעמיטישער אַקציע, וואָס האָט זיך געפֿירט זייט נאָוועמבער 1948, אונטער דעם דינעם צודעק פֿון „אַנטי־קאָסמאָפּאָליטיזם” מיט דעם גאַנצן גרויליקן כּוח וואָס דער סאָוויעטישער רעזשים קאָן אָנווענדן.

דעם צווישן־סך־הכּל מיטן אויסרעכענען די נעמען האָב איך דאַן איבערגעשיקט ווי אַ ספּעציעלן באַריכט צום אויסערן־מיניסטער משה שרת, ער ווערט דאָ געבראַכט כּמעט אינגאַנצן אין זיין אָריגינעלן נוסח, אָן צוגאָבן און אָן פּירושים.

דער פֿאַקטישער מאַטעריאַל איז אויפֿגעזאַמלט געוואָרן ביים נאָכגיין טריט ביי טריט די פֿאָלגנדיקע צייטונגען און צייטשריפֿטן: „פּראַוודאַ”, „איזוועסטיאַ”, „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ”, „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ”, „קולטורא אי זשיזן”, „סאָוויעטסקאָיע איסקוסטוואָ”, „טרוד”, „קראָקאָדיל”, „מאָסקאָווסקי באָלשעוויק”, „מאָסקאָווסקי קאָמסאָמאָלעץ”, „וויעטשערנאַיאַ מאָסקוואַ”, די אוקראַאינישע „פּראַוודאַ”, „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ” די מאָסקווער „היימלאַנד”, דעם קיעווער „דער שטערן”, „סאָוויעטסקאַיאַ בעלאָרוסיאַ”, „וויזאַנטייסקי וורעמעניק”, „פּלאַנאָוואָיע כאָזיאַסטוואָ”, „וואָפּראָסי פֿילאָסאָפֿיי”, „וואָפּראָסי היסטאָריאַי”, „וואָפּראָסי עקאָנאָמיקי”, „וויעסטניק דריעוונייעי איסטאָריאַי” און די חדשים־זשורנאַלן „נאָווי מיר”, „אָקטיאַבר”, „באָלשעוויק” און „זוויעזדאַ”

צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן ברענגען מיר אין סוף פֿונעם

בוך אויך א רשימה פון יידן און נישט־יידן פון די געביטן פון קונסט, ליטעראַטור און וויסנשאַפט, וואָס זענען עפנטלעך באַשמוצט און געסטעמפלט געוואָרן. נאָר דאָ, אין דעם איצטיקן קאַפּיטל, וועלן מיר קודם ברענגען די נעמען פון יידישע שרייבערס.

זייערע נעמען זענען עפנטלעך נישט פאַראורטיילט געוואָרן, זיי זענען בלויז אַלע לחלוטין פאַרשטומט געוואָרן*) נאָכן ליקווידירן די „אייניקייט" און די פעריאָדישע זאַמלביכער „דער שטערן" (קיעוו) און „היימלאַנד" (מאָסקווע), און נאָך דעם ווי ס׳איז געשלאָסן געוואָרן דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט און די דרוקעריי „עמעס" און דער „עמעס"־פאַרלאַג. בלויז דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" גייט ווייטער אַרויס, ער געפינט זיך אָבער נישט אין מאָסקווע. נישט צום פאַרקויפן און נישט צו אַבאָנירן לויט א באַריכט וועלכן עס האָט אָפּגעגעבן דער שרייבער קאָרנייטשוק (דער מאַן פון וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ), סעקרעטאַר פון די שרייבערס אין אוקראַינע, אויף זייער קאָנפערענץ, זענען אין זייער שרייבער־פאַרבאַנד געווען אויך 35 יידישע שרייבערס, אין סוף 1948. ס׳איז דעריבער אָפּצושאַצן די צאָל שרייבערס וואָס האָבן געשריבן יידיש אין מאָסקווע, ווייסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד א. א. אויף ווייניקסטנס נאָך א 100 מענטשן**). די נאָמענטלעכע רשימה, פון שרייבערס, קריטיקערס און פאָרשערס, וועלכע כ׳האָב צונויפגעזאַמלט פון די פעריאָדישע יידישע אויסגאַבעס פאַרן יאָר 1947—1948, דאָס מיינט: איידער מ׳האָט זיי פאַרמאַכט, דערגייט אויך ביז צו א 150 פּערזאָן.

און אָט איז די רשימה:

אויסלענדער נחום, אייזלבירט יוסף, אַלטמאַן משה, אַלטשולער מ. אַליעווסקי ב., אַראָנסקי מ., אָרלאַנד ה., אַשעראָוויטש הירש, באָר־

---

*) אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1948 איז געמאַכט געוואָרן גרויס רעקלאַמע דער פולער רוסישער איבערזעצונג פון שלום עליכמס אַלע ווערק, וואָס „האַלטן ביים דערשיינען" און מ׳האָט געפירט א מאַסנהאַפטן פאָר־פאַרקויף. דער ערשטער באַנד איז דערשינען און — מער נישט.

**) דער ליטעראַטור־קריטיקער י. נוסינאָוו האָט דערציילט אַז דריי פערטל פון אַלע יידישע שרייבערס אין ס.ס.ס.ר. האָבן געקעמפט אויף די פראָנטן קעגן היטלערן. און פון זיי זענען געפאַלן אין די שלאַכטן 38 מאַן. י. דאָברושין זאָגט, אַז עס זענען געפאַלן מער ווי 40 שרייבערס. („היימלאַנד" מאָסקווע, באַנד 1. 5).

זשעס ס., (בּיראָבּידזשאַן), בּוימוואָל רחל, בּוכבּינדער י., בּיעלינסקי משה, בּענדאַס ד. בּערגעלסאָן דוד, בּערעגאָווסקי מ., בּראָדערזאָן משה, בּרוקאַש מ., גאָדינער ש., גאָלבּשטיין מ., גאָלדנבּערג ר., גאָלדשטיין מ., גאָנטאַר א., גאָרדאָן עליע, גאָרדאָן ש., גאָרנשטיין לייב, גאָרשמאַן שירע גוטיאַנסקי, גען טוביה, גרוביאַן מ., גובּיצקי עליע, גרינוואַלד י., דאָבין ה. (בּיראָבּידזשאַן), דאָבּרושין י., דובּינסקי מ., דיאַמאַנט, דניאל מ. (ד. מאַיראָוויטש), דער נסתר, דרוקער אימרע, דריז שיקע, האַלפּערן ב., האַלקין שמואל, האָפּשטיין דוד, האָפּשטיין וו., האַרצמאַן, העלער בּינם, וואַסערמאַן ליובּע (בּיראָ־בּידזשאַן), ווײמאַן ב., ווערגעליס אהרן (בּיראָבּידזשאַן) *), ווערניטע ש., זילבּערמאַן ח., זינגער ל., זעלדין, טאַבּאַטשניקאָוו כ., טאַלאַ־לאַיעווסקי מ., טאָקער חיים, טעלעסין זיאַמע, יודיצקי י., יעלין מ., יקיר יאַנקל, כּאַלאַדענקאָ שפרה, כּאַראַץ מאיר, כהן אבֿרהם, כּייקין דאָרע, לויצקער, ליבּאָמירסקי י., ליובּאַרסקי ע., ליומקעס י., לוריע נח, ליפשיץ מ., לעגין ל., לעוו, מ., לעווין גריגאָרי, לעווין ה., לעווין חנה, לערנער יאָסל, מאַלטינסקי חיים, מאַרקיש פּרץ, מאַשאָוויטש ג., מיידאַנסקי מ., מילער בוזי, מעלאַמוד כ., נוסאָוויטש מ., סאַקציער מאָטל, סטעלמאַך אנא, סיטאָ פייוול, סלאָנים י., סלוצקי (בּיראָ־בּידזשאַן), סמאָליער הירש, סערעבריאַני י., ספּיוואַק פּראָפ., עמיאָט י. (בּיראָבּידזשאַן), עלינג וו., פאַליאַנקער הערשל, פאַליקמאַן י., פאַלקאָוויטש אלי, פייקינאַ ש., פינטשעווסקי משה, פינינבערג עזרא, פינקל אורי, פלאָטנער אייזיק, פעפער איציק, פערסאָוו ש., פרומקין א., קאַברינסקי מ., קאַהאַן ע., קאַזאַקעוויטש עמיל (בּיראָבּידזשאַן) קאַמיניעצקי, קאַצאָוויטש לייזער, קוויטקאָ לייב, קופערשמיד ש., קושניראָוו אהרן, קיפּניס איציק, קערלער יוסף, קריטשעווסקי פּ., ראָבין י. ראָבינאָוויטש ישראל, ראַבינקאָוו ה. (בּיראָבּידזשאַן), ראָסין ש. רובין רבקה, רויטמאַן ש., ריווקין הערץ, שוועדיק ה., שומסקי א., שטורמאַן מ. שטערנבּערג יעקב, שניאור (אָקון) ז., שעכטמאַן ע., שרייבּמאַן י., וולאַדניצקי א., טייץ משה.

פאַראַן נאָך נעמען וואָס זענען נישט דערגאַנגען צו פּובּלי־קאַציעס. עס גייט דאָ די רייד וועגן נעמען פון יידישע טעאַטער־מענטשן אין מאָסקווע, קיעוו און מינסק וואָס זענען באַזייטיקט גע־וואָרן פון זייערע פּאָסטנס. ס׳איז בּלויז געווען באַוווּסט, אַז זוסקין, דער יורש פון מיכאָעלס ז״ל אין מאָסקווער יידישן טעאַטער, איז פּלוצעם געוואָרן און מ׳ווייסט נישט ווו ער געפינט זיך. עס זענען אויך פאַרשווּנדן געוואָרן פונעם וועסטיבּיול פון אָט דעם טעאַטער די בּילדער פון מיכאָעלסן, פון פעפערן און זוסקינען, וועלכע כ׳האָב מיט מיינע אייגענע אייגן געזען, בּעת מיינע ערשטע באַזוכן אין טעאַטער,

* היינט רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

ווינטער 1948. ס'איז אויך אראָפּגענומען געוואָרן דער נאָמען מיכאָעלס *) ווי דער אָפיציעלער נאָמען פונעם טעאַטער. (אגב זענען אין אָנהייב אויגוסט פון יענעם יאָר, אויף אַ געוויסער צייט איבערגעריסן געוואָרן די פאָרשטעלונגען אינעם יידישן טעאַטער). אין דער מעלדונג אויף דער טיר איז געווען געשריבן, אַז מ'האָט פאַרריכט דעם בנין און וועגן באַגייען דעם סעזאָן וועט באַזונדער געמאָלדן ווערן. אין דער פּרעסע איז נישט געווען קיין שום מעלדונג וועגן דעם צייטווייליקן שליסן דאָס טעאַטער.

עס זענען אָבער געווען מעלדונגען וועגן פאַרקויף פון אַבאָנאַמענטן־קאַרטן. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען די פאָרשטעלונגען באַנייט געוואָרן, אָבער צום סוף איז, ווי געזאָגט, דאָס טעאַטער אין גאַנצן פאַרמאַכט געוואָרן און זיינע אַרטיסטן האָבן געהאַט אַ ביטערן סוף.

נעמען פון שרייבערס, קינסטלערס און וויסנשאַפטלערס וועמען די „ריינקונג” האָט געטראָפן אין פארשידענע רעפובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן פעלן, ווייל קיין צייטונגען פון יענע ערטער האָבן מיר אין מאָסקווע נישט געקאָנט באַקומען. בלויז זייער אַ קליינע צאָל נעמען, דער עיקר פון ווייסרוסלאַנד איז אריין אין די רשימות, אויפן

*) עס זענען פאראן א סך ווערסיעס וועגן די אומשטענדן פון מיכאָעלסעס טויט. דאָס בשותפותדיקע אין זיי אלע איז דאָס, וואָס אלע גיבן צו אז ער איז נישט געשטאָרבן מיט א נאַטירלעכן טויט. אין דער בראָשור, וועלכע איז דאן פארעפנטלעכט געוואָרן רעדט זיך סתם וועגן זיין „טראגישן טויט”. א יידישער בחור פון פינסק, גאָלדעס א קרוב, וואָס האָט אונדז באזוכט אין סוף 1948 האָט דערציילט, אז די ווערסיע וואָס איז פארשפרייט אויף דער יידישער גאס איז, אז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך ווייסרוסישע אנטיסעמיטן לעבן מינסק, אויף זיין צוריקוועג קיין מאָסקווע. דאָס זעלבע האָבן מיר אויך געהערט פון א באַאמטער פון דער ענגלישער אמבאסאדע. פאַרקער, דער ענגלישער זשורנאַליסט, קאָרעספּאָנדענט פון „טעלפרעס”, א פראָ־קאָמוניסט, זאָגט, אז דער שאָפער און מיכאָעלס אליין און נאָך א יונגער שרייבער, אן אָנהייבער, אלע דריי זענען געווען שיכור און זייער אויטאָ האָט זיך איבערגעקערט. געווען אזעלכע וואָס האָבן דערציילט, אז ער איז געפאָרן אין א שליחות כדי צו קאָנטראָלירן דעם מינסקער ווייסרוסישן טעאטער, ער האָט דאָרט געפּסלט א סך פון זייערע פאָרשטעלונגען און די געטראָפענע האָבן זיך אָן אים נוקם געווען. לעצטנס האָט זיך ארויסגעוויזן פון זיכערע קוועלן, אז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אויף סטאַלינס באפעל; וועגן דעם זע אין צווייטן בוך פון סטאלינס טאָכטער סוועטלאנא אַלילועוואַ „בלויז איין יאָר”.

יסוד פון פראַגמענטאַרע ידיעות וועלכע זענען געווען אין די מאָס־קווער צייטונגען.

אויך זענען נישט אריינגענומען געוואָרן די נעמען וואָס זענען געטאַדלט געוואָרן בעתן גרויסן ביאַלאַגישן דיספּוט (מאַרגאַן און מאַנדעל קעגן מיטשורין און ליסענקאָ) און אין די שטורמישע וויכוחים צווישן די פילאָזאָפן אין די יאָרן 1947—1948. ביידע האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף, ווען אונדזער געזאַנדשאַפט איז אָנגעקומען אין מאָסקווע. עס זענען באַקאַנט בלויז צוויי פאַקטן: 1. פּראָפ׳ לינאַ שטערן — די איינציקע יידישע פרוי אין דער וויסנשאַפטן־אַקאַדעמיע, וואָס איז אין דער פּאַרגאַנגענהייט געווען אויסער־געוויינלעך געשאַצט — איז אָפּגעשאַצט געוואָרן נעגאַטיוו אין דער פרעסע אין שייכות מיט דעם ביאַלאַגישן וויכוח, און איר נאָמען האָט זיך נישט געפונען אין דער רשימה פון די ביאָגראַ־פיעס פון די סאָוויעטישע געלערנטע — אַ דיקער באַנד, וואָס איז דערשינען אין סאַמע ברען פון „אידעאָלאָגישן״ קאַמף. 2. אונדזער חבר י. קעסלמאַן האָט ליגנדיק אין באַרימטן שפּיטאָל אויף באָט־קינס נאָמען, געהערט וועגן אַרעסט פונעם שפּיטאָל ־ דירעקטאָר (אָדער איינער פון די דירעקטאָרן) ד״ר שימילאָוויטש. לינאַ שטערן און ד״ר שימילאָוויטש זענען ביידע געווען מיטגלידער אינעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט (דאַקעגן איז דער נאָמען פון יידישן גענעראַל יעקב קרייזער, העלד פון ראָטנפאַרבאַנד, וואָס איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט, יאָ אַמאָל דערמאָנט געוואָרן אין אַ רשימה פון חברים וואָס זענען געשטאַנען ווי אַן ערן־וואַך ביים אָרון פון איינעם אַ חשובן סאָוויעטישן גענעראַל, וואָס איז געשטאָרבן אין אָנהייב 1949).

מ׳קאָן אויך נישט וויסן, צי ס׳איז עפּעס געשען, און וואָס עס איז געשען, מיט די פאָרשערס פון דער געשיכטע פון אוראַלטן מזרח. אין שאָטן פון אָט דעם וויסנשאַפט ־ צווייג האָבן זיך אַרומגעדרייט, נעבן די נישט־יידן אויך אַ ביסל יידן, געלערנטע, שטוב־זיצערס, וואָס האָבן פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט פאָרש־אַרבעטן וועגן אַלטער יידישער געשיכטע אין די וויסנשאַפטלעכע זאַמל ־ ביכער „סאָוועטסקאָיע וואָסטאָקאָוועדיעניע״ (סאָוויעטישע אָריענטאַליסטיק) און אין „וויעסטניק דרעווניעי איסטאָריאי״ (ביולעטין פאַר אַל־טערטימלעכער געשיכטע). אָבער דער אַ זאַמלבוך האָט אויפגע־הערט צו דערשיינען פון 1948 אָן (עטלעכע פון זיינע בענד האָב איך געשיקט צו ד. בן־גוריון). זיי האָבן געהאַט אין זיך אויך אַ פאָרש־אַרבעט פון סאָלאָדוכאָ וועגן ווירטשאַפטלעכן רעזשים אין דער אַלטערטימלעכער יהודה, לויטן תלמוד און משנה, און אַ פאָר־שונג פון מ. פיגולעווסקאַיאַ — נישט קיין יידישע — וועגן איינ־פלוס פון דער אַראַבישער ליטעראַטור אויף דער העברעאישער

פּאָעזיע אין מיטל־אַלטער. איןביידע פאַלן זענען אויך געבראַכט געוואָרן די העברעאישע טעקסטן אין העברעאישער שריפט), און דער ביולעטין האָט אויפגעהערט זיך צו פאַרנעמען מיט יידישע טעמעס.

ס'איז אויסער יעדן ספק, אַז די ריייניקונג האָט געטראָפן אויך אַ סך אַנדערע וועמענס נעמען עס זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן — אַנאָנימע טוערס פון צווייטן און דריטן ראַנג. איינע פון די אָפיציעלע טענות קעגן די „קאָסמאָפּאָליטן" איז געווען, אַז זיי גרופּירן זיך אין ענגע קרייזן און נעמען זיך צו געהילפן אויפן גרונט פון „משפחה־אַנגעהעריקייט" און פון „פּערזענלעכער פריינטשאַפט". עס זענען געווען זייער קאָנטיקע סימנים, וואָס האָבן באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער טענה: אין אַנשטאַלטן, אונטערנעמונגען און אין געוויסע אַרבעט־צווייגן וועלכע זענען געוואָרן אָנגעפירט דורך יידן, זענען געווען זייער א סך פאַלן, אז אויך אַ גרויסער טייל פון די אָנפירערס געהילפן זענען געווען יידן. ס'האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אז בעת ס'איז געטראָפן געוואָרן איינער פון די „גרויסע", האָט עס נאַטירלעך נישט אויסגעמיטן זיינע חסידים אָדער פּראָטעזשירטע פון צווישן די „קליינע".

סטאַלין־פּרייזן

אַן אַנגעזעענע צאָל מענטשן וואָס טראָגן יידישע נעמען האָבן זיך געפונען צווישן די, וואָס זענען באַלוינט געוואָרן מיטן סטאַלין־פּריז אויך אין יאָר 1948. אָבער דער עיקר אין דער פילם־פּראָדוקציע, אין מיליטערישער טעכנאָלאָגיע און אין אויספיינערן די פּראָדוציר־סיסטעמען. צווישן שרייבער, קינסטלער און גייסט־מענטשן — אַ קליינע, אַ גאָרנישטיקע צאָל.

אַ זאַמלונג פראַגמענטן וועגן ציוניזם און יידן

די עיקרדיקע אַנטי־ציוניסטישע באַגרינדונג, נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל, איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם באַוווסטן אַרטיקל פון א. ערענבורג אין „פּראַוודא" און אין א בראָשור פון א געוויסן גענין, און אויך אויף א טיילוויַיזן און אויבערפלעכלעכן אופן אין אַ בראָשור פון ו. לוצקי, וועגן די פּראָבלעמען פונעם נאָענטן מזרח.

ווייטער ווערן געבראַכט אויסצוגן, וואָס זענען געווען אַריינגעפלאָכטן אין די רייד פון מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אַלגעמיינער טעמע פון קאַמף מיטן „קאָסמאָפּאָליטיזם" און מיטן „אַנטי־פּאַטריאָטיזם":

„פון גרונט אויס פאַלש זענען געווען די לידער „נישט אייביק

זייער אַנדענק" פון אַט דעם דיכטער (פּאַוועל אַנטאָקאָלסקי), וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט מאָטיוון פון ציוניזם, בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם".

(מ. לאַקאַנין, „זוויעזדאַ", נר' 3 1949).

„אין זיין רעפעראַט פאַראורטיילט לאַקאַנין אַנטאָקאָלסקין צוליב ציוניזם און בורזשואַזער נאַציאָנאַליסטישקייט".

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", 20.3.49)

„נאָך אין יאָר 1928 אין „בלאָקאַנוס בלאָקאַן" האָט ער (ל. פּער־וואָמאַיסקי) אָפּגעשאַצט דעם ציוניזם פון אַ דורכאויס פאַלשן קוק־פונקט.

(„ליטעראטורנאַיאַ גאַזעטא", מערץ 1949 ?)

„אין זיין ביכעלע פריידיקט איסבאַך אָפן פארן ציוניזם, דער־ציילט וועגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַז זי האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די יידן פון אונדזער שטאָט, דערציילט וועגן אַ ציוניסטישן קרייז אין גימנאזיע, וועגן גוטע פעטערס וואָס האָבן זיך פארנומען מיט שיקן יידן קיין פּאַלעסטינע, און ברענגט אפילו דעם נוסח פונעם ציוניסטישן הימען".

(„וויעטשערנאַיא מאסקווא" 14.3.49).

„אַ געפיל פון אויפרעגונג דערוועקט דאָס בוך פון א. איסבאך „יארן פון לעבן". גרויס אָרט אין דעם בוך איז געווידמעט דעם ציוניזם און דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אָבער דער מחבר רעדט נישט וועגן זיי ווי וועגן שונאים פונעם יידישן פאָלק, ער פאראורטיילט זיי נישט. פארכליניענדיק זיך שילדערט א. איסבאַך די רעליגיעזע מנהגים. ער האַלט זיך נישט אָפּ פון צו ברענגען דעם טעקסט פונעם ציוניסטישן הימען. דאָס בוך פון א. איסבאך איז דורכגעדרונגען מיטן גייסט פונעם בורזשואזן נאציאָנאַליזם. דאָס יידישע פאָלק איז אין אים געשילדערט אין א פאָרם וואָס דער־נידעריקט און באשמוצט. דאָס דערשיינען פון אָט דעם בוך באַווייזט, אַז אין פארלאג פון ‚פארבאנד פון סאָוויעטישע שרייבער' איז נאָך דערוויל נישטאָ קיין אמתע פּאָליטישע אויפזיכט".

(וואדים קאזשעווניקאָוו, „נאָווי מיר", נומ. 5, 1949)

„אַ טייל פון זיין רעדע האָט וו. ב. לוצקי געווידמעט די אויפגאבן פון מזרח־פאָרשינג'ט אין קאמף קעגן ציוניזם — די רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע פון יידישן בורזשואזן נאַציאָנאַליזם. דער רעדנער האָט באַטאָנט, אז די אויפגאבן פון דעם דאָזיקן קאמף זענען קיינמאָל נישט אראָפּ פון טאָג־אורדענונג. אָבער איצט זענען זיי געוואָרן באַ־זונדער אקטועל, ווייל דער ציוניזם איז איינער פון די אַקטיווע געצייגן פון דער אמעריקאנער און ענגלישער אימפעריאַליסטישער פּאָליטיק אין נאָענטן מזרח. אויסער דעם איז ביי היינטיקן טאָג דער ציוניזם א געצייג פון אונטערגראבונג ־ אַקציעס אין די הענט

פון די אנגלאָ־אַמעריקאַנער קריג ־ אונטערצינדער, אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט. די דרינגענדיקסטע אויפגאַבע פון די סאָוויעטישע אָריענטאַליסטן איז — פאַראורטיילן און צעשטערן די קאָסמאָפּאָליטישע אידעאָלאָגיע וועגן „איין יידישער נאַציע", וועלכע האָט בשעתו זוכה געווען צו אַ צעשמעטערנדיקער קריטיק מצד לענינען און סטאַלינען".

(אויף דער זיצונג פון וויסנשאַפטלעכן ראַט פון דעם שטיל־אָקעאַנישן אינסטיטוט צוזאַמען מיט דער ביורא פון דער מאָסקווער גרופּע פונעם אינסטיטוט פאַר מזרח־פאָרשונג ביי דער וויסנשאַפטן־אַקאַדעמיע אין פ.ס.ס.ר. 4—6־טן אַפּריל, 1949 ; „וואָפּראָסי איסטאָריאי" נר' 3, 1949)

„צווישן די תלמידים פון דעמאָקריטוס און עפּיקור, וואָס האָבן דערפירט זייערע מאַטעריאַליסטישע געדאַנקען ביז אונדזערע צייטן, זעט דער מחבר, צוליב עפּעס וואָס, בלויז יידישע געלערנטע. דערביי ווערן דערלאַנגט דעם לייענער ידיעות וועגן אַן אַנטי־רעליגיעזן כאַראַקטער פון תלמוד, אין דער צייט ווען דער גאַנצער ווערט זיינער ווערט דורכן באַרימטן מאַטעריאַליסט שפּינאָזאַ געזען אין אַ מין קאָמענטאַר צו „אַ רעטעניש־פּסוק פון אברהם אבן־עזרא". דער מחבר האָט געבויט דאָס גאַנצע קאַפּיטל מיט אַ באַשטימטער כוונה, כדי אויסצומעקן פון דער געשיכטע די באַרימטע מאַטעריאַליסטן פילאָזאָפן פון אַנדערע פעלקער: די אַלטערטימלעכע אַראַבישע דענקער, די פּראָגרעסיווע געלערנטע פון מערב־אייראָפּע. וועגן אומשטערבלעכן קעמפער קעגן אַבערגלויבנס, דעם גענױאַלן אוזבעקישן פילאָזאָף אבן־סנה (אַביצענאַ), איז אין בוך אַפילו קיין איין וואָרט נישטאָ.

(„קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", 2.3.49, וועגן בוך פון שאַכנאָוויטש)

„דער פּאַטערלאַנדלאָזער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס פּאָרט זיך צונויף מיטן דירעקטן בייגן דעם קאָפּ פאַר אויסלאַנד, קומט בולט צום אויסדרוק איז דער פאָרשטעלונג פון שטיין און מאַרגאָלין אין יידישן טעאַטער (מינסק) : „דער שפּילער" פון האַלקינען און „בלאָנדזשנדע שטערן" פון דאָברושינען, לויט שלום עליכם. — אין די אָ פּיעסן, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך שטיין און מאַרגאָלין, ווערן אויסגעטיילט שבחים דער בורזשואַזיע פון אַמעריקע ווי צום „צוגעזאָגטן לאַנד". בלויז איין טעאַטער אין דער רעפּובליק — דאָס יידישע — האָט געפירט, ביז דער לעצטער צייט, אַ רעפּערטואַר־פּאָליטיק און אויפגעפירט אַנטי־פּאַטריאָטישע פּיעסן, דורכגעדרונגענע מיט אַן אידעאַליזאַציע פון באַלעבאַטיש ־ פּאַטריאַרכאַלן לעבנס־שטייגער פונעם יידישן קליינבירגערטום, וואָס לויבט דאָס לעבן אין בורזשואַזן אַמעריקע א. ד. גל. איר זעט מיט אייערע אייגענע אויגן, אַז דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם, דער

פּאַטערלאַנדלאָזער קאָסמאָפּאָליטיזם און דאָס בייגן דעם קאָפּ פאַר אויסלאַנד — צווישן די אַלע איז דאָ אַן ענגע פאַרבינדונג.

(„סאָוויעטסקאַיאַ ביעלאָרוסיאַ" 17.2.49 : פּאָרטראַג פונעם סעקרעטאַר פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד, ח' נ. ו. גוסאַראָוו אויף דער 19־טער קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי, דעם 15.2.49).

„די דיסקוטאַנטן האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז אונטער דער השפּעה פון די פּאַטערלאַנדלאָזע קאָסמאָפּאָליטן זענען אין יידישן מלוכהשן טעאַטער (מאָרקיוע) איינגעפלאַנצט געוואָרן שיטות פון בורזשואַזן עסטעטיזם און פאָרמאַליזם, פרעמדע דער סאָוויעטישער קונסט".

(„טרוד", 19.2.49).

„מאָדעל האָט געלויבט די פיינטלעכע פּיעסן פון גאָלדפאַדענען אין יידישן טעאַטער (מינסק) פון דער ווייסרוסישער רעפּובליק".

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", 12.3.49).

„דער קאָמפּאָזיטאָר ד. קלעבאַנאָוו האָט פאַרפאַסט אַ סימפאָניע, דורכגעדרונגען מיט אַ בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישן און קאָסמאָפּאָליטישן גייסט, געבויט אויף פאַרשיידענע אַלט־יידישע רעליגיעזע זמירות. רעליגיעזע צערעמאָניעס פון אַלטן פּאַלעסטינע, „וויין ישראל", מעלאָדיעס פון די בתי כנסת — דאָס זענען די מקורות, וואָס האָבן אינספּירירט קלעבאַנאָוון צו שאַפן די דאָזיקע אַנטי־פּאַטריאָטישע סימפאָניע".

(„פּראַוודא אוקראַיִני" 19.3.49).

אַ מאַסע פאָרמאַליסטישע פאַרגלייכונגען און אַנאַלאָגיעס געפינען מיר אין אַנדערע „פאַקטן" פון ב. ביאַליק. אַזוי טיילט ער מיט אַז מאַיאַקאָווסקיס פּאָעזיע איז אָנגעפילט מיט מאָטיוון פון די ווערק פון דעם יידישן מיסטישן דיכטער, דעם רעאַקציאָנער חיים נחמן ביאַליק, צו וועמען מאַיאַקאָווסקי איז כלומרשט נאָענט אין „פּאַטאָס פון שנאה צו תליינים", דער געראַנגל מיט גאָט און דאָס גלייכן. (דער אַרטיקל ,גאָרקי און מאַיאַקאָווסקי')*) די משונהדיקע אַנאַלאָגיע קאָן מען דערקלערן מיט אַן אַדעליקן גרינגשאַצן די רוסיש־סאָוויע־

---

*) דאָ איז דאָס אָרט אונטערצושטרייכן, אַז מאַקסים גאָרקי, וואָס איז אָפיציעל אָנערקענט ווי דער שעפער פון דער פּראָלעטאַרישער און סאָוויעטישער ליטעראַטור, האָט אָפּגעשאַצט ח. נ. ביאַליק ווי אַ „גועניאַלן דיכטער" (אין זיין בריוו צו שלום עליכמען אין יאָר 1911) ווי א גרויסער דיכטער, און ווי א גײַסט־געווייִנלעכע און פולקאַמע פאַרקערפּערונג פונעם גייסט פון זיין פאָלק, (אין א באַגריסונג ־ אַרטיקל צום 25־טן ליטעראַרישן יובילײ פון ח. נ. ב. — „יעווריעיסקאַיא זשיזן", 1916). מאַקסים גאָרקי האָט נישט געענדערט זיין מיינונג אַפילו אין שטורעם פון די קומענדיקע יאָרן, און אין זיין ענטפער־רעדע אויפן צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטישע שרייבערס אין 1934, האָט ער ווידער באַצייכנט ביאַליקן ווי דעם „גועניאַלן דיכטער".

טישע קונסט, און מ׳ט נישט האָבן קיין רעספּעקט פאַרן זכר פון דעם גרויסן פּאַטריאָט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי״.

(וו. אָזיעראָוו, „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ (2.3.49).

דער דיכטער אין דער אוקראַיִנישער שפּראַך לעאָניד פּערוואָ־מאַיסקי איז געוואָרן קריטיקירט, ווייל:

„אין דער דראַמע אין פערזן וועגן פּאַלקס־פּאַרטיזאַן „אַלעקסאַ דאָבוווש״ אָנשטאָט צו פאַרטיידיקן זיין היימלאַנד די האָגולשטשינע, פירט ער גאָר זיין פּאָלק לויטן מוסטער פונעם תנ״ך־העלד, צו יענעם אלטן לאַנד פון וועלכן זיינע אורעלטערן זענען ארויס״.

„אינעם ליד „אונטער פּרעמדע הימלען״, רופט דאָס רומענישע שטעטל סינאַיאַ אויס ביים דיכטער א קרענקלעכע אַסאָציאַציע מיטן תנכישן הר־סיני, וואָס לויט דער לעגענדע האָט מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, משה אויף אים געלאָזט הערן זיינע געבאָטן, און דער סאָוויעטישער דיכטער דערלויבט זיך אזא אָ ווידוי:

און מעגלעך אז די וואונדערלעכע דערשיינונג,
דיין קול אָדער געשטאַלט,
אָ וויטער שאָטן, א פאַרגעסענער און פאַרנעפּלט —
ער איז אַלץ וואָס געבליבן און וואָס דאָ איז אין מיר״.

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״, מערץ 1949 (?), אין דער דעבאַטע אינעם פאַרבאַנד פון די שרייבער פון אוקראַיִנע).

„די האָסמאָפּאָליטישע קריטיקערס האָבן אונדז מיט גאָר נישט נישט געהאָלפן אויפצודעקן ערנסטע דערשיינונגען פון יידישן ביר־גערלעכן נאַציאָנאַליזם, באַזונדער אין אַלמאַנאַך, „דער שטערן״ (קיעוו), יועמענס דערשיינען מיר זענען געצוווּנגען געווען אָפּצו־שטעלן. דער דאָזיקער אַלמאַנאַך איז געווען אָפּגעריסן פונעם סאָ־וויעטישן פּאָלק און פון די ברייטע יידישע מאַסן. ער האָט זיך פאַרנומען מיט פלעגן נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, מיט שטעטלשער פּסיכאָלאָגיע, און איז דערגאַנגען דערצו, אז אין עטלעכע ווערק האָט ער פאַרגליכן דעם סאָוויעטישן ייד צו דעם וואָס אין יענער זייט גרענעץ״

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״ מערץ 1949 (?).)

„דער דיכטער אין דער אוקראַיִנישער שפּראַך, סאַוואַ גאָלובאָ־ניעווסקי ווערט באַצייכנט ווי א „בלבול־מאַכער אויפן אוקראַיִנישן פּאָלק״. פאַר זיין שילדערן אָ ייד, אין זיין ליד „אברהם״, ווי ער ווערט געפירט דורך די דייטשן צו דער תליה פאַר די אויגן פון די נישט־יידישע איינוווינער וואָס קוקן זיך צו דעם צו גלייכגילטיק, אינדערצייט ווען דאָס אוקראַיִנישע פּאָלק האָט איינגעשטעלט ס׳לעבן

ביים ראטעווען אלע פארפאָלגטע, אָן אונטערשייד פון פאָלק און שפּראַך".
(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", מערץ 1949 (?).)

„די יידישע דיכטער, געבוירענע אין אוקראַינע — עדוואַרד באַגריצקי (געשטאָרבן אין יאָר 1934), לעאָניד פּערוואָמאַיסקי און סאַוואַ גאָלובאַניעווסקי — ווערן אין אַ ליטעראַרישן דיספּוט אין קיעוו באַשולדיקט, אַז זיי אַלע דריי האָבן אויסגעטראַכט בילבולים אויף די אוקראַינישע פּויערים און געפעלשט זייער געשטאַלט, געזען אין אַלע אַן אַנאַרכיסטישן און באַנדיטישן עלעמענט, וואָס אונטערשיידן זיך נישט מיט גאָרנישט פון די קולאַקעס. די אַ דיכטער ווערן באַשולדיקט אין נאַציאָנאַליסטיש־בורזשואַזן אָפּנייג (ס'נישט אַרויסגעזאָגט בפירוש „יידישע", אָבער די זאַך איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך פון די אַנדערע קריטיק־רייד וועגן זיי. די דאָזיקע דיסקוסיע ווערט ציטירט בקיצור פון דער אוקראַינישער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", וואָס דאָרטן ווערט מסתמא בפירוש דאָס געזאָגט. — מ. נ.). דער עיקר האָט מען פאַראורטיילט די פּאָעמעס: „נאָכטראַכטענישן וועגן אָפּאַנאַסן" פון באַגריצקי, „די טראַגעדיע אין טריפּאָליע" און „די יוגנט־יאָרן פון מיין ברודער" פון פּערוואָמאַיסקין; „עפּיטאַף פאַר עדוואַרדן" און „די כנופיה" פון גאָלובאַניעווסקין. די צייטונג דערציילט, אַז פּערוואָמאַיסקי האָט זיך פאַרענטפערט אין אַ נישט־פולער מאָס און גאָלובאַניעווסקי „אין אַ לגמרי נישט־גענוגנדיקער מאָס".
(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ". 30.7.49).

אין „זוויעזדאַ" נר' 1 פון 1949, האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אַ דערציילונג פון וו. ר. גערמאַן „אַ פּאָלקאָווניק אין מעדיצינישן דינסט". אין רעזולטאַט פון די אַלגעמיינע אָנפאַלן אויף די קאָסמאָפּאָליטן, וואָס זענען חל געווען אויך אויפן אָנהייב פון דער דערציילונג (איר העלד איז אַ יידישער רופא, ד"ר לעווין), האָט יורי גערמאַן פאַרעפנטלעכט אַן אַנטשולדיקונג און אַ מעלדונג, אַז ער רייסט איבער דאָס פאַרעפנטלעכן, ווייל ער האָט אָנערקענט די „באַרעכטיקטע קריטיק" פון די לייענער, און אַז דאָס גאַנצע ווערק „דאַרף איבערגעאַרבעט ווערן פונעם ערשטן ביזן לעצטן קאַפּיטל".
די רעדאַקציע פון איר זייט איז זיך מודה אין באַגיין אַ פעלער, מיט דעם וואָס זי האָט געגעבן אָרט פאַר אַ דערציילונג, וואָס איר הויפּט־העלד „דערוויטערט זיך פון לעבן, איז אַ צעבראָכענער מענטש, אַ קרענקלעכער און בייזער אינדיווידואַליסט" און זי רייסט איבער אין דער מיט דאָס דרוקן אָט־דאָס ווערק.
(„זוויעזדאַ" נר' 3, 1949).

אין אן ארטיקל פול מיט כעס און צאָרן האָט איינער א ס. איוואַנאָוו פאַראורטיילט דעם באַקאַנטן קריטיקער לעאָניד גראָסמאַן, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אן ערנסטע, פאַרטיפטע, ארומנעמענדיקע פאָרשונג, וועגן די פיל מזרחדיקע עלעמענטן אין לערמאָנטאָווס דיכ־טונג, און געפּרוווט דערווייזן אז „די וויכטיקסטע קוועלע פאר לער־מאָנטאָווס ידיעות וועגן בבל און מצרים איז געווען דער תנ״ך".

נאָכן ברענגען עטלעכע מוסטערן פון גראָסמאַנס ארטיקל, כדי צו באַפעסטיקן זיין ארויסטריט, פעלשט דער דאָזיקער איוואַנאָוו די רייד פונעם קריטיקער, צעבלאָזט זיי ביז אבסורד און זאָגט: „און אזוי איז, לויט ל. גראָסמאַנען, די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור באַזירט אויפן תנ״ך, במילא האָט אויך לערמאָנטאָוו געקאָנט שעפּן זיין וויסן בלויז פון אָט דעם קוואַל". און ווייטער: „מיט דעם שעפּט זיך נאָך די תנ״ך־טעמע נישט אויס אין גראָסמאַנס ארטיקל... ער גייט ארי־בער צו לערמאָנטאָווס פּיעסע „שפּאַניער" און די „פּאַרש־ארבעט" וועגן „שפּאַניער" איז אים נייטיק, כדי צו באַשטעטיקן זיינע צוויי טעזיסן: ערשטנס, אז די יידישע טעמע איז איינע פון די וויכטיקסטע אין דער מזרחדיקער טעמאַטיק פון לערמאָנטאָוון... און צווייטנס — אין קעגנזאַץ צו דעם אַלעם וואָס גראָסמאַן האָט פריער געזאָגט — אז די אָ טעמע ביי לערמאָנטאָוון איז א נאָכמאַכונג דעם מערב... גראָסמאַן גייט־נאָך נאָך דער פראַגע פון „די השפעה פון לעסינגן אויף לערמאָנטאָוון".. צווישן לערמאָנטאָווס לערערס לגבי דער אָר־טיקער יידישער טעמע, געפינען זיך די ענגלישע דראַמאַטורגן באָמאָנט און פלעטשער, וואָס „האָבן געשילדערט אין איינער פון זייערע קאָ־מעדיעס דעם ייד רבוליון", און ריטשאַרד קעמבערלענד אין זיין קאָ־מעדיע „זשיד פון מאַגאַדור" און דיוודין אין זיין פּיעסע „דער ייד און דער דאָקטער"... ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט, אַז אַ יאָר נאָך דעם ווי ס'איז צעשטערט געוואָרן די בורזשואַזע שול פון ווּסלאָווסקין איז געגעבן געוואָרן זיין יורש די מעגלעכקייט צו פעלשן אין דרוק לערמאָנטאָוון - דעם שמאַלץ פון אונדזער פּאַטערלאַנד און איר רום?"
(ס. איוואַנאָוו, „אָקטיאַבר" נר' 5 1949).

נישט ווייניקער באַפאַלנדיקע רייד קעגן דער „חוצפה" וואָס וואַגט ארויסצוגעפינען אין לערמאָנטאָווס שאַפונגען וועלכן עס איז יידישן איינפלוס, זענען געזאָגט געוואָרן אויך וועגן אַז אנדערן ליטע־ראַטור־קריטיקער. אויך א ייד, ב. אייכנבאַום:

„דער מחבר פון דעם בוך וועגן לערמאָנטאָוון אַנטפּלעקט זיך פאַרן לייענער ווי א פולשטענדיקער פאָרמאַליסט, עסטעט און קאָס־מאָפּאָליט. כדי אויסצומיידן פּוסטע רייד, און כדי מ'זאָל אונדז נישט

חושד זיין אין אונטערצייכענען פארבן און אין איבערטרייבונגען — לאָמיר פּרווון געבן א געזעלשאפטלעך ־ ליטעראריש בילד פון ב. אייכנבאומען, לויט זיינע אייגענע רייד".

„מיר עפענען זיין צווייט בוך „מיין מיטצייטלער" (מאָי סאָוועד רעמיעניק) פון 1929, וואָס פאַרמאָגט די אָ אָפּטיילונג: די טעאָריע פון שפּראַך, וויסנשאַפט, קריטיק, פאַרשידנס.

„אונדז אינטערעסירט דער ערשטער אָפּטייל — די טעאָריע פון שפּראַך. פאַראַן אין דעם טייל דערציילונגען, וואָס ווערן דערפירט צו „קינסטלערישער" איינהייטלעכקייט דורך דער איינהייטלעכקייט פון דער געשטאַלט. די דאָזיקע געשטאַלט איז דער מחבר פונעם בוך. איז אויך וועגן אים וועלן מיר רעדן מיט זיינע אייגענע ווערטער.

„קודם־כל איבערראַשט די אומפאַרשעמטע אליין־רעקלאַמע. דער עלטער־זיידע פון ב. אייכנבאום, מאַיסיי געלבער, איז געווען „א מענטש מיט זעלטענע פעיקייטן", וואָס האָט געקאָנט מיט דער צייט ווערן א שיין פון דער וויסנשאַפט. דעם זיידן, יעקב געלבער (געבוירן אין 1796, געשטאָרבן סוף 1861 — מ. נ.) האָט די נאַטור באַשאָנקען מיט דער ברייטער האַנט מיט אַן א שיעור מתנות. פון דער פריסטער קינדהייט אַן האָט ער איבערראַשט מיט זיין אויסערגעד וויינלעכער אנטוויקלונג. „וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן יינגל האָט מען זיך אָנדערציילט אויסטערלישס", „מ'האָט אים פאַרגעלייגט גוטע שידוכים", „ער האָט געהאַט אַ פּרעכטיקן סאָפּראַן".

„יעקבס פעאיקייטן און זיין שנעלע אויפפאַסונג זענען דערגאַנגען אזוי ווייט, אז „ווי נאָר ר'האָט דערשמעקט עפּעס וואָס נייס, האָט ער תיכף געוואָלט דאָס דערקענען" און דערגרייכן. אויף אזא אופן האָט ער זיך תיכף ומיד דערוואָרבן די קונסט פון שאַך־שפּיל און האָט פאַרפאַסט אַ פּאָעמע (אין העברעאיש) — „הקרב" — (די שלאַכט) „אַ שאַפונג, אַן איינציקע פון איר מין, און אפשר די איינציקע אין אַלע ליטעראַטורן". דערנאָך האָט ער געביטן זיין פאַ־ מיליע־נאָמען פון „געלבער" אויף „אייכנבאום".

„דאָ קומען וויסנשאפטלעכע חקירות וועגן דער „פּאָעטישער ירו־ שה" פון ב. אייכנבאומס זיידן מיר וועלן זיך דערלויבן צו ברענ־ גען עפּעס־וואָס פון די דאָזיקע פאַרשונגען און פון די קאָמענטאַרן. דער כאַראַקטער און די מאָס פון דער אָפּשאַצונג, אין פאַרגלייך מיט זעב וואָס עס וועט געשריבן ווערן וועגן לערמאָנטאָוון, זענען זייער בולט.

„די לידער־זאַמלונג פון י. אייכנבאום איז ארויס אין לייפּציג, אין יאָר 1836 און א סך צייטונגען האָבן זי שטאַרק געלויבט. די לייכטקייט פון דער דיכטונג און דאָס אויסערגעוויינלעך פּרייע

באהערשן די שפראך*) (די העברעאישע) האָבן ארויסגערופן התפּעלות ביי אַלע געלערנטע און העברעאישע פּובליציסטן (יידן).

„די פּאָעמע „די שלאכט" (איר טעמע — די שאכמאט־שפּיל) איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין לאָנדאָן, אין יאר 1840.

„אין פּעטערבורג האָט דאן לערמאָנטאָוו געהאלטן ביים פארענדיקן זיין „דעמאָן" — גיט צו אייכנבאום, אן אינטערעסאנטע נאָענטקייט — „דעמאָן" און שאך־שפּיל.

„אַ סך דייטשישע, פראנצויזישע, ענגלישע און רוסישע צייטשריפטן האָבן פארעפנטלעכט פּאָזיטיווע אָפּרופן וועגן אָט דער פּאָעמע (ז' 15).

„און נאָך שרייבט ב. אייכנבאום, אז דאָס ווערק צייכנט זיך אויס ווי א פּאָעטישע שאַפונג און עס ווערט אין דעם אונטערגעשטראכן די באזונדערע קונסט, אין וועלכע די שאך־שפּיל ווערט ארייַנגעפלאָכטן" (זייט 15).

„ב. אייכנבאום ציטירט דאָס פאר־וואָרט צו דער רוסישער אויסגאבע פון 1847 אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אז דער מחבר פון דער פּאָעמע איז באַשאָנקען מיט א גאָר־פיינעם פּאָעטישן טאַלאַנט און אז די אריגינעלקייט פון פּאָעטס געדאנקען, וואָס שטעלט פאר א שלאכט פון דער שאך־שפּיל מיט אלע כללים און פרטים, די אומדערוואַרטע לעזונג פון דער שלאכט, די פּרעכטיקע שפּראך וועלכע דער מחבר באהערשט פולשטענדיק — זענען באמת וואונדערלעך (ז. 15).

(א. זוקאסאָוו. „קעגן דעם בלבול אויף די גרעסטע רוסישע שרייבער", „זוויעזדא", אויגוסט 1949).

---

*) אין די ערשטע טעג נאָכן אָנקום פון אונדזער געזאנדשאפט אין מאָסקווע, אין חודש סעפּטעמבער 1948, האָב איך באזוכט געשעפטן פון געניצטע ביכער, מיט דער האָפענונג צו געפינען א העברעאיש אָדער יידיש בוך, וואָס איז אפשר פארבליבן פון אַמאָליקע צייטן. כ'האָב גאָרנישט געפונען. נאָר אין דער אָפּטיילונג פון אלטע ביכער אינעם ביכער־געשעפט ביי דער וויסנשאַפטן־אקאדעמיע, האָב איך געפונען איין העברעאיש דין ביכעלע, מיט נקודות, וועמענס בלעטלעך עס זענען שוין געווען געל און אָפּגעניצט. דאָס איז געווען די פּאָעמע „די שלאכט" פון דעם זיידן י. אייכנבאום. אויפן שער־בלאט איז געווען פארצייכנט אין רוסיש מיט דער האנט־שריפט און חתימה „פון ב. אייכנבאומס ביכער", — ס'הייסט, פון דעם אייניקלס ביכער, דער אויבנדערמאָנטער רוסישער קריטיקער, וואָס אים האָט מען דאָס אזוי קריטיקירט אין דער חודש-שריפט „זוויעזדא". נישט געקוקט אויף דעם הויכן פּרייז — העכער 12 דאָלאר — האָב איך דאָס געקויפט און עס אוועקגעשיקט צו ד. בן־גוריון, דעם פּרעמיער.

זייט דאן ביז מיין פארלאָזן מאָסקווע און צוריקפאָרן קיין ישראל, האָב איך זיך יישט אנגעטראָפן מיט קיין איין העברעאיש בוך.

טויזנט גײַסט־מענטשן זענען געשטעמפּלט געוואָרן ווי קאָטמאַפּאַליטן

מ'דאַרף אָננעמען אַז אין דער רשימה פון די נעמען האָבן זיך דאָ און דאָרט אַרײַנגעכאַפּט אײנצלנע נעמען פון נישט־יידן צווישן די יידישע, און פאַרקערט. דאָס איז נישט מעגלעך געווען אויסצור מײַדן, ווײַל דער קריטעריום אויף פעסטצושטעלן די נאַציאָנאַלע אָנ־געהעריקייט איז דאָס באַאײַנדרוקן זיך פונעם פּאַנעטישן אויסקלאַנג פון דעם נאָמען, מיט דעם צוגאָב פון גאָר ווייניקע ידיעות פון דער זײַט וועגן דעם אָדער יענעם. ס'איז אָבער דאָ אַ גענוגנדיקער גרונט אָנצונעמען אַז די צאָל טעותים איז זייער אַ קלײנע און ענדערט נישט דאָס אַלגעמיינע בילד.

די אַלגעמיינע צאָל יידן וועמענס נעמען עס זענען עפּנטלעך געשטעמפּלט געוואָרן, אַרײַנגערעכנט די יידישע שרײַבערס, וואָס זייערע נעמען האָבן מיר פריער אויסגערעכנט, איז 496. די צאָל יידן וואָס זענען געטראָפן געוואָרן פון אָט דער רייניקונג, און זייערע נעמען זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָדער זענען צו מיר נישט דערגאַנגען, — ווי שוין פריער דערקלערט און קאָ־מענטירט געוואָרן — דאַרף לויט מײַן מיינונג, אויך אָפּגעשאַצט ווערן אין, ווייניקסטנס, 500 (דער עיקר זייערע געהילפן, אָנהענגער און אַנאָנימע תלמידים פון אָט די שרײַבערס, קינסטלער און באַרימטע וויסנשאַפטלערס). דאָס הייסט בסך הכל 1000 יידן.

נישט אַלע די וואָס זענען געטאַדלט און פאַראורטיילט געוואָרן זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס, אָדער שטרענג באַ־שטראָפט געוואָרן. אַ גרויסער טייל פון די פאַרזינדיקטע, נישט קיין יידן, האָבן זיך עפנטלעך געשלאָגן „על חטא", צײַטנווײַז מער ווי איין מאָל. זייערע זינד זענען זיי פאַרגעבן געוואָרן און זיי זענען געבליבן אויף זייערע שטעלעס. עס האָבן זיך צווישן זיי געפונען אויך אײנצלנע יידן, אָבער אין די מערהייט פאַלן האָט זיך באַקומען, אַז די ווידויס פון די יידן האָבן נישט געהאָלפן די זינד זייערע זאָל זיי פאַרגעבן ווערן. פון דעסטוועגן זענען געווען דאָ און דאָרט פאַלן, אַז יידישע גײַסט־מענטשן, וועמענס נעמען עס האָבן זיך געפונען צווישן די פאַר־זינדיקטע, זענען געבליבן אויף זייערע פריערדיקע פּאָסטנס. אויך זענען געווען פאַלן, אַז אַפילו אין די שטורמישע טעג פונעם דיספּוט, האָבן אייניקע יידן זוכה געווען צו אָפיציעלע שבחים און אַפילו באַקר־מען אויסצייכענונגען. עס איז נישטאָ קיין גרונט צו זאָגן, אַז אַלע זענען שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. עס זענען פאַראַן יידישע שרײַ־בערס און דיכטערס, וועמענס נעמען עס דערשײַנען ווידער אין דרוק, אָבער בלויז ווי איבערזעצערס פון שפּראַכן פון אָפּגעשטאַנענע פעל־

קערשאַפטן אין אַזיאַטישן רוסלאַנד, אויף רוסיש, דורך ווייטערדיקן אויסניצן זייערע פעיקייטן אויף צו אַנטוויקלען אָפגעשטאַנענע און אָפגעלאָזענע קולטורן.

אָבער דאָס אַלץ זענען געווען אויסנאַמען, וואָס האָבן באַשטעטיקט דעם כלל — די מאַסנהאַפטע רייניקונגען.

עס איז באַזונדערס ווערט אָפצוצייכענען די אויפפירונג פון א. ערענבורג אין אָט דער פרשה, דער עיקר ווי זי איז טיילווייז געקומען צום אויסדרוק אין דרוק. ערענבורג, וואָס האָט מיט רעכט אַרויסגערופן ביי אונדז צאָרנונג, מיט זיין פרווו צו „באַגרינדן" פון אידעאָלאָגישן קוק־ווינקל און אויפסניי אויפלעבן די אַלטע שנאת־ציון (כלומרשט ווי אַ קעגנשטעלונג צו דער פאָזיטיווער באַציונג צו מדינת ישראל), האָט אַרויסגעוויזן אין דער שווערער און לאַנג־דויערנדיקער פרשה פון „ראַזגראָם" * איבער די קאָסמאָפּאָליטן — אַ גאַנץ בכבודיקע שטעלונג. נישט נאָר האָט ער נישט מיטגעהאָלפן די אָנפאַלערס (אין קעגנזאַץ צו דוד זאַסלאַווסקין, דעם אַלטן געוועזענעם בונדיסט) נאָר האָט זיך באַנוצט מיט עטלעכע געלעגנהייטן — נישט נאָר כדי זיך אָפצוגרענעצן עפנטלעך — סיי דורך אַן אַנדייט, סיי בפירוש — פון טאַדלען די „אַנטי־פאַטריאָטן", נאָר האָט אַפילו אויך געוואַגט אַרויסצוברענגען זיין פירוש פאַרן אַנטי־קאָסמאָפּאָליטיזם, וועמענס פאַקטישער באַדייט ס'איז געווען גראָד דער גלויבן אין קאָסמאָפּאָליטיזם. אין די באַדינגונגען פון יענער צייט און אין דער פאַרסמטער אַטמאָספערע פון יענע טעג, האָט זיך פאַר דעם געפאָדערט אַ באַדייטנדיקע מאָס פון בירגערלעך־פּאָליטישן מוט. און הגם מיר האָבן אין זיין געטריישאַפט צום קאָסמאָפּאָליטיזם נישט געפונען קיין שום יידישע טרייסט, איז אָבער, דוכט זיך, אָביעקטיוו, געווען אין דעם, אפשר גאָר אָן אַ כוונה, אַ מין אויסדרוק פון יידישער געוואַגטקייט.

מיט דעם אַלעם איז בדרך כלל נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער ספּעציפישער אַנטי־יידישער טאָן. ער האָט אָנגעהאַלטן אונטער פאַרשידענע אויסריידן. אָבער אויך מיט ספּאָראַדישע באַמיונגען צו דעמאָנסטרירן, דורך איינצלנע פאַרקערטע ביישפּילן, אַז עס איז אין דעם נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם אָדער עפּעס ענלעכס. מיין זיכערער און קלאָרער איינדרוק איז געווען, אַז עס איז דאָ אַזאַ ווילן: זיך צו באַפרייען ממשותדיק פון דער גרויסער השפּעה פון יידישן עלעמענט אויף די צענטראַלע אַרטעריעס פון דער סאָוויעטישער קולטור, דערביי אָבער אויסמיידן יעדן שריט, וואָס קאָן אָט די אַקציע אידענטיפיצירן מיט אַנטיסעמיטיזם.

אין וואָס פאַר אַ מאָס ווערן די ביידע צילן פולשטענדיק דער־

* „ראַזגראָם" — אומברענגען, פאַרטיליקן.

גרייכט — דאָס איז שוין אַן אַנדערע פראַגע. אויף יעדן פאַל, ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָט דאָס אַלץ באַקומען בלויז אַן אַנטי־יידישן פירוש. אַזוי האָבן, זעט אויס, פאַרשטאַנען דעם ענין די נישט־יידן, און אוודאי און אוודאי די יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ דערדריקטער שטימונג, אין אַ דערשלאָגנקייט און אין גרויס פחד.

סך־הכלען

יאָ, די פּאָלעמיק קעגן פאָרמאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם אין דער ליטעראַטור און קונסט האָט אָנגענומען אַ ריזיקן פאַרנעם, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער פּראָווינץ, איז אַריבער אויף דער פילאָזאָפיע, פיזיק, ספּאָרט און אפילו אויף אַקראָבאַטיק אין די צירקן און געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ גוט־גוט אָרגאַניזירטן פּסיכאָז. אין זיין גרעסטן טייל איז ער געווענדעט קעגן יידן. די צאָל יידן, וועמענס נעמען עס זענען עפנטלעך געטאַדלט געוואָרן, איז דערגאַנגען, ווי שוין דער־מאָנט, צו הונדערטער. און כאָטש עס האָבן זיך צווישן זיי געפונען אויך איינצלנע נישט־יידן, קאָן דאָס אָבער נישט פאַרטושן דעם אָפּער־נעם און קלאָרן אַנטי־יידישן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער מאַסנ־האַפטער רייניקונג. אין יידישן ישוב, ווי שוין באַמערקט, האָבן זיך געוויזן בולטע סימנים פון דערשלאָגנקייט און זאָרג. די פאַרזינדיקטע זענען אויך באַשולדיקט געוואָרן אין מאַנאָפּאָליזירן די ווירקונג־ און מאַכט־פּאָזיציעס און אין געהיימער פראַקציאָנערער אָרגאַניזאַציע. מ'האָט צוגעלייגט בפירושע באַשולדיקונגען אין „בורזשואַזן יידישן נאַציאָנאַליזם" און דערמיט באַלויכטן די סיבה פון פאַרמאַכן די „איינקייט" און דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

די דיריגענטן פון אָט דער מלאכה זענען געווען סופּראָנאָוו, קאָר־נייטשוק, סימאָנאָוו און סוראָוו. לויט די קלאַנגען און פונעם לייענען צווישן די שורות אין דער פּרעסע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יידן ווילן דערווייל זיך נישט מודה זיין, ווילן נישט אָנערקענען זייערע חטאים און ווייזן אַרויס אַ שטאָלצע האַלטונג. (די אויסלענדישע צייט־טונגען וועלכע זענען צו אונדז דערגאַנגען — צווישן זיי אויך די ישראלדיקע — וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די אָפּקלאַנגען פון אָט דער פּאָלעמיק, האָבן געזען בלויז די ליטעראַרישע זייט דערפון און נישט אינגאַנצן באַנומען דעם יידישן אַספּעקט, וועלכער איז געווען דער עיקרדיקער).

די דיפּלאָמאַטן דאָ אין מאָסקווע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אָט דער מציאה, און האָבן אפילו אַרויסגעוויזן בקיאות אין די איינ־צלהייטן פון דעם ענין. די מערבדיקע האָבן פאַרויסגעזאָגט דעם אָנהויב

פון אַן אָפיציעלן אַנטיסעמיטיזם, און אויף דער צוקונפט — אויך אַ פאַרערגערונג אין די באַציאונגען צווישן רוסלאַנד און ישראל, און אַ סימן דערפאַר: די אָנפאַלן אויפן ציוניזם. פון דער אַנדערער זייט האָט מען אויך געקאַנט אַנווייזן אויף יידן, וואָס פאַרנעמען הויכע פּאָזיציעס און ס'זענען אויך נישט געווען קיין דיסקרימינאַציעס ביים אָננעמען אויף נייע פּאָסטנס — הגם זיי זענען געווען גאָר ווייניק אין צאָל.

מיין דערקלערונג וועגן די סיבות פון דער סאָוויעטישער פּאָלי־טיק אין דער־אָ סטאַדיע (ווי ס'האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן אויף דער שוועל פון די 50־ער יאָרן) איז געווען:

ס'איז געקומען די צייט, אַז דער דור פון די אויסגעבילדעטע פון אַלע פעלקער, און פון גרויסרוסישן אין דער שפּיץ, וואָס איז גע־בוירן געוואָרן אין דער רעוואָלוציע און אויסגעפּרוווט געוואָרן אין דער מלחמה, זאָל זיך שטעלן אין שפּיץ פון דער מדינה, וואָס האָט פריער געמוזט אָנקומען דורכאויס צום יידישן מוח און צום יידישן טאַלאַנט, און וויל איצט פאַרמיידן דאָס איבערגעטריבענע קאָנצענ־טרירן אין די הענט פון איין ראַסע, דערצו נאָך פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, און דער עיקר — אין די הויפּט־אַרטעריעס פון השפּעה און דעצידירונג.

די סכנה פון אַ דריטער וועלט־מלחמה האָט באַזונדערס פאַר־פליכטעט צו באַגרענעצן די השפּעה פון יענע פעלקער, וואָס וואָלטן פון זייער נאַטור־אויס געקאָנט גראַוויטירן צו דער אַנדערער זייט גרענעץ. דערפאַר, למשל, האָבן זיך גערעכנט די מוסולמענישע רע־פּובליקן פאַר שוואַכע רינגען אין דער קייט, און מ'האָט זיך באַמיט זיי צו פאַרשטאַרקן, ווען אפילו אויך אויף אַנדערע וועגן (דער פאַ־ראַט פון די קרימער טאַטאַרן און פון אַנדערע האָט געקראָגן זיין שטראָף, ער איז אָבער נישט פאַרגעסן געוואָרן);

פון דער דערפאַרונג פונעם לעצטן קריג האָט מען געלערנט, ווי וויכטיק עס איז דאָס אויסנוצן דעם סלאַווישן, און ספּעציעל דעם רוסישן, סענטימענט, כדי צו אימונירן דעם אינערלעכן פראָנט קעגן מערב און קעגן די לאָקונגען פון זיין קולטור. דאָ ליגט די סיבה פאַרן פריידיקן די רוסיש־סאָוויעטישע העכערקייט אין מאַטעריע און אין גייסט, אין דער קעגנוואַרט און אין דער פאַרגאַנגענהייט כלפּי דעם מערב, און די רוסיש־סלאַווישע כלפּי דעם אינעווייניק. דאָס צעוואָרע־מען די דאָזיקע איבסטינקטן איז דערגאַנגען ביז צו זיין זיד־פּונקט;

פון אָט די אַלע קוק־פּונקטן האָבן די יידן „אַרויסגערופן ספקות״. דאָס אימיגרירן מיט זייער פרייען ווילן פון די יידישע פּליטים און דאָס צוריקקערן זיך קיין פּוילן — איר באַדייטונג איז געווען אַ קלאָ־

רע. וואָס שייך דער מדינה ישראל — האָבן זיי העכסטנס געהאָפט, אַז זי וועט אַליין זיין נייטראַל און וועט אפשר ווירקן אין דעם גייסט אויף די יידן בכלל. אַז זיי האָבן געשלאָסן דעם מאַלאָטאָוו־ריבענ־טראָפ־פּאַקט, האָבן זיי באַזייטיקט די יידן פונעם אויסערן־מיניסטע־ריום צוליב אָפּאָרטוניסטישע באַדערפענישן און נישט גראָד צוליב אַנטיסעמיטיזם. צוליב דער אויסזיכט אויף אַ מלחמה מיטן מערב איז נויטיק געווען אָפּצורוימען נאָך שטחים און זיי פאַרפעסטיקן מיט אַן אַבסאָלוט זיכערער באַפעלקערונג. דאָס אַלץ האָט מחייב געווען צו פאַרקלענערן דעם יידישן עלעמענט און אים רעדוצירן אין די פּאָזיציעס פון דער מדינה און געזעלשאַפט.

די מלחמה און די דייטשן האָבן אַרויסגעבערענגט אויף דער אויי־בערפלאַך דעם אַנטיסעמיטיזם און אים איבערגעלאָזט נאָך זיך ווי אַ ירושה. די פּאַלעמיק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1948, האָט אין דער פעריפעריע געקאָנט פאַלש אויסגעטייטשט ווערן ווי דאָס העצן צו אַנטיסעמיטיזם, בעת די יידן אַליין האָבן געזען אין דעם כוונות פון דיסקרימינאַציע און באַעוולונג. ממילא האָט זיך פאַרשאַרפט די יידן־פראַגע, וועלכע איז דאַ די איינציקע פון אַלע נאַציאָנאַלע פּראָב־לעמען, וואָס איז נישט געלייזט געוואָרן.

האָבן זיך דעריבער פאַרגעזען דריי מעגלעכע לייזונגען: אַ דרוק צו אַ מאַסן־איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן, כדי צו שאַפן אַ נייע נאַציע — אַ יידיש־סאָוויעטישע; אַ טאָטאַלע אַסימילאַציע, אָדער דערלויבן אַן עליה".

צום סוף פון אָט דעם ספּעציעלן מעמאָראַנדום, וועלכן כ'האָב אין סעפּטעמבער 1949 געשיקט צו משה שרת, האָב איך, צווישן אַנדערן, געשריבן:

„וואָס שייך די ענינים, וועלכע זענען אונדז דירעקט נוגע, פאַר־שטאַרקט זיך ביי מיר די מיינונג, אַז דאָס אַנטפּלעקן זיך פונעם יידישן פּראָבלעם אין זיין גאַנצער שאַרפקייט, נאָך 32 יאָר סאָוויעטישער רעזשים, וועט צווינגען די הערשער פון דאָס ניי צו באַטראַכטן די אַלטע באַגריפן. און אַז זיי וועלן עס טאָן, וועט זיי קלאָר ווערן, אַז די אָנגענומענע ראַם (די סטאַלינישע) פאַר לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין ראַטנפאַרבאַנד, טויג נישט לגבי די יידן. זיי וועלן נישט פאַרשווינדן פולשטענדיק דורך פאַרשטאַרקטער אינטעגראַציע, פונקט ווי נישט אַלע וועלן קאָנצענטרירט ווערן אין ביראָבידזשאַן אדג"ל. ס'איז נאָך אַ גרויסער ספק צי מ'וועט קאָנען דורכפירן אַ געצווינגענעם טראַנספער, ווי מ'האָט געטאָן מיט דער טאָטאַרישער, אינגושישער און דייטשער (אויף דער וואָלגע) רעפּובליקן און אין אַנדערע ראַיאָנען. לגבי די צוויי מיליאָן, אָדער מערער, יידן, וואָס

זענען פֿאַרבונדן — אפֿילו פֿון דאַנען, פֿון הינטערן פֿאָרהאַנג — מיט טויזנטער פֿעדעם מיט זייערע ברידער, צעזייטע איבער דער גאַרער וועלט. וועט שווער זיין דאָס צו האַלטן בסוד אָדער אַרויפֿלייגן אויף דעם אַן אַבסאָלוטע פֿאַרשווייגונג, און דער רעש פֿונעם וועלט־יידנטום אַרום דער פּרשה „קאָסמאָפּאָליטיזם" באַווייזט דאָס.

דעריבער דאַרף מען נישט אויסשליסן אויך די מעגלעכקייט פֿון עפּעס אַ וועג פֿאַר עליה, ווי אַ טייל פֿון אַ פּראָגראַם פֿאַר אַ פֿולער און שנעלער ליזונג (ביראָבידזשאַן + אַסימילאַציע + עליה). מעג־לעך אַז נישט באַלד, נאָר ערשט דאַן, ווען עס וועט אַביסל אָפּגעשוואַכט ווערן די שפּאַנונג צווישן די צוויי בלאָקן, און ערשט נאָך דער אָפּשוואַכונג. ווייל כל זמן עס עקזיסטירט אָט די שפּאַנונג מיט אירע איצטיקע אַנטפּלעקונגען פֿון אָפֿענער שנאה, איז איצט נישט די ריכטיקע צייט פֿאַר ממשותדיקע קאָנסטרוקטיווע פּלענער לויטן יידישן קוק־פּונקט. די אויסערן־ און זיכערהייט־אינטערעסן פֿון דער סאָוועטישער אימפּעריע זענען וויכטיקער פֿון אַלץ און זענען איבער אַלץ.

אין אַנבליק פֿון דער מעגלעכקייט, אַז די שפּאַנונג זאָל נאָכלאָזן — און אין אויסזיכט פֿון אַ מעגלעכקייט פֿון געבן אַ טייל יידן פֿון ס.ס.ס.ר די רעכט אויף עולה צו זיין — דאַרף מען צוגרייטן דעם ציוניסטיש־ישראלדיקן פּאָליטישן וועג מיט געדולד, מיט איינגעהאַל־טנקייט און זיך באַמיען צו געווינען צייט. דערווייל קאָן אַ ביסל וואַקסן דער כוח פֿון דער יונגער מדינה ישראל ווי אַן אינטערנאַציאָ־נאַלער פּאָליטישער פֿאַקטאָר און זי וועט זיך שוין נישט אַזוי שטאַרק נויטיקן אין דעם גנאָד פֿון די פֿעלקער, סיי אין די ראַמען פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס (אונאָ) און אויסער איר.

צוזאַמען דערמיט זענען די רוסן, ווי באַוווסט, רעאַליסטן און רעכענען זיך זייער מיט פֿאַקטן. ס'איז אַ פֿאַקט, אַז ביראָבידזשאַן האָט נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן. דאַקעגן האָט זיך דווקא באַשטעטיקט די טעאָריע פֿון „בונד" אינגאַנצן: דאָס יידישע פֿאָלק האָט פֿאַרמאָגט אַ טעאַטער, וואָס האָט נישט באַדינט אַ באַשטימטע טעריטאָריע און אַ קאָמפּאַקטע צאָל מענטשן, וואָס רעדן אין דער דאָזיקער שפּראַך, נאָר געציילטע מענטשן, צעשפּרייטע און צעזייטע איבער אַ טעריטאָ־ריע, אין וועלכער עס הערשט בלויז די רוסישע שפּראַך. ס'איז געווען אַ יידיש טעאַטער, ס'איז דערשינען אַ יידישע צייטונג, וואָס איז נישט געווען באַשטימט צו באַדינען אַ באַזונדערע טעריטאָריע, נאָר זי איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן ראַטנפֿאַרבאַנד צו געוויסע מענטשן, וואָס האָבן אַ מאָדנעם קען־צייכן, וואָס האָט נישט זיין גלייכן ביי קיין שום אַנדערער נאַציע אינעם ראַטנפֿאַרבאַנד.

דרייסיק יאָר האָבן, הייסט עס, „דערוויזן", אַז עס איז אין ראַטנפאַרבאַנד נישטאָ קיין יידן־פראַגע, און אָט איז איצט נישטאָ אין אים קיין איין נאָרמאַלער מענטש. וואָס זאָל נישט מודה זיין אין איר עקזיסטענץ. דאָס איז טיילווייז די ירושה פון נאַצי־דייטשלאַנד, אָבער אויך אין רעזולטאַט דערפון, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דער פאַקט, אַז בראש פונעם גייסטיקן לעבן אין רוסלאַנד, אָדער אין שפּיץ פון וויכטיקע געביטן אינעם גייסטיקן לעבן, שטייען יידן, וואָס האָבן נישט געקאָנט טאָן זייער אַרבעט בשלימות. אויך די אויפציטערנדיקע אויסזיכטן אויף אַ דריטער וועלט־מלחמה האָט אַרויסגעבראַכט אַ געדאַנק, אַז אפשר וועלן יידן זיך געפינען אין ביידע זייטן פון דער באַריקאַדע, בעת אין אָט דער זאַך זענען פאַרדעכטיקט געווען, ווי געזאָגט, יידן, דייטשן און מוסולמענער. די מוסולמענישע סאָוויעטישע רעפּובליקן זענען פאַרדעכטיקט אין אַ לעכצונג צו יענער זייט גרענעץ, ווייל זייער רעליגיעזער צענטער איז אין מעקאַ און דער קולטורעלער — אין איראַן.

און ווייל עס האָבן זיך צונויפגענומען אַ סך פאַקטאָרן איז, אַלזאָ, פאַרשאַרפט געוואָרן דאָס יידישע פּראָבלעם אין ראַטנפאַרבאַנד און איז פון דאָס ניי אַרויפגעשווומען. עס זענען נישטאָ קיין בלינדע אין ראַטנפאַרבאַנד, און די וואָס באַשטימען זענען ניכטערע מענטשן, וואָס זעען די זאַכן אַזוי ווי זיי זענען.

פון איין זייט איז דאָ געווען פאַרמישט היטלערס ירושה, דער אַנטיסעמיטיזם. איך אַליין בין געווען זיכער, אַז די גרויסרוסן זענען פריי פון אנטיסעמיטיזם. אָבער אין אוקראַינע און אין ווייסרוסלאנד איז דאָ אַנטיסעמיטיזם, און דאָס האָט זיך מיט שאַרפקייט אַרויסגעוויזן אין די טעג פון מלחמה. מ'האָט פאַרניכטעט גאַנצע קהילות און די אָרטיקע איינוווינער האָבן צוגעהאָלפן אָדער זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט. אויך דאָס אויפקומען פון מדינת ישראל האָט געטאָן דאָס איריקע.

דאָס רוסישע יידנטום, אין אירע גרויסע מאַסן, איז געבליבן אַזאַ ווי ס'איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע. ווען עס וואָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ „הכשר" דער עליה פון רוסלאַנד, ווי ס'איז געגעבן געוואָרן דעם ענין פון אויפשטעלן די מדינה ישראל, בין איך איבערצייגט, אַז ניינציק פראָצענט פון די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד (און נישט דווקא די וואָס זענען נישט צופרידן פונעם רעזשים, ווייל אַזעלכע זענען דאָ ווייניק, און דער יונגער דור האָט נישט קיין גרונט צו זיין אומצופרידן), וואָלטן איינגעפּאַקט אַלע זייערע זאַכן אין אַ קליין פּעקל און וואָלטן אַוועק צופוס „אינעם לאַנד פון די אבות".

קאַפּיטל ניין

אַנטקעגן מיין פאָלק טו איך זיצן

מ׳גייט אַרום אויף אַ גלעזערנעם דאַך. יידן שטרעבן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. עליה, און די פּאָליטיק פון סאָוויעטישן בלאָק. די כאַר־בינער פּליטים. קליינע דערגרייכונגען אַזש ביז וויטיק. באַהאַנד־לונגען אין די הויכע ספערן. דער הינטערגרונט פון דער „בריחה" נאָך דער וועלט־מלחמה. אסירי ציון. פאַרשיקונגען און מאַסן־אַרעסטן פון יידן: קלאָגעס און פאַקטן. אַן עדות וועגן ביראָבידזשאַן. גע־מישטע חתונות און געמישטע גטן. ימים־נוראימדיקע קאָנטאַקטן. אַ מעשה מיט אַן אתרוג. נאָך וועגן רב שליפער. אַ באַזוך ביי יוסף שפּרינצאַקס שוועסטער. דער יידישער בית־הקברות אין מאָסקווע. געזעגענונג-געשפּרעכן מיט גראָמיקאָ און מיט זאָרינען. איך פאַרענדיק מיין שליחות.

אונדזער האָפענונג וואָס מיר האָבן פאַרבאָרגן אין זיך ביים אַרויספאָרן צו אונדזער שליחות אין ראַטנפאַרבאַנד איז געווען, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס איז אונדז באַוווּסט, וועלן מיר זוכה זיין צו זיין דאָרט שותפים, ווייניקסטנס צו דעם אָנהייב פונעם פּראָ־צעס פון אַן עליה פון סאָוויעטישע יידן אין דער פרייער מדינת ישראל. גרויס איז געווען אונדזער פאַרלאַנג צוצוהעלפן דערצו כאָטש מיט עפעס וואָס; און מער פון אַלץ האָבן מיר מורא געהאַט קוים וועלן מיר קאַליע מאַכן מיט וואָס עס איז אָט די אויסזיכט, ווי קליין זי זאָל ניט זיין. האָבן מיר זיך געפילט ווי מיר וואָלטן אַרומגעגאַנגען אויף אַ גלעזערנעם דאַך. דאָס איז געווען אַ לאַגע, וועלכע ס׳איז שווער צו פאַרשטיין לויט די באַגריפן פון דער איצטיקער צייט. וואָרום מיר זענען דאָך דאַן געווען אַ מדינה וואָס ראַנגלט זיך פאַר איר עקזיסטענץ און אַנערקענונג, אַ מדינה, וועמען די מערהייט פעלקער פון דער וועלט האָבן זי נאָך ניט געהאַט אַנערקענט. בעת רוסלאַנד איז געווען די ערשטע וואָס איז אָן קווענקלעניש געגאַנגען אונדז אַנטקעגן.

אַ פאָרמעלן ליביש פּאָר אַ מעגלעכער אויפגאַבע וואָס מיר וועלן אפשר קאָנען אויספירן אין אָט דער ריכטונג האָט געגעבן די נאָמינאַ־ציע, וועלכע ס׳האָט געשיקט דער עליה־מיניסטער מ. ח. שפּירא, דעם

26־טן אָקטאָבער 1948 צום הער אריה לבבי, דער ערשטער סעקרע־טאַר און קאָנסול אין אונדזער געזאַנדשאַפט, אין וועלכער עס איז אויף אים צייטווייליק אַרויפגעלייגט געוואָרן, אין נאָמען פון עליה־מיניס־טעריום און אויסערן־מיניסטעריום, די ראָל פון „עליה־אָפּיצער אין ראַטנפאַרבאַנד"

צו זיין ענטפער, אין וועלכן ער האָט באַשטעטיקט דאָס דערהאַלטן די נאָמינאַציע־פּאַפּירן, וועלכן ער האָט אַרויסגעשיקט אין לאַנד אריין דעם 18.11.48, האָט ער צוגעלייגט זיין איבערזיכט „אין דער פראַגע פון עליה פונעם ראַטנפאַרבאַנד" און אַזאַ איז געווען זיין אינהאַלט:

„ס'איז אַבסאָליוט קלאָר, אַז ביים סאָוועטישן יידנטום איז גרויס די שטרעבונג עולה צו זיין. דער ווילן איז דאָ ביי אַלע שיכטן און ביי אַלע עלטער־גרופּעס. עס זענען פאַראַן ידיעות וועגן מאסן יונגע מענטשן וואָס האָבן שוין געדינט אין מיליטער אַחער וואָס לערנען איצט אין די אוניווערסיטעטן, און וואַרטן אויף דער מעגלעכקייט עולה צו זיין און זיך באַטייליקן אין דעם זעלבשטענדיקייט־קריג פון ישראל. מיטליאַריקע מענטשן היטן אָפּ ציוניסטישע זכרונות און זענען מתפּלל, אַז זיי זאָלן זוכה זיין צו זען מיט די אייגענע אויגן די פאַרווירקלע־כונג פון דעם דורות לאַנגן חלום. די דאָזיקע שטרעבונג איז דאָ סיי ביי די יידן פון די מערב־געביטן, וואָס זענען אַנגעשלאָסן געוואָרן אַנעם ראַטנפאַרבאַנד אין די לעצטע יאָרן, און סיי ביי די וואָס זענען אין אים געבוירן געוואָרן. דער באַגער בעסטעט ווייזט אויס, אויך אין די הערצער פון ניכט ווייניק יידן וואָס פאַרנעמען וויכטיקע פּאָסטנס און אַמטן, אַפילו אין די רייען פון דער פּאַרטיי.

און הגם דער עצם פאַקט איז אונדז תמיד געווען באַוווסט, זענען מיר אָבער פונדעסטוועגן איבעראַשט געוואָרן פון דער מעכטיקייט פון אָט דער דערשיינונג.

אויך די סיבות זענען אין גרונט באַקאַנטע.

— — — דאָס שטאַבלירן אונדזער מדינה און אונדזער קריג פאַר אומאָפּהענגיקייט האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויפן סאָוועטישן יידנטום. די באַציונג פון פשוטן ייד דאָ איז נישט קיין באַציונג פון סימפּאַטיע; דאָס איז אַ באַציונג פון שטאָלץ, פון אידענטיפיצירן זיך און פון טיפן ווייטיק צוליב די מחיצות. אויך דאָ הערט מען פון יידן, אַז דאָס האַלטן זיך פונעם יישוב און דאָס האַלטן זיך פון מדינת ישראל האָט אויסגעגלייכט אויך זייערע רוקנס. די גויים וועלן שוין נישט קאָנען זאָגן, אַז יידן האָבן מורא צו קעמפן.

דער פאַקט וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט קאָנסעקווענט געשטיצט מדינת ישראל האָט מערער נאָך פאַרשטאַרקט דעם רושם וואָס די געשעענישן אין לאַנד האָבן געמאַכט אויפן סאָוועטישן יידנטום. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז דאָס סאָוועטישע יידנטום ווי אַ כלל, אידענטי־פיצירט זיך מיט די יסודות פון עקזיסטירנדיקן רעזשים. די אָפיציעלע

אויפקלערונגס־ליניע האָט אומבאַדינגט באַאיינפלוסט. אין דער פראַגע פון מדינת ישראל איז דאָס אויסדריקן זיך אין יידישע קרייזן געוואָרן אַ ביסל פרייער, אין רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער ליניע פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין אָט דער פראַגע. הגם מען ווייסט דאָ כמעט גאָר נישט וועגן לעבן פון יישוב אין לאַנד, וועגן זיינע עקאָנאָמישע, קאָלאָניזאַציעדיקע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען, דרינגט דאָך פון צייט צו צייט עפּעס אַריין וועגן מדינת ישראל אין דער פרעסע אָדער דורך די ראַדיאָ־אוידיציעס.

בלויז אַ זייער נאַיווער מענטש וועט וואַגן פאָרויסצוזאָגן מעגלעכע ענדערונגען אין דער אויסערלעכער אָדער אינערלעכער פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד. דער פשוטער אמת איז, אַז אויסער עטלעכע הונדערט אָדער עטלעכע טויזנט גאָר־גאָר „אינערלעכע" מענטשן האָט קיינער נישט קיין גענוגנדיקע באַווייזן אויף אָפּצושאַצן אָדער אויף אָנשטויסן זיך. מיר קאָנען בלויז פעסטשטעלן די לאַגע, ווי זי איז אַצינד. בעת צווישן די סאָוויעטישע יידן און אויך אין די קרייזן פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס גייען אַרום פאַרשידענע משונהדיקע קלאַנגען וועגן אַ גרויסער צאָל יונגע יידן, וואָס פאָרן קיין מדינת ישראל, איז אָבער אַ פאַקט, אַז ביז איצט האָט אונדז דאָס סאָוויעטישע אויסערן־מיניסטעריום אָפּגעזאָגט אויף אַרויסצוגעבן וויזעס קיין ישראל, בלויז פיר פּאָסטפאָרטן פון יידן פון זייער אַ באַגרענעצטער אַרבעט־פעאיקייט, וועלכע באַמיען זיך צו קומען צו זייערע קרובים אין ישראל. מיר שטייען פאַר אַ פאַרפּלאָנטערטן משא־ומתן אויך דאַן ווען עס האַנדלט זיך וועגן ארץ־ישראל־בירגער, וואָס האָבן זיך אָפּגעפונען אין ראַטנפאַרבאַנד און ווילן זיך אומקערן אַהיים (דערווייל דריי אַזעלכע פאַלן). מיר האָפן אין גיכן זיך דערוויסן, וואָס עס איז די באַציונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג צום טראַנזיט־פּראָבלעם פון עולים דורך זייער לאַנד, אין פאַלן ווען אַזעלכע עולים האָבן נישט קיין אַנדער וועג אויף אָנצוקומען קיין ישראל.

אין פּוס־טריט פון ערענבורגס באַרימטן אַרטיקל, איז דערשינען אַ זייער ענלעכער אַרטיקל אין „אייניקייט" פונעם רעדאַקטאָר זשיץ. אין אָט דעם מאמר זענען כמעט נישטאָ קיין אָנפאַלן אויפן ציוניזם, דערפאַר איז אָבער דאָ אַ לויב־געזאַנג אויף די מעשים פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין קעגנשטעל צום צאַריזם, זיין מלחמה קעגן היטלעריזם און אויף זיינע „דערגרייכונגען" ביים אַנטוויקלען דאָס יידישע לעבן אין דער ראַטנפאַרבאַנדישער מדינה. די אַלגעמיינע מיינונג איז, אַז ביידע אַרטיקלען דריקן אויס די עקזיסטירנדיקע אָפיציעלע ליניע: אַ האַרבע פונאַנדערטיילונג צווישן דעם שטיצן די מדינת ישראל און צווישן יעדער פאָרעם פון העלפן דער עליה־באַוועגונג (שוין אָפּגערעדט — דער ציוניסטישער באַוועגונג) אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי אויך אין די לענדער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. פון דער אַנדערער זייט דאַרף

מען נישט פאַרגעסן, אַז ער'ענבורג האָט בפירוש געשריבן קעגן דער עליה פון בולגאַריע, און די ענינים האָבן זיך אַנטוויקלט גאָר אַנדערש.

די לאַגע איז נישט קיין סטאַטישע און האַרמאָנישע, און די סתירה צווישן דער גשמיות'דיקער ווירקלעכקייט און דער גייסטיקער שטרע־בונג איז זייער אַ שאַרפע. דער דאָזיקער פאַקט לאָזט אפשר איבער אַן אָרט אויף האָפענונג.

אין אייניקע חדשים אַרום זענען מיר דערגאַנגען צו אַ סטאַדיע אין וועלכער עס האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז מיר קאָנען שוין בעסער אונטערשיידן די אַלגעמיינע שטריכן אין דער פּאָליטיק פונעם סאָוויע־טישן בלאָק לגבי דעם אַרויספאָרן פון יידן קיין ישראל, ספּעציעל פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. טעאָרעטיש זענען די גרענעצן פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס געשלאָסן. אין די באַנען און אין די עראָפּלאַ־נען וועלכע זענען דורכגעפאָרן אָט די גרענעצן, האָבן זיך געפונען בלויז באַאַמטע און דיפּלאָמאַטן. סתם בירגער זענען נישט אַריין און נישט אַרויס. — אויסער... יידן וואָס זענען נאָך אַלץ אַרויס אין די טויזנטער. נאָך מער: דורך פאַרשידענע פאָרמען, אין אַזאַ אָדער אַנדערער מאָס און צוליב פאַרשידענע טעמים, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען געלענקט אָט די עמיגראַציע נאָר קיין ישראל און נישט אין סתם וועלכן ס'איז אַנדער אָרט. עס זענען געווען אַ סך סימנים, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז עס איז ערגעץ־ווו באַשלאָסן געוואָרן אַז עס וועט זיין (דערוויל) אַן אַרויספאָר פון יידן פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס און ס'וועט נישט זיין — פונעם ראַטנפאַרבאַנד. צוזאַמען דערמיט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער באַשלוס יעלכער איז אָנגענומען געוואָרן איז אַן עלאַסטישער. ער האָט, ווייזט אויס, איבערגעלאָזן די באַזונדערע רעגירונגען אַ באַ־דייטנדיקע מאָס פרייהייט צו באַשטימען, און אויך צו ענדערן, דעם טעמפּאָ פון דער עמיגראַציע און אירע פאָרמען. דער באַשלוס איז אויך געווען געבונדן מיט אַ געוויסן צייט־אָפּשניט וועמענס גרענעצן עס זענען דאַן נאָך נישט געווען באַשטימט.

פאַקטיש האָבן זיך די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס אין דעם פאַל צע־טיילט אין צוויי גרופּעס. אין איינער — בולגאַריע, טשעכיע און פּוילן; און אין דער צווייטער — רומעניע און אונגאַרן. דאָס צענטראַלע פּראָב־לעם איז באַשטאַנען אינעם פאַרנעם פון דעם יידן־אַרויספאָר פון אָט די צוויי מדינות צו יעדכן, עס וועלן מסכים זיין די באַטרעפנדיקע רעגי־רונגען. די שפּאַנונג פונעם ווילן פון די יידן עולה צו זיין איז געווען אַ פונקציע פון דער ממשותדיקער מעגלעכקייט אַריבערצוגיין גרענעצן, פון דער לאַגע פון די יידן אין גלות און פון דעם מצב אין ישראל.

ביי אַזאַ לאַגע האָבן מיר געשיקט צו אונדזער אויסערן־מיניסטע־ריום עטלעכע רעקאָמענדאַציעס און צווישן זיי אָט־די גרונט־כללים:

„אונדזער דרוק טאָר זיך אויף קיין איין רגע נישט אָפּשוואַכן. וועגן זיינע פאַר־מען דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, פון צייט צו צייט באַשליסן, אָבער מ׳טאָר נישט דורכלאָזן קיין שום געלעגנהייט כדי ארויפצוברענגען די־אָ פראַגע בעת דיפּלאָמאַטישע קאָנטאַקטן אָדער אויף אַנדערע אופנים און אויך אויף עפנטלעכע טריבונעס. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז וויכטיק דער סטיל און מען דאַרף נישט איגנאָרירן די פּרעסטיזש־באַדערפענישן פון די רעזשימען אין די דאָזיקע לענדער.

יעדע טיילווייזע אַרויספאָר – דערלויבעניש דאַרף אויפגענומען ווערן מיט פאַרגעניגן, דערביי אָבער גלייכצייטיק קריטיקירן די באַגרענעצונגען און איבערחזרן אונדזער אַלגעמיינע פאָדערונג אין דער פראַגע פון אַרויספאָרן״.

צו די דאָזיקע רעקאָמענדאַציעס האָבן מיר נאָך צוגעגעבן עטלעכע געבאָטן פון טאָן־ און נישט־טאָן אין טאַקטישע פראַגן.

אין די ערשטע זעקס חדשים טעטיקייט פון אונדזער געזאַנדשאַפט זענען 40 פראָצענט פון שריפטלעכע ווענדונגען, וועלכע זענען צו אונדז געקומען פון סאָוויעטישע יידן, געווען בקשות וועגן עליה, ווי עס ווייזט די קומענדיקע טאַבעלע, וועלכע מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט ביים סוף פון ערשטן האַלב־יאָר:

שריפטלעכע ווענדונגען פון סאָוויעטישע יידן צו אונדזער געזאַנדשאַפט אין מאָסקווע

חדשים:		עליה־בקשות:	זוכן קרובים:	פאַרשיידענע:
אין סעפּטעמבער	1948	5	3	8
„ אָקטאָבער	„	13	18	9
„ נאָוועמבער	„	16	14	—
„ דעצעמבער	„	14	15	—
„ יאַנואַר	1949	15	10	2
„ פעברואַר	„	—	8	—
ס״ה		63	68	19

אין מערץ 1949, מיטן ענדיקן זיך פון אַט דער ערשטער תקופה, האָט מ. שרת פאַרגעשטעלט אונדזערע פאַרלאַנגען אין דער פראַגע פון עליה אין אַ שמועס וואָס ער האָט געהאַט, לויט זיין איינלאַדונג, מיטן סאָוויעטישן געזאַנדטן אין תל־אביב, הער יערשאָוו.

כמעט אין דער זעלבער צייט האָב איך אָפּגעהאַלטן אַ געשפּרעך וועגן די זעלבע ענינים מיטן הער באַקולין, פון דער מיטלמזרח־אָפּטיילונג פונעם סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום.

רעאַגירנדיק אויף זיינע רייד, אַז די עליה קיין ישראל ליגט בלויז אין די רדיפות אויף יידן אין די נישט־סאָציאַליסטישע לענדער, האָב איך צווישן אַנדערס געזאָגט, אַז אָט־דער צוגאַנג איז אַן איינזייטיקער און שעפּט נישט אויס דעם מהות פונעם פּראָבלעם. מען קאָן נישט פאַרלייקענען דעם טרייב־כוח פונעם אַנטיסעמיטיזם אין אַלע פאָרמען, אָבער — עס איז אויך זייער גרויס און דעצידירנדיק דער צוציאונגס־עלעמענט פון דעם פאָטערלאַנד, און נישט בלויז ביי יידן. אָט — האָב איך געזאָגט — האָבן זיך אין פאַרלויף פון יאָרן געפונען אין רוסלאַנד צענער טויזנטער פּאָליאַקן (קריסטן); און אז עס איז זיי נאָר געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אין זייער פאָטערלאַנד האָבן דאָס אַלע, אָן אויסנאַם, געטאָן, הגם דאָס אומקערן זיך קיין פּוילן האָט באַדייט זיך אומקערן אין אַ כמעט פולשטענדיק צעשטערט לאַנד.

אַן אַנדער דערשיינונג זעען מיר ביים אַרמענישן פאָלק. זיי קערן זיך אום אין סאָוויעטישן אַרמעניע — מיט דער סטימולירונג פון די סאָוויעטן — פון די מערב־לענדער, וווּ עס זענען קעגן זיי נישט געווען קיין שום רדיפות. מען דאַרף אויך נעמען אין חשבון, אַז „ווייסע" עמיגראַנטן פון סאָוויעטישן אָפּשטאַם, אַפילו אין אַמעריקע, קאַנאַדע און פּאַריז, ווייזן אַרויס אַ באַשטימטע נטיה זיך אומצוקערן קיין ראטנפאַרבאַנד, נישט געקוקט אויף דעם באַרעכטיקטן פּאָליטישן פחד פון אַזאַ שריט. א פשיטא שוין יידן. די איינזאמקייט און די אומגליקלעכקייט זייערע נאָך דער מאסן־פארניכטונג, דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער פאַריתומטקייט, פאַמיליע־פאַרבינדונגען, און איבער אלעם — דאָס צויבערנדיקע ליכט פון מלוכהשער באַנייאונג אין ארץ־ישראל — דאָס אלץ ליגט נישט אינעם יסוד פונעם אנטיסעמיטיזם.

ווי אַ פּראַקטישער אויספּרווו — ווען אפילו, אין אַ געוויסער מאָס, אַ זייטיקער — האָט געדינט די פראַגע פון דעם אַרויספאָרן פון יידן פון דער קאָמוניסטישער כינע, באַזונדערס פון כאַרבין, און דאָס געבן אַ מעגלעכקייט דורכצופאָרן דורך דער סאָוויעטישער טעריטאָריע.

כארבין האָט זיך דאַן געפונען אינעם שטח וואָס איז געווען באַהערשט פונעם כינעזישן פאָלקס־מיליטער (קאָמוניסטישע). די איינציקע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט איז געווען דורך דער גרענעץ־סטאַציע אָטפּאָר קיין ראַטנפאַרבאַנד. אין כאַרבין איז געווען אַ סאָוויעטישער קאָנסולאַט. ביי אַן אכציק יידן האָבן זיך געוואָנדן צו אָט דעם קאָנסולאַט מיט דער בקשה עולה צו זיין קיין ישראל. די בריוו זענען געשיקט געוואָרן נאָך איידער אונדזער אָנקום קיין מאָסקווע און זענען אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום. און אָט איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע אַ משפחה פון כאַרבין. אַ מאַן, אַ פרוי און אַ 10־יאָריק ייִנגעלע. זיי האָבן געקראָגן פונעם עסטרייכישן געזאנדטן אין מאָסקווע אַ צייטווייליקע

באַשטעטיקונג וועגן זייער עסטרייכישער בירגערשאַפט און וועגן רעפּאַטריאַציע קיין ווין. די רוסן האָבן זיי געגעבן אַ טראַנזיט־וויזע. פּאַקטיש האָבן זיי געהאַט בדעה צו פאָרן קיין ישׂראל, און האָבן זיך אין ווין געזאָלט ווענדן צו אונדזער באַפולמעכטיקטן, נאָך דעם ווי זיי וועלן זיך מיען צוריקצוקריגן זייער פאַרמעגן, וואָס איז פון זיי אַוועקגערויבט געוואָרן דורך די נאַציס.

אין כאַרבין איז נאָך דאַן געווען אַ שולע מיט העברעאישער אונטערריכט־שפּראַך. דאָס קינד פון דער דאָזיקער משפּחה האָט אפילו געקאָנט רעדן אַביסעלע עברית. די מאַטעריעלע לאַגע פון אַ סך יידן דאָרט איז געווען זייער אַ שווערע, און מיר האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן צוזאַמען מיטן סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום מעגלעכקייטן אויף צו שיקן קיין כאַרבין אַ מין באַשטעטיקונג אויף רעפּאַטריאַציע קיין ישׂראל. נישט געווען דאַן קיין טעלעגראַפישע פאַרבינדונג מיט כאַרבין, ס'איז בלויז געווען אַ זייער שוואַכע פּאָסט־קאָמוניקאַציע.

דעם 24־טן יאַנואַר 1949 האָבן לבבי און איך באַזוכט קאָנזשוכאָוון, וויצע־דירעקטאָר פונעם קאָנסולאַר־אָפּטייל ביים סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום. דער שמועס האָט באַרירט פאָלגנדיקע ענינים:

1. דורכפאָר־רעכט פאַר די כאַרבינער פּליטים. ווי באַוווסט, האָט מען אונדז געענטפערט מיט אַ „מעמאָראַנדום" פון אויסערן־מיניסטעריום, אַז יעדער פּליט דאַרף אָנגעבן זיין בקשה און זיינע דאָקומענטן צום סאָוויעטישן קאָנסולאַט אין כאַרבין. דערווייל איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון ש. פרידמאַן פון תל־אביב, אין יובלס נאָמען (אונדזער פאָרשטייער) פון שאַנכיי, וועלכער פרעגט זיך נאָך אויף דער לאַגע. האָבן מיר ווידער דערקלערט קאָנזשוכאָוון, אַז דאָס פּראָבלעם באַשטייט קודם כּל אין געבן צייטווייליקע באַשטעטיקונגען פון ישׂראל־בירגערשאַפט (Laissez - passer) פאַר די פּליטים, וואָס זענען אין זייער מערהייט בירגערשאַפט־לאָזע, און אָן אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט זיי, איז עס שווער צו טאָן. מיר האָבן אים געפרעגט צי מיר וואָלטן נישט געקאָנט שיקן אונדזערן אַ מענטש קיין כאַרבין, און אים דערציילט, אַז הער יובל האָט געקראָגן אַן אריינפאָר־דערלויבעניש צו דער אַנדערער זייט פון כינע, נישט געקוקט אויף דער פיינטלעכער באַציאונג פון דער נאַציאָנאַליסטישער כינע צו מדינת ישׂראל. די מאָטיווירונג און דער ביישפּיל האָבן נישט געווירקט. זיין ענטפער איז געווען: די פאָלקס־דעמאָקראַטישע כינע איז אַ סוווערענע קערפּערשאַפט, קיין דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייערשאַפט אין מאָסקווע האָבן זיי נישט — איז אַלזאָ נישטאָ ביי וועמען צו בעטן אַן אריינפאָר־דערלויבעניש. ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער וועג ווי נאָר פּאָסט־פאַרבינדונג (טעלעגראַמעס קיין כאַרבין נעמט מען נישט אָן). אָן זיך צו פאַרפליכטן, האָט ער אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז דער סאָוויעטישער קאָנסול אין כאַרבין וועט זיך באַציִען פּאָזיטיוו צו אונדזערע דאָקו־

מענטן (דער דאָקומענט איז געווען אַ קאָפּיע פון אַן ענלעכן דאָקומענט, וועלכן די עסטרייכישע געזאַנדשאַפט אין מאָסקווע האָט אַרויסגעגעבן צו איין יידישער פּליטים־פאַמיליע אין כאַרבין. אויף דעם־אַ דאָקומענט האָט מען געגעבן אין כאַרבין אַ סאָוויעטישע טראַנזיט־וויזע, און די משפחה איז שוין דאַן געווען אין ווין). האָבן מיר אַלזאָ געענ־דיקט, אַז מיר וועלן שיקן דורך פּאָסט — דורך דער פאַרמיטלונג פונעם סאָוויעטישן קאָנסול אין כאַרבין — די אויבנדערמאָנטע צייטווייליקע באַשטעטיקונגען אויף וועלכע עס געפינען זיך שוין אַריינפאָר־וויזעס, און ביילייגן אונדזער בקשה צום קאָנסול ער זאָל זיי דערמעגלעכן דאָס אדורכפאָרן. אזוי ווי אזוי האָט דער ענין געדאַרפט צורייבן נישט ווייניק חדשים.

2. צוויי יידן אַן בירגערשאַפט (דאָס הייסט, אַז זיי פאַרמאָגן סאָ־וויעטישע באַשטעטיקונגען אז זיי זענען בירגערשאַפטלאָזע), האָבן ביי אונדז געבעטן אַריינפאָר־וויזעס קיין ישראל. מיר האָבן געפרעגט, וואָס וועט זיין אויב מיר וועלן זיי אַרויסגעבן אַזעלכע דאָקומענטן ווי מיר האָבן געגעבן די כאַרבינער פּליטים. קאָנזשוכאָוו האָט געענטפערט, אַז עס וואָלט גוט געווען ווען מיר וואָלטן זיי געקאָנט אַרויסגעבן ממשותדיקע ישראלד־קע פּאַספּאָרטן, ווייל די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַ־נען באַציען זיך מיט אַ סך מער רעספּעקט צו אַ פּאַספּאָרט, ווי צו יעדן אַנדערן סאָרט דאָקומענט, נאָר אויב ס'איז נישטאָ קיין ברירה האָט נישט דאָס אויסערן־מיניסטעריום קעגן אַרויסגעבן אַ טראַנזיט־באַשטעטי־קונג. וואָס שייך אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש איז עס אין די הענט פונעם אינערן־מיניסטעריום וואָס באַשטימט אין יעדן איינצלנעם פאַל באַזונדער. דאָס באַדייט — און ס'איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן אין געשפּרעך מיט מענטשן פון דער אַמעריקאַנער געזאַנדשאַפט פון זייער אייגענער פּראַקטיק — אַז אויך פאַר פרעמדע בירגער, אויב זיי האָבן אַ לאַנגע צייט געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, איז דאָס אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד נישט קיין זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, און די ענינים אויף דעם געביט זענען צוגעגאַנגען זייער שווער.

פאַקטיש האָבן מיר די צוויי יידן געשיקט זייערע דאָקומענטן.

די פאַרהאַנדלונגען און די אויפקלערונגען האָבן זיך פאַרצויגן — אביסל, ווייל אזא איז געווען דער וועג פון די סאָוויעטישע אינסטאַנצן אין אַזעלכע ענינים, און אביסל צוליב דער אומאָרדענונג און דער אומקלאָרקייט וואָס האָבן געהערשט אין אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט פאָלקס־כינע. סוף מאַי האָט הער ש. פרידמאַן פון אונדזער אויסערן־מיניסטעריום אזוי טעלעגראַפירט:

„איידער שאַנכיי איז פאַרנומען געוואָרן האָבן מיר באַשטימט אַ צייטווייליקן ערן־קאָנסול, אַן אָרטיקן איינוווינער, אַ סאָוויעטישער בירגער, ישי מאַגיט, וואָס האָט געקראָגן די הסכמה און צוזאָג אויף שטיצע מצד דעם סאָוויעטישן גענעראַל־קאָנסול אין שאַנכאַי. מיר

האָבן געקראָגן די באַשטעטיקונג פון דער קאַנטאָנער רעגירונג, אָבער דער סאָוויעטישער קאָנסול האָט אַנולירט די הסכמה. די קאָמוניסטן אין כינע האָבן זיך נוהג געווען איבערצולאָזן אין די ערטער וואָס זענען דורך זיי פאַרנומען געוואָרן די עקזיסטירנדיקע קאָנסולאַטן, זיי האָבן אָבער ביז איצט נישט באַשטעטיקט דאָס עפענען נייע — און ס'איז פאַר אונדז וויכטיק, אַז עס זאָל זיין אַן עקזיסטירנדיקער פאַקט. דאָס באַשטימען מאַגיטן איז צייטווייליק, און מיר האָבן שוין נאָמינירט אויף זיין אָרט אַן אַנדערן. מיר האָבן זיך באַמיט, אַז דער סאָוויעטישער קאָנסול זאָל צוריקגעבן זיין הסכמה פאַר מאַגיטן".

אויף דעם זענען מיר געצוואונגען צו ענטפערן אזוי:

„עס האָט נישט קיין זין זיך צו ווענדן איצט, נאָך דעם ווי דער ראַטנפאַרבאַנד האָט פאַרמאַכט זיינע אייגענע קאָנסולאַטן אין שאַנכאַי, טיענצין און אין אַנדערע ערטער מיט דער מאָטיווירונג... אַז ער האָט נאָך דערווייל נישט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט דער קאָמוניסטישער כינע".

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אין דעם ענין איז פאָרגעקומען אין דריי חדשים אַרום. און אזוי האָב איך וועגן איר איבערגעגעבן דעם הער איתן, גענעראַל־דירעקטאָר פון אונדזער אויסערן־מיניסטעריום, אין סוף אויגוסט:

„מיר האָבן געקראָגן אַ בריוו פון כאַרבין, אַז אַהין איז אָנגעקומען אַ פאָרשטייער פון פוילן, כדי אומצוקערן אַהיים די פוילישע בירגער. 54 ייִדן, פוילישע בירגער האָבן פאַר אים דעקלאַרירט, אַז זיי זעען אין ישראל זייער פאַטערלאַנד און זיי זאָגן זיך אָפּ פון דער פּריווילעגיע צוריקצופאָרן קיין פוילן. דער פוילישער פאָרשטייער האָט זיי באַשטעטיקט אין אַן אָפיציעלן בריוו פון 22־טן יולי, אַז זיין רעגירונג האָט נישט קעגן דעם זיי זאָלן עולה זיין קיין ישראל. אַ פאָטאָ־קאָפּיע פון אָט דעם בריוו געפינט זיך ביי אונדז. די אָ 54 ייִדן מעלדן אונדז, אַז די כאַרבינער מאַכט איז מסכים זיי זאָלן אַרויספאָרן דורכן טיענצינער פאָרט. אויף זייער בקשה שיקן מיר זיי ארויס אריינפאָר־וויזעס קיין ישראל. ווי באַקאַנט, האָבן מיר אין מערץ ארויסגעשיקט קיין כאַרבין דורכפאָר־דערלויבענישן און אריינפאָר־וויזעס פאַר אַנדערע 25 ייִדן בירגערשאַפטלאָזע — וואָס האָבן געבעטן טראַנזיט־רעכט דורכצופאָרן רוסלאַנד און זיי האָבן דאָס נאָך נישט באַקומען. אויב עס וועט זיך ארויסווייזן, אַז דאָס אַרויספאָרן פון כאַרבין דורך טיענצין איז באמת מעגלעך, איז אָנצונעמען, אַז אויך זיי וועלן עולה זיין אויף דעם וועג".

וועגן פאָזיטיוון סוף פון דער דאָזיקער ספּעציפישער פרשה, אָן אַנצוקומען נאָך טובות פון די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען, האָב איך געקאָנט איבערגעבן אין אַ טעלעגראַמע אין מיטן אָקטאָבער 1949:

„די צוויי גרופעס פליטים, וואָס געפינען זיך אין כאַרבין — אַ טייל פון זיי אָן בירגערשאַפט און אַ טייל פוילישע בירגער — וועמען אונדזער געזאַנדשאַפט האָט באַזאָרגט מיט דורכפאָר־דערלויבענישן און מיט ישראלדיקע אַריינפאָר־וויזעס, איז דורך דער כינעזישער מאַכט דערלויבט געוואָרן עולה צו זיין אין לאַנד אַריין דורכן פּאָרט אין טיענצין. זייער אָפּשווימען איז באַשטימט געוואָרן אויף מיטן אָקטאָבער, מיט דער שיף „גענעראַל זשאָפּער" אין דער ריכטונג צו האָנג־קאָנג. אַזוי מעלדעט אונדז אַ פאָרשטייער פון די פליטים אין אַ בריוו אין וועלכן ער דאַנקט אונדז פאַר אונדזער פאַרנעמען זיך מיט זיי".

וואָס שייך איניציאַטיוון אין ראַטנפאַרבאַנד גופא, זענען די „דער־גרייכונגען" ווייטיקלעך אָרעם, און אונדזער פאַרנעמען זיך דערמיט האָט געקאָנט דעגייז ביז גראַשנדיקע פּרטים. דעריבער האָבן מיר מיט צופרידנקייט געמאָלדן אין מערץ 1949 וועגן אַזאַ פאַל:

„מיר האָבן געקראָגן פון אָרטיקן אויסערן־מיניסטעריום אַ „נאָטע", צוזאַמען מיט אַ פּאַספּאָרט, אויף וועלכן עס ווערט געבעטן צו געבן אַן אַריינפאָר־וויזע פאַר סאָפיע גאַרפינקל, 68 יאָר אַלט, וואָס פאָרט צו אירע צוויי טעכטער אין כפר גלעדי. דאָס איז דער ערשטער פאַל פון אַרויסגעבן אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש אויף דער איניציאַטיוו פון אונדזער געזאַנדשאַפט, אויף דער בקשה פון קיבוץ כפר גלעדי, האָבן מיר בשעתו שריפטלעך מיטגעטיילט דער פרוי סאָפיע גאַרפינקל, אַז מיר וועלן איר געבן אַ וויזע, אויב זי וועט אַרויסקריגן אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש. אין רעזולטאַט פון אונדזער בריוו צו איר, האָט סאָפיע גאַרפינקל אָנגעגעבן אַ בקשה צו דער מאַכט וועגן אַ פּאַספּאָרט און האָט לסוף געקראָגן אַ פּאָזיטיווע תשובה. צו אונדזער אָנגענעמער איבעראַשונג, איז דאָס געווען אַ מין ערשטער פּאָזיטיווער רעזולטאַט פון אָט דער טעטיקייט, וועלכע איז דורך זאָרגען באַצייכנט געוואָרן ווי „אַן אומגעזעצלעכע אַגיטאַציע אויף אַרויסצופאָרן".

איינע פון די גאָר „פּיקאַנטע" ווענדונגען וועגן עליה — אָדער, בעצם, וועגן רעפּאַטריאַציע — איז צו אונדז אָנגעקומען אין יאָר 1949 פון דער שטאָט איוואַנאָוואָ, ערגעץ אין עק רוסלאַנד, און איז פון רוסיש אַזוי איבערגעזעצט געוואָרן:

מעלדונג

די וואָס ווענדעט זיך צו אייך איז דאַליה סעדי (עלי אמיני צידקי), די טאָכטער פונעם פּאַלעסטינעזער שרייבער נאַדזשאַטי אַלי־אַמיני צידי־

קי, אַן אַראַבער לויט זיין נאַציאָנאַליטעט. מיין מוטער — זידזשי צידקי — איז אַ יידישע. איצט וווינען זיי אויפן אינדזל ציפּערן.

מיין פעטער (דער מוטערס ברודער) וווינט אין ישראל, ירושלים. איך ווייס נישט זיין פאַמיליע־נאָמען. ער וווינט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער.

איך בעט אייך מיר העלפן צו באַקומען אַ נאַציאָנאַלן פּאַס, כדי איך זאָל קאָנען אַרויספאָרן אין מיין פאָטערלאַנד. נאָך אין יאָר 1948 האָב איך זיך ווענגן דעם געווענדעט צו דער ענגלישער אמבאסאדע, אָבער אַז דער פּאַס איז שוין געווען פאַרטיק האָב איך פאַרשפּעטיקט דעם טערמין, ווייל צו יענער צייט האָט שוין פאַרענדיקט דער בריטישער מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל און די גילטיקייט פון מיין פּאַספּאָרט איז אויסגעגאַנגען.

איך האָב דעם כּבוד בייצולייגן צו מיין בריוו אַ קאָפּיע פון מיין ווענדונג צו דער ענגלישער אַמבאַסאַדע.

איך בין געבוירן געוואָרן אין פּאַלעסטינע, אין דער שטאָט ירושלים, אין 7־טן מערץ 1930. אין 1935 בין איך געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, קיין מאָסקווע, וווּ איך האָב געוווינט צוזאַמען מיט מיין מאַמע ביז 1939. אין 1939 האָט מיך מיין מוטער געבראַכט אין דער שטאָט איוואַנאָוואָ, אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן קינדער־היים, און דאָרט בין איך געווען ביז 1948

איצט וווין איך אין איוואַנאָוואָ און אַרבעט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער. דער דאָקומענט וועלכן איך פאַרמאָג איצט, איז אַן אידענטיטעט־קאַרטע, אָן אַ באַצייכענונג פון בירגערשאַפט.

איך בעט אייך אַזוי גוט זיין און מיר מעלדן אייער ענטפער אין אָט דעם ענין.

מיט גרויס אכטונג, דאַליאַ סעדי

מיט אָט אַזעלכע קלייניקייטן — פאַר זיך אליין אויפשיטערנדיקע, — האָבן מיר זיך געמוזט באַגעגענען אינעם תחום פון עליה פון ראַטנפאַרבאַנד.

איך קאָן דאָ ברענגען נאָך צוויי, אַ ביסל שפּעטערדיקע, אינטערעסאַנטע באַווייזן וועגן דיפּלאָמאַטישע קאָנטאַקטן פון העכערן ראַנג איבער דער פראַגע פון אַרייספאָר פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

אָנהייב נאָוועמבער 1950 האָט מען מיר געמאָלדן פון אויסערן־מיניסטעריום „צו אייער פערזענלעכער אינפאָרמאַציע" אַז בעת דער זעסיע פונעם וו״א־פאַרזאַמלונג האָט אונדזער אויסערן־מיניסטער געשמועסט מיט ווישינסקין מכוח דער פראַגע פון עליה פונעם ראַטנפאַרבאַנד. ווישינסקיס ענטפער איז אין תוך געווען אַ נעגאַטיווער,

הגם אַ העפלעכער און אַ כמעט זיך־פֿאַרעפֿנטפֿערנדיקער. ער האָט נישט געזאָגט וואָס די סאָוויעטישע יידן ווילן נישט עולה זיין, נאָר פּשוט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס דערלויבן ארויסצופֿאָרן שטייט אין קעגנזאַץ צו דעם עצם סיסטעם פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. ער האָט געבראַכט אַ ביישפּיל פֿון סאָוויעטישע בירגער פֿון פּוילישן אָפּשטאַם, וועמען עס איז געשטאַ קיין מעגלעכקייט צו דערלויבן אַרויסצופֿאָרן קיין פּוילן. אין גאַנג פֿונעם שמועס האָט ווישינסקי געזאָגט, אַז מען קאָן נישט דערוואַרטן זיי זאָלן דערלויבן אַ מיליאָן יידן אַרויסצופֿאָרן. אונדזער אויסערן־מיניסטער האָט געענטפֿערט: „גיט פּופּציק טויזנט, גיט צען טויזנט" אָבער ווישינסקי האָט ממשיך געווען זיין נעגאַטיווע אויפֿקלערונג. ער האָט געגעבן אַנצוגעהערן, אַז עס האָט נישט קיין זין, אַז אונדזער אויסערן־מיניסטער זאָל באַזוכן מאָסקווע, ווייל זיי שמועסן דאָך שוין ביי דער געלעגנהייט פֿונעם אונ"אָ־פּלענום. ווישינסקי האָט אויסגעדריקט זיין צופֿרידנקייט מיט דער עליה פֿון רו־מעניע.

נאָך אַ באַלעדיקנדיקער קאָנטאַקט איז פֿאָרגעקומען אין יאַנואַר 1951 (דאָס הייסט, עטלעכע טעג נאָך מיין פֿאַרלאָזן מאָסקווע) צווישן אַ העברען ישראל־פֿאָרשטייער אין אונ"אָ און איינעם פֿון די סאָוויעטישע פֿאָרשטייערס אין אונ"אָ. אָט וואָס עס איז איבערגעגעבן געוואָרן וועגן יענעם געשפּרעך

„— — — איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט כדי צו באַרירן די לאַגע פֿון די יידן אין ראַטנפֿאַרבאַנד און באַמערקט, אַז די אָקופּאַציע פֿונעם מערבֿ־טייל פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד דורך די דייטשן, האָט גורם געווען דאָס אויפֿוועקן סימנים פֿון אַנטיסעמיטיזם און איך נעם אָן, אַז די מאַכט האָט געמאַכט אַלע אַנשטרענגונגען זיי אויסצו־וואָרצלען. אין זיין ענטפֿער האָט דער סאָוויעטישער פֿאָרשטייער אונ־טערגעשטראָכן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם שטעלט מיט זיך נישט פֿאָר קיין שום פּראָבלעם אין ראַטנפֿאַרבאַנד, און אַז אַלע ידיעות וועגן איינוואָרצלען זיך פֿון אַנטיסעמיטיזם אין אוקראַינע אין רעזולטאַט פֿון דער דייטשישער אָקופּאַציע זענען פֿון גרונט אויס איבערגעטריבענע און שטימען נישט מיט דער ווירקלעכקייט. ער האָט צוגעגעבן, אַז עס איז נישטאָ קיין אייז לאַנד אויף דער וועלט וווּ די לאַגע פֿון די יידן איז אַזוי פֿאַרזיכערט, ווי אין ראַטנפֿאַרבאַנד, און מסכים געווען אין פּרינציפּ, צו צוגעבן ישראל צו דער רשימה פֿון די לענדער וווּ יידן האָבן אַ זיכער ווינקל. איך האָב געזאָגט, אַז אונדז איז עס באַקאַנט און אַז מיר זענען צופֿרידן, וואָס דער ראַטנפֿאַרבאַנד דיסקרימינירט נישט זיינע יידן, אָבער אַז מיר האָבן נאָך אַלץ נישט שלום געמאַכט מיטן פֿאַקט, אַז עס איז נגזר געוואָרן אויף די סאָוויעטישע יידן נישט צוצושליסן זיך צו אונדזער אויפֿבוי־ווערק אין ישראל. דער ראַטנ־

פֿאַרבאַנד נעמט אָן דעם געדאַנק פֿון זעלבסטבאַשטימונג און מיר וואָלטן געוואָלט זען אַ פֿאַרויסגיין אויף דעם געביט לגבי די סאָוויעטישע ייִדן.

איך האָב אים אויך אויפֿגעקלערט, אַז מיר באַטיקן זיך אין אַ געזונטן עלעמענט, וואָס קומט צו אונדז פֿון זיין פֿרייען ווילן און נישט ווי אַ קרבן פֿון רדיפֿות. אויף דעם האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז ער האָט נישט געמערקט ביי די סאָוויעטישע ייִדן קיין סימנים פֿון וועלן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. אמת, אין די לעצטע יאָרן האָט ער די מערסטע צייט פֿאַרבראַכט אויסער די גרענעצן פֿון זיין לאַנד, און קאָן דעריבער נישט משפּטן מכוח דעם וואָס עס זענען זייערע אמתדיקע געפֿילן, אָבער אויף אַזויפֿיל אויף וויפֿל ער האָט זיך באַגעגנט מיט ייִדישע פֿריינט אין מאָסקווע האָט ער קיינמאָל פֿון זיי נישט געהערט, אַז זיי ווילן עולה זיין קיין ישׂראל. דערויף האָב איך באַמערקט, אַז כּל־זמן די פּאָליטיק פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד איז נישט פֿאַר אַן עליה, קאָן מען נישט דערוואַרטן ביי די דאָרט עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען, אַז די ייִדן זאָלן עפֿנטלעך דעקלאַרירן זייער ווילן עולה צו זיין. דער סאָוויעטישער פֿאַרשטייער האָט מסכּים געווען מיט אָט דער הנחה. אַז מיר האָבן זיך געזעגנט האָט ער נאָך אַמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז ער אָריענטירט זיך נישט צו גוט אין דער לאַגע פֿון די ייִדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אָבער ער איז באַזאָרגט פֿון דער לאַגע פֿון די ייִדן אין פּוילן".

מיר האָבן נישט באַמערקט קיין שום סימן, אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ ציוניסטישע "אונטערערד". עס איז זיך בכלל שווער פֿאָרצושטעלן דאָס עקזיסטירן פֿון אַ וועלכער עס איז אָרגאַניזירטער אונטערערד אין ראַטנפֿאַרבאַנד און עס איז אין אים נישטאָ קיין שום אָרגאַניזירטע קעגנפֿאַרשאַפֿט אויסער די אָפֿיציעל אונטערפֿאַרמירטע. צוזאַמען דערמיט איז מיר איז יענער צייט קלאָר געווען, אַז די ציוניסטישע אַטמאָספֿערע האָט זיך נאָך נישט אויסגעוועפּט ביי די ייִדן פֿון פּוילן, און איז נאָך לעבעדיק געווען ביי די ייִדן פֿון ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, בוקאָווינע און בעסאַראַביע (און אין באַזונדערע אייגנאַרטיקע פֿאָרמען אויך אין די רעפּובליקן פֿון דרום־מזרח רוסלאַנד). פֿון אָפּגעריסענע פֿראַגמענטאַרע ידיעות וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען, זענען די פֿאַרמשפּטע פֿאַר ציוניזם, וואָס האָבן אין יענע טעג געענדיקט זייערע אַרעסט־טערמינען, ווידער פֿאַרשיקט געוואָרן, הגם אין נישט אַזעלכע שווערע ערטער. נייע אַרעסטן פֿאַרן זינדיקן מיט ציוניזם זענען פֿאַרגעקומען אין די מערב־געביטן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, נאָכן אָנהייבן זיך. איז אָנהויב מלחמה און אויך אין יאָר 1949—1950.

דאָס קאַפּיטל אַסירי ציון אין ראַטנפֿאַרבאַנד פֿון 1939 ביז 1948

קאָן מען צעטיילן אין עטלעכע תקופות: א. פון 1939 ביז 1941; ב. פון 1941 ביז 1945; ג. פון 1945 ביז 1948. אַ געניעם מעמאָראַנדום וועגן אַט דער פראַגע האָט אונדז דאָ איבערגעגעבן אַ ישראלדיקער, וואָס האָט געפאָרשט דאָס פּראָבלעם, און אָט איז זיין אינהאַלט:

האַרבסט 1939 איז די רויטע אַרמיי אַריין אין מזרח־פּוילן און אַ גרויסער טייל פון פּוילישע יידן איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן עול פון סאָוויעטישן רעזשים. די סאָוויעטן האָבן דאָרט ליקווידירט די ציוניסטישע באַוועגונג. דאָס איז נישט געווען לייכט. צענער טויזנטער יידן האָבן בכלל נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז פון היינט אָן און ווייטער טאָרן זיי נישט רעדן און נישט טראַכטן וועגן ארץ ישראל און וועגן עליה. אין שטעט און אין שטעטלעך האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ ציוניסטישע אונטערערד לויט אַלע אירע פראַקציעס. איר ציל איז געווען נישט קאַמף קעגן דער מאַכט, נאָר אַ געראַנגל פאַר די רעכט אויף עליה און עקזיסטענץ.

דאָ און דאָרט האָבן די סאָוויעטן אָנגעהויבן אַנטדעקן די פּונקטן. כמעט אַלע אַרעסטירטע זענען געוואָרן אַריבערגעפירט אין צפון פון ראַטנפאַרבאַנד. אין דער אומאָרדענונג וואָס האָט דאַן געהערשט אין פּוילן, איז שווער געווען פעסטצושטעלן די צאָל אַרעסטירטע, זייערע נעמען, וווין־ערטער. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט זייער גורל.

לגבי די סאָוויעטן איז דאַן מזרח־פּוילן געווען די ערשטע ליניע קעגן די דייטשן. עס איז געווען נייטווענדיק „אָפּצורייניקן" די ליניע פון אַלע אומגעוווּנטשענע עלעמענטן, און אָט די „רייניקונג" האָט אַרומגענומען סיי געוועזענע ציוניסטן און סיי אַלע, וואָס זענען געווען פאַרדעכטיקט אין ציוניזם. אין דער מערהייט פאַלן זענען די פאַרדעכטיקטע פאַרשיקט געוואָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד אָן אַ משפט און אָן אַן אויספאָרשונג.

א סך יידן זענען דאַן אַנטלאָפן קיין רומעניע, ליטע און לעטלאַנד, און באַזונדערס קיין ווילנע (נאָך דעם ווי די סאָוויעטן האָבן דעקלאַרירט דאָס אומקערן ווילנע צו ליטע ווי איר אַלטע הויפּטשטאָט, און ליטע איז נאָך דעמאָלט געווען זעלבשטענדיק).

זומער 1940 האָבן די סאָוויעטן אָקופּירט ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד און בעסאַראַביע. אויך אין די דאָזיקע מדינות האָבן זיי ליקווידירט די ציוניסטישע באַוועגונג. אויך דאָ האָט די יוגנט נישט מסכים געווען זיך אונטערצוגעבן; אויך דאָ איז געווען אַ „רייניקונג", אָבער די צאָל אַרעסטירטע פון די ציוניסטישע רייען איז געווען אַ קלענערע.

מיט דער דייטשישער אינוואַזיע אין יוני 1941 זענען צענער טויזנטער יידן אַריבער אין ראַטנפאַרבאַנד און די גרעסטע טייל פון זיי איז דערגאַנגען ביז מיטל־אַזיע (אוזבעקיסטאַן, טורקעסטאַן, טאַדזשיקיסטאַן און אַנד.). עס זענען געווען גרופּעס פון געוועזענע

חברים פון דער באַוועגונג, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגענומען, און עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען חברים פון השומר־הצעיר האָבן אויפגעשטעלט עטלעכע קיבוצים (פון אַט דער באַוועגונג זענען אַ סך חברים אַרעסטירט געוואָרן) און זיך באַמיט נישט איבערצורייסן די פאַרבינדונגען.

אין די ערשטע יאָרן (1941—1943) זענען פאָרגעקומען דרייסטע פרוּוון פון קליינע גרופּעס אריבערצוגיין די גרענעץ אין די געגנטן פון טורקעסטאַן — איראַן און טאַדזשיקיסטאַן — אַפגאַניסטאַן. אין דאָס רוב פאַלן זענען די פרוּוון דורכגעפאַלן, נישט ווייניק זענען דעמאָלט געפאַלן ביי די גרענעצן און צענדליקער האָט מען געכאַפּט. אין די אַלע פאַלן האָבן זיי די סאָוויעטן באַשולדיקט נישט נאָר אין גנבנען די גרענעץ נאָר אויך אין קאָנטער־רעוואָלוציע.

אין די יאָרן 1942—1943 האָט זיך אָרגאַניזירט און איז אַריבער אין איראַן דאָס פּוילישע מיליטער פון גענעראַל אַנדערס. פון די פּוילישע ייִדן האָבן זיך אין אַט דעם מיליטער געקאָנט מאָביליזירן נאָר ספּעציאַליסטן, אָפיצירן און דאָקטוירים. פאַר אַ סך איז דאָס געווען אַ טיר אויף אַרויסצוגיין פון דאָרט.

אין אַ באַזונדערער לאַגע זענען געווען די ייִדן אין די באַלטישע לענדער. אַלע מענער האָבן זיך מאָביליזירט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. (געווען אויך איינצלנע גרופּעס וואָס האָבן זיך געגרייט אַריבערצוגיין קיין איראַן, אָבער דאָס איז נישט דורכגעפירט געוואָרן).
אין די יאָרן 1941—1945 האָבן די סאָוויעטן אַרעסטירט אַ סך ייִדן און זיי באַשולדיקט אין ציוניסטישער אַקטיוויטעט און אין ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. דער אמת איז, אַז אַזעלכע ייִדן האָבן אומפאַרזיכטיק אויסגעדריקט זייערע מיינונגען וועגן ארץ־ישראל און זייער ווילן עולה צו זיין. פאַר דער מאַכט איז דאָס געווען גענוג כּדי זיי צו באַשולדיקן, און דער רעזולטאַט איז געווען 8—10 יאָר אַרעסט.

מיטן אויפהערן זיך פון קריג האָט די מערהייט ייִדן פון אַט די לענדער געוואָלט זיך אומקערן צו זייערע אַלטע מקומות. נאָך איידער מאַי 1945 האָבן שוין אַ סך ייִדן באַוויזן אַריבערצופאָרן אין זייערע אַלטע וווין־ערטער. זומער און האַרבסט פון אַט דעם יאָר איז די באַוועגונג פון מזרח קיין מערב געווען אין פולן טראַנס.

די פּוילישע ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן רירן שוין אין זומער 1945, און עס איז שוין קלאָר געווען, אַז פון פוילן וועט די עליה קיין ישראל זיין דערלויבט. פאַר די געוועזענע מיטגלידער אין די ציוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אין די באַלטישע לענדער און אין בעסאַראַביע איז געשטאַנען די פראַגע: און וואָס ווייטער? די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז ביים סאָוויעטישן רעזשים וועט נישט מעגלעך זיין קיין שום ציוניסטישע טעטיקייטן, און מען דאַרף בלויז זוכן וועגן אויף אַרויסצופאָרן.

דאַ דאַרף דערמאָנט ווערן אַז ביזן יאָר 1939—1940 איז די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַט די לענדער געווען פריי און לעגאַל. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָבן צענער טויזנטער יידן באַוויזן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע באַוועגונג (און באַזונדער די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע) איז געווען די שטאַרקסטע פון אַלע באַוועגונגען וואָס האָבן געווירקט צווישן די יידן, און זי איז געשטיצט געוואָרן דורך דער מערהייט פונעם פאָלק. די סאָוויעטן האָבן ליקווידירט די באַוועגונג. פאַקטיש איז זי אָבער נישט פאַרשוואונדן: טויזנטער און טויזנטער יידן זענען געבליבן ציוניסטן בלב ונפש. די יוגנט, וואָס האָט זיך אין לויף פון יאָרן דערצויגן אין אירע רייען, איז געבליבן געטריי און איבערגעגעבן דער באַוועגונג (ביז 1939 — 1940 האָבן זיך א סך געפונען אין די הכשרות און זיך געגרייט עולה צו זיין), און ס'איז פאַר זיי קלאָר געווען, אַז די סאָוויעטן האָבן נישט קיין שום רעכט זיי צו צווינגען צו פאַרבלייבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

אין די יאָרן פון דער מלחמה און נאָך איר זענען צענער טויזנטער יידן דורכגעגאַנגען דעם ראַטנפאַרבאַנד פון מערב קיין מזרח און פון צפון קיין דרום; די יידן זענען אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון אַט דעם לאַנד; זיי האָבן דערקענט אַלע זייטן און אַלע פאָרמען פונעם לעבן; זיי זענען געקומען אין באַרירונג מיטן רוסישן יידנטום; געזען וואָס „יידישע ביראָבידזשאַן"; געזען מיט די אייגענע אויגן ווי די אַסימילאַציע מאַכט אַן חורבן אין יידישן פאָלק. זיי, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיט יידישער קולטור און יידישער טראַדיציע, האָבן מיט טיפן ווייטיק אָפּגעפילט דעם אונטערגאַנג פון אָט דער קולטור ביי די סאָוויעטישע יידן. זיי האָבן בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער וואַנט וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן צווישן די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד און דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

פון דער אַנדערער זייט, האָט זיי די רעגירונג און די קאָמוניסטישע פאַרטיי געלערנט אַ פּרק אין ליבע צום פאָטערלאַנד, צום פאָלק, און ס'איז פאַרשטענדלעך אַז עס האָט זיך אויך ביי די יידן אויפגעוועקט די פראַגע: און מיר וווהין? טאָרן מיר זיך טאַקע נישט אומקערן אין אונדזער פאָטערלאַנד, אויפבויען אונדזער קולטור, כדי צו זיין א פריי און זעלבשטענדיק פאָלק אין ארץ ישראל?

מ'דאַרף אויך אונטערשטרייכן אַז ביז דער מלחמה האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם נישט אַזוי שטאַרק געפילט אינעם ראַטנפאַרבאַנד; די מלחמה האָט אים אויפגעוועקט. די דאָזיקע דערשיינונג האָט אַנטוישט נישט בלויז טויזנטער יידן נאָר אויך טויזנטער אָנהענגער פון דעם ראַטנפאַרבאַנד און צווישן זיי — מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אין די מלחמה־יאָרן זענען זיי געווען געטריי דער מדינה און דעם רעזשים, אינעם געראַנגל און אין מל-

חמה קעגן די נאַציס, אָבער איצטער האָבן זיי נישט געוואָלט בלייבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן א סך פליטים גע־קריגן „נאַנסען פּעסער״; אַ סך יידן פון לעטלאַנד, ליטע און אַנ־דערע לענדער האָבן פאַרמאָגט אַזעלכע פּעסער. פאַקטיש האָבן זיי פיל יאָרן געלעבט אין אַט די לענדער, אָבער קיין דאָרטיקע בירגער זענען זיי נישט געווען. מיטן אַריינקומען פון די סאָוויעטן, זענען זיי אויטאָמאַטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סאָוויעטישע בירגער. אַ סך פון זיי האָבן טיף אין זיך נישט געקאָנט משלים זיין דערמיט.

אַט די יידן, אז זיי האָבן זיך אומגעקערט „אהיים״ האָבן זיי גע־פונען בלויז חורבן, און ס׳איז גאָר נישט מעגלעך געווען צו טראַכטן וועגן א ניי לעבן, וועגן יידישער קולטור, יידישער טראַדיציע. עס האָבן וועגן דעם „געזאָרגט״ אויך די אָרטיקע איינוווינערס, וואָס האָבן אויפגענומען די יידן מיט בייזע בליקן. ס׳איז נישט געווען קיין סוד, אז דווקא די אָרטיקע איינוווינערס (און באַזונדער די ליט־ווינער און אוקראַינער) זענען געווען צווישן די הויפּט־פאַרטיליקער פונעם יידישן פאָלק. אויך נאָך דער מלחמה זענען געווען א סך איבערפאַלן אויף יידן און אויף זייערע פאַרמעגנס. יידן פון די קלײנע שטעטלעך האָבן בכלל זיך נישט געקאָנט אומקערן אין זייערע ערטער.

די אויפגעבראַכטקייט צווישן די יידן איז געווען זייער גרויס, דער עיקר צווישן די וואָס האָבן געדינט אין דער רויטער אַרמיי און אויך צווישן די קריגס - אינוואַלידן, (אין די נאַציאָנאַלע דיוויזיעס, ווי די פון לעטלאַנד און ליטע, האָבן געדינט א סך יידן און אין ס׳רוב באַטאַליאָנען איז זער פּראָצענט יידן דערגאַנגען ביז צו 30, 40). ס׳איז געווען שטאַרק און שאַרף זייער געפיל, אז זייער אָרט איז נישט דאָ.

דאָס איז געווען אין די יאָרן 1945־47 די קאַנוועע פאַר דער גרויסער און שווונגפולער „בריחה״־באַוועגונג — אַריבער צו שפּרייזן די גרענעצן פונעם ראַטנפאַרבאַנד און קומען קיין ישראל. טויזנטער און טויזנטער האָבן זיך געצויגן אויף א ספּאָנטאַנעם אופן דורך פאַרשיידענע אומוועגן „צום דרויסן״. אייניקע פון די אַקטיוויסטן פון דער „בריחה״־באַוועגונג זענען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פאַר־האַלטן געוואָרן דורך די קאָמוניסטישע זיכערהייטס־כוחות — אין לעטלאַנד, אין גאַליציע, אין פוילן און אין ליטע. מ׳האָט זיי געמשפּט און פאַרמשפּט צו קורצע און לאַנגע אַרעסט־טערמינען, און אַזוי אַרום זענען זיי צוגעקומען צו די רייען פון די אַלטע אסירי־ציון.

איינער, טאַקע פון אַט־די אסירי־ציון, וואָס איז באַפרייט געוואָרן, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געקומען זיך דורכשמועסן מיט אונדז אין חודש פעברואַר 1949. ער איז צוליב דעם ספּעציעל גע־

קומען קיין מאָסקווע פֿון דער בעסאַראַבישער קישענעוו, האָט אָנ־געקלונגען דער געוואנדשאַפּט און געבעטן (אויף העברעאיש) א. לפּידן, ער זאָל אים באשטימען אַ טערמין אויף אַ באַגעגעניש. און דער מענטש איז טאַקע געקומען און געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט לפּידן און אויך צומאָרגנס איז ער געקומען און דאָס מאָל געשמועסט מיט מיר. דער מאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאר 1912 (צי 1913) אין קישענעוו. פֿון דער יוגנט אָן איז ער געוועזן טעטיק אין דער „התאחדות" אין דער בעסאַראַביע. ער האָט דאַן געארבעט אין קרן־היסוד און האָט צוליב אָט דער ארבעט מוותר געווען אויפֿן שטודירן אין אוניווערסיטעט. אין 1939 האָט ער אין די ראַמען פֿון א דעלע־גאציע פון קרן־היסוד־טוער באַזוכט דאָס לאנד, און האָט זיך באַ־געגנט מיט מענטשן וועמענס נעמען ער רופֿט איצט אָן, צווישן זיי ד"ר האַנטקע. א געוויסע צייט האָט ער געארבעט אין בוקאַרעשט און דערנאָך צוריקגעשיקט געוואָרן קיין קישענעוו, אין 1939 אויס־געוויילט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט פון „איחוד עולמי" צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעווע און אין אים אָנטייל גענומען. דער סוף פונעם קאָנגרעס איז שוין געשטאַנען אין שאָטן פון דער מלחמה, און ער ווי אנדערע דעלעגאטן האָבן געוואָלט פאָרן גלייך אין לאנד אריין און זיך נישט אומקערן צוריק קיין רומעניע. האָט זיך שפּרינצאק באַגעגנט מיט די דעלעגאטן פון רומעניע און זיי אויפגעקלערט, אז זיי דארפן זיין צוזאמען מיט די יידן פון זייערע ערטער. די דעלע־גאַטן האָבן געהאָרכט און זיך צוריקגעקערט קיין רומעניע, זייערע דאָקומענטן זענען ביי זיי צוגענומען געוואָרן דורך די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען און אין א קורצער צייט אַרום איז שוין די בעסאַ־ראַביע געווען אין די הענט פון דער רויטער ארמיי.

ק. איז געזעסן אין דער אָרטיקער תפיסה 6 חדשים און דערנאָך ארויסגעשיקט געוואָרן אין דער קאָמי־געגנט, נאָך דעם ווי ער איז פארמשפט געוואָרן אויף 8 יאָר אַרעסט אָפּצוזיין אין יענעם פארשיי־קונגס־אָרט.

אין מאי 1948 האָט ער געענדיקט זיין ארעסט־טערמין און גע־וואָרן באפרייט. ר'האָט זיך צוריקגעקערט קיין קישעניעוו, ווו זיין ברודער א פּאַרטיי־חבר האָט פארנומען א גאנץ וויכטיקן אמט. ר'האָט אָנגעהויבן ארבעטן, אָבער אין א קורצער צייט ארום איז ער אָפּגעזאָגט געוואָרן און דעם ברודערס זכות איז אים נישט בייגעשטאַנען. אין משך פון 24 שעה האָט ער געמוזט פארלאָזן קי־שעניעוו. צום סוף האָט זיך אים איינגעגעבן צו קריגן א דערלויבעניש אויף צו וווינען נישט ווייט פון דער שטאָט. דער דאָקומענט וועלכן ער האָט פארמאָגט האָט אים קאָמפּראָמיטירט אין אלעמענס אויגן: דאָס פּאָטאָ־בילדל פון דער תפיסה און דער אויפשריפט אַז ער

איז פון דאָרטן באַפרייט געוואָרן זענען נישט קיין רעקאָמענדאַציעס אויף אַרבעט און אויף אַ וווין־אָרט.

אין פאַרשיקונג־לאַגער האָבן זיך געפונען א סך ציוניסטן און נישט ווייניק פון זיי זענען געשטאָרבן. אין דער לעצטער צייט, האָט ער דערציילט, געפינען זיך די יידן אין כסדרדיקן פחד. אָט איז ווידער אַרעסטירט געוואָרן א ציוניסט, נאָך דעם ווי ער איז ערשט פאַר צוויי יאָר צוריקגעקומען פון אַרעסט, און ס׳איז, ווייזט אויס, צו דערוואַרטן א כוואַליע פון אַרעסטן פון די וואָס זענען אַמאָל געווען אַרעסטירט: „די ערד ברענט אונטער די פיס". ווידער האָט ער דערמאָנט די אומזיניקע קלאַנגען וועגן גאָלדען (אַז זי איז כאילו צוריקגערופן געוואָרן אין לאַנד אַריין, נאָך דעם ווי זי האָט אַרויסגערופן אומצופרידנהייט ביי די סאָוויעטן), וואָס קאָנען נאָר נאָך צוגעבן צו דער „שטימונג" וואָס האָט זיך שוין געשאַפן. אויך האָט ער גערעדט וועגן אויסטפעפערן פון פעפערן און זוסקינען דעם אַרטיסט פון יידישן טעאַטער. (דער לעצטער איז דאָ דערשינען אין יעדער דערציילונג, ווי דער מענטש, וואָס איז כאילו געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט גאָלדען). ער האָט נישט געוואָלט געבוי רעדן וועגן דעם, אָבער בפירוש געזאָגט: „עפעס איז געשען צווישן די יידן מיט א צוויי חדשים צוריק. נישט גוט" און נישט אויפגעקלערט וואָס ער איז מרמז.

די ערד ברענט, האָט ער געזאָגט, און דערפאַר דאַרף ער אויסגעפינען א רפואה פאַר דער מכה און פאַר יעדן פרייז גרייכן אין לאַנד אַריין. זיין בקשה איז דעריבער געווען, אַז די געזאַנדשאַפט זאָל אים אין דעם צוהעלפן. איז דען מעגלעך אַז די געזאַנדשאַפט זאָל אים נישט קאָנען העלפן? אַמאָל, נאָך איידער די מדינה איז אויפגעקומען, האָט מען זיך אָנגענומען פאַר די אַסירי־ציון, און איצט — איז דען מעגלעך אַז מ׳האָט פאַרגעסן די אַלע וואָס האָבן געטאָן און געליטן כדי פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם און שטרעבן אַצינד צו לעבן אין דער יידישער מדינה? אין אַרעסט און אויף אַלע וואָגלענישן איז אים ביי געשטאַנען דער גלויבן, ער האָט אים געהאָלפן זיך נישט אונטערצוגעבן די באַדינגונגען און די שוועריקייטן און נישט צו באַגיין קיין זעלבסטמאָרד. אין וואָס וועט ער זיך איצט אָנהאַלטן, אויב מ׳וועט אים ווידער אַרעסטירן? אויב ער זאָל גיין בעטן א סאָוויעטישן פאַס מיט אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש, כדי צו באַקומען פון אונדז א וויזע, וועט דאָס זיין א באַלדיקער אַרעסט.

אָנהייבנדיק פון סוף 1949 האָבן זיך געמערט די קלאַנגען וועגן פאַרשיקונגען און מאַסן־אַרעסטן פון יידן, פון פאַרשידענע עקן פונעם ראַטנפאַרבאַנד. באַזונדער פון די אַנעקסירטע געביטן אין מערב פונעם לאַנד. נישט תמיד זענען די קלאַנגען געווען באַזירט אויף

עפּעס, אָבער תּמיד זענען זיי געווען באַאומרואיקנדיקע און שטענדיק האָבן מיר געהאַלטן פאַר נייטיק וועגן זיי מיטצוטיילן.

אָנהייב אָקטאָבער 1949 האָב איך טעלעגראַפירט צום הער שרת אַזוי צו זאָגן:

„אַן איינוווינער פון טשערנאָוויץ, בוקאָווינע, דער טייל וואָס איז צובאַהעפט געוואָרן צו אוקראַינע, גיט איבער, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַן אָנזעעוודיקער צאָל גאַנצע יידישע משפחות פון דער שטאָט מיקאָראַן וואָס ליגט אויף דער גרעניעץ צווישן אוקראַינע און מאָלדאַוויע, און פון דער שטאָט בעלץ, וואָס אין מאָלדאַוויע. ער ווייסט נישט וווהין זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן. נישט אַלע יידן פון אָט די צוויי שטעט זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן, אָבער אַלע אַרויסגעשיקטע זענען יידן. יעדער איינער איז באַשולדיקט געוואָרן אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט ער געהערט צום בורזשואַזן קלאַס, לויט פאַרשידענע נוסחאות. אין דער צייט פון דער אַרויסשיקונג זענען פאָרגעקומען אין די גאַסן סצענעס פון יאָמערניי און געוויינען. דער וואָס גיט איבער אָט די ידיעה מיינט, אַז די כוונה פון פאַרשיקונג איז צוצושטעלן אַרבעט־הענט פאַר די ווייטע קאַנטן און אויך כדי צו קאָנפיסקירן די פאַרמעגנס און די דירות פון די אַרויסגעשיקטע. אויסער דעם פילט זיך ביי דער אָרטיקער מאַכט אין דער גאַנצער סביבה אַן אַלץ־וואַקסנדיקער יידן־האַס. אין טשערנאָוויץ גופא זענען נישט געווען קיין פאַרשיקונגען. אויך האָט ער נישט געהערט וועגן פאַרשיקונגען אין אַנדערע מקומות. דער ידיעה־איבערגעבער שטעלט זיך פאָר ווי אַן אַלטער אַדוואָקאַט, אַן אָנהענגער פון „השומר הצעיר“ אין דער תקופה פון פאַר דער אַנעקסיע, אין פּיין זיינע שטיצערס אין פאַרמעגלעכע און געבילדעטע קרייזן אין טשערנאָוויץ. לויט זיינע רייד האָט ער אָנטייל גענומען אין ציוניסטישע קאָנגרעסן און קען מענטשן אין לאַנד, און דער עיקר פון קיבוץ הארצי“.

און אין דער זעלבער וואָך האָב איך געמאָלדן שרתן, אין נאָמען פון אַ מאָסקווער ייד, אַז: —

„אין די פּראָווינץ־שטעט און אין אוקראַינע זאָגט מען יידן מאַסנווייז אָפּ פון זייערע שטעלעס אין אינסטיטוציעס, אין האַנדל און אין דער אינדוסטריע און אויך אין קליינע שניידער־ און שוסטערייאונטערנעמונגען. דאָס צורייבן די קוואַלן פון פּרנסה שאַפט בכוונה אַ קריטישע לאַגע, כדי צוצואיילן דאָס מאָביליזירן איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן. כאָטש געזעצלעך איז אַזאַ צוואַנג נישט פאַראַן. וועגן אַרויסטרייבונגען בגוואַלד האָט ער געהערט בלויז אין שייכות מיט מאָלדאַוויע. מיין אָפיציעלן אויסרייד, אַז די אַרויסגעטריבענע געהערן, אָדער האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געהערט, צו „אַנטי־סאָציאַלע עלעמענטן“. דאָס יאָר האָט זיך פאַרשטאַרקט די שנאה

צו יידן. די נידעריקערע רעגירונגס־באַאמטע דערגייען די ידן טענגהודיק אַז די יידן זענען אַן אומגעטרייער עלעמענט און „פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש", בעת אויף די אַרבעט־פּלעצער הערן זיך ווידל־רייד: „גייט אייך אין אייער לאַנד אַריין, קיין ישראל". אין די געריכטן ווערן באַגאַנגען אומגערעכטיקייטן און מ׳לייגט בייזוויליק אַרויף אויף יידן שווערערע שטראָפן. אַ סך זענען דאָס יאָר געוואָרפן געוואָרן אין תפיסות און פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגערן, פאַר דער זינד פון סימפּאַטיע פאַר ישראל, אָדער פאַר אויסדריקן דעם ווילן עולה צו זיין, אָדער פאַרן אָנטיילנעמען פאַראַיאָרן אין דער גאַסן־מאַניפעסטאַציע לכבוד אונדזער געזאַנדשאַפט. צווישן די אַרעסטירטע האָט ער דערמאָנט דעם נאָמען מרדכי דוביו, פון די מנהיגים פון אגודת ישראל אין לעטלאַנד. ווען עס וואָלט נישט געווען פאַרבונדן מיט סכנת נפשות, וואָלטן מאַסן יידן געשטראָמט צו אונדזער געזאַנדשאַפט. פונקט ווי די גרעסטע מערהייט איז גרייט זיך אויפצוהייבן און אָן קיין שום אָפּהאַלט עולה זיין אין לאַנד אַריין. אַ געדריקטע שטימונג און אַ פחד פאַר דער צוקונפט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די יידן דאָ הי. מ׳האָט מורא, אַז אין גיכן וועלן זיך אָנהייבן אַרויסשיקונגען פון מאָסקווע, וואָס איז דער צענטער פאַר דער שארית הפליטה...

פון דער שטאָט טשערקאַסי וואָס אין אוקראַינע, זענען אַריבערגעפירט געוואָרן — זעט אויס, קיין בירָאָבידזשאַן — טויזנט משפחות אין די לעצטע דריטהאַלבן חודשים. דאָס חסידים־שטעטל ראָמיסטראָווקע איז אינגאַנצן אָפּגערייניקט געוואָרן פון יידן. אין איצטיקן מאָמענט ווערט דורכגעפירט אַן אַקציע פון אַרויספירן די יידן פונעם דריי־עק קיעוו—ביעלאַיאַ־צערקאָוו—קרעמענטשוג. אויף טעגלעכן אויסהאַלט אין וועג גיט מען 12 רובל יעדן מענטש.

איציק פעפער זיצט אין דער תפיסה אויפן נאָמען פון ליפאָרט אינעם באָומאַן־קוואַרטאַל אין מאָסקווע. זיין פרוי איז דערלויבט געוואָרן אים צו ברענגען 200 רובל אַ חודש. פרץ מאַרקיש און פּראָפ' שימילאָוויטש זיצן אין תפיסה. אברהם לאָזאָווסקי, הויפּט פון דער מלוכהשער אינפאָרמאַציע־ביוראָ אין דער תקופה פון דער מלחמה, איז אויך צווישן די אַרעסטירטע, אָבער, זעט אויס, נישט אין שייכות מיט די יידישע שרייבערס און „קאָסמאָפּאָליטן". בערגעלסאָנס גורל איז נישט באַקאַנט. וועגן אַרטיסט זוסקין זאָגט מען, אַז ער איז משוגע געוואָרן, אָדער געשטאָרבן. לויט די קלאַנגען האָט אויך מאָלאָטאָווס פרוי געהאַט געוויסע „אומאָנגענעמלעכקייטן".

אַ צווייטער ייד האָט דערציילט, אַז ער איז מיט דריי חודשים צוריק אַנטלאָפן פון רומעניע און איז אויף אַן אומלעגאַלן אופן געקומען אַהער צו זיין ברודער, וואָס איז אַ לעקטאָר אין אוניווערסיטעט. ער דערציילט וועגן מאַסן־אַרעסטן פון יידן אין רומעניע און אויף דער

פויליש־רוסישער גרענעץ, און וועגן אַרויסשיקונגען, נאַקעט און אָן קיין שום מיטלען, אין אומבאַוווסטע ערטער אַריין. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפן אַהער, מיט דער האָפענונג צו געפינען שוין ביי זיין ברודער. קומענדיק קיין מאָסקווע האָט ער דערזען, אַז אויך דאָ געפינען זיך די יידן אין גרויס שרעק און אַז אויך דאָ זענען פאָרגעקומען אַ סך אַרעסטן, אַלץ צוליב דער סימפּאַטיע פאַר ישראל. לויט זיינע רייד, האָט ער געוואָלט צוגיין צו אונדזער געזאַנדשאַפט, נאָר מ׳האָט אים נישט געלאָזט; ער איז אונדז נאָכגעגאַנגען ביז דער געזאַנדשאַפט, אַלץ דערציילט אין איילעניש, צוגעגעבן די טענה, הלמאי עס שווייגט די וועלט וועגן די פאַרשיקונגען, וואָס קומען פאָר אין רומעניע און — פאַרשווונדן.

סוף נאָוועמבער האָט אונדז דערציילט אַן אַנדערער מאָסקווער ייד, אַז אין מאָסקווע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשיקונגען פון יידן אין אַן אַנזעעוודיקן פאַרנעם. מאַנטיק, דעם 28־טן נאָוועמבער, האָט מען געמאָלדן די יידישע איינוווינער פון די מאָסקווער פאַרשטעט אויפן מאַזשאַיסקער טראַקט, אַז זיי דאַרפן אין פאַרלויף פון 24 שעה שריפטלעך מיטטיילן וועגן זייער גרייטקייט צו פאַרלאָזן זייערע איצ־טיקע וווין־ערטער. אין אָט דער געגנט וווינען טויזנטער יידן; דערווייל האָט מען בלויז עטלעכע פרויען דערלויבט צו פאַרבלייבן. די מעלדונג איז איבערגעגעבן געוואָרן אינעם ראַיאָן־סאָוויעט דורך צוויל־געע־קליידעטע נ. ק. וו. ד.־לייט. — די איינוווינער דאַרפן מעלדן וווהין זיי ווילן אַריבערפאָרן: זיי קאָנען נישט אויסקלויבן מאָסקווע און נישט קיין אַנדערע גרויסע שטאָט אין ראַטנפאַרבאַנד. די וואָס וועלן נישט אויסדריקן זייער הסכמה צו פאַרלאָזן אָדער נישט אָנגעבן וווהין זיי ווינטשן זיך אַריבערגעשיקט צו ווערן, וועלן געשיקט ווערן אין נייע מקומות, לויטן איינזען פון דער מאַכט. די איינציקע „פאַרלייכטערונג״ וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן איז, אַז בעת דער מאַסן־באַוועגונג צוליב די אַרויסשיקונגען, וועט מען זיי פאַרקויפן באַן־בילעטן אויסער דער ריי. צוזאַמען מיט די יידן ווערן אויך אַרויסגעטריבן קריסטן, אָבער זייער צאָל שטייט אין פּראָפּאָרץ פון איינס קעגן פופציק. און די קריסטן זענען אַלע אָן פאַמיליעס און נייע תושבים אין זייערע איצטיקע וווינ־ערטער. דאָס ווערט, ווייזט אויס, געטון בלויז צוליב קאַמופלאַזש. בעתן איבערגעבן די מעלדונג וועגן אַרויסשיקן, איז מען אויסגעפרעגט געוואָרן צי מ׳האָט קרובים אין אַמעריקע, אָדער ישראל. די נישט־יידן פון דער סביבה דעמאָנסטרירן עפנטלעך זייער פרייד. מען רעכנט זיך נישט מיט קיין געוועזענע זעלנערס צווישן די יידן. דער ייד האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז דאָס ווערט געטון מיט סטאַלינס הסכמה.

דער זעלבער מקור האָט אונדז אויך איבערגעגעבן וועגן די אומ־שטענדן פון פאַרמאַכן דאָס יידישע טעאַטער. לויט ווי ער גיט איבער,

האָט מען געמאָלדן די טעאַטער־מענטשן, אַז ער וועט געשלאָסן ווערן צוליב דער קליינער צאָל באַזוכער. אַ צאָל אַקטיאָרן, וואָס זייער רוסישער אַקצענט איז געווען אַ מושלמדיקער, איז אַריינגענומען געוואָרן אין די עקזיסטירנדיקע רוסישע טרופּעס. די פּרויען פון די אַרעסטירטע, ווי צום ביישפּיל זוסקינס פרוי, זענען איבערגעלאָזן געוואָרן אויף גאָטס באַראָט. טייל אַקטיאָרן אָרדענען זיך אַליין איין. זשאַבאָטינסקי, למשל, פאָרט אַריבער קיין באַקו. די איבעריקע זענען איצטער אַ קאָאָפּעראַטיווע טרופּע, וואָס גיט פאָרשטעלונגען אין רוסיש, אָן רעכט צו שפּילן און צו וווינען אין מאָסקווע. גלייכצייטיק איז אויך פאַרמאַכט געוואָרן די יידישע ביבליאָטעק, וואָס האָט נאָך דאַן עקזיסטירט״ *.

אין א צוויי חדשים ארום האָב איך געקאָנט איבערגעבן אַ בילאַנסירטן סך־הכל פון דער לאַגע. און אזוי האָב איך ראַפּאָרטירט דעם אויסערן־מיניסטעריום אין חודש פעברואַר 1950 :

„מיר האָבן נאָכגעשפּירט און נישט געפונען קיין באַשטעטיקונג פאַר אַ טאָטאַלן גירוש פון מאָסקווער געגנט און אַנדערע ערטער, אָבער ס׳איז פאַראַן אַ פולע באַשטעטיקונג פאַר אַ סך אינדיווידועלע פאַרשיקונגען צוליב ציוניזם, סימפּאַטיע צו ישראל, בקשות וועגן אַרויספאַר־דערלויבענישן, פאַרבינדונגען מיט קרובים אין אויסלאַנד, ספּעקולאַציע און „אַנגעהעריקייט צו אַנטי־סאָציאַלע עלעמענטן״ — צווישן דעם, חטאים פון לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטן. מען קאָן נישט אָפּשאַצן די צאָל געטראָפענע, אין איינצלנע ערטער זענען זייער אַ סך, בלויז יידן, דערקלערט געוואָרן ווי אמתע אָדער כלומרשטע פאַרברעכערס און פאַרשיקט געוואָרן. ס׳איז אָנצונעמען, אַז פון דאַנען שטאַמען די קלאַנגען וועגן אַרויסטרייבן גאַנצע יידישע קהילות פון פאַרשיידענע ראַ־

---

* וועגן דער דאָזיקער ביבליאָטעק איז אונדז נאָך פריער איבערגעגעבן געוואָרן פון אַ פּריוואַטער קוועלע, אַז זי איז אַ טייל פון אַן אַלגעמיינער ביבליאָטעק. זי האָט זיך געפונען אויף פּאָליטעכניטשעסקי פּראָיעזד נר׳ 1 און די צאָל לייענערס אירע איז געווען ביי אַ 3000, דאָס רוב אַלטע, אָדער מיטליאָריקע מענטשן. ס׳זענען אויך געווען צווישן זיי א צאָל לייענערס מיט פרייע פּראָפעסיעס און אינטעליגענטן, אָרום די פערציקער און אַפילו אויך יינגערע.

די פרוי, וואָס האָט דאַן געאַרבעט אין דער ביבליאָטעק, איז אַלט געווען ביי אַ 55 יאָר. זי האָט אויסגעדריקט איר שטרעבונג עולה צו זיין קיין ארץ ישראל און האָט זיך אויך פאַרגעלייגט פאַר אַ באַאַמטין אין אונדזער געזאַנדשאַפט אויפן געביט פון ביבליאָטעקעריי, אָדער פאַר ביוראָ־אַרבעט. זי האָט אַמאָל געענדיקט קורסן פאַר עברית אין אָדעס ; זי האָט געקענט עברית און ליב געהאַט די העברעאישע קולטור ; לויט אירע רייד, איז אין מאָסקווע געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע צאָל גוטע „קענערס״ פון דער העברעאישער שפּראַך.

יאָגנען. עס פאַרשטאַרקט זיך דאָס באַזייטיקן יידן פון זייער אַרבעט, אָן מאָטיווירן אָדער מיט נאַרישע תירוצים, באַזונדער פון אָנפיר־פּאָסטנס, און עס גייט ווייטער אָן די רייניקונג פון קאָסמאָפּאָליטן, וואָס זענען אין דער ברייטער עפנטלעכקייט אָנגענומען ווי יידן. דער אַנטיסעמי־טיזם פון אונטן פאַרשטאַרקט זיך, די אַטמאָספערע איז אַ געדעמפטע, די צענטראַלע מאַכט פאַרווערט עס נישט, די אָרטיקע העלפט דאָ און דאָרט צו, סיי אָפן סיי פאַרשטעלט, און זיי טאַקע באַשטימען ווער איז עס דער פאַרברעכער ועמען מען דאַרף פאַרמשפטן אויף אַרויסשיקן. דאָס געפיל ביי די יידן איז זייער אַ שווערס, מחמת פחד אָפּגעזאָגט צו ווערן, אַרויסגעשיקט ווערן און קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן. אַ יידישער בעל־מלאכה וואָס האָט געווינט נישט ווייט פון אונדזער געזאַנדשאַפט, האָט אויף גיך ליקווידירט זיין וואַרשטאַט און ווינונג און זיך איבער־געקליבן אין אַן אַנדער אָרט, אויס מורא אַז מען וועט אים אַרויסשיקן און קאָנפיסקירן זיין פאַרמעגן; איצט ווינט אַ רוס אויף זיין אָרט. צייטנווייז באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די מאַכט איז פאַראינטערע־סירט אַרויפצוואַרפן אַזאַ פחד, און די אויסגעטראַכטע מעשה וועגן אָפּרופן גאָלדען פון איר אמט צוליב אַגיטאַציע פאַר עליה און ציוניזם, וועלכע איז צו אונדז דערגאַנגען פון אַ סך קוועלעס דאַרף, מסתמא, אויך דינען אָט דעם צוועק, און אויך אַראָפּנידערן דעם כבוד פון דער געזאַנדשאַפט אין די אויגן פון יידן".

אונדזער פאַראינטערעסירן זיך מיטן גורל פון דעם אָפיציעלן פרווו צו פלעגן אַ יידישן טעריטאָריאַלן צענטער אין ביראָבידזשאַן, אין עק פונען סאָוויעטישן ווייטן מזרח, איז כמעט נישט באַפרידיקט גע־וואָרן. עס איז אונדז נישט געלונגען אין דעם ענין צונויפצוקלייבן באַ־גלויבטע ידיעות. הגם אַ ייד וואָס איז געקומען פון ווינציע און איז דאָרט געוועזן גוט באַהאַוונט אין יידישע ענינים, האָט דערציילט, אַז פון אָט דער שטאָט זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן, איינער נאָכן צווייטן עטלעכע גרויסע עשאַלאָנען. סוף 1946 איז פון זיין שטאָט אַרויסגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן אַ גרופּע פון 500 יידישע משפחות, און נאָך דעם — אין מיטן 1947 — נאָך 500 משפחות, נישט ווי קיין אָרגאַניזירטע גרופּע. אין דער צווייטער העלפט פון 1947 איז ווידער אַרויסגעפאָרן אַ גרופּע פון אַ 500 משפחות בערך, און אין יאַנואַר 1948, ד. ה. ווייניקער ווי אַ יאָר פון פאַר אונדזער אָנקומען קיין מאָסקווע זענען אַרויסגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן ביי אַ דריי טויזנט נפשות, צווישן זיי דריי הונ־דערט משפחות וואָס האָבן זיך פריער פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט.

לויט אַן אַנדערער ידיעה, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ מיטאַרבעטער פון אונדזער געזאַנדשאַפט, יאַשאַ קעסלמאַן — אויך אַ געבוירענער אין ווינציע — איז אין דער ערשטער העלפט פון יאָר

1949 אָװעקגעשיקט געװאָרן נאָך אַן עשאַלאָן פֿון 500 משפּחות און אין יולי פֿון דעם זעלבן יאָר האָט זיך געגרייט אַרויסצופֿאָרן אַ צװייטע גרופּע, פֿון פֿיר הונדערט משפּחות.

די ידיעות האָבן זיך באַקומען פֿון פֿאַרשיידענע קװעלעס, און כאָטש זיי האָבן אויסגעזען צו זיין אויטענטישע — איז אָבער דער איינדרוק געװען, אַז זיי זענען אויפֿגעבלאָזענע.

אָפֿיציעל איז ביראָבידזשאַן אַ „יידישע אויטאָנאָמע געגנט" אין דער פֿעדעראַטיװער ראַם פֿון דער רוסישער סאָװעטישער רעפּובליק (ר.ס.פֿ.ס.ר.). איר שטח האלט ביי אַ 35 טויזנט קװאדראַט־קילאָמעטער. די געגנט װעלכע איז פּראָקלאַמירט געװאָרן דעם 7־טן מאַי 1934, איז 8.321 קילאָמעטער װייט פֿון מאָסקװע און 172 ק"מ פֿון כאַבאַראָװסק, װאָס ליגט אין צפֿון־מזרחדיקן ברעג פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אַ רייזע פֿון מאָסקװע מיט דער באַן פֿלעגט דויערן בדרך כלל מער װי 10 מעת־לעת. אין דער צייט פֿון מיין אַמטירן אין מאָסקװע האָט זיך אין ביראָ־בידזשאַן געפֿונען 1 גרויסע שטאָט, 1 קלענערע שטאָט, 9 שטעטלעך און 52 דערפֿער. די אַלגעמיינע צאָל פֿון דער באַפֿעלקערונג איז אין יענער צייט געװען ביי הונדערט טויזנט — אַ מינדערהייט יידן.

אין יולי 1949 האָבן מיר אומגעריכט זוכה געװען צו באַקומען אַ ביז גאָר באַגלייבטע אינפֿאָרמאַציע פֿון דער ערשטער קװעלע װעגן לעבנס־שטייגער אין דער ביראָבידזשאַנער געגנט, פֿון אַ פֿרוי װאָס איז געקומען פֿון דאָרט צו באַזוכן אונדזער געזאַנדשאַפֿט. דאָס איז געװען אַ פֿריילן פֿון אַ יאָר 45, װאָס האָט יאָרן לאַנג געלעבט ביי אונדז אין לאַנד און איז אין יאָר 1935 אַרויסגעפֿאָרן כדי צו באַזוכן איר משפּחה אין אוקראַינע (זי איז אַ געבוירענע אין פּראָסקוראָװ). לויט אירע רייד איז דאַן געשטאָרבן איר פֿאָטער און נאָך דעם איז איר מוטער אַרויסגעפֿאָרן קיין ארץ־ישראל. צו איר באַדויערן איז איר נישט געלונגען זיך אומצוקערן אין לאַנד אריין און אין 1937 איז זי אַריבערגעפֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן. זי האָט זיך די גאַנצע צייט דורכ־געשריבן מיט איר משפּחה, און אין דער לעצטער צייט האָט איר אַלטע מאַמע זי אָנגעהויבן צוצורעדן, זי זאָל טאָן אלצדינג כדי זיך צוריקצו־קערן אין לאַנד אריין.

דער שמועס האָט זיך געפֿירט אין עברית, אין װעלכער זי האָט גערעדט פֿריי און אַן קװענקלעניש. לויט איר נאָך האָבן זיך אין שטאָט ביראָבידזשאַן געפֿונען נאָך עטלעכע ארץ־ישראלדיקע יידן, צװישן זיי ליובע װאַסערמאַן פֿון ירושלים, אַ יידישע דיכטערין. עס קומט זיי אויך אויס צו רעדן עברית מיט אַן אָרטיקן ייד, אַ פֿאָלקלאָריסט, װאָס רעדט העברעאיש פֿליסיק, כאָטש אין אשכנזישער אויסשפּראַך.

די פֿרוי האָט געאַרבעט ביי פּלאַנירונג אין דער געזונטהייטס־אָפּטיי־לונג. לויט אירע רייד האָט זיך די געגנט אַנטװיקלט און די צאָל איינ־

ווינער איז שוין אַריבער די 100.000, ביי א העלפט זענען יידן. ערשט בערך מיט א חודש צוריק איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט יידישע אי־בערוואנדערער, וואָס האָט געציילט העכער טויזנט פערזאָן, וואָס שטאַמען פון די מערב־געביטן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו עס פילט זיך דער אַנטיסעמיטיזם נאָך דער מלחמה און ווו די יידן פילן זיך נישט זיכער. די לעבנס־פאָרמען זענען דאָרט ווי אין אַלע געגנטן און שטעט פונעם ראַטנפאַרבאַנד, אָבער עס פילט זיך א פרייערע אַטמאָספערע פונעם יידישן קוק־פונקט, מען הערט יידיש אין גאַס און אַמאָל אויך אין די אינסטיטוציעס. די סטעמפּלען — אַן אויסערגעוויינלעך וויכ־טיקע זאַך פאַר די איינוווינער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, ווייל די מינ־דעסטע זאַך ווערט נישט געטאָן אָן אַ סטעמפּל — זענען איןביידע שפּראַכן, און אויך די שילדן פון באַוווסטע אינסטיטוציעס. מיט דעם ווערט אָבער יידיש נישט פאַרעכנט פאַר קיין אָפיציעלע שפּראַך (?). אמת, אַמאָל ענטפערט מען אויך אויף יידיש אין אַמטן און אין די געריכטן, אָבער רוסיש שטויסט בפירוש אַרויס יידיש אויך פון איר געדולדעטער פּאָזיציע. עס דערשיינט אַ צייטונג, פאַראַן אויך אַ לי־טערארישער אַלמאַנאַך, פאַראַן אַ יידיש טעאַטער אין וועלכן מען קען אויך טרעפן נישט־יידישע אַרטיסטן, עס איז אויך פאַראַן אַ רוסיש טעאַטער. אין דער הויפּט־שטאָט געפינען זיך אַ סך לערן־אַנשטאַלטן, צווישן זיי אַ שול פאַר באַן־וועזן און אויך אַ שול פאַר סאַניטאַרן. עס זענען אויך דאָ שולן אין וועלכע מען לערנט יידיש לויטן ווילן און פאַרלאַנג פון די עלטערן. אַמאָל האָט מען גערעדט וועגן אַ פּלאַן פון לערנען יידיש אין די אַלגעמיינע שולן, אָבער דאָס איז געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר אָדער ווי אַ שיינער ווונטש.

דער יונגער דור, האָט די פרוי איבערגעגעבן, דערווייטערט זיך פון יידיש און פון דער יידישער קולטור, און עס איז אפילו נישטאָ אַזאַ אינערלעכע יידישע אויפלעבונג ווי עס פילט זיך אין מאָסקווע. דאָס מערקט זיך אויך אויפן געביט פון רעליגיע. פאַרשטייט זיך, אַז אין די קאָלכאָזן און אין דער לאַנדווירטשאַפט אין אָט דער געגנט איז דאָס יידישע לעבן נאָך ווייניקער קענטיק. אין אַ סך פאַלן מלט מען נישט די קינדער און די חתונות זענען, בדרך כלל, ציווילע.

אין אייבערשטן סאָוויעט פונעם ראַטנפאַרבאַנד האָט דאַן פאַר־טראָטן ביראָבידזשאַן פּראָפ. ראַטנער פון כאַבאַראָווסק; לויט אירע רייד איז דאָס געווען א „גוטער ייד". אויך אין אויבערשטן סאָוויעט פון דער רוסישער רעפּובליק זענען געווען פאַרטרעטן פון ביראָבי־דזשאַן אַן אויסגעצייכנטע יידישע אַרבעטערין און נאָך עטלעכע מענטשן.

צווישן די יידן איז גרויס דער חשק עולה צו זיין קיין ישראל. מען האָט זיך געטרייסט דערמיט וואָס דאָס לעבן ביי זיי איז אַביסל פרייער און עס פילט זיך אין זייער לאַנד אַ מין יידישער גייסט, אָבער צוזאַ־מען דערמיט זעען זיי אין דעם אַ נישט גענוגנדיקן סוראָגאַט פונעם

צוגעזאָגטן לאַנד. דער ווילן איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען באַהאַלטן אינעווייניק אין זיך, אָבער האָט עקזיסטירט.

פֿון אירע רייד איז געווען לגמרי קלאָר, אַז דאָס יידישע לשון האַלט אין פֿאַרשווינדן און בלייבט בלויז דאָס אייגנטום פֿונעם עלטערן דור. די איבערוויגנדיקע צאָל עלטערן טראַכטן גאָר נישט צו דערציען זייערע קינדער אין אַ יידישער שול און שיקן זיי אין די אַלגעמיינע (רוסישע) שולן. די סיבה: „מען דאַרף נישט קיין יידיש אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן". פֿון מאָל צו מאָל האָט די דאָזיקע פֿרוי אויסגעדריקט איר זאָרג פֿאַרוואָס עס האַלטן נאָך אַלץ אָן די רייבונגען צווישן די פֿאַרטייען אין ישראל, אויך נאָכן עטאַבלירן די מדינה.

אָבער וועגן איר עיקר־בקשה — איר העלפֿן עולה זיין אין לאַנד אריין — האָב איך איר געמוזט ענטפֿערן, אַז מיר האָבן טאַקע די מעג־לעכקייט צו געבן איר און יעדן אַנדערן ייד, אָן אַריינפֿאַר־וויזע אָן קיין שום אָפּהאַלט, זי מוז אָבער פֿריער מיט אירע אייגענע אָנשטרענגונגען אַרויסקריגן אָן אַרויספֿאַר־דערלויבעניש. *)

בעתן כסדרדיקן אריינקוקן אין דער סאָוויעטישער פּרעסע האָב איך באַמערקט, אין דער אײַנציקער אָוונט־צייטונג אין מאָסקווע — „וועטשערנאיא מאָסקווא" — וועגן גטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס געזעץ פֿאַרפֿליכטעט צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַ מיטיילונג וועגן יעדן פֿאַל פֿון גטן זיך. איך האָב זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און געמאַכט אַ קליינע, אָבער אַ באַזונדערע אין איר מין, סטאַטיסטישע פֿאָרש־אַרבעט.

*) עס איז אינטערעסאַנט צו פֿאַרגלייכן די פּרטים, וואָס זענען אוגדז איבערגעגעבן געוואָרן אין 1949 צו די געגעבענע פֿון אַן איבערבליק, וואָס דער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט פֿון כאַבאַ־ראָווסק האָט פֿאַרעפֿנטלעכט סוף 1969, — אַן איבערזיכט וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך די מיטאַרבעטער פֿון דער גע־אָגראַפֿיע־אָפּטיילונג פֿון אָט דעם סאָוויעטישן אינסטיטוט, וועגן דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אין בירא־בידזשאַן. לויט אָט דער פֿאָרשונג זענען אין דער גאַנצער געגנט געווען אין יאָר 1969 בלויז ביי אַ 15 טויזנט יידן, אין אַן אַלגעמיינער באַפֿעל־קערונג־צאָל פֿון 183 טויזנט (לויט דער זעלבער פֿאָרשונג זע־נען אין יאָר 1932 געווען אין דער געגנט 5 טויזנט יידן, אין אַן אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון 44 טויזנט).

און נאָך האָט דער איבערזיכט צוגעגעבן, אַז דער גרעסטער רוב פֿון די יידן אין אָט דער געגנט זענען קאָנצענטרירט אין דער הויפּט־שטאָט, בירא־בידזשאַן (10 טויזנט יידן צווישן די 41 טויזנט איינוווינער). אין דער עפֿנטלעכער הויפּט־ביבליאָטעק אין שטאָט, וואָס טראָגט דעם נאָמען שלום עליכם, געפֿינען זיך 122.000 ביכער, צווישן זיי — ביי אַ 10 טויזנט יידישע.

יעדע אזא מיטיילונג פאַרמאָגט די פאַרנעמען, די נעמען פון די עלטערן און דעם פאַמיליע־נאָמען פון דעם פּאָרל וואָס גט זיך. עס איז דעריבער נישט געווען שווער אויסצוגעפינען, לויט די נעמען, די יידן פון צווישן זיי. איך האָב זיך מיט דעם כסדר פאַרנומען, טאָג־טעג־לעך, אין א משך פון אַ צען וואָכן. און דאָס איז דער רעזולטאַט פון די סך־הכלען וועלכע האָבן זיך באַקומען (די ציפערן זענען נוגע בלויז דער שטאָט מאָסקווע, אין דער תקופה פון דעם 23־טן דעצעמבער 1948 ביז סוף פעברואר 1949) :

צווישן אַן אלגעמיינער באַפעלקערונג פון 6 מיט אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער (א צאָל וואָס איך האָב פעסטגעשטעלט אויפן סמך פון געשפּרעכן מיט עטלעכע מאָסקווער איינוווינער, און באַזונדער פון אַ שמועס מיטן הער באַקולין, דירעקטאָר פונעם דעפּאַרטאַמענט פאַרן מיטעלן מזרח אין סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום), האָט דער יידי־שער ישוב אין מאָסקווע געציילט ביי אַ האַלבן מיליאָן נפשות, ד. ה. בערך 7.5 פּראָצענט.

די אלגעמיינע צאָל גטן פאַר דער דאָזיקער תקופה, האָט, לויט די אויבנדערמאָנטע מיטיילונגען, באַטראָפן 1410. אין דער דאָזיקער צאָל האָבן זיך געפונען 217 פאַלן, וואָס איינער אָדערביידע פון די זיך־גטנדיקע פּאָרלעך זענען יידן.

דאָס הייסט, אַז 15.5% פון אַלע גט־פאַלן אין שטאָט זענען געווען פון יידן; מיט אַנדערע ווערטער — כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי עס איז זייער פּראָצענט אין דער אלגעמיינער באַפעלקערונג. אָבער אַ טיי־פער אריינטראַכטן זיך אין אָט די ציפערן האָט באַוויזן, אַז עס איז געווען אַ דעצידירנדיקער אונטערשיד צווישן גטן ווו ביידע זענען געווען יידן און צווישן די פון געמישטע חתונות. בעת דער פּראָצענט גטן ביי יידן צווישן זיך האָט באַטראָפן 5.6%, ד. ה. ווייניקער פון זייער פּראָצענט אין דער אלגעמיינער באַפעלקערונג, זענען די גטן פון גע־מישטע פּאָרלעך געווען 9.8%, ד. ה. כמעט צוויי מאָל אַזויפיל אין פאַרגלייך מיט די יידישע פּאָרלעך.

יעדע וואָך האָבן זיך, הייסט עס, געגט, אין דורכשניט 25 יידישע פּאָרלעך, וואָס 2 דריטל פון זיי זענען געווען פון געמישטע חתונות. און נאָך האָט אָט די פאָרשונג אויסגעפונען, אַז די איניציאַטיוו צום גטן זיך ביי געמישטע פּאָרלעך איז אין אַ דריטל פאַלן געקומען פונעם נישט־יידישן צד און אין צוויי־דריטל פאַלן — פונעם יידישן.

נישט געקוקט אויף אַלע באַוואָרעניַשן וואָס דרינגען אַרויס פון אָט דער אייגנאַרטיקער פאָרשונג, איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז די אַלגעמיינע טענדענץ פון דעם איבערוויגנדיקן הארבן אונטערשייד צווישן דער צאָל גטן פון געמישטע פּאָרלעך אַנטקעגן דער צאָל פון ריין־יידישע פּאָרלעך, לאָזט נישט איבער קיין מעגלעכקייט צו זען דאָס בילד אַנדערש ווי עס איז.

צו דעם אַלעם דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז די לאַגע איז געווען אַ סך טראַגישער — און געוואַלדיק געפערלעך — אין די טעג פון דער נאַצישער אָקופּאַציע. אָבער די ירושה, וואָס די נאַציס האָבן איבערגע־לאָזט, האָט זיך איינגעקריצט טיף־טיף אין די הערצער פון די יידן און נישט־יידן גלייכצייטיק. און זי וויזט נאָך אַרויס אירע סימנים, און אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ביז היינט צו טאָג.

עס זענען געווען פאַלן ווען עס האָבן באַזוכט אונדזער געזאַנד־שאַפט יידן, — סאָוויעטישע בירגער און איינוווינער — אויף צו דער־לייזן אָדער באַשטעטיקן אָפיציעלע דאָקומענטן אין שייכות מיט רעכט און אַנדערע ענינים אין ישראל. בדרך כלל פלעגן זיי קומען אין דער באַגלייטונג פון אַ סאָוויעטישן באַאַמטן. ווי עס פירט זיך, זענען די באַזוכער אויפגענומען געוואָרן פריינטלעך, מען האָט זיי אויך מכבד געווען מיט לייכטן כיבוד.

ביי אַ געלעגנהייט פון איינעם אַזאַ באַזוך, האָט דער באַגלייטער באַמערקט, אַז דער שטח באַדן און די געבייען אויף אים פון אַ פרעמ־דער געזאַנדשאַפט זענען עקסטעריטאָריאַל און זיי ווערן אין אַ געוויי־סער מאָס פאַרעכנט ווי אַן אָפּצווייג (extension) פון יענער מדינה. עס איז געווען קאָנטיק, אַז הערנדיק אַזעלכע רייד זענען די באַזוכער געוואָרן שטאַרק איבעראַשט. מיט ציטערניש האָבן זיי אַריינגעקוקט אין די אַלבאָמען מיט בילדער פון ישראל, אין ביכער און אין אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט באַטראַכטן.

די פּאַקונגען פון ביסקוויטן און די פושקעלעך פון סיגאַרעטן, אויף וועלכע עס איז געווען אָפּגעדרוקט בילדער און אייניקע ווערטער אין העברעאיש, זענען פאַר זיי געווען ווערטפולע זאַכן און זיי האָבן עס גענומען אין האַנט מיט הייליקער פאַרכטיקייט. עס איז שווער צו שילדערן דעם אויסדרוק און די געפילן פון אָט די באַזוכער. עס פלעגט טרעפן, אַז דער אָדער אַנדערער באַזוכער האָט זיך פון צייט צו צייט אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט און אויסגעווישט אַ טרער פון די אויגן.

אָבער אַ קאַפּיטל פאַר זיך אין אונדזערע פיינלעכע פּראָבלעמאַ־טישע באַרירונגען מיט די סאָוויעטישע יידן, זענען געווען די טראַ־דיציאָנעלע יידישע יום־טובים, בפרט די „ימים נוראים״ און סוכות. דער צענטראַלער פּונקט פאַר אָט די קאָנטאַקטן איז, פאַרשטייט זיך, געווען די גרויסע שול אין מאָסקווע.

מיטן דערנענטערן זיך פון די ימים־נוראים האָט זיך געענדערט די אַטמאָספערע אַרום דער שול און אין איר. פאַרזיכטיקייט און גע־היימקייט פון איין זייט און בהלה פון דער אַנדערער, האָבן באַגלייט אויף יעדן שריט די צוגרייטונג צו די יום־טובים, מצד דער אָנפירונג

פון דער שול און מצד די דאַווענערס. עס האָבן זיך געמערט די אויף גיך זיך אַריינגעגנבעטע באַזוכן פון מענער און פרויען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שול, כדי אָפּצוצאָלן די „ערדישע" חובות, פאַרזיכערן זיך ערטער („שטעט"), „מי שברך׳ס" און... צדקה־חובות. צווישן די באַזוכערס — פרויען און מענער, יונגע און אַלטע, איינצלנע און פאָרלעך, ציוויל־געקליידעטע און מונדירטע. מיטן פאַרגרעסערן זיך פון דער צאָל באַזוכערס האָבן זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל אויגן, וואָס האָבן „אַכטונג געגעבן". עטלעכע אַרבעטערס פון אַ רעגירונגס־טירן דאָס הויז (אינעם הויף פונעם בית הכנסת איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען אויך אין ערשטן און אין צווייטן טאָג ראש השנה).

די איבערלעבונגען וואָס זענען פאַרבונדן מיט די ימים נוראימדיקע תפילות האָבן מיר שוין געשילדערט אויף אַן אַנדער אָרט. דאָך איז דאָ פאַראַן אַן אָרט צוצוגעבן עטלעכע עפּיזאָדן. אַזוי, למשל, איז געאַנשטאַלט האָבן די גאַנצע צייט געאַרבעט ביים פאַרריכטן און רעמאָנ־ווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך בדרך כלל געפונען נעבן אונדז אויפן באַלעמער, און האָט איין מאָל זיך שעפּטשענדיק פאָרגעשטעלט ווי אַ פריינט פון אריה שענקער אין תל־אביב, און געבעטן אים איבערגעבן אַ גרוס. א יונגערמאַן פון א יאָר 35 האָט אונדז אַמאָל אַריינגעסודעט: „איר האָט געמאַכט אַ פולע ניסים, אונדז האָט איר נישט געהאָלפן", און צוגעגעבן אין רוסיש: „גדיע טרומפּעלדאָרי?" (ווו זענען די טרומפּעלדאָרס?).

אַן אַנדער מאָל, בעת מיר זענען אַלע ארויס פון שול אין אַ ריי נאָך „כל נדרי", איז נעבן דער טיר פון קליינעם פאָדער־צימער, אין אַ האַלב־פינצטערן ווינקל, געשטאַנען ווי זיך באַהאַלטנדיק אַ מאַן פון אַ יאָר 45, וואָס האָט זיך געטון אַ צי אויס ווי אַ סטרונע, סאַלוטירט אויפן מיליטערישן שטייגער און הויך אַ זאָג געטאָן: „אייער עקסעלענץ ישראל־געזאנדטער, זייט וויסן: עם ישראל חי!" געזאָגט און נעלם געוואָרן.

ווען כ׳האָב זיך דאַן געזעגנט מיטן רב איז אַן אַנדערער ייד צוגעקומען גאָר נאָענט צום אָרט ווו איך בין געשטאַנען און אויסגעשריגן מיט אַן אומנאַטירלעך קול: „לשנה הבאה בירושלים". א קלאַפּ פונעם רב אויפן שטענדער, באַגלייט מיט א „שאַ־שאַ־שאַ" האָט אים איינגעשטילט.

בעתן ארויסגיין האָב איך געהערט א שעפּטשען פון איינעם: „מיר האָבן געהערט „סליחות" פון דאָרטן. מאַכט שטאַרקער מ׳זאָל נישט קאָנען מעשאיען" (שטערן).

ווען כ׳בין שוין געווען אויפן גאַס, איז פאַרביי נעבן מיר א יונגערמאַן און נישט אומקערנדיק זיך מיטן פּנים צו אונדז ארויסגעפּליסטערט: „מועדים לשמחה. עליה! עליה!" און אוועק מיט שנעלע טריט.

יום־כיפור איז די צאָל מתפללים געווען א סך גרעסער ווי ראש השנה. די דורכגענג האָבן אויפגעהערט זיין דורכגענג און איבערגעפולט געוואָרן נאָך באלד אין דער פרי. דער פראָצענט פון יונגוואַרג איז נאָך מער געוואַקסן. די איבערוועגנדיקע מערהייט האָט זיך נישט גע־רירט פון אָרט אין משך פונעם גאנצן טאָג, פון תפילת שחרית ביז נאָך נעילה. דאָס מאָל איז אויך די גאס נעבן דער שול געווען איבערפולט אין איר גאנצער לענג. און אויב אינעווייניק זענען יענעם טאָג געווען ביי א פיר טויזנט מענטשן, איז אויף דער גאס זייער צאָל געווען צוויי־פאכיק און צו „נעילה" אפילו דרייפאכיק.

יום־כיפור אין אָוונט און א גאנצן טאָג זענען די פרויען פון דער געזאנדשאפט געווען „די העלדינס פון די קאָנטאקטן". ווי געווייגלעך איז פאר די פרויען אונדזערע געווען רעזערווירט א באזונדערע לאָזשע אין עזרת נשים. אין אזא לאָזשע — צוויי רייען זיץ־פלעצער צו 6־7 אין א ריי.

אָבער פאַר דער לאָזשע פון די געזאַנדשאַפט־פרויען איז געווען באַשטימט אַ שמשטע, וועלכע האָט אַכטונג געגעבן, אַז די אָרטיקע פרויען זאָלן נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט די ישראלדיקע. יום כיפור אין אָוונט, אַ לאַנגע צייט נאָך פאַרן אָנהייבן דאַווענען, איז גרויס געוואָרן די ענגשאַפט אין עזרת נשים און אויף די טרעפּ, אַ סך מער ווי מ׳האָט זיך פאָרגעשטעלט. און אויך דאָ ווי אונטן צווישן די מענער, איז געווען גרויס די צאָל פונעם יונגוואַרג. און דאָס מאָל האָט אפילו דער ספּעציעל באַשטימטער מאַן, וואָס האָט געוואַרט אויף די פרויען פון אונדזער געזאַנדשאַפט כדי זיי אַריינצופירן, צו־ליב דער גרויסער ענגשאַפט נישט געקאָנט פאַר זיי דורכזעצן דעם וועג צו דער לאָזשע. זענען זיי דעם גאַנצן אָוונט געשטאַנען צווישן דער מאַסע פרויען, וואָס האָבן זיך נישט איינגעהאַלטן און זיך נישט געהיט, נאָר זיי פאַרשיט מיט קושן און מיט פראַגעס. איינע פון די יונגע פרויען האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערער דרייסטקייט און שטיל איבערגעגעבן, אַז זי איז אַ קרובה פונעם אַדוואָקאַט בדולח פון תל־אביב, געבעטן אים איבערגעבן אַ גרוס, אַז זי ווייסט אַז זיין זון איז געפאַלן אין באַפרייאונגס־קריג און דערביי צוגעגעבן אין עברית: „נשיקות המות" (הייסע קושן).

איינע פון די רירנדיקסטע „יידישע" איבערלעבונגען, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין מאָסקווע, איז פאַרבונדן מיט דער „געשיכטע מיטן אתרוג". און אַזוי איז געווען די מעשה:

איין מאָל האָבן מיר אָפּגעטראָטן פון אונדזער מנהג און סוכות אויף דער נאַכט און אויך דעם ערשטן טאָג יום־טוב, נישט באַזוכט דאָס בית הכנסת און אויך געמאָלדן דעם רב (הרב שליפער ז״ל), אַז

דאָס מאָל וועלן מיר נישט קאָנען קומען. אָבער אין דער אמתן האָבן מיר זיך געשעמט פאַר זיי זיך צו ווייזן, ווייל נישט געקוקט אויף אונדזערע צוזאָגן און אויף אַלע אונדזערע באַמיאונגען איז אונדז נישט געלונגען צו באַקומען צו דער צייט אַ צוויי־דריי אתרוגים, אָדער ווייניקסטנס א י י ן אתרוג, ווי מיר האָבן געהאַט צוגעזאָגט דעם רב — פאַר דער גאַנצער און גרויסער יידישער קהילה אין מאָסקווע.

נאָך דעם ווי ס'איז פאַרביי אַ גאַנץ לאַנגע צייט האָבן מיר זיך, צום שלימזל, כמעט אין דער לעצטער רגע דערוווסט, אַז דער וויכ־טיקער מיטאַרבעטער אונדזערער אויף וועלכן מיר האָבן געוואַרט, האָט אָפּגעלייגט דעם טערמין פון זיין אַרויספאָר פון לאַנד און וועט נישט באַווייזן צו קומען אויף סוכות קיין מאָסקווע. האָבן מיר שוין געוווסט, אַז פון דער וויטער ישראל וועלן מיר שוין נישט באַווייזן צו באַקומען קיין אתרוגים, און מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה ווי נאָר אָנצוקומען צו דער הילף פון איינער פון די אייראָפּעאישע געזאַנדשאַפטן דאָ. און הגם עס האָבן אונדז נישט געפעלט קיין פריינד צווישן די דיפּלאָמאַטן, האָבן מיר נאָכגעטראַכט ביים אויסוויילן דעם מענטש, וואָס זאָל תופס זיין אונדזער מאָדנע בקשה. מיר האָבן באַ־שלאָסן זיך צו ווענדן צו אַ נאָענטן פריינד. אַ ראַטגעבער אין אַ גע־וויסער געזאַנדשאַפט. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די פּרשה, וועלכע האָט זיך דערנאָך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל: גיי דערקלער אַ „גוי" וואָס איז דאָס פאַר אַ „ציטרוס" און פאַרוואָס בלויז אַן איין־און־איינציקער איז אונדז אַזוי נייטיק ווי לופט צום אָטעמען, און פאַרוואָס וועט מען אים שוין נישט דאַרפן אין אַ וואָך־צוויי אַרום...

דער מענטש האָט מסכים געווען אונדז צו העלפן און האָט טע־לעגראַפירט די בקשה צו זיין אויסערן־מיניסטעריום, מ'זאָל דרינגענ־דיק אַרויסשיקן צו אונדז דורך לופט־פּאָסט, אָדער מיטשיקן מיט עמעצן וואָס וועט אונטערקומען, אַ „ציטרוס", וועלכן מ'וועט צו זיי ברענגען פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט אין זייער לאַנד. מיר, פון אונדזער זייט, האָבן טעלעגראַפירט אין דער קריה און געבעטן אַרויס־שיקן אַ פאַראָרדענונג וועגן דעם צו אונדזער געזאַנדשאַפט אין יענער הויפּטשטאָט. אָבער ווידער האָבן מיר נישט געהאַט קיין מזל: עס זענען פאַרביי עטלעכע טעג און דער פריינד אונדזערער, דער דיפּלאָ־מאָט, האָט אונדז געמאָלדן, אַז פון זיין אויסערן־מיניסטעריום איז מען געווען „זייער גרייט" אונדז צו העלפן, אָבער קיינער פון אונדזער געזאַנדשאַפט האָט זיך צו זיי נישט געווענדעט, און ביז היינט איז נישט קלאָר און נישט באַוווסט צי האָט עפּעס „נישט געקלאַפּט" אין דער קריה, צי אין דער פאַרבינדונג. דער אתרוג איז נישט געבראכט

געוואָרן און די באַמיאונגען פון אונדזער פריינד, אויף וועמענס הילף מיר האָבן אויסגעקוקט, איז געגאַנגען אין ניוועטש.

נאָך דעם ווי ס'איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז אין יענער צייט האָט מען אויך אין וואַרשע און אין פּראג נאָך נישט געהאַט באַקומען קיין אתרוגים, האָבן מיר זיך דריי טעג פאַר סוכות געווענדעט צו אַן אַנדער פריינד, אַ פאָרשטייער פון אַ קלייניקער מדינה, וואָס האָט דער־וואַרט אַ גאַסט פון זיין לאַנד, וואָס האָט מאָרגן געדאַרפט דורכפאָרן דורך פינלאַנד. האָבן מיר זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט אַ ביוראָ אין העלסינקי. הגם זייער באַאַמטער האָט געמאָלדן, אַז ער ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס פאַר אַ פרוכט, האָט ער פון דעסטוועגן צוגעזאָגט אויפצוזוכן און ברענגען אָט דעם „ציטרוס" צום עראָפּלאַן און אים איבערגעבן דעם פּאַסאַזשיר, וואָס פליט קיין מאָסקווע. נאָר אין דעם זעלבן אָוונט האָט ער אונדז געמאָלדן טעלעגראַפיש: „אין העלסינקי זענען נישטאָ קיין אתרוגים". דאַן האָבן מיר זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט אַ קריסטלעכער פרוי, אַ דירעקטאָרין פון אַ „כל־בו"־געשעפט אין שטאָקהאָלם, וועלכע פלעגט, אין יענע טעג פון שטאַרקן דוחק אין פּראָדוקטן אין מאָסקווע, צושטעלן פּראָדוקטן פאַר אונדזער געזאַנדשאַפט. און טאַקע אין עטלעכע טעג אַרום, ס'איז שוין געווען חול־המועד סוכות, האָט אונדז די פרוי געמאָלדן, אַז עס האָט זיך איר איינגעגעבן צו קריגן דעם ציטרוס. און אַז מ'האָט איר אפילו אָן געלט צוגעגעבן עפּעס „אַ גאַנצן צווייג פון א סוב־טראָפּישן בוים" (א לולב, פאַרשטייט זיך)... זי האָט אָבער נישט געקאָנט געפינען קיין זיכערע געלעגנהייט דאָס דרינגענדיק אַרויסצושיקן.

דערווייל האָבן מיר געהאַט געמאַכט נאָך אַ פּרוּוו, און אין סאַמע ערב סוכות זיך ווידער פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט פּראג און מיט וואַרשע. דעם ערשטן טאָג סוכות אינדערפרי האָט מען אונדז גע־מאָלדן פון וואַרשע, אַז אויך דאָרטן זענען נאָך נישטאָ קיין אתרוגים. אָבער פון פּראג איז סוף־כל־סוף אָנגעקומען פון אונדזער דאָרטיקער געזאַנדשאַפט די פריילעכע, אויסלייזנדיקע בשורה, אַז... „דער אתרוג איז היינט אינדערפרי אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַ סאָוויעטישן עראָפּלאַן פאַר אייערטוועגן, אין א געוויינלעכער פּאַקונג".

ס'איז געווען קלאָר, אַז אַן באַזונדערער אָנשטרענגונג וועט די שיקונג נישט דורכגיין אין דער נייטיקער שנעלקייט די לאַנדווירט־**שאַפטלעכע קאָנטראָל** с-х карантин **און מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן נאָך הילף צום סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום. אין דעם זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש צווישן אונדז און צווישן צוויי הויכע באַאַמטע. דאָס מאָל האָט מען נישט גערעדט וועגן קיין ציטרוס. די טעמע איז געווען אַ מער פּאָפּולערע: דרינגענדיק באַ־פרייען פון צאָל־אַמט „אַ טרוקענעם לימאָן" („סוכאָי לימאָן"). נאָכ־**

דעם ווי זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, האָבן זיי געפֿרעגט: „וויפֿל?" האָבן מיר געענטפֿערט: „איינעם!" — „איינעם?" — „בלויז איינעם!" מיר ווייסן נישט צי דער „בלויז איינעם" האָט זיי געמאַכט „אַ ביסל לייכטער" אויפֿן האַרץ, זיי האָבן אָבער אויפֿריכטיק צוגעזאָגט „פּרוון העלפֿן — מעגלעך אַז זיי וועלן קאָנען ווירקן" א.אַ.וו. אין אַ שעה אַרום זענען מיר אַרויסגעפֿאָרן צום לופֿט־פּאָרט צו באַגעגענען דעם אתרוג. ער איז אָנגעקומען (צוזאַמען מיט אַ לולב) גוט איינגעפּאַקט. אין אַ שמאָל, לאַנג קעסטעלע, אָבער קיין שום מעלדונג וועגן באַפֿרייען אים פֿון צאָל איז פֿון אויסערן־מיניסטעריום נישט אָנגעקומען. ווידער האָבן מיר טעלעפֿאָנירט פֿונעם פּלי־פּלאַץ, עס זענען געווען נאָך פֿאַרשיידענע אינטערווענצן, און צום סוף איז די אָפּיציעלע דערלויבעניש אַרויסגעגעבן געוואָרן. און אין זכות פֿון דער מצווה, וועלכע ס'האָט צופֿעליק געטאָן דאָס סאָוויעטישע אויסערן־מיניסטעריום, איז דער אתרוג געווען ביי אונדז אין די הענט און איז מיט ערנציטער געבראַכט געוואָרן אַהיים.

דאָס איז שוין געווען דעם פֿערטן טאָג סוכות אין אָוונט.

אַז מיר זענען צומאָרגנס געקומען אין שול צו שחרית, איז דער רב נישט געווען אויף זיין שטענדיקן אָרט אויפֿן באַלעמער. ער איז געזעסן אין זיין קאַנצעלאַריע, אַ שמאָל און קליין צימערל נאָענט פֿונעם באַלעמער, אַליין און פֿאַראומערט. אַז מיר זענען צו אים אַריין און דער אתרוג — איינגעוויקלט אין אַ צייטונג — אין אונדזערע הענט, איז געווען קלאָר, אַז ער גלייבט נאָך נישט זיינע אייגענע אויגן. ער האָט פֿאַרזיכטיק באַרירט דעם אתרוג מיט זיינע שפּיץ־פֿינגער און אַ טיפֿער זיפֿץ האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן: „אוי ווי איז מיר". דערנאָך האָט ער זיך אַ קאַפּעלע באַרואיקט און צוגעגעבן: „איצט וועל איך אָנטאָן מיינע יום־טובדיקע בגדים און וועל אַרויס צו מיין „עולם". די שמשים האָבן דערציילט, אַז אויך יום־טוב אויף דער נאַכט און אויך דעם ערשטן טאָג סוכות האָט דער רב נישט אָנגעטאָן די שבתדיקע בגדים און נישט געזעסן אויף זיין אָרט אויפֿן באַלעמער, און דאָס אַלץ צוליב דער גרויסער בושה און ווייטיק, וואָס ער און דער עולם האָבן נישט קיין אתרוג צום בענטשן.

ס'איז שווער צו שילדערן וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין שול נאָך דעם ווי עס איז באַוווסט געוואָרן, אַז דער אַזוי אויסגעקוקטער אתרוג איז טאַקע אָנגעקומען. ס'איז נישט קלאָר ווי אַזוי אָט די ידיעה איז אַזוי בליץ־שנעל אַדורך פֿון איינעם צום צווייטן, אָבער אין געציילטע מינוטן אַרום איז שוין געווען אויסגעשטעלט אַ לאַנגע ריי פֿון בית הכנסת ביז צום רבס צימער. אין אָנהייב איז נאָך די אָרדענונג אָפּגעהיט געוואָרן; ווער ס'איז געשטאַנען אין דער ריי איז אַריין, געבענטשט און אַרויס, און דאָס פּנים יעדערנס האָט געלויכטן

מיט אַ ביסל אַ סוכותדיקן אויסדרוק אָבער אין אַ האַלבער שעה אַרום איז די אָרדענונג צעשטערט געוואָרן. הונדערטער מענטשן האָבן זיך געשטופּט צום אַריינגאַנג פונעם רבס צימער. די גבאים האָבן קוים מיט צרות באַהערשט די לאַגע. דאַן איז דער רב אַרויס צום גרויסן עולם און אָנגעהויבן בענטשן אתרוג, געזאָגט די ערשטע פּסוקים און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און מיט אים, די אַלע וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים.

אין עטלעכע טעג ארום האָבן מיר ווידער געזען דעם אתרוג, דער איין־און־איינציקער אתרוג אין מאָסקווע. ער איז געווען שוואַרץ, שיער נישט ווי קויל.

און דער רב האָט דערציילט: טויזנטער הענט האָבן אים גע־האַלטן, געגלעט און געקושט — מיט ליבע, מיט אנגסט און מיט ציטער.

וועגן דער געשטאַלט הרב שליפער — וואָס איז ערשט אין 1941 באַשטימט געוואָרן דורך דער מאַכט (הרב „מטעם") צו שטיין בראש פון דער „רעליגיעזער קהילה אין מאָסקווע", דאָס ערשטע מאָל פון זינט 1938 — איז כדאי דאָ צו ברענגען אַ פאַרצייכענונג פון איינעם פון די שמועסן, וועלכע ס׳האָט מיט אים געפירט אַ מיטאַרבעטער פון אונדזער געזאַנדשאַפט, זומער 1949. און אָט וואָס יענער האָט פאַר־צייכנט:

„שבת, דעם צווייטן טאָג שבועות, נאָך דעם ווי איך בין אויפ־גערופן געוואָרן צו דער תורה, בין איך צוגעגאַנגען צום רב... אים באַגריסט, און אויף אַזאַ אופן אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים געפרעגט צי ער איז גרייט צו באַקומען דאָס זאַמלבוך לזכר הרב ריינעס, וואָס איז אונדז צוגעשיקט געוואָרן פאַר זיינעטוועגן. דער רב האָט אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג צו באַקומען דאָס בוך און אויך געזאָגט, אַז ער איז פאַראינטערעסירט צו הערן נייעס וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר, זען אַן אילוסטרירטע צייטונג פון לאַנד און אַ ביסל שמועסן. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז איך וועל צוקומען צום רב אַנהייב וואָך.

דינסטיק, דעם 7־טן יוני 1949, האָב איך באַזוכט דעם רב. איך האָב נישט געוואָלט ביי אים בלייבן אַ סך צייט און אים באַלעסטיקן, האָב איך דעריבער גלייך אָנגעהויבן דעם שמועס וועגן פּראַצעדוראַלע ענינים. כ׳האָב דעם רב איבערגעגעבן דאָס זאַמלבוך לזכר דעם רב ריינעס ז״ל (ער איז געווען דער זיידע פון דעם רב שליפערס פרוי) און דאָס האָט דעם רב זייער דערפרייט. אינעם בוך האָבן אויך אַריינ־געקוקט די אַנדערע צוויי יידן, וואָס זענען געווען דערביי — דאַווידאָוו (בן־דוד) און קרופּיצקי. כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט ווי און ווען מ׳קאָן באַזוכן דעם אָרטיקן בית־עלמין.

כ'האָב מיט זיך געהאַט עטלעכע קאָפּיעס פון „דבר השבוע" און אויך דאָס „וואָכנבלאַט", אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען גרויסע בילדער פונעם פרעזידענט און פון פרעמיער. בלעטערנדיק די זשורנאַלן האָט זיך דער שמועס געפירט וועגן דער גרויסער עליה, וועגן ליקווידירן גלותן און וועגן געוועזענע אַראַבישע שטעט, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יידישע. זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע און צי עס הערשט רו אין דער מדינה, און מער פון אַלץ — צי הערשט „שלום בית" אינעם ישוב.

די ידיעות וועגן אַן עליה פון די לענדער פונעם מזרח־בלאָק האָבן ארויסגערופן אינטערעס. אָבער נישט געבערענגט מיט זיך די נאַטירלעכע פראגן וועגן עליה־מעגלעכקייטן פונעם ראַטנפאַרבאַנד. אויך האָט זיי נישט גערירט מיין דערציילן, אַז עטלעכע מענטשן האָבן שוין פון הי עולה געווען און אַז נאָך איינע געפינט זיך איצט אין וועג. דער רב האָט גערעדט וועגן גרויסן זכות פונעם דור, וואָס זעט די פאַרווירקלעכונג פון א לאַנגיאָריקן חלום. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די געשעענישן פון אונדזערע טעג פאַרשטאַרקן די יידישע אמונה, אָבער צוגעגעבן, אַז אויף ניסים האָפט מען נאָר בעת מ'פאַרלירט שוין יעדע אנדערע האָפענונג. און כדי אויסצופירן און פאַרווירקלעכן אויפגאָבן דאַרף מען האָבן ענערגיע, ארבעט און קרבנות־גרייטקייט און נישט בלויז גלייבן אין ניסים.

מיר האָבן גערעדט וועגן טויט פונעם רב בר־אילן ז"ל און וועגן טויט פון „רב צעיר" (ר' חיים טשערנאָוויץ, דער לערער פון דאווידזאָן, וואָס האָט זיך באַטייליקט אינעם שמועס). רעדנדיק וועגן הרב פישמאַן, וואָס האָט איצט געענדערט דעם נאָמען זיינעם, האָט הרב שליפער געפרעגט, צי עס דערשיינט אַ צייטונג פון דעם מיניסטעריום פאַר רעליגיעס. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז די צייטונגען ווערן ביי אונדז נישט ארויסגעגעבן דורך מיניסטעריומס און אַז עס איז פאַראַן א צייטונג פון „המזרחי" — „הצופה" און אויך א סך אנדערע רעליגיעזע פּובליקאציעס.

עס זענען אויפגעשווומען געוויינלעכע פראגן וועגן אונדזער מיליטער, וועגן אונדזערע באַציאונגען מיט די שכנים, וועגן מעגלעכקייטן פון אנטוויקלען דאָס לאַנד. די אָנטיילנעמער אינעם שמועס האָבן געוווּסט וועגן הרב הערצאָגס נסיעה אין די פאַראייניקטע שטאַטן. כ'האָב זיי איבערגעגעבן וועגן די ענדערונגען אין אונדזער געזאַנדשאַפט און וועגן די נייע נאָמינאַציעס און דער רב האָט אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך טרעפן אָפטער. דער רב האָט געפרעגט צי איך קאָן אים איבערלאָזן די אילוסטרירטע זשורנאַלן און איך האָב, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען. צום סוף האָט ער געבעטן,

מיר זאָלן זען צו באַזאָרגן אתרוגים אויף סוכות, וואָס איז באַזונדער וויכטיק סיי פאַר אים און סיי פאַר די אָרטיקע יידן.

דער שמועס איז פאָרגעקומען נאָך א לאַנגער הפסקה, אויב מ׳זאָל נישט רעכענען א פּאָר געציילטע ווערטער ערב פסח. דאַן האָבן מיר גערעדט מיטן רב וועגן מצות און דער געשפּרעך איז געווען אַן אייליקער און א קורצער. איך האָב דעם איינדרוק, אַז די האַלטונג פונעם רב און פון זיינע געהילפן איז געווען א פרייע און עס זענען נישט געווען קאַנטיק אָט די סימנים פון נערוועזיטעט און פחד, ווי זיי זענען געווען דאַן, ווען מיר האָבן זיי איבערגעגעבן די ספר תורה. אפשר האָט אין יענער צייט אויך געווירקט די אַגיטאַציע קעגן די „קאָסמאָפּאָליטן". פאַר יעדן פאַל האָט דער היינטיקער שמועס גורם געווען א סך פאַרגעניגן און כ׳האָב געפילט, אַז יעדעס וואָרט וועגן ישראל און וועגן „משיחס צייטן", דרינגט אריין אין די הערצער פון מיינע מיטשמועסערס און אַז זיי זענען שותפים, ווען אפילו שטומע, צום אויפבוי־ווערק".

דער רב ר׳ שלמה שליפער איז געשטאָרבן אין יאָר 1957 און זיין לוויה איז דאַן ריירנדיק געשילדערט געוואָרן אין א קאָרעספּאָנדענץ אין לאָנדאָנער „דזשואיש כראָניקל" און ס׳איז ווערט — אין אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם — זי צו ברענגען גאַנצערהייט.

די לוויה איז פאָרגעקומען אין וואָסטריאַקאָווא, א דאָרף דרום־מערבדיק פון מאָסקווע. פאַר דער לוויה איז אין דער גרויסער שול פון דער הויפּטשטאָט פאָרגעקומען אַן אזכרה, וועלכע האָט געדויערט דריי שעה.

„דאָס איז געווען א דערשיינונג, וואָס האָט ארויסגערופן א טיפע צערודערונג, בשעת עס האָבן זיך צוזאַמענגענומען א 1500 מענטשן אין בית הכנסת, מתפלל געווען און געוויינט אויפן קול — און רבנים פון לענינגראַד, קיעוו און פון אַנדערע שטעט האָבן איינער נאָכן צווייטן מספיד געווען דעם פאַרשטאָרבענעם רב. די מתפללים זענען אין זייער מערהייט געווען עלטערע מענטשן. א סך פון זיי מיט בערד און אַלע האָבן מיט טרויער געווענדעט זייערע בליקן אויפן טויטן קערפּער פונעם רב, וואָס איז געלעגן איינגעהילט אין שוואַרצן אַנטקעגן ארון־קודש.

„אין דער זעלבער צייט האָבן נאָך א סך הונדערטער יידן זיך צוזאַמענגעדרענגט אין קליינעם געסל, אין אָט דעם פרילינגדיקן זוניקן טאָג, געקרעכצט און געוויינט. און פון צייט צו צייט האָט איינער פון זיי ארויסגערעדט די ווערטער: „ער איז געווען א גוטער מענטש, ער איז געווען אַן אָנשטענדיקער מענטש".

„ס׳האָט זיך געענדיקט די אזכרה, מען האָט דעם קערפּער ארויס־

געטראָגן אין דרויסן, אריינגעלייגט אין אַן אויטאָ און אין דער באַגלייטונג פון אַ קאַראַוואַן, וואָס האָט געציילט ביי א 100 טעקסיס און אויטאָבוסן; וועלכע האָבן אריינגענומען אין זיך הונדערטער אבלים, איז דער לוויה־צוג דורכגעפאָרן די מאָסקווער גאַסן און אָנגעקומען אויפן בית־עולם, וואָס געפינט זיך ביי א 20 קילאָמעטער הינטער דער שטאָט.

„א. שלוש, דער ישראל־באַפולמעכטיקטער האָט געלייגט א קראַנץ ביים קבר, וואָס האָט געטראָגן אַן אויפשריפט אין עברית און אין רוסיש: „פון ישראל־אַמבאַסאדאָר״. א פאָרשטייער פון סאָוויעטישן מיניסטעריום פאַר רעליגיעס האָט זיך באַטייליקט אין דער לוויה.

„אויף דער לוויה האָט מען נישט געזען קיינעם פון יענע יידן, וואָס פאַרנעמען הויכע פּאָזיציעס אינעם געזעלשאַפטלעכן אָדער פּאָליטישן לעבן פון ראַטנפאַרבאַנד.

„אויפן בית־הקברות, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט א טיפּיש רוסישער לאַנדשאַפט פון אומענדלעכן פלאַכלאַנד, איז ווידער פאָרגעקומען א לאַנגע אזכרה־צערעמאָניע. צווישן די אבלים, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דעם קבר איז אויך געשטאַנען דעם רבס אלמנה. נאָך 7 שעה פון הספדים און לוויה־צוג איז פאַרנאַכט אַריינגעלייגט געוואָרן דער קערפּער פונעם רב אין קבר אריין און דער קבר איז פאַרשאָטן געוואָרן״.

צום פאַרענדיקן ברענג איך דאָ די איינדרוקן פון אונדזער געזאַנדשאַפט־חבר א. לפיד, פון א באַזוך, וואָס ער האָט געמאַכט אויף מיין בקשה, ביי דער שוועסטער פון יוסף שפּרינצאַקן, דעם כנסת־פאָרזיצער פון יענער צייט.

אָבער קודם האָט מען דאַרפט געדאַרפט אויסגעפינען דעם אַדרעס אירן און דאָס איז נישט אַזוי פּשוט אין מאָסקווע. דאָ איז דאָס אָרט אויפצוקלערן דאָס ספּעציפישע ביים געפינען א טעלעפאָן־נומער אין דער הויפּטשטאָט.

נישט געקוקט אויף אַלע אונדזערע פאָדערונגען און ווענדונגען, איז אונדז נישט געלונגען אויפצוקלערן, פאַרוואָס מ׳קאָן נישט קריגן קיין פּשוט און געוויינלעך טעלעפאָן־בוך, ווי אין יעדער אַנדערער שטאָט אין דער וועלט. ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך דעם יאָר 1939 — דאָס הייסט, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה — איז נישט אָפּגעדרוקט און נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַזאַ בוך, און אַלע די, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין טעלעפאָן־געשפּרעכן האָבן זיך באַנוצט מיט זייערע אייגענע פּריוואַטע רשימות, אָדער געמוזט פרעגן אין אינפאָרמאַציע־ביוראָ וועגן דעם טעלעפאָן־נומער, וואָס זיי האָבן נייטיק. אַזוי אַרום איז דער פאַרנעם פון די טעלעפאָן־געשפּרעכן

געווען זייער אַ באַגרענעצטער און איז פֿאַרגעקומען נאָר צווישן מענטשן, וואָס האָבן געקענט איינער דעם צווייטן און צווישן פֿאַרשידענע אינסטיטוציעס. מעגלעך, אַז דאָס איז אויך געמאַכט געוואָרן בכּוונה, כּדי אויף אַזאַ אופֿן צו האָבן די קאָנטראָל איבער די טעלעפֿאָן־געשפּרעכן פֿון די איינוווינער.

אין אַ צײַט אַרום, האָבן מיר ממש על פּי נס געקראָגן אַן אַלט טעלעפֿאָן־בוך פֿון 1939, אַ ווערטפֿול בוך, וואָס איז נישט געווען צו קריגן, וואָס האָט געעפֿנט פֿאַר אונדז אַ פֿענצטערל, כאָטש אַ פֿאַרעלטערטס אָבער אַן עפֿעקטיווס, אויף צו געפֿינען אַדרעסן און מענטשן מיט דער הילף פֿונעם טעלעפֿאָן־טרייבל. לויט די באַגריפֿן פֿון יענער צײַט, האָבן מיר פֿאַר דעם דאָזיקן בוך באַצאָלט אַ „פֿאַרמעגן".

אויף אַזאַ אופֿן זענען מיר אויך דערגאַנגען צום טעלעפֿאָן־נומער פֿון שפּרינצאַקס שוועסטער.

אָבער אויך נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין געהאַט דעם נאָמען פֿון דער גאַס און דעם נומער פֿונעם הויז — איז דאָס געפֿינען אַן אַדרעס אין מאָסקווע נישט פֿון די לײַכטע זאַכן.

נײַגעריקע אויגן פֿלעגן באַגלייטן דעם באַזוכער, טירן פֿון שכנים פֿלעגן זיך עפֿענען, און פֿראַגעס האָבן געקאָנט אַרויסרופֿן חשד, און ס'איז בכלל נישט געווען געוווּנטשן, אַז עמעץ זאָל זיך דערוויסן, אַז פֿרעמדע זוכן אַן איינוווינער פֿונעם הויז.

אין מערסטן טייל זענען אינעם אַרײַנגאַנג פֿון הויז געווען רשימות פֿון די שכנים, אָבער — נישט תּמיד. דער בעסטער וועג איז געווען צו גיין גלײַך, אָן קווענקלענישן צו דער נייטיקער טיר, אָדער, ווייניקסטנס, מאַכן דעם אָנשטעל פֿון זיכערקייט און נאַטירלעכקייט. אין יענעם פֿרימאָרגן, ווען מיר זענען אַרויס צו דער „אַקציע" פֿון באַזוכן שפּרינצאַקס שוועסטער, האָבן מיר זיך באַמיט אָנצוטאָן זיך אַזוי, אַז אויף וויפֿל ס'איז מעגלעך זיך צוצופּאַסן מיטן אָרטיקן מענטשן־בילד.

די דירה איז געלעגן אין אַ זײַטיקער גאַס אין צענטער שטאָט. מיר זענען אַרײַן אינעם טרעפּן־צימער און אָנגעהויבן אַרויפֿגיין, קוקנדיק אויף יעדער טיר און זוכנדיק דעם נאָמען פֿון דער באַטרעפֿנדיקער פֿרוי. דער אמת איז, אַז עס האָט אונדז נישט געדראָט קיין שום געפֿאַר ביים זוכן אַ דירה פֿון אַן אָרטיקן תּושבֿ, אָבער צוזאַמען דערמיט איז זיך אונדז שווער געווען צו באַפֿרײַען פֿון דעם געפֿיל פֿון דערדריקונג און האַרץ־קלאַפּונג, ווײַל אַזאַ וויזיט דאָ איז דאָך נישט גלײַך צו אַ וויזיט אָדער צו דעם זוכן אַן אַדרעס אין אַ פֿרײַ לאַנד. מיר האָבן אויך נישט געוווּסט וואָס פֿאַר אַ קבלת־פּנים עס דערוואַרט אונדז, און וואָס מיר קאָנען גורם זײַן יענעם, ווען עמענס טיר עס

וועט זיך פֿאַר אונדז עפֿענען, אויב זי וועט זיך כּלל נישט באַלד פֿאַר־מאַכן אונדז, פֿאַר דער נאָז.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו דער געזוכטער טיר. די טיר האָט זיך געעפֿנט און אַן אַלטע פֿרוי האָט געפֿרעגט וואָס מיר ווילן. כ׳האָב זיך דערנענטערט צו דער טיר און איר געזאָגט, אַז מיר ברענגען איר אַ גרוס פֿון איר ברודער אין ישׂראל.

זי האָט זיך נישט באַגייסטערט פֿון אונדזער וויזיט און בלויז די אָנוועזנהייט פֿון איר אייניקל און דער פּחד פֿאַר דער נײַגעריקייט פֿון די שכנים, וואָס קאָנען אונדז דערזען ביים אַרײַנגאַנג פֿון איר דירה, האָבן זי באַוויגן צו עפֿענען פֿאַר אונדז ברייטער די טיר און באַוויליקן מיר זאָלן אַרײַנגיין.

דאָס איז געווען אַ באַשיידענע דירה, אָבער פֿאַר מאָסקווע — אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק גוטע, צו דעם נאָך אין אַ גוט אָרט. מיר האָבן נישט געפֿילט, אַז מיר זענען אָנגעלייגטע געסט. דער שמועס איז געווען אַן איינגעהאַלטענער, די פֿרייד פֿון הערן נייעס פֿון איר ברודער איז געווען אַ באַהאַלטענע, און די גאַנצע צייט האָבן מיר געהאַט דאָס געפֿיל, אַז די פֿרוי וואַרט נאָר מיר זאָלן שוין אַוועקגיין און וועט זיך פֿרייען אין מאָמענט ווען זי וועט אונדזערע פּטור ווערן. זי האָט אָבער נישט געוווסט פֿון זיין הויכן אַמט וואָס ער פֿאַרנעמט, ווי דער ערשטער פֿאַרזיצער פֿונעם ישׂראל־פּאַרלאַמענט. די יונגע איז געווען אַ סך רואיקער און ס׳איז געווען דער איינדרוק, אַז זי פֿילט אַז זי דאַרף אַרויסווייזן באַזונדערע פֿריינטלעכקייט.

שפּרינצאַקס שוועסטער האָט זיך איינגעהערט צו מיינע רייד, אָבער זיך אָפּגעהאַלטן פֿון עפּעס בעטן אָדער פֿון איבערגעבן עפּעס איר ברודער, אָדער פֿון אויסנוצן די געלעגנהייט צו שיקן אים עפּעס וואָס, עס זאָל סימבאָליזירן דאָס באַנייען דעם קאָנטאַקט. זי האָט געלויבט אירע לעבנס־באַדינגונגען און די לערן־מעגלעכקייטן וואָס זענען אָפֿן פֿאַר איר אייניקל. אירע רעאַגירונגען און איר אָרט רעדן זענען געווען טיפּיש פֿאַר דער פֿאַרשלאָסנקייט און פּחד וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט דאָס רוב יידן, מיט וועלכע עס איז אונדז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען.

ס׳איז אונדז נישט פֿאַרגעלייגט געוואָרן קיין שום כּיבוד. מיר האָבן געזאָגט דאָס אונדזעריקע. געזען די פֿרוי און זיך געפֿרייט וואָס מיר וועלן קאָנען איבערגעבן יוסף שפּרינצאַקן, אַז מיר האָבן באַזוכט זיין שוועסטער און אויך געזען איר אייניקל. מיר האָבן געפֿילט, אַז אונ־דזער וויטערדיקע אָנוועזנהייט איז נישט באַזונדער געווונטשן. אַז מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט אונדז די פֿרוי געבעטן מיר זאָלן נישט פּרווון נאָך אַ מאָל זי צו זען. „ס׳איז אונדז גוט״, האָט זי געזאָגט „עס פֿעלט אונדז גאָרנישט״. מיר זענען געווען זיכער, אַז די יונגע

וואָלט עפּעס מערער געזאָגט, ווען מ׳לאָזט איר. מיר זענען אַוועק געריירטע פון דעם „קאָנספּיראַטיוון" אויפטו און פון דער שווייגעניש, וואָס האָט באַגלייט אונדזער באַזוך.

דאָ איז אפשר דאָס פּאַסיקע אָרט צו ברענגען מיין אָפּשאַצונג וועגן דעם כאַראַקטער פון דער עליה פון רוסלאַנד, ווען מיר וואָלטן צו דעם דערגאַנגען. וועגן דעם טאַקע האָב איך באַריכטעט אויף אַ מסיבה פאַר איינגעלאַדענע, מיט ז. שזרן אין דער שפּיץ, אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך מיין צוריקקערן זיך פון מאָסקווע. פון די רייד, וואָס כ׳האָב דאָרט געלאָזט הערן אין דער אַנוועזנהייט פון פּראָפ. יוסף קלויזנער, ר׳ בנימין, ש. אוסישקין, פּראָפ מאַרטין בובער, כנסת־דעפּוטאַט קליבאַנאָוו, פּראָפ. ג. שלום און אַנדערע, וועל איך ציטירן די פאָלגנדיקע זאַצן:

„איך בין ביי דער מיינונג אַז דאָס וועט זיין אַ באַגייסטערטע מאַסן־־עליה, אָבער נישט קיין לייכטע צו אַבסאָרבירן. אמת, טעכנישע, וויסנשאַפטלעכע און אינטעלעקטועלע כוחות וועלן קומען מאַסנווייז, אָבער נישט קיין מענטשן פאַר פּשוטער פיזישער אַרבעט, וואָס רעכנט זיך נישט פאַר קיין באַזונדערן כבוד אין ראַטנפאַרבאַנד. דער לאָקנ־דיקער אידעאַל פאַר אַ יוגנטלעכן איז ווי אין אַמעריקע — צו זיין אַ באַלעט־טענצער, אַ פּראָפעסאָר, אַן אינזשיניער, אַ מוזיק־קינסטלער וכדומה. מ׳זאָגט דעם יוגנטלעכן: „מיט דעם צייכנט זיך אויס אונ־דזער רעזשים, וואָס אַ פּאַסטעך קאָן ווערן אַ פּראָפעסאָר; דאָס וועסטו נישט דערגרייכן נישט אין אייראָפּע און נישט אין אמעריקע". א יידן איז נישט שווער צו באַנעמען אַזעלכע געדאַנקען. עס זענען דאָרט נישטאָ קיין שום אַלגעמיינע פאַקטאָרן, וואָס זאָלן שטויסן דעם ייד צו שאַפערישער פּראָדוקטיוויזאַציע. דער מאַכט פעלן אינטעלעקטועלע כוחות און זי איילט עס צו מיט כוח און מיט אַלע לאָקנדיקע מיטלען. וועסט כמעט נישט געפינען אין אַ צייטונג אַ דערציילונג וועגן עמעצן, וואָס איז ווייניקער ווי אַן אַרבעט־בריגאַדיר (אַ פאָרמען). אויף דער יידישער גאַס דריקט זיך דאָס אויס טויזנטפאַכיק מער און שטאַרקער".

אין איינעם אַ טאָג אין 1949, האָבן צוויי באַאַמטינס פון דער גע־זאַנדשאַפט (פרוי אייגע שאַפּיראָ און מרים שתילי) באַזוכט דעם יידישן בית־הקברות אין מאָסקווע, און אַזוי געשילדערט זייער באַזוך:

דאָס בית־הקברות געפינט זיך ביי אַ 15 ק"מ הינטער דער שטאָט, לעבן דאָרף וואָסטריקאָוואָ. דער וועג פירט פון דער קאָרעלאָזשעס־קאַיער גאַס אויפן הויפּט־שאָסיי און פאַרנעמט זיך דערנאָך אויף רעכטס אויף אַ נישט־ברוקירטן שטעג, וואָס שניידט דורך אַ וועלדל, וואָס אויף זיין ברעג געפינט זיך דאָס בית־הקברות.

ווען מיר זענען אַרויס פון אויטאָ, האָבן מיר געזען מצבות ליגן לעבן שאָסיי, אַ טייל מיט אויסגעקריצטע העברעישע און רוסישע אותיות און טייל גלאַטע. לעבן איין מצבה האָבן מיר געזען אַ רוסישן בחור וואָס האָט אויף איר פאַראָכטן די אותיות. ס׳האָבן זיך באַלד פאַרזאַמלט אַרום אונדז יידישע פרויען (אויך יונגע מיט קינדער), קאַליקעס און בעטלערס, און געבעטן נדבות. עטלעכע טריט ווייטער אינעם בית הקברות, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויס הילצערן הויז, וואָס דינט, ווייזט אויס, ווי אַ ביוראָ און אויך פאַר אַ וווין־אָרט פאַר די שומרים. לעבן הויז איז געשטאַנען אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנ־גער ווייסער באָרד. מיר האָבן זיך צו אים געווענדעט מיט דער בקשה אונדז צו ווייזן דאָס קבר פונעם מאָסקווער „קאַזיאָנעם ראַבינער", יעקב מזא"ה ז"ל. דער אַלטער איז אַנטקעגנגעקומען אונדזער בקשה און אויפן וועג צום קבר פונעם רב, אונדז דערציילט, אַז מ׳האָט די ביינער דעם רבס אַריבערגעפירט אַהער פון אַן אַנדער בית הקברות, וואָס איז אַמאָל געווען אויפן דראַגאָמילאָווסקער וועג, און מיטן אַריבער־פירן דאָס געביין האָט מען די שיינע מצבה נישט מיטגענומען (די סיבה האָט ער נישט דערקלערט).

מיר זענען צוגעקומען צו דריי קברים איינער לעבן אַנדערן — פונעם רב, פון זיין פרוי און פון דער טאָכטער (לויט די רייד פונעם באַגלייטער, לעבט נאָך איין טאָכטער פון הרב מזא"ה און וווינט אין מאָסקווע). אויפן קבר פון רב האָבן מיר געפונען אַ קליינעם שטיי־נערנעם טאָוול (בערך 40× 4 ס"מ) און אויף אים, מיט רוסישער שריפט, זיין נאָמען, דעם פאָטערס נאָמען און זיין פאַמיליע־נאָמען מיט אַ צוגאָב, אויך אין רוסיש, פון די דאָזיקע ווערטער: Якову... Мазе, самоотверженному борцу за еврейство. אויף די קברים פון די פרויען זענען געווען בלויז קליינע בלעכענע טאָוועלעך מיט זייערע נעמען, אַריינגעשטעקטע אין דער ערד.

בעת אונדזער באַזוך דאָרט האָבן מיר געפרעגט דעם אַלטן, צי ער קאָן אונדז ווייזן קברים פון באַרימטע שרייבערס. ער האָט מסכים געווען און אונדז באַלד צוגעפירט צו אַן אָפּגעצוימט אָרט און געזאָגט, אַז דאָ זענען באַגראָבן די מענטשן פון „עמעס" און „אייניקייט". אַזוי ווי מיר האָבן יעדעס מאָל צווישן זיך אויסגעביטן שנעלע באַמערקונ־גען (אין עברית, פאַרשטייט זיך) האָט עס דער אַלטער, פאַרשטייט זיך, אויפגעכאַפּט און אַז מיר זענען צוגעקומען צו די קברים פון די דערמאָנטע שרייבערס, האָט אונדזער באַגלייטער עפּעס אַריינגע־שעפּטשעט אין די אויערן אַריין פון צוויי פאַרשוין (יידן) שיין גע־קליידעטע (זעט אויס היטער פון געזעץ און אָרדענונג אויפן בית הקברות) וואָס זענען געשטאַנען נעבן די קברים — נאָך איידער מיר זענען צוגעקומען צום אָרט (וואָס געפינט זיך, אגב, ממש נעבן דעם

בּיוראָ־הויז). דער אַלטער האָט אָנגעוויזן אויף אַ קבר, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט אין רוסישע און אין יידישע אותיות „דיכטער עזרא פֿינינבערג" — געשטאָרבן אין יאָר 1946. דער אַלטער האָט אונדז „רעזיקלערט", אַז ער איז דאָס געווען דער רעדאַקטאָר פֿון „עמעס". נעבן דעם קבר האָט זיך געפֿונען אַן אַנדער קבר אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט בלויז אין רוסיש Зиновий Фадеевич Соломник. ביידע מצבות זענען געווען זייער באַשיידענע און נעבן זיי — עטלעכע קברים אָן קיין שום אויפֿשריפֿט. איך האָב אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנגעהויבן פֿאַרשרייבן די נעמען, וואָס זענען אונדז נישט געווען באַקאַנט. עס דוכט זיך מיר, אַז עס זענען געווען נאָך עטלעכע קברים מיט מצבות. אַז די „היטער פֿון געזעץ" האָבן דאָס דערזען, האָט גלייך איינער פֿון זיי זיך געווענדעט צו אונדז אין יידיש: „צי קאָן מען וויסן צו וועלכן צוועק איר פֿאַרשרייבט די נעמען?" מיר האָבן גלייך געענטפֿערט אויף דעם: „אָן קיין שום צוועק, סתם כדי צו געדענקען, ווייל די נעמען זענען אונדז נישט באַקאַנט". „איר פֿאַרשטייט", האָט דער מענטש געזאָגט, „מיר טאָרן נישט איבערגעבן קיין שום ידיעות". מיר האָבן געענטפֿערט, אַז מיר בעטן נישט קיין שום ידיעות און קיין שום אויפֿקלערונגען. מיר זענען געקומען זען ס'קבר פֿון הרב מזא"ה און דרך־אגב געבעטן מ'זאָל אונדז ווייזן קברים פֿון יידישע שרייבערס. „אָבער וואָס איז די פֿראַגע וואָס אייך אינטערעסירט?" — האָט דער מענטש ווייטער געפֿרעגט. מיר האָבן אים געענטפֿערט, אַז עס אינטערעסירט אונדז נישט קיין שום פֿראַגע. דאָ האָבן מיר פּלוצים דערפֿילט עפּעס אַזאַ באַזונדערע און מאָדנע אַטמאָספֿערע און אַ ציטער איז אַדורך דורך אונדזער לייב. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר אונדז האָט זיך פּלוצים אַנטפּלעקט אַ זאַך, וועגן וועלכער מיר האָבן גאָרנישט געטראַכט.

מיר האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אָבער דער מענטש האָט אונדז אָנגעיאָגט און יידעו צוגעגעבן: „איר פֿאַרשטייט, מיר טאָרן בשום אופֿן נישט גאָרנישט נישט אויפֿדעקן".

דערמיט האָט זיך פֿאַרענדיקט דאָס געשפּרעך, און דאָס וואָס איז נישט געזאָגט געוואָרן האָט זיך קלאָר אַרויסגעפֿילט: אויך וועגן די טויטע איז באַפֿוילן געוואָרן צו שווייגן.

נישט ווייט פֿון די דאָזיקע קברים זענען געזעסן אויף בענק אַ 12—15 פּערזאָן — ווּסן לויט זייער אויסזען — און אַריינגעשפּיזט זייערע אויגן אין אונדז און אין אונדזערע מיטשמועסערס.

די טעג פֿון מיינע שליחותן אין מאָסקווע האָבן זיך דערנענטערט צום סוף, פֿון דעם מאָמענט אָן ווען איך האָב אין דער ערשטער וואָך

פון חודש אָקטאָבער 1950 באַקומען פאָלגנדיקע טעלעגראַמע פונעם צענטער פון „מפלגת פועלי ארץ־ישראל" (מפא"י) אין תל־אביב:

„די פּאָליטישע קאָמיסיע פונעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן וועגן אײַער תּיכּפדיקן צוריקקער אין לאַנד, כּדי איבערצונעמען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון ועד הפועל פון דער הסתדרות".

פּאַראַלעל צו דעם זענען געמאַכט געוואָרן דיפּלאָמאַטישע און פּראָטאָקאָלאַרע פּאַסיקע שריט מיך צו פאַרבייטן. ה' זלמן שזר, היינטיקער פּרעזידענט פון מדינת ישׂראל, איז פאָרגעלייגט געוואָרן צו דער באַווייליקונג פון דער סאָוויעטישער רעגירונג ווי דער קאַנדידאַט פאַרן אַמט פון געזאַנדטער אין מאָסקווע, און איך אַליין האָב אָנגעהויבן די דורכפירונגען פון דער אָנגענומענער פּראָצעדור פון אַ געזאַנדטן, וואָס האַלט ביים פאַרלאָזן זיין אַמטיר־שטול.

פון די געזעגענונג־געשפּרעכן וועלכע איך האָב געהאַט סוף אָקטאָבער און אָנהייב נאָוועמבער 1950 מיט אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין סאָוועטישן אויסערן־מיניסטעריום, האָב איך זיך באַזונדערס באַאיינדרוקט פונעם געשפּרעך מיט גראָמיקאָ און זאָרינען.

גראָמיקאָ איז בעת דעם געזעגענונג־שמועס געווען זייער האַרציק. ער האָט אויסגעדריקט צער צוליב מיין ענדיקן די דינסט און מיר געווונטשן דערפאָלג אין דער צוקונפט, און אַפילו אַרויסגעזאָגט אַ מין געפליגלט וואָרט, וואָס האָט מיך אַביסל איבערראַשט: „אייך איז גוט, ווייל איר קערט זיך דאָך אום אַהיים, אָבער אונדז איז אומעטיק, וואָרום איר פאַרלאָזט מאָסקווע". איך האָב אויסגעדריקט מיינע דאַנקען צו אים, דעם מיניסטער און זיינע געהילפן פאַר זייער העפלעכער באַציאונג, און געווונטשן פאַר די פעלקער פון פאַרבאַנד און פאַר זיין רעגירונג. ער האָט געענטפערט מיט האַרציקע ברכות פאַר אונדזער מדינה און רעגירונג און אַ פּערזענלעכן ווונטש פאַר שרתן.

אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום, אויף אַ יום־טוב־מסיבה ביי די טשעכן, האָב איך ווידער געשמועסט מיט אים און מיט זיין פרוי. זי האָט מיר געמאַכט אַ סך קאָמפּלימענטן און אויסגעדריקט אמתן פאַרדרוס צוליב מיין פאַרלאָזן דעם אַמט. ווי פריער, אַזוי אויך דאָס מאָל — האָט מען נישט געקאָנט זיך נישט באַאיינדרוקן פון אירע פּשוטע און אָפענע רייד, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן מיט אמתדיקער רוסישער ברייטהאַרציקייט און אָן אַ שמץ פון דיפּלאָמאַטישער מאַניערלעכקייט.

דערביי האָב איך נישט געקאָנט זיך נישט דערמאָנען אין אַ פריערדיקן שמועס מיט דעם זעלבן פּאָרל, בעתן מיליטערישן פּאַראַד אין רעוואָלוציע־טאָג, מיט אַ יאָר צוריק, אין 1949. שטייענדיק בעתן פּאַראַד אויף דער טריבונע פונעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, זענען צו מיר צוגעגאַנגען גראָמיקאָ און זיין פרוי. ער האָט אַרויסגעזאָגט עטלעכע געוויינלעכע פריינטשאַפטס־ווערטער און פאָרגעשטעלט פאַר מיר זיין פרוי. „אָט, דאָס איז דער ישׂראלדיקער מיניסטער", זי האָט אויסגע־

דריקט איר פרייד פון דעם צוזאמענטרעף און דערציילט, אַ שטאַרק אויפגעהייטערטע, פשוט און מיט איינצלהייטן, אַז זי האָט בייגעוווינט אין לייק־סאַקסעס די גרויסע אנטשיידונג וועגן ארץ־ישראל, און צווישן אנדערס צוגעגעבן: „ס'איז מיר שווער אייך צו שילדערן, וואָס עס זענען געווען פאר אונדז יענע טעג (1947). מיר האָבן זיך געפונען אין גרויס פחד און אין אומגעהויערער אויפרעגונג, מיר האָבן נישט געהאַט קיין רו און אונדזערע נערוון זענען געווען אינגאַנצן צעשרויפט, ווייל דער גורל פון אייער עניך איז געלעגן אויף אַ וואָג־שאָל, דאָ אַרויף, דאָ אַראָפּ אַלץ איז געהאָנגען אויף אַ האָר, און ביז דער לעצטער מינוט האָבן מיר נישט געוווסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. דאַנקען גאָט, אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט ווי צום בעסטן". גראָמיקאָ האָט דאַן געשוויגן און זיך צוגעהערט צו איר דערציילן מיט אָפענעם פאַרגעניגן. איך האָב איר דערציילט וועגן דער גרויסער ליבע און כבוד וועלכן אַלע קרייזן פון אונדזער געזעלשאַפט פילן צו איר מאַן, און זי האָט צוגעגעבן: „יאָ, ער האָט אין דעם אַריינגעלייגט נישט ווייניק מי, אָבער דאָס איז געווען אַן אָנגענעמע שליחות". עס האָט זיך געפילט אין אירע רייד אַ שטאַרקער אָפּקלאַנג פון דער דערהויבנקייט פון יענע טעג...

פון פּאָליטישן קוק־פּונקט איז כדאי צו דערמאָנען דעם געזעגענונגס־שמועס מיט וואַלעריאַן זאָרין, וואָס האָט נאָך די אָנגענומענע העפלעכקייט־ווערטער און קעגנזייטיקע ווונטשן, אָנגעהויבן — אָן שום פּראָוואָצירונג פון מיין זייט — אַ געשפּרעך וועגן אינטערנאַציאָנאַלן מצב. דער גרונט־מאָטיוו איז געווען אַ טענה, אַן איינגעהאַלטענע אין דער פאָרמולירונג אָבער אַ זייער ביטערע אין איר מהות, קעגן דער אויסערלעכער וועלט, וואָס העצט קעגן ראַטנפאַרבאַנד און פעלשט זיין אינערלעך אויסזען און זיין טענדענץ אין דער אויסערן־פּאָליטיק. די פעלשונגען זענען טיילווייז א רעזולטאט פון נישט־וויסן, שלעכט־פארשטאנענקייטן און נישט ריכטיקער אויפפאסונג, אָבער אין זייער רוב — באַוווסטזיניקע, בייזע ליגנס. דרך־אגב און בקיצור האָט ער אויסגעדריקט זיין צער, וואָס אויך א טייל פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפטלעכקייט פאַרנעמט אַ פיינטלעכע שטעלונג און מיך געבעטן, אַז איך, אויפן גרונט פון מיין לאַנגער דערפאַרונג און פערזענלעך זיך צוקוקן צו פאַרשיידענע טיילן אין רוסלאַנד, זאָל זיך באַמיען צו צעשטייבן פאַראורטיילן, פאַלשע פחדים און בייזוויליקע פעלשונגען. דער שלום איז א לעבנס־נויטווענדיקייט פאר די פעלקער פונעם ראטנפארבאנד. די ירושה פון דער מלחמה איז זייער אַ שווערע, דער לעבנס־סטאנדארט איז נישט קיין גענוגנדיקער. יעדעס ווינקעלע פון לאנד שרייט מען זאָל רעסטאווירן זיינע צעשטערטע ערטער, מען זאָל פאַרבעסערן די באַדינגונגען, ווירטשאפטלעכן שווונג

און אַנטוויקלען די וויסטענישן. די ריזיקע באַוואַלדונג־ און באַוואַסערונג־אונטערנעמונגען וועלכע מען האָט אָנגעהויבן רעאַליזירן, זענען נישט קיין קאָמופלאַזש־מאַנעווער, נייערט א רעזולטאַט פון א פעסטן און אויפריכטיקן באַשלוס זיך צו קאָנצענטרירן צו אַ העכסטן אָנשטרענג כדי צו ענדערן די נאַטור פונעם סאָוויעטישן קאָנטינענט, און בלויז עם־הארצים און שונאים פעלשן אָט די אמתע כוונות.

דאָס מאָל האָט זאָרין — נישט ווי עס איז דער שטייגער פון אָט דעם טרוקענעם און האַרטן מענטש — גערעדט מיט אַ קאַפּעלע איבערלעכער גערירטקייט, מיט זאָרג און מיט אַן אומעטיקן טאָן, וואָס האָט זיך געלאָזט אויסטייטשן אויך ווי אַן אויסדרוק פון מורא, אַז לויט זייער מיינונג פון די רוסן האָט דער מערב פעסט באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין וועלן זיי אָנגרייפן רוסלאַנד.

אין מיין ענטפער האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן אויסצודריקן מיין מיינונג איבער דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע און זיך באַגנוגנט מיט אויסדריקן די האָפענונג, אַז די פאַרהאַנדלונגען און די פערזענלעכע נישט־אָפיציעלע קאָנטאַקטן צווישן די צדדים אין אונ״אָ וועלן דערפירן צו אַ וועלכן עס איז מאָדוס וויווענדי, כ'האָב זיך אָבער אָנגעכאַפּט אָן דער קורצער באַמערקונג וועגן ישראל און אַרויסגעלייגט פאַר אים אָפנהאַרציק אונדזערע טענות קעגן די טעלעגראַמעס פון טא״ס און דער סאָוויעטישער פרעסע. דער דורכפאַל פון אונדזערע באַמיאונגען אײַנצושטעלן האַנדלס־באַציאונגען, קולטור־פאַרבינדונגען און פּאָליטיש־פערזענלעכע קאָנטאַקטן, דורך קעגנזייטיקע באַזוכן פון הויכגעשטעלטע פאַרשטייערס, צו באַקומען אַביסל הילף אין מענטשן, האַנדלס־קרעדיט, באַוואַלדונג, אין מעדיצינישער וויסנשאַפט און אין מיליטערישער אויסשטאַטונג — הגם אונדזערע בקשות זענען געווען זייער באַשיידענע

איך האָב אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז דאָס וואָס איז נישט געלונגען גאָלדען און מיר בעת אונדזער אַקרעדיטירט זיין אין מאָסקווע וועט זוכה זיין צו פאַרווירקלעכן אונדזער נייער געזאַנדטער, לטובת ביידע מדינות. איך האָב געענדיקט מיטן אונטערצייכענען צוויי עיקר פונקטן פון נאָענטקייט און אינטערעסן־אידענטישקייט צווישן אונדז: ערשטנס, דאָס קאָנצענטרירן חלוצישע אָנשטרענגונגען ביים אויפבויען די ווירטשאַפט און אַנטוויקלען די וויסטענישן פאַרן שנעלן און אַרומנעמענדיקן קיבוץ־גלויות, אפילו אויב מיר וועלן מוזן ברענגען דערפאַר געוויסע קרבנות; צווייטנס, די שטרעבונג צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן שלום, וואָס איז נישט בלויז דער סוביעקטיווער ווילן פון מיין רעגירונג נאָר אַן אָביעקטיווע נויטווענדיקייט פאַר אונדזער פאָלק, אין לאַנד און אין די תפוצות, ווייל אין א נייער מלחמה, קאָנען זיינע זין אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר אַן אויפגעצוואונגענער, טראַגי־

שער און אבסורדישער סכנה פון מלחמה־האלטן איין ברודער קעגן צווייטן.

צום סוף האָב איך אונטערגעשטראָכן אונדזער פּאָליטיק ווי אַ נישט־אידענטיפיצירונג, וועלכע רופט אָפּטמאָל אַרויס אומפאַרשטענ־דעניש און פאַרדרוס דאָ ביי דעם צד, דאָ — ביים צווייטן. מיר האָבן אָבער געגומען אויף זיך פון פאַרויס אָט די אומבאַקוועמלעכקייט, און אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירט די איצטיקע רעגירונג וועלן מיר נישט אָפּווייכן פון אָט דער דעקלאַרירטער ליניע. זאַרין האָט זיך צוגעהערט צו מיר מיט געשפּאַנטקייט, אָבער גאָרנישט געענטפערט, און נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעחזרט די ברכות און די ווונטשן, האָבן מיר זיך געזעגנט אין גרויס פריינטשאַפט.

אין די לעצטע טעג פון מיין אַמטירן אין מאָסקווע האָב איך אַרויסגעגעבן אַ צירקולאַר צו אַלע מענטשן פון מיין קאָרפּוס, וואָס האָט רעזומירט די אויפפירונג־כללים און די דינים פון פּראָצעדור פאַר די פאַרשטייער פון ישראל אין ראַטנפאַרבאַנד. און אָט איז ער: —

„מאָסקווע, דעם 1־טן נאָוועמבער, 1950

צו אַלע מיטגלידער פון דער געזאַנדשאַפט

דערמיט ברענג איך צו אייער אויפמערקזאַמקייט די „פּראָצעדור תקנות" וועלכע איך האָב רעזומירט אין רעזולטאַט פון די אויפקלערונ־גען, מיטן אָנטייל פון אַלע מיטגלידער פון דער געזאַנדשאַפט, וואָס כ'האָב דורכגעפירט גלייך נאָך מיין צוריקקומען פון ישראל און אויך שפּעטער, מיטן אָנטייל פון די הערן ארגמן און ארוך.

אונדזער געזאַנדשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין קליינע מש־פּחה, וועמענס מיטגלידער (אַלע נייע אין ראַטנפאַרבאַנד און אָן פריערדיקער באַקאַנטשאַפט צווישן זיך) עס זענען פאַרבונדן מיט אַ כסדרדיקן קעגנזייטיקן קאָנטאַקט סיי בעת דער אַרבעט, סיי אין גע־זעלשאַפט־לעבן. אין די באַדינגונגען דראַט יעדן איינעם פון אונדז אַ געפאַר פון פאַרווישן די גרענעצן צווישן די פליכטן ביי דער אַרבעט און צווישן די רעכט אין פּריוואַטן לעבן. עס קאָנען אויפקומען אויף דעם פאָן רייבונגען, סיי לייכטע און סיי ערנסטע, און אונדזער געמיינ־זאַמע אויפגאַבע איז זיך אָנצושטרענגען דאָס צו פאַרמיידן.

די עיקר־אויפגאַבע אין אונדזער באַזונדערער לאַגע איז צו דער־גרייכן אַ צוזאַמענשמעלץ און אַ ריכטיקע גלייכגעוויכט צווישן פולער דיסציפּלין און אונטערוואָרפן זיך די פאַראָרדענונגען בעת דער אַרבעט - פון איין זייט, און צווישן די געוווינהייטן, באַגערן און לעבנסאַרט פון דעם פּרט נאָך דער אַרבעט — פון דער אַנדערער זייט.

און דאָס אַלץ — דורך פלעגן חברישע באַציאונגען, העפלעכקייט, קעגנזייטיקע אַכטונג און פּריינטלעכקייט, סיי בעת דער אַרבעט, סיי נאָך איר.

די אויפפירונגען פון מענטשן אין אַ באַגרענעצטער און האַלב־געשלאָסענער געזעלשאַפט קאָן מען נישט פאַרמולירן דורך אַ „שולחן ערוך" פון פּאַראַגראַפן מיט פאָרמעלע תקנות, וואָרעם נאָר די פּער־זענלעכע אייגנשאַפטן און די פעיקייט זיך צוצופּאַסן, נאָר זיי וועלן עס, לסוף, דעצידירן. אָבער אַ קלאָרע צעטיילונג פון די אויפגאַבן און פון פּאַרויס באַשטימטע פעסטע פּראָצעדור־כּללים קאָנען פאַר־קלענערן די שטרויכלונגען, און דאָס איז דער ציל פון די בייגעלייגטע „פּראָצעדור־תקנות".

אַלע מיטגלידער פון דער געזאַנדשאַפט ווערן אויפגעפאָדערט אומבאַדינגט מקיים צו זיין די תקנות אין זייער לשון און אין זייער מיין.

איך באַגיץ זיך מיט אַט דער געלעגנהייט אויסצודריקן אַלע חברים פון דער געזאַנדשאַפט, — ביים פאַרענדיקן מיין אַמטירן דאָ, — מיין טיפן דאַנק פאַר זייער איבערגעגעבענער אַרבעט און פאַר זייער געטרייער געמיינזאַמער טעטיקייט אין דער תקופה פון אונדזער בשותפותדיקן אַמטירן, און צו ווינטשן אייך אַלעמען פולן דערפאָלג און אַלדאָס גוטס אין דער צוקונפט.

צום סוף וויל איך זיך דערלויבן אויסצודריקן מיין האָפענונג און זיכערקייט, אַז די בכבודיקע פּאָזיציע וועלכע אונדזער קליינע געזאַנד־שאַפט האָט זיך איינגעשאַפן צווישן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס און ביי די פאָרשטייערס פון דער אָרטיקער מאַכט, די אויסגעצייכנטע פּערזענ־לעכע פאַרבינדונגען מיט אַ גרויסער צאָל שליחים פון די פעלקער אין דער וועלט און מיט מענטשן פון דער וועלט־פּרעסע, דאָס האַלטן זיך אָן די כּללים פון אויפפירונג אין יידיש־נאַציאָנאַלער מסורה, אין די ראַמען פון די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, וואָס הערשן דאָ, און באַזונדער דאָס באַזוכן די שול אין די יום־טובים, דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן געפּלעגט דאָ — ווי שליחים פון אונדזער מדינה, ווי יידן און ווי וועלט־בירגער — אין משך פון זיבן און צוואַנציק חודשים פון זינט אונדזער געזאַנדשאַפט איז געעפנט געוואָרן אין דער סאָוויעטי־שער רעזידענץ — וועט אויך אויף ווייטער אָפּגעהיט ווערן, און אונטער דער לייטונג פון נייעם געזאַנדטן, נאָך פאַרברייטערט, פאַר־שענערט און פאַרבעסערט ווערן".

איינע פון די זאַכן וועלכע האָבן באַזונדער פאַרכמאַרעט די לעצטע וואָכן פון מיין אַמטירן אין מאָסקווע, איז געווען דער ענין פון וואַרטן אויף אַן אָפיציעלער סאָוויעטישער באַשטעטיקונג אויף דער קאַנדי־

דאַטור פון זלמן שזר — היינט פּרעזידענט פון אונדזער מדינה און דאַן מיניסטער פאַר בילדונג און קולטור — אויפן אַמט פון ישראל־געזאַנדטן אין ראַטנפאַרבאַנד.

דאָס באַשטעטיקן מצד דער מדינה וואָס נעמט אויף די קאַנדידאַטור פון דער פּערזאָן וואָס ווערט פאָרגעלייגט דורך דער מדינה וועלכע שיקט, איז בדרך כלל אַן ענין פון דיפּלאָמאַטישער העפלעכקייט, אָדער בלויז פון „פּראָטאָקאָלאַרער" פּראָצעדור. אין די באַציונגען צווישן מדינות זענען זייער זעלטן די פאַלן ווען אַ מדינה וואַרפט־אָפּ די קאַנדידאַטור פון א דיפּלאָמאַטישן פאַרשטייער, וועמען אַן אנדער מדינה וויל צו איר שיקן. אַט דער פאַל — וואָס איז, ווי מיר דוכט, דער איינציקער אין דער קורצער דיפּלאָמאַטישער געשיכטע פון מדינת ישראל, און וואָס איז אַפילו נישט קיין געווינלעכער אין דער פּראַקטיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד — האָט אונדז געטראָפן מיט דער קאַנדידאַטור פון הער שזר.

בעת מיין פאַרלאָזן מאָסקווע איז אונדז נאָך אַלץ נישט געווען באַוווּסט, אַז אַט די קאַנדידאַטור איז געפּסלט געוואָרן, נאָר פאַרקערט — ס'איז געווען קלאָר סיי מיר און סיי אַלע מיינע חברים פון דער געזאַנדשאַפט, אַז שזר וועט מיך טאַקע אין גיכן פאַרבייטן. אין דער טעלעגראַמע פון 7.10.50 צו הער איתן, דירעקטאָר פון אונדזער אויסערן־מיניסטעריום, האָב איך אים אַפילו געבעטן, זייענדיק אין גאַנצן רואיק און זיכער, ער זאָל איבערגעבן שזרן מיינע ברכות און ווונטשן. אין עטלעכע טעג ארום האָב איך טעלעגראַפירט, אַז בעת מיין באַזוך אין סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום ביי באַזאַראָוון, „האָב איך געמאָלדן, אַז כ'וועל פאַרלאָזן מאָסקווע אין קומענדיקן חודש און לויט מיינע אומאָפיציעלע ידיעות האַלט איר ביים אָנגעבן אַן „אַגרימאַן" וועגן שזרן. ס'איז כדאי איר זאָלט צוויילן מיטן מעלדן יערשאָוון, ווייל אויב נישט וועט ער זיך באַליידיקן, אַז ער וועט זיך וועגן דעם דערוויסן פון מאָסקווע".

ממש ערב מיין אַרויספאָרן, דעם 3.11, האָב איך נאָך געקאָנט מעלדן דער קריה אַזוי:

„אויף מיין פראַגע, ווען מ'קאָן דערוואַרטן אַן ענטפער אויפן „אַגרימאַן" וועגן שזרן, האָט באַזאַראָוו געענטפערט, אַז דערווייל איז עס נאָך נישט באַוווּסט. אויף וויפל ס'איז מיר באַקאַנט, זענען אין די יאָרן פון נאָך דער מלחמה נישט געווען מצד דעם ראַטנפאַרבאַנד קיין אָפּזאָגן מכוח באַשטעטיקן די קעפּ פון די געזאַנדשאַפטן, אויסער איין פאַל מיט אַ פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר, וועלכער איז, לויט דער מיינונג פון די סאָוויעטן, געווען פאַרמישט אין אַגרעסיווער אַנטי־סאָוויעטישער טעטיקייט. דעריבער זעט מיר אויס, אַז עס איז נישטאָ קיין מניעה צו פאַרעפנטלעכן אויף אַ האַלב־אָפיציעלן אופן... ס'איז

אַנצונעמען, אַז דער אָפּהאַלט איז בלויז אַ טעכנישער און גראָד אַזאַ פאַרעפנטלעכונג קאָן אפשר צואיילן די באַשטעטיקונג״.

גלייך נאָך מיין אָוועקפאָרן איז מיר באַקאַנט געוואָרן, אַז דאָס סאָוויעטישע אויסערן־מיניסטעריום באַשטעטיקט נישט שזרס קאַנדי־דאַטור אויפן אַמט פון אונדזער געזאַנדטן אין מאָסקווע; עס זענען נישט אָנגעגעבן געוואָרן קיין סיבות און מאָטיוון פאַר אָט דעם אָפּזאָג. פאַקטיש איז ביזן היינטיקן טאָג דער דאָזיקער אָפּזאָג איינער פון די מאָדנע רעטענישן אין די באַציאונגען צווישן ישראל און ראַטנפאַר־באַנד און איז נאָך ביז איצט אַ טעמע פאַר השערות.

פון אונדזער זייט זענען פאַראַן וויניקסטנס דריי השערות, וואָס זענען אין שייכות דערמיט אַרויסגעברענגט געוואָרן.

איינע האָט געזען די סיבה פון אָפּזאָג אין די ווערטער, וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן אויף דער טריבונע פון דער כנסת, וועגן דער נאַציאָנאַלער ציוניסטישער אויפגאַבע, וועלכע מען זעט אין דער שליחות פון שזרן אין ראַטנפאַרבאַנד און ביים סאָוויעטישן יידנטום.

די צווייטע השערה שרייבט צו דעם אָפּזאָג אַ נאָטיץ, וועלכע ס׳האָט פאַרעפנטלעכט רחל קאַצענעלסאָן־שזר. די פרוי פון זלמן שזר, אין „דבר הפועלת״. וועגן דעם קאַפּיטל פון דערמאָרדן דורך די סאָ־וויעטן די בונדישע פירערס אַלטער און ערליך. (די נאָטיץ איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן האַרט פאַרן אָנגעבן שזרס קאַנדידאַטור).

לויט דער דריטער השערה איז דער אָפּזאָג אַרויסגעדרונגען דער־פון, וואָס נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג איז דער סאָוויעטישער רעגי־רונג קלאָר געוואָרן, אַז שזר — געוועזענער רובאַשאָוו — איז בשעתו געווען פון די גרינדערס פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי, פון בער באָראָ־כאָווס חברים, און איז באַקאַנט דעם רוסישן יידנטום ווי אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָג און אָנגעזעענער פירער. אין מאָסקווע האָט מען — לויט זייערע געוווינהייטן און אויפפירונגען — אפשר געקאָנט אויסטייטשן די דיפּלאָמאַטישע שליחות פון אַזאַ מענטש ווי אַן אַרויסרוף אין אַ געביט, ווו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווייזט אַרויס אַ באַזונדערע עמפּינדלעכקייט...

דער גאָט פון די קאָמוניסטישע אינטריגעס און „חשבונות״ פונעם ראַטנפאַרבאַנד כלפּי מדינת ישראל קאָן אפשר געבן דערויף אַ באַשייד.

אין מיטן חודש נאָוועמבער, אין אַ פּראָסטיקן שנייאיקן פרימאָר־גן, האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין עראָפּלאַן, וואָס האָט מיך אָוועק־געפירט — און דאָס מאָל, אויף נישט צוריקצוקומען — פונעם לאַנד, אין וועלכן כ׳בין געבוירן געוואָרן, פון וועלכן כ׳בין אַנטלאָפן, אין וועמענס ערד עס ליגן די ביינער פון מיין פאָטער און מוטער זכרונם לברכה, און ווו כ׳האָב געהאַט די זכיה צו רעפּרעזענטירן מיין זעלב־שטענדיקע מדינה אין אונדזער ערשטער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטיי־ערשאַפט.

קאַפּיטל צען

דאָס „אויסבעסערן" די מידות...

אַ באַלערנדיקער פּסק־דין פונעם העכסטן געריכט אין פ.ס.ס.ר. אַ באַגריסונגס־בריוו פון אַ מאָסקווער ייד. אַ מאַיאָר פון דער רויטער אַרמיי שרייבט צו ראַטנערן. אַ העברעאישער בריוו פון אַ סאָוויעטישן ייד. די פּרשה פון אַן אַרעסטירטן ייד אַ פּליט פון פּוילן. אַ בריוו פון טשערנאָוויץ. בריוו און צעטעלעך. געשפּרעכן און באַגעגענישן. אַ גע־וועזענער סטודענט פון ירושלימער אוניווערסיטעט דערציילט וועגן אומברענגען מיכאָעלסן און אַנדערע. אַ ייד פון בירא־בידזשאַן. אין שפּיטאָל אויף באָטקינס נאָמען. בתי כנסת.

איך געפינען פאַר וויכטיק און נייטיק צו ברענגען אויסצוגן פון אַ פּסק־דין, וועלכן ס'האָט אַרויסגעגעבן דער פּלענום פון העכסטן געריכט אין ראַטנפאַרבאַנד אין יאָר 1953 קעגן אַ סאָוויעטישן ייד, וואָס האָט אָנגעגעבן אַן אַפּעלאַציע אויף אַן אורטייל, וואָס האָט אויף אים אַרויפגעלייגט פינף־און־צוואַנציק יאָר אַרעסט אין אַן אַרבעטס־לאַגער, צוליבן ווערן באַשולדיקט אין באַגעגענען זיך מיט באַאַמטע פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט אין מאָסקווע.

דער סאָוויעטישער הויפּט־פּראָקוראָר האָט מודה געווען, אַז די שטראָף איז געווען אַ צו האַרבע און דער פּלענום פונעם העכסטן געריכט אין פ.ס.ס.ר. האָט זי פאַרקלענערט אויף 10 יאָר פון „אָפּנעמען די פרייהייט" אין אַן אַרבעטס־לאַגער אויף „אויסבעסערן די מידות".

דער דעמאָלט פאַרמשפּטער איז דאָ נישט לאַנג געקומען קיין ישראל, און איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אים האַרט ביים פאַרענדיקן דאָס צונויפשטעלן אָט דאָס בוך מיינס. כ'האָב זיך פון אים דערוווסט, אַז זיינע „זינד" האָבן זיך אָנגעהויבן בעת דער ספּאָנטאַנער דעמאָנסטראַציע לעבן בית הכנסת אין מאָסקווע, ראש השנה תש"ט, ווען גאָלדע מאיר און די אַנדערע מיטגלידער פון דער געזאַנדשאַפט זענען אַרויס נאָכן דאַווענען.

גאָלדע האָט דאַן געטראָגן אַ יום־טובדיק לאַנג קלייד, און אונדזער מיטשמועסער האָט אין גרויס צערודערונג געטראָגן מיט פאַרכט און

פרע די שלעפ פון איר לאנגן קלייד, זי זאל זיך נישט פארפלאנטערן אין איר און עס זאלן נישט טרעטן אויף דעם די יידן וואס האבן זי מאסנווייז ארומגערינגלט. עטלעכע מינוט האט ער אזוי איר נאכגעטראגן דעם שלעפ א שווייגנדיק־פארטראכטער, און זייט דאן האט ער דערפילט, אז מען טרעט נאך זיינע טריט. עטלעכע יאר האט ער זיך ארויסגעדרייט פון די הענט פון דער געהיים־פאליציי, ביז אין יאר 1953, בעת די טעג פון דאקטוירים־פראצעס, האט אים די האנט פון דער סאוויעטישער „גערעכטיקייט" דערווישט און אים געשטעלט פארן געריכט.

און אט זענען די אויסצוגן פון דעם „פסק־דין" פון פלענום פונעם העכסטן געריכט אין ראטנפארבאנד, נומער..."

געהיים (זאטע).

„— — איז געפונען געווארן שולדיק אין דעם, וואס צוליב אנטיסאוויעטישע מאטיוון און נאציאנאליסטישע שטימונגען און צוליב פיינטלעכער באציאונג צום סאוויעטישן רעזשים, איז ער אין הארבסט 1949 געקומען אין קרימינעלן קאנטאקט מיט — — — פון דער דיפלאמאטישער פארשטייערשאפט פון דער מדינה ישראל אין מאסקווע — — — דערמיט וואס ער האט געגעבן זיין מיגדלעכע הסכמה צו זאמלען און איבערצוגעבן ידיעות פון שפיאנאזש־כאראקטער וועגן דער לאגע פון די יידן אין פ. ס. ס. ר.

אין נאוועמבער 1949 האט זיך — — — געטראפן אין געהיים אויפן „זובאוואיא"־פלאץ מיט — — — און אים מינדלעך איבערגעגעבן בייזוויליקע אינפארמאציעס וועגן דער לאגע פון די יידן אין פ. ס. ס. ר. אין פרילינג 1950 האט — — — צוגעגרייט פאר — — — — שריפטלעכע אינפארמאציעס וועגן דעם זעלבן ענין, האט אבער נישט באוויזן אים איבערצוגעבן.

סוף אויגוסט 1950 האט זיך — — — ווידער פארבונדן מיט — — — — פון דער דיפלאמאטישער פארשטייערשאפט אין מאסקווע און אים איבערגעגעבן צוויי מסירות וואס האבן פארמאגט אין זיך בייזוויליקע ידיעות וועגן דער לאגע פון די יידן אין מאסקווע, אין אוקראינע און אין בירא־בידזשאן.

אין הארבסט 1951 האט — — — איבערגעגעבן ענלעכע ליגנערישע אינפארמאציעס צו א פארשטייער פון דער זעלבער געזאנדשאפט. — — —.

אויסער דעם האט דאס געריכט געפונען ,אז — — — איז שולדיק אין דעם אז אין די יארן 1949—1952 האט — — — אויף א מסיבה ביי זיינע קרובים, זיך דערלויבט ארויסצוזאגן נאציאנאליסטישע מיינונגען, אויסדריקנדיק דערביי אומצופרידנקייט פון דער נאציאנאלער פאליטיק פון פ. ס. ס. ר.

דער גענעראל־פראקוראר פון פ. ס. ס. ר. שטעלט אוועק אין זיין

אַפּעלאַציע די פראַגע פון פאַרקלענערן די שטראָף פון — — — ביז 10 יאָר אוועקנעמען די פרייהייט אין אַ לאַגער פון צוואַנג־אַרבעט (אויסבעסערונגס־אַרבעט).

אין דער אַפּעלאַציע איז געוואָרן אונטערגעשטראָכן, אַז אויף דער זיצונג פונעם געריכט פון מיליטערישן טריבונאַל האָט — — — מודה געווען, אַז ער האָט זיך געטראָפן מיט באַאַמטע פון דער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייערשאַפט פון דער מדינה ישראל און זיי איבערגעגעבן בייזווילליקע אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פ. ס. ס. ר. און געמאָלדן, אַז ער אַנערקענט זיך פאַר שולדיק אין רעדן לשון־הרע אויף דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, אָבער ער זעט זיך ניט ווי קיין שפּיאָן. אינעם גאַנג פון צווייטן מאָל באַטראַכטן דעם דאָזיקן משפּט האָט — — — מודה געווען, אַז בעת ער האָט זיך געהיים געטראָפן מיט — — — האָט ער אים דערציילט וועגן גירוש פון יידן פון מאָסקווער פאָרשטעט, וועגן אַרעסטירן אים באַקאַנטע פערזענלעכקייטן פון יידישער נאַציאָנאַליטעט און וועגן כלומרשטע רדיפות איבער יידן אין פ. ס. ס. ר.

אויך איז געטענהט געוואָרן בעת דער אַפּעלאַציע, אַז דאָס שטיצן זיך פון. אויף זיין עדות־זאָגן אין דער פאָר־אויספאָרשונג און אויף דער סעסיע פונעם געריכט, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך צוואַנג — — — איז פון גרונט אויס שקר און אָן אַ באַזע.

רעכענענדיק זיך דערמיט וואָס די אויסגעמאָסטענע שטראָף אויף — — — איז באַצייכנט געוואָרן פאַר צו האַרב, זעט דער גענעראַל־מאַנער פאַר מעגלעך מען זאָל זי פאַרקלענערן אויף 10 יאָר אוועקנעמען די פרייהייט.

דער פּלענום פונעם העכסטן געריכט פון פ. ס. ס. ר. איז מסכים מיט די מאָטיווירונגען פון דער אַפּעלאַציע און באַשליסט:

„דעם פּסק־דין פון די באַוואָפנטע כוחות פון מ. וו. ד. אין מאָסקווער ראַיאָן פון דעם... דער אויספיר פון דער מיליטערישער קאָלעגיע פונעם העכסטן געריכט פון פ. ס. ס. ר. אין שייכות מיט... צו ענדערן:

„די מאָס פון דער שטראָף אַראָפּלאָזן אויף צען יאָר צונעמען די פרייהייט.

דעם אַנדערן טייל פונעם פּסק־דין און זיין אויספיר איבערלאָזן אָן ענדערונג"

קאָמענטאַרן זענען דאָ איבעריק.

און איצט — אַ בינטל בריוו:—

א באַגריסונגס־בריוו פון אַ מאָסקווער ייד, לכבוד דעם אָנקומען פון דער געזאַנדשאַפט (איבערגעזעצט פון רוסיש)

מאָסקווע, דעם 22־טן סעפּטעמבער 1948

צום לאַנג־לאַנג דערוואַרטן — דעם יידישן געזאַנדטן אין מאָסקווע
צום באַפולמעכטיקטן מיניסטער פון מדינת ישראל
דער העכסט־געערטער ג. מ. מאירסאָן
פון וו. ז. מ.
מאָסקווע.

איך בין אַלט 76 יאָר. איך קען אין אַן אַנזעעוודיקער מאָס די יידישע, העברעאישע און רוסישע ליטעראַטורן. שוין 60 יאָר ווי איך חלום און גלייב אין זיג פונעם גערעכטן יידישן ענין: אַז מיר זאָלן האָבן אַן אייגענעם פּאָליטישן צענטער, גלייך מיט אַנדערע נאַציעס.

וואָס פאַר אַ גליק וואָס פאַר אַ פרייד! אונדזער האָפענונג און חלום וואָס זענען שוין אַלט צוויי טויזנט יאָר זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן. יעדער האָט דאָס געקאָנט פאַראויסזאָגן דעם אלטן נע־ונדן פאָלק אונדזערן, אַז אויך זיין זון וועט אויפשיינען, און אויך ער וועט זיין אַ גלייכער מיטגליד אין דער אַלגעמיינער משפחה אויפן וועלט־קיילעך; אַז זייט ביי זייט פון אזויפיל רעגירונגען וועלן אמטירן אויך אונדזערע פאָרשטייער!

איז דאָס נישט קיין חלום? ניין! דאָס איז אַ פאַקט. איך אליין, אַז איך האָב זוכה געווען אין מיין 76־טן לעבנס־יאָר צו אָט דער פריידיקער געשעעניש, בעת איך בין פול מיט לעבנס־פרייד און אויפּ־געמונטערט — האָב נישט געקאָנט פאַרבייגיין שווייגנדיק אָט דעם דערפרייענדיקן פאַקט און נישט אויסדריקן די געפילן פון מיין פרייד ובפרט נאָך, אַז איך בין פולשטענדיק זיכער, אַז איך האָב דאָ אויסגע־דריקט נישט בלויז מיינע פערזענלעכע הייסטע געפילן, נאָר אויך די פרייד פון דעם גאנצן ליבן פאָלק מיינעם „שבצרתם לי צר, ושמחתם גם לי שמחה!” (דאָס איז געשריבן אין עברית) דאָס הייסט — מיט זיי צוזאמען האָב איך געליטן, און אינאיינעם מיט זיי פריי איך זיך!!!

זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק!

זאָל לעבן די מדינה ישראל!

זאָל לעבן אונדזער געזאַנדטער אין מאָסקווע, דער באַפולמעכ־טיקטער פון מדינת ישראל — ג. מאירסאָן. זאָל לעבן דער גרעסטער פאַקטאָר פון אונדזער פרייד — די גערעכטע שטעלונג פון דער גרוי־סער סאָוויעטישער רעגירונג אין דער פּאַלעסטינער פראַגע!!!

זאָל לעבן דער גרעסטער דעמאָקראַט אין דער וועלט, דער פריינט פון דער מענטשהייט — דער גרויסער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַ־לין!!!

מיין הויך־געשעצטע מאַדאַם, מיניסטער מאירסאָן!!!

מיין גרעסטע בקשה צו אייך איז — באערט מיך מיט אייער גע־שעצטן ענטפער, וואָס וועט זיין פאַר מיר דער טייערסטער דאָקומענט און דינען ווי דאָס אָפּצייכענען די גרויסע היסטאָרישע געשעעניש

פון דעם 2־טן סעפּטעמבער 1948 — דער טאָג פון אייער קומען קיין מאָסקווע.

איך בעט אייך אויך מיר אָנטאָן דעם כבוד און מיר שענקען עט־לעכע מינוט און מיך אויפנעמען כדי אייך פּערזענלעך צו באַקענען — אַ זאַך וואָס איך וועל זען פאַר מיר ווי אַ גרויסן כבוד אין מיין הויכן עלטער.

כ׳בין מיטן גרעסטן כבוד צו אייך

ו. ז. מ.

— ★ —

א בריוו פון א יידישן מאַיאָר פון דער רויטער ארמיי צום ישראל־דיקן מיליטער־אטאשע (געשריבן אין העברעאיש), דערהאלטן אין סוף חודש סעפּטעמבער 1948:

מיין הער פּאָלקאָווניק, הער ראַטנער!

מיין בקשה צו אייך, מיין הער יידישער פּאָלקאָווניק (מיין הארץ רוישט דערמאָנענדיק זיך, אז איר זענט איינער פון די ערשטע יידישע שלאַכט־לייט פאַרן פּאָטערלאַנד), צי איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז אַ ייד וואָס האָט געקעמפט 4 יאָר קעגן פאַשיזם זאָל פאָרן צום פּאָ־טערלאַנד, אין אונדזער טייערן לאַנד אַריין, כדי צו זיין אין דער איצטיקער צייט צווישן די בעסטע פון אונדזער פאָלק, וואָס גיבן אָפּ זייער לעבן פאַר דער פרייהייט פון דעם עלטסטן פאָלק.

זאָל לעבן דער שר־הצבאות בן־גוריון!

דעם ענטפער אויף מיין פראַגע בעט איך אָפּדרוקן אין אַ סאָוויע־טישער צייטונג.

מיט געפילן פון כבוד און ציון־גרוס
מאַיאָר (געוועזענער) מ.

אָט דער בריוו איז אָנגעקומען אָן אַ צוריק־אדרעס. אויפן קאָנ־ווערט — דער פּאָסט־סטעמפּל: קיעוו, וואָקזאל.

— ★ —

א בריוו, געשריבן אין העברעאיש, פון אַ סאָוויעטישן ייד וועמען עס גייט אָן די פּראָבלעמען פון דער עקאָנאָמיע און געזעלשאַפט אין מדינת ישראל. דערהאַלטן געוואָרן דעם 10.10.48:

ברידער, קינדער פון מיין פאָלק!

כ׳וואָלט וועלן עולה זיין אין לאַנד אריין אין א שיף, וואָס איז אינגאַנצן פון תוצרת הארץ. דער עיקר באַשטייט נישט אין מיין קור־

מען אהין, אויב איך וועל אפילו נישט זוכה זיין אריינצוקומען אין לאַנד אריין וועט עס זיך אויפבויען אָן מיר אויך, אָבער מיין ווילן איז אַז ארץ־ישׂראלדיקע שיפן זאָלן שווימען איבער אַלע וואַסערן פון דער וועלט אונטער דער ישׂראל־פאָן און עס זאָלן זיי פירן קינדער פון ישׂראל. איך וואַרט אויף דער אַנטוויקלונג פון שיף־בוי אין לאַנד פון אָנהייב ביזן סוף לויט מיין מיינונג איז עס אַ וויכטיקע באַזע פאַר יעדן לאַנד ובפרט פאַר אונדזער לאַנד, איז די דאָזיקע פּראָדוקציע די ערשטע.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס לאַנד בייטיקט זיך אין אַן אוניווערסיטעט פאַר ים־ענינים, סיי פאַר בויערס און סיי פאַר ים־מאַנשאַפטן. מיין ווילן איז, אַז יעדע אַרבעט אָדער אַמט אויף דער שיף וואָס פאָדערט נישט אומבאַדינגט זי זאָל געמאַכט ווערן דורך אַ מאַן, זאָל געגעבן ווערן צו פרויען. אַזוי אַז אויב איר מאַן געפינט זיך אויף דער דאָזיקער שיף און או זי ווערט פאַרשוואַנגערן, זאָל זי פאַרלאָזן דעם אַרבעטס־פּלאַץ און עס זאָל איר געגעבן ווערן אַן אַנדער פּלאַץ לויט אירע כוחות און ווערט ביים ברעג אָדער אַנדערשוווּ ביז נאָכן געבורט.

אין ענינים פון דערציאונג און בילדונג, וואָלט איך וועלן אַז עס זאָלן אויפגעשטעלט ווערן אין לאַנד מיטל־ און הויך־שולן נישט לויט דער גרייס פון דער באַפעלקערונג וואָס געפינט זיך דאָרט, נאָר אויך פאַר יענע ברידער אונדזערע, וואָס געפינען זיך אין די גלות־לענדער און קאָנען נישט באַקומען קיין געהעריקע אויסבילדונג אָדער אָנשטענדיק פאַך. איך וואָלט וועלן, אַז די שילער פון די ישׂראל־שולן זאָלן רעדן סיי עבֿרית און סיי אַראַביש אין דער זעלבער מאָס.

מיין ווילן איז אַז „קול ישׂראל” פון תּל־אָבֿיבֿ צי פון ירושלים זאָל געהערט ווערן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט אין די אַלע שפּראַכן אין וועלכע יידן רעדן אין גלות און לויט אַ געהעריקער אָרט־צייט, למשל פון 18 ביז 23. כ׳וואָלט וועלן הערן ניגונים און געזאַנגען פון דעם בעסטן, סיי פון די עלטסטע סיי פון די לעצטע, פונעם יידישן לעבן אין לאַנד און איז גלות, פונעם לעבן אויף דער וועלט און פונעם קאַלענדאַר, ווען מען בענטשט ראש חודש, ווען פאַלן אויס די יום־טובֿים און די ימים־נוראים, דעם תּוך פון יעדן יום־טובֿ. איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט הערן דעם תּוכן פון חנוכּה אין די קומענדיקע חנוכּה־טעג, נאָר אין רוסיש אָדער אין זשאַרגאָן (יידיש) וואָס זאָלן געגעבן ווערן ספּעציעל פאַרן ראַטנפאַרבאַנד.

כ׳וואָלט וועלן, אַז אין גאַנצן לאַנד, אויף די גאַסן פון די שטעט און דערפער, און ביי די שאָסייען, זאָלן געפלאַנצט ווערן נאָר פרוכטן־ביימער, לאָמיר זאָגן נוס. פאַרוואָס האָב איך אויסגעקליבן גראָד אָט דעם מין? ווייל די בלעטער פונעם נוס־בוים זענען ברייטע און גיבן שאָטן זיך צו פאַרהיטן פאַר דער זון, די ביימער זענען הויכע, דער אַראָפּנעם פון די ניס איז נישט קיין איילנדיקער, און אויב עס וועט

אַראָפּפאַלן אַ נוס פּונעם בוים אויף דער ערד אַראָפּ איז אויך נישט קיין אומגליק, מען וועט דערצו נישט דאַרפן קיין סך אַרבעטער אויף אַ באַשטימטער צייט. אויב עס וועלן אין גאַנצן לאַנד געפּלאַנצט ווערן פּרוכט־ביימער פון אַן אַנדער מין, וועט עס זיין אַ מין באַזע פאַר עקס־פּאָרט דורך דער רעגירונג סיי אין פרידן־צייט און סיי אין צייט פון קריג.

די פּירות וועלן זיין א משל פאַרן פאָלק. פון נוס־האָלץ איז אויך גוט צו מאכן הויזכלים און צום בויען.

כ'וואָלט וועלן אַז אַלץ וואָס וועט ווערן געטון, געבויט און גע־פלאַנצט אין לאַנד זאָל זיין מן המובחר.

ברוך בר' יצחק הכהן (אָן אַן אדרעס).

— ★ —

אַ קאַפּיטל פון אַן אַרעסטירטן ייד, פון די פליטים פון פוילן. דעם 7.1.49 שרייבט ער אין יידיש א בריוו צו א. לבבי כהאי לשנא:

ליבער חבר ליוואי.

עס שרייבט צו אייך שעכטער משה, וועלכער איז ביי אייך געווען דעם 1.11 און איך האָב אייך געבעטן איר זאָלט מיר אויפזוכן דעם פּאָטער מיינעם אָדער דעם אַדרעס אין אַ בריוו פון לאָקער בערל. איצט ארבעט איך אין דער קוילן־שאַכטע אונטער דער ערד 1000 מעטער. די אַרבעט איז זייער שווער, נאָר איך קען זיך גאַרנישט העלפן. מיין אומגליק ווייסט איר זאַך, איך בעט אייך זייער העלפט מיר ארויס זוכן דעם פּאָטער מיינעם. אויב איר האָט נאָך ביז איצט נישט גע־קריגן קיין שום ענטפער פון קיינעם נישט, טאָ אַלץ איינס ענטפערט מיר אַ בריוו. מיין אַדרעס: וואָראָשילאָווגראַדסקאַיאַ אָבלאַסט, וואָ־ראָשילאָווגראַדסקי ראַיאָן, טראַסט „וואָראָשילאָוואוגאָל", מכרה ד' 2, בית מגורים משותף („אָבשטשעזשיטיע") מס' 1, מ. י. שכטר.

זייט געזונט שלום עליכם מיינע ליבע חברים

שעכטער.

דער שרייבער פון אָט דעם בריוו, משה בן יעקב שעכטער, פון די פּוילישע פּליטים, וואָס האָבן אין צייט פון דער מלחמה זיך געפונען אין דרומדיקן ראַיאָן פון מיטל־אַזיע אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט באַזוכט אונדזער געזאַנדשאַפט דעם 1־טן נאָוועמבער 1948. האַרט פאַרן סוף פון דער מלחמה, איז ער פאַרמשפּט געוואָרן פאַר אומגעזעצלעכן האנדל, אויף דריי מיט אַ האַלב יאָר צוואַנגס־אַרבעט. געאַרבעט אין אַ ריזיקן אַרבעטס־לאַגער אין קאַראַגאַנדאַ (קאַזאַכסטאַן). איצט האָט ער פאַרענדיקט זיין טערמין און איז געוואָרן באַפרייט. ער האָט געוויזן

אַן אָפיציעלן דאָקומענט פונעם ארבעטס־לאַגער, אין וועלכן עס זענען אויסגערעכנט דער פּאַראַגראַף פון דער עבירה אויפן קרימינעלן געזעץ, די גרויס פון דער שטראָף, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן, די באַשטעטיקונג פונעם פאַרענדיקן דעם שטראָף־טערמין, די דאַטע פון זיין באפרייט ווערן פונעם לאַגער אין קאַראַגאַנדאַ און זיין פּוילישע בירגערשאַפט. זיין פּנים איז אויסגעצערט און זיין גאַנץ אויסזען און אָנטוּעכץ לאָזן איבער א זייער דערדריקנדיקן רושם, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון א קרענק. ער האָט דערציילט, אַז צוזאַמען מיט אים האָבן אין לאַגער אויך געאַרבעט אַרעסטאַנטן, וואָס זענען באַשולדיקט געוואָרן אין ציוניזם, צווישן זיי — איינער פון בוקארעשט, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר, זיצט שוין 3 יאָר, און דאַרף נאָך דאָרט בלייבן גאַנצע 7 יאָר. לויט זיינע רייד זענען די אַרבעט און וווין־באַדינגונגען אינעם לאַגער, ווי דאָס גאַנצע לעבן דאָרט, געוואַלדיק שווערע, אָבער זיין הויפּט־טענה איז, אַז דאָס סאָוויעטישע גערייכט דיסקרימינירט בכלל די יידן, ער אליין איז פאַרמשפּט געוואָרן לויט דער העכסטער שטראָף פונעם פּאַראַגראַף, אין דער זעלבער צייט ווען זיין קריסטלעכער חבר, וועלכער איז געווען אַ גלייכער שותף צו דער עבירה, האָט געקראָגן א גרויסע פאַרלייכטערונג. די פּוילישע געזאַנדשאַפט אין מאָסקווע האָט געבעטן פאַר אים אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש קיין פּוילן, און נישט געקראָגן. זעט אויס, ווייל ער האָט געהאַט פאַרשפּעטיקט דעם לעצטן טערמין פון דער רע־עוואַקואַציע. די פּאָליאַקן האָבן אים געגעבן אַ קליינע געלטשטיצע און גייז בגדים און ער האָט געלויבט זייער באַציאונג צו אים. בערל לאָקיער איז זיינער אַ פעטער, און עס וווינען אין ישראל זיין פאָטער און זיין שוועסטער (מיר האָבן וועגן דעם טעלעפאָניש זיך נאָכגעפרעגט און טאַקע באַקומען אַ פולע באַשטעטיקונג אויף די אַלע פּרטים פון דער אָפּטיילונג פאַר מזרח־אייראָפּע אין אונדזער אויסערן־מיניסטעריום).

דער מענטש האָט געוואָלט עולה זיין אין לאַנד אריין, אָבער אין דעם האָבן מיר אים, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט העלפן. לויט זיינע רייד האָט אים דערוואַרט אַ טרויעריקע צוקונפט. ווייל דער דאָקומענט פון אַרבעטס־לאַגער, וואָס דינט אים שטאָט אַ פּאַספּאָרט, איז אַ מין „וואָלטשי בילעט" (א וואָלפישער בילעט) וואָס רויבט צו די מעגלעכקייט אויף צו קריגן אַ נאָרמאַלן ארבעטס־פּלאַץ און דעם פרייען אויסקלייב פונעם וווין־אָרט.

א קורצע צייט נאָך זיין באַזוך, דעם 27־טן נאָוועמבער 1948, האָבן מיר פון אים געקראָגן א בריוו אין רוסיש פון קיעווער קרייז (פון א מלוכהשן אַנשטאַלט אויף קאָנצענטרירן תבואה אין מיראָנאָווקאַ, סטראָטשינסקער ראַיאָן) אין וועלכן ער טיילט מיט, אַז ער אַרבעט ווי אַ טרעגער אין סקלאַד „ביי מיטלמעסיקע באַדינגונגען און

מיטלמעסיקן לויז, אָבער דאָס געזונט איז נישט גוט, כ'בין לונגען קראַנק". ער האָט געבעטן וואָס שנעלער זיך דערוויסן די אַדרעסן פון זיין פאָטער און שוועסטער און פון בערל לאָקער, ווייל ער „ביטיקט זיך אין זייער הילף" (אין א קורצער צייט ארום האָבן מיר אים מיט־געטיילט די אדרעסן, אָבער די פאָסט אין מיראָנאָוועקאַ האָט אונדז צוריקגעשיקט דעם בריוו מיט א צושריפט, אַז דער „אדרעסאט" איז אַרויסגעפאָרן אין מאָסקווע און זיין אדרעס איז נישט באַוווסט).

ביי אַן אַנדער האַלבן חדשים נאָך דעם, האָבן מיר באַקומען פון אים אַט דעם בריוו אין יידיש פון 7.1.49, פון א קוילן־גרוב אין דאָנ־באַסער ראַיאָן, (אויבן געברענגט). אַט דער בריוו לאָזט אַן אָרט פאַרן איינדרוק, אַז מען האָט אים אויפגעצוווּנגען דאָס נייע וווין־אָרט און די שווערע ארבעט, בפרט נאָך אזוי לויט זיינע רייד, בעת זיין באַזוך ביי אונדז, האָט ער בדעה געהאַט גאָר צו פאָרן קיין אוקראַינע אויף מערב, נאָענט צו דער פוילישער גרענעץ. אגב, קאָן זיין, אַז דער בריוו האָט אויף א פאַרשטעלטן אופן מרמז געווען, אַז עס עקזיסטירט בכלל צוואַנג־אַרבעט, אפילו אין אזא געדיכט־באַפעלקערטן ראַיאָן אין אוקראַינע, ווי אין די קוילן־גרובנס אין דאָנער ראַיאָן.

אין אַ וועלכע אַכט חדשים אַרום האָבן מיר פון אים באַקומען אַ קורץ צעטעלע אין רוסיש פון מאָסקווע, געשריבן מיט אַ בלייפעדער, און זעט אויס אין גרויס איילעניש, דעם 15.8.49 און דאָס איז זיין אינהאַלט:

„עס שרייבט דאָ שעכטער משה זון פון יעקב. איך געפין זיך איצט אין טראַנזיט, אין דער „פערעסילנאַיאַ טיורמאַ" (אַרעסט פאַר דורכ־פאַרנדיקע אַרעסטאַנטן), מאָסקווע, אויף גאַס קראַסנאַיאַ פרעסניאַ 22. להבא וועל איך אייך מיטטיילן פונעם לאַגער וועגן דעם אָרט, אין וועלכן איך געפין זיך. דעריבער בעט איך אייך אומבאַדינגט איבער־געבן וועגן דעם מיין פעטער לאָקער בערל זון פון חיים.

מיט בקשה און דאַנק פאָרויס

שעכטער"

הייסט עס, אַז דער מענטש איז ווידער אַרעסטירט געוואָרן, צי פאַר אַ נייער עבירה, צי פאַר דער אַלטער זינד (עס טרעפט, אַז די מאַכט לייגט אַרויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אַרעסט נאָכן ענדיקן דעם טערמין, וועלכן דאָס געריכט האָט צוגעפסקנט). דער מענטש ווייסט נישט וווהין מ'שיקט אים אַריבער, אויסער דעם פאַקט, אַז ער וועט זיין אין אַ „לאַגער". דאָס צעטעלע, וואָס איז אָנגעקומען אין אונדזער געזאַנדשאַפט איז, ווייזט אויס, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער תפיסה. וואָס שייך דעם צוריק־אַדרעס (אָן דעם שיקט די היגע פאָסט נישט איבער קיין בריוו) איז אַנצונעמען, אַז ער איז אַן אויסגעטראַכטער. עס זעט אויס, אַז צוליב די זעלבע קאָמופלאַזש־סיבות האָט ער דעם

דאָזיקן בריוו געשיקט נישט אויפֿן אַדרעס פֿון אונדזער געזאַנדשאַפֿט, נאָר אַדרעסירט צו: א. לבבי, האָטעל „מעטראָפּאָל", צימער 30.

פֿון דאַן אַן האָבן מיר נישט געקראָגן פֿון אים קיין שום ידיעה.

אַ בריוו פֿון ביראָבידזשאַן, געשריבן אין יידיש, געבראַכט אין דער געזאַנדשאַפֿט דעם 8.6.49 —

געערטער געזאַנדטער,

אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך באַלעסטיק אייך. כ'האָב באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו אייך אין אַן ענין, וואָס איז פֿאַר מיר זייער וויכטיק. אין משך פֿון 10 יאָר, פֿון 1925 ביז 1935, האָב איך געוווינט אין ארץ־ישראל, אין דער קאָלאָניע פּתח־תקווה. אַרויספֿאָרנדיק אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד האָב איך איבערגעלאָזט אין כפֿר־גנים, נעבן פּתח־תקווה, מיין מוטער. פֿון אירע לעצטע בריוו האָב איך זיך דערוווסט, אַז איצט, אויף דער עלטער, פֿאַלט איר זייער שווער די איינזאַמקייט. אין אירן אַ בריוו צו מיר בעט זי מיך אַנווענדן אַלע מיטלען, כדי צו קומען צו איר. אירע לעצטע בריוו האָבן אין מיר אויפֿגעוועקט אַ זאָרג פֿאַר איר געזונט־צושטאַנד. חוץ דעם איז מיר נישט פֿאַרשטענדלעך איר ביטע איר צו העלפֿן און צואיילן מיין קומען צו איר, בעת ווען עס לעבט מיט איר צוזאַמען מיין שוועסטער — איר טאָכטער — וואָס קאָן איר אין אַלץ צוהעלפֿן. און ווייל איך בין זייער באַזאָרגט פֿון דעם אַלעם, און נעמענדיק אין חשבון, אַז דאָס אַרויספֿאָרן פֿון ראַטנ־פֿאַרבאַנד איז פֿאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, האָב איך געבעטן מיין מוטער זי זאָל מיר שיקן אַ באַשטעטיקונג פֿון פּתח־תקווהער שטאָטראַט, אַז זי געפֿינט זיך אין מיין הילף.

איך לייג נישט קיין צו גרויסע האָפֿענונגען אויף אַ פּאָסיקער לייזונג פֿון דעם פּראָבלעם אויף אַזאַ אופֿן, און האָב באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו אייך און בעטן אייער עצה, ווי אַזוי וואָלט איך קאָנען קריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן אין דער מלוכה ישראל, ווייניקסטנס אויף אַ קורצער צייט, כדי צו באַזוכן מיין אַלטע מאַמע. אַרויספֿאָרן קיין מאָסקווע, כדי פּערזענלעך זיך מטפּל צו זיין מיט אָט דעם ענין, האָב איך איצט נישט קיין מעגלעכקייטן, ווייל איך בין אַן אַרבעטע־רין און איך אַרבעט. אויסער דעם בין איך געענגט אין געלט. כ'האָב דעריבער אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס איינער פֿון מיינע באַ־קאַנטע פֿאָרט אין מאָסקווע. אין אַ צייט אַרום וועל איך באַקומען אורלויב, כ'וועל צונויפֿזאַמלען דאָס ביסעלע געלט אויף דער נסיעה און וועל קומען אייך באַזוכן.

איך בעט אייך זייער מיר ענטפֿערן, ווי אַזוי קאָן איך קריגן אַ דערלויבעניש זיך אַרויסצורייסן קיין מלוכת ישראל.

אַ בריוו אין רוסיש, צו דער געזאַנדשאַפֿט פֿון מדינת ישראל.

יאַנואַר 1949
פון א. ז. ב.

וואָס ווינט אין דאָרף — — — אין וולאַדימירער געגנט.

מעלדונג

אַזוי ווי איך געהער פון געבוירנשאַפט און לויט דער דערציאונג צו דער יידישער נאַציע, דריק איך אויס מיין ווילן אָנצונעמען די בירגערשאַפט פון מדינת ישראל און נעם אויף זיך אַלע התחייבותן, וואָס דרינגען דערפון אַרויס.

כ׳בין געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט לאָדזש און אין יאָר 1914 בין איך, ווי אַ פּליט, פאַרוואָרפן געוואָרן, צוזאַמען מיט דער משפחה, קיין לוקאָווא. דאָרט האָט מיין פאָטער געאַרבעט ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער אין פאַבריק, און איך האָב זיך אָנגעהויבן צו לערנען שניידעריי. נאָכן פאַרענדיקן די לערע האָב איך געאַרבעט ווי אַ שניידער אין דער שטאָט לוקאָווא ביזן יאָר 1932. האַרבסט 1932 האָב איך אימיגרירט אין פּ. ס. ס. ר. און אויך דאָרט זיך באַשעפטיקט מיט שניידעריי. האַרבסט 1937 בין איך פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר אַרבעט־לאַגער. נאָכן ענדיקן דעם טערמין אין לאַגער, בין איך געבליבן אָן בירגערשאַפט, ווייל איך זע זיך ווי אַ זון פון יידישן פאָלק, בעט איך מיר צוטיילן די בירגערשאַפט פון דער מדינה ישראל.

א. ב.

אַ העברעאישער בריוו פון אַפגאַניסטאַנער יידן, פון דער שטאָט קאַבול קיין מאָסקווע. ז׳ לחודש שבט, התש״ט (6.2.49).

בקשה

לכבוד אדון יקר ראש ארץ־ישראל ברוסיה!

(אין אַ זייער שלעכטן העברעאיש שרייבט אַ גרופּע יידישע בחורים, וואָס געפינען זיך אין אַפגאַניסטאַן).

„מצד בחורים פון ישראל, וואָס זיצן דאָ אין אַפגאַניסטאַן. מיר מעלדן דעם בכבודיקן הער, אַז מיר ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער צו אונדזער באַדויער געפינען מיר זיך אין אַ מדינה, וואָס די גאַנצע סביבה אונדזערע איז מיט מוסולמענישע ממשלות, וואָס גיבן נישט קיין רעכט אַ יידן דורכצוגיין זייער לאַנד, נמצא אַז מיר זיצן אין אַן אַרעסט. טייערער הער! — אַלע טאָג לייענען מיר צייטונגען און אַלע נאַכט הערן מיר ראַדיאָ פון אַלע לענדער אין דער וועלט און

אַז מיר הערן דאָס וואָרט: — ממשלת ישראל, מדינת ישראל, צבא ישראל — וויינען מיר פון פרייד. אָבער צו אונדזער באַדויערן קאָנען מיר גאָרנישט נישט טאָן. טייערער הער! זיבן יאָר נאָכאַנאַנד זיצן מיר אין אבלות און אין געוויין נאָך די זעקס מיליאָן קרבנות פון אונדזערע ברידער, אונדזער פלייש און בלוט (אומגעקומענע) דורך די נאַציס.

נאָכן פּראָקלאמירן די רעגירונג פון ישראל און די פרייהייט פון אונדזער פאָטערלאַנד און דאָס אויפלעבן פון אונדזער פאָלק און דאָס צונויפנעמען אונדזערע גלותן, האָבן מיר נישט קיין האָפענונג זוכה צו זיין צו זען דאָס אויפבויען אונדזער פּרעקטיק לאַנד: נאָר דערפאַר, ווייל מיר זענען אַרעסטאַנטן אין אַן אייזערנער מויער, וואָס בשום אופן קאָנען מיר נישט אַרויס פון דער אייזערנער מויער. טייערער הער: מיר זענען זייער פאַרשעמט, וואָס מיר קאָנען זיך נישט באַטיי־ליקן אין דער פרייהייט פון אונדזער לאַנד. אַז מיר זעען אונדזערע ברידער די בחורים פון ישראל פאַרגיסן זייער בלוט פאַר זייער פאָ־טערלאַנד אין אַ וויסטן מדבר און סטעפּ, הונגעריקע און דורשטיקע. און מיר, ווי קאָנען מיר עסן און טרינקען און זיצן אין שלוה און נחת. אונדזער האַרץ רײַסט ווי דער ים און אונדזער בלוט רוישט אין אונ־דזערע אָדערן אָבער מיר קאָנען נישט פליען אין דער לופטן און מיר קאָנען נישט מאַכן קיין גלגול מחילות אַרויסצוגיין פון אונטער דער ערד. מיר זענען מוכן ומזומן צו פאַרגיסן אונדזער בלוט ביזן לעצטן טראָפּן פאַר דער פרייהייט פון אונדזער לאַנד.

טייערער הער: מיר האָבן אויכעט געשיקט 3 בריוו צום אדון סיניוודזש אין דער שטאָט באָמביי אין אינדיע און ער האָט אונדז געגעבן די אָ תשובה: אויב איר קומט קיין באָמביי שיק איך אייך גלייך קיין ארץ־ישראל! — אָבער ליידער האָט די אַפגאַניסטאַנער רעגירונג נישט געגעבן אונדז קיין פּאַספּאָרט. אויך די פּאַקיסטאַנער רעגירונג בשום אופן וויל נישט געבן קיין רשות די יידן אַדורכצוגיין זייער לאַנד אַפילו טראַנזיט. אַזוי זענען מיר געבליבן אין דעם דאָזיקן ווינקל. טייערער הער: איז מעגלעך, אַז די רוסישע רעגירונג דורך איר רוסישן געזאַנדטן אין קאָבול וועט אונדז געבן רשות דורכצוגיין זייער לאַנד טראַנזיט קיין ארץ־ישראל? וואָרום די רוסישע רעגירונג איז דאָך איינע פון אונדזערע פריינט, אפשר וועט זי אָננעמען אונדזער בקשה! מיר בעטן דיין כבוד זאָלסט אונדז געבן אַ ריכטיקן ענטפער דורכן אדון סיניוודזש אין דער שטאָט באָמביי און ער וועט דערגרייכן צו אונדז דיין ענטפער!

מיר קאָנען נישט שרייבן קיין גוטן עברית, זיי מוחל. וואָס וועט זיין אונדזער סוף?

געשריבן צו אונדז אין רוסיש: כל־נדרי נאכט תש״י (3.10.49)

צו אחינו בני ישראל!

איך ווענד זיך צו אייך מיט עטלעכע פראגן, וואָס גייען נישט אָן מיר פערזענלעך, נייערט יעדן ייד. אנטשולדיקט מיר וואָס איך שרייב רוסיש, אָבער אַלץ וואָס איך האָב אמאָל געלערנט אין חדר איז ארויס פון מיין זכרון, צוליב דער אנדערער דערציאונג, וואָס כ׳האָב געקראָגן אין פארלויף פון 30 יאָר און דאָס נישט געקוקט, וואָס מיין פאָטער איז געווען א שוחט ובודק אין א קליין שטעטל אין אוקראינע.

1) איז אייך באוווסט דער טראגישער מצב פון די יידן אין מאָס־קווע און באזונדערס אין די פראָווינץ־שטעט פון אוקראינע און ווייס־רוסלאנד? אויף זייער מאטעריעלע לאגע איז א שווערע, וואָרעם זיי ווערן ארויסגעשטויסן פון זייערע ארבעטס־פלעצער.

2) צי ווייסט איר, אז אין די פראָווינץ־שטעט, ווו עס איז געבליבן א קליינע צאָל יידן, נייט מען זיי אריבערצוּוואנדערן „מיט זייער פרייען ווילן" אויף לאַנדווירטשאפטלעכער זידלונג אין ביראָבידזשאן און דאָרט דערוואַרט זיי דער זעלבער גורל פון זייערע ברידער, וואָס זענען גע־פאָרן קיין ביראָבידזשאן אין דער תקופה פון 1926—1939 און האָבן דאָרטן געפונען דעם טויט אָדער — אנטלאָפן? מיטן אויפשטעלן די מדינת ישראל האָט זיך ביי א סך פון אונדזערע פאָלקס־ברידער אויפ־געוועקט דאָס נאציאָנאַלע געפיל און זיי וואָלטן גערן עולה געווען קיין ישראל, איידער אומצוקומען אין די וועלדער פון וויטן מזרח.

3) צי ווייסט איר וויפל יידן עס זענען פארשפאַרט אין די לאגערן און תפיסות אין אונדזער „פרייען" לאנד. בלויז צוליב דער זינד פון ארויסזאָגן א פריינטלעכע מיינונג וועגן דער מדינת ישראל, וואָס איז אויפגעריכט געוואָרן און פאר דער זינד פון דעם פריינטלעכן קבלת־פנים, וואָס מיר האָבן געמאכט דעם געזאנדטן פון ישראל, פרוי. ג. מאירסאָן, און אויך פאר דער זינד, וואָס מיר האָבן געזינדיקט מיטן אויסדריקן דעם פארלאנג עולה צו זיין קיין ישראל?

מיטן אויפקום פון מדינת ישראל איז פארערגערט געוואָרן די לאגע פונעם היגן יידנטום, וואָרום די סאָוויעטישע מאכט זעט אין אונדז שפּיאָנען און פונקט ווי מ׳האָט אונדז אין דער פארגאנגענהייט פיינט געהאט און באליידיקט, אזוי לייגט אונדז איצטער יעדער גוי פאָר, מיר זאָלן פאָרן אין אונדזער לאנד אריין. אָבער א דערלויבעניש ארויס־צופאָרן גיט מען נישט. פארקערט, אויב עמעץ וועט וואגן צו באַרירן די פראגע פון ארויספאָרן — זענען אים פארזיכערט 25 יאָר תפיסה און לאגער. מ׳שלאָגט און מ׳לאָזט נישט וויינען!

וואָס וועט זיין אונדזער סוף? איך ווייס, אז אמאָל איז געווען א געזעץ, אז מענטשן פון א פאָלק, וואָס האָט א קאָנסולאַרן פאָרשטייער,

האָבן דאָס רעכט צו קומען צו זייער פאַרשטייער און אויסגיסן פאַר אים זייער ביטער הארץ, אָבער היינט — אויב עס וועט ווער וואגן צו קומען צו אייך שטעלט ער איין ס׳לעבן, ווייל דער מיליציאָנער וואָס שטייט ביים ארייגאנג פון דער געזאנדשאפט כדי אייך כלומרשט אָפּ־צוהיטן, האָט גאָר די אויפגאבע נאָכצוקוקן נאָך די וואָס פּרווון ארייג־קומען אין דער געזאנדשאפט און חוץ אים זענען נאָך דאָ א סך אנ־דערע, וואָס היטן אונדזערע טריט.

היינט איז יום־כיפור און איך האָף, אַז מיר וועט געלינגען אייך איבערצוגעבן אָט דעם בריוו מיינעם, וואָס שילדערט אַ קליינע טייל פון אונדזערע צרות.

און נאָך עפּעס: אויב עמעץ פאַרמאָגט א ראַדיאָ־אויפנעמער הערט ער זיך דאָך צו מיט גרויס פאַרגעניגן צו די איבערגעבונגען, הגם עס איז אין דעם דאָ א געפאַר. די צרה איז אָבער, וואָס נאָר ווייניק פון אונדז פאַרשטייען לשון קודש און דאָס רוב זענדונגען זענען אין אָט דעם לשון. און יידיש גיט מען איבער בלויז 15 מינוט. מיר פילן אז אין העברעאיש ווערן איבערגעגעבן אינטערעסאנטע זאכן, אָבער צו אונ־דזער באדויערן איז עס אונדז זייער שווער צו פאַרשטיין. משפּט אונדז נישט דערפאַר צום שלעכטן. שולדיק איז די דערציאונג, וועלכע מיר באקומען. גלייבט אין אונדז, ס׳וועט נאָך קומען א טאָג און עס וועט אַלץ צוריק ווערן ווי אַמאָל און אויך מיר וועלן זיין יידן פונקט ווי איר.

א צעטעלע. וואָס איז אריינגעשטופּט געוואָרן אין האנט אין גאס גייענדיק. ראש השנה 1950.

טייערע ברידער,

מיט איבערגענומענקייט און אין גרויס געפאַר שרייב איך און וויל אייך איבערגעבן אָט די געציילטע ווערטער. כ׳וויל אייך דערציילן וועגן דער שווערער און געדריקטער לאגע פון די יידן דאָ. ס׳איז אָבער אוממעגלעך דאָס אויסצודערציילן אין א קליין צעטעלע. איר וועט דאָס נישט וויסן וואָרעם דאָס אַלץ, וואָס מ׳וועט אייך דאָ ווייזן אָדער דאָס, וואָס עס האָט געשריבן די אַמעריקאנער דעלעגאציע, וואָס האָט דאָ געוויילט, דאָס אַלץ איז הבל הבלים. מען האָט זיי געוואָלט איבערצייגן, אז די רעליגיע איז דאָ פריי, אָדער ווי זיי האָבן געשריבן אין צייטונג אז „מען משפּט פאַר אנטיסעמיטיזם״.

ס׳איז איגגאנצן אנדערש. דאָס וואָרט „זשיד״, צי „אבראשא״, צי אָן „איירייקער״ ליגט תמיד אויף די ליפּן פונעם פּשוטן פאָלק און באַזונ־דער פון די פאַראנטוואָרטלעכע באאמטע, די חשובע פּאַרטיי־מיטגלי־דער. ארום דער שול שטייען מענטשן, וואָס ווערן אָנגערופן „היטער פון דער אָרדענונג״ אָבער צווישן זיי געפינען זיך א סך מוסרים.

און אין דער אמתן היטן זיי, אז קיינער זאָל נישט קומען מיט אייך אין קאָנטאַקט. נאָך יעדן יום־טוב שיקט מען אַוועק הונדערטער דערפאַר, ווייל זיי האָבן געקוקט אויף אייך. צווישן זיי איז געווען... און א סך אנדערע. אָבער דאָס שטערט נישט צוצוהערן זיך צו אייערע אוידי־ציעס. נעכטן האָב איך געהערט חיים ווייצמאַנען, בן־גוריונען און אַנ־דערע און געהערט זייערע ווינטשעוואַניעס.

און איצט — פאַרצייכענונגען פון געשפּרעכן און באַגעגענישן

— 1 —

סוף 1948.

מ. א געוועזענער אָפיציר, איז געקומען בעטן ביי אונדז ארבעט. בשעתו האָט ער זיך געהאט געווענדעט צום געגנטלעכן מיליטער־אמט, עס זאָל אים דערלויבט ווערן פרייוויליק זיך אָנשליסן אין יש־ראלדיקן מיליטער. מ'האָט אים נישט דערלויבט. צוליב דער רעאָר־גאַניזאַציע פון דער אינסטיטוציע אין וועלכער ער האָט געאַרבעט, האָט ער פאַרלאָרן זיין פּאָסטן. איצט איז נישט לייכט פאַר א ייד זיך איינצואָרדענען אויף א גוטן פּאָסטן אינעם ווירטשאַפטלעך־אַדמיניס־טראַטיוון סעקטאָר. אין עטלעכע טעג ארום האָט ער טעלעפאָנירט און דערציילט, אז ער האָט זיך פאַרשריבן אין אן אמט, וואָס שטעלט צו ארבעטער די דיפּלאָמאַטישע אינסטיטוציעס. „זיי ווילן אָבער פאַרשן אַ וועלכע צוויי־דריי וואָכן".

— 2 —

י. א. מאַן און אַ פרוי אין די 50־קער, האָבן נישט קיין קינדער, דערפאַר איז אין דער פאַרגאַנגענהייט זיי נישט געגאַנגען שלעכט, ווייל זיי האָבן ביידע געאַרבעט. ער האָט א 6־7 יאָר געאַרבעט אויף א פאַר־אַנטוואָרטלעכן פּאָסטן ווי א דיפּלאָמירטער עקאָנאָמיסט, האָט באַזוכט אויסלאַנד, געווען אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, רעדט ענגליש. איצט ארבעטן ביידע נישט. זיי פאַרמאָגן א ביסל אָפּשפּאָרונגען. בעתן שמועס האָבן זיי אָנגעדייט, אז זייער לאַגע דערלויבט זיי זיך שיין צו קליידן. י. איז זייער אימפּולסיוו. זיין פרוי וואָרנט אים אינעם גאַנג פון שמועס אייניקע מאָל. זיי האָבן קרובים אין ישראל און האָבן גע־פּרוווט קריגן א דערלויבעניש עולה צו זיין צו זייערע קרובים. מ'האָט זיי געענטפערט, אז זיי דאַרפן ברענגען באַשטעטיקונגען, אז די קרובים לאַדן זיי טאַקע איין צו זיך. די היגע מאַכט האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט די בריוו פון די קרובים אליין און ווער ווייסט צי אונדזער באַ־שטעטיקונג וועט העלפן... י. האַלט אין איין אויספרעגן זיך, וואָס מען מעג ברענגען אין לאַנד אריין: אפשר זאָל ער ברענגען אן אייגענעם

אויטאָ, ווייל געלט האָט ער, מ׳וועט אים אָבער זיכער נישט לאָזן ארויספירן (דערווייל איז דאָ אָפּגעשטעלט געוואָרן דער פארקויף פון אויטאָס). אז ער האָט געקראָגן ענטפער וואָס אלץ מען מעג ביי אונדז, האָט ער אויסגערופן: „כ׳וועל אלזאָ זיין גליקלעך זוכה צו זיין אויף די עלטערע יאָרן צו עפּעס אזוינס... פּערזענלעכע פרייהייט... אָבער מ׳טאָר נישט רעדן״... זיין פרוי האָט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל נישט איבערגעבן דער געזאַנדשאפט זיין טעלעפאָן־נומער. אויך י. האָט אָנגעדייט, אז יידן איז שווער צו קריגן גוטע פּאָסטנס.

— 3 —

סוף 1948.

פ. ביי א 35 יאָר אַלט, א חתונה־געהאטער און א טאטע פון קינדער. געווען אן אָפיציר אין סאָוויעטישן אינזשיניערן־דינסט אין משך פון עטלעכע יאָר, פארוואונדעט געוואָרן. פון זינט דער עטאבלירונג פון מדינת ישראל און אָנהייב פונעם באפרייאונגס־קריג זוכט ער, צוזאמען מיט נאָך עטלעכע חברים זיינע, א וועג ווי ארום צו קומען אונדז צו־הילף. ער האָט גערעדט מיטן מענטש, וואָס פירט אָן די ארבעט פון יידישן אנטי־פאשיסטישן קאָמיטעט זינט מיכאָעלסעס טויט, אָבער יענער איז נישט קיין פערזענלעכקייט ווי מיכאָעלס, און וואגט נישט אָפּצווייכן פון דער סאמער ענגסטער ראַם, און אפשר האָט ער נישט אזא באציאונג צו די יידן אין דער וועלט און צום אויפּטו אין לאנד. פאר יעדן פאל איז פון זיין זייט נישט געקומען קיין עכאָ אָדער דערמוטיקונג אויף דעם אָנבעטן זיך, אז חוץ דער פּאָליטישער הילף פונעם ראטנפארבאנד, זאָל אָרגאניזירט ווערן א וועלכע ס׳איז הילף מצד דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט — כאָטש א באשיידענע הילף, ווי, למשל, שיקן רפואות. אָבער פ. און זיינע חברים טרוימען וועגן א מער ממשותדיקערער זאך: א פרייוויליקע מאָביליזאציע צום ישראל־מיליטער. ווען עס וואָלט אין דער שטיל ארויסגעלאָזט ווערן א קלאנג, אז די מאכט דערלויבט צו פאָרן — אפילו אויף א געהיימען וועג — וואָלטן דאָ אין מאָסקווע באלד זיך אָפּגעפונען ווייניקסטנס א 10.000 יונגע מענטשן, אידעאליסטן, מיט מיליטערישער דערפארונג פון פארשידענע מיליטערישע ראנגען אין פארגאנגענהייט. אזאַ קריגערישע פרייוויליקייט איז נישט פארבאָטן, לויט פ׳ס מיינונג, דווקא מיט אן עליה אויף שטענדיק. „מיר האָבן געטאָן פארן סאָוויעטישן פאָטערלאנד און אָפּגעגעבן אונדזערע לעבנס פאר אים, אָבער איצטער דארפן מיר קומען צוהילף דעם יידישן ווערק. כ׳וועל זיין גרייט דאָ איבערצולאָזן מיין משפחה״. פ. איז איינגעאָרדנט ווי א לעקטאָר אין א הויך־שול. דער לוין — 3000 רובל א חודש (א גוטער מיטלמעסיקער לוין). א פאבריק־ארבעטער פארדינט אין דורכשניט פון 1000 ביז 1500

רובל. א פשוטער ארבעטער אין האָטעל פארדינט ווייניקער. אַ מיניסטער — 20.000 רובל.

„פ" איז נישט דער אמתער נאָמען פונעם באזוכער. ער שרייבט פון צייט צו צייט נאָטיצן אונטערן נאָמען „פ"... זיין אמתער נאָמען, זיין אדרעס און טעלעפאָן־נומער איז אונדז נישט באוווסט.

פ. האָט עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן, אז מיר דארפן ווירקן ביי דער מאכט, זי זאָל דערמעגלעכן די מאָביליזאציע. ער האָט געזאָגט, אז סאָוויעטישע בירגער איז פארווערט צו באזוכן געזאנדשאפטן און מען היט זיי אלע. „ארויסגייענדיק פון דאנען וועל איך טעלעפאָנירן צו מיין פאמיליע, זיי זאָלן וויסן, אז כ'האָב נישט געהאט קיין אומאָנגענעמלעכקייטן, ווייניקסטנס דערווייל. אָבער איך האָב אן ענטפער. אויב מ'וועט מיך פרעגן, האָב איך זיך אין וואָס אָנצוכאפן".

מיט זיין פאָדערונג וועגן יידיש־סאָוויעטישער הילף פאר מדינת ישראל האָט ער זיך געווענדעט צו ליטווינאָוון. איז אויפגענומען געוואָרן דורך זיין סעקרעטארין. ליטווינאָוו איז אים נישט אנטקעגנגעקומען און דורך דער סעקרעטארין אים געוואָרנט ער זאָל זיך ארויסלאָזן פון דעם ענין. פ. האָט געשריבן א בריוו צו וואָראָשילאָוון און איז דערנאָך אויפגענומען געוואָרן דורך וואָראָשילאָווס אדיוטאנט. ער האָט אים געזאָגט: „איך האָב פאר אייך נישט קיין ענטפער. חבר וואָראָשילאָוו האָט געלייענט אייער בריוו. ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט".

פ. האָט זיך געווענדעט צו סטאלינס פריוואט־סעקרעטארין. נישט געקומען קיין ענטפער. דערנאָך האָט ער טעלעפאָנירט. עס האָט אים געענטפערט א מאן, וואָס זיין קול האָט אים געקלונגען ווי א יידישס (און אפשר איז דאָס גאָר געווען א גרוזינישער אקצענט און נישט קיין יידישער?). דער מענטש האָט געזאָגט: „מיר האָבן געלייענט אייער בריוו. אין דעם דאָזיקן ענין דארפט איר האנדלען לויט אייער געוויסן".

און טאקע, אָט דער זאָג „האנדלען לויט אייער געוויסן", האָט דאָס פ'ן געגעבן מוט צו קומען צו אונדז און שמועסן. אגב, נאָך אָט דעם שמועס, האָט פ. אָנגעשריבן א נאָטיץ פאר דער „אייניקייט" און זי געברענגט צום רעדאקטאָר. יענער האָט אים געזאָגט, אז די נאָטיץ געפעלט אים. זי איז אָבער נישט געוואָרן אָפגעדרוקט. פ. האָט גערעדט מיט ערנבורגן. ער האָט צו אים א נעגאטיווע באַציאונג, ווי צו א מענטש אָן א מאָראלישער חוט־השדרה. ער האָט אָבער אן אייגנפלוס און וועט אפשר קאָנען צוהעלפן, אויב ער וועט זיין ווילִיק דערצו. פ. האָט שוין צוויי מאָל טעלעפאָנירט צו אונדז אין ביוראָ און זיך נאָכגעפרעגט צי ס'איז פאראן עפעס נייעס, אָדער צי עס זענען פאראן אויסזיכטן אויף נייעס אין שייכות מיט די אונטערהאנדלונגען מיט דער רעגירונג, וועגן וועלכע ער האָט פאָרגעשלאָגן.

— 4 —

סוף 1948.

ה. איז אריין אין צימער אַן אַנגעטוּענער אין אַן אָפיצירן־מונדיר און אויף אים א רעגן־מאנטל. פון זינט דעם קריג איז ער געווען א מיטגליד פון א סאָוויעטישער מיליטער־דעלעגאציע, וואָס האָט אָרגאַניזירט דאָס מיליטער אין איינער פון די שכנותדיקע לענדער. איצט האָט ער זיך אומגעקערט אין ראַטנפאַרבאַנד און געפינט שוין נישט זיין אָרט. די דיסקרימינאציע לגבי יידן פילט זיך, לויט זיינע רייד, שטאַרק, אויך ביים אָננעמען שילער אין די אוניווערסיטעטן. אין אויסלאַנד האָט ער איינגעזאַפּט א סך איינדרוקן, אויך יידישע. דער מענטש איז אַלט ביי א 35, אַלע יאָרן פון דער מלחמה האָט ער געדינט אין אינזשיניערן־מיליטער, געבוירן אין קיעוו און געווען דאָרט א ציוויל־אינזשיניער. ער וויל זיך נישט צוריקקערן נישט צו דער דאָזיקער שטאָט און נישט צו זיין פאַך. אפשר איז מעגלעך צו באַקומען פאַר אים א דערלויבעניש, ער זאָל זיך קאָנען מאָביליזירן אין צה״ל? אָדער אפשר איז מעגלעך צו ווירקן אויף דער רעגירונג פון פ. ס. ס. ר., זי זאָל אַרויסשיקן אַן אומאָפיציעלע מיליטערישע דעלעגאַציע, און דאַן וואָלט ער געווען אירס א מיטגליד? צווישן זיינע חברים גייט אַרום א קלאַנג, אַז עס פאָרן פון דאַנען אָפיצירן קיין ישראל. די גאַנצע יידישע יוגנט איז געשפאַנט: „אויב מען קוועסטיאָנירט אונדזער רעכט דאָ הי — אדרבא, וועלן מיר אַרויספאָרן אין אונדזער לאַנד אריין״.

— 5 —

מ. איז געקומען שפּעט אין אָוונט. יידן פחדנים האָבן מיר געזאָגט: גיי נישט. מ׳אַרעסטירט דאָרט אויפן אָרט. פונדעסטוועגן איז ער געקומען רעדן וועגן דער יידישער לעבצעניש און געקושט אונדזער פאָן וואָס איז געשטאַנען אַן איינגעוויקלטע אין ווינקל פון צימער.

— 6 —

5 דעצעמבער, 1948.

אונדזער געזאַנדשאַפט האָט באַזוכט א ייד פון א יאָר 50, פון דער בוכארישער עדה. עס איז געווען דער ערשטער פאַל פון א באַזוך פון א מזרח־ייד און עס איז געווען א נייעס אין דעם דאָזיקן באַזוך, אין זיין אויסזען און אין זיין אופן פון רעדן. דער ייד איז געבוירן געוואָרן אין סאַמאַרקאַנד, אָבער שוין 25 יאָר וווינט ער אין מאָסקווע. ער אַרבעט אין א פאַבריק ווי אַן אַרבעטס־אָנפירער און זיין מאַטעריעלע לאַגע איז א גאַנץ גוטע, באַזונדערס ווייל ער האָט אַן אייגן הויז און א הילף־ווירטשאַפט ביי א 10 קילאָמעטער ווייטער פון שטאָט.

דער מענטש פאַרשטייט דאָס גערעדטע העברעאיש און האָט אויך אַליין גערעדט העברעאיש. הגם עס האָט זיך געמערקט, אַז שוין אַ לאַנגע צייט האָט ער נישט געהאַט אַזאַ געלעגנהייט צו רעדן עברית. זיין רוסיש איז געווען זייער מזרחדיק און גריזיק. ער האָט געפּרעגט מיט וועלכער שריפט מיר באַנוצן זיך און האָט נישט געקאָנט לייענען די געשריבענע אותיות, ווייל ער איז געווינט צו רש״י־כתב (די טאַדזשיקאַ־העברעאישע שפּראַך, אין וועלכער עס זענען אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל ביכער, איז פאַקטיש פערסיש געשריבן אין העברעאישן רש״י־כתב און עס באַנוצן זיך מיט איר די יידן פון בוכאַרע און די באַרג־יידן אין מיטל־אזיע).

זיין פאָטער און אַ סך פון זיינע קרובים געפינען זיך אין ארץ־ישראל. ער האַלט אָן מיט זיי אַ בריוולעכע פאַרבינדונג און הערט זיך אויך צו צו די אוידיציעס פון ענגלישן און אַמעריקאַנישן ראַדיאָ, כדי צו הערן וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. אַגב, זענען די אָ סטאַציעס די איינציקע אינפאָרמאַציע־קוועלן פאַר אַ סך יידן אין ראַטנפאַרבאַנד און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע סטאַציעס גיבן איבער אַ סך ידיעות וועגן לאַנד, כדי דורך דעם צו פאַרגרעסערן דעם צוציאונגס־כוח פון זייערע רוסישע אוידיציעס.

די טאָכטער זיינע האָט געענדיקט שטודירן מעדיצין און דער זון זיינער (18 יאָר אַלט) לערנט נאָך.

דער ייד איז געקומען אין דער געזאַנדשאַפט אין שייכות מיט דער מעגלעכקייט פון עליה פאַר זיין שוועסטער (60 יאָר אַלט), וואָס איר מאַן איז עולה געווען אין לאַנד אַריין אין יאָר 1933 פון סאַמאַר־קאַנד. „מענער קאָנען אַריבערגיין די בערג, פאַר פרויען איז עס שווער". די דאָזיקע באַמערקונג האָט, ווייזט אויס, זיך גיכער באַצויגן צו דער פאַרגאַנגענהייט ובפרט נאָך, אַז די שכנותדיקע לענדער זענען איצט פיינטלעך געשטימט צו יידן.

אונדזער מיטשמועסער האָט געוווסט וועגן בערנאַדאָט־פּלאַן, וועגן נגב, וועגן דער פראַגע פון חיפה און פון לוד. ער האָט דערציילט, אַז זיינע קינדער זענען דערצויגן געוואָרן אין יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט. דערזעענדיק הערצלס בילד אויף אַ לוח פון „קרן היסוד", האָט ער גלייך מיט שטאָלץ אונדז דערציילט, אַז ביי אים אין שטוב הענגט אַ טעפּיך מיט הערצלס בילד אין אים.

אין דער צייט פון קריג האָט ער באַזוכט זיין היימלאַנד און ער ווייסט גוט וועגן די באַמיאונגען וואָס עס האָבן געמאַכט די אָרטיקע יידן, כדי צו העלפן די היטלער־פּליטים, וואָס זענען אַהין אָנגעקומען. ער איז גרייט, זאָגט ער, עולה צו זיין צו יעדער רגע און איבערלאָזן זיין גאַנץ פאַרמעגן (לויט דעם אָרטיקן מאָסשטאַב — פון גאָר גרויסן ווערט) און זיין אַרבעט און איז „גרייט צו אַרבעטן אומזיסט פאַר

מדינת ישראל". ער איז שטאָלץ מיט זיין ברודערן־זון, וואָס איז געפאַלן בעת די אַקציעס אין לאַנד און ער איז איבערצייגט, אַז אַלע מזרח־יידן וואָלטן גרייט געווען גלייך עולה צו זיין, ווען דאָס וואָלט נאָר מעגלעך געווען.

דער מענטש האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, סיי מיט זיין שטאָל־צער האַלטונג און אופן רעדן און סיי מיט דער פשטות, מיט וועלכער ער האָט זיך באַצויגן צו זיין יידישער נאַציאָנאַליטעט. עס איז ביי אים נישט געווען דער פחד און די אומזיכערקייט, וואָס עס האָבן אַרויס־געוויזן אַ סך פון אונדזערע יידיש־אַשכנזישע באַזוכערס.

— 7 —

יאַנואַר 1949.

אַ פּופּציק־יאָריקער. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין חבר אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין די רעוואָלוציע־יאָרן איז ער אַ קורצע צייט געווען אַ מיטגליד פון פּועלי־ציון און אין דער מאַרטאָוו־גרופּע. איז ער זיך מפרנס פון אַרטיקלען אָדער בילדלעך, וועלכע עס געלינגט אים אַריינצוגעבן אין חודש־זשורנאַלן אָדער וואָכן־בלעטער (זעט אויס אָרטיקע, צווייטראַנגיקע). ער האָט גערעדט מיט קנאה וועגן סטאַטוס פון אַ וויסנשאַפטלעכן טוער, וואָס פאַרדינט טויזנט פיר הונ־דערט רובל אַ חודש, „דאָס איז אַ מין מלוכהשע טוערס", האָט ער געזאָגט, „וואָס האָבן אין זינען בלויז איין זאַך: אָפּהיטן זיך און זייער פּרנסה". דער מענטש איז פאַרביטערט. טענהט, אַז די געזעלשאַפט־לעכע שפּאַנונג איז געפאַלן. אַלע פאַרנעמען זיך בלויז מיט זייערע פּריוואַטע ענינים...

וועגן אַנטיסעמיטיזם: דאָ אין מאָסקווע וועט מען נישט וואַגן זיך צו באַנוצן מיטן זידל־וואָרט „זשיד". 500 קילאָמעטער פון דאַנען — וועט מען נאָך ווי אַזוי וואַגן. צווישן די וויסנשאַפטלער טענהט מען: „די יידן זענען בלויז דריי פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, פאַרוואָס זאָלן זיי זיין 50 פּראָצענט אין וועלכן עס איז אַנשטאַלט?" עס טרעפט אַז מענטשן פאַרלאָזן גוטע פּאָסטנס צוליב דער פיינטלעכער אַנטיסע־מיטישער אַטמאָספער, וואָס אַרום זיי. אַנדערע יידן באַמיען זיך, אַז דאָרט וווּ זיי אַרבעטן זאָלן נישט אַריינדרינגען נאָך יידן, כדי עס זאָל זיך דאָרט נישט דערוועקן אָט דאָס פּראָבלעם. עס איז פאַראַן אַ שטאַרקער אַנטיסעמיטיזם פון אונטן. אַ ליטעראַרישע אַרבעט פון אַ ייד קריגט אַ גוטע אָפּשאַצונג פון אויבן, אָבער אויפן וועג גייט זי פאַר־לוירן. מיט צוויי יאָר צוריק איז אויפגעטראָטן אַ קינסטלער אין טשיי־קאָווסקי־זאַל אין מאָסקווע (אַ זאַל פאַר די וויכטיקסטע קאָנצערטן) ווען מען האָט געמאָלדן דעם נאָמען פון דער קלאַוויר־באַגלייטערין: שרה ראָזנפעלד איז אַדורך אַ געלעכטער איבער די באַלקאָנען און אי־

בערן זאל. אין א שטיקל צייט ארום האָט די פרוי געענדערט איר נאָמען. (אין דעם ליגן באשטעטיקונגען צו זייער ענלעכע ידיעות פון אנדערע מקורות: וועגן געשפּרעכן מכוח דער גרויסער צאָל יידן אין דער וויסנשאפט און קונסט, וועגן די באזונדערע אייגנשאפטן, וואָס עס דארף פארמאָגן א וויסנשאפטלעכע ארבעט פון א ייד, וועגן דער ווירקונג פון יידישע נעמען אויף די וועגן פון יידישע קינסטלער א. אַ.).

וועגן ביראָבידזשאַן: עס האָט זיך ארומגעדרייט דער וויצע־סעקרעטאר פונעם געגנטלעכן ראט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און געזוכט קאנדידאטן פאר ביראָבידזשאַן. ער האָט דערציילט: „איצט זענען דאָרט פאראן 80 פּראָצענט יידן. דער פּלאן איז, אז דאָרטן זאָלן זיין 92 פּראָצענט יידן". מען האָט אים נישט געגלייבט. דער וויצע־סעקרעטאר האָט זיך געבייזערט און געטענהט, אז אויסער אין ביראָבידזשאַן זענען נישטאָ קיין יידישע ערד־ארבעטערס; איצט אויך נישט אין כערסאָנער געגנט.

קלאנגען וועגן ישראל און וועגן דער געזאנדשאפט: מען האָט דערציילט — פון א זיכערער קוועלע — אז אין א פאבריק פון עראָפּלאנען האָט מען באפוילן צוויי קאָנטראָל־פּליערס תיכף ארויסצופאָרן קיין ארץ־ישראל. אַ יידישער פילם־קינסטלער האָט אים דערציילט, אז גאָלדע מאירסאָן האָט דריי דערוואקסענע טעכטער. זי איז שוין א באָבע, אָבער איז זייער אַן אינטערעסאנטע פרוי; זי באזוכט די שול און באוויינט דאָרט די געפאלענע מיליאָנען יידן.

ער האָט געבראַכט אַ מאַנוסקריפּט פון אַ דערציילונג, פון דעם סאָרט צוקונפט־דערציילונגען פון ה. דזש. וועלס. דער הויפּט־העלד — אַ יידישער וויסנשאפטלער פון דייטשלאנד, וואָס האָט זיך באזעצט אין תל־אביב. די דאָזיקע דערציילונג (אגב — אַן א ליטעראַרישן ווערט) איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך פארשידענע רעדאקציעס, ווייל זי האָט צופיל „יידישקייט" („יודאַאיזם") אין זיך.

וועגן פּראָבלעם עליה האָט ער גערעדט מיט אזא פעסטקייט און אין אזא פאָרם, וואָס האָט ארויסגערופן א ביסל שטוינונג, אויב נישט חשד. „איר האָט באדארפט באריר̈ן די פראגע אויפן סאמע העכסטן אָרט — אפשר ביי סטאלינען. אפשר שערטאָק אליין. אָדער צום בייִשפּיל, מאָלאָטאָוו האָט אַ יידישע פרוי, אַ פּשוטע פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ סיגאַרעטן־פאַבריק, זי הייסט זשעמטשיגינא. גאָלדע מאירסאָן האָט זיך זיכער מיט איר געטראָפן. זאָל זי איר דערוועקן! די רוסישע מענטשן וואָלטן דאָס אויפגענומען מיט פארשטענדעניש און פרייד, און צו די יידן, וואָס וואָלטן געפאָרן קיין ארץ־ישראל וואָלטן זיי זיך באצויגן מיט מער דרך־ארץ, פארוואָס לאָזט מען אונדז נישט ארויספאָרן, אויב מיר זענען דאָ נישט געוואונטשן. דאָס איז דאָך א חזירייי".

יאנואר 1949.

דער מענטש האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אן אגענט אָדער פון א לגמרי נישט געוויינלעכן און נישט פארשטענדלעכן. ער האָט עטלעכע מאָל געפאָדערט מיר זאָלן זיך מיט אים באנוצן סטאביל, מיר זאָלן זוכן א וועג ווי אזוי דאָס צו מאכן. ער האָט געפרעגט צי מיר קאָנען אים פארבינדן מיט אנדערע גרויסע זשורנאליסטן א. דגל. ווי אן אויפקלערונג פאר זיין שטרעבן אין אַט דער ריכטונג, האָט ער גע־רעדט וועגן זיין שטארקן ווילן צו מעלדן דער גרויסער וועלט וועגן דעם, וואָס עס קומט דאָ פאָר, וועגן זיין הומאניזם א. אַ. וו. צום סוף האָט ער געבעטן א 200—300 רובל אויף צו קאָנען צוריקפאָרן אין דער שטאָט פון וואנען ער איז געקומען (פארשטייט זיך, אז מיר האָבן אים נישט געגעבן) און זיך תיכף צוריקגעצויגן פון זיין בקשה. ער האָט גערעדט א גאנץ גוטן עברית.

ער האָט א סך דערציילט וועגן זיך און וועגן אנדערע ענינים, האָט נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעסירונג מיט דער לאגע אין לאנד.

אין יאָר 1930 האָט ער געלערנט אין דער העברעאישער אוניווער־סיטעט אין ירושלים. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אז אין אוניווער־סיטעט־ארכיוו געפינען זיך בריוו און דאָקומענטן, וואָס זענען פארבונדן מיט אים. אין א יאָר ארום האָט ער זיך אומגעקערט אין דער באלטישער מדינה פון וואנען ער איז געקומען קיין ירושלים. דערנאָך איז ער צוליב אן אומגליקלעכער ליבע פארפאָרן קיין ביראָבידזשאן און פאר־לוירן אויפן וועג דעם פּאַספּאָרט, אזוי אז ער איז געבליבן בירגערשאפט־לאָז אין ראטנפארבאנד. פון ביראָבידזשאן, ווו ער האָט זיך פארנומען מיט קולטור־אַרבעט איז ער אַריבער צו זשורנאַליסטיק אין כאַבאַ־ראָווסק.

נאָך דער רייניקונג אין 1938 האָט ער אָנגעווירן זיין פּאָסטן און געוואנדערט קיין מערב. געארבעט ווי א מומחה פאר עקאָנאָמיע אין פאבריקן. ווען די מדינה פון וואנען ער שטאמט איז אָנגעשלאָסן גע־וואָרן צום ראטנפארבאנד, איז ער געפאָרן אַהין און געארבעט דאָרטן אין יידישן טעאטער ווי דער פאראנטוואָרטלעכער אויף באארבעטן פּיעסן. אז עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה האָט ער א קורצע צייט געדינט אין מיליטער און איז באפרייט געוואָרן צוליב קורצזיכטיקייט. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין ווינ־אָרט. ארבעט איצט ביי ליטערארישע ארבעטן אויפן שטיק. זיין הכנסה איז ביי א טויזנט רובל א חודש. ער האָט חתונה געהאט מיט דער אלמנה פון זיינעם א חבר (האָבן צוויי קינדער). זי האָט ווי א לערערין א בעסערן פּאָסטן.

און דאָס זענען די דערציילונגען וואָס ער האָט דערציילט:

קומען צו אונדז. לעבן דעם קאזאנער וואקזאַל געפינט זיך אַ קליינע

1) מיט דריי וואכן צוריק איז אַרעסטירט געוואָרן דוד האפשטיין (ער איז געווען אין ארץ־ישראל אין 1927).

2) מיכאָעלס איז דערהרגעט געוואָרן. און דאָס זענען די פּרטים פון דער געשעעניש: ער איז געווען א מיטגליד אין א קאָמיסיע ארום דעם צוטיילן דעם סטאַלין־פּרייז. צוזאַמען מיטן יונגן שרייבער גאָלובאָוו האָט ער באזוכט מינסק כדי צו זען, אין שייכות מיט זייער ארבעט אין דער אויבנדערמאָנטער קאָמיסיע, אַ פּיעסע וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין ווייסרוסישן טעאטער. אומקערנדיק זיך פון דער פאָר־שטעלונג זענען נעבן האָטעל געהרגעט געוואָרן מיכאָעלס, גאָלובאָוו און זייער שאָפער. מען האָט איבערגעגעבן, אז דאָס האָבן געטאָן באנ־דיטן און אין מינסק איז נאָך טאקע נישט געווען דאן שטיל, נאָך דעם מלחמהדיקן תוהו ובוהו. אָבער ער האָט אָנגעדייט, אז מען האלט אז נישט באנדיטן האָבן דערהרגעט מיכאָעלסן, נאָר ער איז אָפּגעראַמט געוואָרן, ווייל ער איז געווען א זעלבשטענדיקע און צופיל אָנגענומע־נע פּערזענלעכקייט.

איצט ווערט פארשפּרייט אויף אָן אָרגאניזירטן אופן א מעשה, אז מיכאָעלס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך „ציוניסטישע דיווערסאנטן" און די קוועלע פאר אָט דער מעשה איז קלאָר.

3) די „אייניקייט", דער יידישער אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט און די „עמעס"־דרוקעריי זענען פארמאכט געוואָרן. איצט איז געבליבן אינעם גאנצן ראטנפארבאנד איין צייטונג (נישט קיין טעגלעכע), „בי־ראָבידזשאנער שטערן"... פאר די יידיש־שרייבערס שטייט איצט פאק־טיש די פראגע פון פרנסה, פון ברויט. זיי האָבן נישט קיין שום אויס־זיכט אויף צו דרוקן זייערע שאפונגען (אָדער צו פארעפנטלעכן ביים אויפלאגעס פון זייערע ביכער, וואס זענען פריער דערשינען). זייער איינציקע האָפענונג איז, אז מ'וועט איבערזעצן אויף רוסיש זייערע שאפונגען פונעם כתב־יד. נאָך דעם ווי ס'איז געשלאָסן געוואָרן די „עמעס"־דרוקעריי איז נישט געבליבן אין גאנצן לאנד קיין שום ערנס־טע יידיש־דרוקעריי.

4) דאָס פארמאכן די „אייניקייט" א. אַ. איז געקומען אין רע־זולטאט דערפון, וואָס נישט ווילנדיק איז די רעדאקציע פון אָט דער צייטונג און דער יידישער אנטי־פאשיסטישער קאָמיטעט געוואָרן א מין נאַציאָנאַלער אַדרעס, אַ ברען־פונקט פאַר יידישער אידענטיפיצירונג. אויף דעם דאָזיקן אדרעס זענען געשיקט געוואָרן הונדערטער און טויזנטער בריוו פון מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט אזא אָדער אנדערע יידישע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט לטובת ישראל. מענטשן האָבן אויסגעדריקט זייער פארלאנג פאר דעם יידישן אנטי־פאשיסטישן קאָ־מיטעט. דעריבער איז באשלאָסן געוואָרן צו פארניכטן אָט דאָס פּע־דעמל אָן וועלכן מען האָט געקאָנט פּרווון זיך אָנהענגען.

5) אין ביראָבידזשאַן געפינען זיך היינט צו טאָג ביי א 15.000 יידן. אן ענלעכע צאָל יידן זענען אריבער (זיך ארייגעשמוגלט) פון ביראָבידזשאַן קיין כאַבאַראָווסק און פאַרנעמען זיך דאָרט מיט אַלערליי טיפּישע יידישע פּראָפעסיעס.

6) אויפן שרייבער־צוזאַמענפאַר זענען אויף אַ קורצער צייט גע־קומען אלע יידישע שרייבערס. מ'האָט בפירוש באַמערקט: „אַלע יידן זענען דאָ געווען". די סיבה: די יידן האָבן מורא געהאַט, אז זייער נישט־דערשיינען, נאָכן שליסן די „עמעס"־דרוקעריי, וועט אויסגע־טייטשט ווערן ווי א דעמאָנסטראַציע. אין דער אמתן איז, ווי גע־זאָגט, די לאַגע פון די יידישע שרייבערס זייער א שלעכטע. אפילו בערגעלסאָן ווייסט נישט פון וואָס ער וועט לעבן. א סך שרייבערס לעבן פון דעם, וואָס זיי קריגן באַצאָלט פאר ביכער, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פריער און דערשיינען אין נייע אויפלאַגעס. טייל געלונגט צו קריגן אוואַנסן אויפן חשבון פון ביכער, וואָס זיי זאָגן צו צו שרייבן — און עס געלונגט זיי נישט צו שרייבן.

פאַסטערנאַק האָט שוין פון לאַנג גאָרנישט נישט געשריבן. ער איז זיך מפרנס פון איבערזעצונגען. מען זאָגט, אז איצטער גרייט ער צו א נייע אויסגעבעסערטע איבערזעצונג פון „פאַוסט". ער האָט אויך איבערגעזעצט אויף רוסיש פון דער גרוזינישער פּאָעזיע. דער פאַר־זיצער פונעם שרייבער־פאַראיין, פאַדייעוו האָט שאַרף אָנגעגריפן פאַסטערנאַקס פּאָעזיע און צוגעשריבן א קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן מהות צו יעדן ליד זיינעם. מען האָט געפרעגט פאַסטערנאַקן צי ער איז נישט ברוגז אויף פאַדייעוון. פאַסטערנאַק האָט געענטפערט: „מיר גייען דאָך אלע ארום אויף א גומענער פּאָדלאָגע".

7) אין צענטער פון די דאגות אין שטח פון ליטעראַטור און קונסט שטייט איצט די דראַמאַטורגיע. איינע פון די סיבות איז א טיילווייז־פינאַנסיעלע. מיט א יאָר צוריק האָט מען אָפּגעשטעלט די מלוכהשע אונטערשטיצונגען פאר דער מערהייט טעאַטערס. נאָך דעם איז געקומען די פאַראָרדענונג פונעם פּאַרטיי־צ. ק., מען זאָל שרייבן פּאַרטייאישע פּיעסן. אָבער די קאַסע ווייזט, אז דער עולם וויל נישט אָט די נייע פּיעסן, געפינט נישט קיין אינטערעס אין די מעכאַנישע סכעמאַטישע סיטואַציעס, ווו אַלץ איז פון פאָרויס באַוווּסט, קלאָר און נישט אינטע־רעסאַנט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט איינגעלאַדן אויף א באַראַטונג די צוועלף באַרימטסטע קריטיקערס אין לאַנד. האָט זיך ארויסגעוויזן, אז צען פון זיי זענען יידן. דאָס האָט מען היינט נישט ליב, אָבער אזוי איז געווען. מען האָט זיי געפרעגט, ווי אזוי קאָן מען אויסבעסערן די לאַגע. זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן זייער אמתע מיינונג און די באַ־ראַטונג האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

דערנאָך האָט מען פאָרגעלייגט דעם יידישן קריטיקער יוזאָפּסקי, ער זאָל אָנשרייבן א מעמאָראַנדום צום צענטראַל־קאָמיטעט און זאָגן אַלץ, וואָס ער טראַכט. ער האָט מורא געהאַט. האָט ער זיך געוואָנדן צום דראַמאַטורג יעווגעני שוואַרץ און געבעטן זיין ראַט. האָט אים שוואַרץ געזאָגט: פאַררוף זיך אויף לעבינען. איצט ציטירן אַלע לעבינס ווערטער, אַז די ליטעראַטור קאָן נישט זיין אַפּאָליטיש, אומפּאַרטייאיש, אָבער מען ציטירט נישט דעם המשך פונעם זאַץ, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז אָן ספק איז די ליטעראַטור אַן איידעלער, אינדיווידועלער ענין און מ׳קאָן נישט צו איר צוגיין אויף אַ סכעמאַטישן אופן. שטיץ זיך אויף דעם און אַנטוויקל אָט דעם געדאַנק״.

נאָך קווענקלט זיך יוזאָפּסקי און מאַטערט זיך צונויפצושטעלן זיין מעמאָראַנדום און שוין גייט ארויס פּאַדייעוו מיט זיין רעדע אין שרייבער־פאַראיין און גרייפט שטאַרק אָן די „עסטעטישע קריטיקערס״ גורעוויטש, יוזאָפּסקי א. אַ. איצט איז שוין קלאָר (ביז מ׳וועט אויסגעפינען אַ נייע אויפּאַסונג), ווער עס איז שולדיק אינעם טעאַטערקריזיס. נישט די פּאַרטיי, נישט די שרייבערס, נישט דאָס פּובליקום, נאָר א דרייפיר אומגליקלעכע קריטיקערס און זייערע פריינט, זייערע תלמידים.

8) „איך דערצייל דאָס אַלץ, ווייל מ׳ווייסט נישט דעם אמת״ — טענהט דער מענטש. „ווען עס איז מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק אַרויסגעפאָרן א דעלעגאַציע פון דער יעווסעקציע אויף א פּראָפּאַגאַנדע־טור אין אויסלאַנד האָט זיי באַגלייט צו דער באַן יאַנקל לעווין. זיי האָבן אים געפרעגט: „וואָס וועלן מיר ענטפערן אויב מ׳וועט טענהן, אז ביי אונדז זענען דערהרגעט געוואָרן צדיקים און פאַרברענט געוואָרן ספר־תורהס? האָט געענטפערט יאַנקל לעווין: „זאָגט, אז עס איז א ליגן״. יאַנקל לעווין איז שוין נישטאָ. ער אַליין איז ליקווידירט געוואָרן בעת דער רייניקונג אין יאָר 1938, אָבער זיין שיטה איז געבליבן: זאָגן, אז עס איז א ליגן. און אין דער אמתן איז עס על פּי רוב נישט קיין ליגן נאָר אַן אמת״.

9) אין יאָר 1938, אינעם יאָר פון דער רייניקונג, האָט אַרומגעכאַפּט די מאַכט אַן אַלגעמיינע היסטעריע. אַקטיווע אָפּאָזיציאָנערן זענען געווען ביי א 100—150. עס זענען אָבער ליקווידירט געוואָרן ביי אַן אַנדערטהאַלבן מיליאָן, צווישן זיי אויך לעווין און ראַשקעס פון דער יעווסעקציע, וואָס אויך זיי זענען נישט געווען פאַרמישט אין קיין שום אָפּאָזיציאָנעלער טעטיקייט. די רייניקונג איז פאָרגעקומען אין אַלע עקן לאַנד אין אַ בליץ־טעמפּאָ, לויט רשימות וואָס זענען כלל נישט קאָנטראָלירט געוואָרן.

10) ער קאָן נישט שרייבן קיין רעפּאָרטאַזשן. „איך באַזוך און זע גניבות, אומאָרדענונג, אָפּגעלאָזנקייט. נאָך איידער איך באַזוך זאָגט מען מיר ווי צו שרייבן, אָבער נאָך דעם ווי איך זע די ווירקלעכקייט,

איז ווען איך שרייב יויט דער פאָדערונג באַקומט זיך דאָס אַזוי געקינסטלט, אז די געזעצטע איבער מיר פסלען דאָס פילנדיק מיט רעכט אַז די גאַנצע „ליטעראַרישע" אַרבעט איז נישט צום הארצן".

11) אין ריגע ווינען איצטער 15.000 יידן. אַ העלפט זענען אַלטע ריגער תושבים און די איבעריקע האָבן פאַר דער מלחמה געווינט אין דער אומגעגנט. אין די טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין לעטלאַנד האָבן די דייטשן צוזאַמען מיט די לעטן אויסגעהרגעט דריי הונדערט טויזנט יידן.

12) מען דערציילט, אַז אין שאַולער געטאָ געפינט זיך אַ וויכטיקע זאַמלונג פ.ו דאָקומענטן, וואָס זענען באַהאַלטן געוואָרן דורך די יידן, איידער מ'האָט זיי ליקווידירט. די דאָקומענטן ווערן נישט פאַרעפנטלעכט.

13) מ'דערציילט אויך, אַז עס איז געפונען געוואָרן דובנאָווס טאָג־בוך, וועלכן ער האָט באַהאַלטן אין ריגער געטאָ פאַרן דערמאָרדעט ווערן דורך די דייטשן.

14) אין דער לעצטער צייט זענען אַרעסטירט געוואָרן עטלעכע אַרטיסטקעס און אַ באַרימטע זינגערין אונטער דער באַשולדיקונג פון ספּעקולאַציע.

— 9 —

7־טער יוני 1949.

א מענטש איז געקומען אדאנק אורלויב פון ביראָבידזשאַן צו באַזוכן זיין שוועסטער ער איז אָנגעטון אין קליידער פון א דעמאָביליזירטן סאָלדאַט, ווי אַ סך, וואָס גייען דאָ נאָך אַרום אין מונדירן, וועלכע זענען זיי געבליבן נאָכן באַפרייען זיך פון דער אַרמיי. די דאָזיקע בגדים גיבן אויך, די וואָס טראָגן זיי, מער זיכערקייט און דעם ייד, וואָס באַזוכט אונדז פאַרטושן זיי אַ ביסל דעם יידישן אויסזע. דער ייד איז געקומען איבערגעבן אַ בריוו פון אַ פרוי, חנה בת־ישראל ג.. וואָס האָט געוווינט אין לאַנד, אין פּתח־תקוה, אין משך פון 10 יאָר צייט. 1925—1935*. דער בריוו איז געווען אין שייכות מיט דער מעגלעכקייט צו פאָרן אין לאַנד אריין, אָדער בלויז אויף אַ באַזוך, צוליב די אָפּטע פאָדערונגען פון איר אַלטער מאַמע, וואָס בעט איר הילף. אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז דער ציל פון זיין באַזוך אין דער געזאַנדשאַפט איז אין דער ערשטער ריי געווען צו הערן, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד און צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן די פאַרשטייערשאַפט פון מדינת ישראל. זיינע קרובים אין מאָסקווע האָבן נישט געקאָנט (אָדער נישט געוואָלט) אים געבן דעם אַדרעס פון דער געזאַנדשאַפט, און עס איז אינטערעסאַנט ווי אַזוי עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו

---

*) זע אויבן דעם בריוו.

בוכהאַנדלונג, און ער האָט געהערט, אַז די מענטשן דאָרט רעדן יידיש; האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און זיי געפרעגט דעם אדרעס פון דער געזאנדשאפט.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1894 אין יעליסאוועטגראדער (קיראָווגראַד) גובערניע און ביז דער מלחמה געלעבט נעבן וויניצע. בעת די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער אין אָנהייב נישט מאָביליזירט געוואָרן און עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו פארלאָזן דאָס אָרט צוזאמען מיט זיין פאמיליע, איידער די דייטשן זענען אהין אריין. אין א צייט ארום איז ער מאָביליזירט געוואָרן און געדינט אין דער ארמיי. נאָך דער מלחמה, אז ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין וווינאָרט האָט ער געפונען אלץ רואינירט, די סביבה איז געווען פיינטלעך געשטימט, ווי אומעטום ווו דער דייטש איז דורכגעגאנגען און געהערשט. ער האָט גאָרנישט נישט פארמאָגט און האָט זיך נישט געקאָנט צוריקקערן צום פריערדיקן לעבן. ער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, ביראָבידזשאַן און איז געווען צווישן די מיטגלידער פון דער איניציאַטיוו־קאָמיסיע. אין 1947 האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פון „עשאלאָנען" מיט נייע איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן דער מענטש איז ארויס מיט אן עשאלאָן פון וויניצער געגנט, וואָס האָט געציילט 1500 מענטשן. אין דער זעלבער צייט זענען ארויס נאָך עשאלאָנען (צוזאמען ביי א 10.000 נפשות) פון ניקאָלאַיעוו און פון אנדערע ערטער אין דרום־אוקראַינע. אין ביראָבידזשאַן האָט מען די איבערוואנדערער זייער פריינטלעך אויפגענומען און זיי האָבן געפילט, אז דאָרט פולסירט טאקע א מין ממשותדיק יידיש לעבן.

דער מענטש וווינט אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן גופא. ער איז א קאָנטראָלער פון דער מלוכהשער פאַרזיכערונגס־געזעלשאפט „גאָסטראך". ער ווייסט נישט גענוי וויפל מענטשן עס וווינען אין יענער געגנט. לויט זיין אָפּשאַצונג — אַ 100.000. אַ ביסל ווייניקער ווי די העלפט פון זיי זענען יידן. די שטאָט אליין אנטוויקלט זיך. עס קומען אויף פאבריקן. די יידישע קאָלכאָזן צייכענען זיך אויס מיט גוטער ווירטשאפט־פירונג. עס זענען אָבער אויך פאראן א סך געמישטע קאָלכאָזן. אין זיי זענען די באציאונגען גאנץ גוטע. די איבערוואַנדערער קריגן גרויסע הילף. עס זענען פאראַן אין שטאָט שולן און די צאָל דאוונעורס איז א גאנץ גרויסע. עס עקזיסטירט אויך א רעליגיעזע יידישע קהילה.

עס איז אויך פאראן אַ יידיש טעאטער. מען שפילט אָבער אויך אין רוסיש. די צייטונג „ביראָבידזשאנער שטערן" דערשיינט פינף מאָל אין וואָך. אין דער צייט פון די קאמפן אין לאנד

האָט די צייטונג געבראַכט פיל ידיעות וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר, איצטער זענען וויכטיקער געוואָרן די „יידישע" ידיעות.

די יידן פון ביראָבידזשאַן זענען דורכגעדרונגען מיט יידישן גייסט א סך מער ווי די יידן אין אנדערע ערטער, וואָס זענען אָפּגעריסן פון וועלכער ס'איז צוגעבונדנקייט צום יידנטום און צום יידישן גייסט. אין אנדערע ערטער איז געבליבן בלויז דאָס בית הכנסת ווי א מין צענטער פאר יידיש לעבן. אין ביראָבידזשאַן איז יידיש איינע פון די צוויי אָפיציעלע שפּראַכן; די סטעמפּלען אויף די פּאָסט־מאַרקעס זע־נען אויך אין יידיש און די שפּראַך פיגורירט אויך אויף אָפיציעלע דאָקומענטן. פון דעסטוועגן איז דאָ א מורא, אז דער נישט־יידישער עלעמענט וועט זיך פארשטאַרקן אין דעם ראַיאָן און עס וועט נישט זיין קיין המשך פאַרן פרוווּ צו שאַפן א יידיש לאַנד אין די ראַמען פונעם ראַטנפארבאַנד. דער ראַיאָן געהערט צום „כאַראַבאַראָווסקער אָבלאַסט". איך האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס זענען נישט דערמאָנט געוואָרן די דעפּוטאַטן פון ביראָבידזשאַן און דער בודזשעט פונעם ראַיאָן בעת די באַהאַנדלונגען פונעם אויבער־סאָוויעט פון דער רוסי־שער סאָוויעטישער רעפּובליק, וואָס זענען לעצטנס פאָרגעקומען. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אז די געגנט האָט דריי אָדער פיר דעפּוטאַטן אין רוסישן אויבער־סאָוויעט (ביראָבידזשאַן איז איינגעשלאָסן אין די ראַמען פון דער רוסישער פעדעראַטיווער רעפּובליק).

די יידן פון ביראָבידזשאַן האָבן די גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אין ארץ־ישראל און אין דער צייט פון די קאַמפן האָבן זיי געלעבט אין שטענדיקער שפּאַנונג און אין זאָרג. די ענינים פון ישׂ־ראל פאַרנעמען א גרויס אָרט אין זייערע מחשבות, און קאָן זיין, האָט ער פאַרזיכטיק געזאָגט, אז א סך פון זיי וואָלטן געוואָלט עולה זיין, ווען דאָס וואָלט נאָר מעגלעך געווען און אין איין אָטעם האָט ער זיך אויסגעדריקט: „אָבער מיך וועט מען שוין נישט וועלן, איך בין שוין נישט יונג און האָב א משפחה". דערביי שיין ציטירט אין עברית: „מי יתן לי אבר ועפתי אל הארץ בה יבץ השקד, התומר!"

דער גאַסט האָט געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן זיך וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד, כדי צו קאָנען דערציילן אנדערע, ווען ער וועט צוריקקומען, אז ער האָט דערזען ישראלדיקע מאַרקעס האָט ער געבעטן עטלעכע, זיי פאַרזיכטיק צוזאַמענגעלייגט און אריינגע־לייגט אין זיין אָפּגענוצטן בייטעלע. כ'האָב אים מכבד געווען מיט א ציגאַרעטל און אוועקגעלייגט נעבן אים דאָס שאַכטל. ער האָט פאַררוי־כערט איינס און געזאָגט: דאָס שאַכטל וועל איך נעמען מיט זיך. דאָס זענען דאָך יידישע סיגאַרעטן". א ביסל שפּעטער האָט ער אויס־געשטרעקט די האַנט און דערביי געזאָגט: כ'וועל רויכערן נאָך איינס און די איבעריקע נעמען מיט זיך".

אז ער האָט דערזען א העברעאשע צייטונג האָט ער געוואָלט

נעמען עטלעכע עקזעמפּלאַרן, כדי צו ווייזן זיי צו די בּיראָבּידזשאַנער יידן. צום סוף האָט ער באַשלאָסן צו נעמען נאָר איין צייטונג, צונויפֿגעלייגט מיט „הארץ" און אריינגעלייגט אין קעשענע. זאָגנדיק אַז אויב אַפילו מען וועט ביי אים געפינען אָט די צייטונג, וועט מען נישט קענען וויסן, צי עס איז אַן אויסלאַנדישע און נישט קיין היגע יידישע צייטונג. דער אילוסטרירטער קאַלענדאַר פון „קרן היסוד" האָט ביי אים אַרויסגערופן נאָכטראַכטעניש און האָט לסוף באַשלאָסן נישט צו נעמען אים מיט זיך.

רעדנדיק וועגן לאַנד האָט זיך דער מענטש אויסגעדריקט: „מיר פאַרשטייען, וואָס דאָס זענען אַזוינס ציוניסטן און קענען, פאַרשטייט זיך, קאָמוניסטן אָבער וואָס עס איז מפא"י און מפ"ם — קאָן איך נישט פאַרשטיין".

ער האָט זיך איינגעקוקט אין די בילדער פון לאַנד און אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט פאַרבראַכט ביי אונדז אַ סך צייט, איז כדי נישט אַרויסצורופן קיין באַזונדערן חשד ביים מיליציאָנער, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג פון דער געזאַנדשאַפט, האָט ער זיך געזעגנט און איז אוועק.

— 10 —

3־טער יולי 1949.

דעם 27־סטן יוני 1949 זענען מיר געווען אויפן פלי־פּלאַץ אין וונוקאָוואָ צוליבן אָפּפאָרן פון פרוי שתילי און פרוי שאַפּיראָ פון אונדזער געזאַנדשאַפט. פרוי שאַפּיראָ האָט געדאַרפט אָפּפליען מיט צוויי שעה שפּעטער, ווי פרוי שתילי. ווען כ'בין אַרויסגעגאַנגען אויפן טראָטואַר, וואָס ביים אַריינגאַנג, נאָכן דערלייזן די ערשטע פאַרמאַליטעטן, האָב איך זיך געווענדעט צו פרוי שתילי און זי עפּעס געפרעגט. אין דעם מאָמענט האָב איך געהערט ווי עמעץ פרעגט מיך: „פון וועלכן לאַנד זענט איר? איר זענט יידן?" כ'האָב געענטפערט פּאָזיטיוו און דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ פראַגמענטאַרן שמועס, וואָס האָט זיך געפירט ווי צופעליק, פילנדיק אַז דער מענטש וויל נישט רעדן אויף אַ צו אָפענעם אופן.

כ'בין צוריק אַריין אין זאַל און דער מענטש האָט מיך באַגלייט אויפקלערנדיק, אַז ער איז אַ באַרג־ייד, אַ גורדזשי. איך בין געשטאַנען נעבן פענצטער פון איינעם פון די באַאמטע און געבלעטערט דעם „הארץ". דער מענטש האָט זיך ווידער דערנענטערט, אַריינגעקוקט אין דער העברעאישער צייטונג, אַרויסגענומען פון טאַש זיינע דאָקומענטן. זיי געמישט און געבלעטערט און דערביי מיר געוויזן בלעטלעך פון אַ סידור — טייל אין נאָרמאַלן העברעאישן כתב און טייל אין רש"י־כתב. ער האָט זיך נאָך אַמאָל דערנענטערט אָבער נאָכן זאָגן עטלעכע ווערטער באַמערקט: „ס'איז נישט באַקוועם צו רעדן, איר פאַרשטייט. מענטשן קוקן. וואָס זאָל מען טאָן?" כ'בין

צוגעגאנגען צום פּאָסט־צימער און ווי זוכנדיק דעם וועג האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר אָנווייזן. דער ייִד האָט פאַרגעלייגט מיך צו באַגלייטן און אַזוי אַרום האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן אָן שטערונג.

ער אַליין איז פון קוטאַיסי, אַ שטאָט אין וועלכער עס געפינט זיך אַ שטאַרקע ייִדישע קהילה. אַלע, אויך די יוגנט און די קינדער, קריגן אַ ייִדישע טראַדיציאָנעלע דערציאונג. שבת אַרבעט מען נישט, אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך און אַלע גייען אין בית הכנסת. „זיי זענען נישט ווי די אַנדערע ייִדן אין רוסלאַנד, וואָס עסן טריפה און פאַרגעסן זייער ייִדישקייט". זיי פאַרמאָגן חכמים, מוהלים און שוחטים און זיי לעבן ווי ייִדן. די מאַטעריעלע לאַגע פון די ייִדן איז אַ גאַנץ גוטע און זיי זענען ביי אַ 60 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין קוטאַיסי. ער האָט באַדאַרפט אין דעם זעלבן פרימאָרגן צוריקפליען אַהין מיט אַן עראָפּלאַן.

עס זענען דאָרטן דאָ בעלי־מלאכהס, באַאַמטע און אַזעלכע וואָס פאַרנעמען זיך מיט מסחר. זייער לאַגע איז אַ לייכטערע צוליב די פּרוכטבאַרע גערטנער, וואָס זיי פאַרמאָגן. און מיט דעם אַלעמען ווילן אויך אַט די ייִדן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. זיי ווייסן אַז אַ סך פון זייער עדה געפינען זיך דאָרט, און ער האָט צוגעגעבן, אַז אין ארץ־ישראל וואָלטן זיי אַלע מסכים געווען צו אַרבעטן ביי די שווערסטע באַדינגונגען און נישט זוכן קיין לייכטע פּרנסות, ווייל ס'איז זייער לאַנד. די באַרג־ייִדן קאָנען קעמפן, און זיי ווילן קעמפן פאַר זייער לאַנד.

ער האָט איבערגעחזרט און אונטערגעשטראָכן, אַז זייער לאַגע איז טאַקע אַ גוטע, אַדאַנק דעם גרויסן סטאַלין, דער זון פון גרוזינישן פאָלק און פריינט פונעם ייִדישן פאָלק און וואָס פאַרשטייט זייערע נויטן. דאָ האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויפן קאָפּ און געזאָגט: אַזוי ווי ס'איז היינט מאָנטיק אויף דער וועלט, אַזוי בין איך מתפלל צו גאָט, ער זאָל היטן יאָסיף סטאַלינען, אונדזער גרויסן פריינט, און אים שענקען לאַנגע יאָרן".

מ'האָט געפילט, אַז דאָס איז געווען אַ תפילה וואָס קומט פון טיפן האַרץ און אַז דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט, אַז דער פירער קאָן שטאַרבן ברענגט אים אַריין אין יאוש און אין טיפער זאָרג פאַר דער צוקונפט. מיר האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט מיט אַ טראַדיציאָנעלן „שלום".

.11

6־טער יולי 1949.

י. קעסלמאַן, אין שפּיטאָל אויפן נאָמען פון פּראָפ' באָטקין: איך בין צוליב מיין קראַנק זיין געלעגן אין דער כירורגישער אָפּטיילונג

(11־טער קאָרפּוס), אַ צוויי־שטאָקיק הויז, אויפן ערשטן שטאָק — מענער. אין דעם שטאָק געפינען זיך 3 גרויסע צימערן, אין יעדן צימער זענען דאָ 15 בעטן, און 1 צימער מיט 5 בעטן, 6 צימערן מיט 3 בעטן אין יעדן צימער, און צוויי צימערן, וועלכע מ׳רופט „קרעמל־צימערן״ — צו צוויי בעטן אין יעדן. סך־הכל 72 בעטן אין אַ שטאָק. מיך האָט מען אַריינגעבריינגט אין אַ גרויסן צימער פון 15 בעטן און דאָרט אַוועקגעלייגט. אויפן צווייטן טאָג איז געקומען אַ דאָקטאָרין מיטן נאָמען בעלקינאַ, אַן אויסגעצייכנטע כירורגין וואָס אַרבעט שוין 20 יאָר אין שפּיטאָל און מיך באַטראַכט. איך האָב זיך אַנטשולדיקט פאַר די גרייזן אין מיין רוסיש. דאַרויף האָט זי מיר געענטפערט, אַז אויב מיר איז שווער צו רעדן רוסיש, קאָן איך רעדן יידיש. נעבן מיר איז געלעגן אַן עלטערער ייד פון אַ יאָר 72. ער האָט מיך דורכדרינגענדיק אָנגעקוקט. ווען די דאָקטאָרין האָט פאַרלאָזט דאָס צימער, האָט זיך אָט דער ייד צו מיר געווענדעט: „איר זענט אַ ישראל?״ כ׳האָב געענטפערט: „יאָ!״ „פון וואַנעט איז אַ ייד?״ כ׳האָב אים געזאָגט אַז איך בין פון ארץ־ישראל. ער האָט זיך זייער איבערגענומען און גאָרנישט געזאָגט. אין דער רגע איז אַריין אַ בחור פון מינסק. דער אַלטער ייד האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר מיר. ער האָט זיך זייער געפרייט און מיר געזאָגט, אַז ער האָט מזל. אין פריערדיקן מאָל, אַז ר׳איז געלעגן אין שפּיטאָל, איז ער געלעגן צוזאַמען מיט זכריה רחבי*. ער אַליין איז אין דער צייט פון דער מלחמה געווען אַ פּאַרטיזאַן לעבן מינסק, און ווען די רוסן זענען אַריין אין מינסק, איז ער דאָרט פאַרבליבן. ער איז אַ בוכהאַלטער און רעגירונגס־קאָנטראָלער פון בוד־פירונג אין פאַרשידענע קראַמען אין מינסק. ר׳האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיין בעט און געגומען אויספרעגן וועגן זיין ברודער, וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין לאַנד, וועגן דער עליה, צי ס׳קומען טאַקע אויף אַן אמת מענטשן צו אונדז. וואָס טוען מיר מיט זיי, און פאַרשידענע פראַגן. איך האָב זיי אַביסל דערציילט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך ביי אונדז און וועגן דער מלחמה.

דערווייל האָט מען מיטגעטיילט, אַז איך דאַרף איבערגיין אין אַ קלענערן צימער, פאַר דריי מענטשן. זיי האָבן דאָס שטאַרק באַדויערט. דערנאָך האָט מיר דער אַלטער געזאָגט, אַז ער איז שטאָלץ וואָס אַ פאָרשטייער פון מדינת ישראל ליגט לעבן די קרעמל־צימערן. דאָס ווייזט אַז מען רעכנט זיך מיט אונדז, ווייל אין די קליינע צימערן ליגן נאָר חשובע מענטשן. צו מאָרגנס אין דער פרי איז דער אַלטער

* דער איידעם פון גאָלדע מאיר — אַן אָנגעשטעלטער אין דער געזאַנדשאַפט.

ייד געקומען צו מיר און מיר געוואָלט עפּעס זאָגן. כ'האָב אים געבעטן זיצן. ער האָט נישט מסכים געווען און מיך געבעטן כ'זאָל מיט אים אַרויסגיין אין גאָרטן. כאָטש ער טאָר מיט מיר נישט רעדן, ווי ס'האָבן אים אַלע יידן געזאָגט, וועט ער זיך מיט דעם נישט רעכענען, ווייל ר'האָט באַשלאָסן מיר צו זאָגן עטלעכע ווערטער: „מ'זאָגט ביי אונדז, אַז גאָלדע איז זייער אַ קלוגע פרוי, איז ווי האָט זי געקאָנט אַזוי אַ נכשל ווערן? תיכף נאָך איר קומען קיין מאָסקווע האָט זי איינגעאָרדנט אַ באַגעגעניש מיט די מענטשן פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און גערעדט וועגן זאַמלען געלט פאַר מדינת ישראל און אויפגעזאַמלט עטלעכע טויזנט דאָלאַר. זי האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ קרייז פון ציוניסטן און זיי שיקן קיין ארץ־ישראל, און אין שפּיץ פון אָט דער אַקציע איז געשטאַנען דער גרויסער פּראָפעסאָר, דער גרויסער די־רעקטאָר פון דעם שפּיטאָל אויף באָטקינס נאָמען, דער גרעסטער שפּי־טאָל אין ראַטנפאַרבאַנד"*. אין רעזולטאַט דערפון האָט מען אים באַזייטיקט פון שפּיטאָל — האָט דער ייד געזאָגט — און צוזאַמען מיט אים נאָך צוויי דאָקטוירים, וועמענס נעמען עס זענען אים נישט באַקאַנט. זיי זענען צוגענומען געוואָרן צוזאַמען מיטן פּראָפעסאָר, און עד היום ווייסט מען נישט וווּ זיי געפינען זיך. און דאָס אַלץ ווערט דערציילט אין נאָמען פונעם שרייבער איליאַ ערענבורג. כ'האָב אים געפרעגט פון וואַנען ער ווייסט, אַז דאָס אַלץ דערציילט ערענבורג. האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ טאָכטער אַ פּיאַניסטין, זי איז אויך אַ לערערין פון קלאַוויר, און זי האָט זיך געטראָפן מיט אַ קאָמפּאָ־זיטאָר, וואָס איז אויך געווען איינגעלאַדן צו אונדז צו דער עצמאות־פייערונג און איז נישט געקומען, ווייל ער האָט זיך געהאַט געטראָפן מיט איליא ערענבורגן און יענער האָט אים דערציילט וועגן פּראָפעסאָר און די דאָקטוירים און וועגן די קינסטלער פון יידישן טעאַטער, און דאָס אַלץ צוליב גאָלדעס שולד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געבראַכט צו אונדז אין צימער א דריטן פּאַציענט. כ'האָב אים אָנגעקוקט און בין געווען זיכער, אַז ער איז אַ ייד, הגם ער האָט גערעדט בלויז רוסיש. צומאָרגנס האָט מען מיר געבראַכט פון דער געזאַנדשאַפט, עסן און צייטונגען. כ'האָב אַלץ אויסגעשטעלט אויפן טיש — אַ פלאַש מיץ מיט דער העברעישער אויפשריפט „עסיס", פּושקעס מיט גרעיפּ־פרוכט־זאַפט א.א. איך האָב געזען, אַז ער קוקט זיך איין און דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט צי דאָס איז „לשון קודש". כ'האָב אים געענטפערט אויף רוסיש אַז יאָ. ער

* ווייזט אויס, אַז ער האָט געמיינט דעם פּראָפ' שימילעוויטש, וואָס איז דערנאָך געווען פון די הויפּט־באַשולדיקטע אינעם „דאָקטוירים־פּראָצעס". — מ. נ.

האָט ביי מיר געבעטן אַ צייטונג. כ׳האָב אים געגעבן און ער האָט אָנגעהויבן לייענען: אין דער קינדהייט האָט ער געלערנט, אָבער אַלץ פאַרגעסן. ר׳האָט געפרעגט צי כ׳האָב אַ צייטונג אין יידיש; כ׳האָב אים געגעבן אַן „אגרת לעולה״, אַ העלפט אין עברית און אַ העלפט אין יידיש. ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען און זיך זייער געפרייט.

איינער פון אונדז דריי אין דעם צימער איז געווען אַן 68־יאָריי־קער רוסישער אינזשיניער, וואָס איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע און זיין לאַגע האָט אים נישט דער־מעגלעכט זיך צוצוהערן און צו רעדן. דער ייד האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער איז הויפּט־בוכהאַלטער אין באַשפּייזונג־מיניסטעריום. „זייער מעגלעך. אַז איר וועט מורא האָבן מיט מיר צו רעדן״, האָט ער געזאָגט. „אָבער איר דאַרפט זיך נישט שרעקן, ווייל איך בין נאָך נישט מיט אַלץ איינשטימיק. כלפי חוץ מוז איך זיין אַזוי. איר וועט זיך אוודאי וואונדערן וואָס איך רעד צו אייך אויף אזא אופן. כ׳וויל אָבער איר זאָלט זיין פריי אין אייער רעדן. איך בין בדרך־כלל נישט פרום און בין שוין אין שול נישט געווען אַ סך, אַ סך יאָרן, אָבער, אַז איך האָב זיך דערוווסט, אַז גאָלדע איז געגאַנגען אין שול אַריין, בין איך אַהין געגאַנגען און זיך געשטופּט צוזאַמען מיט אַלע. און אפשר וועט איר זיך וואונדערן דערויף, כ׳האָב געקויפט גאָלדעס בילד און באַצאָלט 50 רובל״.

צומאָרגנס איז זיין פרוי אים געקומען באַזוכן. ער האָט איר געבעטן ברענגען גאָלדעס בילד און זי האָט אים צוליב געטאָן. אויך ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן די זעלבע מעשה וועגן דער באַגעגעניש מיטן יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און מיטן פּראָפעסאָר מיט די דאָקטוירים, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן צוליב גאָלדען. יאָ, לויט זיינע רייד, האָט די סאָוויעטישע רעגירונג געפאָדערט, אַז גאָלדע זאָל פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד. אַז כ׳האָב אים געפרעגט פון וואַנען ער שעפּט אָט די ידיעות, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער איז אַן אַריינגייער אין קאַפע־הויז פון די קינסטלער קעגנאיבער דעם „מכ״אט״, וואָס דאָס רוב יידישע קינסטלער באַזוכן דאָרט; פון זיי האָט ער געהערט די אַלע קלאַנגען. די מערהייט האָט ער דערציילט אין נאָמען פון איליאַ ערענבורג. דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט צי כ׳קען יהושע גלאַבערמאַנען, וואָס געפינט זיך אין לאַנד, און איז איינער פון זיינע בעסטע חברים. כ׳האָב אים דערציילט, אַז ער איז געפאַלן. דאָ האָט ער זיך צעוויינט און במשך פון שעהען האָב איך אים נישט געקאָנט באַרויקן. ר׳האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט אויף יהושעס שוועס־טערס מאַן, אויף זיין פאָטער און אויף דער גאַנצער משפחה. ווייזט

זיך אַרויס, אַז זיי האָבן צוזאַמען שטודירט און געווען צוזאַמען אין איין פּאַרטיי און געהאַלטן ביי פאָרן צוזאַמען קיין ארץ־ישראל. איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס און געבליבן. ער האָט מיך געבעטן אים דערציילן וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. כ׳האָב אים דערציילט וועגן דער מלחמה און וועגן דאָס אויפנעמען די עולים. מיר האָבן גערעדט בלויז אין צימער, אויסער אים האָבן מיר נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. לויט מיין מיינונג זענען מער ווי 40 פּראָצענט פון די קראַנקע געווען דאָ יידן, און זיי האָבן אַלע געוווסט, אַז איך בין פון ארץ־ישראל, נאָר מורא געהאַט צוצוגיין צו מיר.

איינער אַ קאַלכאַזניק, וואָס איז געקומען אין שפּיטאָל, האָט זיך אין ערשטן אָוונט צוגעזעצט צום טיש, ווו מ׳האָט געשפּילט דאָמינאָ. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיין קאַלכאָז און געשאָלטן די מדינה, וואָס נעמט אַלץ צו און לאָזט בלויז איבער 100 גראַם תבואה אויף אַ מענטש אַ טאָג. ער האָט גערעדט מיט כעס און מיט בייזקייט. אויף צומאָרגנס זענען געקומען 2 מענטשן און אים צוגענומען. ער איז געווען פאַר אַן אָפּעראַציע פון אַ ברוך.

24־טער אָקטאָבער, 1949

דעם 17־טן אָקטאָבער האָב איך זיך געטראָפן מיטן אַלטן פאָטאָ־גראַפיסט מ., מיט וועמען כ׳בין צוזאַמען געלעגן אין שפּיטאָל. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט דער באַגעגעניש. מיר זענען געגאַנגען און געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, באַזונדער האָט ער זיך פאַראינטערעסירט און געפרעגט וואָס עס טוט זיך אין ארץ־ישראל, וויפל עולים זענען געקומען און מיט גרויס איבערגעגעבנקייט מיר דערציילט וועגן „קול ישראל״. ער האָט געזאָגט, אַז נישט נאָר ער הערט, נאָר עס קומען צו אים נאָך יידן, ווייל בדרך־כלל פאַרמאָגן דאָ נישט די מענטשן קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וואָס קאָנען אויפכאַפּן אויסלאַנד. אַלע הערן זיך צו מיט גרויס אויפגערודערטקייט צו „קול ישראל״, סיי אין עברית און סיי אין יידיש. פאַרשטייט זיך, אַז יידיש פאַרשטייען זיי בעסער. מיר זענען געגאַנגען, ביז מיר זענען צוגעקומען נאָענט פון זיין הויז. איך האָב זיך געוואָלט מיט אים געזעגענען פאַר זיין הויז, אָבער ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט און שטאַרק געבעטן כ׳זאָל צו אים אַריינגיין. איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס קאָן זיין פאַר אים זייער נישט אָנגענעם. האָט ער געענטפערט: „איך בין שוין אַ זקן, כ׳בין שוין קרוב צו 65 יאָר. וואָס קאָנען זיי מיר טאָן?״

כ׳בין אַריין צו אים אין שטוב. אַ שיינע וווינונג פון צוויי פיינע צימערן און אַן אַרבעטס־צימער — אַ פאָטאָגראַפן־אַטעליע. ער האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט זיין פרוי און זיין טאָכטער (אַ קלאַוויר־לערע־רין). אַלע האָבן זיך געפרייט מיך צו באַקענען. מיר האָבן זיך געזעצט

צום טיש און מ׳האָט דערלאַנגט טיי, קוכן און קאָנפיטורן. דער זון האָט אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן דעם וואָס עס קומט פאַר ביי אונדז און אַרויסגעוויזן בקיאות, בלויז פון צוהערן זיך צום ראַדיאָ. ער האָט באַמערקט, אַז דעמאָקראַטיע איז טאַקע אַ גוטע זאַך, אָבער נישט שטענדיק איז עס געזונט פאַר דער מדינה. זיין פרוי האָט זיך אַרייַנגעמישט און געזאָגט, אַז פאַר יעדן פאַל איז עס בעסער ווי דאָ. דאָרט, לכל הפחות, אַז מען זאָגט אָפּ אַ מענטש, ווייסט מען כאָטש פאַרוואָס מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט. איך האָב צוגעגעבן, אַז דאָס ווייסט מען אויך הי. זי האָט דאָס אָפּגעלייקנט. אָט, האָט זי געזאָגט, האָט מען אָפּגעזאָגט איר מאַן, אַן אינזשיניער, וויצע־דירעקטאָר פונעם בוי־אָפּטייל ביים אַרבעטס־מיניסטעריום, און מען ווייסט נישט פאַרוואָס; מיט צוויי חדשים צוריק האָט ער געקראָגן אַ מעלדונג, אַז ער איז אָפּגעזאָגט.

דער אַלטער האָט זיך אַרייַנגעמישט און געזאָגט: „נאָך וואָס דאַרפט איר באַהאַלטן? רעדט אָפענע דיבורים! מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט פון פּאָסטן, ווייל ער איז אַ ייד״. דאָ האָט זיך פאַרוויקלט אַ שמועס אויף אָט דער טעמע און איך בין געזעסן און זיך צוגעהערט. די טאָכטער זאָגט, אַז איר דוכט זיך, אַז כל־זמן מאַלענקאָוו וועט זיין סטאַלינס סעקרעטאַר אין דער פאַרטיי, וועלן יידן נישט האָבן קיין צוטריט צו רעגירונגס־פּאָסטנס און אין משך פון דער צייט וועלן אויך אין מאָסקווע נישט פאַרבלייבן קיין יידן, און אַ ייד וועט דאַרפן האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אויף צו וווינען אין מאָסקווע. (ווי באַוווּסט, האָט נישט קיין רעכט אַ תושב (אַ נייער?) צו וווינען אין מאָסקווע, אויב ער האָט נישט דאָרט קיין סטאַבילן אַרבעטס־פּלאַץ). האָט דער ברודער איר אַ פרעג געטאָן: „און וואָס זאָגט דערויף דיין פריינד, איליאַ ערענבורג?״ האָט זי געענטפערט: „אין דער לעצטער צייט איז ער שטאַרק דערשלאָגן צוליב די גרויסע קינדיקונגען צווישן די יידן. ווייל אויך ער קומט צום אויספיר, אַז מען זאָגט זיי נישט אָפּ ווייל זיי זענען אומפּעאיק. ער זאָגט עס דערווייל נישט, אָבער גענוג אַז ער טראַכט אַזוי״. דערנאָך האָט מיך דער אַלטער געפרעגט, צי כ׳האָב געהערט, אַז אין דער לעצטער צייט האָט מען אַ סך יידן פון אוקראַינע געשיקט קיין סיביר. כ׳האָב אים געענטפערט, אַז כ׳האָב וועגן דעם גאָרנישט נישט געהערט. האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער האָט זיך געטראָפן מיט עטלעכע יידן, וואָס האָבן אים דערציילט וועגן אַרויסשיקן זייערע קרובים און זיי ווייסן נישט וווהין.

דער זון, דער בוי־אינזשיניער, האָט מיר דערציילט, אַז בדרך־כלל אַרבעט מען דאָ אויף אַקאָרד, גרופּנווייז, אָבער דאָס זענען פאַכמענער, וואָס פאַרדינען 35—40 רובל אַ טאָג. די פּשוטע אַרבעטער אַרבעטן אויפן טאָג. אין דורכשניט פאַרדינען זיי ביי אַ 12—14 רובל אַ טאָג.

זיי קויפן אַ לעבל ברויט, עסן דאָס און שטילן דעם דורשט מיט אַביסל וואַסער. אין אָוונט קומט מען אַהיים און מ׳עסט „קוליש״ (אַ קאַר־טאָפל־זופּ). די אַרבעטער וואָס פאַרדינען מער, קויפן צום ברויט אַ שטיקל וורשט. זיי בייזערן זיך, זענען אין כעס און שעלטן, יעדער פאַר זיך, ווייל זיי האָבן מורא צו שעלטן אָדער טראַכטן אויפן קול. יעדער איינער ווייסט וואָס עס דערוואַרט אים פון יענע ספּעציעלע זעלנער, פון דער נ.ק.וו.ד.

ער האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט און שטיל געזאָגט: „ווען מ׳וואָלט דאָ געמעגט טאָן וואָס מ׳טוט ביי אייך אין פּאַלעסטינע, וואָלטן דאָ פאַרגעקומען שטרייקן פון מיליאָנען אַרבעטער און בלוט וואָלט זיך געגאָסן ווי וואַסער. אָבער דאָס וועט דאָ קיינמאָל נישט פאָרקומען״.

דער אַלטער האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס און געזאָגט, אַז צו יעדער מכה איז פאַראַן אַ רפואה און מיר, יידן, דאַרפן בעטן צו גאָט און אים דאַנקען, וואָס מיר האָבן אַזאַ מענטש ווי סטאַלין; ווען נישט ער, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט שוין דאָ געווען מיט די יידן.

מיט גרויס איבערגענומענקייט האָב איך זיך געזעגנט מיט דער יידישער משפחה, בעת די אַלטע האָט מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן.

(סוף)

רשימה פון די בתי־כנסת אין יענער צייט

דערמיט ברענגען מיר אַ רשימה פון די בתי־תפילה, וועלכע מיר האָבן געקאָנט אויף זיכער פעסטשטעלן זייער עקזיסטענץ, סיי דורך שריפטלעכע מקורות, סיי בעל־פה און סיי אויפן סמך פון באַזוכן וואָס עס האָבן ממש געמאַכט די מיטאַרבעטער פון אונדזער געזאַנדשאַפט. די רשימה איז זיכער נישט קיין פולע, זי איז אָבער גאָר־גאָר נאָענט צו דערווירקלעכקייט. ס׳איז אָנצונעמען אַז די כלל־צאָל פון די שולן אין יענער צייט האָט נישט איבערגעשטיגן די הונדערט (אויסער די שולן פון די קאַראַימער), צווישן זיי איז שטאַרק בולט דער רעלאַטיוו־איבערוועגנדיקער פּראָצענט פון די מזרח־יידן.

און דאָס זענען די שולן לויט די ערטער ווו זיי האָבן זיך געפונען:
אין רוסלאַנד און אוקראַינע —

אָדעס
אָריאָל
אָרענבורג
אירקוטסק
אַסטראַכאַן
ביקאָווא, מאָסקווער ראַיאָן
בירָאבידזשאַן
בערדיטשעוו
גאָרקי
וויניצע
זשיטאָמיר
כאַרקאָוו

לענינגראַד
מאַלאַכאָווקאַ, מאָסקווער ראַיאָן
מאָסקווע, 3 שולן
מינסק
נאָוואָסיבירסק
נאַלטשיק
ניקאָלייעוו
סאַראַטאָוו
סווערדלאָווסק
קויבישעוו
קיעוו
ראָסטאָוו.

אין די אַנעקסירטע מדינות —

דווינסק, לעטלאַנד
ווילנע, ליטע
טאַלין, עסטלאַנד
טשערנאָוויץ, בוקאָווינע

קאָוונע, ליטע
קישענעוו, באַסאַראַביע
ריגע, לעטלאַנד.

בײַ די מזרח־ייִדן —

אוני, גרוזיע
אַכאַלטשיכאַ, גרוזיע
אַלמאַ־אַטאַ, קאַזאַכסטאַן
אַנדיזשאַן, אוזבעקיסטאַן
באַטום, גרוזיע
באַקו, אַזערבײַדזשאַן, 2 שולן
בוכאַראַ, אוזבעקיסטאַן
גאָרי, גרוזיע
דערבענט, דאַגיסטאַן
דושאַנבאַ, סטאַלינאַבאַד
וואַני, גרוזיע
טאַשקענט, אוזבעקיסטאַן, 2 שולן
טביליסי (טיפליס), גרוזיע
מכאַטשקאַלע, דאַגיסטאַן

נאַמאַנגאַן, אוזבעקיסטאַן
סאַמערקאַנד, אוזבעקיסטאַן
סוכאַמי, גרוזיע
סוראַמי, 〃
פֿאַרגאַנאַ, אוזבעקיסטאַן
פּאָטי, גרוזיע
פֿרונזע, קירגיזיע
טשאַכאַטאַיאַ, גרוזיע
טשכינאַבאַלי, 〃
קאָבי, אַזערבײַדזשאַן
קאַלאַשי, 〃
קוטאַיסי, גרוזיע
טשיקמענט, קאַזאַכסטאַן

003348